# אָקספֿאָרדער ייִדיש

III

# אָקספֿאָרדער ייִדיש

III

# אָקספֿאָרדער ייִדיש

## III

רעדאַקטאָר
**הירשע־דוד קאַץ**

געהילף־רעדאַקטאָרן
**גענאַדי עסטרייך, דוב־בער קערלער**




תשנ״ה 1995

פֿאַרלאַג „אָקספֿאָרדער ייִדיש“

דער באַנד איז געווידמעט

דעם ליכטיקן אָנדענק פון

# מאַקס פּערלאָוו

(1993 — 1902)

יידישער שרייבער

געזעלשאַפטלעכער טוער

און מסירת־נפשדיקער קעמפער

פאַר אַ פאַראייניקטער יידישער קולטור

# אינהאַלט

## יידישע שפּראַך און קולטור אין ליטע


כאַצקל לעמכען (ווילנע)
די השפּעה פון ליטוויש אויפן יידישן דיאַלעקט אין ליטע . . . . . . . . . . . . 5

לייזער ראַן (ניו־יאָרק)
גלייכווערטלעך און רעדנסאַרטן פון ווילנער יידישן פאָלקס־מויל . . . . . . . . 133

אהרן גאָראַן (ווילנע — בני ברק)
סאָפיע גורעוויטש און איר ווילנער גימנאַזיע (מעמואַר) . . . . . . . . . . . . . 153

אַרטור לערמער (מאָנטרעאָל)
זכרונות וועגן דעם ווילנער יידישן לערער סעמינאַר (מעמואַר) . . . . . . . . . . 173

אַבראַשקע־קיווע ראָגאָווסקי (תל אביב)
דער חפץ־חיים אין ראַדין (מעמואַר) . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 193

רימאַנטאַס דיכאַוויטשיוס (ווילנע)
דער אַלטער ווילנער בית־עולם (פאָטאָגראַפיעס) . . . . . . . . . . . . . . . . . . 205


## יצחק באַשעוויס
(1904 — 1991)


חנא שמערוק (ירושלים)
יצחק באַשעוויס: דער מעשה־דערציילער פאַר קינדער . . . . . . . . . . . . . 233

איטשע גאָלדבערג (ניו־יאָרק)
יצחק באַשעוויס־זינגער און די יידישע ליטעראַטור . . . . . . . . . . . . . . . 285

אריאלה קראַסני (רמת גן)
קבלה עלעמענטן אַלס פּאָעטישע סיסטעם אין דער שוחט . . . . . . . . . . . . 317


## געשיכטע פון יידיש


דוב־בער קערלער (אָקספאָרד)
גיט(ע)לים, גיטלינ(ס) און גיטליך: יידישע פאַמיליע נעמען און
מאָרפאָלאָגישע רעקאָנסטרוקציע . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 333

יָאהאַנעס ל. בראָזי (אָקספּאָרד)
באַמערקונגען צו דרום־מערב יידיש . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 369

הירשע־דוד קאַץ (אָקספּאָרד)
צום אורשפּרונג פֿונעם מלעיל . . . . . . . . . . . . . . . . 389

## פֿאָלקלאָר

האָלגער נאָט (ניו־יאָרק)
נעמען פֿון שטעט אין יידישן פֿאָלקסליד: ממשותדיקע מקומות אָדער אילוזיעס? . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 425

אהובה בעלקין (תל אביב)
קאַפּויערדיקער קאַפּויער: דער יידישער קאַרנאַוואַל־טעאַטער . . . . . . . . 449

באָרים סאַנדלער (קעשענעוו — ירושלים)
שפּריכווערטער פֿון רישקאַן (בעסאַראַביע) . . . . . . . . . . . . . . . . 473

## ליטעראַטור

מכאל קרוטיקאָוו (ניו־יאָרק)
נאַראַטיווע שטימען אין מענדעלעס דאָס קליינע מענטשעלע . . . . . . . . . 489

רחל משורר (רמת גן)
אַ טראַנספֿאָרמירטער מאָטיוו: פּרצעס זיבן גוטע יאָר . . . . . . . . . . . . . 505

דפנה קליפֿאָרד (אָקספּאָרד)
בילדער פֿון פֿרויען אין דוד בערגעלסאָנס נאָך אַלעמען און פֿראַנץ קאַפֿקאַס דער שלאָס . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 517

מיכל גיא (ירושלים)
משה קולבאַקס רײַסן . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 529

שלום לוריא (חיפה)
דעם נסתרס מלך מאַגנוס . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 553

חיהלע ביר (אָקספּאָרד)
מאַנגערס ערשטע באַלאַדעס: איינִיקע איינגנשאַפֿטן . . . . . . . . . . . . 573

יוסף בר־אל (רמת גן)
יעקב פֿרידמאַנס נפֿילים: גערפּאַלנקייט און אַפּאָטעאָזיס . . . . . . . . . . . 585

משה קיאַק (בוענאָס איירעס)
צבי אייזנמאַנס אין דער נאַכט אויף שמירה: שולד געפֿילן ביי די לעבן געבליבענע . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 605

## קולטור געשיכטע


בנימין נאַדעל (ניו־יאָרק)
די בונדישע פּרעסע און יידיש . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 633

אסתר הורלימאַן (ציריך)
דער זשענעווער אידישער ארבייטער . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 649

גענאַדי עסטרייך (אָקספאָרד)
יידישע פּראָלעטאַרישע קולטור רעוואָלוציע: אַ סטעזשקע
אין אַ בלינד געסל . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 661

דוב־בער קערלער (אָקספאָרד)
אייזיק זאַרעצקי שרייבט פון סטאַלינאַבאַד (1945) . . . . . . . . . . . . . . 681

ראובן־משה שפּירא (ניו־יאָרק)
יזכור־ביכער איבער יידישע ישובים אין סאָוועטישן ווייסרוסלאַנד
און אוקראַינע . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 701


## זכרונות


שפרה שטערן קרישטאַלקע (מאָנטרעאָל)
בלעטלעך פון אַ לערערינס טאָגבוך (טישעוויץ, 1932) . . . . . . . . . . . . . 725

זלמן ליבינזאָן (ניזשני נאָווגאָראָד)
וועגן דעם יידישן פאַקולטעט אין מאָסקווע . . . . . . . . . . . . . . . . . . 753

בלומע קאַץ (סווינציאַן)
דאָס יאָר 1937 . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 773

מאיר באָגדאַנסקי (לאָנדאָן)
לאָנדאָנער יידישע שרייבער . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 785

מרים שמולעוויטש־האָפמאַן (ניו־יאָרק)
די חבלי לידה פונעם יוסף פּאַפּ יידישן טעאַטער . . . . . . . . . . . . . . 809


## רעצענזיעס


קאָבי ווייצנער (תל אביב)
שלום־עליכם אין בילד . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 833

אברהם לים (תל אביב)
בערל רויזן און זיין שאַפן: ליטעראַריש־היסטאָרישע שטודיעס . . . . . . . 845

דוב־בער קערלער (אָקספאָרד)
תולדות: אַ נייער שטאַפּל פון יידישער פילאָלאָגיע אויף עברית . . . . . . . . 857

גענאַדי עסטרייך (אָקספאָרד)
ניַיע סעריע ייוואָ בלעטער: אַ פּילצוואָגנדיקער פּאָטשאַטעק .......... 873

הירשע־דוד קאַץ (אָקספאָרד)
דער גורל פון אוריאל וויַינרייַכס עזבון: דער ערשטער באַנד פונעם
אַטלאַס און די ראשי פרקים .......................... 889

## פון שלמה בירנבוימס עזבון

שלמה בירנבוים (טאָראָנטאָ)
אַלטע כתב־ידן אויף יידיש .......................... 925
צוועלף בריוו פון שלמה בירנבוים .......................... 937

תיקון־טעותן און הוספות .......................... 965
וועגן די מחברים .......................... 981

# יידישע שפּראַך און קולטור
# אין ליטע

# די השפעה פון ליטוויש אויפן יידישן דיאַלעקט אין ליטע

פון
כאַצקל לעמכען
(ווילנע)

## הקדמה

די פאָרשונג אויף וועלכער אָט די אַרבעט בויט זיך איז דורכגעפירט געוואָרן פאַר דער צווייטער וועלט מלחמה, ווען אין ליטע זיינען נאָך געווען עטלעכע הונדערט טויזנט יידן צעזייט און צעשפּרייט איבער שטעט און שטעטלעך. שכנותדיקע קאָנטאַקטן מיט ליטווינער אין משך פון יאָרהונדערטער האָבן געלאָזן קענטיקע שפּורן אין דער שפּראַך פון די ליטווישע יידן. די אַרבעט, וואָס ווערט דאָ פאָרגעלייגט, איז אַן איינציקע פאָרשונג וועגן דער השפּעה פון דער ליטווישער שפּראַך אויפן יידישן דיאַלעקט אין ליטע. נאָך דער היטלערישער אָקופּאַציע, בעת וועלכער מען האָט אומגעבראַכט די גרעסטע מערהייט ליטווישע יידן, און אין די שטעטלעך זיינען שוין קיין יידן ניטאָ, קען מען שוין די פאָרש־אַרבעט ווייטער ניט פירן.

דער ערשטער נוסח פון דער אַרבעט איז אַרויסגעלאָזן געוואָרן אין 1970 אויף ליטוויש (לעמכען 1970). דער יידישער נוסח קען ניט זיין און איז ניט קיין פּשוטע איבערזעצונג. ערשטנס, איז דער אַדרעסאַט אַן אַנדערער — דאָס צווינגט אַריינצוברענגען שינויים אין טעקסט און אַריינצופירן יידישע דערקלערונגען און אויסטייטשונגען, וואָס זיינען אין ליטווישן טעקסט ניט נייטיק. צווייטנס, זיינען צוגעקומען נאָך מאַטעריאַלן, פון וועלכע מען דאַרף באַזונדערס דערמאָנען יודל מאַרקס אַרבעט „אונדזער ליטווישער יידיש" (מאַרק 1951) און פּראָפ. פּ. אַריסטעס רעצענזיע (אַריסטע 1970) אויף דעם ליטווישן נוסח פון מיין אַרבעט, וואו עס ווערן אָנגעגעבן ליטואַניזמען, וועלכע עס נוצן יידן אין עסטלאַנד, אָפּשטאַמיקע פון ליטע און לעטלאַנד (קורלאַנד). דריטנס, איז געווען מעגלעך אַריינצונעמען נאָך ליטואַניזמען פון יידישע דרוקזאַכן, למשל פון גרויסן ווערטערבוך פון דער יידישער שפּראַך (באַנד III, 1971) און פון נחום סטוטשקאָווס אוצר פון דער יידישער שפּראַך (סטוטשקאָוו 1950). עס איז געווען אויך מעגלעך צו געבן עטלעכע פּאַראַלעלן פון דער נייער ליטווישער לינגוויסטישער ליטעראַטור. דער יסוד פון דעם יידישן נוסח פון דער אַרבעט בלייבט נאַטירלעך די ליטווישע פּובליקאַציע (לעמכען 1970).

## קיצורים:

| | |
|---|---|
| אַדוו | אַדווערב |
| אַדי | אַדיעקטיוו |
| אומטראַנז | אומטראַנזיטיוו |
| אצ | איינצאָל |
| איצט | איצטיקע צייט |
| אַק | אַקוזאַטיוו |
| גענ | געניטיוו |
| דיאַל | דיאַלעקטיש |
| ד.ז. | דאָס זעלביקע |
| טראַנז | טראַנזיטיוו |
| ליט | ליטוויש(ע שפּראַך) |
| לעט | לעטיש |
| מ | מאַסקולין |
| מצ | מערצאָל |
| פּאַס | פּאַסיוו |
| פּרט | פּאַרטיציפּ |

atitinkamų žydiškųjų garsų, kurių artikuliacija ta pati, artima arba kartais skirtinga. Be to, lietuvių kalboje yra garsų, kurių Lietuvos žydų tarmė, kartais ir žydų kalba apskritai neturi. Tokiais atvejais lietuviškieji garsai pakinta, žydas juos saviškai artikuliuoja, stengdamasis pagal gautąjį klausos įspūdį nenutolti nuo pirmykščio garso. Plg. lietuviškojo liežuvinio *r* pavirtimą Lietuvos žydų tarmės liežuvėliniu *r*, žr. toliau VIII, 2, dvibalsio *uo* monoftongizaciją, žr. VII, 6, lietuviškųjų *s* ir *š* likimą Žemaičių žydų tarmėje, žr. VIII, 3.

Kaip paprastai, labiausiai pakito skolinių balsiai, ypač nekirčiuotuosiuose skiemenyse, ir galūnės su priesagomis (žodžio galas). Įsidėmėtina, kad toliau vartojamais kirčiuotojo ir nekirčiuotojo skiemens terminais turimas galvoje žydiškojo žodžio (skolinio) kirtis, ne pirmykštis kirtis lietuvių kalboje. – Plačiau apie žodžius, kurie eina šiame ir tolimesniuose skyriuose pavyzdžiais, žr. skolinių žodynėlį darbo gale.

## V. Kirčiuotųjų skiemenų balsių atliepimai

1. Lietuvos žydų tarmė (*litvišer jidiš* apskritai) neturi ilgųjų balsių, visi balsiai tariami maždaug vienodai trumpai. Kai kurios Žemaičių žydų šnektos gal, be trumpųjų, turi ir pusilgių, bet tas dalykas nepakankamai ištirtas. Lietuviškųjų ilgųjų ir trumpųjų balsių atliepimas Lietuvos žydų tarmėje yra vienodas. Kuržemės žydų tarmėje buvo ir ilgųjų. Iš vienintelio žodžio žyd. *ēgle* Kalmanovič KurD 179, kur ilgumas pažymėtas, sunku daryti kokias nors išvadas apie skolinių balsių ilgumą toje tarmėje.

2. Lie. *a* liko žyd. *a*, pvz., žyd. *álksne* < lie. *alksnis*, žyd. *bárškenen* < lie. *barškėti*, žyd. *šákale* < lie. *šakalys*. – Dėl tautosilabinių *an*, *am*, *en*, *em* žr. toliau XI, 6.

3. Lie. *e* > žyd. *e*. Žyd. *e* (Lietuvos žydų tarmėje) yra palatalinis, tariamas vidutiniu liežuvio pakilimu, neapvalus, atviras, nepalatalizuoja prieš jį esančio priebalsio; akustinis jo įspūdis gerokai skiriasi nuo lie. *e*, kuris, būdamas žemutinis, artimas balsiui *a* ir, be to, palatalizuoja prieš jį esantį priebalsį. Pvz., žyd. *bérze* < lie. *beržas*, žyd. *sélenes* < lie. *sėlenos*, žyd. *égle* < lie. *eglė* (žydiškai čia abu *e* vienodi).

Du rinkinio žodžiai turi žyd. *a* < lie. *e*, abu skoliniai užrašyti ne Žemaičiuose: žyd. *plant* (Šk. Vlkv, buv. Marijampolė [Kapsukas]) < lie. *plentas*, žyd. *kalále* (pravardė Pmp) < lie. *kalelė*. Dėl antrojo pavyzdžio reikia pažymėti, kad Rytų Aukštaičiuose (Pmp), kur garsų junginiai *le* ir *lė* tariami kietai (žr. Būga LKŽ LVIII), lietuviškasis junginio *le* tarimas nedaug tesiskiria nuo *la*, plg. Zinkevičius Dial § 180.

Žydų kalboje prieš nazaliuotąjį garsų junginį *ng* arba *nk* balsis *e* > *ej* (diftongizacija), plg. Reizen JGr 62. Dėl to lie. *e* > žyd. *ej* prieš *nk*: žžyd. *méjnke* < lie. *menkė*, žžyd. *tréjnkenen zech* < lie. *trenktis*.

Žyd. *míndres* (Mlt) < lie. *mindres* (tarm.) = *mendrės*. Tarmiškai (r. a.: Mlt) tautosilabinis *en* > *in*, plg. Salys TIst 27 ir 29 ir Zinkevičius Dial žmlp. Nr. 68.

4. Lie. *ė* > žyd. *e* (kaip ir iš lie. *e*; žyd. *e* artikuliacija aukščiau išaiškinta), pvz., žžyd. *sétene* < lie. *sėtinys*, žyd. *nadégale* < lie. *nuodėgulis*, tarm. *nadėgulis* ir *nedegulys*, žyd. *kalbékenen* < lie. *kalbėti*, žyd. *valéne* < lie. *velėna*.

Kadangi lie. *ė* yra siauras, tad nebūtų nuostabu, jei jis būtų kada sukeistas su *i*. Mano rastas tik vienas toks skolinys: žyd. *padegises* (Šlv) < lie. *padegėsiais*.

Dar daugiau šansų turi lie. *ė* būti sukeistas su *ej* dėl savo akustinio įspūdžio. Tačiau abu tos rūšies pavyzdžiai: žyd. *kaléjd* „kalėdos" ir *klejt* „klėtis" yra neaiškios kilmės; jie gali būti slaviški skoliniai (plg. r. *клеть*, *коляда*), tada jie turi normalųjį atitikmenį žyd. *ej* < sl. *e* arba *ja*, plg. Reizen JGr 62, § 110. Žr. *kalejd* ir *klejt* skolinių žodynėlyje.

5. Lietuviškuosius *i* ir *y* atitinka žyd. *i*, kuris tariamas kaip lie. *y*, bet trumpai (lie. *i* yra platesnis, lie. *y* yra siauresnis;





צווי זייטלעך פונעם ליטווישן נוסח פון דער שטודיע (= לעמכען 1970)



כאַצקל לעמכען אין זיין ווילנער דירה בעתן אָנשרייבן אָט די אַרבעט (מאַי 1992)
(פֿאָטאָ: פּאַולוס ליליעקיס)

| | |
|---|---|
| פ | פעמינין |
| פגל. | פאַרגלייך |
| פיג | פיגוראַטיוו |
| פרג.צ. | פאַרגאַנגענע צייט |
| רעפל | רעפלעקטיווע פאָרעם |

## געאָגראַפישע קיצורים:

| | |
|---|---|
| אוט | אוטיאַן (Utenà), מזרח ליטע |
| אנ | אַניקשט (Anykščiaĩ), מזרח ליטע |
| בגסל | באָגאָסלאַווישק (Bagaslavìškis), מזרח ליטע |
| בט | באַטיק (Batakiaĩ), זאַמעט |
| בלנ | באַלניק (Bálninkai), מזרח ליטע |
| ברז | בירזש (Bìržai), מזרח ליטע |
| וולק | ווילקאָמיר (Ukmergẽ), מזרח ליטע |
| וולקוו | ווילקאָווישק (Vilkavìškis), דרום⸗מערב ליטע |
| וזקש | וועקשנע (Viekšniaĩ), זאַמעט |
| וורב | ווירבאַלים (Virbãlis), דרום⸗מערב ליטע |
| זשג | ז(ש)אַגאַרע (Žagãrė), זאַמעט |
| טרש | טרישיק (Trýškiai), זאַמעט |
| יורב | יורבעריק, יורבורג (Jùrbarkas), דרום⸗מערב ליטע |
| ינוו | יאַנעווע (Jonavà), דרום⸗מערב ליטע |
| ינש | יאַנישאָק, יאַנעשיק (Jõniškis), זאַמעט |
| מזשק | מאַזשייק (Mažeĩkiai), זאַמעט |
| מלט | מאַליאַט (Molétai), מזרח ליטע |
| מרמפ | מאַריאַמפּאָל (Marijámpolė), דרום⸗מערב ליטע |
| סרד | סערעדזש (Serẽdžius), דרום⸗מערב ליטע |
| עסט | עסטלאַנד (שטאַט טאַרטו) |
| פיוו | פּיוואָניע (לעבן וולק) (Pivónija), מזרח ליטע (איצט וולק) |
| פילוו | פּילווישאָק (Pìlviškiai), דרום⸗מערב ליטע |
| פלנג | פּאַלאַנגען, פּאַלאָנגע (Palangà), זאַמעט |
| פמפ | פּומפּיאַן (Pùmpėnai), מזרח ליטע |
| פנוו | פּאָנעוועזש (Panevėžỹs), מזרח ליטע |
| פפ | פּאָפּעלאַן (Papilė̃), זאַמעט |
| פש | פּאָשוועטין (Pašvitinỹs), מזרח ליטע |
| קדן | קיידאַן (Kėdáiniai), צווישן מזרח און מערב ליטע |
| קורל | קורלאַנד (Lãtvija), לעטלאַנד |
| קוור | קאָוואַרסק (Kavárskas), מזרח ליטע |
| קלמ | קעלעם (Kel̃mė), זאַמעט |
| קנ | קאָוונע (Kaũnas), דרום⸗מערב ליטע |
| רגוו | ראָגעווע (Raguvà), מזרח ליטע |
| רס | ראַסיין (Raséiniai), זאַמעט |
| שוו | שוועקשנע (Švė́kšna), זאַמעט |
| שט | שאַט (Šéta), זאַמעט |
| של | שאַוול (Šiauliaĩ), זאַמעט |
| שלוו | שידלעווע (Šìluva), זאַמעט |
| שק | שאַקי (Šakiaĩ), דרום⸗מערב ליטע |
| שקד | שקוד (Skuõdas), זאַמעט |
| שר | שירווינט (Šìrvintos), מזרח ליטע |

## געאָגראַפישע נעמען

אין דער דאָזיקער אַרבעט ווערט דער טערמין ליטוויש באַנוצט נאָר אין זין „די יידישע אָדער ליטווישע שפּראַך אין דער היינטיקער עטנאָגראַפישער ליטע”, ניט אין זין „צפון⸗מזרח יידיש”, וואָס איז אַ סך אַ ברייטערער באַגריף, נעמט אַריין אויך ווייסרוסלאַנד. אין דער רשימה פון געאָגראַפישע נעמען ווערן אָנגעוויזן בלויז ערטער פון דער אַזוי גערופענער „קאָוונער ליטע”, דאָס הייסט פון דער ליטווישער רעפּובליק אָן ווילנער געביט, ווייל דער מאַטעריאַל איז געזאַמלט געוואָרן אין דער צייט, ווען דאָס ווילנער געביט איז ניט געווען קיין טייל פון דער רעפּובליק. די מאַטעריאַלן פון אויסער דער ליטווישער רעפּובליק ווערן אין דער אַרבעט פאַרצייכנט אָן קירצונגען.

די ליטווישע שפּראַך טיילט מען אויף צוויי גרויסע דיאַלעקטישע גרופּן: זשעמייַטיש (יידיש זאַמעט, נאָר זאַמעט איז גרעסער פאַרן זשעמייַטן⸗געביט, גייט אַריבער זיינע גרענעצן) און אַוקשטייַטיש, וואָס טיילט זיך אויף צוויי גרויסע אונטערדיאַלעקטן: מזרח אַוקשטייַטיש און מערב אַוקשטייַטיש — דער צווייטער אונטערדיאַלעקט איז דער יסוד פון דער ליטווישער כלל⸗שפּראַך. יעדער דיאַלעקט האָט נאָך אונטערדיאַלעקטן און ריידענישן, וואָס צייטנווייז האָט זיך דאָס אָפּגעשפּיגלט אין די יידישע ליי⸗ווערטער פון ליטוויש. די ליטואַניזמען אין ליטווישן יידיש זיינען באַזונדערס פאַרשפּרייט אין זאַמעט און ביי⸗זאַמעט, אַ ביסל ווייניקער אין מזרח⸗אַוקשטייַטישן געביט (מזרח ליטע), נאָך ווייניקער אין מערב⸗אַוקשטייַטישן געביט (דרום⸗מערב ליטע).

# אַריינפיר

## I

## מקורות

וועגן דער השפעה פון דער ליטווישער שפּראַך אויף דעם יידישן דיאַלעקט אין ליטע איז ניטאָ קיין איין וויסנשאַפטלעכע אַרבעט, אָבער עטלעכע פילאָלאָגן האָבן שוין באַמערקט, אַז די השפעה איז געווען אַ גאַנץ באַדייטיקע.

מ. וויינרייך, באַשרייבנדיק דעם קורלענדער יידישן דיאַלעקט, פאַרצייכנט: „די ווירקונג פון לעטיש אויף יידיש איז געווען אַ סך קלענער, איידער פון ל י ט ו ו י ש אין דער שכנהשער קאָוונער גובערניע" (וויינרייך 1923: 224). אויף צו דערקלערן דעם אָפּשטאַם פון עטלעכע ווערטער האָט ער דער ערשטער זיך באַנוצט מיט קורשאַטס ליטוויש=דייטשן ווערטערבוך (קורשאַט 1883). זיבן ליטווישע ווערטער, וואָס זיינען אַריין אין ליטווישן יידיש (פאַרשריבן אין שאַוולער אומגעגנט) האָט אָפּגעדרוקט ז. ר(ייזען) אין 1924 אין יידישע פילאָלאָגיע (ז. 329).

י. ליוושין האָט אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל אין דער ליטווישער צייטונג Lietuvos Aidas („עכאָ פון ליטע") „די השפעה פון ליטווינער אויפן יידישן לעבן" (ליוושין 1929), וואו דער מחבר האָט זיך זייער ברייט פאַרמאָסטן: ער האָט געפּרואווט דערזען אַ ליטווישע השפעה אויף יידישע מנהגים, איינגלייבענישן, שפּריכווערטער, פאַמיליע נעמען און שפּראַך. אין דעם דאָזיקן אַרטיקל זיינען פאַראַן אַ היפּש ביסל ניט=ריכטיקע אַרויסזאָגן (ווייטער וועט אויסקומען אויף עטלעכע פון זיי זיך אָפּצושטעלן). ענטפערנדיק אויף ליוושינס אַרטיקל האָב איך אָנגעוויזן (לעמכען 1929), אַז די השפעה פון ליטווינער אויף יידן איז ניט געווען אַזאַ ברייטע, ווי דאָס שטעלט זיך פאָר י. ליוושין, זי האָט ניט אַרומגענומען אַזויפיל געביטן, נאָר אין איין געביט — אין שפּראַך — איז זי געווען אַ סך אַ טיפערע איידער מען וואָלט געקענט מיינען לויט דעם דערמאָנטן אַרטיקל. נאָר קיין גרויסע טענות צו י. ליוושינען קען מען ניט האָבן: זיין צייטונגס=אַרטיקל האָט, קען זיין, ניט געהאַט קיין וויסנשאַפטלעכע צילן, אָבער דער ברייטער מאַסע לייענער האָט ער געגעבן עטלעכע ריכטיקע געדאַנקען. אין די ייוואָ בלעטער האָב איך פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל (לעמכען 1931) וועגן דעם גורל פון די ליטווישע ווערטער stačias און status אין ליטווישן יידיש. דאָ איז אויך אַרויסגעהויבן געוואָרן די פראַגע וועגן דער געאָגראַפיע פון ליטווישע ליי=ווערטער אין יידיש.

באַזונדערע באַמערקונגען קען מען געפינען אין יידישע פילאָלאָגישע זשורנאַלן, אָבער דאָס זיינען בלויז אָנווייזונגען וועגן דעם אָפּשטאַם פון עטלעכע ווערטער.

דער וויכטיקסטער מקור פון דער אַרבעט איז געווען די לעבעדיקע שפּראַך. מיין אייגענע ריידעניש (פּאָפּעלאַן [Papìlė] אין זאַמעט) האָט געגעבן דעם יסוד פאַר דער אַרבעט. מאַטעריאַלן פון די שטעט ז(ש)אַגער [Žagãrė] (ביי=זאַמעט), שאַוול [Šiauliaĩ] (ביי=זאַמעט) און ווילקאָמיר [Ukmergė̃] (מזרח ליטע), וואָס אין זיי האָב איך געלעבט אַ לענגערע צייט, האָבן דערגאַנצט די ערשטע זאַמלונג. די שילער פון ווילקאָמירער יידישער גימנאַזיע און פון שאַוולער העברעאישער גימנאַזיע, וואָס זיינען געווען געקומען פון פאַרשידענע ליטווישע שטעט און שטעטלעך, און מיינע קאָלעגן לערער האָבן געגעבן אַ גוטן צושטייער פאַר דער טעמע. דאָ זיינען דאָ אויך צופעליק געקראָגענע ידיעות: געהערט פאָרנדיק אין באַן, זיך געטראָפן מיט אַ מענטש פון אַן אַנדער געגנט א.א.וו.

די גרעסטע צאָל ליטווישע ליי=ווערטער געפינען מיר אין זאַמעט (ליטוויש Žemaitija, זשעמײַטיש געביט) און לעבן זאַמעט. דעריבער איז דער גרעסטער מאַטעריאַל אין דער אַרבעט פון זאַמעטער און ביי=זאַמעטער וואוין=ערטער, וואָס זיינען מער געפאָרשט געוואָרן: פּאָפּעלאַן (Papìlė), טרישיק (Trýškiai), באָטיק (Batakiaĩ), שוועקשנע (Švėkšna) ז(ש)אַגער (Žagãrė), שאַוול (Šiauliaĩ). אַ היפּש ביסל ידיעות זיינען צונויפגעקליבן פון „ניט=זאַמעט" (ליטוויש aukštaĩčiai, אַוקשטײַטיש געביט), באַזונדערס פון מזרחדיקן טייל: ווילקאָמיר (Ukmergė̃), פּומפּיאַן (Pùmpėnai), ראָגעווע (Raguvà), שירווינט (Šìrvintos); דער מערבדיקער טייל איז ווייניקער געפאָרשט, כאָטש פון אים איז דאָ אַ פאָרשטייער — שאַקי (Šakiaĩ). ס'וואָלט געווען נוציק צו קריגן מער ידיעות פון דרום: אַליטע (Alytùs), מאַריאַמפּאָל (Marijámpolė). עס איז געבליבן ניט געפאָרשט ווילנער געביט (אין דער פאָרשצייט איז ווילנע געווען ניט=צוטריטלעך פאַר מענטשן פון „קאָוונער ליטע"); פון אים זיינען אין דער דאָזיקער אַרבעט אַריין בלויז ברעקלעך, צונויפגעקליבן פון פילאָלאָגישע שריפטן, יידישע פילאָלאָגיע און פון באַסטאָמסקים ביים קוואַל I (באַסטאָמסקי 1920 און 1923). די געפונענע ברעקלעך ווייזן, אַז אַ פלייסיקער זאַמלער וואָלט דאָרט אויך געקענט מער געפינען.

אַ ביסל מאַטעריאַל איז גענומען געוואָרן פון מ. וויינרייכס און ז. קלמנאָוויטשעס באַשרייבונגען פון

קורלענדער יידיש (וויינרייך 1923; קלמנאָוויטש 1926), וואו עס זיינען דאָ ריין ליטווישע און אפשר ליטוויש⸗לעטישע ליי⸗ווערטער. ערטערווייז איז דער אָפּשטאַם פון די ווערטער אָנגעוויזן פון די אויטאָרן, אָבער אָפט איז זייער אָפּשטאַם געבליבן ניט אויפגעקלערט אָדער — אין זעלטענע פאַלן — אויפגעקלערט ניט ריכטיק. מען דאַרף ניט פאַרגלייכן דורקענען 'שטויסן', 'שטופּן' (קורלאַנד, ליטע, עסטלאַנד) מיטן סלאַווישן טאָרקענען (פגל. קלמנאָוויטש 1926: 175), ווייל דאָס איז בפירוש אַ ליטוויש⸗לעטיש וואָרט durti (ליטוויש) און durt (לעטיש) 'שטויסן', 'שטעכן'. ביים וואָרט שטיפּענען 'פרירן', 'פאַרקאַלייען' שטעלט מ. וויינרייך פּשוט אַ פראַגע⸗צייכן, קען ניט געפינען זיין אָפּשטאַם (וויינרייך 1923: 327); אַ. לאַנדוי פרואווט דאָס וואָרט פאַרגלייכן מיטן פוילישן וואָרט szcypać, רוסישן щипать (ייד. פיל. 1924: 60), אָבער דאָס איז ווידער אַ ליטוויש ליי⸗וואָרט, פגל. ליטוויש stipti (ווערטערבוך פון ליטווישער ליטעראַטור שפּראַך) “frieren; sich in der Kälte aufhalten; steif, starr werden” (אין ליטוויש האָט דאָס וואָרט נאָך דעם באַדייט 'פּגרן' “verrecken, krepieren (von Tieren)”.

איינמאָל האָט פּאַסירט אויך פאַרקערט — אַ וואָרט פון ניט⸗ליטווישן אָפּשטאַם האָט מען געפרואווט צושרייבן ליטווישע וואָרצלען: ז. קלמנאָוויטש (1926) האַלט, אַז פּאָזע שטאַמט פון ליטוויש pas 'ביי', 'צו'. אָבער עס איז דאָך דאָ אַ ביי⸗פאָרמע פּאָזע, וואָס איז געבליבן, למשל, אין דעם יידישן נאָמען פון אַ גאַס אין זשאַגער לענגאויס דעם טייך, פּאָזע טייך און אין דעם אויסדרוק פּאָזע שאָטן „בשתיקה, שטילינקערהייט, בגניבה”; אין פּאָשוועטין (Pašvitinỹs) האָט מען פּאָזע געברויכט ברייטער. די עטימאָלאָגיע פון דעם וואָרט גיט ד. לייבל (1928: 490) (פגל. פויליש po zabrzegu). נאָר אַזוינע טעותים זיינען זייער זעלטן צוליב דער דערמאָנטער סיבה: אָפט איז דעם מחבר פּשוט ניט באַקאַנט דער אָפּשטאַם פון וואָרט, פגל. למשל קייפ, אויסגעדילעט, שקראַנדלע: שקראָנדע אין ז. קלמנאָוויטשעס ווערטער⸗רשימה (קלמנאָוויטש 1926). מען מוז האָבן אין זינען, אַז די מערהייט ליטווישע ליי⸗ווערטער, אַפילו די וואָס ווערן גענוצט אין גאַנץ ליטע, זיינען אין ערגעץ ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן, און אַ יידישן פילאָלאָג, וואָס האָט ניט געהאַט צו טאָן מיט ליטוויש, קען שווערלעך איינפאַלן צו זוכן ליטווישע וואָרצלען פון אַ דיאַלעקטישן יידישן וואָרט.

די אַרבעט קען ניט זיין קיין אויסשעפּיקע — די לעבעדיקע שפּראַך איז אַן אומאויסשעפּיקער קוואַל. אין אַן ערשט ווערק אויף דער טעמע זיינען ניט אויסגעשלאָסן אויך וואָסערע טעותן. אָבער דאָס זאַמלען מאַטעריאַל איבער צען יאָר און דאָס מערמאָליקע דורכקאָנטראָלירן דעם גרעסטן טייל פון דער זאַמלונג „אין פעלד” האָבן דעם מחבר פאַרהיט פון גראָבע פעלערן און גרויסע בלויזן.

II

## פראַגעס פון כראָנאָלאָגיע

דער פּשוטסטער און זיכערסטער אופן אויף פעסטצושטעלן די כראָנאָלאָגיע פון אַ ליי⸗וואָרט איז די אָנווייזונג, אין וועלכער שריפט ווערט דאָס וואָרט צום ערשטן מאָל באַנוצט (דער אופן טויג, פאַרשטייט זיך, נאָר פאַר אַזאַ פעריאָד, ווען דאָס פאָלק האָט שוין שריפטן). אָבער דער דאָזיקער מעטאָד טויג אין אונדזער פאַל לחלוטין ניט, ווייל אין די יידישע שריפטן מיידט מען אויס צו באַנוצן נייע סלאַווישע אָדער ליטווישע ליי⸗ווערטער. דער איינציקער מיר באַקאַנטער אויסנאַם איז דאָס וואָרט שווירטים (פון אַ ברונעם), וואָס איז דאָ אין מעשה משנת 1290, אַ כתב⸗יד, געקויפט אין וואַרשע אין תרמ"ג (1882\1883) — פון ווינערס זאַמלונג, אין דער מאַנוסקריפּטן⸗אָפּטיילונג פון אינסטיטוט פאַר מזרח⸗קענטעניש פון דער וויסנשאַפט אַקאַדעמיע פון פּססר („מעשה משנת 1290” 1881: 78). אגב איז דאָס וואָרט שווירטים דעם פובליקאַטאָר און דער רעדאַקציע פון סאָוועטיש היימלאַנד ניט געווען באַקאַנט; שפּעטער האָט אַ לייענער פון ליטע געגעבן אַ דערקלערונג מיט אַ צייכענונג (דושאַנסקים 1982). בלויז אין יידישע דרוקזאַכן, וואָס זיינען דערשינען צווישן דער ערשטער און צווייטער וועלט מלחמות, קען מען — אויך זייער זעלטן — געפינען אַ ליטואַניזם.

דעריבער מוזן מיר זיך ווענדן בקיצור צו דער געשיכטע פון יידן אין ליטע כדי צו קענען פעסטשטעלן, ווען איז געוואָרן מעגלעך, אַז ליטווישע אַנטלייאונגען זאָלן אָנהייבן אַריינדרינגען אין דעם יידישן דיאַלעקט פון ליטע.

יידן האָבן אַ מגע⸗ומשא מיט ליטווינער שוין מערערע יאָרהונדערטער. שוין אין 14טן יאָרהונדערט זיינען געווען יידן אין ליטווישן גרויספירשטנטום, אויך ספּעציעל אין דער עטנאָגראַפישער ליטע. דער ליטווישער גרויספירשט וויטאָווט (וויטאַוטאַס) האָט אין 1388 יאָר געגעבן די יידן פון טראָק (Trakai), בריסק (ברעסט) און גראָדנע אַ פּריווילעגיע, וואָס האָט רעגולירט די עקאָנאָמישע, סאָציאַל⸗געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען צווישן דעם הערשער און יידן, יידן און קריסטן און צווישן די יידן גופא. אָבער יידן אין דער עטנאָגראַפישער ליטע זיינען נאָך געווען ניט קיין סך: אין גאַנצן גרויספירשטנטום

אַרום 6,000, דער עיקר אין די ווייסרוסישע געביטן. אין 16טן יאָרהונדערט זיינען אין דעם גרויספירשטנטום שוין געווען פופצן קהילות, אָבער אַלץ נאָך מערסטנטייל אין ווייסרוסלאַנד; אין אַוקשטײַטישן געביט (ניט⸗זאַמעט) זיינען דעמאָלט געווען נאָר צוויי קהילות: אין מערעטש (Merkinė) און טראָק (Trakai); אין קאָװנע און ווילנע זיינען נאָך געווען ווייניק יידן, זיי האָבן נאָך ניט געהאַט קיין באַזונדערע קהילות, און אין זאַמעט (Žemaitija) האָט מען װעגן יידן נאָך ניט געהערט. סך⸗הכל זיינען אין 1566 געווען אַרום אַכט ביז צען טויזנט יידן. זיי האָבן זיך באַשעפטיקט מיט האַנדל, װאָכעריי; די צאָל האַנט⸗ווערקער איז געווען קליין.

אין דאָרף קומען מער יידן ערשט נאָך דער לובלינער אוניע (1569), ווען ליטע האָט זיך פאַראייניקט מיט פוילן. „די באָיאַרן האָבן אויסגעבויט אין די דערפער קרעטשמעס, באַזעצט אין זיי אָרעמע יידן. מאָנאַכן, גייסטלעכע, אָפּשטאַמיקע פון די זעלביקע באָיאַרן, האָבן זיך אויך אַזוי געפירט" (יאַנולײַטיס 1923: 26). אַחוץ קרעטשמער זיינען אין די דערפער געווען אויך יידן שטייערן⸗אַרענדאַטאָרס, משרתים אין די קרעטשמעס, ערד⸗אַרענדאַטאָרס. אַ געוויסע צאָל יידן האָבן געאַרבעט אין די וועלדער, וואָס מען האָט אָנגעהויבן ברייט צו עקספּלואַטירן. די צאָל יידן האָט זיך פאַרגרעסערט. אין 17טן יאָרהונדערט זיינען שוין געווען 32,000 יידן. וועגן 18טן יאָרהונדערט זיינען שוין דאָ פּינקטלעכערע ידיעות: אין 1766 זיינען געווען 157,000 יידן, פון זיי אַרום 75,000 אין עטנאָגראַפישער ליטע, אין ווילנער, טראָקער און זשעמײַטישער (זאַמעטער) וואָיעוואָדשאַפטן. אין 18טן יאָרהונדערט האָבן אין די וואַלן פון ועד פון די ליטווישע יידן שוין אָנטיילגענומען אויך דריי קהילות פון זשעמײַטישער וואָיעוואָדשאַפט: קיידאַן (Kėdáiniai), בירזש (Bìržai) און וויזשון (Výžuonos) (יאַנולײַטיס 1923: 51). אין 18טן יאָרהונדערט וואוינט שוין אַ העלפט פון די ליטווישע יידן אין דאָרף, די שטעטלשע איינ⸗וואוינער זיינען שוין אויך פאַרשידענע, עס זיינען שוין דאָ יידישע בעל⸗מלאכות: שניידער, שוסטער און אַנדערע.

די ווייטערדיקע געשיכטע פון ליטווישן יידנטום קען אונדז דאָ, אין דער דאָזיקער אַרבעט, ניט קימערן. דאָס, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט אין 19טן יאָרהונדערט אַרויסגעטריבן די יידן פון דאָרף אין שטעטלעך און שטעט, האָט פון שפּראַכלעכן שטאַנדפּונקט קיין גרעסערע באַדייטונג ניט געקענט האָבן, דאָס לשון אין די קליינע ליטווישע שטעטלעך איז געווען דאָס זעלביקע ווי אין די דערפער, און אין די גרעסערע שטעט — וויפל זיינען זיי געווען?

פון די אויסגעלייגטע פאַקטן קען מען קומען צום אויספיר, אַז וועגן אַ וואָסער⸗ניט⸗איז גרעסערער השפּעה פון דער ליטווישער שפּראַך אויפן ליטווישן יידיש קען זיך ריידן בלויז אָנהייבנדיק פון 18טן יאָרהונדערט. קומענדיק צו אַזאַ השערה דאַרף מען האָבן אין זינען דעם היסטאָרישן פאַקט, אַז יידן האָבן זיך אין יענע צייטן געהאַלטן באַזונדער און מיט מענטשן פון אַנדערע פעלקער געהאַט ווייניק בשותפותדיקס. אַחוץ דעם דאַרף אַריבער אַ געוויסע צייט, ביז פרעמדע ווערטער ווערן „פאַרדייט", ביז למשל kaupas איז געוואָרן יידיש kojp (kaupas > kojpes > kojpe > kojp > kejp).

די געשיכטע פון ליטווישע יידן גיט אונדז דעם ערשטן אָפּשפּאַר⸗פּונקט פאַר דער כראָנאָלאָגיע פון די ליטואַניזמען, אָבער זי גיט אונדז נאָר דעם ווייטסטן גבול: עס לייגט זיך ניט אויפן שכל, אַז עס זאָלן זיין אַנטלייאונגען, וואָס זיינען אַריין פון ליטוויש אין יידיש פריער ווי אין 18טן יאָרהונדערט, אָבער וואו קען מען געפינען דעם נאָענטסטן גבול? פון ווען אָן זיינען אין ליטווישן יידיש אויף געווים פאַראַן ליטווישע ליי⸗ווערטער? אַז זיי זיינען ניט קיין פולשטענדיק נייע דערשיינונג, האָט מען געקענט פעסטשטעלן אויספרעגנדיק זקנים, וואָס האָבן באַשטעטיקט, אַז אין דער צווייטער און אַפילו ערשטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט זיינען געווען אין זאַמעטער יידיש אַ סך ליטווישע ליי⸗ווערטער, ניט ווייניקער ווי פאַר דער צווייטער וועלט מלחמה (כאָטש פאַר דער מלחמה האָט די צאָל ליטווישע ליי⸗ווערטער אונטער דער ווירקונג פון צייטונגען און ביכער געוויזן אַ טענדענץ זיך צו פאַרקלענערן). מעגלעך, אַז דעם צווייטן אָנשפּאַר⸗פּונקט קען געבן קורלענדער יידיש.

קורלענדער יידיש איז דער דיאַלעקט, אויף וועלכן עס האָבן פאַר דער ערשטער וועלט מלחמה גערעדט די יידן פון קורלענדער גובערניע און דער שטאָט ריגע. נאָך דער מלחמה האָט זייער יידיש זיך שטאַרק געענדערט. וועגן לעטלענדישן יידיש קען מען שוין ניט ריידן: אַזאַ דיאַלעקט — פּינקטלעכער: אונטערדיאַלעקט — איז ניט בנמצא.

קורלענדער יידיש (פון פאַר דער ערשטער וועלט מלחמה) איז אינטערעסאַנט אויך מיט דעם, וואָס אין קורלאַנד האָט יידיש, וואָס שטאַמט אין אַ גרויסער מאָס פון דייטש, זיך ווידער געטראָפן מיט איר קולטורעל מעכטיקער קרובה. אין קורלאַנד זיינען די אמתע באַלעבאַטים אין קולטור ענינים געווען דייטשן. די שולן און צייטונגען זיינען געווען דייטשישע. ביז די רעפאָרמעס פון אַלעקסאַנדער III איז אַפילו די אָפיציעלע שפּראַך אין

די געריכטן און אַדמיניסטראַציע געווען דייטש. די יידן האָבן דאָ געלעבט דאָס רוב אין שטעט און שטעטלעך לעבן דייטשן.

אין 1829 האָט מען יידן פאַרבאָטן צו ווערן נייע תושבים אין קורלאַנד, אַזוי ווי אין די צענטראַלע גובערניעס פון רוסלאַנד (געסען 1913). פון דעמאָלט האָט זיך אָפגעשטעלט די יידישע אימיגראַציע אין קורלאַנד, וואָס איז אין 18טן יאָרהונדערט געווען אַ גאַנץ גרויסע. בלויז אַ פאָר מאָל האָבן זיך דורכגעריסן דורך די ענגע שפאַרונקעס פון געזעץ קליינע גרופעס יידן. דעריבער קען מען וועגן קורלענדער יידיש ריידן ווי וועגן אַ מער אָדער ווייניקער איזאָלירטן יידישן דיאַלעקט (אויף וויפל אַ דיאַלעקט פון אַזאַ באַוועגלעך פאָלק, ווי דאָס יידישע, קען בכלל זיין איזאָלירט). קלמנאָוויטשעס אַרגומענט (1926: 165) קעגן איזאָלירטקייט איז ניט אינגאַנצן איבערצייגעוודיק: אַ געוויסע צאָל נייע סלאַוויזמען זיינען ניט קיין ראיה, אַז עס איז געווען אַ שטענדיקער פאַרקער מיט אַנדערע יידישע דיאַלעקטן, ווייל זיי מוזן ניט זיין דווקא געבראַכטע: קורלענדער גובערניע איז דאָך פונדעסטוועגן געווען אַ טייל פון רוסלאַנד, און עס האָבן געקענט ספּאָנטאַן זיך שאַפן רוסיציזמען. אַחוץ דעם האָבן אַ צאָל סלאַוויזמען געקענט אַריינדרינגען אין קורלענדער יידיש דורך דער פאַרמיטלונג פון אַן אַנדער שפּראַך, למשל מאַגריטש (זאמעט מאַגעריטש) קען שטאַמען פון רוסיש магарыч, אָבער פגל. ליטוויש magarỹčios, לעטיש magaričas (סיי אין לעטיש, סיי אין ליטוויש — פון ווייסרוסיש) (פרענקעל 1962-1965: 395). היות ווי קלמנאָוויטש ווייזט ניט אָן, וועלכע סלאַוויזמען ער האַלט פאַר יונגע, איז שווער צו באַשטימען, צי אין מערערע פאַלן האָבן געקענט פאַרמיטלען ליטוויש און לעטיש. ווי דאָס זאָל ניט זיין, אַ ניט גרויסע צאָל ניי־געקומענע האָבן ניט געהאַט קיין גרעסערע באַדייטונג, דעריבער פון 1829, ווען די רוסלענדישע רעגירונג האָט פאַרבאָטן אַריינלאָזן יידן אויף זיך צו באַזעצן אין קורלאַנד, איז קורלענדער יידיש געוואָרן מער אָדער ווייניקער איזאָלירט. מען דאַרף נאָך האָבן אין זינען, ווי עס שרייבט מ. ווײַנרייך (1923), אַז קורלענדער יידן, לכל הפחות אין דער אַנדער העלפט פון 19טן און אָנהייב 20טן יאָרהונדערט, אָנגעזאַפטע מיט דייטשישער קולטור, האָבן אויף יעדן אַנדערן יידן געקוקט פון אויבן אַראָפ, מיט גאווה, יעדן ניט קורלענדער יידן גערופן זאַמעטער, אויב אַפילו יענער איז געקומען פון אוקראַינע אָדער רומעניע, און פלעגן נאָך צולייגן אַ צונעמעניש זאַמעטער חזיר. די זאַמעטער יידן, פון זייער זייט, פלעגן זיי רופן קורלענדער אינדיקעס, וועלנדיק באַצייכענען זייער בלאָזן זיך, זייער גרויסהאַלטעריי. אַזאַ

איינגנשאַפט פון די קורלענדער יידן האָט זיי נאָך מער דערווייטערט פון אַנדערע יידן, אַריינגערעכנט די יידן, ניי־געקומענע אין קורלאַנד, מיט וועלכע זיי האָבן ניט געוואָלט האָבן קיין פאַרקער, קיין מגע־ומשא.

אָבער עס ווייזט זיך אַרויס אַז קורלענדער יידיש האָט זייער אַ סך בשותפותדיקס מיט זאַמעטער יידיש — אַזויפיל, אַז קלמנאָוויטש אין זיין אַרבעט וועגן קורלענדער יידיש האַלט פשוט, אַז דאָס איז דער זעלבער דיאַלעקט. געבנדיק דעם אידיאָטיקאָן פון קורלענדער יידיש, מערקט ער אָפ, אַז די מערהייט ווערטער און אויסדרוקן האָט ער געהערט אויך אין זאַמעט, דאָס זעלבע זאָגט ער וועגן ווײַנרייכס אידיאָטיקאָן. איך קען באַשטעטיקן, אַז אַ סך איינגנטימלעכקייטן פון קורלענדער יידיש געפינען מיר אין דעם יידיש פון קרעטינגער, טעלדזער, טאַווריגער (ד.ה. זאַמעטער), שאַוולער (ביי־זאַמעט) און אַנדערע זאַמעטער און ביי־זאַמעטער ראַיאָנען. עס איז קיין ספק ניט, אַז קורלענדער יידיש און זאַמעטער יידיש זיינען גאָר ניט לאַנג צוריק געווען אַ שפּראַכלעכער איינס, וואָס האָט שפעטער, אפשר טאַקע נאָך 1829, זיך אָנגעהויבן שפּאַלטן און ביידע טיילן האָבן אָנגעהויבן פּאַמעלעך זיך דערווייטערן איינער פון דעם אַנדערן. ווײַנרייך (1923: 246) ציטירט אַן ענגלישע יידישע ענציקלאָפּעדיע, וואו אין אַרטיקל „קורלאַנד" (Courland) ווערן אויסגעלייגט צוויי פאַרשידענע מיינונגען וועגן דעם אָפּשטאַם פון קורלענדער יידן: אַ טייל פאָרשער מיינען, אַז די מערהייט איז געקומען אויפן ים־וועג פון פרייסן און צפון דייטשלאַנד; די ביאָגראַפיעס פון רבנים און אַנדערע וויכטיקע מענטשן ווייזן, אַז די מערהייט פון זיי זיינען געבאָרן אין אויסלאַנד. פונדעסטוועגן איז מסתמא גערעכט יו. ברוצקוס (1896), וואָס זאָגט, אַז די מערהייט קורלענדער יידן זיינען געקומען פון די שכנותדיקע ליטע און פוילן. פילאָלאָגן וועלן אָן אַ ספק האַלטן, אַז די קורלענדער יידן זיינען געקומען פון סלאַווישע לענדער (אַזוי אויך די זאַמעטער יידן), אָבער דורכגייענדיק זאַמעט, וואו זיי האָבן זיך אויף אַ לענגערער צייט געהאַט באַזעצט.

דער אָפּשטאַם פון קורלענדער יידן איז אַ היסטאָרישע פראַגע, וואָס אינטערעסירט אונדז צוליב דעם, וואָס ער גיט אונדז נאָך אַן אָנשפּאַר־פונקט אויף פעסטצושטעלן די כראָנאָלאָגיע פון די ליטווישע ליי־ווערטער. אויב אין קורלענדער יידיש זיינען פאַראַן אַ היפּש ביסל ליטואַניזמען, איז דאָ אַ גרונט צו מיינען, אַז זיי זיינען פון 18טן יאָרהונדערט, היות ווי נאָך 1829 האָבן געקענט צופעליק דורכדרינגען עטלעכע אַזוינע ווערטער, אָבער ניט אַ פאָר צענדליק. אין די באַשרייבונגען פון

קורלענדער יידיש (ווײַנרײַך 1923: 193-240; קלמנאָוויטש 1926: 161-188) געפינען מיר אַ ריי ווערטער, וואָס ווערן באַנוצט אויך אין זאַמעט און וואָס שטאַמען פון ליטוויש אָדער לעטיש. היות ווי אין זאַמעטער יידיש קענען די ווערטער זײַן אָפּשטאַמיק נאָר פון ליטוויש, ניט פון לעטיש, און אַז די זעלביקע ווערטער זאָלן שטאַמען אין זאַמעט פון ליטוויש און אין קורלאַנד פון לעטיש לייגט זיך קוים אויפן שכל, בלײַבט נאָר איין אויספיר: די מערהייט ליטווישע ליי⸗ווערטער האָבן קורלענדער יידן מסתמא געבראַכט פון זאַמעט פאַר 1829, דאָס הייסט: ס'איז באַשײַמפּערלעך קלאָר אַז די ווערטער זײַנען געווען אין זאַמעטער יידיש שוין אין 18טן יאָרהונדערט.

אַזוינע קורלענדער און זאַמעטער יידישע ווערטער, וואָס קענען שטאַמען סײַ פון ליטוויש, סײַ פון לעטיש (צוליב דער דערמאָנטער סיבה גיכער פון ליטוויש), זײַנען די ווײַטערדיקע (אויספירלעכער וועגן די ווערטער זע דאָס ווערטערביכל צום סוף פון דער אַרבעט): 1) אָיסגעדילעט < ליט. išdìlęs (פגל. לעט. izdilt); 2) באָמע < ליט. búomas (פגל. לעט. buõmis; סײַ ליט., סײַ לעט. פון דײַטש); 3) דורקענען < ליט. dùrti (פגל. לעט. durt); 4) עגלע < ליט. ẽglė (פגל. לעט. egle); 5) עזערע < ליט. ẽžeras (פגל. לעט. ezers); 6) לופּעטע < ליט. lùpeta (פגל. לעט. lupata); 7) נוקע < ליט. niùkas (פגל. לעט. ņuka, nuka); 8) פּאַגאַלע < ליט. pagalỹs (אַק. pãgalį) (פגל. לעט. pagale); 9) רופּענען < ליט. rūpéti (פגל. לעט. rupēt); 10) סיאַק (זאַמעטער יידיש סעק) < ליט. síekas (פגל. לעט. sieks); 11) שקיץ < ליט. škič, škic (פגל. לעט. skic, skič); 12) שקראַנדלע < ליט. skránda (פגל. לעט. skranda); 13) שקויעס < ליט. skùjos (פגל. לעט. skuja); 14) שנוקע < ליט. snùkis (פגל. לעט. snukis); 15) שטיפּענען < ליט. stìpti (פגל. לעט. stipt); 16) טופּענען < ליט. tupéti (פגל. לעט. tupēt).

נאָך מער וואַרפֿן זיך אין די אויגן אַזוינע ווערטער אין קורלענדער יידיש, וואָס קענען שטאַמען נאָר פון ליטוויש אָדער אַפילו ספּעציעל פון ליטווישן זשעמײַטישן (זאַמעטער) דיאַלעקט: 1) גלעבע < ליט. glėbỹs (פגל. לעט. klēpis); 2) קלעבע < ליט. (זשעמײַטיש דיאַלעקטיש) klėbỹs (פגל. לעט. klēpis); 3) קייפּ (קאָופּ, קאַופּ) < ליט. kaũpas (לעט. ניטאָ); 4) שאַלטענאָסעס < ליט. šaltanõsiai (לעט. ניטאָ); 5) שפּאָנגאַלעס < ליט. spañguolės (פגל. לעט. spangales) — אַ טייל פון זשעמײַטישן (זאַמעטער) דיאַלעקט: on > an; דאָס ווײַזט, אַז דאָס יידיש וואָרט איז פון זשעמײַטישן אָפּשטאַם; 6) שקראָנדע < ליט. skránda (פגל. לעט. skranda) — דער וואָקאַליזם ווײַזט ווידער אויף אַ זשעמײַטישן אָפּשטאַם.

קלמנאָוויטש און ווײַנרײַך, ווי זיי זאָגן אַליין, האָבן דעם דיאַלעקט ניט אויסגעשעפּט, בלי ספק זײַנען אין קורלענדער יידיש געווען נאָך ווערטער פון ליטווישן אָפּשטאַם. אָבער אויך די אָנגעגעבענע בײַשפּילן זײַנען גענוג אויף זיך צו איבערצײַגן, אַז אין דעם דיאַלעקט זײַנען פאַראַן אַ שיינע צאָל אָנספּקדיקע ליטווישע ליי⸗ווערטער און אַז עס קען ניט זײַן קיין רייד וועגן צופעליקע צונויפפאַלן מיטן זאַמעטער יידיש. באמת לעטישע ליי⸗ווערטער אין קורלענדער יידיש, וואָס האָבן ניט קיין ליטווישע עקוויוואַלענטן, האָב איך אין די דערמאָנטע באַשרײַבונגען געפונען בלויז דריי: 1) פּריאַדע, 'אַ סאָסנע' < לעט. priede; 2) ברוקלינעס 'ברוקנעס, ברוסלענעס' < לעט. brūrklenes; 3) קוידזע 'אַ קופּע', 'אַ קאָפּנע' < לעט. kaudze (זאַמעטער יידיש קאָיגנע). דאָס וואָרט גראַפּ(ן) איז פון דײַטש, כאָטש אין לעטיש איז דאָ grapis; דעם דײַטשן אָפּשטאַם האָט שוין אָנגעוויזן אַ. לאַנדוי (ייד. פיל. 1924: 58); פגל. נאָך ענדזעלינס קאָמענטאַרן (אין מילענבאַך 1923, I: 644).

אונדז איז אויסגעקומען לענגער אָפּצושטעלן זיך אויפן קורלענדער יידיש, אָבער דאָס האָט אונדז געבראַכט צו צוויי וויכטיקע מסקנות: 1) דעם דיאַלעקט דאַרף מען אַרײַנציען אין פאָרשונגען פון ליטווישע ליי⸗ווערטער; 2) אין 1829, ווען מען האָט פאַרמאַכט דעם וועג קיין קורלאַנד, זײַנען שוין אין קורלענדער יידיש געווען ליטווישע ליי⸗ווערטער; די יידן, וואָס זײַנען געקומען אַהין פון זאַמעט, האָבן געבראַכט מיט זיך אַ געוויסע צאָל ליטואַניזמען, וואָס זײַנען אין אָנהייב פון 19טן יאָרהונדערט געווען זייער שפּראַכלעך אייגנס, דאָס הייסט, אַז זיי זײַנען אַרײַן אין זייער דיאַלעקט אין 18טן יאָרהונדערט. נאַטירלעך זײַנען אַ סך אַנטלייאונגען שפּעטערדיקע, אַ טייל זײַנען אַרײַן אין דער שפּראַך ערשט אין 19טן יאָרהונדערט. ווען וועלכע פון זיי זײַנען אַרײַן אין דער שפּראַך, איז שווער פעסטצושטעלן. פאָנעטיש קען מען דערקענען נאָר די גאָר נײַע ליי⸗ווערטער צוליבן געזעץ וועגן בײַט פון די ניט⸗באַטאָנטע וואָקאַלן (זע ווײַטער VI).

דער אַנטלייאונג⸗פּראָצעס אין ליטווישן יידיש האָט פאַר דער צווייטער וועלט מלחמה זיך נאָך ניט געהאַט געענדיקט. עס זײַנען צוגעקומען נײַע ליי⸗ווערטער אין צוזאַמענהאַנג מיט די נײַע סטרוקטורן פון דער ווידער אויפגעקומענער ליטווישער מדינה, למשל ווירשעניק, שאַוליסט. אָבער אַ סך ליי⸗ווערטער האָבן אונטער דער ווירקונג פון צײַטונגען און ביכער געהאַט אַ טענדענץ צו

פאַרשווינדן. אַ ריי ווערטער האָבן געגעבן פאַר אונדזער זאַמלונג אַלטע מענטשן, די יוגנט האָט זיי שוין ניט געקענט אָדער געזאָגט „אַזוי ריידן אַלטע".

ליטווישע ליי־ווערטער זיינען פאַראַן ניט נאָר אין ליטווישן יידיש (דאָס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך) און אין קורלענדער יידיש (אין קורלאַנד האָבן זיך באַזעצט מיט דורות צוריק געקומענע פון זאַמעט), נאָר אויך אין עסטישן יידיש, וואָס איז, לויט פּ. אַריסטע (1970: 252-250), אַן אונטערדיאַלעקט, מאָדיפיקאַציע פון קורלענדער יידיש. די יידישע באַפעלקערונג פון עסטלאַד זיינען דאָס רוב אָפּשטאַמיקע פון לעטלאַנד און ליטע (ווייניקער פון פוילן), וואָס האָבן מיטגעבראַכט ליטואַניזמען דירעקט פון זאַמעט אָדער דורך דער פאַרמיטלונג פון קורלענדער יידיש. אין זיין רעצענזיע אויף דעם ליטווישן נוסח פון דער דאָ פאָרגעלייגטער אַרבעט האָט אַריסטע געגעבן אַ רשימה פון צוואַנציק ליטואַניזמען, פאַרשריבענע אין טאַרטו, עסטלאַנד. עס איז אינטערעסאַנט, אַז אויך איצט ווערן נאָך די ליטואַניזמען גענוצט פון עלטערן דור עסטישע יידן. מען קען נאָר מסכים זיין מיט אַריסטעס באַמערקונג, אַז עס איז אַ שאָד, וואָס קיין פילאָלאָג האָט זיך ניט פאַרנומען מיט פאָרשן די שפּראַך פון עסטישע יידן, וואָס האַלט אין פאַרשווינדן.

III

## די ליטווישע השפעה אויף יידישע מנהגים

וועגן דער ליטווישער השפעה אויף יידישע מנהגים איז שווער צו ריידן, ווייל עס איז ניטאָ קיין שייכותדיקער מאַטעריאַל. אָבער היות ווי ליוושין (1929) האָט אויפגעשטעלט אַ טעאָריע, אַז „די ליטווישע שפּראַך און דער ליטווישער לעבנס־שטייגער האָט שטאַרק באַווירקט די יידישע שפּראַך, מנהגים, איינגלייבענישן, די יידישע שפּריכווערטער, לידער און אַפילו מאכלים", קומט אויס כאָטש גאָר בקיצור, אויף עטלעכע ביישפּילן, אָפּשאַצן ליוושינס מאַטעריאַל.

צו זיין מאַטעריאַל דאַרף מען זיך באַציען זייער קריטיש. למשל, דאָס יידיש ווערטל: „איך הער דיך ווי אין טראָק", דאָס הייסט — דו ביסט פאַר מיר ניט קיין באַלעבאָס, איך הער דיך ניט, — דערקלערט ער אַזוי: דאָס ווערטל שטאַמט כלומרשט פון 14טן יאָרהונדערט, ווען אין ליטע האָבן געהערשט צוויי פירשטן, קעסטוטיס און אַלגירדאַס, וואָס האָבן די מדינה צעטיילט אויף צוויי אויטאָנאָמע טיילן, קעסטוטיס האָט געוואוינט אין טראָק און אַלגירדאַס — אין ווילנע (דאַרף מען דאָס אַזוי פאַרשטיין, אַז ווער עס האָט געוואוינט אין טראָק, האָט ניט געדאַרפט זיך אונטערוואַרפן אַ ווילנער?). אַזאַ דערקלערונג זעט אויס לחלוטין ניט באַגרינדעט. איך האָב געהערט אַן אַנדערע דערקלערונג: אין טראָק איז געבליבן (אגב: עד היום) נאָר אַ קאַראַאימער־קהילה, דעריבער זאָגט מען „איך הער דיך ווי אין טראָק" (קאַראַאימער דאַרפן ניט אויספילן אַלע יידישע דינים). עס איז מעגלעך אויך אַן אַנדערע דערקלערונג: די טראָקער יידן האָבן פון די צייטן פון גרויספירשט וויטאָווט (וויטאַוטאַס) געהאַט אַ „פּריווילעגיע" — אַ געזעץ, וואָס האָט זיי געשיצט פון אַלע באַוולער, דעריבער האָט אַ ייד אין טראָק זיך געפילט זיכער. צי די דאָזיקע דערקלערונגען זיינען גוטע אָדער ניט, איז שווער צו באַשטימען, אָבער, ווי דאָס זאָל ניט זיין, קען מען ביים דערקלערן דאָס ווערטל לאָזן די פירשטן צורו.

ליוושינס גרעסטער חסרון איז זיין ניט קענען דעם פאַרגלייך־מעטאָד. אויף וואָס פאַר אַ סמך ער האַלט, אַז אַ וואָסער־ניט־איז מנהג האָבן יידן איבערגענומען פון ליטווינער, ניט פון רוסן, פּאָליאַקן, דייטשן אָדער פון אַנדערע פעלקער, זאָגט ער ניט. „מען דאַרף ניט נייען אָדער צורעכטמאַכן אַ בגד אָדער וועש אויפן גוף פון אַ לעבעדיקן מענטשן — מען קען פאַרנייען זיין שכל, אָבער מען דאַרף געבן דעם מענטש אַ פאָדעם אין מויל און טאָן די אַרבעט" (פגל. וויינרייך 1924: 331). אַן אַרויס־געפאַלענעם צאָן איז אַ שאָד אַוועקצוואַרפן אויפן דיל — בעסער איז אים אַרויפצוואַרפן אויפן אויוון און זאָגן דער מויז: „מייזעלע, מייזעלע! אָט האָסטו אַ ביינערנעם (צאָן), גיב מיר אַן אייזערנעם".

פון וואַנען קען מען וויסן, אַז ליטווישע (און פּוילישע!) יידן האָבן דעם מנהג איבערגענומען פון ליטווינער? פּונקט אַזאַ זאָג האָבן די רוסן (דאַל 1955: 695), אוקראַינער, דייטשן און אַנדערע. וו. האָוואָרקאַ און אַ. קראָנפעלד (827-830) מיינען אַפילו אַז פעלקער פון אַלע צייטן און אַלע געאָגראַפישע ברייטן פאַרבינדן אַ געזונטן צאָן מיט אַ מויז, צוליב דער געדאַנקען־אַסאָציאַציע, וואָס קומט אויף, ווען מען פאַרגלייכט די שוואַכע, איינגעפוילטע ציינער פון אַ מענטש מיט די געזונטע ציינער פון אַ מויז. וויינרייך האָט צוגעגעבן אַז „די זעלביקע פאָרשטעלונג וועגן דעם פאַרבונד צווישן צאָן און מויז געפינען מיר אויך אין יאַפּאַן, אין מעקסיקע און אין ניי זעלאַנד" (וויינרייך 1924: 176).

די איינציקע איינגלייבעניש ביי אַ צאָל ליטווישע יידן, וואָס שטאַמט פון ליטווינער, איז דאָס גלייבן אין די שלעכטע איינגשאַפטן פון אַן „אַפּזשינדאַלעם", וואָס איך האָב געהערט אין קאָוונע אין אַ משפּחה, וואָס איז

געקומען פון קיידאַן, און פון מענטשן, געקומענע פון פּאָנעווועזשער ראַיאָן. אַן אַפּושינדראַלעס (ליט. atžindėlis) איז אַ קינד, וואָס די מאַמע האָט געהאַט אַנטוויינט און נאָכדעם אָנגעהויבןווידער געבן צו זייגן. פון אַזאַ קינד וואַקסט אויס אַ שלעכטער מענטש, אַ גנב, אַ גזלן. ווען ער ווערט אַ דערוואַקסענער האָט ער „בייזע אויגן": אויף וואָס ער גיט אַ קוק, מאַכט ער קאַליע. אין די ליטווישע מקורות רעדט זיך נאָר אַז ער גיט אַן עין⸗הרע. אויך אין לעטיש איז פאַראַן אַזאַ וואָרט און באַגריף: atžidelis (מילענבאַך 1923, I: 213).

פון דעם דערווייל איינציקן ביישפּיל איז שווער צו מאַכן וואָסערע⸗ניט⸗איז אויספירן, וואָס זאָלן באַשטעטיקן די ליטווישע השפּעה אויף יידישע מנהגים, איינגלייבענישן. עס איז אַ גרויסער ספק, צי עס זיינען דאָ נאָר פּאַר ליטווישע יידן און ליטווינער בשותפותדיקע חתונה און לוויה מנהגים.

# פּאָנעטיק פון די ליי⸗ווערטער

## IV

## אַלגעמיינע באַמערקונגען

באַשרייבן די פּאָנעטיק פון די ליי⸗ווערטער און די אָפּרופן פון די ליטווישע קלאַנגען אין זיי איז שווער. ראשית כל, איז דער יידישער דיאַלעקט פון ליטע, אַחוץ ווילנער געביט, ווייניק אויסגעפאָרשט. די יידישע פילאָלאָגן, וואָס האָבן געפאָרשט דעם גרויסן בלאָק ליטווישער יידיש, האָבן כמעט די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט געווענדט אויף דעם ווייסרוסישן און ווילנער דיאַלעקט, וואָס שיידט זיך אונטער פון אַנדערע ליטווישע, באַזונדערס זאַמעטער, ריידענישן. כל⸗זמן עס בלייבט ניט אויסגעפאָרשט די פּאָנעטיק פון די דאָזיקע ריידענישן, איז שווער צו באַשרייבן דעם גורל פון די וואָקאַלן און קאָנסאָנאַנטן אין די ליטווישע ווערטער, וואָס זיינען אַריין אין יידישן באַנוץ. צווייטנס, שטאַמען די ליטואַניזמען פון פאַרשידענע ליטווישע דיאַלעקטן, צייטנווייז איז ניט קלאָר פון וועלכע. נאָר זעלטן קען מען פעסטשטעלן, פון וועלכן ליטווישן דיאַלעקט אָדער אַפילו אונטער⸗דיאַלעקט דאָס וואָרט איז אַריין אין יידיש. זאַמעטער קלעבע < זשעמײַטישער (ליטוויש⸗זאַמעטער) klėbỹs, ניט⸗זאַמעטער (אוקשטײַטישער) glėbỹs; מינדרעס (מאַליאַט < מזרח⸗אוקשטײַטישער mìndrės: (כלל⸗ליט.) méndrės (טאַוווטאָסילאַבישער in < en); דער נאָמען פון בוים גלוסנע (כלל⸗ליטוויש glúosnis) איז אַריין פון אַ זשעמײַטישן אונטער⸗דיאַלעקט, וואו uo < ū. אָבער דאָס זיינען זעלטענע אויסנאַמען. ווען מען ווייס ניט, פון וועלכן ליטווישן דיאַלעקט אָדער אונטער⸗דיאַלעקט דאָס וואָרט איז איבערגענומען געוואָרן, איז שווער צו ריידן וועגן דעם אָפּרוף פון זיינע קלאַנגען אין דער ליטווישער שפּראַך. דאָס איז אַזאַ פּרינציפּיעלע שוועריקייט, וואָס ביי אַ סך ליי⸗ווערטער וועלן קיין ווייטערדיקע פאָרשונגען זי ניט קענען באַזייטיקן. אין דעם דאָזיקן פּאָנעטישן קאַפּיטל וועט נאָר קורץ באַשריבן ווערן דער אָפּרוף אין די יידישע ליטואַניזמען פון די קלאַנגען אין דער איצטיקער ליטווישער כלל⸗שפּראַך.

פון די סיבות, וואָס האָבן געבראַכט דערצו, אַז די קלאַנגען אין די ליי⸗ווערטער זאָלן זיך ענדערן, ניט בלייבן די זעלביקע ווי אין די ליטווישע פּראָטאָטיפּן, זאָל דאָ דערמאָנט ווערן די וויכטיקסטע, אַלגעמיינסטע (אַנדערע סיבות וועלן ווערן דערקלערט אין שייכותדיקע קאַפּיטלען). די ליטווישע קלאַנגען, ווען זיי זיינען אַריין אין מויל פון אַ יידן, האָבן געמוזט זיך צופּאַסן צו די קאָרעספּאָנדירנדיקע יידישע קלאַנגען, וואָס זייער אַרטיקולאַציע איז אָדער די זעלביקע, אָדער נאָענט, אָדער אַנדערש. אַחוץ דעם זיינען אין דער ליטווישער שפּראַך פאַראַן קלאַנגען, וואָס דער ליטווישער יידיש (און צומאָל יידיש בכלל) האָט ניט. אין אַזוינע פאַלן ענדערן זיך די ליטווישע קלאַנגען, דער ייד אַרטיקולירט זיי אויף זיין שטייגער, זיך סטאַרענדיק לויטן באַקומענעם געהער⸗איינדרוק ניט צו דערווייטערן זיך פון דעם מקור⸗קלאַנג; פגל. דעם איבערבייט פון ליטווישן צונג r אויף דעם צינגל (אוּוואולאַרן) r.

ווי געוויינלעך האָבן זיך אין די ליי⸗ווערטער מער געענדערט די וואָקאַלן, באַזונדערס אין די ניט⸗באַטאָנטע טראַפּן, און די ענדונגען מיט סופיקסן (וואָרט⸗אוים). מען דאַרף פאַרגעדענקען, אַז די ווייטער באַנוצטע טערמינען: באַטאָנטער און ניט⸗באַטאָנטער טראַף, האָבן אין זינען דעם אַקצענט פון דעם יידישן ליי⸗וואָרט, ניט דעם לכתחילהדיקן אַקצענט אין ליטוויש. (מער וועגן די ווערטער, וואָס ווערן באַנוצט בתורת דוגמאות, זע אין דער רשימה פון ליטואַניזמען אין סוף פון דער אַרבעט.)

# V

# די אָפּרופן פון וואָקאַלן אין באַטאָנטע טראַפן

1. דער ליטווישער יידיש האָט ניט קיין לאַנגע וואָקאַלן, אַלע וואָקאַלן ווערן אויסגערעדט גלייך קורץ. עס קען זיין, אַז וואָסערע־ניט־איז רײדעניש האָבן אויך האַלב־לאַנגע וואָקאַלן. דער אָפּרוף פון ליטווישע לאַנגע און קורצע וואָקאַלן אין ליטווישן יידישן דיאַלעקט איז דער זעלביקער. אין קורלענדער יידיש זאָלן זיין געווען אויך לאַנגע וואָקאַלן. פון דעם איינציקן יידישן וואָרט עַגלע, וואָס עס האָט פאַרצייכנט קלמנאָוויטש (1926: 179), איז שווער צו מאַכן וואָסערע־ניט־איז אויספירן וועגן דער לענג פון וואָקאַלן אין קורלענדער יידיש.

היות ווי אין יידיש זיינען די ליטווישע לאַנגע וואָקאַלן אין די ליטואַניזמען געוואָרן קורץ, איז במילא פאַרשוואונדן געוואָרן אין זיי די ספּעציפישע אייגנשאַפט פון דער ליטווישער שפּראַך אונטערצושיידן אין די לאַנגע באַטאָנטע וואָקאַלן (און דיפטאָנגען) צוויי אינטאָנאַציעס: שאַרפע (שטאַרק־אָנהייבנדיקע) אינטאָנאַציע, באַצייכנט מיט אַקוט (´), און גלאַטיקע (שטאַרק־סופיקע), באַצייכנט מיט צירקומפלעקס (˜). די ליטווישע ווערטער אין דער דאָזיקער אַרבעט ווערן געדרוקט, ווי אין אַלע לינגוויסטישע פּובליקאַציעס, מיט דריי מינים אַקצענטן: אַקוט, צירקומפלעקס און (פאַר קורצע וואָקאַלן, אָן אינטאָנאַציע) לינקער אַקצענט (`).

2. ליט. a איז אין יידיש געבליבן a, למשל ייד. אַלקסנע < ליט. alksnis, ייד. שאַקאַלע < ליט. šakalỹs, אַקוזאַטיוו — šãkalį. וועגן טאַוטאָסילאַבישע an,am (און en, em) זע ווייטער XI.6.

3. ליט. e > ייד. e, אָבער אַקוסטיש אונטערשיידן זיי זיך שטאַרק. דער יידישער e (אין יידישן דיאַלעקט פון ליטע) איז אַ פּאַלאַטאַלער, ווערט אַרויסגערעדט ביי אַ מיטלדיקן אויסהייבן די צונג, ניט קיין קיילעכדיקער, אָפענער, און ער פּאַלאַטאַליזירט ניט דעם קאָנסאָנאַנט, וואָס שטייט פאַר אים; דער ליטווישער e, אין וואָרט־איניקער פּאָזיציע, זייענדיק אַ נידעריקער, איז נאָענט צום וואָקאַל a און, חוץ דעם, פּאַלאַטאַליזירט ער דעם פריערדיקן קאָנסאָנאַנט, קלינגט נאָענט צו ia — אין דער אָפיציעלער רוסישער טראַנסקריפּציע ווערט ער געשריבן מיטן רוסישן я, למשל Pẽtras — Пятрас (דער נאָמען פּיאָטר). אַזוי איז ליט. béržas > ייד. בערזע (אין זאַמעט). אָנהייב וואָרט איז דער e אין ליטוויש מיט נאָענטקייט צו a, אין יידיש בלייבט ער e, למשל ẽglė > ייד. עגלע.

צוויי ווערטער פון אונדזער זאַמלונג האָבן אין יידיש a < ליט. e, ביידע פאַרשריבן ניט אין זאַמעט: ייד. פּליאַנט (שאַקי, ווילקאָווישק, מאַריאַמפּאָל) פון ליט. plentas 'שאָסיי' און ייד. קאַלאַלע (אַ צונעמעניש, פּומפּיאַן) פון ליט. kalẽlė. וועגן דעם צווייטן וואָרט דאַרף מען באַמערקן, אַז אין מזרח־אויקשטאַטישן געביט (פּומפּיאַן), וואו די קלאַנגען־פאַרבינדונגען ווערן אויסגערעדט האַרט, קען דער ליטווישער le אין אויסשפּראַך זיך ווייניק אונטערשיידן פון la (זע זינקיאַוויטשיוס 1966: 180).

פאַר דער נאַזאַלירטער קלאַנגען־פאַרבינדונג נג אָדער נק ווערט אין יידיש דער וואָקאַל e דיפטאָנגיזירט צו ei (רייזען 1920: 62). דעריבער ליט. e > ייד. ei פאַר נק: זאַמעטער ייד. מײנקע פון ליט. ménkė, טריינקענען זיך פון treñktis.

ייד. מינדרעס (מאַליאַט) < ליט. דיאַל. mìndrės (כלל־ליט. méndrės, néndrės). דיאַלעקטיש טאַוטאָ־סילאַבישער en > in (זינקיאַוויטשיוס 1966: מאַפּע 68; סאַלים 1933: 27 און 29).

4. ליט. ė > ייד. e (ווי פון ליט. e), למשל זאַמעטער יידיש סעטענע < ליט. sėtinỹs, דיאַל. sétinis, נאַדעגאַלע < nuodégulis, קאַלבעקענען < kalbéti, וואַלענע < veléna.

צוליב זיין אַקוסטישן איינדרוק האָט דער ליטווישער ė שאַנסן צו ווערן פאַרביטן מיט ei. אָבער ביידע ביישפּילן פון דעם מין: ייד. קאַלייד, ליט. Kalẽdos און ייד. קלייט, ליט. klétis זיינען פון ניט אינגאַנצן קלאָרן אָפּשטאַם: זיי קענען זיין אויך פון אַ סלאַווישן מקור, פגל. רוסיש клеть און коляда, דעמאָלט האָבן זיי די נאָרמאַלע קאָרעספּאָדענץ ייד. ei̯ < סלאַוו. e אָדער ja (רייזען 1920: 62, §110). אָבער, ווי עס שיינט, איז קאַלייד פונדעסטוועגן אַ ליטואַניזם, ווייל, ווי עס איז צו זען פון סטוטשקאָווס אוצר, ווערט דאָס וואָרט קאַלייד באַנוצט אין ליטווישן יידיש, אַנדערשוואו ווערט דער קריסטלעכער יום־טוב ניטל אָנגערופן אַנדערש (סטוטשקאָוו 1950: 729).

5. די ליטווישע i און y (=ī, לאַנגער i) ענטפערט ייד. i, וואָס ווערט אויסגערעדט ווי ליט. y, אָבער קורץ (ליט. i איז אַ ברייטערער, y — אַ שמעלערער, ייד. i איז אַ שמעלערער), למשל: ייד. דילענען, אויסגעדילעט < ליט. dìlti, išdìlęs; ייד. קניסענען < knìsti; שטיפּענען < stìpti; דיגענען < dýgti; זאַמעטער ייד. פּושנינע < pušnýnas.

6. ליט. o > ייד. o (ליט. o איז שמאָל און לאַנג, ווערט אויסגערעדט מיט קיילעכדיקע ליפּן, ייד. o איז אָפן און קורץ). ווילער (1924: 26) מיינט, אַז דער o־דיאַלעקט

האָט אַ שמאָלן o, אָבער דאָס באַשטעטיקט זיך ניט. דוגמאות: ייד. דאָבאַלעס < ליט. dobilaĩ, קראָסנע < ייד. krósnis, (אין מזרח ליטע) בולבענאָיעס, בולבענאָקעס < bulbienójai, bulbienõkai.

7. ליט. ū און u אַנטשפּרעכט ייד. u. דוגמאות: ייד. שוטענען > ליט. šùtinti, ברוקנעס < brùknės, קרוּאווע < krūvà.

VI

# די אָפּרופן פון וואָקאַלן אין אומבאַטאָנטע טראַפן

1. די וואָקאַלן פון די ליטווישע ליי־ווערטער האָט שטאַרק באַווירקט דער גרונט־געזעץ פון יידישן וואָקאַליזם (פאָרמולירט פון ב. באָראָכאָוון): אין „אַלטגעזעסענע" יידישע ווערטער ווערן אומבאַטאָנטע וואָקאַלן פאַרוואַנדלט אין e אָדער a (עפּטער e), אין רעדוצירטן e אָדער אַפילו ə (פגל. באָראָכאָוו אין ניגער 1913: 76; רייזען 1920: 72 א.וו.). וואָרט־איין ווערט אַ ניט באַטאָנטער וואָקאַל אָפּט פאַרוואַנדלט אין a (רייזען 1920: 73), אין נאָכבאַטאָנטן טראַף — e (דאָרטן). דאָס געזעץ גיט אונדז די מעגלעכקייט אויסצוטיילן די נייע אַנטלייאונגען און ווייזט, וועלכע ליי־ווערטער זיינען שוין איינגעאייגנט, „פאַרדייט".

די אומבאַטאָנטע וואָקאַלן אין די ליטווישע ליי־ווערטער זיינען דאָס רוב סיי אין נאָכבאַטאָנטן, סיי אין פאַרבאַטאָנטן טראַף געוואָרן e, אָבער אין פאַרבאַטאָנטן פאַסירט אויך אַן a. די דאָזיקע פאַרוואַנדלונג ווייזט, אַז די אַנטלייאונגען זיינען אַלטע. פאַר דער צווייטער וועלט מלחמה פלעגן יידן אָפט זיך ווענדן, ריידנדיק יידיש, צו אַ ניט באַקאַנטן אָדער ווייניק באַקאַנטן מענטש, באַנוצנדיק דאָס וואָרט ponas „הער" (אין יידיש איז דער o אַ קורצער און אָפענער), אַ שעף פלעגט מען אָפט (צווישן זיך ריידנדיק) רופן ווירשינינק (ליט. viršininkas), אָבער דאָס זיינען געווען קלאָרע נייע ווערטער, אין יידיש ניט קיין איינגעפונדעוועטע; דאָס ווייזט זייער וואָקאַליזם — ביים פשוטן פאָלק האָט מען אָנגעהויבן זאָגן ווירשעניק, ווירשענינק. ווערטער פון דער דאָזיקער קאַטעגאָריע זיינען אין דער אַרבעט כמעט ניט אַריינגענומען געוואָרן.

2. אין נאָכבאַטאָנטן טראַף איז ליט. a < ייד. e (אָפט אַ רעדוצירטער אָדער ə), למשל: וואַנעגע(ס) פון ליט. vãnagas, ראַגענע פון ליט. rãgana, זאַמעטער ייד. פּאַשערע פון ליט. pãšaras. אין אונדזער זאַמלונג זיינען פאַראַן בלויז עטלעכע ווערטער, וואָס אין זיי איז געבליבן דער ליטווישער a אויך אין יידיש אין נאָכבאַטאָנטן טראַף: רענדאַרזעס פון ליט. diẽndaržis, פּראַדאַלגע פון ליט. pradalgẽ, טיטנאַגעס פון ליט. tìtnagas. די דאָזיקע ווערטער זיינען פאַרשפּרייט אויף אַ קליינעם שטח, זיי זיינען אפשר טאַקע ייִנגערע ליי־ווערטער. אין וואָרט פּראַדאַלגע האָט געקענט העלפן דעם a בלייבן נאָכן אַקצענט די אַנאַלאָגיע מיט ראַלגע.

אין פאַרבאַטאָנטן טראַף דאַרף מען אונטערשיידן צוויי פאַלן: א) ווען פאַר דעם אַקצענט איז דאָ איין טראַף, דעמאָלט בלייבט דער ליטווישער a פון דעם טראַף אויך אין יידישן וואָרט, למשל: זאַמעטער ייד. גאַבענען זיך פון ליט. gabéntis, גאַניקלע פון ליט. ganyklà (אַקוזאַטיוו ganỹklą); ב) ווען פאַר דעם אַקצענט זיינען דאָ צוויי טראַפן, דעמאָלט בלייבט דער ליט. a פון ערשטן טראַף אויך אין יידיש, אָבער דער ליט. a פון צווייטן טראַף ווערט אין יידיש e (אומאָפּהענגיק פון דעם, וואָס פאַר אַ וואָקאַל עס איז אין דעם ערשטן טראַף), למשל: שאַלטענאָסעס פון šaltanõsiai, באַקעלאָרעס (אַ צונעמעניש) פון ליט. bakalõrius, שימטעקאָיע פון šimtakõjis, קאַקערינע פון kakarìnė. אַז אין ערשטן טראַף איז דער ליטווישער a געבליבן ניט געביטן, איז, ווי עס זעט אויס, שולדיק דער סעקונדערער אַקצענט, למשל אין שאַלטענאָסעס האָט דער דריטער טראַף דעם הויפּטאַקצענט און דער ערשטער — אַ סעקונדערן.

אין וואָרט פּריוועָרצענען פון ליט. praverstì (איצט. praverčia) „צוניץ קומען" איז אַ ליט. a געוואָרן אַ יידישער i אין פאַרבאַטאָנטן טראַף. עס קען זיין, אַז דאָ איז אַ פאַלשע אַנאַלאָגיע מיטן ליטווישן פּרעפיקס -pri. מען מוז אָבער פאַרצייכענען, אַז אין יידיש זיינען ניטאָ קיין ליטווישע ליי־ווערטער מיט -pri.

3. די ליטווישע e און ė ענטפערן ייד. e אין נאָכבאַטאָנטן טראַף, למשל עקעטע פון ליט. eketẽ, סעלענעס פון sélenos, און ייד. e אָדער a אין פאַרבאַטאָנטן טראַף, למשל בעלעזשאוויס פון beliežùvis, קאַלעדאָיענען פון kalėdóti, פּאַלערע פון pelėda, וואַלענע פון velėna, קאַפּורע פון kepùrė. דאָס וואָרט מאַלאַגיס קען שטאַמען פון זשעמײַטישן malãgis אָדער פון ניט־זשעמײַטישן (אוקשטײַטישן) melãgis, וואו דער e איז געוואָרן אַן a אין פאַרבאַטאָנטן טראַף (מאַלאַגיס איז געווען באַנוצט אַפילו אין ווילקאָמיר, ווייט פון זאַמעט, דעם זשעמײַטישן געביט).

4. ליט. i, y (לאַנגער i) < ייד. e אין פאַרבאַטאָנטן און נאָכבאַטאָנטן טראַף, למשל דאַרזשענע פון ליט. daržinẽ. עס איז פאַראַן אַ פּאָר ווערטער, וואָס אין זיי איז

געבליבן אויך אין יידיש i: פּו́דימעס פון pū́dymas, זאַמעטער ייד. סקלי́דינע פון sklìdinas. בכלל זיינען ליי=ווערטער מיט ליטווישן i אין אומבאַטאָנטן טראַף זייער זעלטן.

5. ליי=ווערטער מיט ליט. o אין אומבאַטאָנטן טראַף זיינען אין דער זאַמלונג כמעט ניטאָ.

6. ליט. u > ייד. e פאַר דעם באַטאָנטן טראַף און נאָך אים (מיט ū איז אין דער זאַמלונג קיין ליי=ווערטער ניטאָ), למשל קו́לטעווע פון ליט. kultuvẽ, ציבעלאַ́שקע פון cibùllaiškiai. אין וואָרט אַ́פּושע ′אָסינע בוים′ (פון ליט. ãpušė) און אַדיעקטיוו אַ́פּושענער (פון ליט. ãpušinis) איז דער ליטווישער u אין נאָכבאַטאָנטן טראַף געבליבן, כאָטש דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט אַנטלייאונגען ניט ייִנגערע ווי בערזע, אַלקסנע און עגלע (נעמען פון אַנדערע ביימער).

ווען פאַר דעם אַקצענטירטן טראַף זיינען דאָ צוויי טראַפן, דעמאָלט בלייבט אין ערשטן דער ליטווישער u אויך אין יידיש, און אין צווייטן ליט. u > ייד. e (פגל. דעם גורל פון ליטווישן אומבאַטאָנטן a אין דער זעלביקער פּאָזיציע, זע אויבן VI, 2), למשל בורבעלאָ́יענען פון ליט. burbuliúoti.

VII

## די אָפּרופן פון דיפטאָנגען

1. דער אָפּרוף פון ליטווישע דיפטאָנגען אין די יידישע ליי=ווערטער איז ניט אָפּהענגיק פון דעם, צי זיי זיינען באַטאָנטע אָדער אומבאַטאָנטע.

2. ליט. ai > ייד. ai̯ (באַצייכנט דאָ מיט „ײַ"). די אַרטיקולאַציע פון ייד. ai איז אומגעפער אַזאַ, ווי פון ליטווישן אַקוטישן ái, אויך ווען אין ליטוויש איז אַ צירקומפלעקסישער aĩ, למשל גײַשענען פון ליט. gaĩšti, זאַמעטער ייד. פּאַלײַ́קע פון palaĩkis, פּאַלײַ́דינע פון paláidynė. פון מזרח ליטע (מזרח=אוקשטײַטיש געביט) זיינען פאַרשריבן פיר ווערטער מיט ייד. ei (געשריבן „יי"), וואָס זיינען אַן אָפּרוף אויף ליטווישן צירקומפלעקסישן aĩ: קליימעש (לעבן ווילקאָמער) פון דיאַלעקטישן klaĩmas (=klojìmas), בייקשטער (פּומפּיאַן) פון baikštùs, אַקוזאַטיוו baĩkštų, ראַגיישע (פּאָנעוועזש, פּומפּיאַן) פון ragaĩšis, אויסזווייערענען (ווילקאָמיר) — פגל. žvairỹs, אַקוזאַטיוו žvaĩrį, אָבער דאָ איז שווער איינצוזען אַ וואָסערע געזעצמעסיקייט, ווייל אויך אין מזרח ליטע איז פאַראַן אַן אַלגעמיין ליי=וואָרט גײַשענען (פון gaišti) און גאַנץ פאַרשפּרייט וואָרט בײַדענען (פון baidýti, איצט. baido) מיט ייד. ai̯ פון ליט. aĩ.

3. וועגן דעם דיפטאָנג au מוז מען מאַכן אַ פּאָר פאַרבאַמערקונגען. אין קורלענדער יידישן דיאַלעקט, אין אַ טייל זאַמעטער און אַפילו ניט=זאַמעטער (אוקשטײַטישער) ריידענישן איז דער מיטל=הויך=דייטש (מהד.) ū > ייד. au̯, ווי אין איצטיקן הויך=דייטש (למשל מהד. hūs „הויז" > קורל. hau̯z), מהד. ou > ייד. öu̯ (למשל מהד. ouge „אויג" > קורל. öu̯g), מהד. ô > ייד. öu̯ (למשל מהד. brôt „ברויט" > קורל. bröu̯t), מהד. ei > ייד. ei̯ (למשל breit „ניט שמאָל" > קורל. brei̯t); זע וויינרייך 1923: 200 א.וו. און קלמנאָוויטש 1926: 165. די ריידענישן פון ליטווישן יידיש שטימען ערטערווייז מיט קורלענדער יידיש און ערטערווייז שמעלצן זיי זיך צונויף אין איין קלאַנג דריי קלאַנגען פון מיטל=הויך=דייטש. דער אלף=בית פון כלל=יידיש האָט איין שריפטצייכן פאַרן קלאַנג ei̯, וואָס שטאַמט פון מהד. ei, און איין שריפטצייכן פאַר אַלע קלאַנגען, וואָס שטאַמען פון מהד. ū, ou און ô, ד.ה. פאַר די קלאַנגען: oi̯, au, ou̯, öu̯, ui̯, ei̯, וואָס וואַריאירן שטאַרק אין די ריידענישן.

די אָפּרופן פון ליטווישן au אין די יידישע ליטואַניזמען זיינען פאַרשידענע. אין גרעסטן טייל ליטע איז ליט. au > ייד. oi̯, למשל קראָ́יסטענען (קראָ́יסקענען) > kráustyti, סנאָ́יד(ז)ענען > snáusti, באָ́יגע > baugù. אָבער דאָס זעלביקע וואָרט קראָיסטענען האָט אַנדערשוואו (אין באָטיק, שאַקי) אָנשטאָט דעם oi גאָר אַן au: קראַוסטענען. פון ליט. daug(ia)nõris איז דאָ דאָיגנאָ́רעס און דאַוגנאָ́רעס. און ליט. pliauskà האָט געגעבן דריי אָפּרופן: פּלאָוסקע, פּלאָיסקע און (מזרח ליטע) פּלייסקע „אַ שייטל האָלץ". פון ליטווישן kaũpas זיינען דאָ די אָפּרופן קויפּ, קייפּ און אין קורלאַנד (אויך אין אַ טייל ליטע) קאַופּ; דאָס איז אַ זייער פאַרשפּרייט וואָרט (זע אין דער רשימה פון ליטואַניזמען).

4. ליט. ei > ייד. ei̯, למשל פּאַסווייקענען זיך פון pasisvéikinti, זאַמעטער ייד. קרייקענען פון (pa)kreĩkti. נאָר אין זעלטענעם פּלײַסקעם, פּלײַסקענעם „קאָפּשופּן" איז פון pléiskanos דער ליט. ei געוואָרן אין יידיש ai.

5. ליט. ie > ייד. e. די מאָנאָפטאָנגיזירונג איז פאָרגעקומען צוליב דעם, וואָס אין יידיש איז ניטאָ קיין דיפטאָנג ie, וואָס האָט זיך געמוזט צופּאַסן צום אַקוסטיש נאָענטסטן יידישן קלאַנג e, למשל: bulbienójai > בולבענאָ́יעם, riekẽ > רעקע.

6. ליט. uo > ייד. o. מאָנאָפטאָנגיזירונג ווי אויבן

5. למשל: grõmul(i)uoti < גראָמעלאָיענען, júodalksnis < יאָראַלקסנע, juõksmas < יאָקסמעם (אַ צונעמעניש אין פּומפּיאַן).

אין איין פאַל איז ליט. uo < ייד. a אין פאַר־באַטאָנטן טראַף: ייד. נאַדעָגאַלע < ליט. nuodégulis, אָבער דאָ האָבן מיר אַ ליי־וואָרט פון דיאַל. ליטווישן nadégalis אין מזרח ליטע (פגל. זינקיאַוויטשיוס 1966: 85 §, וואו ס'איז אָנגעוויזן, וועלכע מזרח אַוקשטײַטן ענדערן דעם פאַרבאַטאָנטן uo אין אַ a).

7. אין ליטוויש זיינען אַחוץ דיפטאָנגען, וואָס באַשטייען פון צוויי וואָקאַלן, נאָך פאַראַן אַזוי גערופענע געמישטע „צווייקלאַנגען", וואָס באַשטייען פון אַ וואָקאַל (u, i, e, a) און טאַוטאָסילאַבישן קאָנסאָנאַנט (n, m, r, l). דער אָפּרוף פון די דאָזיקע „צווייקלאַנגען" אין די יידישע ליטואַניזמען שאַפן ניט קיין באַזונדערע פראַגע: אין יידיש, וואָס האָט ניט קיין געמישטע „צווייקלאַנגען", ווערט אַזאַ צווייקלאַנג טראַקטירט ווי וואָקאַל + קאָנסאָנאַנט. בלויז טאַווטאָסילאַבישע an, am און en, em, וואָס ווערן אין ליטווישע דיאַלעקטן פאַרשידן אויסגערעדט, האָבן אַ פאַרשידענעם אָפּרוף אויך אין די יידישע ריידענישן אין ליטע (זע ווייטער דעם קאַפּיטל XI).

VIII

## קאָנסאָנאַנטיזם

די ליטווישע קאָנסאָנאַנטן האָבן זיך אין די יידישע ליי־ווערטער ווייניק געביטן. דאָ וועלן פאַרצייכנט ווערן בלויז עטלעכע אונטערשיידן פון קאָנסאָנאַנטיזם, וואָס האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן.

דער ליקוויד l איז אין די יידישע ריידענישן אין ליטע ניט אומעטום דער זעלביקער. אַ טייל פון די זאַמעטער יידישע ריידענישן האָבן, ווי קורלענדער יידיש, נאָר דעם אַלוועאָלאַרן (דייטשישן) ווייכן l, זיי האָבן ניט קיין וועלאַרן, ניט קיין פּאַלאַטאַלן l (קלמנאָוויטש 1926: 168 א.וו.). אין די דאָזיקע ריידענישן ווערט אויך דער וועלאַרער ליטווישער l פאַרוואַנדלט אין אַ ווייכן אַלוועאָלאַרן l, למשל זאַמעטער ייד. (צו)גלאָ͡ידענען < glaũsti, סמול͡קע < smulkùs. דער גרעסטער טייל ליטווישע יידן האָבן צוויי l: וועלאַרן l און פּאַלאַטאַלן l. אין מזרח ליטע, למשל אין שירווינט, איז דער וועלאַרער l אַ האַרטער (און אין סואוואַלק ווערט ער שוין אויסגערעדט ווי אַן u̯; קאָוונער יידן פלעגן יעדן יידן, וואָס האָט אויסגערעדט (אָנשטאָט l) u̯, רופן súvau̯ker. אין יידיש, ווי אין ליטוויש, ווערט דער l אין די ריידענישן אַלץ האַרטער, גייענדיק פון מערב צו מזרח (פגל. סאַלים 1933: 27), אָבער אין יידיש ווערט אַלץ האַרטער נאָר דער וועלאַרער l, בעת דער פּאַלאַטאַלער l בלייבט ווי געווען, אין געוויסע פאַלן ווערט ער נאָך ווייכער. רייזען (1920: 146) מיינט, אַז צוליב דער השפעה פון דער רוסישער, אפשר אויך ליטווישער, שפראַך איז דער ווייכער l פון דייטשע ווערטער געוואָרן אין ליטווישן יידיש אַ האַרטער l. אַז דער l פון די אָרטיקע ליטווישע ריידענישן האָט געקענט האָבן אַ השפעה אויף דעם l פון אָרטיקן יידיש. קען זיין, אָבער אַז ניט זיי האָבן געגעבן דעם שטויס, אַז דער ווייכער l פון די דייטשע ווערטער זאָל ווערן האַרט, איז אויך קלאָר (ווײַנגער 1923: 206). ז. רייזענס כלל (אין דעם דערמאָנטן אָרט), אַז אין ליטווישן יידיש איז דער l ווייך נאָר פאַר i, איז פאַר אַ גרויסן טייל ליטע ניט ריכטיק אָדער האָט אַ סך אויסנאַמען, פגל. בול͡קע, מיל͡ך, בול͡ווע.

אין די יידישע ריידענישן (אין ליטע), וואָס האָבן צוויי l, אַ וועלאַרן און פּאַלאַטאַלן, האָבן אין די יידישע ליי־ווערטער די ליטווישע l און l̂ זיך צונויפגעמישט: אין אַ צאָל ליטואַניזמען איז דער יידישער אָפּרוף אויפן ליטווישן האַרטן l געווען אויך אַן l און אין אַנדערע — אַ l̂; דאָס זעלביקע איז געשען מיטן ליטווישן l̂. למשל לאָבענען איז פון liuõbti און אַלקסנע פון al̃ksnis. אין מזרח ליטע איז דאָ אַ טענדענץ דעם l פון די ליי־ווערטער צו מאַכן האַרט.

2. ליט. r (צונג-r) < ייד. r (צינגעלע-r, אואוואולאַרער r). אין קורלענדער יידיש איז פאַראַן נאָר צונג-r, דאָרט האָט דער r אין די ליטווישע ליי־ווערטער די לכתחילהדיקע אַרטיקולאַציע.

3. דער גרעסטער פלאָנטער אין ליטווישן יידיש, אַחוץ דעם הינטערנעמאַן־געביט (מאַריאַמפּאָל, ווילקאָמיר, ווירבאַלים, שאַקי א.א.), איז מיט די סיבילאַנטן s און š, z און ž. וועגן c און č קומט ניט אויס צו ריידן באַזונדער, ווייל דאָס זיינען אַפריקאַטן, וואָס באַשטייען פון s+t און š+t; וואָס דאָ וועט זיך ריידן וועגן s און š, האָט אַ שיכות אויך צו c און č.

דער גרעסטער טייל יידישע ריידענישן אין ליטע האָט בכלל ניט די דאָזיקע קלאַנגען, זיי האָבן נאָר אַ מין צווישנקלאַנג, אַפּנים איז דאָס אַ פּאַלאַטאַליזירטער s (אָדער z) אָדער אַ פּאַלאַטאַליזירטער š (אָדער ž), ווי עס האָט ריכטיק אָנגעוויזן קלמנאָוויטש (1926: 176 א.וו.; פגל. נאָך רייזען 1920: 96§, 246§). ניט ווייניק ליטווישע יידן ריידן אויס נאָר s און z און האָבן בכלל ניט קיין š און ž (דאָס איז דער אַזוי גערופענער „סאַבעסדיקער לאָסן"). אַ קלאָרן s און š הערט מען אין ליטע פון יידן אין הינטערנעמאַן־געביט; אָבער אין זאַמעט, ביי־זאַמעט און

צפון־מזרח ליטע (קיינער האָט ניט געפּאָרשט גענוי די דאָזיקע וויכטיקע איזאָפּאָנע) הערט מען ניט קיין š (ž, č), דאָ איז פֿאַראַן נאָר דער דערמאָנטער ניט־דייטלעכער סיבילאַנט אָדער — זעלטענער — s (z, c). בלויז דער יונגער דור, וואָס האָט געקראָגן בילדונג אין אַ שול, וואו מען קעמפֿט מיט דעם, וואו מען לערנט פֿרעמדשפּראַכן, וואָס פֿאַרטראָגן ניט אַזאַ מטושטשדיקייט, פּלעגט צוביסלעך ווערן אָפּגעוואוינט פֿון ניט קלאָרן אויסריידן דעם קלאַנג. אין זאַמעט זיינען געווען יידישע קינדער, וואָס האָבן אין גאָר די לערן־יאָרן ניט געקענט זיך אויסלערנען זאָגן שאַרף š, כאָטש אין שרייבן פּלעגן זיי גוט אונטערשיידן s פֿון š. דאָס דאָזיקע פּלאָנטערן זיך אין די סיבילאַנטן איז אַ זייער אַלטע דערשיינונג אין יידיש (פֿגל. „יידישע פּריוואַט־בריוו 1619", 1911; וויינרייך 1923: 202 א.וו.; רייזען 1920: 94 א.וו.; וויינגער 1926: 203 א.וו.; וויינגער 1928: 615 א.וו., 620 א.וו.; קלמנאָוויטש 1926: 176 א.וו.). אויב איך האָב ריכטיק פֿאַרשטאַנען קלמנאָוויטשן, זאָגט ער, אַז זאַמעטער יידן אונטערשיידן s פֿון š, נאָר ביידע קלאַנגעןריידן זיי אויס פּאַלאַטאַליזירטע, דעריבער אַנדערע יידן, וואָס האָבן ניט די פּאַלאַטאַליזירטע קלאַנגען, דוכט זיך, אַז די ליטוואַקעס פּלאָנטערן זיי. דאָס איז ניט ריכטיק, איך האָב הונדערטער מאָל געהערט און אַליין פֿון קינדוויז אָן גענוצט די ליטואַניזמען s/š פּייגע (פֿון ליט. speigas) „אַ גרויסער פּראָסט", פּs/šנע (פֿון ליט. pusnis) „אָנגעווייעטע שניי־מאַסע" און אַ סך אַנדערע ווערטער, אָבער איך קען בשום אופֿן ניט זאָגן, צי אין זיי איז אין יידיש אַ ש אָדער ס. די פֿראַגע האָט געדאַרפֿט פֿאָרשן אַ פֿאָנעטיקער.

אַן אַנאַלאָגישע דערשיינונג — דאָס פֿאַרוואַנדלען š, ž אין s, z און פֿאַרקערט — קאָנסטאַטירן ליטווישע דיאַלעקטאָלאָגן אויך אין ריידענישן פֿון דער ליטווישער שפּראַך (זע זינקיאַוויטשיוס 1966: §161). אין וויטקאַוסקאַסעס ווערטערבוך פֿון די צפֿון־מזרחדיקע „דונינינקישע" ריידענישן אין זאַמעט (זשעמײַטן־געביט), ניט ווייט פֿון מיין היימשטעטל, זיינען דאָ אַ סך ליטווישע ווערטער, וואו וואָרט־איין איז דער נאָרמאַלער sk- פֿאַרביטן אויף šk-, אַפֿילו אין די אינטערנאַציאָנאַליזמען škandãlas, škarlatinà, צווישן זיי אויך škrãbalas, skrãbis, -bė, škur̃lis וואָס מען קען געפֿינען אויך אין דער רשימה פֿון די יידישע ליטואַניזמען: שקורלע, שקראַבע, שקראַבאַלע.

אין דער אַרבעט זיינען די ליטווישע ליי־ווערטער אין אַ צאָל פֿאַלן פֿאַרשריבן צוליב ניט קלאָרער אויסשפּראַך מיט צוויי וואַריאַנטן פֿון אַ וואָרט — מיט אַ š און מיט אַן s, מיט אַ z און מיט אַ ž, מיט אַ c און מיט אַ č. נאָר פֿון אַ טייל אינפֿאָרמאַנטן איז געווען מעגלעך צו פֿאַרשרייבן אַ דייטלעכן סיבילאַנט.

4. די ווייכע סיבילאַנטן פֿון די ליטווישע ווערטער זיינען אין יידיש געוואָרן האַרט, למשל פּיקטשורנע < pikčiùrna, טשולפּענען < čiulpti.

5. אַחוץ די ליקווידן (l און r) און סיבילאַנטן האָבן זיך די ליטווישע קאָנסאָנאַנטן אין די יידישע ליי־ווערטער בכלל ניט איבערגעביטן. עס זיינען נאָר פֿאַראַן ספּעציעלע פֿאַלן, ווען עס איז פֿאָרגעקומען אַסימילאַציע, דיסימילאַציע, אַרויסשטופּונג פֿון אַ קאָנסאָנאַנט א.א.וו. למשל פּאַסטוּמדאַלעס (<ליט. pastùmdėlis), פֿאַרשריבן אין מזרח ליטע, האָט אין יידיש אויך אַ צווייטע פֿאָרם פּאַסטוּנדאַלע (אין זאַמעט) מיט אַסימילאַציע פֿון לאַביאַלן m פֿאַר דעם דענטאַלן d (m > n). ליט. šermùkšnis האָט געגעבן עטלעכע יידישע דיאַלעקטאַלע פֿאָרמען: שאַלעמוּקשנעס מיט אַנאַפּטיקטישן (אַריינגעשפּאַרטן) וואָקאַל e און פֿאַרבייט פֿון r אויף l (פֿגל. רייזען 1920: 89, §217); שאַלעמוּקשטענעס, ווי עס שיינט, אַנאַלאָגיש צו רוקשטענעס (<ליט. rūgštỹnės „שטשאַוו"; שאַלעמוקצעס: שאַרעמוּקצעס זיינען מסתמא פֿאָלקס־עטימאָלאָגישע פֿאָרמען. — די יידן, וואָס אונטערשיידן š און s, זאָגן אָפֿט שעסקע (<ליט. šẽškas) און אַלעמאָל שעסקענער; דאָ איז פֿאָרגעקומען אַ פּראָגרעסיווע דיסימילאַציע. ליט. pìktvotė > זאַמעטער ייד. פּיקוואָט; דער קאָנסאָנאַנט t איז אַרויסגעשטופּט פֿון דער קלאַנגען־פֿאַרבינדונג -ktv-. ליט. rãžas > ראַזשעס: ראַזעס, אָבער אין זאַמעט אויך ראַדזיס: ראַדזעס, וואו דער ליט. ž איז צוליב אומבאַקאַנטע סיבות געוואָרן אַן אַפֿריקאַטע dz: dž אָבער דאָס איז נאָרמאַל נאָר נאָך l און n, למשל האַלדז, גאַנדז (זע רייזען 1920: §96, §248); אַזוינע באַזונדערע פֿאַלן זיינען פֿאַרצייכנט אין דער רשימה פֿון ליטואַניזמען.

IX

# די טראַפּן וואָרט־אויס

מער פֿון אַלע טראַפּן האָט זיך געביטן אין די יידישע ליי־ווערטער דער לעצטער טראַף פֿון דעם ליטווישן וואָרט. אָפֿט, זיך סטאַרענדיק צוצופּאַסן דעם סוף פֿון ליטווישן וואָרט צו די יידישע סופֿיקסן, ווערט געביטן אויך דער פֿאַרלעצטער טראַף.

## א. סובסטאַנטיוון.

1. אַלע ליי־ווערטער סובסטאַנטיוון האָבן אָדער 1)

אָפּגעוואָרפן די ליטווישע ענדונג, אָדער פאַרביטן זי אויף 2) -e, 3) -es (-as), אָדער 4) אויף -is. בלויז אין אַ קליינער צאָל ליי⸗ווערטער איז די ענדונג אינגאַנצן אָפּגעוואָרפן, למשל קויפּ: קויפּ < ליט. kaũpas, פּליאַנט < ליט. pléntas, קראַנט < krañtas, סקערדז < skerdžius, פּיקוואָט < pìktvotė. די סיבה פון אָפּוואַרפן די ענדונג איז טיילמאָל דער סופיקס (פאַרבליבענער נאָכן אָפּוואַרפן די ענדונג), וואָס איז פאַראַן אין יידיש, למשל מאָטעיוק, קאַופּטוק... (סופיקס -uk), ביטניק, דעגוטניק... (סופיקס -ik). דאָס פולשטענדיק אָפּוואַרפן די ליטווישע ענדונג איז אַ פאַרהעלטענישמעסיק זעלטענער פאַל. צום אָפטסטן קריגט די ענדונג איינע פון די דערמאָנטע דריי פאָרמען: -e, -es, -is, די סאַמע אָפטסטע איז -e. ביים באַנוצן די דאָזיקע ענדונגען מערקט זיך ניט קיין שום געזעצמעסיקייט: פון סובסטאַנטיוון מיט דער זעלביקער ליטווישער ענדונג האָט אין יידיש איינער די ענדונג -e, דער צווייטער -es, דער דריטער -is. אַ זעלטענער פאַל איז נאָר די אָנווענדונג פון -es און -is פאַר ליי⸗ווערטער פון ליטווישע ווערטער מיט די ענדונגען -a, -ė, אָבער דאָס טרעפט זיך אויך, למשל ביאָיר׳בים פון ליטווישן bjaurýbė. די ענדונגען -es און -is בייטן זיך מיטאַנאַנד ווען⸗ניט⸗ווען אַפילו אין באַנוץ פון איין מענטש, צייטנווייז איז זייער אונטערשייד אַ דיאַלעקטאַלער (וועגן דעם -e וואָרט⸗אויס זע רייזען 1920: 57 א.וו.). אינטערעסאַנט, אַז דער סופיקער -is (-es) האָט וואו⸗ניט⸗וואו אין זאַמעט זיך אַזוי איינגעבירגערט ביי יידן, אַז עס איז שוין אויסגעקומען צו הערן נייע יידישע ווערטער מיט דער ענדונג, למשל אַ קרעכצים (פּאָפּעלאַן, פון קרעכצענען) „אַ מענטש, וואָס קרעכצעט אַ סך“, אַ קנורים (באָטיק) אָנשטאָט קנור, קאַמאַצים „קאַרגער, קמצן“ אָנשטאָט קאַמאַטש.

2. וואו עס איז נאָר מעגלעך, זיינען די לעצטע צוויי טראַפן פונעם ליטווישן וואָרט פאַרביטן אויף אַ יידישן סופיקס. די ליטווישע ווערטער, וואָס ענדיקן זיך אויף -alas, -alys, -ėlis, -ėlys, -ilas, -ula, -ulas, -ulė, -ulis, -uolė, האָבן אין דעם אַנטשפּרעכיקן יידישן ליי⸗וואָרט די ענדונג -אַלע, -עלע, -עלי אָפּהענגיק פון דער דיאַלעקטאַלער ריידעניש; אין כלל⸗יידיש איז דער סופיקס -עלע, אָבער די מערהייט ליטווישע יידן זאָגן -אַלע. דוגמאות: בימבאַלע, פּאַגאַלע, פּאַדאַלע, (מצ.) דאָבאַלעס, גראָמאַלע, (מצ.) פּאַקאַלעס, נאַדעגאַלע, שפּאָנגאַלע (זע די רשימה פון ליטואַניזמען). נאָר דעווערבאַטיווע סובסטאַנטיוון פון טיפּ pastùmdėlis און נאָך עטלעכע ווערטער האָבן אין מזרח ליטע אין יידיש -אַלעס, אָבער אין זאַמעט, וואו די ליטווישע ליי⸗ווערטער האָבן זיך מער איינגעבירגערט, האָבן אויך די דאָזיקע ווערטער אָפּט ⸗אַלע, למשל פּאַסטונדראַלע פון pastùmdėlis. — ליי⸗ווערטער פון ליט. -inys, -inas, -inė, -ynė האָבן אין יידיש -ענע, למשל קראַטענע, סטיפּענע, נאַגענע, דילגענע(ס) (זע רשימה פון ליטואַניזמען). בלויז -ynas האָט זיך אויסגעטיילט, זיך צוגעפּאַסט צו דעם יידישן סופיקס (פון סלאַווישן אָפּשטאַם) -ינע, למשל פּורווינע, פּושנינע.

אַ צאָל סובסטאַנטיוון האָבן די יידישע דימינוטיוו⸗ענדונג -קע און ווערן באַנוצט אָן אונטערשייד אין באַדייט ווי די ניט⸗דימינוטיווע אָדער האָבן נאָר די דימינוטיווע פאָרעם: שאַקאַלע — שאַקלקע (< šakalỹs), שלאַיע — שלייַקע (< šlãjos), שלורע — שלורקע (< šliùrė), ראַמוֹנקע: ראַמולקע (< ramùnė, ramulė), סקאַלקע (< skalà), סלאַסקע (< slãstai). דער פאַרמלחמהדיקער ליטואַניזם שאַוליסט (< šaulỹs) האָט פאָלקס⸗עטימאָלאָגיש דעם סופיקס -יסט.

## ב. אַדיעקטיוון.

1. די מערסטע אַדיעקטיוון האָבן אַראָפּגעוואָרפן די ליטווישע ענדונגען (-as, -us, -is) און אָנשטאָט זיי צוגעגעבן דעם יידישן אַדיעקטיווישן סופיקס -ער (מאַסקולין), -ע (פעמינין), למשל שטאַצער (< stãčias), סטאַטער (< statùs), פּליקער (< plìkas), באָיגער (< baugùs). אויב פאַר דער ענדונג האָט דאָס ליטווישע וואָרט געהאַט דעם סופיקס -in-, דעמאָלט ענדיקט זיך דאָס יידישע ליי⸗וואָרט אויף -ענער, למשל שעסקענער (< šeškìnis), אַפּושענער (< ãpušinis).

2. עס זיינען פאַראַן אויך אַנדערש געפורעמטע אַדיעקטיוון (וועגן אַדיעקטיווישע סופיקסן זע רייזען 1929: 522 א.וו.). עס זיינען דאָ ליי⸗ווערטער מיט סופיקסן -יק און -עדיק, למשל שטאַציק (< stãčias), דומבליק (< dumblinas), שורפּעדיק (< šiurpùs).

3. ניט ווייניק זיינען פאַראַן אַדיעקטיווירטע פּאַסיווע פּאַרטיציפּן פון פאַרגאַנגענער צייט מיט דער נאָרמאַלער יידישער ענדונג -עט, למשל אויסגעדילעט (< išdìlęs), אויסגעדיקעט (< išdỹkęs), צודרומסקעט (< sùdrumstas), אָפּגעשושקעט (< apšiùšęs), פאַרפּושנעט (< užpustýtas), אָפּגעטאַשקעט (< aptaškýtas).

## ג. ווערבן.

1. אָפטמאָל ווערט דער אינפיניטיוו געמאַכט פון ליטווישן אינפיניטיוו, אָפּוואַרפנדיק די ענדונג -ti און צולייגנדיק די יידישע אינפיניטיוו⸗ענדונג -ענען (וועגן -ענען, וואָס ווערט גענוצט אָנשטאָט דעם ליטעראַרישן

-ען, זע זאַרעצקי 1926: 94, 204; פגל. נאָך פּרילוצקי 1917: 132 א.וו.; דאָס איז אַ רעדופּליצירטער באַהעפט: סופיקס ע- און ענדונג -ן). אויב דער ליטווישער אינפיניטיוו האָט פאַרן ti- אַ וואָקאַל, ווערט ער, דער וואָקאַל, פאַרשוואונדן. דוגמאות: וואַרגענען < vaĩgti, דילענען < dìlti, גײַשענען < gaĩšti, שטיפּענען < stìpti, דולקענען < dulkéti, טײַסענען < taisýti, דראַסקענען < draskýti.

2. ליי=ווערטער פון ווערבן מיט -uoti ,-oti ווערן געבילדעט פון דעם פּרעזענס=שטאַם (איצט. -uoja ,-oja) למשל גראָמעלאָיענען < grõmuliuoja, קאַלעדאָיענען < kalėdója (איצטיקע צייט). נאָר ווײַרענען < vairúoti (אינפיניטיוו) איז געבילדעט ניט פון איצטיקער צייט, וואָס וואָלט געגעבן *ווייראָיענען, און בורקענען > פון burkúoti (ניט *בורקאָיענען).

ענלעך, פון איצטיקער צייט איז געבילדעט אויך דער ווערב פּריווערצענען > פון priveřčia (איצט.), ניט פון אינפיניטיוו priveřsti. וואַרשיינלעך איז אויך דאָס וואָרט פון מזרח ליטע סנאָידזענען פון ליט. snáudžia (איצט.).

3. אַ טייל פון די ליי=ווערטער ווערבן זיינען געבילדעט פונעם וואָרטשטאָם פון פאַרגאַנגענער צייט, למשל זאַמעטער גלאָידענען < ליט. פרג. צ. glaũdė (אינפיניטיוו glaũsti); סנאָידענען < פרג. צ. snáudė (אינפּ. snáusti); קראָווענען > פרג. צ. króvė (אינפּ. kráuti; כאָטש מערמאָליק krovinéti).

4. אַ צאָל ווערבן זיינען געבילדעט מיטן סופיקס -k- (פגל. זאַרעצקי 1926: 78, §153; קלמנאָוויטש 1922: 48). למשל דורקענען < dùrti, קאלבעקענען < kalbéti. דער זעלביקער סופיקס -k- איז אויך אין די ווערבן בעלסקענען < bélsti, קראָיסקענען (:קראָיסטענען) < kráustyti, (ס)קראַפּשקענען < krapštýti (אין יידיש איז אַרויסגעשטופּט דער -t- אין קלאַנגען=באַהעפט -štk-), צודרומסקעט < sùdrumstas.

## ד. אַנדערע וואָרט=קלאַסן

1. פון אַנדערע וואָרט=קלאַסן קען מען אין די ליטווישע ליי=ווערטער געפינען בלויז עטלעכע אַדווערבן און אינטעריעקציעס. קיין צאָלווערטער, פּראָנאָמען, פּרעפּאָזיציעס און בינדווערטער (קאָניונקציעס) זיינען ניט בנמצא. נעמענדיק אין באַטראַכט די פונקציעס פון די דאָזיקע וואָרט=קלאַסן אין דער שפּראַך, איז פולשטענדיק פאַרשטענדלעך, אַז צווישן די פאַרהעלטענישמעסיק ניט אַלטע ליי=ווערטער געפינען מיר זיי ניט.

2. אין דער דאָזיקער זאַמלונג זיינען פאַראַן פינף אַדווערבן, פון זיי צוויי: בעפּיגע (< bepìgu) און באָיגע (< baugù) זיינען אין זאַמעטער יידיש געווען גאַנץ פאַרשפּרייט; מאַלאָנע (< malónù) איז באַקאַנט אין אַ קלענערן אַרעאַל. אַחוץ די דריי ווערטער, איז אין צפון ליטע ניט קיין זעלטענער אַדווערב געווען פּאָוויסאָם „נאָכן קריסטלעכן גאָטס=דינסט; נאָכן מאַרק; נאָך אַלעמען" < po visám. פון ווילקאָווישק איז פאַרשריבן דער אַדווערב טיטשע „בכיוון, אומישנע" < týčia. אין דער זייער ניט גרויסער גרופּע אַדווערבן איז פּאָוויסאָם ניט קיין אַלטער ליטואַניזם, דאָס ווייזט זיין וואָקאַליזם.

3. פון אינטעריעקציעס האָב איך אויפגעטראָפן נאָר דריי אויסרופן: שקיץ (:שקאַץ) — צו טרייבן אַ קאַץ, שטיש (:שטייש) — צו טרייבן הינער און יוקש — צו טרייבן אַ חזיר (škìc :škàc ;štìš ;jùkš).

X

# דער אַקצענט פון די ליי=ווערטער

1. די צוויי אינטאָנאַציעס פון די לאַנגע וואָקאַלן אין דער ליטווישער שפּראַך זיינען אין די יידישע ליטואַניזמען פאַרשוואונדן צוזאַמען מיט דער לענג פון די וואָקאַלן (זע אויבן V ,1). ווילערס אַרויסגעזאָגטער איינדרוק (ווילער 1924: 148), אַז דער ליטווישער יידיש האָט אַ צוויי=שפּיציקן אַקצענט, איז ניט באַגרינדעט. מען מעג צוגעבן, אַז אין די קורצע וואָקאַלן פון ליטווישן יידיש זוכן מיטן אויער אַן אינטאָנאַציע איז בכלל אַן אומנוציקע אַרבעט. ווילער (דאָרט 150 א.וו.) מיינט, אַז דעם בולטסטן טאָנישן אַקצענט פון אַלע יידישע דיאַלעקטן האָט דער ליטווישער יידישער דיאַלעקט. קלמנאָוויטש (1926: 167, הערה) וואַרפט אָפּ זייער ריכטיק אויך די דאָזיקע באַהויפּטונג: דווקא ליטווישע יידן, ווען זיי הערן, ווי עס רעדט אַ פּוילישער ייד, דוכט זיך זיי, אַז ער „זינגט".

2. אין יידיש האָבן סובסטאַנטיוון, אַדיעקטיוון און אַדווערבן דעם אַקצענט אויפן וואָרצל פון וואָרט, בלויז געוויסע אַפּיקסן קענען דעם אַקצענט אַריבערציען אויף סוף אָדער אָנהייב וואָרט (זע זאַרעצקי 1926: 216 און 498; רייזען 1922: 69 א.וו.). צום אָפטסטן האָבן יידישע ווערטער דעם אַקצענט אויפן ערשטן טראַף פון וואָרט, זעלטענער — אויפן צווייטן. אָבער פון דער אַנדער זייט איז פאַר יידיש פרעמד צו אַקצענטירן אַ טראַף, וואָס איז ווייטער ווי דער דריטער טראַף פון סוף. די ליטואַניזמען האָבן זיך צוגעפּאַסט צו די דאָזיקע געזעצן פון יידישער אַקצענטאָלאָגיע, אָבער אויך זיך ניט דערווייטערט פון דעם אָרט, וואו עס איז דער ליטווישער אַקצענט. עס איז

פֿאָרגעקומען, אַזוי צו זאָגן, אַ קאָמפּראָמיס.

3. די ליטווישע ווערטער, וואָס האָבן אין נאָמינאַטיוו פֿון איינצאָל דעם אַקצענט ניט אויפֿן סוף וואָרט, האָבן אויפֿגעהיט דעם אַקצענט אויך ווען זיי זיינען אַרײַן אין יידיש, למשל klùmpė > קלוּמפּע, atžìndėlis > אַפּושי́נדאַלעס.

4. די ליטווישע סובסטאַנטיוון, וואָס האָבן אין נאָמינאַטיוו פֿון איינצאָל דעם אַקצענט אויפֿן סוף וואָרט, ציען אויך אַריבער, לכל הפּחות אין צוויי בייגפֿאַלן (דאַטיוו און אַקוזאַטיוו), דעם אַקצענט פֿון סוף וואָרט אויפֿן ליטווישן וואָרטשטאַם. די ליטואַניסטישע סובסטאַנטיוון אין יידיש האָבן דעם אַקצענט אויף דעם טראַף, וואו ער איז אין די ליטווישע בייגפֿאַלן, וואָס האָבן ניט דעם אַקצענט סוף וואָרט (דעריבער זיינען אין דער רשימה פֿון ליטואיזמען אין דער אַרבעט אין אַזוינע פֿאַלן צוגעגעבן אויך אַק. אָדער גענ.). דוגמאות: ליט. šakalỹs, אַק. šãkalį > ייד. שאַ́קאַלע; ליט. daržinė̃, אַק. dar̃žinę > דאַ́רזוענע; kobinỹs, אַק. kõbinį > קאָ́בענע; glėbỹs, אַק. glė̃bį > גלע̀בע. אגב אין צפֿון ליטע, וואו עס זיינען פֿאַרשפּרייט די מערסטע ליטווישע ליי־ווערטער אין יידיש, ציען אַ סך ליטווינער (ליטווישע ריידעניש) אַריבער דעם אַקצענט פֿון סוף וואָרט אויפֿן וואָרטשטאַם, אַזוי אַרום שטימט אין אַ סך פֿאַלן דער אַקצענט פֿון יידישן ליטואַניזם מיטן ליטווישן דיאַלעקטישן אַקצענט.

5. דער סופֿיקס uk- ציט אַריבער דעם אַקצענט אויף זיך, למשל קאַופּטוּ́ק, מאָטעיוּ́ק (< kauptùkas, motiejùkas).

6. כמעט אַלע ליי־ווערטער ווערבן זיינען פֿון דריי טראַפֿן (ניט רעכענענדיק די פּרעפֿיקסן). דער אַקצענט איז, ווי עס פֿאָדערט די יידישע פֿאָנעטיק, אויפֿן וואָרטשטאַם, אָבער ניט ווייטער ווי אויפֿן דריטן טראַף פֿון סוף, למשל: גאַ́ישענען < gaĩšti, קאַלבע̀קענען < kalbéti, גראָמע־לאָ́יענען < grõmuliuoti.

דער פּרעפֿיקס פֿון אַ ווערב קען דעם אַקצענט אַריבערציען אויפֿן ערשטן טראַף פֿון וואָרט לויט די געזעצן פֿון יידישער פֿאָנאָלאָגיע.

XI

## דיאַלעקטישע אונטערשיידן אין דער פֿאָנעטיק פֿון ליטואַניזמען

1. ליטווישע ליי־ווערטער האָט מען געקענט געפֿינען אין יידישע ריידענישן אויפֿן גאַנצן שטח פֿון דער עטנאָגראַפֿישער ליטע (אויך אין די שכנותדיקע געביטן). באַזונדערס פֿיל ליטואַניזמען זיינען געווען אין צפֿון ליטע: אין זאַמעט (טעלדזער, מאַזשייקער, קרעטינגער — מיט פּאַלאַנגען —, טאַווריקער, ראַסיינער א.א.וו. אומגעגנטן), און שאַוולער, פּאָנעוועזשער, בירזש־פּאָסוועלער אומגעגנטן. ווי מען קען זיך צום טייל איבערצייגן פֿון דער רשימה פֿון ליטואַניזמען, זיינען אַ סך ליטווישע ליי־ווערטער, וואָס יידן האָבן גענוצט אין זאַמעט און ביי־זאַמעט, צום טייל אַפֿילו אין גאַנץ צפֿון ליטע, פֿאַרביטן אין ווילקאָמירער און אין אַנדערע מזרחדיקע ראַיאָנען מיט סלאַוויזמען. דאָס איז פֿאַרשטענדלעך: אין מערב און צפֿון ליטע, ווייטער פֿון דער מזרחדיקער עטנאָגראַפֿישער גרענעץ פֿון ליטווישן פֿאָלק, איז די ליטווישע שפּראַך געווען די איינציקע, וואָס מיט איר פֿלעגן זיך צונויפֿשטויסן די אָרטיקע יידן. אויף אָנצורופֿן פֿאַרשידענע זאַכן און אַרבעטן האָבן יידן דאָ גענומען ווערטער פֿון ליטוויש. די לאַגע איז געווען אַן אַנדערע אין מזרח און דרום ליטע: דאָרט האָט ליטוויש זיך צונויפֿגעשטויסן מיט אַ גרויסער קאָנקורענץ פֿון פּויליש, דאָרט האָבן אַפֿילו אַ סך ליטווינער פֿון די דערפֿער גערעדט פּויליש. און יידן, דאָס פּשוטע פֿאָלק, ווען עס פֿלעגט אויספֿעלן ווערטער, נעמען זיי פֿון פּויליש, דעריבער איז די גרעסטע צאָל ליטואַניזמען פֿאַראַן אין זאַמעט (אין יידישן זין — אַ סך גרעסער ווי דער ליטווישער זשעמײַטן־געביט).

2. עס זיינען דאָ ליטואַניזמען, וואָס אויפֿן גאַנצן שטח, וואו זיי ווערן באַנוצט, האָבן זיי דעם זעלביקן אַרויסרייד. עס זיינען אָבער פֿאַראַן אויך אַזעלכע, וואָס אין די ריידענישן פֿון ליטווישע יידן האָבן זיי פֿאָנעטישע וואַריאַנטן. צוליב אַן אומבאַקאַנטער סיבה זיינען פֿון ליט. kráustyti 'אַריבערפּעקלען' דאָ יידישע וואַריאַנטן קראָיסטענען און קראָיסקענען; דער צווייטער וואַריאַנט איז מיטן סופֿיקס -k- (זע אויבן IX, ג4), וואו אין קאָנסאָנאַנטישן באַהעפֿט -stk- איז דער t אַרויסגעשטופּט און עס איז געבליבן -sk-.

3. די מערסטע ליטואַניזמען, וואָס וואַריאירן אין די יידישע ריידענישן פֿון ליטע, שטאַמען פֿון פֿאַרשידענע דיאַלעקטישע ליטווישע ווערטער, דאָס הייסט, אַז יידישע דיאַלעקטיזמען אין די ליי־ווערטער שפּיגלען אָפּ ליטווישע דיאַלעקטישע אונטערשיידן, זאַמעטער ייד. קלעבע שטאַמט פֿון זשעמײַטישן klėbỹs און די יידישע גלעבע (ניט אין זאַמעט) שטאַמט פֿון אוקשטײַטישן glėbỹs (פֿגל. אין דער רשימה פֿון ליטואַניזמען יידישע אַ́פּושע און ע̀פּושע, אַלקסנע און עלקסנע, שפּאָנגאַלעס און ספּאַלגענעס, עגלע און יעגלע).

4. כאָטש ליטווישע דיאַלעקטיזמען בלייבן אויך אין

ייִדיש דיאַלעקטיזמען, רייסן זיי זיך אָפּט דורך אין ייִדיש דורך די גרענעצן פון ליטווישע דיאַלעקטן: דאָס ייִדישע ליי־וואָרט האָט אין אַ וואָסער־ניט־איז אָרט אַן אַרויסרייד, וואָס שטימט ניט מיט דער ליטווישער פאָנעטיק פון דעם אָרט, נאָר פון אַן אַנדער אָרט. דעריבער קען מען אין ייִדישע ליטואַניזמען צייטנווייז אין איין אָרט הערן ווערטער אָדער פאָרמען פון צוויי ליטווישע דיאַלעקטן אָדער ריידענישן. אַ וואַלד־סוחר אין פּאָפּעלאַן, אויסרעכנענדיק אויף ייִדיש די סאָרטן ביימער, וואָס ער קען, האָט דערמאָנט גלוסנע (< glúosnis) און אָסע (< úosis); אין ערשטן פאַל איז uo > ū, אין צווייטן ניט, דאָס הייסט אַז דאָס זיינען ווערטער פון צוויי זשעמײַטישע אונטערדיאַלעקטן. ביי אַזאַ באַוועגלעכן פאָלק ווי ייִדן איז בכלל שווער פעסטצושטעלן די דיאַלעקטאַלע גרענעצן. זייער שיין זאָגט קלמנאָוויטש (1926: 165, הערה), אַז צוויי שטעטלעך, וואָס זיינען ווייט איינס פון אַנדערן בלויז 20-15 קילאָמעטער, האָבן אַמאָל אַ זייער פאַרשידענע ייִדישע אויסשפּראַך, און די ייִדן פון די ייִדישע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס אין כערסאָנער גובערניע אָדער פון שטאָט האַדיאַטש (פּאָלטאַווער גובערניע) ריידן, ווי מען רעדט אין מינסק אָדער וויטעבסק. די דיאַלעקטאָלאָגישע מאַפּע פון ייִדיש מוז זיין אַ בונטע — עס מוזן זיין אין איר אַ סך דיאַלעקטישע אינדזלען.

5. אין איין זשעמײַטישן אונטערדיאַלעקט uo > ū, אין אַ צווייטן uo > ou, אין אַ דריטן uo > o, פּאַראַלעל ie > i, ie > ei, ie > e. אין די ייִדישע ליטואַניזמען פון זאַמעט זיינען אויך דאָ אָפּקלאַנגען פון די אונטער־דיאַלעקטן, למשל דער דערמאָנטער בוים גלוסנע אָדער די וואַריאַציע פּעמעגעס און פּימעגעס.

6. די טאַווטאָסילאַבישע an, am פון כלל־ליטוויש ווערן אין די דיאַלעקטן אויסגערעדט אַנדערש: ביי אַ טייל זשעמײַטן ווערן זיי on, om; ביי אַ טייל ניט־זשעמײַטן (אַוקשטײַטן) ווערן זיי un, um; ביי אַ טייל מזרח אַוקשטײַטן ווערן טאַווטאַסילאַבישע im, in<em, en. אויך דאָס האָט זיך אָפּגערופן אין אַ צאָל ייִדישע ליטואַניזמען. פגל. קאַמפּע — קאָמפּע, גאַנדרעס — גאָנד(ע)רעס, שפּאַנגאַלעס — שפּאָנגאַלעס, בראַנק(ש)טיס — ברונק(ש)טעס אָדער מינדרעס. אויך דאָ פּאַסירט, אַז פאָנעטיש שפּרינגט אַריבער דער ייִדישער ליטואַניזם די גרענעצן פון ליטווישן אונטערדיאַלעקט און אַ קאַמפּע ברויט ווערט ניט אַ קומפּע (לויטן אָרטיקן אונטער־דיאַלעקט), נאָר אַ קאָמפּע ברויט.

# מאָרפאָלאָגישע פּראַגעס

## XII

## דער גראַמאַטישער מין און צאָל פון די ליי־ווערטער

1. דער גראַמאַטישער מין פון ייִדישע ליטואַניזמען שטימט אָפּט ניט מיטן מין פון ליטווישן וואָרט. אָפּטמאָל איז דאָס פאַרבונדן מיט דעם, וואָס ביי אַ סך ליטווישע סובסטאַנטיוון איז די ענדונג געביטן אויף ־ע און ייִדישע סובסטאַנטיוון מיט ־ע זיינען פעמינין. למשל ליט. baĩdas מ > באַלדע פ, ליט. glėbỹs מ > גלעבע פ. עס זיינען פאַראַן ליטואַניזמען, וואָס אין אַ צאָל ערטער האָבן זיי די ענדונג ־עס: ־יס און אין אַנדערע ערטער ־ע; דאָרט, וואו עס איז ־עס: ־יס, איז דאָס ליי־וואָרט מאַסקולין, וואו ־ע — פעמינין. אַז אַ ליטווישער פעמינין זאָל ווערן אין ייִדיש מאַסקולין, איז זייער אַ זעלטענער פאַל, אָבער דאָס האָט אויך פּאַסירט: svìrtis פ > סווירטיס מ צוליב דער ענדונג ־יס.

2. דער ליטווישער ייִדיש (אין ברייטן זין, o־דיאַלעקט) האָט, ווי באַקאַנט, נאָר צוויי גראַמאַטישע מינים: מאַסקולין און פעמינין, כאָטש אַנדערע ייִדישע דיאַלעקטן (פּוילישער, אוקראַינישער, רומענישער) האָבן נאָך אַ דריטן — דעם נייטראַלן מין. עס איז אינטערעסאַנט אָפּצומערקן, ווי עס שרייבט ז. זינקיאַוויטשיוס (1974), אַז אין דער פּוילישער שפּראַך פון ווילנער געביט האָט דעם נייטראַלן מין פאַרביטן דער ווייבלעכער מין (פעמינין), בייטנדיק אויך די ענדונג, למשל אָנשטאָט siodło wymię, siemię, siedzenie, serce, wino, ucho, ווערן siedzenia, serca, wina, ucha, siodła, גענוצט wymia, siemia א.א.וו. זיי ווערן דעקלינירט ווי אַנדערע פעמינינע סובסטאַנטיוון; אויך אין פּויליש ווייטער אויף מערב (ליטע), למשל אַרום ווילקאָמיר, קיידאַן, זיינען די נייטראַלע סובסטאַנטיוון פאַרביטן אויף פעמינינען.

אין דער ליטווישער שפּראַך זיינען סובסטאַנטיוון נאָר פון צוויי מינים. אָבער די ליטווישע שפּראַך האָט ניט געקענט זיין די סיבה, צוליב וועלכער אין ליטווישן ייִדיש אין ברייטן זין (דאָס הייסט אויך אין ווייסרוסלאַנד) איז דער דריטער, נייטראַלער מין פאַרשוואונדן געוואָרן.

3. די צ אָ ל פון די ליי־ווערטער סובסטאַנטיוון איז געוויינלעך די זעלביקע ווי אין ליטוויש. נאָר אין איין פאַל האָט זיך די צאָל געביטן: ווען די ענדונג פון ליטווישע סובסטאַנטיוון, וואָס האָבן נאָר די מערצאָל־פאָרם

(pluralia tantum), האָט זיך אין יידישן ליטואַניזם געביטן אויף -ע, וואָס אין די ליי־ווערטער ווערט געהאַלטן פאַר דער ענדונג פון איינצאָל נאָמינאַטיוו, למשל ליט. nãščiai מצ > נאַשטשע איינצ., ליט. žabángai מצ > זשאַבאַנגע איינצ.

אין איין פאַל קען אויסזען, אַז עס האָט זיך געביטן די צאָל־קאַטעגאָריע, וואו דאָס איז ניט געשען: ליט. šermùkšnis איינצ., ייד. שאַלעמוקסנעס: שאַלעמוקצעס מצ. אָבער דאָ איז אַן אונטערשייד אין באַדייט: šermùkšnis איז אַ בוים, שאַלעמוקסנעס זיינען די רויטע יאַגדעס פון דעם בוים.

XIII

## די פלעקסיעס פון די ליי־ווערטער

1. וועגן די פלעקסיעס פון די ליי־ווערטער איז ניטאָ קיין סך וואָס צוריידן: זיי האָבן זיך צוגעפּאַסט צו די פּאַראַדיגמעס פון יידיש און ווערן דעקלינירט און קאָניוגירט ווי אַנדערע יידישע ווערטער.

2. סובסטאַנטיוון מיט דער ענדונג -ע האָבן אין מערצאָל -עס. כאָטש אויף ליטוויש איז אויך -ė איינצ., -ės מצ., דאַרף מען דאָ ניט זוכן קיין השפעות, ווייל די מערצאָל־ענדונג אין יידיש איז פון אַן אַנדער אָפּשטאַם (זע רייזען 1926: 396). ביישפּילן: ייד. באַלדע איינצ. — באַלדעס מצ., אַלקסנע איינצ. — אַלקסנעס מצ. סובסטאַנטיוון מיטן סופיקס -אַלע (:-עלע) האָבן אין מערצאָל -אַלעס, אָבער עס טרעפט זיך אויך -אַלעך, ווי ביי דימינוטיוון (רייזען 1926: 406 א.וו.), למשל שפּאָנגאַלע (ליט. spañguolė) האָט מערצאָל -אַלעס: -אַלעך.

3. סובסטאַנטיוון מיט די ענדונגען -יס און -עס האָבן פאַרשידענע מערצאָלן. צום אָפטסטן -עס, כאָטש אין צווייטן פאַל (איינצ. -עס) אונטערשיידט זיך ניט איינצאָל פון מערצאָל. זעלטן טרעפט זיך -ן.

4. סובסטאַנטיווישע ליי־ווערטער, וואָס האָבן אינגאַנצן אָפּגעוואָרפן די ליטווישע ענדונג, זיינען דאָ ווייניק. אַ טייל פון זיי האָבן ניט קיין מערצאָל (למשל פּיניג, אַזאַ טערמין אין קאָרטן־שפּיל), פון אַנדערע איז ניט אויסגעקומען צו הערן קיין מערצאָל. עס טיילן זיך אויס נאָר ייד. קייפּ: קויפּ (< ליט. kaũpas) — מצ. קייפּן: קויפּן און קליִט, מצ. קליִטן; אָבער דער אָפּשטאַם פון קליִט איז מסופקדיק (זע די רשימה פון ליטואַניזמען).

5. די ווערבן ווערן קאָניוגירט ווי אַנדערע יידישע ווערבן. אויב די ווערבן זיינען מיט פּרעפיקסן (קאָנווערבן), ווערן זיי באַטראַכט ווי אַלע אַנדערע ווערבן מיט פּרעפיקסן, וואָס זייערע קאָנווערבן קענען אין געוויסע פאַלן (אין איצטיקער צייט) ווערן אָפּגעטיילט. מען מוז פאַרצייכענען, אַז בלויז אין זעלטנסטע פאַלן האָט יידיש איבערגענומען אַ ליטווישן ווערב צוזאַמען מיט זיין ליטווישן קאָנווערב. אין אַזוינע פאַלן איז אויסגעקומען דעם ליטווישן רעפלעקסיוון פּאַרטיקל -si- פאַרבייטן מיטן יידישן זיך, למשל פּאַסווייקענען זיך 'זיך גריסן' פון ליט. pasisvéikinti. אָבער געוויינלעך ווערט דער ליטווישער קאָנווערב איבערגעזעצט אויף יידיש אָדער דער ליטווישער ווערב קריגט אַ יידישן קאָנווערב לויט אַן אַנאַלאָגיע מיטן אַנטשפּרעכיקן יידישן ווערב. ביישפּילן: ליט. į̃sikráustyti > זיך אַרײַנקרויסטענען 'זיך אַריינפּעק־לען'; nutũ̃pti > זיך אַוועקטופּענען 'זיך אַראָפּלאָזן אויף די קאָרטעטשקעס', פגל. זיך אַוועקליייגן; užsnáusti, פּרג. צ. užsnáudė > איינסנוידענען, פגל. איינשלאָפן, איינ־דרעמלען; suriẽkti > צורעקענען 'גראָב צעשניידן' (פגל. לאַנדוי 1928: 199 א.וו.; שקליאַר 1933: 69 א.וו.).

# סעמאַנטיק פון די ליי־ווערטער

XIV

## קלאַסיפיקאַציע פון ליי־ווערטער לויט זייערע באַדייטן

ביז דער צווייטער וועלט מלחמה איז אין ליטע די מערהייט פון דער יידישער באַפעלקערונג באַשטאַנען פון מענטשן, וואָס האָבן געוואוינט אין אַ סך צענדליקער ליטווישע שטעטלעך, אין פריערדיקע צייטן, באַזונדערס פאַר דער ערשטער וועלט מלחמה — אויך אין אַ סך דאָרפישע ישובים. אַ טייל פון די שטעטלשע יידן, דערהויפּט די יוגנט, האָט זיך געסטאַרעט אַרויסצוראַייסן אין די שטעט, וועלכע זיינען אויך ניט געווען קיין גרויסע (מיט אַ פּאָר אויסנאַמען). אין די שטעטלעך האָבן געוואוינט יידישע קליינהענדלער, קליינקרעמער, בעל־מלאכות און מענטשן פון אַנדערע באַשעפטיקונגען. די פאַר־מעגלעכערע האָבן אָפּט געהאַלטן אַ קו, הינער. אַ וואַלד־סוחר האָט געהאַט אַ פערד מיט אַ וואָגן. ווען די פרוי איז געווען פאַרנומען אין קראָם, האָט זי געהאַט אַ ליטווישע שטוב־אַרבעטערין, אַ דינסט אויף צו העלפן פירן די

באַלעבאַטישקייט און האָבן אַ השגחה אויף קליינע קינדער. עס זיינען געווען שטענדיקע קאָנטאַקטן מיט ליטווינער, דער עיקר מיט דאָרפסלייט, וואָס פלעגן קומען זיך איינקויפן אין שטעטל אָדער זיך ווענדן צו יידישע בעל⸗מלאכות — צו אַ שוסטער, שלאָסער, מילנער, רימער א.א.וו. האָבן יידן איבערגענומען אַ סך ליטווישע ווערטער פון פאַרשידענע געביטן (הויזווירטשאַפט, לאַנדווירטשאַפט, פישעריי, נעמען פאַר נאַטור⸗דערשיינונגען, פון דער בעל⸗עגלהישער ספערע א.א.). אַ געוויסע צאָל ווערטער זיינען אַריין אין ליטווישן יידיש ווי נייע באַגריפן, אַ טייל האָבן פאַרביטן פריערדיקע ווערטער פון דייטשן אָדער סלאַווישן אָפּשטאַם, וואָס זיינען אַרויסגעשטופּט אָדער פּשוט פאַרגעסן געוואָרן. צייטנווייז איז דאָס ליטווישע וואָרט גענוצט געוואָרן פּאַראַלעל מיט אַ וואָרט פון אַן אַנדער אָפּשטאַם, אָבער מיט אַ ניואַנס אין באַדייט.

דאָ וועט געגעבן ווערן אַן אומגעפעריקע קלאַסיפיקאַציע פון די ליטואַניזמען לויט זייערע באַדייטן. ווי אין אַ סך קלאַסיפיקאַציעס פון דעם מין וועט דאָ זיין אַ געוויסע קינסטלעכקייט. די דאָזיקע קלאַסיפיקאַציע דאַרף נאָר אויבנאויפיק ווייזן די געביטן, וואָס פון זיי האָבן יידן גענומען ליי⸗ווערטער פון ליטוויש.

## 1. נאַטור

א. געוויקסן און זייערע פרוכט.

ביימער: אַלקסנע 'אָלכע', יאָדאַלקסנע 'שוואַרצע אָלכע', עגלע 'יאָדלע', אַפּושע 'אָסינע (בוים)', בערזע 'בעריאָזע'; שאַלעמוקסנעס 'ראַבענעס (יאַגדעס)'...

זייערע טיילן: קעלמע 'קאָרטש, פּניאָק', שאַקע 'אָפּגעבראָכענער צווייג', זשאַבעס 'אַראָפּ⸗געפאַלענע צווייגן', זשאַגערעס 'כוואָראָסט, אַראָפּגעפאַלענע פאַרדאַרטע צווייגן'... סולע 'פליסנדיקע בוים⸗זאַפט'...

ווערן באַנוצט צו עסן: בולווע, סעטענע: גרעשטע(ס) 'קרוטשקע', שפּאָנגאַלעס: ספּאַלגענעס 'זשוראַ⸗ווינעס', רוקשטענעס 'שטשאַוו', ציבעלאַשקע 'גרינע ציבעלע', ברוקנעס 'ברוסניצעס'.

אַנדערע געוויקסן (און זייערע פרוכט): ראַמונקע 'ראָמאַשקע', יורגינע 'געאָרגין⸗בלום', מינדרע 'ראָר', שמילגעס 'אַזאַ הויכע גראָז', וויקסוועס 'זומפּגראָז', מאָטעיוק 'אַזאַ פוטער⸗געוויקס', קרומעס 'קוסטעס', לאַזדינעס 'נוסקוסטעס'... דריגנעס, דורנערעפּע 'שגעון⸗גראָז', דירסע 'אַ ווילדגראָז אין קאָרן'.

ב. בעלי⸗חיים און זייערע טואונגען.

פייגל: גאָנד(ע)רעס 'בושל', טעטערווע 'בערקהון', וואַנעגע 'שפּאַרבער'... בורקענען 'וואָרקען (וועגן טויבן)'... אינסעקטן: באַבאַלע 'קריכעדיקער אינסעקט', בימבאַלע 'אַזאַ פליג', שירשע 'וועספּ', שימטעקאָיע 'טויזנטפיסלער'...

פיש: מיינקע 'שטאָקפיש', אונגורעס 'אָלפיש, ווענגער', וועגעלים 'נאַלימפיש', וויאון 'שמערל(ינג)'...

אַנדערע בעלי⸗חיים: שעשקע: שעסקע 'טכויר', סטירנע 'רע⸗הירש'... קניסענען 'גראָבן', קנויקענען 'מיאַוקען; קלאָגן', סטאָיגענען 'וואָיען', זיך שערענען 'פאַרלירן פעדערן, האָר'.

ג. די ניט⸗לעבעדיקע נאַטור.

פאַרבונדן מיט וואַסער: עזערע 'אָזערע', קלאַנע 'לוזשע', פּעלקע 'זומפּ', עקעטע 'אייז⸗לאָך, פּאָלאָנקע', דומבלע 'זומפּיק אָרט, בלאָטע', דרומזלעס 'אָפּזאַץ (אין פליסיקייט)', קראַנט 'ברעג פון אַ טייך', פּורווינע 'אַ בלאָטיק אָרט', פּורווע 'בלאָטע'...

פאַרבונדן מיטן וועטער: שפּייגע 'גרויסער פראָסט', פּושנינע 'אָנגעווייעטע, אָנגעטראָגענע שניי⸗מאַסע', פּושנע 'שניי⸗הורבע', דולקענען 1) 'עס גייט אַ שפּריי⸗רעגן'; 2) 'זיין שטויביק'; 3) 'אויסקלאַפּן די שטויב', רודענים 'האַרבסט'.

אַנדערע אָביעקטן: דולקעס 'שטויב', ראָיסט 'זומפּיקער וואַלד', שטאַצער 'משופּעדיקער (באַרג)'...

## 2. לאַנדווירטשאַפט און הויזווירטשאַפט

א. פאַרבונדן מיט בהמות און פייגל:

ביַדענען 'שרעקן', באַנדע 'סטאַדע', בייקשטער 'שרעקעדיקער', באָיגער 'שרעקעוודיקער', גאַניקלע 'פּאַשע (פעלד)', גראָמעלאָיענען 'מעלה⸗גרהן', גושטעס 'וואו אַ הון לייגט אייער', גוזשענען זיך 'זיך איינקאָרטשען, זיך איינשרומפּן', קאַרטשע 'גריווע (פון אַ פערד)', קאַרקענען 'קוואָקטשען', (ס)קערדז 'אויבער⸗פּאַסטעך', קראַטענע 'היי מיט שטרוי', קרייקע 'שטרוי⸗אויסבעט', קרייקענען 'אויסשפּרייטן שטרוי', קרעקענע 'ערשטע מילך (נאָכן קעלבן זיך)', מאַרגע 'פאַרשידנפאַרביק', מיטענען 'קאָרמען', פּאַשערע 'פוטער, קאָרמע', לאָבענען 'געבן פוטער (דעם פערד)', שערענען 'פיטערן (אַ בהמה)', לאַקטע 'הינערשטאַנג', פּאַדאַלע 'געלאָזענע איי אין נעסט', שורפּע 'אויפגע⸗שויבערטע הון', פּאַקלידענען 'פאַרבלאָנדזשען'...

ב. ערדאַרבעט:

אַטאָלעס ′גראָז פון צווייטן יאָרשניט′,ביידיקלע ′סטראַשידלע′, בערנים ′געדונגענער אַרבעטער′, אויסבלאַשקענען ′דרעשן תבואה′, דאַלגע ′קאָסע′, דובע ′באַזונדערע אַגראַרווירטשאַפט′, עזע ′גרענעץ־פאַס צווישן פעלדער′, יויאַיע ′טריקנשײַער′, קאַופּטוק ′מאָטיקע′, קליימעש ′טויק, דרעשטאָק′, קופּעטע ′סטויג′, פּודימעס ′ברוכפעלד′, פּוסינינק ′פּולאָווניק′, רעזשים ′שטרײַף ערד′, סעלענעס ′קלײַען′, שאַקע ′מיסט־גאָפּל, היי־גאָפּל′, שפּראַגעלעס ′דרעש־שטעקן′, ווענעסעדים ′באַזונדערע, ניט אין דאָרף,ווירטשאַפט′.

ג. הויזווירטשאַפט:

גאַרע ′פּאַרע, אויסדאַמפונג′, קאַקטע ′אויבער־שטער פייער־לאָך אין אויוון′, גלעבע: קלעבע ′באַרעם, פולע אָרעמס′, קורענען זיך ′זיך שלעכט הייצן′, סמילקענען ′טליען, פלימערן′, נאַדעגאַלע ′האָלאָוועשקע′, פּאַגאַלע ′אַרומגעברענט שייטל האָלץ′, פּלייסקע: פּלאָיסקע ′אויסגעטריקנט שייטל האָלץ′, פּראַקורעס ′אונטערהייצעכץ′, סקאַלקע ′שפּאָן′, שאַקאַלע ′שפּענדל′, ניקענען ′אויסגיין (ווען פייער)′... נאַשטשע ′דוהע צו טראָגן צוויי עמער′, סווירטים ′אַ ברונעם־געשטעל′, רענטענעס ′ברונעם־געשטעל′... ראַדזשעס ′אָפּגעריבענער בעזים′, סרוטעס ′פּליסיקע שטאַל־מיסט′, פּאַמעזגעס ′פּאַמוניצע′, שוקשלעס ′מיסט, אָפּפאַל′, לופּעטע ′שמאַטע′, שקורלע ′שמאַטע, טראַנטע′...

ד. אכילות:

שאַלטענאָסעס ′וואַרעניקעס מיט צוואָרעך′, שווילפּיקעס ′מעל־(בולבע־)קניידלעך′... שוטע־נען ′קאָכן אין אַ פאַרמאַכטן טאָפּ′... פּאַגראָנדע(לע) ′אַזאַ באָנדעלע′.

## 3. מלאכות, מכשירים און אויסאַרבעטונגען

א. פישעריי:

בוטשע ′קאָרב צו כאַפּן פיש′, מעשקערע ′ווענטקע′, גריטע ′נעץ־בייטל′... קיבענען ′איינבייסן (פון אַ פיש)′.

ב. פערד און וואָגן:

גאַרדעס ′לייטערוואָגן′, קריפּעס ′לייטערוואָגן′, בראַנק(ש)טיס ′אין פערדגעשפּאַן′, בריזגאַלע ′צוימגעבים′, קילפּע ′שטײַג־רימען, שטײַג־רינג′, פּלעשקע ′שלייע (פון געשפּאַן)′, סעדענע ′זיצברעט אין וואָגן′, אַוזגאַלעס ′הינטערברעט פון וואָגן′, אוקנאָלעס ′פּאָדקעווע־טשוועקעס′, שלאַיע ′שליטן′, סטאַבאַלע ′קלעצל פון ראָד′, סטיפּינע ′שפּיצע (פון ראָד)′, קאַקלענינק ′האַלדז־רימען′... בערים ′ברוין פערד′, יאָדבערים ′שוואַרצברוין פערד′, שירווים ′שימל (פערד)′...

ג. אַנדערע:

קאַרשענען ′קעמען, גרעמפּליעווען (וואָל)′, וועלענען ′וואַלקן, קרעמפּלען′, שפּאַלעס: ספּאַלעס ′אָפּפאַל ביים ברעכן פלאַקס′, פּאַקאַלעס ′פּאַקלע′, באָמע ′דיקער שטאַנג′, קאָבענע ′שטאַנג מיט קרוק′, קעקסע ′שטאַנג מיט קרוק′, דאַלבע ′ברעכשטאַנג′... קלומפּע ′הילצערנער שוך′, קלומבאָקעס ′שיך מיט הילצערנע זוילן′, מעדזשאַקעס ′שיך מיט הילצערנע זוילן′, נאַגענע ′דאָרפישער שוך′.

## 4. באַגריפן פון ניט־יידישן לעבנס־שטייגער

אַ קליינע צאָלליי־ווערטער זיינען פאַרבונדן מיט אָביעקטן פון ניט־יידישן שטייגער, אויף וויפל אַ יידן איז אויסגעקומען זיי צו געבן אַ נאָמען. עס טרעפט, אַז מיטן ליי־וואָרט ווערט אונטערגעשטראָכן די ניט־יידישקייט פונעם באַצייכנטן אָביעקט, פאַרן פּאַראַלעלן יידישן אָביעקט ווערט גענוצט אַ יידיש וואָרט פון העברעאישן אָפּשטאַם. ליטואַניזמען פון דעם מין זיינען נאָר ווינציק וואָס אַריינגענומען געוואָרן אין דער ליי־ווערטער זאַמלונג. למשל נעמען פון ליטווישער חגאָס זיינען גענומען פון ליטוויש, נאָר אַ ביסעלע איבערגעפורעמט: ייד. קאַלייד < ליט. kalẽdos, ייד. יורגין < ליט. jurginès; אויך קאַלעדאָיענען פון kalėdóti. אָדער דאָס אָרט, וואו מען באַערדיקט יידן, רופט מען מיט אַ וואָרט פון העברעאישן אָפּשטאַם בית־עולם, וואו ניט־יידן — קאַפּעס: קאַפּענעס (אויך קאַפּעל).

## 5. נייע אַדמיניסטראַטיווע ליי־ווערטער

אַ סך באַגריפן, וואָס יידן פלעגן באַצייכענען מיט סלאַווישע, געוויינלעך רוסישע נעמען, האָט מען נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה אָנגעהויבן באַצייכענען מיט ליטואַניזמען. באַזונדערס איז דאָס געווען צו זען אין דער „אַדמיניסטראַטיווער" שפּראַך. וואו פריער איז דער אַדמיניסטראַטיוו־טעריטאָריעלער איינס (טייל פון אַ גובערניע) געווען אואיעזד (רוס. уезд) ′קרייז′, איז געוואָרן ליט. apskritìs, דאָס פּשוטע פאָלק האָט דאָס גערופן אַפּסקריצע, און דעם שעף פון אַזאַ איינהייט האָבן יידן גערופן אַפּסקריצע ווירסעני(נ)ק (ליט. apskritiẽs

virš̃ininkas). אין אַ נידעריקערן אַדמיניסטראַטיוו־טעריטאָריעלן איינס, טייל פון apskritis, איז דער שעף געווען viršaitis, אויף יידיש ווירשײַטעס; אין דער אַרמיי ווירשילע פון ליט. viršilà, און וואַלד גיריניק פון gìrininkas. וועגן שאַוליסט איז דערמאָנט אויבן (IX, א 2).

## 6. פאַמיליע נעמען

די פאַמיליע נעמען פון ליטווישע יידן זיינען אַ באַזונדער געביט. אַ סך פון זיי שטאַמען פון נעמען פון ליטווישע שטעטלעך און דערפער, למשל אַניקשט, ווילקאָמירסקי, קיידאַנסקי. אָבער די אַלע פאַמיליע נעמען זיינען ניט קיין רעזולטאַט פון דירעקטער השפעה פון דער ליטווישער שפּראַך. דאָ קען מען גיכער ריידן וועגן דער השפעה פון די פריערדיקע רוסישע אָרטשאַפטן־נעמען אין ליטע איידער פון די ליטווישע נעמען. דער פאַמיליע נאָמען זשאַגאָרסקי איז בפירוש פון דעם רוסישן נאָמען פונעם שטעטל „זשאַגאַרי״ (Жагоры), וואָס הייסט אין ליטוויש Žagarė; ווילקאָמירסקי איז פונעם רוסישן ווילקאָמיר (Вилькомир) און ניט פונעם ליטווישן Ukmergė (זע לעמכען 1929).

אויף יידישע פאַמיליעס איז די ליטווישע השפעה אַ מינימאַלע. דאָס איז פאַרשטענדלעך. די ליטווישע יידן האָבן דאָך אָנגענומען — פינקטלעכער: געמוזט אָננעמען — פאַמיליע נעמען אין אָנהייב 19טן יאָרהונדערט, ווען ליטע איז געווען אַ טייל פון צאַרישן רוסלאַנד, ווען אויך ביי די ליטווישע שטאָטישע איינוואוינער און פאַרמעגלעכע דאָרפסלייט זיינען ליטווישע פאַמיליע נעמען ניט געווען פּאָפּולער. כאָטש פאַמיליעס אין רוסלאַנד האָט מען געקענט פריי אויסקלייבן (פגל. ווייסענבערג 1929), קען מען קיין ליטווישע פאַמיליע נעמען ביי יידן פון יענע צייטן ניט דערוואַרטן.

און פונדעסטוועגן קען מען באַגעגענען (אמת, גאַנץ זעלטן) יידן מיט ליטווישע פאַמיליעס. ליוושין (1929) דערמאָנט זיבן פאַמיליע נעמען. י. קאַצין, אַ קאָוונער דאָקטאָר, האָט פאַרשכהלט די פאַמיליע נעמען פון ליטווישע יידן לויט זיינע פּאַציענטן־ביכער אין משך פון ניין יאָר. קאָוונער יידן האָבן באַשטעטיקט, אַז ד״ר קאַצין האָט געהאַט אַ גרויסע פּראַקטיק, און משך פון ניין יאָר זיינען ביי אים געווען טויזנטער פּאַציענטן. אין זיין אַרטיקל אין דער קאָוונער צייטונג אידישע שטימע שרייבט ער, אַז ער האָט געפונען בלויז פיר יידישע פאַמיליע נעמען פון ליטווישן אָפּשטאַם. מען מוז באַמערקן, אַז עס זיינען ניטאָ קיין ידיעות וועגן דעם עלטער פון די פאַמיליעס (קאַצין 1927).

עטלעכע יידישע פאַמיליע נעמען, וואָס שטאַמען פון ליטוויש (ניט פון רוסישן נאָמען פון וואוינאָרט), קאָן מען געפינען אין בערל כהנס גרויסן אָנדענק־ספר יידישע שטעט, שטעטלעך און דאָרפישע ישובים אין ליטע (ניו־יאָרק 1991). אין דער דאָ געגעבענער רשימה ווערט פאַרצייכנט, אויף וועלכן זייטל פון כהנס בוך זיי ווערן דערמאָנט.

דאָ איז אַ סך־הכלדיקע רשימה פון יידישע פאַמיליע נעמען פון ליטווישן אָפּשטאַם. די פאַמיליעס, וואָס איך האָב אַליין געהערט, זיינען פאַרצייכנט צוזאַמען מיטן אָרט, וואו די יידן האָבן געלעבט אין צייט פון פאַרשרייבן.

1. אַרקליס (פון arklỹs 'פערד') — קאָוונע (ליוושין 1929).

2. באַלטאַקאַקליס (פרוי: -לע) (פון baltakãklis 'ווייסהאַלדזיקער') — ווילקאָמיר; באַלטאַקאַקלאַס (ליוושין 1929).

3. געניס (פון genỹs 'פּיקהאָלץ־פויגל') — מאַריאַמפּאָל; ריטעווע (כהן 1991: 553).

4. גראַזשוטיס (פון gražùtis 'שיינינקער') — סעסיק (ווילקאָמירער ראַיאָן); גראַזשוטע (פרוי) (ליוושין 1929).

5. גולבאַס (פון gul̃bė 'שוואַן') (קאַצין 1927).

6. קעטוראַקיס (פון ketùrakis 'פיראויגיקער') (ליוושין 1929).

7. קוביליס (פון kubìlius 'באָנדער') — (קאַצין 1927).

8. קוניגיס (פון kùnigas 'אַ גלח'!) — ווילקאָמיר; קוניגאַס (ליוושין 1929; קאַצין 1927).

9. פורווע (פון pur̃vas 'בלאָטע') (ליוושין 1929).

10. סקײַסטוס (פון skaistùs 'שיינער, העלער') — ווילקאָמיר.

11. טרומפּאַקאָיאיטע (פון trumpakõjis 'קורצפוס') — אַ סטודענטקע פון קאָוונער אוניווערסיטעט, שטאַמט פון שטעטל זיימל.

12. זשעמײַטיס (פון žemaĩtis 'זאַמעטער, זשעמײַט') (ליוושין 1929; קאַצין 1927).

13. גיליס (פון gylỹs 'שטעכלקע, למשל פון אַ בין; בײַספּליג') — קרעטינגע (כהן 1991: 513), דראָביאַן (כהן 1991: 73). דער דאָזיקער פאַמיליע נאָמען איז זייער פאַרשפּרייט ביי ליטווינער, און ווערטערבוך פון ליטווישע פאַמיליעס זיינען פאַרצייכנט 56 ערטער, וואו עס וואוינען ליטווינער מיט אַזאַ פאַמיליע נאָמען.

14. סמילג (אין ליטע זיינען דאָ ניינצן דערפער און איין שטעטל Smil̃giai. ווילדגראָז smilga) — פּאָנעוועזש, קיידאַן (כהן 1991: 481).

15. שווידינישקי, שווידענישקי (דערפער

Šiaudinìškė, Šiaudiniškiai אין ווילקאָווישקער, אוטיאַנער קרייז; זע האַנטבוך פון אַדמיניסטראַטיוו־טעריטאָריעלער טיילונג פון ליטע) — פּאָנעוועזש, קיידאַן (כהן 1991: 181).

16. פּאַלוקשטאַ (מאָטל) (פון דאָרף Palūkštỹs, טאַווריקער [ראַסיינער] קרייז) — אין 1941 פאַרשיקט אויפן ווייטן צפון, אין קאָמי געביט, דאָרט אומגעקומען. זיין זון ל. פּאַלוקשטאַ, פאַרן אַוועקפאָרן קיין ישראל (1991) האָט דאָרט געשטעלט אַ בשותפודיקע מצבה פאַר פופציק אומגעקומענע פאַרשיקטע (אין צייטונג Gimtasis kraštas נ. 35, 27 VIII. 1992).

17. געגוזשינסקי (פון Gegužìnė, -ìnis צען דערפער), ווילנע, קאָוונע. אַ פאַמיליע נאָמען פון ליטווינער אין זעקס וואוינערטער Gegužìnskas.

18. שעסקין (דערפער Šeškìnė, -ìniai, אין ווילנער ראַיאָן) Šeškìnė — שאַוול, ווילנע. ליטווישער פאַמיליע נאָמען Šẽškus.

19. ראַודאָניסקי, טאָכטער ראַודאָניסקיטע (פון נעמען פון דערפער Raudõniškis, -iškė, צו raudónas „רויטער"), קאָוונע.

20. יעדייקין (זאַמעטער דערפער Juodeĩkiai, ליטווישער פאַמיליע נאָמען Juodeĩkis אין 21 אָרטשאַפטן), זשאַגער.

## 7. שפּעט־לשון

יידיש האָט פאַרשידענע מיטלען צו שאַפן ווערטער מיט אַ פּעיאָראַטיוון באַדייט, מיט אַ נעגאַטיווער אָפּשאַץ־באַפאַרבונג. ברייט שרייבט וועגן דעם פּרילוצקי (1924). איין מיטל איז צוצוגעבן צו יידישע ווערטער געוויסע סופיקסן — דאָס מאַכט מען אויך אין דער ליטווישער שפּראַך.

אָבער יידיש האָט אויף צו באַצייכענען דעם פּעיאָראַטיוון באַדייט נאָך אַ מיטל, וואָס פּרילוצקי האָט ניט אויסגעטיילט, דערמאָנט נאָר אגב אורחא. דאָס איז דער באַנוץ פון אַ פרעמדשפּראַכיקן וואָרצל, ווען מען וויל עפּעס אַ זאַך אָדער אַרבעט דערמאָנען מיט ביטול, ווען מען וויל עפּעס אויסלאַכן. אַ באַגריף ווערט אין יידיש געוויינלעך אויסגעדריקט אין איין וואָרט: פון דייטשישן, העברעאיש־אַראַמישן אָדער סלאַווישן אָפּשטאַם. אויב פאַר אַ באַגריף זיינען פאַראַן סינאָנימען פון פאַרשידענעם אָפּשטאַם, אונטערשיידן זיי זיך געוויינלעך לויט די קאָנאָטאַציעס. אין יידיש האָט זיך אויף אַזאַ אופן געשאַפן אַן אָריגינעלער מין פּעיאָראַטיוון: אויב דאָס נייטראַלע וואָרט אויף אויסצודריקן אַ באַגריף איז פון איין אָפּשטאַם, קען דאָס צווייטע וואָרט, פון אַן אַנדער אָפּשטאַם, קריגן אַ פּעיאָראַטיוון באַדייט.

אין ליטווישן יידיש, באַזונדערס אין זאַמעט און ביי־זאַמעט, האָבן אויך ליטווישע ליי־ווערטער געקענט ווערן יידישע פּעיאָראַטיוון — אַ סימן, אַז ליטואַניזמען זיינען געווען ברייט פאַרשפּרייט, אַז עס איז ניט געווען קיין סכנה, מען זאָל ניט פאַרשטיין דאָס וואָרט, אַז אַ ריי ליטווישע ליי־ווערטער זיינען שוין געווען איינגעוואָרצלט אין דעם אָרטיקן יידיש.

די פּעיאָראַטיוון פון ליטווישן אָפּשטאַם באַדייטן, ווי בכלל פּעיאָראַטיוון, גרויסע, צו גרויסע אָדער ניט־שיינע, ניט־גוטע זאַכן, פגל. סקרינע 'אַ גרויסער קאַסטן' < ליט. skrynià 'אַ קאַסטן'; קאַפּוֹרע 'אַ פּראָסט, ניט־שיין, צו גרויס היטל' < ליט. kepùrė 'היטל'; זאַמעטער ייד. סרובע 'פּראָסטע, שיטערע, ניט־געשמאַקע זופּ' < sriubà 'זופּ'.

דאָס זעלביקע איז מיט ווערבן, וואָס ווערן באַנוצט צו איראָניזירן אָדער אָפּלאַכן, אָדער אויסצודריקן פאַראַכטונג, פגל. קניסענען זיך 'זיך רויען, אַלץ איבערנישטערן, זיך שטאַרק גראָבן' < knisinéti 'זיך גראָבן'; קאַלבעקענען 'שוואַך קענענדיק די שפּראַך ווי־ניט־איז רעדן (באַזונדערס ליטוויש), קענען זיך צונויפרעדן' < kalbéti 'רעדן'; זאַמעטער ייד. טײַסענען 'פּראַווען, צורעכטמאַכן, פּאָרקען זיך, מיט שוועריקייטן עפּעס מאַכן' < taisýti 'צורעכטמאַכן, רעמאָנטירן'.

צווישן די דערמאָנטע ליי־ווערטער ווערבן טיילן זיך אויס ווערבן, וואָס האָבן אַ פּעיאָראַטיוון באַדייט און גלייכצייטיק זיינען זיי אייגנאַרטיקע אינטענסיווע־איטעראַטיווע ווערבן. דוגמאות: דראַסקענען 'איינגאַנצן צערייסן; זיין גרויסער רייסער פון בגדים, שיך' < draskýti 'רייסן'; צוקירפּענען 'צעשערן אויף קליינע שטיקלעך; שלעכט צעשערן; צעשערן אָן שום ציל' < sukir̃pti 'צעשערן'; שטיפּענען 'שטאַרק פרירן, זייער ליידן פון פראָסט, פאַרפראָרן ווערן' < stìpti 'פרירן'; פּיפּקענען 'אַ סך רייכערן; רייכערן לאָזנדיק אַ סך רויך' < pypkiúoti 'רייכערן'; באַטאַשקענען 'שטאַרק באַשפּריצן (מיט וואַסער, בלאָטע) איינגאַנצן ('ווי גרויס ער איז')' < aptaškýti 'באַשפּריצן'. אַנאַלאָגיש ביי סובסטאַנטיוון: שפּייגע 'גרויסער פראָסט' < spéigas 'פראָסט, גרויסער פראָסט'.

באַזונדערס גרויס איז די גרופּע צונעמעניש. מען קען זיי איינטיילן אויף צוויי קאַטעגאָריעס: אַ טייל פון זיי זיינען אַזוי ווי שטענדיקע עפּיטעטן, וואָס ווערן צוגעגעבן שטענדיק צו די נעמען פון די מענטשן — דאָס זיינען צונעמען פון די מענטשן; אַ צווייטע קאַטעגאָריע זיינען זידלווערטער, מיט וועלכע מען זידלט אָפּ איינער דעם אַנדערן. דוגמאות פון צונעמען: באַלדע 'אומגעשיקטער,

שווערער מענטש׳, באַקעלאָרעס ׳וואַנדערנדיקער מלמד׳, יאָרבאַרזדים ׳שוואַרצבאָרד׳, רודבאַרזדים ׳רויטבאָרד׳, בעדוגנעס ׳זולל וסובא׳, גערווע ׳נאַר, שוטה׳, יאָקסמעס ׳וויצלינג׳, קאַקטע ׳אַ פאַרשוואַרצטער׳, מאַלאַגים ׳ליגנער׳, פאַדעגאַלעס ׳נשרף׳, שאַקאַלע ׳מאָגערער, אויסגעדאַרטער מענטש׳, סווירטים ׳הויכער מאָגערער מענטש׳... — דוגמאות פון זידלווערטער: אַפדריסקאַלעס ׳אָפגעריסענער, האָלעדריגע׳, ביאָיר׳בים ׳פאַסקודסטווע׳, דאָיגנאָרעס ׳זשעדנער מענטש׳, דורנעס ׳טיפש, נאַר׳, פוסדורנעס ׳נאַרישעוואַטער׳, גלושעס ׳שוטה׳, ליומפים ׳גולם, גלאָמפ׳, נעט׳קאַלעס ׳לא⸗יוצלח׳, פאַסיוטאַלעס ׳צעיושעטער, ווילדער מענטש׳, פיקטשורנע ׳מרשעת, בייזע׳, ראַגענע ׳בייזע פרוי׳, שקראַבע, שקראַבאַלע ׳אַלטער אויסגעדאַרטער מענטש׳, טיטנאַגעס ׳איינגעשפאַרטער עקשן; קמצן׳, וועפעלים ׳גלאָמפ, לעקיש׳... (פגל. ווייסענבערג 1926: 85, וואו עס איז אויך געבראַכט געוואָרן אַ קלאַסיפיקאַציע פון צונעמענישן).

## 8. פאַרשידנס

עס זיינען פאַראַן ליי⸗ווערטער, וואָס מען קען זיי ניט צורעכענען צו אַ וואָסערער⸗ניט⸗איז גרופע אָדער מען קען דאָס מאַכן נאָר קינסטלעך. וועלן דאָ ווערן פאַרצייכנט אַ צאָל ליי⸗ווערטער, וואָס זיינען ניט אַריין אין די ראַמען פון דער געגעבענער קלאַסיפיקאַציע. מען דאַרף באַמערקן, אַז די מערהייט פון זיי שטעלט מיט זיך פאָר זייער פאַרשפרייטע ליטואַניזמען אין ליטווישן יידיש.

דוגמאות: באַרשקענען ׳קלאַפערן, קלאַפן׳, בליזגענען ׳גלאַנצן׳, קראָיסטענען ׳אַריבערפעקלען׳, גײַשענען ׳פטרן צייט; זיך פאַרהאַלטן׳, (ס)קראַפשקענען ׳סקראָבען׳, קראַטענען ׳טרייסלען׳, קרושענען ׳(אָנ)שטאָפן, אָנפרעסן׳, אָפטירפענען ׳פאַרשטייפן; ווערן פאַרגליווערט׳, פליאַנט ׳שאָסיי׳, פליקער ׳נאַקעטער, ניט באַדעקטער׳, פורשקענען ׳שפריצן׳, פורטענען ׳טרייסלען׳, שורפעדיק ׳שאָרסטיק׳, טיקענען ׳לויערן׳, וואַרגענען ׳ליידן נויט, מאַטערן זיך׳, דילענען ׳אויסרייבן׳, קויפ: קייפ ׳הכרעה, אויבערוואָג׳, לובעס ׳סטעליע, סופיט׳, קולנע ׳פיאַטע׳, קרואווע ׳הויפן, קופע׳...

XV

# שינויים אין באַדייט

1. די ליטווישע ווערטער, וואָס זיינען אַריין אין יידיש, באַקומען אָפטמאָל אַ נייעם באַדייט, כאָטש עס זיינען פאַראַן אַ סך פאַלן, ווען דער באַדייט פון יידישן ליי⸗ווארט און ליטווישן עטימאָן פאַלן צונויף.

2. אַ סך ליטווישע ליי⸗ווערטער האָבן געקראָגן אין יידיש אַ פעיאָראַטיווע באַפאַרבונג, וואָס אין ליטוויש האָבן זיי ניט געהאַט; אַ טייל ווערבן קריגן אַן אינטענסיוו⸗איטעראַטיווע אייגנאַרטיקייט (זע XIV, 7).

3. זייער אָפט ווערט דער באַדייט פון די ליי⸗ווערטער שמעלער אָדער מער ספעציאַליזירט לגבי זייערע ליטווישע פראָטאָטיפן; למשל:

baidýti איז ׳שרעקן׳, ביידענען איז ׳שרעקן בהמות, הינער... (ניט מענטשן)׳ זיך ביידענען ׳זיך שרעקן (דער עיקר וועגן פערד)׳.

stìpti קען באַדייטן אָדער ׳פרירן, ליידן פון קעלט׳ אָדער ׳פגרן׳, דאַן ווען שטיפענען — איז נאָר ׳פרירן׳.

דאָס ליטווישע וואָרט kam̃pas האָט אַ צאָל באַדייטן, אָבער צום אָפטסטן — ׳ווינקל׳; אין יידיש איז אַריין קאַמפע: קאָמפע מיט אַ זייטיקן באַדייט ׳אַ דיקע, ניט פיין אָפגעשניטענע המוציא׳, אין ליטוויש ׳אַ נאַקרייציק (ברויט)׳.

איך האָב אין פאָפעלאַן אַ סך מאָל געהערט אויף יידיש אַ פאַוואַרגאַלע וועגן אַ מאָגערער, קרענקלעכער הון, אין ליטוויש איז pavar̃gėlė אַן ׳אָרעמע פרוי׳.

išnỹkti ׳פאַרשווינדן׳ איז אין יידישן אויסניקענען געוואָרן ׳אויסגיין (וועגן פייער)׳.

4. עס זיינען פאַראַן פאַלן, ווען פון עטלעכע באַדייטן פון אַ ליטוויש וואָרט איז אין יידיש אַריין בלויז דער פיגוראַטיווער באַדייט, למשל rãgana איז ׳מכשפה׳, אָבער פיגוראַטיוו אויך ׳אַ בייזע פרוי׳; אין יידיש איז ראַגענע נאָר ׳מרשעת, בייזע פרוי׳. פאַר דעם ניט⸗פיגוראַטיוון באַדייט איז געבליבן דאָס וואָרט פון העברעאישן אָפשטאַם (מכשפה).

5. אינטערעסאַנט איז די אַנטוויקלונג פון באַדייט אונטער דער השפעה פון ליטוויש. דער יידישער אַדיעקטיוו פראָסטער ווערט באַנוצט אין זין ׳פשוטער, איינפאַכער; געוויינלעכער׳. דאָס וואָרט איז פון סלאַווישן אָפשטאַם. אויך דאָס ליטווישע וואָרט prãstas איז פון סלאַווישן אָפשטאַם, אָבער זיין הויפט⸗באַדייט איז ׳שלעכטער׳. אין ליטווישן יידיש איז אויך זייער פאַרשפרייט דער ליטווישער באַדייט: פראָסטע ערד, פראָסטע שיך, פראָסטע ביר, פראָסטע באַלעבאָסטע, פראָסטע איבערזעצונג. דאָס האָט זיך אַנטוויקלט אַנאַלאָגיש צו ליטוויש.

אין די פאַרמלחמהדיקע יאָרן אין מאַריאַמפּאָלער קרייז פלעגן יידן, וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט לאַנדווירטשאַפט, זאָגן: די קאָרן שווימען אין זין די קאָרן לאָזן זאַנגען. אַזאַ ניט⸗געוויינלעכער יידישער אויסדרוק

האָט זיך געשאַפן צוליב דער נאָענטקייט אין ליטוויש פון צוויי ווערטער, וואָס באַדייטן צוויי פאַרשידענע באַגריפן: plaũkia 'זיי שווימען' און pláukia 'זיי לאָזן זאַנגען, זיי זאַנגלען זיך'. דעם אונטערשייד פון אינטאָנאַציעס אין די ליטווישע ווערטער (áu ~ aũ) האָבן יידן געקענט ניט דערהערן און עס קען זיין, אַז אין זייער געגנט איז אויך אין ליטוויש ניטאָ קיין אונטערשייד (דעריבער ווערט אין סטאַנדאַרד ליטוויש אין צווייטן באַדייט מער רעקאָמענדירט pláukėja, ניט pláukia). די יידן האָבן אונטער דער השפעה פון ליטוויש פאַרברייטערט דעם באַנוץ פון וואָרט שווימען, אים צוגעגעבן דעם צווייטן באַדייט לאָזן זאַנגען אַנאַלאָגיש צו ליטוויש. פגל. שקליאַר 1933: 66 א.וו., וואו עס זיינען פאַראַן ווייסרוסישע אַנאַלאָגן).

# רשימה פון ליטואַניזמען

**אוֹבאַגים** דער — בט; פמפ אָרעמאַן, בעטלער (עפּטער ווען ניט קיין יידן) < ùbagas (דאָס ליטווישע וואָרט איז פון סלאַווישן אָפּשטאַם: אַלט־פּויליש אָדער ווייַסרוסיש ubog[i]; זע פרענקעל 1962–1965: 1196).

**אַוועקבייַגענען זיך** — שק; שלוו ענדיקן זיך, אויסגיין ווי אַ ליכט; זי בייַגעט זיך אַוועק — זי האַלט בייַם שטאַרבן < baĩgtis (1 'זיך ענדיקן'; 2 'שטאַרבן, פּגרן'; nusibaĩgti 'שטאַרבן, פּגרן'.

**אַוועקטופּענען זיך** — פּפּ, שלוו, טרש, בט; פש, פמפ, פּנוו, אַנ; קורל (ווייַנרייַך 1923) זיך אַראָפּלאָזן אויף די קאָרטעטשקעס < atsitũ̃pti.

**אוֹזגאַלעם** דער — בט די הינטערברעט פון אַ וואָגן, וואָס לאָזט ניט אַרויספאַלן די זאַכן, וואָס מען פירט < ùžgalis.

**אוזענען, אוזשענען** — פּפּ, טרש, שלוו, בט, מושק, זשג; ברז; שק, וולקוו רוישן, זשוזשען, זשומען; עס אוזעט מיר אין די אויערן; בינען אוזענען < ũ̃žti; זע נאָך הוזענען.

**אוֹזפּעצקים** דער — בט, טרש, פּפּ דאָס אָרט הינטערן אויוון. ווען אַ מענטש זאָגט ניט זיין מיינונג אין געזעלשאַפט (פון מורא אָדער ווייַל ער שעמט זיך) און אין דער היים רעדט ער דרייסט אָדער מיט גאווה, זאָגט מען: ער איז אַ גאַנצער מענטש אין [הינטערן] אוזפּעצקים; וועגן אַ פּחדן זאָגט מען: ער האָט זיך געהאַלטן [ליגט] הינטערן אוזפּעצקים < ùžpečkis.

**אוֹזשקומב(ע)רעם** דער — בט, רגוו אַ פינצטערע הינטערקאַמער (פאַר שפּייַז און חפצים), געוויינלעך הינטער דער קיך < ùžkambaris; דיאַלעקטישער איבערגאַנג פון am אויף um (זע אויבן XI, 6).

**אוֹזשקורעס, אוזקורעס** דער — פמפ, רגוו, פּנוו אַ מאַן, וואָס נאָך דער חתונה נעמט אים די פרוי אַרייַן אין אירווירטשאַפט, שטוב < užkurỹs, גען. ùžkurio.

**אָיגינטעלים** דער — שלוו אַ צונאָמען אויפן גאַנצן לעבן פון אַ יתום, וואָס פרעמדע מענטשן האָבן אים אויסגעהאָדעוועט < augìntinis 'האָדע־וואַניק, אַדאָפּטירט יינגל'; אינטערעסאַנט, אַז אין יידיש איז באַנוצט אַן אַנדער סופיקס (־עלים), אָבער אויך אַ ליטווישער.

**אָיטע** די — פּפּ, טרש, מושק, זשג; קדן, פמפ; אַליטע, וולקוו אָנוטשע, פוסשמאַטע (אָנשטאָט אַ זאָק); פיג. שמאַטע; ער איז אָנגעטאָן אין אָיטעס (און שמאַטעס) < aũtas.

**אויסבלאָנדענען זיך** (פון שלאָף) — זש אויסטשוכען זיך (פון שלאָף), שווער אויפמאַכן די אויגן (פון שלאָף) < išsiblandýti.

**אויסבלאַשקענען** — פמפ דרעשן תבואה קלאַפּנדיק די סנאָפּעס אָן אַ קעגנשטאַנד < (iš)blõkšti, איצט. blãškia.

**אויסגעדיקעטער** — פּפּ, זשג, טרש, שלוו, בט; שק זייער צעלאָזענער, צעבאַלעוועטער (קינד) < išdỹkęs.

**אויסגעטראַקעט** — מאַרק 1951 דער פערד האָט אויסגעטראַקעט — דער פערד איז געוואָרן ווילד, מען קען אים ניט אייַנהאַלטן < patrãkęs 'ווילד (משוגע) געוואָרן'.

**אויסגעפּורעטער** — פּפּ, טרש; אויסגעפּורקעטער — זשג פון אינעווייניק אייַנגעפוילט, שוואָמאַרטיק, ווייך (דער עיקר וועגן רעטעך, רעטעכלעך); אויסגעפּורעטער רעטעך; אויך פיג.: אַן אויסגעפּורעטער אַלטער בחור (שלוו) < išpùręs, išpùrtęs.

**אויסדולקענען** — פּפּ, טרש, בט, שלוו; פמפ אויסקלאַפּן (דעם שטויב); אויסדולקענען דעם טעפּעך < išdùlkinti.

**אויסדינגענען** — פּפּ, טרש, שלוו, בט; פמפ, סרד

אַרויסשפּראָצן, לאָזן אויסשפּראָצונגען (שפּראָצלינגען), אויסוואַקסן; די בולוועס זײַנען אויסגעדיגעטע [מיט אויסשפּראָצונגען]; די קאָרן איז פון רעגן אויסגעדיגעט, פּראָסטער (פּמפּ, פּפּ) < dýgti, sudýgti.

אויסדילענען זיך, אָפּדילענען זיך – גאַנץ ליטע און אויסער ליטע; קורל (קלמנאָוויטש 1926: 170), גראָדנע, טאָרון און דעמביץ (אין קראָקעווער קאַנט! — פּיל. שר. II 487³) דורך רײַבונג זיך אָפּנוצן, זיך אָפּרײַבן, זיך אָפּשײַערן. באַזונדערס אָפט ווערט אויפגעטראָפן דער אַדיעקטיווירטער פּאַרטיציפּ אויסגעדילעט: אַן אויסגעדילעטער מעסער; אַן אויסגעדילעטער אַקס אין ראָד, אויך פיג.: אַן אויסגעדילעטער מח; דײַן אַלטער [מאַן] האָט זיך שוין גאָר אויסגעדילעט < išdìlti.

אויסזווירענען – וולק אויסגלאָצן, אויסטאַראַשטשען. אויסגעזווירעט די אויגן — אויסגעגלאָצט די אויגן < פאַלש פאַרשטאַנען דאָס ליטווישע וואָרט žvairúoti 'קוקן קאַסאָקע, שיקלדיק'; אויך לעטיש zveirêt; דאָס יידישע וואָרט איז פאַרשריבן אין ווילקאָמיר, וואו לעטישע השפּעה איז ניט וואַרשיינלעך.

אויסטורלענען – פּפּ, זשג אַבי ווי אויסוואַשן (וועש). זע טורלענען.

אויסטשולפּענען – פּפּ, פּמפּ אויסזייגן; ער האָט מיר אויסגעטשולפּעט די בלוט < iščiul̃pti.

אויסלאַקענען – זע לאַקענען.

אויסמיטענען – פּפּ; פּמפּ אויסהאָדעווען (אַ בהמה) < išmìtinti.

אויסמײַטי́נען זיך – שלוו דורכקומען, דורכלעבן; ער מײַטינעט זיך אויס — ער קומט ווי־ניט־איז דורך, ער האָט פון וואָס צו לעבן < iššimaitìnti.

אויסניקענען — זע ניקענען.

אויספּורטענען – בט; פּמפּ אויסטרייסלען (אַ זאַק) < išpùrtyti.

אויסקאַרשענען – פּפּ, זשג, שלוו, שט; פּמפּ, ברז, פּש; שק אויסקעמען, אויסגרעמפּליעווען (וואָל) < iškar̃šti.

אויפדראַסקענען — זע דראַסקענען.

או́נגורעס דער (אצ און מצ) – בלג, געדרייץ אָלפּיש, ווענגער (unguilla) < ungurỹs.

אוקנאָ́לע(ס) דאָס רוב מצ – שלוו; פּש, פּמפּ; קנאָלע(ס) פּש אַ טשוועק אויף צוצוקלאַפּן פּאָדקעוועס < uknõliai.

או́קעניק דער – פּש אַ דאָרפישער באַלעבאָס, אַ (רײַכערער) פּויער < ū́kininkas.

אורווע די – פּפּ, טרש, בט, שוו, זשג, של; רגוו, פּמפּ, פּנוו נאָרע, לאָך, הייל < ur̃vas.

אַטאָ́לעס מצ – בט; שר; אַ́טעלעס פלנג גראָז, היי פון צווייטן יאָרשניט < atólas (אין ליטוויש — איינצאָל).

אײַנבאָיגענען – טרש אײַנשרעקן < įbaugìnti; פגל. באָיגע(ר).

אײַנגעמורזעט – טרש; פּש אויסגעשמירט, אויסגעפּאַטשקעט, ניט ריין < išmur̃zintas.

אײַנטאַשקענען – פּפּ, בט, טרש, שלוו; פּמפּ, רגוו באַשפּריצן מיט פליסיקײַט, מיט בלאָטע, ליים א.א.וו. ער איז אײַנגעטאַשקעט (אָפּגעטאַשקעט, פאַרטאַשקעט) ווי גרויס ער איז < aptaškýti; פגל. טאַשקענען.

אײַנטופּענען זיך — זע אַראָפּטופּענען זיך.

אײַנטײַסענען – זאַמעט, מאַרק 1971: 1162 אַרײַנשטעלן, אַרײַנפּאַסן, אײַנטײַסענען די פלעקלעך אין צאַם < įtaisýti.

אײַנטיקענען – שק זיך סטאַרען געפעלן, צוטרעפן וואָס אַ צווייטן געפעלט < įtìkti.

אײַניוקסן – זאַמעט, קורל, מאַרק 1971: 1967 אײַנברודיקן, מאַכן עס זאָל ווערן אַ יוקס, אַ גאָרנישט, אַ שמאַטע; אײַניוקסן אַ קליידל, וואָס מען קען נאָך טראָגן; פגל. יוקש², יוקשיקער.

אײַנסנאָידענען, אײַנסנאָידזענען – פּפּ, טרש, שוו, שלו, בט, זשג, של; פּמפּ, פּנוו, פּש, ברז אײַנדרעמלען. פגל. סנאָיד(ז)ענען < užsnū́sti, snáusti.

אילגאַ – מאַרק 1971: 1254 < ìlgas 'לאַנגער': אָנהייב פון עטלעכע פּעיאָראַטיווע ווערטער אין לשון פון קאַראַבעלניקעס אין דער ליטע: אילגאַאָ́דעגים < ilgauodẽgis לאַנגוויידלדיקער, גרויסער נאַר; אילגאַלעזו́אווים < ilgaliežùvis ווער עס האָט אַ לאַנגע צונג, פּלאַפּלער; אילגאַנאָ́גים < (רוסיש) нога + ilga לאַנגפיסיקער; אילגאַנאָ́סים < ilganõsis לאַנגנאָזיקער, ווער עס שטעקט אומעטום אַרײַן די נאָז; אילגאַסנאַ́פּים < ilgasnãpis לאַנגשנאָבלדיקער, פּלאַפּלער, אויך פרעסער; אילגאַפּי́רסטים < ilgapir̃štis לאַנגפינגערדיקער, גנב; אילגאַקאָ́אים < ilgakõjis לאַנגפיסיקער; אילגאַקאַ́קלים < ilgakãklis לאַנגהאַלדזיקער. די לעצטע צוויי ווערטער אין לשון פון פערדהענדלער, גענוצט וועגן פערד לשבח.

**אַלגאַנוֹטים** דער — מאַרק 1971: 1358 אין לשון פון קאַראַבעלניקעס, דאָרפסגייער אין ליטע: לוינאַרבעטער (בײַ אַ פּויער); פגל. אַלגע; אינטערעסאַנט, אַז אַזאַ וואָרט איז אין פילבענדיקן אַקאַדעמישן ווערטערבוך פון ליטוויש ניט רעגיסטרירט, אָנשטאָט אים ווערט אין ליטוויש געוויינלעך באַנוצט alginiñkas אָדער (זעלטן) algõčius. עס זעט אויס, אַז דאָס וואָרט האָבן לויטן ליטווישן נוסח געבילדעט די יידישע דאָרפסגייער.

**אַלגע** די — מאַרק 1971: 1358 אין לשון פון קאַראַבעלניקעס, דאָרפסגייער אין ליטע — שכירות; זיצן אַ וואָך בײַם פּויער, נייען און לאַטענען אויף אַלגע < algà 'שכירות'.

**אַלקסנע** די — פּפּ, טרש, מזשק, שלוו, שוו, שקד, פּלנג, בט, ושג, של (זאַמעט); **אַלקסנעס** דער — פּש; **עלקסנע** די — פּמפּ. ווײַטער פון זאַמעט: אָלכע (בוים) < al̃ksnis און el̃ksnis. אויך לעטיש elksnis, alksnis (מילענבאַך 1923, I: 68).

**אָנבירבענען זיך** — מאַרק 1971: 1437, זאַמעט פּעיאָראַטיוו: אָנוויינען זיך (באַזונדערס וועגן אַ קינד) < prisibir̃bti.

**אָנגעקורסעט** (?) אַדי — פּאַרטיציפּ פון 'אָנקורסענען', ליט. kursti — אָנגעבויגן, אײַנגעבויגן גיין, זיצן, שטיין (מאַרק 1971: 1473). דאָ מוז זײַן אַ טעות אָדער דרוקפעלער: kur̃sti איז אויף ליטוויש 'טויב ווערן'. פּאַמעלעך גיין; אַרבעטן אײַנגעבויגן, אויסשטעלנדיק דעם הינטערטייל הייסט אין ליטוויש tur̃sinti אָדער tursóti. אפשר האָט דאָ געדאַרפט זײַן אײַנגעטורסעט, אָבער אין מײַן זאַמלונג איז אַזאַ וואָרט ניטאָ.

**אָנוואַרגענען זיך** — זאַמעט; מאַרק 1971: 1510 אָנמאַטערן זיך; אָנוואַרגענען זיך בײַ דער אַרבעט; אָנוואַרגענען זיך אַ גאַנצן לעבן < privar̃gti, išvar̃gti.

**אָנזשליוגענען** — זע זשליוגענען.

**אַנטרעני(נ)ק** דער — שק; מאַרק 1971: 1579 אַרויסהעלפער, אונטערשטופּער, אָנפאַנגער. פּאַטשקע זיך ניט, דו ביסט דאָך נאָר אַן אַנטרעניק, לאָז צו אַ בעל־מלאכה < añtrininkas.

**אָנלאָבענען** — זע לאָבענען.

**אָנלופּענ(ען)** — מאַרק 1971: 1180 1) אָנקאַלופּען; אָנלופּען שטיקער פון גאַנצן לאַבן ברויט; אָנלופּען קאָרע פון בוים. 2) אָנברעכן די ביינער, אָנשלאָגן < prilùpti. **אָנלופּענ(ען) זיך** — אָנפרעסן זיך; זיך אָנלופּען מיט קאַרטאָפל < prisilùpti.

**אָנמול(י)ענען** — גאַנץ ליטע; מאַרק 1971: 1598 1) אָנזייפן (מאַכן אַ מוליענע); אָנמוליענען וועש, וואַסער; אָנמוליענען די פאַרצע פאַרן גאָלן < įmuĩlinti; 2) פיג. אָפּנאַרן, פאַרפירן < apmuĩlinti.

**אָנמורזענען** — פּפּ, ושג; מאַרק 1971: 1599 אָנפּאַטשקען, אויסשמירן, אײַנריכטן (דער עיקר דאָס פּנים); אָנמורזענען דעם שיינעם פּנימל < išmur̃zinti.

**אָנספּראָגענען** — פּפּ, שלוו, טרש, בט אָנפרעסן זיך, אַ סך זיך אָנעסן < prisisprógti.

**אָנסקינענען** — ושג; פּנוו, קוור, בלנ אָנרײַסן (בלומען, גראָז, יאַגדעס) < (pri)skìnti.

**אָנפּושנענען** — פּפּ, טרש, ושג, פּלנג; פּמפּ, רגוו, שט, שר אָנווייען (אָנבלאָזן, אָנטראָגן) שניי; עס האָט אָנגעפּושנעט גאַנצע בערג שניי < pripustýti, pripusnýti. פגל. פּושנע.

**אָנפּיפּקענען** — גאַנץ ליטע; **אָנפּיפּקען** — מאַרק 1971: 1616 אָנלאָזן אַ סך רויך פון אַ פּיפּקע, ליולקע < pripypkiúoti; זייער פאַרשפּרייט איז דער פּאַרטיציפּ **אָנגעפּיפּקעט** — מאַרק 1971: 1469 פול מיט רויך פון אַ פּיפּקע; שווער צו אָטעמען אין אַן אָנגעפּיפּקעטן צימערל; דער וויכוח איז געווען אַן אומקלאָרער, אַ פאַררייכערטער, אַן אָנגעפּיפּקעטער.

**אָסע** די — פּפּ אַשבוים, יאַסען, יאַסינע < úosis.

**אָפּבאַלדענען זיך** — פּפּ, ווקש, שלוו, מזשק, של, ושג; קדן; פּנוו, פּמפּ זיך אַרומשלעפּן, אַרומבלאָנקען (ביז); זיך אָפּבאַלדענען ביז שפּעט אין דער נאַכט < išsibáldyti.

**אָפּבירבענען** — ליטע, עסטלאַנד אַ לאַנגע צײַט וויינען (באַזונדערס וועגן קינדער). ער [דאָס קינד] האָט אָפּגעבירבעט די גאַנצע נאַכט < prabir̃bti; פגל. בירבענען.

**אָפּבלערענען** — פּפּ, טרש; עסטלאַנד אָפּוויינען, אָפּפּלאַנכענען אויפן קול אַ געוויסע צײַט (באַזונדערס וועגן אַ קינד); אָפּגעבלערעט אַ גאַנצן אָוונט < išbler̃bti.

**אָפּגײַשענען, אָפּגײַסענען** — גאַנץ ליטע זיך פאַרהאַלטן, פּטרן צײַט; ער האָט דאָרט אָפּגעגײַשעט אַ גאַנצן טאָג < sugaĩšti.

אָפּגעבלוקעט – פּש אָפּגעבליאַקעוועט, אָפּגעקראָכן, אָפּגעשאָסן, אָפּגעבלייכט (ווענן קאָליר, בגד) < nublùkęs.

אָפּגעדראַסקעט – זאַמעט אָפּגעריסן, אָפּגעריסן־אָפּגעשליסן < apdrìskęs; די יידישע פאָרמע איז פון apdraskýti 'אַרומרײַסן, אָפּטראָגן' — אַן אַדיעקטיווירטער פאַרטיציפּ.

אָפּגעדריסקעט – פּפּ; פּש אָפּגעריסן־אָפּגעשליסן, קרוע־בלועדיק < apdrìskęs.

אָפּגעשושקעט – פּפּ, זשג, שלוו; פּש; קנ אויסגעקראָכן, אָפּגעקראָכן, אָפּגעריבן, באַזונדערס ווענן אַ פעלצענעם קראַגן, פעלץ, אויך אַ בגד; פיג.: אַן אָפּגעריסענער (מענטש) < pašiùšęs.

אָפּדילענען — זע אויסדילענען.

אַפּדר׳סקאַלעם דער – שר אַן אָפּגעריסענער מענטש, האָלעדראַנעץ < apdrìskėlis.

אָפּוואַרגענען — זע וואַרגענען.

אַפּושע די – פּפּ, זשג, טרש, שוו, שקד, פּלנג; פּנוו, פּמפּ, שטו; עָפּושע – וולק, פּש אָסינע (בוים), ציטער־טאָפּאָל (populus tremula) < ãpušė און (מזרח ליטע) ẽpušė.

אַפּושענער אַדי — פון אַפּושע; אַפּושענע האָלץ < apušìnis און ãpušinis.

אַפּזעלענען – בט באַוואַקסן מיט האָר < apžélti; אויף ליטוויש איז želti אַ ברייטערער באַגריף: 'גרין וואַקסן' (למשל ווענן גראָז); פיג. אויך ווענן האָר אויפן קאָפּ און אין באָרד. אין יידיש איז באַנוצט נאָר ווענן האָר.

אַפּזש׳נדאַלעם – פּאָנעוועזשער ראַיאָן; אַפּ־זשינדאַלעם – געהערט אין אַ קאָוונער משפחה. געקומען פון קיידאַן אַ קינד, וואָס די מאַמע האָט געהאַט אַנטווײנט און נאָכדעם ווידער אָנגעהויבן צו זייגן. פון אַזאַ קינד וואַקסט אויס אַ שלעכטער מענטש, אַ גנב, אַ גזלן. ווען ער ווערט אַ דערוואַקסענער, האָט ער בייזע אויגן: אויף וואָס ער גיט אַ קוק, גיט ער אַן 'עין־הרע', מאַכט ער קאַליע < atžìndėlis, לעטיש atžîdelis (מילענבאַך 1923, I: 213). פּראָפ. מ. בירזשישקאַ אין דער פאַרמלחמהדיקער ליטווישער ענציקלאָפּעדיע (1933: II 33) בײַם וואָרט atžinda שרײַבט, אַז 'די זעלביקע גלייבענישן האָבן לעטן (ļaunas acis), סלאַוון..., דײַטשן (böser Blick), יידן' אָבער פון דעם אַרטיקל איז ניט קלאָר, צי מענטשן גלייבן, אַז נאָר אַן אַפּזשינדאַלעם קען געבן אַן עין־הרע אָדער אויך אַנדערע קענען האָבן 'בייזע אויגן'. אין יידיש איז פאָרגעקומען אַ דיסימילאַציע פון דענטאַלן עקספּלאָסיוו t פאַרן דענטאַלן ציש־קלאַנג ž און t איז געוואָרן p: atžindėlis איז געוואָרן 'אַפּזשינדאַלעם'. אינטערעסאַנט, אַז אויך אין יידיש זײַנען פאַרצייכנט ביידע אַקצענטן ווי אין ליטוויש atžìndėlis און ãtžinduolis.

אָפּטירפּענען – פּפּ, זשג, שלוו, בט, טרש, שוו פאַרגליווערן, פאַרשטײַפן, פאַרשטאַרן; אָפּנעמען, ווערן פאַרגליווערט, ווערן פאַרשטײַפט; איך האָב אָפּגעטירפּעט אַ פוס; מײַן רעכטע פוס (האַנט) איז אָפּגעטירפּעט [אָפּגענומען] < nutiȓpti.

אָפּסנאָיד(ז)ענען — אָפּדרעמלען (אַ געוויסע צײַט). זע סנאָיד(ז)ענען.

אָפּק(אַ)נויקענען, אָפּנויקענען — זע קנויקענען.

אָפּקירפּענען – פּפּ, טרש, שלוו, שוו, בט, זשג; ברז, רגוו, פּמפּ, פּנוו, וולק, קוור; שק אָפּשערן ניט ווי עס דאַרף צו זײַן, ניט שיין אָפּשערן < apkiȓpti (ליטוויש ניט פּעיאָראַטיוו).

אָפּקנאַרקענען – פּפּ, בט אין שפּעט־לשון: אָפּכראָפּען (אַ לאַנגע צײַט); אָפּגעקנאַרקעט אַ האַלבע נאַכט; פגל. קנאַרקענען < išknaȓkti.

אָפּקניבענען זיך — זע קניבענען זיך; אָפּקניבענען זיך ביז פונאָוונט < praknibinéti.

אָפּרעקענען — גראָב אָפּשנײַדן ברויט, אָפּשנײַדן ניט קיין שיינע המוציאס < atriẽkti, nuriẽkti.

אַקסל מצ – בט, שלוו שטרוי צעשניטענע אין קליינע שטיקעלעך אויף פוטער פאַר בהמות. אַקסל שנײַדן < ãkselis; דער אָפּשטאַם פון ליטווישן וואָרט איז אַ דײַטשישער (זע פרענקעל 1962, I: 5), ווי אויך פון לעטישן akseļi (מילענבאַך 1923, I: 65), אָבער די געאָגראַפיע פון יידישן וואָרט (זאַמעט) ווײַזט די השפּעה פון ליטוויש: אין ווילקאָמיר (מזרח ליטע) באַנוצן די יידן דאָס סלאַווישע לײַ־וואָרט 'סעטשקע' (פון פּוילישן sieczka). פאַר יידיש איז דאָס אַ כאַראַקטעריסטישע דערשײַנונג: אָנשטאָט פיל זאַמעטער ליטווישע לײַ־ווערטער ווערן אין מזרחדיקע אָרטשאַפטן פון ליטע באַנוצט סלאַווזמען.

אַראָפּטופּענען זיך — זע אַוועקטופּענען זיך.

אַרויסגאַבענען זיך – רגוו, פּנוו, קוור, בט אַרויספּעקלען זיך (פון ערגעצוואו), אַרויסקלײַבן זיך, אַרויספּאָרן; פגל. גאַבענען זיך < išsigabénti.

אַרויסקראָיסטענען — זע קראָיסטענען.
אַרומבאַלדענען זיך — פּפּ, ווקש, שלוו, מזשק, של, זשג; קדן, פּנוו, פּמפּ אַרומשלעפּן זיך, אַרומשליאָנדערן. גאַנצענע טעג באַלדעט ער זיך אַרום < báldytis; פּגל. באַלדענען זיך.
אַרומדראַסקענען — אַרומרײַסן אַ סך (אָדער פֿון אַלע) זײַטן < apdraskýti; זע דראַסקענען.
אַרומקירפּענען — ניט גלײַך, ניט שיין אַרומשערן < apkir̃pti; ליטוויש ניט פּעיאָראַטיוו; זע קירפּענען.
אַרונטערטופּענען זיך — זע אַוועקטופּענען זיך.
אַריבערגאַבענען זיך — רגוו, פּנוו, קוור; בט אַריבערפּעקלען זיך (פֿון ערגעצוואו), אַריבערקלײַבן זיך, אַריבערפֿאָרן; פּגל. גאַבענען זיך < pérsigabenti.
אַריבערקראָיסטענען זיך — זע קראָיסטענען.
אַרײַנגלעמזענען — זע גלעמזענען.
אַרײַנקראָיסטענען — זע קראָיסטענען.
אָרע די — פּש אַ גרויסער וואָגן מיט הויכע זײַטנברעטער (פֿאַר היי וכדומה) < דיאַל. úorė.
אַ́שעקעס מצ — פּמפּ קלײַען, מעקענע (פֿון תּבֿואה־קערנער) < ãšakos.
באַבאַלע די — פּפּ, טרש, שלוו, שקד, זשג, של; פּש, פּנוו, קנ (גאַנץ ליטע?); עסטלאַנד, מסתּמא אויך לעטלאַנד קריכעדיקער אינסעקט (באַליביקער); זשוק < vãbalas; לעט. vabals, vabale 'זשוק'. דער ב וואָרט־אײַן איז אָדער אַ רעזולטאַט פֿון רעגרעסיווער אַסימילאַציע אָדער ער האָט זיך געשאַפֿן אונטער דער ווירקונג פֿון וואָרט bam̃balas (לעטיש bambals), וואָס האָט מערערע באַדײַטן, צווישן זיי אויך אַ מין זשוק.
באָזשים דער — זשג אַ פּראָסטער מענטש, אַ גראָבע זאַך < búožė; איינער פֿון אַ סך באַדײַטן פֿונעם ליטווישן וואָרט איז 'נאַרישער קאָפּ'.
באַזשליוגענען (עפּעטער מיט זיך) — פּפּ, טרש, שלוו, בט; פּמפּ, וולק לאָזן אורין, משתין זײַן, אָפּשלאָגן וואַסער, באַזונדערס וועגן אַ קינד; ער האָט זיך באַזשליוגעט < žliùginti בכלל 'נאַס מאַכן'.
באַטאַשקענען — זע טאַשקענען; באַשפּריצן מיט פֿליסיקײַט, מיט וואַסער, בלאָטע, ליים א.א.וו. מיט קאָנווערבן: באַטאַשקענען, אײַנ־טאַשקענען, אָפּטאַשקענען, פֿאַרטאַשקענען; ער איז באַטאַשקעט ווי גרויס ער איז; דער וואָגן איז דורכגעפֿאָרן דורך אַ לוזשע און באַטאַשקעט דעם פֿאַרבײַגייער < aptaškýti.

באַטעם מצ — בט, טרש גרויסע שווערע ניט שיינע שיך. אין מזרח ליטע ווערט אין דעם פּעיאָראַטיוון זין באַנוצט בוטעם — שר (< פּויליש bót); באָיטרעם וולק (אָפּשטאַם?). דער ליטווישער bãtas שטאַמט אויך פֿון אַלט פּויליש bot אָדער ווײַסרוסיש botъ (פֿרענקעל 1962 I: 36). אין ליטווישן יידיש ווערט אין דעם זעלביקן באַדײַט באַנוצט טשעבאַטעס (זע ווײַטער), אויך פֿון ליטוויש (אָפּשטאַם סלאַווישער).
באָיבענען — פּש ברומען; ער באָיבעט ווי אַן אָקס < baũbti.
באָיגע די — טרש, של שרעק; עס איז אַ באָיגע אַרויסצוגיין אין גאַס; עס כאַפּט אַ באָיגע < baugù.
באָיגער — פּפּ, טרש; באַוגער — בט שרעקעוודיקער; אַ באָיגער פֿערד < baugùs.
באַלאַ́נע די — פּש שפּאָן, שפּענדל, סקאַלקע, קינעלע, שאַקלקע < balanà פֿון ווײַסרוסיש balana.
באַלגאַ́לווע די — פּש ווײַסקעפּיקע, מיט אַ ווײַסן קאָפּ < bal(t)gal̃vė.
באַלדע די — פּפּ, טרש, מזשק, בט, שלוו; של, זשג; רגוו; קנ 1) אַ שווערע שטיק מעבל (וואָס עס איז שווער צו רוקן פֿון אָרט); 2) אַ שווערער, אומגעלומפּערטער, אומגעשיקטער מענטש; חיה די באַלדע (צונאָמען) < bal̃das, געוויינלעך מצ bal̃dai.
באַלדענען זיך — פּפּ, ווקש, שלוו, מזשק; של, זשג; קד, פּנוו, פּמפּ (אין פּמפּ אויך בעלדענען זיך) זיך אַרומשלעפּן, אַרומשליאָנדרעווען < báldytis.
באַלנוגאַ́רע די — בט (וועגן אַ קו) מיט אַ ווײַסן רוקן < bal(t)nugãrė.
באַלע די — פּש זומפּ, בלאָטע < balà.
באָמע די — וולק, זשג, קורל (ווײַנרײַך 1923: 212) אַ דיקער רונדער הילצערנער שטאַנג < búomas, לעט. buomis (שטאַמט פֿון מיטל־נידער־דײַטש bōm 'בוים' (פֿרענקעל 1962-1965: 64).
באַנדע די — בט, שלוו; פּמפּ; שק; עסטלאַנד (טאַרטו) סטאַדע; אַ באַנדע בהמות < bandà.
באָנדע די — מאַרק 1951, סטוטשקאָוו 1950: 222 אַ גרעסערע בולקע, רונד אָדער אָוואַל, געוויינלעך פֿון גראָבע ווייצענע מעל, אָבער עס קען אויך זײַן אַ קאָרענע באָנדע. דער אויסדרוק 'קאָרענע באָנדע' באַדײַט אויך: ניט ראַפֿינירטער מענטש, אַ גראָבער נפֿש. עס זײַנען געווען הערינג־באָנדעס, פֿלייש־באָנדעס, לונג־באָנדעס, דאָס

הייסט געפּילט מיט הערינג א.א.וו. > bandà.

**באָנדעפּאַדעָק** – זשג אַ נאַרישעוואַטער מענטש, אַ קליינער מח. די ליטווישע העפלעכע ווענדונג 'גאָט (padėk dieve אָדער) põndie padėk העלף' צו אַ מענטש, וואָס אַרבעט, איז אין יידיש געוואָרן אַ סובסטאַנטיוו וואָס באַדײַט: 'אַ מענטש, וואָס נאָר גאָט קען אים העלפן'. ליטוויש põndie איז פאָלקסטימלעכע פאַרקירצונג פון põnas diẽvas 'הער גאָט', אויף יידיש איז דאָס געוואָרן פאָלקסעטימאָלאָגיש באָנדע. אַ צווייטער וואַריאַנט פון דעם יידישן וואָרט איז פּאַדעָקדעווע.

**באַסלעם** דער – פּמפּ פלאָקן > baslỹs.

**באַקאָיפּענען** – שלוו, טרש; **באַקאַופּענען** — בט; שק; **באַקאָפּענען** — שט (אַרומשלאָגן וולק) אַרומ-הויפן, אַרומגראָבן, אַרומשלאָגן; באַקאָיפּענען בולווען, אונערקעם > apkaũpti.

**באַקעלאָרעם** דער — שלוו צונעמעניש פון אַ יידישן וואַנדערנדיקן מלמד, לערער > bakalõrius (פון לאַטייניש baccalaureus).

**באַראַוו'יק** דער – ליטע, עסטלאַנד באַראָוויק, ווײַסשוועמל > baravỹkas און ווײַסרוסיש baravik.

**באַרבענען** – וולק קלימפּערן, גרימפּלען, 'הייזעריק' קלינגען — ווען אַן אײַנגעשפּאָלטענעם ליימענעם טאָפּ > barbéti.

**באַרשקע** די – טרש, שלוו אַ נוס, וואָס עס הערט זיך, ווי אין אים באַוועגט זיך, קלאַפּט די יאָדער; אַ באַרשקע אַ נוס. אַזאַ וואָרט איז אין ליטוויש ניט רעגיסטרירט. זעט אויס, אַז דאָס איז אַ יידישע אייגענע שאַפונג פונעם ווערב באַרשקענען.

**באַרשקענען** – פּפּ, טרש, שלוו, בט, שוו; זשג, של, קרן, שט; פּנוו, פּמפּ, רגוו, וולק קלימפּערן, קלאַפּערן, קלאַפּן; אַ ניט צוגעבונדענער קעגנשטאַנד אין וואָגן באַרשקעט; אַן אײַנגעשפּאָלטענער טאָפּ (באַזונדערס ליימענער) באַרשקעט > barškéti.

**בוגע** — פלנג שרעק, מורא; עס איז אַ בוגע אויף אים צו קוקן — עס איז אַ שרעק אים אָנצוקוקן > bugù.

**בוגענען** – פלנג שרעקן, אַרויסרופן שרעק, אַן אימה; עס בוגעט אים ניט — ער שרעקט זיך ניט > bū́gti 'זיך שרעקן, מורא האָבן'.

**בוטשע** די – פּפּ, בט; וולקוו (אין דרום ליטע זאָל זײַן אויך בוטש) אַזאַ געפלאָכטענער קאָרב צו כאַפּן פיש > bùčius (וואָס שטאַמט פון פויליש bucz, ווײַסרוסישן buč).

**בולבענאָיעם** מצ – רגוו, וולק, שר; **בולבענאָקעם** – פּמפּ די בלעטער און שטענגלעך פון בולבעס > bulbienõkai, bulbienójai.

**בולווע** די – גאַנץ ליטע; סטוטשקאָוו 1950: 222 **בולבע** – געהערט נאָר אין מזרח ליטע: וולק, שר קאַרטאָפל > bùlvė, אויך bùlbė. מ. ווײַנרײַך (ייד. פיל. 1924: 52) האַלט, אַז דאָס וואָרט 'בולבע' שטאַמט פון פויליש, אָבער ער ווײַזט אַליין אָן אַז אין דעם גרעסטן טייל, אפשר אויפן גאַנצן שטח פון פוילישן יידישן דיאַלעקט ווערט דאָס וואָרט 'בולבע' ניט באַנוצט, די ליטוויש-יידישע 'בולווע' דערמאָנט ער ניט (בײַ סטוטשקאָוון זײַנען דאָ ביידע: בולבע און בולווע). געאָגראַפיע פון וואָרט ווײַזט, אַז דאָס וואָרט 'בולווע' איז פון ליטווישן אָפּשטאַם. די קליינע וואַקלונג *b:v* אַנטשפּרעכט, ווי עס ווײַזט אויס, דער וואַקלונג אין ליטוויש; פגל. פויליש bulba, ווײַסרוסיש bulba; לאַטייניש bulbus 'ציבעלע', גריכיש βολβος 'ציבעלע'.

**בוקשטער** – פלנג שרעקעוודיקער; אַ בוקשטער פערד > bugštùs.

**בורבלען** – פלנג מאַכן בורבעלעך, בלעזעלעך > burblénti, burbuliúoti.

**בורבעלע**[1] די – פלנג, מאַרק 1971 בלעזל; אַ בורבעלע אויפן וואַסער; אַ בורבעלע אויפן צונג; גרויס ווי אַ בורבעלע; האַלט אַזוי פיל ווי אַ בורבעלע; הויך ווי אַ בורבעלע אויפן גרעזל > bur̃bulas.

**בורבעלע**[2] דער, די – זשג; פּש באַלבעטון, פּלוידערער; בורטשע > burbẽklis, bùrba.

**בורבענען** – פּפּ. זשג; פּש; מאַרק 1971 מורמלען, שטיל און גיך ריידן; בורבע ניט אָפּ דעם ראַוונען > burbéti.

**בורקענען** – בט וואָרקען (ווען טויבן) > burkúoti.

**ביאָיר'בים** דער – פּפּ, שלוו, טרש, בט; וולקוו; בגסל אַ פּאַסקודנער מענטש, פּאַסקודניק. אין גאַנץ ליטע ווערט גענוצט אין דעם זעלביקן באַדײַט דאָס וואָרט פּאַסקודסטווע > bjaurýbė.

**ביטניק** דער – בגסל, וולק אַ מענטש, וואָס מען האָט מיט אים צו טאָן; אַ חבר, אַ פרײַנט > bìtininkas (1 'בינען-האָדעווער'; 2) 'אַ שותף אין בינען-האָדעוואַניע'; 3) 'פרײַנט, חבר'; אין יידיש איז אַרײַן נאָר דער דריטער באַדײַט פון ליטווישן וואָרט. איצט איז אין ליטוויש אין דעם דריטן באַדײַט 'פרײַנט, חבר' דאָס

פאַרשפרייטסטע וואָרט bičiùlis, אויך פון bìtė 'בין'.

בײַגענען זיך – שלוו; שק ענדיקן זיך, אויסגיין, האַלטן בײַם שטאַרבן אָדער פגרן < baĩgtis.

בײַדי́קלע די – פפ, טרש, מזשק, בט, של; פמפ; מאַרק 1971 סטראַשידלע, פויגל־אָפשרעקער; בכלל אַ מענטש, וואָס שרעקט אָפ מיט זײַן אויסזען. חברה וויצלען זיך אויפן חשבון פון אַ חבר: ער גייט אַרום מיט אַ בײַדיקלע [מיט אַ מיאוס מיידל] < baidỹklė.

בײַדענען – פפ, טרש, מזשק, בט, של; פמפ, פש שרעקן, דערשרעקן (באַזונדערס בהמות, פייגל, ניט מענטשן); בײַדע ניט די פערד, די הינער; בײַדענען זיך — שרעקן זיך (דער עיקר וועגן פערד, אָבער זעלטן אויך וועגן אַנדערע בהמות) < baidýti.

בייקשטער – פמפ שרעקעוודיקער; אַ בייקשטער פערד < baikštùs.

בימבאַלע די – פפ, טרש, מזשק, שוו, בט אַזאַ פליג, וואָס באַפאַלט בהמות, בלינדפליג; זיי זײַנען באַפאַלן ווי בימבאַלעך. ווען פשוטע מענטשן פלעגן זיך בונטעווען קעגן די ראשי הקהל, פלעגט מען אין אַמאָליקע צײַטן זאָגן איראָניש: בימבאַלע ווײַסקע (פפ) — אַן אַרמיי (אַ 'וואָיסק') פון בימבאַלעך < bim̃balas.

בירבע דער, די – בירבאַלעם – פפ; בירבאַלים – מזשק; בירבון – פנוו אַ קינד, וואָס וויינט אַ סך, וואָס בירבעט < bir̃balas. 'בירבע' האָט ניט קיין ליטווישן פראָטאָטיפ; עס זעט אויס, אַז ס'איז אַ יידישער דעריוואַט פון בירבענען.

בירבענען – פפ, טרש, מזשק, בט, שלוו; ברז, שט, רגוו, פש, פמפ, פנוו, וולק, קוור; שק; עסטלאַנד פעיאָראַטיוו: אַ צײַט (לאַנג, אָפט) וויינען, באַזונדערס וועגן קינדער; וואָס בירבעסטו? < bir̃bti.

בלאָיענען (אויך בלאַוענען) — בט וועגן קול פון אַ קאַלב, ציג — בלעקען < bliáuti.

בלאַשקענען זיך – פפ זיך וואַרפן; אַ געקוילעטער האָן בלאַשקעט זיך < blaškýtis.

בלודענען – פמפ; טרש, פפ ריידן נאַרישקײַטן, באָלבענען < blū̃dyti (סלאַוויזם).

בליזגענען (צוגלײַך מיטן סלאַוויזם 'בלישטשענען') — פמפ, שרוו; טרש — גלאַנצן; אַן אָפגעשײַערטע כלי בליזגעט; די סחורה בליזגעט < blizgéti.

בלערענען – פפ, טרש; עסטלאַנד וויינען, פלאַנכענען, יאָמערן, וויינען אויפן קול < bler̃bti.

בעדו́גנעם – שק; שקד צונעמעניש פון אַ זולל וסובא, גרויסן אַכלער, צעלאָזענעם האַלדז; צו ביסטו אַ בעדוגנעם, אַז דו פרעסט אַזויפיל! (שקד) < bedùgnis 'אָן אַ דעק'.

בעלדענען זיך — זע באַלדענען זיך.

בעלסקענען – פמפ קלאַפן; דער ראָד בעלסקעט אין פאָרן < bélsti.

בעלעזשו́אווים דער – וולק; פפ אַ מענטש 'אָן אַ צונג', אַ מענטש וואָס מען קען זיך מיט אים ניט צונויפריידן, כבד־פה < beliežùvis 'אָנצונגיקער'; 'אַ קנאַפער רעדנער'.

בעפי́גע אַדוו – פפ, בט, טרש, שלוו לײַכט, גוט, ניט שווער; אים איז בעפיגע דאָס צו טאָן < bepìgu.

בעקע́לנים – פלנג, פפ, זשג; מאַרק 1971 אַ מענטש אָן הויזן, אַ קנאַפער מענטש, אַן אָרעמאַן; אויך אַ הפקר־יונג < bekel̃nis.

בע́רזע די (באַזונדערס בע́רזע־האָלץ) פפ, טרש, בט, מזשק, שקד, של (זאַמעט) בעריאָזע, בעריאָזעווע האָלץ. ניט־זאַמעטער יידן, למשל פנוו, וולק, קנ זאָגן: בער(י)אָזע, בער(י)אָזעווע < béržas; לעט. bērzs, דיאַל. bērze.

בערים דער – בט; פמפ אַ ברוין פערד < béris.

בערנים דער – בט, פפ; פמפ. וולקוו 1) געדונגענער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעטער; 2) פעיאָראַטיוו: (אויך אין ליטוויש) 'פאַסטעך', ניט געבילדעטער גראָבער יונג < bérnas.

בראַנקטים דער – בט; בראַנקשטים שלוו וואָגן־דרענגל צוצובינדן די שטריקלעך אין פערד־געשפאַן < brañktas.

ברודאַס דער – סטוטשקאָוו 1950: 404 אומריינער, שמוציקער מענטש < brùdas (פון פויליש און ווײַסרוסיש brud). אינטערעסאַנט, אַז דאָס וואָרט איז אין סטוטשקאָווס אוצר אַרײַנגעפאַלן מיט דער ליטווישער ענדונג ‎-as, ד.ה. פון ליטע.

ברונקט(עם) דער – וולק; ברונקשטעם – שר אַ שטיק האָלץ, וואָס מען בינדט צו אַ בהמה (שעפס, חזיר) אונטערן האַלדז, זי זאָל ניט צופיל אַרומלויפן < brañktas, דיאַל. bruñktas.

ברוקנעם מצ (אויך אצ ברוקנע) — גאַנץ ליטע: פפ, טר, שוו, מזשק, שלוו, בט, זשג, של; פש, פנוו, פמפ, שט, ברז; וולק, אַנ, שר; שק, וולקוו; עסטלאַנד; סטוטשקאָוו 1950: 226 ברוסניצעס, ברוסלינעס < brùknės; אין קורלענדער יידיש ברוקלינעם < לעט. brùklines, brūklenes.

ברי́זגאַלע די – בט, וולק צוים־געבעם (פערד־צוים מיט

מוילאַיזנדל) < brìzgilas.

**גאַבענענען זיך** – רגוו, פנוו, קוור פּעקלען זיך, אַריבערקלײַבן זיך; זע נאָך אַריבערגאַבענען זיך; אַרויסגאַבענען זיך < gabéntis.

**גאַלוואָטשעס** דער – פּמפּ, רגוו; פּפּ איראָניש: אַ 'גרויסער חכם'; נאַר, שוטה < galvõčius 'חכם, קלוגער'. אין ליטוויש קען מען דאָס וואָרט באַנוצן אויך איראָניש, אָבער אין יידיש בלויז איראָניש.

**גאָנד(ע)רעס** דער – פּפּ, טרש, מושק, שלוו, שוו, שקד, **גאָנדרים** – בט, **גאַנדרים** – של **גאַנדריש** — (ייד. פיל. 1924: 239). דעם פויגל רופט מען אין ליטע אָפּט שטאָרך — פון דײַטש, בושל — פון סלאַווישן אָפּשטאַם (ייד. פיל. 1924: 133) (פגל. ליטוויש bùsilas) און אַפילו בוטשאַן (שט און ווײַטער אין מזרח ליטע), אָבער אין שפּעט־לשון, ווען מען רעדט וועגן אַ מענטש, ווערט אין זאַמעט באַנוצט נאָר דער ליטואַניזם. אַ הויכן מענטש רופט מען איראָניש גאָנד(ע)רעס פּפּ, שלוו, מושק; אין פאַרגלײַך: גרויס ווי אַ גאָנד(ע)רעס; ער לויפט ווי אַ גאָנדרעס (לויפט מיט גרויסע שריט) < gañdras, וועגן an < on זע אויבן XI.6. דער ליטווישער gandras שטאַמט, קען זיין, פון גערמאַניש (פרענקעל 1962-1965: 133; ענדזעלין אין מילענבאַך 1923, I : 599).

**גאַני́קלע** די – פּפּ, טרש, שלוו, בט, פלנג; פּמפּ, רגוו, שק; עסטלאַנד פּאַשע(־פעלד), פיטער־פעלד < ganyklà, אַק. ganỹklą.

**גאַרדעס** מצ – טרש, שקד לייטער־וואָגן; לייטער אין אַזאַ וואָגן < gar̃dės, gar̃dys.

**גאַ́רלײַדע** די – פּמפּ לאָך אָפּצוציען דעם דאַמף אין קוימען, צוגלאָך < gárlaidė.

**גאַרע** די – פּפּ, טרש, מושק, שלוו, בט, זשג; פּמפּ, פּנוו פּאַרע, אויסדאַמפונג < garaĩ, gãras.

**גוזשענען זיך** – פּמפּ, שט זיך אײַנשרומפּן, אײַנקאָרטשען זיך — וועגן אַ הון, ווען זי לאָזט זיך אָנכאַפּן. אין שפּעט־לשון וועגן אַ מיידל זי גוזשעט זיך < gũžtis.

**גומבע** די – פּפּ, טרש, בט בײַל, גוז, שישקע; דו וועסט קריגן אַ גומבע (ליטוויש: gum̃bą gáusi) — דו וועסט קריגן אַ פײַג (גאָרנישט ניט קריגן) < gum̃bas.

**גונע** די – פּפּ, שלוו, טרש, בט; פּמפּ, שט, וולק, שר, געלוואַן (שר. ראַיאָן); וולקוו פערד־דעקע, 'פּאָפּאָנע' < gūnẽ, gūnià; דאָס וואָרט איז פון סלאַווישן אָפּשטאַם (ווײַסרוסיש, פויליש gunia), אָבער אַז דאָס וואָרט ווערט גענוצט אין גאַנץ ליטע, האָט געווים געהאַט אַ השפּעה ליטוויש.

**גושטעס** דער – פּמפּ דאָס אָרט, וואו אַ הון לייגט אייער < gūžtà 'נעסט'.

**גיוועֿנימעס** דער – פּפּ, ווקש, פלנג, מאַרק 1951 אַן אייגענע דירה, אַ שטיקל באַלעבאַטישקײַט; איך האָב שוין ברוך השם אַן אייגענעם גיוועֿנימעס; ער זיצט זיך ווי אַ פּריץ אין זײַן גיוועֿנימעס; זי האָט פאַר אים אַ גוטן גיוועֿנימעס (=לעבן) < gyvẽnimas (1 'דאָס לעבן'. 2) 'באַלעבאַטיש־קײַט; ערדבאַזיץ, אייגנטום'.

**גײַשענען, גײַסענען** טראַנז. און אומטראַנז. — גאַנץ ליטע: פּפּ, טרש, מושק, שלוו, רס, שוו, בט, זשג; ברז, פּמפּ, פּש, שט, וולק, קוור; וולקוו, שק; עסטלאַנד פאַרהאַלטן, פּטרן צײַט; זיך פאַרהאַלטן, פאַרלירן צײַט. באַזונדערס מיט קאָנווערבן: פאַר־, צע־, אָפּ־; גײַשע ניט — אַרבעט; ער האָט דאָרטן פאַרגײַשעט (געפּטרט) די צײַט; דו אַרבעטסט אַ שעה און צעגײַשעסט צען; דו צעגײַשעסט מיר די צײַט; ער האָט פאַרגײַשעט אַ גאַנצן יאָר < (su)gaĩšti (טראַנז.) און (su)gaišìnti.

**גי́לטינע** – פּש אַ זידלוואָרט < giltinẽ 'מלאך המוות'.

**גימע, גי́מימע, גי́מענע** די – מאַרק 1951, זאַמעט גזע, אָפּשטאַם, משפּחה; די גאַנצע גימימע איז שכורים; אונדזער גימע איז אַן אָרעמע; זי אַליין איז נישקשה, אָבער די גאַנצע גימענע טויג ניט < giminẽ, אַק. gìminę.

**גלאָידענען** — זע צוגלאָידענען.

**גלוסנע** די – פּפּ ווערבע־בוים < glúosnis, דיאַל. glũsnis.

**גלושע(ס)** דער, די – בט, פּפּ; פּמפּ, פּנוו, וולק שוטה, נאַרישער מענטש, טיפּש < glùšas; glùšis.

**גליטע** די – פּש סמאָרק(עכץ) < glìtė.

**גלעבע** — זע קלעבע.

**גלעמזענען, גלעמזשענען**, באַזונדערס **אַרײַנגלעמזענען** בט; פּש, רגוו — אַרײַנכאַפּן, צונעמען < (pa)glem̃žti.

**גערווע** – שר צונעמעניש פון אַ נאַר (שוטה) < gérvė 'בושל'.

**גראָוועס** דער – קריוק (יאַנישקער ראַיאָן); פּש אַ גראָבן < griovỹs.

**גראָמאַלע** די – פּפּ, טרש, מושק, בט; פּמפּ, וולק — די

מעלה־גרהכץ, די שפּײַז, וואָס געפינט זיך אין פּאָדערמאָגן פון די מעלה־גרהדיקע בעלי־חיים און ווערט איבערגעקײַט; די קו האָט פאַרלאָרן די גראָמאַלע < grõmalas, gromulỹs.

גראָמעלאָיענען — פּפּ, טרש, מזשק, בט; פּמפּ, פּש מעלה־גרהן, איבערקײַען — וועגן מעלה־גרהדיקע בעלי־חיים; די קו גראָמעלאָיעט. אויך פיג.: וועגן אַ מענטשן, וואָס אין ריידן חזרט ער איבער, וואָס ער האָט שוין געזאָגט < grõmuliuoti.

גראַנדענען און מיטן קאָנווערב אויס־אויסגראַנדענען — קלמ (אויס)סקראָבען (טייג פון דער קנעט־דייזשע). פגל. פּאַגראָנדאַלע < (iš)grándyti.

גרומסטע די — בט גרודע, קלומפּ, שטיק ערד < grum̃stas.

גריטע די — בט נעץ־בײַטל אויף אַ לאַנגן שטאַנג צו כאַפּן פיש < grýtė.

גרינדעס מצ — ניט געדילטע, ניט באַדעקטע מיט ברעטער פּאַדלאָגע (שוו), ניט געפאָרבענער דיל (פלנג) < griñdys 'דיל'. פאַרשפּרייט איז דאָס וואָרט גרינדע אַלס זידלוואָרט — שוו, מזשק, שלוו (זאַמעט); פּמפּ, פּנוו, שר (מזרח ליטע), אָבער קיינער קען ניט דערקלערן, וואָס דאָס וואָרט באַדײַט. ס'איז שווער צו זאָגן, צי מען דאַרף גרינדע פאַרבינדן מיטן ליטווישן grindìs 'דיל־ברעט'. אין שירווינט רופט מען 'גרינדע' אַ מיאוסן שמוציקן מענטש. אין שוועקשנע זאָגט מען: ער איז שוואַרץ ווי גרינדע.

גרישטעס דער — פּמפּ אַ צונויפגעדרייט בינטל שטרוי אויף צו פאַרבינדן אַ סנאָפּ < grýžtė.

גרעשטע(ס) דער, די — קוור, וולק, אַנ ברוקווע, קרוטשקע < griẽžtis.

דאָבאַלעס מצ — פּפּ, טרש, שוו, בט, מזשק, זשג, של; ברז, פּנוו, פּמפּ, פּש, וולק, אנ, קוור; וולקוו, שק; אויך אין פּאָעט פראַמס (פון פּאָנעוועזש) אידיליע 'זונטיק' קלעווער, קאָנעטשינע. אין זאַמעט איז 'דאָבאַלעס' זייער אַ געוויינלעך וואָרט, אַפילו פיג.: קײַ ניט קיין דאָבאַלעס, — זײַ ניט קיין בהמה, קיין נאַר < dobilaĩ.

דאָיגנאָרעס, דאָוגנאָרעס דער — טרש, שלוו, זשג; פּמפּ אַ זשעדנער, גיריקער מענטש, וואָס וויל אַ סך; האָב ניט קיין גרויסע אויגן און זײַ ניט קיין דאָיגנאָרעס < daug(ia)nõris.

דאַלבע די — טרש, פּפּ; פּנוו, פּמפּ, פּש, שט, ינוו, וולק, שר; וולקוו אַ לאַנגער דיקער שטאַנג, ברעכשטאַנג; דערלאַנגען ווי מיט אַ דאַלבע איבערן קאָפּ < dálba.

דאַלגע די — פּפּ, טרש, שט, שוו, ציטעוויאַן, זשג דאַלגעס דער — פּש קאָסע (לאַנדווירטשאַפטלעכער מכשיר) < dal̃gis.

דאָנע די — סטוטשקאָוו 1950: 221 ברויט < dúona.

דאָקלע די — פּפּ אַ גרויסער געפלאָכטענער קאָרב צו טראָגן פוטער פאַר בהמות < dóklas.

דאַרזענע די — פּפּ, טרש, בט, שלוו; פּמפּ, פּנוו, רגוו, פּש, קוור שײַער, סטאַדאָלע, היי־שײַער < daržinẽ, אַק. dar̃žinę.

דובע די — פּפּ, שלוו; פּמפּ אַ באַזונדערע לאַנדווירטשאַפטלעכעווירטשאַפט, געהויף < dubà.

דולקע די — פּפּ, שוו, בט שטויב < אין ליטוויש dùlkės מצ; אצ dùlkė 'שטויבעלע'.

דולקענען[1] — שט, וולקוו; וולק עס דולקעט — עס גייט אַ שפּריירעגן (שטויברעגן, שפּריצרעגן) < dul̃kti.

דולקענען[2] אומטראַנז — פּפּ, טרש; פּש זײַן שטויביק. אויפן וועג דולקעט — איז שטויביק, הייבט זיך אַ שטויב < dulkéti.

דולקענען[3] טראַנז., באַזונדערס אויסדולקענען — פּפּ, טרש, בט, שלוו; פּמפּ אויסקלאַפּן די שטויב < (iš)dùlkinti.

דומבלע די — טרש, בט שלאַם, בלאָטע; פּפּ, בט; שק, וולקוו זומפּיק אָרט, בלאָטע; דומבלעס — פּש < dum̃blas 'שלאַם', dum̃blė 'זומפּיק אָרט'.

דומבלער — פּפּ, טרש, שלוו, בט; וולק; שק; דומבליק — זשג; דומבלעדיק — פּפּ דומפּיק, פון וואָס עס הערט זיך, עס שמעקט מיט דומפּיקײַט, למשל וואַסער, פיש < dum̃blinas.

דורכבאַלדענען — זע באַלדענען זיך; דורכבאַלדענען די נאַכט — דורכשטופּן ווי־ניט־איז, ניט שלאָפן (און אַרומגיין) < prasibáldyti.

דורנעס דער — פּמפּ, שר, פּש גרויסער נאַר, טיפּש; דורנים — בט, טרש משוגענער < dur̃nius; דאָס ליטווישע וואָרט איז אַ סלאַוויזם, שטאַמט פון ווײַסרוסיש אָדער פויליש (פרענקעל 1962 II: 113).

דורנערעפּע די — שט; שלוו שגעון־גראָז; אין יידיש דאָס זעלביקע וואָס דריגנעס < durnãropė (אין לאַטיין Datura stramonium). דאָס דאָזיקע גראָז און דריגנעס האָבן אַ פאַרשיכורנדיקן ריח. אין יידישן וואָרט איז דער וואָקאַל o פאַרביטן אויף אַן e; עס קען האָבן געווירקט די אַנאַלאָגיע

מיטן רוסישן репа 'רעטעך', ליטוויש rópė.

דורקענען — פּפּ; טרש, שלוו, בט, זשג, של; פּנוו, פּמפּ, פּש, שט, וולק, אַנ; קורל (קלמנאָוויטש 1926), עסטלאַנד (אַריסטע 1970), דורקען – סטוטשקאָוו 1950: 124 שטופּן, שטויסן, שטורכען; ער דורקעט דעם אַנדערן און דאַן זאָגט ער אַליין: וואָס דורקעסטו מיר? אָפט איז די רעפלעקסיווע פאָרעם (זיך דורקענען) און דער מאָמענטאַלער אַספּעקט (אַ דורקע טאָן). וועגן דעם יידישן -ק- אין ווערב זע אויבן 4גIX < dùrti, לעטיש durt.

דיגע די — זע דײַגע.

דיגענען — זע אויסדיגענען.

דײַגע די — פּפּ; דיגע – טרש, רס אַרויסשפּראָץ־קנאָספּ, שפּראָצלינג (אויף בולבעס) < dáigas, díegas (דיאַל. ליטוויש y<ie).

דילגענעס מצ — בט קראָפּעווע < dìlgėlės, dilgỹnė. אַ ריינער לאָקאַליזם, גאַנץ ליטע נוצט דאָס וואָרט 'קראָפּעווע'.

דירזים, דירזעס דער — טרש, שלוו, בט, רגוו (אין אַ וויץ) רימען, פּאַסיק; מען סטראַשעט אַ קינד: כ'וועל נעמען דעם דירזים < dir̃žas.

דירסע די — פּפּ, שלוו, בט; פּמפּ, שט, שר; וולקוו אַ ווילדגראָז אין קאָרן (Bromus secalinus); קאָרן מיט דירסע < dìrsė.

דעגוטניק דער — פּמפּ, שר דזשעגעכץ־טרײַבער < degùtininkas.

דענדאַרזעס דער – פּמפּ אַרומצאַמונג, אַרומ־געצאַמטער פּלאַץ פאַר בהמות (אין פעלד) < diẽndaržis.

דערעשים דער – בט אַ געשטרײַפּט פערד מיט קאַשטאַן פאַרביקע און ווײַסע האָר < derẽšis.

דראַבאַלע די — בט, דרעבולע – פּש אָסינע (בוים), ציטער־טאָפּאָל < drebulẽ; אומפאַרגלײַכלעך מער איז פאַרשפּרייט דער ליטואַניזם אַפּושע.

דראַסקע דער, די — פּפּ, זשג ווער עס צערײַסט גיך זײַנע בגדים, שיך < draskà.

דראַסקענען — פּפּ, ווקש, טרש, שלוו, שוו, בט, זשג; וולק; עסטלאַנד זייער שטאַרק רײַסן, צערײַסן; דראַסקענען די טיר — רײַסן מיט אַלע כוחות, ציען די טיר. מיט קאָנווערבן: אַרומדראַסקענען — אַרומרײַסן; צודראַסקענען, צעדראַסקענען — צערײַסן; דער ייִנגל האָט אָנגעטאָן אַ פּאָר נײַע שיך און שוין צודראַסקעט (אינגאַנצן צעריסן); אויפדראַסקענען פון שלאָף — שטאַרק טרייסלענדיק אויפוועקן פון שלאָף. יידיש דראַס־קענען איז פּעיאָראַטיוו און אינטענסיוו צו רײַסן < (su)draskýti; pridraskýti (iš miẽgo).

דרומזלעס מצ — פּפּ, פּש אָפּזאַץ (אין פליסיקײַט); וואַסער מיט דרומזלעס — מוטנע וואַסער < drum̃zlės.

דריגנעס מצ — פּפּ, בט שגעון־גראָז (Hyoscyamus niger) < drìgnės.

דריזשע די — פּמפּ אַ שמאַטע צו וואַשן די דילן < drỹžis 'געשטרײַפּט אייגפאַך געוועב'.

דריזשענער — פּמפּ געשטרײַפּטער. דריזשענע הויזן געשטרײַפּטע פון אייגפאַכן שטאָף הויזן < dryžìnis.

דרעבולע — זע דראַבאַלע.

דרעבענען — בט; פּמפּ שפּעט־לשון: ציטערן (וועגן אַ זקן) < drebéti.

הוזענען — וולק, שט הוזשען, מאַכן אַ טומל, טומלען, ווילדעווען, רוישן < ū̃žti.

וואַגע די (אויך וואָגע) — פּפּ, טרש, שלוו, בט; פּמפּ, שט, פּנוו, שר אַקערשניט, באָראָזדע < vagà.

וואַלענע די — בט, פּפּ; רגוו; סרד אַ שטיק ערד, אַרויסגעשניטן צוזאַמען מיט גראָז; מיט די לאָפּעטעס האָט מען פון די לאָנקעס . . . פּירקאַנטיקע, מיט גראָז באַוואַקסענע, שטיקער פעטע ערד אָנגעשלעפּט צום הילצערנעם בריקל . . . דאָרט האָט מען די פּאַרטיקע וועלענעס צוגענומען (פּופּס 1978) < veléna.

וואַנעגע די, וואַנעגעס דער — פּפּ. טרש, בט, שוו, שלוו; רגוו, פּש פּמפּ, קוור; מאַרק 1951 שפּאַרבער (רויב־פויגל); זי איז אַ שלעכטס, אַ וואַנעגע; ציטערט ווי אַ הינדעלע פאַר אַ וואַנעגע; אַ קוק פון אַ וואַנעגע < vãnagas.

וואַרגע די — פּפּ, טרש צרה, אומגליק, לייד; ער האָט אַזויפיל וואַרגעס; פגל. וואַרגענען < var̃gas.

וואַרגענען — פּפּ, טרש, שוו, בט; פּמפּ, רגוו, פּש לײַדן נויט, בידעווען, מאַטערן זיך, מוטשען זיך. מיט קאָנווערבן: אָפּוואַרגענען, אָנוואַרגענען זיך; זיך אָנוואַרגענען אַ גאַנצן טאָג בײַ דער אַרבעט; אָפּוואַרגענען אַ לעבן < var̃gti, išvar̃gti, privar̃gti.

וואַרוועַנאָסים דער — שלוו צונעמעניש פון אַן אָפּגעלאָזענעם מענטש אין שידלעווע < varvanõsis 'בײַ וועמען עס רינט פון נאָז'.

וואַרשקע די — בט; פּמפּ צוואָרעך < varškẽ.

וויזשעס מצ — די אײַנוואוינער פונעם שטעטל קאָוואַרסק האָבן אַ צונאָמען קאָוואַרסקער וויזשעס

'קאָוואַרסקער לאַפּטשעס' > vyžà 'לאַפּטשע', אויך Schimpfwort, Scheltwort (ווערטערבוך פון דער ליטווישער ליטעראַטור שפּראַך 1932-1968).

**וויטינים** דער – בט בײַטש, געמאַכט פון וויצעס [וויטשעס] > vytìnis 'געפלאָכטענער פון וויצעס בייגעוודיקער שטעקן פון אַ בײַטש'.

**וויאַון** דער (מצ -נעס) שט, שר שמערל(ינג) (אַזאַ פלינק פישעלע Misgurnus fossilis); ער דרייט זיך ווי אַ וויאַון; אַ צונעמעניש פון אַ ייִנגל אין שאַט, וואָס קען גוט שווימען > vijū̃nas.

**ווייסלע** די – פּפּ, בט, שלוו סאָרט, ראַסע (פון בהמות, חיות) > veĩslė.

**ווײַרענען** – יורב רודערן > vairúoti.

**וויסטעניק** דער – שלוו אַ גנב פון הינער > vìštininkas 'ווער עס האָדעוועט הינער; ווער עס האַנדלט מיט הינער; אַ שפּאַרבער, וואָס באַפאַלט הינער'.

**וויקסוועס** מצ – וולק, פּמפּ, שר זומפּ־גראָז (Carex) > vìksvos.

**ווירשונע** די – בט, שלוו דער שפּיץ פון אַ בוים > viršū́nė. איצט ווערט דאָס וואָרט אין ליטוויש באַנוצט ברייטער — 'אין סאַמע אויבן' בכלל, למשל וועגן דעם שפּיץ פון אַ באַרג, אָבער נאָך אין קורשאַטס ווערטערבוך (קורשאַט 1883) איז viršū́nė 'דער סאַמע אויבן, נאָר וועגןביימער'.

**ווישטגײַדעס** דער – פּש אַ זידלוואָרט > vìštgaidis (vištà 'הון', gaidỹs 'האָן') 1) 'אַ קאַסטרירטער האָן, וואָס ווערט געקאָרמעט אויף פלייש'; 2) שפּעט־לשון: 'אַ מאַן, וואָס בײַ אים וואַקסט ניט קיין באָרד'.

**וועגעלים** דער – בט אַזאַ גליטשיקע פיש, נאַלים > vėgėlė̃.

**וועלענען** – שק; זשג (אין זשג אויך וואַלקן) — וואַלקן, קרעמפּלען (וואָלענע שטאָף, וואָליקעס) > vélti.

**ווענעסעד(ים)** דער – קוור, שר, פּמפּ, וועַנסעדים – שלוו אַ פּויער, וואָס וואוינט באַזונדער, ניט אין דאָרף; אַ באַזונדערע פּויערים־ווירטשאַפט, ניט אין דאָרף > vien(a)sẽdis.

**וועפּעלים** דער – פּפּ, זשג גלאָמפּ, לעקיש, פאַרשטאָפּטער קאָפּ > vépelis.

**וועפּרע** דער, די — אַ פּאַמעלעכער מענטש, בלײַענער פויגל, ליימענער גולם > vébra.

**וועשאַלעס** דער – פּמפּ וויכער, ווירבלווינט > víesulas.

**זאַבאָנגע** — זע זשאַבאָנגע.

**זאַבעס** — זע זשאַבעס.

**זאַגערעס** — זע זשאַגערעס.

**זוויגענען** – בט, שלוו קוויטשען; די הינטעלעך זוויגענען (שלוו) > žvýgauti.

**זירזענען** – פּפּ, פּש כליפּען, כניקען, ניט הויך אויפן קול און לאַנג וויינען (וועגן אַ קינד); דײַן קינד האַלט אין איין זירזענען > zir̃zti.

**זלוקטע** — זע זשלוקטע.

**זשאַבאָנגע** – פּמפּ; זאַבאַנגע – שלוו; פּש; זאַבאָנגע – סטוטשקאָוו 195: 377 פּאַסטקע, מײַזנפּאַסטקע; כאַפּשטריק; ער האָט אים אַרײַנגעכאַפּט אין זאַבאַנגע > žabángai מצ (דיאַל. on < an).

**זשאַבינקשטע, זאַבינקשטע** די – פּש וויזעלע (אַ קליין רויב־חיהלע Mustela nivalis) > žebenkštìs, žebeñkstė, דיאַל. žebiñkštė.

**זשאַבעס, זאַבעס** מצ – פּפּ, שלוו; פּש כוואָראָסט, אָפּגעהאַקטע אָדער אַראָפּגעפאַלענע טרוקענע צווײַגן > žãbai.

**זשאַגערעס, זאַגערעס** מצ – זשג, שוו; פּמפּ, שר, גערדײַץ (שר. ראַיאָן) כוואָראָסט; פּאַרדאַרטע טרוקענע אָפּגעהאַקטע, אַראָפּגעפאַלענע צווײַגן. זעלטענער זשאַגערע די (אצ) — רוט, ריטל > žagaraĩ מצ, žãgaras 'פאַרדאַרטער צווײַג'.

**זשאַנדעס** מצ – שלוו 1) באַקן; עס זײַנען אים רויט די זשאַנדעס (בײַ אַ שיכורן); 2) זשאַברעס (פון אַ פיש) > žándas 'באַק'. דער באַדײַט 'זשאַברעס' איז אַ רעזולטאַט פון פאַרבײַטן דעם פיש־אָרגאַן מיט מענטשלעכע באַקן. זשאַברעס הייסן אין ליטוויש žiáunos.

**זשווײַרים, זווײַרים** דער – שלוו אַ שיקלדיקער, קאַסאָקער > žvaĩras.

**זשווירבלים** דער (מצ -לעם) — בט שפּערלינג, וואָראָביי > žvìrblis.

**זשינדע** די – וולק; מרמפּ סאָסקע, סמאָטשיק; מען דאַרף אים נאָך געבן אַ זשינדע > žiñdas.

**זשלוקטע, זלוקטע** די – פּפּ, טרש, שלוו, שט; פּמפּ, רגוו, בלנ, ווידישאָק; שק; סטוטשקאָוו 1950: 401 (זלוקט) געוועש, גאָר די וועש, וואָס מען וואַשט מיט איין מאָל; אַ זשלוקטע גרעט > žlùgtas.

**זשליוגע** דער, די – פּפּ, טרש; פּמפּ, שר ווער עס לאָזט אָפּט אורין, איז אָפט משתין — פּגל. זשליוגענען.

**זשליוגענען** – פּפּ, טרש, שלוו, בט; פּמפּ, וולק לאָזן אורין, משתין זײַן, אָפּשלאָגן וואַסער. באַזונדערס אָפט מיט קאָנווערבן: אָנזשליוגענען, באַזשליוגענען

זיך < žliùginti 'נאָס מאַכן' בכלל, ניט פּעיאָראַטיוו.

**זשמאָגעס, זשמאָגוס** דער — וולק אַ ניט־געבילדעטער מענטש, פּויער; בערקע זשמאָגוס — אַ צונעמעניש (מאַרקוס 1922: 17) < žmogùs 'מענטש'.

**טאָיזענען** — בט פּלאַפּלען, פּלוידערן, באָלבען < taũzyti.

**טאַלקע** די — פּפּ, בט; פּש, פּנוו צוזאַמענגעבעטענע פרײַוויליקע אַרבעטער־געמיינשאַפט (פון שכנים) פון דאָרף אויף אויסצופירן אַ שווערע אַרבעט אָן באַלוינונג. נאָך דער אַרבעט שטעלט מען כיבוד, מען גיט אַ גאַסט־מאָלצײַט. פּאַראַלעלע פאָרם **טלאָקע** (סלאַוויזם) — שלוו, שט; פּמפּ, וולק, שר < talkà.

**טאַקע** די — פּפּ, טרש, של; פּמפּ; **טאַקעם** דער — פּש; **טאַק** דער — וולקוו, שק שטעג, סטעזשקע < tãkas.

**טאַשקענען** — פּפּ, בט, טרש, שלוו; פּמפּ, רגוו שפּריצן מיט פליסיקײַט, מיט וואַסער, בלאָטע, ליים א.א.וו.; מיט קאָנווערבן: **אײַנטאַשקענען, אָפּטאַשקענען, באַטאַשקענען, פאַרטאַש־קענען**. באַזונדערס אָפט זײַנען פּאַסיווע פאָרמען: ער איז באַטאַשקעט (אָפּגעטאַשקעט, פאַר־טאַשקעט) ווי גרוים ער איז < taškýti און aptaškýti.

**טופּענען** — פּפּ, שלוו, טרש, בט, זשג, של; פּש, פּמפּ, פּנוו, אנ; קורלאַנד (ווײַנרײַך 1923: 219), עסטלאַנד 1) (וועגן עופות און פייגל) זיצן; 2) (וועגן מענטשן) זיצן אויף די קאָרטעטשקעס; 3) פּעיאָראַטיוו: שטענדיק זיצן אין שטוב, ניט אַרויסגיין; דער האָן טופּעט אויפן בוידעם; ער טופּעט אַלעמאָל אינדערהיים (קורל); וואָס טופּעסטו דאָ אין שטוב, גיי אַרויס; מען טופּעט, מען קלײַבט אין די קאָשיקעס בולבעס (פון פּראַמס אידיליע 'זונטיק'). מיט קאָנווערבן: **אַוועקטופּענען זיך, אַראָפּטופּענען זיך, אַרונטערטופּענען זיך** < tupéti 'זיצן זיך אַראָפּגעלאָזן אויף די קאָרטעטשקעס; זיצן אין שטוב ניט אַרויסגייענדיק'; tũpti 'זיך אַראָפּזעצן אויף די קאָרטעטשקעס'.

**טורלענען** — פּפּ, זשג פּאַמעלעך, ניט אײַלנדיק זיך אָדער ניט גרינטלעך, אַבי ווי וואַשן (עטלעכע שטיקלעך וועש) < turĩlyti 'פּליושקען'; turĩlytis 'פּאַמעלעך, לאַנג וואַשן'.

**טיטנאַגעס** דער — פּפּ, טרש, זשג 1) אײַנגעשפּאַרטער עקשן, האַרטער פאַרשוין, האַרטער ביין; 2) אַ קאַרגער מענטש, קמצן, פאַרמאַכטע האַנט < tìtnagas 1) 'פײַערשטיין, קיזלשטיין'; 2) 'האַרטער פאַרשוין, האַרט ווי אַ שטיין'.

**טיטשע** אַדוו — וולקוו בכיוון, אומישנע, אומיסטן < týčia.

**טײַסענען** — פּפּ, טרש, פּלגג, בט, זשג; פּנוו פּעיאָראַטיוו: (שלעכט) מאַכן, פּראַווען, צורעכטמאַכן; פאָרקען זיך, קאַלופּען זיך < taisýti 'צורעכטמאַכן, רעמאָנטירן, מאַכן (אָן פּעיאָראַטיוון בײַ־טעם)'.

**טינגענעס** דער — פּמפּ, פּנוו; **טינגעניק** דער (די -ניצע) — זשג גרויסער פוילער, פוילאַק < tinginỹs, גען. tìnginio.

**טיקענען** — פּפּ, טרש, שלוו, בט, זשג, של; ברז, פּמפּ, פּנוו, רגוו, שט, וולק (ראַיאָן); שק לויערן. די קאַץ טיקעט אויף אַ מויז < týkoti.

**טעטערווע** די — בט (ערגעצוואו געהערט אויך טעטערווינע) בירקהאָן, בירקהון (פויגל) < tetervà, tẽtervinas.

**טרוסענען זיך** — שק אַ סך אַרבעטן בײַ דער הויז־ווירטשאַפט, זײַן זייער באַשעפטיקט בײַ באַלעבאַטעווען אין שטוב < triũsti 'אַרבעטן (בכלל); טאָן שטוביקע אַרבעט'.

**טרידע** די — פּמפּ צונעמעניש פון אַ פרוי, וואָס האַלט אין איין אַרומלויפן, אויסשמעקן אַלע נײַס. פּגל. טרידענען < trìdė 'אַ פרוי, וואָס האָט אַ לויזן מאָגן, וואָס לײַדט אויף שילשול'.

**טרידענען** — פּפּ, בט שפּעט־לשון: האָבן אַ שילשול, לויזן מאָגן, אַ דורכפאַל < trydà 'שילשול'.

**טריינקענען** — פּפּ, טרש, בט, שלוו, של (אין אַ וואָגן) שטאַרק טרייסלען, טרעסענען. מיט קאָנווערבן: **צוטריינקענען צעטרייסלען, אָנטריינקענען זיך** זיך שטאַרק אָנטרייסלען; פון פאָרן בין איך געקומען אַ צוטריינקעטער; ער האָט זיך אָנגעטריינקעט אַ וועג (די גאַנצע וועג אין וואָגן) < treñkti, trankýti '(וועגן אַ וואָגן) קלאַפּן, פאָרן קלאַפּנדיק, טראַסקענדיק, טרייסלענדיק'.

**טרינינע** די — פּמפּ שפּאַלט אין וואָגן־געשטעל, וואו מען שטעקט אַרײַן דעם דישל < treinìnė.

**טריפּענען** — פּפּ, טרש, בט; פּנוו, פּש, קוור; עסטלאַנד; **טראַפּענײַענען** — וולק, קוור, שט טראַמפּלען, טאָפּטשען; גיין מיט אַ שווערן שריט; טריפּענען מיט די פיס < trỹpti.

**טשולפּענען** — פּפּ; פּמפּ זויגן. נאָכאַנאַנד ער

טשולפּעט < čiuľpti; ליטווישער פּאַלאַטאַליזירטער č איז אין יידיש געוואָרן אַ האַרטער טש; זע אויבן VIII, 4. פֿגל. נאָך אויס-טשולפּענען.

טשעבאַטעס מצ — גרויסע, שווערע, ניט שיינע שיך < čebãtas 'שטיוול', שטאַמט פֿון ווײַסרוסישן čobat, čebot. דער וואָקאַליזם ווײַזט, אַז אין יידיש איז דאָס וואָרט אַרײַן פֿון ליטוויש, אָבער ליטוויש čebãtas האָט ניט קיין פּעיאָראַטיוון בײַ-טעם.

יאָדאַלקסנע די — פּפּ, פּלנג שוואַרצע אָלכע (בוים) < júodalksnis.

יאָדבאַרזדעס דער — פּמפּ צונעמעניש פֿון אַ מענטשן מיט אַ שוואַרצער באָרד < juodbar̃zdis 'שוואַרצבאָרד'.

יאָדבעריס דער — בט; פּמפּ אַ שוואַרץ-ברוין פֿערד < júodbėris.

יויאיע (jóje̯) — פּפּ, שווי, פּמפּ, רגוו, פּש, יאַואיע (jáuje) — בט טריקן-שײַער < jáuja. וועגן oj: au (פֿון ליט. au) זע אויבן VII, 3.

יאָסטע די, יאָסטעס דער — רגוו, מלט; ינוו גאַרטל, פּאַס < júosta.

יאָקסמעס דער — פּמפּ צונעמעניש פֿאַר אַ יידן, וואָס האָט האָלט געהאַט זיך צו וויצלען: הלל דער יאָקסמעס < juõksmas 'געלעכטער'.

יודענען זיך — פּמפּ; בט זיך באַוועגן (אין שפּעט-לשון) < jùdintis.

יוקש[1] — גאַנץ ליטע דער אויסרוף אַוועקצוטרײַבן חזירים. ווען צוויי קינדער צעקריגן זיך, זאָגט איינער דעם צווייטן: איך שיק דיר אַ יוקש (קנ) < jùkš.

יוקש[2] — פּפּ, פּלנג, זשג פּראָסטע זאַכן, שלעכטע סחורה, אָפּפֿאַל; די סחורה איז געווען הוילע יוקש — טויג אויף כּפּרות < דיאַל. jùksas פֿון מזרח-פּרײַסיש Jucks; זע פֿרענקעל 1962, I: 196.

יוקשיקער אַדי — פּפּ, טרש, בט, זשג, שלוו; ברז; קנ, וולקוו, שק גאָר פּראָסטער, שלעכטער; יוקשיקע סחורה — אינגאַנצן פּראָסטע סחורה. אַזאַ אַדיעקטיוו איז אין ליטוויש ניטאָ. דאָס איז אַ יידישער דעריוואַט פֿון יוקש[2] מיטן אַדיעקטיווישן סופֿיקס -ik, פֿגל. אויבן IXב2.

יורגין — טרש, פּפּ, זשג אַ ליטווישע חגא, ווען מענטשן פּעקלען זיך אַריבער אין זייערע געקויפֿטע אָדער אַרענדירטע אייגנטום-אָביעקטן < Jurgìnės (23טער אַפּריל).

יורגינע די — פּמפּ געאָרגין-בלום (Dahlia variabilis) < jurgìnas, jurgìnė.

יורע דער — פּפּ, בט, שלוו, זשג; פּמפּ, אַנ, שר פּעיאָראַטיוו: פּראָסטער מענטש, פּראָסטאַק, פּויער; ווי קומט יורע צו שמורה און אַ חזיר צו לאָקשן (שלוו). זע יורקע.

יורקע — פּפּ, בט, זשג, של; פּמפּ, שט; קורלאַנד (ווײַנרײַך 1923: 221), אָשמיאַן (ווײַנרײַך 1926: 313), אין מינסקער אומגעגנט (פֿיל. שר. II: 179 הערה 2), סטוטשקאָוו 1950: 298; יורקים — טרש; יורגע — קוור; יורגעם — פּש פּעיאָראַטיוו: פּראָסטער מענטש, פּויער, באַגרענעצטער מענטש; אַזאַ יורקע, ער פֿאַרשטייט ניט אַ וואָרט (אָשמיאַן, זשג). עס זײַנען פֿאַראַן עטלעכע אויסדרוקן, פֿאַרגלײַכן, וואו עס פֿיגורירט יורקעס הונט: ער שווײַגט ווי יורקעס הונט — ער דרייסט זיך ניט צו ענטפֿערן, ער רופֿט זיך ניט אָפּ (קורל; פּפּ, בט; פּמפּ, שר). איך הער דיר ווי יורקעס הונט — איך רעכן זיך ניט מיט דעם, וואָס דו זאָגסט (פּפּ, זשג, טרש, שט); ער ציטערט ווי יורקעס הונט — ער האָט זייער מורא (טרש, זשג; סטוטשקאָוו 1950: 137). דער אָפּשטאַם איז דער ווײַסרוסישער Jurka. דער דאָזיקער נאָמען זאָל זײַן געווען אַן אָפּטער אין די עלטערע ליטווישע שריפֿטן, דאָס האָט געהאָלפֿן, אַז דער נאָמען זאָל פֿאַרבלײַבן אין יידישע אויסדרוקן אין ליטע. פֿגל. נאָך אין לעטיש: [estn. Jurka] Jurka Deminutivum von Juris, mit einem verächtlichen Beigeschmack (מילענבאַך 1923, II: 120). היות ווי איצט איז אין ליטע דער נאָמען שוין ניטאָ, געפֿינען מיר פּרואוון צו אַסאָציאירן מיט אַ געהערטן נאָמען: יידיש 'יורקים', 'יורגע', 'יורגעם' ווײַזט די טענדענץ צוצוגלײַכן — זייער ריכטיק — דעם דאָזיקן נאָמען צום איצטיקן ליטווישן נאָמען Jùrgis, וואָס האָט אויך צײַטנווײַז אַ פּעיאָראַטיוון בײַגעשמאַק, פֿגל. אין אַקאַדעמישן ווערטערבוך פֿון דער ליטווישער שפּראַך; jùrgis ... 2) פּעיאָראַטיוו: דאָרפֿישע יורגיסן. יידיש יורע (זע אויבן) איז גיכער פֿון אַלץ אַ יידישע צוריק-פֿאָרם פֿון יידישן יורקע, וואו דער -קע איז געהאַלטן געוואָרן פֿאַר אַ דימינוטיוו ענדונג און איז אָפּגעוואָרפֿן, פֿגל. חיימקע — חיים, חנקע — חנה.

יעקן — פּפּ, טרש, שלוו, זשג, של; שק; קורלאַנד (ווײַנרײַך 1923: 221) אָפּלאַכן, אָפּט מיטן קאָנווערב אָפּ-

(פון עמעצן). פון דעם איז אויך אָפּיעקער – אָפּלאַכער. ווײַנרײַך ווײַזט אָן דעם אָפּשטאַם פון דײַטשישן Narr — eingebildeter Geck. די מיינונג איז אפשר אַ ריכטיקע, אָבער עס בעט זיך דער פאַרגלײַך מיט ליטווישן apjuõkti ’אָפּלאַכן‘ און išjuõkti ’אויסלאַכן (עמעצן)‘. קעגן דער מיינונג, אַז ’יעקן‘ שטאַמט פון ליטוויש, זײַנען דאָ צוויי וואָגיקע אַרגומענטן: 1) די אינפיניטיוו ענדונג איז n-, ניט enen-, ווי אין אַלע יידישע ליטואַניזמען; 2) דער ליטווישער דיפטאָנג uo ווערט אין יידיש o, ניט e, אָבער די געאָגראַפיע פון וואָרט (ליטע און לעטלאַנד) און די נאָענטקײַט פון באַדײַטן צווינגט צו צווייפלען: אפשר איז דאָ אַ קאָנטאַמינאַציע (דײַטש Geck + ליט. apjuõkti)? עס זאָל פאַרצייכנט ווערן, אַז juõkti- צוזאַמען מיטן לעטישן juôkuôt (איצט jokot) ’מאַכן שפּאַס‘ און juôks (איצט joks) פאַרגלײַכט ענדזעלין (אין מילענבאַך 1923, II: 126) מיטן דײַטשישן דיאַלעקטישן jok ’שפּאַס‘ (< לאַטייניש iocus ’וויץ, שפּאַס‘). פגל. נאָך פרענקעל 1962-1965: 117.

**לאָבענען, אָנלאָבענען** – פּמפּ געבן (דעם פערד) פיטער < liuõbti.

**לאָוועם** דער – פּש קאָרעטע אויף צו קאָרמענען בהמות < lovỹs.

**לאַורעם** דער – אוט, מלט גלאָמפּ, גולם, אָפּגעלאָזענער מענטש < laũras, laũrė.

**לאַזדי́נעם** מצ – בט, רגוו, פּמפּ נוס־קוסטעס (Corylus avellana) < lazdýnai.

**לאָפּענען** – פּמפּ פּעיאָראַטיוו: צורעכטמאַכן, פאַרלאַטענען (אַ זאַק, שיך) < lópyti.

**לאַקטע** די – פּפּ, טרש, שלוו, בט, פּלנג, זשג; וולק; **לאַקטעם** דער – פּש; **לאַקשטעם** דער – רגוו, פּמפּ, פּנוו, קוור הינערשטאַנג. וועגן אַ מענטש, וואָס זיצט אַ סך אין שטוב אָדער אויף איין אָרט, זאָגט מען: ער זיצט ווי אַ הון אויף אַ לאַקטע (זאַמעט) אָדער ער זיצט ווי אַ האָן אויפן לאַקשטעם (מזרח ליטע) < laktà, דיאַל. lãktas.

**לאַקענען** – פּפּ, זשג; פּש לעקן (פּליסיקע שפּײַז). מיט קאָנווערב: **אויסלאַקענען**: די קאַץ האָט אויסגעלאַקעט די סמעטענע < (iš)làkti.

**לובעם** מצ – פּפּ, טרש, שלוו, בט, שוו, זשג, של; ברז, פּש, רגוו, פּמפּ, שט; קנ, וולק, קוור סטעליע, סופיט. אַ טייל ליטווישע יידן האָבן ניט קיין אַנדער נאָמען פאַר סופיט, אַ טייל חוץ ’לובעם‘ רופן דעם סופיט נאָך ’באַלקן‘ (וולק), ’פּאַלאַפּ‘ (שק). וועגן אַ הויכן מענטש זאָגט מען: ער איז אויסגעוואַקסן ביז די לובעם (פּפּ, בט). ווען עמעצער אײַלט זיך זייער אָדער אין אײַלעניש מאַכט אַ טומל, זאָגט מען אין שפּאַס: עס הייבט זיך די לובעם (פּפּ, טרש, של, קנ) < lùbos.

**לופּ** די (מצ ליפּן) – גאַנץ ליטע, אַרײַנגערעכנט ווילנע; דאָס איז ניט קיין ווילנער פּראָווינציאַליזם, ווי עס מיינט ז. רייזען (1920: 57), נאָר אין גאַנץ ליטע ווערט באַנוצט לופּ-ליפּן (פּלוראַל ’לופּן‘ קען מען אויך צײַטנווײַז, כאָטש זעלטן, אויפטרעפן). אַחוץ דעם איז אין זאַמעט פּעיאָראַטיוו און אין שפּעט־לשון אויך מצ לופּעם. רייזענס אָנגעוויזענער אויסדרוק פון מינסקער יידן לופּעם מאַכן ’צוזאַמענציען די ליפּן פאַרן וויינען‘ קלינגט אין ליטע אַנדערש: שטעלן אַ לופּ, באַזונדערס וועגן אַ קינד, ווען עס האַלט בײַם וויינען. דאָ איז פאָרגעקומען אַ קאָנטאַמינאַציע פון דײַטשישן Lippe מיטן ליטווישן lū́pa. אינטערעסאַנט, אַז דאָס ליטווישע וואָרט האָט אַרויסגעשטופּט דעם דײַטשישן i נאָר אין איינצאָל.

**לופּי́ק** דער – בט שינדער < lupìkas.

**לופּעטע** די – פּפּ, טרש, שלוו, בט, זשג, של; רגוו, פּמפּ, פּנוו, פּש. קורלאַנד; ווײַנרײַך 1923: 223; **לופּיטע** – עסטלאַנד; **זעלטענער** וולק; וולקוו; סטוטשקאָוו 1950: 417 1) שמאַטע, טראַנטע; שמאַטעס און לופּעטעס (עסט); 2) (מענטש) שמאַטע, ווילנלאָזער מענטש. אַ פאַרשפּרייטער שפּרוך: אַז מען רײַבט זיך אוים, ווערט מען אַ לופּעטע (וועגן אַ מענטש). ווײַנרײַכס מיינונג, אַז דאָס איז איינס פון ניט קיין סך לעטישע ווערטער, וואָס זײַנען אַרײַן אין יידיש, איז ניט אינגאַנצן ריכטיק — דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט אַ ליטוויש לײַ־וואָרט (אין אַ גרויסן טייל ליטע האָט דאָך לעטיש ניט געקענט האָבן קיין השפּעה) אָדער מיט אַ ליטוויש־לעטישן לײַ־וואָרט < ליט. lùpeta, לעט. lupata.

**לופּענען** – בט, שלוו, פּפּ; פּמפּ 1) שינדן (די פעל); 2) רײַסן די פּאָלע, זײַן אַ גרויסער יקרן, רײַסן פיל געלט (פאַר סחורה); 3) פּמפּ שלאָגן, בייקערן < lùpti; פגל. רוסיש лупить.

**ליומפּים, לעמפּים** דער – פּפּ, זשג גולם, גלאָמפּ; אַן אָפּגעלאָזענער אַרבעטער אָן ענערגיע < lumpis, lempis.

**לײַגענען** – פּפּ, טרש, שלוו, בט, שוו (וועגן זשערעבטשיק)

שטיפעריש אַרומלויפן, זיך דורכלויפן, אַרומשפּרינגען; דער קיזשיק האָט זיך צולײַגעט < láigyti.

לײַדערע די — פּפּ, טרש, זשג אַרומצאַמונג פאַר בהמות לעבן שטאַל < laĩdaras.

לעוקע [löuke] — בט (אַ קו) מיט אַ ווײַסן פלעק אויפן שטערן < laũkas, -kà.

מאַגער׳טש — גאַנץ ליטע; פּפּ, טרש, שלוו, בט, זשג, של; פּמפּ, וולק, אַנ; וולקוו; בײַ ווײַנרײַכן (1923: 224)

מאַגריטש — קורלאַנד 1) כיבוד, לחיים נאָך אַ געלונגענעם געשעפט, אָפּמאַך; 2) צוגאָב, הוספה; אַוועקגעבן דעם חוב מיט אַ מאַגעריטש < מצ magarỹčios, לעט. מצ magaričas (ביידע אָפּשטאַמיק פון ווײַסרוסיש maharyčь, פגל. פרענקעל 1962-1965: 395). אויב דאָס וואָרט באַנוצן נאָר ליטווישע און קורלענדער יידן, דעמאָלט ווײַזט די געאָגראַפיע פון וואָרט, אַז עס איז אַרײַן אין יידיש אונטער דער השפעה פון ליטוויש און לעטיש. עס איז טשיקאַווע, אַז דער ווײַטער אָפּשטאַם פון וואָרט איז אַראַביש mahāriǧ (מצ) ׳הוצאות׳ (ווערטערבוך פון דער רוסישער שפּראַך 1982: 211).

מאָטעי׳וק דער — בט אַזאַ פיטער־געוויקס (Alopecurus pratensis) < motiejùkas.

מאָירענען — פּש רעווען, ברומען, ברילן < mauróti.

מאַלאַגים, מעלאַגים דער — פּפּ, טרש, שלוו, בט, של; שט, וולק, שר; וורב גרויסער ליגנער; אָפּטער ווי אַ צונאָמען: לייבקע מאַלאַגים האָט אים אָפּגענאַרט (מאַרקוס 1922: 35); זאָג, מאַלאַגים (מאַרקוס 1922: 42). לאָזער דער מעלאַגים (פּופּס 1969: 68) < melãgis, דיאַל. malãgis (וויטקאַוסקאַס 1976: 185).

מאַלאָנע: ער איז מאַלאָנע צו לויפן פאַר אים אין פײַער און אין וואַסער (שלוו, רס), ד.ה. ער וואָלט קענען..., אים וואָלט געווען אָנגענעם... < malonù ׳אָנגענעם, ליב׳ אָדער malonéti ׳זײַן אַזוי גוט, באַוויליקן׳.

מאַנטע די — פּפּ, זשג שפּעט־לשון, פּעיאָראַטיוו: האָב־און־גוטס, בעבעכעס, האַק־און־פּאַק < mantà.

מ אַ ר ג ע אַדי — פּפּ, טרש, שלוו, בט; פּמפּ פאַרשידנפאַרביק, צווייפאַרביק: ווײַס (גראָ) און שוואַרץ; אַ מאַרגע הון; אַ מאַרגע קו (רגוו) < márgas.

מורזע דער, די — פּפּ, זשג, שלוו; רגוו, שר; סטוטשקאָוו 1950: 404 (מורזע און מורזשע); מורזים — בט, טרש — אַ מענטש, וואָס וואַשט זיך ניט, אַ שמוציקער מענטש < mùrza, mur̃zius, לעט. murza פון ווײַסרוסיש און פויליש murza (פרענקעל 1962-1965: 473).

מורזענען (זיך) — מיר איז באַקאַנט נאָר מיט קאָנווערבן: אײַנמורזענען טרש; פּש, מאַרק 1971: 1180 אײַנשמוצן, אײַנפּאַטשקען, אײַנשמירן; אײַנמורזענען די הענט, קליידער; אײַנגעמורזעט (פאַרמורזעט) פּאַרטיציפּ פּפּ, שוו, שלוו, בט, זשג.; וולק, קוור מיט אַ ניט געוואַשענעם פּנים, ניט ריינער. אָפּמורזענען זיך (פּפּ) אויף גיך, נאָר אַ ביסל זיך וואַשן דאָס פּנים < mur̃zinti(s) ׳(זיך) שמוציק מאַכן, (זיך) אויסשמירן, באַזונדערס דאָס פּנים׳. לעט. murzêtiês (מילענבאַך 1923).

מ׳ורמעלים דער — פּפּ אַ מענטש, וואָס רעדט ניט דײַטלעך, וואָס מורמלט < murmùlis.

מיטעליו׳ק דער — בט אַ יונג פערדל < mituliùkas, דימינוטיוו פון mitulỹs ׳איינִיאָריקע בהמה׳.

מיטענען — פּמפּ קאָרמען, נערן (אַ בהמה); אויס־מיטענען אַ בהמה (פּפּ) < mìtinti, išmìtinti.

מייטאַלעם דער — שלוו; פּמפּ, רגוו, פּנוו אַ קאַסטרירטער חזיר (זכר), וואָס מען קאָרמעט אויף צו קוילען. נאָר אין אויסדרוק: אָפּגעקאָרמעט ווי אַ מייטאַלעם (וועגן אַ דיקן מענטש) < meĩtėlis.

מײַטינענען זיך, באַזונדערס אויסמײַטינענען זיך — שלוו ווי־ניט־איז זיך דורכלעבן, האָבן פון וואָס צו לעבן. אויף דער פראַגע, ווי לעבט זיך עמעצן, קומט אַן ענטפער: ער מײַטינעט זיך אויס < maitìntis ׳דערנערן זיך, שפּײַזן זיך, לעבן פון...׳

מײַנענען — מאַרק 1951 זיך פאַרנעמען מיט בײַטן. אויפן באַן צווישן שאַוול און קאָוונע דערציילט אַ ייד: ער האָט פאַרזײַנעט, ניט פאַרמײַנעט. געהערט אין טעלדז: געקײַנעט און געמײַנעט [געהאַנדלט און געוואַנדלט] < mainýti ׳בײַטן׳.

מיינקע די — פּפּ, שלוו, טרש, פּלנג, בט, זשג, של; פּנוו, רגוו שטאָקפיש < ménkė. וועגן ליט. e < ייד. ei זע אויבן V, 3.

מילע די — פּש היימיש געוועבט וואָלענער געוואַנט < mìlas.

מינדרע די — מלט ראָר (אַ געוויקס) < ליט. דיאַל. mìndrė (= nendrė, mendrė).

מישעס מצ — בט; פּמפּ מעסע, קאַטוילישע גאָטס־דינסט < mìšios.

מעגענען – שלוו האָבן הנאה (פון עפּעס); עס מעגעט [געפעלט] אים דערפון < mégti 'האָלט האָבן (עפּעס)' און magéti 'זיך ווען'.

מעדזשאַ́קעס מצ – פּמפּ שיך מיט הילצערנע זוילן < medžiãkai, medžiõkai.

מעלאַגים דער — זע מאַלאַגים.

מעקים, מעקיש – פּפּ, שקד, ושג, של; קנ; מעקעש סטוטשקאָוו 1950: 362. מעקון קנ; פּנוו; מעקעקע – וולקוו, וורב, מרמפּ שטאַמלער, זאַאיקע, כּבד־פּה < mẽkis און mekẽkė. אַנאַלאָגן פון 'מעקענען' זײַנען דאָ אין אַ סך שפּראַכן: דײַטש, אוקראַיניש און אַפילו גריכיש, אָבער די ענדונג -is און מעקעקע זײַנען פון ליטוויש.

מע́רגעניק דער – מאַרק, 1951 מיידלניק, ווײַבערניק. איין בחור צום צווייטן: אַ מערגעניק ביסטו אַ נעטיקאַלעס [שלימזל] — אַחוץ אַ ברינדזע [זוים] פון אַ קלייד, קריגסטו חרפּות און לייד < merginiñkas.

מע́שקערע די – טרש ('אַנגל' פּפּ, ושג, 'ווענדע' וולק) ווענטקע (צו כאַפּן פיש) < meškerẽ, אַק. mẽškerę.

נאַ́גענע די – פּפּ, טרש, בט, ושג; פּש, פּמפּ (אויך 'פּאַסטל' אין פּפּ, ושג) דאָרפישער שוך פון אַ שטיקל לעדער פון אויבן צונויפגעצויגן מיט אַ רימענדל < nãginė.

נאַדע́גאַלע די – רגוו, שט, פּמפּ, נאַדע́גאַלעס דער – שר האָלאָוועשקע, אַן אַרומגעבּרענט שײַטל האָלץ < nuodégulis; דיאַל. nadégulis.

נאָידע די – שלוו אין שפּעט־לשון: פון אים וועסטו קיין נאָידע [נוצן] ניט האָבן < naudà.

נאָרע — ווען אַ פּוילן תּלמיד פון חדר פלעגט מען פאַר דער ערשטער וועלט מלחמה זאָגן: חומש — נע אומעש, ראַשע (רש״י) — נע נאַשע, מישנאַיעס — נע זנאַיעש, געמאָרע — נע נאָרע פּפּ, בט, טרש, שלו; שט, פּמפּ, שר, ווילנער אומגעגנט (באַסטאָמסקי 1920: 41). דאָס איז אַ בײַשפּיל פון מערשפּראַכיקן יידישן פאָלקלאָר. יעדע שורה באַשטייט פון צוויי עלעמענטן: פון אָנהייב ווערט אָנגעוויזן דער לימוד (אין חדר) אויף יידיש, נאָכדעם ווערט דער תּלמיד געטאַדלט אויף פּויליש (נע אומעש — 'קענסטו ניט'), רוסיש אָדער פּויליש (נע נאַשע — 'ניט אונדזער'), רוסיש (נע זנאַיעש — 'קענסט ניט') און ליטוויש (נע נאָרע — 'ווילסטו ניט'). אין זאַמעט, דערמאָן איך זיך, פלעגט מען נאָך צולייגן: שוואַרבע (= עשרים וארבעה, דער גאַנצער תּנך) — נעשוואַרבע ('ניט וויכטיק', ליטוויש).

מיט 'נאָרע' (ליטוויש: nori) איז דאָ נאָך אַ בײַשפּיל פון מיש־שפּראַכיקן פאָלקלאָר: קאָ טו נאָרע (ליטוויש: ko tu nóri 'וואָס ווילסטו') — ברויט מיט קאָרע, קאָ טו אישקע (ליטוויש: ko tu ieškai, דיאַל. jiškai) — ברויט מיט קישקע. גיכער פון אַלץ זײַנען אַזוינע קינדערשע גראַמען ניט מער ווי שטיפערישער שפּאַס, אָן געדאַנק. וועגן דער מערשפּראַכיקײַט און פרעמדשפּראַכיקײַט אין יידישן פאָלקלאָר זע גאָלדבערג (1928: 583-606).

נאַשטשע, נאַסצע די – גאַנץ ליטע: בט, טרש, פּפּ, שלוו, ושג, של; ברז, פּמפּ, פּש, רגוו, שט, פּנוו, וולק, קוור, שר; שק קאָראָמיסלע (אַ הילצערנע פלאַכע דוהע, בויגנפאָרמיקע שמאָלע ברעט צו טראָגן אויף דער פּלייצע צוויי עמער וואַסער); אַ וואַסערטרעגערס צונאָמען: איציק די נאַשטשע (וולק) < nãščiai.

נוקע די – קורלאַנד (ווײַנרײַך 1923: 226), ושג, ברז אַן אָפּגעבראָכענע שטיק ברויט < לעט. nuka, ליט. niùkas (פון סלאַוויש); אָפּשטאַם וואַרשײַנלעך פון לעטיש — ושג און ברז זײַנען לעבן לעטלאַנד.

ניקענען, באַזונדערס אויסניקענען – פּפּ, טרש, בט, ושג; פּמפּ אויסגיין (נאָר וועגן פײַער, זיך ענדיקן) < (iš)nỹkti 'פאַרשווינדן'.

נעווי́קאַלעס דער – פּש שלימעזאַלניק, לאַ־יוצלח < nevỹkėlis.

נעטו́רים — זע פּורים.

נעטי́קאַלעס דער – שט, רגוו, וולק, קוור; נעטי́קעלים – בט טויגענישט, שלימזל, לאַ־יוצלח < netìkėlis.

נע́קנעקעס דער – פּפּ, ושג, בט אַ גאָרנישטיקער מענטש, אַ גאָרנישט < niẽkniekis 'אַ קלייניקײַט, אַ נישטיקע זאַך'. אין יידיש האָט דער באַדײַט פון וואָרט זיך געביטן.

סאַקע־פּאַסאַ́קע – דער אויסדרוק איז פאַרשפּרייט אין אַ גרויסן טייל ליטע; פאַרשריבן פון יודל מאַרק סתם גערעדט, אָן אַ סוף, אַ מעשה מיט אַ ציגעלע אַ ווײַסע, אַ ניט געשטויגענע זאַך. סאַקע־פּאַסאַקע — די יויך איז קאַלט; סאַקע־פּאַסאַקע און פאַרדינט אַ מכּה; פון סאַקע־פּאַסאַקע האָבן די קינדער אַ מכּה < sãkė pasãkė 'געזאָגט און גערעדט'.

סווי́רטים דער – פּפּ, טרש, שלוו, בט, ושג; שט, פּמפּ, פּנוו, וולק, בגסל, קוור, אַנ, שר; סווירטעם – פּש; סווירטע

די — טרש; ׳סווירטים׳ אין אַ כתב־יד, געקויפט אין וואַרשע אין תרמ״ג [1883-1882], פון אַן אומבאַקאַנטן מחבר (׳מעשה משנת 1290׳ 1981: 78; דושאַנסקים 1982); שווירטום — סטוטשקאָוו 1950: 160 — אַ ברונעם־געשטעל מיט אַ לאַנגן שטאַנג אַראָפּצולאָזן אין ברונעם אַן עמער און אים אַרויסצוהייבן מיט וואַסער. קוור אַ צונאָמען פון אַ הויכן און מאָגערן מענטש < svìrtis.

סווירנע די — וולק, בלנ; שלוו שפּײַכלער < svir̃nas.

סווענטע, שווענטע — מאַרק 1951; שוויענטע — סטוטשקאָוו 1950: 729 קריסטלעכע חגא < šveñtė.

סווענטענען — מאַרק 1951; שוויענטענען — סטוטשקאָוו 1950: 729 באַשפּריצן מיט הייליקן וועסערל < švéntinti.

סולע, שולע די — פּפּ, טרש, שלוו, בט, שט; פּמפּ, רגוו, פּש, וולק, שר פליסיקער בוים־זאַפט, באַזונדערס בעריאָזע־זאַפט < sulà.

סולענען — פּנוו, רגוו, שט, שר; שלוו, בט זייער אָנבאָטן, פאָרלייגן < siũlyti (< ווײַסרוסיש sulitь).

סוקטשעווען — פּש שווינדלען, אָפּנאַרן; ער סוקטשעוועט אין קאָרטן < sukčiáuti.

סטאָבאַלע די — פּפּ קלעצל (פון ראָד) < stebulẽ.

סטאָיגענען — וולק, אוט וואָיען (וועגן אַ וואָלף) < stáugti.

סטאַצער, סטאַטער — זע שטאַצער.

סטאַקטע די — פּפּ, זשג, ווקש בײַשטידל, אושאַק (פון טיר) < staktà.

סטולבע דער, די — פּפּ, זשג אַ ליימענער גולם, לעמעך < stul̃bis.

סטולפּ דער (סטולפּע די) — סלופּ, סטויפּ, סטאָלב < stul̃pas.

סטיפּענע די — פּמפּ שפּיצע (פון אַ ראָד) < stìpinas.

סטיפּענען — זע שטיפּענען.

סטירטע די — פּמפּ סטערטע, קויפּ, סטויג שטרוי; פגל. קאָיגע < stìrta.

סטירנע די — בט, פּפּ; פּמפּ סאַרנע, רע־הירש < stìrna.

סטירענען — זע שטירענען.

סטעמב(ע)רע[1] די — פּפּ; פּמפּ דער אונטן פון עק (אָן האָר) בײַ אַ פערד, קו, דער עק־שפּראָצל < stimberỹs, stimburỹs.

סטעמב(ע)רע[2] די — בט, שלוו, פּפּ אַזאַ געוויקס, וואָס וואַקסט אויס גאַנץ הויך, מיט אַ קעפּל, די בלעטלעך ווי שטשאַווי < stembraĩ.

סטראַוטע די — זשג אַ גראָבן, וואָס איז דאָס רוב פול מיט וואַסער < straũtas דיאַל. ליטוויש ׳שטראָם׳ אָדער לעטיש straũts.

סלאַסקע — רגוו, שט, וולק, שר; שלאַסקע — ברז; ספּאַסטקע — רגוו, בט, וולק, שר; פּאַסטקע — שק, קנ, סטוטשקאָוו 1950: 337 — מכשיר צו כאַפּן מײַז < spą́stai, slãstai.

סמאַגוֹרע דער, די — קוור זשעדנער; שלוו אַ נאַשער < smagùris ׳נאַשער׳.

סמאַגוֹרענען — שלוו זוכן נאַשערײַען < smaguriáuti.

סמאַרווע — בט אַ זידלוואָרט < smárvė ׳געשטאַנק, עיפּוש׳.

סמולקע אדי — פּפּ, זשג, שלוו; אַ סמולקע צורקע — אַ קליין פּנימל < smulkùs.

סמילקענען; סמילגענען — פּפּ, בט; פּמפּ, רגוו, פּנוו, וולק, קוור, שר; וורב (וועגן אַ שוואַך פײַערל) טליען, טלייען, רייכערן, פלימערן; איך גיי ביזן האַלדז אין אַ פּורווע [בלאָטע], זע איך מיטאַמאָל עס סמילגעט זיך אַ פײַערל; די לעמפּעלע סמילקעט, דער טאַטע סנוידזעט [דרעמלט], מען דאַרף טאַקע שלאָפן (די בײַשפּילן פון מאַרק 1951) < smil̃kti.

סנאָידענען — פּפּ, טרש, שוו, זשג, של, שלוו, בט; ברז, פּש, פּמפּ, פּנוו; סנאָידזענען — וולק, שר, שט; קנ, וולקוו; סנאָידזען — ווילנער אומגעגנט (באַסטאָמסקי 1920: 75) מיט ד אָדער דז איז דאָס וואָרט באַקאַנט אין גאַנץ ליטע; עס זײַנען פאַראַן ערטער, וואו מען קען הערןביידע וואַריאַנטן; אָפט ווערט דאָס וואָרט גענוצט ווי אַ פּעיאָראַטיוו צו ׳דרעמלען׳ (פגל. אויך באַסטאָמסקים באַמערקונג בײַם וואָרט), אָבער אָפט קאָנקורירט סנויד(ז)ענען מיט דרעמלען, זיך ניט אונטערשיידנדיק פון אים (לכל הפּחות אין זאַמעט). מיט קאָנווערבן: אײַנסנוידענען און אָפּסנוידענען < snáusti, פרג. צ. snáudė.

סנוקע די — פּפּ, טרש, שלוו, שוו, בט, זשג, פּש; עסטלאַנד; שנוקע — קורלאַנד (קלמנאָוויטש 1926), שניוק — קנ מאָרדע, פּיסק, שנוק; דו וועסט כאַפּן פון מיר אין סנוקע; זידלוואָרט: חזירשע סנוקע. דימינוטיוו (צערטל־פאָרם): סנוצקע; סנוצקעלע ׳פּנימל׳ < snùkis; לעט. snuķis.

סנערגלעם דער — רגוו, וולק; סנאַרגלים — בט, טרש; שנאַרגלע — שלוו, שנורגלע — פּש סמאָרקאַטש < sniurglỹs, snar̃glius.

סעָדאַלעם דער – קנ; שלוו דאָס אָרט וואו אַ הון טופּעט, זיצט < sédalas 'זיץ=אָרט'. אָבער אויף ליטוויש קען מען ניט אויף אַ הון, פויגל זאָגן sėdéti 'זיצן', מען מוז נוצן דאָס וואָרט tùpi.

סעדעָנע די – בט אַ זיץ=ברעט אין וואָגן < sėdẽnė.

סעָטענע די – פּפּ, טרש, של, דט, טאַווריג; סטוטשקאָוו 1950: 223 ברוקווע, ברוטשקע. 'סעטענע' איז פאַרשפּרייט נאָר אין זאַמעט. רגוו, שט, פּנוו, וולק, (אויך סטוטשקאָוו) 'קרוטשקע' (אין ליטוויש איז אויך דאָ דער סלאַוויזם grùčkas). אַ טייל ליטע נוצט נאָך דאָס וואָרט גרעשטע(ס) וולק, קוור, אַנ (אויך פון ליטוויש) < sėtinỹs.

סעָלענעס מצ – פּפּ, בט; פּמפּ, רגוו, פּנוו, קוור קליַיען < sẽlenos.

סעק, שעק דער – פּפּ, זשג אַ שיט=מאָס — איבער 5 גאַרנעץ, אומגעפער 17 ליטער; אַ שעק בולוועס < síekas.

סעקליָצע די – פּמפּ, פּנוו; אין פראַמס אידיליע 'זונטיק' אין אַ דאָרפישער שטוב דער בעסערער צימער, וואו מען נעמט אויף געסט < seklyčià.

סעקלע די – פּש זאָט < sékla.

ספּאַלעם — זע שפּאַלעם.

ספּאַנגאַלעם, שפּאַנגאַלעם — זע שפּאָנגאַלעם.

ספּאַסקע — זע סלאַסקע.

ספּיטרים דער – בט, שלוו אַ מענטש, וואָס זעט שלעכט, אַ האַלב=בלינדער; פּפּ, זשג אַ מענטש, וואָס קוקט (אויף עמעצן, אויף עפּעס) זייער אָנגעשטרענגט < spìtris.

ספּינדזענען – מאַרק 1951 שיַינען, גלאַנצן. דער שניי ספּינדזעט, אָבער איך פיל, אַז איך ווער פאַרסטיפּעט [פאַרפראָרן]; ביַי זיי אין שטוב ספּינדזעט אין אַלע ווינקעלעך < spindéti.

ספּראַגע די – פּפּ, בט אַ שפּאַלט, אַ לאָך אין פאַרקן < spragà.

ספּראָגענען – פּפּ, טרש, שלוו, בט פּרעסן, עסן (אַ סך) < sprógti (1 'פּלאַצן'; 2) 'פרעסן'.

ספּרענדזענען – זשג ספּרענדענען – בט (באַזונדערס אָפּספּרענדזענען) באַשליסן < spręsti, איצט. spréndžia, פּרג. צ. sprénde.

סקאַלקע די – פּפּ, זשג, פּלנג, שוו שפּאָן, שפּענדל < skalà.

סקאַרע די – פּפּ אַ גרויסע פּראָסטע פרויען=טוך, טיכל < skarà 'גרויסע שולטער=טוך, קאָפּ=טוך'.

סקינענען – זשג; פּנוו, קוור, בלנ ריַיסן, אָפּריַיסן (יאַגדעס, גראָז, בלומען) < skìnti.

סקליָדינע אַדי – רס, טרש פול ביז אויבן; אַ סקלידינע גלאָז < sklìdinas.

סקעָפּעטע די – בט, שלוו; פּמפּ אַ גרויס קאָפּ=טיכל פון איינפּאַכן שטאָף < skẽpeta 'טיכל'.

סקערדז – שלוו, שט; קאָוונער אומגעגנט, שק; קערדז – בט עלטערער פּאַסטעך, 'אויבערפּאַסטעך', אויפזעער פון די פּאַסטעכער (פּאַסטעכלעך); שפּאַצירט ווי אַ סקערדז [וועגן אַ ליידיקגייער] שלוו < skeřdžius, keřdžius.

סקערסאָים: ער גייט סקערסאָים — ער גייט מיט אַ זיַיט פאָרויס שלוו; ער גייט סקערסע טרש < eĩti skersõms און eĩna skeĩsas.

סקראַפּשקענען — זע קראַפּשקענען.

סקרוָזדאַלעם דער — 1) פּמפּ פּאַמעלעכער אַרבעטער, מאַרודניק, קאַלטער פּאַמעלעך; 2) רגוו אומאָרדענונג, מישמאַש, ווען אַלץ איז צונויפגעוואָרפן און צעמישט < 1) skruzdėlė̃ 'מוראַשקע'; 2) שטאַמט פון skruzdėlýnas 'מוראַשניק'.

סקרוזדעליָנע די – פּמפּ; פּפּ אַן אָרט, וואו עס שטופּן זיך אַ סך מענטשן, וואו עס שווימלט און גריבלט מיט מענטשן < skruzdėlýnas 'מוראַשניק', skruzdėlỹnė 'מוראַשניק (פון מענטשן)'.

סקרינע די – פּפּ, טרש, שלוו, דט; פּש אַ גרויסער און שווערער קאַסטן; זי איז אַ גוטע גאַסטפּאַדינע [באַלעבאָסטע] ביַי אַ פולע סקרינע; אַמאָל אויך געזאָגט אויף ליטוויש, כאָטש ס'איז גראַמאַטיש ניט ריכטיק; פגל. ביַי באַסטאָמסקי (1920): ס'איז גוט צו זיַין אַן אַכמעסטרינע ביַי אַ פולער סקרינע < skrynià, skrỹnė; וויַיסרוסיש און פּויליש skr(z)ynia. וועגן פּוילישן (rz) איבערגאַנג אין יידיש זע ביַי ט. גוטמאַן (ייד. פיל. 382 א.וו.) און קאַגאַראָוו (ציַיטשריפט II-III: 742).

סרובע, שרובע די – פּפּ, טרש, שוו פּראָסטע, שיטערע, ניט געשמאַקע זופּ < sriubà 'זופּ'.

סרוטעס מצ – פּפּ, בט פליסיקע שטאַל=מיסט < srùtos.

סרעבענען, סראָבענען, סרובענען – פּפּ, בט, שלוו, טרש, זשג, שט; רגוו, וולק, קוור זופּן, כליאָבען; ערטערוויַיז ווערט באַנוצט אַחוץ דעם ליטואַניזם אויך דער סלאַוויזם 'כליאָבענען', אָבער אין זאַמעט זאָגט מען דער עיקר סרעבענען < sr(i)uõbti, srẽbti.

עגלע די – פּפּ, טרש, שלוו, בט, שוו, שקד, פּלנג; זשג, של;

ברז, פּש, פּמפּ, רגוו; שק; קורלאַנד (קלמנאָוויטש 1926: 179); **יעגלע** וולק, אַנ; עגלע-האָלץ, עגלע-וואַלד — יאָדלע, טענענבוים. ערטערווײַז אין מזרח ליטע זאָגט מען אויך יאָדלע, יאָדלע-האָלץ < ēglė; לעט. egle. אינטערעסאַנט, אַז לעטיש egle האָט וואָרט-אײַן אַ קורצן e, אָבער אין קורלענדער יידיש איז, לויט קלמנאָוויטשן, דער ē לאַנג, ווי אין ליטוויש. אין ליטווישן יידיש זײַנען קיין לאַנגע וואָקאַלן בכלל ניטאָ. פּגל. אויבן V, 1.

**עזע** די — פּפּ, בט, שלוו; פּמפּ ניט צעאַקערטער שמאָלער גרענעץ-פּאַס צווישן צוויי פעלדער, מעזשע < ežia, ẽžė.

**עזערע, עזשערע** די — פּפּ, טרש, שלוו, זשג, בט; פּש; קורלאַנד (ווײַנרײַך 1923: 227) **אָזערע** < ẽžeras; לעט. ezers.

**עלקסנע** די — זע אַלקסנע.

**עפּושע** די — זע אַפּושע.

**עקעטע** די — פּפּ, טרש, שלוו, שוו; פּנוו, פּמפּ, רגוו, פּש, מאַרק 1951 אײַז-לאָך, פּאָלאָנקע; מען דאַרף אים אָפּטונקען אין אַן עקעטע [דערטרינקען] < eketẽ.

**פּאַבײַקטואוועס** מצ — בט; קוור סיום, פאַרענדיקונג-שמחה < pabaigtùvės.

**פּאַבעגאַלעס** דער — שר אַ מענטש אָן אַן אָפּדאַך < pabégėlis 'אַן אַנטלאָפענער'.

**פּאַגאַלע** די — פּפּ, טרש, בט, שלוו, זשג, של; ברז, פּמפּ, רגוו, פּש, פּנוו; קנ, שק; קורלאַנד (קלמנאָוויטש 1926: 179), **פּאַגאַלעס** דער — וולק, אַנ 1) אַן אַרומגעברענט שײַטל האָלץ; אַ קאָפּ ווי אַ פּאַגעלע (סטוטשקאָוו 1950: 176); 2) (זעלטענער) אַ שײַט האָלץ < pagalỹs, גענ. pãgalio; לעט. pagale.

**פּאַגײַקשטיס** דער — פּפּ, טרש פּלאָקן < pagaĩkštis 'קאָטשערע'.

**פּאַגיריאָם**: ער מאַכט פּאַגיריאָם (פּמפּ), ד.ה. ער טרינקט ווידער (בראַנפן), זיך נאָך ניט אויסגעניכטערט פון פריערדיקן טרינקען. פּגל. ער מאַכט אַ לחיים < pagiriõm 'זײַענדיק אין קאַצניאַמער (נאָכן טרינקען)'.

**פּאַגראָנדע(לע), פּאַגראַנדע(לע)** דער, די — פּפּ, טרש, בט 1) אַ ברויט-באָנדעלע פון טייג, אויסגעסקראָבעט דאָס לעצטע פון דייזשע (פּאָסקרעבעץ — וולק, ווילנער געגנט); די באָנדעלע ווערט געבאַקן אין פאָרם פון אַ פויגל; אָנשטאָט אויגן לייגט מען אַרײַן אַ פּאָר אַרבעס; אַזאַ פייגעלע רופט מען ציפּצענוזעלע (פּנוו, פּמפּ, ברז), ציפּצענוזע (של), ציפּצעניזע (סטוטשקאָוו 1950: 222); 2) אין שפּאַס: דאָס לעצטע קינד בײַ עלטערן; מיטן זיבעטן קינד, מיט דער 'פּאַגראָנדע', ווי די מאַמע פלעגט לאַכן (פּופּס 1976) < pagránda, pagrandẽlis (מיט ביידע באַדײַטן). וועגן an < on זע אויבן XI, 6.

**פּאַדאַלע** די, **פּאַדאַלעס** דער — פּפּ, טרש, שלוו, בט, שוו; שט, רגוו, פּמפּ, וולק אַן איי, געלאָזן (אַוועקגעלייגט) אין נעסט, אַז די הון זאָל קומען דאָרטן ווידער לייגן אייער, אַ נעסט-איי; ווען עמעצער האָט ניט פאַרענדיקט די אַרבעט, זאָגט מען: עס איז געבליבן אַ פּאַדאַלע (שלוו) < padėlỹs.

**פּאַדוקאַלעס** דער — פּמפּ, רגוו צעווילדעוועטער, צעיושעטער, אומגעצוימטער מענטש < padũkėlis 'ווילדער, אומגעצוימטער מענטש'.

**פּאַדוקעט** — פּפּ, שוו; פּמפּ אַ צעטומלטער, בײַ וועמען עס מישט זיך אין מח; אַ פּאַדוקעטער טאָג (זשג) זייער אַ שלעכטער וועטער < padũkęs 'אַ ווילדער משוגענער'.

**פּאַדירזעט** — טרש, זשג, ברז; וולק באַדעקט מיט אַ פאַרהאַרטעוועטן הײַטל (וועגן קאַשע, זופּ אָדער אַנדערע געקעכטס); די זופּ וועט ווערן פּאַדירזעט < padir̃žti 'אַ ביסל פאַרהאַרטעוועט ווערן'.

**פּאַדעגאַלעס** דער — פּמפּ, אַנ, שר; **פּאַדעגאַלע** דער, די — פּפּ, רגוו, שט; **פּאַדעגעלים** — שלוו אַן אָפּגעברענטער, אַ נשרף; אַ צונאָמען: לייבע דער פּאַדעגאַלעס (שר); ווען אַ נשרף גייט קלײַבן נדבות, זאָגט מען: ער גייט פּאַדעגאַלע (פּפּ). פּגל. פּאַדעגיסעם < padẽgėlis.

**פּאַדעגיסעם** — אין שפּעט-לשון: ער גייט פּאַדעגיסעם (שלוו) — ער גייט קלײַבן נדבות ווי אַ נשרף, אָפּגעברענטער < padegẽsiai 'אַן אָפּגעברענט אָרט', padegỹstė 'דאָס זײַן אַ נשרף'.

**פּאַדעקדעווע** — זע באָנדעפּאַדעק.

**פּאַוואַרגאַלע** די — פּפּ מאָגערע, קרענקלעכע (הון) < pavar̃gėlė 'אָרעמע, פאַראָרעמטע פרוי'.

**פּאָוויסאַם** אַדוו — פּפּ, טרש, שלוו; פּמפּ, פּש עס איז שוין פּאָוויסאַם 1) עס איז שוין נאָך דעם קריסטלעכן גאָטס-דינסט, ווען מענטשן גייען פון קירך; 2) די צײַט נאָכן מאַרק, ווען מענטשן גייען (פאָרן) זיך פאַנאַנדער; 3) נאָך אַלעמען < po visám.

**פּאַווענטער** — פּפּ צונאָמען פון אַ משפּחה, וואָס האָט געוואוינט בײַם טײַך ווענטאַ < paventỹs 'די געגנט בײַם טײַך ווענטאַ'.

**פּאַזשאַנדעס** מצ – בט אַזאַ פערד־קראַנקייט, קראָפּ < pažándės.

**פּאַטילפּענען זיך** — אין אויסדרוק: עס פּאַטילפּעט זיך מיר ניט אין קאָפּ (אין מוח), ד.ה. עס לייגט זיך מיר ניט אויפן שכל, איך קען דאָס ניט באַגרײַפן. אַנדערשוואו איז דער ווערב: **פּאַטייפּעט זיך** (וורב); **פּאַטופּעט זיך** (ווילנער אומגעגנט — באַסטאָמסקי 1920: 55) < patil̃pti 'זיך זמעשטשען, אַרײַנגיין'.

**פּאַלאַנגע** די – בט פענצטער־ברעטל < palángė.

**פּאַלאָנגע** – פּפּ, טרש, פּלנג דער נאָמען פונעם שטעטל Palangà. די יידן רופן דאָס שטעטל דיאַלעקטיש ליטוויש (וועגן on < an זע אויבן XI, 6), נאָר מען האָט איבערגעהויבן דעם אַקצענט און די ענדונג געמאַכט, ווי בײַ אַנדערע ליטואַניזמען, ־ע.

**פּאַלײַדינע** די – בט אַ לאַנג שטריקל מיט אַ גרעסערן האָק, וואָס מען וואַרפט אין טײַך אויף צו כאַפּן גרעסערע פיש, באַזונדערס העכטן < paláidynė.

**פּאַלײַקע** אַדי (געהערט נאָר ענקליטיש אָדער פעמינין) — פּפּ, טרש, שלוו, בט, מושק (ראַיאָן) פּראָסטע, אָפּגעטראָגענע, אַלטע (זאַכן); וואָליקעס־פּאַלײַקע; אַ פּאַלײַקע טוך. אינטערעסאַנט: אַ פּאַלײַקע עליה טרש, זשג, פּיקעלן (מושק. ראַיאָן) — ווי באַקאַנט, זײַנען די עליות אין בית־מדרש ניט גלײַכווערטיק: רביעי, חמישי, זײַנען ניט אַזוינע בכבודיקע עליות ווי שלישי, ששי און מפטיר; דאָ איז אַ ליטוויש וואָרט אין אַ בית־מדרש קאַטעגאָריע! < palaĩkis 'פּראָסטער, שלעכטער, אָפּגענוצטער'.

**פּאַלעדע** — אין פאַרגלײַך: צופּודלט די האָר ווי בײַ אַ פּאַלעדע (קוור) < peléda 'סאָווע' (פויגל).

**פּאַמעזגעס** מצ — (אויך 'פּאַמוניצע') פּפּ, שלוו, בט, שוו; פּמפּ פּאַמוניצע < pãmazgos.

**פּאַמעטעס** מצ – פּפּ, שלוו, פּלנג, קרעטינגע באַגראָזיקטע שטיקער ערד, אויסגעגראָבענע מיט די גראָז. קברים ווערן באַלייגט מיט אַזוינע שטיקער ערד. דאָס זעלביקע וואָס וואַלענע < pãmatas 'פונדאַמענט' אָדער מצ pamataĩ.

**פּאַניוראַלעס** דער – וורב, וולקוו — אַ שטילער, שטענדיק פאַראומערטער מענטש, מרה־שחורהניק. מסתמא מיינט דאָס זעלביקע פּאַנורע 'אַ זידלוואָרט' אין ווילנער אומגעגנט (באַסטאָמסקי 1920: 56) < paniùrėlis, paniū́ra.

**פּאַסאָגע** די – פּמפּ נדן פאַר אַ כלה < pasogà (פון ווײַסרוסיש posag(a)).

**פּאַסווייקענען זיך**, זעלטענער **סווייקענען זיך** (אָפּט אין שפּאַס) פּפּ, טרש, שלוו, זשג; פּנוו, שט; מאַרקום 1922: 21 ('סווייקענען זיך' — מאַרקום 1922: 70) זיך גריסן < pasisvéikinti, svéikintis.

**פּאַס(י)וטאַלעס** דער – פּפּ, טרש; פּנוו, פּמפּ; **פּאַסוטעלים** – בט, שלוו צעווילדעוועטער, צעיושעטער, ווילדער, אומגעצוימטער מענטש < pasiùtėlis.

**פּאַסטומדאַלעס** דער, די – רגוו, שט, ברז, וולק, קוור, שר; וורב; **פּאַסטונדאַלע** – שלוו, טרש, פּפּ, זשג אַ דערשלאָגענער, פאַרשטויסענער מענטש, וועמען אַלע טרעטן אויפן קאָפּ; אַ מיידל אַ פּאַסטונדאַלע וועט קיין חתן ניט קריגן (י. מאַרק) < pastùmdėlis.

**פּאָסײַטים, פּאָסעטים** דער – שלוו, שאַווליאַן (ראַדווילישקער ראַיאָן), רעמיגאָלע (פּנוו) — עמער־הענטל (צו טראָגן דעם עמער) < pãsaitas, pãseitas, pãsietas.

**פּאַסעדאַלעס** דער — קנ: ער זיצט ווי אויף אַ פּאַסעדאַלעס — ער זיצט אַלץ, הייבט זיך ניט אויף אָדער ער זיצט אַלץ אין שטוב < pasė̃das 'אַ זיץ־ברעט אין וואָגן, אַ זיץ'.

**פּאַסקע** — זע סלאַסקע.

**פּאָצערעס** מצ – פּפּ, טרש, שלוו, זשג קריסטלעכע תפילות < põteriai (ברז; שק פּאַצערעס פון פויליש pacierz).

**פּאַקאַלעס, פּאַקעלעס** – פּפּ, טרש, שלוו, זשג, של; וולק; קנ; גראָדנע; קורלאַנד (קלמנאָוויטש 1926: 180) **פּאַקל(י)ע** < pãkulos, לעט. pakulas, פויליש pakuly. מען דאַרף באַמערקן, אַז דאָס פוילישע וואָרט שטאַמט אויך, ווי עס שײַנט, פון ליטווישן pãkulos (ענדזעלין 1923, III:50 און בוגאַ 1959, II:511). דאָס יידישע וואָרט קען זײַן פון ליטווישן אָדער סלאַווישן אָפּשטאַם.

**פּאַקלידענען** – פּפּ, טרש; פּמפּ פאַרבלאָנדזשען (דער עיקר וועגן אַ בהמה, זעלטן וועגן אַ מענטשן) < paklýsti, פרג. צ. paklýdo.

**פּאַרשוק** דער – גאַנץ ליטע: פּפּ, טרש, שלוו, בט, שוו, זשג, של; ברז, פּנוו, שט, וולק, שר; שק — אַ חזיר (וועגן אַ מענטש). פּרילוצקי (1924: 363) ציטירט פון אפר. מאַרגאָליעס' בוך די געפונענע עלטערן (1883): אַזאַ פּאַרשוק! דער באַקאַנטער שפּרוך, אַז עס איז ניט פײַן צו עסן אין גאַס ('אויפן

מאַרק׳) האוכל בשוק דומה לכלב קלינגט אין ליטע אָפּט מיט אַ גראַם: האוכל בשוק דומה לפּאַרשוק. בײַם משלים־שרײַבער מרדכעלע איז דאָ אַ זאַץ: מאַדאַם פּאַרשוק, גיט נאָר אַ קוק אויף אײַער שנוק < paršiùkas; פּויליש (דיאַל.) parszuk (פּרילוצקי 1924: 363).

**פּאַשערע** די — פּפּ, טרש, של; פּש, פּמפּ (פּאָשער רגוו, שט, וולק, קוור, שר) פּוטער, קאָרמע < pãšaras.

**פּודימעס** — פּפּ, טרש, שלוו, בט; פּמפּ — ברוכפעלד < pū́dymas.

**פּוזדרע** דער, די — שלוו 1) אַ האַלב חרובע שטוב; 2) אַ דיקער, אָבער שוואַכער, קראַנקער מענטש < pū́zdras 1) 'אַ פאַרפוילטע שטיק האָלץ'; 2) 'אַ שטיבל, וואָס האַלט זיך קוים'; 3) פיג. 'אַן אַלטער, קראַנקער מענטש'.

**פּוטענעס** מצ — וולק, פּנוו יאַגדעס (פּרוכט) פון קאַלינע־קוסט, קאַלינע־יאַגדעס < pùtinas 'קאַלינע־קוסט'.

**פּוסאַנטרים** דער — שלוו צונאָמען פון זייער אַ הויכן מענטשן < pusañtro 'אָנדערהאַלבן'; pusañtražmogis 'אָנדערהאַלביקער'; trìnis 'אַן אָנדערהאַלביקער מענטש' (זייער אַ הויכער). פגל. דעם צונאָמען 'פּאָלטאָראַ זשידאַ' (полтора жида) בײַ ש. ווײַסענבערג, די צונעמענישן פון יידן אין יעליזאַוועטגראַדער קרײַז (ווײַסענבערג 1926: 75).

**פּוסבערנים** דער — פּפּ; פּמפּ; וולקוו אַ נידעריקערע מדרגה פון אַ געדונגענעם לאַנדווירטשאַפטלעכן אַרבעטער, 'אַ האַלבער בערנאַם'; ניט קיין דערוואַקסענער בערנאַם; פגל. בערנים < pùsbernis.

**פּוסדורנעס** (-נים) דער — טרש, בט; פּמפּ, שר נאַרישעוואַטער ('האַלב נאַרישער') מענטש < pùsdurnis.

**פּוסטעניש** די — פּלנג שניי־שטורעם, זאַווערוכע < pustýti 'בלאָזנדיק טראָגן שניי (דער ווינט)'. גענומען דעם וואָרצל pust און צוגעלייגט דעם יידישן סופיקס -עניש.

**פּוסינינק** דער — בט, טרש, שלוו; פּמפּ; **פּוסעניק** — פּפּ, פּש אַ פּויער, וועמען מען גיט אַ שטח ערד צו באַאַרבעטן און ער קריגט דערפאַר אַ העלפט פון געוועטניש < pùsininkas. ערטערווײַז נוצט מען פאַר דעם באַגריף אויך אַ סלאַוויזם (ערטערווײַז נאָך דעם סלאַוויזם): פּולאָווניק (טרש, שלוו), פּאָלאָווניק (שט), פּלאָווניק (שר).

**פּוקאַלע** די — פּפּ, שוו באַרש (אַ קליין פישעלע) < pūkỹs.

**פּורווינע** די — פּפּ, שלוו, בט, שוו אַ בלאָטיק אָרט < purvỹnė, purvýnas.

**פּורווע** די — פּפּ, טרש, בט, זשג בלאָטע (אין גאַס, אין פעלד, אויפן וועג), ווייכע פון נעץ ערד < pur̃vas.

**פּורטענען** — בט; פּמפּ טרייסלען, אויסטרייסלען (אַ זאַק). ער פּורטעט מיטן קאָפּ אויף 'ביין' (פּש) — ער שאָקלט מיטן קאָפּ אויף 'ניין' < pùrtyti.

**פּורים:** אַ ווערטל: פּורים — נעקאָ נעטורים — 'פּורים האָבן מיר גאָרנישט' זאַמעט; מערעטש *[Merkinė]* (באַסטאָמסקי 1920: 122 מיט ניט קיין ריכטיקער איבערזעצונג: nieko neturim 'איך פאַרשטיי ניט'!). פגל. דאָס שפּריכוואָרט, וואָס איז געווען אין ליטע שטאַרק פאַרשפּרייט: 'פּורים איז ניט קיין יום־טוב, קדחת איז ניט קיין קרענק'; באַסטאָמסקי גיט דאָס ווערטל אין פּוילישער רעדאַקציע. פאַרוואָס פּורים ווערט אַזוי נידעריק געשאַצט, איז ניט קלאָר; אפשר ווײַל אין דעם יום־טוב מעג מען טאָן אַלע אַרבעטן. נאָר פאַרוואָס איז קדחת ניט קיין קרענק? < niẽko netùrim 'מיר האָבן גאָרנישט'.

**פּורשקענען** — טרש, פּפּ, שוו; פּש שפּריצן, באַשפּריצן פון מויל מיט וואַסער; אויך פּורשקענען זיך < pur̃kšti, פרג. צ. purškė.

**פּושנינע** די — פּפּ, זשג; שט; שק 1) אַן אָנגעטראָגענע, אָנגעוווייטע שניי־מאַסע; 2) אַ וועטער, ווען עס שנייט און עס בלאָזט אַ שטאַרקער ווינט וואָס טראָגט די שניי; אַ שניי־שטורעם < pusnýnas.

**פּושנע, פּוסנע** די — פּפּ, טרש, שוו, שלוו, פּלנג, זשג, של; ברז, רגוו, שט, פּנוו, וולק, קוור שניי־הורבע, צונויפגעבלאָזענע שניי־מאַסע < pusnìs.

**פּושנענען, פּוסנענען** — פּלנג, פּפּ, טרש, זשג; פּמפּ, רגוו, שט, שר שנייען בײַ אַ גרויסן ווינט, אָנווייען, אָנטראָגן שניי < pustýti; אין יידיש איז דער t פאַרביטן אויף אַ n לויט דעם וואָרט פּושנע. דער אַקאַדעמישער ליטווישער ווערטערבוך גיט אויך אַ זעלטן וואָרט pripusnýti 'אָנפּושנענען'.

**פּושע** דער — (צוגלײַך אויך 'סאָסנע') פּפּ, טרש, פּלנג, שקד; יונגע פּושאַלעך (טרש) < pušìs.

**פּײלעס, פּײלים** דער — פּפּ, טרש, שלוו, בט, זשג; פּמפּ פּעיאָראַטיוו: אַ גרויסער, ניט שיינער מעסער < peĩlis 'מעסער'.

**פּילוועס** דער – שר; **פּילוואַטש** – שלוו גראָבֿ־בײַכיקער מענטש < pilvas 'בויך'. 'פּילוואַטש' באַשטייט פֿון ליטווישן וואָרצל -pilv און סלאַווישן סופֿיקס -ač. וועגן -ač אין שפּעט־לשון פֿגל. פּרילוצקי (1924: 364 א.וו.).

**פּיניג** — אין קאָרטן־שפּיל '66': ווען קיין צד האָט ניט געוואונען, ניט צונויפֿגעקליבן 66, דעמאָלט בלײַבט דאָס געשטעלטע אין באַנק געלט, ביז עמעצער פֿון די קאָרטנשפּילער וועט בײַ געוויסע באַדינגונגען עס געווינען. אָט דאָס געלאָזענע אין באַנק געלט רופֿט מען אין יידיש 'פּיניג' (של) < pinigaĩ 'געלט'.

**פּיפּקע** די – גאַנץ ליטע, עסטלאַנד ליולקע. פּיפּקע מיט מאָך — אויסגעצייכנט, זייער גוט זיך אײַנגעגעבן < pýpkė; אָבער אויך ווײַסרוסיש pipka און מיזרח־פּרײַסיש pipke.

**פּיפּקענען** – פּפּ, שלוו, זשג, של, שט רייכערן לאָזנדיק אַ סך רויך; אַ סך רייכערן; ער פּיפּקעט די פּיפּקע < pypkiúoti.

**פּ'יקוואָט** דער – שלוו, רס פּורונקל, געשוויר < pìktvotė.

**פּיקטשורנע** די – פּפּ, טרש מרשעת < pikčiùrna.

**פּלוקענען** – פּש ברעכן (פּלאַקס) < plũkti.

**פּליאַנט** דער – שק, וולקוו, מרמפּ שאָסיי < pléntas.

**פּליושקע** דער, די – זשג ניט ערנסטער מענטש, אַ לײַכטזיניקער, צעלאָזענער < -kė ,pliùškis.

**פּליושקענען זיך** – פּפּ, טרש, שלוו, זשג, של; ברז, שט; שק פּליוסקען זיך, פּליושקען זיך < pliùškintis (אויך פּויליש pluskać).

**פּלייסקע** די – פּמפּ, פּנוו, רגוו, וולק; **פּלאָוסקע**, **פּלאָיסקע** – פּפּ, שלוו אַן אויסגעטריקנט שײַטל האָלץ אויף אָפּצושפּאַלטן קינעלעך (שפּענדלעך) אויף באַלײַכטונג < pliauskà 'שײַטל'.

**פּלײַסקעס**, **פּלײַסקענעס** מצ – פּש קאָפּשופּן < pléiskanos.

**פּליקער** — ניט באַדעקטער, נאַקעטער; פּליקע קאָפּ [אָן היטל אָדער אָן האָר] פּפּ, שוו, שלוו, זשג, של (ייד. פֿיל. 1924: 239); פּנוו, רגוו, וולק, קוור; פּליקער וועג ווינטער דער טייל וועג, וואו דער ווינט האָט אַראָפּגעבלאָזן די שניי פּפּ, טרש, שלוו, של; פּמפּ, שט; איך וועל דיר געבן אויף פּליקן, ד.ה. איך וועל דיך שמײַסן פּפּ; אַ פּליקער חתן אַן אָרעמער חתן. < plìkas 'נאַקעט; אָרעם'.

**פּלעָפּים** דער, **פּלעפּע** דער, די און האַלב צערטלדיק **פּלעפּקע** דער, די — פּפּ, טרש, שוו, זשג פּלאַפּלער, באָלבעטון, פּלוידערער < plepỹs.

**פּלעפּענען** – פּפּ; שר אין שפּאַס: פּלאַפּלען, דער טאָפּ קאָכט, פּלעפּעט < plepéti (אויך אין ליטוויש וועגן קאָכנדיקן טאָפּ).

**פּלעָקשנע** די – פּלנג (י. מאַרק) פּלאָנדערקע, קאַמבאַלע (פֿיש) < plẽkšnė.

**פּלעשקע** די – בט שלייע (פֿון געשפּאַן) < plėškė̃.

**פּעָטשקורעס** דער – פּש אויוון־הייצער < pečkurỹs.

**פּעלקע** די – פּפּ, טרש, שלוו, בט, של (ייד. פֿיל. 1924: 239: פּעלקע 'אַ לוזשע') אַ זומפּ ניט דורכצוגיין, ניט דורכצופֿאָרן < pélkė.

**פּעָמענעס** דער – רגוו; **פּ'ימענים** – בט, שלוו פּעיאָראַטיוו: 1) פּראָסטער פּאַסטעך; 2) ניט דערצויגענער, גראָבער יונג; 3) שלוו שנעק < piemuõ, אַק. píemenį (אין ליטוויש אַלע דרײַ באַדײַטן).

**פּענוָקשלעס** דער – וולק 1) אָפּגעקאָרמעטער חזיר; 2) גראָבֿ־בײַכיקער, אָפּגעפֿרעסענער מענטש < peniùkšlis.

**פּעָרסטעקע** די – בט פֿיש־שטעכער, אַ לאַנגער שטעקן, וואָס צו זײַן ענד איז צוגעפֿעסטיקט אַ ברעטל מיט טשוועקעס, צו כאַפּן פֿיש אין ניט טיפֿן וואַסער < perstekẽ.

**פּראַ́דאַלגע** – בט מיט איין מאָל אָפּגעשניטענער פֿעלד־פּאַס, תבואה < pradalgẽ.

**פּראָסטער** – גאַנץ ליטע שלעכטער, ניט גוטער (אין קוואַליטעט). דאָס וואָרט איז אַ סלאַוויזם, אָבער אַנדערשוואו, ניט אין ליטע, ווערט עס באַנוצט אין זין 'פּשוט, אייפֿאַך, געוויינלעך'. בײַשפּילן פֿון גאַנץ אין ליטע: אַ פּראָסטע קאָפּ, פּראָסטע געשעפֿטן, פּראָסטע (שלעכטע) אַרבעט, פּראָסטע סחורה, פּראָסטע נײַעס. אונטער דער ווירקונג פֿון ליטווישן prãstas איז אין ליטווישן יידיש פֿאַרשוואונדן דער באַדײַט 'פּשוט, געוויינלעך' און זיך אַנטוויקלט 'שלעכט (אין קוואַליטעט)'. דאָס ליטווישע וואָרט prãstas איז אויך אַ סלאַוויזם (פֿרענקעל 1962-1965: 645 א.וו.); ווײַסרוסיש prostyj, פּויליש prosty.

**פּראַ́קורעס** מצ – פּפּ, שוו אונטערהייצעכץ (טרוקענע שפּענדלעך און ענלעכס) < prakuraĩ.

**פּריוועָרצענען** – שלוו; וולק, שר צוניץ קומען < praverĩsti, איצט. praverĩčia.

**פּריסטי'געט זײַן** – וולק, רגוו, קוור אויספֿעלן; איך בין פּריסטיגעט אין געלט — איך האָב ניט גענוג געלט < pristìgti.

פאַרגײַשענען — זע גײַשענען.

פאַרגרו́בעט אַדי — סרד שטאַר געוואָרענער, פאַרשטאַרט, פאַרגליווערט; די הענט זײַנען פאַרגרובעט פון קעלט < sugrùbęs.

פאַרדירזעט זײַן (אָדער ווערן) — טרש; וולק זיך באַדעקן מיט אַ פאַרגליווערטן, פאַרהאַרטעוועטן הײַטל (וועגן קאַשע, זופ אָדער אַנדערע געקעכטס). מען זאָגט נאָך: פאַרפאַסטירעט וולק, פאַרזילעט שט < apdir̃žti.

פאַרפושנענען — פגל. פושנענען; פאַרשיטן, פאַרווייען מיט שניי; די וועגן זײַנען פאַרפושנעט < užpustýti.

פאַרקאַנו́יקענען — זע קנויקענען.

פאַרשטיפעט, פאַרסטי́פעט — זע שטיפענען.

פאַרשטירעט ווערן — פפ, טרש, שלוו, בט שטײַף ווערן, האַרט, שטאַר ווערן; דעם ווינטער זײַנען מיר פאַרשטירעט געוואָרן [אויסגעשטירעט געוואָרן] פון קעלט; געקאָכטע בולוועס, אַז זיי ווערן קאַלט, ווערן זיי פאַרפאַסטירעט אָדער פאַרדירזעט (וולק) < pastìrti.

צו́גלאָידענען (זיך) — פפ, טרש, מזשק, שוו, בט, שלוו, זשג; פש, קנ צוטוליען (זיך), פריטוליען (זיך), צודריקן (זיך); ביידע קינדער זיצן צוגעגלאָידעט איינער צום אַנדערן < pri(si)glaũsti, פרג. צ. prìglaudė.

צודרו́מסקעט אַדי — 1) ברז מוטנע, קאַלעמוטנע (וואַסער); 2) גאַנץ ליטע (וועגן אַ מענטש) פאַראומערט, צעטראָגן, צעטומלט (אָפט אַ ביסל איראָניש) < sudrum̃sti 'מאַכן מוטנע'.

צוטי́זעט אַדי — פפ, טרש, שלוו צעקראָכענער, פאַרשלאָפענער, אָפגעלאָזענער (מענטש) < ištìžęs.

צוקי́רפענטן — פגל. קירפענען; צעשערן אויף קליינע אומנוציקע שטיקעלעך < sukir̃pti (ליטוויש ניט פעיאָראַטיוו).

צורע́קענען — זע רעקענען. גראָב, ניט גלײַך צעשנײַדן ברויט < suriẽkti, suraikýti.

ציבעלײַ́שקע די — פנוו, פמפ, פש, סטוטשקאָוו 1950: 223 גרינע ציבעלע < cibùllaiškiai.

צעגײַשענען — זע גײַשענען.

צעדראַסקענען — זע דראַסקענען.

קאָבענע די — פפ, טרש, שוו (=בושאַק בט) אַ לאַנגער שטאַנג מיט אַן אײַזערנעם קרוק אויפן ענד, אַ האָק; למשל אַ פײַערלעשער־קאָבענע < kobinỹs, גענ. kõbinio.

קאָגאַלוועס מצ — בט פוסנאָגע, לעבער און קאָפ פון אַ בהמה (אויף פעטשאַ) < kógalviai; דיאַל. kógalvės (וויטקאַוסקאַס 1976).

קאַדאַגי́נעס מצ — שלוו אַזוינע נידעריקע נאָדל־ביימעלעך אָדער שטעכלדיקע קוסטעס. ערטערווײַז אין זאַמעט רופט מען דעם קוסט קאַדעגעס. יאַלאָוועץ — можжевельник (רוסיש־יידישער ווערטערבוך 1984: 252), לאַטייניש נאָמען juniperus. דאָס געוויקס ברענט מען מיט צוקער, עס זאָל זיך אין שטוב פאַרשפרייטן אַן אָנגענעמער ריח < kadagýnas (מערערע קוסטעס), kadagỹs, גענ. kãdagio.

אין זאַמעט און קורלאַנד (קלמנאָוויטש 1926: 183) רופט מען דאָס געוויקס אויך קאַדיק. דאָס וואָרט זאָל לויט קלמנאָוויטשן שטאַמען פון לעטיש, אָבער אין זאַמעט האָט לעטיש מסתמא ניט געקענט ווירקן אויף יידיש, חוץ דעם שטאַמט לעט. kadikis פון נידערדײַטש kaddik (ענדזעלין, אין מילענבאַך, II: 131 א.וו.), אַזוי אַז דאָס וואָרט האָט געקענט אַרײַן אין יידיש אָן לעטישער פאַרמיטלונג.

קאַודזע, קאַוזע — זע קאָיגע.

קאַופטו́ק דער — בט מאָטיקע (אַרומהויפונג־מכשיר) < kauptùkas.

קאַופענען — זע קאָיפענען.

קאָיגע די — פפ, זשג, של, קאַוזע — פלנג, שקד, זשג, קוגע — בט, רס, סטוטשקאָוו 1950: 29 סטויג, סטערטע; אַ קאָיגע היי פש < káugė, אויך kū́gis 'קאָנוס; קאָנוספאָרמיקער סטויג'. וועגן קאַוזע פגל. קאַודזע (קורל: ווײַנרײַך 1923: 232) < לעט. kaudze.

קאָיפ — זע קויפ.

קאָיפענען, באַזונדערס באַקאָיפענען — שלוו, טרש; באַקאַופענען — בט; שק (=אַרומשלאָגן וולק) — אַרומהויפן, אַרומשיטן, אַרומגראָבן. באַקויפענען בולוועס, אוגערקעס < (ap)kaũpti.

קאָיקענען — פפ, טרש, שלוו, רגוו; קאַוקענען — בט (= סקאַוואוטשענען וולק, קאַוואוטשענען בט) וואָיען, הוילן; אַ הונט קאָיקעט; דער הונט האָט אָפגעקאָיקעט אַ גאַנצע שעה < kaũkti.

קאַלאַ́לע די — פמפ צונעמעניש פון אַ יידישער פרוי < kalẽ 'אַ צויג, הינטיכע', kalẽlė דימינוטיוו.

קאַלבע́קענען — פפ, בט, שלוו, טרש, זשג, של; פמפ, וולק, קנ; וואַרשײַנלעך גאַנץ ליטע שוואַך קענען די שפראַך,

ווי־ניט־איז ריידן, באַזונדערס ליטוויש. אָפּט רעפלעקטיווע פאָרמען מיט קאָנווערבן: צונויפקאַלבעקענען זיך און צוזאַמענ־קאַלבעקענען זיך זיך ווי־ניט־איז אויפריידן, צוזאַמענריידן זיך שוואַך קענענדיק דאָס לשון < kalbéti ׳ריידן׳, susikalbéti ׳זיך צונויפריידן׳.

קאַלייד דער – גאַנץ ליטע, עסטלאַנד, ווילנער אומגעגנט (זע באַסטאָמסקי 1920: 34, וואו עס איז געשריבן ׳קאַלייט׳) דער קריסטלעכער יום־טוב ניטל. ׳קאַלייד׳ ווערט ווײַט פון ליטע ניט באַנוצט, און ד״ר א. לאַנדוי, אַ גאַליציאַנער, רעצענזירנדיק באַסטאָמסקיס בוך, בעט דערקלערן דאָס דאָזיקע וואָרט (לאַנדוי 1926: 16). סטוטשקאָוו (1950: 729) ווײַזט אָן די סינאָנימען פון דעם חגא־נאָמען: ניטל, ווײַנאַכט, בלינדע נאַכט (שפּאַניש), קריסמעס (אַמעריקע), ראָזדשעסטוואָ (רוסיש), באָזשע נאַראָדזעניע (פּויליש), קאַלייד (ליטוויש) < kalédos. דאָס ליטווישע וואָרט שטאַמט פון ווײַסרוסיש koljady (זע סקאַרדזשיוס 1931: 93, פרענקעל 1962–1965: 208). דער יידישער קאַלייד וואָלט געקענט שטאַמען דירעקט פון אַ סלאַווישער שפּראַך, ווײַל סלאַווישער ja < ייד. ei (פּגל. רייזען 1920: 62). אָבער די געאָגראַפיע פונעם וואָרט ווײַזט, אַז דאָס איז אַן אַנטלײַאונג פון ליטוויש. דאָס ווײַזט אויך סטוטשקאָווס אויסרעכענונג פון יידישע נעמען פון ניטל. אגב ווײַזט אָן מ. ווײַנרײַך (ייד. פיל. 1924: 300), אַז אין דער הײַנטצײַטיקער רוסישער, אוקראַינישער און פּוילישער שפּראַך באַדײַטן די ווערטער koljada און kolęda ׳קאַלייד־לידער׳, נאָר אין אַלט פּויליש האָט kolęda באַדײַט דעם יום־טוב קאַלייד אָדער נײַ־יאָר.

קאַלעדאָיענען – בט, טרש, פּפּ; פּמפּ, רגוו אין פּעריאָד פאַר קאַלייד (ניטל) פאָרט דער גלח און קירך־באַדינער איבער זײַן פּאַראַפיע צו קלײַבן מתנות (פּראָדוקטן). דאָס פאָרן און קלײַבן הייסט קאַלעדאָיענען < kalėdóti, איצט. kalėdója.

קאַמפּע די – פּפּ, טרש, בט, שלוו; שט, אַנ, וולק, שר; וולקוו; ווילנע און סווינציאַן (ייד. פיל. 1924: 226 א.וו.); קאָמפּע – פּמפּ, ברז אַ דיקע, גרויסע, ניט פײַן אָפּגעשניטענע המוציא אָדער אָפּגעבראָכענע שטיק ברויט. זע נאָך נוקע, רעקע און אַנדערע סינאָנימען אין ייד. פיל (1924: 226 א.וו.) < kampas 1) ׳אַ ווינקל׳; 2) ׳אַ נאַקרײַציק ברויט׳. וועגן טאַווטאָסילאַבישן am < om זע XI, 6. עס זאָל פאַרצייכנט ווערן, אַז אין פּומפּיאַן איז אין ליטוויש טאַקע נאָרמאַל דער איבערגאַנג am < om, אָבער אין בירזש איז נאָרמאַל דער איבערגאַנג am < um, אַזוי אַרום איז די יידישע קאָמפּע אַריבערגעשפּרונגען די ליטווישע דיאַלעקטאַלע גרענעצן. אויך אין זאַמעט איז מיר אויסגעקומען צו הערן קאָמפּע.

קאָמשטע די – פּפּ, זשג מיט וואָס מען פאַרשטאָפּט אַ לאָך. אין שפּאַס: אַ שטיק ברויט, אכילה (טרש, שלוו) < kamštis ׳קאָרק׳. אַז אין זשאַגער, באַזונדערס אין שידלעווע קומט אויס צו הערן אויף יידיש ׳קאָמשטע׳ (מיט om, ניט מיט am), האָבן מיר צו טאָן מיט אַן אַריבערשפּרונג איבער די ליטווישע דיאַלעקטאַלע גרענעצן.

קאַנויקענען — זע קנויקענען.

קאַפּוֹרע די – פּפּ, טרש, שלוו, בט; ברז, פּמפּ, וולק, שר; קעפּוֹרע – שק; פּש אַ גרויס פּראָסט היטל, וואָס געפעלט ניט < kepùrė ׳היטל׳.

קאַפּע די – פּמפּ אַ קבר פון ניט קיין יידן < kãpas ׳קבר׳.

קאַפּענע די, קאַפּענעס מצ — וולק; שק קריסטלעכער בית־עולם. זע נאָך קאַפּעס < kãpinės.

קאַפּעס מצ – פּפּ, טרש, שלוו, זשג; פּש, פּמפּ — קריסטלעכער בית־עולם (צוגלײַך מיט קאַפּעֹל — פּפּ, זשג; ברז, פּש און מאָהילניק [סלאַוו.] — בט; פּנוו, וולק) < kapaĩ ׳בית־הקברות׳.

קאָפּעצעס מצ – פּמפּ אַ לייטער < kópėčios.

קאַקטע די – שלוו; רגוו, פּמפּ, שר; וולק (נאָר אַלטע מענטשן) די פאָדערשטע אייבערשטע פײַער־לאָך פון אויוון. געווען אַמאָל אין ווילקאָמיר אַ ייד מיט אַ צונעמעניש שראָל די קאַקטע — ער איז געווען אַ ׳פאַרשוואַרצטער ווי די פײַער־לאָך פון אויוון׳ < kaktà.

קאַקלענינק דער – בט אַ שטריק אָדער רימען, וואָס איין ברעג פון איר (אים) ווערט פאַרבונדן אויפן האַלדז פון פערד און דער צווייטער ברעג ווערט צוגעבונדן צום דישל פון וואָגן < kakliniñkas (פון kãklas ׳האַלדז׳).

קאַקערינע די – שלוו אַ גרויס מויל, אַ שטאַרקער גאָרגל; עֿפענען אַ קאַקערינע — אָנהייבן שרײַען < kakarìnė.

קאַרטעס דער – בט גריווע (פון אַ פערד) < kařtis (איינצאָל, זעלטן), געוויינלעך מערצאָל kařčiai, פון וועלכן עס איז געוואָרן קאַרטשע.

קאַרטשע די – שק גריווע (פון אַ פערד) < kařčiai.

קאַרקענען — פּפּ, טרש, שלוו, בט, זשג; פּמפּ, שר קוואָקטשען, קוואָקען (פֿון אַ הון) < kar̃kti.

קאַרשענען — פּפּ, שלוו, בט, זשג; פּמפּ, ברז, פּש; שק (וואָל) קעמען, גרעמפּליעווען. מיט קאָנווערבן; אויסקאַרשענען אויסקעמען; איבערקאַרשענען נאָכאַמאָל קעמען (וואָל) < kar̃šti, iškar̃šti, pérkaršti.

קאַרשער דער — פּפּ, זשג, ינש אַרבעטער, וואָס קעמט (קאַרשעט) וואָל < karšė́jas.

קאַרשערײַ די — פּפּ, זשג, ינש אונטערנעמונג, וואו מען קעמט (קאַרשעט) וואָל < karšyklà. דאָס יידישע וואָרט האָט אַ יידישן סופֿיקס.

קאַשטאַנים דער — בט אַ פֿערד פֿון קאַשטאַן־פֿאַרב, אַ ברוין פֿערד < kaštõnis.

קוגע, קוגים — זע קאָיגע.

קויפּ, קייפּ, באַזונדערס אין אויסדרוק מיטן קויפּ (מיטן קייפּ) — פּפּ, זשג, טרש, שלוו; ברז, רגוו, פּמפּ, פּש, פּנוו, וולק, קוור, שר, קנ; kaup — שקד, בט; שק; קורלאַנד (קלמנאָוויטש 1922: 184: געמאָסטן מיטן kaup); ווילנער אומגעגנט; kojp — באַסטאָמסקי (1920): מיט אַ קאָיפּ הכרעה, עודף, אויבערוואָג, (מיט אַ) שמיציק. אין אַ וויץ וועגן אַ שוואַנגערע: זי איז מיטן קויפּ (שלוו). אַ קללה: געשוואָלן זאָל ער ווערן ווי אַ קויפּ (פּמפּ) < kaũpas 'הויפֿן, קופּע'. dúok saĩką su kaupù 'גיב די מאָס מיטן קויפּ'.

קולטעווע די — פּפּ, טרש, שלוו, בט, פּש, שוו פּראַלניק (באַנוצט בײַם וואַשן וועש); אַז מען שלאָגט די ווײַב מיט אַ קולטעווע, ווערט דערפֿון די גרעט ניט ווײַס (פֿאַרשריבן פֿון י. מאַרק) < kultuvẽ.

קולנע די — גאַנץ ליטע, אויך בײַ סטוטשקאָוון (1950: 590) — פּיאַטע (פֿון פּוס, פֿון זאָק). ווען עמעצער לויפֿט גיך, שרײַט מען אים אונטער אין שפּאָס: שטיי! די קולנע איז פֿון הינטן (בט) < kulnìs, kul̃nas, פֿגל. לעט. kulnis, kulne.

קולנעקאַקער — פּפּ, זשג טויגעניכטס, לא־יוצלח, אומגעשיקטער מענטש (מיט ליימענע הענט). אַ צונויפֿגעזעצט וואָרט, געפֿורעמט לויט ליטוויש aptriestakul̃nis.

קולע[1] די — גאַנץ ליטע בינטל, קול(יע). אַ קולע שטרוי < kūlỹs. פֿגל. ווײַסרוסיש kulь (פֿון אים שטאַמט ליטווישער kūlỹs), אוקראַיִניש куль (סקאַרדזשיוס 1931: 115; פֿרענקעל 1962-1965: 307), לעט. kulis.

קולע[2] די — פּפּ, שוו; קוור אַ דיקע שווערע שטיק האָלץ מיט אַ פֿאַרדיקונג בײַם סוף, וואָס ווערט באַנוצט בײַם האַקן האָלץ: ווען די האַק גייט אַרײַן אַ ביסל אין דעם שײַט האָלץ, דערלאַנגט מען מיט דער קולע אַ זעץ נאָך אַ זעץ אויף דער האַק, ביז דער שײַט האָלץ שפּאַלט זיך דורך. אַנדערע ליטווישע יידן רופֿן דעם מכשיר שלאַגע (שלוו, זשג; רגוו) < kūlẽ.

קומעטים דער — בט, שלוו לוין־אַרבעטער אין אַ הויף (אין אַ גוט, נחלה) < kùmetis. דאָס ליטווישע וואָרט איז פֿון אַלט־רוסיש къметь (סקאַרדזשיוס 1931: 113, פֿרענקעל 1962-1965: 309).

קומעליוק דער — בט, שלוו לאָשאַקל, זשערעבטשיק, קיזשיק < kumeliùkas.

קומפּעם דער — פּש (געררייכערטע) שינקע < kum̃pis.

קופּעטע די — פּפּ, טרש, שלוו, בט; פּמפּ סטויג, סטערטע; אַ קופּעטע היי < kùpeta.

קופּרע, קופּרים דער, די — בט, שלוו; וולקוו, וורב הויקער, האָרבאַטער מענטש. צווישןביידע וועלט מלחמות איז אין דער וואָכנשריפֿט וועלטשפּיגל (נ. 8, ליטע) געווען אַ קעפּל 'דער קופּרע' < kùpris, kuprỹs.

קופּצע בעקעלנע — וולק צונעמעניש פֿון אַ סוחר: 'סוחר אָן הויזן' < kùpčius bè kélnių; פֿגל. bekel̃nis (1 'אָן הויזן'; 2) פֿיג. 'אַן אָרעמער, פֿאַראָרעמט געוואָרענער, רואינירטער'.

קורמעס דער — פּש קראָט, מוילוואָרף < kùrmis.

קורענען זיך — פּפּ, טרש, שלוו; וולק זיך שלעכט הייצן, ניט וועלן ברענען, לאָזן רויך, למשל ווען דאָס האָלץ איז פֿײַכט; אין אויוון קורעט זיך < kūréntis 'זיך הייצן'. מעגלעך אויך די השפּעה פֿון רוסישן кури́ться.

קורפּיעס מצ — סטוטשקאָוו 1950: 590 פּראָסטע, פּשוטע שיך < kùrpės.

קיבים דער — טרש אַ מענטש אַ צוטשעפּעניש וואָס מען קען פֿון אים ניט פּטור ווערן < kìbis. פֿגל. קיבע.

קיבע די — פּפּ, טרש, שקד שטעכלדיקע קעפּלעך פֿון אַ ווילדגראָז לאָפּוך (Arctium). תשעה־באָב וואַרפֿן זיך קינדער מיט קיבעס, וואָס בלײַבן שטעקן, וואו זיי טרעפֿן. דאָס איז זייער אַ פֿאַרשפּרייטער מנהג. קינדער פֿלעגן וואַרפֿן קיבעס אַפֿילו אויף בכבודיקע יידן אין די בערד, וואו די שטעכלקעס טשעפּען זיך אַרײַן באַזונדערס שטאַרק, וויסנדיק, אַז קינדער קריגן צוליבן מנהג ניט קיין גרויסע שטראָפֿן. פֿון דערײַן שטאַמט די יידישע

באַקאַנטשאַפט מיט דעם געוויקס. אַזאַ ווילדגראָז וואָלט בכלל ניט געהאַט קיין יידישן פאָלקס־נאָמען, נאָר צוליבן מנהג האָבן יידן אין פאַרשידענע קאַנטן איין אָדער צוויי נעמען פאַר זײַנע שטעכלדיקע קעפּלעך: בערזעלע קורל (ווײַנרײַך 1923: 214), בעראַלע — שט; בואַלע — בט, פּפּ; שישקע — אנ, שר, פּמפּ, בוזיקל — קאַמענקאַ אין אוקראַינע; אין רוסיש־יידישן ווערטערבוך (1984: 486) репейник (דאָס קעפּל): ׳בודיק, בערזעלע׳. דאָס וואָרט קיבע, אָפּשטאַמיק פון ליטוויש, איז ברייט באַקאַנט נאָר אין זאַמעט < kìbis, דיאַל. kìbė.

קיבענען[1] – פּפּ, טרש, בט; פּמפּ פּאַרטשעפּענען, ריידן, טשעפּענען, צופּן; קיבענען אַ מיידל (בט; פּמפּ) < kìbinti.

קיבענען[2] – בט בײַם כאַפּן פיש אויף אַ ווענטקע: עס קיבעט, ד.ה. אַז דאָס שווימערל פון ווענטקע־שנור באַוועגט זיך, דער פיש האָט ׳אײַנגעביסן׳ < kìbti.

קי́לפּע די – פּפּ, בט, שט, רגוו שטײַג־רינג, שטײַג־רימען פאַרן פוס פון רײַטער, אַראָפּגעלאָזן פון זאָטל < kìlpa (1 ׳פּעטליע, שלייף׳; 2) ׳סטרעמען (פאַר אַ רײַטער)׳.

קירפּענען – פּפּ, טרש, שלוו, שוו, בט, זשג; ברז, רגוו, פּמפּ, פּנוו, וולק, קוור; שק שלעכט, ניט שיין שערן; צעשערן אויף קליינע, ניט נוציקע שטיקעלעך; זע אָפּקירפּענען, אַרומקירפּענען, צוקירפּענען < kiȓpti, ליטוויש ניט פּעיאָראַטיוו.

קירקענען – קאַזלאָווע רודע, פּאַבערזשע (נעמענטשינער ראַיאָן) רייצן < kìrkinti.

קלאָאימעם דער – פּש דרעש־טאָק, שײַער < klojìmas. זע נאָך קליימעש.

קלאַנע די – פּפּ, בט, שוו לוזשע. נאָך אַ רעגן ווערן קלאַנעס; ער האָט אָנגעגאָסן אויפן דיל אַ גאַנצע קלאַנע (זשג) < klãnas.

קלאָנעם דער – פּמפּ, פּש דרעש־טאָק, דרעש־קלוניע < klúonas.

קלומבאָקעם מצ – פּמפּ שיך מיט הילצערנע זוילן < klumbõkai.

קלומפּע די – פּפּ, טרש, שלוו, בט, זשג; פּמפּ, שט, פּש, שר; יורב; סטוטשקאָוו 1950: 168, 589 (1 אַ הילצערנער שוך; אַ שוך מיט הילצערנע זוילן; 2) פּעיאָראַטיוו: אַ פּשוטער חי־וקים, אַ מענטש פון נידעריקן יחוס, אַ דאָרפישער < klùmpė; ליטוויש נאָר דער טיפּ שוך.

קליונקע אַדי, די – פּפּ, טרש אַ קליונקע איי — וואָס ווען מען שאָקלט זי, טרייסלט זיך, באַוועגט זיך אין איר דאָס ווײַסל מיטן געלכל < kliù(n)kis (סובסטאַנטיוו).

קליוקענען – פּמפּ (ווענן אַן איי) זײַן אַ שאָקלדיקע < kliukéti.

קלייט די – פּפּ, טרש, בט; שט, פּמפּ, שרוו; קורלאַנד (ווײַנרײַך 1923: 233) אַ שײַער אַוועקצושטעלן פאַרשידענע שטוביקע זאַכן און צו האַלטן תבואה. ווײַטער פון ליטע, אין ווײַסרוסלאַנד און אַנדערשוואו, ערטערווײַז אויך אין מזרח ליטע, באַנוצן יידן דאָס וואָרט אין זין ׳אַ קראָם׳ < ליט. klétis, לעט. klēts, רוס. клеть, ווײַסרוס. kleta. זע פריער V, 4. פגל. ווײַנרײַך (1923: 233; ייד. פיל. 1924: 47), רייזען (1920: 62). קאַגאַראָוו אין צײַטשריפט 1928, II-III: 474 (׳צו דער פראַגע וועגן דעם יידישן עטימאָלאָגישן ווערטערבוך׳) מיינט, אַז ליט. klétis און לעט. klēts זײַנען אָפּשטאַמיקע פון סלאַוויש; אינדערעמתן איז דאָס אַ בשות־פותדיק סלאַוויש־באַלטיש וואָרט (פגל. טרויטמאַן 1923: 136 און פרענקעל 1962-1965: 270).

קליימעש דער – אין ווילקאָמירער אומגעגנט טויק, דרעש־טאָק < klaĩmas (דיאַל.) פגל. קלאָאימעם.

קלימפּענען – בט אײַנזינקען (אין בלאָטע, אין קלעפּיקער מאַסע, אין שניי) < klim̃pti.

קליקענען – בט שרײַען, מאַכן קולות < klỹkti. פגל. נאָך רוס. кликать (טרויטמאַן 1923: 136).

קלישע – שלוו אַ צונעמעניש פון אַ הינקעדיקן < klìšas ׳אַ קרומפּיסיקער׳.

קלישענען – זשג, טרש קוים גיין; שלוו הינקען; איראָניש וועגן שלעכט קענען לייענען (טרש). ער האָט קוים דערקלישעט (דערהונקען) ביזן שטוב (זשג) < klišúoti, kli̇šénti.

קלעבע די – פּפּ, טרש, שוו; קולדיגא (קורל.: קלמנאָוויטש 1926: 175); גלעבע – שלוו, בט, זשג; ברז, שט, פּמפּ, אַנ, שר; שק; יאַוניעלגאַוואַ (קורל.: קלמנאָוויטש 1926: 175, הערה 2), סטוטשקאָוו, 1950: 47 — וויפל מען קען אַרומנעמען, אַרומכאַפּן מיט ביידע אויסגעשטרעקטע הענט; אַ קלעבע (גלעבע) האָלץ אַ באַרעם האָלץ. אַ גלעבע שטרוי פולע אָרעמס שטרוי; צונויפגענומען אין איין גלעבע די ציג און די קרויט (י. מאַרק); ער איז מיר אַרײַנגעפאַלן אין קלעבע אין די אויסגעשטרעקטע אָרעמס, איך האָב אים אַרומגענומען מיט ביידע הענט < glėbỹs, דיאַל. (זשעמײַטיש) klėbỹs

(וויטקאַוסקאַס 1976: 140), לעט. klēpis.

**קלעגע** דער, די — פּמפּ אַ טומלער(קע), אַ שרײַער(קע), אַ הויכריידער(קע) < klẽgis, -gė.

**קלעגענען** — פּמפּ טומלען, פאַרטומלען דעם קאָפּ, גרילצן אין די אויערן < klegéti.

**קנאָלעם** — זע אוקנאָלעם.

**קנאַרקענען** — פּפּ, בט אין שפּעט־לשון: כראָפּען. גלײַכצײַטיק ווערט באַנוצט אָן שפּעט־ניואַנס דאָס אָפּשטאַמיקע פון סלאַוויש וואָרט ׳כראָפּענען׳ < knarkti.

**קנויקענען** — פּפּ, טר, בט, זשג; קאַנויקענען — שלוו; פּמפּ, שט, שר; י. מאַרק; סטוטשקאָוו 1950: 249 (וועגן אַ קאַץ) מיאַוקען, מיאַוען, ניאַווקען; (וועגן אַ הונט) סקאַוואוטשען; (וועגן אַ מענטש) קלאָגן, וויינען אַזוי ווי אַ הונט אויף דער לבנה. מיט קאָנווערבן: אָפּק(אַ)נויקענען, פאַרק(אַ)נויקענען; די קאַץ האָט אָפּגעקנויקעט די גאַנצע נאַכט; ער האָט מיר פאַרקאַנויקעט די קאָפּ; אַ הונט, וואָס בילט, קריגט אַ שטיין און וואָס קאַנויקעט קריגט אַ ביין (י. מאַרק). די ווײַב אויקעט און דער הונט קאַנויקעט, די קינד כליפּעט און דער דלות סקריפּעט (י. מאַרק). < kniaũkti (וועגן אַ קאַץ און פיג.).

**קניבזשדענען** — פּמפּ ווימלען, שוויבלען (און גריבלען) < knibždéti.

**קניבאָן** דער — רגוו אַ מענטש, וואָס פּאָרקעט זיך לאַנג מיט דער אַרבעט < knìbčius, נאָר פאַרביטן דעם סופיקס -čius אויף דעם סופיקס -un פון סלאַווישן אָפּשטאַם (זע פרילוצקי 1924: 366 א.וו.).

**קניבענען זיך** — פּפּ, טרש, של, זשג; רגוו פּאָרקען זיך, באָברען זיך, קאַלופּען זיך, פּאַמעלעך (אָן חשק) זיך פאַרנעמען מיט קליינע אַרבעט < knibinéti (פגל. ווײַנרײַך 1923: 233; לאַנדוי, ייד. פיל. 1924: 60 — דײַטשישע אַנאַלאָגן); לעט. knibēt און knibinãt(ies).

**קניסע** דער, די — פּפּ, טרש, שלוו, בט, זשג; פּמפּ, וולק אַ מענטש, וואָס גראָבט זיך, ראָיעט זיך אין יעדער זאַך, וואָס גריבלט זיך. אין גאַנץ ליטע נוצט מען אין דעם זעלביקן באַדײַט קנור, קנורע < knìsius.

**קניסענען** — פּפּ, טרש, שלוו, שוו, בט, זשג, של; ברז, פּמפּ, פּש, וולק, קווו; שק מיטן שנוק גראָבן (וועגן אַ חזיר); פּעיאָראַטיוו (וועגן אַ מענטש): גראָבן, אַלץ איבערקערן, איבערנישטערן; קניסענען זיך זיך גראָבן, זיך ראָיען, נישטערן. מיט קאָנווערבן: צוקניסענען צעגראָבן, אַלץ איבערקערן, צעוואַרפן; דורכקניסענען דורכגראָבן, איבערנישטערן; אויסקניסענען אַרויסגראָבן, צעגראָבן, צעוואַרפן < išknìsti, knìsti(s).

**קעלמע** די — פּפּ, טרש; פּמפּ קאָרטש, פּניאָק (וואָס בלײַבט נאָכן אַראָפּהאַקן אַ בוים) < kélmas.

**קעקסע**[1] די — פּפּ, שוו, זשג אַ לאַנגער שטאַנג מיט אַ קרוק (האָק) אויפן ענד אויף צו ציען (למשל אײַז־קריעס), שלעפּן אָדער צענעמען, צעוואַרפן (למשל אַ וואַנט בשעת אַ שריפה) < kẽkšė, kẽkšis.

**קעקסע**[2] די — בט פּראָסטיטוטקע < kẽkšė.

**קערדז** — זע סקערדז.

**קערע** די — פּפּ, בט, שלוו אַ ׳קוסט׳ בולבעס < kẽras.

**קראָווענען** פּפּ אַ סך אָנלייגן, אָנלאָדן; פּמפּ בויען אַ נעסט (וועגן אַ פויגל) < kráuti, פרג. צ. króvė, מערמאָליק krovinéti.

**קראַטענע** די — פּפּ, טרש, בט, שלוו אַ געמיש פון שטרוי און היי (צו פיטערן בהמות); קראַטענעס דער — פּמפּ 1) דאָס זעלביקע וואָס ׳קראַטענע׳; 2) בכלל שלעכטע שפּײַז; ער שטייט אויף קראַטענעס, ד.ה. דער מענטש האָט שלעכטע באַשפּײַזונג, פאַרדינט ווייניק; פאַרקערט: ער שטייט אויף דאָבאַלעס (קלעווער, קאָנעטשינע), ד.ה. ער לעבט גוט, האָט גוטע פרנסה < kratinỹs.

**קראַטענען** — פּמפּ; פּפּ טרייסלען, שאָקלען < kratýti.

**קראָיסטע** די — של דאָס אַריבערפּעקלען, אַריבערפירן; וויפל ט׳איר נעמען פאַר די קראָיסטע? — (אַ פראַגע צום בעל־עגלה) < פון ווערב kráustyti ׳איבערפּעקלען׳.

**קראָיסטענען** (זיך), באַזונדער אָפט די רעפלעקסיווע פאָרם פּפּ, טרש, שלוו, שוו, זשג; ברז, פּמפּ, שט, רגוו; קראַוסטענען בט; שק; קראָיסקענען קנ, וולק, וורב, וולקוו אַריבערפּעקלען (זיך), בײַטן די דירה. מיט קאָנווערבן: אַרײַנקראָיסטענען זיך זיך אַרײַנפּעקלען, אַריבערפאָרן מיט אַלע בעבעכעס אין אַ נײַער דירה; אַריבערקראָיסטענען זיך; אַרויסקרויסטענען זיך אַרויספאָרן מיט אַלע פּעקלעך אין אַ נײַער דירה. אין א.־ש. זאַקסעס בוך (זאַקס 1917) וועגן אַמאָליקן ז(ש)אַגער איז דאָ אַ זאַץ: דעם רבינס קראָיסטענען זיך איז געווען אַ גרויסע פּאַסירונג אין אונדזער קינדיש וועלט < kráustytis.

**קראַנט** דער – בט, שלוו, פּעטראַשון (לעבן קאָוונע) ברעג פֿון אַ טײַך. ווען קינדער שפּילן זיך מיט ניס און מען דאַרף אַרײַנטרײַבן דעם נוס אין אַ גריבעלע, אָבער דער נוס נאָכן שטופּ בלײַבט שטיין אויפֿן ברעג פֿון גריבעלע, רופֿן די קינדער אַזאַ לאַגע 'קראַנט'; ווער עס האָט געמאַכט קראַנט, דער האָט נאָך ניט פֿאַרשפּילט (שלוו) < krañtas 'ברעג פֿון טײַך'.

**קראָסנע** דער – פּפּ, טרש, שלוו; רגוו, דוקשט (איגנאַלינער ראַיאָן) אַ שטיינער־אויוון אין באָד, וואָס אויף אים גיסט מען וואַסער, עס זאָל גיין פּאַרע. וועגן אַ גרויסן טרינקער, שיכור זאָגט מען: ער גיסט ווי אויף אַ קראָסנע < krósnis אין ליטוויש איצט יעדער אויוון, דיאַל. אין זאַמעט krósnė (וויטקאַוסקאַס 1976).

**קראַפּשקענען, סקראַפּשקענען, שקראַפּשקענען** — מיט קאָנווערבן פֿאַרשפּרייט אין גאַנץ ליטע, ערטערווײַז (למשל פּש) אויך קראַפּשטענען. אין דעם יידישן וואָרט האָבן זיך פֿאַראייניקט צוויי ליטווישע skrebéti (skrebždéti) און krapš-týti 1) סקראָבען, קראַצן; אַ מויז סקראַפּשקעט זיך אונטער די דילן (פּפּ, שלוו, זשג), < krebždéti און דיאַל. skrebždéti; 2) אַרויססקראַפּשקענען — אַרויססקראָבען; דער אַלטער האָט אַרויסגעסקראַפּשקעט די לעצטע ביסל געלט (פּפּ, בט, זשג, שט; פּמפּ, שר) < iškrapštýti; 3) צוזאַמעסקראַפּשקענען — צונויפסקראָבען (פּפּ, זשג; שק) (למשל אַ פּאָר רובל) < sukrapštýti. אין יידישן ווערב איז דער t (און d) פֿאַרביטן אויף אַ k, זע אויבן IX, ג4. וואַריאַציעס וואָרט־אין געפֿינען מיר אויך אין ליטוויש: אַחוץ ליטעראַרישן krebždéti איז פֿאַרצייכנט דיאַלעקטיש skrebždéti; אַנדערע בײַשפּילן גיט זינקיאַוויטשיוס (1966: 190). אגב איז דאָ אין לעטיש נאָך אַ נענטערע פֿאָרם skrapš-kināt(ies) (וועגן מײַז), אָבער אין קורלענדער יידיש (זע קלמנאָוויטש 1926: 187) זאָגט מען ניט סקראַפּשקענען, נאָר שקראָבען פֿון פּויליש skrobać (טרויטמאַן 1923: 267).

**קרואווע** די – פּפּ, טרש, שלוו, בט, שוו, זשג, של; פּמפּ, שט, פּש, רגוו, וולק, שר הויפֿן, קופּע. אין אַ. איינהאָרנס איבערזעצונג (פּראַנס 1918) איז דאָ אַ קרואווע מיסט < krūvà.

**קרומעס** מצ – בט; פּש קוסטעס < krū́mai.

**קרופּים** דער – פּפּ, זשג אַ זידלוואָרט < krùpis 'זשאַבע; זידלוואָרט'.

**קרושעני̇נע** די – פּפּ אַ געדראַנג, שטופּעניש. אַ יידישער דעריוואַט פֿון קרושענען (זיך) (ליט. krùšti) מיטן סופֿיקס -inė פֿון סלאַווישן אָדער ליטווישן אָפּשטאַם, פֿגל. פּרילוצקי (1924: 366). ענלעך ליט. krušelỹnė.

**קרושענען** – פּפּ, טרש, שלוו, זשג (אָנ)שטאָפּן, אָנפּראָפּן, אָנפּאַקעווען, אָנפּרעסן (מיט שווערקייטן אָדער אָן סדר). קרושענען זיך שטופּן זיך אין אַ געדראַנג, אין אַ שטופּעניש. מיט קאָנווערבן: אַרײַנקרושענען אַרײַנשטאָפּן, מיט כח אַרײַנפּרעסן, אַרײַנפּאַקן; אַרונטערקרושענען — אַרונטערשטופּן, אַרײַנשטופּן אונטער וואָס־ניט־איז; צוזאַמענקרושענען — צונויפּפּרעסן; אָנקרושענען — אָנשטאָפּן, אָנפּראָפּן, פֿול אָנפּאַקן < krùšti '1) שטויסן; 2) שטאָפּן'. krùštis (רעפֿלעקסיוו) 'זיך שטופּן אין אַ געדראַנג'.

**קרײַטעס** דער – שט; פּפּ, טרש; **קרײַטע** די – בט. **קרייצעס** – פּמפּ, פּיוו דער אויסשטײַער פֿון אַ ליטווישער כלה. ווען אַ מענטש קומט מיט אַ סך פּעקלעך, זאָגט מען (טרש): ער איז געקומען מיטן גאַנצן קרײַטעס < kraĩtis.

**קרייקע** די – פּפּ, בט, טרש שטרוי־אויסבעט (פֿאַר בהמות) < kreĩkas.

**קרייקענען, באַזונדערס אונטערקרייקענען** – זאַמעט אויסשפּרייטן, אויסבעטן שטרוי, היי אין שטאַל, עס זאָל ניט זײַן נאַס; מען דאַרף אונטער־קרייקענען די קו < (pa)kreĩkti.

**קרימסקענען** – רגוו, שט גריזשען, בײַסן (האַרטע, זיך ברעקלענדיקע שפּײַז); קרימסקענען — מצה, מערלעך < krim̃sti. וועגן דעם אַרײַנגעשטעלטן k אין יידישן וואָרט זע IX, ג4.

**קריפּעס** מצ – בט (= 'דראַבענעס' פּנוו, שט) לייטער־וואָגן < krìpės (פֿון דײַטש Krippe).

**קרעָקענע** די – פּפּ, טרש, שלוו, בט; שט, ברז, שר, פּש; **קרעקענעס** מצ – רגוו, וולק; וולקוו ערשטע מילך (נאָכן קעלבן זיך) < krekenà און מצ. krẽkenos.

**ראַגײַשע** די – פּפּ, שלוו; פּש, רגוו; **ראַגיישע** – פּנוו, פּמפּ אַ ווייצענע באָנדע פֿון גראָב געמאָלענע מעל < ragaĩšis.

**ראַגענע** דער – פּפּ, טרש, בט, שוו, שלוו, זשג, של; רגוו, שט, פּש, פּנוו, וולק, שר; וולקוו אַ בייזע פֿרוי < rãgana 1) 'מכשפֿה'; 2) 'בייזע פֿרוי'.

ראַזשעם, ראַדזים, ראַדזעם דער — פּפּ, טרש, שלוו, שווז; פּמפּ, רגוו, שט, וולק, קוור אַן אָפּגעריבענער בעזעם פֿון ריטלעך < rãžas, rãžis.

ראַטלינקע די — פּמפּ אָבאַד, רייף פֿון ראָד < rãtlankis.

ראָיגע די — פּפּ ראָשטשינע (זויערטייג). זאַמעטער נוצן אויך דאָס וואָרט ראָשטשינע < ráugas.

ראָיסט דער — שט, קנ; ראָיסטעם — וולק; רײַסטעם — אוט 1) נאַסער, זומפּיקער וואַלד, וועלדל; 2) ראָיסט ווילק אומאָרדענונג, אָנגעוואָרפֿענע אָן אַ סדר זאַכן < raĩstas 1) 'זומפּיקער וואַלד'; 2) אַ פֿאַרוואַלגערט אָרט וואָס איז אָנגעוואָרפֿן מיט זאַכן.

ראַמולקע די — פּפּ, טרש, שלוו, בט; ראַמונקע — שר ראָמאַשקע < ramùnė; דיאַל. ramùlė. זע למשל דעם ווערטערבוך פֿון אַ זשעמײַטישן (זאַמעטער) אונטערדיאַלעקט פֿון וויטקאַוסקאַס (1976). אויף יידיש איז אין נאָמען פֿון בלימל דאָ אַ l נאָר אין זאַמעט.

ראָשענען זיך — פּמפּ טאָן שטוביקע אַרבעט, זיך אַרומטאָן אין שטוב און אַרום שטוב < ruõštis.

רודבאַרזדים — פּמפּ; בט אַ צונעמעניש פֿון אַ מענטש מיט אַ רויטן, ברוינעם באָרד < rudbar̃zdis.

רודענים דער — פּמפּ; בט, שלוו; רודענע די — פּש האַרבסט. גלײַכצײַטיק זאָגט גאַנץ ליטע הערבסט < ruduõ, אָק. rùdenį.

רופּענען — גאַנץ ליטע; אָשמיאַן (פֿיל. שר. I 314), גראָדנע (ר. לייבל גיט אין 1926: 75 גראָדנער פֿאָרם: 'רופּענען זיך'), קורל. (ווײַנרײַך 1923: 235 מיט ריכטיקע אָנ־ווײַזונגען אויף די ליטווישע און לעטישע אַנטשפּרעכונגען), עסטלאַנד (אַריסטע 1970: 'רופּענען זיך'): דאָס רופּעט מיר, ד.ה. דאָס קימערט מיר, וועגן דעם דאגה איך (בין איך באַזאָרגט). דאָס וואָרט קען זײַן אָפּשטאַמיק פֿון ליטוויש און לעטיש, קען אָבער ערגעצוואו האָבן אויך סלאַווישע וואָרצלען. ליט. rūpéti; לעט. rūpēt; אָבער אויך פּויליש rupić się 'זיך קימערן, זאָרגן', רוסיש (דיאַל.) рýпить, рýпиться 'זײַן באַזאָרגט, מורא האָבן' (טרויטמאַן 1923: 240).

רוקשטענעס מצ — פּפּ, זשג, טרש, שוו שטשאַוו, דאָס געוויקס, וואָס פֿון אים קאָכט מען שטשאַווי < rūgštynės און (דיאַל.) rūgštỹnės.

רושעם דער — פּפּ, טרש, שלוו, בט; פּמפּ (= 'קאָפּצעם' פּגוו, שר, 'קאָפּעץ' שט) אַ גרוב, וואו מען לייגט בולבעס אויף ווינטער < rūsỹs.

רעזשים דער, רעזשע די — פּפּ, שלוו, בט אַ פּאַס (שטרײַף) ערד < rẽžis.

רענטענעס דער — טרש, שלוו, בט דער הילצערנער אויפֿשטעל פֿונעם ברונעם, צעברענע, צעמברינע < rentinỹs.

רעקע די — פּפּ, שוו, בט; שט, רגוו, קוור, שר אַ דיקע, גרויסע, ניט פֿײַן אָפּגעשניטענע אָדער אָפּגעבראָכענע שטיק ברויט. אין דער רשימה פֿון ווערטער, וואָס באַדײַטן דעם באַגריף (עלף סינאָנימען), האָט מ. ווײַנרײַך (ייד. פֿיל. 1924: 226 א.וו.) רעקע ניט אַרײַנגענומען, אין ווילנער געגנט האָט ער אַזאַ וואָרט ניט געפֿונען; דאָס איז גענומען פֿון זאַמעט און מזרח ליטע (מזרח אוקשטײַטן) < riekė̃ 'אַ פֿײַן אָפּגעשניטענע המוצא'.

רעקענען — פּפּ, שוו, שלוו; רגוו, קוור ניט גלײַך, ניט פֿײַן, דיק שנײַדן ברויט; אַז מען רעקעט ברויט, רופֿט מען די בויט (פֿאַרשריבן פֿון י. מאַרק) < riẽkti 'שנײַדן ברויט'.

שאַוליסט — גאַנץ ליטע אַ מיטגליד פֿון šauliũ sájunga ('שיסער־פֿאַרבאַנד'). אַ נײַ וואָרט, וואָס איז אַרײַן אין ליטווישן יידיש נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה. אין דעם פּעריאָד צווישן ביידע וועלט מלחמות איז דאָס וואָרט געווען באַנוצט אין אַלע יידישע צײַטונגען אין ליטע. די יידן, וואָס דער דיפֿטאָנג au איז זיי פֿרעמד, פֿלעגן זאָגן שאָיליסט < šaulỹs, אייגנטלעך: 'אַ שיסער' אַ מיטגלידער פֿון šauliũ sájunga. אין יידיש פֿאָלקס־עטימאָלאָגיש געמאַכט מיט דעם אינטערנאַציאָנאַלן סופֿיקס -ist (פֿגל. טוריסט, דאַנטיסט), איז געוואָרן שאַוליסט.

שאַטרעס מצ — בט פֿאַרדאַרטע צווײַגן צו הייצן < šãtrai.

שאַלטענאָסעס מצ — פּפּ, שלוו, טרש, בט, זשג, רס, של; ברז, פּמפּ, רגוו, פּש, שט, וולק, אָנ; שק, וולקוו; קורל. (קלמנאָוויטש 1926: 986) וואַרעניקעס מיט צוואָרעך. טראַדיציאָנעלע יידישע אכילה אויף שבועות < šaltanõsiai.

שאַלעמוקשנעס מצ — זשג, שלוו, בט; ברז, פּש, פּמפּ, וולק; קנ, שק; שאַלעמוקשטענעס פּפּ, טרש; שאַלעמוקצעס — קנ; שאַרעמוקצעס — שט; שאַלאַמוקסענע(ס) — סטוטשקאָוו 1950: 226 ראַבינע, ראַבענעס (יאַגדעס). שאַלאַמוקסנע־בוים — סטוטשקאָוו 1950: 216. אין ווילקאָמיר עפּעטער 'ראַבענעס' (יאַגדעס). מיט די רויטע

שאַלעמוקשנע־יאַגדעס פלעגן יידן פאַרן יום־טוב סוכות באַפּוצן די סוכה. קלמנאָוויטש (1926: 184) בײַם וואָרט קוויטשן האָט שוין אָנגעוויזן, אַז זאַמעטער יידן רופן ראַבענעס שאַלאַמוקסנעס, אָבער פאַרשידענע וואַריאַציעס פון דעם וואָרט זײַנען פאַרשפּרייט אין ליטע, ניט נאָר אין זאַמעט > šermùkšnis (קוסט, בוים), מצ šermùkšniai (יאַגדעס).

**שאַקאַלע** די (מצ -לעך) — גאַנץ ליטע, אויך סטוטשקאָוו 1950: 27 אַ שפּענדל, אַ שפּאָן. דאָס וואָרט האָט עטלעכע סינאָנימען: סקאַלקע; קינאַלע פּפּ, זשג, של, ברז; באַלאָנקע וולק — זע באַלאַנע. דאָס וואָרט שאַקאַלע (שאַקעלע) האָט זיך אינגאַנצן אײַנגעבירגערט; דער דימינוטיוו ווערט געבילדעט אַרויסוואַרפנדיק דעם צווייטן 'אַ': שאַקלקע (פגל. מיידאַלע — מיידלקע) פּפּ, טרש; מאָגער ווי אַ שאַקאַלע — זשג; שק; אַ שאַקאַלע אַ שילער, ד.ה. אַ שלעכטער תלמיד, וואָס לערנט זיך שלעכט, פון וועמען דו וועסט גאָרנישט ניט אַרויסקוועטשן; הענעך די שאַקאַלע, אַ צונאָמען פון אַ מאָגערן, אויסגעדאַרטן יידן אין ווילקאָמיר > šakalỹs, גען. šãkalio.

**שאַקע**[1] די — בט, פּפּ, טרש, ברז; שק; **שאַקעס** מצ — פּמפּ, רגוו, פּש ווי(ד)לע, מיסט־גאָפּל, היי־גאָפּל > šãkė(s).

**שאַקע**[2] די — בט, שלוו, טרש; פּמפּ אָפּגעבראָכענער, אָפּגעהאַקטער צווײַג; **שאַקעס** מצ — פאַרדאַרטע צווייגן, כראָסט, כוואָראָסט > šakà; מצ šãkos.

**שאַרטיס** דער — בט רויטלעך ברוינער פערד > sártis.

**שווייסטענען** — פּמפּ שײַערן, דורך רײַבן רייניקן, מאַכן עס זאָל גלאַנצן > šveĩsti.

**שווילפּיקעס** מצ — רגוו, שט אַזאַ אכילה: מעל־קניידלעך, בולבע־קניידלעך > švilpìkai.

**שוויענטע** — זע סווענטע.

**שוויענטענען** — זע סוועטענען.

**שווירטיס** — זע סווירטיס.

**שוטענען** — פּפּ, זשג, טרש, בט, שלוו, שוו, שט, של; פּמפּ, רגוו, פּש, קוור; עסטלאַנד קאָכן אין אַ פאַרמאַכטן טאָפּ; פיג. (וועגן דער זון) באַקן, ברענען, סמאַליען; געשוטעטע בולוועס; פלייש איז געשוטעט (עסטלאַנד); הײַנט שוטעט אין דרויסן — עס איז זייער הייס, די זון ברענט > šùtinti.

**שולע** די — סולע.

**שונעוואָט** דער — וולק; **שונוואָט** — וורב; **שומאָוואָט** — אין קאָוונער אומגעגנט (ליוושינאַס 1929); **שומוואָטע** — ווילנע (ליוושינאַס 1929) בייזוויליקער געשוויר, פורונקל > šùnvotė.

**שונקעלע** די — פּמפּ שלעכטער, שמאָלער וועג, שטעג, וואַלד־וועג, פעלד־וועג > šùnkelis.

**שוקשלעס** מצ — זשג, שלוו, פּש (אויך שליוקשלעס — זשג) מיסט, אָפּפאַל (אויך פיג.) > šiùkšlės.

**שורפּע** די — פּפּ, שט; וולק אַ הון מיט אויפגע־שויבערטע פעדערן. ווען אַ מענטש גייט אַרום מיט אויפגעשויבערטע האָר, פלעגט מען זאָגן אין פּיוואָניע (איצט אַ טייל פון ווילקאָמיר): ער גייט אַרום ווי אַ שורפּע > šiùrpė (אַ הון), šiùrpa (אַ מענטש).

**שורפּעדיקער** — פּפּ, טרש, זשג; שר, פּמפּ (**שאָרסטיק** שלוו, שט; קנ; **שאָרשעדיק** וולק) — שאָרסטיק, ניט גלאַט (באַזונדערס וועגן הויט) > šiurpti 'ווערן שאָרסטיק (וועגן הויט)'.

**שושקע** דער, די — פּפּ, טרש 1) אָרעמאַן, יורד, אַ מענטש פון נידעריקן שטאַנד; 2) בט אַ זידלוואָרט. **שושקע־פּליושקע** — זשג ניט קיין ערנסטער מענטש, וואָס מען קען זיך אויף אים ניט פאַרלאָזן; אַ מענטש פון נידעריקן שטאַנד > sùskis 'אָרעמאַן, אביון, קבצן, געמיינער מאַן', pliùškis 'לײַכטזיניקער מענטש'.

**שטאָגענע** די — פּלנג איבערדאַך (פאַר שטרוי, היי) > stóginė.

**שטאַצער** (סטאַטשער) — פּפּ, שוו, טרש, זשג; פּמפּ, פּש; אויך **סטאַטער** — בט, טרש; **שטאַציקער** — אומעטום וואו שטאַצער, באַזונדערס פּרע־דיקאַטיוו; דער באַרג איז שטאַציק (אַטריבוטיוו עפּטער שטאַצער) — משופּע, משופּעדיק. מער וועגן דעם וואָרט זע לעמכען 1931. > stãčias, statùs.

**שטיפּענען, סטיפּענען** — פּפּ, זשג, טרש, בט, שלוו; ברז, פּנוו, רגוו, פּמפּ, אנ, קוור; שק; קורלאַנד (ווײַנרײַך 1923: 237) שטאַרק פרירן (אין קעלט); פאַרשטיפּעט ווערן פאַרפראָרן ווערן. דאָס איז אַ מין אינטענסיוואום צום ווערב פרירן (אַזאַ אינטענסיוואום איז אויך פאַרקאַליעט ווערן — שלוו, פּפּ; שק; וולק פאַרקאַלייעט ווערן — וולק, רגוו) > (su)stìpti 'שטײַף ווערן; פאַרפראָרן ווערן, פרירן'. לעטיש stipt 'שטײַף ווערן' (טרויטמאַן 1923: 287; פרענקעל 1962-1965: 908). לאַנדוים (1926) פּרואווט צו זוכן דעם אָפּשטאַם פון

שטיפּענען אין סלאַווישע שפּראַכן (פּויליש szczypać, רוסיש щипать) איז ניט נייטיק.

שטירענען, סטירענען, אָפּט פֿאַרשטירעט ווערן — פּפּ, טרש, שלוו, בט — ווערן שטײַף, פֿאַר־גליווערט, פֿאַרשטאַרט; ווערן פֿאַרפֿראָרן; דעם ווינטער זײַנען מיר אויסגעשטירעט געוואָרן (פּפּ); געקאָכטע בולוועס, ווען עס ווערט קאַלט, ווערט עס פֿאַרפֿאַסטירעט אָדער פֿאַרדירזעט (וולק) < stìrti.

שטיש אינטעריעקציע — פּפּ, זשג, טרש; שטאָיש — שלוו; שטייש — וולק אָפּצושרעקן, צו טרײַבן הינער < štìš.

שיטע די — בט שטריקל, שטריק אָנצובינדן אַ בהמה < siẽtas; ie > i ליטוויש דיאַל.

שײַטע די — פּפּ שטריקל, שטריק אָנצובינדן אַ בהמה < saĩtas.

שיימי́נע די — בט, טרש, שוו, פּפּ פּעיאָראַטיוו: משפּחה, 'שלאַמפּאָכע' < šeimýna.

שימטעקאָ́יע די — פּפּ, שלוו, טרש, בט; שר (אין שר אויך פֿאַרקריפּלט שווינטעקאָיע) — אַ לעבעדיקע באַשעפֿעניש, אַ ביסל ענלעך אויף אַ שפּין, 'טויזנטפֿיסלער' < šimtakõjis, דיאַל. šimtakõjė. אינטערעסאַנט, אַז אין ליטוויש אין פֿינקטלעכער איבערזעצונג הייסט ער 'הונדערטפֿיסלער', אין דײַטש און רוסיש אין איבערזעצונג 'טויזנטפֿיסלער' (דײַטש Tausendfuß, רוסיש тысяченожка).

שי́רווים דער — בט שימל, אַזאַ גרוי פֿערד < širvis.

שירשע די — פּפּ, בט, קלמ; יורב וועספּ, אָסע; אויך שי́רשעלים — שלוו < širšuolis, širšė.

שלאָיזענען — פּפּ, שלוו; פּמפּ; פּילוו קריכן (אויף אַלע פֿיר), פּויזען, אַרומפּויזען < šliaũžti.

של(י)ורע די (פֿיג. אויך דער) — פּפּ, טרש, זשג, שלוו, בט, של; רגוו, פּש, פּמפּ, שט, ברז, קוור; שק; קורלאַנד (ווײַנרײַך 1923: 238 א.וו.), עסטלאַנד (אַריסטע 1970), סטוטשקאָוו (1950: 590) אַן אָפּגעטראָגענער שוך; אַ צו גרויסער שוך; פֿיג. אַן אָפּגעלאָזענער מענטש; ווער עס טראָגט צעריסענע, שמוציקע בגדים; אַ געמיינער מענטש. ווען אַ מענטש בײַט אוים אַ ניט גוטע זאַך אָדער אַ ניט גוטן אַרבעטער אויף אַן אַנדערן און עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז די אַנדערע זאַך אָדער דער אַנדערער אַרבעטער זײַנען אויך פּראָסטע, זאָגט מען: אויסגעביטן אַ שליורע אויף אַ לאַפּטשע (פּפּ, בט; פּמפּ, שט). אַ גרויסער פּאַנטאָפֿל איז אַ שלורע (עסטלאַנד ניט פּאַלאַטאַליזירטער l) < šliùrė; לעט. šļura. האָט גאָר אַן אַנדער באַדײַט Unordentliche Frau, דיאַל. דײַטש Schlure 'אָפּגעטראָגענער) שטעקשוך, פּאַנטאָפֿל, שטובּיקער שוך'. של(י)ורע קען, לויט פּ. אַריסטע (1970), שטאַמען פֿון באַלטישן דײַטש. פֿרענקעל (1962-1965: 1007) ווײַזט אָן דעם אָפּשטאַם פֿון ליטווישן šliurė פֿון 'מזרח־פּרײַסישן šlore'. אין יידיש קען דאָס וואָרט זײַן געקומען פֿון דײַטש און אונטערגעשפּאַרט פֿון ליטוויש. פֿגל. שלורענען.

שלורענען — פּפּ, בט; פּמפּ, שר, וולק; עסטלאַנד (אַריסטע 1970) אַרומגיין אין שטעקשיך, שטובּיקע פּאַנטאָפֿל; אַרומגיין מיט צו גרויסע שיך, וואָס שלעפּן זיך אויפֿן דיל; אַז מען שלעפּט די שיך, זאָגט מען: וואָס שלורעסטו? (עסטלאַנד) < šliùrinti 'גיין אין שטובּיקע שטעקשיך; אַרומגיין שלעפּנדיק די פֿיס, שאַרנדיק מיט די פֿיס', šliurinéti 'גיין קוים שלעפּנדיק די פֿיס' (וויטקאַוסקאַס 1976), נידערדײַטש schlurren 'אַרומגיין שאַרנדיק מיט די פֿיס'. פֿגל. של(י)ורע.

שליורקע די — פּפּ, זשג, טרש, של שטובּיקער פּאַנטאָפֿל, שטעקשוך. דימינוטיוו פֿון שליורע.

שלײַטע די — בט אַ באַוואַקסענער (משופּעדיקער) ברעג פֿון טײַך < šlaĩtas 'שיפּוע, באַרג־אַראָפּ'.

שלײַע די — פּפּ, טרש, שלוו, של (זע ייד. פֿיל. 1924: 239), זשג, שוו, בט; רגוו, שט, שר ברייטער, טיפֿער, גרויסער שליטן < šlãjos.

שלײַקע די — דימינוטיוו צו שלײַע. קליינער, שיינער, 'אויסגעפּוצטער' שליטן < šlajùkai (וויטקאַוס־קאַס 1976: 374).

שמאַ́גענעם מצ — אין אויסדרוק: עס מישט זיך דיר די שמאַגענעם, ד.ה. עס מישט זיך דיר אין מח — פּפּ, טרש, שלוו, זשג; של (ייד. פֿיל. 1924: 239) < smẽgenys, דיאַל. smãgenys (וויטקאַוסקאַס 1976) 'מאַרך'.

שמורגע, סמורגע דער, די — זשג; שמורגים — בט; סמורגלע — פּפּ, טרש ניט ריינער, שמוציקער פּנים; אַ מענטש מיט אַ שמוציקן פּנים, אַ שמוץ < דיאַל. smùrgas 'סמאַרק, סמאָרקעכץ', smurglỹs 'סמאָרקאַטש'.

שמילקענען — זע סמילקענען.

שמילגעם מצ — בגסל אַזאַ הויכע גראָז (Agrostis) < smìlgos.

שנאָיד(ז)ענען — זע סנאָיד(ז)ענען.

שנאַרגלע, שנאַרגלים, שנורגלע — זע סנערגלעם.

שנוק — סנוקע.

שׂעטענע — זע סעטענע.

**שעמאַ́רגע** די – בט, טרש אַש=גראָע, בלוי=גראָע גנעפלעקטע בהמה, קו < šėmmar̃gė.

**שעמע** די – בט; פופס 1969 (אַ נאָמען פון אַ קו) אַש=גראָע, בלוי=גראָע (וועגן אַ בהמה) < šėmas, -mà.

**שעסקע, שׂעשקע** די – גאַנץ ליטע, עסטלאַנד, סטוטשקאָוו 1950: 202 טכויר (אַ חיהלע; די פעל) < šẽškas; לעט. sesks.

**שעסקענער** – גאַנץ ליטע, עסטלאַנד טכוירענער, פון טכויר=פעל (שעשקע=פעל) געמאַכט; אַ שעסקענער פעלץ < šeškìnis.

**שעקע** די – בט פריש געשניטענע גראָז, גרינע (ניט געטריקנטע) היי < šėkas.

**שׂערענען**[1] — פפ, טרש, שלוו, בט, שוו, רס; רגוו, פמפ פיטערן (אַ בהמה), קאָרמענען < šérti.

**שערענען זיך**[2] — פפ, זשג, טרש, שוו, בט, של; פמפ; יורב אַראָפּוואַרפן (פאַרלירן) פעדערן (וועגן אַ הון), האָר (וועגן אַ פערד) < šértis.

**שערקשנעם** דער – פש געפריר, שניי=גליווער, פריר=טוי < šer̃kšnas.

**שעשקע** — זע שעסקע.

**שפאַלעם, ספאַלעם** – פפ טרש, בט, זשג, של; דוקשט (איגנאַלינער ראַיאָן); וולקוו, שק; ספײַלעם – פמפ, רגוו, שט, קוור דער אויסקעם, די אָפּפאַל בײַם ברעכן פלאַקס. אויפן בוידעם פלעגט מען דאָס שיטן אויפן סופיט, עס זאָל זײַן וואַרעמער אין שטוב < spãliai.

**שפאָנגאַלעם** מצ – פפ, טרש, מושק, זשג; עסטלאַנד; שפאָנגאַלעם – בט, שלוו; ספאַלגענעם, שפאַל=גענעם – פמפ, רגוו, פנוו, וולק, ברז; שפאָנגעלעם – סטוטשקאָוו 1950: 226 זשוראַווינעס; אין קאָמפּאָט לייגט מען אַרײַן שפאָנגאַלעם (עסט) < spañguolės, spal̃genos. ליטוויש דיאַל. on > an זע XI, 6.

**שפייגע, ספייגע** די – פפ, טרש, שוו, ישג; ברז, פש גרויסער פראָסט < spéigas.

**שפראַ́גאַלעם** דער – בט דרעש=שטעקן, ציפ < sprãgilas.

**שקואיעם, שקועם** מצ – זשג, פלנג, קורלאַנד (ווײַנרײַך 1923: 202) אָפּגעהאַקטע נאָדל=צווײַגן אויף צו באַדעקן די סוכות, סכך < skùjos.

**שקורלע** די – פפ, טרש, שלוו, שוו, בט; רגוו, פש שמאַטע, טראַנטע < skurlis, דיאַל. škur̃lis.

**שקיץ** – פפ, טרש, שלוו, זשג, שט, קורלאַנד (ווײַנרײַך 1923: 240), סטוטשקאָוו 1950: 356 אינטעריעקציע אויף צו (פאַר)טרײַבן אַ קאַץ (וולק פסיק, סטוטשקאָוו 1950 פשיק). אין זאַמעט אויך שקאַץ < škic און škac; לעט. škic, skic.

**שקערדז** — זע סקערדז.

**שקראַבע** די, דער – פפ, טרש, שלוו, זשג; שקראַ́באַלע – פפ, טרש, שקד, זשג, של — אַלטער, אויסגעדאַרטער, קראַנקער מענטש (מאַן אָדער פרוי), זעלטענער: בהמה; אַ זאַך, וואָס האַלט בײַם צעשטערט, חרוב ווערן, בײַם אײַנפאַלן < skrãbis, skrãbė, skrãbalas; דיאַל. -bė, škrabis, škrãbalas.

**שקראַנדע** די – זשג; סקראַנדע — (לייבל 1926: 80) אַלטע פרוי, שקראַנדלע — אַלטער, צעבראָכענער חפץ (טיש, שטול, כלי...); אַלטע פרוי קורל (קלמנאָוויטש 1926: 187); שקראָנדע ד.ז. קורלאַנד (מ. ווײַנרײַכס הערה צו שקראַנדלע, קלמנאָוויטש 1926). < skránda 'אַלטער, אויסגעדאַרטער מענטש (אָדער אַזאַ בהמה); לעט. skránda 1) 'אַלטע קליידער, שמאַטעס'; 2) 'לומפּ (אַ זידלוואָרט)'. ווײַנרײַכס אָנגעגעבענע פאָרם שקראָנדע קען זײַן פון זשעמײַטישן (זאַמעטער) ליטוויש, וואו אַ טייל זשעמײַטן האָבן on < an. היות ווי דאָס יידישע וואָרט איז פאַרשריבן בלויז אין זשאַגער, אויפן גרענעץ מיט לעטלאַנד (קורלאַנד), זעט אויס, אַז דאָס איז אַ וואָרט פון קורלענדער יידיש.

**שקרעמבע** די – קורלאַנד (ווײַנרײַך 1923: 240) אַלטע פרוי. ווײַנרײַך ווײַזט אָן, אַז דאָס וואָרט שטאַמט פון פויליש, אָבער עס איז ניט אָנגעגעבן דער פוילישער פּראָטאָטיפּ. דער אָפּשטאַם קען זײַן אַ ליטוויש=לעטישער < skrámba 'אַן אַלטער אויסגעדאַרטער מענטש אָדער אַזאַ בהמה'; לעט. skreble, skreblis 'אַלטער, אָפּגעלעבטער, אויסגעדאַרטער מאַן אָדער אַזאַ פרוי' (מילענבאַך III: 890); ליט. skrèbti, איצט. skrem̃ba (דיאַל. 'ווערן אויסגעדאַרט (אויף דער עלטער)'.

# צוגאָב

## יידישע פּרעמדשפּראַכיקע און מיששפּראַכיקע לידער אין ליטוויש

אין פאַרשריבענעם יידישן פאָלקלאָר זיינען פאַראַן מערשפּראַכיקע טעקסטן, למשל רוסיש און יידיש; העברעאיש, יידיש און ווייסרוסיש. צווישן זיי געפינען מיר אויך אַ פּאָר ליטווישע וואַריאַנטן.

אין פאַרשידענע טיילן פון ליטע פלעגט מען אַמאָל דאָס באַקאַנטע ליד פון דער הגדה „אחד מי יודע” זינגען אויך אויף ליטוויש . דעם ליטווישן טעקסט, ניט ביזן סוף, האָט פאַרעפנטלעכט ש. באַסטאָמסקי (1923: 105), אויך דער פּנקס (1922: 984) אין אָפּטייל „יידישע לידער אין אַנדערע שפּראַכן”. דער טעקסט איז, ווי עס שיינט, פאַרשריבן אין ווילנער אומגעגנט, אָבער אַזוינס האָט מען אַמאָל געקענט הערן אויך אין זאַמעט און מזרח ליטע. די פראַגע, פאַרוואָס יידן האָבן דערביי באַנוצט אויך פרעמדע שפּראַכן, באַהאַנדלט י. גאָלדבערג (1928: 606-583). ליטווישע וואַריאַנטן פון דעם טעקסט קען מען געפינען אין דער זאַמלונג פאַר ליטואַניסטיק Tauta ir žodis („פאָלק און וואָרט”) v, 629 א. וו. דאָס דאָזיקע ליד איז באַקאַנט מערערע יאָרהונדערטער אויף לאַטייניש, פויליש און, עס קען זיין, אויך אויף אַנדערע שפּראַכן.

די צוויי פּובליקאַציעס פון „אחד מי יודע” אויף ליטוויש ביי ש. באַסטאָמסקי און אין פּנקס זיינען אידענטיש. יידן האָבן דעם טעקסט געזאָגט פאַרשידן, די ענדונגען פון די ווערטער זיינען ניט די זעלביקע צוליבן פאַרשידענעם קענען ליטוויש, דאָ ווערט געגעבן אַ וואַריאַנט מיט מער אויסגעהאַלטענע ליטווישע ענדונגען.

מער איז ניט פאַרשריבן ניט ביי באַסטאָמסקי, ניט אין פּנקס.

דער ליטווישער, קאַטוילישער וואַריאַנט פון „אחד מי יודע” הייבט זיך אָן ווי דער יידישער: איין גאָט אין הימל קיניגט, צוויי לוחות הברית (dvi toblyčios Maižiešiaus), דריי אבות (trys patriarchai), אָבער אָנהייבנדיק פון פערטן גייט ער אַוועק פון יידישן טעקסט: פיר עוואַנגעליסטן, פינף קריסטוסעס וואונדן א.א.וו.

| | |
|---|---|
| ווער ווייס איינעם? איינעם ווייס איך: | Kas žino vieną? Vieną aš žinau: |
| איין גאָט, וואָס זיצט אויפן הימל, | Vienas Dievas, danguj sėdįs, |
| קיניגט, קיניגט. | Karaliauja, karaliauja. |
| ווער ווייס צוויי? צוויי ווייס איך: | Kas žino du? Du aš žinau: |
| צוויי לוחות, איין גאָט, וואָס זיצט אויפן הימל, | Dvi toblyčios, vienas Dievas, danguj sėdįs, |
| קיניגט, קיניגט. | Karaliauja, karaliauja. |
| ווער ווייס דריי? דריי ווייס איך: | Kas žino tris? Tris aš žinau: |
| דריי אבות, צוויי לוחות א.א.וו. | Trys tėveliai, dvi toblyčios א.א.וו. |
| ווער ווייס פיר? פיר ווייס איך: | Kas žino keturis? Keturis aš žinau: |
| פיר אמהות א.א.וו. | Keturios moterėlės א.א.וו. |
| ווער ווייס פינף? פינף ווייס איך: | Kas žino penkis? Penkis aš žinau: |
| פינף ביבליעס (חמשה חומשי תורה) א.א.וו. | Penkios biblijos א.א.וו. |
| ווער ווייס זעקס? זעקס ווייס איך: | Kas žino šešis? Šešis aš žinau: |
| זעקס משנה (ששה סדרי משנה) א.א.וו. | Šešis mišna א.א.וו. |
| ווער ווייס זיבן? זיבן ווייס איך: | Kas žino septynis? Septynis aš žinau: |
| דער זיבעטער טאָג איז שבת א.א.וו. | |

אין ש. גינזבורגס און פּ. מאַרעקס יידישע פאָלקס־לידער אין רוסלאַנד, פּעטערבורג 1901, איז אונטערן נומער 353, זז. 311-301, פּובליקירט אַ מערשפּראַכיק שפּאַסיק פאָלקסליד: רוסיש, פויליש, ליטוויש (מיט הערה по-жмудски), יידיש, זשעמײַטיש־ליטוויש (מיט הערה по-литовски). דער ליטווישער טעקסט און דער זשעמײַטישער (זאַמעטער) טעקסט אונטערשיידן זיך זייער ווייניק, נאָר אין זשעמײַטישן טעקסט זיינען דאָ מער שפּראַך־פעלערן. מיר וועלן דאָ געבן דעם יידישן און ליטווישן טעקסט. דאָס ליד איז פאַרשריבן אין קאָוונער גובערניע, אין אונדזער געגעבענעם ליטווישן טעקסט זיינען געמאַכט מינימאַלסטע שפּראַך־פאַרבעסערונגען.

| | |
|---|---|
| — Graži mergaite, | — שיינינקע מיידעלע, |
| Kas tu tu? | ווער בינסטו אַליין? |
| Ar tu su rabinu | צי וועסטו מיטן רבין, |
| Šoksi, šoksi? | טאַנצן גיין? |
| — Ko tu mane klausi, | — וואָס האָט איר מיר צו פרעגן, |
| Kas aš aš! | ווער איך בין אַליין! |
| Eis rabinas, | אַז דער רבי וועט גיין, |
| Eisiu ir aš. | וועל איך אויך גיין! |

# ביבליאָגראַפיע


אַדמיניסטראַטיוו־טעריטאָריעלע טיילונג II

1976 *Lietuvos TSR administracinio-teritorinio suskirstymo žinynas II Vilnius*: Mintis.

אַריסטע, פּ.

1970 P. Ariste, "Ch. Lemchenas, Lietuvių̨ kalbos įtaka Lietuvos žydų̨ tarmei" in *Baltistica* 6. 2.

באַסטאָמסקי, ש.

1920 ביים קוואַל. יידישע שפּריכווערטער, ווערטלעך, גלייכווערטלעך, רעדנסאַרטן, פאַרגלייכענישן, ברכות, ווינטשענישן, קללות, חרמות, סימנים, סגולות, זאַבאַבאָנעס א.א. געזאַמלט און דערקלערט פון ש. באַסטאָמסקי, רעדאַקטירט פון [זל.] רייזען און פון דער פאָלקלאָרישער סעקציע פון דער ווילנער עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט, פאַרלאַג „די נייע יידישע פאָלקסשול": ווילנע.

1923 ביים קוואַל. מאַטעריאַלן צום יידישן פאָלקלאָר. יידישע פאָלקסלידער געזאַמלט, דערקלערט, קלאַסיפיצירט, קאָנטראָלירט און איבערגעגעבן צום דרוק מיט אַ פאָרוואָרט פון זאַמלער, נייע יידישע פאָלקסשול: ווילנע.

בוגאַ, קאַזימיעראַס

K. Būga, *Rinktiniai rastai:* Vilnius. 1958-61

ביי אונדז יידן

1923 ביי אונדז יידן. זאַמלבוך פאַר פאָלקלאָר און פילאָלאָגיע: וואַרשע.

בירנבוים, שלמה

1923 Solomon Birnbaum, "Die jiddische Sprache" in *Germanisch-Romanische Monatschrift* 5-6: 149-155.

ברוצקוס, יו.

1896 Ю. Бруцкус, История евреев в Курляндии по присоединения ее к России" in *Восход* 7, 9.

גאָלדבערג, י.

1928 „די יידישע מיששפּראַכיקע און פרעמד־שפּראַכיקע פאָלקלידער" אין צייטשריפט 2-3: 583-606.

געסען, יולי

[1913] Юлий Гессен, "Курляндия" in *Еврейская Энциклопедия* IX: Санкт - Петербург, 926-932.

דאַל, וולאַדימיר

1955 Владимир Даль, *Толковый словарь живого великорусского языка* I: Москва.

[דושאַנסקיס, נחמן]

1982 [„וועגן דעם וואָרט שווירטים"] אין סאָוועטיש היימלאַנד 7: 150.

האָוואָרקאַ, אָ. און קראָנפעלד, אַ.

1908-9 O. v. Hovorka und A. Kronfeld, *Vergleichende Volksmedizin*, I (1908), II (1909).

וויטקאַוסקאַס, וויטאַוטאַס

1976 Vytautas Vitkauskas, *Šiaurės rytų̨*

*dūnininkų šnektų žodynas, Mokslas:* Vilnius.

ווײַנגער, מרדכי

1926 „וועגן יידישע דיאַלעקטן" אין צייטשריפט 1: 180-209.

1928 „וועגן יידישע דיאַלעקטן" אין צייטשריפט 2-3: 614-651.

ווײַנרײַך, מאַקס

1923 שטאַפּלען. פיר עטיודן צו דער יידישער שפּראַך וויסנשאַפט און ליטעראַטור געשיכטע, וואָסטאָק: בערלין.

1924 „צו דער כאַראַקטעריסטיק פון אונדזערע פאָלקס־גלייבענישן" אין יידישע פילאָלאָגיע 1: 163-176.

1926 [מ.וו.] „פון די לעקסיקאָלאָגישע זאַמלונגען פון ווילנער לערער־סעמינאַר" אין פילאָלאָגישע שריפטן 1: 307-314.

ווייסענבערג, שמואל

1926 „די צונעמענישן פון יידן אין יעליסאַוועט־גראַדער קרייז" אין פילאָלאָגישע שריפטן 1: 79-90.

1929 „די יידישע פאַמיליע נעמען אין אוקראַינע" אין פילאָלאָגישע שריפטן 3: 79-90.

ווילער, י.

1924 „פאָנעטיק פון מזרח־גאַליציש יידיש" אין יידישע פילאָלאָגיע 1: 23-33, 141-155.

ווערטערבוך פון דער איצטיקער ליטווישער שפּראַך

1972 *Dabartinės lietuvių kalbos žodynas:* Vilnius.

ווערטערבוך פון דער רוסישער שפּראַך

1981-84 *Словарь русского языка* I-IV: Москва.

ווערטערבוך פון ליטווישע פאַמיליעס

1985 *Lietuvių pavardžių žodynas* I, Mokslas: Vilnius.

1988 *Lietuvių pavardžių žodynas* II, Mokslas: Vilnius.

ווערטערבוך פון דער ליטווישער ליטעראַטור שפּראַך

1932-68 M. Niedermann, A. Senn. F. Brender, *Wörterbuch der litauischen Schriftsprache:* Heidelberg, I (1932); II M. Niedermann, A. Senn, A. Salys (1951); III A. Senn, A. Salys (1957); IV A. Senn, A. Salys (1963); V A. Senn, A. Salys (1968).

ווערטערבוך פון דער ליטווישער שפּראַך

1968-86 *Lietuvių kalbos žodynas* I-XIV: Vilnius.

זאַקס, אברהם־שמחה

1917 די חרובע וועלט, ליטעראַרישער פאַרלאַג: ניו־יאָרק [צווייטע אויפלאַגע: 1918].

זאַרעצקי, אייזיק

1926 פּראַקטישע יידישע גראַמאַטיק: מאָסקווע.

זינקיאַוויטשיוס, זיגמאַס

1966 Zigmas Zinkevičius, *Lietuvių kalbos dialektologija,* Mintis: Vilnius.

1974 Zigmas Zinkevičius, "A. A. Zdaniukiewicz, Gwara Łopatowszczyzny" in *Baltisica* X (2).

1978 Zigmas Zinkevičius, *Lietuvių kalbos dialektologija,* Mokslas: Vilnius.

טרויטמאַן, ריינהאָלד

1923 Reinhold Trautmann, *Baltisch-slavisches Wörterbuch,* Bandonhoeck & Ruprecht: Göttingen.

יאַנולייטיס, אוגוסטינאַס

1923 Augustinas Janulaitis, *Žydai Lietuvoje:* Kaunas.

יידישע פּריוואַט־בריוו 1619

1911 *Jüdische Privatbriefe aus dem Jahre*

*1619,* herausgegeben von Dr. Alfred Landau und Dr. Bernhard Wachstein: Wien u. Leipzig.

ייד. פיל.

1924 יידישע פילאָלאָגיע: וואַרשע.

כהן, בערל

1991 יידישע שטעט, שטעטלעך און דאָרפישע ישובים אין ליטע: ניו־יאָרק.

לאַנדוי, אַ.

1926 „באַמערקונגען צום יידישן פאָלקלאָר" אין פילאָלאָגישע שריפטן 1: 13-22.

1928 „די סלאַווישע עלעמענטן און השפעות אין יידיש" אין פילאָלאָגישע שריפטן 2: 199-214.

ליווּשין, י.

1929 J. Livšinas, "Lietuvių įtaka žydų gyvenimui" in *Lietuvos Aidas:* Nr. 173/657.

ליטווישע ענציקלאָפּעדיע

1933 *Lietuviškoji enciklopedija* I, Spaudos fondas: Kaunas.

לייבל, דניאל

1928 „צו: ז. קלמנאָוויטש, דער יידישער דיאַלעקט אין קורלאַנד" אין פילאָלאָגישע שריפטן 2: 487-490.

לעמכען, כאַצקל

1929 Ch. Lemchenas, "Dėl lietuvių įtakos žydų gyvenimui" in *Lietuvos Aidas:* Nr. 179/663.

1931 „שטאָציק" אין ייוואָ בלעטער 2: 186-187.

1970 Ch. Lemchenas, *Lietuvių kalbos įtaka lietuvos žydų tarmei,* Mintis: Vilnius.

מאַרק, יודל

1951 „אונדזער ליטווישער יידיש" אין מ. סודאַרסקי, א. קאַצענעלנבאָגן, י. קיסין (רעד.), ליטע. בוך איינס, קולטור געזעלשאַפט פון ליטווישע יידן: ניו־יאָרק, זז. 429-471.

1971 (רעד.), גרויסער ווערטערבוך פון דער יידישער שפּראַך, ב. 3: ניו־יאָרק—ירושלים.

מאַרקוס, מ.

1922 אַרום שטאָל: קאָוונע.

מילענבאַך, ק.

1923 א.וו. K. Mülenbach, *Latviešu valodas vārdnīca:* Riga.

„מעשה משנת 1290"

1981 אין סאָוועטיש היימלאַנד 10: 69-110 [מיט קאָמענטאַרן פון לייב ווילסקער (זז. 63-66) און אברהם מאַרגאָלין (זז. 66-68)].

ניגער, ש.

1913 (רעד.), דער פנקס. יאָרבוך פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור און שפּראַך, פאַר פאָלקלאָר, קריטיק און ביבליאָגראַפיע, ווילנע פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין: ווילנע.

סאַליס, אַנטאַנאַס

1933 A. Salys, *Kelios pastabos tarmių istorijai* in *Archivum Philologicum* IV: Kaunas, 21–34.

סטוטשקאָוו, נחום

1950 דער אוצר פון דער יידישער שפּראַך, ייוואָ: ניו־יאָרק.

סקאַרדזשיוס, פּראַנאַס

1931 P. Skardžius, "Die slavischen Lehnwörter im Altlitauischen" in *Tauta ir žodis:* Kaunas.

ענדזעלין, י.

1923 J. Endzelin, [קאָמענטאַרן וועגן דער עטימאָלאָגיע פון אייניקע ווערטער] אין מילענבאַך 1923.

פּאָפּס, ניסן

1969 „ס׳איז געווען סוף מאַרט, אָנהייב אַפּרעל״ אין סאָוועטיש היימלאַנד 8.

1978 „אָנגעהויבן האָט זיך דאָס אַזוי״ אין פאָלקס־שטימע, 7 פעברואַר.

פּנקס

1922 פּנקס פאַר דער געשיכטע פון ווילנע אין די יאָרן פון מלחמה און אָקופּאַציע, אַרויסגעגעבן פון דער היסטאָריש־עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט אויפן נאָמען פון ש. אַנ־סקי ז״ל. אונטער דער אַלגעמיינער רעדאַקציע פון זלמן רייזען. ביי דער רעדאַקציאָנעלער קאָלעגיע פון ד״ר אברהם ווירשובסקי, שמואל־לייב ציטראָן און ד״ר צמח שאַבאַד: ווילנע.

פּרילוצקי, נח

1917 דער יידישער קאָנסאָנאַנטיזם: וואַרשע.

1924 „שפּעט־לשון״ אין יידישע פילאָלאָגיע 1: 33-45, 123-140, 339-382.

פראַנס, אַנאַטאָל

1918 געטער זענען דורשטיק (יידיש — אהרן איינהאָרן), פאַרלאַג ליטווין: וואַרשע.

פרענקעל, ערנסט

1962-65 Ernst Fraenkel, *Litauisches etymologisches Wörterbuch:* Heidelberg, Göttingen.

קורשאַט, ק.

1883 F. Kurschat, *Litauisch-deutsches Wörterbuch:* Halle a. S.

קאַגאַראָוו, יעווגעני

1928 „מוסטערן פון יידישן עטימאָלאָגישן ווערטערבוך״ אין צייטשריפט 2-3.

קאַצין, י.

1927 „פונוואַנען שטאַמען די פאַמיליע נעמען פון ליטווישע יידן״ אין אידישע שטימע נ. 2422 פון 10טן אָקטאָבער.

קלמנאָוויטש, זעליק

1922 יידישע גראַמאַטיק (קאָנספּעקט פון לעקציעס): מינסק.

1926 „דער יידישער דיאַלעקט אין קורלאַנד״ אין פילאָלאָגישע שריפטן 1: 161-188.

רוסיש־יידישער ווערטערבוך

1984 מ. שאַפּיראָ, ע. ספּיוואַק און מ. שולמאַן (רעד.), רוסיש־יידישער ווערטערבוך, רוסקי יאַזיק: מאָסקווע.

רייזען, זלמן

1920 גראַמאַטיק פון דער יידישער שפּראַך, ש. שרעבערק: ווילנע.

1926 „די דעקלינאַציע פון שם־עצם אין יידיש״ אין פילאָלאָגישע שריפטן 1: 387-412.

1929 „אַ ביסל וועגן דער בילדונג פון ביי־ווערטער״ אין פילאָלאָגישע שריפטן 3: 589-598.

שקליאַר, ה.

1933 „יידיש־ווייסרוסישע שפּראַכלעכע פּאַראַלעלן״ אין לינגוויסטישע זאַמלונג I: 65-80.

# גלייכווערטלעך און רעדנסאַרטן פון ווילנער יידישן פאָלקס⸗מויל

פון
לייזער ראַן
(ניו⸗יאָרק)

די בערך אָנדערהאַלבן טויזנט ווערטער און אויסדרוקן וואָס איך האָב אויפגעזאַמלט, בילדן, פאַרשטייט זיך, נאָר אַ קליינעם טייל פונעם שעפערישן וואָרט⸗אוצר, וועלכער האָט זיך אויסגעפורעמט און אויסגעשליפן אין דער אומגאַנג⸗שפּראַך פון ווילנער יידן. אין דער איצטיקער אַרבעט ווערט געבראַכט אַן אָפּקלייב פון קאַרגע צוויי הונדערט גלייכווערטלעך און רעדנסאַרטן.

די דאָזיקע לאָקאַלע אידיאָמאַטיק האָט באַרייכערט די יידישע כלל⸗שפּראַך מיט אוממיטלבאַרער פאָלקס⸗חכמה, שאַרפזיניקער און באַהנטער אייגנאַרטיקייט, כלערליי טעמים און ריחות. אַדאַנק שפּילעוודיקע אויסטייטשן און שטעכיקע אַריינטייטשן און אַריינזאָגענישן איז דאָס לשון געוואָרן וויציקער און געווירציקער, און אין סך⸗הכל — היימישער און צוגענגלעכער, מיט אַ שלל טרעפלעכע אויסדרוקן פאַר זייער צייטיקן און אונדזער אַלצייטיקן נוצן.

דער שפּראַך⸗מאַטעריאַל ווייזט אָן אויף אַ ציל⸗באַוואוסטזיניקן ווילן צו דעפינירן פאַקטן, געשעענישן, שטייגערישע און געזעלשאַפטלעכע פירונגען, און צו כאַראַקטעריזירן פּערסאָנאַזשן און טיפּן אַזוי אויסגעשפּראָכן, קלאָר, שאַרף און טרעפלעך, ווי עס קענען נאָר דערלויבן די רעסורסן פון יידיש. און דאָס הויפּט כלי⸗זיין דערצו איז געווען סאַטירע און איראָניע.

דורך דעם רייכן אויסוואַל פון אויסגעשליפענע שפּאָט⸗ און שטאָך⸗ווערטער און ווערטלעך געלינגט עמך ניט בלויז זיך קלאָר אַרויסצוזאָגן נאָר שאַרף אַ ר י י נ⸗צ ו ז אָ ג ן, טרעפן „אין דער זיבעטער ריפּ" ווען אַלע טאָגטעגלעכע פּראָבלעמען אין זייער היימישער, שכנישער און קהלשער סביבה, ווען ליבע און שנאה, ווען באַציאונגען צווישן מאַן און ווייב, עלטערן און קינדער, אַרבעטער און אַרבעטגעבער, נגיד און אָרעמאַן, יידן און ניט⸗יידן, פאָלקס⸗מאַסן און זייערע יידישע און מלוכהשע פאַרזאָרגער.

## I

## קעגן קהל

באַזונדערס שאַרף און קלאָר ווערט אויסגעדריקט די אַנטיפּאַטיע און אומצוטרוי פון עמך צו זייערע קהלשע פאַרזאָרגער אין אַזעלכע קורצע ווערטלעך און סענטענצן ווי:

1. קהל איז ניט קיין גזלן, נאָר — אַ באַנדע גזלנים.
2. ווער פירט מישטיינס געזאָגט די גרענדע בקאַק (בק"ק) קהל? קאָפּל די קאָך⸗לעפל (דער פּראָפעסיאָנעלער עסקן), יעקל בן⸗פלעקל (דער גרויסער בעל⸗יחוס), שימען דער שמעקער (דער קהלשער מסור), לעמאַך דער לעקער (דער חונף) און קלמן די קאַלעקאָטקע (דער טוער און שרייַער).
3. קהלשע קליאַמקעס (די כאַדאַטײַעס און שתדלנים).
4. קהלם קערבל האָט אין זיך אַ מאַגנעט — ער ציט צו אַלעמען.
5. קהלשע קעסט⸗קינדער (אָרעמעלייט אויף קהלשער אויסהאַלטונג).

6. קהלשער באָק (אַ הפקר־יונג).

7. קהלשע לאָך — ווי קומט אַזוינע [אַ זונה] צו קהלשע ענינים.

## II

## קעגן חסידיזם

פון אַנטי־חסידישן קאַמף פון גאונס צײַטן איז פאַרבליבן דער ביטל־אויסדרוק (פאַרצייכנט ביי אַ.מ. דיק אין 1873):

8. חסידאַרניע (אין קענטלעכן משקל מיטן סלאַווישן וואָרט פּסיאַרניע — אַ כאָפּטע הינט).

## III

## קעגן השכלה

דער קאַמף פון פרומע יידן קעגן דער השכלה באַוועגונג איז שטאַרק אונטערגעשטיצט געוואָרן מצד די טראַדיציאָנעלע יידן, וועלכע האָבן דעם נאָמען פון דער אָרגאַניזאַציע צו פאַרשפרייטן וועלטלעכע בילדונג צווישן יידן „מפיצי השכלה", משנה שם געווען אויף:

9. מפיצי השקאָצים.

פונעם זעלבן מין זײַנען די שאַרפע יידישע שפּאָט־ווערטער קעגן די:

10. ציביליזירטע און קנאָבליזירטע אינטע־ליגענדז [הינטעליגענציע; אינטעלעשווענץ].

11. הוסטעקראַטן און פּוסטעקראַטיכעס.

12. געבולבעטע קאַוואַלערן און געבאָלבעטע פרײַלינס.

דער אָביעקט פון חוזק איז אויך געווען די פרויען־עמאַנציפּאַציע:

13. מאַנצעפּאַציע, פּאַציעמאַנציע, מיט צוגאָב־לעכע עראָטישע טייטשן פּאָצי(נ)מאַנסע און פּאָצינסראַצע.

אַן עכאָ פונעם קלאַסן־קאַמף איז פאַרבליבן אין די שפּאָט־אויסדרוקן:

14. סראַצקעס (סטאַטשקעס) פון די פּראָפּאָר־ציאָנעלע פאַראיינען.

15. חברים און חברטעס פון נאָדל און לעכל פאַראיין.

16. בעל־מלאכות אין די קאָסאָוואָראָטקעס.

17. ברידער און שוועסטער פון אַרבעס און ברויט (ווי אַ פּאַראָדיע אויף „אַרבעט און נויט" אין דער בונדישער שבועה).

18. ציצעליסטן און פּיליפּאָצן.

## IV

## היסטאָרישע אָנצוהערענישן

פון לאַנג־פאַרגאַנגענע געשעענישן און סיטואַציעס זיינען פאַרבליבן אין אומגאַנג ווערטער און ווערטלעך וואָס האָבן דורך דער צייט פאַרלאָרן זייער אַמאָליקן אינהאַלט און זין און צוגעקראָגן אַ נייעם. לדוגמא — אַ הייפּל.

19. (גיין) פאַרבײַ פּײַטלען אין באָד אַרײַן, האָט אין די 20ער און 30ער יאָרן געמיינט צו זאָגן: אָנשטאָט אַ גלייכן וועג, פאַרקריכן ערגעץ צו אַן אומבאַקאַנטן, פּייטלען אָן אַ זייט. מיט אַרום דריי הונדערט יאָר צוריק האָט דאָס ווערטל געמיינט פּונקט דאָס קאַפּויערדיקע: פון ר' פּייטלס הויף (יידישע גאַס נ. 8) צו דער יידישער באָד אויפן שולהויף (יידישע גאַס נ. 6) איז געווען בלויז עטלעכע שפּאַנען. ר' פּייטל דעם ראש־הקהלס (פון 1593) וואוינאָרט איז דערביי געווען גוט באַקאַנט די ווילנער יידן.*

צו דיסקוואַליפיצירן אַלטע, פאַרלעגענע אינפאָרמאַציעס, האָבן ווילנער יידן געהאַט אַ ווערטל:

20. אַ נײַס — די קרופּיאַרניעס האָבן אָפּגעברענט! וואו און ווען זיי האָבן אָפּגעברענט, האָט שוין זעלטן ווער געדענקט. די קרופּיאַרניעס (אַ גרויפּן־מיל מיט אַ פּאָר גרויפּן־קראָמען) זיינען געווען אויפן שולהויף און אָפּגעברענט זאָלן זיי האָבן בעת דער גרויסער שריפה אין 1749. אין דעם אויף זייער אָרט אויפגעשטעלטן בנין האָט זיך ביזן חורבן געפונען די סטראַשון ביבליאָטעק.

21. סאָרקע די פּראָפּעסאָרקע, איז אין היינטיקן יאָרהונדערט געווען אַ צונאָמען פאַר אַ מיידל (ווייבל) אַן אַלץ־ווייסערקע, אָדער סתם אַ „צו סעריאָזנע" מיידל מיט פּענסנע אויפן נאָז. מיט הונדערט יאָר פריער האָט דעם צונאָמען געקראָגן די ווילנער אַקושערקע שרה חדש, וואָס האָט אין 1837 אַרויסגעגעבן אַ ספרל תחינה ליולדת וברכת המזון לברית מילה.

---

*) אין אוקראַינע האָט מען געקאָנט הערן אַ וואַריאַנט: פאַרבײַ כײַטלען אין באָד אַרײַן. — ג. ע.

דער באַנקיר און גרויסער נדבן ישראל בונימאָוויטש (1846 — 29טן יאַנואַר 1929) איז געווען אַ שם־דבר ביי ווילנער יידן, עלעהיי אַ היימישער ראָטשילד, און אַזאַ איז ער אַריין אין דער לאָקאַלער אידיאָמאַטיק:

22. רײַך ווי בונימאָוויטש.
23. דאַרפסט געלט — גיי צו בונימאָוויטשן.
24. וואָס מיינסט איר, איך בין בונימאָוויטש? (אַזוי האָט זיך אַ ייד אַן אָרעמאַן אויסגעטענהט מיט הונגעריקע קינדער).
25. אַז איך וועל האָבן בונימאָוויטשעס קאַנטאָר...
26. וויפל זיי זאָלן ניט אײַנלייגן וועלטן קענען זיי, נעבעך, ניט אָניאָגן בונימאָוויטשן.

ניט קיין קלענערער שם דבר ווי בונימאָוויטש, אָדער בילימאָוויטש (ווי יידן פלעגן עס אויסלייגן אין שפּעטערדיקע יאָרן) איז געווען אַ ייד אַן אָרעמאַן, מעיִשקע פּומפּיאַנער, וואָס איז מפורסם געוואָרן צוליב זײַן פּראָפעסיע: קברות־מאַן אויפן ווילנער בית־עלמין:

27. שיקן נאָך מעיִשקע פּומפּיאַנער.
28. מעיִשקע פּומפּיאַנער זאָל צו אים [איר] קומען [זאָל דיר טאָן דײַן רעכט].
29. מעיִשקע פּומפּיאַנער זאָל דיר באַדאַרפן.
30. מעיִשקע פּומפּיאַנער זאָל מיט דיר האָבן עסקים — ניט איך!
31. וואָס דאַרף איך זיך מיט דיר פאַרנעמען — מעיִשקע פּומפּיאַנער וועט דאָס מאַכן בעסער.
32. וויפל יידן עס זאָלן צוליב דיר ניט זײַן קיין פאַרלירער — מעיִשקע פּומפּיאַנער וועט איבער דיר זײַן דער געווינער!

V

## לשון־קודשדיקע עלעמענטן

די ריין לשון־קודשדיקע אויסדרוקן מיט העברעאישע און יידישע אויסטייטשונגען אין טראַדיציאָנעלן זין קומען פון דער לומדישער סביבה, פון לערנער און קלויז־יידן. פון דעם שטאַמען די ראשי־תיבות טייטשן צו באַקאַנטע רעליגיעזע באַגריפן:

33. אמת — אַ מת: פאַרוואָס ליגט דער אמת אין דר'ערד? וואו דען זאָל מען לייגן אַ מת.
34. גט — גמר טוב.
35. חזן — חזנים זײַנען נאַראָנים.
36. יושר — יאָלדן, וואָס שלאָפט איר? (— אָבער צום סוף דאַרף דאָך זײַן אַ „א" ניט קיין „ר"? — ר' יאָלד, איר זוכט שוין ווײַטער יושר?)
37. יקנה"ז — יין, קידוש, נר, הבדלה, זמן — פינף סימנים פון יידישן יום־טוב.
38. שבת — שדכן, בדחן, סאַרווער.
39. שדי — שומר דלתות ישראל.
40. חיים ארוכים — חיים־אַ־רוח־[אין]־אים.

די שפּראַך שאַפער זיינען געווען אויך די טראַדיציאָנעלע יידן וואָס האָבן געטראַכט אין די בית־מדרש קאַטעגאָריעס, אָבער די פרנסה האָט זיי געהאַלטן אין מסחר אָדער מלאכה. אַזאַ ייד איז געווען דער פאַרבינדונגס־רינג צווישן דעם אויסגעמוחטן בית־מדרש יידן און דעם פאַרזאָרגטן און פאַרהאַוועטן הענדלער, טענדלער און בעל־מלאכה פון אַלערליי פּראָפעסיעס און סאָציאַל־עקאָנאָמישע גראַדאַציעס. ער און די ישיבה בחורים, וואָס עסן „טעג" אין באַלעבאַטישע יידישע הייזער, זיינען די וואָס האָבן באַוואוסטזיניק און אומבאַוואוסטזיניק אַריינגעבראַכט די תורה ווערטער, ווערטלעך און איבערטייטשונגען אין וואָכיקן יידישן לעבן אַריין, אַפילו ווען די טייטשן זיינען געווען שוין אינגאַנצן וועגן און פאַר דעם וואָכעדיקן יידן און זיינע טאָגטעגלעכע און וועלטלעכע דאגות:

41. אדם — אָבראָטאָווע, דאָכאָדאָווע, מאַיאָנטקאָווע (שטײַערן, פון פויליש obrotowy, majątkowy, dochodowy).
42. אונקלוס — אַלטע ווײַבלעך נייען קאָפּטע־לעך, לײַוונטענע, וואָלענע, סאַמעטענע.
43. בצדק — ער האַלט פון בצדק: ביז צו דער קעשענע (אייפעמיזם אויף די „צדיקים אין פעלץ").
44. גבאי — גנבענען בײַ אַלע יידן.
45. ברוך דיין אמת — אימעניע, לימענע, עמער, טראַסק, קלאַפּ, קוועטש.
46. אַ בויך אָן לבבות (אַ גראָבער נפש אָן אַ יידיש האַרץ).
47. אַ בראָך אין לבבות (אַ שלעכטהאַרציקער אָדער מיט אַ האַרץ־פעלער).
48. פופקע [פוכקע, מיאַכקע] לבבות (אַ ווייכ־האַרציקער). אין די נג. 46-48 איז אַפּנים פאַראַן אויך אַן אָנוואונק אויפן באַליבטן ספר חובות הלבבות.
49. פון סמיכות הפרשה: 1) סמיכות הפאַרך; 2) סמיכות הפאַראַשע (פאַראַשע איז אין טורמע דער עמער פאַר נאַטירלעכע באַדערפענישן); 3) סמיכות הלאָקש[ן] (כלומרשטע פאַרבינדונג פון איינס מיטן אַנדערן).

50. חכם לאַטעק (כיטרער אָפּנאַרער, זשוליק; פון חכם עַתיק און פויליש łatek).

אַ דריטער עלעמענט זיינען „די אויפגעקלערטע", די מער אָדער ווייניקער באַוואוסטזיניקע אפיקורסים, וואָס האָבן רעוואָלטירט קעגן רעליגיעזן גלויבן, און שטייגער לעבן, דינים און מנהגים און האָבן געהאַלטן מלחמה מיט דער רעליגיעזער יידישקייט אין אַלע אירע אויסדרוקן און פאָרמען. אָבער זייער דערציאונג און גייסטיקע אויספאָרמירונג איז געווען פון חדר, ישיבה און קלויז און דער צוגענגלעכסטער און נאַטירלעכסטער אויסדרוק פאַר זייער חוזק און שפּאָט איז פאַרבליבן דער לומדישער לבוש (תורת־לאָקשן, לאָקשן־קודש, רבעלע קאַק, ישיבה בראָך, פּאַטראָנעם, קאַלעקאָטקע(ס) און א.ד.ג.). די דאָזיקע סביבה האָט הנאה געהאַט פון „פאַרלירן די בושה פאַר די חרפה" אין למשל אויסלייגן אַזעלכע וואולגאַרע טייטשן ווי:

51. בחדר"ג (בחרם דרבינו גרשום — מאָנאָגאַמיע אונטערן שטראָף פון חרם) — האָב איך אַ דרעק, אָבער האַלטן מוז איך זיך מיט איר.

אַ פערטער עלעמענט זיינען די פּראָסטע יידן און יידענעס. אין זייער מויל פלעגן לשון־קודשדיקע ווערטער און אויסדרוקן אָננעמען אַ מער „פאַרשטענדלעכע" פאָרם:

52. הייסע בייגל זײַן. פון חוטא בעגל זײַן.
53. ריידן האַרטע בוריקעס (דיבורים).
54. אייווער באָטשווינע (עובר בטל).
55. כאַם וועשאָלעכץ (חם ושלום).
56. אַ קלייניקײַט: זי איז באַשקע העניעס! (בת כהנת).

VI

## פון סוחרישן לעבן

יעדער סאָציאַלער שיכט האָט בײַגעטראָגן זיין חלק צו דער יידישער שפּראַך שעפערישקײַט מיט זיין אייגנאַרטיקער לעקסיק און וואָרט־בילדונג. יעדע פּראָפעסיאָנעלע גרופּע טיילט זיך אויס מיט אירע ספּעציפישע פאַך־טערמינען און פּראָפעסיאָנאַליזמען און מיט די חוזק און שפּאָט אויסדרוקן וואָס זיינען אויפגעקומען אָדער צוגעפּאַסט געוואָרן פאַרן באַנוץ אין דער פּראָפעסיאָנעלער פאַך־שפּראַך און לאַך־שפּראַך.

צווישן די פאַרצייכנטע אויסדרוקן אין ווילנער פאָלקסמויל איז ניט שווער אויסצוטיילן דעם שפּראַך מאַטעריאַל וואָס איז אויסגעקנאָטן געוואָרן צווישן יידישע סוחרים און הענדלער פון פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס, מעקלער און בירזשעוויקעס, האַנדלס־אָנגעשטעלטע און „כויכעס" — די אַריינברענגער פון (גרעסטנטייל ניט־יידישע) קויפער אין יידישע געשעפטן, דער עיקר פון פאַרטיקע קליידער.

57. שטיין הינטערן לאַדן (פאַרקויפן).
58. סמייכער (שלימזלדיקער הענדלער): 1) אַז דער סמייכער וועט נעמען האַנדלען מיט תכריכים וועלן יידן אויפהערן שטאַרבן; 2) אויך מיר אַ סמייכער: קופּיל זאַ פופּציקער אי פּראָדאַל זאַ פּערציקער — אַבי שוועזשי גראָש. (געקויפט פאַר 50 און פאַרקויפט פאַר 40 — אַבי אַ פרישער גראָשן).
59. אַ פּיימדיקע קניה (אויף אַ גראָש). פון דער מטבע וואָס הייסט אַ פּיים.
60. גאַסיקע ווײַבער [גאַסניצעס] (פרויען וואָס זיי פאַרקויפן עפּעס אַ סחורה אין גאַס).
61. בריטאַנסקע מײַלער [פון אַ מאַרק יידענע]: אויפעפענען [באַפאַלן מיט] אַ בריטאַנסקע מויל (עטימאָלאָגיש איז דאָס אפשר פאַרבונדן מיט „בריטאַנסקע פערד" — גרויסע שווערוואָגיקע פערד).

הונדערטער ווערטער און אויסדרוקן האָבן אַריינגעטראָגן אין דער שפּראַך יידישע בעלי־מלאכות, אַרבעטער פון פאַרשיידענע פאַכן, פון אַ שניידער וואָס

62. שנײַדט צו לויט קרײַקעס און פּאַטראָנעס (ד.ה. לויט צושניטן און מאָדעלן, פון פויליש krajka און patron).

ביז אַ פאַבריקמאַכער

63. שגאָל לנו וגאָל אבותינו.

VII

## מישפּראַכיקע עלעמענטן

דער פרעמדשפּראַכיקער עלעמענט פאַרנעמט סײַ קוואַנטיטאַטיוו און סײַ קוואַליטאַטיוו אַ באַזונדערס אָנזעעוודיק און וויכטיק אָרט אין די לאָקאַלע יידישע וואָרט־בילדונגען. אין דער ערשטער ריי — אין דעם באַנוץ פון סלאַוויזמען. רוסיש און פויליש זיינען אין משך פון לענגערע תקופות געווען די מלוכה שפּראַך, און אין משך פון יאָרהונדערטער — די אומגאַנג־שפּראַכן פון דער

מערהייט פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג, אַזוי ווי ווייסרוסיש און טיילווייז ליטוויש — פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג. די יידישע באַפעלקערונג פון כמעט אַלע שטאַנדן אויפן סאָציאַל־עקאָנאָמישן לייטער: רייכע אינדוסטריעלער, סוחרים, פאָדריאַטשיקעס, אָנגעשטעלטע פון ווייס־קאָלנער פראָפעסיעס, גרויס און קליינהענדלער, בעלי־מלאכות, דינסטן, בעטלער און אונטערוועלט־פאַרשוינען האָבן אין זייער איבערוועגנדיקער מערהייט זיך באַנוצט מיט די פרעמדע שפּראַכן. פון מיטן נייננצנטן יאָרהונדערט האָט די יידישע יוגנט גענומען לערנען אין די רוסישע שולן פאַר יידישע קינדער און פון דער ערשטער וועלט מלחמה — אין דער גרויסער פריוואַטער און געזעלשאַפטלעכער פרעמדשפּראַכיקער שול־נעץ אין ווילנע.

עס איז נאַטירלעך אַז יידן האָבן געפונען אין דער פרעמדשפּראַכיקער לעקסיק אויסדרוקן „וואָס האָבן זיך ממש געבעטן" זיי איינצושליסן אין דער יידישער אומגאַנג־שפּראַך און זי באַרייכערן דורך איבערנעמען אַ שלל פון פרעמדשפּראַכיקע אידיאָמען, ווערטער, ווערטלעך און אויסדרוקן, וואָס זיינען פאַריידישט און אַריבערגעפלאַנצט געוואָרן אין יידיש לשון. גלייכצייטיק האָבן זיך אויפגעהיט אַ היפּשע צאָל נעגאַטיווע אויסדרוקן, מיט יידישע טענות און תביעות אויף דער אומפריינטלעכער און פיינטלעכער באַציאונג צו יידן מצד די ניט־יידישע שכנים פון פאַרשיידענע פעלקער, די הערשער און רעגירער פון שטאָט און לאַנד.

אויסדריקלעך איז די קעגנערשאַפט צו דער יידן־פיינטלעכער קריסטלעכער רעליגיע, וועמענס גייסטלעכע און גלויביקע זיינען די פאַרשפּרייטער פון יידנהאַס און יידנהעצעס און אָרגאַניזאַטאָרן פון רדיפות, נגישות און פּאָגראָמען. יידן — אין זייער אומבאַהאָלפענער מינדערהייט פּאָזיציע — צאָלן צוריק מיט חוזק און שפּאָט־ווערטער:

64. די ליימענע מאַטקע באָסקע — קוש אין טאָסקע.

65. טראָגן און זינגען (וועגן אַ קריסטלעכער לוויה): מען זאָל דיר טראָגן און זינגען.

ביטול און פאַראַכטונג דריקט אויס דאָס יידישע שפּאָט־וואָרט צו דער צעפוילטער צאַרישער הערשאַפט מיט איר גרויסער כאַמסקער היעראַרכיע:

66. די שיכורים־געזינטל — איוואַן פּאָפּערילע, פּאָניע גנב און פּאָניע קוואַס און אַלע איבעריקע כאַמוילעס, כאַמוידזשעלעס און פּראָסטע כאַמיאָ.

סאַרקאַסטיש איז דער יידישער שפּאָט־וואָרט לגבי דער צביעותדיק־פאַלשער פוילישער העפלעכקייט:

67. די פּראָשע־פּאַנאַ שפּיל מיט יעדן פּאַניע זאַסראַני.

68. פּאַניע דרעק [טיפּש; שמאָק].

69. פּאָלאָניאַ פּראָסטיטוטאַ (מיט אַ רמז אויפן פוילישן אָרדן Polonia Restituta).

70. אַז מען האָט פאַר אַ ווייַב פּאַני פּאָטשע־באָווסקאַ (פויליש pani potrzebowska — אַ פרוי אַ באַדאַרפערקע) וועלן דעם מלכם אוצרות אויך ניט קלעקן פאַר איר.

VIII

## קאַראַאימער

פון די קאַראַאימישע מחלוקות מיט די יידן זיינען פאַרבליבן אַ ריי מעשהלעך און ווערטלעך. דאָס באַרימטע פון זיי אַלע איז געווען „הערן אין טראָק". די קאַראַאימער האָבן געטענהט, אַז זיי געהערט די ווילנער שטאָטשול אונטער וועלכער עס געפינט זיך אַ טונעל ביז צו דער קאַראַאימער־כנסיה אין טראָק. ווען מען זאָגט כל־נדרי אין ווילנע הערן זיי עס אין דער כנסיה אין טראָק. האָבן ווילנער יידן זיי געענטפערט:

71. טאָ הערט אונדז אין ווילנע און מירן הערן אייַך אין טראָק.

IX

## פּראָסט לשון

וואָס נידעריקער אויפן געזעלשאַפטלעכן לייטער מיר פאָלגן נאָך די ווערטער־פאָרמירער, אַלץ שיטערער ווערן די מאָראַלישע העמונגען ביים אָפּקלייבן אַן אויסדרוק־פאָרם פאַר אַ שפּאָט־וואָרט אָדער אַ שטעכווערטל און אַלץ שאַרפער און בייזער ווערט דער סאַרקאַזם, וואָס בריט און בראָט און בייַטשט מיט אָפענער ווידערשפּעניקייט און ציניש פאַראַכטונג.

פונקט ווי פאַרן פאָרשער פון מענטשלעכן גוף און גייסט קאָנען ניט זיין קיין פאַרבאָטענע, פאַרבאָרגענע ערטער פון קערפּער און זיינע פיזישע און גייסטיקע פונקציעס, עקזיסטירן ניט פאַרן שפּראַך פאָרשער קיין פאַרבאָטענע מיאוסע ווערטער און שאָקירנדיקע אויסדרוקן. שפּראַך זאַמלער און פאָרשער טאָרן זיך ניט שטעלן קיין טאַבוס ביים אויפזאַמלען און אויספאָרשן די

פֿאָלקס־אידיאָמען צוליב זייער אַמאָראַלישן תּוכן אָדער אומאָנשטענדיקע פֿאָרמען, זיי זיינען אַ באַשטאַנדטייל פֿון יעדער גערעדטער שפּראַך. דערביי דאַרף אומבאַדינגט אונטערגעשטראָכן ווערן:

די לאָקאַליזמען פֿון די טרעגער און פֿורמאַנעס, פֿליטן־טרייבער און מיסט־פֿירער, דינסטן און וועש־וואַשערינס, גאַסן־מיידלעך און אונטערוועלט פֿאַרשוינען, בלייבן ניט נאָר בלויז אין ניבול־פּה פֿון מאַרק און פֿון די הינטערגעסלעך, פֿון די שענקען און קנײַפּעס, בירעלעך און ביליאַרד־הייזלעך, נאָר גייען ווייט־ווייט אַריבער די גרענעצן פֿון די איינגעשטעלטע וואוין־געגנטן און געזעלשאַפֿטלעכע שטאַנדן, דרינגען אַריין אין די רייכע גאַסן, באַלעבאַטישע הייזער און רעספּעקטפֿולע היימען. דאָס איז דער כּח פֿון גערעדטן וואָרט. אַנדערש וואָלטן זיי ניט דערגאַנגען צו אונדז און מיר — צו זיי.

ווייטער ברענג איך נאָך אַ צאָל גלייכווערטלעך און רעדנסאַרטן, וועלכע האָבן זיך צונויפֿגעקליבן אין מיין זאַמלונג:

72. האַלב יאַכנע און האַלב מאַדאַם [פֿרײַלין]; האַלב יפֿת־תּואר און האַלב עיפּוש טינוף.

73. האַקן האָלץ (אַ הויכער טרוקענער הוסט).

74. וואַרעמע וואַסערס אַ טאָכטער (קוים לעבלעכע וואַסער; אַ לעבלעכע באַציאונג).

75. וויאָסלעווען מיט די רודערס [לעפֿל] (אַרויסשלעפּן פֿון טעלער [כּיבוד] דעם געשמאַקן ביסן).

76. אַ ווײַסל פֿון אַן אויג (אַ פֿלינקע, אין כּסדרדיקע באַוועגונג).

77. פֿאַרווײַסן די פּאָמוניצע (פּרואוון מאַכן פֿון שוואַרץ ווייס).

78. אַז זי קען דורך דרייען מיטן זאָדיק פֿאַר־דרייען אַ ספּאָדיק — וואָס טויג איר חכמה?

79. ער איז אַ זשינקעווער חסיד (ד.ה. אַ ווייבערניק) — האַלט כּסדר פֿאַרגלאָצט די אויגן אַרויף, צו דער ווײַבערשער קלויז.

80. חד גדיא:

1) אַ גאַנצע חד גדיא מיט זיי (אומדערוואַרטע, צאָלרייכע פּאַסירונגען);

2) פֿאַרפּאַקן אין חד גדיא (אין תּפֿיסה);

3) אַרײַנפּיטשקען אין חד גדיא (אָפּשמייסן).

81. חי קאַק סערעבראָם (אומבאַדייטנדיק, קליין געלט).

82. מאַכן חיה שמושקעס חשבון [מאַכן חיים שמוניקערס חשבון] (1. אַן אָנדייטונג אויף זנות־פּרנסה; 2. פּוסטער חשבון, ניט געשטויגן ניט געפֿלויגן).

83. חיים דרעקס קרעמל (1. אַ ווערטלאָז קרעמל; 2. אָנגעוואָרפֿן, פֿאַרשלומפּערט).

84. חיים מים מעלקענע (זייער וואַסערדיקע מילך).

85. חרפּה און בושה:

1) אַז מען דערזעט די חרפּה פֿאַרלירט מען די בושה;

2) די בושה איז אָן אַ זײַט אַז די חרפּה איז אַנטקעגן;

3) פֿאַרדעקן [צודעקן] די חרפּה (פֿאַרשטעלן די נאַקעטקייט).

86. יידענע, אפֿשר וועט איר אָפּשטעלן אויף אַ רגע אײַער טאַראַטײַקע (ד.ה. דאָס מויל אויף שרויפֿן), איר וועט אָפּרוען אײַער האַלדז און מיר — די אויערן.

87. טײַבעלע קאָך פֿיש [לאָקשן] (לעבן [פֿאַרברענגען] גוט ווי די וועלט, יום־טובדיק).

88. טראַפּעטשען מיט די פֿיס (זיך לייגן אויף דער ערד און פֿויקן מיט די פֿיס אָן פּאָדלאָגע): ווי נאָר וואָס — שוין עס [אַ קינד] טראַפּעטשעט מיט די פֿיס און פֿאַרגייט זיך ביז צום באַלקן.

89. אויג פֿון תּחת (אַ פּאַראָדיע אויף „אַן אויג פֿון קאָפּ”): ער איז בײַ איר די אויג פֿון תּחת.

90. אַ און אַ אָן און אַ אָגן איי (אַ חוזק פֿראַזע אויף יידן וועלכע פֿלעגן ניט אַרויסריידן קיין „ה” — „אַ הון, אַ האָן און אַ וואָגן היי”).

91. אויסגעטראַסקעט (ראַשיק אויסגעפּוצט) ווי אַ גוי צום פּגר.

92. אַ קוש, אַ גלעט און — זי האָט זיך ניט אַרומגעקוקט ווי ער האָט איר אויסגע־מיידלט (אוים בתולה).

93. ביזוואַנען דער אוממענטש וועט זיך אויסמענטשלען וועט ער שוין זײַן אַ מת.

94. די קינד איז אַ קאָפּיע, פּונקט אַזוי ווי דער טאַטינקע אויסן [פֿון] אויג (ד.ה. ענלעך).

95. אויספֿינגערן (מאַכן פֿינגער סעקס) אַ מיידל אונטערן קליידל.

96. אויסקילן דעם הינטן (זיצן אַ לענגערע צייט).

97. לײַסטו אים אַ חוב — וועסטו זיך אויסרײַבן אַ לאָך אין פּיאַטע (ביז דו וועסט עס צוריק איינמאָנען).

98. פֿון אַזעלכע קלעפּ קענט איר אײַער תּנאַ־ברא דערשלאָגן אינגאַנצן, אָבער קיין לײַט

וועט איר פון אים ניט אויסשלאָגן.

99. אויסשמענדרעווען (אויספוצן) זיך אין אַ מיטן דאָנערשטיק.

100. אויסשפייען, אויסשפייעניש:

1) ווי גרויס די צרות זאָלן ניט זײַן — די נשמה קען מען ניט אויסשפּײַען;

2) אַז מען קען ניט דערלעבן די נחמה שפּײַט מען אויס די נשמה;

3) קומען צו אויסשפּײַעניש (נאָך אַלעמען, האַלטן ביי דער תפילה „עלינו לשבח", ד.ה. ביים סוף).

101. אויפהייבן די קאַקערקע (זיך אַליין מטריח זיין):

1) ווילסט טרינקען? הייב אויף די קאַקערקע צום פּאַם;

2) אַ מיידל וואָס דאַרף ווי לעבן אַ שוך מיט אַ קליידל מעג שוין אַליין אויפהייבן די קאַקערקע.

102. אויפטאָגן:

1) דער טאָג זאָל בעסער ניט אויפטאָגן (פאַר אַ באַשערטער צרה);

2) בעסער האָט דער טאָג ניט געדאַרפט אויפטאָגן, איידער איך בין מיט אַזאַ בלוטזויגער [קדיש] געלעגן געוואָרן.

103. אויפשפּילן [אָפּשפּילן] אַ דאָברי דיען (מאַכן עמעצן אַ פינצטערע באַגעגעניש; (להיפוך צום סלאַווישן „דאָברי ד(ז)יען").

104. אום און גראָד (אַ וואָרטשפּיל):

1) וואָס עס איז אום פאַר מיידלעך איז דווקא גראָד פאַר ייִנגלעך;

2) ווי לאַנג דאָס איז נאָר אום פאַר מיידלעך, איז דאָס גראָד פאַר ייִנגלעך;

3) ווען עס ווערט אום פאַר ייִנגלעך ווערט דאָס דווקא גראָד פאַר מיידלעך.

105. אונטערפאַרצער:

1) (פּאַראָדירט „אונטעראָפיצער") אַן אונטער־פאַרצער מיט צוויי בענדלעך אויף די גאַטקעס;

2) (אַ ליבהאָבער) פאַר אַ יוון איז ער „ניע גאָדען" (не годен — טויג ניט), אָבער ביי די מוידן איז ער אַ גאַנצער אונטערפאַרצער.

106. די פישערקע איז שוין אויך אַ „באַרישניע", זי האָט שוין אַן אונטערשמײַסער (אַ קאַוואַלער).

107. אָטקאַז און פּריקאַז (פון רוסיש отказ — אָפּזאָג און приказ — באַפעל):

1) דאָס איז ווי ביי לײַטן אַ ווײַב צי אַ קאָרפּאָראַל — מער ווי אָטקאַזן מיט פּריקאַזן הערט ער פון איר ניט;

2) פאַר ווּעמען זאָל איך זיך מער שרעקן — פאַרן אָטקאַז פון פּראַוואָזשיטעלסטוואָ פון פּריסטאַוו דעם כאַבאַרניק, אָדער דעם פּריקאַז פון רבונו של עולם צו לעבן אַלע שונאים אויף צולהכעיס?

108. אין וועלכן איז־מיר איז ער אײַנגעיאַוועט [צוגעשריבן] — אין ווײ־איז־מיר אָדער אין וואויל־איז־מיר? (דאָ איז אויך פאַראַן אַ רמז אויף דער געבוירנשטאָט פון שבתי צבי — איזמיר, וואָס איז היינט אַ שטאָט אין מערב טערקיי).

109. אַן איי:

1) אַרומגיין ווי אויף מאָרגן מיט אַן איי [צום לייגן];

2) אַן איי אויף מיטוואָך (אַ מעשה וואָס פאַרשלעפּט זיך אויף לאַנג).

110. פון היימישן אײַנגעמאַכטס (אַ זיסער מאכל פון רעטעך איינגעקאָכט אין האָניק): ריכט מען אײַן דעם נאָז אין האָניק, פון קהלשן אײַנגע־מאַכטס מאַכט מען זיך אײַן די פינגער.

111. איינמאַכן די הענט (האָבן אומלעגאַלע פּרנסות, כאַבאַר): ווער עס דרייט זיך ביי אַ קהלשער שיסל מאַכט זיך אײַן זײַנע הענט דערביי.

112. אייפּעפּי(צק)ע (אַ שיינהייט — פון יפהפיה) — אויך מיר אַ שיינהײַט! מיט אַ קעלבערנעם קאָפּ און בהמהשע ציצקעס!

113. „אינזשענער" (אַ ליידיקגייער): ער איז געוואָרן אַן אינזשענער — ער מעסט די גאַסן.

115. אָנגעפּראָפּט (פולגעפּאַקט):

1) אָנגעפּראָפּט — נאָר קיינעם ניט אָפּגעזאָגט;

2) אָנגעפּראָפּט — נאָר אָן קלאָפּאָט.

116. אָנטאָן דעם נײַעם נאַקעט מיטן אַלטן באָרוועס.

117. (אָנ)לויפן אויפן בייזן וואונדער.

118. אַנציגט און אַנ(ט)באָקט (פון ציג און באָק; באַנוצט אויף צו זאָגן אַז ביידע זיינען קעגנזייטיק פאַרליבט):

1) ער איז פון איר אַנציגט און זי איז פון אים אַנטבאָקט;

2) ער איז אַנציגט פאַר אירע באָבקעס, און זי איז אַנבאָקט פאַר זײַן בערדל [ווײדל].

119. עסן און פרעסן — זײַנען באַזונדערע פּאַטראַוועס.

120. אַז מען לייגט אין די ציינער — געפינט מען אין די ביינער.

121. אָנציען (אָפּלײגן): יענער ציט אים אָן און ער, דער נאַר, מיינט ס׳איז תורת לאָקשן.

122. אָפּגעטייט (אַ וואָרטשפּיל פון טויט און טײ): איר עסט נאָך? נײַן, מיר האָבן שוין אָפּגעטייט (מיינט סײ געשטאָרבן, סײ פאַרטרונקען מיט טײ).

123. אָקרײַטשיק (אָקרײַציק): וואָס טוט ער? [פון וואָס לעבט ער?] ער מאַכט פון לעבל אַן אָקרײַטשיק.

124. סינאָנימען פאַר אָפּטראָגן זיך מיט גוטן:
1) אַרויסציען די שיך;
2) שטעלן פּים [קאַמאַשן];
3) אָנקוקן די טיר פון אַנדער זײַט;
4) מעסטן דעם בריק;
5) ווערן אַן אינזשענער;
6) האָבן [זען] פון יענער זײַט;
7) ווײַזן [דערזען] די אויסגעקרימטע טילקעס אין טיר;
8) אויסרינען פון אויג ווי אַ ווײַסל פון אַן איי;
9) לאָזן אַ ריינע פּאַדלאָגע.

125. אַרומגיין מאַטוי־מאַטאַ (אין איין העמד).

126. אַרײַנפאָרן אין „זובנאַי פּערעאולאָק" [אַז אַלע בלומען טעפּ זאָלן זיך צעשיטן] (געבן אין די ציינער).

127. אָרעמעלייט, אָרעמעלייטעווען:
1) אָרעמעלײַט פון דער מאַמעס בויך;
2) פּאַטאָמסטווענע אָרעמעלײַט;
3) געבאָרענע צי געוואָרענע — אַבי קבצנים;
4) אָרעמעלײַט צו אָרעמעלײַט איז ניט גלײַך — זיי זײַנען געווען אַזוי אָרעם, אַז מ׳האָט זיי שוין צו קיין לײַט ניט פאַררעכנט;
5) זיי האָבן געבעך געגנוג אָרעמעלײַטעוועט ביז זיי זײַנען געוואָרן מיט לײַטן צוגלײַך.

128. בײַ וועמען עס שיטן זיך פון מויל פּערל און בײַ וועמען [ציגענע] באָבקעס (נאַרישע, מיאוסע רייד).

129. בלײַבן ניע באַהאָן אי ניע באַפּעטוך (פאַר־בלייבן מיט גאָרניט; פּעטוך איז ׳האָן׳ אין רוסיש).

130. אַז איר מאַן איז אַ בעל־בטחון מעג זי שוין זײַן אַ באַלבעטוכע.

131. אַ מצווה אויף אים — דער גרויסער בעל־תכלית איז געבליבן אַ בעל־תחת.

132. בעל־כרעמזל (אַ שלעכטער בעל־חשבון): ווי געפעלט אײַך דער בעל־כרעמזל — ס׳פעלט אים דער זעקסטער פינגער [אָדער ער׳ט פאַרלאָרן אַ פינגער].

133. עס גיסט זיך שוין איבער די פּאָדעשוועס (אַן אייפעמיזם פאַר ׳באַפּישן׳, ווי אויך פאַר חניפה אָדער פאַלשע רייד).

134. אַ באַראָנעסע פון ניט דערעסן.

135. ער איז נאָך אירער אַ באַקאַקטער פון אַמאָל.

136. די מויד האָט זיך אַרויפגעאַרבעט אויף אַ שטיקל אוכאַזשאָר — אַ בויכהאַלטער (וואָס מאַכט זי מעוברת).

137. זיך אָנטאָן בעלמעס אויף די אויגן (זיך מאַכן ניט זעענדיק).

138. אַ גאָלאָסיסטע (אַ טומלדיקע) מיידל איז נאָך אַלץ בעסער ווי אַ וואָלאָסיסטע (אַ האָריקע).

139. גאָלדפירן (האָבן צו טאָן מיט אַסעניזאַציע):
1) די סחורה איז טאַקע גאָלד, אָבער גאָלדפירן איז אַ עיפּושדיקער געשעפט;
2) גאָלדפירן צאָלן זיך ווייניק אָפּ אָבער פון דער אַרבעט לאָזט זיך הערן.

140. ווי מען שטעלט זיך אַזוי העלפט [גיט] גאָט.

141. מדאָסקע לדאָסקע (פון אָנהייב ביזן סוף).

142. שפּילן אַ [דײַטשישען] דודע (שפּרינג איבערן צווייטנס אָקסל).

143. אַ דערלאַנגערקע (קעלנערין) ווערט אַ פּראָ־פעסיע ווען עס ווערט אַ פּרנסה.

144. האַווען און שמײַען (זײַן שטאַרק פאַרנומען, פאַרטאַראַראַמט).

145. אויף וואָס מישטיינס געזאָגט בעטן יידן בײַ גאָט — מען זאָל קבצנעווען צוזאַמען (וואָרטשפּיל: וקבצנו יחד — זאָלסט אונדז אויפזאַמלען צוזאַמען).

146. פון די בעסטע כוונות קען מען ניט זאַט ווערן, אָבער פון פּראָסטע בולבעס — יע.

147. קאָטשערעס און פּאָמעלעך (שלעכטע האַנטשריפט): אָנלייגן קאָטשערעס און פּאָמעלעך און גיי דערגיי בײַ אים אַ טאָלק.

148. קאַקן און פאַלן (זײַן פאַרנומען, פאַרהאַוועט, פאַרשמײַעט).

149. איך צו דיר אויף שמחות און דו צו מיר אויף קוליעס.

150. אַ קום־איך־ניט־הײַנט־קום־איך־מאָרגן (אַ גרויסער קריכער, פאַרגלייך מיט ענגליש: a Johnny come lately).

151. קומען צו גאָט באָרוועס (שטאַרק פאַראָרעמט ווערן).

152. קורווע למלכות (וואָרטשפּיל: קרוב און קורווע; ווענן אַ זונה, ווי אויך ווענן אַ מסור, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער הויכער געזעלשאַפט).

153. ער האָט איר אַזוי שטאַרק געקיצלט, ביז זי האָט זיך אָפּגעקעצלט.

154. קנעפּל שבקנעפּל (נאָענט, אין גוטע באַציאונגען).

155. אַ קבצניוק — האָט ער שוין אַ לעכל, פעלט אים אַ קנעפּל.

156. אויך מיר אַ פּאָר — אַ קליין קנעפּל מיט אַן אויסגעריבן לעכל.

157. ווער ס׳רײַסט זאַפּטיקע יאַגעדעס, ווער ס׳בײַסט פּעטע קניידלעך.

158. די פּיס זאָלן אײַך דינען אויף רע(וו)מאַטיזם.

159. קריגן [האָבן] רעמאַטעס פון קאָפּ ביז די [אין די] פּיאַטעס.

160. אַ שיינע מצבה (אַ שיין נאַריש מיידל).

161. אַ שפּיי די ווערט (ווערטלאָז): ווערטער האָבן פאַר אים אַ שפּײַ די ווערט.

162. ווער עס שפּײַט אין האַנט די זעג זאָל גיין גלאַטיק און ווער עס שפּײַט פּאַר אַ גוטן פּאָטשאַטעק.

163. די קליינע קײַען וואָס די גרויסע שפּײַען.

164. ווער עס שפּײַט אויף אַ גוטער וואָך און ווער עס כראַקעט אויף אַ גוטער בראָך.

165. שאָרע־די־פּאָלע (שריד ופליט):

1) ס׳איז ניט געבליבן פון זיי קיין שאָרע־די־פּאָלע (קיין זכר);

2) מאַכן פון זיי שאָרע־די־פּאָלע (אַ פינצטערן סוף).

166. מאַכן אַ סטראַך (אָנוואַרפן אַ שרעק, אַ מורא).

167. אַזוי פירט זיך די וועלט: דער נגיד קריגט די שמאַנט, דער סוחר — די מילך, און דער אָרעמאַן דערשלאָגט זיך קוים צו סראָוועטקע [סיוואַראָטקע].

168. מיט עצות בין איך באַזאָרגט און פון די עצירות קען איך ניט פּטור ווערן.

169. אַ פּאַרפּישטע צורה (ווען דאָס פּנים האָט אַ געלן קאָליר).

170. ווײַן כשר לפּיסן [לפּישן] (וואַסערדיק, אומבאַטעמט).

171. מתים־פּישעכץ (ניט געשמאַקע געטראַנקען).

172. אַ גאַנצע פּאַנימאַטקע [אַ גאַנצער יאַטיביע דאַם] (אַ מאַכער, אַ כלל־טוער).

173. אַ שטרויענע פּאָפּקע (דייטש Puppe — ליאַלקע; ד.ה. ניט־ריר־מיך־אָן).

174. ווי קומט די פּוזע צום פּסוק? (ווי קען מען מיט אַזאַ בויך באַשלאָפן אַ פרוי?)

175. אַז די פּוזעם פאַרכאַפּן דעם אויבנאָן, פאַרבלײַבט שוין פאַר אַ דאַרן הינטן ניט קיין אָרט זיך וואו צוצווזעצן.

176. פאַרדינען — קדחת מיט כשרע פּאָדים [אַ פּיים און פאַרלעבן אַ קערבל; פאַר איינעם און פאַרעסן פאַר פינף].

177. אַז מען לעבט אין אַ פּאַלאַץ פון איין צימער איז עם דער פּאָרצימער, דער נאָכצימער און דער פאַרץ־צימער.

178. אַ ציגענע מיתה (אַן אומשולדיקער [הילפלאָזער] קרבן).

179. פון איין פּעסעלע פאַרשטונקענע הערינג וועלן די קבצנים פאַרעיפּושן די גאַנצע שטאָט [וועלט].

180. בײַ אַ באַלעבאַטישן טיש זײַנען די קבצניוקעס טרייף ווי חזיר, אָבער צו אַ מנין זײַנען זיי כשר וישר.

181. דעם הונגער קען מען פאַרטרײַבן, די אָרעמקײַט פאַרדעקן, אָבער אַ צענטער דער קבצן בלײַבט אַ קבצן.

182. די קבצנים האָבן די גבירים פײַנט ווי דעם טויט, אָבער פון קאַפּטשאָנקעס (גערויכערטע פישלעך) לעקן זיי די פינגער.

183. אַלע נעבעכעס האָבן גרויסע טרעבעכעס.

184. לופטערן די שפּראַך (ריידן שיינע [פּוסטע] רייד).

185. ליגן אויפן גראָש (זיין קאַרג).

186. אַ מאכל ווי אַ מיידל מיט אַ בײַכל.

187. אויסזען ווי אַ מויז אין אַ מאַקעטער (ליימענער טאָפּ, ד.ה. אַ קליין פּנימל אונטער אַ גרויסן הוט).

188. פון אַזאַ קאַזאַצקע מייצע (המוציא) קען געשוואָלן ווערן די פּלייצע.

189. מלכה בעז דאגה (1. זאָרגלאָז, אָן יעדער אויסרעכענונג; 2. פאַרמעגלעך, גוט אײַנגעאָרדנט; 3. פאַרשווענדעריש, צעפלויגן): זאָל גאָט זאָרגן אַ מלכה בעז דאגה.

190 נייען אַ בײַטל (האָפענונגען [צומאָל אומזיסטע] אויף באַלוינונגען, מתנות).

191. נעבעך:

1) דער נעבעך איז אים [איר] אויסגעגאָסן אויפן פּנים;

2) ווילן מען זאָל לייגן אויף זיי דעם נעבעך.

# סאָפּיע גורעוויטש און איר ווילנער גימנאַזיע

פון

אהרן גאַראָן
(ווילנע — בני ברק)

מיין שול — די ווילנער יידישע גימנאַזיע פון סאָפּיע גורעוויטש — איז באמת געווען מיין, אונדזער, וואַרעמע, אומפאַרבייטלעכע און אומפאַרגעסלעכע היים, וואָס איז ניט אַרויס פון זכרון פאַר די לאַנגע צענדליקער יאָרן נאָכדעם ווי איך האָב זיך מיט איר צעשיידט. אַ גוטע היים קען מען ניט פאַרגעסן. ווייל אויב אין מיר איז פאַראַן וואָס ניט איז פּאָזיטיווס, דאַרף איך דאַנקען, חוץ די עלטערן, מיין שול, איר וואונדערלעכן דירעקטאָר סאָפּיע גורעוויטש, די לערער, די חברים־מיטשילער.

ניט אַלץ איז, צום באַדויערן, געבליבן אין זכרון, אַ סך פּרטים האָבן זיך פאַרגעסן, דער עיקר די נעמען פון די לערער (מיר פלעגן זיך דאָך צו זיי ווענדן „לערער", „לערערין", רופן זיי לויטן פאַמיליע נאָמען), דאַטעס, פאַקטן, סיטואַציעס, א.א.וו., א.א.וו. איך ווייס ניט דעם גורל פון אַ סך לערער און שילער פון אונדזער גימנאַזיע, וועלכע זיינען צעשפּרייט איבער דער וועלט, אויב, פאַרשטייט זיך, זיי האָבן איבערגעלעבט דעם גיהנום פון דער נאַצישער אָקופּאַציע. מיר אין ליטע זיינען דאָך געווען אָפּגעריסן פון דער מערב וועלט, זייער ווייניק געוואוסט וועגן יידישן לעבן דאָרט. טאָ זאָלן מיר מיינע לערער און מיטשילער מוחל זיין פאַר די בלויזן, פעלערן, וועלכע זיי וועלן געפינען אין אָט די מיינע נאָטיצן, זאָלן זיי צושיקן זייערע זכרונות, פאַרריכטן מיינע גרייזן, דערגאַנצן און פאַרפילן די בלויזן; דאַן וועט זיך שאַפן אַ ריכטיק און אפשר פול בילד פון דער וויכטיקער יידישער אינסטיטוציע אין דער פאַרמלחמהדיקער ווילנע, וועלכע עס איז געווען די גימנאַזיע פון סאָפּיע גורעוויטש.

...און אָט בין איך אַוועקגעפאָרן אויף דער אַגואָנו־גאַס (געוו. מאַקאָווע), וואו עס איז געווען די גימנאַזיע. דער בנין שטייט ניט גערירט. איך האָב אים גאַנץ אָפט געזען פאַרבייגייענדיק, נאָר דאָסמאָל בין איך אַריין אינעווייניק. אינעם הויף שטייט די קלויז, וואָס דער באַלעבאָס האָט אַמאָל אויסגעבויט און וואָס האָט פאַרנומען אַ העלפט פון אונדזער באַסקעטבאָל פּלעצל. מיר, די קינדער, האָבן דאָס אים ניט געקענט שענקען. און היינט איז אין קלויז אַ סקלאַד, אויף דער טיר הענגט אַ שלאָס. ניטאָ מיישלס „הויז", וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגן דעם אַריינגאַנג אין שול — אַ הילצערנע כאַטע, וואו מיישל האָט געלעבט (קיינער האָט ניט געוואוסט זיין פאַמיליע — „מיישל" און „מיישל") מיט זיין משפחה — ווייב און קינדער. דאָס איז געווען אַ קאָלאָריטע פיגור — אַ שטראַמער, אַ גיכער, אין אַ רעקל געשפּיליעט ביזן האַלדז. ער האָט אַלץ געטאָן און אַלץ געוואוסט. איך ווייס אַפילו ניט ווי אָנצורופן זיין שטעלע אין דער שול — ער האָט געהאַלטן אַלע שליסלען, רעמאָנטירט די שלעסער, געקלונגען מיטן גלאָק צו די לעקציעס און הפסקות, געוווּסט וועגן יעדן לערער — צי ער וועט זיין, צי ער איז קראַנק, אויפגעפּאַסט אויף דער אָרדענונג און ריינקייט, געווען דער קוריער, געהאָלפן בויען די בינע פאַר אונדזערע פאָרשטעלונגען (איינמאָל, ווען אין זאַל איז געגאַנגען די פּיעסע „יוליוס צעזאַר", האָט ער ניט דערלויבט אַרומצוגיין אין קאָרידאָר: „שאַ, עס גייט יוליוס צענזאָר"...). אין זיין רשות איז נאָך געווען די אויפראַמערין זאָסיע. וואו איז היינט מיישל, זיינע קינדער? איך האָב מורא צו זאָגן, מסתמא דאָרט, וואו אַלע ווילנער יידן...

איך גיי אַריין אינעווייניק. די טיר איז אָפן, ניטאָ די ספּרוזשינע וועלכע פלעגט נאָך יעדערן מיט אַ קלאַפּ צומאַכן די טיר. גלייך אַנטקעגן איז געווען די קאַנצעלאַריע, וואו עס האָט געאַרבעט דער סעקרעטאַר

פון גימנאַזיע מיט דעם אינטערעסאַנטן פאַמיליע נאָמען „געזונדהייט". אַנטקעגן — דער קאַבינעט פון שול דאָקטאָר, פריער — שאַבאַד־גאַוראָנסקאַ, שפּעטער דער דאָקטאָר פייגנבערג. אויפן צווייטן שטאָק — דער זאַל. די טירן זיינען פאַרשלאָסן, און איך ווייס ניט צי די רעכטע וואַנט זעט נאָך היינט אויס ווי אַמאָל, ווען די עלטערע שילער, אונדזערע קינסטלער מיכטאָם און געצעלס, האָבן זי אויסגעמאָלט אין פילפאַרביקע אַבסטראַקטע קרייזן און קוואַדראַטן. בענציע מיכטאָם איז געוואָרן אַ באַרימטער קינסטלער, וועגן געצלסן ווייס איך קיין זאַך ניט. אַנטקעגן — דער לערער־צימער. איך עפן די טיר, באַקוק די ווענט... די מענטשן, וואָס אַרבעטן דאָ (אין בנין איז אַן אונטערנעמונג), קוועטשן מיט די פּלייצעס: וואָס דאַרף ער דאָ האָבן? זיי ווייסן טאַקע באמת ניט, וואָס איך זוך דאָ. און איך אַליין ווייס? איך ווייס, פאַרוואָס מיך האָט באַשלאָגן אַ שוויס, די הענט האָבן גענומען ציטערן? איך האָב געוואַרט, אַז אָט וועט מיך טרעפן סאָפיע מאַרקאָוונע (אַזוי האָט מען אויפן אַלטן שטייגער גערופן סאָפיע גורעוויטש) און פרעגן פאַרוואָס איז היינט מיין שוועסטער מרים ניטאָ אין שול. צי איז זי ניט קראַנק געוואָרן?

סאָפיע מאַרקאָוונע איז געווען די שענסטע און סאַמע אימפּאָזאַנטע פיגור פון מיינע שול יאָרן. ניט קיין הויכע, מיט אַ קאָפּ ווייסע האָר פאַרקעמטע אַרויפצו, פּענסנע, פון וועלכע עס האָבן געקוקט שטרענגע און גלייכצייטיק גוטע אויגן, אַ שטראַמע, דער קאָפּ עטוואָס פאַרריסן אויף הינטן, פלעגט זי גיין מיט פעסטע און שטאָלצע טריט, קיינמאָל ניט איילנדיק זיך. זי איז געווען ניט נאָר דער דירעקטאָר, נאָר די מאַמע פון דער גימנאַזיע. זי האָט געקענט אַלע קינדער. עס פלעגט ניט פּאַסירן, אַז זי זאָל ניט אָפּשטעלן אַ שילער וואָס האָט זיך צופעליק באַגעגנט אין גאַס: וואוהין גייט ער, וואָס האָט ער געטאָן, וועלכן בוך לייענט ער, וואָס מאַכן די עלטערן א.א.וו. אונדז, קינדער, איז עס שרעקלעך ניט געפעלן. ווען איך פלעג קומען אַהיים און דערציילן, אַז „זי" האָט מיך שוין ווידער אָפּגעשטעלט און געצויגן די עצמות, פלעגט ווערן אַ סקאַנדאַל. דער פאָטער פלעגט שרייען, אַז „זי" האָט אַ נאָמען, און איך פאַרשטיי קיין זאַך ניט, ווייל איך בין ניט דאַנקבאַר פאַר אַזאַ מוטערלעכער זאָרג. מיינע עלטערן האָבן אויסערגעוויינלעך רעספּעקטירט סאָפיע מאַרקאָווגען. עס איז געווען פשוט אַ קולט (און ניט נאָר ביי מיינע עלטערן), איר מיינונג איז שטענדיק געווען אַבסאָלוט ריכטיק. זי איז שטענדיק געווען גערעכט. אַפילו די באָבע האָט געהאַלטן, אַז אויף צאָצע מאַרקאָווגען (איך ווייס ניט פאַרוואָס ביי איר פלעגט זיך באַקומען „צאָצע") טאָר קיין פויל ניט פאַלן...

די גימנאַזיע פון סאָפיע גורעוויטש איז געווען איינע פון די דערגרייכונגען פון דער ווילנער יידישער אינטעליגענץ, וועלכע האָט אין די צווישנמלחמהדיקע יאָרן געקעמפט פאַר אַ וועלטלעכער שול אויף דער שפּראַך פון פאָלק. די ערשטע יידישע שולן זיינען געגרינדעט געוואָרן אין ווילנע אין דער צייט פון דער דייטשישער אָקופּאַציע, ווען עס האָבן אויפגעהערט צו גילטן די צאַרישע געזעצן. און שוין אין מאַי 1919 איז אויסגעוויילט געוואָרן דער ווילנער צענטראַלער בילדונגס־קאָמיטעט (צ.ב.ק.), וועלכער האָט געגרינדעט אַ נעץ יידישע שולן און אָנגעפירט מיט זיי. אין 1931-1921 האָט עקזיסטירט אויך אַ לערער־סעמינאַר. צווישן די ערשטע מיטגלידער פונעם קאָמיטעט איז צוזאַמען מיט ש. אַנ־סקין, מ. וויינרייכן, ש. ניגערן, ז. רייזענען, צ. שאַבאַדן און אַנדערע געווען אויך סאָפיע גורעוויטש.

נאָר די גורעוויטש גימנאַזיע האָט ניט געהערט צום צ.ב.ק. פאַרוואָס — ווייס איך ניט. פאָרמעל האָט זי זיך גערעכנט אַלס פּריוואַטע גימנאַזיע, אָבער פאַקטיש איז דאָס געווען אַ מין קאָאָפּעראַטיוו פון לערער, ווייל געהאַלטן האָט זי זיך נאָר אויפן שכר־לימוד, וואָס די עלטערן פלעגן צאָלן. אַזוי ווי אָרעמע עלטערן פלעגט מען פאַרקלענערן דעם שכר־לימוד אָדער בכלל באַפרייען פון אים, איז די גימנאַזיע פינאַנציעל געווען אויף צרות, און די לערער — אמתע אידעאַליסטן.

מיין פאָטער יצחק גאַראָן איז געווען אַ הייסער אָנהענגער פון דער וועלטלעכער שול אויף יידיש. ער האָט אויך געהאַלטן, אַז אין דער שול מוז מען לערנען העברעאיש ווי אַ לימוד (אַזוי איז טאַקע געווען). אַלע דריי קינדער האָט ער אָפּגעגעבן אין דער גורעוויטש גימנאַזיע, איך מיין דערפאַר, וואָס זי האָט גענשמט אַלס שול פון פרייער דערציאונג, ד.ה. אָן צוואַנג, אָן דרוק, נאָר דורך איבערצייגן, מיט דעמאָקראַטישע באַציאונגען צווישן לערער און שילער, וואו די לערער אַרבעטן מיט יעדן שילער באַזונדער, אַנטוויקלענדיק יעדנס פעאיקייטן. אַ גרויסע ראָלע האָט דאָ געשפּילט, פאַרשטייט זיך, דער אויטאָריטעט פון סאָפיע גורעוויטש אַליין.

מיין פאָטער איז געווען דער פאָרשטייער פון עלטערן־קאָמיטעט אין פּעדאַגאָגישן ראַט. ביי אים איז געווען אַ דיקע העפט, וואו ער פלעגט נאָטירן די זיצונגען פון ראַט. אָט די העפט איז געווען מיין טרוים. איך פלעג אַריינרוקן די נאָז אין „געהיימען בוך" און זיך ניט קענען אָפּרייסן. דאָרט זיינען געווען פאַרשריבן באַהאַנדלונגען וועגן יעדן שילער: דער איז פעאיק, אָבער פויל, דער וואַקסט אַ מאַטעמאַטיקער, דער איז דיסציפּלינירט, דער

אַנדערער — ווילד א.א.וו. א.א.וו. און וועגן יעדערן אַן אויספֿיר: וואָס די לערער האָבן צו טאָן.

די דעמאָקראַטישע אַטמאָספֿער אין דער שול, די אַכטונג צו יעדן שילער, האָט געשאַפֿן ביי די קינדער אַ גוטע שטימונג, סטימולירט זייער אַקטיווקייט און דעם געפֿיל פֿון זעלבסטשטענדיקייט. די לערער פֿלעגן ניט דיקטירן יעדן שריט, ניט פֿירן פֿאַר דער האַנט. מיר האָבן ליב געהאַט די גימנאַזיע, פֿלעגן קומען אַהין אויך נאָך די לימודים — שפּילן אין באָל, גרייטן פֿאָרשטעלונגען, זיך פֿאַרנעמען מיט אַ סך אינטערעסאַנטע זאַכן. איך דערמאָן זיך אונדזער שילער־קלוב. ער איז באַשטאַנען פֿון פֿאַרשיידענע סעקציעס — ליטעראַרישע, דראַמאַטישע, ספּאָרטיווע, מיט וועלכע עס האָבן אָנגעפֿירט די עלטערע שילער אַליין. אַ גרויסן דערפֿאָלג האָט ביי די קינדער געהאַט די סעקציע „נייעס פֿון דער וועלט". די קאָמפּליצירטע פּאָליטישע לאַגע אין לאַנד (ווילנע האָט דאַן געהערט צו פּוילן), אין גאַנץ אייראָפּע אין די צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן האָט געלייגט אַ שטעמפּל אויף אונדזער באַוואוסטזיין. מיר זיינען שוין געווען אַריינגעצויגן אין סאָציאַלן לעבן אויסער דער שול. אַ סך פֿון אונדז האָבן געהערט צו פֿאַרשיידענע יוגנט אָרגאַניזאַציעס — געווען בונדיסטן, קאָמוניסטן, בינען, ציוניסטן. אויף די זיצונגען פֿון דער סעקציע פֿלעגט מען ברענגען פֿאַרשיידענע צייטונגען, בראָשורן, מען פֿלעגט היים דיסקוטירן. דער גרעסטער טייל איז געווען קעמפֿעריש געשטימט. בעת די הפסקות פֿלעגט מען ניט אַרויסגיין פֿון קלאַס און זינגען רעוואָלוציאָנערע לידער אַזוי הויך, אַז די ווענט האָבן געקענט פּלאַצן. מיר האָבן געבראָכן „די הויכע געמויערטע וואַנט". איך דערמאָן זיך איין פֿערז:

> די וואַנט איז געמויערט גאַנץ הויך און גאַנץ דיק,
> פֿאַרשטעלט אונדז די וועגן צום לעבן, צום גליק,
> פֿאַרשטעלט אונדז די ליכטיקע שיין און זי מאַכט
> פֿון ליכטיקן טאָג אונדז אַ פֿינצטערע נאַכט.
> ...מיר ברעכן, מיר ברעכן די הויכע
> געמויערטע וואַנט!

היינט קען אַזאַ קינדישע בראַווקייט אַרויסרופֿן אַ שמייכל. אָבער אַ סך געוועזענע שילער פֿון אונדזער גימנאַזיע האָבן שפּעטער, בעת דער מלחמה, באמת „געבראָכן די וואַנט" פֿון פֿאַשיזם. די לעגענדאַרע סאָניע מאַדייסקער, וועלכע איז געווען איינע פֿון די אָנפֿירער פֿון ווידערשטאַנד אין ווילנע און העלדיש אומגעקומען אין קאַמף מיט די נאַציס, האָט זיך געהאַט געלערנט אין אונדזער גימנאַזיע. וועגן אונדזערע געוועזענע שילער אַראָנע אַראָנאָוויטש, די ברידער דאַניע און אימע לובאָצקי (דעם לערער ב. לובאָצקיס זין) דערציילט א. סוצקעווער אין בוך פֿון ווילנער געטאָ — זיי האָבן אָנגעפֿירט מיט פּאַרטיזאַנער־גרופּעס און אָפּגעגעבן דאָס לעבן אין קאַמף קעגן פֿאַשיזם. איך געדענק גוט דאַניען אין די ייִנגערע קלאַסן. ער פֿלעגט פֿון דער שול ביבליאָטעק שלעפּן ביכער, וועלכע זיינען געווען גרעסער פֿון אים אַליין, און פֿלעגט זיי פֿאַרשלינגען דורך אַ נאַכט, געווען צווישן אונדז אַ גרויסער ערודיט. אַ סך פֿון אונדז האָבן געקעמפֿט אין די רייען פֿון דער סאָוועטישער אַרמיי. אייניקע זיינען געווען אין דער פּוילישער אַרמיי. עזרא לאַקערמאַן, מיט וועמען איך בין יאָרנלאַנג געזעסן אויף איין באַנק, האָט געקעמפֿט אין די רייען פֿון דער בריטישער אַרמיי.

אויף אונדזערע דיסקוסיעס אין די הפסקות פֿלעגט סאָפּיע גורעוויטש שטענדיק וואַרפֿן אַן אויג. איינמאָל איז זי אַריין אין קלאַס מיט אונדז ריידן אויף פֿרייע טעמעס. לויט אונדזער בקשה האָט זי גענוי דערציילט וועגן אַלע אונדז באַקאַנטע פּאַרטייען. רואיק, אָביעקטיוו דערקלערט די צילן פֿון יעדער פֿון זיי.

סאָפּיע מאַרקאָוונע פֿלעגט אָפֿט ריידן מיט די קינדער וועגן פֿאַרשיידענע זאַכן, וועלכע פֿלעגן אונדז אינטערעסירן. פֿאַרשטייט זיך, אַז עס איז געווען אינטערעסאַנט צו וויסן: „ווער וועל איך זיין, ווען איך וועל אויסוואַקסן?" זי האָט אַלעמען געקענט, געוואוסט זייערע פֿעאיקייטן און נייגונגען און פֿלעגט אונדז אָפֿן כאַראַקטעריזירן. איך געדענק, וואָס זי האָט מיר פֿאָרויסגעזאָגט: „דו וועסט זיין אַן אַדוואָקאַט". קיין אַדוואָקאַט בין איך ניט געוואָרן, אָבער אין צוואַנציק יאָר אַרום האָב איך געענדיקט דעם יורידישן פֿאַקולטעט...

אונדזער דירעקטאָר איז געווען אַ ביאָלאָג און אונדז געלערנט נאַטור וויסנשאַפֿט. זי איז געווען זייער איבערגעגעבן איר לימוד, און ווען נאָר עס פֿלעגט זיין אַ פֿרייע שעה, פֿלעגט סאָפּיע מאַרקאָוונע אַריינגיין אין קלאַס, ווי מיר פֿלעגן זאָגן, מיט „אַ ביסעלע נאַטור". זי האָט ליב געהאַט די נאַטור, די „לעבעדיקע נאַטור" און זיך געמיט אונדז איבערצוגעבן דעם געפֿיל. זי פֿלעגט אונדז אָפֿט פֿירן אין באָטאַנישן גאָרטן אויף קליין פּאָהוליאַנקע און אויך אויף אויספֿלוגן הינטערן שטאָט. ווינטער פֿלעגט די גאַנצע שול אַרויסגיין הינטער ווילנע זיך גליטשן אויף שליטעלעך פֿון די בערג. סאָפּיע מאַרקאָוונע פֿלעגט אַרומגיין מיט אַ מופּטע פֿול מיט זאָקן און זיך נאָכפֿרעגן ביי די קינדער: ווער עס האָט איינגענעצט די פֿיס, פֿלעגט באַקומען פֿון איר אַ טרוקענע פּאָר זאָקן איבערצוטאָן.

זי פלעגט שטענדיק זאָגן, אַז דער מענטש טאָר ניט אָנווענדן קעגן דער נאַטור קיין געוואַלד. פאַרקערט, ער מוז זי שוינען, שטרעבן זי צו דערקענען.

איינמאָל, ווען די קינדער האָבן זיך צונויפגעקליבן אין קלאַס נאָך די קאַניקולן, האָט סאָפיע מאַרקאָוונע יעדערן אויסגעפרעגט, וואָס האָט ער געטאָן אין די זומער חדשים. ווען די ריי איז געקומען צו מיר האָב איך געהאָפט, אַז זי וועט מיך באַלד לויבן: איך האָב זומער מיט אַ זאַק־נעצל געכאַפּט פלאַטערלעך.

— און וואָס האָסטו מיט זיי געטאָן? — האָט געפרעגט די לערערין.

— איך האָב זיי געטריקנט און צונויפגעקליבן אַ קאָלעקציע.

ווי דערשטוינט בין איך געוואָרן, ווען איך האָב געכאַפּט אַזאַ גאָב, אַז מיר איז אין האַלדז ניט געקראָכן: ווי אַזוי האָב איך געוואַגט צו פאַרניכטן לעבעדיקע וועזנס...

דאָס איז ווייזט אויס געווען אין יאָר 1931, ווען אין דער שול האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז סאָפיע מאַרקאָוונע פאָרט אַוועק. פאַרוואָס? וואוהין? דאָס האָט קיינער ניט געוואוסט. איך האָב פאָרזיכטיק געפרעגט דעם פאָטער, און ער האָט מיר מיט אַ האַלבן מויל געענטפערט, אַז דאָס איז צום באַדויערן אמת. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די פּוילישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן איר פאַרבאָטן צו פאַרנעמען דעם פּאָסטן פון אַ גימנאַזיע דירעקטאָר און אַרויסגעשיקט פון לאַנד. זי איז געווען צו פּראָגרעסיוו פאַר יענער צייט און פאַר יענע מאַכטהאָבער, און די גימנאַזיע איז אויך געווען צו פּראָגרעסיוו.

אין די דרייסיקער יאָרן האָט זיך אין פּוילן פאַרשטאַרקט די רעאַקציע און צוזאַמען מיט איר דער אַנטיסעמיטיזם. אין ווילנע זיינען געווען פּאָגראָמען. אַלץ פלעגט זיך אָנהייבן פון דעם, וואָס די ענדעקישע (נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי) סטודענטן מעדיקער פלעגן ניט וועלן דערלאָזן, אַז יידישע סטודענטן זאָלן פּראַקטיצירן אויף קאַטוילישע מתים. זיי פלעגן פּראָוואָצירן געשלעגן, וועלכע פלעגן זיך ענדיקן מיט האַקן שויבן אין יידישע געשעפטן, דעמאָנסטראַציעס מיט לאָזונגען „יידן — קיין פּאַלעסטינע". אין דער צייט פון איינעם אַזאַ געשלעג האָט עמעצער געוואָרפן אַ שטיין אין המון, געטראָפן דעם סטודענט וואַצלאַווסקי אין קאָפּ און אים דערהרגעט. דאָס איז געווען אַ גוטער תירוץ יעדן יאָר אין אָנהייב פון די לימודים אין אוניווערסיטעט צו „פייערן זיין יאָרצייט" מיט אַנטי־יידישע עקסצעסן (יידישע באַלעבאַטים פון געשעפטן פלעגן שוין פאַרן אָנהייב פון שול־יאָר פאַרקלאַפּן זייערע וויטרינעס מיט ברעטער). אין איינעם אַזאַ פּאָגראָם האָט מאַקס ווײַנרייך פאַרלאָרן אַן אויג.

סאָפיע גורעוויטש און איר גימנאַזיע זיינען אויך געווען קרבנות פון דער פאַשיסטישער וואַקכאַנאַליע. איך געדענק דעם געזעגענונגס־אָוונט מיט איר. ער איז געווען ענלעך אויף אַ לוויה. דער זאַל איז געווען פול געפּאַקט מיט לערער, קינדער און עלטערן. מען האָט געהאַלטן רעדעס. אַ סך האָבן געוויינט... דאָס איז געווען אַ בולטער אויסדרוק פון אויפריכטיקן דרך־ארץ און ליבע צו דער גרויסער פערזענלעכקייט.

סאָפיע מאַרקאָוונע איז אַוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע, וואו זי האָט געהאַט אַ ברודער (אָדער צוויי? איך געדענק שוין ניט). דורך פאַרשיידענע קאַנאַלן פלעגן קומען פון איר גערוסן. מיין פאָטער האָט באַקומען פון זיין מאָסקווער שוועסטער אַ בריוו, אין וועלכן זי האָט באַשריבן איר באַגעגעניש מיט סאָפיע מאַרקאָוונען. זי האָט געשריבן: „איצט פאַרשטיי איך זייער גוט, פאַרוואָס איר באַדויערט אַזוי, אַז זי איז מיט אייך ניטאָ". אליה אַראָן, אַ געוועזענער שילער פון אונדזער גימנאַזיע, דערציילט, אַז ער האָט באַזוכט די לערערין זייענדיק אין מאָסקווע אין יאָר 1941, ערב דעם אָנפאַל פון דייטשלאַנד אויפן ראַטנ־פאַרבאַנד. סאָפיע מאַרקאָוונע איז געלעגן פּאַראַליזירט. זי איז געווען ביים פולן באַוואוסטזיין, אירע געדאַנקען האָבן זיך אַלץ געדרייט אַרום ווילנע, אַרום דער גימנאַזיע...

ווען סאָפיע גורעוויטש איז אַוועקגעפאָרן איז דער דירעקטאָר געוואָרן דער לערער פיין. ער האָט געלערנט מאַטעמאַטיק און פיזיק. ביי אונדז האָט זיך געלערנט זיין זון יאָניע. אין גימנאַזיע האָט מען אים גערופן „יאָנקע מזיק". היינט איז ער דער באַוואוסטער קינסטלער און שרייבער, פּראָפעסאָר יאָני פיין אין ניו־יאָרק, דער הויפּט פון יידישן קולטור קאָנגרעס. שפּעטער האָט מיט דער שול אָנגעפירט די לערערין פריידקעס, אויך אַ מאַטעמאַטיקער. זי איז די מוטער פונעם באַוואוסטן ליטעראַטור פאָרשער און פּאָעט בנימין הרושאָווסקי (הרשב), וועלכער איז היינט פּראָפעסאָר אין יעיל אוניווערסיטעט אין אַמעריקע. דעם לערער פיין האָט מען ליב געהאַט, ער פלעגט פירן די שעהן מיט הומאָר, ווייך. פאַר דער לערערין פריידקעס פלעגט מען מורא האָבן, זי איז געווען זייער שטרענג.

אין גימנאַזיע זיינען געווען אויסערגעוויינלעכע לערער. איך טראַכט איצט, אַז אין אַנדערע באַדינגונגען וואָלטן אַ סך פון זיי געווען פּראָפעסאָרן אין אוניווערסיטעטן. צום ביישפּיל, די זעלביקע דערמאָנטע מאַטעמאַטיקער, אָדער דער לערער הרושאָווסקי און די לערערין ר. נאָטיק, וואָס האָבן אונטערריכט געשיכטע.

אַ באַזונדער קאַפּיטל זיינען די יידיש לערער מלכה



אהרן גאראָן ווייזט אָן אויפן בנין וואו עס איז אַמאָל געווען די סאָפיע
גורעוויטש גימנאַזיע (ווילנע, מאַי 1992)



סאָפיע גורעוויטש
(1939 — 1880)
(פאָטאָ: אַדאַנק דער ייוואָ)

חיימסאָן און אהרן מאַרק. די לערערין חיימסאָן האָט געלערנט אין די ייִנגערע קלאַסן. ביי איר האָבן מיר באַקומען דעם געשמאַק צו ייִדיש, צום אמת ייִדישן וואָרט. איר מאַן, דער באַוואוסטער פּעדאַגאָג און רעדאַקטאָר שלמה באַסטאָמסקי האָט איינער אַליין ביי זיך אין שטוב אַרויסגעלאָזן צוויי זשורנאַלן — גרינינקע ביימעלעך פאַר קינדער פון די ערשטע קלאַסן און חבר פאַר עלטערע תלמידים. ער פלעגט אַליין זאַמלען מאַטעריאַל, לייענען בריוו, שרייבן, רעדאַגירן, מאַקעטירן, קאָרעגירן א.א.וו. מ. חיימסאָן פלעגט אים העלפן. מיר, קינדער, זיינען געווען אַזוי פאַראינטערעסירט און פאַרטאָן אין די זשורנאַלן, אַז מיר פלעגן קומען אין „רעדאַקציע", ד.ה. צו ש. באַסטאָמסקין אין דירה, נעמען צענדליקער עקזעמפּלאַרן און זיי פאַרשפּרייטן וואו מיר פלעגן נאָר קענען. בכלל פלעגט די לערערין חיימסאָן אונדז אָפט פאַרבעטן צו זיך אַהיים. פאַר אונדז איז דאָס געווען אַ גרויסער כבוד. מלכה חיימסאָן איז געשטאָרבן אין ווילנער געטאָ. א. סוצקעווער שרייבט, אַז ווען זי איז אַבסאָלוט אויסגעשעפּט און שווער קראַנק געוואָרן, האָט זי זיך אָפּגעזאָגט צוצולאָזן דאָקטוירים און צו נעמען רפואות...

אהרן מאַרק האָט פאַר אונדז אויפגעגלאַנצט אין די עלטערע קלאַסן. ווי איך געדענק, איז ער געקומען פון וואַרשע. אַ פאַרשוין מיט געקרייזלטע האָר, פענסנע, עלעגאַנט אָנגעטאָן — אַלע מיידלעך האָבן זיך אין אים גלייך פאַרליבט. פון זיין מויל האָט געפּערלט, ער האָט וואונדערלעך דערציילט. שפּעטער איז אונדז קלאָר געוואָרן, אַז ער איז ניט נאָר אַ לערער, נאָר אויך אַ טאַלאַנטפולער פובליציסט, ליטעראַטור און טעאַטער קריטיקער. ער האָט אויפגעהויבן דאָס גאַנצע לערנען אויף אַ נייעם ניוואָ. איך געדענק, ווי מיר האָבן לויט זיין אויפגאַבע געלייענט שמרס ראָמאַנען און שלום־עליכמס שמרס משפּט, געגאַנגען ספּעציעל אין סטראַשון ביבליאָטעק און אָפּגעזעסן דאָרט גאַנצע אָוונטן. דערנאָך האָבן מיר שמרן „געמשפּט" ביי זיך אין קלאַס. אַזוי האָט דער לערער אונדז אויפגעקלערט, וואָס הייסט קונסט און וואָס הייסט שונד.

אָדער אונדזער „משפּט" איבער שלום אַשעס דאָס שטעטל. ווען מיר האָבן געלערנט שלום אַשן און קאָנקרעט דאָס שטעטל האָט דער לערער אונדז געהייסן דורכלייענען וויסנבערגס שטעטל. שלום אַש האָט אין שטעטל געזען אַן אידיליע, וויסנבערג — אַ קאַמף. אַזוי האָט אונדז אהרן מאַרק געלערנט אויפנעמען און פאַרשטיין ליטעראַטור, דעם סוביעקטיוון קוק פון אַ שרייבער, וועלכן מען דאַרף ניט פאַראורטיילן, אויב ער זעט און פילט אַנדערש, ווי עס וואָלט זיך געוואָלט.

אהרן מאַרק (אַ ברודער פון וואַרשעווער בערל מאַרק) איז גיך געוואָרן באַרימט אין די ליטעראַרישע קרייזן. ער איז צום באַדויערן פרי געשטאָרבן — נאָך פאַר דער מלחמה.

די גימנאַזיע קען זיך גרויסן מיט דעם, אַז אַ געוויסע צייט האָט ייִדישע ליטעראַטור אונטערריכט משה קולבאַק. איך האָב ניט געהאַט דאָס גליק זיך צו לערנען ביי אים, ווייל ער האָט געאַרבעט אין די עלטערע קלאַסן. די עלטערע קינדער, אויך מיין שוועסטער מרים, פלעגן דערציילן נסים וועגן קולבאַקס שעהן. ער האָט ניט אָנערקענט, ווי מ'פאָדערט עס היינט, קיין פלענער — אַזויפיל מינוט צו פרעגן, אַזויפיל איבערצוחזרן, אַזויפיל צו דערציילן נייעס. ער פלעגט, צום ביישפּיל, פאָרלייענען און קאָמענטירן שלום־עליכמען, אַז די קינדער פלעגן פאַלן פון די בענק פאַר געלעכטער. ער האָט איינגעפלאַנצט ביי זיי ליבע צו ליטעראַטור, צום קינסטלערישן וואָרט. און דאָס איז געווען וויכטיקער פון אַלע פלענער.

און אָט איז אַוועק אין גימנאַזיע אַ קלאַנג, אַז קולבאַק איז אַוועקגעפאָרן קיין ראַטנפאַרבאַנד (1928). דאַן האָט אין אונדזער גימנאַזיע געאַרבעט נאָך אַ ייִדישער פּאָעט און קינסטלער בער האָראָווויץ. ער האָט אונדז געלערנט צייכענען. אַ גרויסער, אַ דיקער מיט אַ טשופּרינע האָר, אַ מענטש מיט אַ ברייטער נאַטור און, ווי מען האָט ביי אונדז גערעדט, ניט קיין אָרעמאַן, ווי קולבאַק. מען האָט דערציילט, אַז ווען האָראָוויץ האָט באַגלייט קולבאַקן אויפן וואָקזאַל, האָט ער אַראָפּגענומען פון וועסטל זיין גאָלדענעם זייגער מיט דער קייט און אַוועקגעשענקט קולבאַקן. דאַן האָט קולבאַק אַרויס־גענומען זיין בידנעם בלעכענעם זייגער און אָפּגעגעבן האָראָוויצן. דאָס איז געווען אַ סימן פון פריינטשאַפט.

איך קען ניט פאַרגעסן צוויי לערער פון די ערשטע קלאַסן: סטעפאַניע לוואָוונע שאַבאַד — די פרוי פון צמח שאַבאַדן און זייער טאָכטער רעגינע וויינרייך (מאַקס וויינרייכס פרוי). פון זיי האָט געשפּרודלט אינטעליגענץ און גלייכצייטיק זיינען זיי געווען אויסערגעוויינלעך פשוט. סטעפאַניע לוואָוונע (זי איז געווען די איינציקע לערערין חוץ סאָפיע מאַרקאָוונען, וועמען מען האָט גערופן לויטן אַלטן שטייגער — מיטן פאָטערס נאָמען), אַ הויכע, שיינע, אימפּאָזאַנטע, פלעגט זיך זעצן צום ראָיאַל און ענערגיש שפּילן מאַרשן, און מיר פלעגן מאַרשירן איבערן זאַל. דאָס איז געווען אַ מין אָנלאָדונג פון ענערגיע און לעבנסלוסטיקייט. די לערערין רעגינע פלעגט אונדז אָפט רופן צו זיך אַהיים, ווייזן בילדער, ביכער, לערנען אויסשניידן אָרנאַמענטן, זי פלעגט אונדז אויך מכבד זיין. איך געדענק אירע הענט — ניט קיין געכאָליעטע, פונקט

ווי זי וואָלט געשאָבן קאַרטאָפּל. מיר האָבן זיך געוווּנדערט — טוט אַלץ אַליין, לעבט אָן קיינע דינסטן... צוזאַמען מיט זיי האָט אין די ערשטע קלאַסן געאַרבעט די גוטע, מוטערלעכע לערערין ליובאַ גאָרדאָן.

עס איז ניט מעגלעך צו פֿאַרגעסן די פֿאָר־שטעלונגען. דאָס פלעגן זיין גרויסע געשעענישן אין גימנאַזיע. מען פלעגט „שפּילן טעאַטער" צו די טראַדיציאָנעלע יום־טובים, נאָך דער פֿאָרשטעלונג פלעגן זיין פֿאַרוויילונגען, פֿאַרשיידענע שפּילן אין זאַל און קאָלעקטיווע סעודות. באַרימט און באַליבט פלעגן זיין די „פּורים־שפּילן". דער גרעסטער ענטוזיאַסט, אָנפירער און רעזשיסאָר איז געווען אונדזער לערער ראַבינאָוויטש. ער איז געווען דאַר, באַוועגלעך, נערוועז, פלעגט אָן אַ שיעור רייכערן, אָפט שרייען אויף אונדז — „אַרטיסטן", אָבער ער איז דאָס געווען די נשמה פון אונדזער קינדערשן טעאַטער. מיר האָבן געשטעלט קלאַסישע פּיעסעס, אַפילו שעקספּירס, שלום־עליכמס, און אויך מוזיקאַלישע רעוויו (מיניאַטורן) — פֿאָרשטעלונגען מיט אַ קאָנפֿעראַנסיע, קופּלעטן, מיט אַלץ, וואָס מען האָט באַדאַרפט. די צוגרייטונגען פלעגן זיך אָנהייבן פרי — צונויפקלייבן די גרופּע אָנטיילנעמער, צעטיילן די ראָלן, לערנען די טעקסטן און — רעפּעטיציעס נאָך רעפּעטיציעס, יעדן טאָג נאָך די לימודים. האַרט פֿאַרן אָוונט פלעגט ווערן הייס. פון גאַרדעראָב פלעגט מען שלעפּן קאַסטנס, אין וועלכע די קינדער האָבן געהאַלטן די קאַלאָשן און באָטן. פון זיי פלעגט מען בויען די סצענע. אין יידישן טעאַטער („ווילנער טרופּע") פלעגט מען לייען קאָסטיומען, זיי זיינען, פֿאַרשטענדלעך, געווען צו גרויס אויף אונדז, אָבער מען פלעגט זיך אַן עצה געבן. אַ טייל זאַכן פלעגן די קינדער ברענגען פון שטוב. איך געדענק שוין ניט פון וואַנען מען פלעגט נעמען דעם פֿאָרהאַנג. אַלץ איז געווען אויפן בעסטן שטייגער.

און אָט איז געקומען דער טאָג. דער זאַל איז פול געפּאַקט פון עלטערן און קינדער. דער לערער ראַבינאָוויטש לויפט אַרום הינטער דער סצענע אַ צעהיצטער. אין זאַל ווערט פינצטער, עס עפנט זיך דער פֿאָרהאַנג...

איך געדענק זייער גוט די פֿאָרשטעלונג „מכירת יוסף". דאָס איז געווען אַ פּורים־שפּיל, אָבער היינט וואָלט מען זי אָנגערופן „מיוזיקל". איך געדענק אַפילו די קופּלעטן, ווייל איך האָב זיי אַליין געזונגען — כ'האָב געשפּילט יוספן.

. . . ווי דער פֿאָרהאַנג האָט זיך געעפנט איז אויף דער סצענע אַריינגעלאָפן דער אויסגעפּוצטער און אויסגעפֿאַרבענער פֿאַיאַץ־קאָנפֿעראַנסיע (אויב איך האָב קיין טעות ניט, משהלע ברוידאָ) און געמאָלדן:

זייט אַ ביסל שטילער,
מאַכט זשע צו דעם מינד [דיאַלעקטיש!]
יעקב אבינו
גייט אַריין אַצינד!

דער כאָר זינגט דעם רעפרען, יעקב אבינו גייט אַריין און בענטשט די זין, וועלכע גייען אַוועק פּיטערן די שאָף.

לאָמיר גיין, לאָמיר גיין,
לאָמיר דאָ ניט בלייבן,
לאָמיר גיין, לאָמיר גיין
שאָף צום וואַסער טרייבן.

צום טייך קומט יעקבס ליבלינג יוסף. ער אַרבעט ניט, גייט אַרום פּוסט און פּאַס. ער גיט זיי נאָר איבער:

ברידערלעך, דער טאַטע האָט אייך געשיקט אַ שיינעם גוטמאָרגן!

די ברידער ענטפערן בייז:

ווער דערשטיקט און ווער דערוואָרגן.

די דיסקוסיע פֿאַרשאַרפט זיך, ביז די ברידער באַשליסן:

לאָמיר גיין עסן און טרינקען,
זאָל ער דאָרטן אונטערזינקען.
וואַרפט אים אַריין אין שלאַנגען־גרוב
און גענוג!

דער פֿאַיאַץ קייקלט אַריין אַ פֿאַס, אויף וועלכער עס איז אָנגעשריבן: שלאַנגען־גרוב. די ברידער וואַרפן אַריין יוספן אין פֿאַס. יוסף ווענדט זיך צו די שלאַנגען און עקדעשן זיי זאָלן אים ניט פרעסן, ווייל ער איז אברהם אבינוס אַן אייניקל און יעקבס אַ קינד. ער ווענדט זיך נאָך הילף אויך צו זיין מוטער רחלם קבר.

מיטאַמאָל באַווייזט זיך אַ קאַראַוואַן. די אָנגעקומענע שטעלן זיך פֿאָר:

אַ שיינעם גוטמאָרגן,
טערקן זיינען מיר. [פֿאַרוואָס טערקן, ווייס איך ניט]
מיר זיינען קויפסלייטע
פון דיזער קוואַרטיר.
אַלע קעשענעס פול מיט געלטן,
מיר פֿאָרן אויסעט גאָר די וועלטן.

עס קומט פֿאָר אַ סוחרישער געשפּרעך, ביז די ברידער זיינען מסכים:

צו וואָס זאָלן אים די שלאַנגען פרעסן און זויפן,
לאָמיר אים בעסער צו די טערקן פֿאַרקויפן.

דערנאָך קומט אַלץ פֿאָר אַזוי, ווי עס דאַרף זיין. די שפּיל ענדיקט זיך מיט אַ מאַסן־סצענע, ווי די ברידער און יעקב קומען צו יוספן — דעם שני למלך פון מצרים, מאַכן שלום, קריגן הילף. זינגען און טאַנצן אינאיינעם.

דער ספּעקטאַקל האָט געהאַט אַ גראַנדיעזן דערפאָלג. די קופּלעטן האָט מען דערנאָך מיט פרייד געזונגען בעת די הפסקות און אין די שטיבער, מען פלעגט זיי צופּאַסן צו פאַרשיידענע סיטואַציעס.

די גימנאַזיע פון סאָפיע גורעוויטש איז שטענדיק געווען ענג פאַרבונדן מיט דער יידישער קולטורעלער וועלט. וויפל אינטערעסאַנטע געסט פלעגן צו אונדז קומען! איך געדענק די באַזוכן פון אברהם רייזען, ז. ווײנפּער, ד״ר חיים זשיטלאָווסקי ז״ל און אַ סך אַנדערע. די גאַנצע שול פלעגט זיך צונויפקלייבן אין זאַל און הערן די אַרויסטרעטונגען פון שרייבער און קולטור טוער. ביז היינט דערמאָן איך זיך די בילדערישע רעדע פון חיים זשיטלאָווסקין. ער האָט געזאָגט, אַז די מענטשהייט איז צעטיילט אין קלאַסן און פעלקער. די קלאַסן זיינען ענלעך צו שיכטן פון דער ערד, די פעלקער — ווי ביימער אין אַ וואַלד: יעדערער האָט זיינע וואָרצלען, אָבער די שפּיצן קומען זיך צוזאַמען. עס איז נייטיק, האָט ער געזאָגט, אונדזער יונגער דור זאָל אויפגעצויגן ווערן סיי אין דער ליבע צום אייגענעם פאָלק און צו זיין שפּראַך, סיי אין דער איבערגעגעבנקייט צו די העכסטע אידעאַלן און צו די פּראָגרעסיווע שטרעבונגען פון דער מענטשהייט. אונדזער שול האָט ניט ווייניק אויפגעטאָן אויף אָט דעם געביט. דאָס איז געווען די ריכטונג פון לערנען און דערציען, די לופט אַליין איז געווען דורכגעזאַפּט מיט אָט די אידעאַלן. מיינע נאָענטסטע חברים פונעם קלאַס — ניוסיע ראַבין, בעטיע סטאַרבעקער, רייזל ווייסבראָד, סאָניע פלאַקס, עזרא לאַקערמאַן, שאול פלודערמאַכער, משה ברוידאָ, נח קאַץ און אַנדערע — דאָס זיינען געווען ריינע נשמות מיט הויכע פאָדערונגען צום לעבן. איך וויל נאָך צוגעבן, אַז ביי אונדז האָבן זיך געלערנט די קינדער פון אַ גרויסן טייל ווילנער יידישער אינטעליגענץ, צום ביישפּיל, די קינדער פון פאַלק היילפּערין, זלמן רייזען, משה שאַליט, זעליק קלמנאָוויטש, גרשון פלודערמאַכער, פון די באַרימטע אַרטיסטן פון דער „ווילנער טרופּע" ווייסליין און נאַטאַן און אַנדערע. מיט דעם מיין איך ניט צו זאָגן, אַז דאָס איז געווען אַן עליטאַרע גימנאַזיע. ניין. איך מיין, אַז די מענטשן האָבן פאַרשטאַנען, וואו אָפּצוגעבן לערנען זייערע קינדער. גלייכצייטיק האָבן זיי געהאַט אַ גרויסע פּאָזיטיווע השפעה אויף דער שול אַרבעטנדיק אין עלטערן־קאָמיטעט אָדער אויף פאַרשיידענע אַנדערע אופנים ווירקנדיק אויף איר אינטעלעקטועלן ניוואָ און ריכטונג.

ענדיקנדיק דאָס בינטל זכרונות גיב איך אַ טראַכט, אַז דער לייענער קען מיר זאָגן: דו אידעאַליזירסט, זעסט ניט קיין פּגימה; דו ביסט סענטימענטאַל! יאָ, אמת, דאָס קען זיין. עס איז דאָך אָבער נאַטירלעך, אַז אַ מענטש, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן דעם אַכטן צענדליק, זעט זיין קינדהייט און יוגנט אין ליכטיקע פאַרבן, און סענטימענטן זיינען בכלל גאָרניט קיין שלעכטע זאַך.

פאַרשטייט זיך, אַז אין דער גימנאַזיע פון סאָפיע גורעוויטש זיינען אויך געווען שוואַכע לערער, אָפּגעשטאַנענע קינדער און נאָך פאַרשיידענע זאַכן. אָבער עס איז וויכטיק די קווינטעסענץ, די טראַדיציע, אַז אין דער גאָלדענער קייט פון דער יידישער קולטור זאָל פעסט זיצן און לייכטן דער רינג „ווילנער יידישע גימנאַזיע פון סאָפיע גורעוויטש", אַז אויפפּאַסנדיק דעם באַגריף „ירושלים דליטא", איר אינטעלעקטועלע קראַפט און רייכקייט, זאָל מען האָבן אין זינען ניט נאָר די פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער, נאָר אויך אונדזער צייט.

מען קען מיר אָבער אויפזינגען אַן אַנדער ליד: „וואָס געווען איז געווען, שוין אַוועק און ניטאָ". און אַזוינע זינגער זיינען פאַראַן. אמת, אין ווילנע לעבן היינט קוים עטלעכע טויזנט יידן. אָבער זיי לעבן! עס איז דאָ מדינת ישראל, עס זיינען פאַראַן יידישע קהילות אין אַמעריקע און אייראָפּע. דאָס לעבן, די אַנטוויקלונג פון דער קולטור גייען ווייטער. וואו איז עס געהערט מען זאָל זאָגן קדיש נאָך לעבעדיקע? דעריבער דאַרף מען ניט פאַרגעסן די וואָרצלען. פאַרקערט — מען דאַרף עס זאָלן וועגן זיי וויסן די, וואָס וויסן ניט און זיינען אַפילו ניט חושד, אַז די וואָרצלען זיינען אַזוי פאַרצווייגט און טיף.

הערה: די אַרבעט האָט דער מחבר צוגעשיקט פון ווילנע אין 1992. איצט וואוינט ער אין בני־ברק. — רעד.

# זכרונות וועגן דעם ווילנער יידישן לערער סעמינאַר

פון
אַרטור לערמער
(מאָנטרעאָל)

## I

בעת דער ערשטער וועלט מלחמה בין איך מיט מיין מאַמען געווען גאַנצע פיר יאָר אין די סודעטן, דעם דייטשישן טייל פון טשעכיע, וואוהין מיר זיינען אָנגעקומען פון מיין היימשטאָט קראָקע. דאָרט האָב איך באַזוכט אַ דייטשישע עלעמענטאַר־שול. נאָכן אומקערן זיך אין קראָקע האָב איך ממשיך געווען מיין דייטשישע אויסשולונג, ביז וואַנען כ׳בין גרייט געוואָרן איבערצוגיין אין אַ פּוילישער גימנאַזיע. דייטש און פּויליש זיינען דעריבער געווען מיינע לערן־שפּראַכן און פריע קולטור איינפלוסן. די פּריוואַטע מלמדים מיינע און דער חדר האָבן זיך ניט געקענט פאַרגלייכן מיט דער דאָזיקער דייטש־פּוילישער השפּעה.

ווען איך בין אין עלטער פון עלף מיט אַ האַלבן יאָר געוואָרן אַ מיטגליד פון דער בונדישער יוגנט אָרגאַניזאַציע „צוקונפט", האָב איך גענומען לערנען יידיש. די רייד־שפּראַך האָב איך נאָך פריער אַ ביסל געגנאַשט פון מיין מאַמען, אַ רבס טאָכטער, אָבער לייענען האָב איך זיך ערשט געלערנט לויט דער צייטונג יוגנט־וועקער, דעם אָרגאַן פון „צוקונפט". כ׳בין געוואָרן אַ פרייוויליקער אַרבעטער אין דער ביבליאָטעק, וואָס איז געווען ביים יוגנט קלוב, און מיט דער צייט זיך צוגעכאַפּט צום לייענען יידישע ליטעראַטור. לסוף האָט מען מיר אַפילו פאַרטרויט צו ווייזן אונדזער פּראַכטפולע שטאָט, קראָקע, צו אַן אויספלוג פון פּרץ שול אין לאָדזש.

אַזוי האָב איך זיך באַקענט מיט אַ וואונדערלעכער גרופּע שילער, וועלכע האָבן געענדיקט אַכט קלאַסן פון דער פּרץ שול. סיי זיי, סיי זייערע לערער האָבן געמאַכט אויף מיר אַ שטאַרקן איינדרוק. זיי האָב מיך מיטגענומען אין זאַקאָפּאַנע (אין די טאַטרען בערג) אַזוי אַז אין משך פון אַ גאַנצער וואָך האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט צו זיין אין זייער סביבה און צו באַקומען אַ פאָרשטעלונג וועגן דער אַנדערשקייט פונעם דערציאונגס־נוסח אין אַ וועלטלעכער יידישער שול.

כ׳האָב ניט לאַנג געטראַכט און באַשלאָסן צו פאָרן קיין ווילנע, כדי אַריינטרעטן אין יידישן לערער סעמינאַר און טאַקע אויך ווערן אַ לערער. מיר איז געווען באַוואוסט אַז יידישע לערער האָבן וואָס שייך פּרנסה געהאַט „צו זינגען און צו זאָגן", דאָך האָב איך זיך כמעט אַ גאַנץ יאָר געגרייט אָנצוקומען אין ווילנער סעמינאַר, באַזוכנדיק דערווייל די גימנאַזיע.

אין סעפּטעמבער 1924 האָב איך זיך געשטעלט צום אַריינטריט־עקזאַמען אין יידישן לערער סעמינאַר. כ׳האָב גלייך געבעטן די עקזאַמענאַציע קאָמיסיע, אַז זי זאָל מיר דערלויבן אָפּלייגן דעם עקזאַמען איבער טייל יידישע לימודים אויף שפּעטער. אויף מיין מזל האָט די קאָמיסיע מסכים געווען צו באַפרידיקן מיין בקשה. איינער פון די לערער, וואָס האָבן ווייליק אָפּגעלייגט מיין עקזאַמען, איז געווען משה קולבאַק.

## II

און אָט קום איך אַריין אין קלאַס, אויף משה קולבאַקס ערשטער לעקציע. ס׳איז געווען גלייך נאָך אַ לענגערער הפסקה. איך זע אַ געלויף פון אַלע זייטן. אויף קיין אַנדער לעקציע איז ניט געווען אַזאַ איילעניש ווי אויף קולבאַקס קלאַס.

קולבאַק גייט אַריין, פאַרוואָרפן אַ ביסל דעם קאָפּ אָן אַ זייט, מיט אַ געדיכטער שוואַרצער טשופּרינע, און אויגן,

פריינטלעכע און אַ ביסל פֿאַרחלומטע, פֿינקלען זיי מיט אַ דורכנעמענדיקן בליק. ער זעצט זיך אַוועק ביים טישל. אַ ווײלע שווייגט ער. ענדלעך באַגריסט ער אונדז און הייבט גלייך אָן זיין לעקציע מיט אַ פֿראַגע:

— ווער האָט געלייענט אַשעס שטעטל?

ס׳רוב שילער זיינען אָנגעקומען אין סעמינאַר פֿון יידישע גרונטשולן און אייניקע אַפֿילו פֿון יידישע גימנאַזיעס. קיין וואונדער ניט וואָס כמעט אַלע האָבן געהויבן די הענט. כ׳האָב זיך דערפֿרייט, וואָס איך האָב אויך ניט לאַנג צוריק איבערגעלייענט דעם ראָמאַן.

באַלד קומט די צווייטע פֿראַגע.

— נו, און זאָגט מיר, וועלכער עפּיזאָד האָט אויף אייך געמאַכט דעם גרעסטן איינדרוק?

כלערליי תשובות האָבן זיך געשאָטן פֿון אַלע זייטן. מיין ענטפֿער איז געווען:

— ווען ברידער שטעלן זיך באַגינען דאַוונען אויף די טראַטאַוועס וואָס שווימען אויפֿן טייך.

— אָט, אָט, אָט! דאָס געפֿעלט מיר. זאָגט מיר פֿאַרוואָס!

איך בין נאָך ניט צוגעוואוינט געוואָרן רעדן יידיש גענוג פֿליסיק, בפֿרט נאָך אין אַזאַ שפּאַנונג, פֿאַר אַ גאַנצן קלאַס, און פֿאַרשטייט זיך גענומען שטאַמלען. קולבאַק האָט מיר אַרויסגעהאָלפֿן און געבעטן כ׳זאָל מיט אים רעדן נאָך דער לעקציע. איך האָב זיך איבערגעשראָקן — ווער ווייסט וואָס דערוואַרט מיך. קולבאַק האָט אָבער גערעדט מיט מיר זייער פֿריינטלעך און צום סוף געזאָגט די גוטע בשורה, אַז ער לייגט אָפּ מיין עקזאַמען אויף אַ האַלב שול־יאָר. איך האָב פֿאַר דער צייט זיך אַזוי ווייט אַריינגעצויגן אין שלינגען וואָס מער ביכער, און אַפּנים אַרויסגעוויזן אַזאַ אַקטיוויקייט, אַז סוף כל סוף האָט ער מיך בכלל באַפֿרייט פֿונעם עקזאַמען.

קולבאַקס לעקציעס פֿלעגן פֿאַר אונדז זיין אמתע יום־טובֿים. זיין לערערישער טאַלאַנט, צוזאַמען מיט זיינע אויסערגעוויינלעכע קענטעניש פֿון דער וועלט ליטעראַטור, חוץ דער יידישער, האָבן געהאָלפֿן צו שטאַרקן דעם באַזונדערן חן וואָס זיין פּערזענלעכקייט האָט ממש אויסגעשטראַלט בעת די לעקציעס. וויסנדיק, ווי פֿאַרנומען ער איז געווען אין דריי שולן (צוויי גימנאַזיעס און דעם סעמינאַר) מיט זעקס לעקציעס אַ טאָג, האָבן מיר אים מוחל געווען וואָס ער האָט קיינמאָל ניט קאָנטראָלירט אונדזערע שריפֿטלעכע אַרבעטן. ערשט אין צווייטן יאָר האָט ער באַשלאָסן צו געבן אונדז אָפֿטע שריפֿטלעכע אַרבעטן און געלייזט די פּראָבלעם פֿון פֿאַרריכטן די גרייזן דורך דעם וואָס איין סטודענט האָט קאָנטראָלירט די אַרבעטן פֿונעם צווייטן. אונדז, שילער, איז עס געווען פֿאַרבונדן ניט נאָר מיט מער אַרבעט, נאָר מיט אַ סך שאַרפֿערער קריטיק. און דאָך האָבן מיר עס גערן אַקצעפּטירט.

קולבאַק האָט ניט געהאַלטן צו שטאַרק פֿון אַ פֿאָרמעלער פּראָגראַם. נאָכן באַהאַנדלען אַ שרייבער פֿלעגט ער אונדז פֿרעגן, וואָס פֿאַר אַ שרייבער ווילן מיר אויסקלייבן. אונדזער ענטפֿער איז תמיד געווען — משה קולבאַק. ער פֿלעגט זיך דאַן אַ ביסל פֿאַררייטלען, אַ טראַכט טאָן אַ ווײלע און אָנרופֿן אַ שרייבער, וואָס ער האָט אויסגעוויילט. ערשט אַ סך שפּעטער, שוין בשעת אונדזער פֿערטן לערן־יאָר, ווען מיר האָבן זיך דערוואוסט אַז קולבאַק האַלט ביים אַוועקפֿאָרן קיין רוסלאַנד, זיינען מיר צו אים צוגעשטאַנען, ער זאָל דערציילן וועגן זיין לעבן און באַהאַנדלען אויך זיינע ווערק. ווי איבערראַשט זיינען מיר געווען, ווען ער האָט דאָסמאָל באַוויליקט אונדזער בקשה און במשך פֿון אַרום זעקס וואָכן האָבן מיר גערעדט אויסשליסלעך וועגן קולבאַקס שאַפֿן און, דער עיקר, וועגן זיין אינטערעסאַנטן לעבנסוועג. דאָס זיינען געווען די סאַמע דערהויבנסטע וואָכן אין אונדזער גאַנצער פֿינפֿיאָריקער דערפֿאַרונג אין לערער סעמינאַר.

מיר האָבן געוואוינט אין אַן אינטערנאַט, וואו פֿון צייט צו צייט פֿלעגן מיר דאַרפֿן זאָרגן פֿאַר באַדינען די קראַנקע, הייצן די קאָלעקטיווע אויוונס, צוגרייטן „קיפּיאַטאָק" (הייס וואַסער), זען אַז די קאָרידאָרן און קאָלעקטיווע צימערן זאָלן זיין ריין, א.ד.ג. קיין שום געדונגענע אַרבעטס־הילף האָבן מיר ניט געהאַט. ס׳איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן אַז די אָנפֿירונג פֿונעם סעמינאַר האָט אונדז גראָד יאָ פֿאַרגעלייגט צו געבן אַזאַ הילף, אָבער מיר האָבן זיך אָפּגעזאָגט. איך דערצייל דאָס אַקעגן דעם וואָס אין די טעג ווען מיר זיינען געווען „משגיחים", פֿלעגן מיר ניט גיין אין סעמינאַר. אָבער בעת די „קולבאַק וואָכן" פֿלעגן מיר געפֿינען כלערליי תירוצים כדי איבערטראָגן אונדזער דעזשורסטווע אויף די טעג, ווען קולבאַק האָט ניט געלערנט.

דעם מהלך פֿון עטלעכע וואָרסט פֿון דעם אינטערנאַט ביז צום סעמינאַר האָבן מיר געמוזט דורכמאַכן צופֿוס. די טראָטואַרן זיינען געווען הילצערנע, אַזוי אַז ווען ס׳האָט געגאָסן מיט רעגן פֿלעגן מיר אין אונדזער שטענדיקן געאייל שפּרינגען איבער די נאַסע ברעטער און קומען אין סעמינאַר פֿאַריאַכמערטע און פֿאַרבלאָטיקטע. אין אַזאַ מעמד פֿלעגן מיר אַריינלויפֿן אין קולבאַקס קלאַס, כדי חלילה ניט פֿאַרשפּעטיקן.

אייניקע פֿון אונדז האָבן ניט דורכגעלאָזן די געלעגנהייט צו פֿרעגן קולבאַקן, ווי קומט עס וואָס ער לאָזט זיך גאָר אין וועג אַריין, בעת ער פֿלעגט אַזוי אָפֿט

טאַדלען דעם סאָוועטישן אופן פון האַנדלען לגבי דעם שרייבער. „היתכן", האָבן מיר געטענהט, „איר פּלעגט דווקא אָפּט פאַרטיידיקן דעם פּרינציפּ פון קונסט לשם קונסט". דאַן האָט ער אַרויסגערוקט צוויי הויפּט⸗מאָטיוון פאַר זיין עמיגראַציע, דהיינו: 1) זיין שווערע דאָליע ווי אַ שרייבער מחמת דאָס לערעריי שעפּט אים אויס און נעמט צו אַזויפיל צייט, און 2) דער שטאַרקער באַגער צו זען זיינע עלטערן, משפּחה. „און וואָס וועט זיין, ווען מ'וועט אייך הייסן ליגן זיך אויפן בענקל" (ווי מ'איז זיך נוהג געווען מיט אויסלענדישע יידישע שרייבער, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין ראַטנפאַרבאַנד) „און אַריינשמייסן זיך אַליין" (ווי ס'איז טאַקע געווען דער שטייגער)? אויף דעם האָט ער אונדז אומצווייַדייטיק געענטפערט: „איך קען אייך צוזאָגן, אַז איך וועל בשום אופן ניט איינגיין אויף דער דאָזיקער אומפאַרשעמטער פּראָצעדור".

און כך הווה. גאָר אינגיכן נאָך זיין אַוועקפאָרן האָבן מיר באַקומען אַ ידיעה, אַז מ'האָט אים טאַקע ניט געמאַכט קיין קבלת פּנים און געגעבן אַזאַ מין אַרבעט ווי איבערזעצן טעלעגראַמעס פאַרן מינסקער אָקטיאַבער. דער שפּעטערדיקער ביטערער גורל קולבאַקס, נאָך פאַרן גרויסן קרייצצוג קעגן יידישע שרייבער, האָט באַשטעטיקט, אַז דעם דיכטערס גייסט האָט ניט געקאָנט זיך אַריינפּאַסן אין סאָוועטישן סדום⸗בעטל. אַפילו די האַלב⸗פּראָפּאַגאַנדישע טענער פון דער צווייטן טייל פון זיינע „זעלמעניאַנער" האָבן ניט געהאָלפן...

קולבאַק האָט לחלוטין ניט געהאַט בדעה צו פאָרן אין רוסלאַנד מחמת אידעאָלאָגישע מאָטיוון. אויב ער האָט בכלל געהאַט וועלכע ס'איז ניט פּאָליטישע סימפּאַטיעס, זיינען זיי גיכער געווען פאַרבונדן מיטן בונד. דעם ערשטן מאַי 1923 איז ער פאַרוואונדעט געוואָרן בשעת אַ בונדישער דעמאָנסטראַציע אין ווילנע. אָט פאַרוואָס איז עס פאַר אונדז געווען אַזאַ איבערראַשונג, ווען קולבאַק האָט אויף אַ געזעגענונגס⸗אָוונט אין וואַרשעווער יידישן ליטעראַטן⸗פאַראיין (אויף טלאָמאַצקע 13) גענוצט שאַרפע ווערטער קעגן די „בורזשואַזע" שרייבער אין פּוילן.

אַן ערך אַ יאָר פאַר קולבאַקס באַשלוס אָפּצופאָרן פון ווילנע האָט דער יידישער סטודענטן⸗פאַראיין איינגעאָרדנט אַ סעריע לעקציעס פאַר מאַקס עריקן. זיינע לעקציעס האָבן געהייסן „נייסטע טענדענצן אין דער יידישער ליטעראַטור". ביי איינער פון די לעקציעס האָט עריק הילכיק אויסגערופן אַז „לייוויקן און אַשן דאַרף מען עוקר מן השורש זיין פון יעדער אַרבעטער⸗ביבליאָטעק מחמת זייער פילאָסאָפיע". וואָס שייך לייוויקן איז אָט דער דראַסטישער אַרויסרוף געקומען נאָך אַ לענגערן אַנאַליז פון לייוויקס „גולם". איך בין דאַן געזעסן לעבן קולבאַקן. ווי נאָר ער האָט דערהערט עריקס פּסק, האָט ער זיך איינגעבויגן צו מיר און אַ פליסטער געטאָן מיר אין אויער: „אַהאַ, ער מאַכט זיך שוין אַ וויזע אין רוסלאַנד". אַפּנים אַז קולבאַק האָט זיך אין וואַרשע אויך אַ ביסל פאַרגאַלאָפּירט. איך האַלט נאָך אַלץ, אַז הגם ער האָט געהאָפּט אויף אַ ווייטערדיקן וואוקס פון דער יידישער קולטור אין רוסלאַנד, ווי ס'האָט געקענט אַרויסווייזן זיך אין די צוואַנציקער יאָרן, איז ער קיינמאָל קיין קאָמוניסט ניט געווען.

אין 1928 האָט דער ווילנער ליטעראַטן⸗פאַראיין איינגעאָרדנט אַ געזעגענונגס⸗אָוונט צו קולבאַקס אָפּפאָרן. דער אָוונט איז דורכגעגאַנגען אין גרויסן זאַל פונעם צירק אויף דער לודוויסאַרקער גאַס. ניט נאָר איז דער ריזיקער זאַל געווען איבערגעפּאַקט ביז איבער די ברעגעס, אויף אַלע שטאָקן, נאָר די גאַס איז אויך געווען שוואַרץ פון מענטשן. די רייטער⸗פּאָליציי האָט סוף כל סוף צעיאָגט די מאַסע, וואָס האָט ניט געקענט אַריין אין דעם זאַל.

זלמן רייזען האָט געפירט דעם פאָרזיץ, ער האָט אויסגעדריקט די געפילן פון דער ווילנער קולטור סביבה צו איר באַליבטן גרויסן שרייבער און זעלטענער פּערזענלעכקייט. איך בין ניט אויסן אָפּצוגעבן אַ באַריכט פון יענעם גראַנדיעזן אָוונט, וואָס וועט בלייבן אין זכרון פון די אַלע, ווער ס'איז דאָרט געווען, אַזוי לאַנג ווי זיי וועלן לעבן. נאָר אויף איין פּרט וועל איך זיך אָפּשטעלן.

מ'האָט אונדז, שילער פון אַלע מיטלשולן און פונעם סעמינאַר, געלאָזט וויסן אַז אַ פאָרשטייער פון אונדז וועט האָבן, אַ געלעגנהייט צו געזעגענען זיך מיט קולבאַקן אין נאָמען פון דער שילער⸗יוגנט. ווי גרויס איז געווען מיין שמחה, ווען מיר איז צוגעפאַלן די דאָזיקע אויפגאַבע צו רעדן אין נאָמען פון אַלע קולבאַקס תלמידים. זלמן רייזען האָט אויף מאָרגן דערציילט וועגן דעם אין ווילנער טאָג, וואו ער האָט געשריבן וועגן די געפילן און וואונטשן פון קולבאַקס תלמידים, וואָס האָבן אים באַגלייט אין זיין נייעם גלגול.

## III

זייער פּאָפּולער איז ביי אונדז אין סעמינאַר געווען מוזיק. דאָס האָט דער לערער גערשטיין אונדז אָנגעשטעקט מיט זיין התלהבות. אַ סך סעמינאַריסטן האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט קאָנצערטינעס (מיניאַטורע האַרמאָשקעס) און מיר פלעגן אונטערכאַפּן די טענער, וואָס אונדזער אויסגעצייכנטער כאָר, אַ שם⸗דבר אין שטאָט, האָט גראָד דאַן רעפּעטירט.

אַלע שבת נאָכמיטאָג איז, למשל, געווען אָפּערע

צייט, ד.ה. אַז אַ רוסישער פּראָפעסאָר פון מוזיק מיטן נאָמען גאַלקאַווסקי, אַ פּליט פון רוסלאַנד, פלעגט אויספּילן אַריעס אויף דער פּיאַנע און זיי אויספּירלעך, מיט גרויס בקיאות, אינטערפּרעטירן. און כאָטש דער עולם איז געווען שטאַרק פאַרנומען, ניט נאָר מיט לערנען, נאָר אויך מיט צו פאַרדינען אויף חיונה, איז דער זאַל, וואו גאַלקאַווסקי האָט במשך פון עטלעכע יאָר געגעבן זיינע וואונדערלעכע לימודים, תמיד געווען פולגעפּאַקט.

צוויי סעמינאַריסטן פונעם ערשטן אַרויסלאָז (דער סעמינאַר איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1921), גילינסקי (באַקאַנט ווי „באַטקע") און טרופּיאַנסקי, האָבן אָנגעשריבן עטלעכע קורצע אָפּערעס. די סאַמע געלונגענע איז געווען „המן־טאַשן" וואָס אירע מעלאָדיעס זיינען ווי מיט כישוף אַריין אין סעמינאַר.

אין דער שטאָט האָבן שטאַרק אויסגענומען צוויי יידישע כאָרן: דער כאָר אונטער דער אָנפירונג פון סליעפּן — דער „ווילנער כאָר" ביי דער שטאָטישער בילדונגס־געזעלשאַפט, און דער כאָר פונעם סעמינאַר. פאַרן סעמינאַר כאָר, וואו עס בייטן זיך כסדר די תלמידים, איז געווען גאָרניט גרינג צו דערגרייכן אַזאַ מדרגה ווי זי איז געווען ביים „ווילנער כאָר". אָבער גערשטיינען איז געלונגען צו שאַפן אַזאַ מוזיקאַלישע אַטמאָספער, אַז ער האָט אַפילו געקענט אָנהאַלטן זיין פילאָסאָפיע, אַז יעדער מענטש („סיידן אַ פולשטענדיק טויבער") קען זינגען אין אַ כאָר. הכלל, נגינה האָט זיך שטאַרק געפּאָרט מיט דעם באמת עכטן, כמו חסידיש־געלייטערטן צויבער פון מוזיק.

באַנאַנד מיט פּראָפ. גאַלקאַווסקי, וועלכער האָט אונדז אַריינגעפירט אין היכל פון דער סובלימירטער אָפּערע וועלט, האָט אויך גערשטיין דורכגעפלאָכטן זיין רייכן רעפּערטואַר מיט אַריעס, צו וועלכע ער האָט אַליין געמאַכט יידישע איבערזעצונגען פון די ליברעטאָס. באַזונדערס אָפט פלעגט ער זיך מיט גרויס עקסטאַז אומקערן צו דזשוזעפּע ווערדיס אָפּערע „אַאידאַ".

זעלטן ווען אַ געשטאַלט פון אַ מענטש קריצט זיך אַזוי שטאַרק איין אין זכרון, ווי גערשטיין. אַ הדרת־פּנים, מיט אַ מאַיעסטעטישן קאָפּ, האָט ער אַרויסגערופן צו זיך ניט נאָר דרך ארץ, נאָר עכטע ליבשאַפט ביי אַלע וואָס זיינען געקומען אין קאָנטאַקט מיט אים, און אַוודאי און אַוודאי ביי אונדז, זיינע תלמידים. באַזונדערס רירנדיק איז פאַר אונדז געווען די גאָר נאָענטע פריינטשאַפט צווישן גערשטיינען און משה קולבאַקן. גערשטיין האָט שטאַרק געליטן פון קולבאַקס פאַרלאָזן די שטאָט אין 1928, ווען דער דיכטער איז אַוועק קיין מינסק.

דער סעמינאַר האָט געפונען אויך צייט און ענערגיע כדי אַנטוויקלען אַ ברייטע און אינטענסיווע טעאַטראַלע אַקטיוויטעט. דער עיקר האָבן זיך אויסגעצייכנט די שפּילן, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט שטודירן פאָלקלאָר. די סאַמע פּאָפּולערסטע איז געווען די פּיעסע „מכירת יוסף", געשריבן דורך מאַקס וויינרייכן און רעזשיסירט דורך משה קולבאַקן. אַנדערע פּורים־שפּילן זיינען געווען „דוד און גלית שפּיל", „עקידת יצחק", די שוין דערמאָנטע אָפּערע „המן־טאַשן" א.א. מיר האָבן זיך ניט באַגרענעצט מיטן יידישן פאָלקלאָר — אַזעלכע דראַמעס ווי אָסקאַר ווײַלדס „סאַלאָמעאַ", „הינטער די ווענט פון אַ הויז" פון דיקענס האָבן באַרייכערט די טעאַטער פּראָגראַם במשך פון די פינף יאָר, וואָס איך בין געווען אין סעמינאַר.

אונדזער פרייד איז געווען אין־לשער, ווען מיר זיינען איינגעלאַדן געוואָרן פאָרצושטעלן דעם ספּעקטאַקל „מכירת יוסף" אויף דעם צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער צענטראַלער יידישער שול אָרגאַניזאַציע, וועלכער האָט געדאַרפט פאָרקומען אין מאַי 1925. דאָס פאָרן קיין וואַרשע און דער עיקר דאָס אויפטרעטן בעת דעם דאָזיקן אימפּאָזאַנטן קאָנגרעס האָט שטאַרק אימפּאָנירט. אַ ציטער איז דורכגעגאַנגען ווען שלום אַש האָט בשעת דעם ערשטן אַנטראַקט זיך באַוויזן אַ שטייענדיקער אין אַ לאָזשע נאָענט צו דער סצענע. אַ באַגייסטערטער האָט ער לאַנג געפּאַטשט בראַוואָ און געלויבט אונדז.

## IV

יעדער פון די סטודענטן פונעם לערער סעמינאַר האָט זיך אידענטיפיצירט מיט דער פּאָליטישער ריכטונג, וואָס האָט אים אַנטשפּראָכן. עס האָבן זיך אויסגעטיילט דריי הויפּט־גרופּן: בונדיסטן, פּועלי־ציוניסטן, און אומפּאַרטייאישע, וועלכע מ'האָט אָפט גערופן „קולטוריסטן". וואָס האָט ספּעציעל אימפּאָנירט איז די טאָלעראַנץ און דרך ארץ פון איין ריכטונג צו דער אַנדערער.

דער פּאַקטישער דירעקטאָר פונעם סעמינאַר איז געווען אברהם גאָלאָמב („פּאַקטישער" — ווייל ער האָט ניט געהאַט קיין גילטיקע פּוילישע דאָקומענטן אויף צו פאַרנעמען אַזאַ שטעלע). מיר איז שוין אויסגעקומען צו שרייבן וועגן גאָלאָמבן (לערמער 1986), וועגן זיין „האַרמאָניע צווישן דער עמאָציאָנעלער און אינטערנאַציאָנאַלער שפּאַנונג". ער פלעגט מאַכן אַלע באַמיאונגען, אַז מיר זאָלן באַטראַכטן דעם סעמינאַר ווי אַ מין שטעטל. גלייכצייטיק האָט ער געקוקט ממש קרום אויף די סעמינאַריסטן, וואָס זיינען געווען שטאַרק אַנגאַזשירט אין אידעאָלאָגישע באַוועגונגען. אַזוי ווי די



אָנטיילנעמער אינעם ערשטן קורס פון ווילנער יידישן לערער סעמינאַר (בערך 1924)
(די פייל ווייזט אָן אויפן מחבר אַרטור לערמער)

קאָמוניסטיש געשטימטע זיינען געווען פאַרקאָנספּירירט, האָט ער זיין אומווילן אויסגעלאָזן צו די בונדיסטן און פּועלי⸗ציוניסטן.

ביים אָנקומען אין סעמינאַר האָט יעדער פון אונדז געמוזט אָנשרייבן אַ גאַנץ אויספירלעכע אויטאָ⸗ביאָגראַפיע. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב דערציילט וואָס האָט מיך באַוואויגן צו קומען אין סעמינאַר. נאָכן איבערלייענען מיין אַרבעט האָט גאָלאָמב מיך פאַרבעטן אויף אַ פּריוואַטן געשפּרעך און צו מיין שטוינונג געזאָגט: „איך פאַרשטיי, וואָס האָט אייך מאָטיווירט צו קומען אין סעמינאַר, אָבער דאָ איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר קיין שום פאַרטייאיש⸗פּאָליטישער טעטיקייט". מיין ענטפער איז געווען, אַז איך קען דאָס ניט צוזאָגן און דערפאַר האָב איך זיך געריכט, אַז כ'וועל צוליב דעם ניט צוגעלאָזן ווערן, וואָרעם אַזוי שטאַרק האָט געקלונגען גאָלאָמבס וואָרענונג. צו מיין איבעררעשונג און גליק בין איך אָבער מיט מזל געוואָרן אַ סעמינאַריסט.

בינו לבינו האָבן מיר, בונדיסטן, געפירט שטילערהייט אונדזער אַרבעט, און ווען ס'איז געקומען צו אַ קאָנפראָנטאַציע מיט דער אַגרעסיווער און צילבאַוואוסטזיניקער קאָמוניסטישער גרופּע, האָט זיי קיינמאָל ניט געלונגען צו באַהערשן די מערהייט. מיר און אַ פאָרשטייער פון דער קלענערער גרופּע פּועלי⸗ציוניסטן, דעם שפּעטער גוט באַקאַנט געוואָרענעם פּעדאַגאָג יחיאל שטערן, האָט די גרויסע מערהייט תלמידים אָנפאַרטרויט צו זיין זייערע פאָרשטייער אין דעם פּעדאַגאָגישן ראַט. י. שטערן איז אין משך פון דריי יאָר געווען דער פאָרזיצער פונעם ראַט, און איך — דער סעקרעטאַר.

כמעט אַ גאַנץ יאָר האָבן מיר געפירט אונדזער בונדישע טעטיקייט שטרענג אומלעגאַל. ס'האָט אַפילו געהאַט עפּעס אַ ראָמאַנטיק אין זיך: מיר פלעגן זיך טרעפן אין אַ מיל אויף אַ זייטיק געסל לעבן דער טראָקער גאַס. אין דער זעלבער צייט האָבן מיר געפילט, אַז ס'איז אַ מאָדנער מצב — צו זיין פאַרקאָנספּירירט אין יידישן לערער סעמינאַר וואָס טראָגט וולאַדימיר מעדעמס נאָמען. דאָך זיינען מיר געווען לאָיאַל צו אַברהם גאָלאָמבן. איצט, אין דער פּערספּעקטיוו פון צייט, ווערט נאָך קלאָרער, וויפל טאַקט האָבן מיר דאַן אַרויסגעוויזן צו אונדזער דירעקטאָר.

נאָך דעם צווייטן שול צוזאַמענפאָר זיינען מיר צוריקגעפאָרן פון וואַרשע, צוזאַמען מיט גאָלאָמבן, אין אַ וואַגאָן פון דריטן קלאַס. אין אַ דערבייאיקן וואַגאָן, פון צווייטן קלאַס, זיינען געפאָרן די בונדיסטישע פירער פון ווילנע, אַנאַ ראָזנטאַל און ווירגילי כהן. ווירגילי איז געווען זייער נאָענט צו אונדז, סעמינאַריסטן, ער האָט געהערט צו אַ קאָמיטעט וואָס איז געווען אַ מין אַפּוטרופּס איבער די מיטלשולן און דעם סעמינאַר, מיר פלעגן אים רופן דער „טאַטע" פון די סעמינאַריסטן. ראָזנטאַל און כהן זיינען געקומען צו אונדז אין וואַגאָן, און שמועסנדיק מיט גאָלאָמבן האָט ווירגילי אַ זאָג געטאָן: „איך ווייס דאָך, אַז די בונדישע השפּעה איז זייער שטאַרק אין סעמינאַר". גאָלאָמב האָט נאָך אַלץ געמיינט, אַז דאָס רעדט ווירגילי נאָר וועגן דער גייסטיקער השפּעה פון בונדיזם, „וואָרעם ווי איך ווייס איז ניט פאַראַן קיין אָרגאַניזירטע בונדישע גרופּע אין סעמינאַר". פאַרשטייט זיך, אַז ס'האָט לאַנג ניט געדויערט און ווירגילי האָט גאָלאָמבן אַרויסגעפירט פון דעם טעות...

אויף אַזאַ אופן זיינען מיר ענדלעך אַרויס אויף דער „אויבערפלאַך". עס האָבן זיך גלייך געיאַוועט אויך אַנדערע גרופּן, דער עיקר די קאָמוניסטן. גאָלאָמב האָט בלית ברירה געמוזט אויפגעבן זיין חלום וועגן אַן אידעאַלער אומפאַרטייאישקייט, וואָס האָט געהאַט ביי אים אַ שטאַרקע כמו פּאָלקיסטישע באַפאַרבונג.

אין צוויי יאָר אַרום נאָך מיין גראַדואירן איז דער סעמינאַר פאַרמאַכט געוואָרן דורך דער פּוילישער מאַכט. צווישן די קאָמוניסטן האָבן זיך געפונען פּראָוואָקאַטאָרן, וואָס האָבן בכיוון געשטויסן צו צערייצן די מאַכטהאָבער. איינער פון די דאָזיקע פּראָוואָקאַטאָרן, אברהם קאַפּלאַן, איז שפּעטער דעמאַסקירט געוואָרן. מען דאַרף אָבער זאָגן, אַז אין אַלגעמיין גענומען האָבן מיר געהאַט מזל מיט ס'רוב קאָמוניסטישע פירער. אַ סך פון זיי זיינען בלי ספק געווען אידעאַליסטן און האָבן געוואָלט ווערן יידישע לערער.

V

אין יאָר 1928 איז קיין פּוילן געקומען איציק מאַנגער. אין וואַרשע האָט ער זיך לכתחילה ניט געקענט איינאָרדענען, האָט דעריבער זיין וועג געפירט גלייך צום אינטערנאַט, וואו עס האָבן געלעבט די ווילנער סאמינאַריסטן.

מיר האָבן דעם דיכטער, פאַרשטייט זיך, אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס. די לאַנגע וואָכן, וואָס ער האָט מיט אונדז געוואוינט, זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין יום⸗טוב טעג. ער האָט זיך ממש געפילט ווי אַ פיש אין וואַסער מיט אונדז און מיר מיט אים. אַלע פרייטיק צו נאַכט פלעגט ער אויסשפּילן, אויסזינגען און אויספירלעך רעדן וועגן פאָלקלאָר בכלל און דעם יידישן פאָלקלאָר בפרט. אַדאַנק אים האָט זיך פאַר אונדז מער אַנטפּלעקט די זאַפטיקייט פון דער רומעניש⸗יידישער

ליטעראַטור. באַזונדערס אָפּט האָט ער גערעדט וועגן אליעזר שטיינבאַרגן.

מאַנגערס הלבשה און בכלל זיין גאַנצער אויסערלעכער מעמד איז געווען אַזאַ ווי ביי אַן אָרעמאַן. איינמאָל אין קלאַס האָבן מיר געזאָגט גאָלאָמבן וועגן אונדזער מיטלייד צו מאַנגערן, וואָס ער האָט מחמת אָרעמקייט אַזוי אָפּגעלאָזן אויסגעזען. גאָלאָמב האָט אויף דעם געענטפערט: „דאָס איז ניט צוליב אָרעמקייט, נאָר דערפאַר ווייל מאַנגער איז אין תוך אַ ציגיינער". און ער האָט פאָרגעזעצט: „מיר אימפּאָנירט דאָס דווקא, וואָרעם אַז איך טו אָן אַ נייעם קאָסטיום, לייג איך זיך אין אים שלאָפן, ער זאָל זיך גוט אויסקנייטשן. דעמאָלט פיל איך זיך אין אים היימיש. הלבשה דאַרף שפּילן די קלענסטע ראָל. דער שעפערישער פונק אין מאַנגערן איז דער עיקר. און דאָס האָט דאָך מאַנגער כפל כפלים".

פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן תיכף מסכים געווען מיט אים. הגם אינגאַנצן טיילן זיין מיינונג וועגן דער עקסטרעמער באָהעמער שוואַכקייט מאַנגערס האָבן ס'רוב פון אונדז ניט געקענט.

אויך קולבאַק פלעגט פון צייט צו צייט שטאַרק לויבן מאַנגערס טאַלאַנט. דעמאָלט האָט מאַנגער נאָך ניט געהאַט זיך אַזוי צעבליט ווי שפּעטער, אַזוי אַז קולבאַק האָט אים ניט געהאַט אַריינגעגלידערט אין זיין פּראָגראַם.

## VI

מאַקס ווײַנרייך איז געווען אונדזער לערער במשך פון גאַנצע פינף יאָר, מיט אַן איבעררייס אויף דער צייט וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין אָקספאָרד. נאָך זיין צוריקקומען, ווען ער האָט געאַרבעט איבער די צונויפגעקליבענע פאָרש־מאַטעריאַלן פאַרן בוך בילדער פון דער יידישער ליטעראַטור געשיכטע (אַרויס אין ווילנע אין 1928), האָט ווײַנרייך זיך געטיילט מיט אונדז אין קלאַס וועגן דעם גאַנג פון זיין אַרבעט.

ווײַנרייך האָט געהאַלטן אַ באַשיימפּערלעכע דיסטאַנץ פון זיינע שילער, פאַרריסן ביי זיך איז ער אָבער אויך ניט געווען. ער פלעגט זיך באַציען מיט גרויס דרך ארץ צו יעדן תלמיד. אַ באַזונדערן אינטערעס פלעגן ביי אים אַרויסרופן די תלמידים וואָס האָבן געשטאַמט פון ווייטע מקומות און וואָס האָבן אויפגעהיט זייער אייגנאַרטיקן דיאַלעקט. מיר האָבן געהאַט אַ סעמינאַריסט, וואָס האָט געשטאַמט פון בעסאַראַביע. זינבערג האָט ער געהייסן. (אגב, האָט ער אונדז שוין נאָך צוויי יאָר פאַרלאָזן. ער איז אַוועק אין ארץ ישראל און דאָרט בעת די אַראַבישע אָנפאַלן אומגעקומען.) יעדן קלאַנג פון זיין דיאַלעקט פלעגט ווײַנרייך אויפכאַפּן און זיך געקוויקט מיט זיין אַנדערשקייט.

אים האָט דענערווירט ווען סעמינאַריסטן פון פוילן (קרוין־פוילן) פלעגן זיך ברעכן זייערע צינגער כדי צו רעדן ווי ליטווישע יידן, באַזונדערס ווען ביי זיי פלעגט זיך אַרויסכאַפּן „קונדער" אָנשטאָט „קינדער" א.א.וו.

אָבער וואָס שייך דעם באַנוצן זיך מיט די באַשטימטע אַרטיקלען, האָט ווײַנרייך, תמיד, זיך גיכער צוגעהערט צו די „פוילישע" סעמינאַריסטן, אָפּטמאָל האָבן מיר געהערט פון אים: „ליטוואַקעס טאָר מען ניט אָנטרויען קיין אַרטיקלען".

ווײַנרייכס כסדרדיק זוכן שייכותן צווישן אַלט יידיש און דעם הײַנטצייטיקן ליטעראַרישן יידיש האָט פאַרשטאַרקט אונדזער געפיל אַז ער פירט אַריין דעם קלאַס אין דער לאַבאָראַטאָריע פון שפּראַך פאָרשונג. ניט קיין חידוש וואָס אייניקע סטודענטן האָבן זיך טאַקע שפּעטער ספּעציאַליזירט אין לינגוויסטיק.

## VII

צוליב מיין ספּעציעלער פאַראינטערעסירטקייט מיט געשיכטע, סיי אַלגעמיינער סיי יידישער, איז מיר אויסגעקומען גאָר נאָענט צו ווערן מיט אונדזער לערער פון געשיכטע, דעם צאַרטן און גוטמוטיקן דענקער ד"ר העלער. אַ נידעריקער, מיט אַ ביסל אַ געהעכערטער פּלייצע, מיט גרויסע וואַרעמע און גלייכצייטיק שאַרפע קאַרע אויגן, איז ער געווען דער באַליבטסטער לערער אין סעמינאַר. אונדז האָט באַוואונדערט העלערס פענאָמענאַלער זכרון און גרייטקייט צו געבן אונדז אָן אַ שיעור אויפמערקזאַמקייט (חוץ די קלאַסן האָט ער געפירט ספּעציעלע סעמינאַרן). נאָך דעם, ווי מען האָט פאַרמאַכט דעם סעמינאַר, איז ער געווען אַ לערער אין די מיטלשולן. צוזאַמען מיט אַנדערע קדושים איז ער אומגעבראַכט געוואָרן אויף פּאָנאַר.

העלערס אַ לאַנדסמאַן, אויך אַ גאַליציאַנער, איז געווען נפתלי ווײַנעך, וועלכער האָט געלייענט אין סעמינאַר פּויליש און פּוילישע ליטעראַטור. ער האָט אויך שטאַרק אויסגענומען ביי די תלמידים, ניט געקוקט אויף דעם וואָס ס'רוב אונדזערע שילער האָבן געשטאַמט פון די אַזוי גערופענע „קרעסן" אין פּוילן (וואָלין, פּאָלעסיע און ליטע) און זייער קענטעניש פון דער פּוילישער שפּראַך איז געוויינלעך געווען אַ גאַנץ שוואַכע.

אין 1928 האָט דאָס פּוילישע בילדונגס־מיניסטעריום ענדלעך געגעבן דעם סעמינאַר פּולע מאַטור רעכט, ד.ה..

אַז מיט אונדזערע דיפּלאָמען האָבן מיר געקענט אַרבעטן אין די שולן און ס׳איז אַפילו טיילווייז געלייזט געוואָרן די פּראָבלעם פון אָננעמען די סעמינאַר תּלמידים אין די אוניווערסיטעטן. פאַרשטייט זיך, אַז דער פּוילישער לימוד האָט געמוזט פאַרטיפט ווערן.

נפתּלי ווײַנעך איז גאָר געווען אַ יידיש⸗יידישער עסייאיסט און קריטיקער, אָבער מיט אונדז האָט ער געמוזט קנעלן פּויליש. מיך האָט פאַרבונדן אַ נאָענטע פרײַנטשאַפט מיט אים, כאָטש ער איז געווען אַ לינקער פּועלי⸗ציוניסט און מיר האָבן זיך שטאַרק פאַנאַנדער⸗געגאַנגען אידעאָלאָגיש. אויך ווײַנעך, צוזאַמען מיט זײַן משפּחה — צווישן די קרבנות פון פאָנאַר.

דער לערער פון מאַטעמאַטיק איז בײַ אונדז געווען אַרקאַדי קרעמער — די צענטראַלע פיגור אין גרינדן דעם בונד אין 1897. אויסגעזען האָט ער זייער שטרענג, אָבער די אויסערלעכע שטרענגקייט האָט אים לחלוטין ניט געשטערט צו זײַן דער סאַמע מילדסטער לערער בײַם געבן די צײַכנס פאַרן יאָר.

ווי אַ פאָרשטייער פון דעם ווילנער קאָמיטעט פון יוגנט⸗בונד „צוקונפט” האָב איך געהאַט דאָס גרויסע פאַרגעניגן אים צו אָבזערווירן ווי דעם פאָרזיצער פונעם קאָמיטעט. ס׳רוב פלעגן די זיצונגען פונעם קאָמיטעט פאָרקומען אין דער היים פון אַרקאַדי און פאַטי קרעמער (אגב, איז אויך פאַטי געווען אַ פערזענלעכקייט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און געשטאָרבן ווי אַ העלד אין ווילנער געטאָ).

עס ווילט זיך אויך דערמאָנען די סעמינאַריסטן גופא. צווישן זיי האָבן זיך אַרויסגערוקט ערשטראַנגיקע לערער, וואָס האָבן זיך בפירוש מוסר נפש געווען צו שטאַרקן די מערכה פון דער יידישער קולטור. נאָר געציילטע פון זיי זײַנען ניצול געוואָרן פון חורבן און לעבן הײַנט אויף פאַרשיידענע קאָנטינענטן. כ׳האָב טייל פון זיי באַגעגנט בשעת מײַנע אָפטע לעקציע טורן איבער דרום אַפריקע, דרום אַמעריקע, אויסטראַליע... איך גלייב, אַז איך וועל נאָך האָבן אַ מעגלעכקייט צו דערציילן אויך וועגן זיי.

# ביבליאָגראַפיע


לערמער, אַרטור

1986 „אברהם גאָלאָמב ז״ל” אין בײַ זיך 29: 77-83.

# דער חפץ־חיים אין ראַדין

פון

**אַבראַשקע־קיווע ראָגאָווסקי**

(תל אביב)

געבאָרן בין איך אין ראַדין, אַ שטעטעלע אין דער אַמאָליקער ווילנער גובערניע (צווישן די מלחמות האָט זי געהערט פוילן; נאָך דער מלחמה, דעם סאָוועטנפאַרבאַנד; היינט — בעלאַרוסיע).

פון וועלכער זייט מ׳זאָל ניט אָנקומען אין אונדזער שטעטל, צי פון לידע צי פון באַסטון, צי מיטן וועג וואָס פירט פון גראָדנע ביז ווילנע, קען מען ניט אויסמיידן די צוויי הילצערנע בריקן. ביידע זיינען געבויט פון קורצע און דיקע קלעצער, וואָס זיינען פון אַלטקייט און צוליבן בלאָטיקן שטח אָנגעזאַפּט מיט פייכטקייט און באַדעקט ווי אַ פּעלץ מיט אַ גרינעם מאָך.

אונדזער ראַדין איז געוואָרן וועלט באַרימט צוליב דעם חפץ־חיים (ר׳ ישראל מאיר הכהן), וואָס האָט אַריינגעבראַכט אין שטעטל אַ ליכטיקייט. ער האָט זיך באַטייליקט אין טאָגטעגלעכן לעבן פון דער קהילה און האָט געגרינדעט אין שטעטל הילפס־אונטערנעמונגען פאַר נויטבאַדערפטיקע און קראַנקע. ער האָט אין אונדז אַלעמען איינגעפלאַנצט אַ גלויבן, אין די סאַמע שווערסטע צייטן, אַז עס מוז קומען אַן ענדערונג, אַז מ׳טאָר זיך ניט מיאש זיין.

דער חפץ־חיים פלעגט אָפט זיצן אין בית־מדרש און לערנען מיט די אָרעמע בעלי־מלאכות חיי אדם. זיי האָבן אים ממש פאַרגעטערט, פילנדיק די גייסטיקע אויסשטראַלונג וואָס האָט עמאַנירט פון זיין וועזן, זיין וואַרעמקייט און זיין גרויסקייט. ער האָט זיך אויף אַזויפיל געהיט אין באַשיידנקייט אַז ער האָט זיך ניט געשטעלט העכער פון זיי. יעדער איז געווען גרייט מוותר זיין אויף אַ פאַרדינסט, וואָס צומאָל האָט דאָס געקענט הייסן אַ טאָג פרנסה, אַבי הערן אַ דבר תורה פונעם חפץ־חיים.

זיין אייגענער מצב איז געווען ווייט פון עשירות. ס׳האָט זיך פאַרבעסערט ערשט דעמאָלט ווען ער האָט גענומען אַרויסגעבן אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב זיינע ספרים, וואָס האָבן אים מפרסם געווען. ביז דעמאָלט האָט ער אָבער געצויגן חיונה פון אַ באַקאַליי־קלייטל, וואָס זיין שווער האָט אים געגעבן נאָך דער חתונה. ניט זייענדיק זיכער אַז זיין פרוי קען זיך אויס אין דער קונסט פון רעכענען, ווי אויך פון אָפּמעסטן געווי, פלעגט ער זיך אָפּרייסן פונעם לערנען און אַריינקומען אין קלייטל איר העלפן, און מקפיד געווען אַז קיינער זאָל דורך אַ טעות ניט באַעוולט ווערן חלילה.

אָרעמע ווייבער פלעגן אָפט צואוואַרטן, וויסנדיק ווען דער חפץ־חיים וועט אַריינקומען אין קלייטל. ער האָט געוואוסט פון אַלע שווערע הערצער. אין שטעטל איז ניט געווען קיין משפחה וואָס זאָל באַהאַלטן פאַר אים איר מצב. די קונים האָבן וואויל געוואוסט אַז עס וועט זיין אַ צוגאָב ביים אָפּוועגן, און אַז דעם חשבון וועט מען אויסרעכענען מיט רחמים. פאַרשטייט זיך אַז דאָס איז ניט דער וועג פון אַ „ביזנעסמאַן" און די פּאָליצעס זיינען טאַקע געוואָרן וואָסאַמאָל ליידיקער. די סחורה איז אויסגערונען און מ׳האָט אין איינעם אַ טאָג געמוזט פאַרמאַכן דאָס קלייטל. פאַר אַלע נויטבאַדערפטיקע אין שטעטל איז דאָס געווען אַ טרויעריקער טאָג.

אַז ער האָט צו די דרייסיק מחבר געווען דעם מוסר־ספר חפץ חיים (נאָך וועלכן מ׳האָט אים גופא גענומען רופן), האָט ער געהאַט אַ סך דערפאָלג דערפון. ס׳איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין אַ גרויסן טיראַזש און מ׳האָט כמעט פאַרגעסן דעם מחברס אמתן נאָמען. אין אַלע זיינע ספרים האָט ער תמיד מקפּיד געווען עס זאָל שטיין דער נאָמען פון שטעטל ראַדין.

אַ זיבן קילאָמעטער פון ראַדין איז געווען אַ דאָרף

דוגאַלישעק פון יידישע ערד־אַרבעטער. מ׳האָט גערעדט אַז עס האָט עקזיסטירט פון זינט 1769 ווען צוויי יידישע משפחות, ליפּקונסקי און פּייקאָווסקי האָבן געראַטעוועט פון די פּאָליאַקן אַ ליטווישן רעגירונגס־באַאַמטן וועלכער האָט אוים דאַנקבאַרקייט זיי אַראַנזשירט דאָס לאַנד אויף צו באַאַרבעטן די ערד. דער חפץ־חיים האָט ליב געהאַט דאָס דאָרף און זיינע איינוואוינער. אַ פּאָר וואָכן אין יאָר פלעגט ער דאָרטן אויף דער פרישער לופט אַרבעטן איבער זיינע ווערק.

דער חפץ־חיים איז אַמאָל געפאָרן מיט שילקעס פור צו דער באַן אין באַסטון, ניט ווייט פון ראַדין. אונטערוועגנס איז דאָ אַ גרויסער קרייץ מיט אַ יעזוס, וואָס אַלע קריסטן גיבן אָפּ גרויס כבוד. שילקע, אַ קריסט, האָט וואויל געוואוסט ווער עס זיצט אויף דער פור, האָט ער זיך געמאַכט ניט זעענדיק און האָט יעזוס איגנאָרירט ווי דער קרייץ וואָלט דאָרטן ניט געשטאַנען. באַלד אויף אַן אָרט איז דער חפץ־חיים אַראָפּ פון דער פור און איז אַוועק צופוס צו דער באַן. ער האָט שילקען געזאָגט:

— איך פאָר ניט מיט אַ מענטשן וואָס גיט ניט אָפּ כבוד דעם אין וועמען ער גלייבט.

שילקע, דער קריסטלעכער בעל־עגלה, האָט דאָס ניט געקענט פאַרשטיין...

דעם חפץ־חיים איז אַמאָל געקומען באַזוכן דער מאַרשאַל פּילסודסקי, בכבודו ובעצמו. ביים דאָזיקן באַזוך, האָט דער חפץ־חיים צוגעטראָגן דעם באַרימטן מאַרשאַל זיין ספר טהרת ישראל. פאַרוואָס גראַדע אָט אָ דעם ספר? מ׳האָט גערעדט אין שטעטל אַז דאָס איז געווען אַ רמז אויף פּילסודסקים צעלאָזן לעבן, וואָס האָט זיך מיט קיין איבעריקער „טהרה” ניט אויסגעצייכנט.

איך וועל איצטער דערציילן אַ מעשה וואָס האָט געטראָפן מיט מיין טאַטן, און איבערגעבן ווי אַזוי דעם חפץ־חיימס עצה האָט אַלצדינג איבערגעביטן. קיין ראַדין איז אַראָפּגעקומען אַ יונגער גלח, אַ „פּאַסטעך” פאַר דער קריסטלעכער באַפעלקערונג. ס׳האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן אַז ער איז אַ שונא ישראל, אַ סך מער ווי זיינע בלאָנדזשענדיקע שעפעלעך. אים איז באַלד איינגעפאַלן אַ טייוולאָנישער איינפאַל, אַז דאָס אָרט וואו איינמאָל אַ וואָך מיטוואָך איז געווען דער מאַרק, וואָס האָט יידן געגעבן פּרנסה אויף דער גאַנצער וואָך, איז אַמאָל געווען אַ מאַהילניק (אַ בית הקברות), און דעריבער דאַרף מען דעם מאַרק ליקווידירן, ווייל דאָס איז אַ פאַרשוועכונג פון אַ הייליקן אָרט.

דאָס איז געווען אַ ריינער בלבול. די יידן זיינען צעטומלט געוואָרן פונעם פּלאַן צו ליקווידירן דעם מאַרק פון וועלכן זיי האָבן זייער חיונה געצויגן. ווער קען זיך גיין אַמפּערן מיטן גלח וועמענס וואָרט איז הייליק? ווי קען מען דערווייזן אַז זיין טענה האָט ניט קיין הענט און קיין פיס, אַז זי איז כזב ושקר?

מיין טאַטע, קיווע ראָגאָווסקי, האָט באַשלאָסן אַז עס איז זיין חוב עפּעס וואָס אויפצוטאָן, דאָס לעבן פון די יידן זאָל ניט אונטערגיין. ער איז אַוועק צום גלח, און האָט אים דערקלערט אַז דער צענטער פון שטאָט האָבן די יידן גופא אויפגעשטעלט נאָך פאַר דעם ווי די קריסטן זיינען דאָרטן אַריבער, אַז דאָרטן איז קיין בית הקברות קיינמאָל ניט געווען, ניט קיין קריסטלעכער און ניט קיין יידישער.

דער גלח האָט ניט געוואָלט וויסן פון קיין חכמות און האָט זיך אַנטזאַגט צו נעמען אין באַטראַכט די מעגלעכקייט ער זאָל צוריקציען די גזירה. האָט קיווע פאַרענדיקט דעם שמועס און דעם גלח צו וויסן געגעבן אַז מ׳וועט זיך ווענדן צום געריכט. דער גלח איז אַרויס פון די כלים: סטייטש אַ ייד זאָל מיט אים ריידן אַזוינע רייד, אַ ייד זאָל זיך דערוועגן ריידן אויף אַזאַ חוצפּהדיקן אופן. דער גלח האָט באַשלאָסן צו גיין אין קאַמף מיט די יידן איבערן מאַרקפּלאַץ. יאָ צי ניט געווינען, מוז ער דעם יידן שלאָגן אין דער קעשענע.

אין אַ פּאָר טעג אַרום, זונטיק, האָבן זיך אַרום דעם קלויסטער, ווי תמיד, גענומען זאַמלען אַלע גלייביקע. זיי זיינען געקומען פון אַלע עקן, דורך פאַרשיידענע וועגן און סטעזשקעס, פעלדער בלאָטיקע, פון ווייטע דערפער און מאַיאָנטקעס. אַ סך פון זיי זיינען געקומען באָרוועס, האַלטנדיק זייערע שטיוול אָדער שיך אויפן רוקן, מיט אַ בינטל געבונדענע שמאַטעס אין די הענט, וואו ס׳איז געלעגן באַהאַלטן אַ שטיקל ברויט און קעז אייגענע געמאַכטע. געווען צווישן זיי קראַנקע און הויקערדיקע, וואָס זיינען געקומען זוכן גאָטס גענאָד. אַרום דעם קלויסטער אויפן גראָז, מיט הענט צוזאַמענגעקוועטשטע, זיינען אַלע גלייביקע געזעסן און פון זיך אָפּגעווישן די בלאָטע וואָס האָט זיך געהאַט גייענדיק באָרוועס אָנגעקלעפּט.

די טויערן פונעם קלויסטער האָבן זיך געעפנט. מ׳האָט זיך געאיילט. אַלע האָבן געוואָלט אַריין וואָס גיכער, הערן דעם גלחס פּריידיקן. זיין צורה איז געווען רויט ווי אַ בורעק, און מיט אַ שרייענדיקער שטימע, האָט ער דערקלערט די בעטער: „אַ ייד וויל מיך שטעלן צום געריכט, ווען איך בין די גאַנצע גערעכטיקייט און פאַרטרעט גאָט אַליין. און דאָס יידל וויל נאָר מ׳זאָל ווייטער טרעטן מיט די פיס אויף קריסטן וואָס ליגן באַגראָבן. אַזעלכע הייליקע מענטשן! מיר קריסטן וועלן באַיקאָטירן דעם האַנדל־געשעפט פון קיוול ראָגאָווסקי! אַ פוס זאָל ניט אַריין אין זיין קראָם!”



דער חפץ־חיים
(ר׳ ישראל מאיר הכהן, 1838 — 1933)
(פאָטאָ: אַדאַנק דער ייוואָ)

כדי צו זיין זיכער מיט דער זאַך, האָט דער גלח געבעטן אַז פּרייוויליקע זאָלן אַרומרינגלען די שטוב און זיי זאָלן אויפּפּאַסן אַז דעם גלחס ווילן זאָל אָפּגעהיט ווערן. עס האָבן זיך געפונען אַ סך פּרייוויליקע און עס האָט זיך אויסגעבראָכן אַ געשלעגל, ווער זאָל די זאַך אויספירן. פאַרשטייט זיך אַז די זיגער פון געשלעגל האָט מען אויסגעקליבן פאַר דער איידעלער געטלעכער אַרבעט...

מיט שטעקנס אין די הענט, זיינען געקומען די אויפּפּאַסער און זיך צעזעצט ביי אַלע מעגלעכע אַריינגאַנגען. ווי יעדער מאָל זונטיק, האָט מיין מאַמע, חאַסל אהרן־וועלוולס, אָנגעבאַקן און אָנגעקאָכט, און געוואַרט אויף די שטענדיקע טרינקער און עסער. דאָס איז געווען פון די איינציקע ערטער אין שטעטל וואו מ'האָט לעגאַל פאַרקויפט בראָנפן. זעענדיק די מענער מיט די שטעקנס, איז אַפילו פון די שטעטלשע יידן קיינער ניט אַריין, ווער רעדט נאָך קריסטן.

אויף קיוועס שטוב האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ טרויער. חאַסל האָט געקלאָגט אַ פאַרצווייפלטע:

— אָט האָסטו קיווע דעם שכר פאַר דיין איינשטעלן זיך פאַר קהל. האָסט שוין וויפל מאָל געהאַט צרות צוליב דעם און ס'לערנט דיר ניט אָן!

— זאָרג ניט, טייערע, בעסער אַ חרם פון גלח איידער פון גאָט — האָט איר קיווע געפּרוּווט באַרויקן.

אַפילו זאַשקע, אַ קריסטין וואָס איז ביי אונדז אויפגעוואַקסן ווי אַן אייגן קינד, איז נעלם געוואָרן. איר פאַרשוואונדן ווערן פון דער שטוב האָט אונדז שטאַרק איבערראַשט און געערגערט. זי האָט געזען אונדזער לעבנסשטייגער, אונדזערע מנהגים, און האָט וואויל געוואוסט אַז יידן האָבן ניט קיין הערנער. זי אַליין פלעגט אָפט לויבן די יידן. אָבער: די גיפטיקע רייד פון דעם גלח האָבן איר אינגאַנצן צעטומלט, אָפּגענומען דעם שכל אויך ביי איר.

נאָר קיווע איז אין אַזעלכע פאַלן געווען אַ קשה עורף. ער האָט זיך ניט געלאָזט איינבייגן, צעברעכן.

קיווע איז אַריין צום חפץ־חיים. קיינער האָט ניט געוואוסט וועלכע רייד זיינען צווישן זיי געגאַנגען. נאָר איין זאַך געדענק איך גוט: נאָכן שמועסן מיטן חפץ־חיים האָט דער טאַטע גלייך אויף אַן אָרט געדונגען אַ בעל־עגלה און זיך אַוועקגעלאָזט קיין ווילנע צום — ביסקופּ, וועלכער איז געווען דער העכסטראַנגיקער איבער אַלע קלויסטערס פונעם קרייז. נאָר ער איז געווען בכח אָפּצורופן דעם גלחס גזירה.

אָנקומען אויף אַן אויפנאַם צום ביסקופּ איז געווען ניט פון די לייכטע זאַכן. דאָס האָט זיך אָבער קיווען גראַדע איינגעגעבן אָן שוועריקייטן. אים איז געלונגען דעם ביסקופּ איבערצוצייגן אין דער פאַלשקייט פונעם גלחס טענות, אין דער אומגערעכטיקייט פון זיין פּלאַן, און — אין דער אוממענטשלעכקייט פון דעם חרם אויף זיין פאַמיליע.

דער ביסקופּ האָט פאַרשטאַנען אַז די האַנדלונג פון גלח איז אינגאַנצן אַ פּערזענלעכע ווייל אַ חרם מאַכט מען אויף אַלע יידן, ניט אויף איינעם. נאָכן שמועסן האָט דער ביסקופּ דעם גלח אָנגעשריבן אַן ערנסטן בריוו.

דער גלח האָט פּלוצלונג אַראָפּגענומען דעם חרם און איז אַפילו אַליין אַריין קויפן ביי קיווע ראָגאָווסקין. וואָס עס האָט געהייסן דעם חפץ־חיימס אַ פּשוטע עצה...

אין 1933, ניט דערציִענדיק די פולע פיר און נײַנציק יאָר, איז דער חפץ־חיים נפטר געוואָרן.

# דער אַלטער ווילנער בית־עולם

## (אויסצוגן פון אַ פאָטאָגראַפישער זאַמלונג)

פון

**רימאַנטאַס דיכאַוויטשיוס**

(ווילנע)

די פאָטאָגראַפיעס מיינע פון אַלטן יידישן בית־עולם אין ווילנע שטעלן מיט זיך פאָר ניט מער ווי אַ בת־קול, אַ שאָטן, אַ רעשטל פון דעם וואָס איז מער ניטאָ.

אויף די־אָ בערגלעך אין ווילנע, וועט איר ניט טרעפן קיין איין מצבה אויך ניט, פון די הונדערטער און די טויזנטער וואָס פלעגן וואַכן איבער דער רו פון די געשטאָרבענע וואָס זיינען אויפן אוראַלטן בית־עולם אין גאַנג פון די דורות געבראַכט געוואָרן צו קבורה. אין איין אויגנבליק, מיט אַ מאַך מיט אַ פען, האָט אַ ניט־זעעוודיקע האַנט זיי אַלע פאַרוואַנדלט אין וועגן, בריקן, בנינים און טרעפּ. געשען איז דאָס אין 1965, רואיק און שטיל, אַזוי ווי ס׳ווערן אָפּגעטאָן אַ סך גרויזאַמע מעשים.

אָטאָ די פאָטאָגראַפיעס זיינען געמאַכט געוואָרן אָן דעם קלענסטן פאָרגעפיל אַז יעדער בליק פונעם קאַמעראַ, יעדע פאַפירענע פאָטאָגראַפיע, וועט ווערן אַ קריסטאַליזירטער אָנדענק, אַן אָנגעווייטיקטער דאָקומענט, אַן איינאיינציקער וויזועלער איבערבלייב.

אומקערנדיק זיך צום עבר צו, און באַקוקנדיק די־אָ בילדער, וועט איר איינזען אַז זיי אַליין זיינען געוואָרן: מצבות פאַר מצבות.

אַ מצבה איז צייט וואָס איז געבליבן שטיין, שמועסן צווישן צייטן. ס׳איז אַ קונסט און בשעת מעשה אַ קונסטווערק: שיינקייט, סטיל, קלאָרע מחשבה און פילפאַכיקער סימבאָל.

מצבות זיינען אַזעלכע מאָנומענטן וואָס שטעלן מיט זיך פאָר ליבע און ווייטיק, וואָס זיינען צונויפגעקניפּט געוואָרן דורך טרערן. דאָס לעבן פון אַ מענטשן גייט אָן ווייטער דורך דעם וואָס מ׳געדענקט אים אָדער איר, דורך דער ווייטערגעפירטער אַרבעט ביי ניט־פאַרענדיקטע אויפגאַבן. מצבות זיינען הייליקע סימבאָלן וואָס פאַרבינדן ערדישע עקזיסטענץ מיט קאָסמישער סאָפלאָזיקייט.

היינט שפּירט יעדער פון אונדז די שאַנד פון אונדזער תקופה, כאָטש מערסטע האָבן קיין ברעקל האַנט ניט געהאַט אין די מעשים. ווער קען דען ציילן די קרבנות, די פאַרברעכנס און די פאַרלוסטן ווען שטיינער אַפילו ווערן צעמאָלן אויף שטיינער־שטויב.

יידיש: אליהו חייט





















# יצחק באַשעווים

(1991 — 1904)

# יצחק באַשעווים: דער מעשה⸗דערציילער פאַר קינדער

פון

**חנא שמערוק**

(ירושלים)

## I

אַלע קינדער האָבן ליב צו הערן מעשיות און איך האָב געהאַט געקראָגן אַ נאָמען פאַר אַ מעשה⸗דערציילער. איך האָב אויך געקאָנט צוגעבן מיינע אייגענע פאַנטאַזיעס צו די מעשיות וואָס מיר האָבן געלערנט אין חומש. חנוכה⸗צייט האָט דער רבי מיט אונדז געלערנט די סדרה וואו ס'האָט זיך דערציילט די מעשה פון יוסף און זיינע ברידער. איך האָב געדענקט בעסער פון אַ סך אַנדערע קינדער דעם טייטש פון די לשון⸗קודשדיקע ווערטער. איך האָב נאָכדערציילט די מעשה פון מכירת יוסף ווי איך יואָלט געווען דערביי. יוספס חלומות זענען געוואָרן מיינע חלומות. די ברידער האָבן מיך מקנא געווען און מיך פאַרקויפט פאַר אַ קנעכט צו די ישמעאלים און די ישמעאלים האָבן מיך פאַרקויפט צו די מצרים, און דאָרט האָט מיך פוטיפר איינגעזעצט אין תפיסה און כ'בין שפעטער געוואָרן אַ שני למלך ביי פרעהן. יעקב, יוסף, די אַנדערע שבטים, לבן, רחל, לאה, בלהה, זלפה זענען מיר געווען אַזוי נאָענט און באַקאַנט ווי מיין מאַמע, מיין טאַטע, אונדזער שכנטע באַשעלע, און איר מיידל שאָשע, וואָס מיט איר האָב איך געפירט אַ שטילע ליבע.

דאָס איז ציטירט פון יצחק באַשעוויסעס „דערציילונג” וואָס הייסט „אַן ערב⸗חנוכה אין וואַרשע” (באַשעווים 1975-1976). דאָס איז איינע פון די זעקס און דרייסיק דערציילונגען אין דער רעפרעזענטאַטיווער זאַמלונג פון דעם שרייבערס מעשיות פאַר קינדער אין ענגלישע איבערזעצונגען (באַשעווים 1984א; פון די רעצענזיעס אויף דער זאַמלונג איז כדאַי צו דערמאָנען פראַווער 1987). די דאָזיקע זאַמלונג וועט טאַקע דינען ווי אַן עיקרדיקער יסוד פאַר די ווייטער פאָרגעשטעלטע אויספירן.

ס'האַנדלט זיך דאָ אין אַן „איך”⸗דערציילונג וואו דער „איך” איז טאַקע באַשעווים אַליין. ס'איז אַ קאַפיטל זכרונות פון די קינדער⸗יאָרן. אַז מיר האָבן אויף וואָס צו שטיצן די דאָזיקע זיכערע אידענטיפיקאַציע פונעם „איך” מיטן שרייבער אַליין, ווערט אינגאַנצן קלאָר פונעם אַריינפיר. אין די ערשטע עטלעכע זאַצן פון דער דאָזיקער „דערציילונג” לייענען מיר:

> [...] די יידישע צייטונג, וואָס מיין עלטערע שוועסטער הינדעלע און מיין עלטערער ברודער יהושע האָבן געקויפט יעדן פרימאָרגן, האָט געשריבן, אַז אַזעלכע פרעסט זענען נישט געווען זינט לאַנגע צייטן. אָבער איך, אַ קינד נאָך נישט קיין זיבן יאָר אַלט, בין פונדעסטוועגן יעדן פרימאָרגן געגאַנגען אין חדר.

איטשעלע זינגער, דער ברודער פון י. י. זינגער און הינדעלע, דער שפעטערדיקער אסתר קרייטמאַן, דערציילט דאָ וועגן זיך אַליין, וועגן זיינע חדר⸗יאָרן. און ס'קומט אויס, אַז נאָך איידער ער איז אַלט געווען זיבן יאָר האָט ער שוין פאַרמאָגט אַ כח פון אַ פאַרכאַפנדיקן דערציילער. אַדאַנק דעם האָט ער זיך דערוואָרבן אַ מעמד אין חדר צווישן זיינע חברים. און ווי ס'ווערט אויך דערציילט אויף אַן אַנדער אָרט איז דאָס מיידעלע שאָשע מיט וועלכער ער האָט „געפירט אַ שטילע ליבע” אויך געווען אַ פאַרגלייבטע, געטרייע און איבערגענומענע צוהערערין פון איטשעלעס מעשיות און פאַנטאַזיעס. אַ טייל פון זיינע מעשיות האָט ער געשעפט פון חדר, אָבער ניט נאָר. אין דעם זעלביקן קאַפיטל זכרונות דערציילט ער מער דערפון:

> די חלומות מיינע האָבן זיך אויסגעמישט מיט מיינע פֿאַנטאַזיעס און מיט די מעשׂיות וואָס איך האָב געהערט מיין מאַמען דערציילן, אָדער וואָס איך האָב געלייענט אין מעשׂה־ביכלעך.

און ס'איז דאָ ניט וויכטיק צי דאָס אַלץ באַציט זיך טאַקע גענוי אויפֿן עלטער פֿון פֿאַר זיבן יאָר. מיר באַקומען דאָ אַ דירעקטן אַריינבליק אין דער פֿאָרמירונג פֿון דעם שפּעטערדיקן דערציילער, דעם שרייבער יצחק באַשעוויס־זינגער, וואָס האָט זיך אויך שפּעטער דער־וואָרבן אַ נאָמען ווי אַ דערציילער פֿאַר קינדער.

דאָס איז אָבער ניט די איינציקע דערציילונג אין דער זאַמלונג אויף ענגליש וואָס האָט אַ שייכות צו דעם דאָזיקן וויכטיקן ענין. אויך אין אַ דערציילונג וואו מ'קען דעם העלד ניט אידענטיפֿיצירן מיט איטשעלען, קען מען געפֿינען בפֿירושע רעפֿלעקסיעס פֿונעם געשטאַלט פֿון דעם יונגיטשקן דערציילער פֿאַר קינדער און די ציטירטע זכרונות. אין דער דערציילונג „מנשה און רחלע" איז דער העלד אַ בלינד יינגל, אַ יתום, וואָס האָט זיך אויפֿגעהאַלטן אין לובלינער הקדש:

> מנשה איז געווען אַ מאַדים אין דערציילן מעשׂיות. נישט בלויז רחלע, אַלע קינדער האָבן זיך צוגעהערט צו זיינע מעשׂיות. טייל פֿון זיי האָט אים דערציילט זיין מאַמע ווען זי האָט נאָך געלעבט. אַנדערע האָט ער אַליין אויסגעטראַכט. ווען מנשה האָט דערציילט מעשׂיות פֿלעגן אַפֿילו דער־וואַקסענע קומען אים הערן.
>
> (באַשעוויס 1981). אין דער איבערזעצונג (באַשעווס 1984א: 122-129) פֿעלט דער לעצטער זאַץ אין דעם ציטאַט.

אין די שטריכן, מיט וועלכע באַשעוויס האָט באַשאָנקען דעם דאָזיקן מנשה איז ניט שווער צו דערקענען אַ ווידערקלאַנג פֿון זיין אייגענעם „איך", דעם יונגן דערציילער פֿון אַ ריי אַנדערע טעקסטן מיט אַ בפֿירושן אויטאָביאָגראַפֿישן כאַראַקטער. די צאַרטע קינדערשע ליבע, געשילדערט אין דער דאָזיקער לירישער דערציילונג, דערמאָנט אויך אין איטשעלעס ליבע מיט שאָשען.

אינעם דערמאָנטן בוך איז פֿאַראַן נאָך אַ קאַפּיטל זכרונות פֿון וואַרשע, ווען איטשעלע איז שוין אַלט געווען עלף יאָר. און אויך דאָ ווערן אַרויסגעהויבן זיינע דערציילערישע פֿעאיקייטן. איטשעלע האָט געהאַט אַ זייער גוטן חבר, אַ טרעגערס אַ זון, אין זיין עלטער. ער האָט געהייסן פֿייוול דער שוואַרצער. אָט דער פֿייוול איז געווען אַזוי איבערגענומען פֿון איטשעלעס מעשׂיות, אַז ער האָט זיך צו אים באַצויגן ווי אַ חסיד צו אַ רבין. זיי האָבן ביידע געהאַט אַ פּלאַן אָפּצודרוקן די מעשׂיות. די ערשטע האָט געדאַרפֿט זיין „אין ווילדן וואַלד". אפֿשר די שפּעטערדיקע דערציילונג „אין ווילדן וואַלד אַליין — אַ מעשׂה" געחתמעט יצחק וואַרשאַווסקי אין באַשעווים 1968ב; זי איז אַרויס אין ענגליש אין אַ באַזונדער בוך (באַשעווים 1971), אָבער אין באַשעווים 1984א איז זי ניט אַריין. דער חשבון איז געווען גאָר אַ פּשוטער:

> עס זענען דאָ אין וואַרשע מינדעסטנס פֿופֿציק טויזנט יינגלעך און מיידלעך, וואָס האָבן ליב צו לייענען מעשׂה־ביכלעך. אויב יעדער יינגל און מיידל וואָלט געקויפֿט מיין ביכל, וואָלט איך געהאַט 100,000 קאָפּיקעס, אָדער 1000 רובל, מיט אַזויפֿיל געלט וואָלטן מיר געקענט קויפֿן אונדזער אייגענע דרוקעריי און אַרויסגעבן נאָך ביכער.
>
> (Growing up אין באַשעווים 1984א: 218. איך האָב ניט געפֿונען דעם יידישן מקור פֿון דער דערציילונג; דער טעקסט ווערט געבראַכט אין מיין איבערזעצונג.)

די סאַמע וויכטיקסטע אין אונדזער קאָנטעקסט איז אָבער די וואונדערלעכע דערציילונג „נפֿתלי דער מעשׂה־דערציילער און זיין פֿערד סוס". ס'איז אַ מעשׂה וועגן אַ יינגל אין יאַנעוו, לעבן לובלין, אַ זון פֿון אַ בעל־עגלה:

> ער האָט קיינמאָל נישט געקאָנט איינשלאָפֿן אויב די מוטער האָט אים נישט דערציילט אַ מעשׂה. טיילמאָל האָט זי אים געמוזט דערציילן צוויי אָדער דריי געשיכטעס ביז ער האָט צוגעמאַכט די אויגן. ער האָט אַלעמאָל פֿאַרלאַנגט: מאַמעשי, נאָך, נאָך!... צום גליק האָט בריינע געהאַט זיך אָנגעהערט פֿון איר מאַמען און פֿון איר באָבען אַ סך מעשׂיות.
>
> (באַשעווים 1975; באַשעווים 1984 א: 167)

די שוואַכקייט צו מעשׂיות איז ביי נפֿתלין געווען ממש אַן אָבסעסיווע:

> ווי אַלע קינדער אין שטעטל האָט נפֿתלי פֿרי אָנגעהויבן צו גיין אין חדר. ער האָט געלערנט פֿלייסיקער פֿון אַלע אַנדערע קינדער. פֿאַרוואָס אַזוי פֿלייסיק? ווייל נפֿתלי האָט גיך געוואָלט זיך אויסלערנען לייענען. ער האָט געזען דערוואַקסענע יינגלעך לייענען מעשׂה־ביכלעך און ער האָט זיי געוואַלדיק מקנא געווען. ווי גליקלעך איז עמעץ וואָס קען פֿון אַ ביכל אַרויסלייענען אַ מעשׂה.
>
> (באַשעווים 1984א: 170)

זיין אָבסעסיע האָט אויך באַשטימט נפֿתלים לעבנס־

וועג. מיט זיין פערד סוס איז ער געוואָרן אַ וואַנדערנדיקער מוכר⸗ספֿרים און פֿאַרשפּרייט מעשה⸗ביכלעך אין דער גאַנצער געגנט. ער איז אַליין אויך געוואָרן אַ מחבר פֿון מעשיות. ווען ער איז עלטער געוואָרן האָט זיך אין זיין לעבן באַוויזן אַ מעצענאַט, ר׳ פֿאַליק. ער האָט פֿאַר אים אויסגעבויט אַ הויז מיט אַ ביבליאָטעק און אַ דרוקעריי וואו נפֿתּלי האָט געשריבן און אַליין געדרוקט זיינע מעשיות. אַדאַנק ר׳ פֿאַליקן האָט ער געקענט רואיק אויספֿילן זיין שליחות. אין סיום פֿון דער מעשה ווערט דערציילט:

> מיט יאָרן שפּעטער איז געשטאָרבן נפֿתּלי, דער מעשה⸗דערציילער. ער איז שוין דעמאָלט געווען באַרימט מיט זיינע מעשה⸗ביכלעך איבער גאַנץ פּוילן און אויך אין אַנדערע לענדער.

לייענענדיק די פֿיר טעקסטן וועגן מעשיות אין דער דאָ דערמאָנטער זאַמלונג פֿאַר קינדער, שווימט אויף אַ געדאַנק אַז די מעשה מיט נפֿתּלי איז מן הסתּם אַ קינסטלערישע אידילישע רעאַליזאַציע פֿון באַשעוויסעס אַ לעבנס⸗טרוים. ער האָט זיך אַליין, ווייזט אויס, געוואָלט זען אין דעם נפֿתּלי געשטאַלט, אין דער פֿאַרהערלעכטער און אפֿשר אויך פֿאַרהייליקטער שליחות פֿון דעם מעשה⸗דערציילער.

לגבי אונדזער ענין איז ניט ווייניקער וויכטיק אַן אַנדערער אַספּעקט פֿון די דאָ באַהאַנדלטע קאַפּיטלעך זכרונות און טעקסטן: די גיריקייט פֿון קינדער צו הערן אָדער לייענען אַ מעשה חזרט זיך דאָ כּסדר איבער. אומעטום איז דער אַספּעקט פֿונעם קינד ווי אַן אַדרעסאַט פֿון ליטעראַטור אַן עיקרדיקער און אַן אונטערגעשטראָכענער.

די אַלע דאָ דערמאָנטע קאַפּיטלעך זכרונות און מעשיות, אין וועלכע ס׳רעדט זיך וועגן קינדער⸗צוהערער אָדער קינדער⸗לייענער שטאַמען פֿון מיטן זיבעציקער יאָרן און פֿון שפּעטער. אין דער זעלבער תּקופֿה ווען באַשעוויס האָט זיי געשריבן האָט ער אויך אויף אַן אַנדערן אופֿן געהאַלטן אין איין לויבן דעם יונגן לייענער דווקא. צווישן די צען סיבות, וועלכע ער דערמאָנט פֿאַרוואָס ער שרייבט פֿאַרן יונגן לייענער, שטרייכט באַשעוויס אונטער, אַז אַ קינד האָט הנאה פֿון ליטעראַטור אויף אַ דירעקטן אופֿן און נעמט אויף דאָס דערציילטע תּמימותדיק, פּשוט און אָן קיין שום גריבלענישן, ניט ווי דערוואַקסענע זענען זיך נוהג און דער עיקר ניט ווי פּראָפֿעסאָרן, רחמנא לצלן. אַ קינד זוכט ניט אין דער ליטעראַטור קיין בשורות, קיין מיינען און קיין טענדענצן. די דאָזיקע סיבות, צוליב וועלכע ער שרייבט פֿאַר קינדער, האָט באַשעוויס אויך ציטירט אין זיין נאָבעל⸗רעדע דעם 10טן דעצעמבער 1978, און צום סוף פֿון דער דערמאָנטער זאַמלונג פֿון דערציילונגען פֿאַר קינדער פֿון 1984 איז פֿאַראַן אַ נאָכוואָרט, אַן עסיי “Are Children the Ultimate Literary Critics?”, וואָס חזרט איבער די שוין דערמאָנטע שטעלונג וועגן קינדער⸗לייענער. אויך דאָרט רעכנט זיך באַשעוויס אָפּ מיט די פּראָפֿעסאָרן וואָס שרייבן ליטעראַטור פּירושים.

וואָס זשע קען מען טאָן, אַז באַשעוויסעס דעקלאַראַטיווע אַרויסזאָגונגען וועגן קינדער⸗לייענער און קינדער⸗ליטעראַטור רופֿן אַרויס אַ גאָר האַרבע קשיא. איך וואָלט אַפֿילו געזאָגט, אַ שטוינען. אויב ס׳איז טאַקע אַזוי פֿאַרוואָס זשע האָט ער אַליין אָנגעהויבן שרייבן פֿאַר קינדער אַזוי שפּעט, ערשט אַרום מיטן זעכציקער יאָרן? די דאָזיקע קשיא און אפֿשר נאָך עטלעכע ניט ווייניקער וויכטיקע שאלות וועלן מיר פּרוּוון פֿאַרענטפֿערן אין די ווייטערדיקע אויספֿירן.

## II

מיט דעם לערער יוסף ראָטענבערג, אַ זייער גוט באַקאַנטן און באַליבטן לערער אין די וואַרשעווער ציש"אָ שולן צווישן ביידע וועלט מלחמות, האָב איך זיך באַגעגנט אין מעקסיקע אין יאָר 1983. איך האָב דאָרט געפֿירט אַ סעמינאַר פֿאַר לערער פֿון יידישער ליטעראַטור און צווישן אַנדערע געפּרוּווט זיי באַקענען מיט באַשעוויסעס שאַפֿן. ביי דער געלעגנהייט האָט דער לערער ראָטענבערג מיר געהאַט דערציילט וועגן זיין באַקאַנטשאַפֿט מיט דעם יונגן באַשעוויס. זיי פֿלעגן זיך טרעפֿן אינעם יידישן ליטעראַטן⸗פֿאַראיין אין וואַרשע אויף טלאָמאַצקע 13. דעם לערער האָט זיך געוואָרפֿן אין די אויגן די שווערע מאַטעריעלע לאַגע פֿונעם יונגן טאַלענטירטן שרייבער. ווילנדיק אים אַרויסהעלפֿן פֿון זיין נויט האָט ער אים פֿאָרגעלייגט אַ גוטן האָנאָראַר פֿאַר דערציילונגען פֿאַר קינדער פֿאַר דער קליינער פֿאָלקסצייטונג. דער לערער ראָטענבערג איז געווען רעדאַקטאָר פֿון דער זייט פֿאַר קינדער אין דער פֿאָלקסצייטונג, דעם וואַרשעווער אָרגאַן פֿון בונד. באַשעוויס האָט אים שאַרף און קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט: „יאַך שראַאַב ניש פֿאַ קאַ קינדאָ!“.

לאַנגע יאָרן האָט באַשעוויס געהאַלטן וואָרט. ער האָט פֿאַר קיין קינדער ניט געשריבן. אויב איר וועט אַריינקוקן אין דעם קאַטאַלאָג פֿון יידישער קינדער⸗ליטעראַטור (1988) וועט איר דאָרט ניט געפֿינען קיין איין יידיש בוך פֿאַר קינדער געשריבן דורך באַשעוויסן. כאָטש

באַשעווים האָט אַלע זיינע קינדער־דערציילונגען לכתחילה געשריבן אין יידיש, זענען זיינע אַלע ביכער פאַר קינדער דערשינען נאָר אין ענגלישע איבערזעצונגען. די ערשטע איבערזעצונג פון דעם זשאַנער אויף ענגליש איז אין בוכפאָרם דערשינען אין יאָר 1966.

פאַרוואָס זשע איז באַשעווים טאַקע געקומען אַזוי שפּעט צום שרייבן פאַר קינדער?

שוין סוף 1969 האָט באַשעווים אַליין געפּרואווט פאַרענטפערן די דאָזיקע האַרבע קשיא. זיין כלומרשטע תשובה האָט זיך אָבער דאָ פאַרוואַנדלט אין נאָך איינעם פון זיינע באַקאַנטע שאַרפע אָנפאַלן אויף דער מאָדערניסטישער ליטעראַטור (באַשעווים 1969ג). לאָמיר דעריבער אָנהויבן פון זיין אַריינפיר־נאָטיץ צו דער שוין דערמאָנטער רעפּרעזענטאַטיווער זאַמלונג פון זיינע קינדער־דערציילונגען. באַשעווים דערציילט דאָ אָפנהערציק:

> I never believed I could write for children. I always had the false impression that those who write for children are not real writers and those who illustrate books are not real painters. It is true that as a child I read the Brothers Grimm in German and also translations of Hans Christian Andersen's stories and I loved them. I will never forget the great joy I felt reading a Yiddish edition of Sherlock Holmes stories by Conan Doyle. Just the same, the idea of writing for children never entered my mind.

וואָס ס׳זעט אויבנאויפיק אויס צו זיין דאָס וויכטיקסטע אין די דאָזיקע מעמואַרן איז דער פאַקט, אַז דער דערוואַקסענער באַשעווים האָט געהאַלטן קינדער־ליטעראַטור פאַר אַ מינדערווערטיקן זשאַנער און ער האָט מן הסתם, ווי אַנדערע זיינע קאָלעגן, געמיינט אַז שאַפן פאַר קינדער איז אַ פּחיתות־הכבוד פאַר אַ שרייבער. דאָס אַליין וואָלט שוין אפשר געקענט פאַרענטפערן און באַגרינדן באַשעוויסעס נעגאַטיווע תשובה אויף דעם לערער ראָטענבערגס פאָרשלאַג. די סיבות פון באַשעוויסעס גרינגהאַלטן די קינדער־ליטעראַטור זענען אָבער געווען אַ סך מער קאָמפּליצירטע און וואָגיקע.

באַשעוויסעס באַקאַנטשאַפט מיט דער מאָדערנער קינדער־ליטעראַטור איז געווען נאָך מער באַגרענעצט ווי ס׳קען זיך אויסווייזן פון זיינע דערמאָנונגען פון דער לעקטור פון די ברידער גרים און אַנדערסענען. ס׳זעט אויס, אַז דער שרייבער האָט ניט געדענקט און האָט געהאַט אַ טעות. זייענדיק אַ קינד האָט ער ניט געקענט לייענען די ברידער גרים און דווקא אין דייטש. ס׳איז אויך אַ גרויסער ספק צי ער האָט געקענט האָבן ווי אַ קינד אַ געלעגנהייט צו לייענען יידישע איבערזעצונגען פון האַנס קריסטיאַן אַנדערסענס דערציילונגען. די יידישע איבערזעצונגען פון דער דאָזיקער קלאַסישער קינדער־ליטעראַטור האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן קורץ פאַר דער ערשטער וועלט מלחמה. די ערשטע פאַריידישטע באַאַרבעטונג פון האַנס קריסטיאַן אַנדערסענס אַ דערציילונג איז דערשינען ניט פריער ווי אינעם יאָר ווען באַשעווים איז געבוירן געוואָרן, אין 1904. ערשט נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה האָבן זיך פאַקטיש באַוויזן יידישע איבערזעצונגען פון די שרייבער (וועגן די ברידער גרימס און אַנדערסענס דערציילונגען אין יידיש זע שמערוק 1988 און שמערוק 1990). קינדער האָבן טאַקע געלייענט און לייענען קאָנאַן דוילס דערציילונגען וועגן שערלאָק האָלמס. ס׳איז אָבער אַ ספק צי זיי געהערן דירעקט צום זשאַנער פון קינדער־ליטעראַטור און צי מ׳קען זיי דאָ דערמאָנען אין איין אָטעם כמעט מיט די ברידער גרים און מיט ה.ק. אַנדערסען.

מ׳דאַרף דאָ דעריבער גלייך אונטערשטרייכן, אַז אין דער יידישער טראַדיציאָנעלער דערציאונג סיסטעם איז ניט געווען און ניטאָ קיין אָרט פאַר די ברידער גרים און פאַר אַנדערסענען. די ניט־יידישע קלאַסישע קינדער־ליטעראַטור איז אין יידישן תחום אַריינגעדרונגען נאָר דעמאָלט ווען די טראַדיציאָנעלע דערציאונג איז קענטיק אָפּגעשוואַכט געוואָרן. פריער האָט זי ביי יידן קיין דריסת־רגל ניט געהאַט. אין יצחק באַשעוויסעס היים אין וואַרשע איז וועלטלעכע קינדער־ליטעראַטור זיכער באַטראַכט געוואָרן ווי אַן איבעריקער און שעדלעכער צייט־פאַרטרייב און צייט־פאַרלוסט.

מ׳דאַרף דערביי אַבסאָלוט ניט מיינען אַז אין דער טראַדיציאָנעלער דערציאונג האָט דאָס יידישע קינד ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו געניסן פון פאַרכאַפּנדיקע דערציילערישע יסודות. און לאָמיר זיך ווידער אַרויסהעלפן מיט באַשעוויסן אַליין:

> [...] אויב מיר ווילן, אַז אונדזערע קינדער זאָלן האָבן אַ גוטן געשמאַק פאַר ליטעראַטור, דאַרף מען זיי דערציען אויף תנ״ך, אַלצאיינס צי אויף יידיש אָדער אויף העברעאיש. דאָס לערנען קינדער אין די שולן אויסשליסלעך לייכטע לידעלעך, וואַסערדיקע סקיצן, פּוסטע געשיכטעס, פאַרדאַרבט דעם קינדס געשמאַק און מאַכט אים פאַר אַ שונד־לעזער.

(באַשעווים 1949)

ס׳לאָזט זיך דאָ גאָר לייכט באַמערקן אַז באַשעווים




דער ייִנגערער יצחק באַשעוויס
(געצייכנט: ז. ש. פּראַווער)

האָט געפֿירט אַ פּאָלעמיק מיט כלערליי טעקסטן פֿאַר קינדער פֿון דער וועלטלעכער דערציִאונג, וואָס קומען אויפֿן אָרט פֿונעם תנ״ך. ער נעמט דאָ אָן דעם שטאַנדפּונקט און די אָפּשאַצונג פֿון דער קינדער־ליטעראַטור וואָס הערשט אין דער טראַדיציאָנעלער דערציִאונג סיסטעם ביז איצט און מעסט אַלץ מיט אירע מאָסן. די קינדער־ליטעראַטור ווערט דאָ באַצייכנט ווי „לייכט", „וואַסערדיק" און „פּוסט" — זי פֿאַרדאַרבט אויך דערביי, לויט באַשעווויסן, דעם געשמאַק פֿאַר גוטער ליטעראַטור, ריין עסטעטיש גערעדט.

דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט ווערט אינעם ציטירטן אַרטיקל איבערגעחזרט נאָכאַמאָל אַ סך דייטלעכער און מיט מער פּרטים:

> דער שרייבער גלייבט, אַז אין די יידישע שולן דאַרף מען ווייניקער פּאַשען די קינדער מיט לייכטע לידעלעך און מעשהלעך און מער געבן תוך־זאַכן: חומש, נביאים, איבערזעצונגען פֿון תלמוד, אָדער אויסצוגן פֿון די בעסטע יידישע ווערק.

מיר זעען דאָ ווידער דעם קעגנזאַץ צווישן „לידעלעך און מעשהלעך", דאָס הייסט, צווישן וועלטלעכער קינדער־ליטעראַטור און דער טראַדי־ציאָנעלער יידישער רעליגיעזער ליטעראַטור, וואָס פֿאַרמאָגט גאָר רייכע דערציילערישע שטאָפֿן. כאָטש ער אַליין האָט זיך שוין געהאַט דערווייטערט פֿון דעם רעליגיעזן שטייגער, האָט באַשעווויס דאָך געהאַלטן, אַז די טראַדיציאָנעלע דערציִאונג ביי יידן דאַרף הויך אָפּגעשאַצט ווערן און ער האָט גערופֿן צוריקצוגיין צו אירע וואָרצלען, ווייניקסטנס וואָס שייך די טעקסטן וואָס זענען דער יסוד פֿון לימוד, און זענען ממילא אויך כולל ליטעראַטור. און קעגן די מעגלעכע קריטיקער פֿון אַמאָליקן חדר האָט ער ווידער געטענהט:

> די קינדער אין חדר האָבן שוין צו פֿינף יאָר געלערנט חומש, צו זעקס יאָר האָבן יידישע קינדער אָפֿט געלערנט גמרא, דאָך זענען זיי קיין אידיאָטן נישט אויסגעוואַקסן. אַפֿילו די אַנטיסעמיטן גיבן צו אַז יידן זענען געבענטשט מיט שאַרפֿע קעפּ.

ווי פֿריער שוין ציטירט, איז ער גרייט געווען איצט צוצוגעבן צו די טראַדיציאָנעלע טעקסטן אויך „אויסצוגן פֿון די בעסטע יידישע ווערק". און מ'דאַרף עס פֿאַרשטיין ווי ווערק פֿאַר דערוואַקסענע. פֿונעם קאָנטעקסט דאַרף מען דרינגען אַז באַשעווויס האָט ניט געקענט אָנווייזן אויף קיין מאָדערנער יידישער קינדער־ליטעראַטור, וואָס זאָל קענען טויגן פֿאַרן יידישן קינד.

ס'איז דעריבער גאָרניט אויסגעשלאָסן, אַז ווען באַשעווויס האָט אָפּגעוואָרפֿן דעם לערער ראָטענבערגס פֿאָרשלאַג האָט ער עס געטאָן ווייניקסטנס צוליב צוויי סיבות: ער האָט פּשוט ניט געהאַלטן פֿון קיין מאָדערנער קינדער־ליטעראַטור. און ס'איז אים אויך געווען דערווידער די וועלטלעכע יידישע שול, וואָס האָט די טראַדיציאָנעלע יידישע ליטעראַרישע טעקסטן אַוועקגערוקט אין אַ זייט.

דאָס אַלץ זעט אויס צו האָבן אַ שייכות צום מצב אין מזרח אייראָפּע ווי באַשעווויס האָט אים געקענט, אָדער ווי ער האָט זיך אים פֿאָרגעשטעלט, אין דער תקופֿה פֿון פֿאַרן חורבן. קומט אָבער באַשעווויס אין דעם זעלביקן אַרטיקל מיט אַ סיום, אין וועלכן ער פּרוּווט פֿאַרסכהכלען דעם גאַנצן ענין אין די אַמעריקאַנער באַדינגונגען:

> דאָס יידישע קינד קריגט אין דער ענגלישער שול גענוג לייכטן שטאָף, געגוג מעגלעכקייטן פֿאַר שפּיל און צייט־פֿאַרטרייב. די יידישע שול דאַרף אים געבן דאָס, וואָס ער האָט נישט אין דער ענגלישער: ערנסטע זאַכן, אַ טיפֿערן אַריינבליק אין לעבן. די קינדער וועלן באַקומען אַזוי אַרום די צוגרייטונג צו געניסן שפּעטער פֿון די יידישע ליטעראַרישע אוצרות.

ס'באַקומט זיך אַז קינדער־ליטעראַטור „פֿאַר שפּיל און צייט־פֿאַרטרייב" אפשר יאָ, אָבער נאָר אין דער ענגלישער שול. די יידישע צוגאָב־שול דאַרף צוגרייטן „צו געניסן פֿון די יידישע ליטעראַרישע אוצרות". די אוצרות, זייער מהות און כאַראַקטער, האָט דער שרייבער קלאָר באַשטימט, און ניט איין מאָל, אינעם דאָ ציטירטן קורצן אַרטיקל.

מיט דער פּרינציפּיעלער פֿאַרניינונג פֿון דער מאָדערנער ספּעציפֿישער ליטעראַטור פֿאַר קינדער, וואָס איז צווישן אַנדערע סיבות אויך געווען פֿאַרבונדן מיט באַשעוויסעס קעגנערשאַפֿט צו דער יידישער וועלטלעכער דערציִאונג, האָט זיך דער שרייבער אַרומגעטראָגן במשך פֿון לאַנגע יאָרן. דעם ערשטן סימן פֿון באַשעוויסעס אַ דירעקטער באַגעגעניש מיט דער יידישער וועלטלעכער דערציילונג און ממילא אויך מיט דער יידישער קינדער־ליטעראַטור האָבן מיר געפֿונען אין אָקטאָבער נומער פֿון 1957 פֿונעם „חודשלעכן אילוסטרירטן קינדער־זשורנאַל" אַרגענטינער ביימעלעך, וואָס פֿלעגט דערשיינען אין בוענאָס איירעס. דער דאָזיקער נומער פֿונעם זשורנאַל איז געווידמעט דעם שרייבער יצחק באַשעווויס לכבוד זיין ערשטן וויזיט אין אַרגענטינע. אויף דער הילע פֿונעם זשורנאַל איז פֿאַראַן אַ פּאָרטרעט פֿונעם שרייבער, אויף זז. 5-3 זיין „קורצע ביאָגראַפֿיע" און אויף זז. 8-6 איז

איבערגעדרוקט געוואָרן דאָס קאַפּיטל „אַ טאָג מיט פֿאַרגעניגן” פֿונעם שרייבערס בוך מײַן טאַטנס בית־דין שטוב, אַ קאַפּיטל זכרונות פֿון די קינדער־יאָרן. אין אונדזער איצטיקן קאָנטעקסט איז אָבער דאָס וויכטיקסטע דער אינטערוויו פֿונעם רעדאַקטאָר פֿונעם קינדער־זשורנאַל מיטן שרײַבער (ז. 8) פֿונדאַנען וועלן מיר ציטירן באַשעוויסעס אַ תשובה אויף אַ פֿראַגע:

> אויף דער פֿראַגע צי ער [באַשעוויס] האָט שוין באַזוכט אייניקע שולן [אין בוענאָס איירעס] און וואָס פֿאַר אַן אײַנדרוק מאַכן זיי אויף אים, ענטפֿערט ער מיר, אַז ער געפֿינט ניט קיין ווערטער פֿון לויב און אָנערקענונג [. . .] באַקענענדיק זיך מיט די קינדער און זעענדיק זייער באַהאַוונטקייט אין יידישע און העברעאישע לימודים און זייער טיפֿע פֿאַרשטענדעניש פֿאַר יידישער ליטעראַטור און געשיכטע איז פֿון אַ קאָלאָסאַלן ווערט. און אויב ס'זענען דאָ אַזעלכע שולן מיט קינדער — רופֿט ער אויס מיט פֿרייד — איז דאָ פֿאַר וועמען צו שרײַבן, ווײַל די יידישע ליטעראַטור און די יידישע שפּראַך וועט האָבן אַ צוקונפֿט. ער וואָס שרײַבט ניט ספּעציעל פֿאַר קינדער, וועט פֿון איצט אָן זיך אויך ווידמענען דער קינדער־ליטעראַטור . . .

ביי דער דאָזיקער פֿייערלעכער געלעגנהייט האָט באַשעוויס אויך צוגעזאָגט דעם רעדאַקטאָר פֿונעם קינדער־זשורנאַל „צו ווערן אַן אָפֿטער מיטאַרבעטער פֿון אַרגענטינער ביימעלעך”.

באַשעוויס האָט אָבער ניט געהאַלטן וואָרט. אין די אַרגענטינער ביימעלעך האָבן מיר ניט געפֿונען קיין שום דערציילונג פֿון זײַן פּען.

ווי פֿרעמד באַשעוויסן איז געווען די יידישע ליטעראַטור פֿאַר קינדער קען מען אויך דרינגען דערפֿון, אַז זייענדיק אין פֿאָרווערטס אַ שטענדיקער רעצענזענט פֿון די סאַמע פֿאַרשידנסטע יידישע ביכער האָט ער במשך פֿון לאַנגע יאָרן קיין איין מאָל ניט געהאַלטן פֿאַר נייטיק און פּאַסיק צו רעצענזירן אַ יידיש בוך פֿאַר קינדער. אויף וויפֿל איך האָב געקענט אויסגעפֿינען איז דער ערשטער און אפֿשר איינציקער פֿאַל ווען באַשעוויס האָט יאָ רעצענזירט אַ יידיש בוך פֿאַר קינדער, געווען ערשט אָנהייב 1963. די דאָזיקע רעצענזיע איז טאַקע אַ ביז גאָר סימפּאַטאָמאַטישער אויסדרוק פֿון אַ ראַדיקאַלער ענדערונג אין באַשעוויסעס באַציאונג צו יידישער קינדער־ליטעראַטור אויפֿן פֿאָן פֿון דער שוין באַמערקטער ענדערונג אין דער יידישער וועלטלעכער דערציאונג אידעאָלאָגיע. די רעצענזיע דאַרף אויך באַטראַכט ווערן ווי אַ צווייטער אָנזאָג אויף זײַן אייגענעם שאַפֿן אין דעם געביט.

סוף 1962 אָדער אָנהייב 1963 איז יצחק באַשעוויס געקומען אויף אַ וויזיט קיין קאַנאַדע. דאָרט האָט ער ווידעראַמאָל געהאַט „אַ געלעגנהייט צו באַזוכן שולן וואו מ'לערנט יידיש, צו רעדן מיט יידישע קינדער”. ווי אַ רעזולטאַט פֿון דעם דאָזיקן וויזיט האָט באַשעוויס זיך נאָכאַמאָל „איבערצייגט ווי וויכטיק עס איז צו שרײַבן פֿאַר יידישע קינדער”. דאָס אַלץ ציטיר איך פֿון זײַנער אַ רעצענזיע אויף צוויי ווערק (באַשעוויס 1963). ס'האַנדלט זיך דאָ אָבער אין אַ סך מער ווי אין אַ רעצענזיע.

דאָס ערשטע רעצענזירטע בוך איז מ. אָליצקים פֿריילעכע טעג, ניו־יאָרק 1962, אַ זאַמלונג פֿון לידער פֿאַר קינדער. אַרויסגעגעבן פֿון בילדונגס־קאָמיטעט פֿון אַרבעטער־רינג מיט אַ הקדמה פֿון זײַן בילדונגס־דירעקטאָר זלמן יעפֿרויקין. שוין אין דער הקדמה קען מען זיך ווידער אָנשטויסן אויף די סיבות וואָס האָבן געבראַכט צו דער ענדערונג אין באַשעוויסעס צוגאַנג צו די דאָ באַהאַנדלטע פּראָבלעמען. מיר לייענען אין דער הקדמה:

> דאָס אינטערעסאַנטסטע אין דעם בוך זענען די לידער וועגן יידישע יום־טובים. זיי זענען אַ גרויסע הילף פֿאַרן לערער. זיי פֿאַרטיפֿן פֿאַרן קינד די פֿרייד פֿון יידישן יום־טוב. אַזוי זענען אויך באַזונדער שיין און אייגנאַרטיק די לידער אין בוך וואָס זענען געבויט אויף די מעשיות פֿון חומש. אָליצקי באַלעבט דאָ אַ סך פֿון די אגדות אַרום די פּאַטריאַרכאַלע חומש געשטאַלטן. די מעשיות און געשטאַלטן פֿון תנ"ך באַווייזט ער אויף אַ גרינגן פּאָעטישן אופֿן צו פֿאַרהיינטיקן פֿאַר אונדזערע קינדער.

די זעלבע מאָמענטן שטרייכט באַשעוויס אונטער אין זײַן קורצער לויב־רעצענזיע אויף אָליצקים לידער־זאַמלונג. ער ציטירט צווישן אַנדערע די חומש לידער „אדם” און „חוה”. און צום סוף פֿון דער רעצענזיע געפֿינט זיך אַ פֿילזאָגנדיקע באַמערקונג וועגן דעם ראַדיקאַלן שינוי וואָס באַשעוויס האָט באַמערקט אין דער יידישער וועלטלעכער שול אויך אַדאַנק אָליצקים בוך:

> עס מערקט זיך אין אָליצקים בוך אַן אָריענטאַציע צו יידישקייט, צו יידישן שטייגער, צו יידישער געשיכטע. איך וואָלט עס אָנגערופֿן אַ שטילע רעוואָלוציע. און זי איז אַזאַ וואָס וועט בלויז העלפֿן דער יידישער שול, דעם יידישן קינד.

ס'וועט זיכער ניט זײַן אין דעם קאָנטעקסט קיין סתמיקער קוריאָז צו באַמערקן אַז אין דער דאָזיקער אויסגאַבע פֿונעם וועלטלעכן אַרבעטער־רינג געפֿינען מיר

אויף די אילוסטראַציעס צו מאַטעם אָליצקים יום־טובים לידער יינגעלעך אין קאַפּעלעך...

די דאָזיקע ענדערונג אין דער אָריענטאַציע פון יידישן וועלטלעכן דערציאונג סעקטאָר איז פּאַקטיש דער עיקר פון דעם אַנדערן טייל פון באַשעוויסעס רעצענזיע וואָס באַהאַנדלט אויך דונסקים מדרשים־איבערזעצונגען (ביז 1963 זענען דערשינען צוויי בענד מיט איבערזעצונגען פון מדרש רבה, אסתר, רות און איכה). אין די דאָזיקע איבערזעצונגען האָט באַשעוויס געזען נאָך אַ באַווייז פון די שינויים אין דער יידיש־וועלטלעכער אידעאָלאָגיע אין די יידישיסטישע קרייזן אין קאַנאַדע, דער עיקר אין מאָנטרעאָל:

> שמשון דונסקים איבערזעצונג פון מדרש, ווי פּעטרושקאָס איבערזעצונג און אויסטייטשונג פון משניות, זענען וויכטיקע שטאַפּלען אין דער דערמאָנטער אָריענטאַציע פון יידיש צו יידישקייט. די יידישע ליטעראַטור קערט זיך אָפּ אַלץ ווייטער פון די יעווסעקישע און פּאַריעווסעקישטע אידייען וועגן יידיש און קומט צוריק אַלץ נענטער צום קוואַל. עס זענען גוטע סימנים. עס איז מערקווערדיק, אַז די ביידע איבערזעצונגען קומען פון קאַנאַדע, פון מאָנטרעאָל, וואָס איז אַ פעסטונג פון יידישיזם אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט.

ניט דאָ איז דאָס אָרט צו באַשטעטיקן די ריכטיקייט פון באַשעוויסעס אָפּשאַצונגען און אָבזערוואַציעס וואָס שייך דעם יידישיזם און זיינע עוואָלוציעס אין קאַנאַדע צי ערגעצוואו. נעמענדיק אין באַטראַכט די פריער פאַרגעשטעלטע פאַרבינדונגען צווישן דעם פאַרניינטן וועלטלעכן יסוד אין דער יידישער דערציאונג און דער יידישער ליטעראַטור פאַר קינדער, באַקומט זיך, אַז אין דער ציטירטער טאָפּל־רעצענזיע איז, ווי פריער אין דעם שמועס מיטן רעדאַקטאָר פון די אַרגענטינער ביימעלעך, פאַראַן אַ פּרינציפּיעלער קערפּונקט אין באַשעוויסעס צוגאַנג צו דער פּראָבלעמאַטיק פון אַ יידישער ליטעראַטור פאַר קינדער. דעריבער באַקומט זיך איצט גאַנץ נאַטירלעך די פריער ציטירטע „איבערצייגונג" „ווי וויכטיק עס איז צו שרייבן פאַר יידישע קינדער".

און ווידעראַמאָל אויך דאָ אַנטפּלעקט זיך באַשעוויסעס נאָר באַגרענעצט וויסן וועגן דער שוין עקזיסטירנדיקער יידישער קינדער־ליטעראַטור. אין דער רעצענזיע וועגן אָליצקים בוך באַמערקט באַשעוויס, אַז „די צאָל פון אַזוינע שרייבער [פאַר קינדער] ביי יידן איז צום באַדויערן זייער ווייניק. איך געדענק אין דער מינוט בלויז נאָר איינע: מאַשאַ שטוקער־פּאַיוק פון אַרגענטינע". אין דעם אויבן דערמאָנטן קאַטאַלאָג פון מיקראָפישן פון יידישע קינדער־ביכער, וואָס איז אגב ניט קיין פולער, זענען פאַרצייכנט 1021 איינסן, צווישן זיי נאָר פיר ביכער פון Martha Stuker de Paiuk (נג. 937-940; זען מיין רעצענזיע אויף דעם קאַטאַלאָג —שמערוק 1993).

דעם רוף צו שרייבן פאַר יידישע קינדער האָט באַשעוויס אָנגענומען פערזענלעך. און כאָטש ער האָלט אין איין דערמאָנען Elizabeth Shub, זיין רעדאַקטאָר פון Harper and Row פאַרלאַג אין ניו־יאָרק, ווי די וואָס האָט אים באַוואויגן אָנצוהייבן צו שרייבן פאַר קינדער, מוז מען אויך נעמען אין באַטראַכט זיין געענדערטע באַציאונג צו יידישער דערציאונג, וואָס איז דאָקומענטירט סיי אינעם שמועס מיטן רעדאַקטאָר פון די אַרגענטינער ביימעלעך און סיי אין דער ציטירטער טאָפּל־רעצענזיע. די ערשטע זאַמלונג פון קינדער־דערציילונגען וואָס באַשעוויס האָט אַרויסגעגעבן אויף ענגליש איז *Zlateh the Goat and Other Stories* איבערגעזעצט פון יידיש דורכן מחבר און עליזאַבעט שוב. די זאַמלונג איז טאַקע אַרויס אין „האַרפּער און ראָו" פאַרלאַג אין יאָר 1966. ס'האָט זיך אונדז ניט איינגעגעבן אויסצוגעפינען ווען און וואו און צי באַשעוויס האָט בכלל געהאַט אָפּגעדרוקט די יידישע ווערסיעס פון די דאָזיקע דערציילונגען. זיי זענען זיכער געשאַפן געוואָרן ערשט צווישן 1963, נאָך דער ציטירטער רעצענזיע, און 1966. די סמיכות־הפרשה צווישן באַשעוויסעס געענדערטער באַציאונג צו דער יידישע וועלטלעכער שול און צו דער קינדער־ליטעראַטור און צווישן דעם ענגלישן בוך זעט אויס צו זיין אינגאַנצן איינדייטיק. די מקורות פון באַשעוויסעס קינדער־דערציילונגען און זייערע טענדענצן וועלן דאָס שפּעטער נאָכאַמאָל באַשיינפּערלעך באַשטעטיקן.

ס'באַקומט זיך דערביי אַן אומעטיקע פּאַראַ־דאָקסאַלע סיטואַציע: פאַר דעם חורבן, פאַר דער צווייטער וועלט מלחמה און לאַנגע יאָרן שפּעטער, ווען מיר האָבן פאַרמאָגט גרויסע מחנות קינדער־לייענער אין מזרח אייראָפּע און אין די אַנדערע תפוצות פון יידיש, האָט באַשעוויס, ווי ער אַליין האָט זיך אויסגעדריקט „פאַר קיין קינדער ניט געשריבן". ליידער האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט די באַדערפעניש צו שאַפן פאַרן יידישן קינד צו שפּעט, ווען ס'זענען שוין פּאַקטיש און פּראַקטיש קיין יידיש לייענער פאַר זיינע קינדער־דערציילונגען כמעט ניט געווען. ווייל כאָטש אַלע זיינע קינדער־דערציילונגען האָט באַשעוויס געהאַט געשריבן אין יידיש און אַ טייל פון זיי איז אַפילו אָפּגעדרוקט געוואָרן אין פאַרווערטס, האָט זיך שוין פאַר זיי קיין פאַרלעגער, קיין יידיש גואל, ביז איצט ניט אָפּגעפונען. אַ רמז, אַז יצחק באַשעוויס אַליין האָט באַנומען און געוויטיקט דעם טראַגישן פּאַראַדאָקס,

קען מען געפינען אין זיין ענגלישן פאָרוואָרט צו *Zlateh the Goat* וואו דער שרייבער הייליקט זיין ערשט קינדער־בוך די אומגעקומענע קינדער.

I dedicate this book to the many children who had no chance to grow up because of stupid wars and cruel persecutions which devastated cities and destroyed innocent families.

## III

ווי געזאָגט איז גאָר אַ גרויסער ספק צי באַשעוויס האָט זייענדיק אַ קינד טאַקע געקענט לייענען דאָס וואָס מיר באַצייכענען ווי מאָדערנע וועלטלעכע קינדער־ליטעראַטור. דאָס הייסט אָבער ניט, אַז אין זיין אַנטוויקלונג האָבן אים קינדווייז געהאַט אויסגעפעלט אויסגעשפּראָכענע דערציילערישע יסודות, וואָס האָבן געקענט באַווירקן זיין אַזוי אויך זייער רייכע פאַנטאַזיע. דער יסוד און דער סוד פון י. באַשעוויסעס שפּעטערדיקן דירעקטן שאַפן פאַר קינדער באַשטייט אין גאָר אַ גרויסער מאָס פון טראַדיציאָנעלע דערצייל־שטאָפן, וואָס כמעט יעדער יידיש קינד האָט געקענט פון דער היים און פונעם חדר. אָנהייבנדיק שאַפן פאַר קינדער האָט י. באַשעוויס אויפגעלעבט אין זכרון האַלב פאַרגעסענע מעשיות, ער האָט זיי באַרייכערט מיט זיין אייגענעם כח־הדמיון און געפורעמט אויף זיין שטייגער.

ווי יעדער יידיש קינד וואָס האָט געלערנט אין חדר, האָט ער איינגעזאַפּט גאָר אַ גרויסן טייל פון טראַדיציאָנעלן יידישן דערציילערישן אוצר פון חומש, פון רשי, פון די מדרשים — אין אָנהייב איבערדערציילט דורכן פאָטער אָדער מלמד און שפּעטער דירעקט פון דער תלמודישער אגדה און פון די מדרשים. זיין דערציילונג „אברהם און לוט", די דערציילונגען וועגן נחם טויב און אליהו הנביא — אַלע דריי אין דער זאַמלונג אויף ענגליש (באַשעוויס 1984א: "The Wicked City" זז. 77-88; "Why Noah Chose the Dove" זז. 41-44; "Elijah the Slave" ז. 206-209), געהערן צו די רעמינעסצענצן פון חומש, פון תנך*.

אינעם אַרומיקן יידישן שטייגער האָט באַשעוויס געהאַט געהערט אָן אַ שיעור מעשיות מכל המינים און פון פאַרשידענע דערציילער. ניט איין מאָל דערמאָנט ער מעשיות, וועלכע ער האָט געהערט פון זיין מאַמען. „די געשיכטע פון מזל און שלים־מזל" האָט באַשעוויס אָנגעהויבן בזה הלשון:

> ליבע לעזער, איך קער זיך אום אין די דאָזיקע אַרטיקלען [!] צו אַ געשיכטע וואָס מיין מוטער האָט מיר דערציילט. איך האָב זי מיט יאָרן פאַרגעסן. און איצט האָט עמעץ ווידער דערמאָנט אָן איר.
> (באַשעוויס 1966א; אין דער ענגלישער ווערסיע "Mazel and Shlimazel" — אין באַשעוויס 1984א: 22-40 — פעלט דער ציטירטער אָנהייב פון דער מעשה)

„לעמל און ציפּע" — „אַ מעשה פאַר קינדער" הייבט באַשעוויס אָן:

> די מעשה האָט מיין מאַמע מיר דערציילט און איך דערצייל זי דאָ איבער, ווי ווייט מעגלעך וואָרט ביי וואָרט.
> (באַשעוויס 1976א; באַשעוויס 1984א: 103-114)

און ווייזט אויס אַז אויך דעמאָלט ווען ער האָט ניט איבערדערציילט דירעקט וואָס ער האָט געהערט פון זיינע עלטערן, זענען ניט ווייניק פראַגמענטאַרישע מסורות פון דער היים פאַרוועבט געוואָרן אין זיין שאַפן.

אין דער הקדמה צו זיין זאַמלונג פון מעשיות פאַר קינדער *When Shlemiel Went to Warsaw and Other Stories* (באַשעוויס 1968ג) האָט באַשעוויס מיט דאַנקבאַרקייט דערמאָנט זיין מוטער ווי אַ מקור פון אַ טייל פון זיינע קינדער־דערציילונגען. ער האָט אירע מעשיות געזען אין זייער לאַנגער דורותדיקער טראַדיציע, פון וועלכער זיין מוטער, ווי ברײנע נפתלים מאַמע, איז געווען אַ לעבעדיקע טרעגערין: These are folk tales she heard from her mother and grandmother. די דאָזיקע זאַמלונג האָט באַשעוויס טאַקע געווידמעט זיינע עלטערן, וועלכע ער באַצייכנט ווי great and enthusiastic story tellers.

יעדער לייענער פון באַשעוויסעס דערציילונגען איז באַקאַנט מיט זיינע דערציילערינס פון די „באָבע־מעשיות", וואָס לעבן אויף אַן אויטענטישע עפּישע סיטואַציע אינעם יידישן שטייגער, ווען אַן עלטערע פרוי דערציילט פאַר אַ קרענצל ווייבער וועגן אויסטערלישע טראַפן און פּאַסירונגען. ווייזט אויס אַז דער יונגיטשקער באַשעוויס האָט מיט גיריקייט געהערט די דאָזיקע מעשיות

---

*) די דערציילונג „אברהם און לוט" איז אָריגינעל ניט געשריבן געוואָרן פאַר קינדער. דאָס פאָלגנדיקע, למשל, איז פאַראַן נאָר אינעם צייטונגס־נוסח: „עס קומט צו אונדז היינט דער רעדנער משחית פון צבועים [...] ער וועט רעדן אויף דער טעמע: 'פּראָגרעס אין סדום און אין עמורה'" (זע באַשעוויס 1968א).

און זיי שפּעטער אויפגעלעבט אויך אין די דערציילונגען פאַר קינדער. די ווערסיע פאַר קינדער פון דער דערציילונג „דער לאַנטוך" ווערט טאַקע געפורעמט ווי אַ „באָבע־מעשה" דערציילט פון דער גוט באַקאַנטער מומע יענטל, באַרימט פון אירע מאָנאָלאָגן פאַר דערוואַקסענע (באַשעוויס 1984א: 231-236; וועגן דער מומע יענטל און אירע מאָנאָלאָגן־מעשיות זען אין שמערוק 1975).

אין שטיבל און אין בית־מדרש (באַשעוויס 1981; באַשעוויס 1984א: 143-184; 242-248) אָבער דער עיקר פון זיין פאָטער האָט דער יונגער באַשעוויס זיך געהאַט אָנגעהערט מיט אָן אַ שיעור האַגיאָגראַפישע מעשיות, חסידישע שבחים. אין אַ ביז גאָר אינטערעסאַנט קאַפּיטל זכרונות פון די קינדער־יאָרן האָט דער שרייבער דערציילט וועגן פורים אין זיין היים:

> אַזוי ווי מיר האָבן געגעסן האָט מיין פאָטער מיר דערציילט חסידישע מעשיות פאַרבונדן מיט פורים: פון דעם רבין, פון יענעם רבין, אַמערסטן איז געווען אינטערעסאַנט וועגן קאָצק [. . .] יעדע מעשה האָט דערמאָנט אָן דריי אַנדערע.
>
> (באַשעוויס 1940)

די שבחים האָט באַשעוויס אויך געקענט פון דער לשון־קודשדיקער און יידישער רייכער האַגיאָגראַפישער ליטעראַטור. און אויך זיי האָבן געפונען זייער אָפּקלאַנג צווישן די דערציילונגען פאַר קינדער ווי „ר' לייב שרהס און די מכשפה קונעגונדע" (באַשעוויס 1967ג; באַשעוויס 1984א: 89-97). צו דעם מין דערציילערישן שטאָף געהערן אויך די מעשיות וועגן פּראָגער גולם, איבערדערציילט דורך באַשעוויסן אין יידיש ווי אַ „מעשה פאַר קינדער און דערוואַקסענע" (באַשעוויס 1969א; באַשעוויס 1982; ניט אַריין אין באַשעוויס 1984א) און די מעשיות פון שבחי הבעש"ט, כאָטש ס'איז ניט קלאָר צי די דאָזיקע מעשיות זענען געווען באַשטימט פאַר אַ יונגן לייענער (באַשעוויס 1979א; באַשעוויס 1980א).

אַ ביז גאָר וויכטיקע פּאָזיציע אין דעם דאָזיקן דערציילערישן גוטס האָבן זיך דערוואָרבן די כעלעמער מעשיות. זיי פאַרנעמען טאַקע אויך אין באַשעוויסעס שאַפן, און ניט נאָר פאַר קינדער, אַ גאָר קענטיק אָרט. מיר וועלן זיי שפּעטער באַהאַנדלען באַזונדער.

ווי שוין פאַרבייגייענדיק דערמאָנט, האָט אויך דאָס יידישע מעשה־ביכל משפּיע געווען אויף באַשעוויסעס קינדער־דערציילונג. דאָס איז געווען די געוויינלעכע לעקטור פון יידישע קינדער, וואָס האָבן ביז די לעצטע דורות ניט פאַרמאָגט קיין ספּעציעלע פאַר זיי געשאַפענע קינדער־ליטעראַטור. מ'האָט געלייענט אַלץ. און באַשעוויס האָט במשך פון זיינע קינדער־יאָרן אויך געלייענט שונד־ראָמאַנען געדרוקטע אין המשכים אין דער יידישער פּרעסע אין וואַרשע.

אין דעם דאָזיקן ריזיקן דערציילערישן פאַרמעגן איז פאַרווישט געוואָרן די גרענעץ צווישן דעם וואָס מיר באַטראַכטן איצט ווי פּאַסיקע ליטעראַטור פאַר קינדער און צווישן ליטעראַטור נאָר פאַר דערוואַקסענע. אַזאַ מעגלעכע גרענעץ איז אויך פאַרווישט אין באַשעוויסעס שאַפן.

און דאָך, באַוואוסטזיניק צי ניט, האָט באַשעוויס ממשיך געווען אין זיין שאַפן פאַר קינדער שוין איינגעשטעלטע טראַדיציעס פון דער רעלאַטיוו גאָר יונגער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור פאַר קינדער. איינע פון די דאָזיקע טראַדיציעס באַשטייט אין דער געבונדנקייט פון דער יידישער ליטעראַטור מיטן יידישן יאָר־ציקל, שבתים און יום־טובים. מענדעלעס „חג האסיף", אויף סוכות, „וואָס איז חנוכה" און „שבת" זענען דערציילונגען אויף שבת און יום־טוב. פּרצעס באַנד די צייט פון דער פּראָגרעס־אויסגאַבע פון זיינע ווערק איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן דורכן מחבר אַליין; ער האָט אין אים אויפגעזאַמלט זיינע יום־טוב דערציילונגען. דער באַנד יידישע קינדער אין דער פּראָגרעס־אויסגאַבע פון שלום־עליכמס ווערק באַשטייט דאָס רוב פון יום־טובים דערציילונגען. די געבונדנקייט פון אַ קענטיקער צאָל דערציילונגען פון די קלאַסיקער מיט דעם יום־טובים ציקל איז אויך געווען אַ פועל־יוצא פון בפירושע באַשטעלונגען פון די רעדאַקציעס פון יידישע צייטונגען. זינט דעם אָנהייב פון יאָרהונדערט האָבן די צייטונגען זיך באַמיט צונויפצוזאַמלען אין די ערב־שבתדיקע און אין די ערב־יום־טובדיקע נומערן אַ רייכע שבת און יום־טוב לעקטור פאַר דער גאַנצער משפּחה, באַשטעלנדיק ביי אָנגעזעענע שרייבער פּאַסיקע דערציילונגען לכבוד יום־טוב. פון דעם צוזאַמענהאַנג שטאַמט דער רוב פון די יום־טוב דערציילונגען ניט נאָר ביי די קלאַסיקער.

אויך ביי באַשעוויסן איז קענטיק די יום־טוב טעמאַטיק אין זיינע דערציילונגען פאַר קינדער. שוין אין דער ערשטער ענגלישער זאַמלונג פון קינדער־דערציילונגען אין זלאַטע די ציג זענען פאַראַן פינף דערציילונגען, וואָס קומען פאָר חנוכה־צייט, אויף סך־הכל זיבן אין דער גאַנצער זאַמלונג. אַן אַנדערע זאַמלונג פון דערציילונגען פאַר קינדער הייסט *The Power of Light*. זי באַשטייט פון אַכט חנוכה דערציילונגען פאַר יעדן פון די אַכט טעג חנוכה. צווישן די זעקס און דרייסיק דערציילונגען אין דער גרויסער זאַמלונג פון 1984 איז פאַראַן אַ צענדליק חנוכה דערציילונגען. פאַראַן אויך

עטלעכע דערציילונגען וועגן אַנדערע יום־טובים (זען ווייטער וועגן „תשליך“ און אויך וועגן “A Tale of Three Wishes” — אין באַשעוויס 1984א: 8-14 — אויף הושענא רבה). די דערציילונג „אַן ערב־חנוכה אין וואַרשע“ איז אין פאָרווערטס דערשינען חנוכה־צייט (באַשעוויס 1975-1976).

ס'איז אַן אַלטע טראַדיציע, און ניט נאָר ביי יידן, צו באַטראַכטן דערציילונגען וועגן קינדער ווי פאַסיקע לעקטור פאַר קינדער. אַזוי איז אויך געשען אין דער יידישער מאָדערנער ליטעראַטור פאַר קינדער זינט אירע אָנהייבן. אַ גרויסער טייל פון די יום־טוב דערציילונגען אין דער יידישער ליטעראַטור, און דער עיקר ביי שלום־עליכמען, באַשטייט טאַקע פון אמתע אָדער פיקטיווע זכרונות פון די קינדער־יאָרן (וועגן שלום־עליכמס דערציילונגען פאַר קינדער זען שמערוק 1984). די שוין דערמאָנטע און ציטירטע דערציילונג „אַן ערב־חנוכה אין וואַרשע“ (באַשעוויס 1984א: 53-70) איז אַזאַ קאַפּיטל זכרונות פון באַשעוויסעס קינדער־יאָרן. דעם זעלביקן כאַראַקטער טראָגט די דערציילונג „אַ חנוכה־אָוונט אין מיינע עלטערנס הויז“ (באַשעוויס 1984א: 155-159; די יידישע ווערסיע פון דעם זכרונות־קאַפּיטל האָבן מיר ניט געפונען). פון דעם אַלעמען זעט אויס, אַז באַשעוויס האָט חנוכה באַטראַכט ווי אַ יום־טוב פאַר קינדער.

די לעצטע דערציילונג אין דער ענגלישער זאַמלונג פון 1984 הייסט „תשליך“. אין דער יידישער ווערסיע איז זי באַצייכנט ווי אַ „סקיצע“. זי איז געשריבן געוואָרן איידער באַשעוויס האָט זיך גענומען צו שרייבן פאַר קינדער און איז אָן שינויים איבערגעזעצט געוואָרן אויף ענגליש. ס'איז אַ קאַפּיטל זכרונות פון דעם מחברס יוגנט אין בילגאָריי, אַ לירישע דערמאָנונג פון אַ קינדער־ליבע, וואָס רופט אַפילו אַרויס ספקות אין דער זאַמלונג פון מעשיות פאַר קינדער. איר באַרעכטיקונג אין דעם קאָנטעקסט קען דעריבער זיין דאָס דערציילן פון תשליך־מנהג — ווידער זכרונות און ווידער יום־טוב. און דרך אגב, די דערציילונג איז אין פאָרווערטס דערשינען אַרום ראש־השנה (באַשעוויס 1962; באַשעוויס 1984א: 323-331). דערמאָנונגען פון יום־טוב שטייגער און יום־טוב מנהגים זענען צעזייט און צעשפּרייט אין אַ גאַנצער ריי דערציילונגען, וואָס האָבן ניט קיין וועזנטלעכע יום־טוב פאַרבינדונגען. ווי למשל אין „לעמל און ציפּע“ ווערט שבועות דערמאָנט דורך מילכיקע בלינצעס.

ס'באַקומט זיך, אַז באַשעוויס האָט אין זיינע דערציילונגען פאַר קינדער אויך רעאַליזירט דעם פּאָסטולאַט פון דער רעצענזיע אויף מ. אָליצקים בוך, אונטערטראָגנדיק זיינע יונגע לייענער, וואו ס'לאָזט זיך נאָר, אַן אַריינבליק אינעם רייכן און איינגעפונדעוועטן יידישן שטייגער.

באַשעוויס האָט שוין פריער געהאַט געשריבן מעמואַרן פון זיינע קינדער־יאָרן אין וואַרשע און אין בילגאָריי, פון וועלכע ס'באַשטייט דאָך זיין אויסגעצייכנט און באַרימט בוך מיין טאַטנס בית־דין שטוב (באַשעוויס 1956; אין דער העברעאישער איבערזעצונג — באַשעוויס 1979ב — זענען אָן קיין שום דערקלערונג אַריין נאָר די ערשטע 21 דערציילונגען). ס'איז געווען צו דערוואַרטן, אַז פריער צי שפּעטער וועלן אויך די דאָזיקע כמו מעמואַרן געפינען אַ וועג צו קינדער־אַדרעסאַטן. איז גאָר קיין וואונדער ניט, אַז ווען דער רעדאַקטאָר פון די אַרגענטינער ביימעלעך האָט געוואָלט אינעם באַשעוויס נומער געבן אַ דערציילונג וואָס זאָל פּאַסן פאַרן קינדער־זשורנאַל, כאָטש לכתחילה ניט געשריבן פאַר קינדער, האָט ער איבערגעדרוקט אַ קאַפּיטל זכרונות פון די קינדער־יאָרן פון מיין טאַטנס בית־דין שטיבל. דאָס קאַפּיטל הייסט „אַ טאָג מיט פאַרגעניגן“. אַזוי הייסט אויך די שפּעטערדיקע ענגלישע זאַמלונג *A Day of Pleasure* וואָס באַשטייט טאַקע דער עיקר פון פערצן דערציילונגען גענומענע פון מיין טאַטנס בית־דין שטוב און צוגעפּאַסטע פאַרן יונגן לייענער (באַשעוויס 1969ב; זען דאָרט אין דער הקדמה און אויך אין גוזלאָווסקי 1991).

אַרום דעם ביז איצט געזאָגטן שווימען אויף עטלעכע האַרבע פּרינציפּיעלע פּראָבלעמען. כדי צו באַזיניקן דאָס וואָס באַשעוויס האָט געשריבן דירעקט פאַר קינדער, וואָלט מען געדאַרפט קענען אויסטיילן אין די זאַמלונגען ד י דערציילונגען, וועלכע ער האָט לכתחילה געשריבן פאַרן יונגן לייענער און אויך דירעקט באַצייכנט ווי אַזעלכע. „לעמל און ציפּע“ האָט אַ בפירוש אונטערקעפּל „אַ מעשה פאַר קינדער“ שוין אין יידיש, אין פאָרווערטס. „דער גולם“ — איז באַצייכנט ווי „אַ מעשה פאַר קינדער און דערוואַקסענע“. די אונטערקעפּלעך פון דעם מין און אויך אַלע אַנדערע פעלן אין די ענגלישע איבערזעצונגען. באַשעוויס האָט געהאַלטן פאַר נייטיק צו דערקלערן, אַז ער זעט ניט קיין „יסודותדיקן אונטערשיד צווישן מעשיות פאַר דערוואַקסענע און פאַר יונגע מענטשן“ (אין דער הקדמה צו באַשעוויס 1968ג). דאָך זענען אָפּטמאָל די נוסחאות פון די דערציילונגען, וואָס ער האָט פריער געהאַט געשריבן און געדרוקט אויף יידיש אין פאָרווערטס, ניט האָבנדיק אין זינען דעם ספּעציפישן קינדער־אַדרעסאַט, ווייט ניט אידענטיש מיט די נוסחאות וואָס ער האָט שפּעטער אַריינגענומען אין די ענגלישע ביכער פאַר קינדער.

ווי אַ גוטער ביישפּיל קען דאָ דינען „טאָפּיעל און

טעקלאַ", אַ יוצא־דופנדיקע דערציילונג, וואָס איז צום ערשטן מאָל דערשינען אין פֿאָרווערטס (באַשעוויס 1976ב; אין פֿאָרווערטס איז טיטל פֿאַרגרייזט „טאָפּילע"). די ענגלישע ווערסיע מיט דעם זעלביקן טיטל איז אַריין אין דער זאַמלונג באַשעוויס 1984א: 260-270.

דאָס איז איינע פֿון באַשעוויסעס זעלטענע קינדער־דערציילונגען מיט מענטשן־געשטאַלטן, אָבער אָן קיין שום דירעקטן יידישן צוזאַמענהאַנג אָדער דערמאָנונג; אַלץ קומט דאָ פֿאָר אין אַ פּוילישן דאָרף אויפֿן ברעג פֿון דער ווייסל, אַרום דער העלפֿט פֿון 19טן יאָרהונדערט. אַלע געשטאַלטן זענען קריסטלעכע פּוילישע פּויערים. ניט נאָר זייערע נעמען, נאָר אויך די נעמען פֿון די חדשים אין דער דערציילונג זענען דורכויס פּויליש.

די דערציילונג איז געבויט אויף כלומרשטע רעמיניסצענצן פֿון פּוילישן פֿאָלקלאָר. איר מקור איז אַ גאַנץ מסופקע און אין פּוילן אומבאַקאַנטע גלייבונג אַז טאָפּיעל, דער גייסט וואָס קיניגט אין דער ווייסל, פֿאָדערט מענטשלעכע קרבנות, כדי די אַרומיקע איינוואוינער זאָלן זיין פֿאַרזיכערט מיט גערעטעניש און וואוילטאָג. אַזוי ווי ס'זענען פֿאַרביי עטלעכע יאָר זינט דעם לעצטן קרבן, באַשטימען דער פֿאָטער פֿון טעקלאַן צוזאַמען מיטן דאָרף, אַז דער קרבן פֿאַר טאָפּיעלן וועט זיין טעקלאַס קינד, וואָס דאַרף געבוירן ווערן ווינטער. טעקלאַ איז „פֿאַרגאַנגען אין טראָגן" פֿון אַ וואַנדערנדיקן בעטלער ווען זי איז אַלט געווען סך־הכל זעכצן יאָר. דער בעטלער „האָט גערהאַט איינגערעדט טעקלאַן, אַז אויב זי וועט זיך אים איבערגעבן שטייענדיקערהייט, קאָן זי דערפֿון נישט פֿאַרשוואַנגערן". טעקלאַ האָט זיך דערוואוסט וואָס ס'דאַרף געשען מיט איר קינד. גלייבנדיק, אַז „טאָפּיעל האָט אַ פּאַלאַץ אויפֿן גרונט, וואו ער געוועלטיקט ווי אַ קעניג און ער האָט אַ סך ווייבער", דערטראַכט זיך טעקלאַ: „אפשר זאָל זי ווערן איינע פֿון טאָפּיעלס ווייבער און אַזוי אָפּראַטעווען איר קינד? טעקלאַ האָט געחלומט אויף דער וואַך: זי וואַרפֿט זיך אַריין אין טייך און טאָפּיעל כאַפּט זי אַריין אין זיינע מעכטיקע אָרעמס [. . .] ביינאַכט נעמט ער זי אַריין צו זיך אין בעט". טעקלאַ האָט זיך טאַקע אַריינגעוואָרפֿן אין דער ווייסל. דאָס דאָרף האָט זיך פֿון אומגליק ניט אויסגעקויפֿט. ס'ווערט דערציילט, אַז ווען ס'איז געקומען דאָס אומגליק אויפֿן דאָרף „זענען די מוידן אַוועק דינען אין די גרויסע שטעט אָדער מ'האָט זיי פֿאַרשלעפּט אין הורן־הייזער".

די דאָזיקע דערציילונג פֿון 1976 איז זיכער לכתחילה, אין איר יידישן לבוש ניט פֿאַרטראַכט געוואָרן פֿאַר קיין קינדער. זי האָט געדאַרפֿט ווערן אַ מעשה פֿאַר קינדער, נאָכדעם ווען מ'האָט פֿון איר באַזייטיקט די אַלע

אויסגעטיילטע ציטירטע סעקס ענינים, וואָס זענען גאַנץ וועזנטלעך אין דעם דאָזיקן גאָר אינטערעסאַנטן ליטעראַרישן טעקסט. צי האָט די דערציילונג עפּעס געוואונען פֿון דער שפּעטערדיקער צענזור? דוכט זיך אַז פֿאַרקערט. צי האָט דאָס באַזייטיקן פֿון אַלע דאָ אויסגעטיילטע סעקס דערמאָנונגען טאַקע פֿאַרוואַנדלט די דערציילונג אין אַ לעקטור פֿאַר קינדער? איך בין ווייט ניט זיכער.

ענלעכע פֿראַגן קען מען שטעלן אויך לגבי אַנדערע דערציילונגען, וועלכע זענען פֿאַראַן אין דער זאַמלונג פֿאַר קינדער פֿון 1984 און אויך לגבי דעם ענגלישן, פֿאַר קינדער צוגעפּאַסטן טעקסט פֿון *A Day of Pleasure* (וועגן פּאַראַלעלן אין באַזייטיקן פֿון סעקס דערמאָנונגען אין דער זאַמלונג זען גוזלאָווסקי 1991: 203-204).

מיט דער דערציילונג „טאָפּיעל און טעקלאַ" רופֿט זיך בפֿירוש איבער באַשעוויסעס אַ פֿריערדיקע און מן הסתם אַן אינטערעסאַנטערע דערציילונג וואָס הייסט „יוסף און קאָזאַ" (באַשעוויס 1968ד, געחתמעט יצחק וואַרשאַווסקי), אויף ענגליש הייסט זי אויך “Joseph and Koza” (באַשעוויס 1984א: 139-154; פֿריער אין באַזונדערע אויסגאַבעס אויף ענגליש — באַשעוויס 1970 און באַשעוויס 1984ב). אויף דער דערציילונג איז כדאַי זיך אָפּצושטעלן אַ ביסל גענויער.

דער סאַמע תוך פֿון דער דערציילונג באַשטייט אין דער קאָנפֿראָנטאַציע פֿון אַ יידן פֿון ירושלים מיט דעם געצן־דינערישן פּוילן אַרום דער העלפֿט פֿון צענטן יאָרהונדערט, איידער פּוילן איז געוואָרן קריסטלעך. אויך דאָ פֿאַרלאַנגט די ווייסל אַ קרבן און ווי אַ קרבן ווערט באַשטימט קאָזאַ, די טאָכטער פֿונעם קעניג ווילק, דאָס שענסטע מיידל אין דער מלוכה. ס'באַווייזט זיך דאָ דער ייד יוסף, אַ יונגער גאָלדשמיד פֿון ירושלים, וואָס האָט פֿאַרבראַכט אַ צייט אין קראָקע און זיך אויסגעלערנט רעדן פּויליש. ער איז מצליח צו ראַטעווען קאָזאַן פֿון טויט און דערווייזן די איינוואוינער פֿונעם לאַנד, אַז זייערע גלייבענישן האָבן נישט קיין האַפּט. יוסף טרעפֿט זיך מיט קאָזאַן, זיי פֿאַרליבן זיך און פֿאָרן ביידע קיין ירושלים כדי דאָרט חתונה האָבן כדת משה וישראל.

אין דער פּוילישער פֿאָלקלאָר טראַדיציע האָט זיך ניט אָפּגעפֿונען קיין זכר פֿון אַ מענטשלעכן קרבן פֿאַר דער וואַסער אָדער ווייסל סטיכיע. די דערציילונגען „טאָפּיעל און טעקלאַ" און „יוסף און קאָזאַ" זענען דעריבער צוזאַמענגעפּלאָכטן פֿון פֿאַרשידענע לעגענדאַרע און מיטישע, ניט פּוילישע שטאָפֿן. דער גוטער אויסלאָז אין „יוסף און קאָזאַ" שטימט אָבער ניט מיטן טראַגישן אויסגאַנג פֿון מעגלעכע אַסאָציאַציעס ווי למשל מיט

יפתחס טאָכטער (שופטים יא) אָדער מיט דער פוילישער וואַנדאַ לעגענדע, אין וועלכער די העלדין, וואַנדאַ וואַרפט זיך אין דער ווייסל כדי ניט חתונה צו האָבן מיט אַ דייטש. מען דאַרף דעריבער באַטראַכטן די דערציילונג ווי עיקרדיק דעם שרייבערס אַ קאָנסטרוקציע, כאָטש מ'קען אויך אָנווייזן אויף פאַראַלעלן אין אַ ריי פרטים. די שפּעטערדיקע דערציילונג „טאָפּיעל און טעקלאַ" זעט אוים צו זיין אַ פּרואוו פון אַ פאַרקערטן אויסגאַנג, מיט אַ טראַגישן סוף.

די עצם פּראָבלעמאַטיק פון דער קאָנפראָנטאַציע פון אַ יידן מיט פּאָליאַקן איז אַ ביז גאָר פאַרשפּרייטע טעמע אין באַשעוויסעס שאַפן, דער עיקר אין זיינע היסטאָרישע ראָמאַנען, אָנהייבנדיק מיטן 17טן יאָרהונדערט, נאָך די כמעלניצקי גזירות (זען פרטימדיק אין שמערוק 1985 און אויף ענגליש אין שמערוק 1987). די דאָזיקע פּראָבלעמאַטיק קומט צו גאָר אַ בולטן אויסדרוק אינעם ראָמאַן דער קנעכט. ס'זעט אוים אַז דער שרייבער האָט געוואָלט גרייכן טיפער, צו פריערדיקע תקופות פון פויליש־יידישן צוזאַמענטרעף. דער ערשטער אויסדרוק פון דעם שטרעבן איז טאַקע די דערציילונג „יוסף און קאָזאַ". אין דער יידישער ווערסיע פון דער דערציילונג איז צום סוף פאַראַן אַן אָנזאָג אויף אַ המשך פון דעם דאָזיקן פויליש־יידישן צוזאַמענטרעף אין אַ ווייטערדיקער דערציילונג געבויט אויף דער באַקאַנטער לעגענדע וועגן דעם יידן אברהם פּראָכאָווניק (און פאָרווערטס פאַרגרייזט פּראָכניק) און דעם מלך פּיאַסט. מיר האָבן אַזאַ המשך ביי באַשעוויסן ניט געפונען. דער צוזאָג פון דער נייער דערציילונג איז אויך פאַרשוואונדן פון דער ענגלישער ווערסיע.

נאָך בשעת דער צווייטער וועלט מלחמה האָט באַשעוויס אין אָנבליק פונעם חורבן אָנגעשריבן אַ פּרינציפּיעל אַרטיקל, וואָס איז בכח צו דערקלערן דעם הינטערגרונט פון „יוסף און קאָזאַ" און אומדירעקט פון „טאָפּיעל און טעקלאַ". צווישן אַנדערע ענינים לייענען מיר דאָרט:

> אין דער צייט ווען יידן זענען געקומען וואוינען קיין פוילן איז דאָס פוילישע פאָלק געווען איינס פון די סאַמע אָפּגעשטאַנענסטע פעלקער פון אייראָפּע. די איטאַליענער, די פראַנצויזן, די שפּאַניער, זענען שוין דעמאָלט געווען הויך־קולטורעלע פעלקער. [...] אָבער אין פוילן האָט מען נאָך געלעבט אַ שטיל, פאַרשלאָפן, פּרימיטיוו לעבן. עס זענען כמעט ניט געווען קיין שרייבער, קיין מאָלער, קיין אינזשענירן, קיין דאָקטוירים, אַפילו ניט קיין לייטישע שוסטערס, שניידערס, גאָלדשמידן. עס האָט אויך ניט עקזיסטירט קיין האַנדל אין פולן זינען פון וואָרט. [...] דער פאַקט וואָס די פּאָליאַקן זענען געווען אין יענער צייט אַזוי אומוויסנדיק, האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף דער געשיכטע פון יידן אין פוילן. דער ייד האָט באַלד אין אָנהייב געהאַט דאָס געפיל אַז ער האָט פון דעם פּאָליאַק גאָרנישט וואָס צו לערנען. פאַרקערט, דער פוילישער מענטש האָט געהאַט פיל וואָס צו לערנען ביים ייד.

(באַשעוויס 1944)

די דאָ פאָרגעשטעלטע היסטאָרישע סיטואַציע איז געקומען צו אַ בולטן קינסטלערישן אויסדרוק אין „יוסף און קאָזאַ". צו דער זעלבער פּראָבלעמאַטיק און סיטואַציע האָט זיך יצחק באַשעוויס ווידער אומגעקערט אין זיין ראָמאַן דער קעניג פון די פעלדער, מיט צוועלף יאָר שפּעטער (באַשעוויס 1980ב; אין בוכפאָרם נאָר אין אַן ענגלישער איבערזעצונג — באַשעוויס 1988). אין דעם ראָמאַן האָט די קאָנפראָנטאַציע פון די פּאָליאַקן מיט דעם יידן בן־דוסא פון בבל אַ סך אַ ברייטערן פאַרנעם, פול מיט שאַרפע צוזאַמענשטויסן, וואָס זענען שוין בפירושע רעפלעקסיעס פון שפּעטערדיקע קאָנפליקטן. ס'קען דעריבער קיין ספק ניט זיין אַז די דערציילונגען „יוסף און קאָזאַ" און „טאָפּיעל און טעקלאַ" זענען געווען קערנער פון וועלכן דער ראָמאַן איז אויסגעוואַקסן.

שווימט אויך דאָ אויף די שאלה — צי איז „יוסף און קאָזאַ" אַ דערציילונג פאַר קינדער? זי איז איבערגעדרוקט געוואָרן אין די גאָלדענע קייט נ. 131, ווי אַ ביישפּיל פון באַשעוויסעס אַ מעשה פאַר קינדער. ווען אברהם סוצקעווער, דער רעדאַקטאָר פון די גאָלדענע קייט, האָט זי איבערגעלייענט פאַרן דרוקן האָט ער ביי מיר טאַקע געפרעגט די האַרבע קשיא: מיט וואָס איז עס אַ דערציילונג פאַר קינדער, פון וואַנען נעמסטו עס? אין פאָרווערטס איז וועגן דעם קיין סימן ניטאָ. מיין תשובה איז געווען, אַז באַשעוויס האָט געהאַלטן, אַז די דערציילונג איז פאַר קינדער. ער האָט זי צוויי מאָל איבערגעדרוקט אויף ענגליש אין באַזונדערע ביכער פאַר קינדער און ער האָט זי אַריינגענומען אין דער ענגלישער זאַמלונג פון דערציילונגען פאַר קינדער פון 1984. לגבי „יוסף און קאָזאַ" וואָלט מן הסתם לייכטער געווען אָנצונעמען אַז די דערציילונג קען דינען ווי אַ לעקטור פאַר קינדער ווי לגבי „טאָפּיעל און טעקלאַ". און דאָך בלייבן אויך דאָ ספקות.

ענלעכע פראַגעס ווי לגבי די דאָ באַהאַנדלטע צוויי דערציילונגען פון דעם ענגלישן זאַמלבאַנד פון 1984 קען מען פרעגן אויך לגבי אַנדערע דערציילונגען, ווי למשל וועגן דעם דערמאָנטן „תשליך". מ'קען זיך טיילמאָל

פּרואוון אַרויסהעלפֿן מיט פֿריערדיקע יידישע ווערסיעס, כדי אויסצוגעפֿינען דעם ערשטן אַדרעסאַט און נוסח פֿון אַ טעקסט.

ס'איז גוט באַוואוסט ווי שווער ס'איז איינדייטיק צו באַשטימען, וועלכער ליטעראַרישער טעקסט טויג פֿאַר קינדער־לעקטור און וועלכער קען אָדער דאַרף אַרויסרופֿן ספֿקות. די געשיכטע פֿון דער ליטעראַטור פֿאַר קינדער קען גוט יענע פֿאַלן ווען ווערק באַשטימטע פֿאַר דערוואַקסענע זענען געוואָרן קלאַסישע ווערק פֿאַר קינדער (למשל J. Swift, *Gulliver's Travel* אָדער L. Carroll, *Alice in Wonderland*; זען וועגן דעם ברייטער אין שאַוויט 1980). זיי האָבן געביטן דעם אַדרעסאַט. צי קען מען דאָס זעלבע באַגרינדן וועגן באַשעוויסעס דערציילונגען, וועלכע ער האָט ניט געשריבן פֿאַר קינדער און זיי איינגעשלאָסן אין זיין ענגלישער זאַמלונג? אויך דעמאָלט ווען ס'זענען אין די טעקסטן געמאַכט געוואָרן געוויסע שינויים?

ס'איז שווער צו געבן אויף דעם אַן איינדייטיקן ענטפֿער. ס'וואָלט זיך מן הסתם געפֿאָדערט אַ פֿאָרשונג פֿון דער רעצעפּציע פֿון קינדער־לייענער. ביז וואָס־ווען דאַרף מען אָבער די דאָזיקע ספֿקות און קשיות ווייניקסטנס ניט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט.

## IV

די שטאָט כעלם, די ספּעציפֿיש יידישע נאַראָנים־שטאָט אין פּוילן, און אירע איינוואוינער זענען זינט די סאַמע אָנהייבן פֿון זיין שאַפֿן פֿאַר קינדער י. באַשעוויסעס אַ ביז גאָר באַליבטער פֿאָן און אָפֿטע טעמאַטיק פֿון זיינע דערציילונגען און ניט נאָר פֿאַר קינדער. אין דער זאַמלונג זלאַטע די ציג, זיין ערשטע זאַמלונג פֿון קינדער־דערציילונגען אין אַן ענגלישער איבערזעצונג (1966), זענען סך־הכל פֿאַראַן זיבן מעשיות, דריי פֿון זיי קומען פֿאָר אין כעלם און שטעלן פֿאָר כעלמער פּערסאָנאַזשן. אין דער שפּעטערדיקער ענגלישער זאַמלונג פֿון אַכט מעשיות פֿאַר קינדער, וואָס הייבט זיך אָן מיט דער כעלמער טיטל־מעשה *When Shlemiel Went to Warsaw* (1968) זענען פֿאַראַן דריי כעלמער מעשיות. 1973 איז דערשינען אין אַ באַזונדערער אויסגאַבע אַ נייע סעריע כעלמער מעשיות, וואָס שטעלט פֿאָר די געשיכטע פֿון די כעלמער נאַראָנים *The Fools of Chelem and their History*. פֿון די אַלע כעלמער מעשיות האָט זייער מחבר אָפּגעקליבן זעקס פֿאַר זיין רעפּרעזענטאַטיווער זאַמלונג פֿון קינדער־דערציילונגען אויף ענגליש פֿון 1984. אין דער זאַמלונג זענען פֿאַראַן סך־הכל 36 דערציילונגען, אַ

זעקסטל פֿון זיי כעלמער.

ווי פֿריער דערמאָנט, געהערן די כעלמער מעשיות און אַנעקדאָטן צום גאָר פֿאַרשפּרייטן יידישן דערציילערישן פֿאָלקלאָר אוצר, וואָס יידישע קינדער האָבן געקענט נאָך איידער ס'איז אַנטשטאַנען אַ מאָדערנע יידישע ליטעראַטור פֿאַר קינדער. די כעלמער מעשה „לעמל און ציפּע" האָט איטשעלע זינגער, ווי שוין דערמאָנט, טאַקע געהאַט געהערט פֿון זיין מאַמען.

מיר ווייסן ניט ווען די שטאָט כעלם מיט אירע יידישע איינוואוינער זענען געוואָרן אַ שם־דבר ביי יידן אין מזרח אייראָפּע. ס'דאַרף קיין ספֿק ניט זיין, אַז כעלמער מעשיות און אַנעקדאָטן זענען אַ גאָר לאַנגע צייט פֿאַרשפּרייט געוואָרן מינדלעך. די ערשטע געדרוקטע זאַמלונג מיט כעלמער מעשיות און אַנעקדאָטן שטאַמען, ווייזט אויס, פֿון 1867 און 1887. (א) אין א.מ. דיקס זאַמלונג בליצענדע וויצען אָדער לאַכפּילן (ווילנע 1867) איז פֿאַראַן די ערשטע באַקאַנטע פֿאַרעפֿנטלעכטע דערמאָנונג און פֿאַרצייכענונג פֿון כעלמער מעשיות. ס'האַנדלט זיך דאָ אין קאַפּיטעלע 29 פֿונעם וויצן־ביכל מיט דעם טיטל „די חכמות פֿון איינער געוויסן שטאָט חֶ", זז. 18-19. אַז מיט דעם קיצור „חֶ" ווערט געמיינט כעלם קען קיין ספֿק ניט זיין, ווייל דאָ געפֿינען זיך די באַרימטע כעלמער מעשיות מיט דער לבנה וואָס מ'האָט געפֿאַנגען אין אַ פֿאַס מיט וואַסער און מיטן ערשטן שניי. (אַ האַרציקן דאַנק דינה אַבראַמאָוויטש פֿאַרן צושיקן אַ קאָפּיע פֿון דעם ביכל וואָס געפֿינט זיך אין ייוואָ ביבליאָטעק.) דאָס ביכעלע איז דערשינען אַנאָנים, ס'איז אָבער פֿאַרצייכנט אין ד. ה. ראָסקעסעס דיק ביבליאָגראַפֿיע, נ. 57; (ב) דער חעלימער חכם, דאָס איז אַגירעטיניש פֿון אַחעלימער וואָס ער האָט גימיינט אַז ער איז אַחכם. אונ מאַן מוז לאַכון אַז מען לייענט די קלוגע איינפֿעללע פֿון אַחעלימער חכם, פֿערפֿאַסט פֿון הירץ ביק (לעמבערג 1887). אַן עקזעמפּלאַר איז פֿאַראַן אין דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק אין ירושלים.

אויף וויפֿל איך האָב געקענט אויסגעפֿינען זענען די ערשטע כעלמער מעשיות פֿון פֿאָלקסמויל פֿאַרצייכנט געוואָרן אין דער דייטשישער צייטשריפֿט Am Ur-Quell (באַנד III, 1892: 27-29). אין יאָר 1912 האָט נח פּרילוצקי דאָקומענטירט ניין שפּריכווערטער וועגן די כעלמער נאַראָנים (פּרילוצקי 1912: 40-41) און אין 1917 האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט איין און דרייסיק כעלמער מעשיות פֿונעם פֿאָלקסמויל, צוזאַמען מיט די וואַריאַנטן, וואָס זענען פֿריער געווען דאָקומענטירט אין דער דערמאָנטער דייטשישער צייטשריפֿט (פּרילוצקי 1917: 187-202). דאָרט האָט ער אויך פֿאָרגעשטעלט די דאָזיקע

ספּעציפֿיש יידישע נאַראָנים־שטאָט אויף דעם ברייטערן פֿאָן פֿון נאַראָנים־שטעט ביי די אומות־העולם, אָנווייזנדיק אויך אויף פּאַראַלעלע דערצייל־מאָטיוון פֿון דעם מין מעשיות ביי יידן און ניט־יידן (דאָרט: 210-202).

די כעלמער מעשיות זענען מן הסתם ביז איצט די סאַמע פֿאַרשפּרייטסטע דערציילערישע פֿאָלקס־טראַדיציעס ביי יידן אין מזרח אייראָפּע און זייערע תפֿוצות. זינט דעם אָנהייב פֿון אונדזער יאָרהונדערט האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן זאַמלונגען פֿון כעלמער מעשיות און אַנעקדאָטן, פֿריער אין יידיש און שפּעטער אויף העברעאיש און ענגליש. טיילווייזע רשימה פֿון זאַמלונגען אין אַלע דריי שפּראַכן קען מען געפֿינען אין פֿרידמאַן 1954: 37-38 און שוואַרצבאַום 1968: 189-194 (און לויטן אינדעקס). די וויכטיקסטע זאַמלונג אויף יידיש איז מן הסתם כעלמער מעשיות (קיפּנים 1930). אין אונדזער קאָנטעקסט איז כדאַי צו דערמאָנען א. גאָלדבערגס בוך (1931) וואָס איז אַרויס אין בילגאָריי, וואו באַשעוויס איז געווען אַ תושב במשך פֿון די יאָרן 1917-1923. אויף העברעאיש איז די פּאָפּולערסטע פּ. הילפּרינס זאַמלונג חכמי חלם. אויף ענגליש איז איצט די וויכטיקסטע אין וויינרייך 1988: 222-230 (זען דאָרט אויך די הערות זז. 391-392); זען אויך וויים 1971: 10-12.

טייל פֿון די זאַמלונגען זענען לכתחילה באַשטימט פֿאַר קינדער, ווי למשל פּ. הילפּרינס חכמי חלם מ ע ו ב ד ל ב נ י ה נ ע ו ר י ם על ידי פּ. הילפּרין (1927 און פֿיל מאָל שפּעטער איבערגעדרוקט אין תל־אביב); אין קינדער־פֿאַרלאַג „גרינינקע ביימעלעך" האָט ש. באַסטאָמסקי אַרויסגעגעבן דריי העפֿטן מעשהלעך וועגן כעלמער נאַראָנים (ווילנע 1938, 1940); אוריאל אופֿקס חלם עיר החכמים (1979) איז דערשינען אין אַ סעריע ביכער פֿאַר קינדער. זינט י. ל. פּרצן (זיין „אין אַלט חעלם" הייסט אין שפּעטערדיקע איבערדרוקן „דער שבת־גוי"; פּגל. פּרץ 1911 און פּרץ 1947: 391-400) האָבן זיך צענדליקער יידישע שרייבער, פּאָעטן און פּראָזאַאיקער, פֿאַרמאָסטן מיט דער כעלמער חכמה און לאו דווקא אין ווערק פֿאַר קינדער. אַ טייל פֿון זיי איז פֿאַרצייכנט אין פֿרידמאַנס רשימה (פֿרידמאַן 1954). אַ זאַמלונג פֿון כעלמער פֿאָלקס־מעשיות צוזאַמען מיט אויסצוגן פֿון ליטעראַרישע ווערק (גלאַטשטיין, מאַני לייב, יאָסל לערנער, י.י. טרונק) האָט צונויפֿגעזאַמלט פּ. פֿריד (1966). צו די וויכטיקסטע ווערק פֿון דעם מין געהערן „יאָסל לאָקש פֿון כעלם" פֿון יעקב גלאַטשטיין (1944) און די כעלעמער חכמים פֿון י.י. טרונק (1951). באַשעוויס האָט דאָ געהאַט פֿון וואַנען צו שעפּן פֿונעם גרייטן, סיי פֿון דער מינדלעכער טראַדיציע, און ווייזט אויס אויך פֿון דער שפּעטערדיקער, דער שריפֿטלעכער, איינגעשלאָסן דער ליטעראַרישער.

ווען באַשעוויס דערמאָנט פֿאָלקס־מעשיות, וועלכע ער דערציילט איבער, דערקלערט ער, אַז ער „טוט עס אויף זיין אייגענעם שטייגער, איבערשאַפֿנדיק זיי אינגאַנצן, וואָס שייך האַנדלונג, פּרטים און פּערספּעקטיוו":

I have retold them in my own fashion, totally recreating them in plot, detail and perspective.

(אין דער הקדמה צו באַשעוויס 1968ג).

באַשעוויסעס טענה קען פֿיין באַשטעטיקט ווערן ווען מיר אַנאַליזירן זיינע כעלמער מעשיות אין פֿאַרגלייך מיט זייערס אַ מעגלעכן מקור.

לאָמיר טאַקע אָנהייבן פֿון אַזאַ פֿאַרגלייך. די מעשה מיטן ערשטן שניי איז איינע פֿון די סאַמע באַרימטסטע כעלמער מעשיות. פּרילוצקי האָט פֿאַרצייכנט דריי וואַריאַנטן. דער עלטסטער געפֿינט זיך אין דער דערמאָנטער דייטשער צייטשריפֿט פֿון 1892. אָט איז ער:

> ווען איינמאָל ווינטער איז אויסגעפֿאַלן דער ע ר ש ט ע ר שניי, איז עס געווען גראָד פֿרייטיק צו נאַכטס. צומאָרגנס האָבן די כעלמער ראשי־קהל באַדויערט, וואָס דער שמש וועט די נייע ווייסע דעק צעטרעטן, ווען ער וועט גיין צונויפֿרופֿן דעם עולם דאַווענען; זיי האָבן, אַלזאָ, אַרויפֿגעשטעלט דעם שמש אויף אַ טיש און געהייסן פֿיר פֿאַרשוין זאָלן אים טראָגן.

(פּרילוצקי 1917: 199, הערה 1)

די דאָזיקע גאַנץ לאַקאָנישע מעשה אָדער אַנעקדאָט הייסט אין באַשעוויסעס ענגלישער זאַמלונג “The Snow in Chelm” (באַשעוויס 1966ב: 34-19. מיר האָבן ליידער ניט געפֿונען דעם יידישן נוסח פֿון דער דאָזיקער מעשה. מיר נוצן דאָ די ענגלישע איבערזעצונג. צי איז דער יידישער נוסח בכלל געוואָרן אָפּגעדרוקט?). זי איז איבערדערציילט אויף פֿיר זייטן.

דאָס איז, ווייזט אויס, ניט נאָר די ערשטע כעלמער מעשה אין דער זאַמלונג, נאָר אויך די ערשטע כעלמער מעשה, וועלכע באַשעוויס האָט איבערדערציילט פֿאַרן יונגן לייענער. ווייל דער אַריינפֿיר וועגן כעלם און וועגן די זיבן ראשי־קהל, מיט גרונם אָקס אין דער שפּיץ, חזרט זיך שוין שפּעטער ניט איבער. כדי גלייך פֿון פֿאָרנט פֿאָר־צושטעלן די כעלמער חכמים, דערציילט באַשעוויס דאָ איבער גאָר בקיצור דעם אַנעקדאָט ווי אַזוי מ'האָט ביי די כעלמער אַרויסגעגנבעט די לבנה פֿון דעם פֿעסל וואַסער.

און אָט איז די מעשה אַליין, נוסח באַשעוויס, גאָר בקיצור:

די כעלמער ראשי־קהל האָבן געמיינט, אַז דער שניי, וואָס איז אויסגעפאַלן חנוכה, איז לויטער זילבער, פערל און דימענטן. זיי האָבן באַשלאָסן צונויפזאַמלען דעם אוצר לטובת דער שטאָט. ביז וואָס־ווען האָט מען געשיקט גימפּלען, דעם קהל־שליח, ער זאָל קלאַפּן אין אַלע פענצטער און לאָזן וויסן, אַז אַלע כעלמער דאַרפן בלייבן אין זייערע היימען, כדי זיי זאָלן ניט צעטרעטן דעם שניי און ניט מאַכן קיין תל פונעם אוצר. פאַרשטייט זיך, אַז אויך גימפּלען האָט מען געשטעלט אויף אַ טיש און פיר כעלמער האָבן אים אַרומגעטראָגן איבער דער שטאָט.

ביי באַשעוויסן איז דאָס נאָך אָבער ניט דער סוף פון דער מעשה, אַזוי ווי אין אַלע וואַריאַנטן ביי פּרילוצקין. באַשעוויס דערציילט נאָך ווי די ראשי־קהל זענען געבליבן איבערנאַכט און באַטראַכט וואָס צו טאָן מיטן אוצר. ווען זיי האָבן דערזען אינדערפרי דעם צעטראָטענעם שניי, האָבן זיי זיך דערטראַכט צו וואַרטן ביז איבעראַיאָר חנוכה און דעמאָלט שיקן אויפן פרישן שניי אַנדערע טרעגער מיט גימפּלען אויפן טיש.

באַשעוויסעס צוגאָב, אין דעם דאָזיקן כעלמער קאָנטעקסט, איז אומדערוואַרט אין זיין פּשטות. חנוכה שנייט טאַקע געוויינלעך. ס'איז אויך אָבער דער קינדער יום־טוב. די געשטאַלטן זענען דאָ אַלע קאָנקרעטיזירט, אַדאַנק זייערע „לעכערלעכע" אייגננעמען: גרונם, טודרוס, לעקיש, שמערל, גימפּל, טרייטל, בערל, יוקל און יאָנטל. און ס'האַנדלט זיך ניט נאָר אינעם געוויינלעכן עסטעטישן אויסזען פון דער ערשטער פרישער שניידעק ווי אין אַלע וואַריאַנטן, נאָר אין אַן איבערגעטריבענעם, התפּעלותדיקן פאַרגלייך פון דעם קלאָר ווייסן און פינקלענדיקן שניי מיט זילבער, פּערל און דימענטן, וואָס האָבן סוף כל סוף קיין האַפט ניט. ס'איז אפשר אויך אַ היפּערבאָלישע רעאַליזאַציע פון דעם שפּריכוואָרט „מאַכן פון שניי גאָמלקעס".

באַשעווים האָט דעם דאָזיקן ביז גאָר פאַרשפּרייטן, און מן הסתם אויך שוין אויסגעדראָשענעם, אַנעקדאָט טאַקע איבערגעפורעמט אויף זיין אייגענעם שטייגער, באַרייכערנדיק און באַנייענדיק דאָס אַלטע מיטן כח פון זיין דערציילערישער פאַנטאַזיע.

אין באַשעוויסעס כעלמער מעשיות לאָזט זיך באַמערקן אַ טענדענץ צו שאַפן געשטאַלטן, וואָס וועלן אין זיי אויפטרעטן ניט איינמאָליק. דער מחבר פון „גימפּל תם" האָט ביי די כעלמער געפונען אַ געלעגנהייט נאָכאַמאָל זיך צו פאַרטראַכטן וועגן גורל פון דעם תם, אַ נאַר צי ניט קיין נאַר, וואָס איז פאַרמשפּט צו זיין אַ קרבן צי אַ קנעכט פון זיין לייכטגלייביקייט און אַבסורדאַלער גראָדליניקייט. און דאָך, זעט אויס, אַז דאָס שטערט ניט דווקא די נאַראָנים צו דערגרייכן דאָס גליק וואָס אַלע חכמים זוכן אַרום און קענען ניט געפינען.

די געשטאַלטן פון דעם מין ווערן ביי באַשעוויסן געשטעמפּלט מיט נעמען וואָס דאַרפן פון פאָרויס אַנטפּלעקן זייער ספּעציפישע אייגנשאַפט. איינער הייסט לעמל, דער אַנדערער שלומיאל.

לעמל איז דער דימינוטיוו פון לאַם. פון דאַנען איז ער אויך אין יידיש אַ שם־דבר פון אַ תמים, פון אַ נאַר. אויסער דעם דאָזיקן דירעקטן באַדייט האָט צום כאַראַקטער פון דעם נאָמען אויך זיכער בייגעטראָגן אַ גאָלדפאַדענס באַרימטער קוני־לעמל, כאָטש גאָלדפאַדען האָט אַליין שוין גענומען פונעם גרייטן.

צוויי לעמל געשטאַלטן זענען פאַראַן אין באַשעוויסעס מעשיות פאַר קינדער. כראָנאָלאָגיש די ערשטע איז אין דער דערציילונג „די פאַרפּלאָנטערטע פיס און דער נאַרישער חתן" — דער חתן איז לעמל (“The Mixed-up Feet and the Silly Bridegroom” אין באַשעווים 1966ב: 39-50; אויך פון דער מעשה האָט זיך ניט אָפּגעפונען דער יידישער נוסח). דער ערשטער טייל פון דער מעשה איז וועגן פיר שוועסטער מיט „לעכערלעכע" נעמען, יענטע, פּעשע, טריינע און יאַכנע. זיי זענען טעכטער פון אַן אַרענדאַר, אַ ישובניק פון אַ נאָענטן דאָרף וואָס הייסט מזרח־כעלם. זייערע עלטערן הייסן שמעלקע און שמעלקיכע. די טעכטער שלאָפן אַלע אין איין בעט. אין אַ ווינטער פרימאָרגן האָבן זיי ניט געקענט אויפשטיין, ווייל זיי האָבן פאַרפּלאָנטערט זייערע פיס. אַ זעץ מיט אַ שטעקן איבער דער קאָלדרע, לויט דער עצה פון כעלמער ראש־הקהל, האָט אויפגעפּלאָנטערט די פאַרפּלאָנטערטע. לויט זיין עצה מאַכט מען אויך חתונה יענטען מיט לעמלען.

אַ וואַריאַנט פון דעם ערשטן טייל פון דער מעשה איז פאַראַן ביי פּרילוצקין (1917: 199-200, נ. 31). דאָרט זענען עס אָבער סתם „מענטשן" און ניט קיין מיידלעך. די מעשה ענדיקט זיך דאָ ווען אַ גאַסט שלאָגט די „מענטשן" מיט אַ פּאַסיק.

דאָס פּאָרל יענטע מיט לעמלען גיבן באַשעוויסן אַ מעגלעכקייט צו דערציילן וועגן אַ ריי אויסטערלישע פאַלן פון טפּשות. ס'זעט אויס, אַז צום פאָלקלאָר וואַריאַנט האָט באַשעווים צוגעבויט נאָך אַ מעשה מיט לעמלען. לעמל איז דאָ אַ טיפּישער כעלמער נאַר, וואָס קען גאָרניט אויספירן און פאַרשטייט אַלץ קאַפּויער אָדער בוכשטעבלעך. און דאָך איז ער ניט פאַרמשפּט ביי באַשעוויסן אויף אַ טאָטאַלן דורכפאַל. צום סוף פון דער

מעשה איז ער זוכה צו האָבן במזל מיט יענטען אַ טעכטערל; און דווקא ער איז זוכה צו זיין פּשוטן גליק. דאָ איז עס נאָר אָנגעדייט ברמז.

אין „לעמל און ציפּע", אויך אַ מעשה מיט אַ קייט דורכפֿאַלן און נאַרישע גענג, דערגרייכט לעמל מער ווי ס'איז אָפּטמאָל באַשערט קליגערע פֿון אים. דער סיום פֿון דער מעשה אַנטפּלעקט דעם מוסר־השכל און די פֿילאָזאָפֿיע פֿונעם מחבר פֿון ביידע לעמל מעשיות:

> יאָ, לעמל און ציפּע זענען ביידע געווען נאַראָנים. אָבער זיי האָבן פֿאַרמאָגט מער ליבשאַפֿט פֿון אַלע חכמים. נאָך אַ ווייל האָט לעמל איינגעהאַנדלט אַ פֿערד און אַ וואָגן און איז געוואָרן אַ בעל־עגלה. דערצו האָט מען נישט געדאַרפֿט לייענען און שרייבן. ער האָט געפֿירט פּאַסאַזשירן פֿון כעלם און קיין כעלם און אַלע האָבן אים גערן געהאַט פֿאַר זיין פֿינקטלעכקייט און פֿאַר דער ליבשאַפֿט וואָס ער האָט אויסגעוויזן צו פֿערד. ציפּע האָט נאָך אַ ווייל אָנגעהויבן קינדלען און זי האָט געבוירן לעמלען זעקס יינגלעך און זעקס מיידלעך. די יינגלעך זענען געווען געראָטן אין ציפּען, די מיידלעך זענען געווען געראָטן אין לעמלען. אָבער אַלע זענען געווען גוטהאַרציקע נאַראָנים און זיי האָבן אַלע חתונה געהאַט קיין כעלם. לעמל און ציפּע האָבן געלעבט גליקלעך ביז אַ טיפֿן עלטער און דערלעבט אַ מחנה אייניקלעך, אוראייניקלעך און אור־אוראייניקלעך.

די מעשה האָט באַשעוויס געהאַט געהערט פֿון זיין מוטער. צי איז דער אידילישער און גוטמוטיקער אַפּאָטעאָז פֿון דעם כעלמער נאַר אויך געווען אַן אָרגאַנישער טייל פֿון דער מעשה, ווען ער האָט זי געהערט קינדווייז?

שלומיאל איז דאָס צווייטע געשטאַלט פֿון אַ כעלמער שלימזל און טיפּש, וואָס באַשעוויס האָט אַנטוויקלט אין עטלעכע פֿון זיינע קינדער־מעשיות. זיין ווייב הייסט טריינע־רייצע, אָבער מען רופֿט זי די שלומיאליכע, און די קינדער הייסן יאָקיש, פּייוויש און קיילע־ביילע.

שלומיאלס ערשטער אויפֿטריט איז געווען אין 1966 אין דער מעשה „דער ערשטער שלומיאל" ("The First Shlemiel") אין באַשעוויס 1966ב: 55-56; אויך אין דעם פֿאַל האָט זיך ניט אָפּגעפֿונען דער יידישער טעקסט). סך־הכל האָבן מיר געפֿונען פֿיר מעשיות פֿאַר קינדער פֿון באַשעוויסעס פֿען אין וועלכע ס'איז פֿאַראַן דאָס שלומיאל געשטאַלט (אַ שלומיאל, ניט קיין כעלמער, טרעט אויף אין באַשעוויסעס "I Got Lost. A Chapter from the Autobiography of Professor Shlemiel" אין באַשעוויס 1984א: 115-121). צוויי פֿון זיי האָט באַשעוויס אַליין באַצייכנט אין דעם יידישן טעקסט ווי „פֿאָלקס־מעשיות" און פֿאַרגעשטעלט ווי „באַאַרבעט פֿון יצחק וואַרשאַווסקי". זיי הייסן: „ווי אַזוי איז שלומיאל אַוועק קיין וואַרשע" (באַשעוויס 1967א; באַשעוויס 1984א: 194-205) און „שלומיאלס מסחרים" (באַשעוויס 1967ב; באַשעוויס 1984א: 138-140).

צי איז דאָס שלומיאל געשטאַלט פֿאַראַנקערט אין דער כעלמער פֿאָלקלאָר טראַדיציע? אין דער דייטשישער צייטשריפֿט און אין פּרילוצקיס זאַמלונג האָבן מיר ניט געפֿונען קיין זכר פֿון אַ שלומיאל. אָבער אין אַן ענגלישער זאַמלונג פֿון כעלמער מעשיות געפֿינט זיך די באַצייכענונג Shlemiel צוויי מאָל, ניט ווי אַן אייגננאָמען נאָר ווי אַ פּאַראַלעל צו שלימזל.*

אין די שלומיאל מעשיות שטויסן מיר זיך אָן אויף גוט באַקאַנטע כעלמער אַנעקדאָטן און אויך אויף מאָטיוון פֿון אַנדערע מקורות. ווי למשל די מעשה מיט דער ציג וואָס שלומיאל האָט געקויפֿט אין לובלין, וועלכע ווערט פֿאַרוואַנדלט אויפֿן וועג קיין כעלם אין אַ צאַפּ.

די אַמייסטן באַקאַנטע דערציילונג וועגן דעם פֿאַרבייט איז שלום־עליכמס „דער פֿאַרכישופֿטער שניידער", אויך געבויט אויף אַ פֿאָלקס־מעשה אָבער ניט קיין כעלמער.**

אין באַשעוויסעס נייעם לבוש ווערן די כעלמער מעשיות טיילמאָל אויך באַזויניקט מיט אַ מוסר־השכל. אין דער מעשה „דלפֿונקע, די שטאָט וואו גבירים לעבן אייביק" (באַשעוויס 1974; באַשעוויס 1984א: 254-259) האַנדלט זיך אין אַ פֿאַרשטאָט פֿון כעלם, דלפֿונקע, וואו ס'וואוינען נאָר קבצנים. איז שלומיאלן איינגעפֿאַלן: אַזוי ווי אין דלפֿונקע זענען ביז איצט געשטאָרבן נאָר קבצנים, קומט אויס, אַז אַ גביר וועט דאָרטן לעבן אייביק. די

---

*) ספּאַלדינג 1969: 126-127, 129, זען דאָרט אינעם ווערטערביכל, ז. 456: *Shlemiel:* He is very like the *Shlimazl* except that he is also clumsy, inept and a dolt. ברייטער און שאַרפֿזיניקער וועגן די באַגריפֿן זען אין וויים 1971. איין מאָל געפֿינען מיר דאָרט דעם Shlemiel אין אַ וואַריאַנט פֿון אַ כעלמער מעשה, איבערדערציילט אויך ביי באַשעוויסן, אין זיין „דער ערשטער שלומיאל". אַזוי ווי באַשעוויסעס מעשה איז דערשינען פֿאַר דעם בוך, דאַרף מען אָננעמען אַז ס'איז פֿאַראַן אַ פֿריערדיקער שייכותדיקער מקור.

**) „דער פֿאַרכישופֿטער שניידער" איז פֿריער דערשינען ווי אַ מעשה אָהן איין עק — זען שלום־עליכם 1902; דעם דאָזיקן פֿאַרשפּרייטן מאָטיוו האָט נאָך פֿריער געהאַט באַאַרבעט דער שרייבער יהודה לייב גמזו — זען וועגן דעם ענין גמזו 1978). און איצט לערנען מיר, אַז אויך דאָ איז א. מ. דיק אַ פֿריערדיקער מקור — זען ראָסקעס 1991: 9.

אַבסורדאַלע לאָגיק פלאַצט, ווייל ס׳ווייזט זיך אַרויס אין כעלם, אַז מ׳קען אייביק ניט זיין קיין גביר. קומט דאָ אין סיום אַ וויציקער מוסר־השכל מיט אַ ביטערלעכן קנייטש:

> עס זעט אויס אַז ווי אַזוי צו פאַרדינען גענוג געלט אויף צו לעבן אייביק האָט אַפילו גרונם אָקס נישט געפונען קיין עצה. די דורות גייען, אָבער אָנשטאָט צו קומען זיך באַזעצן אין דלפונקע זענען אַלע גבירים, אַלע קיסרים פאַרנומען מיט זוכן מער געלט, נאָך פאַרדינסטן, גרעסערע אוצרות. דער לעצטער מענטש אויף דער וועלט וועט אפשר זיין גענוג רייך צו לעבן אייביק, אָבער וואָסער טעם האָט דאָס אייביקע לעבן ווען מ׳איז איינער אַליין?

דער ענגלישער נוסח איז שטאַרק געקירצט און ס׳פעלט אין אים אויך דער דאָזיקער סיום. צי איז דאָ ווידער אַ פאַל ווען נאָר דער ענגלישער באַאַרבעטער נוסח איז באַשטימט פאַר קינדער?

ווי מיר האָבן שוין געהאַט געזען, מיידט באַשעוויס ניט אויס, אויך אין די דערציילונגען פאַר קינדער, קיין פאַראַלגעמיינערונגען און קיין מוסר־השכל. ניט שטענדיק ווי אויבן קען מען אָבער זיין זיכער, אַז דער מוסר־השכל איז דווקא און נאָר פאַרן קינדער־אַדרעסאַט, אויך דעמאָלט ווען ער איז געבליבן אין דעם ענגלישן נוסח. „ווי אַזוי שלומיאל איז אַוועק קיין וואַרשע״ איז געבויט אויף אַ גוט באַקאַנטן כעלמער אַנעקדאָט, דאָ וועגן שלומיאלן, וואָס קומט צוריק קיין כעלם נאָכדעם ווי אַ לץ האָט צוריק אויסגעדרייט דעם שלאָפנדיקן שלומיאלס שיך וואָס האָבן אים געדאַרפט ווייזן די ריכטונג קיין וואַרשע. ס׳איז קלאָר אַז דער מוסר־השכל און סיום, כאָטש שלומיאל אַליין האָט זיך צו אים דערטראַכט, ווערט דאָ געמיינט ערנסט. און אָט וואָס שלומיאל „ברומט״ ווי אַן אונטערשטע שורה:

> די וואָס אַנטלויפן פון כעלם
> קומען אָן קיין כעלם.
> די וואָס בלייבן אין כעלם
> זענען דאָך אַוודאי אין כעלם.
> אַלע וועגן פירן קיין כעלם.
> די גאַנצע וועלט איז איין גרויסער כעלם.

אין אַן איינגעפונדעוועטער טראַדיציע פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור האָט אויך באַשעוויס געזען אין כעלם ניט מער ווי אַ משל וואָס איז אייביק גילטיק פאַר אַלע און אומעטום. שוין פרץ האָט זיין כעלמער מעשה (פרץ 1911) פאַרענדיקט מיט אַזאַ אויספיר: „איר לאַכט? און דאָך שטעקט אין יעדן פון אונדז אַ שטיק כעלמער!״ (זען אויך אין גלאַטשטיין 1944; טרונק 1951; פריד 1966).

די גאַנצע וועלט ווערט דאָ רעדוצירט צום כעלם אָדער דערהויבן צו דער מדרגה פון כעלם. ס׳איז דאָ אָנגעדייט אַ מין פילאָזאָפישע רעזיגנאַציע פון דעם ווערט פון אַלע חכמות: מ׳דאַרף דעם דאָזיקן כעלם און די מענטשלעכע אויפפירונג און געשיכטע נאָר קענען דערזען אומעטום און אים קענען אַנטפּלעקן. אויך דאָס האָט באַשעוויס זיך אונטערגענומען צו ווייזן זיינע לייענער. אין פאָרווערטס פונעם 12טן אָקטאָבער 1966 און ביזן 16טן מערץ 1967 זענען דערשינען דרייצן המשכים פון אַ געשיכטע פון כעלם געחתמעט מיט באַשעוויסעס פסעוודאָנים ד. סעגאַל. די סעריע הייבט זיך אָן מיט דעם פאָלגנדיקן גאַנץ קלאָרן אַריינפיר:

> ליבע לעזער, איך הייב דאָ אָן צו שרייבן וועגן כעלם, איר געשיכטע, איר פּאָליטיק אין פאַרשידענע צייטן, איר עקאָנאָמיע, איר קולטור און אַזוי ווייטער. אויב איר וועט געפינען אַ געוויסע ענלעכקייט צווישן כעלם און אַנדערע שטעט, האָט נישט קיין פאַראיבל. נאָך אַלעמען כעלם איז נישט אויף דער לבנה. זי איז געווען אַ טייל פון אונדזער ערד.

אינגאַנצן קלאָרע דיבורים. דער אָנהייב פון דער סעריע הייסט טאַקע „דער גרויסער זעץ און די אַנשטייאונג פון כעלם״ און ס׳איז אַ כעלמער דערקלערונג פון קאַנט און לאַפּלאַסעס באַוואוסטער טעאָריע. אין אַ ווייטערדיקן קאַפּיטל געפינען מיר אַן אונטערקעפּל „פון אַ פיש קען ווערן אַ ציג און פון אַ ציג אַ מאַלפּע״ — פאַרשטייט זיך אַז דאָ ווערט אויפן כעלמער שטייגער דערקלערט דאַרווינס עוואָלוציע טעאָריע. די געשיכטע פון כעלם דערגייט ביז אַ רעוואָלוציע. איר פירער איז דלפון. כעלם טיילט זיך אויף אַ רויטן און אַ ווייסן. אין רויטן כעלם האָט געהערשט באָלוואַן דער ערשטער, אין וועלכן ס׳איז ניט שווער צו דערקענען סטאַלינען. אין ווייסן איז פאַראַן אַ דינאַסטיע פרעזידענטן וואָס הייסן שלומיאל. מיט אַ נומעראַציע ביזן פערצנטן.

באַשעוויס באַהאַנדלט דאָ אויך פּראָבלעמען פון ליטעראַטור און מאַכט ווידער צו נישט אין זיינע אַנטי־מאָדערניסטישע אָבסעסיעס די גאַנצע מאָדערניסטישע ליטעראַטור. דער עיקר־חשבון איז אָבער מיט דער פּאָעזיע:

> די כעלמער פּאָעטן זענען געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די בעסטע פּאָעזיע איז יענע וואו אַ וואָרט קלעפּט זיך נישט צו קיין וואָרט. אָט איז אַ ביישפּיל פון אַ כעלמער מאָדערן ליד:
> אויפן קוימען,

וויינט אַ יריד,
אַ מצבה
עסט קניידלעך
און טרינקט מייערן־צימעס.
דאָס פערד אין מיינע געדערים
איז אַ שיף אין זויער־מילך
אין אַ ביבליאָטעק
פון מילכיקע שטיינער...

די ציטאַטע איז גענומען פון דעם לעצטן המשך פון דער סעריע וואָס הייסט „דער סך־הכל פון דער געשיכטע פון כעלם". די סעריע ענדיקט זיך מיטן פאָלגנדיקן:

> יאָ, דאָס ווייסע כעלם מאַכט אַדורך אַ גייסטיקע רעוואָלוציע. אויב עס וועט פאָרקומען עפּעס אַ וויכטיק געשעעניש, וועלן מיר אייך צו וויסן טאָן. עס וועט אייביק זיין אַ כעלם און כעלם וועט אַלעמאָל האָבן חכמים. נישט געזאָרגט...

כאָטש ס'איז אין דער סעריע דאָ און דאָרט פאַראַן ניט ווייניק שאַרפזין און וויץ ניט קיין כעלמער חכמה, פילט זיך אין איר צו אָפט אַ גאַר בולטע קינסטלעכע אָנגעצויגנקייט אינעם דורכאויסיקן פאַראַלעל צווישן אַ כעלם און דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע. די פאַראָדיסטישע אויסלאַכערישע טענדענץ איז צו דורכזיכטיק. דער שפיגל איז צו קרום. וויזט אויס, אַז איבערבלייבענישן פון אַ פריערדיקן נוסח פון דער זעלבער סעריע האָבן זיך אויפגעהיט אין צוויי המשכים אין פאָרווערטס (באַשעוויס 1967ד; באַשעוויס 1967ה); כאָטש ס'זענען דאָ דערמאָנט אַנדערע נעמען און ענינים איז די טענדענץ די זעלבע.

די דאָזיקע כעלמער פּאָליטאַנאַליסטישע געשיכטע פון פאָרווערטס 1966-1967 האָט באַשעוויס אויך געהאַט באַאַרבעט אין זיין *The Fools of Chelm and their History* (1973) פאַר קינדער. ס'טרעטן דאָ אויף די זעלבע געשטאַלטן וואָס זענען זיינע יונגע לייענער באַקאַנט פון זיינע אַנדערע כעלמער מעשיות. אין דער דאָזיקער ענגלישער ווערסיע קאָנצענטרירט זיך אַלץ אַרום דער מלחמה פון די כעלמער מיט די איינוואוינער פון זייער שכנותדיקן גאָרשקאָוו און די נאָכוויייענישן פון דער דאָזיקער מלחמה — דער כעלמער רעוואָלוציע. אויך דאָ איז פאַראַן אַ געשטאַלט פון אַ כעלמער פּאָעט וואָס הייסט זעקל און אויך אַ באַרימטער כעלמער פילאָזאָף וואָס הייסט ויזתא. כעלם ווערט דאָ פאָרגעשטעלט אין דער רעאַלער געאָגראַפישער סביבה פון לובלין, זאַמאָשטש, קראַסניסטאַוו, בילגאָריי, פראַמפּאָל און איזביצע. דאָס ביכל פאַר קינדער האָט די זעלבע מעלות און חסרונות ווי די כעלמער געשיכטע פאַר דערוואַקסענע אין פאָרווערטס. איז טאַקע קיין וואונדער ניט, אַז דער מחבר האָט ניט געהאַלטן פאַר נייטיק איינצושליסן די דאָזיקע געשיכטע אָדער אַפילו אַ טייל פון איר אין זיין זאַמלונג פון דערציילונגען פאַר קינדער פון 1984. און ניט געקוקט אויף די אויסגעצייכנטע אילוסטראַציעס פון אורי שולעוויטש איז דאָס ביכל ביז איצט קיין איין מאָל ניט איבערגעדרוקט געוואָרן.*

## V

אינעם שאַפן פאַר יידישע קינדער, מן הסתם אויך אין ענגלישע איבערזעצונגען, האָט באַשעוויס געהאַט געזען אַ נאַציאָנאַלע יידישע שליחות. ער האָט עס קלאָר פאָרמולירט אין די אַרגומענטירנער ביימעלעך און אינעם אויבן ציטירטן אַרטיקל (באַשעוויס 1963). באַטראַכטנדיק זיין צושטייער אין דעם געביט זינט די זעכציקער יאָרן, און ניט געקוקט אויף אונדזערע קריטישע באַמערקונגען, קען קיין ספק ניט זיין, אַז ער האָט זיין שליחות רעאַליזירט. די זעלבע קינסטלערישע סגולות, וועלכע זענען אונדז גוט באַקאַנט פון זיינע שריפטן פאַר דערוואַקסענע, קומען צום פולן אויסדרוק אויך אין זיינע ווערק פאַר קינדער. די רייכע שפּראַך, אַ ברייטע גאַמע פון סטיליסטישער דיפערענצירונג, דערציילערישע שפאַנונג — דאָס אַלץ איז קענטיק אין דעם שאַפן פאַר קינדער, ניט ווייניקער ווי אין זיינע אַנדערע ווערק.

דאָס ספּעציפישע, וואָס לאָזט זיך באַמערקן אין זיין שאַפן פאַר קינדער איז אַ בולטע נייגונג צו גוטע סופן און לירישע, טיילמאָל אידילישע, שילדערונגען פון ליבע געפילן ביי קינדער און פון אַ צאַרטער ליבשאַפט צו חיות. מער ווי אין אַנדערע זיינע ווערק לאָזט זיך דאָ באַמערקן אַ שטרעבן צו פאַרשפּרייטן יידיש וויסן, וואָס שייך יום־טובים, מנהגים, שטייגער און שטראַלנדיקע יידישע, צומאָל לעגענדאַרע, געשטאַלטן. ס'איז אויך קענטיק אַ נייגונג צו מוסר־השכלדיקע סיומים.

אין באַשעוויסעס שריפטן פאַר קינדער דאָמינירט דער יידישער מזרח־אייראָפּעאישער פאָן פון פאַרן חורבן, אין אַ ברייטער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו. נאָר איין דערציילונג איז דירעקט געבונדן מיט דער חורבן תקופה. דאָס איז די דערציילונג וועגן צוויי יידישע קינדער געראַטעוועטע פון וואַרשעווער געטאָ (The Power of"

*) יהודה מלצרס אַ העברעאישע איבערזעצונג פון דעם ביכל מיט די זייער פיינע אילוסטראַציעס פון אורי שולעוויטש פון דער ענגלישער אויסגאַבע איז דערשינען אין ירושלים — באַשעוויס 1980ג.

"Light" אין באַשעוויס 1984א: 210-216; דער יידישער נוסח האָט זיך ניט אָפּגעפונען). אויך די צוויי דערציילונגען פון ניו־יאָרק זענען פאַראַנקערט אין דער יידישער סביבה. אין איינער דערפירט אַ יידיש־רעדנדיקער פּאַפּוגע, וואָס הייסט דריידל, צו אַ שידוך צווישן יידישע קינדער ("The Parakeet Named Dreidl" אין באַשעוויס 1984א: 98-102; דער יידישער נוסח האָט זיך ניט אָפּגעפונען). אין דער אַנדערער לייענען מיר אַ טאָגבוך פון אַ לאָ־יוצלחדיקן פּראָפעסאָר וואָס הייסט שלומיאל ("The Day I Got Lost" אין באַשעוויס 1984 א: 115-121; דער יידיש נוסח האָט זיך ניט אָפּגעפונען). אַזאַ איינער איז אין דעם בוך אויך אין ניו־יאָרק אַן אָפּשטאַמיקער פון כעלם. אַ ריי אַנדערע ספּעציפיש יידישע דערציילונגען קומען פאָר טאַקע אין כעלם גופא, וואָס האָט ניט קיין שום שייכות מיט דער רעאַלער שטאָט כעלם, אָבער איז דורכאויס יידיש אין שטייגער. מימעטיש איז דער וואַרשעווער פאָן, דער עיקר אין די קאַפּיטלעך זכרונות סיי אין דער ענגלישער זאַמלונג און סיי אין *A Day of Pleasure*. לובלין, יאַנאָוו, בילגאָריי, פּיאַסק געהערן אויך דאָ צו באַשעוויסעס גוט באַקאַנטער טאָפּאָגראַפיע פון „מלך אביונס גיטער". באַשעוויסעס אויסגעטראַכטע דלפונקע פּאַסט זיך זייער גוט אַריין, אַזוי ווי כעלם, אין דער דאָזיקער רעאַלער געאָגראַפיע. אין די אַלע שטעט און שטעטלעך זענען אַלע געשטאַלטן דורכאויס יידישע, פאַרוואָרצלטע אין אַלטן איינגעזעסענעם יידישן שטייגער וואו מנהגים און פירעכצן זענען אויפגעהיט און אָפּגעהיט מיט אַלע פּיטשעווקעס סיי אינדערוואָכן און סיי שבת און יום־טוב. ווען איר לייענט די דאָזיקע דערציילונגען לעבט אויף פאַר אייערע אויגן די וועלט וואָס איז שוין מער נישטאָ אין איר גאַנצער פּראַכט און פאַרביקייט.

דאָס אַלץ איז געזאָגט געוואָרן אין אַ פולער מאָס לגבי די טעקסטן, וועלכע מיר האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט צו לייענען אויך אין יידישן אָריגינאַל. ס'איז זיכער קיין ספק ניט, אַז אויך אין די ענגלישע איבערזעצונגען האָבן באַשעוויסעס ווערק ממשותדיק באַרייכערט די קינדער־ליטעראַטור ביי יידן, און ניט נאָר ביי יידן, אין יעדער שפּראַך אין וועלכער מ'האָט זיי איבערגעזעצט. און דאָך איז שווער זיך צו באַפרייען פונעם געפיל, אַז ניט ווייניק גייט אויך פאַרלוירן אַפילו אין דער בעסטער איבערזעצונג. דאָס איז דער עיקר נוגע דער רייכקייט פון שפּראַך און אַלץ וואָס קומט דורך איר צום אויסדרוק.

מיר וועלן עס אילוסטרירן מיט אַ ריי ביישפּילן וואָס וועלן אויך שאַפן אַ באַגריף וועגן דער פילפאַרביקייט פון דעם אָריגינאַל.

אין איינער פון די דערציילונגען לייענען מיר אויף יידיש (פאָרווערטס, 6טער יולי 1966):

הערשל איז געוואָרן אַ ראש־ישיבה אין פוילן. ער האָט מיט זיין געלט אויסגעהאַלטן אַלע ישיבה־בחורים, און זיי האָבן פאַרשפּאָרט עסן טעג.

און אויף ענגליש:

[...] Herschel completed his education and became the head of a yeshiva. He used his money to keep poor students.
(באַשעוויס 1984 א: 306)

ס'ווערט דאָ פאַרלוירן די וואונדערלעכע אינסטיטוציע פון עסן טעג און דער גאַנצער ענין ווערט פאַרפלאַכט און „פאַרוואַסערט".

אין אַן אַנדערער דערציילונג, וואָס הייסט אויף יידיש „דער פּאַלאַץ" איז פאַראַן אַזאַ געשפּרעך:

— זיידע, ווי רופט מען דעם פּאַלאַץ? — האָט מנשה געפרעגט.
— ער האָט אַ סך נעמען — האָט דער זיידע געענטפערט.
— יענע וועלט, גן־עדן, עולם־האמת. אָבער דער נאָמען וואָס פּאַסט אים אַמבעסטן איז: דאָס אָרט וואו קיין זאַך ווערט ניט פאַרלוירן.
(פאָרווערטס, 14טער סעפּטעמבער 1967)

אין דער ענגלישער ווערסיע וואָס הייסט "Menaseh's Dreem" געפינען מיר געקירצט (באַשעוויס 1984א: 319):

— "Where am I?" Menashe asked.
— "You are in a castle that has many names. We like to call it the place where nothing is lost.

ס'ווערן דאָ פאַרלוירן די דריי פּאַראַלעלן אָדער סינאָנימען אין זייער גאַנצער פילזאָגנדיקער און איינגעוואָרצלטער יידישער עקספּרעסיע.

נפתלי האָט געהאַט געלייענט זיין מוטערס טייטש־חומש און אירע מוסר־ספרים: דעם שבט מוסר, לב טוב און נחלת צבי (פאָרווערטס, 4טער דעצעמבער 1975). אין ענגליש איז עס:

[...] in his mother's Yiddish Pentateuch and in her books of morals.
(באַשעוויס 1984א: 170)

ס'איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז דאָ, און מעגלעך אין אַנדערע קיצורים, האַנדלט זיך אין די אונטערשיידן צווישן דער יידישער ווערסיע וואָס איז ניט געווען פאַרטראַכט פאַר קינדער, און דער ענגלישער ווערסיע פאַר קינדער. אַזוי קען אויך זיין ווען מיר לייענען אין יידישן טעקסט פון „מנשה און רחלע", אַז מנשה האָט געקענט פון אויסווייניק „צוואַנציק פּרקים משניות און דרייסיק בלאַט גמרא" (באַשעוויס 1981: 29). אויף ענגליש איז עס נאָר צוואַנציק פּרקים פון The Holy Book (באַשעוויס 1984א: 112). וואָס איז געווען אַ בעלפער ביי אַ מלמד אין חדר, — אַ tutor? אפשר, אָבער אין אַן assistant teacher ווערט שוין אינגאַנצן פאַרלוירן דער פאַרשוין, וואָס פירט איטשעלעך אין חדר אַריין און זאָגט אים אָן, אַז ער זאָל שווייגן: „פּתח שין — שאַ". דאָס וואָס פעלט אויך אין דעם ענגלישן נוסח (פאָרווערטס, 31טער דעצעמבער 1975; באַשעוויס 1984א: 56). „דאַווענען מעריב" איז ניט סתם "to pray" און „מודה אני" איז ניט גענוג איבערצוזעצן "Thank Thee", אַז מ'ווייסט ניט מיט וואָס מ'עסט עס. אַזוי זאָגט אויך גאַנץ ווייניק אין דעם קאָנטעקסט דאָס וואָרט "supplications" אין פאַרגלייך מיט דעם באַגריף „תחינות" אין יידישן אָריגינאַל. אַז „קליסקעלעך" זענען סתם "noodles", מוז מען שוין מוותר זיין אויך אויף „יויכעלעך און גריצלעך" (באַשעוויס 1984א: 92, 122, 123).

די צוויי ווערסיעס פון די ראשי־תיבות נגה"ש, אין לשון קודש און אין יידיש, די אותיות אויפן חנוכה דריידל, זענען אויסגעטייטשט און דערקלערט אויף ענגליש (באַשעוויס 1984א: 157) אינעם טעקסט פונעם ענגלישן נוסח פון „אַן ערב־חנוכה אין מיינע עלטערנס הויז" (צי איז די דערקלערונג מיט די טייטשן פון נגה"ש אויך פאַראַן אינעם יידישן נוסח? ליידער האָבן מיר דעם נוסח ניט געפונען.) צי וואָלט מען ניט געקענט דערקלערן אויך אַנדערע ענינים און באַגריפן פונעם יידישן שטייגער, אויף וועלכע מ'האָט צו לייכט מוותר געווען אָדער איבערגעגעבן אָן אַ דערקלערונג? ניט ווייניק וואָלט מען געקענט פון דעם אַלעמען אָפּראַטעווען אין דער העברעאישער איבערזעצונג, און ניט נאָר אין דערציילונגען פאַר קינדער ווען מ'קוקט אַריין אין יידישן אָריגינאַל, בשעת מ'זעצט איבער פון ענגליש. דאָס איז שוין אָבער אַ באַזונדערער ענין.

אַז מיר האַלטן אָבער ביי העברעאיש איז כדאַי דאָ אָנצואווייזן אַז באַשעוויס האָט זיך נוהג געווען אין זיין אָנאָמאַסטיק צו נוצן העברעאישע און אויך פּוילישע נעמען מיט באַדייטן וואָס דאַרפן זיין אַ באַשטאַנדטייל פונעם ליטעראַרישן טעקסט.

אין ענגליש, אין דער אַשכנזישער הברה, איז טיילמאָל, ווי אין Utzel — עצל — „דער פוילער" אָדער אין Ole — עלה — „אַ בלאַט", איצט שווער צו דערקענען דעם אָפּשטאַם פונעם וואָרט און זיין באַדייט, אָבער אויך Trufa און Sandler וואָלט מען מן הסתם געדאַרפט דערקלערן דעם ענגלישן לייענער. דאָס זעלבע דאַרף געזאָגט ווערן וועגן די נעמען Wilk — דער וואָלף, Zła — די שלעכטע, און אויך Koza — די ציג — אין דער דערציילונג „יוסף און קאָזאַ", און ווער פון די ענגלישע לייענער וועט וויסן פון וואַנען ס'שטאַמט און וואָס ס'באַדייט דער נאָמען דלפונקע, פון דער כעלמער פאָרשטאָט?

אויך דעמאָלט ווען ער האָט שוין גוט געוואוסט, אַז ער וועט האָבן אַ גרעסערע לייענערשאַפט און אַ ברייטערן אָפּקלאַנג אין איבערזעצונגען האָט יצחק באַשעוויס אין זיין שאַפן זיך ניט גערעכנט מיטן איבערזעצער. ער האָט אינגאַנצן פריי און אָן קיין שום פּניות גענוצט די פאַרשידנסטע און סאַמע ברייטסטע שפּראַך מעגלעכקייטן, כדי צו דערגרייכן די מאַקסימאַלע עקספּרעסיע. צו די שפּראַך מעגלעכקייטן האָבן אויך געהערט אַנטלייאונגען פון די שפּראַכן מיט וועלכע יידיש איז געקומען אין קאָנטאַקט.

די דאָ אַרויסגעהויבענע חשיבות פון די יידישע־טעקסטן אין פאַרגלייך מיט די איבערזעצונגען דאַרף אָבער ניט פאַרשטאַנען ווערן ווי אַ נעגאַטיווע קריטיק פון די איבערזעצונגען, וואָס זענען בדרך כלל אדעקוואַטע און וואו באַשעוויס האָט ניט געענדערט דעם טעקסט, גאַנץ גענויע און גענוג פּינקטלעכע. דאָס וואָס ווערט פאַרלוירן און ניוועלירט אין די איבערזעצונגען שטערט ניט, ווייזט אויס, דעם דערפאָלג פון זיינע דערציילונגען פאַר קינדער אין אַלע שפּראַכן. דאָס איז מן הסתם די בעסטע באַשטעטיקונג פונעם אוניווערסאַלן כאַראַקטער פון גוטער ליטעראַטור פאַר יעדן עלטער. דאָס גיט אויך האַפּט באַשעוויסעס אַ וויכטיקער באַמערקונג אינעם עסיי צום סוף פון דער ענגלישער זאַמלונג פון דערציילונגען פאַר קינדער:

> The more a writer is rooted in his environment, the more he is understood by all people, the more national he is, the more international he becomes.
>
> (באַשעוויס 1984א: 335)

# ביבליאָגראַפיע


אופק, אוריאל

1979 חלם עיר החכמים: ירושלים.

באַסטאָמסקי, ש.

1938-40 מעשהלעך וועגן כעלמער נאַראָנים [דריי באַזונדערע העפטן]: ווילנע.

באַשעוויס, יצחק

1944 „יידן און פּאָליאַקן — זיי האָבן געלעבט צוזאַמען 800 יאָר און זיך ניט צוזאַמענגעלעבט" אין פֿאָרווערטס, 17 סעפּטעמבער.

1949 „אַמאָליקע שרייבער האָבן זיך וויניקער צוגעפּאַסט צום לעזער ווי די הײַנטיקע" אין פֿאָרווערטס, 18 מערץ.

1956 מיין טאַטנס בית־דין שטוב: ניו־יאָרק (פֿריער, אין 1955, אין המשכים אין פֿאָרווערטס).

1960 „מענטשן אויף מיין וועג" אין פֿאָרווערטס 26 פֿעברואַר.

1962 „תשליך" אין פֿאָרווערטס, 29 סעפּטעמבער.

1963 „יידישע ביכער פֿאַרן קינד און פֿאַרן דערוואַקסענעם" אין פֿאָרווערטס, 10 פֿעברואַר.

1966א „די געשיכטע פֿון מזל און שלים־מזל" אין פֿאָרווערטס, 12 מאַי.

1966ב I. B. Singer, *Zlateh the Goat and Other Stories:* New York.

1967א „ווי אַזוי איז שלומיאל אַוועק קיין וואַרשע" אין פֿאָרווערטס, 19, 20 סעפּטעמבער.

1967ב „שלומיאלס מסחרים" אין פֿאָרווערטס, 10 אָקטאָבער.

1967ג „ר' לייב שרהס און די מכשפה קונעגונדע" אין פֿאָרווערטס, 16 אָקטאָבער.

1967ד „אַ קאַפּיטל כעלמער געשיכטע" אין פֿאָרווערטס, 27 סעפּטעמבער.

1967ה „ווי אַזוי כעלם איז געבליבן אָן געלט" אין פֿאָרווערטס, 28 סעפּטעמבער.

1968א „אברהם און לוט" אין פֿאָרווערטס, 25 אָקטאָבער.

1968ב „אין ווילדן וואַלד אַליין — אַ מעשה" אין פֿאָרווערטס, 7, 13, 14, 20, 21 דעצעמבער.

1968ג *When Shlemiel Went to Warsaw and Other Stories:* New York.

1986ד „יוסף און קאָזאַ" אין פֿאָרווערטס, 6, 12, 13 יולי; איצט אויך אין די גאָלדענע קייט 131 (1991): 134-143.

1969א „דער גולם, אַ מעשה פֿאַר קינדער און דערוואַקסענע" אין פֿאָרווערטס, 25, 26 אַפּריל 2, 3, 9, 10, 16, 17 מאַי.

1969ב *A Day of Pleasure:* New York.

1969ג "I See the Child as a Last Refuge" in *The New York Times Book Review*, 9 November.

1970 *Joseph and Koza or the Sacrifice to the Vistula*, Pictures by Symeon Shimin: New York.

1971 *Alone in the Wild Forest:* New York.

1974 „דלפֿונקע, די שטאָט וואו גבירים לעבן אייביק" אין פֿאָרווערטס, 3, 7 מערץ.

1975 „נפֿתלי דער מעשה־דערציילער און זיין פֿערד סוס" אין פֿאָרווערטס, 4, 5, 11 דעצעמבער.

1975-76 „אַן ערב־חנוכה אין וואַרשע" אין פֿאָרווערטס, 31 דעצעמבער, 7, 8, 9 יאַנואַר.

1976א „לעמל און ציפּע" אין פֿאָרווערטס, 5 פֿעברואַר.

1976ב „טאָפּילע [!] און טעקלאַ" אין פֿאָרווערטס, 18, 19, 25 מערץ.

1979א „אַ פֿאַנטאַזיע וועגן בעל־שם" אין פֿאָרווערטס, 4, 10, 11, 17, 18, 24, 25, 31 מאַי, 1, 7, 8, 14, 15, 21, 22 יוני.

1979ב בית דין של אבא: תל אביב.

1980א *Reaches of Heaven. A Story of the Baal Shem Tov:* New York.

1980ב „דער קעניג פֿון די פֿעלדער" אין פֿאָרווערטס, 14 פֿעברואַר — 20 דעצעמבער.

1980ג חכמי חלם ותולדותיהם: ירושלים.

1981 „מנשה און רחלע" אין ביי זיך 19: 24-29.

1982 *The Golem:* New York.

1984א *Stories for Children:* New York.

1984ב *Joseph and Koza,* Illustrated by Donna Diamond: London.

1988 *The King of the Fields:* New York.

גאָלדבערג, א. (קר־ג)

1931 חלמער מעשיות, וויטצען און פֿאָלקס ווערטלעך: בילגוריי.

גוזלאָווסקי, י. ז.

1991 John Z. Guzlowski, "Telling Through Untelling. The Genesis of Isaac Singer's *A Day Of Pleasure*" in *Studies in American Jewish Literature* 10: 197-209.

גלאַטשטיין, יעקב

1935 „יאָסל לאָקש פֿון כעלעם" אין אינזיך 2. 5: 162-168 (איבערגעדרוקט אין זיינע ביכער און אין אַ באַזונדערער אויסגאַבע, ניו־יאָרק 1944).

גמזו, יהודה ליב

1978 יצירות גנוזות, הביא לדפוס, הקדים מבוא והוסיף הערות א. פודריאצ׳יק: תל אביב.

הילפּרין, פּ.

1927 חכמי חלם: ווארשא.

ווינרייך, בינה

1988 Beatrice Silverman Weinreich (ed.), *Yiddish Folktales,* Translated by Leonard Wolf: New York.

וויס, ר.

1971 Ruth R. Wisse, *The Shlemiel as a Modern Hero:* Chicago and London.

טרונק, י. י.

1951 כעלעמער חכמים אָדער יידן פֿון דער קלײנשטער שטאָט אין דער וועלט: בוענאָס איירעס.

ספּאַלדינג, ה. ד.

1969 Henry D. Spalding (compiled and edited by), *Encyclopedia of Jewish Humor:* New York.

פּראַווער, ז. ש.

1987 S. S. Prawer, "The Voice of the *Shtetl*" in *Times Literary Supplement,* 1 May.

פּרץ, י.ל.

1911 „אין אַלט חעלם (אַ חעלמער מעשהלע)" אין דער פֿרײַנד 65, 31 מערץ.

1947 „דער שבת־גוי" אין אַלע ווערק, ב. 5: ניו־יאָרק, 391-400.

[פּרילוצקי, נח]

1912 נח פּרילוצקים זאַמלביכער פֿאַר יידישן פֿאָלקלאָר, פֿילאָלאָגיע און קולטורגעשיכטע, ב. 1: וואַרשע.

1917 נח פּרילוצקים זאַמלביכער פֿאַר יידישן פֿאָלקלאָר, פֿילאָלאָגיע און קולטורגעשיכטע, ב. 2: וואַרשע.

פֿריד, פּ.

1966 די חכמים פֿון כעלעם: וואַרשע.

פֿרידמאַן, פֿיליפּ

1954 „צו דער געשיכטע פֿון יידן אין כעלם" אין יזכור־בוך כעלם: 37-38.

קאַטאַלאָג פֿון יידישער קינדער־ליטעראַטור

1988 *Yiddish Children's Literature from the YIVO Institute for Jewish Research,*

*Guide to the Microfiche Collection:* New York.

קיפּנים, מ.

1930 בעלמער מעשיות: וואַרשע.

ראָסקעס, דוד הירש

1991 „שלום־עליכמס וועג צו זיך (צו זיין פינף און זיבעציקסטן יאָרצייט)” אין די גאָלדענע קייט 132: 6-22.

שאַוויט, ז. (ז. שביט)

1980 Zohar Shavit, “The Ambivalent Status of Texts: The Case of Children’s Literature” in *Poetics Today* 1.3:75-86.

שוואַרצבאַום, חיים

1968 Haim Schwarzbaum, *Studies in Jewish and World Folklore:* Berlin.

שלום־עליכם

1902 אַ מעשה אָהן איין עק (אַרויסגענומען פון איין אַלטען פּנקס אונ בעפוצט פון שלום עליכם): וואַרשע.

שמערוק, חנא

1975 אַריינפיר צו י. באַשעוויס־זינגער, דער שפּיגל און אַנדערע דערציילונגען: ירושלים.

1984 „שלום־עליכם און די אָנהייבן פון דער יידישער ליטעראַטור פאַר קינדער” אין די גאָלדענע קייט 112: 39-53.

1985 „יחסים בין יהודים ופולנים ברומנים ההיסטוריים של י. בשבים־זינגער” אין יהדות זמננו 2: 61-71.

1987 C. Shmeruk, “Polish-Jewish Relations in the Historical Fiction of Isaac Bashevis Singer” in *The Polish Review* 32: 41-413.

1988 „עיונים בדרכי הקליטה של ספרות ילדים לא יהודית ביידיש” אין עיונים בספרות — דברים שנאמרו בערב לכבוד דב סדן במלאת לו שמונים וחמש שנה: ירושלים, 59-87.

1990 C. Shmeruk, “Yiddish Adaptations of Children’s Stories from World Literature” in *Studies in Contemporary Jewry: Art and its Uses, The Visual Image and Modern Jewish Society* 6 :186-200.

1993 „מדריך לספרות הילדים ביידיש” אין קרית ספר 64: 327-329.

# יצחק באַשעוויס⸗זינגער און די יידישע ליטעראַטור

פון
איטשע גאָלדבערג
(ניו⸗יאָרק)

## אַ וואָרט פריער

מיטן טויט פון יצחק באַשעוויס⸗זינגער, דעם 24טן יולי 1991, איז די יידישע ליטעראַטור פאַראָרעמט געוואָרן. עס האָט זיך אין איר אויסגעלאָשן אַ חד⸗במינודיקער וועבער פון מעשיות און אַ זעלטענער בעל⸗לשון.

ס׳איז אָבער נאָך אַלץ געבליבן דער איינדרוק, פאַרשפּרייט פון טייל יידישע באַשעוויס⸗באַזינגער און אַ צאָל ענגליש⸗יידישע באַוואונדערער, אַז דער סכום פון יצחק באַשעוויס⸗זינגערס יצירה איז דער קינסטלערישער אָפּשפּיגל פון פאַרטיליקטן יידישן פּוילן, דאָס איינציקע טויער צום דורותדיקן, איצט פאַרחרובטן, יידישן לעבן אויף דער פּוילישער ערד.

די באַשעוויס⸗אַדאָראַציע ווערט אָפּט געפּראַוועט אויפן חשבון פון דער גאַנצער פריערדיקער יידישער ליטעראַטור פון וועלכער ער איז געווען אין היסטאָרישן סך⸗הכל, ניט מער ווי אַ קליינער ביישטראָם.

## I

פאַראַן אַ מידת⸗הרחמים, אַ מידת⸗חסד אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס איז געוואָרן דער נשמה ניגון פון איר מהות. די מידה גילט אַפילו, ווען דער שרייבער איז קריטיש, שאַרף און פול מיט חוזק, אַפילו זעלבחוזק. דער חסד הערט ניט אויף אַפילו ביי מענדעלען לגבי בנימין דעם דריטן, ביי שלום⸗עליכמען לגבי מנחם⸗מענדל, ביי נאָמבערגן לגבי זיין פליגעלמאַן, ביי משה⸗לייב האַלפּערן און ביי נאַדירן לגבי דעם פיליסטער, ביי שלום אַשן לגבי מאָטקע גנב.

שטאַמען שטאַמט עס פון דעם, וואָס די שרייבער שרייבן אַלע פון אינעווייניק און זעען, דעריבער, דעם גאַנצן מענטשן — אי ווי אַ גורם און אי ווי אַ באַווירקטן. בלויז ביי אַ טייל משכילים, צומאָל אפשר נאָך ביי י.י. לינעצקי, באַקומט זיך — און איזן איז דאָס אַ סימפּטאָם פון קינסטלערישער הילפלאָזיקייט און ניט⸗השלמה (און פון פּעריאָד) — אַן עקסטרעם בילד פון גאָלע שוואַרץ אָדער גאָלע ווייס — ס׳רוב, גאָלע שוואַרץ.

וואָס האָט געראַטעוועט די יידישע ליטעראַטור און ניט דערלאָזט (מיט קליינע אויסנאַמען), אַז איר חסד זאָל זיך אַריינגליטשן אין סענטימענטאַליזם, איז געווען דער קריטיציזם אירער און דער פאַקט, וואָס זי האָט געזען דעם מענטש אין זיין טאָטאַליטעט. צום קלאָרסטן האָט עס פאַרשטאַנען מאיר ווינער אין זיין אָפּשאַץ פון מענדעלעס באַציאונג צו זיין שלימזלדיקן העלד בנימין השלישי: „מענדעלע” — זאָגט ווינער — „שפּאָט פון די בנימינס און וויינט איבער זיי”.

דער סך⸗הכל: די ליטעראַטור שפּיגלט אָפּ דאָס גאַנצע פאָלק, אין זיין יגון און אין זיין שמחה, אין זיין געפאַלנקייט און זיין דערהויבנקייט, בעסער — אין זיין ירידה און אין זיין רייסן זיך צו עליה. זי זעט דעם מענטשן אין זיין פול ליכט און אין זיין פולן שאָטן — דאָס וואָס, אייגנטלעך, אַ ליטעראַטור דאַרף זען.

ווען מענדעלע האָט, נאָך אין לעצטן יאָרהונדערט, געשריבן ש. דובנאָוון, אַז עס וועט ניט זיין מעגלעך צו פאַרשטיין דאָס יידישע לעבן אין נײַנצנטן יאָרהונדערט אָן זיינע, מענדעלעס, ווערק, האָט ער אייגנטלעך גענומען די

מאָס פון דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור אויף דורות, אַריינגערעכנט די שרייבער וואָס האָבן זיך באַוויזן שוין נאָך 1917, דאָס יאָר ווען מענדעלע האָט זיך אָפּגעשיידט פון אונדז.

פאַראַן אַ השלמה אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. אויב מ׳וויל זען דאָס יידישע לעבן אין 19טן יאָרהונדערט אין אייראָפּע, דאָס יידישע לעבן סוף 19טן יאָרהונדערט אין אַמעריקע, ביידע קאָנטינענטן אין 20טן יאָרהונדערט (און דאָס איז אויך חל אויף די ישובים אין ישראל, קאַנאַדע, אַרגענטינע, דרום אַפריקע און כמעט אַלע אַנדערע); אויב מ׳וויל זען דאָס פאָלק אין זיין זיין און אין זיין ווערן — די עמיגראַציע און אימיגראַציע, דאָס אָפּרייסן זיך פון וואָרצלען און דאָס שלאָגן וואָרצלען, דאָס צופּאַסן זיך צו נייע תנאים; אויב מ׳וויל זען דעם יידישן מענטש אין אַלע זיינע סטראַטיפיקאַציעס — דעם גביר, דעם אָרעמאַן, דעם בורזשוי און דעם פּראָלעטאַריער, די אינטעליגענץ, דעם ישיבה־בחור, דעם אפיקורס און דעם פרומען, דעם אונטערוועלט־מענטש, די פרוי, דאָס קינד; אויב מ׳וויל נאָכשפּירן די אינערלעכע געראַנגלען און דעם געראַנגל קעגן אַסימילאַציע און פאַרלוירנקייט — מ ו ז מ ע ן אָנקומען צו דער יידישער ליטעראַטור. ס׳איז כמעט שווער אַרויסצולאָזן איין יידישן שרייבער, אַ קלענערן אָדער אַ גרעסערן, עס זאָל ניט בלייבן קיין היסטאָרישער אָדער געזעלשאַפטלעכער חלל, אַ ווינקל לעבן זאָל ניט אויספעלן. אַפילו, אויב מען וויל נאָכשפּירן די אויסווירקונגען פון פאַרשיידענע פאַזעם און גייסטיקע שטרעמונגען פון דער יידישער געשיכטע אויפן היינטיקן יידישן לעבן, זיינען די געשיכטע־שרייבער אַליין ניט גענוג. מ׳קאָן זיי אָן פּרצן, אָן שלום אַשן, אָן אָפּאַטאָשון, אָן דוד פּינסקין, אָן לייוויקן — אָן אַ ז ו י פ י ל אַנדערע — ניט באַנעמען. דאָס איז כולל: חסידות, די קבלה, די השכלה, די משיח בענקענישן, דעם סאָציאַליזם, די פאַלשע משיחים, די גזירות ת״ח ות״ט, דאָס ווידערגעבוירן ווערן פון ישראל, דעם היטלער־חורבן, די אידעאָלאָגישע ווידעראַנאַנדן און קאָנפראָנטאַציעס אין מאָדערנעם יידישן לעבן.

קאָן זיך אימיצער פאָרשטעלן די יידישע ליטעראַטור אָן דוד בערגעלסאָנען, אָן אברהם רייזענען, אָן יונה ראָזענפעלדן, אָן משה בראָדערזאָנען, אָן הערש דוד נאָמבערגן, אָן ש. אַנסקין, אָן משה־לייב האַלפּערנען, אָן מאָרים ראָזענפעלדן, אָן פּרץ הירשביינען, אָן י.י. זינגערן — אָן צענדליגער אַנדערע (מחמת די דערמאָנטע נעמען זיינען בלויז צופעליק און דורך ספּאָנטאַנער אַסאָציאַציע פאַרצייכנט געוואָרן)?

אין לעצטן סך־הכל, האָט באַשעוויס־זינגער ניט צוגעטראָגן קיין עלעמענטן, וואָס זיינען תמציתדיק, אינדיגעניש אין דער יידישער ליטעראַטור. עלי שעכטמאַן האָט די ליטעראַטור ג אַ נ צ ע ר געמאַכט, חיים גראַדע האָט זי פ אַ ר ט י פ ט, אברהם סוצקעווער — זי דערפירט צו דער עיקרדיקער דילעמע פון מאָדערנעם מענטשן, גלאַטשטיין האָט איר חכמה און דויער געגעבן, מאַרקיש האָט אַ ברייטן קאָסמישן אָטעם אין איר אַריינגעבלאָזן. ענלעכם גילט פאַר דעם סאַמע גרעסטן און סאַמע קלענסטן אין אונדזער ליטעראַטור — יעדער אויף זיין (אָדער איר) אופן און יעדער לויט זיין (אָדער איר) שעפערישער פּאָטענץ און קינסטלערישע פליגל.

אין תוך וואָלט אַזאַ געדאַנק קיינעם אַפילו ניט איינגעפאַלן, ניט ג ע ט אָ ר ט איינפאַלן, ווען יצחק באַשעוויס־זינגער אַליין זאָל ניט באַטאָנען, ביי יעדער געלעגנהייט (און ניט־געלעגנהייט!), אַז ער געהערט נ י ט — באמת אָדער „בטבע" — צו דער טראַדיציע פון דער יידיש־יידישער ליטעראַטור.

אַ מאָדנע אַנאָמאַליע: בעת יעדער, גרעסערער אָדער קלענערער, יידישער שרייבער וויל זיך ניט אויספּעדעמען פון דער יידישער ליטעראַטור (ל אָ ז ט ז י ך נ י ט אויספּעדעמען!), שרייבט זיך אַריין כמעט מיט יעדער שורה אין געוועב פון דער פאָלקישער יצירה — פּראָקלאַמירט יצחק באַשעוויס־זינגער זיין מחוץ־למחנהדיקייט, זיין יוצא־דופנדיקייט, זיין ניט־המשכדיקייט, זיין ניט אַרויסקומען פון די לענדן פון די גרונטלייגער פון דער ליטעראַטור, פון זיינע פאָרגייער אָדער מיטגייער.

אַן עפּיגאָן, וואָס וויל ווערן אַ מעשה בראשית פון אַ ליטעראַטור, וואָס ער אָנערקענט זי אַפילו ניט.

נאָכאַמאָל: אונדזער כוונה איז בשום אופן ניט צו פאַרמינערן באַשעוויסן אָדער ניט דערשאַצן זיין טאַלאַנט. מיר מיינען אָבער יאָ צו זאָגן, אַז אין אַלגעמיינעם אַרומנעם פון דער יידישער ליטעראַטור געהערט יצחק באַשעוויס־זינגער ניט צו די ע מ ו ד י ם אויף וועלכע עס האַלט זיך דער בנין — אָט די עמודים, וואָס וואָלט זיך איינער פון זיי געפעלט, וואָלט דער בנין אָנגעוואוירן זיין זיכערקייט, זיין גלייכוויריקייט און גאַנצקייט: קאָן מען אַרויסנעמען איינעם פון די ראשונים? קאָן געמאָלט זיין דער צווייטער דור אָן שלום אַשן? די אַמעריקאַנער — אָן לייוויקן, מאַני לייבן, אָפּאַטאָשון? די סאָוועטישע — אָן האָפשטיינען, אָן מאַרקישן? דער איצטיקער דור — אָן אברהם סוצקעווערן, אָן עלי שעכטמאַנען?

עס גייט אַפילו ניט אין טאַלאַנט — עס גייט מער, דער עיקר, אין דער אייגנאַרטיקייט פון יעדן פאָדעם אין דעם טלית פון אונדזער נאַציאָנאַלן געוועב.

פאַראַן דער איינדרוק ביי טייל לייענער, אַז צוויי תמציתדיקע אינגרעדיענטן וואָלטן געפעלט אין דער יידישער ליטעראַטור אָן באַשעוויס־זינגער: סעקס און מאָדערניזם. מסכּים, אַז ביידע זיינען תּוכיקע קאָמפּאָנענטן, און אַז די ליטעראַטור וואָלט טאַקע בלאַסער געוואָרן אָן זיי. אָבער: יצחק באַשעוויס־זינגער האָט די ב י י ד ע עלעמענטן ניט אַנטפּלעקט פאַר אונדז און נ י ט אַרייַנגעפירט אין דער יידישער ליטעראַטור. בפירוש, קאַטעגאָריש און היסטאָריש, ניט געווען ניט זייער „אַנטדעקער" און ניט זייער „אַנטפּלעקער". אמת, פאַראַן אַ באַשטימטע צניעות אין דער יידישער ליטעראַטור, אָבער, אַקוראַט ווי עס איז געווען סעקס פאַר פרוידן, אַזוי איז אויך געווען סעקס אין דער יידישער ליטעראַטור פאַר באַשעוויס־זינגערן. עס העלפט ניט וואָס באַשעוויס, כּדי צו גרונטפעסטיקן זיין בראשיתדיקייט, מאַכט פון שלום אַשן אַ מין פּרימיטיוון קליינשטעטלדיקן בטלן, וואָס האָט איין מאָל געזען די זינדיקע גרויסע שטאָט און ער דערציילט אירע וואונדיירים און סדום־ועמורה שטיק צו זיינע היימישע שטעטלדיקע קלויזניקעס. דער פּשוטער פאַקט איז, אַז שלום אַש האָט זיך קיינמאָל ניט געשראָקן צו מאָלן עראָטישע מאָמענטן. דאָס זעלבע גילט פאַר יוסף אָפּאַטאָשו, יונה ראָזענפעלד, אַלטער קאַציזנע, פישל בימקאָ, זלמן שניאור און אַזויפיל אַנדערע, אויך אַ צאָל פּרויען־דיכטערינס, וואָס האָבן דין, סענסיטיוו — און סענסועל — געמאָלן די ליבע צווישן מאַן און פרוי.

II

אונדז אַרט ניט דער סעקסואַליזם ביי באַשעוויס־זינגערן. מיר האַלטן אַפילו נ י ט, אַז באַשעוויס איז פּאָרנאָגראַפיש. וואָס מיר געפינען אין אים איז ניט פּאָרנאָגראַפיע, ניכער — אָבסעסיע.

אונדז אַרט ניכער: ראשית, אַ באַשטימטער סעקסיזם אין זיין באַציאונג צו דער פ ר ו י. פאַרשפּעטיקטע, פאַרעלטערטע השפּעות פון ניטשע און פון פּשיבישעווסקי, פון וועדעקינד זיינען ניכּר ביי אים — די פרוי איז ביי אים נאָך אַלץ דער קוואַל פון שלעכטס און פון בייז, די „פאַרפירערין", דער קדמונישער חטא. סעקס איז נאָך אַלץ פאַרבונדן מיט זינד ביי באַשעוויסן. סעקס איז די גרויסע אַבעראַציע. מיר שפּירן דעם אונטערוואַקסלינגס געמיש פון גערייצטער קוריאָזיטעט און מ ו ר א. ניט די מיסטעריע פון סעקס, ניכער די שרעקנדיקע נייקייט פון איינעם וואָס האָט נאָרוואָס „אַנטדעקט" סעקס, אָדער פאַרקערט, די צווייטע זייט פון דער זעלבער מאָנעטע, די קרענקלעכע מורא פאַר דער „שליטה" פון סעקס איבערן מענטשן, אַזוי, אַז באַשעוויס דאַרף אים, דעם סעקס, אַזש דעמאָניזירן. עפּעס טייוואָלאָניש און שלעכטס איז פאַראַן אין כּמעט יעדער סעקס באַשרייבונג זיינער, מחמת יעדער סעקס אַקט איז אַ געראַנגל מיטן שטן. ווען באַשעוויסעס אַ העלד דאַרף איבערצייגן זיין פרומע ביישלעפערין מיט אַ פּסוק, אַז „אין בעט איז אַלץ מותּר", איז אין דעם אַליין פאַראַן דער עלעמענט פון סאַטאַניזם, פון געראַנגל קעגן דעם פּחד פון עובֿר זיין אויף אַ לאו, פון באַפרייען זיך פון אַן איסור, פון באַגיין אַן עבֿירה, פון דאַרפן קריגן רשות ביים שטן.

סעקס איז ס'רובֿ פאַרבונדן מיט גוואַלד ביי זינגערן, שיער ניט אַ נקמה אַקט איבער דער פרוי. אַ סימן: באַשעוויס דאַרף אַזש אימפּאָרטירן שדים, וואָס זאָלן מזנה זיין מיט די בנות־אדם. (אינטערעסאַנט: דאַכט זיך, אַז כּמעט קיין איין שדיכע וואָס זאָל פאַרפירן אַ מ אַ ן, געפינט מען ניט ביי אים. משמע: די פרוי איז פ אַ ר פ י ר ע ר י ן גענוג, זי דאַרף ניט אָנקומען צו דער סטרא אחרא נאָך הילף.)

אָט זיינען צוויי דוגמאות, ביידע גענומען פון י. באַשעוויסעס בוך אין ענגליש *Old Love* („אַלטע ליבע", דערשינען אין 1966): דאָס בוך עפנט זיך מיט אַ דערציילונג „אַ נאַכט אין בראַזיל", אין וועלכער די פרוי וויל פאַרפירן דעם דערציילער, און ביידע ווערן שרעקלעך צעביסן איבערן גאַנצן לייב פון קאָמאַרן, צעבלוטיקטע לויפן זיי אין הויז אַריין — דער „געמפּלטער" סעקס אַקט האָט געזאָלט פאָרקומען אין גאָרטן — און די פרוי, די פאַרפירערין, זאָגט צום דערציילער: „גאָט איז גוט צו אונדז. ער האָט אָנגעשיקט די שטראָף פאַר דער זינד". (ווידער: סעקס ווי אַ זינד, וואָס דאַרף באַשטראָפט ווערן!)

און אין דער לעצטער דערציילונג פון דעם זעלבן בוך „די באָס" („דער אָמניבוס") האָבן מיר ווידער די פרוי, די פאַרגוואַלדיקערין, וואָס יאָגט זיך נאָך דעם מאַן, דאָסמאָל אין שפּאַניע. זי איז זיך מודה פאַרן מאַן, אַז זי האָט ליב צו פאַנטאַזירן ווי אַ מאַן וועט „נאָך אַ נאַכט פון פאַרגעניגן איר אַריינשטעכן אַ מעסער אין ברוסט" און „אויב די פרוי וויל... קאָן דאָס" [דאָס אַרייַנגעשטאָכענע מעסער] „זיין אַן אַקט פון ליבע".

קלאַסיש „מאָדערן": סעקס און אַ מעסער, סעקס און אַן אַטאַקע פון בייסנדיקע קאָמאַרן וואָס צעבלוטיקן דאָס לייב ווי אַ שטראָף — אַפילו קודם דעם אַקט.

באַשעוויס, מיין איך, איז, אין תּוך, אַ ל ט־מ אָ ד י ש: אויב די יידישע ליטעראַטור האָט זיך פריער געמאַכט ניט וויסנדיק וועגן סעקס, גלייך ווי אַזאַ זאַך וואָלט אויף דער וועלט ניט געווען, האָט באַשעוויס בלויז איבערגעקערט דעם פעלץ און דערקלערט, אַז קיין אַנדער

זאַך איז אויף דער וועלט ניטאָ. עס נעמט זיך ביי אים פון דעם, וואָס ער זעט בפירוש ניט דעם ג אַ נ צ ן מענטשן. ער לאָזט דעם איינדרוק, אַז ער ליידט פון דער ניט⸗שיינער מידה פון ו ו אָ י ע ר י ז ם, פון אַריינקוקן אין דעם שלאָפצימער פון לעבן דורך אַ שליסל⸗לאָך. און דורך אַ שליסל⸗לאָך זעט מען „בטבע” ניט דעם גאַנצן מענטשן, נאָר בלויז זיינע מיטעלע טיילן — זיינע געניטאַלן.

ערגעץ דערציילט באַשעוויס⸗זינגער, אַז זיינע יונגע יאָרן זיינען געשטאַלטיקט געוואָרן פון צוויי עלעמענטן: דער איסור פון דעם טאַטנס בית⸗דין שטוב, וואו אַלץ איז געווען „מ'טאָר ניט”, און די נאַקעטע מאָדעל⸗מיידלעך, וואָס ער האָט געזען אין דער אַטעליע פון אַ מאָלער, וואוהין זיין ברודער, י.י. זינגער, האָט אים אַריינגעפירט.

אין אָט דער צווישנוועלט פון דער יינגלשער מורא פאַרן איסור פון טאַטנס בית⸗דין שטיבל און דעם רייץ פון דעם נאַקעטן פרויען⸗קערפּער באַוועגט זיך זיין גאַנץ שרייבן. איז אמת, אַז אַזאַ געראַנגל פון די יינגל⸗יאָרן צווישן „אַלץ איז געאַסרט” און דער אַדאָלעסצענטער מורא, אַז סעקס — אַפילו סעקס מחשבות — איז אַ שפּיל פון דער סטרא אחרא, קאָן טאַקע נאָכגיין אַ גאַנץ לעבן. ער קאָן אָבער ניט ווערן קיין באַזע פאַר אַ פאַרטיפטער פאַרשטענדעניש פון מאַן⸗און⸗פרוי באַציאונג.

צאָלט ער נאָך אַלץ צינדז צום בית⸗דינס איסור? סעקס בלייבט דעריבער די אייביקע זינד, און דער אייביקער קוואַל פון שולד⸗געפיל, פון חטא ועונש, פאַרברעכן און שטראָף?

קאָן זיין. דער רעזולטאַט איז אָבער — ניכער יינגלשע סעקס פאַנטאַזיע ווי סעקס, שיער ניט — אַנטי⸗סעקס. דער רעזולטאַט איז אויך אַן איינטאָניקייט: די זעלבע מעשה דערציילט און איבערדערציילט און איבער⸗איבערדערציילט.

## III

קומען מיר צו דער פראַגע פון מאָדערניזם. דאָס דאַרף, אין דעם קאָנטעקסט מיינען, אַז יצחק באַשעוויס⸗זינגער האָט דער ערשטער אַריינגעלאָזן אין דער יידישער ליטעראַטור דעם רוח החיים פון מ אָ ד ע ר נ י ז ם, און אַזוי אַרום צעבויטעט אירע אַ ל ט מ אָ ד י ש ע שטייענדיקע וואַסערן און זי אַריינגעפירט אין דער שטראָמליניקער איצטיקייט.

אָט דעם מיטאָס פון מאָדערניזם (וואָס אָט דער חשודער כל⸗בוניק זאָל ניט באַדייטן) זאָל י. באַשעוויס⸗זינגער אַליין האָבן געהאָלפן שאַפן דורך זיין טענדענץ (קאָמפּולסיע?) צו נעגירן די גאַנצע יידישע ליטעראַטור, וואָס איז געשאַפן געוואָרן ביז אים — זי איז צו פּ ר אָ ו ו י נ צ י ע ל, צו פּ ר י מ י ט י ו ו, צו (רחמנא לצלן) נ י ט ⸗ מ אָ ד ע ר ן.

אירווינג האַו שרייבט:

> עס איז ניט קיין סוד פאַר קיינעם, אַז אין דער יידישער ליטעראַטור וועלט באַציט מען זיך צו זינגערן מיט אַ באַשטימטן חשד. זיין כח צו באַווירקן דעם לייענער, זיין פעאיקייט ווי אַ סטיליסט ווערן אָנערקענט. דאָך פילן זיך אַ סך יידישע ליטעראַרישע פּערזענלעכקייטן, אַריינגערעכנט די ערנסטע שרייבער, אַ ביסל אומרואיק און אומבאַקוועם מיט אים. איין סיבה איז טאַקע אָט דער „מאָדערניזם”, וואָס מיינט, לויט ווי די מענטשן קאָנען זינגערן, שטעלן דעם טראָפּ אויף סעקסואַליטעט, זיך אָפּגעבן מיט דעם אומראַציאָנעלן, עקספּרעסיאָניסטישע פאַרקרימונג פון כאַראַקטער, און אַ באַשטימטע גלייכגילט צו דער הומאַניסטישער מאָראַל פון יידישיזם — אָט די אַלע קאַטעגאָריעס האָבן זיך קיינמאָל ניט אָנגענומען אַזוי שטאַרק אין דער יידישער קולטור ווי אין די קולטורן פון ס'רוב מערב לענדער...
>
> (האַו 1969: 110)

דאָס אויבן געזאָגטע איז, אין תוך, ריכטיק, אָבער ס'פעלט נאָך אַלץ אַן עיקר: די נעגאַטיווע באַציאונג פון אַ סך שרייבער — און אַ שלל לייענער — צו באַשעוויסן וואַקסט ניט אַרויס דווקא אויס מורא פאַר זיין „שטעלן דעם טראָפּ אויף סעקסואַליטעט” און אַריינשלעפּן דאָס „אומראַציאָנעלע” (כאָטש דאָס זיינען, צום טייל, מסתמא, צוגאָב⸗פאַקטאָרן), ווי באַשעוויסעס קאָמפּולסיווע טענדענץ ניט צו דערשאַצן די יידישע ליטעראַטור און זי מ ז ל ז ל צ ו ז י י ן.

נאָך מיט מער ווי צוואַנציק יאָר צוריק, אין 1959, האָט א. טאַבאַטשניק אָנגעוויזן אויף אַ מין אַבסורדאַלער קאָמפּולסיע ביי יצחק באַשעוויס⸗זינגער צו דערנידעריקן די יידישע ליטעראַטור. אין אַ רעצענזיע וואָס י. באַשעוויס (אונטער זיין פּסעוודאָנים י. וואַרשאַווסקי) האָט געשריבן וועגן אהרן צייטלינען, שרייבט ער (מיר ציטירן פון טאַבאַטשניקן):

> עס האָט געטראָפן אַז אינמיטן גייסטיקן דלות, דער אוממעכטיקייט פון וואָרט און געדאַנק איז אויסגעוואַקסן אַ כח אינגאַנצן ניט אין פּראָפּאָרציע צו דער סביבה — דאָס איז אהרן צייטלין אין אונדזער באַרג⸗אַראָפּ. ער שטייט אַליין און האָט ניט קיין שייכות צו דער יידישער פּאָעזיע ווי אַן אינסטיטוציע.



יצחק באַשעװיס
(געצייכנט: ז. ש. פּראַװער)

און טאַבאַטשניק פּרוּווט פּאַרענטפערן באַשעוויסן:

> אין באַשעוויסן איז ביים שרייבן די רעצענזיע אַריין איינער פון זיינע לאַפּיטוטן, אָדער שדים, רחמנא לצלן.

ער פרעגט נאָכדעם:

> וואָס מיינט באַשעוויס, ווען ער זאָגט, אַז צייטלין איז אויסגעוואַקסן ווי אַ כח אינגאַנצן ניט אין פּראָפּאָרציע צו אונדזער סביבה? באַשעוויס מיינט די סביבה פון דער גאַנץ באַדייטנדיקער צאָל ערשטקלאַסיקע יידישע פּאָעטן וואָס זיינען נאָך, ברוך השם, דאָ מיט אונדז? און וואָס איז מכח די פּאָעטן וואָס זיינען דאָ ערשט נעכטן נאָך געווען מיט אונדז [...] זייער אָטעם איז נאָך ניט פאַרקילט געוואָרן [...] און וואָס מיינט באַשעוויס, ווען ער רופט די יידישע פּאָעזיע „אַן אינסטיטוציע"? וואָס און וועמען וויל ער מבטל זיין?

נאָך דעם גיט א. טאַבאַטשניק צו:

> איך האָב אָפּט דעם איינדרוק, אַז ער נעמט בכלל ניט צו ערנסט דעם ענין פון רעצענזירן ביכער. אַוועקגעזעצט זיך, אָנגעכמאַליעט אַן אַרטיקל, אָנגעברייעט, אָנגעלויבט אָדער אַרונטערגעריסן און גיי רוף אים קנאַקניסל.
>
> (טאַבאַטשניק 1965: 486, 487, 488, 491).

די יאָרן האָבן באַוויזן, אַז ניט קוקנדיק אויף א. טאַבאַטשניקס גאַנצער שאַרפקייט (און זיין אָפּשאַץ וועגן באַשעוויסעם אומאַחריות ביים שרייבן איז דורכויס אַ ריכטיקער), איז ער געווען צ ו מ י ל ד צו באַשעוויס־זינגער. עס איז ניט געווען קיין שדל אין באַשעוויסן, וואָס „האָט זיך אַריינגעכאַפּט", נאָר אַ גאַנצער שד, וואָס האָט זיך באַזעצט אין אים להשתקע, וואָס קערעוועט אים און באַלעבאַטעוועט איבער אים און זיין באַציאונג צו דער יידישער ליטעראַטור. עס איז, מסתמא, מער ווי אַ שד (מיט אַ שד קאָן מען זיך ווי־ניט־ווי אַן עצה געבן. ווען ס'ווערט שוין גאָר ביטער, פאַרשפּאַרט מען אים אויפן בוידעם). עס איז אַן אָבסעסיע איבער וועלכער ער האָט ניט — בעסער געזאָגט, וויל ניט האָבן — קיין שום שליטה — מבטל צו זיין די יידישע ליטעראַטור, פאַרלייקענען און באַליידיקן זי! און דערקלערן דערקלערט עס זיך, מסתמא, גאַנץ פּשוט: באַוואוסטזיניק־אומבאַוואוסטזיניק דאַרף באַשעוויס דערנידעריקן די יידישע ליטעראַטור, כדי זיך צו דערהייבן. און וואָס מער ער ווערט אָנגענומען אין דער ניט־יידישער וועלט, אַלץ מער וואַקסט ביי אים אַליין אָן אָט דער איינרייד, די קליינשטעטלדיקע זעלבסט־אָפּנאַרעריי, אַז מיט אים האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן דער מאָדערניזם אין דער יידישער ליטעראַטור, אַז ע ר האָט דאָס אויפגעפּראַלט טיר און טויער פאַר דער יידישער ליטעראַטור אַריינצושפּרייזן ניט נאָר אין דעם היכל פון דער וועלט ליטעראַטור, נאָר בכלל אין דער עפּאָכע פון מ אָ ד ע ר נ ע ם ליטעראַרישן שאַפן. וואָלט דאָס אונדז אויך ווייניק געאַרט. מיר מיינען, אַז יעדער איינער האָט די פולע רעכט אויף זיינע אידיאָסינקראַטישע איינריידן. אָן סכנות, מ'קאָן לעבן מיט דעם. דאָס אומגליק נעמט זיך אָבער פון דעם וואָס, כדי צו באַווייזן און איבערצייגן די „גוישע" וועלט, אַז ער איז דער איינציקער „מאָדערנער" יידישער שרייבער, מוז באַשעוויס, דער עיקר נאָך אויף „גוייש"־לשון — דעניגרירן די יידישע ליטעראַטור און פעלשן איר געשיכטע.

אַזוי שפּעט ווי אין 1978 גיט באַשעוויס אַרויס זיין קורצע נאָוועלע *A Young Man in Search of Love* („אַ יונגערמאַן וואָס זוכט ליבע"). ער באַצייכנט דאָס ווערק ווי אַן א ו י ט אָ ב י אָ ג ר אַ פ י ש ע נאָוועלע. און הגם זייער פאַרנומען מיט זיין ליבע־זוכעניש, שטעלט ער זיך עטלעכע מאָל אָפּ, גייט ממש אויסערן וועג, כדי צו כאַראַקטעריזירן דעם פּראָווינציאַליזם און די צוריקגעשטאַנענקייט פון דער יידישער ליטעראַטור, ווי די סיבות וואָס האָבן אים געשטערט זיך אין איר איינצוגלידערן, און דעריבער האָט ער ניט געקאָנט מיטגיין מיטן דרך המלך פון דער יידישער שעפערישקייט און געמוזט פאַר זיך אויסלייגן זיין אייגענעם וועג.

די ווייטערדיקע עטלעכע ציטאַטן וועלן קאַפּסולירן דעם תמצית פון באַשעוויסעם אָפּשאַץ פון דער יידישער ליטעראַטור:

> ...די טעמעס וואָס די יידישע שרייבער באַנוצן זיך מיט זיי, און דאָס שרייבן גופא האָט זיך מיר אויסגעוויזן ווי ס ע נ ט י מ ע נ ט אַ ל, פּ ר י מ י־ ט י ו ו, ק ל י י נ ל ע ך. צו אָפט האָט עס געהאַט צו טאָן מיט אַ מיידל, וואָס אירע עלטערן האָבן זי געוואָלט פאַרקנסן פאַר אַ יונגנמאַן, בעת זי האָט גאָר ליב געהאַט אימיצן אַנדערש [...] אָפט איז דאָס מיידל געקומען פון אַ רייכער משפּחה און דער בחור איז געווען אַ זון פון אַ שניידער אָדער אַ שוסטער [...] די יידישע ליטעראַטור איז געבליבן פּראָווינציעל און צוריקגעשטאַנען [...] די שפּראַך גופא איז געוואָרן אָפּשטויסלעך אי צו די גויים און אי צו אַ סך מאָדערנע יידן [...] אַפילו מענדעלע, שלום־עליכם און פּרץ האָבן גערופן יידיש זשאַרגאָן.
>
> (באַשעוויס־זינגער 1978א: 7)

און אַ ביסל ווייטער:

> די יידישע ליטעראַטור, און די העברעאישע, האָבן אויסגעמיטן די גרויסע געשעענישן אין דער יידישער געשיכטע, די פֿאַלשע משיחים, די גירושים, דעם געצוואונגענעם שמד, די עמאַנציפּאַציע און די אַסימילאַציע... די יידישע ליטעראַטור האָט איגנאָרירט די יידישע אונטערוועלט, די טויזנטער און צענער טויזנטער גנבים, אַלפֿאָנסן, פּראָסטי־טוטקעס און ווייסע שקלאַפֿן־הענדלער אין בוענאָס איירעס, ריאָ דע זשאַנייראָ און אַפֿילו אין וואַרשע. די יידישע ליטעראַטור האָט מיך דערמאָנט אין מיין טאַטנס בית־דין שטיבל וואו אַלץ איז געווען געאַסרט...

(דאָרטן, ז. 10)

און זאָגנדיק, ווי מיר האָבן דערמאָנט פֿריער, אַ האַלב גוט וואָרט וועגן שלום אַשן, גיט באַשעוויס גלייך צו:

> זיינע [שלום אַשעס — א.ג.] מעשׂיות דריקן אויס דעם פּאַטאָס פֿון פּראָווינציאַל, וועמען מען האָט צום ערשטן מאָל אין לעבן געוויזן די גרויסע וועלט און ער דערציילט זיך אָן וועגן איר, נאָכדעם ווי ער קערט זיך אום צוריק אין שטעטל פֿון וואַנען ער איז אַוועק. [...] אַזוי האָב איך אים [אַשן — א.ג.] געזען דעמאָלט און אַזאַ זע איך אים איצט.

קנאַפּע הונדערט זייטן שפּעטער, קומט ער ווידער צוריק צו דער טעמע:

> די יידישע ליטעראַטור איז געבליבן נאַאיוו און פּרימיטיוו... אַפֿילו איר ראַדיקאַליזם איז געווען פּראָווינציעל [...] די יידישע ליטעראַטור מיט איר סענטימענטאַליטעט און פֿאַמעלעכן טעמפּאָ איז ניט געווען גרייט פֿאַר דער טראַנספֿאָרמאַציע [...]

(דאָרטן, ז. 107)

באַשעוויס רעדט דאָ וועגן דעם עמאַנציפּירטן יידן און זיין ציען זיך צו דער דרויסנדיקער וועלט. נאָך דעם גיט ער צו:

> [...] צווישן די קאָמוניסטישע שרייבער איז עס געוואָרן פֿאַשיאָנאַבל צו וואַרפֿן בלאָטע אויפֿן שטעטל און צו טענהן, אַז עס גייט אונטער. און אַפֿילו דאָס האָבן זיי געטאָן אויף אַ קליין־שטעטלדיקן אופֿן [...]

אַ כראָנאָלאָגישע דיגרעסיע לשם קלאָרקייט:
יצחק באַשעוויס־זינגער איז געבוירן געוואָרן אין 1904. עס האָט אים גערדויערט אַ צאָל יאָרן זיך אַוועקצורייסן פֿון פֿאָטערס בית־דין שטיבל און זיך אַרויסלאָזן אויף זיין ליבע־זוכנדיקער אָדיסייע. גוט. משמע, אַז ער האָט באַדאַרפֿט אַלט זיין ערגעץ אין די מיטן צוואַנציקער יאָרן, ווען ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויף זיין עראָס־יאַגד — הייסט עס, אַן ערך, 1930-1927. צו יענער צייט, דערציילט ער אונדז, איז ער געווען אַן אָפּטער אַריינגייער אויף טלאָמאַצקע 13, אין יידישן ליטעראַטן־פֿאַראיין, האָט געקענט די יידישע שרייבערישע קרייזן אין וואַרשע, האָט זיכער געהאַט געלייענט (אָדער געזען) די כאַליאַסטרע (כאָטש דעם ערשטן נומער וואָס איז אַרויס אין וואַרשע, אין 1922, ווען ער איז אַלט געווען אַכצן יאָר), האָט מסתמא געהערט וואָס עס קומט פֿאָר אין קיעוו, האָט *געמוזט* הערן וועגן די „*יונגע*" און „*אינזיכיסטן*" אין אַמעריקע. בלייבט אַ פֿראַגע: וואָס באַוועגט די פּען ביי אַ יידישן שרייבער — אין 1978 — אויסצומאָלן אַ פּאָרטרעט פֿון אַ פּרימיטיווער *שמרשער* יידישער ליטעראַטור: סענטימענטאַל, צוריקגעשטאַנען, קליינשטעטלדיק, וואָס גיט זיך אָפּ מיט מיידלעך וואָס ווילן חתונה האָבן און עלטערן וואָס שטערן די שידוכים א.א.וו. א.א.וו. — אַד נאַוזעאַם, ביז מיגל. איז נייטיק באַווייזן, אַז עס איז ניטאָ די מינדסטע ענלעכקייט צווישן דער יידישער ליטעראַטור אין די צוואַנציקער יאָרן און דעם הילפֿלאָזן ניט־געשטויגענעם פּרימיטיוו, וואָס באַשעוויס מאָלט פֿאַר די „גויים"?

„סענטימענטאַל און פּרימיטיוו"? זיינען דאָס געווען בערגעלסאָנס ווערק? ווייסענבערגס? עוזר וואַרשאַווסקיס, אַלטער קאַציזנעס? וואָס דאָס וואָרט *מאָדערן* זאָל ניט מיינען, איז איין בלעטל פֿון יונה ראָזענפֿעלד — אַפֿילו פֿון דעם וואָס ער האָט געשריבן אין *ערשטן צענדלינג* פֿון היינטיקן יאָרהונדערט — געווען מער „מאָדערן" ווי דאָס, וואָס באַשעוויס האָט געשריבן צוואַנציק און מער יאָרן שפּעטער! (פֿאַרגלייכט יונה ראָזענפֿעלדס פֿאַרטיפֿטע פּסיכאָלאָגישע אַריינבליקן אין צעפֿלאָנטערטן, פֿאַרלוירענעם בן־אדם, איינגעשלאָסן זיין ראַנגלען זיך מיט די אָפּטע סעקס אַבעראַציעס.)

צווישן 1925 און 1927 האָט דער קלעצקין פֿאַרלאַג אין ווילנע אַרויסגעגעבן זיבן ביכער פֿון ה. לייוויק (!), און צווישן 1929 און 1930 — צוועלף (יאָ, צוועלף!) בענד פֿון יוסף אָפּאַטאָשו. האָט דער יונגער ליבע־זוכער טאַקע ניט געוואוסט וועגן זיי? אַזוי פֿרי ווי אין 1919 האָבן די „אינזיכיסטן" (לעיעלעס, מינקאָוו, גלאַטשטיין) אַרויס־געלאָזט זייער ליטעראַרישן מאַניפֿעסט. די סאָוועטישע — שוואַרצמאַן, האָפֿשטיין, און אַנדערע האָבן געשריבן

אונטערן אײַנפלוס פון מאַיאַקאָווסקי און אַלעקסאַנדער בלאָק. משה בראָדערזאָן האָט אַרויסגעגעבן יונג⸗ייִדיש אין לאָדזש, פּרץ מאַרקישעס די קופּע איז אַרויס אין 1921, מלך ראַוויטש האָט געשריבן זײַנע „פּרעהיסטאָרישע לאַנדשאַפטן", אורי⸗צבי גרינבערג — זײַנע עקספּרעסיאָניסטישע לידער, אַרויסגעגעבן זײַן אַלבאַטראָס (1923-1922) — זײַנען דאָס געווען די סענטימענטאַליסטן און די פּראָווינציאַלן וועמען דער יונגער ליבע⸗דיאָגנעס האָט באַדאַרפט קומען און אויסלייזן פון פּרימיטיוויזם? דעמאָלט זײַנען געהאַט דערשינען אייגנס אין קיעוו, דער מילגרוים אין בערלין (מיט בערגעלסאָן און דער נסתר ווי די רעדאַקטאָרן), אָדער — דער אָנהייב פון „יונג ווילנע" געציילטע יאָרן שפּעטער. פון זיי האָט דאָס דער שומר⸗המאָדערניזם באַדאַרפט ניצול ווערן? דאָס זײַנען די נעאַנדערטאַלע סופרים צו וועלכע באַשעוויס האָט זיך ניט געקענט משתתף זײַן?

איך מיין, אַז אַלץ וואָס דער יונגער י. באַשעוויס האָט דעמאָלט געשריבן איז ק אָ נ ס ע ר ו ו אַ ט י ו ו, ניט דרייסט, און בלאַס אין פאַרגלייך מיט דעם וואָס די אַלע „אַלטמאָדישע" פּראָווינציאַלן (און ווער ווייס וויפיל נאָך, וואָס מיר האָבן נ י ט דערמאָנט) האָבן דעמאָלט געשאַפן.

לשם וואָס מבטל זײַן אַ גאַנצע ליטעראַטור? כדי זיך צו דערהייבן? סתם „אָנכמאַליען", ווי טאַבאַטשניק זאָגט, ליטעראַרישע אינטערמעצאָס וואָס דערנידעריקן אַ ליטעראַטור?

דאָס זעלבע — גענוי דאָס זעלבע! — איז נוגע דעם זאָג, אַז די ייִדישע ליטעראַטור האָט איגנאָרירט די אונטערוועלט. ווען דער יונגער באַשעוויס האָט ניט געקאָנט אַרונטערשלינגען די צניעות פון דער ייִדישער ליטעראַטור, מחמת זי האָט ניט געזען די אונטערוועלט, האָט שלום אַש שוין געהאַט אָנגעשריבן זײַן גאָט פון נקמה (1907), זײַן מאָטקע גנב (1918), און יוסף אָפּאַטאָשו אַ גאַנצן באַנד אונטערוועלט, זײַן ראָמאַן פון אַ פערד⸗גנב (1912); פּיליפּ און זײַן זון מאָרים, פון ניו⸗יאָרקער געטאָ — אַרום 1914; און פישל בימקאָ זײַנע גנבים (1919) און אין 1914 — אויפן ברעג ווייסל (שפּעטער באַקאַנט א.נ. דעמבעס), עוזר וואַרשאַווסקי זײַנע שמוגלאַרעס (1920). אַפילו דער זיידע מענדעלע האָט שוין געהאַט געמאָלן אַ גאַנצע ריי אונטערוועלט⸗מענטשן אין פישקע דער קרומער, מיט דרייסיק יאָר פריער (אין 1869, שפּעטער באַאַרבעט אין 1888), פינף און דרייסיק יאָר איידער י. באַשעוויס איז געבוירן געוואָרן!

אַקוראַט אַזוי איז ניט געשטויגן, אַז די ייִדישע ליטעראַטור האָט ניט אָפּגעשפּיגלט די נײַע אינטעליגענץ. נאָמבערג און בערגעלסאָן גיבן זיך אָפּ מיט די אינטעליגענטן, די אַמעריקאַנער — איגנאַטאָוו, אָפּאַטאָשו, ברוך גלאַזמאַן, כמעט אַלע „יונגע" מאָלן זיי.

פּונקט אַזוי איז אינגאַנצן קרום די באַהויפּטונג, אַז די „קאָמוניסטישע" שרייבער וואַרפן בלאָטע אויפן שטעטל און פּראָקלאַמירן, אַז עס האַלט ביים סוף. די גאַנצע ייִדישע ליטעראַטור, פון מענדעלע אָן, איז פאַרנומען מיטן שטעטל, מחמת דאָס שטעטל איז געווען די סביבה און דער באָדן פון גאַנצן ייִדישן לעבן, די אַרענע פון אַ שנעל אַנדערשווערנדיק לעבן. מענדעלעס „בנימין" אַנטלויפט שוין פון טונעיאַדעווקע. גאַנץ שלום⸗עליכם, ניט בלויז „מאָטל", באַוועגט זיך אַ ו ו ע ק פון שטעטל. ניט צופעליק האָט שלום⸗עליכם אָנגעשריבן אַזויפיל „אײַזנבאַן געשיכטעס" — אַ גאַנץ פאָלק איז אין באַוועג. פּרץ פאַרמשפּט דאָס שטעטל אין זײַנע „בילדער פון אַ פּראָווינץ רייזע". בערגעלסאָן טראָגט אַרויס דעם אורטייל אויפן שטעטל, ראַקיטנע, אין אָפּגאַנג (י. ב. זינגער איז אַלט געווען נײַן⸗צען יאָר, ווען בערגעלסאָן האָט געשריבן אָפּגאַנג). א. רייזען באַווייַנט דאָס אויסגייענדיקע שטעטל. האָט דער יונגער באַשעוויס ניט געשפּירט די ירידה און גסיסה אַנגסטן, וואָס זײַנע אייגענע ט י ש ע ו ו י ץ און פ ר אַ מ פּ אָ ל און ק ר אַ ס נ י ק און ב י ל ג אָ ר י י גייען דורך אין געראַנגל נ י ט אונטערצוגיין?

פאַרקערט: אויב אימיצער פאַרמשפּט דאָס שטעטל צום אונטערגאַנג, איז עס באַשעוויס מיט זײַנע שדים. ער האַלט, אַז דאָס שטעטל איז שוין אַזוי פאַרלוירן, אַזוי פאַרזונקען אין טומאה, אַז ער גיט עס אַוועק צו דער טומאה, צו דער ממשלה פון שטן.

## IV

דער יוצא⸗לנו פון דעם וואָס מיר האָבן געזאָגט: פאַר אונדז גילט בפירוש און לגמרי ניט די דעקלאַראַציע פון דער שוועדישער קאָמיסיע, וואָס האָט צוגעטיילט יצחק באַשעוויס⸗זינגערן דעם נאָבעל פּריז, מחמת „זײַנע ווערק שפּיגלען אָפּ דאָס לעבן פון די מזרח⸗אייראָפּעאישע ייִדן וועלכע האָבן געלעבט אין די פּוילישע שטעט און שטעטלעך אין אָרעמקייט און פאַרפאָלגונג".

ניין, באַשעוויס שפּיגלט ניט אָפּ דאָס פּוילישע ייִדנטום. ער כאַפּט בלויז אַרויס ווינקלדיקע, צופעליקע און פּיקאַנטע פאַרשוינען און סיטואַציעס פון דעם לעבן.

י. באַשעוויס⸗זינגער גיט דאָס, סוף כל סוף, אַליין צו גאַנץ קלאָר און ניט צווייטייטשיק. אין דעם אַרײַנפיר⸗וואָרט צו זײַן בוך שאָשאַ שרייבט ער:

די נאָוועלע רעפּרעזענטירט באין־אופן ניט די יידן
אין פּוילן אין דער פאַר־היטלער עפּאָכע. עס איז ניט
מער ווי אַ דערציילונג פון עטלעכע אויסנעמיקע
כאַראַקטערן אין אויסערגעוויינלעכע באַדינגונגען.
(באַשעוויס־זינגער 1978ב).

משמע, אַז דער שרייבער אַליין האָט אָנגעהויבן פילן, אַז זיינע ווערק קאָנען באין־אופן ניט פאַררעכנט ווערן ווי דער שפּיגל פאַר דעם לעבן פון איינעם פון די רייכסטע און קאָלירפולסטע קיבוצים אין דער פיר טויזנט יאָריקער געשיכטע פון יידישן פאָלק — דאָס יידישע פּוילן. ער שפּיגלט אָפּ אַ ווינקל — עסאָטעריש, עקזאָטיש, אַפילו שפּאַנענדיק, אָבער: ניט מער ווי אַ ווינקל. און דערצו איז דאָס שפּיגעלע — אַ קרום שפּיגעלע, אָנגעשטעלט אויף אַן אויסטערליש, חצי־רעאַליסטיש — און גאַנץ פאַנטאַס־מאַגאָריש! — קעלער־ווינקל פון יידישן לעבן.

## V

הגם אירווינג האַו דערמאָנט באַשעוויסעס „גלייכגילט צו דער הומאַניסטישער מאָראַל פון יידישיזם" ווי איינע פון די סיבות, פאַרוואָס די יידישע ליטעראַרישע וועלט באַציט זיך צו אים „מיט אַ באַשטימטן חשד" — איז עס ביי אים ניט מער ווי אַ מן־הצד באַמערקונג, אַ מאַרגינאַלער געדאַנק. דער פאַקט איז, אַז כאָטש דער גוזמאדיקער סעקסואַליזם האָט אָפּגעשטויסן אַ סך יידישע שרייבער און דאָס אַרומשפּילן זיך מיט שדים האָט אַרויסגערופן אומגעדולד און ווידערווילן — איז דער תוך פון באַשעוויסעס פרעמדקייט און אָפּגעפרעמדטקייט פון דער יידישער ליטעראַטור געלעגן אין אָט דעם אַנטי־הומאַניזם זיינעם. דאָ איז געצויגן געוואָרן די באַזישע שיידליניע צווישן באַשעוויסן און דער גאַנצער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. אמת, עס זיינען געווען גענוג פאַנטאַסמאַגאָרישע מאָמענטן אין דער יידישער ליטעראַטור. (אונדזער גאַנץ לעבן איז געווען איין שטיק פאַנטאַסמאַגאָריע!) אָבער עס שפּירט זיך תמיד דער אינערלעכער — אָפּט ניט מער ווי דורך דער לייכטסטער אימפּליקאַציע — ווידערשטאַנד צו דעם פאַנטאַסמאַ־גאָרישן. אויב עס בושעוועט ערגעץ אַ בייזער חלום אין דער יידישער ליטעראַטור — ווי ביי שלום־עליכמען, ווי ביי מאַנגערן, ווי ביי פּרצן, ווי ביי משה־לייב האַלפּערן, ווי ביי לייוויקן — ווערט אים אַלעמאָל אַנטקעגנגעשטעלט דאָס פיינלעכע ראַנגלען זיך, כדי זיך אויפצוכאַפּן און זיך אויסטשוכען פון קאָשמאַר. ביי באַשעוויסן דערקייקלט זיך דער בייזער חלום צו דער שדים־וועלט און לייזט זיך אויף אין דער וועלט פון שטן, משמע — ער פירט צום עולם התוהו. ער טוט עס אָפּט אַפילו, ווען ניט די קינסטלערישע און ניט די היסטאָרישע לאָגיק פון דער זאַך פירט צו דעם. הייסט עס, אַז אין סאַמע תוך האָט ער געלייקנט אין דעם גלויבן אין מענטשן, וואָס איז איינער פון די דערקען־סימנים פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַלע אירע אויסשטראַלונגען.

ס'בעט זיך אַ צוגאָב־הסברה, כדי אויסקלאָרן דעם ענין: די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור פאַרקערפּערט אין זיך איינעם פון די נאַציאָנאַלע גרונט־שטריכן אין דער פּסיכאָלאָגיע פון פאָלק, אַ שטריך וואָס איז געוואָרן אַ סימן (אַ סימן? אַ פאָן!) פון יידישן קיום: זאָגן י אָ צום לעבן, בעת אַלע היסטאָרישע תנאים טייטן אָן אויף נ י י ן. ניט קיין אויפגעבלאָזענער אָפּטימיזם, וואָס וואַקסט אַרויס פון אַנגסט און פון יאוש, נאָר אַ פאַרוואָרצלטער — אמת, אָפּט כמעט ניט קיין ראַציאָנאַלער! — גלויבן, אַז מ׳ מ ו ז קאָנען לעבן בלייבן: צי עס איז ה. לייוויקס „חתונה אין פערנוואַלד", אָדער הירש גליקס „זאָג ניט קיינמאָל", אָדער שמעון דובנאָווס אונטערציען אַ סך־הכל נאָכן אָפּשאַצן דעם אונטערגאַנג פון יהודה, אַז מען האָט געמוזט „איינהיטן די נאַציע אויף די רואינעס פון דער מלוכה", צי די טאָטאַליטעט פון שלום־עליכמס שאַפן.

פון דעם קלאַסישן און דוירנדיקן גרונט־טאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, ציטירן מיר עטלעכע פערזן פון אברהם סוצקעווערס לידער, געשריבן אין דער ווילנער געטאָ:

אין לעצטן גורל זעטיק מיך מיט גלויבן,
אַז מאָרגן וועלן זיבן זונען אויפגיין אין אַ טרער,
אַז ערגעץ נעמען שפּראָצן שוין אין אויסגעלייזטע
שויבן
גבורים־קערנער, מאַכטיקע מיט ווילן און באַגער.
(מערץ 2, 1943)

און לאָמיר שוין צוגעבן נאָך אַ ציטאַט פון אברהם סוצקעווער, פון זיין די פעסטונג:

און דו וואָס דיין נאָמען איז פאָלק
און דיין פּנים —
אַ חרובע נעסט
אָן פייגל,
אָן טענער, —
קלעטער אַרויף אויף די טרעפּ פון דער נאַכט,
באַגעגן דעם אויפגאַנג
און שריי אים אַנטקעגן:
— רייניק מיך, זון, אויפדאָסניי
און זיי מוחל.
אַלץ, וואָס געווען, איז דעם גורלס אַ טעות.
כ'וועל צוגרייטן אמתע טעג אַנשטאָט קברים,

כ׳וועל אויסבויען אייגענע שטעט מיט מיין אָרעם,
און דאָרטן וועט קומען די אייביקייט וואוינען,
און טעג וועלן לייכטן אין גילדענע קרוינען.
(אין סוצקעווער 1945)

אָט ווי אינטענסיוו האָט שמואל ניגער רעאַגירט אין 1946 אויף דעם אויבנדיקן ציטאַט פון סוצקעווער:

און ווייסטו, ברודער לייענער, ווען דער יונגער נביא פון יונג־ווילנע, פון אייביק־יונג־ווילנע, האָט געזאָגט אָט די נביאות, — דעם 13טן פעברואַר, 1943! דאָס איז געווען די צייט, ווען גאַנץ ווילנע, ווען דאָס גאַנצע פאָלק ישראל פון אייראָפּע איז געשלעפּט געוואָרן איבער די טרעפּ פון דער נאַכט, אָבער — ניט אַרויף, צום אויפגאַנג, נאָר אַראָפּ, צום אומקום, צום ברודער־קבר, צו פּאָנאַר, צו די גאַז־קאַמערן, צו די קרעמאַטאָריעס! דאָס איז געווען די ווירקלעכקייט, אָבער דער קרעאַטיווער מענטש הייבט זיך אויף איבער אירע פינצטערע און שטיקנדיקע גרענעצן, ער באַפרייט זיך פון איר, און ווען זי שלעפּט אים אַראָפּ איבער די טרעפּ פון דער נאַכט, קלעטערט ער איבער די זעלביקע נאַכטיקע טרעפּ אַרויף, אַרויף, — צום אויפגאַנג, צו דער זון, צו דער אייביקייט.
(געשריבן 1946, אין ניגער 1973, ב. 2: 93)

## VI

אינטערעסאַנט, ווי שמואל ניגער ראַנגלט זיך (אין 1936) און פּרוווט מיט אַ האַלב האַרץ מצדיק זיין באַשעוויסעס דער שטן אין גאָריי, און לסוף פילט ער זיך אָפּגענאַרט פון באַשעוויסעס ווערק, מחמת די לייענער,

וואָס פילן אַז די אמתע נשמה פון אמתער קונסט איז י אָ און ניט ניין, גרויס און ניט קליין, ליכט און ניט פינצטערניש — זיינען געגליכן צו די קינדער פון גאָריי וואָס וויינען און רייסן זיך, הלמאַי מען האָט זיי אָפּגענאַרט.

און שמואל ניגער שטעלט די פראַגע, צי איז „די גאַנצע וואונדערלעכע קונסט באַשעוויסעס ניט מעוברת פון שטן?"

כאָטש אָפּגענאַרט, פּרוווט ש. ניגער נאָך אַלץ זיין מילד אין זיין אָפּשאַץ פון דעם ד ע מ אָ ל ט נאָך יונגן קינסטלער. זיבן יאָר שפּעטער, אין 1943, ווען דער שטן אין גאָריי און אַנדערע דערציילונגען פון י. באַשעוויס איז דערשינען (אין פאַרלאַג „מתנות", ניו־יאָרק) רעדט שוין ש. ניגער אַנדערע רייד. אויב אין „דער שטן אין גאָריי" האָט ער נאָך געשפּירט

עפּעס אַ שטומע אָנצוהערעניש אויף דעם ווייטן וועג פון אויסלייזונג, דער וועג פון ליכט [...] [איז] אין די דערציילונגען וואָס י. באַשעוויס האָט געשריבן דאָ אין לאַנד כולו חושך. ער שטייט אַ דערשראָקענער פאַרן האַר פון פינצטערניש — אַ דערשראָקענער און אַ פאַרציטערטער און — ווער ווייס? — אפשר אויך אַ פאַרפירטער.

און שמואל ניגער ענדיקט זיין אַפּשאַץ וועגן באַשעוויסן:

ער גייט אויפן וועג פון י. ל. פּרצעס פאָלקס־טימלעכע געשיכטן, אויפן וועג פון זיין יידישער ראָמאַנטיק, נאָר אין אַ פאַרקערטער ריכטונג: פּרץ האָט אין דער יידישער פאָלק־מעשה אָדער פאָלק־פאַנטאַזיע געזוכט ליכט; באַשעוויס פירט אונדז אַריין אין דעם לאַבירינט פון אירע טונקלקייטן. פּרץ האָט אונדז געגעבן די ראָמאַנטיק פון קדושה. באַשעוויס האָט געוויזן אַז [...] אויך אין טומאה לויערט אַ תהום מיט ראָמאַנטיק.
(ניגער, 1943: 299-308)

כאָטש מיט דעם רוב פון די ציטירטע געדאַנקען, וואָס שמואל ניגער ברענגט אַרויס, זיינען מיר אינגאַנצן מסכים, איז אונדז בפירוש ניט צום האַרצן און ניט צום גוסט זיין פאַרגלייכן באַשעוויסן מיט פּרצן. ראשית, זיינען מיר גאָרניט זיכער צי באַשעוויס שפּאַרט זיך טאַקע אָן אויף דער י י ד י ש ע ר מיטאָלאָגיע און ראָמאַנטיק, ווי י. ל. פּרץ. און שנית, פּרץ איז אַוועק צום עבר, כדי אין אים צו געפינען אי ליכטיקייט און אי שיינקייט פ אַ ר ן ה י י נ ט, אַ מין ד ו י ע ר און ה מ ש ך פון פאָלקישע מידות טובות, אַן אָנדייט אויף אַ באַהאַלטן ליכט, וואָס גליט דורך די דורות, כדי ליכטיקער צו מאַכן דעם היינט. באַשעוויס וואַלגערט זיך אין אַ כסדרדיקער חשכות באַפעלקערט מיט לאַפּיטוטן און וואָלקאָלאַקעס, וואָס טראָגן גאָלע רשעות אויף זייערע הערנער, אָדער אין זייערע וואָלפציינער, אָדער אין זייערע הינערשע פיס.

דער פאַרגלייך גופא איז, דאַכט זיך, ניט אין בעסטן טאָן. אַוודאי האָט פּרץ משפּיע געווען די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור, אָבער דער טלית פון זיין השפּעה איז בפירוש ניט געווען אויסגעשפּרייט אויף באַשעוויסן. באַשעוויס איז אין סאַמע תוך פון זיין שאַפן די אַנטיטעזע פון פּרצן.

י. ל. פּרצעס פאַנטאַזיע, ווי יעדע פאַנטאַזיע, וואָרצלט אין רעאַלן לעבן, באַשעוויסעס אין אומ־ראַציאָנעלן; פּרצעס — אין די ריינע קוואַלן פון דעם דרך המלך פון דער דורותדיקער פאָלקישער מעשהדיקייט, שעפערישקייט און האָפערדיקייט, באַשעוויסעס — אין די נאַכטיקע הינטערגעסלעך פון לייקענונג, פאַראַנאָיע און

קרענקלעכן ווירוואַר, וואָס זיינען ס'רוב אַפילו ניט יידיש־פאָלקיש אין זייער אָפּשטאַם און בראשית. פּרץ וואַרפט אָפּ ווענוסן און קלייבט זיך אויס שולמית, באַשעוויס האַליובעט זיך מיט דער באַבאַ יאַגאַ ווי מיט אַ פילגש.

כדי זיין יושרדיק צו שמואל ניגערן, זיינען מיר זיך משער, אַז בלויז דער וואונטש־געדאַנק — און דער פאַרלאַנג צו זיין לייטזעליק צו אַ יונגן שרייבער — האָבן אים, אין 1936, דערלאָזט זיך אַרויסכאַפּן מיט דעם אויסדרוק, „ער טראָגט אין זיך מענדעלען און פּרצן און אונדזער גאַנצע קולטור טראַדיציע..."

דער חוש פון קריטיקער איז פאָרט בייגעשטאַנען ש. ניגערן, ווייל ער פאַרענדיקט דעם זאַץ מיט „לאַכט ער פון זיי [ד.ה. פון מענדעלען און פּרצן — א.ג.] אויך?" (ניגער 1936: 300).

דאָס גאַנצע שפּעטערדיקע שאַפן — הן אין בעלעטריסטיק און הן אין פּובליציסטיק — פון י. באַשעוויס האָבן באַרעכטיקט ש. ניגערס חשד און אומרו — ער האָט ניט נאָר געלאַכט פון זיי, ער האָט זיי מבזה געווען — אי מענדעלען, אי פּרצן, אי די גאַנצע ליטעראַטור וואָס דער ערשטער האָט געזיידעט און דער צווייטער געפאָטערט.

## VII

„דער גלייכגילט צום הומאַנעם עטאָס פון יידישיזם" איז ביי באַשעוויסן ניט קיין פאַרגייאיקע קאַטעגאָריע, נאָר אַ באַוואוסטזיניקע און דויערנדיקע שיטה אויף וועלכער עס שפּאַרט זיך אָן הן זיין באַציאונג און הן זיין אָפּשאַץ פון דער יידישער ליטעראַטור. דעם יידישן לייענער איבער דער וועלט, וואָס איז ניט באַקאַנט מיט באַשעוויסעס בעלעטריסטישע און פּובליציסטישע אַרויסזאָגונגען אויף ענגליש, וועלן זיכער זיין אינטערעסאַנט נאָך אַ צאָל געדאַנקען זיינע בשייכות מיט דער ליטעראַטור פון וועלכער ער איז אַרויסגעוואַקסן.

אין 1973 איז י. באַשעוויס אינטערוויוּאירט געוואָרן אויף דער ראַדיאָ פון דעם יעיל אוניווערסיטעט אין ניו־הייוון. אין תוך זיינען די אידעעס, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט אין דעם אינטערוויו, פון זעלבן גוס ווי די פריער ציטירטע קריטישע אינטערמעצאָס אין זיין אויטאָביאָגראַפישער נאָוועלע *A Young Man in Search of Love*.

> דער אמת איז, אַז די יידישיסטן באַטראַכטן מיך ניט ווי אַ שרייבער וואָס שרייבט אין זייער טראַדיציע. איך אַליין האַלט זיך אויך ניט פאַר אַ שרייבער אין זייער טראַדיציע. איך קוק אויף זיך ווי אַ שרייבער אין דער יידישער [דאָס ענגלישע וואָרט דזשואיש, געמיינט: יידיש־פאָלקישער, יידיש־נאַציאָנאַלער — א.ג.] טראַדיציע, אָבער ניט גענוי אין דער יידישער [אין ענגליש יידיש, געמיינט: יידיש־שפּראַכלעכער — א.ג.] טראַדיציע.

און כדי עס זאָל ניט בלייבן קיין שום ספק וועגן דעם וואָס ער איז אויסן, גיט ער צו:

> די יידיש טראַדיציע, כפי דעתי, איז אַ טראַדיציע פון סענטימענטאַלישקייט און סאָציאַלער גערעכטיקייט. דאָס זיינען די צוויי פילאַרן, אַזוי צו זאָגן, פון דעם סאָרט יידיש עמאָציעס. זיי [געמיינט: די יידישע שרייבער — א.ג.] זיינען אַלעמאָל פאַר דעם אונטערדריקטן, כסדר פאַר אים, און זיי זיינען אַלעמאָל סענטימענטאַל. ווען איך האָב אָנגעהויבן שרייבן, האָב איך גלייך דערשפּירט, אַז אַזאַ מין טראַדיציע איז ניט אין מיין כאַראַקטער. איך בין בטבע ניט קיין סענטימענטאַלער מענטש. און מיט סענטימענטאַל מיין איך בפּועל ממש סענטימענטאַל. לאָמיר עס אָנרופן מיטן אמתן נאָמען — שמאַלץ. עס ליגט אויך ניט אין מיין טבע זיך צו ראַנגלען פאַר סאָציאַלן יושר, כאָטש איך בין פאַר סאָציאַלן יושר [...]

און כדי זיך איינגאַנצן אָפּצוגרענעצן פון דעם „יידישיזם", גיט באַשעוויס צו:

> דער יידישיזם איז שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן פון סאָציאַליזם. דער יידישיזם איז פאַקטיש זייער אַ יונגע באַוועגונג — ניט מער ווי אַ זיבעציק־אַכציק יאָר אַלט. די באַוועגונג איז באַאיינפלוסט געוואָרן פון קאַרל מאַרקסן און די אַלע אַנדערע, אַזוי גערופענע בעלי־טובות [...]

(באַשעוויס 1973)

דאָס איז, בקיצור, דער תמצית פון י. באַשעוויסעס פּאָסטולאַטן. פון זיי דרינגען אַרויס די תוכיקע קאָמפּאָנענטן און די אַלגעמיינע סכעמע פון זיין געדאַנקען־גאַנג בשייכות מיט דער יידישער ליטעראַטור:

(א) די יידישע ליטעראַטור, מיטן אויסנאַם פון באַשעוויס־זינגער, איז ניט פאַרבונדן מיט דעם אַלגעמיין פאָלקישער יידישער („דזשואיש") טראַדיציע.

(ב) די יידישע ליטעראַטור ליידט פון אַ געבורט־פעלער, פון וועלכער באַשעוויס האָט זיך באַפרייט: זי שטעלט זיך איין פאַר דעם אונטערדריקטן און זי זוכט סאָציאַלע גערעכטיקייט.

(ג) ווי אַ רעזולטאַט פון דעם איז די ליטעראַטור אַ סענטימענטאַלע, אַן איינגעטונקענע אין „שמאַלץ".

עס איז כדאַי צו פּרואוון (בפירוש ניט אין דעטאַל, מחמת דאָס וואָלט געמיינט זיך רייסן אין אַן אָפענער טיר, וואָס איז געבליבן אַ פאַרמאַכטע בלויז פאַר באַשעוויסן) אַנאַליזירן די עטלעכע איינווענדונגען, „געבורט־דעפעקטן", וואָס באַשעוויס געפינט אין דער יידישער ליטעראַטור.

(א) י. באַשעוויס־זינגער דערקלערט זיך ווי דער איינציקער וואָס האָט זיך באַפרייט פון דער מאָדערנער יידיש־יידישער ליטעראַטור טראַדיציע און האָט אַריבערגעשפּאַנט דעם איצט און ציט זיין יניקה פון דער ביבל, דעם תלמוד און, בעיקר, פון דער קבלה. די אימפּליקאַציע דאַרף זיין, אַז די יידישע ליטעראַטור איז — ווי וועגנוס פון שוים פון ים, אָדער ווי פּרץ זאָגט עס „וועגנוס שפּרינגט אַרויס פון פּיאַנע" — געבוירן געוואָרן פון זיך אַליין, אָן טראַדיציע און אָן פעדעם מיט דער פריערדיקער יצירה פון פאָלק.

לעכערלעך. די יידישע ליטעראַטור איז איינגעטונקען אין די טויזנטער־יאָריקער שעפערישקייט פון פאָלק, ביזן סאַמע אָנהייב פון דער אומה. די פעדעם ציען זיך צוריק ביזן תנך, ביזן תלמוד, ביז דער קבלה, ביז די אוראַלטע לעגענדעס פון פאָלק, דורך דעם מיטלעלטער, ביז חסידות, ביז דער השכלה. ווי שטאַרק די יידישע ליטעראַטור איז פאַרבונדן מיטן איצט, מיט דער יידישער מאָדערניטעט איז זי אָנגעלאָדן מיט טראַדיציע, מיט נוסח, טראָגט אויף זיך דעם עול פון דורות — ניט ווי אַ משא, נאָר ווי אַ פאַרבינד־שנור — און באַטראַכט זיך ווי דער המשך פון אַלץ וואָס דאָס פאָלק האָט פריער געשאַפן. הייסט עס: אַלץ וואָס איז י י ד י ש איז ב ט ב ע און בגעשיכטע קנאָכיק־תוכיק ד ז ש ו א י ש.

ניט שייך געבן דוגמאות און דערמאָנען איינעם אָדער אַ צווייטן, אָדער אַ צענטן פון אונדזערע וואָרטשאַפער.

(ב) דער חטא פון איינשטעלן זיך פאַר דעם אונטערדריקטן און זוכן סאָציאַלן יושר. דאָ איז באַשעוויס איינגאַנצן גערעכט, אמנם חטאה — זי האָט בפירוש געזינדיקט, די יידישע ליטעראַטור, און באַשעוויס האָט זייער לייכט געקאָנט אָנהענגען דעם זעלבן חטא אויף דער גאַנצער וועלט ליטעראַטור, ניט בלויז אויף דער יידישער. בדרך כלל, אין גאַנג פון די דורות, זיינען ס'רוב גרויסע קינסטלער פון דער וועלט אַלעמאָל געווען אויפן צד פון דעם אָרעמען מענטשן און זיך איינגעשטעלט פאַר אים.

אין דער־אָ ניט־שיינער טראַדיציע איז שולדיק ניט קיין אַנדערער, ווי דער זיידע מענדעלע אַליין (און אַ ביסל אויך די משכילים פאַר אים, און אַ ביסל די נביאים פאַר זיי). מענדעלע האָט מיט אָט דער חולאת אָנגעשטעקט פּרצן און שלום־עליכמען און נאָך דעם האָט זיך דער צווייטער דור אָנגענומען פון די ערשטע — אברהם רייזען און דוד בערגעלסאָן, און די „יונגע" אין אַמעריקע — משה־לייב האַלפערן און יוסף אָפּאַטאָשו און ה. לייוויק, און א. ראַבאָי, וגם די ערשטע פּראָלעטאַרישע שרייבער און די סאָוועטישע און די „אינזיכיסטן" מיט גלאַטשטיינען בראש, אַפילו באַשעוויס־זינגערס עלטערער ברודער י. י. זינגער — אַן אמתער אונטערגאַנג, אַן עפּידעמיע פון סאָציאַלן יושר האָט אַרומגעכאַפּט אַ ליטעראַטור פון עטלעכע דורות. צו דער עדה (און זי נעמט אַרום דעם רוב מנין פון דער יידישער ליטעראַטור!) קאָן מען באַשעוויסן, ווייזט אויס, ניט צורעכענען.

דעם פּסק־דין אויף אים האָט אַרויסגעטראָגן, מיט קנאַפּע 120 יאָר צוריק, נאָך דער זיידע מענדעלע, דער אַרצי־„טראָבל"־מאַכער פון סאָציאַלן יושריזם אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. אמר ר' מענדעלע, האָט דער אַלטער מוכר ספרים אַזוי געזאָגט, אין זיין עין משפּט:

> [...] אַ פאָלק און זיין ליטעראַטור פאַרבינדן זיך אינאיינעם צו זיין סיי אַ ווירקונג, סיי באַווירקט, און זייענדיק אַ רעזולטאַט, ווערט די ליטעראַטור אויך צוריק אַ ווירקנדיקער פאַקטאָר, און דערין ליגט איר קראַפט, פון זיך אַליין צו ווערן אַ נויטווענדיקייט און איינגנס פונעם גאַנצן פאָלק. אָבער אַ ליטעראַטור, וואָס האָט ניט קיין שייכות צום פאָלק און צו זיין נויט און וואָס ווערט פון דעם ניט באַווירקט — קאָן אויך קיינעם ניט באַווירקן. זי איז איבעריק אינעם לעבן. דאָס פאָלק חידושט זיך, וואָס אַזאַ ליטעראַטור איז נאָך פאַראַן, און פרעגט: צו וואָס איז זי, וואָס וויל זי, וואָסער הילף ברענגט זי? — וואָס טוט אויף און וואָס נוצט אַזאַ שרייבער? וואָס טויג אַזאַ סטיליסט, און די דאָזיקע שרייבער ווערן צעטומלט און ווייסן ניט צו ענטפערן עפּעס רעכטס.

און גיי פּאַס אַריין באַשעוויסן אין אָט דעם סאָציאַלן־יושר־סדום־בעטל, וואָס אַן אַלטמאָדישער ייד האָט אויסגעמייסטערעוועט פאַר אַ ליטעראַטור.

קומען מיר צו דעם פּונקט —

(ג) — די מעשה מיט סענטימענטאַליזם, און דער עיקר מיט דעם חנעוודיקן שמאַלץ־שילדל וואָס באַשעוויס הענגט אָן דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור:

יצחק לייבוש פּרץ, שלום־עליכם און די אַלע גרויסע בעלי־רחמים, וואָס האָבן געשאַפן די יידישע ליטעראַטור אין משך פון לעצטן יאָרהונדערט, זיינען דאָס געווען די „שמאַלץ סוחרים"? משה־לייב האַלפערן, און י.י. זינגער האָבן געהאַנדלט מיט ביליקן סענטימענטאַליזם און שמאַלציקע עמאָציעס?

וואָס מיינט דאָס אַלץ? אָדער ניט פאַרשטיין די יידישע ליטעראַטור, אָדער — וואָס איז נאָך ערגער — סתם זי מבזה זיין! (אגב: באַשעוויס האָט דאָס שוין איינמאָל פריער געטאָן — דאַכט זיך אין אַ בריוו אין דער ניו־יאָרק טיימז — וואו ער באַצייכנט שלום־עליכמען שיער ניט ווי אַ מין פרימיטיוון פאָלקס־שרייבער — אַשטייגער: אַ יידישע גרענדמאַ מאָזעס — מחמת יענער האָט זיך כסדר געווענדט צום לייענער און אים אַדרעסירט: „ליבער לעזער" — „דיר רידער" — בעת ער, באַשעוויס, זעט ניט פאַר זיך דעם לייענער ביים שרייבן).

פון דעם ערשטן זאָג פון זיידן מענדעלע, בעת ער איז אַריבערגעגאַנגען פון העברעאיש צו יידיש — „ארחם את יהודית", איך וועל זיך דערבאַרעמען אויף יידיש (מיר טייטשן יהודית, מיט אַ כיוון, אי ווי דאָס פאָלק און אי ווי דאָס לשון), איז דער טאָן פון דערבאַרעמונג, פון רחמים, געבליבן דער גרונט־מאָטיוו פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. אָבער רחמים איז ניט רחמנות און דערבאַרעמקייט מיינט בפירוש ניט סענטימענטאַליזם, שוין אָפּגערעדט פון „שמאַלץ".

ניט דער סאָציאַלער באַוואוסטזיין, און ניט די אינטימקייט מיטן פאָלק און אַוודאי און אַוודאי ניט די סאָציאַלע סאַטירע, וואָס איז געווען אַ תוך־שטריך פון דער יידישער ליטעראַטור, האָבן דערלאָזט סענטימענטאַליזם. די יידישע ליטעראַטור, כמעט אָן אויסנאַם, וואָס האָט באַטראַכט ווי איר ציל דאָס אַריבערפירן דאָס פאָלק איבער היסטאָרישע שוועלן — פון איין עפּאָכע אין דער צווייטער, פון איין לאַנד אין דעם צווייטן — האָט זיך קיינמאָל ניט צוריקגעהאַלטן פון שאַרפער קריטיק אויפן חשבון פון פאָלק, זיין צוריקגעשטאַנענקייט און זיינע חסרונות. און יעדער בר־דעת ווייס, אַז קריטיק און סאַטירע שליסן אויטאָמאַטיש אויס סענטימענטאַלישקייט (פאַראַן אַזעלכע, און ניט בלויז אין ישראל, וואָס קאָנען עד־היום ניט מוחל זיין דעם זיידן מענדעלע זיין שאַרפע סאַטירע).

פאַראַן נאָך אַ שטריך אין באַשעוויס־זינגערס צוגאַנג צו ליטעראַטור, וואָס איז אויך קעגן דער טבע פון דער יידישער ליטעראַטור.

ער שטרייכט כסדר אונטער, אַז דער ציל פון ליטעראַטור איז צו אַמוזירן, צו פאַרשאַפן פאַרגעניגן. אין דעם פאָרווערטס, גלייך נאָכדעם ווי ער איז געוואָר געוואָרן, אַז ער האָט געוואונען דעם נאָבעל־פּריז און דער רעפּאָרטער פון דער צייטונג, נאָך אַ צאָל אַנדערע פראַגעס, פרעגט אים וואָס ער וועט לערנען זיינע סטודענטן אין דעם קורס פון „קרעאַטיוו שרייבן" אין מיאַמי אוניווערסיטעט, ענטפערט באַשעוויס:

> איך וועל זיי זאָגן דאָס, וואָס אַנדערע פּראָפעסאָרן זאָגן נישט, אַז די הויפּט־אויפגאַבע פון ליטעראַטור איז צו פאַרשאַפן דעם לייענער פאַרגעניגן. איך גלייב נישט, אַז שרייבער דאַרפן דערפירן דעם לייענער ער זאָל זיך פילן שולדיק. די שרייבער פון ניינצנטן יאָרהונדערט זיינען געווען גערעכט, וואָס זיי האָבן זיך באַמיט צו פאַרוויילן די לייענער, אַזוי ווי טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי, גאָגאָל און פלאָבער.
> (באַשעוויס 1978ג)

טשיקאַווע ביז גאָר ווען באַשעוויס איז כולל אין דעם קרייז פון שרייבער־אַמוזירער — טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי, פלאָבער, גאָגאָל.

זיין נאָבעל־לעקציע, געהאַלטן אין דער שוועדישער אַקאַדעמיע אין דעצעמבער 1978, הייבט באַשעוויס אָן מיט די ווערטער:

> דער דערציילער פון אונדזער צייט, ווי פון אַלע צייטן, מוז זיין און פאַרבלייבן אַ פאַרוויילער אין בעסטן זין פון וואָרט, ניט אַ פאַרשפּרייטער פון פּאָליטישע אָדער סאָציאַלע אידעאַלן. ס'איז ניטאָ קיין גן־עדן פאַר פאַרלאַנגווייליקטע לייענער און קיין שום פאַרענטפערונג פאַר ליטעראַטור וואָס אינטערעסירט ניט דעם לייענער, דערהייבט ניט זיין געמיט, גיט אים ניט די פרייד און די פ אַ ר ג ע ס ו נ ג [אונדזער קורסיוו] וואָס וואָרע קונסט איז [...]

ווידעראַמאָל — פאַרוויילער און דער וואָס העלפט פאַרגעסן — און דאָס אַלץ אין אַ ליטעראַטור ביי וועלכער תיקון־עולם און גאולה גייען דורך ווי אירע סאַמע בולטסטע סימנים.

די נאָרוואָס דערמאָנטע ווערטער זיינען געזאָגט געוואָרן אין 1978. לאָמיר אַנטקעגנשטעלן באַשעוויסעס רייד אַ קליינעם ציטאַט, אויך פון אַ נאָבעל־פּריז געווינער, און אויך אַ ייד, כאָטש ער שרייבט ניט אין יידיש, מיט צוויי יאָר פריער, אין 1976:

> עס זיינען געווען אייראָפּעאישע שרייבער אין ניינצנטן יאָרהונדערט, וואָס וואָלטן קיינמאָל ניט אויפגעגעבן די שייכות צווישן ליטעראַטור און דעם מענטשנס שטרעבן צו טאָן. דער בלויזער געדאַנק וואָלט שאָקירט טאָלסטאָיען און דאָסטאָיעווסקין.

און קריטיקירנדיק די מאָדערנע ליטעראַטור, זאָגט ער:

> אָבער אין מערב איז פאָרגעקומען אַ פונאַנדערשייד

צווישן גרויסע קינסטלער און דעם אַלגעמיינעם לייענער־עולם. זיי (די שרייבער) האָבן אַנטוויקלט אַ קענטיקן ביטול צום דורכשניטלעכן לייענער. [זיי האָבן געליטן פון] אַ באַשטימטער טראַגישער שוואַכקייט וואָס האָט ניט דערלאָזט, אַז זיי זאָלן זיין אי פשוט און אי אמתדיק.

און ער פאַרענדיקט, סאָל בעלאָ:

דאָס אַלץ ברענגט מיך צום באַנייטן גלויבן, אַז דאָס גוטע צו וועלכן מיר קלאַמערן זיך אַזוי פאַרעקשנט — אין פנים פון רשעות, אַזוי איינגעשפּאַרט — איז ניט קיין אילוזיע.

דאַכט זיך, ס׳איז גאָרניט שווער צו משפטן ווער פון די צוויי נאָבעל־פּריז געווינער איז נעענטער צום גייסט פון הומאַניזם פון דער גרויסער יידישער ליטעראַטור, וואָס איז געשאַפן געוואָרן במשך די לעצטע הונדערט יאָר — דער אַמעריקאַנער יידישער שרייבער, וואָס שרייבט אין ענגליש, סאָל בעלאָ, צי יצחק באַשעוויס־זינגער, וואָס שרייבט אין יידיש?

# ביבליאָגראַפיע


באַשעוויס־זינגער, יצחק

1966 Isaac Bashevis Singer, *Old Love:* New York.

1973 [אינטערוויו מיט י. באַשעוויס־זינגער אין דער] ניו־יאָרק טיימז, 19טן אויגוסט.

1978א *A Young Man in Search of Love:* New York.

1978ב *Shosha:* New York.

1978ג [אינטערוויו מיט י. באַשעוויס־זינגער אין] פאָרווערטס, 6טן אָקטאָבער.

האַו, אוירווינג

1969 Irving Howe, “I. B. Singer” in Irving Malin (ed.), *Critical Views of Isaac Bashevis Singer*, New York University Press: New York.

טאַבאַטשניק, א.

1965 דיכטער און דיכטונג: ניו־יאָרק.

ניגער, ש.

1936 מענדעלע מוכר ספרים. זיין לעבן, זיינע געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַרישע אויפטואונגען, פאַרלאַג ל. מ. שטיין: זיקאַגאָ.

1964 דערציילערס און ראָמאַניסטן, צוויי בענד, ציקאָ: ניו־יאָרק.

1973 יידישע שרייבער פון 20טן יאָרהונדערט, צוויי בענד, יידישער קולטור קאָנגרעס: ניו־יאָרק.

סוצקעווער, אברהם

1945 די פעסטונג. לידער און פּאָעמעס, איקוף: ניו־יאָרק.

# קבלה עלעמענטן אַלס פּאָעטישע סיסטעם אין באַשעוויסעס דער שוחט

פון
אריאלה קראַסני
(רמת גן)

I

## די פּאָעטישע סיסטעם

קבלה איז געווען אַ צענטראַלער, גייסטיקער קוואַל אין דער יידישער טראַדיציע. עס איז ריכטיק, אַז באַשעוויס איז ניט געווען קיין שומר מצוות און האָט געלעבט לויט זיין אייגענער בחירה. ער איז אָבער אַ גאַנץ לעבן געבליבן פאַרבונדן מיט די יידישע מקורות. באַשעוויסעס עסטעטיק איז געווען באַאיינפלוסט דורכן אייראָפּעאישן גאַנג טראַכטן און אייראָפּעאישער קונסט. די פּאָעטיק פון זיין קונסט איז אָבער פּאָרט זייער נאָענט צו דער מעטאָדאָלאָגיע פון דער קבלה.

עס איז דאָ ביי באַשעוויסן אַ שלל מיט קבלה עלעמענטן, וואָס בויען אַ גאַנצע סיסטעם. דאָס הייסט זיכער ניט, אַז ער האָט אָנגענומען דעם באַדייט פון די דאָזיקע עלעמענטן. די קבלה באַגריפן אין זיין שאַפונג ווערן מגולגל, קען מען זאָגן, אין פאַרשיידענע פאָרמען. זיי וועבן סיי ווי סיי אויס אַ געוועב וואָס האָט אין זיך אַ בת־קול פונעם גייסט פון קאַבאַליסטישע אידייען.

באַשעוויס ווייזט אָן בפירוש אויף דער לוריאַנישער קבלה, ווען ער שילדערט זיין עסטעטיק: אומענדלעכער גאָט האָט זיך געדאַרפט באַגרענעצן אויף צו שאַפן די וועלט. אָטאָ דער צימצום איז אַ קוואַל פון שעפערישקייט ניט נאָר ביי גאָט, נאָר אויך ביי דעם מענטשן (באַשעוויס 1970). אַזוי ווי דער רבונו של עולם און אַלץ וואָס ער באַשאַפט שטרעבן צו שלימות, אַזוי אויך שטרעבט דער קינסטלער צו שאַפן גרויסע, שלימותדיקע ווערק.

לויט באַשעוויסן איז די לוריאַנישע קבלה געווען אַן אויסגאַנג־פונקט פאַר זיינע ווערק און אַן אינספּיראַציע צו זיין פּאָעטישן וועג. זיין ליטעראַרישן וועג קען מען שילדערן אָט אַזוי אָ: אַראָפּצוגיין אין סאַמע תוך פון דער טומאה און דערהייבן די ניצוצות צו זייער געטלעכן מקור, ווייל יעדע עבירה קען פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מצווה, יעדע אַראָפּפאַלונג איז אַ שטאַפּל צו לייטערונג. דאָס הייסט, אַז אין זיינע ווערק זוכט באַשעוויס די קדושה, וואָס פאַלט אַראָפּ צווישן די קליפּות. קדושה קאָן מען ניט דערגרייכן, זאָגט ער. מ׳קאָן זען די ניצוצות פון ליכט בעסער און ליכטיקער, ווען די שאָטנס זיינען טונקעלער און טיפער. די קליפּות און דער שטן נערן זיין שעפערישקייט און פאָרמירן זיין פילאָזאָפיע אין שייכות מיטן גורל פונעם מענטשן. באַשעוויס נוצט אויס דעם אוצר פון די גלייבענישן, וואָס האָבן זיך איינגעוואָרצלט במשך פון דורות ביי יידן און זיינען פאַרבונדן מיט גורל, יושר און שכר ועונש (ברתיני 1969: 113-114).

II

## דער שוחט

אין דער דערציילונג דער שוחט ווערט פאָרגעשטעלט אַ טראַגישער פּראָצעס וועלכער קומט פאָר מיט אַ העלד, וואָס שטרעבט צו די העכערע רוחניותדיקע וועלטן, אָבער פאַלט אַראָפּ אין דער וועלט פון דעמאָנישע כוחות. דער פּראָצעס דריקט זיך אויס דורך איבערלעבונגען פונעם העלד גופא, דעם שוחט. מיט דער

אַנטוויקלונג פון דער דערציילונג טוט דער שוחט אוים איין געשטאַלט און טוט אָן אַ נייע. דורך די שטאַפּלען פון דער אַנטוויקלונג צעשפּרייט באַשעוויס דעם העלדס „אני מאמין".

דער דערציילער פון דער שוחט עקזיסטירט אויסער דער דערציילערישער וועלט. דאָס גיט אים אַ מעגלעכקייט צו וויסן, וואָס אַנדערע קאָנען ניט וויסן. ער ווייסט, וואָס זיינע העלדן מיינען, ווי זיי פילן און אויך וואָס ס'וועט זיין אין דער צוקונפט. ער קאָן באַשטימען ווער עס וועט דערציילן זיין סיפור־המעשה, און ער קאָן זיך אַריינמישן אין מיטן — ער איז דער באַשעפער פון זיין שאַפונג (אבן 1978: 65).

יונה־מאיר ווערט אַ שוחט, כאָטש ער שטעלט זיך דערמיט אַנטקעגן מיט זיין געמיט. צוליב זיין מילדקייט שטעלט ער זיך ניט קעגן די, וואָס רעדן אים איין אויף אָנצונעמען די שטעלע, און גיט זיך אונטער. ער קאָן ניט צוגעוואוינט ווערן צו דער שחיטה און גייט אַריין אין אַ גהינום פון ליידן, וואָס ווערט ערגער און ערגער. עס קריסטאַליזירט זיך אַ קאָנפליקט צווישן דעם מענטשן און זיין גאָט, צווישן דעם מענטשן און דעם סדר־עולם, וואָס גאָט האָט באַשאַפן. דער שוחט עקזיסטירט צווישן צוויי וועלטן. ער לעבט אויף אַ פיזישן אופן אין דער רעאַליסטישער וועלט, אָבער זיין גאַנצער מהות עקזיסטירט אין דער פאַרבאָרגענער וועלט. דער שוחט איז באַהערשט דורך קעגנזועצלעכע עקסטרעמע כוחות. ער איז פאָרגעשטעלט אין דעם אָנהייב ווי אַן עקסטרעמע געשטאַלט וועלכע:

> [...] האָט געהאַט אַ נאָמען מיט זיין פרומקייט [...] אָנגעהויבן פאַסטן תעניתים און אויפשטיין צו חצות [...] גענומען אויף זיך נייע חומראס [...]
>
> (באַשעוויס 1971: 28)

דער שוחט באַוועגט זיך צווישן צוויי וועלטן — דער געטלעכער און דער דעמאָנישער. פון איין זייט שטרעבט ער צו דערגרייכן די רוחניותדיקע האַרמאָניע און וויל זיך דערווייטערן פון דעם עולם המעשה, אָבער פון דער צווייטער זייט ציען אים די דעמאָנישע כוחות אין תהום פון די קליפּות, פון דעם חטא, פון דער כפירה.

באַשעוויס וואַרפט אַריין דעם שוחט, זיין אַנטי־העלד, אין תהום פון דער נישט־וועלט. ער שוועבט איבער דעם תהו־ובהו און ווערט געיאָגט פון שלעכטע כוחות, פון די אָפּשטאַמלינגען פון קבלה פאָלקלאָר, וועלכער ציט זיך נאָך פון ערבֿ־יצירה (מאַרק 1971: 200-196).

יונה־מאיר איז אַ העלד, וואָס קאָן זיך ניט צוגעוואוינען צום סדר, וואָס איז פאַראַן אינעם עולם המעשה. ער קאָן ניט אָננעמען, וואָס דער רבי זאָגט, אַז

> ווען מ'שעכט אַ בהמה . . . איז מען מתקן דאָס נפש וואָס זיצט אין איר.
>
> (בעשעוויס 1971: 28)

ער קאָן ניט אָננעמען דעם דאָזיקן אַנטראָ־פּאָצענטרישן סדר, וואו דער מענטש איז אַוועקגעשטעלט אין צענטער, און אַלץ אַרום אים, די גאַנצע בריאה, דאַרף אים באַדינען. דאָס הייסט, אַז ער קאָן ניט אָננעמען דעם דאָזיקן סדר, וואָס איז דער יידישער, טראַדיציאָנעלער, הלכהשער סדר.

באַשעוויס שילדערט זיין העלד מיט זייער ווייניק פּרטים:

> [...] אַ קליינוואוקסיקער, אַ דאַרער, מיט אַ בלאַס פנים, אַ פּיצעלע געל בערדעלע [...] אַ קרומער נאָז [...] מיט געלע דערשראָקענע אויגן [...]
>
> (ז. 28)

אָבער עס ווערט פאָרגעשטעלט אַ פּלאַסטיש בילד פון אַ שטענדיקן דערשראָקענעם העלד. דער מחבר נוצט נאָר איין קאָליר — אַ געל בערדעלע און געלע דערשראָקענע אויגן, וואָס אַקצענטירט די בלאַסקייט און שוואַכקייט פונעם העלד. זיין ווייב זאָגט בפירוש, אַז יונה מאיר איז:

> נישט־פון־דער־וועלט [...] ער רעדט נישט אוים צו איר קיין וואָרט, קוקט נישט אויף איר [...] געקומען צו איר [...] איין מאָל אין חודש.
>
> (ז. 28)

עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר באַשעוויסן זיך צו באַציען צום געשלעכט ווי צו אַ מאָדעל פון אויפפירונג. יונה־מאיר פירט זיך ניט אויף אויף אַ נאָרמאַלן אופן. אין דעם טאָגטעגלעכן לעבן פירט ער סיגופים און תעניתים, און אין די מאַן־און־ווייב באַציאונגען באַהערשט אים ניט קיין יצר־הרע. די דאָזיקע עלעמענטן ווייזן אָן, אַז עס עקזיסטירן אין אים, ווי מיר האָבן שוין באַצייכנט, פאַרבאָרגענע טענדענצן פון אויפשטאַנד.

יונה־מאיר איז אַ געשטאַלט, וואָס זיין גאַנצער מהות שטרעבט צו רוחניותדיקע וועלטן. כל־זמן ער בלייבט אויפן וועג צו רוחניות, נעמט ער אָן אַלע קאָנווענציעס — געזעלשאַפטלעכע און רעליגיעזע — און איז ווייט פון דעם עולם המעשה, וואָס אינטערעסירט אים ניט:

> ווי לאַנג ער איז נישט געווען קיין שוחט, פלעגט ער זעלטן בלייבן אין שטוב. ער האָט רעכט נישט געוואוסט וואָס ס'טוט זיך דאָרט.

(ז. 33)

דעם מחברס פּאָעטישער גאַנג קאָנצענטרירט זיך אַרום קעגנזאַצן, וואָס דריקן זיך אויס דורך פאַרשיידענע מיטלען, למשל דורך יונה־מאירס פּאַסיווקייט פון איין זייט און דער אַקטיוויטעט פון די רבנים, שווער און ווייב פון דער אַנדערער זייט.

די צענטראַלע צוויי פּאַראַלעלע שטריכן אין דער דערציילונג זיינען די רוחניות פון איין זייט און די גשמיות פון דער אַנדערער זייט. זיי באַגלייטן דעם העלד במשך פון דעם גאַנצן ספּור־המעשה. די רוחניות דערשטיקט אין אים די טענדענצן פון אויפשטאַנד, וועלכע זיינען פאַראַן אין אים, אָבער די גשמיות, וואָס רינגלט אים אַרום, איז גורם זייער אויסברוך אויף אַ געוואַלדיקן אופן.

שוין אינעם אָנהייב שילדערט באַשעוויס די דאָזיקע צוויי וועלטן דורך יונה־מאירן, אַ קליינוואוקסיקן און דאַרן, און זיין ווייב, אַ צעוואַקסענע אין דער ברייט. ער שטרעבט צו די העכערע וועלטן, צו דערגרייכן די געטלעכע האַרמאָניע. ער לערנט תורה, בלעטערט משנת חסידים, ספר היצירה און עץ החיים. און די ווייבער אַרום אים זיינען אינגאַנצן גשמיות:

> רייצע־דאָשע האָט געקאָכט יויכן אין ריזיקע טעפּ ווי קעסלען. אַליין אַ גרויסע, אַ דיקע, האָט זי געהאַט נאָך פינף שוועסטער, אַלע פאַרשוינען ווי זי [...] טעכטערלעך זענען, אַפּנים, אַריינגעראָטן אין דער מוטער.

(ז. 30)

דער מחבר שילדערט די גשמיות דורך דער שחיטה, אַזוי ווי יונה־מאיר זעט זי. פון דער מינוט, ווען ער האָט אָנגעהויבן צו שעכטן, האָט זיך פאַר אים געעפנט אַן אייגענער גהינום, וואָס פירט אים אַראָפּ אין תהום פון די קליפּות. ער איז אַ ניצוץ, וואָס איז געווען שייך צו דער גרויסער ליכט נאָך פאַר דער „שבירת כלים". באַשעוויס באַשרייבט דעם העלדס צוריקגאַנג פונעם עולם המעשה, דאָס הייסט, פון דער יידישער, קאָנווענציאָנעלער, טראַדיציאָנעלער טאָגטעגלעכער וועלט — פון אויסן — אין אַן אינערלעכער, פערזענלעכער, פאַרבאָרגענער וועלט. פון דער גשמיות, וואָס די משפחה און די געזעלשאַפטלעכקייט סימבאָליזירן — צו דער אינערלעכקייט, וואָס סימבאָליזירט די גשמיות פון דעם „איך".

די שחיטה ציט אים אַריין אין אַ נעץ, וואָס ער קאָן זיך ניט באַפרייען פון איר. די שחיטה סימבאָליזירט די גשמיות, וואָס פאַרמאַכט דעם וועג צו רוחניות. די גשמיות האָט אַפילו איר ספּעציפישן ריח:

> יונה־מאיר האָט געוואָלט אַנטלויפן פון דעם גשמיות אָבער די גשמיות איז אים נאָכגעלאָפן. אַ ריח פון שעכט־יאַטקע איז אַריין אין יונה־מאירן אין די נאָזלעכער, געבליבן דאָרט שטעקן.

(ז. 31)

אויך דורך די קולות קאָנען מיר פילן די גשמיות:

> ער האָט כסדר געהערט דאָס קוואַקעדיקע געשריי פון הינער, דאָס קרייען פון הענער, דאָס גאַדערן פון גענדז, דאָס געבריל פון אָקסן, דאָס מעקעניש און בעקעניש פון ציגן און קעלבער [...]

(ז. 30)

> רייצע־דאָשע האָט געשנאָרכט. פון מאָל צו מאָל האָבן די נאָזלעכער אירע אַרויסגעלאָזט אַ פייף. [...] די באַרוועסע פיס האָבן געפּאַטשט איבערן דיל. [...] זיי האָבן זיך געשושקעט האַלבע נעכט, געכיכעט.

(ז. 32)

די ריחות און די קולות סיי פון די ווייבער, סיי פון די עופות רודפן אים. ער פאַרשטייט, אַז זיין גוף ווערט מער און מער אַ מחיצה פון גשמיות. ער בענקט נאָך דער אייבערשטער וועלט, אָבער ער ווייסט, אַז זי האָט זיך דערווייטערט פון אים:

> טיילמאָל ביינאַכט איז יונה־מאיר צוגעגאַנגען צום פענצטער, אַרויפגעקוקט אין הימל [...] ערגעץ איבער דעם עולם העשייה, העכער פון די מזלות [...] יעדער צדיק האָט [...] געפלאָכטן קרוינען [...]

(ז. 31)

ער ווערט דערטרונקען אין דער גשמיות. שטיקער פון אברים וואַלגערן זיך אַרום אים. ווען ער קוילעט, זעט ער בלוט און שטיקער פלייש. אינדערהיים געפינט ער גראָבע ווייבער, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט פלייש — קאָכן, בראָטן, פּרעגלען, עסן; זיי זיינען צעוואַקסן און האָבן אַ ניט קיין גוטן ריח. ער פאַרשטייט, אַז די שחיטה טרייבט אים אַוועק פון דער רוחניות. אָפּלאָזן די שחיטה קאָן ער ניט, ווייל ער האָט ניט אין זיך גענוג כח פאַר אַזאַ אויפטו. ער פילט, אַז פון דער דאָזיקער נעץ איז פאַראַן נאָר איין וועג וואָס קען אים באַפרייען — דער טויט. דאָס איז דער איינציקער דרך צו די הויכע ספערן, וואו עס איז ניטאָ קיין שחיטה. ער פרואווט זיך פאַרגעסן, זיך אַריינטיפן אין דער תורה, אָבער עס קומען אים אויפן

גערדאַנק קשיות וועגן דעם טראַדיציאָנעלן סדר־עולם. דער שוחט נעמט ניט אָן דעם געטלעכן סדר־עולם, און דאָס איז פּאַקטיש אַן אויפשטאַנד קעגן גאָט. דאָס עפנט אים די טיר פון דער דעמאָנישער וועלט. אָנשטאָט דערנענטערן זיך צום געטלעכן מהות, צו דער געטלעכער האַרמאָניע, וואַלגערט ער זיך אַראָפּ צווישן די קליפּות, פּונקט ווי די ניצוצות זיינען אַריינגעפאַלן נאָך שבירת כלים, ווען גאָט האָט באַשאַפן דעם סדר־עולם פון תהו־ובהו. די גשמיותדיקע וועלט ווערט פאַר אים ענגער און ענגער. די קולות און ריחות לויפן נאָך אים און לאָזן אים ניט צורו. יונה־מאיר לויפט אַרויס פון הויז, ווען ער פילט, אַז ער ווערט דערשטיקט. ער פילט, אַז ער ווערט איינגעטונקען אין בלוט און אין כפירה:

איז ער טאַקע מתקן די נשמות, וואָס געפינען זיך אין די געשאָכטענע ווען ער שעכט זיי?

צי מעג מען קוילען אַ לעבעדיק באַשעפעניש כדי מתקן זיין אַ נשמה אַפילו פון אַ צדיק?

> ס'איז איינגעפאַלן יונה־מאירן, אַז אַפילו משיח קאָן נישט אויסלייזן די וועלט, ווי לאַנג ס'געשעט אומרעכט די בעלי־חיים.
>
> (ז. 37)

מיר זעען, אַז די שחיטה עפנט דעם העלד די טיר צו די דעמאָנישע כוחות וואָס זיינען פאַראַן אין אים, און זיי דריקן זיך אויס דורך צוויי ריכטונגען: אויפשטאַנד קעגן דעם סדר־עולם און משוגעת. די ביידע ריכטונגען פאַראייניקן זיך מיטן באַגער צו דערגרייכן די פאַרבאָרגענע וועלט. דער דאָזיקער באַגער ווערט ניט רעאַליזירט, און אָנשטאָט דעם פאַלט יונה־מאיר אַראָפּ צווישן די קליפּות.

דאָס משוגעת שפּיגלט זיך אָפּ ווי אַן איבעררוק פון דער נאָרמאַלער, טאָגטעגלעכער אויפפירונג אין אַ וועלט, וואָס האָט אַן אַנדערן סדר און געזעץ. יונה־מאיר דאַרף מער ניט עסן. וואָס ער חלומט — מישט זיך אַריין אין דער קאָנקרעטער וועלט. די חלומות ווערן מער און מער דעמאָנישע. ער פילט, אַז ס'איז פאַרבליבן פאַר אים בלויז איין אָרט — דער וואַלד.

דער וואַלד סימבאָליזירט די ווילדע פרייהייט, וואָס איז ניט באַגרענעצט מיט קיין געזעצן, דעם תהו־ובהו, וואָס האָט עקזיסטירט פאַר דעם סדר־עולם. יונה־מאיר וואַרפט אַוועק פון זיך אַלץ וואָס סימבאָליזירט דעם דאָזיקן סדר. ער דאַרף מער ניט קיין תפילין, ווייל זיי סימבאָליזירן די הלכהשע געזעצן. די הינט, וואָס יאָגן אים נאָך מיט אַ בילעריי, סימבאָליזירן די דעמאָנישע וועלט.

> „כ'מאַך מיך משוגע", טראַכט ער, „אָבער דאָס אַליין איז אַ סימן פון אַ חסר דעה".

און דער מחבר באַמערקט:

> ער האָט געהאַט געעפנט אַ טירל אין די געהירן און דאָס משוגעת איז אַריינגעפלאָסן [...]
>
> (ז. 41)

יונה־מאיר ווערט, כלומרשט, אַ פרייער פויגל און זאָגט אַרויס אַלץ, וואָס ער האָט איינגעהאַלטן. זיין מסקנה איז, אַז די וועלט איז איינגעוואָרצלט אין בלוט, און דערפאַר איז זי אַ הפקרדיקע.

דער מחבר נוצט די זעלבע מיטלען צו שילדערן דעם מלגו־ומלבר: די פאַרבאָרגענע וועלט און די אויסערלעכע, די ווילדע פרייהייט:

> די לבנה האָט פאַרשפּרייט אַ לויטערקייט. די שטערן האָבן געבליצט [...] יעדער מיט זיין הימלישן סוד [...] וואָס נענטער צום כסא כבוד, אַלץ העלער די ליכטער, די לויטערקייטן [...]
>
> (ז. 31)

> יונה־מאיר איז אַרויס [...] דאָ איז אַלץ קיל און פריש [...] אין הימל פינקלען די מיטנאַכטיקע שטערן [...]
>
> (ז. 36)

באַשעוויסעס נוסח פון שרייבן איז אַ בצימצומדיקער און אַ קלאָרער. די געשטאַלטן זיינען לעבעדיקע. יעדע באַוועגונג פון זיי שפּיגלט אָפּ זייער פּערזענלעכקייט. דעם סיפּור־המעשה באַוועגט אַ שפּאַנונג במשך דער גאַנצער דערציילונג (שולמאַן 1983: 96-100).

אין דער שוחט זיינען כמעט ניטאָ קיין דיאַלאָגן, אָבער יעדער אַרויסזאָג איז פאַרפלאָכטן אין דעם דערציילערס רייד:

> דאָס ווייב [...] האָט זיך געקלאָגט פאַר דער מאַמען, אַז ער רעדט נישט [...] קוקט נישט [...]
>
> (ז. 45)

# ביבליאָגראַפֿיע


אבן, יוסף

1978 מילון מונחי הספרות: ירושלים.

באַשעוויס, יצחק

1970 „אני מאמין של י. בשבים־זינגר״ אין מעריב, 6טן אָקטאָבער.

1971 מעשיות פון הינטערן אויוון: תל אביב.

ברתיני, ק.א.

1969 „דברים על י. בשבים־זינגר״ אין מאזנים, 3. 29: 113-114.

מאַרק, פייגל

1971 „פון יצחק באַשעוויסעס וועלט״ אין די גאָלדענע קייט 74: 196-200.

שולמאַן, א.

1983 „די ערשטע צען יאָר פון י.ב. זינגערס שאַפונג״ אין די צוקונפט 89: 7-8.

# געשיכטע פון יידיש

# גיט(ע)לים, גיטלינ(ס) און גיטליץ: ייִדישע פאַמיליע נעמען און מאָרפאָלאָגישע רעקאָנסטרוקציע

פון

דוב־בער קערלער

(אָקספאָרד)

ס'אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד, אַז אַ היפש ביסל פאַמיליע נעמען זײַנען געבויט אויף דעם ייִדישן נאָמען פון אַ פרוי. אַפילו ווען מ'גיט אַ קוק נאָר אויף די נעמען פון די מאָדערנע ייִדישע שרײַבער, קינסטלער און פאָרשער שווימען גלײַך אויף אַזעלכע טעכניש גערעדט מאַטראָנימען אָדער כמו־מאַטראָנימען ווי: באַסין, בײַלין, בײַלים, ברכות (=בראָכעס), גיטליץ, דאָבין, דאָברושין, זעלדין, זוסקין, יודיצקי, כוואָלי(ע)ס, ליבין, מײַטלים, מלכּין (=מאַלקין), מינקאָוו, סאָסים, סורקים, סלאָוועס, ענטין, פרומקין, צײַטלין, ראָכמאַן, ראָסין, ראַסקין, ריוועס, ריווקין, רײַזען, שיפרים און נאָך און נאָך. אין אָט דער גרופּע נעמען טײלן זיך באַזונדער אויס די יעניקע וואָס מאָרפאָלאָגיש ווערן זיי געבויט לויט די פאָלגנדיקע צוויי מוסטערן: {נאָמען ‎+əs} (אָדער {נאָמען ‎+is}) און {נאָמען ‎+in} (אָדער {נאָמען ‎+ən}). שוין פאַרדערפאַר האָבן אַפּנים אַזעלכע פֿען־נעמען ווי באַשעווים און לײַעלעס געקלונגען נאַטירלעך גלײַך מיט זײער באַווײַזן זיך אויף דער ליטעראַרישער ייִדישער גאַס.

דאָ ווײַטער ווערט פאָרגעלײגט: (§I) אַ קורצער אַרײַנפיר צום ענין משפּחה נעמען וואָס שטאַמען פון ייִדישע מאַטראָנימען ווי אויך אַ ביסל וועגן פאַטראָנימען (ד.ה. יענע פאַמיליע נעמען וואָס זײַנען געבויט אויף אַ מאַנצבילשן נאָמען); (§II) אַן אַרײַנבליק אין דער טשיקאַווער, הגם ווײַט ניט קײן אַבסאָלוטער, מאָרפאָלאָגישער דיפערענצירונג צווישן ייִדישע מאַטראָנימען און פאַטראָנימען; (§III) אַ מעגלעכע רעקאָנסטרוקציע פון דעם אַנטוויקלונג פּראָצעס און פון די קאָרעלאַציעס צווישן צוויי פון די סאַמע אָנזעעוודיקע טיפּן מאַטראָנימען. צום סוף, אויפן סמך פון דער רעקאָנסט־רוקציע, ווערט פאָרגעשלאָגן אַ מעגלעכע אויפקלערונג פון דער עטימאָלאָגיע פון אײניקע ייִדישע משפּחה נעמען (§IV). די פאַמיליעס וואָס ווערן באַהאַנדלט אינעם איצטיקן אַרטיקל (זע אויך דעם צוגאָב בײַם סוף), אַחוץ די וואָס זײַנען גוט באַקאַנט מיר פּערזענלעך, זײַנען אויפגעזוכט געוואָרן אין די פאָלגנדיקע קוועלן: ווײסענבערג 1929, אונבעגאַון 1972, האַנקס און האָדזשעס 1988. אַ היפש ביסל שײַכותדיקע מאַטראָנימען זײַנען אויסגעזוכט געוואָרן אין די טעלעפאָן ביכער פון תל אביב, ירושלים און חיפה, אין §**III** ווערן זײ ציטירט אויך לויט זײער אויסלײג אין עברית.

## I

ווײסענבערג (1929: 333-335), אונבעגאַון (1972: 342-344) ווי אויך פריבלודע (1987: 31-34) האָבן באַזונדער אויסגעטײלט און באַשריבן די גרופּע מאַטראָנימישע פאַמיליע נעמען, און אַלטבאַוער (1958: 355-360) האָט באַהאַנדלט די אײגנטלעכע מאַטראָנימען (ד.ה. צונעמען) פון וועלכע ס'האָבן זיך אַנטוויקלט אַזעלכע משפּחה נעמען (גאָר בצימצום וועגן דעם זע אויך קאַגאַנאָף 1977: 25-26). מע האָט שוין אויך אָנגעוויזן, אַז די ייִדישע מאַטראָנימען פאַר משפּחה נעמען זײַנען, לפּחות אינעם אײראָפּעאישן קאָנטעקסט, אַן „עטנאָגראַפישע אײגנאַרטיקײט פון די ייִדישע פאַמיליעס" (ווײסענבערג

1929: 333) און אַ „ספּעציפֿישע [יידישע - ד.ב.ק] דערשיינונג" (פּריבלודע 1987: 31-32, פֿגל. אונבעגאַון 1972: 342, טאָרפּוסמאַן 1986: 119, האַנקס און האָדזשעס 1988: xix). וואָס איז די סיבה דערפֿון וואָס דווקא ביי ייִדן האָט מען אַזויפֿיל מאַטראָנימען צווישן פֿאַמיליע נעמען, בלייבט נאָך אַלץ ניט אויסגעקלאָרט. כמעט אַלע ווייזן אויף אויף דער פֿרוים ראָליע ווי אַן אשת חיל וואָס האָט אי אָנגעפֿירט מיט דער שטוב באַלעבאַטישקייט אי געווען אָפּטמאָל די ברויטגעבערין אין דעם אַמאָליקן ייִדישן שטייגער (ווייסענבערג 1929: 334, פּריבלודע 1987: 32-33, אַלטבאַוער 1958: 358). לויט פּריבלודע (דאָרטן, ז. 33) איז עס אויך געווען פֿאַרבונדן מיט דעם וואָס אין די חסידישע קוויטלעך פֿלעגט מען אָנווייזן „פּלוני בן פּלונית" (פֿגל. אויך טאָרפּוסמאַן 1986: 119). בעסער פֿאַר אַלעמען האָט עס געפּרואווט פֿאַרענטפֿערן משה אַלטבאַוער, כאָטש ער אַליין, האָט מעשה לינגוויסט געהאַלטן, אַז אַ וואָסערע ניט איז דערקלערונג וואָלט געווען ווייניק וואָס וויכטיק פֿאַר שפּראַכפֿאָרשונג אָדער אַלגעמיינער אָנאָמאַסטיק. לויט אים איז דער חסידישער מינהג זיך צו באַנוצן מיט דער מוטערס נאָמען בכלל און בפרט אין די קוויטלעך, ווי אויך די מעשה פֿאַרוואָס מע האָט גערופֿן איינעם פֿון די גרונטלייגער פֿון חסידות — אריה לייב שרהס (1730-1791), זיינען אי אַ המשך אי אַ פֿאַרשטאַרקונג פֿונעם אַלטן ייִדישן רגילות צו ניצן מאַטראָנימען אינעם טאָגטעגלעכן לעבן (זע אַלטבאַוער 1958: 356-358), בשעת ווען ניט בלויז אין די חסידישע קוויטלעך נייערט בכלל ביים מאַכן אַ מי שברך פֿאַר אַ נויטבאַדערפֿטיקן גיט מען אָן דעם נאָמען פֿונעם פֿאַרשוינס מוטער (פֿגל. דאָרטן, ז. 357). לעצטנס, מיט דער באַוואָרעניש, אַז עס פֿעלן דערווייל וועלכע ניט איז סטאַטיסטישע אויספֿאָרשונגען אויף דעם געביט, האָבן האַנקס און האָדזשעס (1988: xix) פֿאָרגעלייגט די פֿאָלגנדיקע דערקלערונגען: (א) סיי פֿאַר, סיי בשעת און אויך נאָך דער תקופֿה פֿון [איינפֿירן ביי ייִדן] פֿאַמיליעס האָבן די אַשכנזישע ייִדן זיך אָפּטמאָל באַנוצט מיט צונעמען — פּאָסעסיוון פֿונעם נאָמען פֿון איינעם פֿון די עלטערן; (ב) אין אַנדערע פֿאַלן — מיט פּאָסעסיוון פֿון דער ווייבס נאָמען (ווי עסטערמאַן; אָדער אין געוויסע פֿאַלן אויפֿן שוויגערס נאָמען — פֿגל. טאַוויאָוו 1910: 326, זע אויך אונטן אין §III); (ג) די קינדער פֿון עגונות און אַלמנות האָבן געקערט אָננעמען [אָדער באַקומען] פֿאַמיליעס געבויטע אויף דער מאַמעס נאָמען.

ס'איז טשיקאַווע אַז ביי אַ טייל מזרח אייראָפּעאישע משכילים און זייערע „איניקלעך" איז אָט דער מנהג פֿון רופֿן זיך לויטן פֿרויס נאָמען אויסגעקומען צו זיין קרום און אומלייטיש. אַזוי אַשטייגער האָט ראָסקעס (1993: 27, 34) אויפֿגעוויזן אַז די „נעגאַטיווע" געשטאַלטן ווערן ביי אייזיק=מאיר דיק גערופֿן לויט דעם ווייבס נאָמען ווי למשל ר' טרייטל=ציפּע=יענטעס אין דער שרבן (ראָסקעס 1993: 27). שפּעטער געפֿינט מען אַז טאַוויאָוו האָט געהאַט תרעומות אויף דעם אַלטן שטייגער צו ניצן מאַטראָנימען (די „כנויים משונים" כלשונו) ביי די אַשכנזישע ייִדן. היות ווי זיין שטעלונג איז אַ בולטע און פֿאַרהעלטענישמעסיק פֿריע מאַניפֿעסטאַציע פֿון דער „שלילת הגלות" טענדענץ אין תחום פֿון פּריוואַטע און משפּחה נעמען, איז כדאַי דאָ צו ברענגען דעם גאַנצן פּאַראַגראַף אין וועלכן ער דערמאָנט אויך דריי גרויסע חכמי ישראל (אונטער=געשטראָכן אין אונדזער ציטאַט) וואָס האָבן זיך ניט געשעמט צו ווערן גערופֿן לויט אַ פֿרויס נאָמען:

> יהודי אשכנז ואחריהם יהודי פולין (שגם הם רובם מאשכנז) היו גדולים בתורה ובחסידות: הם היו מוסרים את נפשם על דתם בלי שום ישוב-הדעת; אבל הם לא נתנו כמעט שום ערך לסמנים עברים-לאומיים חיצוניים (כאשר עש[ו] אז אחיהם בארצות אחרות, וביחוד יהודי איטליה). הם היו מקלקלים את שמותיהם הפרטיים העבריים ונתנו להם צורה אשכנזית; ולבנותיהם היו קוראים כמעט רק שמות נכריים (על זה דברנו בארוכה במאמר „שמות היהודים" [זע טאַוויאָוו 1908: 316]). ולכינויים, לשמות לו[א]י, בחרו לרוב רק בשמות הערים והמחוזות שנתישבו בהם. אף יש שהיו מכנים איש על שם אמו או אישתו או גם חותנתו (המנהג הזה היה נפרץ ביחוד בפולין). לכן אנחנו מוצאים בין חכמי ישראל בפולין במאה הרביעית והחמישית בעלי-כינויים משונים כאלה: ר' דוד בלומיש ר' יואל סירקיש, ר' משה רבקה'ש (משמות הנשים: בלומה, סירקה-שרה, רבקה), ועוד הרבה. וברבות הימים היו כנויים כאלה לשמות-משפחה קבועים, עד היום הזה.
>
> (טאַוויאָוו 1910: 326)

[די אַשכנזישע ייִדן און נאָך [זייער שטייגער] אויך די פּוילישע (וואָס אויך זיי זיינען דאָס רוב פֿון אַשכנז) זיינען געווען גרויס אין תורה און אין חסידות: זיי פֿלעגן זיך מוסר נפֿש זיין פֿאַר זייער ייִדישקייט אָן קיין שום חשבונות; זיי האָבן, אָבער, כמעט ווי אין גאַנצן ניט געשעצט די אויסערלעכע העברעאיש=נאַציאָנאַלע סימבאָלן (להיפּוך צו זייערע ברידער אין אַנדערע לענדער און בפרט אין איטאַליע). זיי פֿלעגן פֿאַרדאַרבן זייערע העברעאישע פּריוואַט=נעמען און האָבן זיי איבערגעאַנדערשט אויף אַ דייטשישן [=אשכנזישן] שטייגער; און זייערע טעכטער פֿלעגן זיי אָנרופֿן כמעט אויסשליסלעך מיט פֿרעמדע נעמען (איבער דעם האָבן מיר גערעדט באריכות אין דעם אַרטיקל „די נעמען ביי ייִדן" [זע

טאַוויאָוו 1908: 316]). און פאַר אַ צונאָמען און אַ בײנאָמען האָבן זײ זיך אַמערסטן אויסגעקליבן בלויז די נעמען פון שטעט און קאַנטן אין וועלכע זײ האָבן [געהאַט] זיך באַזעצט. אויך עס פלעגט זיך אַפילו מאַכן אַז מע האָט גערופן אַ מאַן אויף זײן מוטערס אָדער ווײבס, אָדער אַפילו שוויגערס נאָמען (אָט דער מנהג איז געווען ספּעציעל פאַרשפּרייט אין פוילן). איבער דעם געפינען מיר צווישן די פוילישע חכמי ישראל פונעם פערטן און פינפטן יאָרהונדערט פערזענלעכקײטן מיט אַזעלכע צונעמען ווי: ר׳ דוד בלומים, ר׳ יואל סירקים, ר׳ משה רי׳קעס (פון די פרויען נעמען: בלומע, סירקע-שרהת רבקה), און נאָך אַ סך פון דעם סאָרט. מיט פיל יאָרן שפּעטער זײנען אַזעלכע צונעמענישן געוואָרן [און פאַרבליבן] פאַמיליע נעמען ביזן הײנטיקן טאָג.]

אי די מאַטראָנימען אי די פּאַטראָנימען פאַרמאָגן אין אַ סך פאַלן אַן אויסערלעך קלאָרע מאָרפאָלאָגישע סטרוקטור. דער שטאַם בײ אַ טײל פון זײ ווײזט בפירוש אָן אויף דעם צי יענעם מזרח ייִדישן דיאַלעקט — ביניומינאָוויטש, נוכימאָוויטש, נוסינאָוו, נוסינזאָן, עלכונעוויטש; מײשקים, שלײמאָוויטש; אָדער: דוואָירין אַקעגן דווײרין, וואולפסאָן און סורקין אַקעגן וואָלפסאָן און סאָרקין, ליבעס אַקעגן לובים, רויזען אַקעגן רײזען, שאַיעוויטש, שאַפּשעוויטש און שיפּרין אַקעגן סאַיעוויטש, סאַפּשעוויטש, און סיפּרין. אַנדערע אַנטפּלעקן ווי פּאָפּולער עס זײנען געווען בײם שאַפן ייִדישע משפחה נעמען דווקא די פאַמיליערע, ספּעציפיש ייִדישע פאַרקלענער=פאָרמען פון אײגננעמען פון פרויען: באַסקין, בלומקין, גוטקין, גוטקים, זיסעלים, זלאַטקעס, כאַנעלים, כאַנינקעס, כײַקין, כינקין און כענקין (פון כינע און כיענע xjɛnə פגל. סטאַנקעוויטש 1969: 272, §4.2.3; לוח-רשימה 1928: 58, נ. 32-31), לײקעס, מאַריאַשעס, מינדלין, פײגלין, פרײדילים, פרײדלין, פרײדקעס, ציפּקים, עסטערקין, שײנדלין (זע נ. 1.13 אינעם צוגאָב). אויך צווישן די פּאַטראָנימען, הגם זעלטענער, געפינט מען אַזעלכע פאַלן ווי: איציקאָוויטש, יאַנקעלעוויטש, באַצקעלעוויטש, כילקעוויטש (פון כיעלקע < יחיאל?), נאָטקין, ניסעלאָוויטש, שײַקעוויטש (די לעצטע קען אויך זײן אַ ווײסרוסישע פאַמיליע; זע אויך נ. 2.10 אין דער רשימה בײם סוף פונעם איצטיקן אַרטיקל).

פונדעסטוועגן, ווי עס טרעפט זיך אָפט אין היסטאָרישער פילאָלאָגיע, קאָן אָט די אויבנאויפיקע מאָרפאָלאָגישע קלאָרקײט און במילא אויך די עטימאָלאָגישע „דורכזיכטיקײט" זײן פאַרפירעריש (פגל. אַשטײגער גאָלד 1986: 66 וועגן אַ פאַל ווען די פאַמיליע כײַקין איז אין אַמעריקע מגולגל געוואָרן אין כײַקלין און ... אַרקין). ס׳איז דעריבער געוואונטשן צו זײן מער אָפּגעהיט און קריטיש אָפּצושאַצן אַ טײל בעסער באַוואוסטע אָדער „זעלבסטפאַרשטענדלעכע" עטימאָלאָגיעס. אַזוי אויך אין אונדזער פאַל בלײבן נאָך אַלץ אַ רײ פראַגן אומקלאָר און אומפאַרענטפערט, ווי אַשטײגער —

צי שטאַמט טאַקע מינקאָוו פון {מינקע}+{אָוו} אָדער עס קערט זיך גאָר אָן מיטן פוילישן פאַמיליע נאָמען Minkowski (זע סאַפּאַרעוויטשאָוואַ 1956: 29) אָדער מיט די ווײסרוסישע מאַנצבילשע נעמען Mina, Min'kó און Min'koŭ (זע בירילאַ 1966: 120, 1982: 92)? צי איז דער נאָמען מירע דער שורש פון מיראַנסקי און מירער אָדער סע לײגט זיך מער אויפן שכל אַז אָט די פאַמיליעס שטאַמען אָפּ פונעם שטאָט נאָמען מיר? צי זאָל מען טאַקע פאַררעכענען דאָברוש (/דאָבריש < דאָברע, זע האַרקאַווי 1928: 526; לוח-רשימה 1928: 59, נ. 54) פאַרן מקור פונעם משפחה נאָמען דאָברושין (ווי עס איז אויך מרמז דער וואַריאַנט דאָברושקעס), אָדער עס וואַקסט פונעם ווײסרוסישן אָרט=נאָמען Dobrush (זע מאָקאָטאָוו און סאַק 1991: 72), צי אפשר גאָר פונעם טשעכישן טאָפּאָנים Dobruska (הגם די גאַנצע משפחה דאָברושקא — באַקאַנטע נאָכפאָלגער פון יעקב פראַנק אין מאָראַוויע — האָט געזאָלט זיך שמדן אין 1773)? (אַן ענלעכע פאַמיליע און דווקא אַ פּאַטראָנים געפינט זיך אויך בײ רוסן: Добрышин, זע אונבעגאַון 1972: 212.) צי קאָן מען זײן זיכער אַז דער פאַמיליע נאָמען אינדולים (ווײסענבערג 1929: 348) איז גאָרניט אַזוי עטימאָלאָגיש פאַרנעפּלט, ווײל עס קערט צו זײן אַ מאַטראָנים וואָס וואַקסט פונעם נאָמען הינדאַלע, מער ווײניקער לויט אַזאַ מין סכעמע: hindələ ← (h)indalə ← (h)indaləs ← (h)indələs ← indulis (פגל. אויך מיטן „רוסיפיצירטן" וואַריאַנט גינדעלים)? צוריקגערעדט, צי איז עס דען אינגאַנצן באַרעכטיקט צו פּסקענען אַז יעדער ליפּשיץ שטאַמט טאַקע פון אײנעם פון די שטאָט נעמען Loebschuetz (=Lubczyce) אָדער Leobschütz (פגל. טרובאַטשאָוו 1968: 32, 1975: 192-191)?

מיט אײן וואָרט, דער וואָס וועט זיך אונטערנעמען נאָכצוזוכן דעם מקור פון אַ גאַנצער רײ מאַטראָנימישע משפחה נעמען, וועט מוזן זיך ווענדן אי צו די פאַרשידענע, שוין לײדער טײלווײז פאַרגעסענע, פאָרמען פון ייִדישע אײגננעמען, אי צו דער טאָפּאָנימיק פון דער אַמאָליקער ייִדישער שפּראַכטעריטאָריע. אַניט קאָן מען נאָך, חלילה, אַרײנפאַלן ווי יענער, משטײנס געזאָגט פילאָלאָג, וואָס האָט יאָגנדיק זיך נאָך פאַרשידנמיניקע דימינוטיוון, פאַררעכנט, ניט פאַר קײנעם געדאַכט, דעם לשון קודשדיקן אויסדרוק שור הנסקל פאַר אַ ... פאַרקלענער=פאָרם פון

*שור (עלהיי ווי עפּעס אַ לץ וואָלט פֿונעם שור הבר געמאַכט אַ *שור הברל, זע קאַזדאַן 1972: 15).

## II

אין שאַרפֿן קאָנטראַסט צו די מאַטראָנימישע פֿאַמיליע נעמען, ווערן די פּאַטראָנימישע לרוב געבויט מיט אַנדערע סופֿיקסן. מערסטנס מיט סלאַווישע ווי אַשטייגער: הירשאָוויטש, יודילעוויטש, יערוכימאָוויטש, בילקעוויטש, לייזעראָוויטש, פּײַטלאָוויטש, פּראָימאָוויטש, שײַקעוויטש; אָדער: טעװעלעװ, מיכעלעװ, יודילעװסקי, גוכימאָװסקי. אַנדערע, ווי אַ שטיקל ירושה פֿון דער השכלה, ווערן געבויט אויף דעם „מער עלעגאַנטן", כמו־דײַטשישן שטייגער: הערש(ע)נזאָן, זאַלמאַנסאָן, מענדעלסאָן, פּײַטלזאָן.

באַדײַטנדיק זעלטענער זעען אויס צו זײַן די פֿאַמיליע נעמען פֿונעם טיפּ: אורין, אַרקין, (יע)פּרויקין, מאָטקין, מיכלין, נאָטקין, סאַכנין (פֿון שבנא?; זע נ. 2.7 אינעם צוגאָב). (די יחוסדיקע איס(ע)רלין און איסערלים, ווי אויך אַפּנים דער גוט באַקאַנטער בערלין פֿון איין זײַט און אַזעלכע נעמען ווי לאָפּאַטין, לאַפּין און קאָברין פֿון דער אַנדערער זײַט, זײַנען אַהער ניט שייך.) שוין גאָר גאָר זעלטן זײַנען די פּאַטראָנימישע פֿאַמיליע נעמען וואָס ווערן געבויט מיטן סופֿיקס -is / -əs, צו די וואָס ווײַסענבערג (1929: 332) רעכנט אויס — אורים, יוקלים, מאַיאָרקים, מײַשקים, פּינעס — קאָן מען צוגעבן דעם בעסער באַקאַנטן באַצקעלים ווי אויך ליפּעס און טעװעלעס (זע אונבעגאַון 1972: 341) און דעם „גאַליציאַנער" יידישן שמעלקעס (וועגן גילעלס\היללס זע טרובאַטשאָוו 1968: 41). אויך קאָן מען אַהער צורעכענען, שוין טאַקע פֿון ווײַסענבערגס אייגענער רשימה, די מעגלעך מער זעלטענע: אַרקילים און נעסאַנעלעס (זע נ. 2.8 אין דעם צוגאָב).

פֿון דער אַנדערער זײַט טאָר מען אויך ניט פֿאַרזען אַזעלכענע, לאו דווקא די אָפּטסטע, פֿאַלן אין וועלכע די פֿרויען נעמען ווערן פֿאַרוואַנדלט אין פֿאַמיליעס אויף אַ פּאַטראָנימישן שטייגער ווי למשל: איט(ע)לסאָן, דינעזאָן, יאָכינסאָן (פֿון יאָכ+ינס+סאָן אָדער יאָכ+ינ+סאָן) און סאָרע(נ)זאָן (זע נ. 1.8 אינעם צוגאָב; פֿגל. אויך די נעמען מירעלזאָן און כאַווינסאָן וועלכע ברענגט פֿריבלודע 1987: 34). מעגלעך אַז אַפֿילו זעלטענער זײַנען אַזעלכע מאַטראָנימען ווי: באָדאַנסקי, עסטעראָווסקי, ציפּעניוק, כײַטשוק און כײַטשענקאָ. און שוין גאָרניט אָפֿט טרעפֿן זיך פֿאַמיליעס וואָס דער פֿרוים נאָמען ווערט אין זיי צוגעטשעפּעט צו אַ סלאַווישן פּאַטראָנימישן סופֿיקס -óv אָדער -óvič / -évič: בײַנאָוויטש, גוטקאָוויטש, דאָבראָוו (פֿון דאָברע?), זיסאָוויטש, זלאַטקעוויטש, זעלדאָוויטש, כאַנינקאָוו, ציפּעראָוויטש, ריווקאָוויטש, שיפּרינאָוו (זע נ. 1.12 אין דעם צוגאָב; וועגן די זעלטענע אָבער מערקווירדיקע אוקראַיִנישע מאַטראָנימישע פֿאַמיליע נעמען מיט פּאַטראָנימישע סופֿיקסן זע אונבעגאַון 1972: 275-276). אגב קען מען ווען־ניט־ווען טרעפֿן די פּאַטראָנימישע סופֿיקסן אַפֿילו מיט די גוט באַוואוסטע און געוויינטלעך מאָרפֿאָלאָגיש „זעלבשטענדיקע" ראשי־תיבותדיקע משפּחה נעמען ווי: זאַק(אָוו(יטש)), קאַצ(אָוו(יטש)), סעגאַל(אָוו(יטש)), שוב(אָוו) (זע פֿריבלודע 1970: 143, 144-145; 1987: 25).

אָבער ניט געקוקט אויף די אָקערשט אויסגערעכנטע פֿאַלן, זעט עס אויס, אַז ניט די סופֿיקסן -ir / -ən און אַוודאי ניט -is / -əs זײַנען געווען איבעריק פּראָדוקטיוו אין די פֿאַמיליעס געבויטע אויף מאַנצבילשע נעמען און אַז גאָר ניט אַזוי פֿיל משפּחה נעמען, וואָס שטאַמען פֿון אַ פֿרוים נאָמען, האָבן זיך געלאָזט שאַפֿן מיט -zɔn / -sɔn, און שוין גאָר ווינציק מיט -óv(ski) אָדער -óvic / -évič. ווײַסענבערג (1929: 334) האָט שוין בשעתו באַמערקט דאָס און אונבעגאַון (342-344) ברענגט סך הכל פֿינף יידישע מאַטראָנימען מיט סלאַווישע פּאַטראָנימישע סופֿיקסן. פֿאַרשטייט זיך אַז אָט די באַהויפּטונג דאַרף מען ערשט פּעסטשטעלן אויפֿן סמך פֿון אַ סיסטעמאַטישער מאָרפֿאָלאָגישער, דיאַלעקטאָלאָגישער און סטאַטיסטישער אויספֿאָרשונג פֿון אַ גרעסערן קאָרפּוס פֿאַמיליעס. ווײַסענבערגס שטודיע, מערניט אַ וויכטיקער אָנהייב אין דער ריכטונג, בלײַבט נאָך אַלץ די בעסטע (זע אָבער אויך אונבעגאַון 1972) און דאָס וואָס סטאַנקעוויטש (1969: 267-268) האָט געהאַט צו זאָגן מכח דער ביז־איצטיקער פֿאָרשונג פֿון יידישער אָנאָמאַסטיק בכלל איז ליידער נאָך אַלץ גילטיק, ספּעציעל וואָס שייך די פֿאַמיליע נעמען. אַ שלל מיט פּאַטראָנימען און מאַטראָנימען צוזאַמען מיט אַנדערע יידישע פֿאַמיליע נעמען געפֿינט מען אָבער בײַ דוד־לייזער גאָלד (אינקאָרפּאָרירט אין האַנקס און האָדזשעס 1988).

ס'איז שווער צו גלייבן אַז אָט די שוין לכאורה בולטע מאָרפֿאָלאָגישע דיפֿערענצירונג צווישן יידישע פּאַטראָנימען און מאַטראָנימען זאָל זײַן לחלוטין אַ צופֿעליקע. קיין צונעמען געבויטע אויפֿן מאַנס נאָמען האָבן זיכער ניט געפֿעלט, אַזוי אַשטייגער האָט מען דעם בעל איתן האזרחי, דעם לעמבערגער גביר און מלומד ר' אברהם בן א"א החסיד כמהר"ר ישראל יחיאל כ"ץ ראַפּאָפּאָרט (געשטאָרבן אין 1651) גערופֿן אויך ר' אברהם שרענצלש אויפֿן נאָמען פֿון זײַן שווער ר' מרדכי שרענצל (זע הײַלפּערין און באַרטאַל 1990: 67, הערה 2). אַזעלכע

פֿאַלן פֿון פֿאַרן 19טן יאָרהונדערט וואָלט מען דאַכט זיך געקאָנט אויפֿזוכן גאָר אַ סך, שוין אָפּגערעדט פֿון אַזאַ טיפּ נעמען ווי שלמה ר׳ חיימס ערב דער נײַסטער תּקופֿה (פֿגל. אויך דעם אויסגעקליבענעם נאָמען מיכאָעלס). נאָר וואָדען, אינעם תּחום פֿון ייִדישע פֿאַמיליע נעמען זײַנען דער פּאָסעסיווער פֿורעם און אין אַ גרויסער מאָס אויך די -in פֿאָרמען געבליבן אָן אַ שיער מער פּראָדוקטיוו (שוין אײנמאָל פּראָדוקטיוו!) דווקא בײַ די מאַטראָנימען.

פֿאַרוואָס? מעגלעך אַז די סיבה דערפֿון ליגט מחוץ ייִדיש גופֿא, ווי עס איז גאַנץ אָפֿט דער מצב מיט ייִדישע פֿאַמיליע נעמען בכלל. דאָס אָננעמען אָדער אין בעסערן פֿאַל דאָס אויסקלײַבן אַ משפּחה נאָמען איז דאָך געווען אַ דרויסנדיקע נויטווענדיקייט. איז מען ממילא געוואָרן מער באַוואוסטזיניק וואָס שײַך ניט ייִדישע פֿאַמיליעס פֿורעמס און אַזוי אַרום איז מען אויך געוואָרן מער גענייגט אָנצוקומען צו די פֿאַרשידענע ניט=ייִדישע — דײַטש(מער)ישע און סלאַווישע — פֿאָרמען, סופֿיקסן און צונויפֿהעפֿטן פֿאַר אָפֿט ספּעציפֿיש ייִדישע פֿאַמיליע נעמען (אין דער פֿאַרקערטער ריכטונג: וועגן די ייִדישע עלעמענטן אין אוקראַיִנישע און ווײַסרוסישע פֿאַמיליעס זע מאָסקאָוויטש אין דרוק). סע לייגט זיך אויך אויפֿן שכל, אַז אַ באַדײַטנדיקע צאָל פֿאָרמען האָבן געקערט אײַנגעגנאַרײַעט ווערן פֿון די ניט=ייִדישע טשינאָווניקעס. אין דעם פֿאַל פֿון אַבראַמאָוויטש, אַבראַמסקי (פֿגל. גאָלד 1986: 93), דאַווידאָוויטש, דאַווידאָווסקי און אַפֿילו מאָשקאָוויטש איז, סינכראָניש גערעדט, שוין אויך דער שטאַם אַליין אַ חוץ=ייִדישער. אַזוי האָבן מעגלעך די ניט=ייִדן אַליין אָנגערופֿן זייערע ייִדישע שכנים. הייסט עס, אַז דאָס גײַן צוטשעפּען דער פֿרויס נאָמען צו איינעם פֿון די פּאַטראָנימישע סלאַווישע סופֿיקסן -ɔ́v(ski) און -ɛ́vič / -ɔ́vič וואָלט אפֿשר אויסגעקומען מאָדנע אַפֿילו פֿאַר ייִדן.

עס בלײַבט אָבער נאָך אַלץ די קשיא הלמאַי מען האָט אָנגענומען אַזוי ביזגאָר ווייניק -in / -ən און -is / -əs ענדונגען פֿאַר פּאַטראָנימען. דאָס וואָס צוליב אינערלעכע מאָרפֿאָ=פֿאָנאָלאָגישע און סעמאַנטישע סיבות איז דער סופֿיקס -in געווען אָן אַ שיעור ווייניקער פּראָדוקטיוו ווי -ov בײַם שאַפֿן רוסישע פֿאַמיליעס, האָט לכאורה אַ קנאַפּן שײַכות צו אונדזער ענין (וועגן דעם מצב אין רוסיש זע אונבעגאַון 1972: 29, 17-18, סופֿעראַנסקאַיאַ און סוסלאָוואַ 1981: 68). ס׳איז אָבער יאָ שײַך צום ענין -in / -ən ווײַל כּמעט אַלע אויבן געבראַכטע ייִדישע פּאַטראָנימען מיט אָט דעם סופֿיקס פֿאָרן זיך צונויף מיט מאַנצבילשע אײגננעמען וואָס לאָזן זיך אויס מיט אַן אָפּענעם טראַף: אורי (<אוריך), אַרקע (<אַרקין), פּרויקע (<(יע)פּרויקין), מאָטקע (<מאָטקין), נאָטקע (<נאָטקין), שכנא (< סאַבנין?). היינו עס שטימט דווקא מיט דעם כּלל אין רוסיש לויט וועלכן דער מאָרפֿאָ=פֿאָנאָלאָגישער חילוק צווישן מאַסקולין (וואָס מוז בטבע זיך אויסלאָזן מיט אַ פֿאַרמאַכטן טראַף) און פֿעמינין (וואָס מוז במילא זיך אויסלאָזן מיט אַן אָפֿענעם טראַף, אָדער מיט אַ פּאַלאַטאַליזירטן קאָנסאָנאַנט), איז מכריע אַז, אַשטייגער פֿון Иван און Сонька זאָל מען קאָנען יאָ אויספֿורעמען די פֿאַמיליעס Иванов און Сонькин אָבער ניט *Иванин און *Соньков (זע סופֿעראַנסקאַיאַ 1969: 82-83, אונבעגאַון 1972: 29, סופֿעראַנסקאַיאַ און סוסלאָוואַ 1981: 67-68). ס׳איז אויך מעגלעך אַז אין ייִדיש פּונקט ווי אין רוסיש איז די איבערוועגנדיקע בכּורה שוין מלכתּחילה געווען אָפּגעגעבן אין אונדזער פֿאַל די סלאַווישע סופֿיקסן -(ɔ́v)ski און -ɔ́vič / -ɛ́vič בײַם באַשטימען די ייִדישע פּאַטראָנימען (וועגן דעם וויכטיקן סאָציאָקולטורעלן חילוק אינעם באַנוץ פֿון -ɔvič / -ɛvič אין ווײַסרוסישע און אוקראַינישע להיפּוך צו די רוסישע פּאַטראָנימען זע בירילאַ 1966: 291, אונבעגאַון 1971, 1972: 105, 264, 267-268, 297-298, 302-304, 323, כּודאַש 1977: 120-121, 133).

מע קאָן אָבער אויך פֿאָרלייגן אַן אַנדערע דערקלערונג. אפֿשר, און דאָס איז פֿאַרשטייט זיך ניט מער ווי אַ סבֿרה, איז מען ניט נוטה געווען אָנצונעמען די סופֿיקסן -in / -ən און -is / -əs פֿאַר ייִדישע פּאַטראָנימען צוליב דעם געפֿיל וואָס יאַנקעלעוויטש (הגם פֿון יאַנקל און ניט פֿון יעקבֿ) איז מער פֿאָרמעל און אָנגענומען איידער *יאַנק(ע)לין, *יאַנקלס אָדער *יאַנקעלעס. דאַקעגן זשע צווישן ייִדישע מאַטראָנימען מערקן זיך די פֿאַרקלענער=פֿאָרמען אַ סך אָפֿטער (פֿגל. בלומקין, גיטעליס, דוואָרקין, כאַנעליס, לײַקין, פֿגל. נג. 1.13 און 2.10 אין דעם צוגאָב). דאָס וואָס ס׳האָט אפֿשר ניט געפּאַסט די אָפּשטאַמיקע פֿון יאַנקל און אַבֿרהם, האָבן די בני בלומקע, גיטל, דבֿורה, חנה און לאה אָנגענומען פֿאַר גוטן, ווײַל אין דער פֿרע=פֿעמיניסטישער וועלט וואָלט אפֿשר די פֿאַרקלענער=פֿאָרם פֿאַר אַ דערוואַקסענעם מאַנצביל געקערט זײַן אַ פּחיתות הכּבֿוד, בשעת ווען פֿאַר אַ פֿרוי וואָלט עס אַפֿנים געקאָנט גיכער אויסגעטײַטשט ווערן ווי אַ וואַרעמע, עמאָציאָנעל באַפֿאַרבטע באַצייכענונג.

## III

אָבער ניט געקוקט אויף דער מוראדיקער גאַנגבאַרקייט פֿון די ניט=ייִדישע סופֿיקסן אין דער אויספֿורעמונג פֿון ייִדישע פֿאַמיליע נעמען, האָבן מיר דאָך איין ייִדישן סופֿיקס אויף אַ רפֿואה. די רייד איז דאָ ניט וועגן דער ענדונג -man וואָס היסטאָריש גערעדט איז זי ניט קיין

סופיקס און וואָס מיט איר עס זיינען געשאַפן געוואָרן אַ ריי „גאַמאָנימען“ (=צונעמען געבויטע אויף דער ווייבס נאָמען), ד.ה. ווען דער מאַן פלעגט אָנגערופן ווערן לויט זיין ווייבס (להיפוך צו זיין מאַמעס צי באָבעס א.א.וו.) נאָמען, אַזוי אַז פון *ריגעס מאַן און *אסתרס מאַן האָבן געזאָלט אַרויסקומען די צונעמענישן און שפּעטער די פאַמיליע נעמען ריגעסמאַן און אסתרמאַן (אליבא ד׳ווייסענבערג 1929: 333, קאַגאַנאָף 1977: 26, פּריבלודע 1987: 34, פּונקט 2; האַנקס און האָדזשעס 1988: xix; וועגן אַנדערע ווירקלעכע „גאַמאָנימען“ זע אַלטבאַוער 1958: 358). אויך די ענדונג -kind (בעלקינד, ריווקינד, עלקינד), וואָס קאָן אָדער האָבן אַ יחוס עצמה אָדער זיין אַ שפּעטערע באַפּוצונג פון דעם -in / -n סופיקס, איז אַהער ניט שייך. דאָ רעדט זיך ווידעראַמאָל וועגן דעם יידישן סופיקס פון פּאָסעסיוו, וועגן דער -is / -əs מאָרפעם.

די פּראָדוקטיווקייט פון אָט דעם סופיקס ביים שאַפן יידישע מאַטראָנימען איז ניט אָפּצופרעגן. אַ סך איידער עס האָבן זיך באַוויזן יידישע משפחה נעמען האָט מען עס אַפנים היפשלעך אָפט גענוצט פאַר אַ צונאָמען (אַלטבאַוער 1958: 356-355 און זע אויבן I§), ווי אַשטייגער אין דעם פאַל פונעם בעל באר הגולה, ר׳ משה בן נפתלי הירש ריבקהש (= ריווקעס, געשטאָרבן 1671, מיט אים זיינען זיך מתיחס די משפחה נעמען ריוואַלעס און ריוולין); דעם מהרש״א (1631-1555) האָט מען גערופן אויף זיין פאַרמעגלעכער שוויגערס נאָמען: מורנו הרב שמואל אַדלש (פגל. אויך ר׳ משה [ב״ר יעקוב] ברן[אַ]נדיס וועלכער איז געווען דער רב ק״ק שניטאַך אין די יאָרן 1716-1713, זע הילדעסהיימער 1992: 34-35, 212). מע קאָן אויך אַשטייגער אויפווייזן אויף ר׳ יודא אברהם בלא״א ישראל הענדלש (ווערט דערמאָנט אין יאָר תט״ו\1666-1665, זע היילפּערין און באַרטאַל 1990: 87), אָדער ר׳ יצחק לנדא [בר׳ צבי הירש המכונה הירש וויטים] (פון יאָר תפ״ד\ 1725-1724, זע דאָרטן, ז. 295, הערה 3). הענדלש איז משמעות *Hɛndḷs פון הענדל (פגל. סטאַנקעוויטש 1969: 275, §2.5; לוח-רשימה 1928: 6, נ. 96) אָדער ווי אַלטבאַוער (1958: 356) האָט עס אינטערפּרעטירט: Hendeles; דער צונאָמען וויטים דאַרף מען וואָרשיינלעך לייענען ווי *Vítəs פון וויטע (פגל. לוח-רשימה 1928: 26, נ. 158). אויפן סמך פון ישראל היילפּערנס מאָנומענטאַל ווערק פנקס ועד ארבא ארצות (1945), האָט משה אַלטבאַוער (1958: 356) אויך אויסגעשריבן די פאָלגנדיקע מאַטראָנימישע צונעמען פון פאַר סוף 18טן י״ה, טראַנסקריבירנדיק זיי לויט דער פּוילישער אויסלייג סיסטעם: Cypores, Mireles, Riwkes, Simes, Temerḷes || Temerles.

ס׳איז קלאָר אַז וואָס שייך מאַטראָנימען האָבן מיר אייגנטלעך צו טאָן מיט צוויי קאָנקורירנדיקע אָדער סתם פּאַראַלעלע סופיקסן מיט וועלכע עס האָבן זיך געשאַפן די שייכותדיקע יידישע משפחה נעמען. אָט איז, מערניט אויף אַ שפּיץ מעסער, אַ צאָל פאַמיליע נעמען וואָס מע קאָן זיי געפינען מיט ביידע פורעמס: ביילין און ביילים, ב(אַ)סין און ב(אַ)סי(ע)ס, ברוכין און ברוכים, בריינין און בריינים, גולדין (=גאָלדין) און גולדים (=גאָלדים), גיטלין און גיטלים, גיטקין און גיטקעס, וויטקין און וויטקעס, ז(ע)לדין און ז(ע)לדים, טויבין און טויבים, כייקין און כייקים, מלכין (= מאַלקין) און מלכים (=מאַלקים), נחמקין (=נעכאַמקין) און נחמקים (=נעכאַמקים), סוסין (=סאָסין) און סוסים (= סאָסים), סורקין (=סורקין\סאָרקין) און סורקים (=סורקים\ סאָרקים), פייגין און פייגים, פרומקין און פרומקים, פריידק)ין און פריידק(ע))ם, ציימלין און צייטלים, רייזין און רייזים, ריינין און ריינים, שיינין און שיינים (פגל. נ. 1.14 אין דעם צונאָב).

אויב מיט -is / -əs איז אַלץ קלאָר, טאָ וויאַזוי דערקלערט מען דעם צווייטן, דעם -in / -ən סופיקס? דער געוויינטלעכער הסבר איז אַז דאָס איז דער רוסישער פורעם, עלהעיי ווי אין Санин און Белкин, וואָס זיינען גוט באַקאַנט סיי ווי ליטעראַרישע סיי ווי ווירקלעכע רוסישע פאַמיליעס, אָדער אין אַזעלכע פאַמיליע נעמען ווי Панкин, Пашкин און Дунькин, Машкин (וועגן דעם „פיינעם יחוס“ פון די לעצטע צוויי מאַטראָנימען און זייער גלייכן זע סופעראַנסקאַיאַ און סוסלאָוואַ 1981: 106, פּריבלודע 1987: 32). היות ווי די ניט־יידישע סופיקסן (און צומאָל אַפילו די שטאַם פאָרמע גופא) זיינען אַ דבר שבכל יום אין יידישע משפחה נעמען ליגט זיך די דערקלערונג אויפן שכל.

עס איז אָבער פאַראַן נאָך אַ מעגלעכקייט. מיר ווייסן דאָך אַז אין די מזרח יידישע דיאַלעקטן פלעגט דער פּאָסעסיוו אי פון די אַזויגערופענע אַפּעלאַטיוון (טאַטע, מאַמע, זיידע, באָבע, רבי, ייד, מענטש) אי פון די אייגננעמען רעאַליזירט ווערן מיט אַ מין -ṇ- אינפיקס, היינו עס פלעגט זיך אויסלאָזן מיט דער -(ə)ns / -(i)ns מאָרפעם (אָדער מערסטנס: מיט אַזאַ מין אַלאָמאָרף). אַזוי איז עס ביז היינט צו טאָג געבליבן אין דער כלל־שפּראַך: דעם טאַטנס, דעם זיידנס (עטוואָס זעלטענער דעם יידנס, און נאָך זעלטענער דעם מענטשנס). אויך אין מויל פון אַ סך געבוירענע יידיש ריידערס, וואָס האָבן זיך ניט געלערנט קיין „לייטיש מאַמע־לשון“ אויף קיין אוניווערסיטעט, קאָן מען נאָך אַלץ הערן: דער (אָדער די) מאַמענס, באָבענס. ס׳איז אויך ניט אויסגעשלאָסן, אַז סינכראָניש איז ביי אַ טייל ריידערס געווען אַ

פּאַראַדיגמאַטישע קאָרעליאַציע צווישן דאַטיוו\אַקוזאַטיוו און פּאָסעסיוו אויך וואָס שייך דער פֿלעקסיע פֿונעם סובסטאַנטיוו גופֿא: *כ׳זע\שרייב ד ע ם ט אַ ט ן און *ד ע ם ט אַ ט נ ס בוך אָדער כ׳זע\שרייב *כ אַ צ ק ל ע ן און *כ אַ צ ק ל ע נ ס בוך (פֿגל. אויך אַזעלכע פֿאָרמען ווי: אַ י ע ד (ע ר) נ ס, ו ע מ ע נ ס, ע מ ע צ נ ס א.א.וו.). פֿאַרבײַגייענדיק איז כדאַי צו באַמערקן, אַז יודל מאַרק (1978: 180, 6§) האָט געוואָרנט מ׳זאָל אין דער כּלל־שפּראַך בשום אופֿן ניט ניצן דער מאַמענס און אַז עליע פֿאַלקאָוויטש (1940: 182) האָט געראָטן מ׳זאָל זיך היטן פֿאַר דעם ייִדס און דעם מענטשס (וועגן די שײַכותדיקע אַפּעלאַטיוון און זייער מאָרפֿאָלאָגישן גלײַכן אין כּלל־ייִדיש זע זאַרעצקי 1929: 169, 477.1§, פֿאַלקאָוויטש 1940: 181-182, 233§, מאַרק 1978: 179-180, 6§, קאַץ 1987: 101, 5.15.1§). אין זײַן אויסער־געוויינלעך וויכטיקער שטודיע „ראשי פּרקים פֿון אַ דעסקריפּטיווער ייִדישער דיאַלעקטאָלאָגיע" (א. ווײַנרײַך 1960, אַרויס אין 1991, זע די רעצענזיע אין דעם איצטיקן באַנד), האָט אוריאל ווײַנרײַך פֿאַרצייכנט:

> אין דיאַלעקטן וואָס האָבן יאָ אַ מאָרפֿאָלאָגישן פּאָסעסיוו דאַרף מען פֿעסטשטעלן די פֿאַרשפּרייטונג פֿון די פֿאָרמעס ‎-ס‎ און ‎-נס‎. די לעצטע איז, משמעות, מער פֿאַרשפּרייט נאָך שטאַמען וואָס ענדיקן זיך אויף צישעדיקע אָדער שיפֿעדיקע קאָנסאָנאַנטן איידער נאָך אַנדערע.
>
> (א. ווײַנרײַך 1991: 57).

אָט אָ די אָ פֿאָרמע פֿון פּאָסעסיוו אויף ‎-(ə)ns/-(i)ns‎ האָט גרינג געקאָנט זײַן אַ גאַנץ נאָענטער מחותּן מיט אונדזער ‎-in / -ən‎ סופֿיקס פֿון די משפּחה נעמען וואָס שטאַמען פֿון ייִדישע פֿרויענמען. מיט אַנדערע ווערטער מע וואָלט געמעגט אויך פֿאָרלייגן אַן ערך אַזאַ מין אַנטוויקלונג סכעמע: פֿון ‎-(ə)n(s)/-(i(n))s‎ פֿון דעם פּאָסעסיוו פֿון די אַפּעלאַטיוון און פֿון פּריוואַטע נעמען איז געוואָרן ‎-(ə)n(s)/-in(s)‎ בײַ די צונעמען, וואָס איז שפּעטער „אויסגעבעסערט" געוואָרן אויף ‎-in / -ən‎ אין ייִדישע פֿאַמיליע נעמען לויטן סקאַרבאָווען מוסטער פֿונעם רוסישן סופֿיקס ‎-ин‎.

די שרייבונג ברײַנס (=ברײַנעס), זלדס (=זעלדעס), זלטקס (=זלאַטקעס), חנלס (=כאַנעלעס), חנינקס (=כאַנינקעס), פֿרומקס (=פֿרומקעס), פֿריידס (=פֿריידעס), פֿרי(י)דקס (=פֿריידקעס) קען מען נאָך ווען־ניט־ווען, הגם גאַנץ זעלטן, געפֿינען אין די טעלעפֿאָן ביכער אין ישׂראל. עס האָבן זיך אָבער דערווײַל ניט אָפּגעפֿונען קיין שרייבונגען אָן אַ יוד פֿון דעם טיפּ *ביילן, *זלדן, וואָס זאָלן אָפּשפּיגלען דעם ‎-ən‎ אַלאָמאָרף פֿונעם ‎-in / -ən‎ סופֿיקס (פֿגל. אָבער מיט אַזעלכע פֿאָרמען אין ייִדיש ווי רײַזען, רויזן). ס׳איז יעדנפֿאַלס קלאָר, אַז די פֿאַמיליע נעמען האָט מען דאָך במילא פֿאַרשריבן אויף רוסיש; אויך ווייסענבערגס זאַמלונג פֿון העכער 3020 ייִדישע פֿאַמיליעס אין אוקראַינע (ווייסענבערג 1929: 347-366) איז געווען צונויפֿגעשטעלט אויף רוסיש אויפֿן סמך פֿון אויף רוסיש געשריבענע דאָקומענטן (דאָרטן, ז. 318 און זע אויך די הערה „פֿון דער רעדאַקציע" דאָרטן, זז. 365-366).

אַ שטיקל אויפֿווײַז פֿאַר אונדזער השערה מכּח דער מעגלעכער פֿאַרבינדונג צווישן די סופֿיקסן ‎-in / -ən‎ און ‎-is / -əs‎ וואָלט זיכער געווען אַ פֿאַמיליע נאָמען וואָס זאָל זיך אויסלאָזן אויף ‎-ins‎ אָדער ‎-əns‎. דערווײַל האָט זיך אײַנגעגעבן אויסצוזוכן נאָר צוויי גאָר זעלטענע קאַנדידאַטן, הגם קיין איינער פֿון זיי איז גאָרניט קיין זיכערער. דער ערשטער איז שייך צום ענין, כאָטש עס איז ניט קיין מאַטראָנים. דאָס איז דער פֿאַמיליע נאָמען רבינס. די צרה מיט דעם איז אָבער אַז מע קאָן עס וואָקאַליזירן סײַ ווי *רעבנס, סײַ ווי *ראַבינס און סײַ ווי *ראַבינאַס. *ראַבינס וואָלט געקענט זײַן אַ פֿאַרקירצונג פֿון ראַבינסאָן, דאַקעגן *ראַבינאַס איז מערניט *ראַבין מיט אַ ליטווישן אָדער לעטישן סופֿיקס. דער צווייטער פֿאַמיליע נאָמען איז גיטלינס. אויב עס איז נאָר ניט קיין באַלטישער וואַריאַנט פֿון גיטלין (היינו *גיטלינאַס), וואָלט מען עס געקענט אָננעמען פֿאַר אַ זעלטענעם נשאר וואָס זאָגט עדות אויף דער אויספֿורעמונג פֿון דעם טיפּ מאַטראָנימישע משפּחה נעמען לויט אַ לפֿי־ערך אַזאַ מין סכעמע:

gitļ → *gítləns → *gítlins → gítlin.

דער איבערגאַנג gítləns → gítlins, אויב עס איז ניט קיין אינערלעכע אַנטוויקלונג (פֿגל. אויך מינדלין), איז מסתּמא פֿאָרגעקומען אונטער דער איבערוועגנדיקער השפּעה פֿונעם רוסישן סופֿיקס ‎-ин‎. אַפּנים האָט זיך דער אַרויסרייד פֿון ייִדישע פֿאַמיליעס גענומען זיך בײַטן אונטערן מאָרפֿאָלאָגישן און סאָציאַלן דרוק פֿון דער לאַנדשפּראַך נאָך אַ סך פֿריער איידער כאָמסקי און ציפּערשטיין זײַנען מגולגל געוואָרן אין טשאָמסקי און זיפּערסטין אין אַמעריקע און איידער פֿאָגעל און לוסטיגער האָבן זיך פֿאַרוואַנדלט אין פֿאָזשעל און לוסטיזשע (בײדע שוין מיטן דרוק אויפֿן לעצטן טראַף) אין פֿראַנקרײַך.

# IV

ווי ס׳געהער באַווײַזט זיך אונדזער איין־איינציקער גיטלינס אינעם תּל אָבֿיבֿער טעלעפֿאָן בוך צווישן זײַנע אָן אַ שיעור בעסער פֿאַרטראָטענע הויפּט וואַריאַנטן: גיטלין,

גיטלים (=גיטלים אָדער גיטעלים) און אויך גיטליץ. אָט דער לעצטער לאָזט זיך דווקא גאַנץ וואויל דערקלערן ווי אַן אַנדער אָפּשלאָג פון גיטלינס, ד. ה. אַדאַנק דער קלאַנגען־אַסימילאַציע האָבן מיר דאָ gitl → *gítləns → *gítlins → *gítlins͡ → *gítlinc → gítlic להיפּוך צום פריער דערמאָנטן: gitl → *gítlens → gítlins → *gítlin. אַזאַ מין אַסימילאַציע איז צו ראַדיקאַל פאַר יידיש וואו עס בלייבט תמיד איבער דער נאַזאַל גופא נאָכן אַפריקאַטיזירטן c: באַלאַנס ← באַלאַנץ [balánc], יענס ← יענץ [jɛnc], סענס ← סענץ [sɛnc], קרעדענס ← קרעדענץ [krɛdɛ́nc] (פגל. רייזען 1920: 97, §251). אָבער להיפּוך צו אָט די איינסן ווערט אין גיטליץ אַקצענטירט דווקא דער ערשטער טראַף, היינו דער אַקצענט פאַלט אויף דעם טראַף וואָס איז פאַר דעם מיטן אַסימילירטן קאָנסאָנאַנט. פּאָנעטיש איז דער פּאָסעסיווער סופיקס אַפּנים מער קלאַנגיק ווי די מערצאָל מאָרפעם (פגל. *משהס בוך כנגד *מיט ביידע משהס בין איך באַקאַנט). אויך דער -ן- אינפיקס, זייענדיק ממילא אַן אַלאָמאָרף, איז בטבע געווען ווייניקער בכח בייצושטיין די טאָטאַלע אַסימילאַציע gítlic ← *gítlinc. צוריקגערעדט איז עס אויך מעגלעך אַז דאָ האָט געווירקט און מכריע געווען די פּאַראַדיגמע טאָפּאָנימישע פאַמיליע נעמען וואָס ענדיקן זיך אויף -əc / -ic, ווי אַשטייגער: אייבעשיץ, האָראָוויץ, יאַרמאָלינעץ, קרולעוויץ, קרעמעניץ (אויך קרעמענעץ). ווי אַ בריק צווישן די ביידע דערקלערונגען קאָן אפשר דינען דער אונדז באַקאַנטער פאַל ווען אַ משפּחה מיטן נאָמען לענטשינץ Lenchintz [lɛ́nčinc] האָט עס שוין וואוינענדיק אין אַמעריקע געענדערט אויף Lenchitz [lɛ́nčic].

אָבער גיטלים \ גיטלין \ גיטליץ איז ווייט ניט דער איינציקער פאַל. אַלס באַווייז קען מען ברענגען אויך אַנדערע מאַטראָנימען וואָס האָבן פּונקט אַזאַ, הגם זעלטענעם, דריטן וואַריאַנט. גאָר טשיקאַווע איז דאָס וואָס אונבעגאַון (1972: 342) האָט געשריבן, אַז „אַחוץ דעם סופיקס -in, קאָנען געניצט ווערן [ביים שאַפן די מאַטראָנימען] אויך די יידישע סופיקסן -es, -is און -ic". ער אַליין ברענגט, אָבער, סך הכל פינף וואַריאַנטן מיט דער ענדונג -ic (איינגערעכנט אונדזער גיטליץ; דאָרטן, ז. 343), צו וועלכע מע קען צוגעבן לפּחות נאָך דריי. אָט זיינען זיי אַלע:

ביילים \ ביילין \ בייליץ

גולדים (=גאָלדים) \ גולדין (=גאָלדין) \ גולדיץ (=גאָלדיץ)

דינים, דינעס \ דינין \ דיניץ (פגל. אויף דוניעץ)

טויבים \ טויבין \ טויביץ

סורים \ סורין \ סוריץ

סאָרים \ סאָרין \ סאָריץ

פערלעס \ פערלין \ פערליץ (פגל. נג. 1.3 און 1.12.1 אינעם צוגאָב).

אָט דער זעלטענער דריטער וואַריאַנט פון מאַטראָנימען קאָן אויך צונוץ קומען ביים אויסקלאָרן אָדער בעסער באַגרינדן די עטימאָלאָגיעס פון געוויסע פאַמיליע נעמען. אַזוי קאָנען אַשטייגער שטערנין און שטערנים שטאַמען פונעם האַלב פאַרגעסענעם נאָמען שטערנע. און טאַקע שטערנע האָט געהייסן די פרוי פון ר' שניאור־זלמן פון ליאַדי, דעם גרינדער פון חבד (פגל. אויך אַזעלכע פרויען נעמען ווי סטעלאַ, כּוכבה, כּוכבית אין קאָלאַטש 1967: 183). אויך ליפשיץ (להיפּוך צו ליווישיץ אָדער ליפשיץ) איז לפּחות אין אַ טייל פאַלן לאו דווקא אַן אָנצוהערעניש אויף איינעם פון די טאָפּאָנימען אין שלעזן, טורינגיע אָדער ביימען, נייערט, ווי מאַקס ווײַנרייך (1973, IV: 206) האָט פאָרגעלייגט — אַ מאַטראָנים. ס'איז, לעניננו, אַן אָפּשלאָג פון דער מעגלעכער אַנטוויקלונג: *ליפשענס ← *ליפשינס ← *ליפשינץ ← ליפשיץ.

## V

די איצטיקע אַרבעט איז בסך־הכל אויסן צו באַווייזן, אַז געוויסע, מעגלעכע פאָרמען פון צונעמען, וואָס האָבן געקערט זיין גאַנץ שטאַרק פאַרטראָטן אין דער ריידשפּראַך, זיינען דאָך צוליב גאַנץ קלאָרע סאָציאָלינגוויסטישע סיבות געגאַנגען אין ניוועץ בשעת ווען מען האָט אָנהייב ניינצנטן יאָרהונדערט אָנגעהויבן אַריינפירן פאַמיליע נעמען ביי יידן אין רוסלאַנד. צי איז דאָס געשען נאָר צוליב דעם דירעקטן איינפלוס פון די סלאַווישע פאַמיליע פורעמס אין דעם פאַל פון פּאַטראָנימען? אָדער איבער דער מכריעדיקער אויפווירקונג פון רוסיש אין דעם פאַל פון ניט ווייניקער ווי אַ העלפט פון די מאַטראָנימען? צי אפשר (וואָס שייך די לעצטע) האָט די פּאָסעסיוו פאָרמע -(ə)ns / -(i)ns אין פריוואַטע נעמען, זייענדיק במילא בבחינת אַלאָמאָרף, געהאַלטן ביים נעלם ווערן שוין אין די יידישע דיאַלעקטן גופא? אויב דער ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע איז לאו דווקא, טאָ פרעגט זיך ווידער אַ פראַגע ווי קומט עס אַז אין דער מאָדערנער ליטעראַטור שפּראַך אָדער אין דער כלל־שפּראַך האָט זיך דער -ן- אויפגעהיט נאָר אין די עטלעכע מענלעכע אַפּעלאַטיוון? און ווייטער: צי זיינען די פאָרמען דעם יידס און דעם מענטשס, קעגן וועלכע עס האָט אויף זיין לאַקאָנישן שטייגער געוואָרנט פּאַלקאָוויטש (1940: 182), אַ מין היפּערקאָרעקציע, צי גאָר פאַרקערט אַ נאַטירלעכע

דערשיינונג פון דער גערעדטער שפּראַך? איבער דעם אַלעם וועט מען האָפנטלעך געוואוירע ווערן פון איינעם פון די פאָלגנדיקע בענד פונעם שפּראַך און קולטור אַטלאַס פון אַשכּנזישן ייִדנטום.

הכּלל מע דאַרף זיך ערשט נעמען צו דער פאָרשונג פון די ייִדישע משפּחה נעמען אויך פונעם שטאַנדפּונקט פון ייִדישער מאָרפאָלאָגיע, דיאַלעקטאָלאָגיע און סאָציאָלינגװיסטיק (וועגן ייִדישע נעמען אין דעם קאָנטעקסט פון מאָדערנער ייִדישער סטיליסטיק זע קאַץ 1993: 243-251). אויף וויפל סע לאָזט זיך נאָך מוז מען אויך קלייבן אומפאַרמיטלטערהייט מאַטעריאַלן פון און וועגן ייִדישע פאַמיליע נעמען, ווי אויך אויפזוכן מאַטעריאַלן וועגן נעמען, בײנעמען און צונעמען אין די עלטערע געשריבענע און געדרוקטע מקורים. אויפקלערן אַלע רזין דרזין פון דער עלטערער און נייסטער געשיכטע פונעם אַשכּנזישן ייִדנטום און אַפילו פון די עטימאָלאָגיעס פון אַלע אומקלאָרע נעמען וועט מען דורך דעם מסתּמא ניט. עס קען אָבער יאָ העלפן סײ אויסקלאָרן דעם מקור פון געוויסע פאַמיליעס, סײ אָפּפרישן אין זכּרון די היינט שוין גאָר זעלטענע ייִדישע נעמען (ווי באָדאַנע, דאָברע, וויטע, כוואָלע(ס), כּיענע, בינקע, ליפשע, מײטע, מאַטע, מאָינע, סלאָווע\סלאַווע, שטערנע); ועל כּולם פּרואוון שטעלן און פאַרענטפערן נײַע פראַגן איבער דער געשיכטע, סטרוקטור און געאָגראַפיע פון ייִדיש. בפרט נאָך אַז דער פאָרש־אָביעקט גופא פאַרשאַפט אַזויפיל אינטערעס און אינטעלעקטועלן נײַגער אי ביים פאָרשער אי בײַ אַ נאָרמאַלן בשׂר ודם.

## צוגאָב

אין דער איצטיקער רשימה גייען אַריין אַלע אויבן דערמאָנטע פאַמיליע נעמען ווי אויך אַ צאָל אַנדערע וואָס גייען אַריין אין דעם באַהאַנדלטן קאָרפּוס דעריקרשט פון מאַטראָנימען. ס׳איז פאַרשטייט זיך ווייט ניט קיין אויסשעפּיקע ליסטע פון פאַרשידענע שטאַמען און אַפילו ניט פון די אַלע פאַראַנענע פורעמס פון מאַטראָנימען, שוין אָפּגערעדט פון פאַטראָנימען און אַנדערע טיפּן משפּחה נעמען. דאָס איז מערניט אַן ערשטער פּרואוו וואַרפן אַ בליק איבער דער דינאַמיק פון דער מאָרפאָלאָגישער דעריוואַציע פון ייִדישע פאַמיליעס־מאַטראָנימען (און אין אַ קלענערער מאָס אויך פאַטראָנימען). דעריבער איז דער מאַטעריאַל אויסגעסדרט לויט די פאָלגנדיקע פּרינציפּן: סעמאַנטיש־עטימאָלאָגישער (1 — מאַטראָנימען; 2 — פאַטראָנימען, 3 און 4 — געציילטע טאָפּאָנימען און אַנדערע פאַמיליעס וואָס ווערן דערמאָנט); מאָרפאָלאָגישער (לויט פאַרשידענע סופיקסן־פאָרמאַנטן; לויט פאַרשידענע שטאַמען פון פאַמיליעס). בײַ די מאַטראָנימען און פאַטראָנימען זײַנען אויך באַזונדער אויסגעטיילט יענע משפּחה נעמען וואו די וויכטיקסטע סופיקסן זײַנען פּראָדוקטיוו מיט דעם זעלבן שטאַם (= אײַנגענאָמען פון אַ פרוי — נ. 14. 1, און פון אַ מאַנצבל — נ. 11. 2). הגם עס איז געוואונטשן אַז איין פאַמיליע נאָמען זאָל ווערן פאַרשריבן ניט מער ווי איין מאָל, זײַנען אַ צאָל פון די זעלביקע מאַטראָנימען און פאַטראָנימען אַריין אין צוויי אָדער מער אונטער־גרופּעס, למשל: אי אין דער קאַטעגאָריע פאַמיליעס געשאַפענע פון אַ דימינוטיוו אָדער מיטן סופיקס -ic (נג. 1.4. און 1.13), אי אין דער פאַרגלייכנדיקער רשימה פאַראַלעלע פאָרמען מיט די אַממערסטן פּראָדוקטיווע סופיקסן (נ. 1.14).

## 1. מאַטראָנימען

1.1 -in / -ən: אַלטין, בלומין, גנעסין, דאָבין, דוואָירין, דווירין, זעלדין, זוסקין (?), מלכּין, מענוכין, עלקין, ענטין, פרומין, צאַנין, ראָכלין, ראָסין, רויזען, ריווקין, רייזען, רייזין, שטערנין.

1.2 -is / -əs: באָדאַנעס, ברכות (=בראָכעס), הינדוס (הינדעס), יאָכנעס (יאַכנים), כוואָלי(ע)ס, כּיעס, כּינים, לובים, מײטעס, סלאָוועס, פּעסים, פּערלים, ציפּים, ריוועס.

1.2.1 (?) -ins: גיטלינס.

1.3 -ic: ביילִיץ, גאָלדיץ, גיטליץ, דוניץ, דיניץ, טויביץ, ליפשיץ, סאָריץ, סוריץ, פּערליץ, שטערניץ.

1.4 -ič: זעלדיטש.

1.5 -(j)uk: כּיטשוק, ציפּעניוק, צערלוק.

1.6 -ak: שפּרינטשאַק, שפּרינצאַק.

1.7 -(j)enkɔ: כּיטשענקאָ.

1.8 -sɔn / -zɔn: איט(ע)לסאָן, דינעזאָן, יאָכינסאָן,

כאַווינסאָן, כוואָלסאָן, סאָרע(נ)זאָן, מירעליזאָן, פער(ע)לסאָן, פייגענזאָן, פרומסאָן, ציפּערסאָן, ריווינסאָן, שפּרינצסאָן.

1.9 -man: אַדעסמאַן, דינעסמאַן, זיסמאַן, עסטערמאַן, ראָכמאַן, רויזמאַן, רוכמאַן, ריוומאַן, ריוועסמאַן, רייזמאַן.

1.10 -kind: איטקינד, בעלקינד, וויטקינד, פרומקין, ריווקינד, עלקינד.

1.11 -ski / -cki: אינדיצקי(?), באָדאַנסקי, כאַנסקי, כינסקי, יודיצקי.

1.12 מיט פּאַטראָנימישע סופיקסן

1.12.1 -ev / -ɔv: דאָבראָוו (?), כאַנינקאָוו, מינקאָוו(?), סאָראָוו / סאָראָף(?), שיפּרינאָוו.

1.12.2 -(ɔv/ ev)ski: עסטעראָווסקי.

1.12.3 -ɔvič / -ɛvič: ב רײַנאָוויטש, גוטקאָוויטש, זיסאָוויטש, זלאַטקעוויטש, זעלדאָוויטש, ציפּעראָוויטש, ראָכאָוויטש (?), ריווקאָוויטש.

1.13 פון פאַרקלענער־פאָרמען

[א= אויף -is / -əs; ב= אויף -in, ג= אויף -ɔv; ד= אויף -man]

1.13.1 ערשטער דימינוטיוו:

(א) זיסלים, טעמערלים, יאָכלים, מייטלים, פריידלים.

(ב) זיסלין, מינדלין, פייגלין, פריידלין, ריוולין, שיינדלין, צייטלין.

(ד) מיר(ע)למאַן.

1.13.2 צווייטער דימינוטיוו:

(א) אינדולים(?), גינדעלים, גיטעלים, זיסעלים, כאַנעלים, כאַנעלעם, פריידילים, ריוואַלעם, שיינדעלים.

1.13.3 פאַרקלענער־פאָרעם אויף -kə:

(א) איטקים, גוטקים, דאָברושקעם, זלאַטקעם, טשאַטשקים(?), כײַקעם, לייקעם, מינקים, סורקים, פרומקים, פריידקעם, ציפּקים, ראָסקעם (?), שאָשקעם.

(ב) איטקין, באַסקין, בלומקין, דאָבקין, דוואָסקין, גוטקין, וויטקין, טעמקין, כאַווקין, כײַקין, כינקין, כענקין, מינקין, נעכאַמקין, סלאַווקין, עסטערקין, פרידקין ציפּקין, פעשקין, פרומקין, ראַסקין, שאָשקין.

(ג) מינקאָוו (?).

1.13.4 פאַרקלענער־פאָרעם אויף -nk-:

(א) כאַנינקעם.

(ג) כאַנינקאָוו.

1.13.5 אַנדערע: (א) 1 מאַריאַשעם, מאַרגאָשעם;

2 מינצים, רוכצים, שיינצים (?).

(ב) 1 דאָברושין (?);

2 כײַטשין, כײַצין, סורצין;

3 אויף -k(ə) פון צווייטן דימינוטיוו: כײַקלין (?).

1.14 מאַטראָנימען אויף -in / -is, -əs מיט די זעלביקע שטאַמען:

איטקין \ איטקים;

באַסין \ באַסים, באַסיעם;

ברוכין \ ברוכים;

ברײַנין \ ברײַנים, ברײַנעם;

געטין \ גיטים; גיטקין \ גיטקעם;

גינדין \ גינדים, גינדעם;

דוואָירין \ דוואָירעם; דוואָרקין \ דוואָרקים;

זיסקין \ זיסקים;

זעלדין \ זעלדים, זעלדעם;

זלאַטקין \ זלאַטקים, זלאַטקעם;

וויטקין \ וויטקעם;

טשערנין \ טשערנים;

כײַקין \ כײַקים, כײַקעם;

ליבעם \ ליבין;

מאַלקין \ מאַלקים, מאַלקעם;

מינקין \ מינקים, מינקעם;

נעכאַמקין \ נעכאַמקים;

סאָסין \ סאָסים;

סאָרקין \ סאָרקים, סורקין \ סורקים;
פּײַקין \ פּײַקים, פּײַקעם;
פּײַגין \ פּײַגים;
פרומקין \ פרומקים, פרומקעם;
פריידין \ פריידעם; פריידלין \ פריידלים; פריידקין \
פריידקעם;
ציִטלין \ צייטלים;
ציפּקין \ ציפּקים;
ריווקין \ ריווקעם; ריוולין \ ריוואַלעם;
רייזין, רייזען \ רייזים;
רײַנין \ רײַנים, רײַנעם;
שאָשקין \ שאָשקעם;
שיינין \ שיינים;
שיפרין \ שיפרים.

1.12.1 מאַטראָנימען אויף -in / -is, -əs און -ic:
בײלין \ בײלים \ בײליץ;
גאָלדין \ גאָלדים, גאָלדעם \ גאָלדיץ;
גיטלין \ גיטלים \ גיטליץ;
דינים, דינעם \ דינין \ דיניץ;
טויבין \ טויבים \ טויביץ;
סאָרין \ סורים \ סאָריץ, סוריץ;
פּערלין \ פּערלים, פּערלים \ פּערליץ.

## 2. פּאַטראָנימען

2.1 -ɔv / -ev: אָשעראָוו, אושעראָוו, ווינגדאָראָוו, טעווועלעוו, מיכעלעוו, נוסינאָוו, פישעלעוו.

2.1.1 -ɔv / -ev מיט אַ ניט־יידישער פאָרמע פון אייגננאָמען:
אַבראַמאָוו, אַראָנאָוו, גערשאָוו(?), מאָשקאָוו.

2.2 -ɔvič / -evič: אָשעראָוויטש, באָרוכאָוויטש, ביניומינאָוויטש, בערקאָוויטש, זאַלמאַנאָוויטש, הירשאָוויטש, ווינגדאָראָוויטש, כײַמאָוויטש, לייבאָוויטש, לייזעראָוויטש, מײלאַכאָוויטש, מייעראָוויטש, סאַפּשעוויטש, סימכאָוויטש, עלכונאָוויטש, פּייסאַכאָוויטש, פּינכאַסאָוויטש, פּינקוסעוויטש, פּײַווילעוויטש, פּײַטלאָוויטש, פראָימאָוויטש, קיוואָוויטש, ראַפּאַלאָוויטש, שאַפּשעוויטש, שײַעוויטש, שלײמאָוויטש, שמולעוויטש, שעפּטעלעוויטש.

2.2.1 -ɔvič / -evič מיט אַ ניט־יידישער פאָרמע פון אייגננאָמען:
אַבראַמאָוויטש, אַראָנאָוויטש, גערשאָוויטש, דאַווידאָוויטש, יערוכימאָוויטש(?), מאָװשאָוויטש, מאָסקאָוויטש(?), מאָרדוכאָוויטש, שמואילאָוויטש(?).

2.3 -man: בערמאַן, גערשמאַן, הילעלמאַן, פישמאַן, שמולמאַן.

2.4 -sɔn / -zɔn: אַראָנסאָן, אָשערסאָן, באָרוכזאָן, הערש(ע)נזאָן, וואָלפסאָן, זאַלמאַנסאָן, כײַאימסאָן, מייערזאָן, מייערסאָן, מענד(ע)לסאָן, פּײַטלזאָן, פישזאָן, שמולענזאָן, שניאורסאָן, שנייערזאָן.

2.5 -ski: מיכאַלסקי (?), אַבראַמסקי.

2.6 -(ɔv/ev)ski: אידעלעווסקי, נוכימאָווסקי, פּייסאַכאָווסקי.

2.6.1 -ɔvski מיט אַ ניט־יידישער פאָרמע פון אייגננאָמען:
אַראָנאָווסקי, דאַווידאָווסקי.

2.7 -in: אורין, איסערלין, אַרקין, בערלין, בערקין, יעהודין, (יע)פּרויקין, ליפּצין, ליפּקין, מאָטקין, מאָשין(?), מיכלין, נאָטקין, סאַכנין, פישקין.

2.8 -is / -əs: אורים, איסערלים, אַרקילים (?), יוקלים, כאַצקעלים, ליפּעם, מאַיאָרקים, מיישקים, נעסאַנעלעם, פּינעם, שמעלקעם.

2.8.1 -s: גילעלם(?).

2.9 -enkɔ: אושערענקאָ, צאַלענקאָ.

2.10 פון פאַרקלענער־פאָרמען

[א= אויף ev- / ɔv-; ב= אויף ɔvič- / evič-; ג= אויף man-; ד= אויף zɔn- / sɔn-/; ה= אויף (ɔv/ev)ski-; ו= אויף in- / ən-; ז= אויף is- / əs-; (נ״י)= ניט־ייִדישע פאָרמע פון אייגננאָמען]

2.10.1 ערשטער און צווייטער דימינוטיוו:

(א) כאַצקעלעוו, ניסעלעוו.

(ב) זעמילעוויטש, יאָסעלעוויטש, יאַנקעלעוויטש, יודילעוויטש, כאַצקעלעוויטש, מענדעלעוויטש, מענדעלאָוויטש, ניסעלאָוויטש, קאָפּעלאָוויטש, קאָפּעלעוויטש.

(ג) זעמעלמאַן.

(ד) טאַנכילסאָן.

(ה) יודילעווסקי (נ״י?), מאָטלעווסקי.

(ו) איסערלין, בערלין.

(ז) איסערלים, יוקלים, כאַצקעלים.

2.10.2 פאַרקלענער־פאָרעם אויף -(č)i)k-:

(א) אַבראַשקאָוו (נ״י), אַראָנטשיקאָוו (נ״י), בערקאָוו, פֿישקאָוו.

(ב) איצקאָוויטש (נ״י?), גירשקאָוויטש (נ״י), הירשקאָוויטש, מאָשקעוויטש (נ״י?), שײַקעוויטש (נ״י?).

(ה) מאָטקאָווסקי (נ״י), מאָשקאָווסקי (נ״י).

(ו) אַרקין, אַבראַשקין (נ״י), (יע)פראָיקין, ליפּקין, מאָטקין, נאָטקין, פּישקין.

(ז) מײַשקים.

2.10.3 אַנדערע:

(א) אײַזיקאָוו.

(ב) 1 אײַזיקאָוויטש, איציקאָוויטש, גערשקאָוויטש;
2 סרולעוויטש;
3 פײַווישעוויטש.

(ד) איציקסאָן.

(ו) ליפּצין (?).

(ז) שמעלקעם (שמעלקעם).

2.11 דער זעלבער שטאַם מיט פאַרשידענע פאָרמאַנטן:

אַבראַמאָוו \ אַבראַמאָוויטש; אושעראָוו \ אושערענקאָ;
אידעלעוו \ אידעלעוויטש;
אײַזיקאָוו \ אײַזיקאָוויטש;
איציקאָוויטש, איצקאָוויטש \ איציקסאָן;
אַראָנאָוו \ אַראָנאָוויטש \ אַראָנאָווסקי \ אַראָנסאָן;
אָשעראָוו \ אָשעראָוויטש \ אָשערזאָן;
באָרוכאָוויטש \ באָרוכזאָן;
בערקאָוו \ בערקאָוויטש \ בערקאָווסקי \ בערקין;
גערשאָוו \ גערשאָוויטש, גערשעוויטש \ גערשענזאָן;
דאַווידאָוו \ דאַווידאָוויטש \ דאַווידאָווסקי \ דאַווידזאָן;
טעוועלעוו \ טעווועלעסאָן \ טעוועלעס;
זאַלמאַנאָוו \ זאַלמאַנאָוויטש \ זאַלמאַנסאָן;
יאַנקעלאָוו, יאַנקעלעוו \ יאַנקעלאָוויטש, יאַנקעלעוויטש;
יאָסעלאָוו, יאָסעלעוו \ יאָסעלאָוויטש, יאָסעלעוויטש \ יאָסעליזאָן;
יודעלעוו \ יודעלעוויטש \ יודעלסאָן;
כאַצקעלעוו \ כאַצקעלעוויטש;
כײַמאָוויטש \ כאַאימסאָן, כײַמסאָן;
לייבאָוו \ לייבאָוויטש \ לייבין;
מענדעלעוויטש, מענדעלאָוויטש \ מענדעלסאָן;
פּינקוס \ פּינקוסעוויטש;
פּייסאַכאָוויטש \ פּייסאַכאָווסקי;

פּישעלאָוו \ פּישעלאָוויטש,
פּישעלעוויטש \ פּישעלזאָן.

### 3. טאָפּאָנימען

1 ‎-ic/-əc: אײַבעשיץ, האָראָוויץ, יאַרמאָלינעץ, ליווישיץ, לענטשיץ, קרולעוויץ, קרעמעניץ, קרעמענעץ.
2 ‎-inc: לענשטינץ (פּגל. קאָבלענץ).
3 ‎-in: קאָברין.
4 ‎-ski: כאָמסקי (טשאָמסקי).
5 ‎-anski: מיראַנסקי.
6 ‎-er: מירער, קרעמעניצער.

### 4. אַנדערע

לאָפּאַטין; לוסטיגער (לוסטיזשע); ציפּערשטיין (זיפּערסטין); פּאָגעל (פּאָזשעל); ראַבין, ראַבינסאָן, רבינם (*ראַבינם? \ *ראַבינאַס? \ *ראַבינס? \ *רעבמס?).

## ביבליאָגראַפיע


אונבעגאַון, באָריס אָטטאָקאַר

1971 Б. О. Унбегаун, “Отчества на –ич и их отношение к русским фамилиям”, *Исследоваания по славянскому языкознанию, Сборник в честь шестидесятилетия профессора С. Б. Бернштейна*, 230-286, “Наука”: Москва.

1972 B. O. Unbengaun, *Russian Surnames*, Oxford University Press, Clarendon: Oxford.

אַלטבאַוער, משה

1958 Mosze Altbauer, “Od typu metronomicznego do ‘pajdonomicznego’ (Przyczynki do onomastyki jidyszowej i nowohebrajskiej)”, *Onomastica* (Wrocław-Kraków) 4: 355-364.

בירילאַ, מיקאָלאַ וואַסיליעוויטש

1966 М. В. Бірыла, *Беларуская антрапанімія*, Ўласныя імёны, імёны–мянушкі, імёны па бацьку, прозвішчы, АН БССР, “Навука і тэника”: Мінск.

1966 М. В. Бірыла, *Беларуская* [*антрапанімія*, 3, Структура Ўласны мужчынскіх імён, АН БССР, “Навука і тэхника”: Мінск.

גאָלד, דוד

1986 David L. Gold, “Some Problems of Jewish Anthroponymy and Genealogy”, *Jewish Language Review* (Haifa) 6: 65-93.

האַנקס, פּאַטריק און האָדזשעס, פלייוויאַ

1988 Patrik Hanks and Flavia Hodges, *A Dictionary of Surnames*, Special consultant for Jewish Names: David L. Gold, Oxford University Press: Oxford - New York.

האַרקאַווי, אַלכסנדר

1928 „פּאַרצײַכעניש פון יידישע נעמען. מיט זייער איבערלייג אויף ענגליש“ זז. 530-525 אין זיין יידיש־ענגליש־העברעאישער ווערטערבוך, צווייטע, פאַרבעסערטע און פאַרגרעסערטע אויפלאַגע, היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני: ניו־יאָרק.

היילפּערין, ישראל און באַרטאַל, ישראל

1990 פנקס ועד ארבע ארצות, לקוטי תקנות כתבים ורשומות, סדורים ומבוארים בידי ישראל היילפרין, מהדורה שנייה מתוקנת ומורחבת בידי ישראל ברטל, כרך ראשון, מוסד ביאליק: ירושלים.

הילדעסהיימער, מאיר

1992 פנקס קהילת שנייטאך, בצירוף מבואות והערות

מאת מאיר הילדסהיימר, הוצאת מקיצי נרדמים, מכון ליאו בק: ירושלים.

הערצאָג, מיכל; ראַוויד, וויטאַ און ווײַנרײַך, אוריאל

1969 Marvin Herzog, Wita Ravid and Uriel Weinreich (eds.), *The Field of Yiddish, Studies in Language, Folklore and Literature*, Third Collection, Mouton: The Hague.

ווײַנרײַך, אוריאל

1991 „ראשי פרקים פון אַ דעסקרעפּטיווער ייִדישער דיאַלעקטאָלאָגיע" אין ייִוואָ בלעטער, נײַע סעריע 1: 11-68.

ווײַנרײַך, מאַקס

1973 געשיכטע פון דער ייִדישער שפּראַך, באַגריפן, פאַקטן, מעטאָדן, באַנד 4, ייִוואָ: ניו־יאָרק.

ווײַסענבערג, ש.

1929 „די ייִדישע פאַמיליע־נעמען אין אוקראַינע" אין פילאָלאָגישע שריפטן 3: 313-366.

זאַרעצקי, אײַזיק

1929 ייִדישע גראַמאַטיק, נײַ־איבערגעאַרבעטע אויסגאַבע, ב. קלעצקין: ווילנע.

טאַוויאָו, ישׂראל־חיים

1908 י. ח. טביוב, „שמות היהודים" אין טאַוויאָו 1923: 306-318.

1910 י. ח. טביוב, „שמות משפחה עבריים" אין טאַוויאָו 1923: 319-346.

1923 כתבי י. ח. טביוב, קבוצת מחקרים בעניני ספרות ולשון, „מוריה" ו„דביר": ירושלים—ברלין.

טאָרפּוסמאַן, אַ. נ.

1986 А. Н. Торпусман, “Евреи”, *Системы личных имён у народов мира*, АН СССР, “Наука”: Москва. 115-120.

טרובאַטשאָוו, אָ. נ.

1968 О. Н. Трубачев, “Из материалов для этимологического словаря фамилий России (Русские фамилии и фамилии бытующие в России)”, *Этимология 1966* (Москва): 3-53.

1975 O. N. Trubačev, “Aus dem Material für etymologisches Wörtebuch der Familiennamen des russischen Sprachgebietes (Russische Familiennamen und Familiennamen die im russischen Sprachgebiet vorkommen)” in Schultheis & Staltmane 1975: 167-195.

כודאַש, מיכאַאיל לוקיטש

1977 М. Л. Худаш, *З історії української антропонимії*, “Наукова думка”: Київ.

לוח-רשימה

1928 לוח השמות העבריים, הוצאת הקהלה העברית בוורשה/ רשימה פון יודישע נעמען, פערלאַג פון דער יודישער קהלה אין וואַרשאַ/ *Spis Imion Żydowskich*, Nakładem Gminy Wyznaniowej żydowskiej w Warszawie: Warszawa.

מאָסקאָוויטש, וואָלף

אין דרוק Wolf Moskovich, “Mr Kăŭrchenka, Miss Shaihets, Mrs Hoika and Others: The Origin of Some Unusual Family Names in East Slavic Area” in *Politics of Yiddish* [=*Winter Studies in Yiddish*, IV], Harwood Academic Publishers: Chur.

מאָקאָטאָף און סאַק

1991 Gary Mokotoff and Sallyann Amdur Sack, *Where Once We Walked, A Guide to the Jewish Communities Destroyed in the Holocaust*, Avotaynu, Inc.: Teaneck, NJ.

מאַרק, יודל

1978 גראַמאַטיק פון דער ייִדישער כלל־שפּראַך, אַלוועלטלעכער ייִדישער קולטור־קאָנגרעס: ניו־יאָרק.

ניקאָנאָוו און סופּעראַנסקאַיאַ

1970 В. А. Никонов, А. В. Суперанская (ред.) *Антропонимика*, АН СССР, “Наука”: Москва.

סאַפאַרעוויטשאָוואַ, האַלינאַ

1969 Halina Safarewiczowa, *Nazwa miejscowe typu Mroczkowizna, Klimontowszczyzna* [=*Prace Onomastyczne*, II], Wydawnictwo Polskiej Akademii Nauk: Wrocław.

סופּעראַנסקאַיאַ, אַ. וו.

1969 А. В. Суперанская, *Структура имени собственного (фонология и морфология)*, АН СССР, “Наука”: Москва.

סופּעראַנסקאַיאַ און סוסלאָוואַ

1981 А. В. Суперанская, А. В. Суслова, *Современные русские фамилии*, АН СССР, “Наука”: Москва.

סטאַנקעוויטש, עדוואַרד

1969 Edward Stankiewicz, “The Derivational Pattern of Yiddish Personal (Given) Names” in M. Herzog, W. Ravid & U. Weinreich 1969: 267-283.

פּריבלודע, אַברהם

1970 А. С. Приблуда, “Фамилии-аббревиатуры евреев” = Никонов & Суперанская 1970: 138-146.

1987 צו דער געשיכטע פון יידישע פאַמיליע־נעמען [=ביבליאָטעק פון „סאָוועטיש היימלאַנד“, נ. 6 (78)], „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“: מאָסקווע.

פאַלקאָוויטש, עליע

1940 יידיש, פאָנעטיק, גראַפיק, לעקסיק און גראַמאַטיק, „דער עמעס“: מאָסקווע.

קאַגאַנאָף, בנציון

1977 Benzion C. Kaganoff, *A Dictionary of Jewish Names and their History*, Schocken Books: New York.

קאַזדאַן, חיים־שלמה

1973 „די מאַניע פון וואָרט־ און שפּראַך־מאַכעריי“ אין אונדזער צייט 10 (אָקט. 1973): 14-17.

קאָלאַטש, אַלפרעד

1967 Alfred J. Kolatch, *The Name Dictionary, Modern English and Hebrew Names*, Johnathan David Publishers: Middle Village, N.Y.

קאַץ, הירשע־דוד

1987 Dovid Katz, *Grammar of the Yiddish Language*, Duckworth: London.

1993 תקני תקנות, פראַגן פון יידישער סטיליסטיק, פאַרלאַג „אָקספאָרדער יידיש“: אָקספאָרד.

ראָסקעס, דוד־הירש

1993 „אייזיק מאיר דיק — האמן כמגיד מדומה“ אין חוליות (חיפה) 1: 7-41.

רייזען, זלמן

1920 גראַמאַטיק פון דער יידישער שפּראַך, פאַרלאַג ש. שרעברעק: ווילנע.

שולטהיים און שטאַלטמאַנע

1975 Johannes Schultheis, V. E. Staltmane (eds.), *Sowjetische Namenforschung*, Akademie-Verlag: Berlin.


הערה: אַ האַרציקן יישר־כח מיינע פריינט און קאָלעגן — דאָנאַלד ווהיטאָן, פּראָפ. וואָלף מאָסקאָוויטש, ד״ר אליקום־געצל קלעפּפיש, ד״ר אבנר דה שליט, ד״ר שמואל סמילאַנסקי און ד״ר דניאל פראַנק — וואָס זיינען צו הילף געקומען ביים צוגרייטן און אָנשרייבן די איצטיקע אַרבעט. נאָך אַ באַזונדערן דאַנק פאַר אַ סך געראָטענע

עצות און אָנווייזונגען קום איך מיינע פריינט הירשע=דוד קאַץ און גענאַדי עסטרייך. דאָס אחריות פאַר וועלכע ניט איז פעלערן און אומפּינקטלעכקייטן נעם איך פאַרשטייט זיך אינגאַנצן אויף זיך.

בעת די דאָזיקע אַרבעט איז שוין געווען אויסגעזעצט איז אַרויס אַ מאָנומענטאַל ווערק אויף דעם געביט. דאָס איז אַלעקסאַנדער ביידערס „ווערטערבוך פון יידישע פאַמיליעס אין דער רוסישער אימפּעריע" וועלכן ער האָט צונויפגעשטעלט אויפן סמך פון אַ באַדייטנדיקער צאָל אויטענטישע און גאַנץ באַגלייבטע מקורות ווי אויך פאַרזאָרגט מיט אַן אַרומנעמיקן אַנאַליטשן אַריינפיר (Alexander Beider, *A Dictionary of Jewish Surnames From the Russian Empire*, Avotaynu. Inc.: Teaneck, NJ, 1993) אָט דער גאָר וויכטיקער מקור האָט צום באַדויערן ניט געקאָנט געהעריק גענומען ווערן אין באַטראַכט אין דער איצטיקער אַרבעט.

# באַמערקונגען צו דרום־מערב יידיש

פון
**יאָהאַנעס ל. בראָזי**
(אָקספאָרד)

## I

## אַרייַנפיר

די איצטיקע אַרבעט איז אויסן סינכראָניש פאָרצושטעלן ד ר ו ם ־ מ ע ר ב  י י ד י ש אין זיין שקיעה תקופה: פון סוף נייַנצנטן און ביזן מיטן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. דער דיאַלעקט שטעלט מיט זיך פאָר אַ יידישע שפּראַך־לאַנדשאַפט וואָס איז אַלעמאָל געווען אין נאָענטסטן קאָנטאַקט מיט פאַרשיידענע וואַריאַנטן פון דייַטש (זע מאַקס ווייַנרייַך 1973, I: 5).

אין קאַפּיטעלע II טאַפּן מיר אָן עטלעכע אַספּעקטן פון דער סאָציאָלאָגיע פון דער יידיש פאָרשונג אין שייכות מיטן באַגריף ׳דרום־מערב יידיש׳. בשעת מעשה ווערט געבראַכט אַ סך־הכל פון די פאַראַנענע מקורות. די לינגוויסטיש־געאָגראַפישע שטעלונג פון דרום־מערב יידיש ווערט בקיצור באַשריבן אין III. אין IV ווערט פאָרגעשטעלט די קלאַנגען־סיסטעם פון אָט דעם יידישן דיאַלעקט.

## II

## דרום־מערב יידיש

2.1 נאָך איידער מאַקס ווייַנרייַך האָט פאַרעפנטלעכט זיינע „ראשי פּרקים פון מערבדיקן יידיש" (מ. ווייַנרייַך 1958), האָט מען סיי אין דער שווייץ און סיי אין האָלאַנד שוין יאָרן לאַנג געאַרבעט איבער די דאָרטיקע רעשטלעך פון אַמאָליקן מערב יידיש (זע אַפּטראָד 1990: 383-386; 1991; בראָזי 1990א: 387-390).

2.2 דער באַגריף ד ר ו ם ־ מ ע ר ב  י י ד י ש ווערט צום ערשטן מאָל גענוצט ביי קאַץ (1983: 1018-1041), וועלכער באַנעמט עס ווי אַ חלק פון זיין ד ר ו מ ד י ק ן  מערב יידיש (זע אויך קאַץ 1990: 176; אָבער פגל. אויך 1991א: 106). ווי אַ טעמע פאַר זיך אין דער יידישער שפּראַך וויסנשאַפט איז דרום־מערב יידיש שוין אַ סך פריער אויסגעפאָרשט געוואָרן, דער עיקר פון גוגענהיים־גרינבערג (1950, 1954, 1958, 1961, 1964, 1965, 1966, 1969, 1973, 1976). אַ סך־הכל פון איר פּיאָנערישן צושטייער צו דער יידיש פאָרשונג האָבן מיר געמאַכט אין אַ פריערדיקן באַנד (בראָזי 1990a: 387-390).

2.3 פאַראַן היינט אַזעלכע וואָס לאָזן זיך גיין אויף הינטערוויילעכץ וואָס שייך דער אָנגענומענער לינגוויסטישער טערמינאָלאָגיע. דעם מצב פון דער היינטיקער שפּראַך פון יידן אין די אַמאָליקע דרום־מערב יידישע מקומות באַצייכענען זיי מיטן טערמין Jüdisch-Deutsch ווי אַ רמז אויף דער גוואַלדיקער השפּעה פון דייַטש אויף די רעשטלעך פון יידיש אין יענע מקומות (זע מאַטראַס 1991: 267-293). יענער טערמין איז כידוע געווען דער סטאַנדאַרדער ביי די גערמאַניסטן וואָס האָבן געפאָרשט אויך יידיש (למשל, ביי סאַפּיר 1915-1916 האָט יידיש געהייסן Judeo-German). אין דער צווייטער העלפט יאָרהונדערט האָט שוין אָבער אַפילו בעראַנעק (1957: 1957), אַ קאָנטראָווערסיעלער פאָרשער איבער „יידיסטיק", זיך געשטעלט אַקעגן דעם טערמין Jüdisch-Deutsch.

2.4 פאַראַן אַ גאָר גרויסע צאָל אויפגעהיטענע

מקורות, סיי כלערליי דרוקזאַכן און פילאָלאָגישע שריפטן פון נײַנצנטן יאָרהונדערט, סיי רעקאָרדירטע שמועסן פון די פופציקער און זעכציקער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט.

די דרוקזאַכן זײַנען כולל וויסנשאַפטלעכע און זאַמלערישע אַרבעטן, למשל ווײַס (1896), ווײַל (1920; 1921), לוי (1924), מײַס (1928), נעהער (1944) און אַנדערע. דאָס עלזאַסער ייִדיש, דער גרעסטער שטח פון דרום⸗מערב ייִדיש סײַ דעמאָגראַפיש סײַ געאָגראַפיש, איז געבליבן בײַם לעבן, לפּחות ווי אַ געשריבענע שפּראַך, אַזש ביז די זיבעציקער און אַכציקער יאָרן פון הײַנטיקן יאָרהונדערט (זע למשל ווײַזשע 1977 און ראַפאַעל 1983; 1987). אַ גאָר באַזונדערן זשאַנער שטעלן מיט זיך פאָר די פאָלקסטימלעכע פּיעסן און כלערליי פּאַמפלעטן, וואָס זײַנען אגב געשריבן, אַזוי ווי אַלע אַנדערע פּובליקאַציעס א ו י ף דרום⸗מערב ייִדיש און אַ סך װ ע ג ן דרום⸗מערב ייִדיש — מיט לאַטײַנישע אותיות (זע למשל מאיר וואָג 1976).

די זעלבע מאָס וויכטיקייט דאַרף מען צושרײַבן די טאַשמעס און דיסקן אויף וועלכע ס'זײַנען רעקאָרדירט געוואָרן אי צוגעגרייטע אי ספּאָנטאַנע שמועסן (זע למשל גוגענהײם⸗גרינבערג 1966א). אינאײנעם מיט די שמועסן האָט די מחברטע געגעבן דעם פאָרשער אויך אַ פאָנעטישע טראַנסקריפּציע און גלאָסאַרן מיט דערקלערונגען בנוגע קולטורעלע און רעליגיעזע באַזונדערקייטן פון די אַשכנזים אויף דער דרום⸗מערב ייִדישער טעריטאָריע. פון די אַלע מקורות לאָזן זיך צונויפקלײַבן פילאָלאָגיש⸗לינגוויסטישע פּרטים אָן אַ שיעור. ס'רוב פון די רעזולטאַטן פון דער פאָרשונג האָט גוגענהײם⸗גרינבערג פאַרעפנטלעכט אין איר גרויסן און אַרומנעמיקן שפּראַך און קולטור אַטלאַס (1973).

III

# דער לינגוויסטישער סטאַטוס פון דרום⸗מערב ייִדיש

3.1 די טעריטאָריע פון דרום⸗מערב ייִדיש איז כולל שטחים פון דרײַ לענדער אין מערב אײראָפּע. דרום⸗מערב ייִדיש פלעגט מען ריידן אין מזרחדיקן קאַנט פון הײַנטיקן פראַנקרײַך, ד.ה. אויך גאַנץ עלזאַס מיט סונדגאַו, אין אַ לפי⸗ערך שמאָלן פּאַס לענגאויס דעם דרום און דרום⸗מערב פון דײַטשלאַנד; אויך אין צוויי היסטאָריש ייִדישע דערפלעך אין צפון⸗מערבדיקן שווײַצאַרישן קאַנטאָן אַרגאַו, ענדינגען און לענגנאַו.

ווײַזט אויס אַז אויסער גוגענהײם⸗גרינבערגס אַטלאַס איז ניטאָ קיין אונטערזוכונג אין דער גערמאַניסטישער ליטעראַטור וואָס זאָל בודק זײַן דײַטשישע דיאַלעקטן — אין אונדזער פאַל: די אַלעמאַנישע — דווקא פון שטאַנדפּונקט פון קאָטעריטאָריאַלן י י ד י ש. בעראַנעק (1965) האָט בלויז אָנגעוויזן מיט זײער ברייטע, ניט⸗פּרטימדיקע באַשרײַבונגען, אויפן מצב פון מערב ייִדיש (זע אויך דעם מחלוקת צווישן בעראַנעק 1968 און גוגענהײם⸗גרינבערג 1966ב און 1968). די איצטיקע אַרבעט שטעלט מיט זיך פאָר אַ מין המשך צו גוגענהײם⸗גרינבערג (1973; סאָנדערעגער 1991 און סיטאַ 1991).

3.2 אין דער גערמאַניסטיק (זע באַך 1950, 1965; מאַורער 1965) ווערט דער אַלעמאַנישער שפּראַך⸗שטח פונאַנדערגעטיילט סך⸗הכל אין דרײַ עיקרדיקע ראַיאָנען. נאָר און בלויז די ערשטע צוויי שטחים האָבן אַ שײַכות צו דער אַנטוויקלונג פון דרום⸗מערב ייִדיש. נ י ד ע ר⸗ אַלעמאַניש ווערט גערעדט אין גאַנץ עלזאַס אַחוץ אין סאַמע דרומדיקסטן קאַנט, דעם סונדגאַו. דאָרטן רעדט מען ה ו י ך⸗אַלעמאַניש (זע, למשל, נ. קאַץ 1987). אין די דײַטשישע שטחים וואָס זײַנען נוגע אונדזער דיאַלעקט רעדט מען אויך הויך⸗אַלעמאַניש, ד.ה. אין דרומדיקן פּאַס וואָס פירט פון דער קאָנסטאַנצער אָזערע קיין באַזעל, און אין די שווײַצאַרישע דערפער ענדינגען און לענגנאַו.

דער דריטער, און דווקא דער סאַמע טשיקאַווער, ראַיאָן פון אַלעמאַניש (זע צינסלי 1969) איז דאָ ניט שײַך, מחמת קיין ייִדיש האָט מען ניט גערעדט אין די הויך⸗אַלפּינישע טאָלן פון דער צענטראַלער און מזרחדיקער שווײַץ (אַ היסטאָרישן איבערזיכט ברענגט אולריך 1768). ס'איז אָבער איראָניש וואָס הײַנטיקע צײַטן רעדט מען יאָ (מזרח!) ייִדיש נאָר און בלויז אין די דאָזיקע מקומות וואוהין עס פאָרן זומערצײַט ייִדן אויף וואַקאַציע. פון לינגוויסטישן און סאָציאָלינגוויסטישן שטאַנדפּונקט זײַנען די היסטאָרישע שפּורן פון ייִדיש וואָס מ'געפינט אינעם לשון פון די דאָרטיקע שווײַצאַרישע ציגײַנער זײער אינטערעסאַנט (זע בראָזי 1987א).

3.3 די איסאָגלאָסן אַלס „ראַם" פאַר דרום⸗מערב ייִדיש: מ'דאַרף נעמען אין באַטראַכט די ווײַטערדיקע בינטלעך איסאָגלאָסן. די צוויי אויבנדערמאָנטע אַלעמאַנישע שטחים, און ממילא דרום⸗מערב ייִדיש וואָס איז מיט זיי קאָטעריטאָריאַל, פאַרמאָגן באַשטימטע פאָנאָלאָגישע אײגנשאַפטן. פאַראַן צוויי סאַמע עיקרדיקע היסטאָריש⸗דיאַכראָנישע אַנטוויקלונגען.

ערשטנס, די ניי־הויך־דייטשישע דיפטאָנגירונג (זע באַך 1950: 204; 1965: 227). להיפוך צום אַלעמאַנישן אַרום האָט דרום־מערב יידיש  נ י ט  אויפגעהיט די לאַנגע וואָקאַלן î, ǖ און ū. למשל, אין אַזאַ זאַץ ווי מ.ה.ד. mîn nüwes hūs 'מיין ניי הויז' דערהערט זיך די נפקא־מינה בפירוש: אויף דרום־מערב יידיש הייסט עס majn najs hɔus/haus, וואו די וואַריאַנטן ɔu/au אין הויז שטעלן מיט זיך פאָר דעם דרום־מערב יידישן וואָקאַל 54, ד.ה. — דער ענטפערער פון מיטל־הויך־דייטשישן דיפטאָנג ou.

צווייטנס, די ניי־הויך־דייטשישע מאָנאָפטאָנגירונג (זע באַך 1950: 22; גוגענהיים־גרינבערג 1966: 20). דאָ איז דאָ אַ פּאַראַלעלע דערשיינונג. דרום־מערב יידיש האָט  נ י ט  אויפגעהיט די מיטל־הויך־דייטשישע פאָנעמען e, üe און uo. אין מיטל־הויך־דייטש lieben guoten brüeder למשל, וואָס איז טייטש 'טייערע גוטע ברידער', זיינען פון די דיפטאָנגען געוואָרן דרום־מערב יידישע מאָנאָפטאָנגען: líbə gútə brídər / lívə gǖtə brídər.

3.3.1 די אַזוי גערופענע Selz-Lauterschranke אין צפון פון דער דרום־מערבדיקער טעריטאָריע פון יידיש באַשטייט פון אַ גאַנצן צאָפּ איסאָגלאָסן וועלכע לויפן אַדורך פון מערב אויף מזרח. פאַראַן דאָרטן לפּחות צוויי אַזעלכע, איינער אַ קאָנסאָנאַנטישער און איינער אַ וואָקאַלישער, וואָס ביידע גרענעצן אָפּ ריין־פרענקיש (Rhine Franconian) אין צפון פון נידער־אַלעמאַניש (Low Alemannic) — און דערווייל אויך דעם קאָטע־ריטאָריאַלן דרום־מערב יידיש — אין דרום.

דער קאָנסאָנאַנטישער איסאָגלאָס טיילט אָפּ דעם דרומדיקן אַפריקאַט /pf/, למשל /pfund/ '(אַ) פונט (פלייש)', פונעם צפונדיקן עקספּלאָסיוו /p/. אויף דרום־מערב יידיש קאַפט ('קויפט') מען ə pfund flāš 'אַ פונט פלייש'.

דער וואָקאַלישער איסאָגלאָס באַשטייט פונעם אונטערשייד צווישן דעם ריין־פרענקישן מאָנאָפטאָנג /u/ אין brúdər און דעם נידער־אַלעמאַנישן דיפטאָנג /uə/ אין brúədər (זע למשל באָענבערגער 1905, 1953; לוי 1929 און בייער 1975). בהסכם מיט איר „ניט נאָכגיין" דער ניי־הויך־דייטשישער מאָנאָפטאָנגירונג, האָט דרום־מערב יידיש דעם /u/ קלאַנג.

דאָ איז אויך פאַראַן אַ קולטורעל־פאָלקלאָריסטישער איסאָגלאָס וואָס עס האָט אויפגעשטעלט גוגענהיים־גרינבערג (1973: 29, 52-53). איר קוילעטש ליניע (דרום־מערב יידיש kɔ́uləč), קען מען באַטראַכטן ווי אַ געניען המשך פון דער Selz-Lauterschranke.

3.3.2 די מזרחדיקע גרענעץ פון דרום־מערב יידיש באַשטייט פון אַ גרופּע איסאָגלאָסן וועלכע צעטיילן אויך שוואַביש פון אַלעמאַניש, און וועלכע זיינען צונויפגענומען אין דעם שוואַרצוואַלד באַריער (דעם Black Forest Barrier). דער מ.ה.ד. לאַנגער î באַווייזט זיך למשל ווי שוואַביש aj אין ajs אָבער אַלעמאַניש î אין îs 'אייז'. אַריינדרינגען טיפער אין דעם ענין דאַרף מען ניט מחמת די יידישע קהילות אין דעם שטח געפינען זיך אַלע דריי אויף דער טעריטאָריע פון הויך־אַלעמאַניש. דאָס זיינען גיילינגען, וואַנגען און ראַנדען (Gailingen, Wargen, Randen).

נאָך צוויי באַריערן דאַרפן דאָ דערמאָנט ווערן. אַזוי ווי די קוילעטש ליניע שטעלט מיט זיך פאָר אַ המשך פון דער Selz-Lauterschranke פון מערב אויף מזרח, אַזוי אויך איז פאַראַן אַ המשך, דאָסמאָל אַ לינגוויסטישער, פונעם שוואַרצוואַלד באַריער. דער דאָזיקער המשך ווערט אָנגערופן דער Aare-Reuss Barrier וואָס דרינגט אַריין אין דער שווייצאַרישער טעריטאָריע און וואָס שפּילט דאָ ניט ווייטער קיין ראָלע.

IV

# די סיסטעם קלאַנגען פון דרום־מערב יידיש

4.1 אַלפרעד לאַנדוי (1896: 47; 1901: 20-68; 1911: XLI) האָט דער ערשטער אויף אַ וויסנשאַפטלעכן אופן צעטיילט די יידישע דיאַלעקטן, אָננעמענדיק דעם לאַנגן ā פאַרן מבחינדיקן סימן, וואָס טיילט פונאַנדער יידיש אין מערב אייראָפּע פון די יידישע דיאַלעקטן אין מזרח אייראָפּע. דער דאָזיקער וואָקאַל שטעלט מיט זיך פאָר די אוניווערסאַלע מערב־יידישע רעאַליזירונג פון די מיטל־הויך־דייטשישע דיפטאָנגען ei און ou, וואָס ווערן היינט, לויט דער סיסטעם פון מאַקס ווײַנרייך (1960: 65-71; 1973, II: 321-382, IV: 364-384) באַצייכנט אַלס וואָקאַל ā$_{24/44}$. די באַוואוסטע דוגמא פראַזע flāš mit bā́nər 'פלייש מיטביינער', איז כולל צוויי מאָל וואָקאַל 24. mus sɔu. 'גיי שוין. כ'דאַרף אויך קויפן āx flāš mit bā́nər k$^{h}$ā́fə. פלייש מיט ביינער' אילוסטרירט סיי 24 (פלייש, ביינער), סיי 44 (לויף, קויף). צו דער סעמאַנטיק דאַרף דאָ דערמאָנט ווערן די אַלעמאַנישע השפּעה וואָס האָט גורם געווען אַז דרום־מערב יידיש lā́fə איז טייטש 'גיין' (ניט 'לויפן'), און müəsə הייסט 'דאַרף'.

צפון־מערב יידיש פאַרמאָגט טאַקע דעם קלאַסישן מערב־יידישן ā אויף די וואָקאַלן 24 און 44 (די טיפן פלייש און קויפן; זע קאַץ 1983: 1030-1031 און אַפּטראָד 1991:

59-41). דרום=מערב יידיש האָט נאָך אַ דריטן לאַנגן ā קלאַנג, וואָס איז באַקאַנט ווי וואָקאַל ā$_{13}$, וועלכער איז כולל בלויז איינסן פון דייטשישן חלק און ניט, ווי צוקערמאַן (1969: 47-48) האָט געטענהט, אויך פון סעמיטישן קאָמפּאָנענט. דוגמאות: šlā́gə ׳שלאָגן׳ און sā́gə ׳זאָגן׳ (זע ציווי 1966: 12). דערמיט באַקומט זיך דער באַזונדערער דרום=מערב יידישער דרײַאיקער צונויפֿפֿאַל: ā$_{13/24/44}$.

4.1.1 די סיסטעם באַטאָנטע וואָקאַלן: יידישע דיאַלעקטאָלאָגן האָבן זיך תמיד מער אָפּגעגעבן מיטן ענין וואָקאַליזם (און ברפֿט די סיסטעמען באַטאָנטע וואָקאַלן) איידער מיטן קאָנסאָנאַנטיזם. נאָך לאַנג פֿאַר דעם ווי מאַקס וויינרייך (1960: 65-71) האָט פֿאָרגעלייגט זיין סיסטעם יידישע קדמון וואָקאַלן, איז די אַרבעט אויף דעם געביט שוין אָנגעגאַנגען מיט גרוים אימפּעט. אָט איז דער וואָקאַליזם פון דרום=מערב יידיש.

דער באַטאָנטער וואָקאַליזם פון דרום=מערב יידיש

| | | |
|---|---|---|
| ī$_{32}$ | | ü/ū/ū$_{52}$ |
| i/ɛ$_{31}$ | | u/ɔ$_{51}$ |
| ē$_{22(/25)}$ | | au/ɔu/ɔ̄/ō/o$_{42}$ |
| ɛj$_{(22/)25}$ | | au/ɔu/ɔ̄/ū$_{12(42/54)}$ |
| ɛ$_{21}$ | | o/ɔ$_{41}$ |
| | a$_{11}$ | |
| | ā$_{13/24/44}$ | |
| | aj/āj$_{34}$ | |

אַ טעמע אינגאַנצן פֿאַר זיך, און לאו דווקא בלויז אין שייכות מיטן וואָקאַליזם, איז די פֿראַגע פון די אויפֿ=געוויזענע פֿאָרמען פון אַשכנזישן העברעאיש פון די יידן אויפֿן דרום=מערבדיקן יידישן שפּראַך=שטח (זען בראָזי 1990ב: 59-65). די פֿראַגע פון אַן אינעווייניקסטער דיאַלעקטאָלאָגישער צעטיילונג פון אַשכנזישן העברעאיש ווערט באַהאַנדלט אין קאַץ (1991, און דער עיקר 1993).

4.2 מיטן מזרחדיקן יידישן קאָנסאָנאַנטיזם האָבן זיך פֿאַרנומען פּרילוצקי (1917א), גוטמאַן (1926: 377-388 און בפֿרט 1928: 107-110; זע קינג 1980: 371-430), הערצאָג (1965: 218-233) און בין=נון (1973: 323-396); מיטן מערבדיקן — מיזעס (1924: 58-103) און טים (1987: 255-330).

4.2.1 דעם קאָנסאָנאַנטיזם פון דרום=מערב יידיש האָט געפֿאָרשט גוגענהיים=גרינבערג (1958) און, אין אַ קלענערער מאָס, צוקערמאַן (1969: 24-39). ס׳איז כדאַי צו באַטראַכטן דעם קאָנסאָנאַנטיזם פון דרום=מערב יידיש, ווייל פּונקט דאָ זעט זיך בולט די השפּעה פון די קאָטעריטאָריאַלע דייטשישע דיאַלעקטן מער איידער ביים וואָקאַליזם. און דאָך געפֿינט מען אויך באַזונדערקייטן. ביים שטודירן אָט דעם ענין אין אַלע שטחים פון דרום=מערב יידיש, האָט זיך אונדז אויסגעוויזן אַז ספּעציעל אין ע ל ז אַ ס זיינען פֿאָרגעקומען געוויסע שינויים אויף וועלכע ס׳לוינט זיך אָפּצושטעלן.

4.2.2 אייגנשאַפֿטן פֿונעם קאָנסאָנאַנטיזם פון דרום=מערב יידיש:

(א) די ספּיראַנטיזירונג פון b האָט הערצאָג (1965: 225) טאַקע אויפֿגעוויזן פֿאַרן יידישן דיאַלעקט אין צפֿון פּוילן ביי איין וואָרט פון גערמאַנישן חלק. אין מזרחדיקן יידיש איז די=אָ דערשיינונג זעלטן שבזעלטן. אין דרום=מערב יידיש איז עס די נאָרמע: אַוועלכן ניט איז לכתחילהדיקן b רעאַליזירט מען ווי אַ האַלב=וואָקאַלישן v אין אַלע קאָמפּאָנענטן פון דער שפּראַך. עס קען קיין צופֿאַל ניט זיין וואָס די דאָזיקע דערשיינונג איז אַ פּאַראַלעל=אַנאַלאָגישע צום שייכותדיקן דייטשישן איסאָגלאָס (זע פּאָל לוי 1929). דוגמאות: ēvər ׳איבער׳, ׳וועגן׳; glāvə ׳גלייבן׳; hāvə ׳האָבן׳ (זע וואָג 1876: 4). אַ ביישפּיל פון סעמיטישן חלק געפֿינט זיך ביי מיים (1928: 111): שקר=בלבול איז ביי אים šɛ́kər bílvəl, ד.ה. אַז דער איבערבייט איז חל געווען אויפֿן סעמיטישן חלק אויך (זע בין=נון 1973: 357).

(ב) די ספּיראַנטיזירונג פון דייטשישן „וויכן" ç צום אומשטימיקן š איז אַ זייער פֿאַרשפּרייטע, למשל די באַוואוסטע דוגמאות frímsəliš אויף ׳לאָקשן׳ (פֿגל. מזרח יידיש כרעמזלעך) און nɛ́biš ׳נעבעך׳ (זע גוגענהיים=גרינבערג 1973: 46-47). על=פּי טעות האָט מיזעס (1924: 84) געהאַלטן אַז דאָס האָט זיך גענומען פון אַ פֿראַנצייזישער השפּעה. ס׳קען ניט זיין, ווייל דעמאָלט שווימט אויף די פֿראַגע: איז פון וואַנען קומט עס, אַז די זעלבע זאַך זאָל זיך באַווייזן אין צפֿון=מערב יידיש אויך, למשל lišt אויף ׳ליכט׳ און kíšəliš (פֿגל. מזרח יידיש קיכעלעך) אויף ׳לעקעך׳ (זע בים 1970: 13)? אויך x סוף וואָרט אין סעמיטישן חלק ווערט עס רעאַליזירט ווי š, למשל šídəš ׳שידוך׳, sáməš ׳(דער אות) סמך׳ (זע גוגענהיים=גרינבערג 1965: 152, 156; 1966: 16, 19). אינמיטן וואָרט קען פון היסטאָרישן x אויך ווערן אַן אַפֿריקאַט č, למשל אין šáčən ׳שדכן׳ (זע וואָג 1876: 4), וואָס באַווייזט זיך ווי אַ וואַריאַנט צום באַקאַנטן šádšən.

(ג) דער r ווערט אין געוויסע פֿאַלן פֿאַרלאָרן, און אין אַנדערע יאַוועט ער זיך נאָר דאָרטן וואו מען ריכט זיך

אויפֿן היסטאָרישן חית. אינמיטן וואָרט, בפֿרט פֿאַר אַ בינטל קאָנסאָנאַנטן, פֿאַלט ער אַרויס אינגאַנצן, למשל jāšə 'ירשענען', gəjāsət 'גערירשנט'. פֿאַראַן לפּחות צוויי פֿאַלן וואו דער ריש באַווייזט זיך אויף חית: אין símrə אויף 'שמחה' און rέjfər אויף 'רווח' (זע גוגנהיים⸗גרינבערג 1966: 9; פֿגל. קאַץ 1991).

(ד) אַ טשיקאַווער בייט איז דער איבערגאַנג פֿון אינטערוואָקאַלישן עקספּלאָסיוו g אויף אַ האַלב⸗וואָקאַלישן v, ניט נאָר אין איין קאָמפּאָנענט, נאָר אין ביידע. אין סעמיטישן חלק, למשל, איז געוואָרן פֿון məšúgəni lajt 'משוגענע מענטשן': məšúvəni lajt. אין דייטשישן חלק זעען מיר למשל ווי פֿון mā́gə 'בויך' איז געוואָרן mā́və; דאָס שטעטעלע Haguenau (Hagenau) איז געוואָרן hā́vənə. מ'דאַרף דאָ צוגעבן אַז דער דאָזיקער שינוי באַווייזט זיך אויכעט אין עלזאַסישן דייטש פֿון שטראַסבורגער געגנט: פֿון מ.ה.ד. vage 'וואָגן' איז געוואָרן vávə און אַפֿילו vā́uə (שמידט 1896: 87, 113), ד.ה. אַ וואָקאַליזירונג פֿון g וואָס האָט אויך, אַגבֿ, דערפֿירט צו אַ פֿאַרלענגערטן וואָקאַל. ניטאָ קיין ראיה אַז עלזאַסיש דרום⸗מערב ייִדיש איז אין דעם פֿאַל אויך דערגאַנגען אַזש ביז אַ וואָקאַליזירטן g.

(ה) k אָנהייב וואָרט: אָנשטאָט knεxt אויף 'קנעכט', האָבן ייִדן אין דרומדיקן, הויך⸗אַלעמאַנישן טייל פֿון עלזאַס געזאָגט kxnεxt; אָנשטאָט kind — kxind. בלויז אין איין פֿאַל האָבן מיר געפֿונען אַ ביישפּיל פֿון סעמיטישן חלק. אָנשטאָט 'חילוק', גיט איבער וויים (1896: 138), אַז מען האָט געזאָגט kxílik. אָבער דאָ איז מאָדנע וואָס אין העברעאישן שורש איז דאָך דער היסטאָרישער קלאַנג אָנהייב וואָרט ניט קיין עקספּלאָסיוו k, נאָר אַ פֿריקאַטיוו גאָר: x. דאָס קען מען באַנעמען ווי אַ ניט⸗באַוואוסטזיניקן פֿאַראַלעלן שינוי (זע זשירמונסקי 1962: 273). און אפֿשר איז דאָ אויך שייך די חית פּראָבלעמאַטיק אין מערבֿ ייִדיש בכלל (זע קאַץ 1991).

(ו) אַ גאָר מאָדנער שינוי, וואָס מחוץ דעם דרום⸗מערבֿדיקן שטח איז ער אויך באַקאַנט אין פֿראַנקען (זע לעווענשטיין 1975: 34), באַווייזט זיך אין דער רעאַליזירונג פֿון tv (אַשטייגער אין תבֿואה) און tf (אַשטייגער אין תּפֿילה). אין ביידע פֿאַלן, ניט געקוקט דערויף וואָס f איז אַן אומשטימיקער פֿריקאַטיוו בעת b איז אַ שטימיקער, האָט זיך אַנטוויקלט דער אַפֿריקאַט pf, אַזוי אַרום: ~ pfū̄ə ~ pfū̄və ~ pfúə אויף 'תּבֿואה', pfísə אויף 'תּפֿיסה' און pfílə אויף 'תּפֿילה' (זע נעהער 1944: 91, מיים 1928: 32 און ציווי 1966: 23). דעם f אין דעם דאָזיקן צונויפֿקום, אַפֿילו ביי אַ לכתּחילהדיקן v, קען מען דערקלערן דורכן (טיילמאָל טיילווייזן) צונויפֿפֿאַל פֿון שטימיקע און אומשטימיקע קאָנסאָנאַנטן אין אַ גרויסן טייל מערבֿ ייִדיש. בלייבט אָבער איבער דאָס רעטעניש מכּח דעם בייט פֿון t צו p. קען זיין אַז היות ווי אַלעמאַניש דייטש האָט ניט קיין tv אָנהייב וואָרט, איז מען אַריבער צום נאָענטסטן קלאַנג וואָס קומט פֿאָר אין דער שייכותדיקער פֿאָנאָלאָגיע, דהיינו: pf.

(ז) לסוף געפֿינען מיר אַז דאָס אויפֿלייזן פֿון קאָנסאָנאַנטישע ביטנלעך דורך אַ סוואַראַבהאַקטי וואָקאַל קומט פֿאָר גאַנץ אָפֿט אין דרום⸗מערבֿ ייִדיש, למשל: stráusbɔrig 'שטראַסבורג', dɔ́riš 'אַדורך' (זע וואָג 1976: 4).

אין תּוך גענומען ווערט לפּחות איין זאַך קלאָר. להיפּוך צום וואָקאַליזם, וואו די אַנדערשקייט פֿונעם ייִדישן דיאַלעקט לגבי דעם קאָטעריטאָריאַלן דייטשישן דיאַלעקט (ווי אויך זיין נאָענטקייט צו אַנדערע דיאַלעקטן פֿון י י ד י ש) וואַרפֿט זיך פּשוט אין די אויגן, שמעקט דער דרום⸗מערבֿדיקער קאָנסאָנאַנטיזם שטאַרק מיט דייטשישער השפּעה. אָט די דייטשישע השפּעה האָט אָבער באַווירקט די פֿאָנאָלאָגיע פֿון אַ ל ע חלקים פֿון ייִדיש, אַזוי אַרום אַז די סינכראָנישע קאָנפֿיגוראַציע איז אויך דאָ אַ ספּעציפֿישע.

# ביבליאָגראַפֿיע


אולריך, יאָהאַן קאַספּאַר

1768 Johann Kaspar Ulrich, *Sammlung jüdischer Geschichten in der Schweiz*, Republished by Gregg International Publishers Ltd.: Westmead, Farnborough, Hants., England.

אַפּטראָד, מאַריאָן

1990 „האַרטאַך ביים" אין אָקספֿאָרדער ייִדיש I: 383-386.

1991 Marion Aptroot, "Northwestern Yiddish: The State of Research" in Kerler 1991: 41-59.

באַך, אַדאָלף

1950 Adolf Bach, *Deutsche Mundartforschung*, Carl Winter: Heidelberg.

1965 *Geschichte der deutschen Sprache*, Quelle & Meyer: Heidelberg.

באָנענבערגער, קאַרל

1905 Karl Bohnenberger, *Die alemannisch-fränkische Sprachgrenze vom Donon bis zum Lech*, Carl Winters Universitätsbuchhandlung: Heidelberg.

1953 *Die alemannische Mundart*, J. C. B. Mohr (Paul Siebeck): Tübingen.

בייער, ערנעסט

1957 Ernest Beyer, "A la limite des dialectes Alsaciens", *Lorraine, Alsace, France-Comté, Société Savante d'Alsace et des Regions de l'Est*: Strasbourg / Paris.

בן⸗נון, יחיאל

1973 Jechiel Bin-Nun, *Jiddisch und die deutschen Mundarten unter besonderer Berücksichtigung des ostgalizischen Jiddisch*, Max Niemeyer: Tübingen.

בעראַנעק, פראַנץ י.

1957 Franz J. Beranek, "Jiddisch" in W. Stammler (ed.), *Deutsche Philologie im Aufriss* I: 1955-1998.

1965 *Westjiddischer Sprachatlas*, Elwert: Marburg.

1968 Reply to Florence Guggenheim-Grünberg 1966b "Zum Westjiddischen Sprachatlas" in *Zeitschrift für Mundartforschung* 35: 146-148.

בעש, ווערנער און אַנדערע

1983 Werner Besch et al. (eds.), *Dialektologie. Ein Handbuch zur deutschen und allgemeinen Dialektforschung* 2, Walther de Gruyter: Berlin.

בראָזי, יאָהאַנעס ל.

1987א Johannes L. Brosi, "Eine sprachtheoretische Untersuchung zum Wesen des Jiddischen und seiner charakteristischen Strukturen in den literarischen Werken von Isaac Bashevis Singer" I (pp. 1-37); "The Appearance of 'Yiddishisms' in the Swiss German Dialect of the Canton Graubünden", II (pp. 38-43) [ניט⸗פֿאַרעפֿנטלעכטע דיסער⸗טאַציע אין דער שול פֿאַר אַפּליקירטער לינגוויסטיק אין ציריך, יוני 1987].

1987ב. „דער מצב פֿון דער דיאַלעקטאָלאָגישער פֿאָרשונג איבער דרום⸗מערב יידיש". רעפֿעראַט אויפֿן גראַדואיר⸗סעמינאַר פֿון יידישער שפּראַך און ליטעראַטור, אָקספֿאָרד 3טן דעצעמבער.

1987ג „דרום⸗מערב יידיש און דאָס לשון פֿון די פֿערד סוחרים". רעפֿעראַט אויפֿן דריטן ווינטער סימפּאָזיום איבער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור, 15טן דעצעמבער.

1990א „פֿלאָרענץ גוגענהיים⸗גרינבערג (1898-1989)" אין אָקספֿאָרדער יידיש 1: 387-390.

1990ב *Southwestern Yiddish: A Study in Dialectology, Folklore and Literature*, University of Oxford MLitt dissertation.

1991 „די דיאַלעקטאָלאָגישע סביבה פֿון דרום⸗מערב יידיש: אַן ענין פֿאַר גערמאַניסטן און יידישיסטן". רעפֿעראַט אויפֿן גראַדואיר⸗סעמינאַר פֿון יידישער שפּראַך און ליטעראַטור, אָקספֿאָרד 16 אָקטאָבער.

גוגענהיים⸗גרינבערג, פֿלאָרענץ

1950 Florence Guggenheim-Grünberg, *Die Sprache der Schweizer Juden von Endingen und Lengnau* [= *Beiträge zur Geschichte und Volkskunde der Juden in der Schweiz* 1], Verlag Jüdische Buch-Gemeinde: Zürich.

1954 "The Horse Dealers' Language of the Swiss Jews in Endingen and Lengnau" in U. Weinreich 1954: 48-62.

1958 "Zur Phonologie des Surbtaler Jiddischen" in *Phonetica* 2: 86-107.

1961 *Gailinger Jiddisch*, Vandenhoeck & Ruprecht: Göttingen [= *Lautbibliothek der deutschen Mundarten* 22].

1964 "Ueberreste westjiddischer Dialekte in der Schweiz, im Elsass und in Süddeutschland" in Dawidowicz, Erlich, & Fishman 1964: 72-81.

א1966 *Surbtaler Jiddisch* [= Heft 4 der Serie *Schweizer Dialekte in Text und Ton*], Huber & Co.: Frauenfeld.

ב1966 Review of Franz J. Beranek, *Westjiddischer Sprachatlas* in *Zeitschrift für Mundartforschung* 33: 353-357.

1968 Reply to Franz J. Beranek in *Zeitschrift für Mundartforschung* 35: 148-149.

1969 "Endinger Jiddisch" in Herzog, Ravid & Weinreich 1969: 8-15.

1973 *Jiddisch auf alemannischem Sprachgebiet*, Juris: Zürich.

1976 *Wörterbuch zu Surbtaler Jiddisch*, Juris: Zürich.

גוטמאַן, טעאָדאָר

1926 „אַ פרואוו פון אַ פאָנעטיק פון לאָדזשער יידיש" אין פילאָלאָגישע שריפטן 1: 377-388.

1928 „די קאָנסאָנאַנטן־אַסימילאַציע אין זאַץ. צושטייער צו אַ פאָנעטיק פון ליטוויש יידיש" אין פילאָלאָגישע שריפטן 2: 107-110.

דאַווידאָוויטש, ל., און ערליך, אַ., און ערליך, ר., און פישמאַן, י.

1964 Lucy S. Dawidowicz, A. Erlich, R. Erlich & J. A. Fishman (eds.), *For Max Weinreich On His Seventieth Birthday*, Mouton & Co., The Hague.

הערצאָג, מיכל

1965 Marvin I. Herzog, *The Yiddish Language in Northern Poland: Its Geography and History* [= *International Journal of American Linguistics*, 31.2, Part III = Publication 37 of the Indiana University Research Center in Anthropology, Folklore, and Linguistics], Indiana University: Bloomington and Mouton: The Hague.

1969 Marvin I. Herzog, Wita Ravid & Uriel Weinreich (eds.), *The Field of Yiddish. Studies in Language, Folklore, and Literature*, Third Collection, Mouton & Co.: The Hague.

וואָג, מייער (מיינראַד מאיר וואָאָג)

1976 Maier Woog, *Die heiratslustige Zipper oder Der Gaasejopper geht auf die Freierei*, Vortrag nach dem elsässisch-jüdischen Dialekt. Hegenheim, Ober-Elsass.

ווישע, קלאָד

1977 Claude Vigée, *Du Bec à l'Oreil*, Editions de la Nuee-Bleue: Paris.

ווייל, עמנואל

1920-21 Emmanuel Weill, "Le Yidisch Alsacien-Lorrain" in *Revue des Etudes Juives* 70:180-194 ; 71: 66-88, 165-189; 72: 65-88.

1921 "Quelques Observations sur les Remarques Précédentes" in *Revue des Etudes Juives* 72: 201-202.

ווײַנרייך, אוריאל

1954 Uriel Weinreich (ed.), *The Field of Yiddish. Studies in Yiddish Language, Folklore, and Literature. Published on the Occasion of the Bicentennial of Columbia University* [= *Publications of the Linguistic Circle of New York*, 3]: New York.

ווײַנרייך, מאַקס

1958 „ראשי פרקים וועגן מערבדיקן יידיש" אין מאַרק 1958: 158-194.

1960 „די סיסטעם יידישע קדמון וואָקאַלן" אין יידישע שפּראַך 20: 65-71.

1973 געשיכטע פון דער יידישער שפּראַך. באַגריפן, פאַקטן, מעטאָדן, 4 בענד, יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט: ניו־יאָרק.

ווייס, קאַרל טעאָדאָר

1896 Carl Theodor Weiss, "Das Elsässer Judendeutsch" in *Geschichte, Sprache und Literatur Elsass-Lothringens* 12: 121-182.

זשירמונסקי, וו. מ.

1962 V. M. Schirmunski, *Deutsche Mundartkunde. Vergleichende Laut- und Formenlehre der deutschen Mundarten*, Akademie-Verlag: Berlin.

טים, עריקאַ

1987 Erika Timm, *Graphische und phonische Struktur des Westjiddischen unter besonderer Berücksichtigung der Zeit um 1600*, Max Niemeyer Verlag: Tübingen.

לאַנדוי, אַלפרעד

1896 Alfred Landau, "Das Deminutivum der galizisch-jüdischen Mundart" in *Deutsche Mundarten* I, 1:46-58.

1901 Die Sprache der Memoiren Glückels von Hameln in *Mitteilungen der Gesellschaft für jüdische Volkskunde* 7: 20-68.

לאַנדוי, אַלפרעד און וואַכשטיין, בערנהאַרד

1911 Alfred Landau & Berhard Wachstein (eds.), *Jüdische Privatbriefe aus dem Jahr 1619*, Wilhelm Braumüller: Wien und Leipzig.

לוי, פּאָל

1929 Paul Lévy, *Histoire Linguistique d'Alsace et de Lorraine*, 2 vols., Les belles lettres: Paris.

לעווענשטיין, שלמה

1973-5 „די שארית הפליטה פון יידיש אין פראַנקען" אין יידישע שפּראַך 32: 24-33, 33: 37-45, 34: 37-43.

מאַורער, פרידריך

1965 Friedrich Maurer (ed.), *Vorarbeiten und Studien zur Vertiefung der südwestdeutschen Sprachgeschichte*, Eberhard Albert Verlag: Freiburg i. B.

מאַטראַס, י.

1991 Yaron Matras, "Zur Rekonstruktion des jüdischdeutschen Wortschatzes in den Mundarten ehemaliger 'Judendörfer' in Südwestdeutschland" in *ZDL Zeitschrift für Dialektologie und Linguistik* 58.3: 267-293.

מאַרק, יודל

1958 (רעד.), יודאַ אַ. יאָפע־בוך, ייוואָ: ניו־יאָרק.

מייס, אָנעל

1928 Honel Meiss, *A travers le dialecte judéo-alsacien. Traditions populaires alsaciennes*, Imprimerie du Palais: Nice.

מיזעס, מתתיהו

1924 Matthias Mieses, *Die Jiddische Sprache. Eine historische Grammatik des Idioms der integralen Juden Ost- und Mitteleuropas*, Benjamin Harz: Berlin-Wien.

ניגער, שמואל

1913 (רעד.), דער פּנקס. יאָרבוך פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור און שפּראַך, פאַר פאָלקלאָר, קריטיק און ביבליאָגראַפיע. ב. א. קלעצקין: ווילנע.

נעהער, אַלבער אַ.

1944 Albert A. Neher, *Lexique Judéo-Alsacien*, Lanteuil (Corrèze) / Makhanayim.

סאַנדערענגער, סטעפאַן

1991 פּריוואַטע קאָרעספּאָנדענץ.

סאַפּיר, עדוואַרד

1915-6 Edward Sapir, "Notes on Judeo-German Phonology" in *Jewish Quarterly Review* 6 [new series]: 231-266.

סיטאַ, האָרסט

1991 פּריוואַטע קאָרעספּאָנדענץ.

פּאָרזשעַ, נתן

1921 Nathan Porgès, "Remarques sur le Yidisch Alsacien-Lorrain" in *Revue des Etudes Juives* 72: 192-200.

פּרילוצקי, נח

1917 דער יידישער קאָנסאָנאַנטיזם, 1. די סאָנאָרלויטן [= זײַן יידישע דיאַלעקטאָלאָגישע פאָרשונגען. מאַטעריאַלן פאַר אַ וויסנשפּטלעכער גראַמאַטיק און פאַר אַן עטימאָלאָגיש ווערטערבוך פון דער יידישער שפּראַך, 1 = זײַן נח פּרילוצקיס כתבים, ד]. נײַער פאַרלאַג: וואַרשע.

צוקערמאַן, רחמיאל

1969 Richard Zuckerman, "Alsace: An outpost of Western Yiddish" in Herzog, Ravid & Weinreich 1969: 36-57.

ציווי, אַרטור

1966 Arthur Zivy, *Elsässer Jiddisch*, Viktor Goldschmidt: Basel.

צינסלי, פּאַול

1969 Paul Zinsli, *Walser Volkstum*, Verlag Huber: Frauenfeld und Stuttgart.

קאַץ, הירשע־דוד

1983 Dovid Katz, "Zur Dialektologie des Jiddischen" in Besch et al. 1983: 1018-1041.

1990 „די עלטערע יידישע לעקסיקאָגראַפיע: מקורות און מעטאָדן" אין אָקספאָרדער יידיש 1: 161-232.

1991 "The Children of Heth and the Ego of Linguistics. A Story of Seven Yiddish Mergers" in *Transactions of the Philological Society* 89: 95-121.

1993 "The Phonology of Ashkenazic" in L. Glinert (ed.), *Hebrew in Ashkenaz*, Oxford University Press; New York, 46-87.

קאַץ, נתן

1987 Nathan Katz, *Sundgäu* [= *Arfuyen*, 29]. Les Ateliers de Normandie Impression s.a.: Alençon (Orne).

קינג, ראָבערט ד.

1980 Robert D. King, "The History of Final Devoicing in Yiddish" in Herzog, Kirshenblatt-Gimblett, Miron and Wisse 1980: 371-430.

קערלער, דוב־בער

1991 (ed.), *History of Yiddish Studies* [ = *Winter Studies in Yiddish*, 3], Harwood: Chur.

ראַפּאַעל, פרעדי און בלום, אַנדרע

1983 Freddy Raphael and André Blum, "Josouillet Rabat-Joie. Epopée en judéo-alsacien" in *Revue des Sciences Sociales de la France de l'Est*, 12 et 12 bis: 389-424.

1987 "Une langue qui se meurt: le 'Jeddich-daitch' des Juifs d'Alsace" in *Revue des Sciences Sociales de la France de l'Est* 15: 5-31.

שמידט, שאַרל

1896 Charles Schmidt, *Wörterbuch der Strassburger Mundart*, J. H. Ed. Heitz (Heitz & Mündel): Strassburg.

# צום אורשפרונג פונעם מלעיל

פון
הירשע־דוד קאַץ
(אָקספאָרד)

## I

## די פּראָבלעם

פון וואַנעט קומט צום סעמיטישן קאָמפּאָנענט אין ייִדיש דער מ ל ע י ל: דאָס שטעלן דעם טראָפּ אויפן פאַרלעצטן טראַף? אויף לשון קודש און אַראַמיש פאַלט דאָך דער טראָפּ כּידוע אויפן מ ל ר ע (דער לעצטער טראַף), אינעם ווייט גרעסטן רוב פון די קאָרע־ספּאָנדירנדיקע ווערטער. אויף ייִדיש איז דאָך דער דין álmən (אַלמן), tálməd (תּלמיד), šɔ́xn̩ (שכן), און ניט אַשטייגער almɔ́n, talmíd, šɔxéjn, ווי אינעם פאָרמעלן נוסח פון אַשכנזישן לשון קודש, וואָס מ׳קען הערן ביי טייל אַשכנזישע חזנים און דער עיקר ביי אָפּגעהיטע בעלי־קריאה.

סיי אויף ייִדיש, סיי אויף אַשכנזיש, זיינען די איכותן פון די באַטאָנטע וואָקאַלן געווענדט אינעם דיאַלעקט (פגל. קאַץ 1983; 1993א). דאָרטן וואו די וואָקאַלישע וואַריאַציע איז ניט שייך צום ענין, ווערט דאָ פון פּשטות וועגן געבראַכט מערניט די סטאַנדאַרדע פאָרמע.

אין משך פון די דורות, איז וועגן מלעיל כּהלכות ייִדיש, ביים דאַווענען אויף לשון קודש, ניט איינמאָל געגאַנגען די רייד ביי די רבנים. ניט קיין קלענערער ווי ר׳ יעקב עמדין (דער יעב״ץ, 1697—1776) האָט דעם ייִדן פון אַ גאַנץ יאָר אַן עצה געגעבן:

> ויזהר במלעיל ומלרע · במי שאפשר לו ויודע הדברים אמורים · אבל מי שלא הגיע לידי מדה זו בנעורים · אי אפשר להטריחו בהנחת הטעמים שטורחו ורב ומייגע דבורו · והפסדו מרובה משכרו · לכן טוב שלא לבלבל הקורא אשר לא ניסה באלה במטבע התפילה:
>
> (עמדין 1745: ד׳ ע״ב)

[און מ׳דאַרף זיין אָפּגעהיט מיט מלעיל און מלרע, ביי דעם וואָס אים איז דאָס מעגלעך, און ער פאַרשטייט אין די־אָ זאַכן. אָבער ווער עס איז צו אָטאָ דער מידה ניט דערגאַנגען יונגערהייט, קען מען אים ניט מטריח זיין אין דער שטעלונג פון די וואָרט־אַקצענטן, מחמת די טירחא איז צו גרויס און באַשווערט זיינע רייד, און זיין פאַרלוסט איז גרעסער פאַרן געווינס. דעריבער איז בעסער מ׳זאָל ניט צעמישן דעם בעל־תּפילה וואָס איז ביי דעם־אָ ניט געניט געוואָרן אין די רגילותן פון תּפילה.]

די וואַריאירלעכקייט גופא איז מעגלעך געוואָרן מחמת דעם וואָס דער אַשכנזישער העברעאיש און דער אַשכנזישער אַראַמיש זיינען געווען נ י ט־גערעדטע שפּראַכן, לשונות צום דאַווענען, צום לערנען, צום ציטירן. ביי לעבעדיקע שפּראַכן זיינען חל ביי דער מערהייט ווערטער פעסטע פאָנאָלאָגישע כּללים. אין ייִדיש גופא איז דאָ איין דין ביים רוב ווערטער: מלעיל.

צום פענאָמען מלעיל דאַרף מען זיך דערגרונטעווען האַלטנדיק אַן אויג אויף ייִדיש און בבת אחת, אויפן אַשכנזישן העברעאיש און אַראַמיש. אויף אַזאַ מין אופן ווערט באַשיימפּערלעך קלאָר אַז דאָ גייט די רייד וועגן: מלעיל ביי די אַשכנזים.

פון קיצור וועגן האָב איך אַריינגעפירט דעם טערמין אַשכנזיש, ווי אַ סובסטאַנטיוו, אויף צו באַצייכענען די פּאָנאָגאָליע סיי פונעם אַשכנזישן העברעאיש סיי פון אַשכנזישן אַראַמיש (אין קאַץ 1993א: §1).

II

## די סטרוקטורעלע נפקא־מינא

אַמאָפּטסטן קומט אויס צו הערן אַ „לכאורה" באַוויז, אַז דער טראָפּ פֿאַלט אויפֿן ערשטן טראַף אַזוי ווי אין דײַטש און ווי אין דײַטשישן קאָמפּאָנענט פֿון ייִדיש, דאָס הייסט אַז אלמן, תלמיד, שכן גייען פּשוט מיט, לאָמיר אָנכאַפּן, מיט אַלע, טישטעך, שרײַבער, און שוין. דערצו ווײַזט זיך אַרויס פֿאַר דער ייִדישער פּאָעטיק אַז דער נאַטירלעכער ייִדישער ריטעם, וואָס נעמט אַרום די מערסטע צווײ־טראַפּיקע ווערטער אין דער שפּראַך, ניט שײַך פֿון וואָסער היסטאָרישן קאָמפּאָנענט, איז דער כאָריי טאַקט, וואָס בײַ צווײ־טראַפּיקע ווערטער איז ער הײַנו־הך מיט: מלעיל (זע מ. קאַץ 1991).

סטרוקטורעל גערעדט איז אָבער דער תּירוץ קיין תּירוץ ניט. די נפקא־מינה צווישן דײַטשישן מיטן סעמיטישן קאָמפּאָנענט זעט מען ערשט דאָרטן וואו עס זײַנען פֿאַראַן מער ווי צווײ טראַפֿן. אַז עס פֿאַרלענגערט זיך אַ צווײ־טראַפּיק וואָרט בײַם צוגאָב פֿון טראַפֿן אין דער מאָרפֿאָלאָגיע, זעט זיך תּיכּף אַז בײַ אַלע, טישטעך, שרײַבער בלײַבט שטיין דער טראָפּ דאָרטן וואו ער איז מלכתּחילה געשטאַנען: אַלעמען, טישטעכער, שרײַבעריש; בשעת ווען אינעם סעמיטישן קאָמפּאָנענט, נעמט דער טראָפּ און טוט אַ ש פּ ר ו נ ג אַריבער, צום טראַף וואָס איז אין אַ מזלדיקער שעה געוואָרן דער נ ײַ ע ר פֿאַרלעצטער טראַף, דהײַנו, דער נײַער מלעיל. אַז מ׳גיט צו טראַפֿן, ווערט דאָך פֿון אלמן, תּלמיד, שכן, אַשטײגער: אלמנה almɔ́nə, תּלמידים talmídim, שכנים šxéjnim. דער טראָפּ אין סעמיטישן קאָמפּאָנענט רוקט זיך אַריבער און די גזירה שווה מיטן דײַטשישן קאָמפּאָנענט איז אויס גזירה שווה.

בײַ גערמאַניזמען איז דער טראָפּ צוגעשמידט צו אַ געוויסן טראַף (בדרך כּלל צום שורש) און דאָרטן בלײַבט ער שטיין. בײַ סעמיטיזמען פֿאַרקערט איז צוגעבונדן דער טראָפּ צו אַ באַשטימטער ווײַטקייט פֿון אַ ג ר ע נ ע ץ, אין דעם פֿאַל: פֿונעם וואָרט־סוף; דעריבער איז ער מחויב אַ שפּרונג טאָן, דאָרטן ווען אַ וואָרט געווינט צו נײַע טראַפֿן. ס׳איז דער חילוק פֿון „שורש אַקצענטירונג" (אין גערמאַנישן קאָמפּאָנענט פֿון ייִדיש) ביז „גרענעץ אַקצענטירונג" (אין סעמיטישן). שוין איינמאָל אַ חילוק. פֿאַראַן אגב אַ הײפֿעלע יוצא־מן־הכּללן פֿון בײדע זײַטן, צום בײַשפּיל דאָקטער — דאָקטוירים, וואו אַ גערמאַניזם פֿירט זיך אויף „סעמיטיש"; פֿאַרקערט, למשל, דער סופֿיקס ־טע (היסטאָריש אַפּנים ־תא), בײַ סעמיטיזמען, פֿירט זיך גאָר אויף „גערמאַניש" און קען קיין שפּרונג ניט גורם זײַן: שכן šɔ́xn̩, שכנטע šɔ́xn̩tə. דאָס זײַנען אָבער אַזעלכע זעלטנהייטן אַז זיי שטעלן מיט זיך פֿאָר יוצא־מן־הכּללן וואָס קומען לערנען אויפֿן כּלל.

אויך אין קלאַסישן לשון קודש שפּרינגט דער טראָפּ: ʔalmɔ̄́n — ʔalmōnɔ̄́; talmī́ð — talmīðī́m, šɔ̄xḗn — šəxēnī́m, און אַזוי אויך אין מאָדערנעם העברעאישן אַרויסרייד, פּונקט ווי אין דער ספֿרדישער הברה פֿון וועלכער ער איז אַן אויסוואוקס: almán — almanā́; talmíd — talmidím, šaxén — š(ə)xením. נאָר וואָס, דאָרטן שפּרינגט דער טראָפּ פֿון: מלרע אויף מלרע, בעת אין סעמיטישן חלק פֿון ייִדיש, און אין די נוסחאות פֿון אַשכּנזיש וואָס גייען מיט מיט ייִדיש אין אָט דעם פּרט, שפּרינגט דער טראָפּ: מלעיל אויף מלעיל. דער צד השווה שבהן, ס׳איז אַ גרענעץ אַקצענטירונג סײַ דאָ סײַ דאָ, אלא וואָדען, עס גייט די רייד וועגן אַן אַנדער גרענעץ.

III

## פֿיר שיטות

פֿאַראַן אין דער ייִדישער פֿילאָלאָגיע פֿירערלײ דערקלערונגען אויפֿן אורשפּרונג פֿונעם מלעיל בײַ די אַשכּנזים.

די ערשטע שיטה האַלט טאַקע אַז דאָ זעט זיך די השפּעה פֿון דײַטש, אָדער ריכטיקער געזאָגט געוואָרן, די ווירקונג פֿונעם מעכטיקן גערמאַנישן חלק וואָס אין ייִדיש אויפֿן אָן־אַ־שיעור־קלענערן סעמיטישן חלק. פֿאַרשידענע נוסחאות פֿון דער שיטה האָבן געבראַכט שײַנעאַנו (1889: 56), ווינער (1894: 178), סאַפּיר (1915: 264-265), פּישער (1936: 4-5 = בן־נון 1973: 4-5; 1951: 141-142), זיסקינד (1953: 104-105), און לייבל (1965).

אַ צווייטע שיטה האַלט אַז די אַשכּנזים האָבן דעם מלעיל זייערן מיטגעבראַכט נאָך פֿונעם אַלטן מזרח, אַז מ׳האָט אים פֿאַרטיקערהייט אַרײַנגעטראָגן אין אייראָפּע. דאָס הייסט אַז מ׳איז זיך דאָ משער אַז אַן אַלטער מלעיל נוסח פֿון לשון קודש און אַראַמיש האָט זיך אין ייִדיש אויפֿגעהיט, אַ נוסח וואָס איז מדעיקרא אַנדערש איידער די אָנגענומענע מסורה וואָס איז פֿאַראייביקט געוואָרן דורכן קלאַסישן ניקוד פֿון די בן־אשרס אין טבריה, וואו די אַקצענטירונג פֿון אַ וואָרט ווערט גענוי פֿאַרצייכנט דורך די טראָפּ־צייכנס (די טעמים) וואָס ווײַזן אָן אַוואו עס שטייט דער טראָפּ אין אַ וואָרט (אין צוגאָב צו זייערע סינטאַקטישע און מוזיקאַלישע פֿונקציעס). מתּתיהו מיזעס (1924: 301) און מ. צ. סגל (1928: 75) האָבן געבראַכט

ראיות פֿון אָריענטאַלישע ייִדן בײַ וועמען ס׳איז אויך פֿאַראַן דער מלעיל, און בײַ וועמען עס איז ניט געווען קיין גרעסערער קאָנטאַקט מיט אַשכּנזים וואָס זאָל קענען באַטראַכט ווערן ווי אַ פּאָטענציעלער גורם (אַ ריי ניט־אַשכּנזישע מלעילן ברענגט אידעלסאָן, 1913).

נאָך מיט קאַרגע הונדערט יאָר פֿריער, האָט שד״ל אָנגעוויזן אויף מלעיל פּאַראַלעלן בײַ ניט־ייִדן, אינעם קריסטלעכן מערבֿדיקן סיריאַקיש, וואָס שטייט נאָענט גענעטיש מיטן ייִדישן אַראַמיש (לוצאַטאָ 1830: 95). די עקזאָטישסטע סעמיטישע טעאָריע האָט גאָר פֿאָרמולירט מאַקס ווײַנרײַך, אַז דער מלעיל בײַ די אַשכּנזים איז אַ פּועל־יוצא פֿון זײַן פּאָסטולירטן „בבֿלישן רענעסאַנס״ אין אַשכּנז אין דרײַצנטן יאָרהונדערט. ער טענהט אַז בבֿלישע מלמדים האָבן דעם מלעיל דעמאָלט אַרײַנגעטראָגן אין אַשכּנז (מ. ווײַנרײַך 1963–1964: 326–327; 1973: II, 32–33). דאָס איז איינע פֿון די ניט־פֿאַרענטפֿערטע פֿראַגעס אין דער היסטאָרישער ייִדישער פֿאָנאָלאָגיע וואָס ער האָט צוגעשריבן דעם „רענעסאַנס״ (פֿגל. קאַץ 1991א: 48).

אַ דריטע שיטה, טשעמערינסקיס, זעט דאָ סלאַווישן אײַנפֿלוס, פּינקטלעכער גערעדט, אַ השפּעה פֿון פּויליש וואו דער טראָפּ פֿאַלט אויך אויפֿן פֿאַרלעצטן טראַף. די השערה האָט אָבער קיין אריכות ימים ניט געהאַט: זי איז באַלד אויף אַן אָרט צעשטערט געוואָרן, דאָרטן וואו זי איז דערשינען, אין ש. ניגערס ווילנער פּנקס (טשעמערינסקי 1913). אין זײַן תשובֿה טשעמערינסקין, האָט באָראָכאָוו ריכטיק אָנגעוויזן אַז דעם מלעיל טרעפֿט מען בײַ אַלע אַשכּנזים, בתוכם די דײַטשישע, די ביימישע, די אוקראַינישע ייִדן, אַקיצור: אין אַלערלייאיקע מקומות וואו קיין פּויליש האָט מען קיינמאָל ניט גערעדט (באָראָכאָוו 1913: 77).

אַ פֿערטע שיטה האַלט אַז דער מלעיל איז אין אַשכּנז גופֿא ספּאָנטאַן אויפֿגעקומען ווי אַן אומאָפּהענגיקע, אײגנאַרטיקע דערשײַנונג. אַזוי האָט געהאַלטן דער וועלט־באַוואוסטער לינגוויסט יאַקאָבסאָן (1953: 75–76), וועלכער האָט דאָ געזען די האַנט פֿון אוניווערסאַלע שפּראַכיקע נטיות, לויט וועלכע אַ טראָפּ ביים סאַמע גרענעץ פֿון אַ וואָרט (עלעהיי: מלרע) איז נוטה זיך איבערצורוקן אויף אַ נייעם אָרט אינמיטן וואָרט (עלעהיי: מלעיל), דאָרטן וואו עס ווערן צעשטערט די אײַנגעשטעלטע צווישן־שײַכותן צווישן דעם אַקצענט פֿון וואָרט פֿון איין זײַט, און וואָקאַלישער לענג אין באַטאָנטע און אומבאַטאָנטע טראַפֿן פֿון דער אַנדערער זײַט. די אַלטע העברעאישע צווישן־שײַכותן זײַנען טאַקע ריכטיק צעשטערט געוואָרן. אין דער קלאַסישער העברעאישער פֿאָנאָלאָגיע, זײַנען וואָקאַלן אין אומבאַטאָנטע טראַפֿן תּמיד לאַנג ווען דער טראַף איז אָפֿן, תּמיד קורץ ווען ער איז פֿאַרמאַכט (אָפּטמאָל ווערט ער פֿאַרמאַכט דורך אַ פֿאַרטאָפּלטן קאָנסאָנאַנט). אַכלל, די אַמאָליקע פֿאַרהעלטענישן זײַנען אין ייִדיש לחלוטין ניט בנמצא, און עס באַקומט זיך, וועדליק יאַקאָבסאָנס אוניווערסאַליסטישער שיטה, אַז אַן איבעררוק פֿון מלרע אויף מלעיל איז אין אַזאַ מין פֿאַל אַ דערשײַנונג וואָס אויף איר קען מען זיך גאָר ריכטן.

שלמה בירנבוים איז אויך דערגאַנגען, מיט גאָר אַן אַנדער וועג, צו אַן ענלעכער מסקנה. זעלטן, גאָר זעלטן, וואָס בירנבוים האָט אין גאַנג פֿון זײַן לאַנגן, פּרוכפּערדיקשעפֿערישן לעבן געביטן זײַנע אַן אײַנשטעלונג צו עפּעס וואָס (פֿגל. קאַץ 1991ב). גראַדע בײַ דער פֿראַגע מכּח דעם טראָפּ האָט זיך געמאַכט אַזאַ מין אויסנאַם, נאָר אַפֿילו דאָ האָט ער אָנגעהויבן און געענדיקט בײַ דער זעלביקער השערה, דהײַנו אַז דער מלעיל איז אין ייִדיש גופֿא אויפֿגעקומען. אָט אַזוי האָט ער שוין געגעבן אָנצוהערעניש אין זײַן גראַמאַטיק (1918: 25). מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, האָט ער געהאַלטן אַז אַן אַלטער, סעמיטישער אָבער ניט־טבריהנישער מלעיל האָט זיך אין ייִדיש דערהיט (1922: 17–18). די אָנהענגער פֿון אַ גערמאַנישן אורשפּרונג האָבן אים דערפֿאַר קריטיקירט (פֿייסט 1923: 141; בן־נון 1973: 264). ער האָט זיך אַ לענגערע צײַט געהאַלטן בײַ אַ סעמיטישן אורשפּרונג, טענהנדיק אַז אַ סיסטעם שורש אַקצענטירונג (ווי אויף דײַטש און אין גערמאַנישן קאָמפּאָנענט וואָס אין ייִדיש), איז פּרינציפּיעל ניט בכּוח צו דערפֿירן צו אַ גרענעצדיקער סיסטעם (עלעהיי מלעיל), וואָס זי אַליין פֿאַרמאָגט דאָך ניט (בירנבוים 1929: 274; 1932: 121; 1943: 600). אין זײַן לעצטן, כּוללדיקן ווערק, האָט ער זיך אָבער אומגעקערט צו דער יונגנטלעכער מיינונג און בשעת מעשה אַוועקגעשטעלט אַ תּיקו: „דעם איבעררוק פֿונעם טראָפּ מוז מען דעריבער האַלטן פֿאַר אַן אומאָפּהענגיקער אַנטוויקלונג אין תּחום פֿון אַשכּנז גופֿא. ווען און ווי אַזוי ס׳האָט זיך פֿאַרלאָפֿן דאַרף מען זיך ערשט דערגרונטעווען״ (1979: 66).

IV

## דער באַשייד

דעם ייִדישן פֿילאָלאָג איז גוט, וואָס דעם ווײַטסטן עבֿר פֿון דער שפּראַך קען מען רעקאָנסטרואירן, אין זכות פֿון דעם וואָס אין ייִדיש ווערט אַזוי טיף צוזאַמענגעפֿלאָכטן דער שפּראַכיקער חומר פֿון סאַמע אַנדערשדיקע קוואַלן.

אויפֿן סמך פֿון יידיש האָב איך פֿאָרגעשלאָגן די טראַנס־קאָמפּאָנענטישע רעקאָנסטרוקציע, וואָס בויט זיך אויף אַ פֿאַרגלייך צווישן שייכותדיקע שטריכן ביי די פֿאַרשידענע קאָמפּאָנענטן אין אַן אײנאײנציקער שפּראַך (קאַץ 1982: 182-314; 1987א: 51). דער מעטאָד פֿאַרנעמט אַ טעאָרעטישן מיטלפּונקט צווישן קאָמפּאַראַטיווער רעקאָנסטרוקציע (צווישן צוויי, אָדער מער ווי צוויי, שפּראַכן) און אינערלעכער רעקאָנסטרוקציע (צווישן צוויי, אָדער מער ווי צוויי, טיילן פֿון איין שפּראַך).

צו דער טראַנס־קאָמפּאָנענטישער רעקאָנסטרוקציע נעמט מען פֿאַר רויוואַרג ניט ווערטער סתם נאָר די „געלייטערטע רעזולטאַטן" פֿון די טראַדיציאָנעלע מינים רעקאָנסטרוקציע. ביי די אַלע מעטאָדן שפּילן אַ יסודותדיקע ראָלע סיי די רעגלמעסיקע („דערוואַרטע") קאָרעספּאָנדענצן, סיי די יוצא־דופֿנדיקע. יעדער „אויסנאַם" — צי אין ראַם פֿון די אַנדערע פֿאָרמעס פֿון דער אייגענער שפּראַך צי אין ראַם פֿון די „אַלגעמיינע" קאָרעספּאָנדענצן מיט דער שייכותדיקער גענעטיש־נאָענטער שפּראַך — קומט אַנטפּלעקן אַ סוד; אונדזער פֿאַרמעסט דאַרף עס זיין דעם סוד צו דערגיין. צו דער מעטאָדאָלאָגיע איז וויכטיק אַרויסהייבן, אַז די אַנאַלאָגיעס מיט די אַנאָמאַליעס דאַרף מען תמיד נאָכלויפֿן „סתם", פֿון תורה לשמה וועגן, ניט וויסנדיק וואוהין די זוכענישן וועלן דערפֿירן.

פֿאַראַן אין יידיש אַ סעריע ווערטער, וואו עס הערט זיך אַ קורצער ε אין באַטאָנטע אָפֿענע טראַפֿן אין אַלע דיאַלעקטן. פֿון מוסטער וועגן ווערן אין טאַבעלע 1 געבראַכט זעקס דוגמאות פֿון צוויי מזרחדיקע דיאַלעקטן (צפֿון־מזרח יידיש — „ליטוויש" און צענטראַל־מזרח יידיש — „פּויליש") און צוויי מערבדיקע (צפֿון־מערב — „האָלענדיש", און דרום־מערב — „עלזאַסיש").

| | ליטוויש | פּויליש | האָלענדיש | עלזאַסיש |
|---|---|---|---|---|
| אלול | έləl | έləl | έləl | έləl |
| אמת | έməš | έməš | έməš | έməš |
| גרעסער | grέšər | grέšə(r) | grέšər | grέšər |
| היתר | hέtər | hέtə(r) | hέtər | hέtər |
| עסן | έšn̩ | έšn̩ | έšn̩ | έšə |
| עפּן | έfn̩ | έfn̩ | εfn̩ | εfə |

טאַבעלע 1

אין האָלאַנד טרעפֿט מען אגב פּאַראַלעלע פֿאָרמעס מיט אַ קורצן i וואָקאַל: ímәš וכו' (זע בײם 1970: 19, נ. 17; קאַץ 1983: 1027-1028).

פֿאַראַן ווידער אַן אַנדער סעריע, אילוסטרירט אין טאַבעלע 2, וואו בלויז ליטוויש האָט אַן ε, און אַנדערע דיאַלעקטן האָבן אַ לאַנגן וואָקאַל אָדער דיפֿטאָנג:

| | ליטוויש | פּויליש | האָלענדיש | עלזאַסיש |
|---|---|---|---|---|
| בגד | bέgəd | béjgət | bε̄́gət | bē̄́gət |
| בעזעם | bέzəm | béjzəm | bε̄́zəm | bē̄́zəm |
| חסד | xέšəd | xéjšət | xε̄́šət | xē̄́šət |
| רגע | rέgə | réjgə | rē̄́gə | rē̄́gə |
| לעבן | lέbm̩ | léjbm̩ | lē̄́bən | lē̄́bən |
| נעפּל | nέpl̩ | néjpl̩ | nē̄́pəl | nē̄́pəl |

טאַבעלע 2

אגב איז דאָס דער וואָקאַל וואָס אין טיילן פֿונעם דרומדיקן מזרח־אייראָפּעאישן יידיש (און בפֿרט אין דרום־מזרח יידיש — „אוקראַיניש") האָט מען אים אַרויסגערעדט „אויפֿן חיריק", ד.ה. i אָדער ī, נאָר שוין פֿרי אין איצטיקן יאָרהונדערט זיינען די „חיריק יידן" וואָסאַמאָל מער אַריבער אויפֿן אַלגעמיין־דרומדיקן ej (זע פּרילוצקי 1920: 17-28; 1921: 258; הערצאָג 1969: 62-64). אויך אין מערב יידיש (און בפֿרט אין צענטראַל־מערב יידיש) זיינען געווען אַזעלכע ī רעאַליזירונגען (זע קאַץ 1986: 22).

אַז מ'באַטראַכט נאָר און בלויז ליטוויש (צי דעם כלל־יידישן אַרויסרייד וואָס בויט זיך אויף ליטוויש), זעט זיך מערניט אַן אײנאײנציקער וואָקאַל (ε) אין אַלע צוועלף דוגמא ווערטער. באַלד אַז מ'נעמט אין קאָן אַריין אַנדערע דיאַלעקטן ווערט קלאָר אַז די אידענטישקייט איז גאָרנישניט כאַראַקטעריסטיש פֿאַר יידיש בכלל; די צוויי סעריעס האָבן באַזונדערע וואָקאַלן אין אַ ל ע אַנדערע דיאַלעקטן.

אַזאַ מין בילד לאָזט זיך רעקאָנסטרואירן אויף צוויי אופֿנים: אָדער עס איז אַמאָל געווען איין וואָקאַל וואָס האָט זיך אין די ניט־ליטווישע דיאַלעקטן צעשפּאָלטן, אָדער פֿאַרקערט, עס זיינען פֿון תמיד אָן געווען צוויי וואָקאַלן וואָס האָבן זיך אין ליטווישן יידיש צונויפֿגעגאָסן. צווישן די ביידע ברירות איז גאָרניט שווער צו פּסקענען לטובת — דער צווייטער.

ערשטנס: ווען אין אַלע דיאַלעקטן פֿון אַ שפּראַך ווייזט זיך אַרויס אַ סיסטעמאַטישע דיפֿערענצירונג און אין אַן אײנאײנציקן דיאַלעקט איז די־אָ דיפֿערענצירונג ניט פֿאַראַן, איז עס אַפּריאָרי, מן הסתם, דער פֿאַל, אַז אין דעם אײנאײנציקן דיאַלעקט האָט זיך פֿאַרלאָפֿן אַ צונויפֿפֿאַל. נאָר וואָס, דאָ גייט אין סטאַטיסטישע טענדענצן, ניט אין

קיין ריכטיקער ראיה צו דער זאַך. דאַרף מען גיין ווייטער.

צווייטנס: ביי אַ צעגאָפּלונג זעט זיך די גורמדיקע פאָנעטישע סביבה. דאָ זעען מיר מערניט אַן איינאיינציקע סביבה: באַטאָנטער אָפענער טראַף. נמצא אַז מ׳האָט דאָ צו טאָן מיט אַ צונויפגוס (צונויפגוסן טרעפט מען אָפט כוללדיקע, אָן גורמדיקע סביבות).

דריטנס: מבחינדיקע וואָקאַלישע לענג איז פאַראַן אין די אַנדערע דיאַלעקטן (רעאַליזירט צומאָל פאָנעטיש אינעם קאָנטראַסט געשפּאַנט ~ אומגעשפּאַנט), און אין ליטוויש איז זי ניטאָ; פגל. למשל פּויליש zīn ׳זון (מיט אַ טאָכטער)׳ ≠ zin ׳זון (און די לבנה)׳ קעגנאיבער ליטוויש zun = zun. לאָזנדיק אָן אַ זייט קאָרעספּאָנדירנדיקע ווערטער, און קוקנדיק אויף דער סיסטעם וואָקאַלן אַבסטראַהירטערהייט, זעט זיך דאָס אייגענע; פגל. פּויליש a כנגד ā אין דן (ויין) לגבי דײַן. ליטוויש האָט נאָר אַן איינאיינציקע \a\ פאָנעם. אָט אַזוי זעט אויס די זאַך ביי דער וואָקאַלישער סיסטעם פון יידיש גאַנצערהייט: אין ליטוויש האָבן זיך צונויפגעגאָסן לאַנגע מיט קורצע וואָקאַלן (זע א. ווײַנרײַך 1958: 254).

קערן מיר זיך אום צו די צוועלף דוגמא ווערטער, זעען מיר אַז מ׳האָט דאָ צו טאָן מיט צ ו ו י י היסטאָרישע וואָקאַלן וואָס זיינען אין די ניט־ליטווישע דיאַלעקטן געבליבן באַזונדערע. דער (כמעט) אוניווערסאַלער קורצער ε אין דער ערשטער סעריע (אלול, אמת, גרעסער, היתר, עסן, עפּן) הייסט אין מאַקס ווײַנרײַכס קדמון סכעמע $E_1$ אָדער (לויט אוריאל ווײַנרײַכס צוויי־ציפערדיקער באַצייכענונג): וואָקאַל 21. אין דער צווייטער סעריע (בגד, בעזעם, חסד, רגע, לעבן, נעפּל) איז פאַראַן די דיאַפאָנעם: צפון־מזרח ε || צענטראַל־מזרח ej || צפון־מערב און דרום־מערב ē. אָט די דיאַפאָנעם הייסט $E_5$ אָדער: וואָקאַל 25 (צו דער סיסטעמאַטיזירונג, זע מ. ווײַנרײַך 1960: 70; 1973: II, 344, 361-359; הערצאָג 1965: 228, הערה 1; קאַץ 1983: 1024-1021). די געאָגראַפישע גרענעצן צווישן די רעאַליזירונגען זיינען קאַרטאָגראַפיש געצייכנט געוואָרן דורך ווילענקין (1931: קאַרטעס 7-8); בעראַנעק (1965: קאַרטע 72); הערצאָג, ווײַנרײַך און באַוויסקאַר (1992: קאַרטע 25).

אַריבערגייענדיק פון אינערלעכער רעקאָנסטרוקציע (אין דעם פאַל: דאָס איזאָלירן צוויי דיאַפאָנעמען לויט דער עווידענץ פון די יידישע דיאַלעקטן גופא) אויף קאָמפּאַראַטיווער רעקאָנסטרוקציע — דאָס אַריינגעמען אין קאָן אַריין די גענעטיש־נאָענטע שפּראַכן — ווייזט זיך אַרויס, קודם כל, אַז ביי די ביידע סעריעס ווערט פאַרטראָטן אי דער סעמיטישער אי דער גערמאַנישער קאָמפּאָנענט. דער ווייטערדיקער שטאַפּל אין דער קאָמפּאַראַטיווער רעקאָנסטרוקציע באַשטייט אין פאַרגלייכן מיט די קאָרעספּאָנדירנדיקע ווערטער אין די קרובהשע שפּראַכן. די יענע פאָרמעס אין גערמאַנישן קאָמפּאָנענט וואָס האָבן די לאַנגע וואָקאַלן, ענטפערן אַמאָפּטסטן מיטל־הויך־דייטש <ë> (פגל. בעזעם, בעטן, וועטער, טרעטן, לעבן, נעפּל, פעדער און מ.ה.ד. bëšeme, bëten, wëter, trëten, lëben, nëbel, vëder). צו די סעמיטיזמען בגד, דרך, חסד, טבע, פּלא, קרן, רגע וכו׳, וואָס געהערן דער זעלביקער דיאַפאָנעם, זיינען די קלאַסישע העברעאישע קאָרעלאַטן: בֶּגֶד [béɣeð], דֶּרֶךְ [dérex], חֶסֶד [ḥéšeð], טֶבַע [ṭévaʕ], פֶּלֶא [péleʔ], קֶרֶן [qéren], רֶגַע [réɣaʕ]. דער לשון־קודשדיקער סגול שטעלט מיט זיך פאָר דעם אָפענעם ε. די גערמאַניסטיק איז זיך משער אַז אויך מ.ה.ד. <ë> איז געווען אַן ε (זע למשל פּענצל 1957: 471; ראָס 1978: 73-74). זעט זיך, הייסט דאָס, אַן אידענטישע פאָנאָלאָגישע געשיכטע אין תחום פון יידיש גופא, אַ געגליכענע פאָנעטישע געשטאַלטיקונג אין די ביידע קרובהשע שפּראַכן וואָס זיינען דאָ שייך. דאָס איז אַלץ חומר אויף אַריבערצוגיין אויף טראַנס־קאָמפּאָנענטישער רעקאָנ־סטרוקציע.

אַז מ׳נעמט אין באַטראַכט די גערמאַנישע און סעמיטישע פאַקטן, אַז אַמאָל אַמאָל, האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ פ אַ ר ל ע נ ג ע ר ו נ ג פונעם וואָקאַל אין אָפענע באַטאָנטע טראַפן, דהיינו דער פּראָצעס:

[+ טראָפּ]

וו ← [+לאַנג] \ ___|

וואו וו = וואָקאַל און | = דער טראַף גרענעץ.

אויף אָפּצולערנען ווייטער דאַרף מען אויסזוכן פאַלן וואָס פּאַסן זיך נ י ט אַריין אין די פאַראַנענע סיסטעמען רגילותן, און דערגרונטעווען זיך צו זייער סימן מובהק. אויף אָט אַזעלכע פאַלן האָבן מיר זיך שוין אָנגעשטויסן אין דער ערשטער סעריע דוגמאות (אלול, אמת, גרעסער, היתר, עפּן, עסן). אין די גערמאַניזמען אין דער סעריע (גרעסער, עפּן, עסן), איז די פּאָטענציעלע פאַרלענגערונג פאַרשטערט געוואָרן דורך קאָנסאָנאַנטישער „שווערקייט" (אָדער פאַרטאָפּלונג אָדער סתם „שווערע" קאָנסאָנאַנטן וואָס פאַרשטערן פאַרלענגערונג). אַפּריאָרי זעט זיך אָבער ניט אַזוינס ביי די סעמיטישע דוגמא ווערטער (אלול, אמת, היתר), און ביי אַנדערע וואָס מ׳קען מוסיף זיין, בתוכם: אדום, אמור (די פּרשה), היזק, היסב (=בעט). פּשוט גערעדט: אויב בגד, חסד, רגע וכו׳ זיינען פאַרלענגערט געוואָרן אין באַטאָנטע אָפענע טראַפן (וואָקאַל 25), פאַרוואָס זשע איז געבליבן קורץ דער וואָקאַל אין אדום

[édəm] , אלול [éləl], אמור [émər], אמת [éməš], היזק [hézək] , הסב(־בעט) [héšəbet], היתר [hétər], די קלאַסישע קאָרעלאַטן זיינען: אֱדום [ʔĕðṓm], אֱלוּל [ʔĕlū́l], אֱמור [ʔĕmṓr], אֱמֶת [ʔĕmḗθ], הֶזֵק [hezzḗq], הֶסֵב [heššḗv], הֶתֵּר [hettḗr]. איז דריי זאַכן זעט מען.

ערשטנס: טייל פון די קלאַסישע געשטאַלטן (אדום, אלול, אמור, אמת) האָבן חטף־סגול.

צווייטנס: ביי די אַנדערע (היזק, הסב, היתר) איז פאַראַן אַ פאַרטאָפּלטער קאָנסאָנאַנט נאָכן סגול.

אין קלאַסישן העברעאיש דינען די ביידע זאַכן דעם זעלביקן העכערן פאָנאָלאָגישן צוועק: אָפּצוהיטן די סילאַבישע סטרוקטור פון דער שפּראַך וואָס פאָדערט אַז אין אַן אומבאַטאָנטן פאַרמאַכטן טראַף זאָל זיין אַ קורצער וואָקאַל (אין אַן אומבאַטאָנטן אָפענעם טראַף, קען זיך יאָ טרעפן אַן אולטראַ־קורצער וואָקאַל, עלעהיי דער חטף־סגול). צו יידיש איז דאָס אַלץ ווייניק שייך, אויב מ'זאָל ריידן פון דירעקטער שייכות. חוץ דעם איז ניטאָ קיין איינאיינציקער צד השווה, וויבאַלד דאָ גייט ביי טייל ווערטער אין איין פאָנאָלאָגישן שטריך, ביי טייל ווערטער אין גאָר אַן אַנדערן.

דער דריטער שטריך, וואָס איז מי יודע ווי וויכטיק לגבי יידיש, איז דער ריכטיקער צד השווה ביי די אַ ל ע סעמיטיזמען וואָס באַווייזן זיך מיט וואָקאַל 21, דהיינו: די אַ ק צ ע נ ט י ר ו נ ג, ס'איז מלרע (להיפּוך צו בגד, דרך, חסד וכו' וואו דער טראָף פאַלט מלעיל ש ו י ן א י ן ל ש ו ן ק ו ד ש). דערפון איז געדרונגען, אַז בעת עס האָט זיך פאַרלאָפן אין אַשכנז די פאַרלענגערונג פון קורצע וואָקאַלן אין באַטאָנטע אָפענע טראַפן (וואָס איז חל געווען סיי אויפן גערמאַנישן סיי אויפן סעמיטישן קאָמפּאָנענט), איז דער טראָף ביי די סעמיטיזמען נאָך דעמאָלט געווען — מלרע. דערפאַר האָבן זיך אדום, אלול, אמור, אמת

„אויסבאַהאַלטן" פון דער פאַרלענגערונג (ביי הסב, היזק, היתר וואָלט די סעמיטישע פאַרטאָפּלונג אַ סברא פאַרהיט פון פאַרלענגערונג אויב די פאַרטאָפּלונג, וואָס ווערט באַצייכנט מיטן דגש חזק, איז נאָך דעמאָלט חל געווען; דאָס איז אַן אַנדער פרשה; זע קאַץ 1993).

די שייכותדיקע טראַפן אין אדום, אלול, אמור זיינען דעמאָלט נאָך געווען אומבאַטאָנט, אַניט וואָלטן זיי דאָך אויכעט פאַרלענגערט געוואָרן. אַ רעלאַטיווע כראָנאָלאָגיע פון די טיפן אלול, אמת און, פון פאַרגלייך ווענן, די טיפן בגד, חסד ווערט געבראַכט אין טאַבעלע 3. קאָנסאָנאַנטישע איכותן, וואָס זיינען דאָ ניט שייך, ווערן נאָרמאַליזירט.

נאָך דער לעצטער אָנגעוויזענער סטאַדיע איז דער ווייטערדיקער פאָנעטישער גורל פון יעדן וואָרט שוין אַ פראַגע אין תחום פון דער געשיכטע פון יעדן דיאַלעקט פאַר זיך (למשל, bḗgəd ווערט סוף כל סוף béjgət אין פוילישן יידיש, bɛ́gəd אין ליטווישן, וכו').

דער סעמיטישער טראָפּ, וואָס איז אין יידיש אַריין, איז אַזוי אַרום געווען מלרע אָט אַזוי ווי אין קלאַסישן לשון קודש און אַראַמיש. ביי אַ געוויסן פּונקט אין דער געשיכטע פון יידיש — נ אָ ך דער פאַרלענגערונג אין באַטאָנטע, אָפענע טראַפן — האָט זיך דער טראָפּ איבערגערוקט אויף מלעיל. דאָס קען מען אויסטייטשן סיי דורך גערמאַנישער השפעה (גיכער), סיי דורך אַ יאַקאָבסאָנישער אוניווערסאַליסטישער טענדענץ (מעגלעך אָבער ניט מכריעדיק, ווי ס'איז צו זען קלאָר פון די אַלע ניט־אַשכנזישע עדות וואָס האָבן אויפגעהיט דעם מלרע כאָטש געמינירטע קאָנסאָנאַנטן און לאַנגע וואָקאַלן האָבן זיי מיט לאַנגע דורות צוריק אָנגעוואָרן). די טעאָריעס פון ירשונג פון דער מזרח תקופה פאַלן אַראָפּ.

| | אלול | אמת | בגד | חסד |
|---|---|---|---|---|
| קדמון יידיש: | *ɛlū́l | *ɛmɛ́s | *bɛ́gɛd | *xɛ́sɛd |
| פאַרלענגערונג אין באַטאָנטע אָפענע טראַפן: | — | — | bɛ̄́gɛd | xɛ̄́sɛd |
| איבעררוק פון טראָפּ: | ɛ́lul | ɛ́mɛs | — | — |
| פאַרטונקלונג פון וואָקאַלן נאָכן טראָפּ: | ɛ́ləl | ɛ́məs | bɛ̄́gəd | xɛ̄́səd |

טאַבעלע 3

V

# די מיסטעריעזע ā וואָקאַלן

אין זיין וויכטיקער דאָקומענטירונג פון אויסטערלישע, מיסטעריעזע ā קלאַנגען אין טיילן פון צענטראַל־מזרח ייִדיש, האָט שמואל־דוד ווײַס (1971: 67) געבראַכט, אַחוץ דוגמאות וואו די לאַנגקייט לאָזט זיך דערקלערן דורך דעם ווייטערדיקן קאָנסאָנאַנט (אַשטייגער: כתב, נאַר); אַחוץ פאַלן פון אַ היאַטוס געשאַפן פון אַ קאָנסאָנאַנטאַלן אָנווער (מרשעת, משוגעת); אַחוץ נייע ווערטער (אָריגינאַל, פּאַראַד); אַחוץ דעם אַלעמען איז בײַ ווײַסן פאַראַן אויך איין בײַשפּיל וואו די לאַנגקייט פונעם וואָקאַל איז אַן אַלטער נשאר אין דער געשיכטע פון ייִדיש: דאָס וואָרט פּתח (נאָמען פון דער נקודה). מ׳קען צוגעבן: יין, יחץ (בײַם סדר), ירושלים, לחש, נחת, און פּחד. דעם אמת געזאָגט, שטייען j און x אויך אונטער אַ חשד פון זיין ביכולת דעם פריערדיקן וואָקאַל צו פאַרלענגערן, בפרט אין דיאַלעקטן וואָס ווייזן במילא אַרוים אַזאַ נטיה, אַזוי אַרום אַז פּתח בלײַבט פאָרט דער בעסטער בײַשפּיל. דער צד השווה בײַ זיי אַלע איז אָבער די פּאָנאָלאָגישע שכנות אין קלאַסישן העברעאיש גופא. אין די אַלע ווערטער טרעפט זיך דער וואָקאַל אין באַטאָנטן אָפענעם טראַף — פּונקט ווי אין בגד, חסד, רגע בײַם סגול. דערפאַר טרעפן זיך ירושלים, לחש, נחת, פּחד, פּתח מיט אַ לאַנגן ā אין ט י י ל דיאַלעקטן פון ייִדיש, בעת חמור, חזיר, כלה, ממש, שבת, טרעפן זיך נאָר און בלויז מיט אַ קורצן a איבער גאַנץ ייִדיש. דער פאַרגלײַך מיט די העברעאישע עטימאָנען איז שטרענג אַנאַלאָגיש מיטן סגול. בײַ טייל פון די ווערטער מיטן אוניווערסאַלן קורצן a איז דאָ חטף־פּתח (חֲזִיר [ḥăzī́r], חֲמוֹר [ḥămṓr])‏, בײַ אַנדערע איז דאָ נאָכן פּתח אַ פאַרטאָפּלטער קאָנסאָנאַנט, וואָס ווערט באַצייכנט מיטן דגש חזק, וואָס האָט אַמאָל אין העברעאיש פאַרמאַכט דעם טראַף (כַּלָּה [kallṓ]‏, מַמָּשׁ [mammṓš]‏, שַׁבָּת [šabbṓθ]‏). דער צד השווה שבהן: דער וואָקאַל איז לכתחילה געשטאַנען אין אַן אומבאַטאָנטן טראַף, אַ סימן אַז דער טראָפּ האָט זיך איבערגערוקט אויף מלעיל נ אָ ך דער פאַרלענגערונג פון קורצע וואָקאַלן אין אָפענע טראַפן. אין ירושלים, לחש, נחת, פּחד, און פּתח, איז דער טראָפּ שוין געווען מלעיל אין לשון קודש. אונדזער ייִדישער פּתח קען ניט שטאַמען פון פַּתָּח [pattṓḥ]‏, אַניט וואָלט געווען אויף ייִדיש pátəx, און אַזאַ פאָרמע איז דאָך ניטאָ. דער אבי־אבות פון ייִדישן פּתח [pášəx] קען נאָר זיין: פַּתַח [páθaḥ].

די רעלאַטיווע כראָנאָלאָגיע ווערט געבראַכט אין טאַבעלע 4.

אויך דאָ, איז אַלדאָס איבעריקע שוין שייך צו דעם אָדער יענעם דיאַלעקט (למשל, דער איבערגאַנג אויף כ אין טיילן דרום־מזרח ייִדיש: xɔ́mər; דאָס אָנווערן די לאַנגקייט פונעם a אין אַ רײ דיאַלעקטן: pášəx).

די לאַנגע ā רעשטלעך אין ירושלים, לחש, נחת, פּחד, פּתח זיינען לויטן סטרוקטורעלן מהות זייערן מדעיקרא טאַקע געגליכן צו די פאַרלענגערטע e וואָקאַלן וואָס אין בגד, חסד, רגע וכדומה. גאָר אַנדערש איז אָבער זייער ג ו ר ל אין די ייִדישע דיאַלעקטן. די e קאָרעלאַציעס האַלטן זיך פעסט (21 כנגד 25) צווישן ביידע קאָמפּאָנענטן אין איטלעכן ייִדישן דיאַלעקט (אַחוץ ליטוויש וואו זיי זיינען צוזאַמענגעפאַלן). פאַרקערט, די לאַנגע ā וואָקאַלן אין סעמיטישן קאָמפּאָנענט זיינען אינאיינעם געגאַנגען מיט זייערע גערמאַנישע קאָרעלאַטן (a אין באַטאָנטן אָפענעם טראַף) נאָר און בלויז אין דרומדיקן מערב ייִדיש: נחת, פּחד מיטן זעלביקן ā וואָקאַל וואָס אין זאָגן, נאָמען (nā́xəš, pā́xət, zā́gə, nā́mə).

אין די אַנדערע דיאַלעקטן איז דער לכתחילה קורצער a אין גערמאַנישן קאָמפּאָנענט, אין באַטאָנטן

| | חזיר | חמור | לחש | פּתח |
| --- | --- | --- | --- | --- |
| קדמון ייִדיש: | *xazī́r | *xamṓr | *láxaš | *pásax |
| פאַרלענגערונג אין באַטאָנטע אָפענע טראַפן: | — | — | lā́xaš | pā́sax |
| איבעררוק פון טראָפּ: | xázīr | xámōr | — | — |
| פאַרטונקלונג פון וואָקאַלן נאָכן טראָפּ: | xázər | xámər | lā́xəš | pā́səx |

טאַבעלע 4

אָפּענעם טראַף (וואָקאַל 13, דער טיפּ זאָגן, נאָמען), געקיילעכט געוואָרן און צוזאַמענגעפאַלן מיט וואָקאַל 12 (דער טיפּ אָוונט, בלאָזן). די איינצלנע ווערטער מיטן לאַנגן סעמיטישן ā האָבן זיך געוואַלגערט ווי פאַרלאָרענע שעפעלעך אין דער מדבר און האָבן זיך מתיחד געווען, פאָנאָלאָגיש גערעדט, מיט „וועמען עס האָט זיך געלאָזט" אין איטלעכן דיאַלעקט באַזונדער (זע קאַץ 1991א: 63-65).

צום איצטיקן ענין איז שייך איין זאַך נאָר: וואו נאָר יענער לאַנגער ā טרעפט זיך אין די אָנגעוויזענע ווערטער אין די יידישע דיאַלעקטן, טרעפט ער זיך נאָר און בלויז דאָרטן וואו דער טראָפּ איז שוין אין לשון קודש געשטאַנען מלעיל. נאָך אַ סימן, האָבן מיר, אַז דער טראָפּ האָט זיך איבערגערוקט אויף מלעיל אין גאַנג פון דער געשיכטע פון יידיש גופא, נ אָ כ ד ע ם ווי עס האָט זיך געהאַט אָפּגעשפּילט די גערמאַניש אינספּירירטע פאַרלענגערונג פון קורצע וואָקאַלן אין באַטאָנטע אָפענע טראַפן.

VI

## צו דער אַבסאָלוטער כראָנאָלאָגיע

אינאיינעם גענומען, האָבן די דרייערליי רעקאָנסטרוקציעס — אינערלעכע, קאָמפּאַראַטיווע און טראַנסקאָמפּאָנענטישע — אונדז מגלה געווען: ערשטנס, אַז דער סעמיטישער קאָמפּאָנענט איז אין יידיש אַריין מיטן מלרע פון טבריה וואָס האָט זיך אין דער יידיש תקופה גופא אַריבערגערוקט אויף מלעיל; צווייטנס, אַז דאָס האָט זיך פאַרלאָפן נ אָ ך דער באַקאַנטער פאַרלענגערונג — אונטער דייטשישער השפעה — פון קורצע וואָקאַלן אין באַטאָנטע אָפענע טראַפן. זיינען מיר געוואָר געוואָרן סיי דעם באַשייד און סיי די ר ע ל אַ ט י ו ו ע כראָנאָלאָגיע. צי קען מען עפּעס וואָס געוואָר ווערן מכח דער אַ ב ס אָ ל ו ט ע ר כראָנאָלאָגיע פון דער זאַך, אַשטייגער אין וועלכן יאָרהונדערט עס האָט זיך געקענט פאַרלויפן? צו אַבסאָלוטע כראָנאָלאָגיעס, אַפילו ברייטע, קענען קיין רעקאָנסטרוקציעס ניט דערגיין מיט אַוועלכער ניט איז זיכערקייט. צו דעם דאַרף מען „שטיקלעך פּאַפּיר" — היסטאָרישע מאָנומענטן.

צווייערליי דאָקומענטן זיינען עלול דאָ צוניץ צוקומען. ראשית כל: די באַווייזן מכח דער צייט⸗ראַם פונעם פענאָמען פאַרלענגערונג אין דייטש גופא, און דאָ זיינען אַ סך דאָקומענטן דורכגעאַקערט געוואָרן פון דורות גערמאַניסטן. והשנית: עווידענץ פון אַוועלכער ניט איז פריאיקער „מלעיל קאָנטאַמינירונג" פון לשון קודש (ד.ה. אַ השפעה פונעם סעמיטישן קאָמפּאָנענט אין יידיש אויף דער לשון⸗קודשדיקער קריאה).

צו דער גערמאַניסטישער דאַטירונג איז פאַראַן גראַפישע עווידענץ פון פאַרלענגערונג אין אָפענעם טראַף (טאָפּלטע וואָקאַלן — ווי אין <Haar>; וואָקאַלן מיט אַ „פאַרלענגענדיקן אות" דערנאָך — <h>, <i>, צי <e>; וואָקאַלן געשריבענע מיט צירקומפלעקס). אַזעלכע סימנים טרעפן זיך אָנהייבנדיק אין שפּעטן עלפטן יאָרהונדערט. זיי זעען זיך אָן אין צוועלפטן יאָרהונדערט אין מערבדיקן מיטל⸗דייטש און אין פערצנטן יאָרהונדערט טרעפט מען זיי מאַסנווייז אין אייבער⸗דייטש (זע למשל פּאַאול, מאָזער און שרעבלער 1975: §23; ראָס 1982: 124-141; וועלז 1985: 113). אַ וויכטיקע אויפגאַבע אויף להבא בלייבט די גענויע דאַטירונג פון פאַרלענגערונג אין יענע שטחים וואו מ'האַלט אַז יידיש איז אויפגעקומען. דאָס איז אָבער אַ שווערע הלכה. ערשטנס זיינען יידישע פילאָלאָגן שטאַרק מחולק צווישנאַנאַנד איבער דער פראַגע, וואו איז די שפּראַך אויפגעקומען. לויט ווײַנרייכס טעאָריע, באַקומט זיך אַז אין מערב ביים ריין, אין און אַרום שפּייער, וואָרמס און מיינץ (זע למשל מ. ווײַנרייך 1973: I, 3, 334-353). לויט קינג און קאַץ איז יידיש אויפגעקומען ביים דאָניי און ניט ביים ריין, אין געגנט אַרום רעגנסבורג (זע למשל קינג 1979, 1986; קאַץ 1985: 87; 1987א; 1991ג; 1993ב). האַלט מען מיט ווײַנרייכן, דאַרף מען אונטערזוכן די מערבדיקע ריינלענדישע דיאַלעקטן; האַלט מען פאַרקערט מיט קינגן און קאַצן, דאַרף מען אויסזוכן די פאַרהעלטענישן אין באַוואַריש און מזרח צענטראַל⸗דייטש. אַזוי צי אַזוי איז פאַראַן אַ מעטאָדאָלאָגישער שטער צו אַ זיכערער דאַטירונג וואָס וואַקסט פונעם אוניווערסאַלן פרינציפּ פון קאָנסערוואַטיווקייט פון דער שריפט. דאָרטן וואו פאַרלענגערונג יאַוועט זיך שוואַרץ אויף ווייס אין אַ טעקסט, ווייס מען אַז זי איז „פאַראַן" (אינעם שרייבערס לשון? ביים קאָפּיסט? ביים רעדאַקטאָר?). וואו קיין שפּורן פון איר זיינען פאַרקערט ניטאָ, איז עס אָבער לחלוטין קיין סימן ניט אַז די פאַרלענגערונג האָט זיך „דאָרטן" ניט פאַרלאָפן מחמת ניט יעדער שרייבער (מילד גערעדט!) טראָגט אַריין אין זיין אָדער אין איר שרייבן די נייסטע פאָנאָלאָגישע שינויים וואָס האָבן זיך פאַרלאָפן אין לאָקאַלן גערעדטן לשון. די גערמאַניסטיק זאָגט אָבער בפה⸗אחד אַז די פאַרלענגערונג האָט זיך שוין געהאַט פאַרלאָפן אין מערב צענטראַל⸗דייטש אין צוועלפטן יאָרהונדערט, אין יענעם יאָרהונדערט האָט זי שוין דערגרייכט מזרח צענטראַל⸗דייטש, און באַלד נאָך 1300, אויך אייבער⸗דייטש (פּענצל 1975: 114). אויב מיר וועלן זיך רעכענען מיטן צוועלפטן יאָרהונדערט פון אָריענטירונג וועגן, וועלן

מיר האָבן אַ געזונטן אויסגאַנג־פּונקט.

ווייסן מיר, אַז דער סעמיטישער מלרע האָט זיך אין ייִדיש איבערגערוקט אויף מלעיל נ אָ ך (בערך) דעם צוועלפטן יאָרהונדערט. מ׳דאַרף זיך משער זײַן אַז בתורת לעבעדיקער פאָנאָלאָגישער בײַט, איז די פאַרלענגערונג בבת אחת חל געווען סײַ אויף סעמיטיזמען סײַ אויף גערמאַניזמען, אַזוי אַרום אַז בײַ בעטן און בגד וואָלטן זיך די וואָקאַלן סימולטאַן אונטערגעגעבן דער פאַרלענגערונג.

צום אַשכּנזישן לשון קודש האָבן מיר דאָס עדות־זאָגן פון „יקותיאל פון פּראָג״, אַ נקדן און מקפּיד אויף די נאָרמעס פון דער לשון־קודשדיקער קריאה, וועלכער האָט אַפּנים געלעבט אין דרײַצנטן יאָרהונדערט. ער האָט געהייסן יקותיאל הכּהן בן יהודה (יהב״י), און אליה בחור האָט געוואוסט צו דערציילן אַז בײַ אַשכּנזים האָט מען אים אָנגערופן: זלמן הנקדן (זע אליה בחור 1538: ע״ז ע״א). זלמן הנקדן איז געווען אַ מומחה איבער דער מסורה, און אַ שטרענגער וועכטער איבער דער קלאַסישער לשון־קודשדיקער קריאה. ער האָט געשטו־רעמט קעגן דער השפּעה פון די גערעדטע שפּראַכן איבער דער פאָנעטיק פון דער לשון־קודשדיקער קריאה. דורך דעם וואָס ער האָט אײַנגעטיילט די ייִדישע אײראָפּע אויף קולטור שטחים, נוצנדיק די ייִדישע טערמינען (אַשכּנז, צרפת און כּנען), איז ער בדיעבד געווען דער גרינדער פון דער ייִדישער אינטערלינגוויסטיק (זע קאַץ 1991ד: 142).

דאָס נעלם־ווערן פון פאַרטאָפּלטע קאָנסאָנאַנטן אין דער קריאה (ד.ה. פונעם רעאַליזירן פאָנעטיש דעם דגש חזק, למשל אין כּלה, שבת, קלאַסיש: kallɔ̄́, šabbɔ̄́θ), איז ענג פאַרבונדן מיטן איבעררוק אויף מלעיל. אין דער אַלטער פאָנאָלאָגיע האָט דער דגש חזק פאַרטאָפּלט אַ קאָנסאָנאַנט וואָס האָט אַזוי אַרום געדינט סײַ אויף צו פאַרמאַכן דעם פריערדיקן טראַף סײַ אויף צו איניציאירן דעם קומעדיקן. בײדע פונקציעס געהערן דער העברעאישער סטרוקטור פון טראַפן: דער פריערדיקער טראַף, טאָמער האָט ער אַ קורצן וואָקאַל, מוז ער זײַן אַ פאַרמאַכטער, ווײַל קורצע אומבאַטאָנטע וואָקאַלן קענען זיך באַווײַזן נאָר אין פאַרמאַכטע טראַפן; דער קומעדיקער טראַף מוז זיך פאָרט אָנהייבן מיט אַ קאָנסאָנאַנט מחמת דעם וואָס אַ ל ע העברעאישע טראַפן הייבן זיך אָן מיט אַ קאָנסאָנאַנט. אַכלל, מיטן איבעררוק פון דער באַטאָנונג אויף מלעיל מוז אײַנפאַלן דער גאַנצער בנין.

די רייד גייט אַקעגן דעם וואָס זלמן הנקדן באַוויינט דאָס וואָס „הקוראים הצעירים נהגו שלא השמיעו את הדגש החזק הבא באותיות האילו״ (זע אין יקותיאל 1395: 187ב). דאָס איז טײַטש: „די יונגע בעלי־קריאה האָבן זיך נוהג געווען, אַז זיי האָבן ניט געלאָזט הערן דעם דגש חזק בײַ אָטאָ די אותיות״. אַ סימן האָבן מיר אַז די דעגעמינירונג — קוקנדיק אויף צוריק — איז דעמאָלט געווען אַ נײַער קלאַנגיקער בײַט וואָס האָט זיך געהאַט אָנגענומען בײַם ייִנגערן דור. דער בײַט האָט זיך פאַרלאָפן פאַר יקותיאלס אויגן אין דרײַצנטן יאָרהונדערט.

מ׳דאַרף זיך אָבער ניט סומך זײַן אויף דער סטרוקטורעלער סמיכות־הפּרשה צווישן דעגעמינירונג און דעם איבעררוק אויף מלעיל. יקותיאל רעדט צום ענין גופא, ער קריטיקירט „המחלפים את הנגינה״ (׳די וואָס בײַטן איבער דעם וואָרט־אַקצענט׳), אָנווײַזנדיק שוואַרץ אויף ווײַס, ווער עס איז דאָ דער גזלן: „והאשכנזים הורגלו בהן״, דהײַנו: „די אַשכּנזים האָבן זיך צו זיי אײַנגעוואוינט״ (אַלץ דאָרטן, 188ב). נאָך ערגער, ער ווײַזט אָן אויף מינימאַלע פּאָרלעך וואָס שיידן זיך אונטער נאָר און בלויז אין דער באַטאָנונג, וואו דאָס פלאָנטערן פירט צום אָנווער פון אַוועלכן ניט איז חילוק: בָּ֫נוּ [׳אין אונדז׳] ≠ בָּנ֫וּ [׳האָבן געבויט׳]; שָׁ֫תוּ [׳האָבן אָנגעטאָן׳, ׳זיך אָנגעזעצט׳, ׳זיך אויסגעשטעלט׳] ≠ שָׁת֫וּ [׳האָבן געטרונקען׳] (יקותיאל 189א).

## VII

# מסקנות

בלײַבן אונדז צוויי לאָגישע מסקנות, די רעזולטאַטן פון דער רעקאָנסטרוקציע:

(א) דער סעמיטישער קאָמפּאָנענט איז אין ייִדיש אַרײַן מיטן מלרע כּנוסח טבריה;

(ב) דער איבעררוק אויף מלעיל האָט זיך פאַרלאָפן ערשט נ אָ ך דער פאַרלענגערונג פון קורצע באַטאָנטע וואָקאַלן אין אָפענע טראַפן וואָס איז חל געווען אויף אַלע קאָמפּאָנענטן פון ייִדיש.

און דערצו, נאָך צוויי מסקנות וואָס מ׳קען ציען פון די דאָקומענטן:

(ג) די פאַרלענגערונג האָט ייִדיש אַרײַנבאַקומען פון דײַטש, וואו זי האָט זיך פאַרלאָפן אָנהייבנדיק אין שפּעטן עלפטן יאָרהונדערט, דערגייענדיק צו אַ גאָר ברייטן פאַרשפּרייט סוף דרײַצנטן יאָרהונדערט. (היות ווי עס האַנדלט זיך אין אַן אַקטיוון פאָנאָלאָגישן פּראָצעס, ניט אין ווערטער אָדער פאָרמעס, קען מען זיך משער זײַן אַז די דאַטירונג לגבי ייִדיש וועט דאָ זײַן ענלעך);

(ד) אין דרײַצנטן יאָרהונדערט האָט זיך דער טראָפּ שוין איבערגערוקט אויף מלעיל אין סעמיטישן קאָמפּאָנענט פון ייִדיש, ווי ס׳איז צו זען פון די לשון־קודשדיקע לייען־רגילותן קעגן וועלכע עס האָט

געשטורעמט זלמן הנקדן (נעמענדיק אין באַטראַכט אַז דאָ גייט אין אַ השפּעה פֿונעם סעמיטישן קאָמפּאָנענט וואָס אין ייִדיש אויף דער אַשכּנזישער קריאה).

צו דער פֿראַגע מכּח דעם דירעקטן גורם, לאָזט זיך קאָנסטרואירן, אַז די גערמאַנישע שורש אַקצענטירונג, וואָס למעשה איז זי אַמאָפּטסטן געשטאַנען אָנהייב וואָרט, האָט אויסגעשטראַלט מיט אַ מאַגנעטישער אַטראַקציע וואָס האָט דעם סעמיטישן מלרע ניט באַוויזן איינגעמען, און יאָ באַוויזן איבערצואַנדערשן, אין דער „פּאָנאָלאָגישער לאַנדשאַפֿט" פֿון אייראָפּע. געבליבן איז אַ נייע גרענעץ אַקצענטירונג, מלעיל, וואָס איז אַנדערש איידער דער סעמיטישער מלרע פֿון וועלכן ער האָט זיך גענומען, אַנדערש אויך איידער די גערמאַנישע שורש אַקצענטירונג וואָס האָט אויף אים געווירקט, און מיט וועלכער ער לעבט זיך בהאַרמאָניע צונויף. דערמיט האָט ייִדיש אַ נייע סיסטעם, וואָס איז נאָר און בלויז: ייִדיש.

# ביבליאָגראַפֿיע


אידעלסאָן, א. צ.

1913 A. Z. Idelsohn, "Die gegenwärtige Aussprache des Hebräischen bei Juden und Samaritanern" in *Monatsschrift für Geschichte und Wissenschaft des Judentums* 57 (n.s. 21): 527-545, 697-721.

אליה בחור

1538 ספר מסורת המסורת חברו ר' אליהו המדקדק י"ץ ב"ר אשר הלוי האשכנזי זצ"ל. להבין ולהורות. לאנשי הדורות. דרך בעלי המסורות. בקצור לשונם. וחידותם וסימנם. בראשי תיבות ובנוטריקון. לכלם עשה תקון. נדפס בוויניסייא הבירה. בבית השר דניאל בומבירגי יר"ה, דניאל באָמבערג: ווענעציע.

באָראָכאָוו, בער

1913 „אָנמערקונגען צום פּאָריקן אַרטיקל" [= טשעמערינסקי 1913] אין ניגער 1913: 71-78.

באַרטאַל, י. און מענדעלסאָן, ע. און טורניאַנסקי, ח.

1993 Israel Bartal, Ezra Mendelsohn & Chava Turniansky (eds.), *Studies in Jewish Culture in Honour of Chone Shmeruk*, Zalman Shazar Center for Jewish History: Jerusalem.

ביים, האַרטאָך

1970 Hartog Beem, *jerŏsche (Erfenis). Jiddische spreekwoorden en zegswijzen uit het nederlandse taalgebied*, 2e gewijzigde en aangevulde druk, Van Gorcum & Comp: Assen.

בירנבוים, שלמה

[1918] Solomon A. Birnbaum, *Praktische Grammatik der jiddischen Sprache für den Selbstunterricht. Mit Lesestücken und einem Wörterbuch* [= *Die Kunst der Polyglottie*, 128], A. Hartleben: Vienna & Leipzig.

1922 *Das hebräische und aramäische Element in der Jiddischen Sprache. Inauguraldissertation verfasst und der philosophischen Fakultät der bayer. Julius-Maximilians-Universität Würzburg zur Erlangung der philosoph. Doktorwürde vorgelegt am 10. Juni 1921*, Zahn & Baendel: Kirchhain.

1929 "Jiddische Sprache" in *Jüdisches Lexikon* (Jüdischer Verlag: Berlin) 3: 269-278.

1932 und I. Schipper, "Jiddisch" in *Encyclopaedia Judaica. Das Judentum in Geschichte und Gegenwart* (Eschkol: Berlin) 9: 112-127.

1943 "Yiddish" in *Universal Jewish Encyclopedia* (Universal Jewish Encyclopedia Co.) 10: 598-601.

1979 *Yiddish: A Survey and a Grammar*, Manchester University Press:

Manchester & University of Toronto Press: Toronto.

בעראַנעק, פ.

1965 Franz J. Beranek, *Westjiddischer Sprachatlas*, N. G. Elwert Verlag: Marburg.

בעש, ו. און קנאָפּ, או. און אַנדערע

1983 Werner Besch & Ulrich Knoop et al. (eds.), *Dialektologie. Ein Handbuch zur deutschen und allgemeinen Dialektforschung*, 2, Walter de Gruyter: Berlin.

גלינערט, לייזער

1993 Lewis Glinert (ed.), *Hebrew in Ashkenaz. A Language in Exile*, Oxford University Press: New York.

הערצאָג, מיכל

1965 Marvin I. Herzog, *The Yiddish Language in Northern Poland. Its Geography and History* [= *Indiana University Research Center in Anthropology, Folklore, and Linguistics*, Publication 37 = *International Journal of American Linguistics* 31.2, part iii], Mouton: The Hague.

1969 "Yiddish in the Ukraine" in Herzog, Ravid & Weinreich 1969: 58-81.

הערצאָג, מיכל און ראַוויד, וויטאַ און וויינרייך, אוריאל

1969 Marvin I. Herzog, Wita Ravid, Uriel Weinreich (eds.), *The Field of Yiddish. Studies in Language, Folklore, and Literature*, Third Collection, Mouton: The Hague.

הערצאָג, מיכל און וויינרייך, אוריאל און באַוויסקאַר, ווערא

1992 Marvin I. Herzog, Uriel Weinreich, Vera Baviskar (eds.), *The Language and Culture Atlas of Ashkenazic Jewry. Volume I: Historical and Theoretical Foundations*, Max Niemeyer Verlag: Tübingen.

וויינרייך, אוריאל

1958 Uriel Weinreich, "A Retrograde Sound Shift in the Guise of a Survival. An Aspect of Yiddish Vowel Development" in Catalán 1958: 221-267.

1965 (ed.), *The Field of Yiddish. Studies in Language, Folklore and Literature*. Second Collection, Mouton: The Hague.

וויינרייך, מאַקס

1960 „די סיסטעם יידישע קדמון וואָקאַלן" אין יידישע שפּראַך 20: 65-71.

1963-64 „ראשית ההברה האשכנזית בזיקתה לבעיות קרובות של היידיש ושל העברית האשכנזית" אין לשוננו 27-28: 131-147, 230-251, 318-339.

1973 געשיכטע פון דער יידישער שפּראַך. באַגריפן, פאַקטן, מעטאָדן, 4 בענד, ייוואָ: ניו=יאָרק.

וויים, שמואל=דוד

1971 „\אַ\, \אַ:\ און \אַי\ אינעם יידישן וואָקאַליזם" אין יידישע שפּראַך 30: 65-69.

ווילענקין, לייזער

1931 ייִדישער שפּראַכאַטלעס פון סאָוועטנפאַרבאַנד. אויפן גרונט פון די דיִאַלעקטאָלאָגישע מאַטעריאַלן, וואָס זײַנען צונויפגעזאַמלט געוואָרן דורך דער שפּראַכקאָמיסיִע פון ייִדישן סעקטער פון דער ווײַסרוסישער וויסנשאַפט=אַקאַדעמיע אונטער מ. ווײַנגערס אָנפירונג. פּאָנעטיק, ווייסרוסישע וויסנשאַפט=אַקאַדעמיע — ייִדישער סעקטער: מינסק.

ווינער, לעאָ

1894 Leo Wiener, "On the Hebrew Element in Slavo-Judaeo-German" in *Hebraica* (Chicago) 10: 175-187.

וועלז, ק. דזש.

1985 C. J. Wells, *German: A Linguistic History to 1945*, Clarendon Press: Oxford.

זיסקינד, נתן

1953 „באַטראַכטונגען וועגן דער געשיכטע פון יידיש" אין יידישע שפראַך 13: 97-108 [איבער־געדרוקט אין מאַרק 1958: 146-157].

טשעמערינסקי, ח.

1913 „די יידישע פאָנעטיק" אין ש. ניגער 1913: 47-71.

יאַקאָבסאָן, ראָמאַן

1953 „דער יידישער קלאַנגען־באַשטאַנד אין פאַרגלייך מיטן סלאַווישן אַרום" אין יידישע שפראַך 13: 70-83 [איבערגעדרוקט אין מאַרק 1953: 207-220].

יקותיאל הכהן בן יהודה

1395 [כתב־יד בריטישער מוזיי Add. 19,776].

לוצאטו [לוצאַטאָ], שמואל דוד [= שד"ל]

1830 אוהב גר, אַנטאָן עדלעם פאָן שמיד: ווין.

לייבל, דניאל

1965 Daniel Leibel, "On Ashkenazic Stress" in U. Weinreich 1965: 63-72.

מאַרק, יודל

1958 (רעד.), יודאַ אַ. יאָפע בוך, ייוואָ: ניו־יאָרק.

מיזעס, מתתיהו

1924 Matthias Mieses, *Die jiddische Sprache. Eine historische Grammatik des Idioms der integralen Juden Ost- und Mitteleuropas*, Benjamin Harz: Berlin & Wien.

ניגער, ש.

1913 (רעד.), דער פנקס. יאָרבוך פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור און שפראַך, פאַר פאָלקלאָר, קריטיק און ביבליאָגראַפיע, ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין: ווילנע.

סאַפיר, עדוואַרד

1894 Edward Sapir, "Notes on Judeo-German Phonology" in *Jewish Quarterly Review* (Philadelphia) n.s. 6: 231-266

סגל, משה צבי

1928 יסודי הפוניטיקה העברית. חקירה בהברון העברי ותולדותיו, ספריה היסטורית־פילולוגית, ד"ר יהודה יונוביץ: ירושלים.

עמדין, יעקב

1745 פלטין בית אל העומד על שבעה עמודי שמים ונקרא גם אור שבעת הימים: אלטונא [אַלטאָנע].

פאַאול, ה. און אַנדערע

1975 Hermann Paul, *Mittelhochdeutsche Grammatik.* 21., durchgesehene Auflage von Hugo Moser and Ingeborg Schröbler, Max Niemeyer Verlag: Tübingen.

פענצל, ה.

1957 Herbert Penzl, [review of Ebehard Kranzmayer, *Historische Lautgeographie des gesamtbairischen Dialektraumes*] in *Language* 33: 467-475.

1975 *Vom Urgermanischen zum Neuhochdeutschen. Eine historische Phonologie* [= Grundlagen der Germanistik, 16], Erich Schmidt Verlag: Berlin.

פרילוצקי, נח

1920 צום יידישן וואָקאַליזם. עטיודן [= יידישע דיאַלעקטאָלאָגישע פאָרשונגען. מאַטעריאַלן פאַר אַ וויסנשאַפטלעכער גראַמאַטיק און פאַר אַן עטימאָלאָגיש ווערטערבוך פון דער יידישער שפראַך, 4 = נח פרילוצקיס כתבים, 10]: וואַרשע.

1921 דיאַלעקטאָלאָגישע פאַראַלעלן און באַמערקונגען. עטיודן וועגן יידישן וואָקאַליזם [= יידישע דיאַלעקטאָלאָגישע פאָרשונגען, 3 = נח פרילוצקיס זאַמלביכער פאַר יידישן פאָלקלאָר, פילאָלאָגיע און קולטור געשיכטע, צווייטע העלפט פון צווייטן באַנד = נח פרילוצקיס כתבים, 9]: וואַרשע.

פייסט, זיגמונד

1923 [רעצענזיע איבער בירנבוים 1922 אין *Zeitschrift für deutsche Mundarten* 18: 141-142. [געחתמעט: S.F.].

פישמאַן, שיקל

1985 Joshua A. Fishman (ed.), *Readings in the Sociology of Jewish Languages*, E. J. Brill: Leiden.

פישער, יחיאל [= בן־נון, יחיאל]

1936 Jechiel Fischer, *Das Jiddische und sein Verhältnis zu den deutschen Mundarten unter besonderer Berücksichtigung der ostgalizischen Mundart. Erster Teil: Allgemeiner Teil — Lautlehre. Erste Hälfte: Allgemeiner Teil. Inaugural-dissertation zur Erlangung der Doktorwürde einer Hohen Philosophischen Fakultät der Ruprecht-Karls-Universität Heidelberg*, Buchdruckerei Oswald Schmidt G.M.B.H.: Leipzig.

1951 „העברית שביידיש" אין לשוננו 17: 139-144.

1973 Jechiel Bin-Nun, *Jiddisch und die deutschen Mundarten. Unter besonderer Berücksichtigung des ostgalizischen Jiddisch*, Max Niemeyer: Tübingen.

קאַטאַלאַן, ד.

1958 Diego Catalán (ed.), *Miscelánea homenaje a André Martinet. Estructuralismo e historia*, T. II, Biblioteca Filológica: Universidad de La Laguna.

קאַץ, הירשע־דוד [= קאַץ, דוד]

1982 Dovid Katz, *Explorations in the History of the Semitic Component in Yiddish*, University of London PhD dissertation.

1983 "Zur Dialektologie des Jiddischen" in W. Besch et al. 1983: 1018-1041.

1985 "Hebrew, Aramaic and the Rise of Yiddish" in Fishman 1985: 85-103.

1986 „יוסף הערצעם אסתר: צענטראַל־מערב יידיש אין פירט" אין *Israelitische Kultusgemeinde Fürth* (סעפּטעמבער 1986): 20-27.

1987א "The Proto Dialectology of Ashkenaz" in D. Katz 1987b: 47-60.

1987ב (ed.), *Origins of the Yiddish Language. Papers from the First Annual Oxford Winter Symposium in Yiddish Language and Literature, 15-17 December 1985* [= *Winter Studies in Yiddish*, 1], Pergamon Press: Oxford.

1991א „דער סעמיטישער חלק אין יידיש: אַ ירושה פון קדמונים" אין אָקספּאָרדער יידיש 2: 17-95.

1991ב „שלמה בירנבוים" אין אָקספּאָרדער יידיש 2: 271-276.

1991ג "The Children of Heth and the Ego of Linguistics. A Story of Seven Yiddish Mergers" in *Transactions of the Philological Society* 89: 95-121.

1991ד "A Late Twentieth Century Case of *katoves*" in D. B. Kerler 1991: 141-163.

1993א "The Phonology of Ashkenazic" in Glinert 1993: 46-87.

1993ב "East and West, khes and shin and the Origin of Yiddish" in Bartal, Mendelsohn & Turniansky 1993: 9-37.

קאַץ, מעינקע

1991 „פּאָרם אין פּאָעזיע און נאַטור" אין אָקספּאָרדער יידיש 2: 161-170.

קינג, ראָבערט ד.

1979 Robert D. King, "The Evidence of the German Component", paper placed before the First International Conference on Research in Yiddish Language and Literature, Oxford, 6—9 August.

1986 "Migration and Linguistics as Illustrated by Yiddish", paper placed before the Indo-European Symposium, IREX Conference on Comparative

Linguistics, University of Texas at Austin, 4—6 November.

קערלער, דוב=בער

Dov-Ber Kerler (ed.), *History of Yiddish* 1991
*Studies. Papers from the Third Annual Oxford Winter Symposium in Yiddish Language and Literature, 13-15 December 1987* [= *Winter Studies in Yiddish*, 3], Harwood: Chur.

ראָס, טשאַרלז

Charles V. J. Russ, *Historical German* 1978
*Phonology and Morphology*, Clarendon: Oxford.

*Studies in Historical German Phonology.* 1982
*A Phonological Comparison of MHG and NHG with Reference to Modern Dialects*, Peter Lang: Berne & Frankfurt.

שײַנעאַנו, לאַזאַר

Lazăr Şaineanu, *Studiu Dialectologic* 1889
*asupra Graiului Evreo-German*, Eduard Wiegand: Bucharest.

# פֿאָלקלאָר

# נעמען פון שטעט אין יידישן פאָלקסליד: ממשותדיקע מקומות צי אילוזיעס?

פון

**האָלגער נאָט**

(ניו־יאָרק)

I

## אַריינפיר

אַז מ׳טוט אַ טראַכט וועגן יידישע לידער וואָס דערמאָנען אָדער וואָס פאַרנעמען זיך מיט שטעט און שטעטלעך, וועט מען זיך מסתמא דערמאָנען אין עטלעכע, און אינעם טעאַטער ליד „בעלז" אויף געוויס. נאָר וואָס איז דער מער מיט שטעט און שטעטלעך אינעם יידישן פאָלקסליד?

להיפּוך צו טעאַטער לידער קען מען זעלטן געפינען יידישע פאָלקסלידער, וואָס פאַרנעמען זיך אינגאַנצן מיט אַ באַשטימטער שטאָט. די קליינע צאָל נעמען פון שטעט אינעם יידישן פאָלקסליד נעמט זיך פון דער סטרוקטור פונעם ליד גופא. ראשית, אַז אַ פאָלקסליד האָט דורכשניטלעך אַן ערך זיבן סטראָפעס, איז עס זייער וויכטיק פאָרצושטעלן די טעמע, דעם מאָטיוו, פון אָנהייב. שנית, די געשיכטע פון יידישע מיגראַציעס פון דאָרפישע שטחים אין די שטעט אַריין וואָלט אויך געקענט זיין אַ פאַקטאָר. דאָס איז פאָרגעקומען מיט ניט אַזאַ לאַנגער צייט צוריק, אינעם ניינצנטן יאָרהונדערט. דעריבער איז מעגלעך, אַז מ׳האָט ניט געשאַפן קיין באַזונדערן שטאָטישן רעפּערטואַר פון לידער אין אַזאַ קורצער צייט. צו יענער צייט איז דער מאָטיוו „שטאָט" אויפגעקומען אויך אין טעאַטער. דער עיקר אין אַמעריקע זיינען די מאָטיוון געווען אַן אויסדרוק פון סענטימענטאַלע געפילן צו דער אַלטער היים.

מיר וועלן זיך דאָ ניט אָפּשטעלן ניט אויף אַזעלכע טעאַטער לידער, ניט אויף אַזעלכע פּאָפּולערע לידער, וואו די שרייבער און קאָמפּאָזיטאָרן זיינען באַקאַנט. מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אויסשליסלעך אויף יידישע פאָלקסלידער, ד.ה. לויט מלאָטעקן (1954: 180) אויף „לידער וואָס זייער ליטעראַרישער אורשפּרונג איז ניט באַקאַנט".

אין דער דאָזיקער שטודיע האָב איך זיך באַגרענעצט דער עיקר אויף קאָלעקציעס פון יידישע פאָלקסלידער, וואָס זיינען פּובליקירט אָדער צונויפגעשטעלט געוואָרן בעת די ערשטע דריי יאָרצענדליקער פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

וואָס זאָגן די לידער בנוגע דעם שטאָטישן לעבן? צי מאָלן זיי אַ רעאַליסטישן אימאַזש פונעם שטאָטישן לעבן בכלל, צי פון אַ באַשטימטער שטאָט בפרט? צי וועגט איבער אַ שטאַרק אידעאַליזירטער און פאַרבענקטער אימאַזש פון שטאָט, פונקט אַזוי ווי אין די טעאַטער לידער? צי זיינען זיי ענלעך צו ראָמאַנטישקייט און סענטימענטאַלקייט, וואָס אַנדערסען שילדערט אין זיין ביכל *Bilderbuch ohne Bilder* אָט אַזוי אָ:

Während der ersten Tage, nachdem ich in die Stadt gezogen, war es mir gar enge und einsam; statt des Waldes und der grünen Hügel, erhoben sich nur schwarze Schornsteine an meinem Horizonte. Nicht e i n e n Freund besaβ ich, nicht ein bekanntes Gesicht begrüβte mich.
(אַנדערסען ק.ד.: 5)

אַן ענטפער אויף די פראַגעס איז צונויפגעפלאָכטן מיט די פאַרשיידענע זשאַנערס לידער. מיר וועלן זען

שפּעטער, אַז אָט די זשאַנערס האָבן זייערע אייגענע באַגריפן פון שטאָט.

כהן (1957: 7) שטעלט צונויף אַ קלאַסיפיקאַציע פון פערצן זשאַנערס:

I. באַלאַדעס און באַלאַדנדיקע לידער (נג. 1-50)
II. ליבע לידער (נג. 51-216)
III. טאַנץ לידער (נג. 217-266)
IV. חתן־כלה און חתונה לידער (נג. 267-311)
V. פאַמיליע לידער (נג. 312-327)
VI. וויגלידער (נג. 328-341)
VII. קינדער לידער (נג. 342-464)
VIII. רעקרוטן און סאָלדאַטן לידער (נג. 465-483)
IX. אַרבעטער לידער (נג. 484-489)
X. רעליגיעזע לידער (נג. 490-498)
XI. רעטעניש לידער (נג. 499-503)
XII. הומאָריסטישע לידער (נג. 504-534)
XIII. פּורים לידער (נג. 534-549)
XIV. פאַרשידענע לידער (נג. 550-560)

צו דער רשימה דאַרף מען נאָך צוגעבן דעם זשאַנער פון אונטערוועלט לידער, וואָס כהן דערמאָנט אינגאַנצן ניט. טאָ לאָמיר אַנאַליזירן דעם אימאַזש ש ט אָ ט, צוערשט לויט די זשאַנערס. נאָך דעם וועלן מיר פאַרבינדן די אימאַזשן מיטן יידישן לעבן אין מזרח אייראָפּע.

II

# די שטאָט לויט די זשאַנערס

### 2.1 נעמען פון שטעט ווי הקדמות

אין אַלגעמיין גיבן שטאָטישע נעמען פּשוט אַ שייכות־ראַם, וואָס פירט אַריין אינעם ליד. פון אָנהייב אָן פּרוּוון זיי שאַפן אַ רעאַליסטישע, אמתע באַשרייבונג פון אַ פּאַסירונג אין אַזאַ און אַזאַ שטאָט. נעמען פון ערטער ווערן גענוצט ווי פאָרמאַליזירטע הקדמות צו אַ טראַגישער געשעעניש (וואָסער מין געשעעניש ווענדט זיך אינעם זשאַנער), אַזוי ווי פאָלקסלידער ווערן געשאַפן וועגן אַלץ וואָס „רודערט אויף דעם שטילן, מאָנאָטאָנעם פאָלקס־לעבן" (כהן 1912: xi). ס'קען זיך האַנדלען אין אַן אומגליקלעכער ליבע, אינעם אַוועקגיין פון אַ געליבטן (אין שטאָט, אין מלחמה, אין דער אַרמיי), וועגן אַרבעטער־פּלוגתאות, וועגן אַ טראַגישער געשעעניש. אַזאַ פענאָמען איז ניט צונויפגעפּלאָכטן מיט אַ באַשטימטן זשאַנער. ס'קען זיך טרעפן אין וועלכע ניט איז זשאַנערס, דערמיט צוגעבנדיק רעאַלקייט צו דער בשורה פון ליד. ס'איז זייער גרינג אויסצובייטן דעם נאָמען פון שטאָט און עס זיינען טאַקע דאָ אַ סך וואַריאַנטן פון אַ ליד מיט פאַרשידענע נעמען פון שטעט. (היות ווי יעדע קאָלעקציע פאָלקסלידער נוצט אַן אַנדער נוסח אויסלייג, האָב איך סטאַנדאַרדיזירט דעם אויסלייג, אַחוץ דאָרטן וואו די לידער זיינען געשריבן אין דיאַלעקט. נעמען פון שטעט זיינען אין מיין קורסיוו.)

א. הערט נאָר אויס, מענטשן, וואָס האָט זיך געטראָפן
אין אָדעס, אויף דער מעסטשאַנסקי, אין אַ שטוב:...
(כהן 1912: 224, נ. 7)

ב. אפשר ווילט איר די ליד אויסהערן,
וואָס אין שטאָט קאַמעניעץ ס'האָט זיך פּאַסירט:...
(סקודיצקי 1936: 210, נ. 69)

ג. אַ נייע ליד וועל איך אייך זינגען,
די גאַנצע וועלט וועט קלינגען,
וואָס אין בעלאָצערקווע האָט זיך געטראָפן
(סקודיצקי 1936: 211, נ. 70)

ד. Ci hot ir ,gehert ci hot ir gezeen
Vos in *Bender* hot zix farlofn ...,
(סלאָבין 1982: 230, נ. 105)

ה. . . . אין סטאַניסלאָוו איז געווען אַ שחיטה, —
מען נעמט און מען קוילעט אָפּ
פערציק אַסענטירטע
און דרייסיק גייען אויף סוב.
(כהן 1957: 379, נ. 479)

ו. . . . ווי מ'האָט אים פונעם טייך אַרויסגענומען,
איבער גאַנץ פייטעראָוו האָט מען אים געפירט.
(סקודיצקי 1936: 66, נ. 49; סלאָבין 1982: 212, נ. 47)

ז. אוי, הערטס אויס, מענטשן,
וואָס האָט זיך אין וואַרשע פאַרלאָפן:
ביי בערקע אין פאַבריק...
(לעהמאַן 1921: 32, נ. 16)

ח. אַזוי ווי ס'איז געקומען דער ערשטער רוסישער מאַי,
האָט מען דערהערט אין וואַרשע אַ שטאַרקן קלאַפּ: ...
(לעהמאַן 1921: 64, נ. 25א)

אָדער ווי אַ פֿאַרגלייך:

ט. . . . דער פּאַלאַץ איז גרויס ווי האַלב אָדעס, ...
(סקודיצקי 1933: 112, נ. 13)

נאָך ביישפּילן קען מען געפֿינען ביי גינזבורג \ מאַרעק (1901: 283, נ. 331); כהן (1912: 221, נ. 5); כהן (1957: 63, נ. 48; ז. 367, נ. 465); לעהמאַן (1921: 34, נ. 16א); סלאָבין (1982: 232, נ. 122; ז. 202, נ. 32; ז. 209, נ. 40); סקודיצקי (1933: 112, נ. 3; ז' 124, נ. 124, נ. 24; ז. 56, נ. 39); סקודיצקי (1936: 167, נ. 23; ז. 244, נ. 3).

אַזאַ סימן קען מען אויסטייטשן נאָר אויף אַ באַגרענעצטן אופֿן. טראַגישע מעשיות אין אומגליקלעכע ליבעס גיבן אונדז ניט קיין דעטאַלן בנוגע דעם אמתן לעבן אין אַ באַשטימטער שטאָט, שטעטל אָדער ישוב. זיי זיינען אויסדרוקן פֿון געשעענישן, וואָס קענען פּאַסירן אַבי וואו.

2.2 ליבע לידער

2.2.1 דאָס צעשיידן זיך

צעשיידן זיך איז זייער אַן אָפֿטער מאָטיוו אין יידישע פֿאָלקסלידער, באַזונדערס אין ליבע און סאָלדאַטן לידער. מיר נעמען אָנטייל אין דער אותו רגע פֿון צעשיידן זיך, אין דעם אַזוי אָנגעווייטיקטן מאָמענט. אַן אַנדער גרופּע לידער דערציילט פֿונעם לעבן, ווען דער געליבטער איז שוין אַוועק אין שטאָט אָדער אין דער אַרמיי:

י. — איך פֿאָר שוין אַוועק
אין סאָמע אָדעס,
דושינקע, ליובינקע, אָן מיר ניט פֿאַרגעס!...
(גינזבורג \ מאַרעק 1901: 128, נ. 163)

יא. דו בלייבסט דאָך אַ פֿרייע
דו מוזסט דאָך אין וואַרשע פֿאַרבלייבן;...
(כהן 1957: 128פֿ, נ. 119)

נאָכן צעשיידן זיך זיינען מיר אָפֿטמאָל עדות אויף דער פֿאַרערגערונג פֿון דער באַציאונג. דער געליבטער איז אויפֿגעוואַקסן אין שטאָט. אַז ער דאַרף אומקערן זיך אין שטאָט, רייסט ער זיך איין מיט דער געליבטער.

יב. איך האָב געליבט אַ יינגעלע,
ער איז געווען פֿון ווין;
ער איז אַהיימגעפֿאָרן צו זיינע עלטערן
זען וואָס זיי טוען.

בין איך אים געגאַנ׳ען באַלייטן
מיט אַ גרויס געוויין.
מיין שווער, ביטער האַרץ האָט מיר געטון זאָגן,
אַז איך וועל אים שוין נישט זען מיין. ...

. . . ס׳פֿאַלט אַ טרויעריקייט אויף מיין האַרצן,
דאָ הייב איך אָן צו וויינען.
(כהן 1912: 230, נ. 10)

נאָכדעם ווי דער געליבטער האָט פֿאַרלאָזן זיין חברטע אָדער כלה, נאַרט ער זי אָפּ מיט אַנדערע ווייבער אין שטאָט. דער מאָטיוו פֿון די דאָזיקע לידער איז ענלעך צו עגונה לידער, וואָס אין זיי פֿאַרלאָזט דער מאַן זיין ווייב אויף אייביק אָן אַ גט.

יג. מיין חתן האָט זיך געקויפֿט אַ קאַפּעליוש
און מיר האָט ער געקויפֿט אַ היט;
בין איך מיר געפֿאָרן קיין מאָנקעטאָוו
צו דער רוסישער מוזיק.

אַזוי ווי כ׳בין געקומען קיין מאָנקעטאָוו
האָב איך אָנגעטראָפֿן אין גערטל באַגאַטעלע;
האָב איך געטראָפֿן מיין חתן מיט אַן אַנדער
כלה גיין,
האָב איך אים געמאַכט אַ רוסישע קאַפּעלע.
(כהן 1957: 257, נ. 273)

2.2.2 אַ בעסער לעבן אין שטאָט

ליבע לידער און באַלאַדעס דערציילן וועגן אַן אַנדער זייט פֿון שטאָטישן לעבן. זיי פֿירן אַריין דעם באַגריף „אַ בעסער לעבן”.

2.2.3 פֿרייהייט אין שטאָט

אַ סך ליבע לידער זעען די שטאָט ווי אַן אָרט פֿון פֿרייהייט. די געליבטע צעקריגן זיך מיט זייערע טאַטע־מאַמעס, וואָס זיינען ניט מסכים מיטן שידוך. די שטאָט ווי אַן אָרט פֿון פֿרייהייט, פֿון פֿילצאָליקע מעגלעכקייטן, גיט אַ מקום מקלט פֿונעם באַגרענעצטן לעבן אין שטעטלעך און ישובים. די געליבטע פּלאַנעווען דערפֿאַר צו אַנטלויפֿן אין שטאָט. אַפֿנים זעען די געליבטע די אַנאָנימקייט פֿון שטאָט ניט ווי געדריקטקייט, אַזוי ווי אַנדערסען מאָלט די שטאָט, נאָר פֿאַרקערט — ווי אַן אָרט פֿון פֿרייהייט.

ס׳איז זייער טשיקאַווע, אַז קיין פּלאַן ווערט ניט מקוים אין די לידער. כ׳האָב ניט געקענט געפֿינען קיין איינציק ליד, וואָס זאָל באַשרייבן דעם קאָנפֿליקט, נאָכדעם ווי די געליבטע זיינען אַוועק אין שטאָט. אָדער די פּלענער זיינען קיינמאָל ניט מקוים געוואָרן, אָדער דאָס שפּעטערדיקע אָנווערן פֿון די אילוזיעס האָט חרוב געמאַכט די תחילתדיקע האָפֿענונגען, אָדער די שטאָט

מיט איר טומל האָט קאָנפראָנטירט די געליבטע מיט אַנדערע, וויכטיקערע ענינים. אפשר זײַנען דאָס ניט געווען קיין ממשותדיקע פּאַסירונגען, נאָר פאַנטאַזיע, אַן אויסדרוק פון בענקשאַפט און האָפענונגען.

יד. איך מיט מײַן ליובע,
מײַן מאַמע אין דערמיט,
איך וויל די ליובע,
מײַן מאַמע לאָזט מיך ניט.
איך וועל נישט קוקן, אויף מײַן מאַמעס רייד,
כ'וועל נעמען מײַן ליובע, ווי זי שטייט און גייט.
איך וועל זי נעמען
און מאַכן אַנ'עק;
איך וועל זי נעמען
און וועל מיט איר אַוועק;
איך וועל מיט איר אַוועק
גלײַך קיין אָדעס
און שטעלן אַ חופּה אין איין מעת־לעת.
(כהן 1912: 10, נ. 11; פּגל. 1957: 193–194, נ. 183)

טו. איך פאָר מיט איר אַוועק
אין דער שטאָט אַדעס;
איך שטעל מיט איר אַ חופּה
אין איין מעת־לעת.
(כהן 1957: 195, נ. 184)

טז. איך וועל מיט אים אַוועק
:I און וועל אַ חופּה שטעלן :I
(סקודיצקי 1936: 161פּ, נ. 18)

אין אַן אַנדער מין ליד ספּקט איינער פון די געליבטע אינעם פּלאַן: אין דער שטאָט איז מען איינער אַליין; קיינער וואָלט ניט געקומען צו דער חופּה; טאַטע־מאַמע וואָלטן ניט געגעבן זייערע ברכות. דער דאָזיקער קוק דערמאָנט זייער שטאַרק אין די אימאַזשן, וואָס אַנדערסען מאָלט פונעם לעבן אין שטאָט.

יז. נעם דײַנע זאַכן
וואַרף אַרײַן אין די קאָרן,
גנבע זיך דורכן פענצטערל,
מיר וועלן ביידע אַוועקפאָרן!

אין אַ פרעמדע שטאָט,
צווישן פרעמדע מענטשן, —
ווער וועט אונדז צו דער חופּה פירן
און ווער וועט אונדז בענטשן?
(גינזבורג \ מאַרעק 1901: 136, נ. 176)

יח. לאָמיר אָפּפאָרן אין אַ קליין שטעטעלע,
וועלן מיר ביידע חופּה שטעלן!
— חופּה, דושינקע, חופּה, ליובינקע,
וועט דאָך זײַן זייער זיס;
אָבער וואָס וועלן זאָגן אונדזערע עלטערן,
אַז ס'וועט זיך אויסלאָזן זייער מיאוס?
(גינזבורג \ מאַרעק 1901: 161, נ. 201)

אין אַן אַנדער לידל פּרואווט דאָס מיידל טרייסטן איר פרײַנט און אײַנשטילן זײַנע ספקות וועגן פאַרלאָזן טאַטע־מאַמע. זי טענהט אַז זייער כעס איז בלויז אויף אַ קורצער צײַט. זיי וועלן בלײַבן אין שטאָט, כל־זמן טאַטע־מאַמע זײַנען בייז איבערן שידוך.

יט. וויבאַלד מיר וועלן ניט אויספּאָרן,
דאָס אַלץ וואָס מיר טון וועלן:
מיר וועלן מוזן קיין ווין אָפּפאָרן,
דאָרט וועלן מיר אַ חופּה שטעלן.

ווי קען איך דאָס מײַנע עלטערן טון,
ווי קען איך פון מײַנע עלטערן אָפּפאָרן?
איך בין בײַ זיי דער געליבסטער זון,
איך וועל זיי נאָך קאָנטשען די יאָרן.

אַז גאָט וועט אונדז געבן גליק,
מיר וועלן אונדזערע עלטערן איבעררײדן;
דערנאָך וועלן מיר קומען צוריק,
מיר וועלן דאָס דערציילן אין פריידן.
(כהן 1912: 58, נ. 35)

איין אַספּעקט פון נוצן דעם נאָמען פון אַ געוויסער שטאָט ווערט איצט קלאָרער. אין דעם זשאַנער לידער געפינען מיר די פּילמאָליקע פאָרמולע „לאָמיר אָפּפאָרן קיין (אין) . . . און אַ חופּה שטעלן". די נעמען פון די שטעט קען מען אויסבײַטן למשל אויף אָדעס, ווין, א.א.וו. ווי דער גראַם זאָל ניט זײַן. דער טיפּישער פאָרמעלער כאַראַקטער שאַפט אַ גרויסע צאָל וואַריאַנטן. פאָרט ווײַזן זיי אויף אַן אַלגעמיינעם קוק אויפן לעבן אין מזרח אייראָפּע. אין דעם זין זײַנען

the feelings of individuals, as expressed in song, [ . . .] in some respects comparable to letters, memoirs, interviews or even autobiographies which have been recognized and accepted as source material for historical or sociological studies.
(מלאָטעק 1954: 179)

### 2.3 כלה און חתונה לידער

כלה און חתונה לידער קומען זאָגן אַז די שטאָט גיט

בעסערע שידוכים אָדער לכל הפּחות, אַז זי איז אַ בעסער אָרט אַוואו צו זוכן אַ חתן.

כ. מאַמעליו, אַ חתן גיך און געשווינד!
האָב שוין רחמנות אויף דיין איינציק קינד!
זאָל שוין זיין אַ געלן, אַ שוואַרצן, ווייסן;
מעמעליו, אַ חתן, אַבי נישט פון פרייסן!
די פרייסישע הערן, זיי ליבן דאָס געלט,
מיט אַ וואַרשעווער ייִנגעלע קען מען לעבן אַ
וועלט.
(כהן 1957: 257, נ. 275)

כא. וואָלט זי מיר פאַרקנסט;
זי וואָלט געפאָרן אין וואַלקעמיר,
געבראַכט אַ חת׳לע פאַר מיר:
מיט די שוואַרצע האָר, מיט די בלויע אויגן.
(גינזבורג \ מאַרעק 1901: 198, נ. 245)

כב. ווען דע מאַטעסדאָרפער מאַדעלאָך
זייַן נאָוך עזוי איידל
גיי איעך דאָוך ליבער
צי דע ריטלעם קריידל.
(כהן 1957: 246, נ. 264)

כג. ביאַליסטאָקער קאָקעטקעס,
בלאָנדינקעס און ברונעטקעס,
זיי קלייבן זיך אויף אינאיינעם
און זוכן אַ בחור אַ שיינעם.
(כהן 1957: 234, נ. 240)

כד. טאַטע, מאַמע, פאָרט אין וואַלקעמיר,
ווערסטו זען אַ פיינעם חתן, ברענג פאַר מיר!
(גינזבורג \ מאַרעק 1901: 198, נ. 246)

כה. טאַטעלע, פאָר אין וואַלקעמיר
און ברענג אַ גוטן חת׳לע פאַר מיר,...
(גינזבורג \ מאַרעק 1901: 199, נ. 248)

אַ שידוך פון שטאָט איז אויך מער אָנגעלייגט ווי אין דאָרף, ווייל מער ראַפינירטע צי מער גבירישע מענטשן קריגט מען, דאַכט זיך, דאָרטן גרינגער. אינעם ווייטערדיקן ליד זיינען טאַטע־מאַמע ניט מסכים אויפן שידוך, וואו די כלה איז אַ דאָרפישע. אָנשטאָט דעם ווילן זיי בעסער אַ שטאָטישע כלה, וועלכע עס זאָל ניט זיין. דער זון, אָבער, וואַרפט אָפּ דעם פאָרשלאַג.

כו. אָי, לייבע לעבן, קרוינע לעבן,
אַ מת זאָל איך האָבן אין מיין שטיב;
פייגעלע פאַר אַ ווייב וועל איך דיר נישט געבן,
די וואָס דו האָסט זי ליב.

לייבע לעבן, קרוינע לעבן,
לאָמירביידע פאָרן קיין ווין;
דאָס שענסטע מיידעלע, וואָס דו וועסט דיר
אויסקלייבן
אַ שידוך וועל איך דיר טין.

אָי, מאַמע לעבן, אָי, קרוינע לעבן,
איך בין שוין געוועזן אין ווין,
דאָס שענסטע מיידעלע וועל איך נישט נעמען,
איך וועל נישט קיין שידוך טין.
(כהן 1912: 240, נ. 16; 1957: 35, נ. 20)

אַן אַנדער וואַריאַנט ציט אויס דעם פּלאַן אויף דער גאַנצער וועלט:

כז. איך וועל אויספאָרן מיט דיר די גאַנצע וועלט
איך וועל דיר אויסקלייבן אַ שענערע פריילין
מיט פיל קליידער און מיט געלט.
(בערמאַן \ פיין 1913: 404פּ, נ. 15)

2.4 קינדער־לידער

אין אַנדערע לידער דערוויסט מען זיך וועגן שטעט בתורת מקומות וואו מ׳האַלט אָפּ ירידן. ס׳איז אַ מאָטיוו וואָס חזרט זיך איבער אין אַ סך קינדער־לידער. די לידער באַשרייבן ווי דער טאַטע פאָרט אַוועק אין שטאָט אויפן יריד. פון דאָרטן וועט ער שפּעטער צוריקברענגען סחורה און מתנות פאַר די קינדער.

כח. איצקע, פיצקע, פאָר מיר קיין דאַנץ,
ברענג מיר אַ פידעלע
און שפיל מיר אַ טאַנץ!
טאַנצעוואַטע, הייבט די יאַקע,
נאַ ציבולע פּאַסטערנאַקע.
(כהן 1957: 323, נ. 356)

כט. טרו, טרוי, טרו,
דער טאַטע איז נישטו!
וואוהין איז ער געפאָרן?
קיין קאַניטיר.
וואָס וועט ער ברענגען?
אַ פעסעלע ביר.
וואו וועט ער עס שטעלן?
אונטער דער טיר.
מיט וואָס ׳עט ער עס צודעקן?
מיט אַ בויגן פּאַפיר.
ווער ׳עט עס טרינקען?
איך מיט דיר.
(כהן 1957: 331, נ. 379)

ל. דע הײַטיקאָ ווינטאָר מאַכט מיעך צי ע נאַר,

ווייל עך האָב ניט קענען נאָך ווין אָפּעפּאָרן;
אייער אין שמאַלץ איז טייער . . .
(כהן 1957: 448, נ. 531)

לא. — גוט מאָרגן
ר׳ אידל!
— וואו פֿאָרט איר?
— אויפֿן יריד.
— וואָס וועט איר קויפֿן?
— אַ פֿידל.
— ווי וועט איר שפּילן?
— רידל־דערידל.
(בערמאַן \ פּיין 1913: 388, נ. 52)

די קינדער באַנעמען די שטאָט ווי אַן אמתן גן־עדן, וואו דער יריד איז דער קוואַל פֿון אַ שפֿע סחורה: פֿידלען, שמאַלץ, מילך, קי, ביר א.א.וו. זייער סטרוקטור איז אַפֿנים פֿאַרבונדן מיט כלה און חתונה לידער (זע §2.3). מיר געפֿינען דאָרטן טיילמאָל די תמימותדיקע בקשה פֿון אַ מיידל, מ׳זאָל פֿאָרן אין שטאָט און איר ברענגען אַ חתן, גלייך ווי מ׳וואָלט געקענט קריגן אַ חתן אַזוי ווי אַנדערע געוויינלעכע סחורה. ס׳איז ניט אַזוי חידושדיק, ווען מ׳האַלט פֿאַרן אויג אַז אין נייַנצנטן יאָרהונדערט, פֿלעגן יידן אָפֿטמאָל שוין קינדווייז חתונה האָבן.

### 2.5 טאַנץ לידער

טאַנץ לידער זיינען מרמז אויף אַן אַנדער אַספּעקט פֿון שטאָטישן לעבן: פֿאַרוויילונג.

לב. בין איך געפֿאָרן קיין אַדעס
אויף דער מאָלדאַוואַנקע,
כ׳האָב געטאַנצט אַ פֿאָלאָניעז
מיט אַ שאַרלאַטאַנקע!
(כהן 1957: 232, ננ. 237, 239)

לג. פּינסקער מיידעלעך וואַרשעוויאַנקעס —
טאַנצן טאַנצן זיי ווי גאַלעגאַנקעס,
און דאָס רופֿן זיי אויך אַ לעבן, —
קדחת האָבן זיי דעם קלעזמער צו געבן.
(כהן 1957: 234, נ. 243)

### 2.6 אונטערוועלט לידער

אַ פֿריי לעבן, בעסערע שידוכים און פֿאַרשידענע פֿאַרוויילונגען ציִען מענטשן צו דער שטאָט. אַ מזרחדיקע שטאָט ווי סטאַמבול מיט זיין בליענדיקן עבר איז באַזונדער צוציִיִק. אַ לאַנגע צייט איז סטאַמבול שוין געווען אַ שטאָט וואָס איז צונויפֿגעפֿלאָכטן מיט דער יידישער געשיכטע: שבתי צבי איז געקומען אין סטאַמבול (1666), וואו מ׳האָט אים שפּעטער אַריינגעוואָרפֿן אין טורמע. 1906 האָבן זיך אַ גרויסע צאָל רוסישע יידן באַזעצט אין סטאַמבול נאָך דער רעוואָלוציע פֿון 1905. נאָר וואָס איז דער מער מיט דעם פֿאָלגנדיקן ליד?

לד. שימקע חזיר איז קיין סטאַמבול געפֿאָרן,
ער האָט געוואָלט פֿאַרבעסערן די יאָרן,
I: ער האָט געוואָלט דאָס לעבן מאַכן בעסער
האָט מען אים אַריינגערוקט אַ זאַגראַניטשני
מעסער. :I

מסתמא איז דאָס אים אַזוי געווען באַשערט
ער זאָל ליגן טיף באַגראָבן אין סטאַמבולער
ערד.
I: ער האָט געוואָלט זיין גלייך צו די געטער,
האָט מען אים אויף מאָרגן געלייענט אין די
בלעטער. :I
(סקודיצקי 1933: 143, נ. 15;
סלאָבין 1982: 231, נג. 107 \ 108)

דאָס איז דאָס איינציקע לידל וואָס באַשרייבט אַ ניט־געראָטענעם פּרואוו צו דערפֿילן אַלע וואונטשן אין שטאָט. די אילוזיע איז חרוב געוואָרן אינעם קאָנטאַקט מיט דער ברוטאַלער ווירקלעכקייט. דער הויפּט־פֿאַרשוין ווערט דערהרגעט נאָך זיין אָנקומען אין שטאָט. אַנדערע לידער שטעלן דעם טראָפּ ניט אויף געלט און עשירות, נאָר אויפֿן ווילן זיך איבערצוקלייבן אין שטאָט. אָט דאָס לידל איז אַ יוצא־מן־הכלל, וואָס הייבט אַרויס דאָס שטרעבן צו עשירות. אַז סקודיצקי קלאַסיפֿיצירט דאָס לידל ווי אַן אונטערוועלט ליד, דערקלערט דאָס זייער גוט די ברוטאַלקייט אינאיינעם מיטן שטרעבן צו עשירות. דאָס קען אפֿשר אויך זיין די סיבה פֿאַרוואָס מיר געפֿינען אָט דעם מין ליד גאָר זעלטן צווישן פֿאָלקסלידער.

אין אַמעריקע, אין דער גאָלדענער מדינה, קען מען יאָ ווערן רייך.

לה. אויף מאָרגן פֿאַרנומען די געלט מיט די זאַכן,
מיר זיינען אין אַמעריקע אַוועק,

ווי מיר זיינען אין אַמעריקע געקומען
מיר זיינען פֿון אָרעם — רייך [...]
(בערמאַן \ פּיין 1913: 402, נ. 8)

דאָס רוב אונטערוועלט לידער איז זייער ענלעך צו די אַרבעטער לידער (זע §2.7.). ביידע זשאַנערס באַשרייבן מענטשן, וואָס זיינען אין קאָנפֿליקט מיט דער הערשנדיקער געזעלשאַפֿט, סיי אַרבעטער וואָס קעמפֿן קעגן עקספּלואַטאַציע, סיי גנבים וואָס האָבן עובר געווען

אויף געזעצן. דערפאַר ווערן די העלדן פון די לידער געשטעלט פאַר דער סכנה פון תפיסה און עקזעקוציע. אַזאַ נאָענטקייט פון אינהאַלט שפּיגלט זיך אָפּ אינעם אידענטישן באַנוץ פון נעמען פון שטעט און פון גאַסן אין די לידער.

לו. אַז איך בין שוין פאַרשריבן<br>
אין וואַרשעווער תפיסה [...]<br>
(לעהמאַן 1928: 17, נ. V)

לז. אומשולדיק גיי איך פון די וועלט<br>
דורך מענטשנס מיילער,<br>
הענגען וועט מען מיך באַלד<br>
אין זאַקראָטשימסקן וואַלד.<br>
(לעהמאַן 1928: 87, נ. xlix)

### 2.7 אַרבעטער לידער

וואָס נעענטער מיר קומען צו צו דער שטאָט, אַלץ ערגער ווערט דאָס לעבן. די שטאָט שיילט זיך אַרויס ווי אַן אָרט פון געדריקטקייט און אָרעמקייט. אימאַזשן פון אַ בעסערן לעבן ווערן פאַרשוואונדן און מיר ווערן אַריינגעצויגן אין די טיפעניש פון פּראָלעטאַרישן לעבן. אַרבעטער און שטרייק לידער מאָלן אויס אָט דעם מצב, וואָס האָט צו טאָן מיט מחלוקתן אין פאַבריקן און מיט דער עקספּלואַטאַציע פון די אַרבעטער דורך שטאָטישע סוחרים.

לח. I: אוי ס'וועט באַלד אַריינקומען אַן אָדעסער סוחר<br>
און נעמט די אַרבעט קיין אָדעס אַוועק. :I<br>
(סקודיצקי 1933: 30פֿ, נ. 16; סלאָבין 1982: 198פֿ, נ. 22)

היות ווי אַרבעטס־קאַמפן פאַרענדיקן זיך זייער אָפט מיט תפיסה אָדער עקזעקוציע פון די אַרבעטער, דאַרפן די לידער שטאַרקן די סאָלידאַרישקייט פון די אַרבעטער דורכן באַקלאָגן דעם שלעכטן מצב און פאַרערן די אַרבעטער וואָס זיינען דערהרגעט געוואָרן.

לט. Oj, ot azoj hot men undz, muter majne,<br>
cu Adeser tlije gebraxt, oj, vej.<br>
In *Ades* iz gevorn a jomer mit ajn klog —<br>
Cvej brider ufgehangen in ejn tog.<br>
(סלאָבין 1982: 211, נ. 57)

מ. ווילנע, ווילנע קלאָג צו מיין קלאָג,<br>
איך זע דאָך דיר דעם לעצטן טאָג! [...]<br>
(גינזבורג \ מאַרעק 1901: 54ג, נ. 57)

מא. אַ גרויסן רעש מיט אַ גרויסן קלאַג,<br>
מ'פירט אונדזערע ברידער פון דוואָריאַנסקי<br>
סאָד אין אָסטראָג [...]<br>
(סקודיצקי 1933: 58פֿ, נ. 42)

מב. זיץ איך אין טורמע אויף די נאַרעס<br>
I: און קוק אַרויס אויף פאַוויע־גאַס. :I [...]<br>
(סקודיצקי 1936: 97, נ. 13)

קוים האָבן די באַלעבאַטים צעממיתט די אַרבעטער, דערהערן מיר שוין די קללות:

מג. הער נאַר, משה־בער,<br>
קום נאָר דאָ הער,<br>
כ'על דיר עפּעס זאָגן,<br>
אַז ס'איז דאָ אַ נייס.

מ'האָט שוין אויסגעהרגעט אַלע סטרייקערס,<br>
מ'האָט שוין פאַר קיין סטרייקערס נישט קיין מורא,<br>
מ'מעג שוין פאָרן קיין וואַרשע<br>
קויפן סחורה.<br>
(לעהמאַן 1921: 77, נ. 36ה)

מד. ס'וועט שוין אין וואַרשע<br>
קיין סטרייקערס נישט זיין.<br>
(לעהמאַן 1921: 76, נ. 36ג).

### 2.8 באַלאַדעס וועגן אָרעמקייט

ווי מיר זעען, קען זיך דאָס מזל אויך בייטן פאַר די רייכע. ס'איז דאָ אַ לידל וואָס מאָלט אויס ווי אַ פריערדיקע באַלעבאָסטע זיצט איצט אין גאַס און בעט נדבות.

מה. . . . אין קיעוו געבאָרן, —<br>
איידל דערצייגן געוואָרן<br>
מיטן שענסטן שטאָט.<br>
דער אומגליק איז געקומען<br>
און אַלץ אַוועקגענומען,<br>
אַלץ וואָס מיר האָבן געהאַט [...]<br>
(גינזבורג \ מאַרעק 1901: 56, נ. 58)

בטבע זענען טאַנץ לידער די נויט ניט אַזוי ערנסט.

מו. ביאַליסטאָקער מיידלעך,<br>
זיי גייען אין צעריסענע קליידלעך;<br>
זיי האָבן קיין געלט אין די טאַשן<br>
און גייען אין צעריסענע קאַמאַשן.<br>
(כהן 1957: 234, נ. 241)

מז. וואַרשעווער פּאַצעטן,
זיי ליגן אונטער די בעטן;...
(כהן 1957: 234, נ. 242)

2.9 די ראָלע פון שפּיטאָלן אין די אַרבעטער לידער

שפּיטאָלן האָבן אַ באַזונדערע פונקציע אין די אַרבעטער לידער וועלכע זידלען אויס אינדוסטריאַליסטן־באַדריקער און די וואָס פאַרראַטן די צילן פון די אַרבעטער. פון איין זייט זיינען די לידער מרמז אויף דער אויפבליאונג פון דער שטאָט וואָס איז בכח צו פינאַנצירן און צו דערהאַלטן אַ שפּיטאָל. פון דער אַנדערער זייט געפינען מיר רמזים אויף די פּאַלאַטעס פאַר אָרעמעלייט און פּריוואַטע פּאַלאַטעס פאַר נגידים. פאַר די אַרבעטער, די אָרעמעלייט, זיינען שפּיטאָלן ערגער ווי תפיסות. די נגידים, אָבער, קענען זיך פאַרגינען מעדיצינישע קוראַציע אין זייערע פּריוואַטע פּאַלאַטעס. דערפאַר גיבן די אַרבעטער דעם אינדוסטריאַליסט און דעם פאַררעטער אַ סך מאָל די איראָנישע עצה „קיעוו (אָדעס) איז אַ גרויסע שטאָט, ס'איז דאָ אַ שפּיטאָל".

מח. 'אוי, דו ביזט דאָך געווען קלוגער פון אונדז,
דו האָסט זיך באַטראַכט,
דו ביזט אַוועקגעפאָרן קיין פעאָדאָסיע
און די האָסט דאָך מענטשן געבראַכט.

אַזוי וועלן מיר דיר באַקלערן,
אַז דו זאָלסט אין ערגעץ ניט טויגן.'
אַזוי האָבן זיי אים געגעבן
מיט דעם פלעשעלע אין די אויגן. [...]

[...] אַזוי האָבן זיך אַלע אָנגערופן,
אַלע מיטאַמאָל:
— 'אַדעס איז אַ גרויסע שטאָט,
ס'איז דאָ אַ שפּיטאָל!'
(לעהמאַן 1921: 37, נ. 17)

מט. ווי מיר האָבן זיך אַלע סאָביראַיעט
מאַקאַוויצקים שול איז געווען פאַר אונדז
שמאָל,
און ווער ס'האָט געגעבן פּאָליציע צו וויסן,
דער זאָל ליגן [פוילן, נ. 39] אין קיעוו אין
גאָשפּיטאָל.
(סקודיצקי 1933: 52, נ. 35;
סלאָבין 1982: 208, נ. 38 \ 39)

נ. Musje Maxovski, vos capt ir mir majn
blyt
Ale menčn lozt ir arbetn, mir ejnem, oj,
nit.

Mir veln ajx bafeln [. . .]
Mir veln ajx ojsbrenen mit olin ajere
ojgn.

Azoj hot er zix ongehejbn kačen vi a
fajl fun bojgn.
'Oj, gevald, menčn, ix hob šojn nit kajn
ojgn'
Azoj hobn zix ongerufn ale mitamul:
'*Ades* iz dox ajn grojse štot, vi s'iz do
ajn gošpitul'.
(סלאָבין 1982: 200, נ. 27)

נא. ווייל ער זאָגט, אַז ער איז ניט שולדיק אין דעם,
אין קיעווער שפּיטאָל זאָל ער ליגן,...
(סקודיצקי 1936: 173, נ. 31)

די לידער רופן זיך אָפּ אויף בלינדקייט און אויף בלינד מאַכן מענטשן. הגם דאָס איז אַן אכזריותדיקע און אָפּשרעקנדיקע שטראָף, איז עס ניט קיין צופאַל, וואָס עטלעכע לידער זיינען שייך צו קיעוו. שוין פרי האָט מען אין קיעוו מיסד געווען אַ שפּיטאָל, וואָס האָט זיך ספּעציאַליזירט אויף קראַנקייטן פון אויג. אין 1862 האָט מען דאָרטן אויך מיסד געווען אַ יידישן שפּיטאָל פאַר אָרעמעלייט פון גאַנץ אוקראַינע.

III

## יידישע פאָלקסלידער אינעם קאָנטעקסט פון מזרח־אייראָפּעאישער געשיכטע

די לידער דערציילן אונדז וועגן דעם לעבן אין די שטעט און וועגן די השגות וואָס דאָרפישע יידן האָבן געהאַט וועגן דער שטאָט. אין די אויבנדערמאָנטע לידער האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט פילצאָליקע באַגריפן פון שטאָט. ס'איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר פאָלקסלידער בכלל, אַז עס קומט זיי אָן גרינג צופּאַסן זיך צו נייע סיטואַציעס און ערטער. אַריינפיר־פאָרמולעס און סימנים אויף צייט און אָרט זיינען וואַריאַבלען, וואָס שאַפן אומצאָליקע וואַריאַנטן פון אַ ליד. אַזוי אַרום לערנען מיר זיך קיין זאַך ניט וועגן דעם לעבן אין אַ באַשטימטער שטאָט אָדער איר סביבה. אָנשטאָט דעם באַקומען מיר אַן אַלגעמיינעם איינדרוק וועגן דער ראָלע פון דער שטאָט אין מזרח אייראָפּע און אפשר וועגן די באַגריפן און האָפענונגען פון דער שטאָט בכלל. מיר לערנען זיך וועגן די באַגריפן און האָפענונגען פון דער דאָרפישער

באַפּעלקערונג, וואָס זיי האָבן געוואָלט אויפטאָן אין שטאָט. איר צוציאונג פאַר דאָרפישע יידן און על־פּי רוב זייער פּשוטער און אידעאַליזירטער קוק אויף דער שטאָט שטויסן זיך צונויף מיט דערווירקלעכקייט פון אַרבעטער און שטרייק לידער און מיט שטאָטישער אָרעמקייט.

די טעכנישע און אינדוסטריעלע רעוואָלוציע אינעם נייַנצנטן יאָרהונדערט האָט איבערגערוקט די עקאָנאָמישע צענטערס פון שטעטל אין שטאָט אַריין. וואַרשע, אָדעס, קיעוו און ווין זיינען די שטעט, וואָס מ'האָט צום מערסטן דערמאָנט אין די לידער. ס'איז קיין חידוש ניט, ווייל וואַרשע, אָדעס און קיעוו רעכנט מען אַריין אין די צען גרעסטע יידישע שטעט פון רוסלאַנד אין נייַנצנטן יאָרהונדערט.

חלומות פון פרייהייט, עשירות און האַנדל, און די האָפענונג אויף אַ בעסערן לעבן ציען צו די דאָרפישע באַפעלקערונג אין שטאָט אַריין. אַ מער רעאַליסטישע פאָרשטעלונג, למשל: גיין אין שטאָט און אַרבעטן ווי אַ דינסט צי אַן אַרבעטער, האָב איך ניט געקענט געפינען. הערן הערן מיר ניט קיין איינציק וואָרט וועגן די וואָס זיינען געגאַנגען אין שטאָט אויף געשעפטן, אויף ירידן, א.א.וו. צי זיינען די טאַנץ לידער, ד.ה. די פאַרוויילונג אין דער שטאָט, די נייעס וואָס מ'ברענגט אַהיים?

מיר ווערן געוואָר נאָר וועגן איין מין מיגראַציע. אין די לידער איז דער מאַן דער, וואָס דאַרף אַרויס פון שטעטל, און דער, וואָס גייט טאַקע אַוועק אין שטאָט (כל־זמן ער פירט ניט קיין ליבע. אויב יאָ, בייט זיך דער מצב אַ ביסל, זע §2.2.3). דאָס אַוועקגיין שפּיגלט אָפּ ביז אַ געוויסער מאָס די טראַדיציאָנעלע סטרוקטורן: מיגראַציעס פון מענער אין ווייטערע ערטער און אַנדערע לענדער איז געווען זייער פאַרשפּרייט (זע הערש 1939: 334). די חברטע, די געליבטע, בלייבט איבער אין שטעטל. פרויען פון די דאָרפישע שטחים ווערן אויסגעמאָלן בכלל ווי די, וואָס געטרויען ניט דעם לעבן אין שטאָט און וואָס וואָלטן בעסער געבליבן אין שטעטל.

נב. איך האָב נאָך קיין וועלט ניט געזען,
חוץ יעקאַטערינאָסלאַווער שטאָט אַליין;
מיין גאַנצער פאַרגעניגן איז געווען,
אין גאַס צו שפּאַצירן גיין.
(גינזבורג \ מאַרעק 1901: 184 185, נ. 299)

נאָר וואָס איז מכח די פרויען און זייערע איבערלעבונגען אין שטאָט? אַ סך פרויען זיינען געקומען אין די שטעט אַריין פון דאָרפישע שטחים כדי צו אַרבעטן ווי דינסטן און שפּעטער האָבן זיי געאַרבעט אויך אין דער אינדוסטריע. דאָרטן, אין די שטעט, זיינען פרויען געווען דאָס רוב פון דער יידישער שטאָטישער באַפעלקערונג (זע הערש 1939: 335). כהן (1912: xxi, xxxiv), גראַדענוויץ (1981: 241) און ווילענסקי (1913: 361) פאַררופן זיך אויף ליבע לידער, וואָס ווערן געזונגען ביי די אונטערשטע קלאַסן, ד.ה. נייטאָרינס, דינסטן א.א.וו. אַפּנים זיינען ליבע לידער לגמרי אין רשות פון פרויען. אויב אַזוי, פאַרוואָס האָבן זיך ניט געביטן די יידישע פאָלקסלידער, ווען מער פרויען זיינען אַריין אין שטאָט? צי איז דער מצב פון זייער אַרבעט אין שטאָט געווען ענלעך צום מצב אין דער היים, אין שטעטל? מ'קען טענהן, אַז דער מין אַרבעט איז געווען ענלעך. אָט דערפאַר איז זייער רעפּערטואַר לידער געבליבן אַ סטאַבילער און ווייזט ניט אויף אַזעלכע דראַסטישע שינויים ווי די אַרבעטער לידער. אין די שטרייק לידער ווערט אָפּטמאָל דערמאָנט די סאָלידאַרישקייט צווישן „שוועסטער און ברידער". ס'איז דער פּועל־יוצא פון דעם וואָס אַ וואַקסנדיקער פּראָצענט פרויען הייבט אָן אַרבעטן אין פאַבריקן אָדער זיינען אַריינגעטאָן אין דער אַרבעטער באַוועגונג.

אינעם קאָנטעקסט פון מיגראַציעס איז עס כדאַי צו באַטראַכטן דאָס באַוואוסטע ליד „זשאַנקויע".

נג. אַז מען פאָרט קיין סעוואַסטאָפּאָל,
איז ניט ווייט פון סימפעראָפּאָל,
דאָרטן איז אַ סטאַנציע פאַראַן.
ווער דאַרף זוכן נייע גליקן?
ס'איז אַ סטאַנציע אַן אַנטיקל,
אין זשאַנקויע...

ענטפערט יידן אויף מיין קשיא,
וואו'ז מיין ברודער, וואו'ז אַבראַשע?
ס'גייט ביי אים דער טראַקטער ווי אַ באַן.
די מומע לאה ביי דער קאָסילקע,
ביילע ביי דער מאָלאָטילקע,
אין זשאַנקויע,...

ווער זאָגט אַז יידן קענען נאָר האַנדלען
עסן פעטע יויך מיט מאַנדלען,
נאָר ניט זיין קיין אַרבעטסמאַן?
דאָס קענען זאָגן נאָר די שונאים!
יידן! שפּייט זיי אָן אין פּנים!
טוט אַ קוק אויף זשאַן, זשאַן זשאַן!
(לויט רובין 1950: 94)

„זשאַנקויע" וואַרפט זיך אין די אויגן ווי אַ לידל וואָס פּאַסט זיך ניט צו צו די אַנדערע פאָלקסלידער. עס פּרוווט איבערצודרייען דעם דראַנג אַוועקצוגיין פון דאָרף און צוציען מענטשן צו ערדאַרבעט. מיר געפינען ניט קיין איינציק וואָרט וועגן דער האָרעוואַניע וועגן וועלכער

מ׳הערט אַזוי אָפּט אין די שטאָטישע אַרבעטער לידער. אָנשטאָט דעם הערן מיר וועגן אַן אידיליע פון לאַנד־אַרבעט. אין דעם זין שטעלט „זשאַנקויע" מיט זיך פאָר אַ יחיד במינו, וואָס איז מרמז אויף אַ ליטעראַרישן מקור, צוגעשניטן ווי אַ פּראָפּאַגאַנדע פּיעסע.*

אין די שטעט האָבן די ניי צוגעקומענע אויך געדאַרפט האָבן ספקות בנוגע זייערע פריערדיקע באַגריפן פון שטאָט. איצטער ווערן זיי קאָנפראָנטירט מיט נייע אידייען, ווי למשל, סאָציאַליזם. אין איין אַנטי־ציוניסטיש ליד ווערט געזאָגט:

נד. Oj, ir nariše cionistn
Mit ajer narišn sejxl
I: Ir megt dox gejn cu dem arbeter
Un lernen ba im sejxl. :I

Ir vilt undz firn kajn *Jerušolajim*,
—Mir zoln dort golodajen
I: Mir veln besser zajn in Rusnland
Mir veln zix bafrajen. :I
(סלאָבין 1982: 219, נ. 66)

די לידער גופא שילדערן ניט קיין באַזונדערן יידישן נוסח פון לעבן אין שטאָט. פאָרט געפינען מיר שפּורן אין דער שפּראַך אין די לידער. שטרייקנדיקע אַרבעטער פאַרהאַנדלען מיטן אינדוסטריאַליסט אויף יידיש, ער ענטפערט זיי אויף רוסיש.

* לויט ווי עס האָט מיר איבערגעגעבן מיין פאָטער יוסף קערלער, האָט דאָס ליד פאַרפאַסט יחזקאל דאָברושין. אגב: לויט רות רובין (אין איר *Voices of a People*, 1979, ז. 421, הערה 21) איז דער מקור: משה בערעגאָווסקי און איציק פעפער, יידישע פאָלקסלידער, קיעוו 1938, זז. 452-453. פגל. אויך דעם טעקסט אין י. דאָברושין און א. יודיצקי יידישע פאָלקס־לידער, מאָסקווע 1940, זז. 493-495. — ד.־ב. ק.

נה. Af *Maloarnautske* un *Puškinske*,* ba Popovn in fabrik —
Hot zix ongehojbn zejer a grojser bunt.
Der bunt iz gevorn iber a nabavke:
—Tomer vet ir undz nit gebn — veln mir maxn a zabastovke.

Godrovyje, nadzirat'eli na fabriku prišli,
Podn'ali nagajki i kriknuli: 'židy!
S'adt'e na rabotu, ja vam govor'u,
Jesli vy n'e s'ad'et'e — v t'urmu posažu.
(סלאָבין 1982: 202-203, נ. 32)

אַ געגליכענער סאָציאַלער מעמד און אָפּגעשוואַכטע פאַרקניפּונגען צו דער יידישער קהילה פאַרגרינגערן די קאָנטאַקטן צווישן יידן און גויים (זע ס־ט 1939: 327). איין ליד דערמאָנט די סאָלידאַרישקייט צווישן גויים און יידן אַנטקעגן די אינדוסטריאַליסטן מיט די סוחרים.

## IV

## ממשות צי אילוזיע?

צי איז דער אימאַזש פון שטאָט און יידישע פאָלקסלידער ממשות צי אילוזיע? ביידע באַגריפן גילטן, דאַכט זיך, אַזוי ווי מיר האָבן צו טאָן מיט אַ דאָרפישער און אַ שטאָטישער קולטור פון זינגען לידער.

פונדערוויטנס בויען זיך אויף אַרום דעם באַגריף „שטאָט" אילוזיעס און האָפענונגען. דאָס לעבן אין שטאָט גופא ברענגט מיט זיך נייע אַנטפּלעקונגען פון איר ברוטאַלקייט.

* נעמען פון גאַסן אין אָדעס — רעד.

# ביבליאָגראַפיע


אַנדערסען, האַנס קריסטיאַן
ק.ד. Andersen, Christian. *Bilderbuch ohne Bilder*. Hartknock: Leipzig.

בן[ערמאַ]ן, ל. און פיין, כ.
1913 „פאָלקסלידער" אין ש. ניגער 1913: 377-410.

גינזבורג, מ.ס. און מאַרעק, פּ.ס.
1901 М. С. Гинзбург и П. С. Марек, *Еврейские народные песни в России*, Восход: С.-Петербург.

גראַדענוויץ, פּ. י.
1981 Gradenwitz, P. "Zu Herkunft, Charakter

und Verbreitung der jiddischen Volkslieder" in *Zeitschrift für deutsche Philologie* (Berlin) 100: 232-253.

הערש, ל.
1939 „יידישע דעמאָגראַפֿיע" אין אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע. יידן א: 331-386.

ווײַנרײַך, א.
1954 Weinreich, U. (ed.), *The Field of Yiddish. Studies in Yiddish Language, Folklore, and literature,* Linguistic Circle of New York: New York.

ווילענקין, ל. [= י. ל. כּהן]
1913 „יידישע פֿאָלקסלידער" אין ש. ניגער 1913: 355-366.

כּהן, י.ל.
1912 יודישע פֿאָלקסלידער מיט מעלאָדיען. ב. I. אינטערנאַציאָנאַלער ביבליאָטעק פֿאַרלאַג: ניו-יאָרק \ וואַרשע.

1957 יידישע פֿאָלקסלידער מיט מעלאָדיעס (רעד. מ. ווײַנרײַך), ייוואָ: ניו-יאָרק.

לעהמאַן, ש.
1912 אַרבייט און פֿרײַהייט. זאַמלונג פֿון לידער וואָס זענען אַנטשטאַנען אין פֿאָלק אין דער צייט פֿון דער „פֿרײַהייטס-באַוועגונג" אין צאַרישן רוסלאַנד. פֿאָלקלאָר ביבליאָטעק: וואַרשע.

1928 גנבים-לידער מיט מעלאָדיעס. גראַובאַרד: וואַרשע.

מלאָטעק, חנה
1954 Kh. Mlotek, "America in East European Folksong" in Weinreich 1954: 179-195.

ניגער, ש.
1913 (רעד.), דער פּנקס. יאָרבוך פֿאַר דער געשיכטע פֿון דער יידישער ליטעראַטור און שפּראַך, פֿאַר פֿאָלקלאָר, קריטיק און ביבליאָגראַפֿיע, ב. קלעצקין: ווילנע.

ס-ט
1939 „יידישע סטאַטיסטיק" אין אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע. יידן א: 300-305.

סלאָבין, מ.
1982 M. Slobin, (ed.) *Old Jewish Folk Music. The Collections and Writings of Moshe Beregovski,* University of Philadelphia Press: Philadelphia.

סקודיצקי, ז.
1933 פֿאָלקלאָר-לידער, ב. I (רעד. מ. ווינער), עמעס: מאָסקווע.

1936 פֿאָלקלאָר-לידער, ב. II (רעד. מ. ווינער), עמעס: מאָסקווע.

פּרילוצקי, נח
1913 יידישע פֿאָלקסלידער, ב. II. באַלאַדן און לעגענדעס: וואַרשע.

רובין, רות
1950 R. Rubin, *A Treasury of Jewish Folksong,* Schocken: New York.

הערה: דער רעפֿעראַט אויף וועלכן די איצטיקע אַרבעט בויט זיך איז געלייענט געוואָרן אויף דעם פֿינפֿטן אָקספֿאָרדער ווינטער סימפּאָזיום איבער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור, 10-12 דעצעמבער 1989.

# קאַפּויערדיקער קאַפּויער:
# דער יידישער קאַרנאַוואַל־טעאַטער


פון

**אהובה בעלקין**

(תל אביב)


## I

כמעט אַלע פאָרשער האַלטן אַז די דראַמע איז איינער פון די צום ווינציקסטן רעפּרעזענטירטע זשאַנערס אין דער יידישער ליטעראַטור. ביז צום זיבעצעטן יאָרהונדערט זיינען בנמצא בלויז ספאָראַדישע, איזאָלירטע פּיעסעס — בדרך כלל אַ קינסטלערישער פּרואוו צו אַדאָפּטירן דעם לעבעדיקן איטאַליענישן און שפּאַנישן טעאַטער צו דער יידישער קולטור. ווי דוגמאות קאָן מען ברענגען די פּיעסע צחות בדיחותא דקידושין פון יהודה־ליאונה בן־יצחק סומו, און די פּיעסע יסוד עולם פון משה זכותא (זאַקוטאָ). פּיעסעס פון אָט דעם מין האָבן קיין המשכדיקייט ניט געהאַט. דורכן אַריבערטראָגן פון דער ניט־יידישער דראַמע די קינסטלערישע סטרוקטור איז נאָך קיין אויטענטישער טעאַטער נ י ט אויסגעוואַקסן. די פאָלקס־דראַמע האָט זיך געקאָנט אַנטוויקלען בלויז אויפן סמך פון עכטן פאָלקס־שטייגער. און דער איינציקער נאַטירלעכער און אמתדיקער טעאַטער איז ביי יידן געווען פאַרבונדן מיט ריטואַל און יום־טובים.

אין אַ קורצער באַמערקונג וועגן ריטואַל און מנהגים, האָט עדמונד ליטש (1961) אָנגעוויזן אויף דער הויפּט־שייכות צווישן ריטואַל און פעסטיוואַל. ביי ריטועלע אַרויסטריטן אַנטפּלעקן זיך צוויי קעגנאַנאַנדיקע קאָמפּאָנענטן: פון איין זייט — אַ פאָרמעלער סטאַטוס, קליידונג, עטיקעט און מאָראַלישע געזעצן, וואָס ווערן שטרענג אָפּגעהיט; פון דער צווייטער זייט — דער היפּוכדיקער פענאָמען; פייערונגען, ביי וועלכע מען פאַרשטעלט זיך און מען מאַסקירט זיך. דערביי ווערן די פאָרמעלע געזעצן פון רעליגיעז־אָרטאָדאָקסישן לעבן באַזייטיקט. דאָס באַווייזט אַז די פאָלקס־דראַמע האָט זיך ניט אַנטוויקלט פון דעם פאָרמעלן ריטואַל, נייערט פון ליטורגישע טעקסטן, פון ריטואַל און פייערונגען, וואָס זיינען ביי יידן אויף אַ בולטן אופן צוזאַמענגעפלאָכטן.

דעם אויסדרוק „ווען דער פּאָמפּעדיקל קלאַפּט אויף צוריק" (עדמונד ליטשעס אַ בילדלעכער פאַרגלייך פון צייט, ווי אַ סעריע פון וואַקלענישן) באַגעגענען מיר אויך אין דער יידישער קולטור. אַ בולמיער באַווייז איז טאַקע פורים, ווען עס ווערן איבערגעקערט די פאָרמעלע געזעצן פון רעליגיעזן לעבן. ביי אַנדערע פעלקער זיינען די צייטן פון יאָר געווען אַ שטויס צו טעאַטראַלישע אונטערנעמונגען. ביי יידן איז די פאָלקס־דראַמע פאַרבונדן מיטן יום־טוב פורים. דאָס איז דער איינציקער יידישער יום־טוב, ווען אַ סך זאַכן ווערן בכיוון איבערגעטריבן, ווען מען מעג טרינקען איבער דער מאָס, ווען מ'איז צייטווייליק באַפרייט פון טאַבוען און מען מעג זיך פאַרמאַסקירן. האָט מען טאַקע פשוט געזוכט די מקורות פון יידישן טעאַטער אין יום־טוב פורים: דער איינציקער וועלטלעכער און וואוילטאָגיקער יום־טוב, און די פורים־שפּיל האָט מען טאַקע באַטראַכט ווי דעם אָנהייב פון דער יידישער פאָלקס־דראַמע. דאָס איז געוואָרן דער ווענדפּונקט ביי די פאָרשער, וואָס האָבן זיך געגריבלט אין די מקורות פון יידישן פאָלקס־טעאַטער, אויפן סמך פון דער אָנגענומענער טעאָריע, אַז די דראַמע איז אַרויסגעוואַקסן פון פייערונגען, פון פעסטיוואַל. די פאָרשער האָבן באַטאָנט, אַז דער יום־טוב האָט געשאַפן אַ געלעגנהייט פאַר דראַמאַטישער באַוועגלעכקייט, אַ מין איבערגאַנג פון פייערונגען צו דראַמע.

II

פרייזערס עוואָלוציאָניסטישע טעאָריע, וואָס שטאַמט פון דער קיימברידזשער שול און האַלט אַז די אַנטוויקלונג פון דער דראַמע איז פֿאַרבונדן מיטן ריטואַל פון די צייטן פון יאָר, האָבן איבערגענומען אויך אַנדערע פֿאָרשער, וואָס ווילן זיך דערגרונטעווען צו די פֿאָלקס־פּיעסעס. בעסקערוויל, למשל, אין זיין אַנאַליז פון דער ענגלישער פֿאָלקס־דראַמע, ווייזט אָן אויף דריי סטאַדיעס אין דער אַנטוויקלונג פון פּשוטע ביז קאָמפּליצירטע פֿאָרמען: פּאַגאַנישע ריטואַלן; פֿייערלעכע מנהגים פֿאַרוואַנדלט אין סאָציאַלע פֿאַרווײַלונגען; פֿייערלעכע אַרויסטריטן פֿאַרוואַנדלט אין פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאָרשטעלונגען, אויסגעפֿירט דורך אַמתדיקע אַקטיאָרן (בעסקערוויל 1920). אויף אַזאַ אופֿן וואָלט מען אויך געקאָנט דעפֿינירן די אַנטוויקלונג פון פּורים־שפּיל אין דער יידישער פֿאָלקס־דראַמע. ביי אַזאַ מיינונג האָבן זיך טאַקע געהאַלטן אַ ריי פֿאָרשער אין די 1920ער יאָרן: דהיינו, אַז די פּורים־שפּיל איז דער אָנהייב פון דער יידישער פֿאָלקס־דראַמע.

ניט געקוקט אויף דעם וואָס עס זיינען פֿאַראַן אַזוי ווינציק פֿאַרשריבענע פּרטים, קאָן מען דערגיין דעם אָנהייב פון פּורים־שפּיל אין אַ מין אַרכעאַישער ריטועלער פֿייערונג. אין צווייטן יאָרהונדערט פֿאַר דער אַלגעמיינער צייט־רעכענונג, ווערט פּורים צום ערשטן מאָל דערמאָנט, אין ספר המכבים, ווי „יום מרדכי". ערשט מיט אַן ערך דריי הונדערט יאָר שפּעטער, ווען מגילת אסתר איז שוין געוואָרן אַ טייל פון תנך, האָט פּורים זיך באַוויזן מיט זיין פֿייערלעכקייט. אין ערשטן יאָרהונדערט ווערט שוין פּורים געפֿראַוועט ווי אַ פֿייערלעכער יום־טובֿ, בשעת וועלכן מען הוליעט, מען שפּילט, מען שיכורט לזכר המנס מפּלה. דער רשע איז, פֿאַרשטייט זיך, געווען אין צענטער פון דעם דאָזיקן יום־טובֿ און זיין שפּילעוודיקייט.

פֿאַראַן כל מיני טעאָריעס און סבֿרות וועגן דעם אָפּשטאַם פון מגילת אסתר און די פּורים פֿייערונגען. די מאָדערנע פֿאָרשונג אַנטפּלעקט אין זיי אַ סאַטורנאַלישן מקור.

אָט זיינען די דריי וויכטיקסטע שטריכן אין דער מאָדערנער קריטיק:

א) מען האַלט, ווי האָשענדער (Hoschander) האָט שוין אין 1923 אָנגעוויזן, אַז די הוליאַנקע און די מגילה פֿאַרמאָגן אַ היסטאָרישן קערן. אחשוורוש איז ארתכסרכסס דער צווייטער (358-403 פּ. ק.), און די געשעענישן פון דער מגילה זיינען פֿאָרגעקומען אין דער צייט פון זיין הערשאַפֿט.

ב) די צווייטע השערה שטאַמט פון גרעץ. ער האָט געטענהט, אַז די מגילה שפּיגלט אָפּ אין אַ פֿאַנטאַסטישער פֿאָרם די געשעענישן, וואָס זיינען פֿאָרגעקומען אין ארץ ישראל אין דער צייט פונעם סירישן קעניג דעמעטריוס, וועלכער האָט אַרויסגעשיקט זיין קאָמאַנדיר ניקאַנאָר קעגן יהודה המכבי (205-220 פּ. ק.). די שלאַכט ווען די מכבים האָבן אים געהרגעט איז פֿאָרגעקומען דעם דרייצענטן טאָג אין אדר, דעם זעלבן טאָג ווען המן האָט, לויט דער מגילה, געוואָלט אויסהרגענען די יידן.

ג) אַנדערע פֿאָרשער האַלטן, אַז פּורים האָט גאָר ניט קיין יידישע אָפּשטאַמונג. די יידן אין פּערסיע האָבן איבערגענומען דעם יום־טובֿ פון זייערע גוייִשע שכנים, וואָס האָבן געפֿראַוועט הוליאַנקעס און וואו דאָס איז געווען אַ סאַטורנאַלישער יום־טובֿ (זע דאָניאַק 1933).

פרייזער האָט אַלע פֿייערונגען וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו די רוימישע שפּילן אָנגערופֿן סאַטורנאַליעס (פרייזער 1967). די דאָזיקע פֿייערונגען זיינען געווען פֿאַרשפּרייט אין אַלע לענדער וואו ס'האָט געהערשט די קלאַסישע ציוויליזאַציע און אויך אין מיטעלן מזרח. פֿאַר אָט די פֿייערונגען איז כאַראַקטעריסטיש אַ באַשטימטע מאָס הפקרות, פון עובר זיין אויף געזעץ און מאָראַל. דער עיקר האָט מען געשפּילט קאַפּויער מיט סאָציאַלע ראַנגען: אַ שקלאַף האָט מען פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ האַר און להיפּוך — אַ האַר פֿאַר אַ שקלאַף. דער הויכפּונקט איז דערביי געווען אויסקלייבן אַ ממלא־מקום פונעם קעניג, אים לאָזן אַ גאַנצן טאָג לעבן ווי אַן אמתן מלך און אים אין אָוונט אַוועקהרגענען. שפּעטער האָט מען שוין אָנשטאָט דעם ממלא־מקום פֿאַרברענט אַ הילצערנע פֿיגור, אָדער זיך באַנוגנט מיט אַ מימעטישן אַקט. די יידן אין פּערסיע האָבן אַוודאי געהאַט אַ געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט די דאָזיקע פֿייערונגען פון בבל און פּערסיע. פון דאָרטן זיינען זיי קענטיק אויך דערגאַנגען צו די יידן אין ארץ ישראל.

באָרבולעס (1964) האָט געמאַכט אַ פּרוּוו אויף צו ענטפֿערן — דורך אַ פּסיכאָלאָגישן צוגאַנג — אויף דער שאלה וועגן צייטווייליקן ברעכן דעם רעליגיעזן טאַבו, און — דורך אַ היסטאָרישן צוגאַנג — צו שאַפֿן אַ פֿאַרבינדונג צווישן די סאַטורנאַלישע פֿייערונגען און זייער געאָגראַפֿישן אויסשפּרייט. וועדליק איר מיינונג, שטאַמען אַלע פֿייערונגען פון דעם זעלביקן מקור: פון ריטואַלן וואָס האָבן געהאַט אַ בשותּפֿותדיקן כאַראַקטער אין גאַנצן פֿריִען מיטל־עלטער און אין דער קלאַסישער וועלט.

על כל פּנים איז צו זען, אַז דער מקור פון פּורים און פון מגילת אסתר איז ניט אינגאַנצן קלאָר. אין דעם דאָזיקן יום־טובֿ זיינען פֿאַרפֿלאָכטן ריטואַלן און פֿייערונגען, וואָס זיינען איבערגעבליבן פון די אַמאָליקע פֿעלקער אין

מיטעלן מזרח. די מנהגים פאַרמאָגן אַ קענטיקן סאַטורנאַלישן כאַראַקטער. אונדז אינטערעסירט דערביי דער פאַקט, וואָס ווערט באַטאָנט דורך די פאָרשער, אַז דער יום־טוב פּורים איז עלטער ווי די מעשה גופא, וואָס איז אַוודאי פאַרשפּרייט געווען בעל־פּה. דער סיפּור־המעשה פון דער מגילה, איז געקומען ווי אַ דערקלערונג פאַרן יום־טוב (דזשיימס 1961). (דאָס איז אויך צו זען ביי די אומות העולם. אַ ריי קריסטלעכע יום־טובים זיינען באַשטימט געוואָרן, למשל, אין טעג, וואָס זיינען אַ לאַנגע צייט פאַר דעם געווען פּאַגאַנישע יום־טובים, און זייערע מנהגים און צערעמאָניעס זיינען פאַרבליבן).

י. קויפמאַן (1956-1937, ב.4: 439) איז זיך אויך משער, אַז די פייערונג האָט עקזיסטירט פאַר מגילת אסתר. פונדעסטוועגן איז ער ניט מסכים, אַז די מעשה באַזירט זיך אויף אַן אַנטישער לעגענדע און איז לויט איר שטאַם אַ מיטאָלאָגישע.

פונקט ווי אין אַנדערע קולטורן, האָבן יידן געפּראַוועט ריטואַלן אין שייכות מיט דער צייט פון פרוכפּערדיקייט, ווי אויך כדי אַרויסצובאַגלייטן דאָס אַלטע יאָר אָדער עס טאַקע סימבאָליש פאַרטיליקן. מען האָט אויך איינגעאָרדנט פאַרמעסטן צווישן די פאָרשטייער פון דעם אַלטן און דעם נייעם יאָר, און כדי צו פאַרגיטיקן די גייסטער און שדים — האָט מען געבראַכט קרבנות. אין אונדזער יידישן יום־טוב האָט די פיגור וואָס מ'האָט געהאַנגען און פאַרברענט פאָרגעשטעלט המן־הרשע. די צענטראַלע געשעעניש פון פּורים איז דאָך געווען אָפּצולאַכן פון המנען. פון תלמודישע מקורות ווערן מיר געוואויר, אַז מיט פיר צי פינף וואָכן פאַר פּורים האָבן בחורים געמאַכט אַ הילצערנע פיגור אין דער געשטאַלט פון המנען. די פיגור האָט מען אַרויפגעשטעלט אויף אַ בימה, געטאַנצט און געזונגען אַרום איר, דערנאָך האָט מען זי אַריינגעוואָרפן אין פייער. אין דער גניזה פון קאַהיר איז פאַראַן אַן אויפווייז, לויט וועלכן די בחורים האָבן אויפגעהאַנגען אַ רייף וואָס האָט געהייסן „משוורתא", איבער דעם פייער וואָס האָט געדאַרפט פאַרברענען די פיגור, און זיינען געשפּרונגען דורך אים (סנהדרין, ס"ד: ב', זע רש"י און תשובות פון תלמידי חכמים אין גינצבורג 1969: צי').

## III

צוויי פאָרשער, ב. גאָרין און יצחק שיפּער, האָבן אין אונדזער יאָרהונדערט זיך פאַרנומען אין זייערע מאָנאָגראַפיעס מיט אָט די מנהגים (גאָרין 1929; שיפּער 1928-1923; אויך י. שאַצקי האָט צונויפגעזאַמלט אַ גוואַלדיקן מאַטעריאַל פאַר דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער). אָבער אין זייער טעאָריע איז ניט פאַראַן קיין באַווייז וועגן די איבערגאַנג־פאַזעס פון ריטואַל צו רעליגיעזער צערעמאָניע, אָדער פון מנהג צו דראַמע, ווי אַ קינסטלערישע פאָרם. גאָרין האַלט, אַז די פּורים מנהגים, ווי מען האָט זיי געפּראַוועט אין די שולן, זיינען דער קערן פון וועלכן עס האָט זיך שפּעטער אַנטוויקלט די פּורים־שפּיל.

צו אָט דעם אויספיר איז ער געקומען אויפן סמך פון דער קריסטלעכער דראַמע און איר אַנטוויקלונג פון די quem quaeritis ('וועמען זוכט איר?'), אַ טייל פון תפילות און צערעמאָניעס וואָס האָבן זיך דערנאָך פאַרברייטערט, מחמת דידאַקטישע כוונות. די צרה איז, וואָס פאַר אָט דער טעאָריע זיינען ניט פאַראַן גענוג אויפווייזן אין דער יידישער טראַדיציע. גאָרין גופא האָט אין די פאַראַנענע פאָלקס־פּיעסעס ניט געפונען קיין סימנים פון ריטואַלן מיט הענגען און פאַרברענען.

י. שיפּער האָט צוערשט אַרויסגעגעבן צוויי בענד מיט פּרטימדיקע באַשרייבונגען פון יידישע טעאַטראַלע טועניש. ער קומט דאָרטן צו דער מסקנא, אַז די פּורים־שפּיל איז אַרויסגעוואַקסן פון די דייטשישע פויערישע און קליינבירגערלעכע „פאַסטנאַכט־שפּילן" און ביבלישע דראַמעס פון פופצנטן און זעכצנטן יאָרהונדערט. די פּורים־שפּיל, טענהט ער דאָרטן, האָט זיך אַנטוויקלט אומאָפּהענגיק פון פּורים גופא מיט זיינע מנהגים. שפּעטער, שרייבנדיק דעם דריטן באַנד, איז שיפּער שוין געווען אונטער דער השפּעה פון דער קיימברידזשער אַנטראָפּאָלאָגישער שול. דאָ האַלט ער שוין, אַז דער פּורים ריטואַל איז אַ וויכטיקער עפּיזאָד אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער, ווייל דער דאָזיקער ריטואַל איז די עטלטסטע פאָרם פון אַ פּרימיטיוון דראַמאַטישן אויפטו. שיפּער האָט אויך פּרובירט פאַרבינדן די אַלטע פּורים מנהגים מיט כישוף צערעמאָניעס (אין שייכות מיט דעם גלויבן אין שדים) וועלכע זיינען געווען פאַרשפּרייט ביי די פּרימיטיווע יידישע פאָלקסמאַסן. ער ברענגט ראיות פון גריכישע און מיטל־עלטערישע קוואַלן, ווי פון אַ שטומער כישוף צערעמאָניע זיינען אַרויסגעוואַקסן דיאַלאָגן. ביי יידן איז אָבער אַזאַ אַנטוויקלונג ניט בנמצא, וואָרעם המן איז געבליבן „אַ שטומער" און ס'איז קיין דיאַלאָג ניט אַרויסגעוואַקסן, ווי ביי אַנדערע פעלקער (שיפּער 1928-1923, ב. III).

הגם גאָרין און שיפּער האָבן אויפגעטאָן אַזאַ פּיאָנערישע אַרבעט אין שייכות מיט דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער, הגם זיי ברענגען אַזויפיל פּרטים אין זייערע ווערק, קאָנען מיר נאָך אַלץ ניט אַרויסקריכן פונעם

ים מיט שאלות, וואָס קומען אויף וועגן דעם ענין. אַלע פּרואוון אַוועקצושטעלן יידישן טעאַטער אין אַ ראַם פון אַנטוויקלונג זיינען דורכגעפאַלן. מיר באַטראַכטן ניט מער די קולטור געשיכטע אויף אַ דאַרוויניסטישן אופן, ווי אַ לינעאַרע אַנטוויקלונג פון פּשוטע פאָרמען צו קאָמפּליצירטע. אויך פרייזערס אַנטוויקלונגס־מדרגות פון דער מענטשהייט, און זיין טעאָריע, אַז אַלע ליצנישע מיטאָסן און פאַרוויילונגען האָבן זיך אַנטוויקלט פון ריטועלע צערעמאָניעס — זיינען שוין ניט קיין תורה מסיני. בכל־אופן זיינען זיי ניט פּאַסיק פאַר דעם ספּעציפישן מצב פונעם יידישן פאָלק.

מען דאַרף געדענקען, אַז כאָטש מיר פאַרמאָגן פאַרשפרייטע ראיות וועגן דעם מנהג פון הענגען און פאַרברענען המנען, האָבן מיר בכלל ניט קיין סימן פון דראַמעס, וואָס זאָלן זיין באַשיימפּערלעך פאַרבונדן מיטן ריטואַל פון הענגען. די פאָרשער האַלטן טאַקע, אַז אין דער צייט פון די גאונים איז די דראַמאַטיזירונג פון מגילת אסתר שוין געווען אַ פאַרפעסטיקטער ענין ביי די אָריענטאַלישע יידן. ביי זיי האָט מען לענגער אויפגעהיט דעם מנהג צו פאַרברענען אַ פיגור אין דער געשטאַלט פון המן־הרשע. דער מנהג חוזק צו מאַכן פון המנען האָט שוין באַקומען אין אַ פריערדיקער תקופה אַ כאַראַקטער פון אַ שפּיל (לוינסקי 1956). אָבער עס איז ניט פאַרבליבן קיין איין כתב־יד פון אַזאַ דראַמאַטיזירונג. מיר פאַרמאָגן ניט קיין סימן פון דראַמאַטישע אָדער האַלב־דראַמאַטישע טועניש, אין שייכות מיט אָט דער צערעמאָניע.

ווען יידן זיינען אָפּגעריסן געוואָרן פון זייער לאַנד, איז פורים פאַרבליבן אין גערעם פון דעם זעלביקן סיפור־המעשה און האָט אויך אויפגעהיט אַ טייל פון די זעלביקע סימבאָלן. אָבער דער כח וואָס האָט דעם סיפור־המעשה און די סימבאָלן פאַרבונדן מיטן טאָגטעגלעכן לעבן, מיטן קאַלענדאַר, מיט דער לאַנדווירטשאַפט — איז נעלם געוואָרן. די ריטואַלן האָבן זיך אויפגעהיט אין די קורצע תקופות, ווען יידן האָבן גענאָסן אַ געוויסע פרייהייט, ווען זיי האָבן זיך דערלויבט אַרויסצוטרעטן אין גאַס מיט זייערע מנהגים. אַזוי איז עס געווען אַ צייט אין רוים, און אַזוי איז עס געווען שפּעטער אין אַמסטערדאַם.

עמנואל הרומי באַשרייבט אַ פורים פייערונג אין רוים, אין מחברות עמנואל. יוסף דוד אַזולאי (חיד"ה) דערציילט דערוועגן מיט באַוואונדערונג אין זיין בוך מעגל טוב — זיין איטינעראַריום דערשינען אינמיטן אַכצנטן יאָרהונדערט (זע פריימאַן 1921). דער סאַטורנאַלער כאַראַקטער האָט אָבער מער קיין חשיבות ניט געהאַט, ער איז מער ניט געקומען צום אויסדרוק אין אַ קאָנקרעטער חושימדיקייט און האָט מער ניט ממשיך געווען די דערפאַרונג פונעם ריטועלן אַקט גופא. עמיל דאָרקהיים טענהט, אַז מענטשן פאַראייביקן זייערע קאָלעקטיווע טראַדיציעס דערפאַר, ווייל די דאָזיקע טראַדיציעס ענטפערן אויף ממשותדיקע באַדערפענישן און פאַרלאַנגען. ווייבאַלד פורים האָט מער ניט אויסגעדריקט די באַדערפענישן פונעם פאָלק אין זיין אייגן לאַנד און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סימבאָל, האָט אָט דער יום־טוב אָנגעהויבן אַרויסצוהייבן דעם חשק פון יידן צו נקמה נעמען אין זייערע שונאים פון אַלע צייטן.

כמעט אין אַלע צייטן און כמעט אומעטום זיינען אָבער יידן געווען באַגרענעצט וואָס שייך אַרויסקומען מיט ריטואַלן און מנהגים אין דער עפנטלעכקייט (זע למשל שאַצקי 1940). די קריסטן האָבן שטרענג פאַרווערט דעם מנהג צו מאַכן אַ הילצערנע פיגור אין המנס געשטאַלט, זי אויפהענגען און דערנאָך פאַרברענען. פון די פריערדיקע פאָלקס־מנהגים איז געבליבן בלויז אַ בלייכער שאָטן. אין דער נייער סביבה, אונטער דער השפּעה פון אַן אַנדער לעבנס־שטייגער, זיינען די מנהגים אונדזערע פאַרביטן און פאַרוואַנדלט געוואָרן, הגם די אַלגעמיינע טענדענץ איז געווען אויפצוהיטן די אַלטע טראַדיציע. דאָס נקמה נעמען אין המנען איז געוואָרן בלויז אַ סימבאָל, באַקומען אַ ראַפינירטן כאַראַקטער. יידן פלעגן זיך צונויפקומען אין די שולן, וואו מען האָט געלייענט די מגילה, מ'האָט געטומלט און געקנאַקט מיטן גראַגער איטלעכס מאָל ווען מ'האָט דערמאָנט המנס נאָמען. מקיים צו זיין דעם פּסוק ימח שמו וזכרו, האָט מען אויפגעשריבן המנס נאָמען אויף די פּאָדעשוועס פון די שיך און אָפּגעמעקט אויף שטיינדלעך. (וועגן דעם מנהג צו גראַגערן ביים דערמאָנען המנס נאָמען בעתן לייענען די מגילה אין שול זע לוינסון 1846; ער ציטירט אַלטע מקורות, וואָס באַשרייבן ווי אַזוי יידן פלעגן אָפּמעקן המנס נאָמען און זיין צורה.) מ'האָט אויסגעשניצט קליינע פיגורלעך אין המנס געשטאַלט און זיי אַריינגעוואָרפן אין אויוונס אין קיך, זיי זאָלן פאַרברענט ווערן. מען פלעגט זיי אויך מאַכן פון וואַקס און זיי לאָזן צעשמאָלצן ווערן. פאַראַן אויך פּאַראָדיעס, וואו מען מאַכט חוזק פון המנען, פון המנס צוואה, המנס קדיש, המנס רייד (אַן אויסשעפּיקע באַשרייבונג וועגן די דאָזיקע פּאַראָדיעס, זע אין דעווידסאָן 1969).

## IV

ווען די יידישע פאָלקס־שפּיל איז אויפגעקומען, איז דער פורים ריטואַל שוין ניט געווען קיין אַקטיווער גורם, דעריבער איז ניט פאַראַן קיין דירעקטע שייכות צווישן

טעאַטער און דער טעמע אָדער סטרוקטור פונעם דאָזיקן ריטואַל. איין פּיעסע האָבן פונדעסטוועגן די פאָרשער פאַרזען: שמחת פּורים, אַרויס אין 1650, ביים דרוקער עמנואל בנבנישתי (בענוועניסטי) אין אַמסטערדאַם (מיר זיינען באַקאַנט צוויי טעקסטן: איינער אין דער ראָזענטאַליאַנאַ, אין אַמסטערדאַם; די צווייטע אין דער באָדלעיאַנער ביבליאָטעק אין אָקספאָרד, Opp. 657).

די עטלעכע קריטיקער וואָס דערמאָנען שמחת פּורים, האָבן זיך ניט געכאַפּט אַז דאָס איז אַ פּיעסע, און דער קאַטאַלאָג פון דער באָדלעיאַנער ביבליאָטעק פאַרצייכנט עס גאָר ווי אַ „הומאָריסטישע פּאָעמע”. עס זיינען אָבער פאַראַן דאָרטן דראַמאַטישע געשטאַלטן וואָס דאַרפן אויסשפּילן דעם געפּעפּערטן דיאַלאָג, עס זיינען פאַראַן בינע אָנווייזונגען, מיט די נעמען פון די געשטאַלטן, און נאָך סימנים וואָס האָבן אַ שייכות צו בינע רעקוויזיטן. פון באַשטימטע ערטער אינעם אַריינפיר, און טאַקע פונעם טעקסט גופא, קאָן מען זיך אָנשטויסן, אַז מ'האָט די פּיעסע אויפגעפירט אין טאָג פון פּורים. פּונקט ווי די פאָלקסלידער, איז אויך די דאָזיקע פּיעסע פאַרבונדן מיט די פּורים ריטואַלן און מיט די מדרשים אויף דער מגילה. פאַר די פאָלקס־מעשיות און פאַר די פּאָפּולערע פּיעסעס האָט מען בדרך כלל גענוצט פאַראַנענע מאַטעריאַלן. דער עיקר אין שמחת פּורים איז דער וויכוח פון מדרש מכה דעם בוים וואָס מען דאַרף אויף אים הענגען המנען, אַ מדרש אין וועלכן עס רופט זיך אָפּ דער פּורים ריטואַל. דער אַנאָנימער מחבר אַקטואַליזירט זיין דראַמע: ס'איז פּורים; אַ מלמד מיט זיינע צען תלמידים חזרן איבער די גאַנצע צערעמאָניע פון הענגען המנען. דאָס איז פּונקט די סטאַדיע, ווען ריטואַל ווערט פאַרוואַנדלט אין דראַמע. פאַראַן דאָ אי מיטאָס אי נאָסטאַלגישע אַקציע.

צי די דאָזיקע פּיעסע איז געבליבן אַן איינאונאיינציקע — ווייסן מיר ניט. נאָר פּונקט ווי די פּיעסעס אין דער צייט פון די גאונים, האָט זי ניט געהאַט קיין שום השפּעה אויף דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער דראַמע. כדאַי צו דערמאָנען אַן אינטערעסאַנטן פּראָצעס, אין וועלכן שמחת פּורים ווערט מגולגל אין זמירות פּורים, וואָס שמואל זאַנגוויל פון האַמבורג האָט אין יאָר 1715 איבערגעזעצט פון העברעאיש אויף יידיש (בעלקין אין דרוק). די דאָזיקע פאַרוואַנדלונג פון אַ דראַמאַטישער שאַפונג אין אַ פּאָעמע קאָן מען דערקלערן דערמיט, וואָס די אָריגינעלע, פּאָפּולערע יידישע סאַטורנאַלישע מנהגים זיינען אונטערגעגאַנגען.

שמחת פּורים איז דווקא ניט געווען די איינציקע פּיעסע וואָס איז מגולגל געוואָרן אין אַ פּאָעמע. די פּיעסע טאַוב יעקלין אונד זאיין וואיב קענדלין און זיינער צוויי זינדערלאך פאיין, וואָס מיר ווייסן אַז זי איז אויפגעפירט געוואָרן אין טאַנהאַוזען, אין 1598, איז נאָך עד־היום באַוואוסט ווי אַ פּאָעמע. דער מחבר דערקלערט, אַז ער האָט שווער געהאָרעוועט איבערצומאַכן זיין פּיעסע אויף אַ פּאָעמע. חנא שמערוק (1979: 127-128) האַלט, אַז מ'האָט פאַרוואַנדלט די פּיעסע אין אַ מאָנאָלאָג, בלויז כדי זי צו מאַכן צוגעגנגלעכער און גרינגער אויפצופירן. אין אַ מין היפּוכדיקן פּראָצעס, ווי עס ווייזט אָן שמערוק, האָט דווקא די פּאָעמע געהאַט אַ קענטיקע השפּעה אויף דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער דראַמע; די געגראַמטע פּאָעמעס, מיט די כלערליי פאַרפּוצונגען פון מדרש, האָבן דורכויס געהאַט אַ השפּעה אויף דער פּורים־שפּיל.

בקיצור, דער עוואָלוציאָניסטישער צוגאַנג העלפט בכלל ניט אידענטיפיצירן די מאָדעלן פון דער יידישער טעאַטער טואונג. ווען די פאָרשער האָבן זיך דערזען אין אַזאַ מין זאַק־געסל, האָבן זיי זיך געוואָנדן צו דער השפּעה פונעם קריסטלעכן קאַרנאַוואַל אויף דער יידישער פאָלקס־דראַמע. אונטער אָט דער השפּעה, טענהן זיי, האָבן די פּורים פּייערונגען אין פופצנטן יאָרהונדערט אָנגענומען נייע פאָרמען און זיינען געוואָרן פּאָפּולערער. מען האָט זיך פאַרווײלט אויף פאַרשיידענע אופנים: מ'האָט זיך פאַרשטעלט, פאַרמאַסקירט, און, לויטן גויישן מנהג, געגאַנגען איבער די הייזער בעטן עסנוואַרג און געלט. מען האָט אָנגענומען דעם סאַטורנאַלישן מנהג פון קאַפּויערדיקע ראָלעס, פון „מלך אויף איין טאָג”, ווי אַ וויטן זכר פון די קדמונישע סאַטורנאַליעס, אָדער פון דעם גויישן „יום־טוב פון משוגענע”. פון דעם מנהג אויסצוקלייבן אַ מלך אויף איין טאָג האָט זיך ביי יידן, אין פאַרשיידענע קהילות, געיאַוועט דער פּורים קעניג, וואָס איז מגולגל געוואָרן דערנאָך אין דעם פּורים רב.

פון מגילת סתרים (צוגעשריבן צו לוי בן גרשון) דערוויסן מיר זיך וועגן דעם מנהג פון די פּראָוואַנסער יידן אין פערצנטן יאָרהונדערט זיך אויסצוקלייבן אַ פּורים קעניג, וועלכער האָט געדאַרפט איינאָרדענען די פאַרווײלונג. פון דאָרטן האָט דער מנהג זיך מסתמא פאַרשפּרייט איבער גאַנץ אייראָפּע (דעווידסאָן 1969: 19-37).

## V

דער באַגריף „פּורים־שפּיל” ווערט צום ערשטן מאָל דערמאָנט אויף יידיש אין אַ טעקסט פון 1555, ביים אָנהייב פון דער פּאָעמע מגילת אסתר, געשריבן אין ווענעציע, פונעם מלמד גומפּריכט פון פּוילן (שטערן

1922). אויך אין דער פּיעסע פון טאַנהאַוזען ווערט אָנגעגעבן „שפּיל פון יעקליין...". גאָרין טענהט, אַז דער עלטסטער טעקסט וואָס מען האָט ביז אַצינד געפונען, שטאַמט פון זיבעצנטן יאָרהונדערט: די שעהן ביי פּורים שפּיל פאָרגעשטעלט, ווי עס איז ציגעגאַנגען אין דער וועלט צי אחשוורוש צייטן (גאָרין 1929). מאַקס עריק שרייבט, אַז שוין אָנהייב זעכצנטן יאָרהונדערט באַווייזט זיך אַ פּרימיטיווער יידישער פאָלקס־טעאַטער — די פּורים־שפּילן (עריק 1928). פאַראַן סימנים, אַז די פּורים־שפּיל איז נאָך עלטער, און שטאַרק פאַרבונדן מיט פאָלקס־מנהגים. איך האָב עס געפונען, למשל, אין הגדות פון פופצנטן יאָרהונדערט אילוסטרירטע פון בן סימון. מיר געפינען דאָרטן צייכענונגען פון די פיר זין: חכם, רשע, תם ושאינו יודע לשאול. דער לעצטער איז אָנגעטאָן ווי אַ לץ און טראָגט אויפן קאָפּ אַ מין הוט מיט צוויי שפּיצן, ווי אויערן מיט גלעקלעך. ווייזט אויס אַז דער מאָלער האָט געוואָלט צייכענען אַ פאַרשוין פון די פּורים־שפּילער (בעלקין 1985). דער שאינו יודע לשאול, וואָס ווייס ניט צו פרעגן, איז דער אַנטיטעז פון חכם, וואָס גלייבט אין גאָט. דער מאָלער האָט זיך גענייטיקט אין אַזאַ נעגאַטיוון אַנטקעגנשטעל. אין דייטשלאַנד, ווי אויך אין אַנדערע לענדער, האָבן קריסטלעכע גלחים, פונקט ווי רבנים, צונויפגעבונדן דריי קאַטעגאָריעס: דעם לץ, ווי אַן אַקטיאָר, דעם זינדיקן און דעם תם. אָט די דריי קאַטעגאָריעס זיינען געשטאַלטיקט אין איין בילד — דאָס בילד פונעם לץ מיטן הוט און די גלעקלעך, וואָס איז אַריינגעדרונגען אויך אין דער פּלאַסטישער קונסט. די צייכענונג אין דער הגדה פאַרקערפּערט די סימבאָלן פונעם ניט־גלייביקן און דעם לץ (דעם אַקטיאָר) פון די פאָלקס־פאַרוויילונגען.

דער יידישער פּורים־שפּילער איז ענלעך, למשל, צו די ענגלישע mummers, דעם דייטשישן Schem-bartlauf, דעם פראַנצייזישן sottie, מיט די אַלע אייראָפּעאישע מאַניפעסטאַציעס פונעם feast of fools. די יידן האָבן, פונקט ווי די קריסטן, אין זייערע קאַרנאַוואַלן, געטראָגן די בגדים פונעם לץ, אַ קליידונג וואָס איז פאַרבליבן ווי דער סימבאָל פון פּורים. מיר באַגעגענען אַזעלכע פּורים־שפּילער שוין אין פופצנטן יאָרהונדערט, אין אַ פאָרשטעלונג וואָס איז אינגאַנצן ענלעך צו די אייראָפּעאישע האַלב־דראַמאַטישע אַרויסטריטן: זיי האָבן פונקט אַזוי אויסגעזען ווי די לצים, וואָס רייטן אויף אַ הילצערן פערדל, אָנגעלאָדן מיט געשיר און אַלערליי מוזיקאַלישע כלים (לערוסדען 1682; רובענס 1981, בילדער נג. 289, 349, 392, און 397).

טראַדיציעס פון פּאָפּולערע פייערונגען זיינען אַריינגעדרונגען אין דער יידישער פאָלקס־דראַמע. דער קאָנטאַקט מיט די אייראָפּעאישע פּראָצעסיעס האָט משפּיע געווען אויף די יידישע פאָלקסטימלעכע פייערלעכע אַקטיוויטעטן. די פאָלקלאָר פאָרשער האָבן אויך אויפגעוויזן, אַז זשאַנער עלעמענטן וואָס שטאַמען פון אַזעלכע פייערונגען ווי „פאַסטנאַכט־שפּיל", „מאָמער־שפּילן", „סאָטיס" און אַנדערע זיינען זיך סומך אויף עקזיסטירנדיקע, געשריבענע מאַטעריאַלן און זיינען נאָענט צו ליטעראַרישע מקורות (בורקע 1988).

אַז מען קוקט זיך איין אין אינהאַלט פון די פּורים־שפּילן, זעט מען אויף אַ בולטן אופן די גרייטע, אָריגינעלע יידישע מקורות: תנך, מדרש, תפילות. ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, האָט מען מגילת אסתר געשריבן, בעת די אַלטע סאַטורנאַלע מנהגים האָבן נאָך געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין די פייערונגען. אָט די סאַטורנאַלישע עלעמענטן האָבן עקזיסטירט מחוץ דעם יום־טוב, און זיינען אַריינגעדרונגען אין ליטעראַרישע ווערק, וואָס זיינען שפּעטער פאַרפיקסירט געוואָרן (מגילת אסתר). זיי האָבן אויך צוגעהאָלפן אויסבויען די כאַראַקטעריסטיק פון דער מגילה: דאָס הענגען המנען, די איבערקערענישן פון גורל און דער היעראַרכיע עקזיסטירן דאָ איינצייטיק מיטן מנהג זיך צו פאַרשטעלן, געבן מתנות און פראַווען אַ סעודה — ווי אַ סימבאָל פון אַן אוטאָפּישער שפע. אַחוץ טאַנצן און טרינקען, באַטאָנען די מיטל־עלטערישע מקורות די רייכע מאָלצייט. צוויי דוגמאות ווערן געבראַכט אין דער באָדלעיאַנער ביבליאָטעק: מסכת פורים ומעריב ליל שיכורים (Opp. 8° 620) אַ מסכתא פאַר פּורים און די תפילות פאַר דער שיכרות נאַכט, פון אַן אַנאָנימען מחבר; און אַ פּאָעמע חרוז נאה על דרך הלצה, וועגן משלח־מנות פון יודה בן יעקב, אַמסטערדאַם 1650 (Opp. add 8° II 133).

אויף מגילת אסתר זיינען געשריבן געוואָרן אַ גרעסערע צאָל מדרשים און אגדות ווי אויף די אַנדערע ספרים פון תנך, אַריינגערעכנט ליטעראַרישע און פאָלקסטימלעכע שאַפונגען. די מגילה איז איבערגעזעצט געוואָרן אין פאַרשיידענע לשונות. באַזונדערס אינטערעסאַנט איז די איבערזעצונג אויף אַראַמיש, די אַזוי גערופענע צווייטע איבערזעצונג, מיט קאָמענטאַרן און לעגענדעס (פגל. באַום 1991). פונדעסטוועגן ווערט מגילת אסתר באַטראַכט ווי אַ ווינציקער רעליגיעזער ספר, הגם ער איז געבליבן אַ קאַנאָניזירטער טעקסט.

אין מגילת אסתר זיינען פאַראַן בולטע דראַמאַטישע עלעמענטן. אַ ביבליאָגראַפיע פון 1872 ווייזט אָן, אַז צום ווינציקסטן צוויי און ניינציק דראַמעס אויף דער אסתר־טעמע זיינען געשאַפן געוואָרן ביזן זעכצנטן יאָרהונדערט,

אָפּטמאָל פון ניט יידישע שרייבער. (שלום אסתר פון צ. לעטרים, פראָג 1843, איז אַן אויסנאַם און קענטיק אַן איבערזעצונג פון ראַסינס אסתר.) היות ווי פּורים האָט סימבאָליזירט דעם נס וואָס איז געשען מיט יידן, זיינען די העלדן פון דער מגילה געוואָרן אַלעגאָרישע געשטאַלטן, מיט געוויסע סטאַבילע, סטאַטישע אייגנשאַפטן, און דאָס האָט אַוודאי געהאַמעוועט די דראַמאַטישע אינטער־אַקציע, וואָס שפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָלע אין דער פאָלקס־שפּיל. יידישע דראַמאַטורגן האָבן בדרך כלל זיך ניט צוגערירט צו דער מגילה, און אויך די פאָלקס־דראַמע האָט זיך דירעקט ניט פאַרנומען מיטן דאָזיקן ספר. ניט געקוקט וואָס אין דער מגילה זיינען פאַראַן סאַטורנאַלישע עלעמענטן, איז דאָרטן ניטאָ קיין קאַפּויערדיקע וועלט, און דערפאַר האָט מען דעם ספר ניט באַטראַכט ווי אַ פּאַסיק מיטל פאַר אַ דינאַמישער אינווערסיע. אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז אין די מגילה אינסצענירונגען זעט מען ניט קיין סימנים פון פּורים־שפּיל. די געשטאַלטן און עפּיזאָדן זיינען געמאָלן מיט חשיבות, טיילמאָל אין די הויף קאָסטיומען. מיר געפינען אָבער קיינמאָל ניט קיין בילדער פון פאָלקס־שפּיל. אין פאָלקס־ביכער וועגן מנהגים זיינען פאַראַן פּורים ליצנים מיט אַ קאַרנאַוואַלישן אויסזען, למשל שמעון לוי גינזבורגס מנהגים, ווענציה 1593. ביים אָנהייב פון קאַפּיטל וועגן פּורים, זיינען אויסגעמאָלן דריי לצים אין habit de fou (וועגן אָט דעם האָלצשניט זע שמערוק 1979: 521-532; פגל. אויך שמערוק 1984; 1986).

## VI

מיכאַאיל באַכטין שילדערט דעם קאַרנאַוואַל ווי אַ „צווייטע קולטור", אַ קולטור וואָס ווערט קאָנסאָלידירט דורך די פאָלקסמענטשן. אָט די קולטור — טענהט ער, — איז אַ טייל פון דער אָפיציעלער קולטור, אָבער איינצייטיק איז זי אויך קעגן דער אָפיציעלער קולטור, קעגן ליטעראַטור און עפנטלעכן לעבנס־שטייגער. כדי זיך צו באַנוצן מיטן שטאָף פון מגילת אסתר, האָט מען געדאַרפט איבערקערן דאָס איבערגעקערטע. נאָר אויף אַזאַ אופן האָט מען געקענט זיך ספּראַווען מיט דער „נאָכגעמאַכטער קרוינונג" און דער „אַנטקרוינונג", ווי באַכטין (1984) רופט עס אָן. די אָנטיילנעמער אין די פייערונגען האָבן אויף אַזאַ אופן נאָכאַמאָל איבערגעקערט מגילת אסתר, כדי צו שאַפן דעם פּאַסיקן אויסדרוק פאַר אַ קאַרנאַוואַל. בשעת די פריילעכע פּורים פאַרוויילונגען פאַררופן זיך די פאַרווײלער אויפן רעליגיעזן טעקסט פון דער מגילה. פּונקט אַזוי ווי אין די אַנטיקע ריטואַלן אין שייכות מיט די צייטן פון יאָר, איז אויך אין אונדזער פאַל פאַראַן אַ נייער סדר פון קאַטעגאָריעס אין דער פאָרם פון ריטועלער קאַפּויער־דיקייט.

די שמחה פון פּורים, מיט איר אַרויסרופן קעגן דער קדושה פונעם טעקסט און קעגן די פאַרשיידענע מנהגים אַרום לייענען די מגילה, האָט געעפנט דעם וועג פאַר קאַרנאַוואַלישע מנהגים: גרינגשעציקע רייד, אָן קיין שום דרך ארץ צום הייליקן ענין, הפקרות און פּאַראָדיסטישע מעשים אויפן סמך פונעם ליטורגישן שטאָף. אין דער אומנאַטירלעכער „דיגלאָסיע", איז העברעאיש געווען די אָפיציעלע שפּראַך פון די תפילות און אַנדערע כתבים, פאַרבונדענע מיט רעליגיע און אמונה. פאַר אַ קאַרנאַוואַלישן ספּעקטאַקל איז אָבער נייטיק געווען אַ פּליסיקע, טאָגטעגלעכע שפּראַך, וואָס איז איטלעכן פאַרשטענדלעך. דערפאַר זיינען אַ סך מגילה לידער געשריבן געוואָרן אין דער לאַנדשפּראַך, אין די יידישע לשונות אָדער אין מאַקאַראָניש. ספּעציעל אינטערעסאַנט זיינען די לידער און פּאַראַפראַזעס אויף מגילת אסתר געשריבן אין יידיש און באַזירט אויף דער אַראַמישער איבערזעצונג — תרגום שני — מיט אַ צוגאָב פון מדרשים און אגדות. אין אָט די פּאַראַפראַזעס, וואָס האָבן איבערגענומען פון די מדרשים אַ דירעקטע שפּראַך און געקענט מיט איר הילף בויען מאָנאָלאָגן, איז פאַראַן אַ גרעסערע פרייהייט צו פאַרקרימען די געשטאַלטן און אַריינצוברענגען דורך דער גערעדטער שפּראַך שאַרפזיניקייט און הומאָר. אויף דער נאָענטער קרובהשאַפט צווישן נוסח פון לידער אויף יידיש, פון פּאַראָדיעס אויף תפילות, און דער פּורים־שפּיל, ווייזן אָן די פאָרשפּילן און נאָכשפּילן פון די פאָרשטעלונגען אויף די פּאַראָדיעס וואָס זיינען אַריינגעפירט געוואָרן אין פּאַרסן, און דורך זיי זיינען כאַראַקטעריזירט געוואָרן די געשטאַלטן — אויף דעם האָט זיך ברייט אָפּגעשטעלט חנא שמערוק אין זיין אַרבעט (שמערוק 1979). דער צוועק פון די יידישע לידער צו מגילת אסתר איז געווען, ווי די מחברים גופא זאָגן עדות אין זייערע אַריינפירן, צו פאַרווײלן און פריילעך מאַכן דעם עולם אין דער טאָגטעגלעכער שפּראַך, ניט אויף לשון קודש, אויף וועלכן מען האָט געלייענט די מגילה אין די שולן. און אין די טעקסטן פון די דאָזיקע פּאַראַפראַזעס — ווי איך האָב אויבן דערמאָנט — האָט מען צום ערשטן מאָל אין יאָר 1555 געפונען דעם טערמין „פּורים־שפּיל".

אַזוי אַרום האָבן די פּאַראַפראַזעס אויף דער מגילה, ווי אויך דער פייערלעכער און קאַרנאַוואַלישער כאַראַקטער פון פּורים געשאַפן דעם יסוד פון פאָלקס־דראַמעס. די פאָלקס־דראַמע האָט אַראָפּגענידערט די מיטאָלאָגישע סוזשעטן און האָט אָנגעזעטיקט די שטרענג

היעראַרכישע טאָגטעגלעכע באַציאונגען מיט אַן אַטמאָספער פון איראָניע און הומאָר. מיר געפינען אין דער דאָזיקער דראַמע אַלע כאַראַקטעריסטיקעס פון דער קאַרנאַוואַלישער ליטעראַטור, ווערליק די קאַטעגאָריעס פון מיכאַאיל באַכטין אין זיין סאָציאָלאָגישער פּאָעטיק:

א) די העלדן פון מיטאָס פאַרוואַנדלען זיך אין בני⸗דור פון מחבר;

ב) די שטעלונג פון דער דראַמע צו דער אגדה איז אַ קריטישע און שטיצט זיך אין אַ גרויסער מאָס אויף אַ פרייער אימפּראָוויזירונג.

ג) עס ווערן אָפּגעוואָרפן אַלע סימנים פון סטיליסטישער איינהייט, און אויף זייער אָרט קומט אַ געמיש פון פאַרשיידענע מאָטיוון: הויכע און נידעריקע, ערנסטע און קאָמישע, אַ געמיש פון דיאַלעקטן אין דער גערעדטער שפּראַך, צווייִשפּראַכיקייט, פּאַראָדיעס אויף די הויכע זשאַנערס און אַ באַנוץ פון גרייטע שטאָפן (באַכטין 1984).

דאָס געמיש פון קודש און חול, פון ערנסטקייט און לייכטזיניקייט און דער עיקר, די קאַפּויערדיקע יסודות וואָס זיינען אַ טייל פון דעם יידישן יום⸗טוב ספּעקטאַקל, ווייזן אָן אויף דעם קאַרנאַוואַלישן זשאַנער: די אייבערשטע זיינען אונטן און די אונטערשטע זיינען אויבן; אויטאָריטעט ווערט אויסגעלאַכט; די שוואַכע האַלטן אָפּ אַ נצחון אין אָט דעם פאַרמעסט פון אַ „קאַפּויערדיקער וועלט", אין וועלכער די יום⸗טובדיקייט ווערט אויסגענוצט אויף געזעלשאַפטלעכע צוועקן, דורך וויצן, דורך אָפּלאַכנדיקע צונויפפּאָרענישן, דורך אַן אונטערטעקסט מיט אַ רמז אויף סעקס. דער קאַרנאַוואַלישער אויסדרוק אין יידישן פּאָלקס⸗טעאַטער באַזירט זיך אויף יידישע קולטור קוואַלן; פונעם קאַפּויערדיקן ריטואַל נעמען זיך די קאָנאָטאַציעס און אַסאָציאַציעס און דאָס איז דער עיקרדיקער מקור פון די געשטאַלטן און מאָטיוון. אין מגילת אסתר איז עס די קאַרנאַוואַלישע קאַפּויערדיקייט, וואָס ווייזט ווי המן פאַלט אַראָפּ פון זיין גדולה, ווי ער ווערט געהאַנגען, און ווי מרדכי שטייגט אַרויף אין זיין חשיבות און גייט אַרום אין בגדים פון „פורפּל און פיינליינען". די יידישע פּאָלקס⸗שאַפונג ברענגט אַריין נאָך אַ גרויסן קאַפּויער, וואָס האָט געהאָלפן פאַרוואַנדלען די מגילה אין אַ טעאַטער זשאַנער: זי איז מבטל די סטרוקטורעלע היעראַרכיע, וואָס האָט זיך געהאַט אויסקריסטאַליזירט ווי אַ פעסטער מיטאָס, און האָט איבערגעקערט די כאַראַקטעריסטיק פון די סימבאָליש געוואָרענע געשטאַלטן. דער אייביקער מרדכי הצדיק ווערט גאָר אַ ליצנישע, נידעריקע געשטאַלט, אַ נעבעכדיקער שדכן; אסתר, די רעטערין פונעם פּאָלק, ווערט אַן אָביעקט פאַר רכילות; די געשטאַלט פון אחשוורוש באַקומט אַ גראָטעסקן כאַראַקטער. די ליצנישע געשטאַלט פון מרדכי ווערט דער סימן⸗מובהק פון דער יידישער פּאָלקס⸗דראַמע — פון פּורים⸗שפּיל.

אַ גרויסער טייל פון דער אייראָפּעאישער פּאָלקס⸗דראַמע האָט זיך אָפּגעריסן פון קאַרנאַוואַל און איז געוואָרן אַ זעלבשטענדיקער זשאַנער, וואָס האָט משפּיע געווען אויף דער רייפער דראַמע. ביי יידן איז אַזאַ פּראָצעס ניט פאָרגעקומען: די פּורים⸗שפּיל איז געבליבן צוגעבונדן צום יום⸗טוב פּורים, און שטיצט זיך אין אַ גרויסער מאָס אויף די פאַראַנענע מקורות. זי איז אויפגעקומען רעלאַטיוו שפּעט, און בעת דער קאַרנאַוואַל אין אייראָפּע האָט גענומען אונטערגיין, איז די פּורים⸗שפּיל ווי אַ פּאָלקס⸗דראַמע גאָר געוואָרן פּאָפּולערער. אין יעדן פאַל אינסטיטואירט זיך די פּורים⸗שפּיל, זי ווערט פאָרגעשטעלט הונדערטער יאָרן אָן קיין שום ענדערונג, אָן קיין שום אַנטוויקלונג. זי איז געבליבן מיטלעלטעריש, קאַרנאַוואַליש, מיט אַן אויבערפלעכלעכער סטרוקטור: אַ פאָרם וואָס באַזירט זיך אויף שפּראַך, אויף פיזישן הומאָר, שפּילן, און מוזיקאַלישע אינטערלודן. זייער זעלטן געפינט מען אַ מער ראַפינירטן טעקסט. אין דער בלי⸗צייט אירער האָט זיך די פּורים⸗שפּיל אַנטוויקלט פון אַ פּאָלקס⸗דראַמע אין אַ פּאָפּולערער דראַמע: די בלאָנדזשענדיקע אַקטיאָרן האָבן געוואַנדערט מיט זייער פאָרשטעלונג פון אָרט צו אָרט און זי געבראַכט אין די יום⸗טוב טעג פאַרן עולם אין די יידישע קהילות. בלויז אין אַ סאַטורנאַלער אַטמאָספער, אַ באַפרייטע פון טאַבוען, האָט דער טעאַטער געקענט באַשטיין אין דער שטרענגער ראַם פון יידישקייט. כדי צו שאַפן אַן אַנדער טעאַטער האָט מען זיך געדאַרפט דערוואַרטן אויף דער השכלה באַוועגונג און דער עמאַנציפּאַציע.

# ביבליאָגראַפיע


באַום, יוטאַ

1991 Jutta Baum, "Queen Esther" in Kerler 1991: 71-79.

באַכטין, מיכאַאיל

1984 Mikhail M. Bakhtin, *Problems of Dostoyevsky's Poetics*, Manchester University Press: Manchester.

באַרבולעס, פּ.

1964 Photeine P. Bourboules, *Ancient Festivals of "Saturnalia" Type*: Thessaloniki.

בורקע, פּעטער אורליך

1988 Peter Ulrick Burke, *Popular Culture in Early Modern Europe*, Temple Smith: London.

בעלקין, אהובה

1985 Ahuva Belkin, "'Habit De Fou' in Purim Spiel?" *Assaph*, Section C, no. 2. pp. 40-55.

אין דרוק "From Amsterdam to Hamburg – *Zmiroth Purim*. The Third Phase of Jewish Carnavalistic Folk Literature" in D. B. Kerler (ed.), *Winter Studies in Yiddish*, 4.

בעסקערוויל, ק.

1920 C. L. Baskervill, "Dramatic Elements of the Medieval Folk Festival" in *Studies in Philology* 17.

גאָרין, ב.

1929 די געשיכטע פון יידישן טעאַטער: ניו־יאָרק.

גינצבורג, לוי (עורך)

1969 קטעים מכתבי הגניזה שבמצרים: ירושלים.

דאָניאַק, נ.

1933 N. S. Doniach, *Purim or the Feast of Esther*, The Jewish Publication Society of America: Philadelphia.

דזשיימס, ע.

1961 E. O. James, *Seasonal Feasts and Festivals*, Thames and Hudson: London.

דעווידסאָן, ישראל

1969 Israel Davidson, *Parody in Jewish Literature*, Olms Press: New York.

לווינסון, אַברהם

1846 מקורי מנהגים: בערלין.

לווינסקי, יום טוב

1956 ספר המועדים, דביר: תל אביב.

ליטש, עדמונד

1961 Edmund Leach, *Rethinking Anthropology:* London.

לעוסדען, יאַן

1682 Jan Leusden, *Philologus Hebreo-Mixtus:* Ultrajecti.

עריק, מאַקס

1928 די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור פון די עלטסטע צייטן ביז דער השכלה תקופה: קולטור ליגע: וואַרשע.

פרייזער, דזש.

1967 G. Frazer, *The Golden Bough,* Macmilan & Co., Ltd.: London.

פריימאַן, אהרון

1921 (רעד.), מעגל טוב: בערלין.

קויפמאַן [=קויפמן], יחזקאל

1960 תולדות האמונה הישראלית, מוסד ביאליק: תל אביב.

קערלער, דוב־בער

0000 Dov-Ber Kerler (ed.), *History of Yiddish Studies. Papers from the Third Annual Oxford Winter Symposium in Yiddish Lauguage and Literature, 13-15 December 1987* [= *Winter Studies in Yiddish*, 3], Harwood: Chur.

רובענס, אַלפרעד

1981 Alfred Rubens, *A Jewish Iconography,* Albani House: London.

שאַצקי, יעקב

1940 „דער קאַמף קעגן פורים=שפּילן אין פּרייסן אין 18טן יאָרהונדערט" אין ייוואָ בלעטער 15.

שטערן, מ.

1922 M. Stern (ed.), *Lieder des venezianischen Lehrers Gumprecht von Szczebrszyn:* Berlin.

שיפּער, יצחק

1923-28 געשיכטע פון יידישער טעאַטער=קונסט און דראַמע פון די עלטסטע צייטן ביז 1750, 3 בענד, פאַרלאַג קולטור ליגע: וואַרשע.

שמערוק [=שמרוק], חנא

1979 מחזות מקראיים ביידיש, האקדמיה הלאומית למדעים: ירושלים.

1984 „האיורים מן המנהגים ביידיש, ויניציאה שנ"ג/1593, בהדפסות חוזרות בדפוסי פראג במאה ה 17" אין *Studies in Bibliography and Booklore* 15: 31-52.

1986 האיורים לספרי יידיש במאות הט"ז-הי"ז, הטקסטים, התמונות ונמעניהם, אקדמון: ירושלים.

# שפּריכווערטער פון רישקאָן (בעסאַראַביע)

פון
**באָרים סאַנדלער**
(קעשענעוו — ירושלים)

זיי האָבן מיך אַליין אָפּגעזוכט. גענומען ביי מיינע עלטערן דעם קעשענעווער אַדרעס מיינעם און אַריינגעשיקט אַ בריוול — אַזוי און אַזוי... געלייענט אייער ביכל... ווילן אייך זייער האָבן פאַר אַ גאַסט... עלקע און בערל ראָזענבערג, בעלץ...

וועגן דער פאַמיליע ראָזענבערג האָב איך שוין צו יענער צייט עפּעס געהערט פונעם קעשענעווער קאָמפּאָזיטאָר וולאַדימיר ביטקין, וואָס איז אַ היפּשע צייט אַרומגעפאָרן איבער בעסאַראַביע מיט זיין „קאַטערינקע״־„גריונדיק״ און פאַרשריבן דעם יידישן מוזיק־פאָלקלאָר אויף טאַשמעס. אומגעקערט זיך פון זיין אָרדנטלעכער עקספּעדיציע, האָט ער מיר באַלד אָנגעקלונגען:

— כ׳האָב געפונען אַן אוצר! און גראָד אין דיין בעלץ...

— ס׳וואָלט מיך מער געחידושט, ווען דו געפינסט אַן אוצר נישט אין בעלץ.

— כ׳מיין אָן חכמות...

אין זיין ריידן האָט זיך געפילט, אַז ער איז אויפגערעגט. און בעת ביטקין ווערט אַ ביסל אויפגערעגט הייבט ער זיך אָן פאַרהיקען:

— אַ ש...ש...לל מיט לידער קע...קענען זיי. און אַ יידיש האָ...אָבן זיי... אַק...קיצור, דו מוזט זיך טרעפן מיט זיי.

אויב טאַקע באמת אָן חכמות, האָבן מיך ביטקינס ווערטער ניט מסוכן איבערראַשט — אין מיין היימשטאָט בעלץ, נאָך מיט אַ צען יאָר צוריק, שטעלט אין מאַרק אָפּ אַ ייד אָדער אַ יידענע וועלן זיי אייך אַריינזינגען און אַריינריידן אין אייער רעקאָרדירקע וויפל ס׳וועט אין איר אַריין. כ׳האָב דאָס אויסגעפּרואווט אויף זיך אַליין. און אויב איר וועט אין מיינע ווערק געפינען עפּעס אַזוינס, וואָס ס׳וועט אייך געפעלן ווערן, האָב איך דעם „עפּעס״ גענאַשט ביי מיינע בני־עיר, בעלצער יידן און יידענעס פון אַ גאַנץ יאָר. זיי האָבן, נעבעך, אַליין נישט געוואוסט, אַז דאָס גרעסטע און שענסטע האָב־און־גוטס זייערע „צעטרענצלען״ זיי פון אינדערפרי ביז ביינאַכט אויף שריט און טריט, אויף לינקס און אויף רעכטס. און אַז דאָס אַלץ האָט אַ ספּעציעלן וויסנשאַפטלעכן נאָמען — פאָלקלאָר.

כ׳ווייס נישט, צי די משפחה ראָזענבערג האָט געוואוסט, אַז דאָס וואָס זיי טראָגן אין זיך יאָרנלאַנג הייסט פאָלקלאָר, אָבער אַז דאָס זיינען אמתע ווערטן האָבן זיי זייער גוט פאַרשטאַנען. אַנדערש וואָלטן זיי זיך מיט די דאָזיקע ווערטן נישט געטיילט אַזוי ברייטהאַרציק ניט מיט ביטקינען, ניט מיט מיר.

בערל און עלקע ראָזענבערג האָבן געלעבט אין בעלץ אין אַ דירה, וואָס איז באַשטאַנען בלויז פון איין צימער.

— פאַר אונדז איז גענוג, — האָט בערל זיך ווי פאַרענטפערט. — אַבי מ׳איז אויף די פיס.

בערל ראָזענבערג, אַ בעסאַראַבער ייד. אַ שניידער אויף פּענסיע. געבוירן אין 1913 אינעם שטעטל רישקאָן, וואָס געפינט זיך אין צפון בעסאַראַביע.

זיין פרוי, עלקע ראָזענבערג — זי איז אין איין עלטער מיטן מאַן. אויך פון רישקאָן און אויך אַ שניידערקע.

צו מיין קומען האָט די באַלעבאָסטע זיך צוגעגרייט פאַרפריער. די געשמאַקע קנישעס מיט קאַבאַק האָבן שוין אַרויסגעקוקט אויף מיר, גערייצט זיך פונעם ברייטן טעלער, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן גרויסן טיש. אויף

אַזאַ טיש איז מסתמא גוט צושניידן אַ קאָסטיום, אַשטייגער, און זיך דערביי צוזינגען:

בין איך מיר אַ שניידערל אַ גוטער
נעם איך מיר אַראָפּ אַ וועסטל־היטער.
איך דריי אַהער און דריי אַהין,
ביז איך נעם אַראָפּ אַ גאַנץ אַרשין.

לאָזט זיך אויס, אַז ביים עסן קנישעס מיט קאַבאַק און טרינקען טיי איז גאָר ניט שלעכט צו כאַפּן אַ שמועס. אָט די דריי אַרבעטן קאָן מען טאָן פאַר איין צייט. אויפן וועג צו מיינע „פאָלקלאָר טרעגער" האָב איך זיך געטראַכט: פון וואָס זשע הייבט מען אָן? קיין דערפאַרונג אין אַזעלכע זאַכן, וואָס הייסט „זאַמלען פאָלקלאָר" האָב איך נישט. כ׳האָב זיך דערמיט ספּעציעל קיינמאָל נישט פאַרנומען, ווי למשל, מיין פריינט ביטקין. דאָס איינציקע, וואָס כ׳האָב טאַקע בכיוון פאַרשריבן (צו מיין גרויסן באַדויערן, נאָר אויף פּאַפּיר) איז מיין באָבעס דערציילן. זי איז געווען מיין ערשטער מוסטער פון אַ פאָלקסמענטש. דער ערשטער קוואַל פון שפּראַך. אָבער איידער כ׳האָב עס פאַרשטאַנען האָב איך געמוזט דורכמאַכן אַ קרייז איבערן לעבן און ערשט מיט יאָרן זיך אַ כאַפּ טאָן, אַז דאָס וואָרהאַפטיקסטע און דאָס אמתדיקסטע געפינט זיך לעבן מיר — ס׳איז גענוג זיך נאָר צוהערן און זיך איינהערן צו דער כישופדיקער מוזיק פון מיין באָבעס בעסאַראַבער יידיש. צו דעם באָבע־לשון. האָב איך זיך פּשוט צוגעהערט און איינגעהערט, וואָס בערל און עלקע האָבן מיר דערציילט.

זיי האָבן זיך געחברט פון קינדווייז אָן. דער פאָטער עלקעס איז געווען אַ מלמד אין שטעטל און דעם גאַנצן חדר קורס, וועלכן עס פלעגן געוויינלעך באַקומען די ייִנגעלעך, האָט אויך דורכגעמאַכט די קליינע עלקע.

די „לינקע" ווינטן, וואָס האָבן אַריינגעבלאָזט פונעם אַנדערן ברעג ניעסטער, פון דער סאָוועטישער זייט, האָבן נישט געקאָנט נישט צעשויבערן די קעפּ ביי דער שטעטלדיקער יידישער יוגנט. מיט זשעדנעקייט האָט מען געלייענט אויף די געהיימע קערמישלעך די ליטעראַטור, וועלכע עס פלעגט אַריינפאַלן פון דאָרטן; אויסהערן יעדן בן־עיר, וואָס איז געקומען צו די עלטערן צוגאַסט פון דער גרויסער וועלט; חלומען וועגן דעם לעבן, וואָס מע בויט דאָ נישט ווייט — ס׳איז גענוג, דאַכט זיך, נאָר אַ שפּאַן טאָן ווי די „רויטע" פרייהייט וועט דיך באַלד אַרומכאַפּן פון אַלע זייטן.

אָפטע געסט אין רישקאָן, און רישקאָן געפינט זיך ניט ווייט פון ליפּקאָן, פון דעם „בעסאַראַבער אָלימפּ", ווי ביאַליק האָט געקרוינט דאָס שטעטל, — זיינען געווען די באַוואוסטע שרייבער יעקוב (=יאַנקעוו) שטערנבערג און משה אַלטמאַן, פון בעלץ פלעגט זיך אַריינכאַפּן זעליג באַרדיטשעווער, „דער בעסאַראַבער באַרד", ווי מיר וואָלטן אים איצט גערופן, הירש ריווקין־הייסינער.

— אויף די ליטעראַרישע אָוונטן מיט איציק מאַנגערן פלעגט זיך צונויפנעמען דאָס גאַנצע שטעטל, — האָט בערל זיך דערמאָנט, — די חברה פלעגן זיך שלאָגן איבער אים, יעדער האָט אים געוואָלט האָבן פאַר אַ גאַסט, כאָטש אויף איין נאַכט. אמת, עלקע?

דאָס ווייב איז געזעסן פאַרטראַכט. די בענקשאַפט נאָך יענע ווייטע יונגע יאָרן האָט זיך אָפּגעלייגט אין די קנייטשן און קנייטשעלעך פון איר פּנים, זיך אָפּגעשפּיגלט אין אירע אויגן...

די וואַנדער־וועגן פון די יידישע טעאַטער טרופּעס האָבן אַוודאי ניט אויסגעמיטן אַזאַ שטעטל ווי רישקאָן. לייבאָוויטש און דזשינאַ זלאַטאַיאַ, פּיקאָ און שלמה פרידמאַן, סידי טאַל, קאָכאַנסקי — אָט די און אַנדערע נעמען פון דער יידישער בינע זיינען געווען באַוואוסט אין גאַנץ רומעניע, באַזונדערס אין בעסאַראַביע. יעדעס קומען זייערס אין די שטעטלעך איז געווען אַ שמחה פאַר די איינוואוינער. נאָך זייער אַוועקפאָרן האָט דאָס שטעטל נאָך אַ לענגערע צייט געקאָכט: עס האָבן געקלונגען די לידער און וויצן, וואָס זיי האָבן אַריינגעבראַכט, זיי האָבן אויך סטימולירט צו שאַפן אייגענע אַמאַטאָרישע טעאַטרען צווישן דער היגער יוגנט.

עלקע ווערט לעבעדיקער. זי כאַפּט איבער דעם פאָדעם פון בערלס דערציילן און הייבט אָן זינגען אַ לידעלע פון דער שוישפּיל, אין וועלכער זיי ביידע האָבן זיך אַמאָל באַטייליקט:

ע ל ק ע: חוה, חוה מיטן עפּעלע,
זי האָט אדמען פאַרדרייט דאָס קעפּעלע —
חוה, חוה — אַזוי לאַנג,
וואו ס׳איז דאָ אַ חוה, דאָרט איז דאָ אַ שלאַנג.

ב ע ר ל: גאָט האָט זיין ריפּ אַראָפּגעכאַפּט
און איינס, צוויי, דריי צונויפגעקלאַפּט —
אַ גאַנץ, פיין, געזונטע חוה.

ע ל ק ע: זאָג מיר פאַרוואָס?

ב ע ר ל: איך פרעג דיר פאַרוואָס?

ע ל ק ע, ב ע ר ל: וויל מאַן און ווייב איז איין לייב —
אַזוי האָט גאָט אָנגעשריבן
און אַזוי איז דאָס פאַרבליבן,
אַז מאַן און ווייב איז איין לייב.

די בעסאַראַבער יידישע יוגנט פון די דרייסיקער

יאָרן, זי איז געווען פֿאַרכאַפּט מיטן טרוים צו בויען אַ נײַ שיין לעבן. ווער דאָרט, אויף דער ערד פֿון ציון, ווער דאָ, אויף דער ערד, וואו ס׳האָבן געוועבט דעם דלות זייערע פֿאָטערס און זיידעס. די סאָציאַלע מאָטיוון האָבן פֿאַרנומען דאַן שיר נישט דאָס ערשטע אָרט סײַ אין דער שאַפֿונג פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע יידישע שרייבער, סײַ אין דער פֿאָלקס־שאַפֿונג. ס׳איז כדאַי, מיין איך, ברענגען ווי אַ ביישפּיל דאָס לידעלע וועגן דעם אלף־בית, וואָס כ׳האָב געהערט פֿון בערל און עלקע ראָזענבערג. אין דער יידישער ליטעראַטור און פֿאָלקס־שאַפֿונג זיינען פֿאַראַן אַ סך מוסטערן פֿון שאַפֿן לידער אויפֿן באָדן פֿון אלף־בית. ס׳רוב פֿון זיי זיינען קודם־כל אָנגעשריבן פֿאַר קינדער. אין בערל און עלקעס לידל איז די פֿאָרם פֿון אַן אלף־בית ליד בלויז אַן אָנשפּאַר אויף אויסדריקן די אָנגעווייטיקטע פּראָבלעמען פֿונעם יידישן קיום.

אַלף איז דער אויסניצער, וואָס לעבט פֿון אונדזער מי,
בית דאָס איז דער בלוט־זויגער, וואָס זויפֿט אונדז שפּעט
און פֿרי.

גימל איז דער גאָרגל־שניידער, וועלכער אונדז באַטריגט,
דלד איז דער דלות, וואָס שטענדיק ביי אונדז ליגט.

הא איז דער יונגער טויט, וואָס קומט פֿון לאַנגער שרעק,
וואָוו דאָס איז דער וויי־געשריי, וואָס גייט נאָך אים אַוועק.

זין איז דער זויפֿער, וואָס זויפֿט רק אונדזער בלוט,
חית דאָס איז דער חלף, וועלכער אונדז באַטריפֿט.

טית דאָס איז דער טעלער־לעקער ביי דעם רייכן טיש.
יוד דאָס איז דער ייד אַליין מיט זיין שאַרפֿן חוש.

כף דאָס איז דער כּישופֿמאַכער מיט זיינע פֿרומע רייד,
למד איז דער לץ אַליין, וועלכער זיי פֿאַרשפּרייט.

מם דאָס איז דער מוסר־זאָגער פֿאַר קליין און גרויס,
נון דאָס איז דער נאַר, וואָס הערט זיי אויס.

סמך איז דער סוחר, וואָס פֿאַרקויפֿט זיין נאמנות פֿאַר
געלט,
עין איז דער עדות־זאָגער, וועלכער פֿעלשט און שעלט.

פּא דאָס איז דער פּורים־שפּילער אויף דער גאַנצער
וועלט,
פֿא דאָס איז דער פֿוילער, וואָס ליידט פֿון היץ און קעלט.

צדיק איז די צרות־טרעגער אויף דער גאַנצער וועלט,
קוף דאָס איז די קליינע קינדער, וועלכע זיי פֿאַרשעלט.

ריש דאָס איז די רוגזה־פֿירערס, וואָס זיי מלחמה פֿעלט,
שין דאָס איז דער שלום־טרעגער אויף דער גאָרער וועלט.

די משפּחה ראָזענבערג האָב איך באַזוכט עטלעכע מאָל און, פֿאַרשטייט זיך, ניט נאָר דערפֿאַר, ווייל עלקעס קנישעס מיט קאַבאַק זיינען מיר אַזוי געפֿעלן געוואָרן. בערל און עלקע זיינען אָנגעשטאָפּט מיט פֿאַרשיידענע געשיכטעס, מעשׂיות און מעשׂהלעך. ווען זיי פֿלעגן זיך צו ביסלעך צעוויקלען, האָט זיך געשאָטן פֿון זיי, ווי פֿון יענעם זאַק, וואָס דער מלאך־המעשׂה (ס׳איז דאָ אַזאַ מלאך אויך) דורכפֿליענדיק איבער אַ שטעטל, האָט פֿאַרטשעפּעט אינעם שפּיץ קלויסטער און אַלע מעשׂיות האָבן זיך פֿון דעם זאַק אַרויסגעשיט. איינע אַ מעשׂה, למשל, וועגן אַ ייד אַ רופֿא, וואָס האָט אויסגעהיילט דעם קייסערס טעכטערל מיט אַ שמעק טאַבעק. אַן אַנדער מעשׂה וועגן דער כּישוף־קערניצע. מיט דער וואַסער פֿון דער קערניצע פֿלעגן לעשן זייער דורשט די הייליקע נשמות, וואָס האָבן אַמאָל פֿאַרלאָזט רישקאָן אויף אייביק. און אַנדערע. איניקע מאָטיוון, פֿון יענע מעשׂיות האָב איך שפּעטער אויסגענוצט אין מיינע נאָוועלעס „אַ שמעק טאַבעק” און „דער אַלטער ברונעם אונטערן אַלטן ניסנבוים”.

דעם סאַמע צימעס, אַזוי צו זאָגן, האָבן מיינע גאַסטפֿריינטלעכע באַלעבאַטים אַרויסגעשטעלט אויף דעם שניידערישן טיש ביי אונדזער לעצטער באַגעגעניש, אַקוראַט זיי וואָלטן מיך ביז אַהער אויסגעפּרוּווט, צי ס׳איז בכלל כדאַי מיך מכבד זיין מיט דעם מאכל.

— איצט, טייערער, — האָט בערל זיך אָנגערופֿן,
— אויב מיר האָבן אייך נאָך ניט אינגאַנצן פֿאַרמאַטערט, טאָ נעמט און שרייבט.

און זיי האָבן אָנגעהויבן. די שפּריכווערטלעך האָבן זיך געקייטלט — איין רונג אָנגעסיליעט אין אַן אַנדער רונג, — איין שפּריכווערטל אָנגערינגלט אין אַן אַנדער שפּריכווערטל. ס׳האָט אויסגעזען ווי אַ שפּיל — ווער וועט פֿון זיי ביידע זיך מער דערמאָנען שפּריכווערטלעך; אַ שפּיל, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט לאַנגע יאָרן צוריק אינעם שטעטל רישקאָן.

כ׳האָב די שפּריכווערטלעך פֿאַרשריבן אין דעם סדר, ווי כ׳האָב זיי געהערט. ניט געביטן קיין וואָרט נישט. מעגלעך, אַז פֿיל פֿון זיי זיינען באַוואוסט. כ׳וואָלט אויך געקאָנט צעטיילן זיי טעמאַטיש, אָדער אַנדערש. כ׳בין איבערצייגט אָבער, אַז וויכטיקער איז איבערלאָזן אַלץ אַזוי, ווי זיי האָבן זיך אָפּגעריסן פֿון דער צונג — אוממיטלבאַר, נאַטירלעך און צום אָרט. און נאָך, צוליב פֿאַרהיטן די שפּיל פֿון אימפּראָוויזאַציע:

1. אַז מע עסט נישט קיין קנאָבל, פּילט זיך ניט פונעם מויל.
2. אָן אַלטע מויד נאָך דער חתונה איז אויך אַ יונג ווייבל.
3. כדאַי פון אַ גראַטש אַ פּאַטש, איידער פון אַ נאַר אַ קוש.
4. אַ נייער בעזעם קערט גוט.
5. ער דרייט זיך, ווי סענדערל אויפן יריד.
6. יעדער הונט איז גרויס אויף זיין מיסט.
7. שמירט נישט אויס דאָס פּנים מיט די אייגענע הענט.
8. די פיס טראָגן, וואו דער קאָפּ זאָל לינן.
9. אַז מע לייגט זיך שלאָפן הונגעריק, חלומען זיך בעטלערס.
10. קלוג ווי אַ חכם פון דער „מה נשתנה״.
11. אַז מע האַקט האָלץ, פאַלן שפּענער.
12. ווער ס'עסט שבת קוגל, איז ער אַ גאַנצע וואָך זאַט.
13. אַז די קאַץ וואַשט זיך, איז אַ סימן, אַז ס'קומט אַ גאַסט.
14. אַ חסרון — די כלה איז צו שיין.
15. אַ קינד דאַרף מען לערנען שכל, ווען דאָס קינד קאָן זיך לייגן אינעם וויגעלע אין דער ברייט.
16. אַ קניפּ אין באַק די פאַרב זאָל שטיין.
17. אין מלחמה שיסט אַ בעזעם אויך.
18. די גאַנצע חכמה האָט דערוועגט אַ שים פּולווער.
19. אַז אַ גביר קומט אָפּ און אַ קבצן קומט אויף, זיינען זיי נאָך אינגאַנצן נישט גלייך.
20. שכל קויפט מען נישט פאַר געלט.
21. וואו ס'איז תורה, דאָרט איז חכמה.
22. תורה איז די בעסטע סחורה.
23. פרעג דעם חולה, נישט דעם רופא.
24. פרעמד געלט וואַרעמט נישט.
25. ער מיינט נישט די הגדה, ער מיינט דאָס קייזל.
26. גנבע נישט און פאַסט נישט.
27. אַ סך זמירות און ווינציק לאָקשן.
28. פון אַלע יסורים זאָלן מיר האָבן אַ פריילעכן פּורים.
29. נישט דאָס איז ליב, וואָס ס'איז שיין, נאָר דאָס איז שיין, וואָס ס'איז ליב.
30. קום אָפּטער וועסטו קיין גאַסט נישט זיין.
31. איין שטיקל האָלץ ברענט נישט און איין מענטש קריגט זיך נישט.
32. אַ קלאָרער קאָפּ איז אַ גוט ווייב.
33. ביי אַ ווייב אַ בלייך פּנים איז אַ סימן — אַ שלעכטער מאַן.
34. ווער ס'האָט נישט קיין נאמנות קאָן יענעם ניט געבן (לויבן).
35. אַז די ציג הערט די הקדמות, הערט זי אויף געבן מילך.
36. האָלץ האַקן און ברויט באַקן דאַרף מען קענען.
37. אַז ס'קומט אַרויס פון אַ קאַץ, מאַכט עס „מניו״.
38. אַ גנב פון אַ גנב איז פּטור.
39. דער וואָס גנבעט אַן איי האָט זיבן יאָר דלות.
40. נסים: מיט איין איי לאָקשן.
41. דער בעסטער שפּאַציר איז ביי מיין טיר.
42. אַ שלימזל דאַרף נישט געבוירן ווערן.
43. ער אַרבעט ווי אַ פליג און עסט ווי אַ ביק.
44. איינס מיטן דריטן איז שוין קיין נישט מחותן.
45. דער שלאָף איז דער בעסטער געטראַנק.
46. מאַך נישט קיין צורה ווי די פרומע קאַץ.
47. ער טרייבט אַרויס די נשמה און נעמט אַריין די שלימזאָלניצע.
48. אַ חוב גייט אַריין, ווי אַן אַלטע מויד אין זיצן אַריין.
49. די צרה נעכטיקט איבער, ווערט זי אַ גוטער ברודער.
50. מעסט מיך נישט מיט דיין אַרשין.
51. אַ טשערעפּ לעבט איבער אַ טאָפּ.
52. אַן אָרעמאַן איז נאָך צו די צרות אַ בעל־צדקהניק.
53. אַז מען גייט איבער האָניק, גיט מען אַ לעק.
54. אַלטע ציינג לעקן אויך זאַלץ.
55. כח זוך אין שיסל.
56. איינער בויט און אַ צווייטער זיצט.
57. ווען מע ווייסט, וואו מע וועט פאַלן, בעט מען זיך אונטער.
58. די קו האָט פאַרגעסן, אַז זי איז געווען אַמאָל אַ קעלבל.
59. אַ פרעמד מלבוש וואַרעמט נישט.
60. שלמה־המלך האָט געזאָגט, אַז צווישן טויזנט ווייבער האָט ער נישט געפונען קיין איין רעכטע.
61. אַז מע דערמאָנט זיך אין טויט, איז מען נישט זיכער מיטן לעבן.
62. איך בין נאָך נישט געשטאָרבן, מאַך מיר נאָך נישט קיין הספד.
63. שעלט מיך נישט און בענטש מיך נישט.
64. נאָך וואָס דער טאָפּ ווערט אָנגעברענט, נאָך דעם פּילט ער זיך.
65. מער געוואַרט איז מער גענאַרט.

66. יעדער סוחר לויבט זיין סחורה.
67. קלייפּ דאָס אייזן, ווייל ס׳איז הייס.
68. בעסער אַ לעבעדיקער הונט איידער אַ טויטער לייב.
69. מע זאָגט נישט „אוי״ ביז ס׳טוט נישט וויי.
70. וואָס טויג מיר מיין פּויליש ריידן, אַז מע לאָזט מיך צום פּריץ נישט אַריין.
71. וועמען סע געפעלט דער רב, וועמען — די רביצין.
72. ער פאַרשטייט ווי אַ קאַצאַפּ אין סליחות.
73. פאַר אַ נויט עסט מען קאָרן־ברויט.
74. סוף גנב — תליה.
75. אַז די גנבים צעקריגן זיך דערוויסט מען זיך פון דער גניבה.
76. אַ שטיין, אַז ער ליגט אויף אַ פלאַץ, ווערט ער אויך באַוואַקסן.
77. אַז עס לויפט דיר איבער אַ קאַץ, איז אַ סימן פון נישט פועלן.
78. אַלע סימנים זיינען שוין אונטערגעגאַנגען, נאָר סימן „דלות״ איז געבליבן.
79. אַ גאַנץ יאָר שיכורן און אויף פורים — ניכטער.
80. יעדער סוחר האָט זיך זיין מאַרק.
81. דער איז נישט קיין מענטש, וואָס קאָן קיין פעטש נישט טראָגן.
82. אַ פאַטש פאַרגעסט זיך און אַ וואָרט געדענקט זיך.
83. נאַראָנים דאַרף מען נישט פאַרזייען, זיי וואַקסן אַליין.

מיט דער משפחה ראָזענבערג האָב איך זיך באַקענט אין 1985. נאָך דעם האָבן מיר זיך אַ שטיקל צייט איבערגעשריבן. דערנאָך נאָר באַגריסט איינער דעם אַנדערן מיט קאַרטלעך צו די יום־טובים. עלקע האָט אַ לענגערע צייט געקרענקט, בערל האָט איר אין דעם צוגעהאָלפן. נישט לאַנג צוריק האָב איך זיך דערוואוסט, אַז בערל און עלקע זיינען אינאיינעם מיטן זון אַרויסגעפאָרן קיין ישראל. נאָך איין קוואַל פון פאָלקס־חכמה איז פאַרשוואונדן פון דער בעסאַראַבער ערד.

הערה: די אַרבעט האָט דער מחבר צוגעשיקט פון קעשענעוו אין 1992. איצט וואוינט ער אין ירושלים. — רעד.

# ליטעראַטור

# נאַראַטיווע שטימען אין מענדעלעס דאָס קליינע מענטשעלע

פון

מכאל קרוטיקאָוו

(ניו־יאָרק)

I

## טעאָרעטישע באַמערקונגען

די פראַגע פון די נאַראַטיווע שטימען אין מענדעלעס דאָס קליינע מענטשעלע איז נאָר אַ טייל פון דער אַלגעמיינער פּראָבלעם פון אויפקום און וואוקס פונעם יידישן (ווי אויך העברעאישן) ראָמאַן. די דאָזיקע פּראָבלעם קאָן מען באַטראַכטן פון פאַרשיידענע שטאַנדפּונקטן, אָבער, לויט מיין מיינונג, דאַרף מען איינעם פון די ערשטע פּרואוון מאַכן אין גייסט פון מיכאַאיל באַכטינס ליטעראַרישער טעאָריע.

באַכטין טיילט אויס דריי פּרינציפּיעלע כאַראַקטעריסטיקעס פונעם ראָמאַן ווי אַ ליטעראַרישער זשאַנער:

1) סטיליסטישע דריי־דימענסיאָנעלקייט פונעם ראָמאַן, וועלכע איז פאַרבונדן מיט דעם פּאָליפאָנישן באַוואוסטזיין, וואָס רעאַליזירט זיך דערין;
2) ראַדיקאַלע ענדערונג פון די צייטלעכע קאָאָרדינאַטן פונעם ליטעראַרישן געשטאַלט אינעם ראָמאַן;
3) נייער שטח פאַר אויפבויען דאָס ליטעראַרישע געשטאַלט אינעם ראָמאַן, דהיינו דער שטח פונעם מאַקסימאַלן קאָנטאַקט מיטן קעגנוואַרט אין זיין ניט־געשלאָסנקייט.

(באַכטין 1975: 454-455)

די דאָזיקע דריי באַזונדערקייטן פונעם ראָמאַן טיילן אים אויס פון דער אַלטער זשאַנער סיסטעם, וועלכע שטאַמט נאָך פון אַריסטאָטלס פּאָעטיק. דאָס וויכטיקסטע איז פאַר באַכטינען דער נייער, רעוואָלוציאָנעריזירנדיקער כאַראַקטער פונעם ראָמאַן. די דאָזיקע סימנים טיילן דעם ראָמאַן אויס פון אַנדערע זשאַנרען, וועלכע טראָגן אין באַכטינס טעאָריע דעם בשותּפותדיקן נאָמען „פּאָעטישע".

דאָ וויל איך זיך זייער סכעמאַטיש אָפּשטעלן אויף די לעצטע צוויי סימנים אין זייער צוזאַמענהאַנג מיט דאָס קליינע מענטשעלע, און ווייטער וועל איך מער פּרטימדיק באַהאַנדלען דעם ערשטן ענין.

אין וואָס באַשטייט די ליטעראַרישע דערגרייכונג פון ש.־י. אַבראַמאָוויטשן? איינער פון די בעסטע ענטפערס האָט פאָרגעלייגט דן מירון אין זיין בוך *A Traveler Disguised*. ער האַלט, אַז אַבראַמאָוויטשעס פּרינציפּיעלער חידוש איז די ליטעראַרישע פּערסאָנע פון מענדעלע מוכר ספרים, און שרייבט אים צו דעם גאַנצן זכות פון אַבראַמאָוויטש דעם שרייבער:

As soon as we leave Mendele's prologues behind us, and start to read the autobiographies, we experience that sense of "power failure", of dimming lights, that was to follow, even in Abramovitch's most mature works, the exit of Mendele from the narrative arena.

(מירון 1973: 234)

מיט אַנדערע ווערטער, מיינט מירון דאָ, אַז מענדעלע איז געווען אַ בעסערער שרייבער ווי אַבראַמאָוויטש. כּדי צו פאַרשטיין מענדעלעס געשטאַלט און זיין ראָלע, דאַרף מען, בלי ספק, אים אַרויסטיילן פון דעם גאַנצן עולם פון אַבראַמאָוויטשעס געשטאַלטן, אָבער

צום סוף דאַרף מען ניט פֿאַרגעסן אים אומצוקערן צוריק. מענדעלע קאָן לעבן נאָר אינעם קאָנטעקסט און אין צוזאַמענהאַנג מיט אַנדערע פּערסאָנאַזשן. פֿונעם ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט איז יצחק־אברהם תקיף, דער הויפּט־העלד פֿון דאָס קליינע מענטשעלע, פּונקט אַזוי וויכטיק ווי מענדעלע מוכר ספֿרים, ווייל זיי קאָנען ניט עקזיסטירן איינער אָן דעם צווייטן. דאָס אַלץ האָט אַ דירעקטן שייכות צום צווייטן פּונקט פֿון באַכטינס דעפֿיניציע, וועלכער טיילט אויס די ענדערונג פֿון די צייטלעכע באַציאונגען אין ראָמאַן אין פֿאַרגלייך מיט אַנדערע, „טראַדיציאָנעלע" זשאַנרען. באַכטין מיינט דאָ קודם כל די צייטלעכע אָפֿנקייט פֿון ראָמאַן, להיפּוך צו דער פֿאַרשלאָסנקייט פֿון עפּאָס אָדער פֿון טראַגעדיע. דער ראָמאַן עקזיסטירט אין אַקטועלער און ניט אין היסטאָרישער צייט. ער לעבט אין דעם זעלבן צייטרוים, ווי דער לייענער אַליין. דער ראָמאַן אַפּעלירט צו דעם לייענער דירעקט, און ניט דורך אַ סיסטעם קאָנווענצן.

דאָס אַלץ איז זייער בולט אין דאָס קליינע מענטשעלע. דער יסוד פֿונעם ראָמאַן איז דער ווידוי, וועלכער איז אַליין אַ טראַדיציאָנעלער, ערנסטער זשאַנער. צייטלעך איז דער ווידוי זייער קלאָר אָפּגעגרענעצט פֿונעם לייענער: צווישן זיי ליגט דער תהום פֿון טויט. דער ווידוי איז ממש אַ ווענדונג פֿון יענער וועלט, וועלכע האָט דערביי געוויסע געזעצן און קאָנווענצן פֿונעם זשאַנער. קודם כל איז דער ווידוי מ אָ נ אָ ל אָ ג י ש און ע ר נ ס ט, ווייל עס גייט דאָך אין דעם לעצטן אמת, אין לעבן און טויט. די פֿאַרבינדונג צווישן דעם מחבר און דעם לייענער איז אַן איינזייטיקע, פֿונעם מחבר צום לייענער. דער לייענער דאַרף אויסהערן דעם אמת, וועלכער איז שווער און ביטער אָנגעקומען דעם מחבר.

אָבער דער ראָמאַן ווי אַ זשאַנער בכלל (לויט באַכטין) און אַבראַמאָוויטשעס שאַפֿונג בפֿרט שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ פּאַראָדיע אויף דעם ערנסטן זשאַנער. אין אונדזער פֿאַל ווערט דער ווידוי ד י אַ ל אָ ג י ז י ר ט און א ו י ס ג ע ל אַ כ ט. מענדעלע אַליין שפּילט דערביי זייער אַ וויכטיקע ראָלע פֿון אַ פֿאַרמיטלער, וועלכער פֿאַרבינדט צייטלעך זיין העלד, דעם מחבר פֿונעם ווידוי, מיט דעם לייענער. מענדעלע געפֿינט זיך סיי אינעם ווידוי גופֿא, סיי מיט אונדז, מיט די לייענער. די גאַנצע אַרומיקע מעשה מיט מענדעלע איז, ווי מירון באַווייזט, אַ ליטעראַריש ווערק פֿאַר זיך. און דאָך איז זי ניט ווייניקער חשוב פֿאַר דער קערן־מעשה, פֿאַרן ראָמאַן גופֿא. דאָ שאַפֿט די פּערסאָנע פֿון מענדעלע אַ נייע צייט־דימענסיע פֿאַרן טראַדיציאָנעלן זשאַנער פֿון ווידוי.

מענדעלע רעאַליזירט די פֿונקציע, וועלכע שטימט מיט דעם דריטן פּונקט פֿון באַכטינס דעפֿיניציע. ער בויט אויף דעם נייעם שטח פֿאַרן קאָנטאַקט מיטן לעבן, ער ברענגט אין באַריר צוויי וועלטן: די אַלטע טראַדיציאָנעלע יידישע וועלט און די מאָדערנע וועלט פֿון דער אויפֿגעקלערטער יידישער אינטעליגענץ, פֿאַר וועלכער די ביכער ווערן פֿאַקטיש געשריבן. מירון האָט אויסשעפּיק באַשריבן די דאָזיקע ראָלע פֿון מענדעלעס געשטאַלט. ס'איז כדאַי אָבער נאָכאַמאָל צו באַטאָנען, אַז מענדעלע איז ווייט ניט דער איינציקער העלד פֿון אַבראַמאָוויטשעס ראָמאַן, און מען דאַרף זיך צוהערן צו די אַנדערע העלדן אויך.

## II

## פּילשפּראַכיקייט ווי אַ יסוד פֿון דאָס קליינע מענטשעלע

ווי געזאָגט, איז דער ווידוי בפירוש אַ מאָנאָלאָגישער זשאַנער. און ניט קוקנדיק אויף דעם, האָבן מיר אין יצחק־אברהם תקיפֿס לעבנס־געשיכטע איינע פֿון די בולטסטע ביישפּילן פֿון דער פּאָליפֿאָניע, פּילשטימיקייט וואָס איז כולל — פּילשפּראַכיקייט. די פּאָליפֿאָניע שפּילט זייער אַ וויכטיקע ראָלע אין שאַפֿן דעם כאַראַקטער פֿונעם הויפּט־העלד, ווייל דווקא דורך פֿאַרשידענע שטימען און זייערע פֿאַרפּלאָנטערטע באַציאונגען ווערט געבויט דאָס געשטאַלט פֿון יצחק־אברהם תקיף. דער דאָזיקער קאָנטראַסט צווישן דעם מהות פֿונעם זשאַנער און זיין פֿאַרקערפּערונג ווייזט זיך אַרויס ווי אַ טרייב־כח פֿונעם ראָמאַן, וועלכער וואַקסט אויף די חורבות פֿונעם ווידוי.

אין אַ געוויסן זין איז יצחק־אברהם תקיף אַן אַנטיפּאָד פֿון מענדעלע מוכר ספֿרים. מענדעלע איז תמיד דער זעלבער, ער ענדערט זיך ניט און אַפֿילו עלטערט זיך ניט. דאַקעגן זשע דער תקיף גייט אַדורך דעם גאַנצן וועג פֿון אַנטוויקלונג. מענדעלע איז אַן איינגענער אומעטום, אין יעדער סביבה; תקיף ווערט אַרויסגעטריבן כמעט פֿון אַלע ווינקלען פֿון דער געזעלשאַפֿט. אָבער פֿאַר אונדז באַשטייט דער וויכטיקסטער אונטערשייד אין דעם, וואָס מענדעלע איז בכח צו באַהערשן אַלע שפּראַכן (דאָס הייסט ניט סתם פֿרעמדשפּראַכן ווי רוסיש אָדער דייטש, נאָר די פּערזענלעכע, אינדיווידועלע ר י י ד), בעת תקיף וואַרפֿט אַלע שפּראַכן אָפּ. ער איז ניט פֿעאיק צו רעדן אויפֿן נאָרמאַלן מענטשלעכן שטייגער. און צום סוף פֿונעם ראָמאַן לערנט ער אויס די שפּראַך, וועלכע ווערט בכוונה

אַנטקעגנגעשטעלט דער נאָרמאַלער שפּראַך, דהיינו די שפּראַך פֿון „אַ קליין מענטשעלע".

דער ראָמאַן פֿון אַבראַמאָוויטש שטעלט מיט זיך פֿאָר די אויספּרואוואונג פֿון פֿאַרשידענע שפּראַכן און, אין אַ געוויסער מאָס, אויסלאַכונג פֿון זיי. די לעצטע פֿונקציע איז, לויט באַכטין, דער וויכטיקסטער יסוד פֿונעם מאָדערנעם ראָמאַן בכלל. דערפֿאַר וואָלט עס געווען אַ פֿאַראיינפֿאַכונג צו זען אין דעם תקיף⸗טייל פֿונעם ראָמאַן נאָר אַ טרוקענע און דידאַקטישע ביילאַגע צו דער קינסטלערישער דערגרייכונג פֿונעם מענדעלע⸗טייל. ווייטער פּרוביר איך אויסצוקלאָרן דעם צוזאַמענהאַנג צווישן ביידע הויפּט⸗פֿיגורן אינעם בוך, מענדעלע און תקיף, כּדי צו ווייזן, ווי אַזוי פֿונעם באַלאַנסירן צווישן מענדעלעס שפּראַך און תקיפֿס שפּראַך אַנטשטייט דער אמתער דריי⸗דימענסיאָנעלער ראָמאַן.

דאָס בוך עפֿנט זיך מיט דעם, ווי מענדעלע מוכר ספֿרים שטעלט זיך פֿאָר: „אַליין בין איך אַ געבוירענער פֿון צבועטשיץ... יאָרנלאַנג בין איך כמעט אונטערוועגנס, דאָ אַהין דאָ אַהער" (מענדעלע מוכר ספֿרים 1984: 46). מיר באַמערקן גלייך דעם ספּעציעלן אויסגעגליכענעם ריטעם פֿון מענדעלעס שפּראַך. ער רעדט אַזוי ווי מ׳פֿאָרט איבער אַ גלאַטן שליאַך. די פּעריאָדן פֿון זיין רייד באַרויִקן און וויגן איין: דאָס כאַראַקטעריסטישע ווערטל „ניט דאָס בין איך אויסן" מאַכט אַן איינדרוק פֿון וויאָרסט⸗סלופּן אויפֿן וועג. ווי אַ דערציילער וויים ער אַלץ, וואָס וועט פֿאָרקומען ווייטער אין זיין מעשה, און ווי אַ מענטש איז ער אַן איינגענער אין אַלע סביבות. מענדעלע רעדט גלייכצייטיק אינטים און אַ ביסל אָפּגעפֿרעמדט. מיר גלייבן, אַז פּונקט אַזוי באַקוועם און נאָענט, ווי ער פֿילט זיך אין אונדזער געזעלשאַפֿט, וועט ער זיין אין אַנדערע קרייזן אויך. איך וויל דאָ ניט מאריך זיין וועגן די אייגנטימלעכקייטן פֿון מענדעלעס שפּראַך און געשטאַלט, וואָרן עס וועט הייסן איבערחזרן דן מירונס בוך. עס איז נאָר כדאַי דאָ אָפּצומערקן, ווי קינסטלעריש מענדעלע פֿירט אונדז צו דעם עיקר: דעם ווידוי ברויו פֿון יצחק⸗אברהם תקיף. צוערשט לאָזט מענדעלע אונדז הערן דעם טומל אין בית⸗מדרש: „מען אַמפּערט זיך, מען שמועסט, מען לאַכט און מען זאָרגט זיך ניט" (דאָרט, 46). ווייטער הערן מיר די געפּלאָנטערטע רייד פֿון מענטשן: „אָ⸗וואַ! אָ⸗וואַ!.. סטייטש, אַזאַ מענטש!" (דאָרט, 48). און אַזוי ווייטער. נאָכדעם ווי דער לייענער איז פֿאַרפּלאָנטערט אין דער סטיכיי פֿון שפּראַך פֿאָלקלאָר (ווינער 1945: 303-309), העלפֿט אים מענדעלע אַרויס, ווי אַ גוטער מורה דרך. ער נעמט ווידער די לייצעס אין זיינע הענט: „איך האָב שוין אַלצדינג געהערט, איך בין דאָס אָבער ניט אויסן" (מענדעלע מוכר ספֿרים 1984: 48). דאָ באַטאָנט מענדעלע נאָכאַמאָל זיין אַבסאָלוטן וויסן פֿון אַלצדינג, וואָס קומט פֿאָר אין זיין וועלט. עס איז כדאַי נאָר אָפּצומערקן דעם קול פֿונעם גלופּסקער רב, וועלכער רעדט ערנסט, קלאָר און וואָגיק; ער שטעלט מיט זיך פֿאָר דעם פּאָזיטיוון קעגנגעוויכט צו דעם גערויש פֿונעם אַנאַרכישן שפּראַך פֿאָלקלאָר. דער באַלאַנס איז נויטווענדיק פֿאַר מענדעלעס עסטעטישער סיסטעם. אַזוי ערנסט ענדיקט מענדעלע זיין הקדמה און טרעט אָפּ אין דער זייט.

יצחק⸗אברהם תקיף הייבט אָן זיין ווידוי אויך ערנסט. אין דעם ווי ער באַשרייבט זיינע קינדער⸗יאָרן הערט מען אַ סענטימענטאַלן אָפּקלאַנג פֿון צאינה וראינה. תקיף שרייבט: „דאָס וואָרט ׳רחמנות׳, האָב איך קיינמאָל ניט געהערט. איך האָב ניט געהערט מען זאָל זאָגן, למשל: אַ רחמנות, ער גייט באָרוועס; אַ רחמנות, ער ליידט קעלט; אַ רחמנות, דאָס פּנים איז אים געשוואָלן..." (דאָרט, 54). אַזאַ באַציאונג איז אַן אָפּווייכונג פֿון דער נאָרמע, וועלכע איז איינגעשטעלט געוואָרן אין צאינה וראינה, וואו עס ווערט דערציילט, למשל, ווי רבן גמליאל האָט געבענטשט זיין טאָכטער, זי זאָל אַלעמאָל זאָגן „וויי": „וויי איז מיר, איך האָב מיין זון נאָך קיין עסן ניט געגעבן, וויי איז מיר, איך האָב אים נאָך צו קיין רבי ניט געפֿירט..." (פּרשת בראשית). דער דאָזיקער „וויי איז מיר" איז אפֿשר איינער פֿון די ערשטע לעבעדיקע קולות אין דער יידישער ליטעראַטור.

פֿון סאַמע אָנהייב אָן באַשרייבט תקיף זיין לעבנס⸗געשיכטע ווי אַ דיאַלאָג פֿון פֿאַרשידענע שטימען, און דאָס מאַכט אים ענלעך אויף מענדעלע; דער אונטערשייד שטעקט אָבער אין דעם, וואָס מענדעלע איז דער באַלעבאָס איבער די דאָזיקע שטימען, בעת תקיף איז זיי אונטערגעוואָרפֿן. ער אַליין איז דערווייל שטום, און אַלע צרות טרעפֿן אים דווקא ווייל ער קאָן ניט רעדן. קינדווייז רעדט ער לחלוטין ניט; ער דריקט זיך אוים מיט דער טאַט: ער שלאָגט זיין מאַמע, אָדער ער וויל אַריינקוקן אַ קו אין די אויגן (מענדעלע מוכר ספֿרים 1984: 56). תקיפֿס באַציאונגען מיט דער נאָרמאַטיווער שפּראַך, וועלכע אינעם נאָרמאַלן פֿאַל דאַרף העלפֿן אַ מענטשן צו פֿאַרנעמען אַן אָרט אין דער געזעלשאַפֿט, זיינען זייער שלעכטע. ער איז ניט פֿעאיק צו פֿאַרשטיין חומש מיט רש״י, וואָס איז די ערשטע נויטווענדיקע שטופֿע אויפֿן וועג צו יידישקייט, ד.ה. צו דער נאָרמע פֿון לעבן. דערצו נאָך איז תקיף אַ שלימזל, און ווען עס קומט אין חדר אַריין אַ „דייטש"⸗אינספּעקטאָר, האָט דווקא יצחק⸗אברהם אַ מזל צו דעמאָנסטרירן זיינע פֿעאיקייטן. תקיפֿס דורכפֿאַל באַווייזט זיין אַבסאָלוטע טויבקייט: „ויאמר — אַ פּוקס",

טייטשט ער (דאָרט, 58). די שפּראַך פון דרך־השׂ״ס צעפּאַלט זיך אין תּקיפֿס מויל אויף שטיקער — קאָמפּאָנענטן, לויט מאַקס ווײַנרײַכס טערמינאָלאָגיע (ווײַנרײַך 1973: 32). עס איז שווער זיך פֿאָרצושטעלן, אַז מענדעלע זאָל זיך אַזוי אַרײַנפּאַקן אין זײַן קינדהייט.

פון דעמאָלט אָן הייבט זיך אָן די קאַריערע פון אַ זייטיקן מענטשן, וועלכער פֿאַרלאָזט דעם דרך־השׂ״ס און זײַן שפּראַך. תּקיפֿס ערשטע שריט אין דערוואַקסענעם לעבן קומען פֿאָר שטילערהייט, אָן אַ סך רעדן. ער לערנט זיך אויסצוגיסן די פּאָמוייניצע, צו טראָגן האָלץ, אויסצוקערן די שטוב... אָבער זײַן שלימזל באַגלייט אים אומעטום, און קיין מלאכה איז ער ניט ביכולת צו באַהערשן. דערווײַל איז ער פּאַסיוו און נעמט אויף זײַן גורל ווי אַן עול מן השמים. צום ערשטן מאָל ווערט ער פֿאַראינטערעסירט, ווען ער טרעפֿט אַ חזן מיט משוררים (מענדעלע מוכר ספֿרים 1984: 64). יצחק־אַברהם איז אַנטציקט פון דער נײַער וועלט פון קלאַנגען. די נײַע, ניט נאָרמאַטיווע אַרט צו רעדן איז בולט אַנטקעגנגעשטעלט דער וועלט פון למדנים און בעלי־מלאכות, אין וועלכער עם הערשן שטרענגע כּללים. די קינדער קומען זיך צונויף שבת אין אַ בית־מדרש (אַן אויסלאַכונג!) און הייבן אויף אַ גוואַלד: „דער האָט געקוויטשעט, דער געריטשעט, דער האָט געברומט ווי אַ באַס, דער האָט געריסן ווי אַ חזן, דער געמיאַוקעט און דער געפּישטשעט, געשווישטשעט״ (דאָרט). די ווערבן, וועלכע באַשרײַבן דעם דאָזיקן וויכטיקן מאָמענט אין תּקיפֿס ביאָגראַפֿיע, געהערן ניט צום קערן פון דער דרך־השׂ״ס קולטור. דער דאָזיקער עפּיזאָד איז וויכטיק פֿאַר אונדזער העלד, ווײַל דאָ, צום ערשטן מאָל, האַנדלט ער זעלבשטענדיק: ער בעט זײַן מאַמען, זי זאָל אים אָפּגעבן לערנען ביים חזן. די חזנישע קאַפּעליע איז געוואָרן פֿאַר תּקיפֿן די ערשטע שול פון אויסדריקן זיך. ער האָט באַהערשט זײַן פֿאַך, דהיינו אַרויסציען כּלערליי קלאַנגען, אָבער מיט רעדן האָט ער אַלץ נאָך ניט געקאָנט זיך ספּראַווען. פּונקט ווי דעמאָלט אין חדר, רעדט ער איצט אויך ניט צו דער זאַך: „חזן, מען האָט פון אײַך געלאַכט״ (ז. 66). — ווען דער חזן, ביי וועלכן ער האָט געאַרבעט, האָט אים געפֿרעגט וועגן דער רעאַקציע פונעם עולם אויף זײַן זינגען. דאָ פֿילן מיר שוין, אַז יצחק־אַברהם איז ניט אַזוי פּראָסט, ווי ער וויל זיך מאַכן. באמת האָט ער אַ זעלטענע פֿעאיקייט צעלייגן די שפּראַך און אָפּזוכן כּל־מיני אָנגענומענקייטן, מיט וועלכע די שפּראַך איז אָנגעלאָדן. ער באַמערקט דאָס, וואָס די אַנדערע מענטשן זעען ניט. דערווײַל אָבער איז ער נאָך ניט בכח אָנצוואָווענדן זײַן זעלטענע פֿעאיקייט און דערפֿאַר מוז ער שטענדיק קריגן גוליעס.

ניט געקוקט אויף זײַנע דורכפֿאַלן האָט תּקיף שוין די ערשטע דערגרייכונג: „איך בין דערווײַל אַ ביסל באַקאַנט געוואָרן מיט צביעטשיצער ווײַסע חברה און בין ביי זיי געוואָרן אַ שטיקל חשוב״ (ז. 68). נאָר די לערניאָרן פון יצחק־אַברהם תּקיף האָבן זיך פֿאַרענדיקט אינגיכן. זײַן נאַטור האָט אים ניט געלאָזט באַהערשן דעם שפּראַך עטיקעט. זײַן לאַכן אינעם ערנסטן מאָמענט פון ראש־השנה האָט צעשטערט דעם גאַנצן סדר־עבודה: „דער חזן האָט זיך ראַספּאָלאָשעט, פֿאַרפּלוטעט, איז אַרויסגעשפּרונגען פון די האַלאָבליעס און האָט איבערגעהיפּט אַ שטיק שמונה־עשׂרה״ (ז. 70). מ׳דאַרף אויך ניט פֿאַרגעסן, אַז די גאַנצע באַשרײַבונג געהערט דער פֿען פון „שפּעטערן״ תּקיף, צו דער צייט ווען ער שרײַבט זײַן ווידוי. דער קאָנטראַסט צווישן דער לעבעדיקער און דורכויס איראָנישער שפּראַך פון דער דערציילונג און דער נאָרמע פונעם זשאַנער איז דאָ זייער בולט.

נאָכן דורכפֿאַל ביים חזן קומט אָן אַ וויכטיקע ענדערונג אין תּקיפֿס לעבן. ער באַקענט זיך מיט הער גוטמאַן, וועלכער איז אויך אַ פֿרעמדער אין דער יידישער געזעלשאַפֿט. גוטמאַנס געשטאַלט איז אַרומגערינגלט מיט אַנדערע קלאַנגען: „עס האָט זיך דאָרט געהערט אַ זשווזשען פון ביימער, וואָס דער ווינט האָט מיט זיי געטרעשטעט, און אַ קול פון אַן אָסיענדיק רעגנדל, וואָס האָט געקאַרפּעט״ (ז. 72). דערנאָך הערט מען גערויש פון אַ מיל, אַ קריי פון אַ האָן, אַ האַווקען פון בילנדיקע הינט. דער שלום איז דאָ זייער וויכטיק: „אַפּנים, אַז אין דעם געסל זײַנען ניט געזעסן קיין יידן״ (ז. 72). הער גוטמאַן אַליין איז צוגעפּאַסט צו דער סביבה: ער שלאָפֿט ניט בײַנאַכט, רעדט אַ פֿרעמדע שפּראַך און בכלל פֿירט זיך אַנדערש ווי אַלע יידן. עס פֿעלט זײַן געשטאַלט גשמיות, אָבער דאָס איז ניט קיין חסרון פון דעם שרײַבער אַבראַמאָוויטש; פֿאַרקערט, עס איז זײַן כּוונה. דער לייענער ווערט צוגעגרייט צו אַזאַ געשטאַלט פון גוטמאַן שוין דורך דער באַשרײַבונג פון דעם וועג צו גוטמאַנען ווען מ׳פֿילט, אַז ער דאַרף זײַן אַ ביסל פון יענער וועלט.

די באַגעגעניש מיט גוטמאַנען איז דער ערשטער טראָט פון תּקיף אַריבער דער גרענעץ פון דער טראַדיציאָנעלער געזעלשאַפֿט. פֿריער האָבן אַלע מענטשן גערעדט מיט אים אויף דער אַלגעמיינער, ניט אינדיווידועלער שפּראַך (דער מלמד, די באַלעבאַטים, דער חזן). פון גוטמאַנען אָן רעדט יעדער איינער זײַן אייגענע שפּראַך, וועלכע ווערט אַ פּערזענלעכע כאַראַקטעריסטיק. די ערשטע סצענע ביי גוטמאַנען איז וויכטיק אין דעם זין: תּקיף ווייסט ניט, ווי ער הייסט (ז. 76). ער איז נאָך ניט

אַרויסגעטיילט פונעם כלל, פון געמיש פון אַוורהאָמטשע, אַוורעמעלע, איציק־אַוורעמל, איטשיניאָ־אַוורהאָמיניאָ, אַוורהאָמקע. איצט באַקומט ער פון גוטמאַנען אַן אייגענעם, יחידישן נאָמען: איזאַק־אַבראַהאַם אָדער סתם אַבראַהאַם. דער נאָמען דערמאָנט אונדז אָן די נעמען, וועלכע עס באַקומען גרים. די דאָזיקע באַגעגעניש מיט גוטמאַנען שאַפט צום ערשטן מאָל אַ מענטשלעכן קאָנטאַקט צווישן תקיף און אַן אַנדערן מענטשן. עס קומט פֿאָר אַ מין ווידערגעבורט. די נייע סלוזשבע איז שוין אינגאַנצן אַן אַנדערע ווי די פריערדיקע: ער דאַרף טראָגן ניט די פּאָמויניצע, נאָר די ביכער.

און דאָך איז גוטמאַן פרעמד דעם תקיף. עס איז אומגלייבלעך, דער תקיף זאָל פלוצלינג אָנהייבן רעדן דייטש. אין לעצטן סך־הכל איז ער ניט זעלבשטענדיק. ער ווערט געפירט פון זיין מזל. און זייער אַ וויכטיקע ראָלע אין זיין לעבן שפילן חלומות. דער ערשטער חלום פירט אַריין די פיגור פון אַ קליין מענטשעלע. דאָס גיט אַ געלעגנהייט זיך משער צו זיין, אַז די אמתע נאַטור פון תקיף איז די נאַטור פונעם שד, וועלכער אַנטדעקט דעם תוך און עיקר פון מענטשלעכע טואונגען. זייענדיק ביי גוטמאַנען, זעט תקיף זיין צווייטן חלום, וועלכער העלפט אים צו פאַרשטיין דעם סוד פון זיין אַ קליין מענטשעלע (זז. 82-80). וויכטיק איז, אַז דער חלום קומט נאָך דעם, ווי תקיף באַמיט זיך אַליין צו פאַרשטיין, וואָס עס באַדייטן די דאָזיקע ווערטער גופא, ד.ה. „דאָס קליינע מענטשעלע" — עס איז ווידער די פראַגע פון דער שפּראַך און אירע סודות.

דעם נייעם תקיפס באַלעבאָס, ד"ר שטיינהאַרץ, רעדט אַן אַנדערע פרעמדע שפּראַך — רוסיש. דאָ קומט פֿאָר ווידער די מעשה מיט ניט פאַרשטיין און ניט דערקענען. תקיף קאָן ניט דערקענען זיין באַלעבאָס אין דעם „בורלאַק". די דאָזיקע ניט־פאַרשטייעניש ווייזט אַרויס ווידער אַ שעפערישן קאָנטראַסט, ווייל דורך דעם פאַל דערנענטערט זיך תקיף צו זיין ציל. זיין געדאַנק און חוש צו דער שפּראַך אַרבעטן ווייטער. ער טראַכט וועגן סעמאַנטישע פּראָבלעמען: „וואָס הער איך און וואָס זע איך? דער דאָקטער איז גאָר אַ הויכער, אַ גרויסער, אַ דיקער! הײנט וואָס זשע האָט געזאָגט גוטמאַן, אַז ער איז אַ קליין מענטשעלע?! זאָל גוטמאַן זאָגן אַ ליגן? עס קען ניט זיין... וואָס גוטמאַן האָט געזאָגט איז טאַקע תמיד געווען אמת" (ז. 88). דער אויפגעכאַפּטער שמועס צווישן דעם דאָקטער און זיין רופא העלפט תקיפן צו פאַרשטיין דעם גרונט־פּרינציפּ פון דער מאַכט פון שפּראַך — דעם סוד פונעם איבערגעטראָגענעם באַדייט: „אַפּנים, ווי איך הער און זע, הייסט אַ קליין מענטשעלע ניט פּשוט זיין אַ קליין מענטשעלע. מען קען, פּאָזשאַלוי, זיין אַ גרויסער און פֿאָרט אַ קליין מענטשעלע" (ז. 90). נאָכדעם ווי יציק־אברהם האָט פאַרשטאַנען די דאָזיקע חכמה, איז ער שוין ביכולת אויפצונעמען די תורה פון ר' איסר וואַרגער, וועלכער איז ריכטיק אַ קליין מענטשעלע — „דערמיט האָט ער אים בעסער געמאַכט ווי אַן אַנדערער מיט זיין תורה אָדער מיט זיין סחורה" (ז. 90).

פון ר' איסרן האָט יצחק־אברהם זיך אויסגעלערנט וויכטיקע זאַכן. ביז אַהער איז ער געווען אַ „דוראַק", ווי ער אַליין איז זיך מודה, „אָבער פונדעסטוועגן ניט קיין נאַטירלעכער, נאָר גלאַט אַ פאַרדולטער, אַ פאַרלאָזטער" (ז. 92). מען פילט דאָ שוין זייער פיינע כאַראַקטעריזאַציע. ווי אַ ביישפּיל פון חכמה ברענגט תקיף דעם שמועס פון ר' איסר מיט זיין ברודער: „הער אויס, גוטער־ברודער! איך האָב היינט אָפּגעאַרבעט אַ געשעפט ווי אַ כוואַט. דאָס הייסט, איך האָב ניט געאַרבעט, (ווי) זיי די דוראַקעס מיינען. איך האָב געאַרבעט, אָבער באמת האָב איך אַזויפיל געאַרבעט ווי דו. איך האָב זיך נאָר געמאַכט, אַז איך האָב געאַרבעט, פאַרשטייסטו?" (ז. 94). דער כח פון וואַרגערס שפּראַך — און פון וואַרגערן אַליין — באַשטייט אין דעם, וואָס ער מיינט בכיוון ניט דאָס, וואָס ער זאָגט. דאָס הייסט, אַז ער קאָן מאַכן דאָס, צו וואָס תקיף שטרעבט אַליין. ער קאָן צעלייגן די שפּראַך און דערנאָך צונויפשטעלן זי אַזוי ווי ער דאַרף: „מיין ענטפער איז תמיד איינער: מיר וועלן זען, מיר וועלן זען..." (ז. 94). דורך זיין שפּראַך קאָן ער מאַכן אַ רושם, אַז ער וועט עפּעס טאָן, ניט זאָגנדיק דאָס קלאָר, און דערצו אויך מיינענדיק גאָר עפּעס אַנדערש. זיין גאַנצע מאַכט באַשטייט אין זיין שפּראַך און אין זיין קונץ אָפּצונאַרן מענטשן. ער אַליין פאַרשטייט גוט דעם כח פון זיין שפּראַך: „פון דער צייט, וואָס איך האַלט אים (דעם גביר — מ.ק.) אויף דער אַרענדע, וויל איך פון אים ניט ריידן" (ז. 98), ד.ה. ער וויל ניט רעדן וועגן דעם מקור פון זיין עקזיסטענץ. איסרס שפּראַך איז זייער קאָמפּליצירט; דער אויסדרוק „איך האַלט אים אויף דער אַרענדע" באַדאַרף אַ דערקלערונג פון מער ווי אַ האַלבער זייט. „עס פאַרשטייט זיך, איסרס שיטה איז תחילת פאַר מיר געווען צו הויך, און אַ סך ווערטער גאָר תרגום" (ז. 98). — זאָגט תקיף. אָבער בהדרגה לערנט ער זיך די דאָזיקע תרגום־שפּראַך אויס. אַלע ווערטער באַקומען פאַר אים אַ נייעם באַדייט, און היות ווי ער איז שוין פון לאַנג צוגעוואוינט צו גריבלען זיך אין סעמאַנטיק, קאָן ער זיך געבן אַן עצה אין דעם פאַל אויך: „אַן עבירה האָט ביי מיר געהייסן: קוקן אויף כהנים בשעת דוכנען; ניט שלאָגן כפּרות; ניט גיין צום תשליך; ניט גלייבן, אַז אליהו הנביא גייט אַרום פּסח צום סדר איבער די הייזער אָפּטרינקען די כוסות... ניט גלייבן אין עולם התוהו —

דאָס הייסט, ניט גלייבן, אַז אַ סך מענטשן גייען אַרום צווישן אונדז, זיי האַנדלען, דאַכט זיך, זיי מאַכן געשעפטן, זיי פאָרן, זיי קויפן און פאַרקויפן, און באמת זיינען זיי מתים...״ (ז. 100).

דורך זיין שפּראַך קערט תקיף איבער די וועלט אויף דער לינקער זייט. ער רעדט און טראַכט באמת אויף אַ תרגום־שטייגער: „מתי אעשה לביתי, דאָס הייסט: ווען וועל איך אָנהייבן עפּעס צו טאָן איך זאָל אויפגעריכט ווערן, ואני באתי בימים, און איך בין דאָך שוין אַ בחורל״ (ז. 100). תקיף הייבט אָן האַנדלען: „אמת טאַקע איסרם תורה קען איך גוט, נאָר לא המדרש עיקר, דער עיקר איז דאָך די מלאכה״ (ז. 100). די האַנדלונג איז אויך בעצם די רייד: „איך האָב אָנגעהויבן צביעטשען און איסרן חנפענען״ (ז. 102). תקיף פאַרשטייט, וואָס פאַר אַ כח שטעקט אינעם וואָרט. ער געפינט זיין אייגענע שפּראַך, וועלכע איז געבויט אויף פאַראָדירן דעם ערנסטן למדנישן לשון. דורך דעם קלעטערט ער אַרויף אַלץ העכער און העכער אין דער געזעלשאַפטלעכער היעראַרכיע. ער באַדאַרף מער ניט ר׳ איסרס מוסר: „איך האָב אים אַזוי געהערט ווי אין טשערנאָוויץ די מגילה״ (ז. 104). תקיף ווערט איצט אַ גאַנצער מאַכער. זיין שפּראַך איז זיכער, זיין עטרה שפּיגלט און פינקלט. ער באַהערשט איצט דעם פולן פיר־קאָמפּאָנענטנדיקן באַשטאַנד פונעם יידישן לשון: „גיב בעסער געלט. תן לי הרכוש והדמעות קח לך. דאָס הייסט: זשיד, דאַוואַי הראָשי, אָדער: הונט, גיב געלט, און מיט די טרערן דערווערג זיך אַליין״ (ז. 104).

איצט קומען מיר צו דעם קריטישן פּונקט פונעם ראָמאַן, צו דער אינערלעכער איבערקערונג אין תקיפס נשמה. דווקא זיין חרטה דערמעגלעכט זיין ווידוי, ווייל אַנדערש וואָלט ער גאָרנישט ניט אָנגעשריבן. די חרטה איז דער מקור פון זיין רעפלעקסיע. דער גאַנצער סיפּור־המעשה באַקומט איצט מער באַלויכטונג, ווייל עס ווייזט זיך אויס, אַז תקיף האָט געשריבן זיין אויטאָביאָגראַפיע פון דער דאָזיקער טראַגישער פּערספּעקטיוו. די טראַגישע ליניע, וועלכע מיר האָבן באַמערקט אין סאַמע אָנהייב פון תקיפס געשיכטע, קומט אויף ווידער צום סוף. אייגנטלעך איז זי אַדורכגעגאַנגען דאָס גאַנצע בוך, ווערנדיק נאָר טיילווייז פאַרטונקלט דורך דעם קאָמישן אַספּעקט פון קעגנוואַרט. דאָס טראַגישע יאַוועט זיך דער עיקר אין חלומות. אַזוי ווערן אַנטקעגנגעשטעלט צוויי וועלטבאַנעמען: דער טראַגישער איז פאַרבונדן מיטן לעצטן פּונקט, מיט דער חרטה און דעם טויט, בעת דער קאָמישער אַנטפּלעקט זיך אין היינטצייטיקייט, אין טאָגטעגלעכן לעבן.

דער לעצטער חלום פון תקיף איז וויכטיק אי פאַרן סוזשעט, אי פאַר דער שפּראַך פונעם ראָמאַן. דאָ טרעט אַרויס אויפן ערשטן פּלאַץ דער טראַגישער אַספּעקט פונעם לעבן. די פּילשפּראַכיקייט, אַן אַטריבוט פונעם קאָמישן אַספּעקט, וואָס זי באַווייזט זיך נאָר אין מיטן לעבן, ווערט דאָ נעלם. אין חלום קומט גוטמאַן צו תקיפן און זאָגט אים: „פריער, אַבראַם, ביסטו געווען אַ סך אַ בעסערער מענטש, כאָטש דו ביסט געווען אַ ביסל אַ דוראַק. זשאַל, אַבראַם! מען האָט דיר פאַרפּירט, מען האָט דיך איספּאָרטשעט, פּי, דו ביסט געוואָרן אַ קליין מענטשעלע!״ (ז. 112). דאָס איז דער סך־הכל פון תקיפס לעבן, אַרויסגעזאָגט פון גוטמאַנען און דווקא אויף יידיש. דער גאַנצער סוף פונעם ווידוי, פון די ווערטער „על חטא״ (ז. 106) איז אָנגעשריבן אין דער מאָנאָלאָגישער פאָרם. אַפילו ווען תקיף דערמאָנט זיך אָן גוטמאַנען, לאָזט ער אים רעדן אויף יידיש: „אונדז איז בעסער פון אַלע רייכע. מיר זיינען דאָך ערלעכע מענטשן. מיר ליידן פאַר דעם אמת...״ (ז. 110). דאָ פאַרשווינדט דער עפעקט פון דער קאָמישער אָפּפרעמדונג, וואָס איז פריער געווען פאַרבונדן מיט גוטמאַנס שפּראַך.

דער פּאַטאָס ברענגט מיט זיך דעם טויט פאַר תקיפן. אַלע שפּראַכן שמעלצן זיך צונויף אין איינאייינציקער שפּראַך, און תקיפס ראָלע פון אַ שד, וועלכער פרואווט אוים מענטשן דורך זייערע שפּראַכן, ווערט אויסגעשעפּט.

III

## אַ וואָרט צום סוף

לאָמיר זיך אומקערן צו די דריי סימנים פונעם ראָמאַן לויט באַכטינס טעאָריע. די דאָזיקע פּרינציפּן ווערן רעאַליזירט אין אונדזער פאַל דורך בשותפותדיקע באַמיאונגען פון מענדעלע מוכר ספרים און יצחק־אברהם תקיף. מענדעלע נעמט אויף זיך די פונקציע פונעם קאָנטאַקט מיט דער אַרומיקער וועלט, בעת תקיף זאָרגט זיך פאַר דער אינעווייניקסטער פּאָליפאָניע. אין הסכם מיט זייערע פונקציעס אונטערשיידן זיך זייערע כאַראַקטערן. מענדעלע לעבט אַ ר ו ם דעם סיפּור־המעשה; ווי מירון האָט באַמערקט, עלטערט זיך ניט מענדעלע, און ער ענדערט זיך ניט. מענדעלע נעמט אויף דעם פולן ספּעקטער פונעם יידישן לעבן, אָבער דאָס דאָזיקע לעבן ווירקט אויף אים ניט, און ער בלייבט שטענדיק דער זעלבער. ניט אַזוי איז יצחק־אברהם תקיף. ער איז דער פּראָדוקט פון דעם לעבן, און ער געפינט זיך אונטער דער השפּעה פון זיין סביבה. ער לעבט זיך אוים די יאָרן פאַר

דעם לייענערס אויגן, פון געבורט ביזן טויט, און ער ענדערט זיך כמעט מיט יעדער נייער זייט פונעם בוך. תקיף איז אי אַ קעגנזאַץ, אי אַ צוגאָב צו מענדעלע. מענדעלע אַליין איז דער באַלעבאָס איבער פאַרשידענע שפּראַכן, ער שאַפט זיי — בעת תקיף ווערט אַליין געשאַפן דורך זיי, אמת, אויף אַן אומדירעקטן אופן. תקיף פּרואווט די שפּראַכן אויס און וואַרפט זיי אָפּ. ווייל זיי זיינען אים פרעמד. יצחק אברהם תקיף איז דאָס נעגאַטיווע בילד פון דער געזעלשאַפט — און מענדעלע איז די פּאָזיטיווע אָפּבילדונג.

# ביבליאָגראַפיע


באַכטין, מ.

1975 М. Бахтин, *Вопросы литературы и эстетики*: Москва.

ווײַנרייך, מאַקס

1973 געשיכטע פון דער יידישער שפּראַך, ב. 1, יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט: ניו־יאָרק.

ווינער, מאיר

1945 צו דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אין 19טן יאָרהונדערט, ב. 1: מאָסקווע.

מירון, דן

1973 Dan Miron, *A Traveler Disguised*, Schocken: New York.

מענדעלע מוכר ספרים

1984 מנדלי מוכר ספרים, האישון הקטן — דאָס קליינע מענטשעלע. תרגום, ערך והביא לדפוס — שלום לוריא: חיפה.


הערה: דער מחבר איז דאַנקבאַר פּראָפ. דוד־הירש ראָסקעס (יידישער טעאָלאָגישער סעמינאַר, ניו־יאָרק) פאַר זיין פילזייטיקער הילף ביים אָנשרייבן דעם דאָזיקן אַרטיקל.

# אַ טראַנספאָרמירטער מאָטיוו: פּרצעס זיבן גוטע יאָר


פון

רחל משורר

(רמת גן)


פּרצעס זיבן גוטע יאָר שטעלט מיט זיך פאָר אַן איבערבוי פון אַ באַוואוסטער פאָלקס-מעשה וואָס איר מקור געפינען מיר אין פערטן יאָרהונדערט. לויט י. בערגערן, האָט פּרץ גענומען דעם מקור און האָט „די דערציילונג נאָר צוגעפוצט מיט אַ פּאָר שטריכן פון זיין קינסטלערישער פען" (בערגער 1946: 102).

בכדי איינצוזען ווי אַזוי האָט פּרץ „צוגעפוצט זיין מקור", וויל איך פאַרגלייכן אַ מאָטיוו פון פּרצעס זיבן גוטע יאָר מיט זיינע מקורות, און אויך צוגעבן, אַז פּרץ האָט ניט נאָר צוגעפוצט די לעגענדע, ווי בערגער האַלט, נאָר ער האָט איר אויך געגעבן אַ נייעם לעבנס-באַנעם, בלייבנדיק אין די ראַמען פון דעם אַלטן נוסח.

דער עלטסטער נוסח פון די זיבן גוטע יאָר געפינט זיך אין מדרש זוטא (מדרש זוטא תרנ"ד: 48-49). די לעגענדע אין מדרש איז מסתמא געווען דער מקור פאַר שפּעטערדיקע דערציילונגען אויף דער זעלבער טעמע. די לעגענדע געפינט זיך אויך אין אַנדערע מקורות (בן-גוריון 1956: תט; בן-גוריון 1934: 329; גאַסטער 1924: 116; גאַסטער 1934: 292; גינצבורג 1946: 206 און אַנדערע).

אין חבור יפה מהישועה פון 1030טן יאָר געפינען מיר די געשיכטע פון די זיבן גוטע יאָר מיט דעם נאָמען „ה' נאמן לפרוע" (ניסים בר' יעקב 1960: צ"ג-צ"ה). דאָ וועלן מיר זיך אָפּגעבן מיט אַ מאָטיוו וואָס מ'געפינט אין צוויי מקורות.

אין מדרש זוטא ווערט דערציילט וועגן איינעם וואָס האָט געהאַט אַ „כשרע" ווייב, האָט פאַרלאָזן זיין פאַרמעגן און איז געוואָרן אַ טאָג-אַרבעטער.

> מעשה באחד שירד מנכסיו והיתה לו אשה כשרה
> בסוף נעשה שכיר
>
> (מדרש זוטא תרנ"ד: 48)

> [אַ מעשה מיט איינעם וואָס איז פאַראָרעמט געוואָרן
> און וואָס ער האָט געהאַט אַ לייטיש [כשרה] ווייב
> און צום סוף איז ער געוואָרן אַ טאָג-אַרבעטער]

אין ה' נאמן לפרוע ווערט דערציילט:

> בעל ילדים ואשה שהיה חי במצוקה [...] לאחר מכן
> מצאתיו במצב הטוב והמשופר
>
> (ניסים בר' יעקב 1960: צ"ג).

> [אַ מאַן מיט ווייב און קינדער וואָס האָט געלעבט
> אין אָרעמקייט [...] דערנאָכדעם האָב איך אים
> געטראָפן אין אַ גוטן, אין אַ בעסערן מצב]

אין דעם מקור איז די דערציילונג געבויט ווי אַ „ראַמען-דערציילונג". מיר האָבן דאָ צוויי צייט-עפּאָכעס, די פאַרגאַנגענהייט, ווען די משפּחה האָט געלעבט אין אָרעמקייט, און די איצטיקע צייט, ווען עס גייט זיי שוין גוט.

פּרץ האָט גענומען דעם מאָטיוו וועגן אַ מענטש וואָס האָט געהאַט אַ ווייב און קינדער, און האָט דעם מאָטיוו אויף אַזויפל געענדערט אַז ער דערמאָנט אַפילו ניט די פאַרגאַנגענהייט כאָטש ביידע מקורות באַטאָנען אַז דער מענטש איז געווען רייך און האָט פאַרלאָרן זיין פאַרמעגן. אין ערשטן מקור איז ער געווען אַ „שכיר" (אַ טאָג-אַרבעטער); אין צווייטן מקור „שהיה חי במצוקה" (וואָס האָט געלעבט אין אָרעמקייט), און איז צוריק רייך געוואָרן. די שילדערונג פון דער פאַרגאַנגענהייט שאַפט צייט-שיכטן וואָס גיבן דער געשיכטע איר אויטענטיש-קייט.

פּרץ האָט מוותר געווען אויף דער ראַם און האָט איבערגעטראָגן זיין דערציילונג אין אַ קליינעם שטעטעלע

אין פוילן, טורבין לעבן לובלין. מיט דעם האָט ער געגעבן דער דערציילונג אַ נייע ראַם פון צייט און אָרט. די אויטענטישקייט וועלכע די געשיכטע פאָדערט, באַקומט זי פון די רעאַליסטישע פרטים וועלכע פרץ פלעכט אַריין גלייך ביים אָנהייב פון זיין שילדערונג. מיר זעען דעם לײדיקן מאַרק, די ליידיקע קלייטן, די סוחרים גענעצן און דרייען זיך אַרום, לאַנגווייליקן זיך. טוביה, אונדזער העלד, שטייט אינמיטן מאַרק מיט אַ פאַראומערט פנים. ער איז זייער פאַרזאָרגט, ווייל ווי עס זעט אוים וועט קיין פרנסה אויף שבת ניט זיין.

פונעם פאָלקלאָר איז באַקאַנט דער אוניווערסאַלער מאָטיוו פון „פאַרענדערונגען פון גורל". אין אונדזערע צוויי מקורות געפינען מיר דעם מאָטיוו גלייך אין אָנהייב פון דער דערציילונג. דער מענטש וואָס איז געווען רייך, איז אָרעם געוואָרן, און אין דער צווייטער דערציילונג ווערט רייך דער מענטש וואָס איז געווען אָרעם.

פרץ האָט געבויט זיין געשיכטע לויט דעם פאָלקלאָר מאָטיוו, אָבער אָן קיין שייכות צו דער פאַרגאַנגענהייט פון דעם העלד. מיר ווייסן נאָר וועגן טוביהן אַז ער איז געווען אַ גרויסער אָרעמאַן, אָבער פרץ דערמאָנט ניט זיין פאַרגאַנגענהייט און מיר דערוויסן זיך אויך גאָרניט וועגן זיין צוקונפט. די קאָנווענציע פון דעם מאָטיוו זאָגט אָן אַן ענדערונג. ביי פרצן אָבער ווערט ניט מקוים אונדזער דערוואַרטונג — טוביה און סערל בלייבן אָרעמלייט אויך נאָך דעם ווי זיי געפינען דעם אוצר. פרץ האָט געענדערט דעם מאָטיוו פון „פאַרענדערונג פון גורל", ער האָט געשאַפן ניט נאָר אַ נייע סיטואַציע, נאָר אויך אַ נייעם באַדייט, דעם שרייבערס באַנעם פונעם גורל פון זיינע העלדן פאַסט ניט צו דער לעגענדאַרער וועלט און אַוודאי ניט צו דער רעאַלער וועלט.

לויט דער קאָנווענציע פון דער לעגענדאַרער וועלט, דאַרפן טוביה און סערל ווערן זייער רייך (אַזוי ווי, למשל, שמערל אין פרצעס דערציילונג דער אוצר איז געוואָרן אַ גרויסער עושר). דאָ, אין דער דערציילונג זיבן גוטע יאָרן, איז טוביה ניט נאָר ניט געוואָרן רייך פון געפינען דעם אוצר, נאָר איז געבליבן אַזוי ווי פריער, דער זעלבער אָרעמער טרעגער. פרץ מאָלט דאָ אַ נייע רעאַליטעט, וואָס ראַנגלט זיך פאַר איר קיום אין גאָר אַנדערע וועגן און מיט אַנדערע מיטלען וועלכע שאַפן נייע ווערטן פון צניעות, באַנוגענונג מיט גאָר ווייניק, און שטאָלץ מיט שווערער אַרבעט און ווייניק פאַרדינסט.

אין די צוויי מקורות וואָס מיר האָבן דערמאָנט, גיבן די העלדן וואָס האָבן באַקומען דעם אוצר און געוואָרן רייך — צדקה, און געניסן פון אַ גוט לעבן. פרצעס העלדן זיינען אַנדערע. זיי נעמען פונעם אוצר נאָר חדר־געלט פאַר זייערע קינדער, ווייל דער מלמד האָט זיי אַרויסגעטריבן. פאַר זיך, פאַר זייער טאָגטעגלעכן שווערן לעבן, האָבן זיי ניט גענומען קיין גראָשן און געבליבן אָרעם ווי פאַרן אוצר. טוביה האָט געאַרבעט ווי אַ טרעגער און זיין משפחה האָט געלעבט אין דעם זעלבן צעפאַלענעם הייזל הינטערן שטעטל.

דער סעמאַנטישער אינהאַלט וואָס פרץ האָט דאָ אַריינגעגעבן, ווייזט זיין קינסטלערישע ווירטואָזקייט אין צוריקברענגען צום לעבן פאַרגליווערטע מאָטיוון און אַריינגעבן אין זיי אַ נייעם לעבנס־באַנעם און אַ נייעם באַדייט. פרץ האָט געשאַפן נייע סיטואַציעס, נייע טיפּן פון תמימותדיקע נשמות מיט ריינע הערצער. זייער תמימות, זייערע טיפע עטישע פרינציפּן, זייערע זויבערע כוונות און זייער גלויבן לייכטן אַרוים ווי שטערן אין אַ פינצטערן הימל.

אין שטעטל האָט קיינעם ניט געאַרט ווען דער מלמד האָט געשיקט אַהיים טוביהס קינדער פון חדר. יעדער האָט געזאָרגט פאַר זיך און טוביה האָט דאָס זייער גוט געוואוסט. דערפאַר, מיט טוביהס און סערלס צוגאַנג צו זייער גרויסער זכיה, ווערט נאָך מער אַקצענטירט דער קאָנטראַסט צווישן דער טאָגטעגלעכער רעאַליטעט אין שטעטל און די ווערטן פון פרצעס העלדן.

וועגן דעם וואָס איז פאָרגעקומען נאָכן אויסגיין פון די זיבן גוטע יאָר, ווערט דערציילט אין מדרש זוטא אַזוי:

לך אמור לו, אם מצאת בני אדם נאמנים ממנו, אתן לך פקדונך.

(מדרש זוטא תרנ"ד: 49)

[גיי זאָג אים, אַז אויב דו האָסט געפונען מענטשן וואָס זיינען מער פאַרלאָזלעך [באַגלייבט] פון אים, וועל איך דיר אָפּגעבן דיין פקדון.]

דאָס איז אַן ענטפער צו דעם שליח וואָס קומט אָפּנעמען דעם אוצר. אין דעם ענטפער פילן מיר אַ בטחון אַז דער אוצר וועט ניט איבערבייטן דעם באַלעבאָס. די ווערטער „אם מצאת בני אדם נאמנים ממנו" זיינען אַ רעטאָרישע פראַגע, ווי עס איז אָנגענומען אין דער לעגענדאַרער שפּראַך. זי — די פרוי — רעדט צום שליח ווי צו אַ גלייכן וואָס פאַרשטייט וואָס איר כוונה איז. אין חיבור יפה מהישועה איז די סיטואַציע גאָר אַן אַנדערע. דאָרט האָט זיך דער מחבר אינגאַנצן דערווייטערט פון דעם פאַנטאַסטישן מאָטיוו, דאָרט קומט ניט אליהו הנביא אָפּנעמען דעם אוצר נאָך זיבן יאָר, נאָר עס טרעפט גאָר אַ ממשותדיקע ערדישע דערשיינונג, דאָס הויז ווערט באַגנבעט:

וכשמלאו (השנים) נכנסו אלינו ליסטים ולקחו כל מה שבביתנו, לא נשאר לנו דבר ממה שזכינו לו.
(ניסים בר׳ יעקב 1960: צ״ה)

[און ווען עס האָבן זיך אויסגעלאָזן [די יאָרן] זיינען צו אונדז אַריין גזלנים און האָבן צוגענומען אַלץ וואָס איז געווען בײַ אונדז אין שטוב. ס׳איז אונדז ניט געבליבן קיין איין זאַך וואָס מיר האָבן זוכה געהאַט [צו פֿאַרמאָגן].]

נאָכדעם ווי אַלץ איז נעלם געוואָרן, בעט די פֿרוי (ניט דער מאַן) בײַם אייבערשטן אַז דער אוצר זאָל זיך אומקערן, און איר תּפֿילה, איר געבעט ווערט אויפֿגענומען און דער אוצר בלײַבט ווידער בײַ זיי.

אין די בײדע מקורות ווערט אַקצענטירט אַז דער אוצר בלײַבט בײַ די מענטשן, ווײַל זיי האָבן געגעבן צדקה, אָבער ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, האָבן זיי גענומען פֿון דעם גאָלד אויך פֿאַר זיך. בײַ פּרצן, האָבן זײַנע העלדן גענומען פֿונעם גאָלד נאָר פֿאַר חדר־געלט. פֿאַר זיך האָבן זיי דעם אוצר ניט אָנגערירט. דאָס איז דײַטלעך אין סערלס ענטפֿער וואָס קלינגט אינגאַנצן אַנדערש פֿון דעם וואָס מיר לייענען אין די מקורות:

זיי האָבן גוטע יאָר נאָך נישט אָנגעהויבן צו האָבן, אַז זיי האָבן קיינמאָל נישט געהאַלטן דאָס גאָלד פֿאַר זייער אייגנס, ווײַל, וואָס אַ מענטש פֿאַרדינט מיט זײַנע צען פֿינגער, דאָס איז זײַנס, און אַזאַ עשירות וואָס קומט אָן שווייס און אומגעזוכט, איז נאָר אַ פּקדון, וואָס זיין ליבער נאָמען לאָזט איבער בײַ מענטשן אין די הענט פֿאַר אָרעמעלײַטס וועגן... זי האָט נאָר פֿון גאָלד אויף שכר־לימוד גענומען דאָס איז גאָטס תּורה, מעג מען פֿאַר זײַן תּורה מיט זײַן גאָלד צאָלן. מער נישט.
(פּרץ 1947: 110-105)

דאָ שפּירט זיך דער תּמימותדיקער גלויבן אין גערעכטיקייט, דער גלויבן אַז גאָט דער אייבערשטער פֿאַרלאָזט ניט די אָרעמע. דאָס איז אַ פֿאַרבינדונג צווישן מענטש און גאָט. די נאַאיוויקייט דערהייבט די דערציילונג צו די הימלישע ספֿערן און צעשווענקט די גרענעצן צווישן דער רעאַלער וועלט און דער פֿאַנטאַסטישער וועלט, אַלץ ווערט דאַן מעגלעך, אַפֿילו דאָס אוממעגלעכע. פּרץ מאַכט דעם אַלטן מאָטיוו טיפֿער און רײַכער, זײַנע העלדן רעדן וועגן די ווערטן וואָס מיר געפֿינען ניט אין אַלטע מקורות: אַרבעט און בילדונג. דער סאָציאַלער מאָטיוו ווערט דאָ אַרײַנגעפֿלאָכטן אין די תּמימותדיקע ווערטער פֿון סערל, און מיר קענען שפּירן וועלכע מוסר־השכּל אין דער דערציילונג האָבן פּרצן אינטערעסירט. די הויפּט־אידיי איז דאָ, ווי מיר זעען, אינגאַנצן אַן אַנדערע ווי אין די מקורות פֿון וועלכע פּרץ האָט אויפֿגעבויט זײַן דערציילונג. ווי עס האָט געזאָגט זײַן פֿרײַנט דינעזאָן: „פֿון דײַן ציגל אַ הויז" — אַזוי האָט פּרץ געבויט נײַע הײַזער פֿון אַלטע ציגל, באַנוצנדיק זיך מיט אַלטע מאָטיוון אויף זײַן אייגנאַרטיקן אופֿן, געבנדיק זיי אַ נײַעם לעבן און אַ נײַעם זין.

# ביבליאָגראַפֿיע


בערגער, ישעיהו

1946 „צו די מקורים פֿון די פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן" אין ייוואָ בלעטער 28: 100-110.

בן־גוריון, מיכה יוסף

1934 Micha Joseph Bin-Gorion, *Der Born Judas*, Schocken Verlag: Berlin, 329, No. 145.

1956 ממקור ישראל: מעשיות וסיפורי עם, דביר; תל אביב, ת״ט.

גאַסטער, משה

1924 Moses Gaster, *The Exempla of the Rabbis,* Asia Pub. Company: London, 116, No. 317.

1934 Moses Gasster, *Ma'aseh Book: Book of Jewish Tales and Legends,* Jewish Publication Society of America: Philadelphia, Vol. 1: 292. No. 148.

גינזבערג, ל.

1913 Louis Ginzberg, *The Legends of the Jews,* Jewish Publication Society of America: Philadelphia, Vol. 4: 206.

מדרש זוטא

[תרנ״ד] מדרש זוטא לשיר השירים, רות, איכה וקהלת,

על פי כתב יד מאוצר הספרים של די ראססי בפארמה, קובץ 541. יצא לראשונה בברלין: תרנ"ד. נדפס מחדש תל אביב: (ללא תאריך): 48-49.

מעשה בוך

1969 מעשה בוך, 84 דערציילונגען פון דער ערשטער אויסגאַבע אין באַזעל, אין 1602, פון אַלט יידיש, מיט הערות, מקורים, מאָטיוון פון יעקב מייטלים, יוסף ליפשיץ פאָנד: בוענאָס איירעס [= מוסטערווערק פון דער יידישער ליטעראַטור, 38]: 107-110.

ניסים בר' יעקב מקירואן

1960 חיבור יפה מהישועה, מוסד הרב קוק: ירושלים, צ"ג צ"ה. פרק ל"א.

פרץ, י.ל.

1947 פאָלקסטימלעכע געשיכטן [=אַלע ווערק, 5]. ציקאָ: ניו־יאָרק: 105-110.

# בילדער פון פרויען אין דוד בערגעלסאָנס נאָך אַלעמען און פראַנץ קאַפקאַס דער שלאָס

פון
**דפנה קליפאָרד**
(אָקספאָרד)

די אייראָפּעאישע ליטעראַטור פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז כולל אַ סכום שאַפונגען פון מחברים ייִדן, וואָס מען פאַררעכנט ניט צו דער ייִדישער ליטעראַטור גופא מחמת די דאָזיקע ווערק זיינען געשריבן אויף ניט־ייִדישע שפּראַכן. אייניקע ווערק אַזעלכע ווייזן אָבער אַרויס בולטע טעמאַטישע איינגנשאַפטן וועלכע מען קען כאַראַקטעריזירן ווי ייִדישע, כאָטש די שרייבער האָבן בפירוש ניט געהאַט אין זינען צו דעמאָנסטרירן זייער ייִדישקייט, נייערט פונקט פאַרקערט — די כוונה איז געווען אַריינצופלעכטן זייער שעפערישקייט אין דער קולטור פונעם לאַנד וואו זיי האָבן געלעבט. צווישן אַזעלכע „פאַרפירערישע" טעמעס קען מען אַפנים צורעכענען באַשרייבונגען פון אַ ניט־מזלדיקן משפחה לעבן, מיט אַ „צוגאָב" פון ניט־געלונגענע באַמיאונגען אָנגענומען צו ווערן אין דער ברייטער, ניט־ייִדישער געזעלשאַפט.

פון אַזאַ שטאַנדפונקט וויל איך פאַרגלייכן צוויי ווערק — דוד בערגעלסאָנס נאָך אַלעמען און פראַנץ קאַפקאַס דער שלאָס.

## I

פּסיכאָלאָגישע פאַריתומטקייט איז אַ פרינציפּיעל וויכטיקער שטריך פון דער שאַפונג פון דוד בערגעלסאָן, וועלכער האָט אַליין געהאַט אַזאַ לעבנס־דערפאַרונג ווי אַ בן־זקונים פון פרומע רייכע עלטערן. ניט צופעליק איז דאָס דער הויפּט־מאָטיוו פון נאָך אַלעמען. דערצו קומען נאָך צו אַמביוואַלענטע מאָטיוון פון אָפגעריסנקייט פונעם ייִדישן שטעטל ווי אויך פון זוכן אַן אָנערקענט אָרט אין דער געזעלשאַפט פון דער גרויסער רוסישער שטאָט.

דער ראָמאַן נאָך אַלעמען, וואָס איז דערשינען אין 1913, איז באַלד אויפגענומען געוואָרן ווי אַ וויכטיק ווערק אין ייִדישער ליטעראַטור. ניט די קלענסטע ראָלע אין דער הויכער אָפשאַצונג האָט געשפּילט דער פאַקט וואָס זיין הויפּט־העלד איז געווען אַ פרויען געשטאַלט — מירעלע. לויט רחל קאָרן (1962: 16), שטאַמט דער שטאַרקער איינדרוק, וואָס מירל האָט געמאַכט אויף דער ייִדישער לייענערשאַפט, צום טייל פון דער געוואוינהייט, וואָס מען האָט געהאַט פאַר דער ערשטער וועלט מלחמה, אַז דער הויפּט־העלד פון אַ ראָמאַן צי אַ דערציילונג איז שטענדיק געווען אַ מאַנסביל. אַוודאי זיינען אויך פריער געווען פרויען־געשטאַלטן אין דער ייִדישער ליטעראַטור, נאָר זיי האָבן פיגורירט אין צווייטראַנגיקע ראָלן און זייער שליחות איז געווען אונטערצושטרייכן „די הויכע קוואַליטעטן פון מאַן".

בערגעלסאָנס מירל רעפּרעזענטירט אַ פאַראַלגעמיינערטן היסטאָרישן טיפּ, וואָס מען האָט בדרך כלל געשילדערט דורך דעם עקזיסטענציעלן קריזיס פון אַ מענלעכן העלד. אין זיינע פאַר־סאָוועטישע ווערק האָט זיך בערגעלסאָן פאַרנומען דערעיקרשט מיטן מענטשן פון זיין דור און פון זיין קרייז, דהיינו, מיט דער געבילדעטער יוגנט וואָס האָט מיט גרויס יאוש איבערגעלעבט די מפּלה פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע (1905). ניט געקוקט אויף דעם וואָס אין יאָר 1913 האָט דער מין „פרוי מירעלע" רעפּרעזענטירט בלויז אַ קליינעם פּראָצענט פון ייִדישע פרויען אין רוסלאַנד, איז מירל געוואָרן אַ סימבאָל

פֿון אַ גאַנצער תּקופֿה, אַזוי אַז דער ראָמאַן איז געוואָרן מער באַקאַנט ווי מירעלע אײדער ווי נאָך אַלעמען.

בערגעלסאָנס העלדין איז אַן אויסגעבילדעטער אינטעלעקטואַל, אַ מיידל וואָס איז אַ יאָר זיבעצן אַלט ביים אָנהייב, און אַ פֿרוי פֿון פֿיר און צוואַנציק יאָר צום סוף פֿונעם ראָמאַן. זי איז אַ געפֿאַנגענע אינעם עקל, וועלכן עס רופֿט אין איר אַרויס דאָס „נ אָ ר מ אַ ל ע" ווייבלעכע קליינשטעטלדיקע לעבן. מירל איז אַ דערשלאָגענע פֿון דער אוממעגלעכקייט צו אַנטלויפֿן פֿון איר גורל מחמת איר פּאַסיווקייט. די פּאַסיווקייט אירע איז דער בולטסטער סימן־מובהק, וואָס טיילט זי אויס פֿון אירע אוכאַזשאָרן און פֿונעם מאַן, וועלכע שאַפֿן איר מאַנסבילשע געזעלשאַפֿט. די אַלע מענער, וועלכע פֿאַרליבן זיך אין איר, זיינען דאָך זעלבשטענדיק, קודם כּל פּסיכאָלאָגיש, דאַן ווען מירל האָט ניט קיין אייגענע עקזיסטענץ. זיך אָפּגעזאָגט פֿון דער טראַדיציאָנעלער ווייבלעכער ראָלע, פֿון אַן אַקטיוון זעלבשטענדיקן לעבנסשטייגער, ווערט מירל די ערשטע נייִמאָדישע נעווראטישע פֿרוי אין דער יידישער פּראָזע.

דער אמתער קינסטלערישער דערפֿאָלג פֿונעם ראָמאַן באַשטייט אָבער אינעם גלייכוואָג פֿון דער כאַראַקטעריזירונג פֿון מירלען. בערגעלסאָן באַלאַנסירט אויף אַ האָר, אַזוי אַז צולעצט קען מען קוים באַשליסן צי זי איז סתם אַ בת־יחידישע מפֿוניצע, ווי דער אַרומיקער עולם אין שטעטל טענהט, צי זי איז פּאַקטיש אַן אויסנאַם אין פּאָזיטיוווסטן זינען — אַ קלוגע און ראַפֿינירטע פֿרוי, וועלכע אַנטפּלעקט מוטיק די שאָטנזייטן פֿון שטעטלדיקער צביעות.

בערגעלסאָן האָט געשאַפֿן אַ פּראָטאָטיפּ פֿון אַ נייער פֿרוי. ערשט נאָך איר, באַווייזן זיך אין דער יידישער ליטעראַטור אַנדערע פֿרויען־העלדן וואָס זייער לעבן און שטאַרבן איז טראַגיש. אמת, בערגעלסאָן איז נאָך ניט אַזוי דרייסט אויף צו שילדערן אַ טראַגישע פֿיגור פֿון אַ פּסיכיש נאָרמאַלער אינטעלעקטועלער פֿרוי. זיין מירל הורוויץ איז אַ רעטעניש פֿאַר זיך אַליין, און זי איז געצוואונגען אָנצונעמען די סבֿרא, אַז זי איז פּשוט אַן „איבערגאַנגס־פּונקט" ביי יידישע פֿרויען (בערגעלסאָן 1923: 109).

מירלס געשטאַלט שפּילט אַ צווייאיקע ראָלע: דער שרייבער מאָלט אויס אי דעם מצבֿ פֿון דער יידישער שטעטלדיקער אינטעליגענץ אי די סתירותדיקע שטרעבונגען אינעם גורל פֿון אַ פֿרוי וואָס לעבט אין דער דאָזיקער סבֿיבֿה. אינטערעסאַנט, אַז בערגעלסאָן קלערט ניט אויף די באַציאונגען צ ו ו י ש ן מענער און פֿרויען. אמת, ס׳איז יאָ פֿאַראַן אַן אויסנאַם, ווען דער שרייבער באַמערקט אַז אין מירלס תּנאָים איז נכלל געווען דער תּנאַי, אַז זי וועט קיינמאָל ניט מוזן לעבן מיטן מאַן ווי מאַן־און־ווייב. דער נאַראַטאָר קאָמענטירט:

> און פֿיל כּלה־מיידלעך, וואָס ווייסן ניט, וואָס זיי ווילן, האָבן ווי זי, געמיינט, אַז זיי האָבן חתונה אויף קאַטאָוועס, אויף דערווייל, און האָבן מיט זייערע ניט געראָטענע חתנים דעם זעלבן תּנאַי אויסגענומען.
>
> (בערגעלסאָן 1922: 8)

מירל ווייסט טאַקע ניט, וואָס זי וויל. מיט אירע מיטצייטלער מענער איז זי פֿאַרבונדן דורך איר אַנאַליטישן אינטעלעקט. גלייכצייטיק געהערט זי ניט צו זיי צוליב איר עמאָציאָנעלער אומסטאַבילקייט. פֿון דער אַנדערער זייט, זיינען אירע טשודנע גענג און מאַנירן פֿרעמד פֿאַר אַנדערע פֿרויען, אַזוי אַז אויף אַן אמת געהערט זי צו קיינעם ניט.

מירל אינטערעסירט זיך שטאַרק מיט דער פֿראַגע פֿון פֿרויען־אידענטיטעט, זי איז טיף פֿאַרזונקען אין אַ בוך וואָס הייסט די פֿרוי אין אַלע צייטן, וואו מען פּרוּווט געפֿינען אַן ענטפֿער אויף דער פֿראַגע: „די פֿרוי איז אַ מענטש צי ניין?" (בערגעלסאָן 1923: 84). וואָס שייך מירלס אייגענער אידענטיטעט אין איר סבֿיבֿה, האַלט מען זי פֿאַר אַ ניט נאָרמאַלן מענטשן. דער שרייבער ווייזט איר צושטאַנד ווי אַ פֿאַל פֿון קלינישער דעפּרעסיע:

> גאַנצע טעג איז זי אין שטוב געזעסן, געטראָגן איינעם און דעם זעלבן קויטיקן רויטלעכן און צעכראַסטעטן כאַלאַט מיט עמעצנס אַ פּאָר גרויסע מאַנסבילישע שטעקשיך, זיך אָנגעטאָן אין אָט די בגדים נאָך באַלד, ווי זי איז אַרום עלף אַזייגער אינדערפֿרי פֿון בעט אויפֿגעשטאַנען, זיך דעם פּנים ניט געוואַשן און די האָר ניט פֿאַרקעמט, זיך אין עסצימער אויף דער קאַנאַפּע אַוועקגעלייגט און זיך געמאַטערט און געליטן פֿונעם אַלטן געדאַנק: „אויב זי וועט באמת ניט געפֿינען קיין מיטל, ווי אַזוי פֿון אָט דעם איצטיקן לעבן ניצול צו ווערן, איז דאָך שוין פֿאַרפֿאַלן אַלץ".
>
> (בערגעלסאָן 1923: 57)

עס וואָלט אָבער געווען ניט ריכטיק צו באַטראַכטן מירלען ווי פּשוט אַ פֿאַרביסענע און פֿאַרזויערטע פֿרוי. אין תּוך גענומען, פֿאַרקערפּערט זי אַלע וועזנטלעכע אַספּעקטן פֿון בערגעלסאָנס שטעלונג צום שטעטלדיקן לעבנסשטייגער ערבֿ דער ערשטער וועלט מלחמה און דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. שפּעטער האָט בערגעלסאָן מסביר געווען וואָס ער האָט געהאַלטן וועגן דעם יידישן לעבן אין רוסלאַנד אין דער תּקופֿה פֿון נאָך אַלעמען:

ווען איך בין געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור, האָט מען געהאַלטן אין איין באַזינגען דאָס שטעטל. איך אָבער האָב געפֿילט, ווי עס איז ענג די לופֿט, ווי שטיקנדיק זי איז אינעם גוססדיקן שטעטל. איך האָב געפֿילט, אַז דער פֿריערדיקער דור איז פֿאַראָרעמט. מירעלע, אין נאָך אַלעמען האָט ניט וואָס צו נעמען קיין ירושה פֿון איר פֿאָטער, און עס איז נאַריש צו מיינען, אַז עס האַנדלט זיך בלויז וועגן מאַטעריעלער ירושה [...] מען האָט באַדאַרפֿט געבן דעם אָפּגאַנג אין יידישן לעבן.
(בערגעלסאָן 1930: 438)

## II

אין 1924 שטאַרבט פֿראַנץ קאַפֿקאַ און לאָזט איבער ניט פֿאַרענדיקט זיין גרויסן ראָמאַן דער שלאָס, וואָס באַהאַנדלט אויך — ווי בערגעלסאָנס נאָך אַלעמען — אַ ניט געלונגענעם עקזיסטענץ־קאַמף. דער שלאָס איז אַן אַלעגאָריע, קאַפֿקאַ באַשרייבט ניט די אַלע רעאַליסטישע פּרטים, וואָס מען געפֿינט ביי בערגעלסאָנען, ווען ער שילדערט דאָס אוקראַיניש־יידישע שטעטל. און דאָך איז די גרונט־סיטואַציע די זעלבע: אין ביידע ראָמאַנען גיט זיך ניט איין די העלדן צו ווערן אָנערקענט אין דער נייער סביבה, אין וועלכער זיי ווילן זיך איינבירגערן. אמת, דער טראָפּ ווערט אין נאָך אַלעמען געשטעלט אויף דעם צעפֿאַל פֿון פֿאַרגאַנגענעם לעבן, בשעת ווען אין קאַפֿקאַס ראָמאַן ווערט אונטערגעשטראָכן דער קאַמף פֿאַר דער אָנערקענונג אינעם נייעם אָרט. אָבער אַזאַ קאַמף שילדערט אויך בערגעלסאָן ווען ער באַשרייבט פּרטימדיק מירלס איבערלעבונגען אין קיעוו.

אַחוץ דער סיטואַציאָנעלער אידענטישקייט פֿון ביידע ווערק, פֿאַראייניקט זיי אויך דער זעלבער, אין תּוך גענומען, קוק אויף עראָטיק און משפּחה לעבן, אָבער דער עיקר — די ענלעכקייט פֿון די פֿרויען־אימאַזשן. ווי באַקאַנט, האָט קאַפֿקאַ ניט איין מאָל אויסגעדרוקט, בעל־פּה און שריפֿטלעך, זיין התפּעלות פֿאַר משפּחה לעבן. דער סאַמע בולטסטער ביישפּיל פֿון זיין ליטעראַרישן אויסדרוק וועגן אָט דער טעמע געפֿינען מיר אין דער נאָוועלע "Hochzeitsvorbereitungen auf dem Lande":

Heiraten, eine Familie gründen, alle Kinder, welche kommen, hinnehmen, in dieser unsicheren Welt erhalten und gar noch ein wenig führen ist meiner Überzeugung nach, das Äusserste, das einem Menschen überhaupt gelingen kann.
(קאַפֿקאַ 1953: 209-210)

די ווירקלעכקייט פֿון קאַפֿקאַס בעלעטריסטישער וועלט איז אָבער ניט קיין אָפּשפּיגלונג פֿון אָט דער דעקלאַראַציע. זיין העלד — קאַ — וויל, כלומרשט, חתונה האָבן מיט פֿרידאַן, ער זאָל אָנגענומען ווערן אין דער אָרטיקער געזעלשאַפֿט און אויף אַזאַ אופֿן פֿאַרענדיקן זיין געראַנגל מיט די אָרטיקע מאַכטאָרגאַנען, זיי זאָלן אים געבן די דערלויבעניש צו בלייבן אין דעם דאָרף, וואָס באַלאַנגט צום שלאָס. אָבער קאַ, מיט זיין אויפֿפֿירונג, שטויסט פֿון זיך אָפּ די העלדין פֿרידאַ, וואָס איר נאָמען איז אַן אָנצוהערעניש אויף איר ראָלע אינעם ראָמאַן: זי וואָלט געדאַרפֿט שלום מאַכן צווישן אים און דער וועלט. פֿרידאַ איז דאָך אַ הינגע, דערצו איז זי אויך אַ פֿריערדיקע געליבטע פֿון קלאַמען, דעם אַלמעכטיקן הערשער פֿונעם שלאָס. און קלאַם שרייבט צו קאַ אַ בריוו וועגן דעם אַז די מאַכט־אָרגאַנען ווילן ער זאָל פֿאַרבלייבן מיט פֿרידאַן. קאַ פֿאַרלאָזט אָבער זיין כּלה און צום סוף פֿאַרווײַלט ער זיך אין משך פֿון אַ גאַנצער נאַכט מיט צוויי שוועסטער, וועלכע זיינען די איינציקע מענטשן אינעם דאָרף, וואָס זיינען נאָך גרעסערע אויסוואָרפֿן פֿון אים.

אַזוי אַרום מאַכט קאַ אַליין קאַליע זיין אייגענעם גליק — פּונקט ווי מירעלע, וואָס פֿאַרלאָזט איר ערשטן חתן, איר מאַן, די עלטערן און ליבהאָבער, ביז זי ווערט אינגאַנצן אָפּגעשיידט און צעבראָכן. אין קאַס געשטאַלט פּילט זיך אַן אָפּקלאַנג פֿון אָטאָ וויינינגערס באַרימט ווערק (אַרויס אין 1903) געשלעכט און כאַראַקטער. ווי באַקאַנט, האָט וויינינגער געהאַלטן אַז יידן זיינען ענלעך צו ווייבער, ספּעציעל אין זין פֿון זייער סעקסועל אויסגעמישטער כאַראַקטערלאָזיקייט (Promiskuität — לויט וויינינגערן). קאַ איז אַ פּריערער גרייט ליב צו האָבן פֿרידאַן, און פֿרידאַ איז אַ פּריערער גרייט ליב צו האָבן קלאַמען, נאָר ווייל — לויט דער שייכות סיסטעם פֿונעם שלאָס — די פֿרויען זיינען אַזעלכע נידעריקע באַשעפֿענישן, וואָס זיי האָבן אויטאָמאַטיש ליב אַלע באַאַמטע פֿונעם שלאָס. די פֿרויען האָבן ליב די מאַכט, צו וועלכער זיי האָבן ניט קיין צוטריט, סיידן אַ באַאַמטער גיט אַכטונג אויף זיי:

Wir aber wissen, dass Frauen nicht anders können, als Beamten zu lieben, wenn sich diese ihnen einmal zuwenden, ja sie lieben die Beamten schon vorher.
(קאַפֿקאַ 1982: 311)

ווען קאַ פֿאַרלירט פֿרידאַן, נעמט ער אָן פֿאַר ליב זיין אבֿדה מיט דער זעלבער פּאַסיווקייט ווי ביי מירעלע. פֿרידאַ איז אַ מוסטערהאַפֿטער ביישפּיל פֿאַר וויינינגערס לערע, ווייל זי פֿאַרקערפּערט דעם פּרינציפּ פֿון ניט

ז י י ן. איר געשטאַלט איז אָפּהענגיק אָן דער אַנטפּלעקונג פון מענער־סעקסואַליטעט. זי האָט ניט קיין כאַראַקטער און ניט קיין אינדיווידואַליטעט. און קאַ אַליין, אין זיינע מענטשלעכע באַציאונגען, טראָגט די זעלבע „ווייִנינגערישע" סימנים פון ווייבלעכקייט ווי פרידאַ: ער איז אַלאָגיש, אויבנאויפיק און עראָטיש אויסגעמישט. עס באַקומט זיך, אַז די פסיכאָלאָגישע קאָנסעקווענצן פון געזעלשאַפטלעכער אָפּגעשיידטקייט און פּאָליטישער מאַרגינאַלקייט זיינען בעצם די זעלבע, סיי ביי אַ היימלאָזן מאַנסביל סיי ביי אַ געבוירענער פרוי.

דערצו ווייזט קאַפקאַ, אַז דער צושטאַנד פון אַ היימלאָזן מאַנסביל — לאָמיר זאָגן פון עפּעס אַן אייביקן יידן — איז נאָך ערגער ווי ביי אַ היימישער פרוי. וויבאַלד קאַ פאַרלירט פרידאַן, פאַרלירט ער אויך די האָפענונג אויף געזעלשאַפטלעכן אָננעם, בשעת ווען פרידאַ קלייבט זיך תיכּף אויס אַ נייעם געליבטן, מיט וועלכן זי ווערט ווידער האַרציק אויפגענומען דורך די שלאָס־מאַכטן.

דער שלאָס האָט ניט קיין בפירושדיקע יידישע טעמאַטיק. פונדעסטוועגן פאַרקערפּערט קאַ דעם מצב פון דער דעמאָלטיקער יידישער יוגנט, וואָס האָט לויט די ווערטער פון דוד בערגעלסאָנען, כּסדר „געגעבן דעם אָפּגאַנג אין יידישן לעבן".

# ביבליאָגראַפיע


בערגעלסאָן, דוד

1922 ווערק. נייע פאַרבעסערטע אויסגאַבע, ב. 4, פאַרלאַג „וואָסטאָק": בערלין.

1923 ווערק. נייע פאַרבעסערטע אויסגאַבע, ב. 5, פאַרלאַג „וואָסטאָק": בערלין.

1930 „פּראָבלעמען פון דער יידישער ליטעראַטור" אין ליטעראַרישע בלעטער 24: 437-439.

ווייִנינגער, אָטאָ

1916 Otto Weininger, *Geschlecht und Charakter: eine prinzipielle Untersuchung,* Wilhelm Braumüller: Leipzig.

קאַפקאַ, פראַנץ

1953 Franz Kafka, "Hochzeitsvorbereitungen auf dem Lande" in *Gesammelte Werke:* New York.

1982 Franz Kafka, *Das Schloss – Roman in der Fassung der Handschrift*: Frankfurt am Main.

קאָרן, רחל

1962 „דוד בערגעלסאָן (פון מידת הדין ביז מידת הרחמים)" אין די גאָלדענע קייט 43: 9-26.

שטאַך, ריינער

1987 Reiner Stach, *Kafkas erotischer Mythos: eine ästhetische Konstruktion des Weiblichen:* Frankfurt am Main.

# משה קולבאַקס רײַסן

פון
**מיכל גיא**
(ירושלים)

## I

די טעמאַטיק פונעם יידישן פויער, וועלכע שטאַמט פון אַ היסטאָרישער ווירקלעכקייט וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אויף פאַרשיידענע געאָגראַפישע בינעם, אין ניינצנטן און אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, האָט געפונען איר עסטעטישן אויסדרוק אין דער ליטעראַטור ביי יידן. די דאָזיקע טעמאַטיק איז געווען צוגעפּאַסט פאַר אַ באַהאַנדלונג דורכן אידילישן זשאַנער. מיין כוונה, ביים באַהאַנדלען קולבאַקס רײַסן (צום ערשטן מאָל געדרוקט אין דער צוקונפט אין 1922) איז צו באַטראַכטן די פראַגע, וועלכע אַספּעקטן פון דער אידיליע ווערן אויסגעקליבן און באַאַרבעט אין דעם ווערק און ווי אַזוי עס ווערט צונויפגעשטעלט די פּאָעמע. וואָסערע באַדייטן און עפעקטן שאַפן די שייכותן וואָס צווישן אירע באַשטאַנדטיילן? דורכן אַנאַליז פון דער זשאַנערישער, קאָמפּאָזיציאָנעלער און סטיליסטישער געשטאַלטיקונג וועט מעגלעך זיין צו באַלייכטן די קענצייכנס פון קולבאַקס פּאָעטיש וואָרט.

צוועלף לידער שטעלן צונויף די פּאָעמע. מען וואָלט געקענט זאָגן אַז די לידער שילדערן דאָס לעבן פון אַכצן מענער, דער זיידע מיט זיינע זיבעצן זין, דורך אַ ריי סצענעס און בילדער, וואָס דער פּאָעט פאַרבינדט מיט אַ שוואַך־דערציילערישן פאָדעם. דאָס ערשטע ליד שטעלט פאָר פאַרן לייענער די הויפּט העלדן פון דער געשטאַלטיקטער וועלט:

> אָ, דער זיידע פון קאַבילניק איז אַ ייד אַ פּשוטער,
> אַ פויער מיט אַ פּעלץ און מיט אַ האַק און מיט אַ פערד...
> און מיינע זעכצן פעטערס און מיין טאַטע —
> יידן פּראָסטע, יידן, ווי די שטיקער ערד,
> טרייבן פליטן אויף די טייכן... שלעפּן קלעצער פון די וועלדער...
> און דעם גאַנצן טאָג געהאָרעוועט ווי כלאָפּעס,
> עסט מען וועטשערע פאַרנאַכט צוזאַמען פון איין שיסל,
> און מען פאַלט אַנידער אין די זעכצן בעטן ווי די סנאָפּעס.
> דער זיידע, אָ, דער זיידע קלעטערט קוים אַרויפעט אויפן אויוון,
> ער איז דער אַלטיטשקער ביים טיש אַנטשלאָפן שוין געוואָרן,
> נאָר די פיס — זיי וויסן, פירן זיי אַליין אים אָפּ צום אויוון...
> דעם זיידנס גוטע פיס, וואָס דינען אים פון כמה יאָרן...

דאָס ליד דינט אין אַ געוויסער מאָס ווי אַ מאַקעט פון דער גאַנצער פּאָעמע. עס שטרייכט אונטער פון אָנהייב אָן אירע צענטראַלע עלעמענטן. די ערשטע שורות כאַראַקטעריזירן דעם זיידן (שורות 1-2) און, נאָך אים, די גאַנצע גרופּע (שורות 3-4). די ווייטערדיקע פיר שורות געשטאַלטיקן — אויך דורך אַ פּאַראַלעליסטישן געבוי — די פאַרבינדונג פון מענטש מיט דער נאַטור דורך דער אַרבעט, און די צייט פון זיין עסן און זיין רוען. אין דעם באַשטייט טאַקע די הויפּט־טעמאַטיק פון דעם סאָרט אידיליע וואָס מיכאַאיל באַכטין האָט אָנגערופן „די אידיליע פון ערד־אַרבעט" (באַכטין 1978: 367 און ווייטער).

ביי קולבאַקן באַקומט דער דאָזיקער זשאַנער אַ גאַנץ רעאַליסטישן אויסדרוק: אין דעם ציטירטן ליד זעט מען ווי דער רעדער נייגט זיך נישט צו סובלימירטע

פאָרמען נאָר עם געשטאַלטיקן זיך די קאָנקרעטע טאָגטעגלעכע געשעענישן וועלכע שלאָגן וואָרצלען אין דער ערדישקייט און אין דער פליישיקייט. דער זיידע, וואָס זיין ערשטער עפּיטעט באַשטעטיקט זיין אָנגעהעריקייט צו אַ באַשטימט אָרט — ווי עס פּאַסט פאַר דער באַשריבענער וועלט אין דער אידיליע — ווערט צום אָנהייב כאַראַקטעריזירט דורך דריי איינפאַכע אָביעקטן וואָס פאַרבינדן אים פיזיש מיט זיין אַרום: „אַ פויער מיט אַ פעלץ און מיט אַ האַק און מיט אַ פערד". די פאַקטישע נאָענטקייט פון די מענטשן צו דער נאַטור ווערט מגולגל, שוין אינעם ערשטן ליד, אין אַנאַלאָגישע שייכותן: „יידן ווי די שטיקער ערד", „ווי די סנאָפּעס". די איבערחזרונג פון געוויסע ווערטער וואָס געהערן צום זעלביקן סעמאַנטישן געביט (און וואָס פאַרקניפּן זיך דערצו אויך פאָניש דורך דער אַליטעראַציע: פּשוטער, פּראָסטער, פויער, כלאָפּעס), ווייזט אַז דאָס מגושמדיקע קריגט דאָ די אייבערהאַנט; דערצו ווערט נאָך דאָ די מגושמדיקייט אונטערגעשטראָכן דורך אַ באַגייסטערטן טאָן. נאָר אין די לעצטע פיר שורות פונעם ליד ענדערט זיך די שטימונג. אַנטקעגן דער פריערדיקער בצימצומדיקער געשטאַלטיקונג באַווייזט זיך דאָ אַ מער אַנטוויקלטע באַשרייבונג פון אַ סצענע; אַנטקעגן דער קאָנאָטאַציע פון פעסטקייט פון אַ זיידן, וואָס האָט אַ האַק און אַ פערד, געפינט זיך איצט „דער אַלטיטשקער" וואָס „קלעטערט קוים אַרויפעט אויפן אויוון". אַזוי שליסט זיך דאָס ליד מיט אַן אינטימער היימישער שטילקייט. זיין געבוי ווייזט שוין אָן אויף שטריכן וועלכע ווערן שפּעטער אַרויסגעבראַכט אין גאַנצן ווערק. ראשית, בנוגע דעם אינהאַלט און סדר פון די געשעענישן: אין דער פּאָעמע געשטאַלטיקט זיך צום אָנהייב די אַרבעט פון די העלדן אויף דער פרייער לופט און צום סוף, אין לעצטן ליד — יב, נעמט „דער זיידעניו" צוזאַמען זיינע גלידער ווען ער „קומט שטאַרבן". שנית, וואָס שייך דעם איבערגאַנג פון איין טאָן צו אַ צווייטן — אין דעם פאַל, פון באַזונגענער פעסטקייט צו שטיל באַשריבענער אינטימקייט — געפינט מען שוין אין ערשטן ליד אַ שוואַכן אָפּקלאַנג פון אַ קאָמפּאָזיציאָנעלן מיטל וואָס צעשפּילט זיך לענגאויס דער גאַנצער פּאָעמע.

רײַסן באַשטייט פון זעקס „גרעסערע" לידער און זעקס „קלענערע" וואָס פלעכטן זיך דורך צווישן זיי לסירוגין. איך רוף זיי „גרעסערע" לידער, ווייל זיי פאַרמאָגן, בדרך כלל, לאַנגע אַמפיבראַכישע שורות און ווייל זיי זיינען אויך, בדרך כלל, לענגער. (בלויז איינס פון די „קלענערע לידער" האָט דעם זעלביקן פערזן⸗געבוי ווי די גרויסע לידער: דאָס ליד ה. נאָר ווייבאַלד עס איז דאָס קירצסטע ליד פון דער פּאָעמע — בלויז אַכט שורות — צעשטערט עס נישט דעם ערשטן איינדרוק וואָס שייך דעם חילוק צווישן גרעסערע לידער און קלענערע.)

## II

די גרעסערע לידער — ב, ד, ו, ח, י און יב — שטייען אין פאָדערגרונט פון דער פּאָעמע. זיי מאָלן די הויפּט⸗העלדן און דורך זיי בעיקר ווערט געשטאַלטיקט די אידילישע וועלט. די ערשטע צוויי, ב און ד, צייכענען זיך אויס מיט זייער מאַסיווקייט: זייערע שורות צעציען זיך און נעמען אין זיך אַריין ביז אַכט אַמפיבראַכן. דער דאָזיקער מעטרישער געבוי איז אַ ממשותדיקע פאַרקערפּערונג פון די באַדייטן וואָס געשטאַלטיקן זיך אין די לידער: אין זיי ווערט באַשריבן די מענלעכע אַרבעט. דער הויפּט⸗העלד פון דער געשילדערטער וועלט איז נישט דער יחיד נאָר די גרופּע, ווי עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם סאָרט אידיליע וואָס שעפּט זיינע מקורות פון דער „פאָלקלאָרישער צייט" (באַכטין 1978: 351, 369). דער כח פון אַ רבים באַהערשט די סצענע אין עטלעכע לידער און די שותפותשאַפט ווערט נאָך מער אונטערגעשטראָכן דורך דער אָנגעהעריקייט פון די העלדן צו איין משפחה. די אָנוועזנהייט פונעם קאָלעקטיוו איז באַזונדערש קענטיק אין ליד ב: „אַזוי ווי די האָריקע יאָדלעס — אַ טאַטע אַן אַלטער מיט זיבעצן לייבלעכע ברידער..." דער ציפער אַכצן — אַכצן מענער — שפּילט אַ טאָפּעלע ראָלע: ער שאַפט קאָנאָטאַציעס פון ברייטפאַרנעמיקייט דורך דער היפּערבאָלישער פיגור און ער ווייזט אָן — דורך גימטריא — אויפן לעבן.

דאָס לעבן איז אין דער פּאָעמע אַ סינאָנים פון אַרבעט. און, ווי געזאָגט, איז די אַרבעט אין דער אידיליע אַ דיאַלאָג מיט דער נאַטור. די ערד פאָדערטביים מאַן זיין מי און זיין צייט און גיט אים אָפּ דערפאַר מיט שפּייז און מיט פרייד. די דאָזיקע האַרמאָנישע באַהעפטונג געשטאַלטיקט זיך דורך אַנדערשדיקע וועגן אין די צוויי לידער וואָס מיר באַהאַנדלען. די לידער זיינען געבויט פּאַראַלעל און זיי דערגאַנצן זיך אין זייער דראַנג צו שאַפן אַ שלימותדיק און אַרומנעמיק בילד. גלייך פון זייערע טיטלען אָן איז קענטיק די אַנאַלאָגיע: דאָס ליד ב הייסט „מען קאָסעט היי..." און דאָס ליד ד „מען טרייבט פליטן...". דאָס ערשטע ליד באַשרייבט די אַרבעט אויף דער ערד און דאָס צווייטע — אויפן וואַסער; אין ערשטן זאָגט מען אָן, אַז עס איז האַרבסט און אין צווייטן שילדערט מען דעם פרילינג. אין ביידע לידער פורעמט זיך אויס אַ בילד וואָס איז פול מיט געשעעניש.

פון וואַנען נעמט זיך די דינאַמישקייט פון די

בילדער? פון די קאָנקרעטע עלעמענטן וואָס ווערן צונויפגעבראַכט איינער נאָכן צווייטן און ווערן אויפגעכאַפּט אין דעם מאָמענט פון זייער באַוועגונג. די אַרבעט פון די מענער ווערט „פּאַרטיילט" צווישן פאַרשיידענע טיילן פון קערפּער: „אַ קער מיט די פּלייצעס", „ס'בייגן זיך זיכער די הענט", „עס קנאַקן די שענקלען". די געשטאַלטיקטע טואונגען פאַרמערן זיך און אַ סך פון זיי ווערן פאַרטרויט אַ קאָנקרעטער כּלי, די קאָסע, וועלכע באַווייזט זיך אין אַכט פון די ניינצן שורות וואָס שטעלן צונויף דאָס ליד. אירע שנעלע באַוועגונגען דריקן זיך אויס דורך גאָר קורצווייליקע בילדער און דורך מעטאָנימישע אָנווייזונגען: „עס צופּן די קאָסעס, ס'צעשפּריצט זיך דער טוי [...]", „טוט זיך די קאָסע אַ שפּיגל,\ באַווייזט זיך, פאַרשווינדט צווישן גראָז, טוט אַ בלאַנק — אַכצן קאָסעס כּסדר!..." די קאָסע גיט אָן דעם טאָן; זי דיקטירט עם די געשעענישן און זאָגט אויך אָן ווען איבערצורייסן די אַרבעט. זי שטייט אין מיט פון דער שטייגנדיקער גראַדאַציע וועלכע שאַפט דעם טאַנץ און דעם מזמור וואָס אַנטוויקלען זיך לענגאויס די שורות, פאַרוואַנדלענדיק די מענלעכע אַרבעט אין אַ מין כאָרעאָגראַפיע. די טאָגטעגלעכע געשעענישן וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם סוזשעט פון דער אידיליע ווערן דאָ געשטאַלטיקט ווי אַן איינמאָליקער יום־טוב. און דאָך איז וויכטיק צו באַמערקן אַז דער דערהויבענער טאָן פאַרדעקט נישט דאָס מאַטעריעלע און גופיקע: „פאַררייכערט מען, כאַפּט מען אַ זופּעלע קוואָס פונעם קריגל, \ דערנאָך שטייט מען אויף מיט אַ קרעכץ... [...]", „מען זעט שוין דעם הערינג דעם ברייטן, דער באָבעשים קעז סאַלטענאָסעם".

דעם זיידנס דירעקטע רייד, וואָס פלעכטן זיך צומאָל אַריין צווישן די שורות, געהערן אויך צו דער קאָנקרעטער וואָר צו וועלכער קולבאַקס שפּראַך ווערט צוגעצויגן, ווייל די אינטאָנאַציע פונעם גערעדטן לשון און די דיאַלעקטישע טערמינען און אויסדרוקן זיינען — אין שפּראַכלעכן געביט — גאָר ווייט פון אַבסטראַקציעס און פאַראַלגעמיינערונגען. סיי אין ליד ב און סיי אין ליד ד דריקט דער זיידע אויס זיין באַגייסטערונג מיט אויסגעשרייען. אַזוי ווערט אַרויסגעבראַכט זיין התפּעלות אין ליד ד:

עס רינען די זאַפטן פון דר'ערד אַז אַ שיכּרות נעמט
דורך אַלע גלידער,
עס שפּאַרט זיך אַ לעבן אַ שטומער דורך גרעזער,
דורך וואָרצלען און צווייגן,
אַז ס'האַלט מער ניט אויסעט דער זיידע, ער טוט זיך
אַ נעם, אָ, ער קען מער ניט שווייגן,
דערלאַנגט ער אַ רעווע: טראַסציאַ אין דיין טאַטן!
און נאָכאַמאָל ווידער:
טראַסציאַ אין דיין מאַמען! אַז ס'כאַפּן זיך אויפּעט די
זין אויף די פּליטן,
מען זעט אַז עס פּלייצן אַראָפּ פון די פעלדער די
פאַרבן די הייסע, ווי שטראָמען,
עס שפּרודלט פון פרילינג אַ פרייד אויף דער וועלט
און אַליין איז מען אויך דאָ אינמיטן...
רבונו של עולם! עס טוט זיך דאָ וואָס אויף די
פעלדער וואָס האָט נישט קיין נאָמען!...

אין ליד ד וועגט איבער דער דערהויבענער טאָן. די באַשריבענע „קערפּערלעכקייט" געהערט נישט דאָ צום מאַן נאָר צו דער נאַטור וועלכע פירט דורך די „אַרבעט": זי באַווייזט זיך ביסלעכווייז פון הינטערן נעפּל, זי צעשפּרייט זיך אַנטקעגן די מענער וואָס פאָרן איבערן טייך און זי פייערט, דערהויפּט, איר פרילינגדיקן ווידערגעבורט. אין בילד וואָס אַנטוויקלט זיך זיינען בולט די קענצייכנס פון דעם אימפּרעסיאָניסטישן סטיל. צום אָנהייב ווערט אונטערגעשטראָכן די אומבאַשטימטקייט: קאָלירן און קאָנטורן זיינען צעשוואומען אין נעפּל. אין אַ שפּיל פון פּערספּעקטיוון ווערט תּחילת דאָס גאַנצע בילד — צוזאַמען מיט דער גרופּע העלדן — אויפגעכאַפּט פונדערווייטנס, און ערשט שפּעטער גייט מען אַריבער, אין אַ מילדן איבערגאַנג, צו דער פּאַנאָראַמע וואָס ווערט אויפגעכאַפּט אין איר גאַנצער רייכקייט דורך די אויגן פון די מענער.

די פאַרבינדונג צווישן מענטש און נאַטור, וואָס איז, ווי געזאָגט, איינע פון די גרונט־מאָטיוון פון דער אידיליע, ווערט אין דעם ליד אויסגעאיידלט, ראַפינירט. די נאַטור איז דאָ נישט אַנדערש ווי אַ לאַנדשאַפט און דעריבער זיינען נישט אַזוי רעלעוואַנט די טיילן פון מענטשנס גוף נאָר זיינע חושים. עס ווערן באַטאָנט די פיינפילִיקייט און די ווירקונג פון דער געגנט אויף אַ שפּירעוודיקן א י ך. אין דעם ליד איז אַפילו קענטיק אַ לייכטע נטיה צו מעטאַפאָריזאַציע — אַ נישט־געוויינלעכע דערשיינונג אין ווערק, — און עטלעכע סינעסטעזיעס זאָגן עדות אויף די פאַרשיכּורנדיקע עפעקטן פון דער עסטעטישער באַהעפטונג צווישן מענטש און נאַטור. די סובסטאַנטיווירטע אַדיעקטיוון שטרייכן אויך אונטער דעם סוביעקטיוון אופן פון באַנעמען די לאַנדשאַפט: אַ קלאָרקייט, אַ העלקייט, אַ רחבות, אַ פרישקייט, די גרינקייט, און דאָך, צווישן די אויסגעאיידלטע אימאַזשן פון דעם ליד האַלט זיך דאָך אויף די רעאַליסטישע נטיה. אויך דאָ באַווייזן זיך די קאָנקרעטסטע זאַכן: שוואַרצועס, בוסאַקעס, אָפּאַטשינעס, שריגעס, און עס ווערן דאָ אויך

באַשריבן די געווײַנלעכסטע טואונגען פֿון מענטשן: „געבראָכן דעם ראָזעווון ברויט און צוזאַמען דעם באָרשט פֿונעם טעפּל געגעסן". אויך אין דעם ליד, ווי עס איז אָנגעוויזן געוואָרן לגבי דעם ליד ב, שאַפֿט די אַקומולאַציע פֿון די עלעמענטן אַ האַסטיקייט אינעם ריטעם.

## III

איך וויל זיך אָפּשטעלן אויף דער פֿראַגע וועגן ריטעם, וואָס איז אַ קנופּ־פּונקט צווישן די פֿאַרשיידענע ניוואָען פֿון טעקסט: דעם מעטרישן און דעם פֿאָנישן — וועלכע ווייזן אויפֿן מאַטעריעלן פּנים פֿון וואָרט, — און דעם מאָרפֿאָ־סינטאַקטישן און סעמאַנטישן. אין ליד ב — „מע קאָסעט היי" — שעפּט דער ריטעם זײַן אימפּעט און זײַן פֿעסטקייט אין אַ גרויסער מאָס פֿון די געשטאַלטיקטע אָביעקטן גופֿא, וואָס זייערע קאָנאָטאַציעס שטימען מיט מיט מײַן מעטאַפֿאָרישער באַשרײַבונג פֿון ריטעם. אָבער די דאָזיקע אייגנשאַפֿטן שטאַמען אויך פֿון דעם פֿאַקט וואָס אין יעדן שטרענג געמאָסטענעם, לאַנגן פֿערז פּאַסן זיך אַ סך מאָל אַרײַן צוויי אָדער דרײַ קורצע זאַצן אין אַ פּאַראַטאַקטישן געבוי. די סינטאַקטישע איבערחזרונג, וואָס איז בכח צו שאַפֿן נײַע רעטאָרישע באַדײַטן, שאַפֿט דאָ אַ טאָן פֿון אַנטשלאָסנקייט. אַ טייל פֿון די ווערבן אין דעם ליד ב כאַפּן אויף דעם רגעדיקן אָנהייב פֿון אַ טואונג און שטרײַכן אַזוי אונטער איר דינאַמישקייט: „טוט זיך די קאָסע אַ שפּיגל", „טוט אַ בלאַנק", „דערלאַנגט מען אַ נעם די קאַפּאָטעס". אַ סך מאָל קומען די ווערבן אַפֿריער פֿון די סוביעקטן, און עס טרעפֿט זיך אַז סובסטאַנטיוון קאָנצענטרירן אַ ווערבאַלן באַדײַט און דערמעגלעכן עס זאָלן זיך צונויפֿדריקן אין איין שורה ביז פֿיר באַוועגונגען:

> אַ שפּריז, און אַ קער מיט די פּלייצעס, אַ סווישטש,
> פּונקט עס טאַנצן אין זומפּ אַרום בליצן.

טיילמאָל שפּאַנען זיך אויך איין אַדווערביאַלע קאָנסטרוקציעס צו פֿאַרשאַרפֿן די בצימצומדיקע געשטאַלטיקונג און דעם שנעלן מאָנטאַזש:

> און ס'האָבן זיך בלאַנקער די קאָסעס צעפּייפֿט, די
> קאַפּאָטעס אַראָפּ, מיט באַוואַקסענע גלידער [. . .]

דורך די מיטלען שאַפֿט זיך אַן אינטערעסאַנטע קאָמבינאַציע פֿון האַסטיקייט און געצוימטקייט, וואָס איז אַ סימן־מובהק פֿון קולבאַקס דיקציע אין אַ סך פֿון זײַנע לידער. דער פּאָעט אַנטוויקלט נישט די באַשרײַבונגען, ער דערקלערט נישט, ער פֿאַרברייטערט נישט, נאָר די ממשותדיקע זאַכלעכקייט רעדט שוין פֿאַר זיך און יעדער זאַץ, וואָס קומט צו, ברענגט אַרײַן אַ נײַע באַוועגונג.

עס איז טשיקאַווע אויסצוגעפֿינען, דורך וועלכע וועגן שאַפֿט זיך די הויכקלינגענדיקע און פֿעסטע שטים אין ליד ד — „מען טרײַבט פּליטן" — וואו די באַשרײַבענע לאַנדשאַפֿט צייכנט זיך דווקא נישט אויס מיט די אַטריבוטן פֿון פֿיזישער קראַפֿט און האַסטיקע באַוועגונגען. און דאָך שאַפֿן זיך אויך דאָ דורך ענלעכע מיטלען, ענלעכע עפֿעקטן. אויך דאָ שפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דעם געשאַפֿענעם ריטעם די צונויפֿזאַמלונג פֿון קורץ באַשרײַבענע בילדער, בדרך כּלל איין בילד אָדער מער אין יעדער שורה. אין יעדן בילד ווערט די לאַנדשאַפֿט פֿאָרגעשטעלט דורך אַן אַנדערן סוביעקט וואָס פֿירט דורך אַ טואונג; אַ סך פֿון די סוביעקטן ווערן צונויפֿגעבונדן דורך אַ ריי ווערבן וואָס באַצייכענען אַ פֿליסנדיקע און אַמאָל עקשנותדיקע באַוועגונג. שטייענדיק צום אָנהייב פֿון די שורות און די זאַצן, דינען די ווערבן ווי אַ מין אַנאַפֿאָרע וואָס עמפֿאַטיזירט דעם שטײַגנדיקן פּאַטאָס: „נאָר ס'שווימט עפּעס אָן" [...] „און ס'גיסט זיך" [...] „און ס'שווימען" [...] „עס גיסט זיך" [...] „עס רינען" [...] „עס שפּאַרט זיך" [...] „מען זעט אַז עס פּלייצן אַראָפּ" [...] „עס שפּרודלט". די בילדער כאַפּן אויף, צומאָל אַ פּרטימדיקן דינעם שטריך, צומאָל די אַטמאָספֿער וואָס אַ קאָליר הויכט פֿון זיך אַרויס, אָבער תמיד באַקומט דער לייענער אַן אײַנדרוק פֿון חושימדיקייט וואָס איז גענוי און שאַרף.

> די וואַרעמע ערד האָט זיך גלאַנציק און פֿעט אַזוי
> שטאַרק אויסגעצויגן,
> צעקעסטלט אין פֿעלדער, געמויזעכצן, געלבע און
> העלע און גרינע —
> עס גיסט זיך דער דורכזיכטיק־ציטריקער פֿלאַקס
> דורך בורשטיניקע שטענגעלעך דינע.

דער אַקצענט פֿון די אַמפֿיבראַכן — צו זעקס און צו זיבן אין אַ שורה — שטרײַכט נאָך מער אונטער די סעמאַנטישע און מאָרפֿאָ־סינטאַקטישע פּאַראַלעליזמען (פֿגל. צום בײַשפּיל: „עס גיסט זיך דער דורכזיכטיק־ציטריקער פֿלאַקס" און „און ס'שמייכלט די קורצע, די ראָזעווע רעטשקע"). די גלײַכמאָסיקע אינטענסיווקייט פֿון די אַקצענטן פֿאַרוואַנדלט דאָס לייענען אין אַ מין קלאַפּנדיקן „רעטשיטאַטיוו", און די אַלע אַליטעראַציעס וואָס זײַנען אין די שורות אַזוי מערקווערדיק, מאַכן בולט, אָבער און ווידער, דעם מאַטעריעלן מהות פֿון די ווערטער, זייער גופֿיקייט. די צוויי לידער, ב און ד, זײַנען



משה קולבאַק
(1940 — 1896)
(פֿאָטאָ: אַדאַנק דער ייִוואָ)



| מ. קולבאַק | רייסן | פּאָעמע |
|---|---|---|

דער ייִדע ביז די פֿעטערס...

[illegible]

מײַן קאָסיעט הײ...

[illegible]

די באָבעשי...

[illegible]

דער אָנהייב פֿון רייסן (אין דער צוקונפֿט, פֿעברואַר 1922)

פרטימדיק באַהאַנדלט געוואָרן אין זייערע פאַרשיידענע אַספּעקטן צוליב צוויי סיבות: ווייל זיי קענען דינען ווי אַ מוסטער פון איינע פון קולבאַקס לירישע שטימען, און ווייל זיי פאַרנעמען דעם טעמאַטישן און קאָמפּאָזיציאָנעלן צענטער פון דער פּאָעמע; די ווייטערע באַטראַכטונגען באַווייזן אַז אַ היפּשע צאָל לידער פונעם ווערק זיינען דירעקט אָדער אומדירעקט מיט זיי פאַרבונדן דורך מעטאָנימישע אָדער אַנטיטעטישע שייכותן.

## IV

אין דער געשטאַלטיקונג פונעם קאָלעקטיוון העלד ווערט פאַר יעדן פאַרצייכנט אַ באַשטימט אָרט אין דער אידיליע. דעם זיידנס אָרט איז דער אויבנאָן, ווייל דער קיבוץ שאַפט זיך אויך דורך דער פאַרקייטלונג לענגאויס די דורות, און די געזעצן פון דער ציקלישער צייט באַהערשן די צייט־דימענסיע פון דעם דאָזיקן זשאַנער. דער וואָס שטייט בראש איז אויך דער וואָס האָט דאָס וואָרט. דער זיידע דריקט אויס — ווי ס׳איז שוין אָנגעוויזן געוואָרן — אַלעמענס באַגייסטערונג אָדער ער באַפעלט מיט פּאָלקישע, לאַקאָנישע אויסדרוקן. אין לעצטן ליד פון דער פּאָעמע, דאָס צוועלפטע ליד — „דער זיידעניו קומט שטאַרבן”, — ווערט דער זיידע פאָרגעשטעלט מיט אַ זעלטענער באַרעדעוודיקייט, ווי ער וואָלט גערעדט מיט אַן אַנדער קול. דער מעמד און דער טאָן פון זיינע ווערטער פאַסן זיך דאָ צו צו דעם ווייטן און בכבודיקן תנכישן מוסטער: יעקבס ברכה. אויף אַזאַ אופן געשטאַלטיקט זיך די ציקלישע צייט וואָס פאַרקייטלט דעם פאַרצייטיקן טעקסט מיטן לעבן וואָס דעם זיידנס זין וועלן טראָגן ווייטער. זיין וואָרט ציט זיך גלייכצייטיק אין צוויי ריכטונגען: אויף צוריק — דורך דער סטיליזאַציע, און אויף פאָרויס — דורך אַ ברכה וואָס איז אויך אַ צוואה. דאָ טרעפט מען זיך ווידער אָן מיט די זעלבע שטאָפן פון די לידער ב און ד: די אַרבעט אין פעלד און אין וואַסער, נאָר דאָסמאָל אינעם קאָנטעקסט פון זיידנס טויט. דער פאַסיקער הינטערגרונט פאַרן לעבן איז געווען דער דרויסן און דער טאָג — פון זונאויפגאַנג ביז זונפאַרגאַנג — און דער פאַסיקער הינטערגרונט פאַרן טויט איז דער אינעווייניק און די נאַכט.

דאָס ליד יב שטייט אַנטקעגן די לידער ב און ד, אָבער עס איז אויך זייער דערגאַנצונג. דער איבערגאַנג פון לעבן צו טויט ווערט באַוויזן נישט אויף אַ דראַמאַטישן אופן; אַזוי ווי עס געשעט אין דער נאַטור, איז די צייט פון שטאַרבן אויך די צייט פון זייען, און דער ציקל פון מענטשלעכן לעבן ציט זיך ווייטער און ווערט האַרמאָניש



אַריינגעצויגן אין אַ מער ברייטן און אוניווערסאַלן פּראָצעס.

דאָס ליד י — „ווינטער ביינאַכט אין דער אַלטיטשקער כאַטע” — דינט ווי אַ מין צוגרייטונג פאַרן ליד יב. אויב די צייטן פון דער אַרבעט זיינען דער האַרבסט און דער פרילינג, געווועלטיקט אין ליד י דער ווינטער. אָנשטאָט די לוסט פון דער אַרבעט, געשטאַלטיקט זיך דאָ די מידקייט:

פאַרמאַטערטע האָבן די פעטערס געקוקט תמעוואַטע,
אין שוויים איז אַ פעטער געזעסן ביים טיש און געכראָפּעט.

דער מענטש פאַלט איצט צו מיט זיין פולער גופיקייט צו זיין טרויער, און דער גראַם פאַרבינדט דעם מענטשלעכן אומעט מיטן אומעט פון זיין אַרום:

עס האָט זיך דער זיידע געדרייט אויף דעם אויוון דעם הייסן,
אָן כוחות, די העמד אויפגעעפנט, אין אַנגסטן באַשלאָגן, —
דער ווינט אויפן פעלד האָט די כוואַליעס אין ניעמאַן געשטויסן,
די אַלטע בהמה אין שטאַל האָט ניט אויפגעהערט קלאָגן.

די סצענע ווערט צעטיילט אין צווייען דורכן געזאַנג פונעם פעטער אברהם, וואָס שטייט אין צענטער פונעם בילד און וואָס זיין זמר קען אונטערהאַלטן דעם אַלגעמיינעם טרויער אָבער עס איז אויך בכח דעם דאָזיקן טרויער צו פאַרטרייבן. צווישן אַלע ברידער איז דער פעטער אברהם דער איינציקער וואָס טיילט זיך אויס פון דער גרופּע. דער קאָלעקטיווער וועלטבאַנעם פון דער אידיליע פאָדערט פונעם העלד וואָס טיילט זיך אויס, אַז ער זאָל אויספירן אַ רעפּרעזענטאַטיווע פונקציע. אַזוי געשעט מיטן פעטער אברהם, וועלכער שפּילט אין דער משפחה די ראָלע פונעם זינגער און פונעם ליבהאָבער. צו דער באַהעפטונג צווישן מאַן און מאַן אין דער גרופּע און צווישן מאַן און ערד אויף דער וועלט, פאָדערט די אידילישע שלמות וואָס ווערט דאָ אויסגעפורעמט, עס זאָל צוגעגעבן ווערן די פאַרבינדונג צווישן מאַן און פרוי אין דער ליבע. דאָס ליד י אין זיינע צוויי צייטן דינט ווי אַן איבערגאַנג צווישן לעצטן ליד וואו עס שפּילט זיך אָפּ די סצענע פון טויט און די צוויי פריערדיקע גרויסע לידער — ו און ח — וועגן אברהמס ליבע.

עס איז באַדייטיק וואָס ו און ח זיינען די צוויי

איינציקע לידער אין רײַסן וואָס האַלטן אָן צווישן זיך אַ פעסטן בונד און שטעלן פּאַקטיש צונויף איין געשעעניש. אין ח ווערט פאָרגעזעצט דאָס וואָס עס הייבט זיך אָן אין ו: מען גייט אַריבער פון דער נאַכט צום פרימאָרגן, און פון אברהמס בענקשאַפט צו זיין צונויפטרעף מיט נאַסטאַסיען. די פאַרבינדונג צווישן דעם פּאָר לידער — „דער פעטער אברהם פּאַשעט פערד" און „נאַסטאַסיע" — דריקט אויס דעם באַדייט פון דער ליבע.

די ליבע איז אין דער פּאָעמע אַן איבערלעבונג וואָס געהערט צום דרויסנדיקן רוים; זי שטייט אויף דער זייט פון דער אַרבעט און פון לעבן. די נאַטור פאַרנעמט אויך דאָ אַ גאָר וויכטיק אָרט; זי ווערט סודותדיקער, באַרייכערט מיט לעגענדאַרע עלעמענטן ווען עס געשטאַלטיקט זיך אברהמס פאַרליבטקייט, און זי נערט מיט איר יונגקייט די יונגע העלדן. אַזוי ווערט באַשריבן נאַסטאַסיע:

די פיסלעך באַנעצטע פון טוי און באַרוישט פון פרימאָרגן,
זי האָט פון דעם אָטעם פון דר'ערד פאַר איר חיות געזויגן.

און אַזוי באַשרייבט נאַסטאַסיע אברהמען:

ער קומט אַזוי פריש, פונקט ער וואָלט אין די וועלדער געלעגן.

V

אויף אַזאַ אופן ווערן אַרומגענומען אין אַ בינדיקן סדר אין די זעקס גרויסע לידער פון דער פּאָעמע כמעט אַלע טעמעס וועלכע געהערן צום אידילישן זשאַנער וואָס מיר באַטראַכטן און וואָס זיין סיפּור־המעשה באַנוגנט זיך מיט עטלעכע וויניקע, געוויינלעכע און יסודותדיקע געשעענישן: אַרבעט, עסן און טרינקען, ליבע און טויט.

איצט שטעלט זיך אַ שאלה: וואָס גיט צו דער דאָזיקער גאַנצקייט די צווייטע העלפט פון דער פּאָעמע, דאָס הייסט, די „קלענערע" לידער וואָס פלעכטן זיך דורך צווישן די מער „מאַסיווע" טעקסטן? די קלענערע לידער רייסן איבער מיט זייערע אַנדערשדיקע ריטמען אַ לפּי־ערך איינהייטלעכן טאָן, און זיי פירן אַריין צווישן די אָפּגעזונדערטע בילדער וואָס שאַפן די אידילישע וועלט דאָס קול פון פרעמדע זשאַנערס.

אויב מען לאָזט אין אַ זייט דאָס ערשטע ליד, וואָס דינט, ווי עס איז שוין אָנגעוויזן געוואָרן, ווי אַן אַריינפיר צו דעם גאַנצן ווערק, געפינט מען צווישן די קלענערע לידער נאָר צוויי אין וועלכע עס זיינען אָנוועזנדיק די מענער וואָס פילן אָן דעם אידילישן רוים: דאָס זיינען די לידער ג און ז. אָבער דעם צענטער פון ביידע לידער פאַרנעמט איצט די באָבעשי. אין ליד ג דערציילט זיך וועגן דער באָבעשי, דער „קינדלערקע", אין איר געבוירן אירע זיבעצן זין. אַנטקעגן די מענער וואָס זייער פיזישע אַרבעט קומט צום אויסדרוק אין די פעסטע, פאַרנעמיקע בילדער, גיט די באָבעשי אַרויס אירע פרוכטן מיט אַ לייכטער נאַטירלעכקייט. דער פלינקער טאָן פון די קורצע שורות וואָס חזרן איבער מיט וואַריאַציעס איין זאַץ, די שפּיל מיט די ציפערן וואָס ווינקט שטיפעריש אויף דער דערציילטער געשעעניש און די קלינגעוודיקייט פון די נאָענטע קלאַנגען ברעכן די ערנסטע שטימונג פון די שכנותדיקע לידער.

דריי פעטערס האָט די באָבעשי געבאָרן אויפן בוידעם,
צוויי פעטערס האָט די באָבעשי פאַרלאָרן צווישן אײַער,
עלף פעטערס האָט די באָבעשי געבאָרן אויפן אויוון,
מיין טאַטן האָט די באָבעשי געבאָרן אין אַ שײַער...

די מענלעכע העלדן וואָס האָבן אַריינגעבראַכט אין דער פּאָעמע אַ טאָן פון דערהויבנקייט, ווייזן זיך אַצינד מיט אַן אַנדער פּנים. אויב אין פריערדיקן ליד האָט מען זיי פאַרגליכן מיט „האָריקע יאָדלעס", ווערן זיי איצט פאַרגליכן מיט „הינדעלעך" צווישן וועלכע די באָבע גייט אַרום „ווי אַ קאַטשקע". דאָס צווייטע ליד וועגן דער באָבען ברענגט אויך אַריין אַ שפּילעוודיקן ריטעם אין ווערק, נישט געקוקט אויף דעם וואָס די טעמע איז דער באָבעס טויט. אַזוי ווי עס געשטאַלטיקט זיך דעם זיידנס לעבנס־ציקל פון אַרבעט ביז טויט, אַזוי זיינען מסכּים די צוויי קליינע לידער דעם לעבנס־ציקל פון דער באָבען. אָבער אָן קיין שום פייערלעכקייט. וועגן טויט פון דעם מאַן זאָגט אָן דער טיטל „דער זיידעניו קומט שטאַרבן..." — עס האַנדלט זיך אין אַ ווילִיקן אַקט; אָבער אויף דער באָבען זאָגט דאָס קעפּל פון ליד, שטיל און פּשוט, „די באָבע ע"ה איז אויסגעגאַנגען". דאָס ליד יב פורעמט אויס, דער עיקר, די צערעמאָניע וואָס קומט פאָר פאַרן טויט, דעם זיידנס ברכה; דער באָבעס ליד, פאַרקערט, באַשרייבט די דרויסנדיקע קאָנקרעטע געשעענישן. (אַזוי הייבן זיך אָן פיר פון די פינף סטראָפעס פון ליד: „אַז די באָבעשי די אַלטיטשקע איז אויסגעגאַנגען", „און אַז מען האָט די באָבעשי אַראָפּגעהויבן", „און אַז מען האָט דעם בר־מינן אַראָפּגעפירט אין שטעטל", „נאָר אַז דער שמש האָט דאָס מעסערל אַרויסגעצויגן".) און צום סוף, אַנטקעגן

בילד וואָס שליסט דאָס לעצטע ליד מיט דער שווייגנדיקער געצוימטקייט פֿון די מענער וועלכע הערן זיך צו צום ייִדן, פֿאַרענדיקט זיך דאָס ליד ז מיט אַ גוואַלדיקן און אומגעריכטן אויסגעשריי פֿון די זין. די לידער וועגן דער באָבען שלאָגן פֿאָר אַן אַרייַנבליק פֿון אַן אַנדער שטאַנדפּונקט; דורכן קאָנטראַסט ווערט פֿאַרברייטערט און פֿאַרטיפֿט דער באַנעם פֿון דער פֿאָרגעשטעלטער ווירקלעכקייט. און אַריבערגייענדיק צו אַ צווייטן ניוואָ, קען מען צוגעבן אַז די „דע⸗אויטאָמאַטיזאַציע” פֿון ריטמען און פֿון שטימונגען פֿאַרשאַפֿט די הנאה ביים לייענער.

עס איז אָבער וויכטיק צו באַמערקן אַז די קלענערע לידער, וואָס פֿון איין זייט פֿאַרשאַפֿן זיי טאַקע כסדרדיקע ריסן אין טעקסט, דינען פֿון דער צווייטער זייט ווי אַ סובטילער פֿאַרבינד⸗מיטל צווישן די טיילן אין דער פּאָעמע: זיי טראָגן אין זיך אַן אָפּקלאַנג פֿון אַ פֿריערדיק בילד אָדער אַ לייכטן רמז פֿאַר אַ ווייטערדיקער טעמע. אַזאַ מין פֿאַרבינד⸗רינג איז, צום ביישפּיל, דאָס ליד ה: „די ווילע און דער ניעמאַן”, וואָס פֿאַר אים ווערן באַשריבן די מענער וועלכע פֿאָרן איבער די טייכן, און נאָך אים קומט אויף די טעמע פֿון אברהמס ליבע. אין דעם קורצן ליד וואָס ברענגט אויך אַרייַן אין דער פּאָעמע אַ נייעם זשאַנער, ווערט פֿאָרגעשטעלט דער צונויפֿפֿאַלוס פֿון די וואַסערן ווי אַ פֿאָלקס⸗לעגענדע פֿון אַ ליבע טרעפֿונג צווישן צוויי אַלעגאָרישע געשטאַלטן. די נישט⸗דאָאיקע אַטמאָספֿער, די ראָמאַנטישע רעטאָריק, די המשכדיקייט פֿון די לענגערע זאַצן ברעכן דעם טאָן וואָס געוועלטיקט אין די מער רעאַליסטישע, שטייף אויסגעהאַקטע בילדער פֿון די שכנותדיקע לידער, אָבער דינען אויך ווי אַ צוגרייטונג פֿאַר די באַדייטן פֿון צאַרטקייט און פֿאַרחלומטקייט וואָס פֿאַרבינדן זיך ווייטער מיטן ליבע מאָטיוו.

די אַנדערשקייט, וואָס עס ברענגען אַרייַן די צוויי לעצטע קליינע לידער וועלכע שפּילן ממש ווי אינטערלודן, איז נאָך מערקווערדיקער. מיטן ליד ט באַווייזט זיך מיטאַמאָל אין דער פּאָעמע אַ פֿעטער וואָס איז דערווייטערט פֿון דער אידילישער וועלט, וואָס איז נישט פֿאַרבונדן מיט דער ערד און מיט דער נאַטור נאָר ער איז אַ פּשוטער בעל⸗מלאכה.

ס'האָט זיך פֿעטער איצע
אויסגעלערנט שניידעריי,
מאַכט ער אַלטע סערמיעגעס
פּונקט ווי שפּאָגל ניי,
מאַכט ער אַלטע סערמיעגעס,
פּונקט ווי שפּאָגל ניי.

ביידע לידער — ט: „דער פֿעטער איצע” און יא: „אַנטאָשע שפּילט אויף דער באַנדורע” — זייַנען אויסגעפֿורעמט לויט די נאָרמעס פֿון פֿאָלקסליד: אַ טיפּיש ייִדיש פֿאָלקסליד און אַ ווייסרוסישע באַלאַדע. אַנטקעגן פֿעטער איצע וואָס פֿאַרריכט און מאַכט גאַנץ, געפֿינט מען אין דער באַלאַדע דעם רוצח שאַלאַפּיי און דעם דוכס מיט זייַן שווערד: איינער לייגט לאַטעס און דער צווייטער וויל צעשניידן; איינער „הענגט” „אויס אַ וויוועסקע” אַלע זאָלן וויסן וואו ער איז דאָ, און דער צווייטער פֿאַרבאַהאַלט זיך אויס.

כאַפּט דער דוכּס זיך צום שווערד,
הייסט דער דוכּס שפּאַנען פֿערד,
און פֿון קרעווע ביז מאַזשיר
און פֿון זשעטל ביז דאַמיר
יאָגן רייטער און קאַרעטן,
לויפֿן לאַפֿער און שטאַפֿעטן — — —
ס'איז אין ערגעץ נישט געווען,
ניט צו זען
דעם רוצח שאַלאַפּיי...

איין ליד ברענגט מיטאַמאָל אַרייַן אַ היימישע פֿריילעכקייט און דאָס צווייטע ליד ברענגט אומדערוואַרטערהייט אַרייַן מיסטעריעזע און אומעטיקע טענער וואָס דריקן זיך אויך אויס — ווי עס פּאַסט פֿאַר באַלאַדעס — מיט אַ שפּילעוודיקער זינגעוודיקייט.

און דאָך באַמיט זיך דער לייענער (וואָס זייַן עובדא איז דאָ טיילווייז ענלעך צום פֿעטער איצעס) צו בויען בריקן צווישן די באַזונדערע עלעמענטן און צו פֿאַרמאַכן דורך אינטערפּרעטאַציעס די אויפֿגעעפֿנטע בלויזן. אַזוי ווערט אין אַן אינטערעסאַנטן פּירוש פֿאָרגעשלאָגן אַז ביידע אַנדערשדיקע פֿאָלקסלידער, דאָס ייִדישע און דאָס ווייסרוסישע, שטעלן פֿאָר דעם ייִדישן פֿויער אברהם און די גוייִשע פֿויערטע נאַסטאַסיע וואָס פֿאַראייניקן זיך דורך זייער ליבע (לוריא 1983: 76). די קעגנאַנאַנדן און ענלעכקייטן וואָס צווישן ביידע לידער וואָלטן געקענט דינען אַלס באַשטעטיקונג פֿון אַ שוין באַמערקטער טענדענץ אין דער פּאָעמע צונויפֿצופֿאָרן און שאַפֿן מיטשטימונגען; גלייך ווי איין ליד וואָלט תּמיד אַרויסגערופֿן אַ צווייטן: צום ביישפּיל, צוויי לידער וועגן דער אַרבעט, צוויי וועגן דער ליבע, צוויי וועגן דעם טרויער און דעם טויט; און פֿון אַן אַנדער זייט, צונויפֿפֿאָרונגען פֿון קאָנטראַסטן און דערגאַנצונגען: די באָבע אַנטקעגן ייִדן, פֿרילינג און האַרבסט אַנטקעגן ווינטער, דער אינדרויסן אַנטקעגן דעם אינעווייניק. נאָר דער געניוער געבוי און די ברייטע אַרומנעמענדיקע

תנועה וואָס וויל אַלץ אַריינציען אין בינדיקע שייכותן, וועלכע שטימען אַזוי גוט מיט דער אידילישער שטרעבונג צו שלימות, טאָרן נישט אָפּווענדן פון דער דיאַלאָגישער סטרוקטור פונעם ווערק, פון דעם ווידעראַנאַנד צווישן זיינע ריטמען און שטימען, פון דעם אומגעריכטן אָפּקער פון אַ שטימונג טיילמאָל אין סאַמע מיט פון אַ ליד. די פּאָעמע דריקט אויס די שפּאַנונג צווישן אַ האַרמאָנישן געבוי און אַ באַוועגונג וואָס זוכט די דאָזיקע האַרמאָניע צו צעשטערן. מען וואָלט געוויס געקענט טענהן אַז די אָנגעוויזענע ריסן געלינגט פּאָרט נישט צו פאַרטונקלען דעם טאָן פון אימפּאָזאַנטער דערהויבנקייט וואָס באַהערשט דעם גאַנצן טעקסט. ס'איז מעגלעך. נאָר איינער פון קולבאַקס קענצייכנס איז דווקא בויען מיט הויכע טענער אַ שטימונג און לאָזן גלייכצייטיק עס זאָל אַריינדרינגען אַ צווייט צעשטערעריש קול וואָס נישט תמיד וואַרפט עס זיך אין די אויגן. אין רײַסן שפּילן די אַריינגעפלאָכטענע זשאַנערס די ראָלע פון צווייטן קול. אין אַן אַרומנעמיקע שטודיע וועגן משיח בן אפרים ווייזט אָן אברהם נאָווערשטערן אויף די פאַרשיידנאַרטיקע דיסאָנאַנצן וואָס זיינען מערקווערדיק אין קולבאַקס לירישן ראָמאַן און אויף די עפעקטן וואָס די דאָזיקע דיסאָנאַנצן שאַפן — זע נאָווערשטערן 1989.

## VI

אין דעם פּונקט פון מיין אַרבעט וויל איך מאָביליזירן לטובת דעם אַרגומענט פון דער דיאַלאָגישער טענדענץ פון דער שאַפונג דווקא אַ דרויסנדיק ליד: עשרה דבריא. דאָס ליד, געדרוקט אין זעלבן יאָר ווי די פּאָעמע, געהערט נישט צו איר, אָבער עס איז שוין אויף שטענדיק פאַרבליבן ביי איר ראַנד. רײַסן, ווי געזען, הייבט זיך אָן מיט דער שורה:

> אָ, דער זיידע פון קאַבילניק איז אַ ייד אַ פּשוטער,

און עשרה דבריא הייבט זיך אָן מיט דער ווייטערדיקער סטראָפע:

> געהאַט האָט דער זיידע אַ קרוב אַ טרייבער פון בערן;
> אַ ייד, וואָס פלעגט מאַכן קאָנצערט אויף די גרויסע ירידן.
> דעם בער פלעגט דער קרוב בייטאָג אויף די קייטן פאַרשמידן,
> ביינאַכט פלעגט ער טאַנצן מיט אים ביי דער שיין פון די שטערן.

דאָס ליד שטייט אין שאַרפסטן קאָנטראַסט מיט דער אידילישער טעמאַטיק. עשרה דבריא איז ווייט פונעם קאָלעקטיוון העלד, פון דער משפחה איינהייט — וואָס ער ברעכט אַליין אין אַן אכזריותדיקער שפּיל — און פון יעדער פרוכטבאַרער אַרבעט. דער טאַנץ איז דאָ אויך ווייט פון יענעם טאַנץ פון די קאָסעס אין רײַסן. די גראָטעסקע און דעפאָרמירטע פיגור פונעם העלד מיטן בער געשטאַלטיקט זיך מיט אַ מאַקאַברישן הומאָר. דער נאָמען גופא, „עשרה דבריא", מישט צונויף צוויי קעגנזייטיקע באַדייטן. דער ערשטער באַדייט, „די צען געבאָט", ווערט אויפגעטרייסלט דורך די באַדייטן פון „ברייע" — וואָס באַצייכנט „ווילדקייט" און ווערט געגראַמט מיט „חיה" — און פון „אסור", „פאַרבאָט", וואָס דער קלאַנג פון „עשרה" דערוועקט. דערצו, דערמאָנט אויך דער אויסדרוק „עשרה דבריא" דאָס ליד פון דער הגדה „אחד מי יודע", וואָס בויט זיך אַרום דער שפּיל מיט די ציפערן. און וואָס שייך ציפערן קען געזאָגט ווערן אַז אַזוי ווי אין דער פּאָעמע רײַסן ווייזט אָן די צאָל פון די אַ כ צ ן מענער אויפן לעבן, אַזוי ווייזט דאָ אָן די צאָל פון די ד ר י י צ ן דערהרגעטע ווייבער אויף ליבע, „אהבה", אָבער דאָסמאָל מיט אַן איראָנישער מינע. אין דעם ליד קומט אויך צום אויסדרוק די קערפּערלעכקייט, נאָר זי אַנטפּלעקט דאָ אירע טונקלסטע זייטן. און דאָך — אָדער בעסער געזאָגט, דווקא דערפאַר — בלייבט דאָס ליד „מיט אַ באַזונדער בייז פאַרגעניגן" (ניגער 1952: 240) משפּחהדיק פאַרבונדן מיט דעם זיידן און זיין וועלט. אַן אַוועקגעשטעלטס אויף יענער זייט פּלויט ווינקט פון דאָרט עשרה דבריא אויף די באַדייטן וואָס ווערן געשטאַלטיקט אין רײַסן און שטרייכט פון דאָרט אונטער די פּאָליפאָנישע קאָמפּאָזיציע פון דער פּאָעמע.

דער אַנאַליז פון איינצלנע ווערק, נישט געקוקט אויף דער באַגרענעצטקייט פון קאָרפּוס, טראָגט דאָך אין זיך דעם באַגער צו אַנטפּלעקן דעם סוד פון פּאָעטס איינגנשאַפטן. די אילוזיע פון אַזאַ אַנטפּלעקונג איז, אין אַ געוויסער מאָס, די טרייבקראַפט וואָס דערפירט צו די טיילווייזע געפינסן. פאַרן דערגיין צו עטלעכע סך־הכלדיקע אָבער געוויס נישט אויסשעפּנדיקע אויספירן, וויל איך זיך אָפּשטעלן אויף איינעם פון די מער באַקאַנטע מאָטיוון ביי קולבאַקן: דער מאָטיוו פון וועג. דעם מאָטיוו האָט מען אַפילו אין רײַסן, כאָטש דער רוים פון דער אידיליע איז אַ קליין, אייגן און באַקאַנט אָרט. דווקא אין אַ ווערק וואָס הייבט נישט אַזוי שטאַרק אַרויס דעם וועג־מאָטיוו, איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן ווי ענג פאַרבונדן עס איז ביי קולבאַקן דער באַגריף פון לעבן מיטן באַגריף פון גאַנג. דער דאָזיקער מאָטיוו, וואָס פאַרנעמט אַ זייער

וויכטיק אָרט אין דער אימפּרעסיאָניסטישער שפּראַך, באַקומט ביי קולבאַקן אַ גאָר פּיזישע און קאָנקרעטע געשטאַלטיקונג. אינעם ערשטן ליד ווערן אָפּגעקליבן פונעם זיידנס גוף בלויז זיינע פּיס כדי אויסצודריקן זיין אופן פון „זיין אויף דער וועלט" און אונטערצושטרייכן די חכמה פון זיין קערפּער: „נאָר די פּיס — זיי ווייסן [...] דעם זיידנס גוטע פּיס, וואָס דינען אים פון כמה יאָרן..."; און אין לעצטן ליד ווערט פאָרגעשטעלט דער טויט אַלס אַ נאַטירלעכער „קומען". ווייל דאָס לעבן איז פאַרקניפּט מיטן גיין, הייבן זיך אָן ביידע אַרבעטס־לידער ב און ד מיט אַן אַרויסגיין אינדרויסן און זיי שליסן זיך מיט אַ שטילן אומקערן זיך אָדער צונויפזעצן זיך צום סוף פון טאָג; דערפאַר געהערן אויך, ווי געזאָגט, דער ווינטער און דער טויט צום פאַרמאַכטן רוים פון דער כאַטע. דער סוביעקט וואָס גייט צו דער אָפענער לאַנדשאַפט איז תמיד אַ מענלעכער: דער באָבען פירט מען אַראָפּ נאָך איר טויט, און ווען זי לעבט דרייט זי זיך אַרום צווישן „הינדעלעך". אויך די ליבע וואָס ווערט באַשריבן אין עטלעכע לידער פון דער פּאָעמע, ווערט פאָרגעשטעלט ווי אַ באַוועגונג פון גיין איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן ביזן צונויפטרעף. די אידילישע וועלט, וואָס ווערט געשטאַלטיקט אין רײַסן ווי אַ פאַרברידערונג צווישן מענטשן און נאַטור דורך דער אַרבעט, קען באַטראַכט ווערן ווי אַן אַנטוויקלונג אויף אַ ברייטערער קאַנווע פון יענעם פעסטן מענלעכן טראָט וועלכער הילכט אָפּ אין אַ סך פון קולבאַקס לידער. די אידיליע פאַרקניפּט זיך דאָ מיט יענעם וועג ביי קולבאַקן, וואָס פורעמט זיך אויס ווי אַ מיטל צו פאַראייגענען די גאַנצע ברייטקייט און ווייטקייט.

די פאַרבינדונג צווישן וועג־מאָטיוו און דער דאָזיקער אידיליע דערקלערט נאָך נישט, פאַרוואָס קולבאַק האָט אויסגעקליבן צו שאַפן אין אָנהייב צוואַנציקער יאָרן אַן אידילישע פּאָעמע; אויף אַזאַ מין פראַגע קען מען בלויז פאָרשלאָגן טענטאַטיווע השערות. עס איז באַוואוסט, אַז אין דער זעלבער צייט האָבן אויך אַנדערע יידישע פּאָעטן געשריבן פאַרשיידנסאָרטיקע אידיליעס אויף יידיש און אויך אויף העברעאיש, נאָר באַטראַכטן די שייכותן צווישן רײַסן, קענטאָקי, וואָלין — צום ביישפּיל — איז אויסער די גרענעצן פון דער דאָזיקער אַרבעט. ווענן קולבאַקן איז וויכטיק צו באַמערקן, אַז פון גאָר פרי האָט ער געשריבן פּאָעמעס, קורצע און לענגערע, ווי זיין שפּעטערישער אימפּולס וואָלט געפאָדערט אַ ברייטערן אָטעם. דער פּאָעט פילט זיך אויך אַ סך מאָל צוגעצויגן צו פּראָסטע און פּרימיטיווע העלדן און זיין שפּראַך זוכט אויסצודריקן זייער עלעמענטאַרע קראַפט. דאָ פאַרנעמט אַזאַ מין אָרט דער יידישער פויער. מען וואָלט געקענט זאָגן, צוזאַמען מיט מאַקס עריקן, אַז רײַסן שליסט זיך אָן צווישן די ווערק אין דער ליטעראַטור אויף יידיש וואָס שטעלן אויף אַ מצבה פאַרן עבר, און אַז דאָס ווערק ווייזט אויף דער בענקשאַפט פונעם עלנטן פּאָעט אין בערלין (עריק 1926: 629). די אייגענע היים און די אידעאַליזירטע שלימות וואָס געשטאַלטיקן זיך אין דער אידיליע ווערן אַזוי באַטראַכט ווי אַ קאָמפּענסאַציע פאַר דער איינזאַמקייט. דער פאַקט איז אַז קולבאַק, וואָס האָט זיך שוין דעמאָלט געהאַט געוויזן ווי אַ מאָדערנער פּאָעט, פאַרמעסט זיך כסדר מיט פאַרשיידענע זשאַנערס און דער פאַרמעסט גופא האָט פאַר אים אַ ווערט פאַר זיך. די אידיליע בויט ער טאַקע לויט די געזעצן פון אַ גאָר טראַדיציאָנעלן זשאַנער, אָבער גלייכצייטיק צעשטערט ער אים דורך די פרעמדע שטאָפן וואָס ווערן אַריינגעבראַכט אין דער פּאָעמע; קולבאַק הערט נישט אויף צו עקספּערימענטירן.

די „טויזנט וועגן" אויף וועלכע דער לירישער א י ך אין קולבאַקס ליד לאָזט זיך צו דער וועלט, זיינען נישט בלויז אַ היפּערבאָלישע באַצייכענונג פאַרן אימפּעט פונעם גייער; זיי זיינען אויך די מעטאַפאָרע פון מחברס זיך בייטנדיקע פּערספּעקטיוון, פון זיין אָפּוואַרפן אַ צופרידנשטעלנדיקע איינטייטשיקייט און פון זיין דראַנג אויסצופּרוּוון זשאַנערס און פּאָעטישע שפּראַכן. דווקא אַ כלומרשט לייכטע פּאָעמע ווי רײַסן קען אויף דעם זאָגן עדות.

# ביבליאָגראַפיע


באַכטין, מיכאַאיל

1978 Mikhail Bakhtine, "Formes du temps et du chronotope dans le roman" in *Esthétique et théorie du roman,* Paris Gallimard: Paris, 234-398.

לוריא, שלום

1983 „משורר בין מיתוס למסגרת. על מ. קולבאַק ויצירתו" אין שבות 9: 69-93.

נאָווערשטערן, אברהם

1989 „משה קולבאַקס 'משיח בן־אפרים'. אַ יידיש־מאָדערניסטיש ווערק אין זיין ליטעראַרישן גערעם" אין די גאָלדענע קייט 126: 181-203; 127: 151-170.

ניגער, שמואל

1952 „פינף בריוו פון משה קולבאַק״ אין די גאָלדענע קייט 13: 235-240.

עריק, מאַקס

1926 „משה קולבאַק, באַמערקונגען צו זיין דיכטערישן וועג״ אין ליטעראַרישע בלעטער 123: 594-596, 125: 629-630, 127: 665-666.

קולבאַק, משה

1988 „רײַסן״, „עשרה דבריא״ אין אַ שפּיגל אויף אַ שטיין, אַנטאָלאָגיע, רעד. ח. שמערוק, הוצאת ספרים ע״ש י״ל פרץ: ירושלים, 529-545.


הערה: די אַרבעט איז אַ פאַרברייטערונג פון אַ רעפעראַט אויפן קאָלאָקוויאום געווידמעט די ליטעראַרישע שאַפונגען פון די יידישע שרייבער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד (בר־אילן אוניווערסיטעט, 20-21טן דעצעמבער 1989). אַ גרויסן דאַנק אברהם נאָווערשטערן פאַר זיינע וויכטיקע באַמערקונגען. אויף מיר ליגט די אחריות פאַר אַלע מעגלעכע פעלערן אין דער אַרבעט.

# דעם נסתרס מלך מאַגנוס


פון

**שלום לוריא**

(חיפה)


## I

עס טרעפט זיך, אַז אַ מעשה רופט אַרויס אַ געווירבל פון געפילן.

מוז איך טאַקע דאָסמאָל מודה זיין, אַז צו דעם נסתרס מלך מאַגנוס בין איך אַליין ניט דערגאַנגען. דאָס האָט מיר פריינט לייזער פּאָדריאַטשיק בפירוש מודיע געווען, ביי אונדזער ערשטער גאַנץ צופעליקער באַגעגעניש אין קיבוץ מרחביה, מיט אַ קיימא־לן פון קנאַפּע צוואַנציק יאָר צוריק, אַז דער נסתר האָט מיט זיין מלך מאַגנוס געמיינט שילדערן ניט אַנדערש ווי די פּערזענלעכקייט און דעם לעבנסוועג פון זעליק קלמנאָוויטש, זכרונו לברכה.

איך האָב, פאַרשטייט זיך, איבערגעלייענט און דורכגעבלעטערט דאָס ווערק, וואָס האָט אויפגעברויזט אין מיר אַ ים מיט קשיות. ניט איינמאָל האָט זיך מיר געוואָלט אָפּווענדן און אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט, עלעהיי דאָס וואָלט געווען אַ משונה־ווילד געמיש פון אמתע זכרונות מיט להד"ם. מאַלע וואָס — אַ קשיא אויף אַ מעשה!

ווען אָבער אברהם סוצקעווער האָט מיר דערציילט, אַז דער נסתר איז געקומען צו אים אין זיין קליינעם צימער, אין מאָסקווע, און האָט אים געבעטן דערציילן פּרטים און פּרטי פּרטים וועגן דעם מאַן און וועגן זיין לעבן אין געטאָ און טראַגישן אומקום אין עסטאָניע, און ער האָט זיך הערנדיק בשעת מעשה באַגאָסן מיט טרערן, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָ שטעקט עפּעס אַ טיף פּערזענלעכער מאָטיוו, וואָס דער קינסטלער האָט זיך גענומען די מי אויסצודריקן אין ווערטער. דעם נסתרס פאָרשער און קריטיקער, ווי ווייט איך ווייס, האָבן זיך וועגן דעם ווערק עד היום ניט אָפּגערופן. אַפילו די, וואָס האָבן דערמאָנט דעם באַנד ווידערוואוקס, האָבן מלך מאַגנוסן פאַרזען.

## II

ריידן רעדט זיך דאָ פּאַקטיש ניט וועגן אַ מעשה, אַ דערציילונג אָדער אַ נאָוועלע, נייערט וועגן אַ ראָמאַן. וואָס אַן אמת — אַ גאָר קורצן, שטרענג צוזאַמענגעפּאַסטן אין אַכציק זייטלעך.

דער נסתר האָט אָנגעשריבן זיין מלך מאַגנוס אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מלחמה, דהיינו 1946-1945. עס קען גאָר קיין ספק ניט זיין, אַז דער מחבר איז געווען טיף גערירט און דערשיטערט פון דעם שרעקלעכן שטורעם, וואָס האָט פאַרוויסט און פאַראומערט דאָס יידישע לעבן. אויך פּערזענלעך איז ער געווען געטראָפן און צעטרייסלט מיטן ביטערן טויט פון זיין איינציקער טאָכטער האָדל (אַדע), וואָס איז אומגעקומען פון הונגער אין 1942טן יאָר, בעת דער באַלאַגערונג פון לענינגראַד. מלך מאַגנוס איז אויפגעקומען אַן ערך צוויי יאָר פאַר דעם נסתרס אַרעסט און פיר יאָר פאַר זיין טויט. געשטאָרבן איז ער ליגנדיק ערגעץ פאַרוואָרפן אין אַ שפּיטאָל פון אַ טורמע (דעם 4טן יוני 1950).

דריי און צוואַנציק יאָר זיינען פאַרביי ביז דאָס ווערק האָט דערזען די ליכטיקע וועלט, פריער אויף די שפּאַלטן פון סאָוועטיש היימלאַנד (דער נסתר 1969א) און אַ קאַפּעלע שפּעטער, אין דעם זעלביקן יאָר גופא, אינעם באַנד פון דעם נסתרס מלחמה דערציילונגען, ווידערוואוקס (דער נסתר 1969ב) (זז. 17-97). דאָס בוך איז איבערגעגעבן געוואָרן אין דרוק אַריין דעם 24טן יוני

1969. 8000 עקזעמפּלאַרן זיינען באַשטעלט געוואָרן. אויסער מיילעך מאַגנום איז דאָס בוך כולל די ווייטערדיקע דערציילונגען: פלאָראַ (זז. 98-159); ווידערוואוקס (זז. 160-181); העשל אַנשעלעס (זז. 182-196); מאיר לאַנדשאַפט (זז. 197-215); ריווע יאָסל באָנציעס (זז. 216-235); מיין באַקאַנטער (זז. 230-263). דער ליטעראַטור פאָרשער מ. בעלענקי האָט צוזאַמענגעקליבן דעם גאַנצן מאַטעריאַל און אים באַזאָרגט מיט אַן אַריינפיר־עסיי, וואָס הייסט „אַ וואָרט וועגן דעם נסתר" (זז. 5-16).

## III

ווען מ'לייענט זיך אַריין אין אַ ווערק, וואָס קען באַטראַכט ווערן ווי אַ „שליסל־ראָמאַן", ווערט מען נאַטירלעך נייגעריק זיך צו דערוויסן וועמען, בעצם, איז דער מחבר געווען אויסן צו שילדערן אַ פאַרמאַסקירטן אין אַ פרעמדן נאָמען.

ווער איז דאָס, למשל, אָטאָ דער טשיקאַווער באָרים פולבייטל, וועלכער שפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָלע אין מלך מאַגנוסעס לעבנסגאַנג?

דאָס איז משמעות באָרים קלעצקין, דער פלאַי־פלאַימדיקער ווילנער פאַרלעגער פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, וואָס זיין משפחה יחוס ציט זיך אַזש „פון דעם טורי זהב אין 17טן יאָרהונדערט איבער אַ קייט פון צען דורות רבנים" (רייזען 1929: 698. וועגן טורי זהב זע שעוועל 1978). קלעצקין איז געווען „איינער פון די גרינדער פון די אַזויגערופענע „זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן" צו פאַרשפּרייטן גוטע ליטעראַטור צווישן יידישע אַרבעטער (רייזען, דאָרטן גופא). זיין טאַטע איז געווען אַ גוט־באַזיצער און אַ רייכער וואַלד־סוחר און ער אַליין — אַ מיטגליד פון בונד, פול מיט הימל־גרייכנדיקע חלומות און קעמפערישער ענערגיע, בקיצור: איינער פון די פילפאַרביקסטע און אינטערעסאַנטסטע פיגורן פון דער שפּאָגל־נייער יידיש־וועלטלעכער קולטור און געזעל־שאַפטלעכקייט. אַז מ'דערקענט אין באָרים פולבייטל דעם פאַרלעגער קלעצקין דאַכט זיך דאַן אין פלוג, אַז מען האָט טאַקע געפונען דעם שליסל פונעם ווערק און דערטאַפּט בחוש זיין אמתן טעם און זין. אַפשיטא שוין, אויב מ'קען אָנווייזן מיטן פינגער אויף נאָך עטלעכע פיגורן...

ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז די האַרבע קשיות רוקן זיך פאַוואָליע אַרויס ערשט נאָך דעם, ווען מ'מיינט אַז אַלץ איז שוין באַשיימפערלעך קלאָר. אָט, למשל, אַזאַ מין קלייניקייט: באָרים קלעצקין איז נפטר געוואָרן ביי זיך אין דער היים אין 1937טן יאָר, איז ווי שיקט זיך עס, אַז באָרים פולבייטל לעבט, ליידט נעבעך יסורים און איז אַקטיוו אין געטאָ?

מוז מען זיך ממילא אַ טראָפּעלע פאַרטראַכטן וועגן דעם זשאַנער, וואָס מ'רופט „שליסל־ראָמאַן" און זיך דערגרונטעווען צו זיין קאָנקרעטער אויסבילדונג אין דעם נסתרס מלך מאַגנוס.

וואָס קען פונדעסטוועגן זיין דער תכלית פון אַ „שליסל־ראָמאַן"?

קודם כל: די מעגלעכקייט צו שילדערן אַ געוויסע פערזאָן גאַנץ גענוי, מיט אַלע קנייטשן און מיט אַלע חן־גריבעלעך און זיך איינצייטיק אָפּטרייסלען פון יעדער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. על־פי רוב טרעפט זיך דאָס, ווען דעם מחבר ווילט זיך שטאַרק קריטיקירן זיין פאַרשוין, דערלאַנגען אים אין ביין אַריין, אָדער גאָר אָנטאָן אים חרפות און בושות, אַנטפּלעקנדיק זיינע אינטימע אָפּנייגן, זיינע אוממאָראַלישע געגנג, אָדער אַפילו קרימינעלע חטאים.

צווייטנס: געבן אַן אָנצוהערעניש וועגן אַ גאַנצן געוועב פון נאָענטע באַציאונגען צווישן דעם דערציילער און זיין פאַרשוין, האַלב פאַרמאַסקירנדיק זיינע פניות און כוונות.

דריטנס: מאַכן אַן אָנשטעל, אַז מען „רייסט אַרויס מיט די ביינער" אַ שטיקל פשוטן, אמתדיקן, מענטשלעכן קיום פונעם ממשותדיקן לעבן, גאָר אָן קינסטלערישע באַפּוצונגען און שפּיצלעך. פאַקטיש, אָבער, איז מען אויסן אויספאָרמירן אַ פערזענלעכן, מיוחד־במינודיקן מיטאָס.

פערטנס: אָנווייזן אויף דער פּרינציפּיעלער פּראָבלעמאַטישקייט פון יעדער אין פלוג פּראָסט־פּשוטער און אמתדיק־באַגלייבטער שילדערונג.

עס זעט אויס, אַז אין מלך מאַגנוס דאַרף מען זוכן אָטאָ די לעצטע צוויי סימנים.

## IV

ס'איז טשיקאַווע צו באַמערקן, אַז אונדזער דערציילער באַווייזט זיך גאַנץ בנעימותדיק שוין אין דער ערשטער שורה פון זיינע „בלעטער ביאָגראַפיע" (דאָס אונטערקעפּל פון מלך מאַגנוס), אַזוי צו זאָגן: „האַ, ווען איז דאָס געווען?!" (ז. 17).

דאָ האָבן מיר אַן אָנצוהערעניש ניט נאָר אויף זיין פערזענלעכן צוגאַנג און שייכות צום ענין, נייערט אויך אויף אַ גאַנץ רעטראָספּעקטיוו־ווייטער סיטואַציע.

מ'דאַרף נעמען אין באַטראַכט, אַז עס האַנדלט זיך ניט וועגן אויטאָביאָגראַפישע זכרונות. דער נסתר וויל אין

פלוג פאָרשטעלן דעם לעבנסגאַנג פון אַ געוויסן יידישן בחור, מלך מאַגנוס, משמעות זיינעם אַ באַקאַנטן, וואָס האָט זיך אויסערלעך ניט אויסגעטיילט מיט גאָרניט. פונדעסטוועגן איז ער געווען מערקווערדיק אַנדערש, אַ שטיקל טשודאַק. אָט אַזוי ווערט ער געשילדערט, טאַקע פון אַ גאַנץ ווייטלעכן שטאַנדפונקט:

> ער, דער ביכער־פאַרשוין, וואָס האַלט זיך ווייט פון פרויען, מחמת שעמעוודיקייט, און וואָס אַלע זיינע חברים פון דער קאַרליקאָווער סאָציאַליסטישער פאַרטיי, צו וועלכער ער האָט געהערט, האָבן וועגן אים זיך געוויצלט, ווי שוין פון אַ פאַרזעסענעם, כאָטש אינדעראמתן איז ער נאָך גאָר ניט אַלט געווען, נאָר פאַרקערט, יונג און אין דער יוגנטלעכער מעלה: שטענדיק ציכטיק געקליידט, שטענדיק אַקוראַט די האָר אויף אַ שרונט פאַרקעמט, און שטענדיק אַזוי גלאַט ראַזירט, אַז אַנדערע האָבן אַפילו געקענט מיינען, אַז ער האָט ניט וואָס צו ראַזירן... יאָ, און נאָך אַ שטיקל בדול, דאָס הייסט אַן אַרויסגענומענער און אין דער זייט־זיך־האַלטנדיקער פון אַלע געזעלשאַפטן, אויסער דער, צו וועלכער ער האָט, זייענדיק אַ פאַרטייאישער, געהערט, און פאַר וועלכער ער האָט אויסגעפירט די אַרבעט פון רעדאַקטירן, קאָרעגירן און אויסבעסערן די מאַטעריאַלן פאַר דער טאָג־פרעסע, אָדער פאַר מער ערנסטע דרוק־זאַכן, צו וועלכער מ׳האָט אים צוגעצויגן, ווי אַ באַלאָדענעם מיט פיל וויסן אויף פאַרשיידענע געביטן. אויסער אָבער אָט די פליכטן האָט ער זיך געהאַלטן אָפגעזונדערט אַפילו פון די אייגענע, און אַזוי ווייט, אַז קיינער האָט אַפילו ניט געוואוסט — וואו ער וואוינט, ווי ער לעבט און מיט וועמען ער חברט זיך... מ׳האָט נאָר געוואוסט, אַז ער איז שטאַרק מוזיקאַל, אַז ער קאָן, אָן אַ שטים, אויסזינגען גאַנצע אָפערעס, גלייך ער וואָלט געהאַט ליגן פאַר זיך זייערע פאַרטיטורעס. מ׳האָט ווייטער געוואוסט, אַז אָט די קאָנצערטן מאַכט ער דורך מיט זיך אַליין, ניט פאַר קיינעם, שטייענדיק אַמאָל לעם אַ פענצטער, אָדער אַן אַנדער מאָל גאָר מיטן פנים צו אַ וואַנט געווענדט. מאָדנע!...
>
> (דער נסתר 1969ב: 18־19).

דער גאַנצער ראָמאַן איז צעטיילט בלויז אויף צוויי קאַפיטלען. דער ערשטער קאַפיטל וויים צו דערציילן פרטים פון מלך מאַגנוסעם לעבן ביז פאַר דער צווייטער וועלט מלחמה. דער צווייטער קאַפיטל היפט אַריבער אַ היפש שטיקל צייט, אַזוי צו זאָגן: „דאָ קומט אַן איבעררייס אין דער ביאָגראַפיע פון מלך מאַגנוס אויף אַ יאָר צען, פופצן און מער, וועגן וועלכער ס׳איז ניטאָ וואָס צו דערציילן...” (ז. 55).

דער צווייטער קאַפיטל שילדערט מלך מאַגנוסעם לעבן און יסורים אין געטאָ, אין די ביטערע טעג פון דער נאַצישער אָקופּאַציע.

די קאָמפּאָזיציע פון ערשטן קאַפיטל שטעלט זיך פאָר ווי אַ ליניע וואָס שלענגלט זיך אַרויף און אַראָפּ, ווי אַ כוואַליע אין אַ צעשטורעמטן ים. אָט אַזוי:

א. פייגעלע — איר לעבן און טויט;
ב. מלך מאַגנוסעם פינצטערער יאוש אין אַ פאַרוואָרפענעם ווינקל;
ג. מלך מאַגנוסעם שטודיר־יאָרן אין דער קרוינשטאָט, זיינע גרויסע וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען, וואָס באַזאָרגן אים מיט אַן אָרנטלעכן דיפּלאָם, אָבער אָן אַ גראָשן ביי דער נשמה;
ד. אַ צופעליקע באַגעגעניש מיט באָרים פולבייטלען: ווידער אַ באַרג־אַרויף;
ה. באָרים פולבייטלס זאָרג פאַר מלך מאַגנוסן און זיין השתדלות בנוגע אַ שידוך מיט זיינער אַ קרובה בלומקע;
ו. בלומקעס ויברח מיט איר געליבטן פאַרפירער, דעם צירק דירעקטאָר, ווידער אַ באַרג־אַראָפּ.
ז. מלך מאַגנוס ווערט אָנפירער אין דער אָפּטיילונג פון שפּראַך וויסנשאַפט אין דעם פריש געגרינדעטן אינסטיטוט;
ח. מלך מאַגנוסעם חתונה מיט אַ גאָר־ניט־יונגער פרוי, וועלכע שטאַרבט נעבעך אַוועק, געבוירנדיק אים אַ זון.

אַזוי, מער וויניקער, זעט אויס דער פאַבולאַרישער קאָנטור, וואָס קען „סטענאָגראַפיש” באַצייכנט ווערן ווי אַ מעשה מיט דריי פאַרלאָשענע גליקן, אָדער ווי אַזוי מלך מאַגנוס האַלט אויס דריי טראַגישע נסיונות. דער טעקסט גופא איז פול און פיל מיט פרטי פרטים און באַשרייבונגען. יעדער זאַץ האָט זיך זיין חן און זיינע טיפערע כוונות. עס וואָלט געווען אַ מצווה זאָגן אַ פאָר ווערטער וועגן די צוויי עראָטיש־מאַגנעטישע מיידלעך, פייגעלע און בלומקע. אָבער דאָס מוז מען שוין אָפּלייגן אויף אַן אַנדער מאָל.

דער צווייטער קאַפיטל איז שוין געבויט לויט גאָר אַן אַנדער קאָמפּאָזיציע, טאַקע מער גראָדליניק, אָבער כולו באַרג־אַראָפּ, אין וויסטן תהום אַריין. אָט אַזוי:

א. מלך מאַגנוסעם זאָרג פאַר זיין זעכצן־זיבעצן יאָריקן זון, מלא פחד פאַר דעם היטלערישן שטורעם, וואָס זיינע שוואַרצע כמאַרעס האָבן שוין פאַרדעקט דעם גאַנצן האָריזאָנט;



זעליג=הירש קלמנאָוויטש
(1944 — 1885)
(פאָטאָ: אַדאַנק דער ייִוואָ)



באָרים קלעצקין
(1937 — 1875)
(פאָטאָ: אַדאַנק דער ייוואָ)

ב. די נאַצישע אָקופּאַציע און דאָס פֿאַרטרייבן די יידן אין געטאָ אַריין;

ג. מלך מאַגנוס קוקט אויס אויף גאולה מצד די קעמפֿנדיקע אונטערערדישע כּוחות און מצד דער רויטער אַרמיי;

ד. דער זון שליסט זיך אָן צו די אונטערערדישע;

ה. מלך מאַגנוס גיט זיין הסכּמה מיט אַ שווער האַרץ;

ו. דער זון ווערט געכאַפּט און דערשאָסן;

ז. מלך מאַגנוס פֿאָרט צוזאַמען מיטן טויטן זון צום בית־עולם און וויל בלייבן מיט אים אין קבֿר;

ח. מלך מאַגנוסעס פֿאַרצווייפֿלונג איז גאָר אָן אַ שיעור;

ט. דער טויט פֿון באָרים פּולבייטלס טאָכטער;

י. באָרים פּולבייטל גיט געלט צו בויען אַ מאַלינע און ברענגט אַהין אַריין אויך מלך מאַגנוסן;

יא. מלך מאַגנוס זיצט און שרייבט זיינע כּתבֿים פֿאַר די קומענדיקע דורות.

און ווידער אַזוי: דער אָ פֿאַבולאַרישער קאָנטור קען דינען ניט מער ווי אַ שטיקל אָנצוהערעניש.

## V

אין פֿלוג קומט אויס, אַז דער נסתּר האָט דאָ אָנגעשריבן אַ ריין רעאַליסטישן ראָמאַן. עס דאַכט זיך, אַז אַלע „מאַטעריאַלן" האָט ער געשעפּט מיט פֿולע עמערס פֿון רעאַלן לעבן און אַז אַלע געשטאַלטן זיינען פּאַקטיש זיינע באַקאַנטע. זיין דערציילער ווייס געגנוי וואָס ער האָט צו זען און צו זאָגן.

אָט־אָ דער דערציילער איז עס טאַקע די מערקווערדיקסטע שאַפֿונג פֿון דעם רעאַליסטישן קינסטלער. ווייזט זיך אַרויס, אַז דער נסתּר, פֿיניע קאַגאַנאָוויטש אַליין, רירט זיך גאָרניט צו דירעקט צום טעקסט, אלא דורך אַ פֿאַרמיטלער, דעם דערציילער, וואָס רודערט אויף און באַלעבט אַ גאַנצע סיסטעם פֿון קינסטלעריש־שפּראַכלעכע פֿאַרבינדונגען. אַזוי אַרום ווערט אויסגעפֿירט אַ פּרינציפּיעלע דיסטאַנץ צווישן דערווירקלעכקייט און צווישן איר אויסדרוק אין ווערטער. די דאָזיקע דיסטאַנץ מאַכט מעגלעך אַן איראָנישן קוק אַפֿילו אויף אַ דורכויס פּאַטעטישן טעקסט.

דער רעאַליסטישער דערציילער האַלט, משמעות, פֿאַר זיין חובֿ צו שאַפֿן אַ לאָגיש־ראַציאָנעלן קאָנטעקסט, וואָס זאָל ממילא באַזייטיקן יעדע נויטבאַדערפֿטיקייט אויסצוטייטשן אָדער אַריינצוטייטשן ווערטער און געדאַנקען, וואָס זיינען ניט אידענטיש מיטן פּשוטן פּשט. עס קען גילטן נאָר דאָס, וואָס שטייט בפֿירוש אָנגעשריבן שוואַרץ אויף ווייס אין טעקסט.

אלא וואָס דען? די מעשׂה איז, אַז דאָ רעדט זיך וועגן שפּראַך מאַטעריאַלן, וועלכע זיינען תּמיד אָפֿן פֿאַרן לייענער. אויך פֿאַר דעם, וואָס האָט די פֿעאיקייט און פֿרייהייט זיך אַריינצולייענען אינעם טעקסט און אַרויסצולייענען פֿון אים אָן אַ שיעור נייע און פֿרישע פּירושים.

קען מען דאָך שטעלן אַ קשיא: צי איז דער נסתּר אין זיין מלך מאַגנוס אַן אויסשליסלעכער רעאַליסט? אויף דעם מעג מען אפֿשר ענטפֿערן: אַ רעאַליסט — יאָ: אַן אויסשליסלעכער — לאו דווקא.

מ'טאָר ניט פֿאַרגעסן, אַז דער נסתּר האָט אין אַ בריוו צו זיין ברודער מאַקס (משמעות אין 1935טן יאָר) בפֿירוש געשריבן אַזוי:

> סימבאָליזם האָט אין ראַטנפֿאַרבאַנד קיין אָרט ניט, און איך, ווי דיר איז באַוואוסט, בין פֿון אַלע יאָרן אַ סימבאָליסט. איבערגיין פֿון סימבאָליזם צו רעאַליזם איז פֿאַר אַ מענטשן ווי איך, וועלכער האָט אַ סך געהאָרעוועט אויף צו פֿאַרפֿולקאָמען זיין מעטאָד און אופֿן פֿון שרייבן — זייער שווער. דאָס איז נישט קיין פֿראַגע פֿון טעכניק, דאָ מוז מען ווי אויפֿסניי געבוירן ווערן, דאָ מוז מען איבערקערן די נשמה אויף דער אַנדער זייט.

(שמערוק 1963: 14; 48-49, באַמערקונג 13)

וואָס איז בכן געשען? האָט טאַקע דער נסתּר אין משך פֿון צען יאָר איבערגעקערט זיין נשמה אויף דער אַנדער זייט? אָדער אפֿשר האָט ער גאָר אויסגעפֿונען, אַז דער סימבאָליזם קען געפֿינען פֿאַר זיך אַ נייעם צוגאַנג און אַ נייעם אויסגאַנג, נייע שטעגן און נייע מיטלען, בשעת דער שפּראַך מאַטעריאַל אַליין עפֿנט פֿאַר אים טויערן און טירן מיט זיין פּרינציפּיעלער פֿילדייטיקייט? אפֿשר מוז דער וואָרט־קינסטלער ניט זיין אָדער אַ רעאַליסט אָדער אַ סימבאָליסט? הלמאַי זאָל ער ניט זיין אַ רעאַליסט און אַ סימבאָליסט אינאיינעם?

באַטראַכטנדיק די זאַך אַזוי, קען מען זיך שוין צוקוקן צו מלך מאַגנוס ווי צו אַ כּפֿול־פּנימדיקן טעקסט.

## VI

אָט לאָמיר כאַפּן אַ בליק אויף די נעמען. דאָס רובֿ זיינען עס כּלל ניט קיין פּערזענלעכע נעמען, נייערט פֿונקציאָנעלע. אַפֿילו מלך מאַגנוסעס זון איז ניט באַקרוינט מיט קיין פּריוואַטן נאָמען. די פֿיר פּערזענלעכע נעמען זיינען אַלע באַגלייט מיט אַן איראָנישן ביי־טעם. ביידע שיינע מיידלעך זיינען געגליכן צו אַ פֿויגל (פֿייגעלע) און



דער נסתר (פּיניע קאַגאַנאָוויטש)
(1950 — 1884)

צו אַ בלום (בלומקע). די ערשטע האָט מען אַראָפּגעשאָסן און די צווייטע האָט מען אַרויסגעריסן. צוויי סימבאָלן אויפֿן וועג פֿון מלך מאַגנוסעס מאַרטיראָלאָגיע. באָרים פּולבייטל, אַנטקעגן זשע, ווערט געשילדערט קודם כל ווי אַ רייכער גוט=באַזיצער, וואָס זיין גוט

> פֿאַרמאָגט אי וואַלד, אי פֿעלד, אי סאָד, אי גאָרטן, אי אויך שטאַלן פֿאַר פֿערד צום אַקער און צום שפּאַן, אי אויך הינט צום יאַגד, וועלכן באָרים האָט געפּראַוועט אין וואוילטעגלעכער חברותא מיט פּריצישע שכנים, זיך לאָזנדיק אויף געווילד, און וואו ער האָט זיך ערגעץ ווען אַפֿילו דערוואָרבן אַ קליין בערעלע, וואָס ער האָט עס געפֿאַנגען לעבעדיק און דאָס גענומען אויף דערציאונג.

(דער נסתר 1969ב: 34)

אין פֿלוג — אַן איינגעזעסענער מאַגנאַט, עלעהיי אַ מין קיריל פּעטראָוויטש טראָיעקוראָוו פֿון פּושקינס דובראָווסקי...

באָרים פּולבייטל ווערט געשילדערט ווי אַ קאָנטראַסט פֿון מלך מאַגנוסן: ער איז אַ לעב=יונג און מלך איז כמעט אַ נזיר, ער איז רייך און מלך איז אָרעם, ער איז אָפֿנהאַרציק און פֿריידיק און מלך — צוריקגעצויגן און טיף ערנסט, ער איז אַ פֿאַרקערפּערונג פֿון אַ מאַטעריאַליסטישן לעבנסגאַנג און מלך — פֿון אַן אידעאַליסטישן. פֿונדעסטוועגן ווערט קלאָר דעם לייענער, אַז עפּעס אַ משונהדיקע קראַפֿט ציט צו איינעם צום אַנדערן, און אַז מלך קען גאָר אָן באָריסן ניט אויסקומען און זייערע גורלות קלאַמערן זיך צוזאַמען אין געטאָ, ווען ביידע פֿאַרלירן זייערע קינדער און ציען זיך אַריין אין דער לעצטער מאַלינע.

בלייבט אונדז נאָר צו פֿאַרשטיין מלך מאַגנוסעס פּערזענלעכן נאָמען כדי אויסצוגעפֿינען דעם רמז פֿון אַ סימבאָלישער שאַפֿונג.

דער נאָמען מלך מאַגנוס טראָגט אין זיך אַן איראָנישע שפּאַנונג. דאָס וואָרט מלך שטאַמט פֿון העברעאיש; מאַגנוס — פֿון לאַטיין. אַ וואָרט פֿאַר אַ וואָרט מיינט דאָס: דער גרויסער קעניג. די כפֿול=פּנימדיקע איראָניע שטעלט אַוועק אַ פֿראַגע=צייכן: פֿאַרוואָס זשע איז דער פֿאַרשוין באַקרוינט מיט אַזאַ מין מאָדנעם נאָמען?

מלך מאַגנוס איז פֿון איין זייט אַ גאַנץ כאַראַקטעריסטישע געשטאַלט פֿון זיין דור: אַרויס פֿון חדר און ישיבה, אַקטיוו אין דער רעוואָלוציאָנערער, סאָציאַליסטישער און נאַציאָנאַלער באַוועגונג, עקסטרעם, איבערגעגעבן, אָן פּניות. נאָך דער מפּלה פֿון דער רעוואָלוציע אין 1905 ווערט ער אַן אַקטיווער טרעגער פֿון דער מאָדערנער יידישקייט, פֿונעם קולטורעל=וויסנשאַפֿטלעכן רענעסאַנס און ווערט אַריינגעשליידערט, אין סאַמע בלי און ברען פֿונעם לעבעדיקן יידישיזם, אין תהום פֿון געטאָ און פֿאַרניכטונג.

פֿון דער אַנדערער זייט איז מלך מאַגנוס אַ יחיד במינו. מען קען וועגן אים איבערחזרן דעם פּסוק פֿון איוב (א: א): והיה האיש ההוא תם וישר וירא אלהים וסר מרע (און דער דאָזיקער מאַן איז געווען ערלעך און רעכטפֿאַרטיק און אָפּגעקערט פֿון שלעכטס). און אָטאָ דער קריסטאַל=ציכטיקער בחור איז געצוואונגען געוואָרן זיך ראַנגלען מיטן בייזן גורל. איין מאָל און נאָכאַמאָל און אַ דריטן מאָל. ביז ער איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן פֿאַרן לעצטן נסיון, דעם נסיון פֿון „עקדת יצחק" (בראשית כב: ב), אַזוי צו זאָגן: קח נא את בנך את יחידך אשר אהבת — נעם דיין זון, דיין איינציקן, וואָס דו האָסט ליב.

און מיט דעם נסתרס ווערטער:

> ער האָט די גאַנצע צייט, אויסהערנדיק דעם סעקרעטאַר, געשוויגן און מיט קיין וואָרט ניט אַנטקעגנגעקומען; און נאָר צום סוף, ווען יענער האָט פֿאַרענדיקט, און ער, מלך מאַגנוס, האָט געזען, אַז יענער האָט שוין ניט וואָס מוסיף צו זיין, נאָך דעם, ווי ער האָט אַלץ פֿאַר אים אויסגערעדט, און אַז ער וואַרט נאָר, וואָס ער וועט אים ענטפֿערן: „יאָ, צי ניין, מסכים צי ניט . . . אָט דעמאָלט האָט מלך מאַגנוס, אויך איצט גאָרניט זאָגנדיק, צו יענעם די אויגן אויפֿגעהויבן מיט עפּעס אַ שטיל=פֿאַרשטאַנדיק דאַנקבאַרן בליק. ער האָט זיך אויך אַ ביסל פֿון זיין אָרט אונטערגעהויבן, און שטיל, און ווייטער ווערטער פֿאַרשפּאָרנדיק, יענעם נאָר אַ האַנט אַריבערדערלאַנגט: מסכים, האָט דאָס געהייסן.

(דער נסתר 1969ב: 69-69)

דאָסמאָל איז אים דער ביטערער גורל בייגעקומען. אָט אַזוי שפּינט דער נסתר אויס דעם לעבעדיקן מיטאָס פֿון דער וועלטלעכער יידישקייט. זיין העלד איז ניט קיין גיבור, גיכער אַ ניט=גיבור, באַשיידן, טיף, פֿול מיט אמונה און ווילן, אָרנטלעך ביזן לעצטן פֿאָדעם, אַ וויסנשאַפֿטלער פֿריי פֿון פּוסטער גאווה, וואָס זיין מענטשלעכע שוואַכקייט איז ליבשאַפֿט, וועלכער קען גאָר ניט אויסקומען אָן דעם מעצענאַט, דעם פּולבייטלדיקן מאַטעריאַליסטיש=אידעאַליסטישן גוטן ברודער, וועלכער שפּיגלט זיך אין מלכס ליכט און גייסט. ווען דאָס ווערט קלאָר, פֿילט זיך דער איראָנישער נאָמען מלך מאַגנוס אָן מיט אַ הויך פּאַטעטישן אינהאַלט.

זיי ביידע צוזאַמען, מלך מיט באָריסן, פאַרקערפּערן דעם גייסטיקן נצחון, וואָס ליגט פאַרוויקלט אין זייער היסטאָריש־פּערזענלעכער מפּלה.

עד כאַן.

לאָמיר האָפן, אַז טיכטיקע פאָרשער וועלן נאָך געוויס אַריינקוקן אין דעם נסתרס קונסטווערק און אויסגעפינען די פאַרבאָרגענע פּערל אין זיין פילזייטיקער וואָרטשאַפונג.

# ביבליאָגראַפיע


דער נסתר

1969א „מיילעך מאַגנוס" אין סאָוועטיש היימלאַנד 6: 41-87.

1969ב ווידערוואוקס. דערציילונגען, נאָוועלן, סאָוועטסקי פּיסאַטעל: מאָסקווע.

רייזען, זלמן

1929 לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע, באַנד 3, ב. קלעצקין: ווילנע.

שעוועל, הרב חיים דוב

1978 רבינו דוד בה"ר שמואל הלוי: ספר דברי דוד — טורי זהב. פירוש לרש"י על התורה, מוסד הרב קוק: ירושלים.

שמרוק, חנא [=שמערוק, חנא]

1963 „דער נסתר, חייו ויצירתו" אין: דער נסתר, הנזיר והגדייה, מוסד ביאליק: ירושלים, 9-52.


הערה: די אַרבעט בויט זיך אויפן רעפעראַט וואָס דער מחבר האָט דעם 3טן יוני 1992 געלייענט אויף דער פערטער וועלט קאָנפערענץ פאַר דער פאָרשונג פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור ביים העברעאישן אוניווערסיטעט אין ירושלים.

# מאַנגערס ערשטע באַלאַדעס: אייניקע אייגנשאַפטן

פון

**חיהלע ביר**

(אָקספאָרד)

איציק מאַנגער האָט אָנגעשריבן בערך זיבעציק באַלאַדעס, דאָס רוב צווישן 1928 און 1938, ווען ער האָט געלעבט אין וואַרשע. פון די זיבעציק זיינען סך־הכל זעקס און פופציק דערשינען אין זיינע ערשטע צוויי לידער־זאַמלונגען, שטערן אויפן דאַך אין בוקאַרעשט (1929), און לאַמטערן און ווינט אין וואַרשע (1933).

כאָטש די צאָל באַלאַדעס איז קליין אינעם פאַרנעם פון מאַנגערס שאַפונג בכלל, דאָך שפּיגלען זיי בולט אָפּ דעם פּאָעטס אייגנאַרטיקע ווענדונג צו אָט דעם וויניק אַנטוויקלטן זשאַנער אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. אַנדערע יידישע דיכטער, בתוכם יהואש, לייוויק, מאַני לייב, זישאַ לאַנדוי, משה־לייב האַלפּערן, דוד איינהאָרן און י.ל. פּרץ האָבן אויך געשריבן באַלאַדעס, הגם זיי האָבן זיך ניט אַזוי פאַרטיפט אינעם זשאַנער ווי ס'האָט עס געטאָן איציק מאַנגער.

מאַנגערס זאַמלונג פון ליד און באַלאַדע, שטערן אויפן דאַך, איז דערשינען אינעם זעלביקן יאָר ווען ער האָט פאַרלאָזן רומעניע און איז אַוועק קיין פּוילן. אין ערגעץ ווערן מאַנגערס באַלאַדעס כראָנאָלאָגיש ניט אויפגעצייכנט. ס'איז אָבער קלאָר אַז אין שטערן אויפן דאַך זיינען אַריין ווערק פון דער ערשטער תקופה פון זיין שאַפונג.

די זאַמלונג איז כולל זעקס און צוואַנציק באַלאַדעס. פאַר זיי איז כאַראַקטעריסטיש אַן אָנזעעוודיקע השפעה פון דער דייטשישער ליטעראַטור, ווי אויך דער באַנוץ פון קריסטלעכע מאָטיוון, ד.ה. אַזעלכע אייגנשאַפטן וועלכע ווערן שוואַכער אין מאַנגערס ווייטערדיקער באַלאַדע שאַפונג. גלייכצייטיק איז אַ יידישער אינהאַלט אין די ערשטע באַלאַדעס ניט אַזוי בולט אויסגעדריקט, ווי אין זיינע שפּעטערדיקע זאַמלונגען.

אין זיינעם אַן אַרטיקל וואָס הייסט „די באַלאַדע — די וויזיע פון בלוט", שאַפט מאַנגער אַ קייט פון אימאַזשן וואָס וואָלטן צום גרעסטן טייל געקענט אַריינגעפלאָכטן ווערן אין זיין שאַפונג גופא. אַ טייל פון די בילדער נעמט ער טאַקע אַריין אין זיינע באַלאַדעס. גלייכצייטיק בלייבט די דערקלערונג פון זיין באַלאַדישן שטייגער אַ ביסל פאַרכמאַרעט, ווי דאָס רוב אַלגעמיינע דעפיניציעס פון באַלאַדע.

> דאָס איז די וויזיע פונעם אומרואיקן בלוט; דאָס איז דער אויפברויז, וואָס פאַרווישט דעם שטילן סענטימענט, די שטילע לירישע נשמה וויבראַציעס. דאָס איז דאָס שרעקלעכע דערזען ביים ברעג פון נאַכט, טויט, שגעון. דאָס איז די ווילדע מיסטעריע, וואָס דרימלט אין אונדזער עקזאַלטירטן בלוט [...]
>
> (מאַנגער 1929ב: 762)

אין אַ שמועס מיט יעקב פּאַט דערקלערט ער אַז:

> אין אַלע מיינע לידער־ביכער, אין אַלע מיינע מאָטיוון איז דאָ פאַקטיש איין מאָטיוו: איך זוך דאָס טראַגישע אין דער וועלט און אין לעבן.
>
> (פּאַט 1954: 184)

אין אַ רעפעראַט וואָס מאַנגער האָט געלייענט פאַרן וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַראיין און נאָכאַמאָל געווידמעט „די באַלאַדע — די וויזיע פון בלוט" (1932: 769), זאָגט ער אַרויס אַ מיינונג אַז יעדע ליטעראַטור מוז דערגרייכן אַ באַלאַדישע מדרגה פאַר דעם ווי די דראַמע קען געשאַפן ווערן. ער האַלט אַז די באַלאַדע איז אַ צוגרייטונג צו דער דראַמע, אַ מיטל וואָס דערלויבט אַנטוויקלען אַ דראַמאַטישן דיאַלאָג. מאַנגער (1980א: 219) בינדט

צוזאַמען דאָס באַלאַדישע, דאָס דראַמאַטישע און דאָס טראַגישע. לויט אים, זיינען פאַראַן צוויי עיקרדיקע עלעמענטן וואָס מען געפינט אין יעדער אמתער באַלאַדע: דאָס וויזיאָנערישע און דאָס דראַמאַטישע.

מאַנגער איז צוגעצויגן געוואָרן צום אייראָפּעאישן באַלאַדישן זשאַנער מיטן געפיל אַז דעם זשאַנער קען מען אַריינפלעכטן אין די ראַמען פון דער יידישער ליטעראַטור און אויף אַזאַ אופן שאַפּן אַ באָדן פאַר דער אַנטוויקלונג פון אַן אייגנאַרטיקער יידישער דראַמע. דאָס הייסט אַז זיינע באַלאַדעס אין שטערן אויפן דאַך דאַרף מען אויפנעמען ניט נאָר ווי אַ ספּאָנטאַן-פּאָעטישן אויסדרוק, נאָר אויך ווי אַ וועג צום אַנטוויקלען די יידישע דראַמע.

נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה, טאַקע ווען מאַנגער האָט אָנגעהויבן שאַפּן באַלאַדעס, האָט זיך רעשיק אויפגעבליט די יידישע פּאָעטישע טעטיקייט אין אייראָפּע און אין אַמעריקע. אַ סך ווערק פון אייראָפּעאישער פּאָעזיע האָט מען דעמאָלט איבערגעזעצט אויף יידיש. למשל, מאַני לייב האָט איבערגעזעצט די שאָטישע באַלאַדע „עדוואַרד, עדוואַרד״; זישאַ לאַנדוי האָט אין די יאָרן 1924-1926 געדרוקט אין ניו-יאָרקער זשורנאַל דער אינזל זיינע יידישע איבערזעצונגען פון אַ ציקל באַוואוסטע ענגלישע באַלאַדעס. נייע פאָרמען, עקספּערימענטן און פאַרשיידענע ליטעראַרישע באַוועגונגען האָבן זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן אין דער יידישער דיכטונג. ס׳איז געווען אַ תקופה ווען דער ליטעראַרישער שליאַך איז געלעגן אָפּן. קלאַסישע, ראָמאַנטישע, מאָדערניסטישע, עקספּרעסיאָניסטישע און סימבאָליסטישע טענדענצן האָבן זיך בשכנות געכאָוועט.

לויט יעקב שטערנבערג, זיינען מאַנגערס באַלאַדעס געווען אַ באַווייז פון אַ ווענדונג צו:

> אַזאַ קלאַסישן זשאַנער אין אַזעלכע ניט קלאַסישע צייטן.

(שטערנבערג 1987: 168)

מאַנגער האָט טאַקע אָנגענומען אַ קלאַסישן זשאַנער, אָבער ער האָט אים פריש באַקליידט אויף אַ ראָמאַנטישן און מאָדערניסטישן אופן (ווי צום ביישפּיל עס האָבן געטאָן לאָרקאַ און ברעכט).

אין שטערן אויפן דאַך איז מאַנגער געטריי זיין באַלאַדע וויזיע, דער וויזיע פון בלוט. אַ סך באַלאַדעס פון דעם מין זיינען פאַרבונדן מיט שרעק און שגעון, עס פיגורירן געשפענסטער און געשטאַלטן פון דער דעמאָנישער וועלט. ס׳איז געווען שטערנבערגס מיינונג (1987: 156), אַז די דייטשישע דיכטונג האָט פאַרפלאַנצט אין מאַנגערן אַ נטיה צו מעטאַפיזיק. אין מאַנגערס בלוט וויזיע באַלאַדעס (ווי צום ביישפּיל „די באַלאַדע פונעם ווייסן שיין״, „די באַלאַדע פונעם כלה שלייער״, „די באַלאַדע פונעם רויטן פינגערל״) איז דער יידישער אינהאַלט גאַנץ שוואַך. לויט יעקב גלאַטשטיין האָט מאַנגער:

> באַדאַרפט פּטור ווערן פון אַ סך שאָלעכצער, וואָס האָבן אַרומגערינגלט זיין ליד און געשטערט די פּשטות. ער איז געקומען מיט אַ פרעמדער [...] פריקרער ראָמאַנטיק וואָס האָט געוואָרגן זיין יידיש ליד [...]״

(גלאַטשטיין 1956: 306)

ס׳איז אינטערעסאַנט וואָס מאַנגער בויט זיינע אַמערסטנס קאָנווענציאָנעלע און טראַדיציאָנעלע באַלאַדעס נענטער צום מוסטער פון באַרימטע באַלאַדעס פון דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור. ער היט אָפּ די באַלאַדע קאָנווענציעס סיי לויט דער סטרוקטור סיי לויטן אינהאַלט, וועלכער מוז זיין אַ געשפּאַנטער. אַזאַ איז, למשל, „די באַלאַדע פונעם ווייסן שיין״ אין וועלכער עס הערן זיך געוויסע אָפּקלאַנגען פון געטעס „ערלקעניג״.

איןביידע ווערק געפינען מיר אַ סופּערנאַטירלעכע אויסטערלישע מאַכט וואָס זי ציט מאַגיש צו זיך צו אַ יונגן קרבן. אין געטעס באַלאַדע איז דאָס דער ערלקעניג, דער מלאך המוות, און די מעשה דערגייט צו אַ פינצטערן סוף. אין מאַנגערס באַלאַדע ווערט די אויסטערלישע מאַכט אַנטפּלעקט אין אַ שמועס צווישן מוטער און טאָכטער. דער גורל זעט דאָ אויס ניט אַזוי פינצטער צוליב דעם וואָס דער ווייסער שיין, דער טריט אויף „יענער זייט״, איז אַ דערלייזונג, כאָטש אַ טרויעריקע.

פאַר אַ פאָלקס-באַלאַדע איז כאַראַקטעריסטיש אַן אַנטוויקלונג פון אַ קאָנפליקט צווישן די העלדן (באַקען 1972). דער קאָנפליקט דערגרייכט אַן איבערגאַנגס-פּונקט, אַ מין אויספּיר.

מאַנגער האָט אָבער אַ נטיה איבערצוקערן דעם פעלץ אויף דער צווייטער זייט. דער קאָנפליקט איז ניט אַזוי שאַרף אין זיין באַלאַדע ווייל דער איבערגאַנגס-פּונקט באַשטייט אין דעם וואָס די מאַמע עצהט איר טאָכטער זאָגן קרישמע; זי שטעלט זיך צ ו ז אַ מ ע ן מיט דער טאָכטער אין איר אָנערקענונג פון אַ באַשטימטן גורל; די דרויסנדיקע סכנה, דער ווייסער שיין איז דאָ אויך דאָס אינערלעכע געמיט פונעם מיידל. אין „ערלקעניג״ שטעלט זיך אָבער דער טאַטע אַ נ ט ק ע ג ן דער סכנה, דעם באַשטימטן גורל פון זיין זון.

„די באַלאַדע פונעם ווייסן שיין״ איז אַ מוסטער פון

אַ סימעטרישן געבוי פון באַלאַדע סטראָפעס: פיר־שורהדיקע סטראָפעס, מעטריש אויסגעהאַלטן. די גראַמען געבוי איז א, ב, ג, ב. יעדע צוויי שורות האָבן זיבן באַטאָנטע טראַפן. די ערשטע און די דריטע שורות זיינען יאַמבישע טעטראַמעטערס, דאַן ווען די געגראַמטע שורות זיינען יאַמבישע טרימעטערס.

מאַנגער האָט תמיד פּראָקלאַמירט אַ נאָענטע קרובהשאַפט מיטן יידישן פאָלקסליד און מיט פאָלקסליד בכלל, און ס׳איז אינטערעסאַנט וואָס דער איצט דערמאָנטער סטראָפן־געבוי פון איינער פון זיינע באַלאַדעס, איז דער כאַראַקטעריסטישער סטראָפן־געבוי פון אַ פאָלקסליד. ס׳איז נאַטירלעך ווייל ליטעראַרישע באַלאַדעס שטאַמען פון דערציילערישע פאָלקסלידער.

אין זיין הקדמה צו שטערן אויפן דאַך, דערקלערט מאַנגער, אַז אינעם בוך גייען אַריין באַלאַדעס, קריסטוס לידער און לידער פון בעל־שם. דער קריסטוס מאָטיוו ווערט אַריינגעפירט אין דרייצן באַלאַדעס, עם באַווייזן זיך אַזעלכע קריסטלעכע סימבאָלן ווי קלויסטערס, גלחים און צלמים, ווי אויך די געשטאַלט פון קריסטוסן אַליין.

אין זיין מיניאַטור זשורנאַל געציילטע ווערטער דערמאָנט מאַנגער אַז ביי אונדזערע קלאַסיקער (מענדעלע, שלום־עליכם, פרץ) איז ניט פאַראַן קיין איין און איינציקע אָנדייטונג אויף דער דאָזיקער קריסטוס געשטאַלט. לויט מאַנגערן האָבן די קלאַסיקער אויסגעשטראָכן אַ וויכטיקע דערשיינונג פון זייער אַרום.

> מענדעלעס פערד און וואָגן איז אַדורכגעפאָרן דעם וועג קאַבצאַנסק — טוניאַדעווקע זיבן מאָל אַ וואָך [...] האָט ער נישט געזען? צי האָט ער פשוט אַוועקגעקוקט? [...] האָט ער ניט באַמערקט דעם צלם, וואָס שטייט אויפן סאַמע מיט פון וועג, און די געשטאַלט וואָס הענגט אויפן דאָזיקן צלם?
>
> (מאַנגער 1929ד: 1)

מאַנגערס באַנוץ מיטן קריסטוס מאָטיוו איז געווען אַ סימבאָלישער באַווייז פון אוניווערסאַלע ליידן און רחמים. צום ביישפּיל אין „די באַלאַדע פון דער זינד״, שרייבט ער:

אויפן צלם הענגט געקרייצט
דער דערלייזער
און טראָגט אין זיין נשמה
דאָס ליידן פון דער וועלט.

(מאַנגער 1929א: 98)

כאַראַקטעריסטיש אַז שפּעטער, נאָענט צום אָנהייב פון דער צווייטער וועלט מלחמה, האָט ער געשריבן:

> איצט אין דער היסטאָרישער רגע ווען אַ פאָלק דאַרף און האַלט ביי אַן אינערלעכער קאָנסאָלידאַציע, מוז מען דאָס פרעמדע גרינטלעך פאַרגעסן, כדי צו געפינען דאָס אייגענע, און דערמיט — זיך אַליין.
>
> (מאַנגער 1980ב: 328)

אין איינעם פון מאַנגערס לידער געפינען מיר אַ שליסל צו זיינע ערשטע באַלאַדישע ריכטונגען אין שטערן אויפן דאַך. אין דעם ליד „געבורט״ (1929א: 57) זעען מיר דעם דיכטער וואָס זוכט נאָך זיין וועג, אָבער ער טראָגט שוין אַ שטאַרקן באַוואוסטזיין פון זיין אָנוועזנהייט אַלס באַלאַדע שרייבער:

געבורט! געבורט! ס׳ליגט די וועלט אין קראַמפן.
פלאַטערן פאָנען, זעאונגען, סיגנאַלן.
וועגן קרייצן זיך, באַיאָנעטן בליצן, האָרנס שאַלן.
פלאַנעטן פיבערן, אַ יעדן ווילן איז אַ באַיאָנעט.
און דו באַלאַדן־שפינער, שאָטן וועבער, דו
פאָעט —
זוך דיר דיין פאָן אַרויס צווישן אַלע פאָנען.

# ביבליאָגראַפיע


באַקען, ד.
1972 David Buchan, *The Ballad and the Folk,* Routledge Kegan Paul: London.

גלאַטשטיין, יעקב
1956 אין תוך גענומען: עסייען 1945 — 1956, פאַרלאַג פון יידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד: ניו־יאָרק.

האַדאַ, דזשאַנעט
1977 Janet Hadda, “Christian Imagery and Dramatic Impulse in the Poetry of Itsik Manger” in *Michigan Germanic Studies* 2: 1-12.

מאַנגער, איציק
1929א שטערן אויפן דאַך, פאַרלאַג שלום־עליכם: בוקאַרעשט.

1929ב „די באַלאַדע — די וויזיע פון בלוט" אין ליטעראַרישע בלעטער 39 (282): 762.

1929ג „ערשטער בריוו צו Y X" אין געציילטע ווערטער 1: 1-2.

1929ד „דריטער בריוו צו YX" אין געציילטע ווערטער 4: 1-2.

1932 „די באַלאַדע — די וויזיע פון בלוט" אין ליטעראַרישע בלעטער 48 (447): 769.

1980א „מאַני לייב" אין שריפטן אין פּראָזע, י.ל. פרץ פאַרלאַג: תל אביב, 208-225.

1980ב „פאָלקלאָר און ליטעראַטור" אין שריפטן אין פּראָזע, י.ל. פרץ פאַרלאַג: תל אביב, 327-334.

פּאַט, יעקב

1954 שמועסן מיט יידישע שרייבער: ניו־יאָרק.

שטערנבערג, יעקב

1987 וועגן ליטעראַטור און טעאַטער, לייוויק פאַרלאַג: תל אביב.

הערה: דער רעפעראַט אויף וועלכן די איצטיקע אַרבעט בויט זיך איז געלייענט געוואָרן אויף דעם זיבעטן אָקספאָרדער ווינטער סימפּאָזיום איבער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור, דעצעמבער 1991.

# יעקב פרידמאַנס נפילים:
# געפאַלנקייט און אַפּאָטעאָזים

פון

יוסף בר־אל

(רמת גן)

## I

יעקב פרידמאַנס דראַמאַטישע פּאָעמע נפילים (1963) טראָגט דעם בולטן כאַראַקטער שטריך פונעם דיכטער: די געאָטראָפּישע נייגונג. אויף צו פאָרמולירן דעם קאָמפּליצירטן ענין פון אַ דיכטערישן גייסטיקן מעכאַניזם, ווי פאַרנעפּלט אַזאַ סוגיא זאָל ניט זיין, וועלן מיר קאָנען זאָגן אַז אין דער פּאָעמע שפּיגלט זיך אָפּ יעקב פרידמאַנס פּאָעטישער און פּערזענלעכער פּעסימיזם, זיין הומאָר און זיין כאַראַקטער, אויב מיר נעמען אָן דעם געמיינזאַמען שטריך וואָס פאַרבינדט די צוויי, די עקוואַציע מזג (humidity) כאַראַקטער און אַז אי „ירידה" אי „נפילה" ווי אַבסטראַקטע באַגריפן, אי זייערע סימבאָלן־פאָרשטייער „נפיל" און „יורד", זיינען אינדיקאַטאָרן פון דעם רעזיגנאַציע געפיל, אַנטווישונג, געפאַלנקייט.

> נישט געקומען נאָך די שעה פון נאָכאַמאָל באַשאַפן,
> נישט געקומען נאָך די צייט פון צווייטן מאָל צו
> פרואוון.
> פאַרבלייבן זאָל דאָס ליים נאָך ליים.
>
> (פרידמאַן 1974: 212)

יעקב פרידמאַן איז מקיים אין דער דראַמאַטישער פּאָעמע דעם היפּוך פון דעם וואָס שלום־עליכם האָט מקיים געווען אין זיין ליטעראַרישער שליחות. איבער נפילים, איינשליסנדיק די פּאַסטאָראַלע און לירישע סצענעס, שוועבט אַ וואָלקן פון ערנסט, די מאָס פון דין. די מידת הדין דאַרף האָבן צוגעבונדענע אויגן, די מידת הרחמים האָט אַנטבלויזטע: דער שמייכל קוקט אַרויס פון די פרייע אויגן. אומעטום וואו דער שמייכל גילט, דאָרט ווירקט דער מענטשלעכער גייסט און דער הומאָר פירט אויס זיין שליחות. פון דער פּערספּעקטיוו וואָס דער הומאָר שאַפט, זעט אויס דאָס לעכערלעכע ניט אַזוי לעכערלעך און דאָס טראַגישע זעט אויס ניט אַזוי טראַגיש: דעם וואָס לאַכט אָפּ פון דער צעשפּאַלטנקייט פון דער וועלט פאַרגייט אַ ביסל דער געלעכטער און פאַרבייט זיך אויף אַ ביטערלעכן קהלת־שמייכל און דעם וואָס וויינט אויף דער צעשפּאַלטנקייט פון דער וועלט פאַרגייט אַ ביסל דאָס געוויין און פאַרבייט זיך אין אַ ביטערלעכן קהלת־שמייכל. דער הומאָר שאַפט דעם מיטלפּונקט וואו די עקסטרעמעס באַגעגענען זיך.

קריטיקער (פּנואלי 1963: 271-272) וואָס האָבן כאַראַקטעריזירט שלום־עליכמען האָבן באַמערקט אַז דער געלעכטער איז אַ שליח פון מענטשלעכן גייסט. און ער איז אַ כסדרדיקער וועקער און דערמוטיקער. דער געלעכטער שטויסט אים אָפּ פון אָפּרו און דערפירט צו אומרו און ברויזט אויף שטורמיש אַלעמאָל ווען עס לויערט די סכנה פון אָפּרו אין מאַטעריעלער התמדה.

דער מענטש, וואָס יעקב פרידמאַן ברענגט אים צוריק צו זיינע בראשיתדיקע וואָרצלען און אידענטיפיצירט אים אַלס „אדם", איז אַ בשר וא־דם וואָס יסודו מעפר וסופו לעפר, דער באַשאַפער האָט אים איינגעהויכט ליידנשאַפטן, גלוסטן; און עס פאַרגלוסט זיך אים זיך אומצוקערן צום ליימענעם יסוד וואָס ער טראָגט אין זיך און עס באַשלאָגט דעם אדם די תאווה פון אייביקער רו און דער גייסט זיינער ווערט פאַרמינערט. קומט צו גיין דעמאָלט דער געלעכטער און היילט אויס דעם מענטשלעכן גייסט. דער גייסט האָט באַשאַפן די מאַטעריע, דאָס מגושמדיקס (אַזוי דרינגט די אידעאַליסטישע דיאַלעקטיק) און די מאַטעריע איז

פיינטלעך דעם גייסט ווייל זי רודפט אים און וויל אים פאַרטיליקן. אָבער גלייכצייטיק קאָן דאָך ניט דער גייסט אויסקומען אָן דער מאַטעריע, ווייל בלויז דורך איר פאַרמיטלונג קאָן דער גייסט דערגרייכן די אייגענע אַנטפּלעקונג.

האָט געזען דער גייסט אַז זיין קיום נגלה איז אָפּהענגיק אין מענטשן, ווייל אָן דעם מענטשן האָט ער נישט קיין פאַרשטייער בהאי עלמא און אַז דער אדם גלוסט צו דעם אָפּרו אין מאַטעריעלער געמיטלעכקייט, — האָט ער אין אים איינגעפלאַנצט דעם יסוד פון געלעכטער און שמייכל. איז דער געלעכטער געוואָרן אַ פונקציע פון מענטשלעכן גייסט וואָס ראַטעוועט אים אַלעמאָל ווען עס לויערט די סכנה אַז ער שטרעבט צום אָפּגרונט. די איינגעשאַפּט פון געלעכטער מאַכט דעם מענטשן גייסטיק־ווערטיקאַל דעמאָלט ווען עס גלוסט זיך אים זיך אַוועקלייגן אויף אַלע פיר. דער גייסט דערמונטערט אים און ברויזט אים אויף ווען די שפּאַנונג פון אויפברויז ווערט מילד און שוואַך און דערנענטערט זיך צו דממה.

האָט די מאַטעריע געשאַפן דעם גייסט, — אַזוי דרינגט די מאַטעריאַליסטישע דיאַלעקטיק. פאַר אירע פאַרבאָרגענע, פאַרנעפּלטדיקע און סודותדיקע צוועקן האָט זי אים באַשאַפן. אין דער אומגעהייערער דימענסיע פון צייט האָט די מאַטעריע אויסגעווירקט און די נאַטור האָט מיטגעווירקט ביז זי האָט געשאַפן אין נזר־הבריאה דעם גייסט. האָט זיך די מאַטעריע אַנטוישט. די מגושמדיקע נאַטור האָט אָנערקענט אַז דאָס סאַמע בעסטע און דאָס סאַמע שענסטע פון איר באַשאַף, דער גייסט, קומט צום אויסדרוק און איז זיך נתגלה בלויז אין מענטשן, אין אדם, — און דער אדם איז אויך קוים, קוים מקיים אין זיך דעם גייסט און דאָס גייסטיקע ווייל דער רוב זיינער פון דעם גייסט־טרעגער איז דאָך בשר ודם וליים, — האָט מען געשענקט דעם מענטשלעכן גייסט דעם געלעכטער, כדי ער זאָל אים געטריי אָפּהיטן, ער זאָל אים לאָזן צוריק קריכן אויף אַלע פיר, צושפּאַרן די נאָזלעכער צו דער ערד כדי זיך אָריענטירן, ווי די חיות און בהמות, נייערט ער זאָל זיין ווערטיקאַל, זיין קאָפּ הויך, דער מח זאָל דערגרייכן די שמי־שמים פון געדאַנק און פאַרנעם און באַפרייען דערמיט די פינגער זאָלן קאָנען שאַפן קלאַנגען פון מוזיק און פּאָעזיע און קונסט פון יעדן סאָרט.

## II

די דראַמע, אין איר קלאַסישן פאַרנעם, איז נישט צוגעפּאַסט צו דעם יידישן גייסט. די זעלן פון דעם זשאַנער דראַמע שטאַמען פון געצן־דינעריי, — און נישט נאָר וואָס זיי זיינען אָפּגעשטויסן געוואָרן פון יידישקייט כל־זמן זיי האָבן געוואָלט, דורך הינטער־טירלעך אַריין, — נאָר זיי זיינען מלכתחילה ניט אויפגענומען געוואָרן. דער יידישער גייסט גייט אויף אַן אייגענעם יחודיקן וועג און דער יידישער וועג איז נישט ככל־הגוייִמדיק.

פאַר דעם צוועק האָבן מיר אין פּרצעס עסיי וואָס פעלט אונדזער ליטעראַטור? (פּרץ 1947) אַ ספּעציעלן אינטערעס הן מצד דעם וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן במפורש והן מצד דעם וואָס עס איז נישט דערזאָגט געוואָרן אָדער געזאָגט ברמז און דאָס פאַרבאָרגענע פאָדערט אַ דערלויכטונג און דערגאַנצונג.

צו פּרצעס דראַמאַטישער שאַפונג האָבן די פאָרשער און קריטיקער אי פאַרשיידענע צוגאַנגען אי אַנטקעגנגעזעצטע אויספירן. דער קאָנפליקט, וואָס פעלט ווי אַמאָל אין דער דראַמע, איז דאָ בשפע אין דער קריטיק. שמואל ניגער (1952) אין זיין כוללדיק ווערק וועגן פּרצעס שאַפונג, פון אַ פאַרנעם פון 560 זייטן, ווידמעט בלויז צוואַנציק זייטן, און דאָס אויך נישט אינגאַנצן דער דראַמאַטישער שאַפונג נייערט „פּרצעס ראָלע אין דער וועלט פון דראַמע און טעאַטער". ניגערס אַריינפיר איז:

> אין זיינע פּאָעטישע, דערציילערישע, דערציילעריש־עסייאיסטישע און עסייאיסטישע ווערק, איז פּרץ געווען, גלייב איך, שעפערישער, ווי אין זיינע דראַמעס, — ווי ווייט זיי זיינען דראַמעס און ניט קיין דראַמאַטיש־לירישע פּאָעמעס. אין זיינע לידער, דערציילונגען, און דערציילערישע עסייען איז ער מער מייסטער ווי אין די טעאַטער־שטיק וואָס האָבן מער ווי איין אַקט.
>
> (ניגער 1952)

פונקט פאַרקערט איז די הנחה פון חנא שמערוק וואָס איז גורם

> אַז ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק איז פּרצעס לעצטער חשבון־הנפש, אַז די דראַמע דאַרף באַטראַכט ווערן ווי איינע פון זיינע העכסטע קינסטלערישע דערגרייכונגען און אַז זי איז אַ שליסל צו זיין גאַנצער ליטעראַרישער ירושה.
>
> (שמערוק 1971: V)

עס וואָלט געוואונטשן געווען אַז דער אויספיר זאָל אויסדערוויילן איינעם פון די אינטערפּרעטאַציע־שטייגערס און זאָל אָפּלערנען אַ גזרה שווה פון דעם איינצלנעם, איינמאָליקן קונסט פענאָמען, — אויך פון אַ סינאָפּטישן בליק אין דער ראַם פון דער אַלגעמיינער שאַפונג (קורצוויל 1962).

די פּאָעטיק וואָס פּרץ האָט פאָרמולירט און געפּאָדערט אין זיין וואָס פעלט אונדזער ליטעראַטור? ווערט מקוים אין זיין ווערק, אין דעם אַלגעמיינעם פאַרנעם, מיט די מאָטיוון וואָס זיינען דער טרייב⸗שטאָף פון זיינע ווערק, — און אפשר אויף אַ פּאַראַדאָקסאַלן אופן, מיט דעם וואָס פעלט פּרצעס ליטעראַרישער שאַפונג. פּרצעס ליטעראַרישער שאַפונג פעלט דראַמע. כמעט אַלץ וואָס האָט אַ קינסטלערישן ווערט אין ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק, אין פּאָליש אויף דער קייט און די גאָלדענע קייט, איז מער לירישע פּאָעזיע ווי דראַמע. כמעט אַלץ וואָס פּרץ האט געשריבן אין דראַמאַטישער פאָרעם שטאַמט נישט פון דעם דראַמאַטיקער פּרץ נאָר פון פּרצן דעם פּאָעט (ניגער 1952: 432).

## III

פּרצעס פאַרלאַנג פון די שאַפער און טרעגער פון אונדזער ליטעראַטור ווי: שכינה, טראַדיציע, דאָס אייגענע פייער, דער הויכער פונקט, די דינאַמיק, דער חשבון הנפש, התבודדות, דאָס כסדרדיקע גייען צום מענטש אויפן יידישן וועג; די אַלע פאָדערונגען וואָס מאַכן אַ גענויע דיסטינקציע צווישן סיני און אָלימפּוס, יהדות און געצנדינעריי, זיינען עלעמענטן וואָס געפינען זיך אין נפילים. וואָס עס פעלט אונדזער ליטעראַטור, אָדער גענויער געזאָגט, דעם שוואַכסטן און מינדסטן זשאַנער אין אונדזער בעלעטריסטיק, דער דראַמע, דאָס פעלט פּרצן און דאָס פעלט יעקב פרידמאַנען. נפילים איז אַ פּאָעמע געשריבן אין דער פאָרם פון דראַמע, אין זעקס חלקים אָנגערופן בילדער, אויף דעם אָפּגרונט פון אַ דעקאָר און מיט געשטאַלטן וואָס פירן דיאַלאָגן. מיר וועלן נאָך צוריקקומען צו נפילים און בעסער אַריינדרינגען אין דעם ווערק אויב מיר וועלן תחילת אַנאַליזירן די עלעמענטן פון דראַמע, וואָס דער יידישער גייסט האָט אָפּגעוואָרפן און ווי אַ פּועל⸗יוצא דערפון האָט די יידישע ליטעראַטור אויסגעווייכט.

היידנטום (אלילות) איז אין טיפן תוך און שורש די פאַרגעטערונג פון נאַטירלעכע זעאונגען. דאָס היידנטום שטעלט זיך פאָר דאָס געטלעכע ווי כוחות אָדער אימפּערסאָניפיקאַציעס וואָס זיינען אַ חלק פון די נאַטור זעאונגען אָדער אָפּגעזונדערטע אימפּערסאָניפיקאַציעס און וואָס זיינען פאַרבונדן מיט זיי אויף דעם אָדער אויף אַן אַנדערן אופן (קויפמאַן 1955). אויף דער באַזע פון דער נאַטור⸗פאַרגעטערונג איז אויסגעוואַקסן און האָט זיך געפורעמט דער מיטאָס מיט זיינע פאַרשיידענע פאָרמעס. דאָס היידנטום, אין איר פאָלקס⸗פאָרם, האָט פאָרגעשטעלט די גאָטהייט אין דער געשטאַלט פון גייסטער און פּערזענלעכע געטער וואָס האָבן רעלאַציע⸗פאַרבינדונגען, סיי צווישן זיך סיי בנוגע דעם מענטשן. די דאָזיקע געטער זיינען די העלדן פון פאָלקס⸗לעגענדעס, זיי האָבן דיכטער געמאָלן אין משלים, זיי האָט מען געווידמעט לויבגעזאַנגען, פאַר זיי האָט מען געטאַנצט און פאַר זייער כבוד וועגן האָט מען מקריב געווען קרבנות. די געטער דערשיינען אין דער לעגענדע און אין דער ליטעראַטור פון געצנדינערישן ריטואַל. די טראַגעדיע און קאָמעדיע, וואָס זיינען איינגעשלאָסן ווי אַזעלכע אין אָט דעם ריטואַל, טראָגן אַ פּערזענלעכן מיטאָלאָגישן כאַראַקטער, און זיי זיינען באַקאַנט געוואָרן אַ סך ווייטער פון זייער ענגן געאָגראַפישן תחום.

יידן, פון דער צווייטער זייט, פאַרמאָגן נישט קיין מיטאָס. דאָס נישט פאַרמאָגן אַ מיטאָס איז נאָך אַ גרעסער פאַרמעגן. די הויפּט אידעע פון דער יידישער אמונה איז די אַבסאָלוטע אַנטקעגנגעזעצטקייט דער גרונט⸗פּאַגאַנישער אידעע. דער געצנדינערישער ריטואַל איז נישט די אַנטפּלעקונג פון דעם פרייען אייבערשטן ווילן פון דער גאָטהייט. זיין תכלית איז נישט אויסדריקן דורך סימבאָלישע פאָרמען דאָס אונטערגעבן זיך פון מענטשן צו גאָט. דער ריטואַל איז אַ גאַנצע שיטה פון באַציאונגען וואָס טראָגן אין זיך אַ באַהאַלטענעם כח און וואָס שטאַמען פון דער זעלבער איבער⸗געטלעכער הויה און מקור פון וועלכן די גאָטהייט אַליין שטאַמט. ער איז אַ חלק פון דער גאָטהייט און אונטערגעוואָרפן אירע געזעצן. איר תכלית איז דער אויספלוס פון גוטס אָדער שלעכטס דורך דער פאַרמיטלונג פון יענעם כח. דער געצנדינערישער קולט און ריטואַל באַזירן זיך נישט אויף דעם ווילן פון דער גאָטהייט נאָר אויף דעם אָנערקענען די פאַרבאָרגענע אייגנשאַפטן פון דער עקזיסטענץ, פון דער הויה. דער געצנדינערישער קולט צילט אַקטיוויזירן די מאַגישע כוחות וואָס געפינען זיך אין פאַרשיידנאַרטיקער מ אַ ט ע ר י ע: אין פלייש פון קרבן, אין בלוט, אין רויך פון ווייערך, אין אייל, פייער, שטיין וכדומה; אין פאַרשיידנאַרטיקע ט אַ ט ן: האַנט זשעסטיקולאַציע, טאַנץ, פּראָצעסיע, ניגון, שפּרוך, געבעט, דראַמאַטישער אויפפיר וכדומה; אין פאַרשיידנאַרטיקע פ אָ ר מ ע ן: נומערן, צייטן, פּלאַן⸗פאָרמאַטן, פאַרבן, געשטאַלטן און מאָלערייען, סימבאָלן (ווי דער מצרישער לעבנס⸗סימבאָל, דער סימבאָל פון מענלעכן געשלעכט) וכדומה. די אַקטיוויטעט קאָן דורכגעפירט ווערן פון די באַהאַוונטע אין די סודות פון דער הויה.

דער תמצית פון דער יידישער אמונה איז אַז עס איז נישטאָ קיין איבער⸗געטלעכע הויה און נישט קיין איבער⸗

געטלעכער געזעץ און נישט קיין איבער־געטלעכער גורל, (פֿאַרגלייך: הרמב״ם, משנה תורה, הלכות תשובה, פרק ה׳, ב׳). דער פֿאַרנעם פֿון דער שכינה איז אין סוף. דעם אייבערשטנס רשות האָט נישט קיין מיטאָלאָגישע באַגרענעצונג, — דער באַגריף פֿון אלקי ישראל איז נישט מיטיש. אין דעם הויפּט־געדאַנק קומט צום אויסדרוק דער אייגנאַרטיקער כאַראַקטער פֿון דער יידישער אמונה.

די טעאָגאָניע געהערט דעם אָלימפּוס ווי אַ סימבאָל פֿון היידנטום און געצנדינערײַ, — און איז פֿרעמד דעם גייסט פֿון סיני. אין תורה, נביאים און כתובים זיינען בכלל נישטאָ די אַלע אויסגעשפּראָכענע מאָטיוון פֿון דעם געצנדינערישן מיטאָס. דער תנ״ך דערציילט נישט וועגן דורות געטער, הערשאַפֿט וואָס גייט איבער פֿון איין דינאַסטיע געטער צו אַן אַנדערער, מלחמות צווישן געטער, די אַלע עלעמענטן וואָס נערן די קלאַסישע דראַמע.

לויט דעם מאָנאָטעאיסטישן באַנעם, איז נישטאָ אין דעם אייבערשטנס רשות נישט קיין טויט און נישט קיין אויפֿלעב (אַזוי ווי אַשטייגער ביי תמוז, דעמעטער און דיאָניסאָס), ער האָט נישט קיין מענטשלעכע ליידנשאַפֿטן, און דערמיט זיינען מיר מוותר אויף אַן אַנדערן וויכטיקן מאָטיוו פֿון דער קלאַסישער דראַמע.

לויט דעם יידישן באַנעם איז דער כביכול נישט אָפּהענגיק אין מאַטעריע. דער געצנדינערישער ריטואַל (און דער טעאַטער און דראַמע בתוכו, וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט ווי אַן אַטריבוט פֿונעם ריטואַל) איז איינגעוואָרצלט נישט אין ווילן פֿון די געטער נאָר אין זייער לעבן און גורל, זייער געבורט, אַנטוויקלונג און וואוקס, געזעלשאַפֿטלעכע באַהעפֿטונג, פּערטיליטעט, שפּייז, מלחמות, זייער טויט און זייער אויפֿלעב. דאָס איז דער מיטאָלאָגישער חותם וואָס דער געצנדינערישער קולט טראָגט. די נויט וואָס קומט פֿון דעם עצם זינד, אַזוי ווי די נקמה פֿון די איריניעס (Aeschylus, *Eumenides*, 173-172, 335, 392 et passim) פֿון מערדער איז אַן אייביק געזעץ לויטן מיטישן פֿאַרנעם. לויט דעם זעלבן מיטישן באַגריף זיינען די געטער מכשיל דעם אדם בכדי עס זאָל אויסקומען אויף אים די קללה וואָס איז אויסגעקומען אויפֿן מענטשן מיט די כוחות פֿון די שלעכטע גייסטער און די זינד פֿון שלעכטע מכשפים. די זינד און דער שטראָף זיינען פֿאַרבונדן נאַטירלעך און די זינד און דער אכזריותדיקער שטראָף זיינען נישט מער ווי די גזירה פֿון אַ בלינדן גורל וואָס איז אַרויפֿגעצוואונגען אויפֿן מענטשן און אויף דער גאָטהייט. דאָס איז, ווי אַ ביישפּיל, דער הויפּט־מאָטיוו און טרייב־כח אין עדיפּוס דער קעניג פֿון סאָפֿאָקלעס. נישט נאָר אין מענטשלעכן לעבן ראַנגלען זיך גוטס מיט שלעכטס, נייערט די געטער ווערן אויך נכשל אין חטא און נייטיקן זיך אין פֿאַרגיטיקונג (כפּרה). די אידעע פֿון אַ גאָט אַ זינדיקער איז פֿאַרשפּרייט אין היידנטום און אין דער קלאַסישער דראַמע.

דעם יידישן באַנעם איז לחלוטין פֿרעמד אויך דער באַגריף פֿון טעאָמאַכיע, — מלחמות צווישן געטער. דער באַגריף פֿון השם שטרייט נישט אַליין קעגן שום געטלעכער אָדער אור־דעמאָנישער ענטיטעט. לויט דעם געצנדינערישן באַגריף איז די גאָטהייט, געבוירן פֿון דער הויה, נאָר איין כח צווישן געטלעכע כוחות און ער שטויסט זיך אָן אין אַנדערע, זעלבשטענדיקע, געטלעכע כוחות, וואָס שטאַמען אַזוי ווי ער, פֿון דעם זעלבן יחוס, און ער קעמפֿט מיט זיי, קומט זיי ביי אָדער שליסט מיט זיי שלום. די געטער זיינען „ברידער״, קינדער פֿון איין מאַמען, זין און טעכטער פֿון דער אור־הויה. גוט און שלעכט זיינען ברידער פֿון איין שורש און קעמפֿן צווישן זיך. די געטער ווערן געבוירן פֿון די אור־זוימען און זיינען פֿאַרבונדן אין משפּחה פֿאַרבינדונגען.

די יידישע אמונה האָט מצמצם געווען די געטלעכע מאָס אין איין ווילן, איין העכסטן הערשער, נישט אָפּהענגיק אין אַ פֿריערדיקער הויה. דער יידישער באַגריף פֿון גאָטהייט שטאַמט נישט פֿון אַ פֿרעמדן מקור הויה נאָר פֿון אַן אייגענעם מקור און ס׳איז נישטאָ אַנדערש, נישט עמעצער און נישט עפּעס, אַחוץ אים. גאָט, לויט דער תפיסה, האָט נישט קיין הויה קדמונה, קיין אור־ענטיטעט, האָט נישט קיין מאַמע, נישט קיין ברידער, געטלעכע אָדער דעמאָנישע, האָט נישט קיינעם וואָס איז מסוגל אים זיך אַנטקעגנשטעלן און לויערן און אין אַ סכנה שטעלן זיין שלטון־יחיד. צוליב דעם באַגריף פֿון אַבסאָלוטער גאַנצקייט, האָבן זיך די זערנעם פֿון דואַליזם נישט אָנגענומען אויפֿן באָדן פֿון מקרא און אין דער קולטור פֿון די מקרא־טרעגער אויך אַ סך שפּעטער.

דער יידישער באַנעם האָט אָפּגעוואָרפֿן, — אָדער בעסער געזאָגט, — גלייך נישט אָנגענומען דעם געדאַנק פֿון אָפּאָטעאָזיס, די מעגלעכקייט פֿון דערהייבן זיך צו אַ געטלעכער מדרגה. גאָט נייטיקט זיך נישט אין קרבנות און איז נישט אָפּהענגיק אין מענטשנס גוטן ווילן און גנאָד. דערפֿאַר, קאָן נישט אין דער יידישער אויפֿפֿאַסונג אַ מענטש שטרעבן צו גרינדן אַ פֿייגל־מלוכה, די פֿייגל וואָס זאָלן זיין אַ מחיצה צווישן באַשאַפֿער און באַשאַפֿענע, — ווערלנדיק און האָבנדיק גנאָד וועלן זיי דערלאָזן די רויכעס פֿון ווייערעך דערגרייען צו די געטער אָדער וועלן אויסהונגערן די געטער (Aristophanes, *Birds*).

דער סיני באַנעם האָט דערמעגלעכט אַ דראַמע פֿון אַן אַנדער סאָרט, אין דער עטישער דימענסיע: אין דער



יעקב פרידמאַן

(1972 — 1910)

(פאָטאָ אַדאַנק קעניע פרידמאַן)

שפּאַנונג צווישן דעם ווילן פון בורא און צווישן דעם ווילן פון מענטשן, — דער מענטש וואָס אים איז געגעבן געוואָרן דער רשות ווידערשפּעניקן און זינדיקן און אויסקלייבן דעם וועג. די דאָזיקע שפּאַנונג פון „ראה, נתתי לפניך היום...” קומט אָנשטאָט יענער מיטישער שפּאַנונג וואָס מיר האָבן וועגן איר געשמועסט פריער. די גאָטהייט אין באַנעם פון סיני איז פריי פון וואָסער ניט איז טראַנסצעדענטאַלן געזעץ. הוא ראשון והוא אחרון, — און אַזוי ווי ער איז נישט אָפּהענגיק נישט אין דער נאַטור פון זוימען, נישט אין דער נאַטור פון וואָסער ניט איז יסוד אָדער הויה קדומה, אַזוי איז ער פריי און נישט אָפּהענגיק נישט אין גורל פון געשלעכטלעכן אָפּזונדער און נישט אין געשלעכטלעכער תאווה, נישט אין די געזעצן פון אַנטוויקלונג און וואוקס, לעבן און טויט, פּריה ורביה; און נישט אָפּהענגיק אין וואָסער ניט איז סאָרט גורל אָדער געזעץ וואָס האָט אַ שליטה אויף דער וועלט. דערפאַר האָט זיך נישט געקאָנט שאַפן אין תנ״ך אַן ענלעכער יסוד צו דעם וואָס האָט תחילת דערפירט צום דיטיראַמבוס און פון אים צו אַזאַ מין יסוד וואָס באַווירקט, אַשטייגער, די טראַגעדיע פון עדיפּוס אָדער אַנטיגאָנאַ.

## IV

דער באַגריף „נפילים” איז אי אַן עכט־יידישער אי אַ געצנדינערישער.

„נפילים”, — דער באַגריף אין מערצאָל דערשיינט אין ווערק בלויז איין מאָל, אין נאָמען פון ווערק; אפשר אַן אָנצוהערעניש אַז די כוונה איז נישט צו איינעם, בלויז דער וואָס ווערט אָנגערופן בפירוש „נפיל”, נייערט אויך זיין „כפיל”, דעם נפילם אַלטער עגאָ, „יורד”.

„נפיל” באַדייט דער אַראָפּגענידערטער פון די הייכן צו דער ערד, דער אַראָפּגעוואָרפענער. אַזוי האָט מען געגלייבט אין די אוראַלטע צייטן, אַז די ריזן וואָס צייכענען זיך אויס מיט זייער גרייס, גבורה און כח זיינען העלדן פון אַ הימלישן חייל וואָס האָבן געזינדיקט און דערפאַר געשטראָפט און אַראָפּגענידערט געוואָרן אויף דער אונטערשטער ערד. ווי עס ווערט דערציילט אין די גריכישע לעגענדעס, האָבן אוראַנוס (דער הימל הערשער) און זיין מוטער געאַ וואָס איז געווען גלייכצייטיק זיין פרוי, געהאַט קינדער שרעקלעכע גיבורים, טיטאַנען, וואָס זייער פאָטער האָט זיי געשטראָפט און אַראָפּגעוואָרפן אין טייך טאַרטאַראַס. אויך אין אונדזערע מקורות ווערט דערציילט וועגן צוויי מלאכים, עוזה און עזאל, וואָס האָבן געגלוסט פרויען און האָבן זיך נישט אויפגעפירט ווי דער שטייגער פון מלאכים איז, האָט זיי דער אייבערשטער געשטראָפט און פאַרשיקט צווישן הימל און ערד (מדרש רבה דב׳ יא). אין דער תורה ווערט דערציילט (בראשית ו, ד): „די נפילים זיינען געווען אויף דער ערד אין יענע טעג — און אויך דערנאָך — ווען די זין פון גאָט פלעגן קומען צו די טעכטער פון מענטשן און זיי פלעגן געבערן פון זיי; דאָס זיינען די גיבורים וואָס פון פאַרצייטן, מענער מיט אַ נאָמען” (לויט יהואשן).

דער באַגריף „בני האלהים”, וואָס ווערט געבראַכט ווי אַ פּאַראַלעל צו נפילים און אין דעם זעלבן פסוק, דאַרף דערקלערט ווערן. דעם אויסדרוק, האַלט איין תנ״ך פאָרשער (קאסוטו 1944), האָבן די יידן איבערגענומען ביי די כנענים, וואָס האָבן אים באַנוצט מיטן באַדייט „געטער”. ביי די כנענים האָט מען גערופן די גאָטהייט מיטן פּרט־נאָמען „אל”, ער איז דער פאָטער פון פּאַנטעאָן, די אַנדערע געטער זיינען זיינע זין און אַזוי אַרום באַרעכטיקט צום טיטול „בן אל”. אין די אוגאַריט שריפטן באַדייט דער אויסדרוק „בן אל” אַלע געטער בכלל אָדער די עדה אָדער אסיפה פון געטער. אַזוי אויך אין אונדזערע מקורות (תהלים פט, ז): „ידמה לה׳ בבני־אלים”, איז די כוונה אלים = געטער (יהואש זעצט איבער: מאַכטיקע), ווי עס באַווייזט דער קאָרעספּאָנדענט (שמות טו, יא): „מי־כמכה באלים ה׳”.

דער יידישער רעליגיעזער וועלטבאַנעם וואָס אָנערקענט נישט קיין פאַרמערונג, — סיידן איין גאָט, — קאָנצענטרירט אין דעם באַריף פון „השם” אַלע אַטריבוציעס וואָס די געצנדינערישע פעלקער האָבן צוגעשריבן די פאַרשיידענע געטער, ווי אַשטייגער דאָס אָנפירן פון צבא השמים, חיילות פון הימלרייך און אַנדערע נאַטירלעכע דערשיינונגען. דער יידישער וועלטבאַנעם שרייבט צו די הנהגה צו גאָט, אויב דאָס פאַסט דעם כבוד פון גאָט, אויב די טאַטן אָדער געשעענישן שטייען אים אָן. און אויב זיי שטייען אים נישט אָן און עס פאַסט נישט פאַר גאָט, ווערן די טאַטן און געשעענישן צוגעשריבן זיינע שליחים און מלאכים. דערפאַר וואָס אין יידישן באַנעם דינען די מלאכים אין די שטעלעס וואָס ביי די כנענים האָבן געדינט די געטער, האָט די ענדערונג גורם געווען אַן אַנדערע ענדערונג, אין דעם באַדייט פון די אויסדרוקן וואָס באַצייכענען די געטער און זייער עדה. דער אויסדרוק „בני אלים” (תהילים כט, א) און די קאָרעספּאָנדענטן „בני (ה)אלהים” (בראשית ו, א־ד), „בני עליון” (תהילים פב, ו) און „עדת אל” (תהילים פב, א) זיינען געוואָרן אין תנ״ך באַצייכענונגען פאַר דער פמליא של מעלה, די עדה מלאכים וואָס שטייען פאַר גאָט, גרייט אים צו דינען. אַזוי אַרום ווערט קלאָר אין איוב דער פסוק (איוב, א, ו; ב, א) וואָס חזרט זיך איבער „ויבאו בני

האלהים להתיצב על ה'" טייטש: „דער טאָג ווען די זין פון גאָט זיינען געקומען זיך שטעלן פאַר גאָט". דער פּסוק האָט אַ קאָרעספּאָנדענט (איוב לח, ז): „ברן־יחד כוכבי בקר ויריעו כל־בני אלהים" טייטש: „ווען די מאָרגנשטערן האָבן אינאיינעם געזונגען און אַלע זין פון גאָט האָבן געשאַלט", ווערט קלאָר אַז די שטערן וואָס אין געצנדינערישן קולט זיינען געווען געטער, זיינען געוואָרן אין יידישן מאָנאָטעאיסטישן קולט גאָטס דינער, דער „צבא השמים" (מלכים א, כב, יט).

דער באַדייט פון בני האלהים און נפילים האָט געשאַפן מחלוקתן צווישן פאַרשער. דער עלטסטער פּירוש איז: די מלאכים. אַזוי זיינען גורס די ספרים חיצונים (אַפּאָקריפן), אייניקע כתבֿ־ידן פון דעם תרגום שבעים און די לעגענדאַרישע ווערסיעס פון עטלעכע מדרשים. חז"ל האָבן באַקעמפט און פּרובירט כסדר אָפּשטויסן דעם לעגענדאַרישן שטאָף וואָס האָט אידענטיפיצירט די בני האלהים און נפילים מיט מלאכים. זיי האָבן אידענטיפיצירט די בני האלהים און נפילים מיט מלאכים. זיי האָבן אינטערפּרעטירט בני האלהים = בני הגדולים, די זין פון דער שררה און די פּני פון דער געזעלשאַפט, בני רברביה ווי אין לשון פון די תרגומים און בני דייניא ווי ר' שמעון בר יוחאי רופט זיי אין בראשית רבא. די בנות האדם, די טעכטער פון מענטש, וואָס ווערן דערמאָנט אין דער פּרשה, צוזאַמען מיט די בני האלהים און נפילים זיינען, לויט דער אינטערפּרעטאַציע, די טעכטער פון די נידעריקע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט. אַנדערע זיינען גורס אַז די בני האלהים זיינען צדיקים, די זין פון שת און די בנות אדם זיינען קינס זינדיקע טעכטער; און אַ טייל האַלטן פּונקט פאַרקערט, אַז די בני האלהים זיינען די זין פון קין. אין דער מאָדערנער תקופה זיינען צוגעקומען נאָך פּירושים און לויט דער מיינונג פון אַ טייל תנ"ך פאַרשער, לייגן זיך נישט די פּירושים אויפן שכל. (די פאַרשער האַלטן אַז די אוראַלטע און פאַרנעפּלטע קולט עלעמענטן דאַרפן זיך לייגן דווקא נאָר אויף דעם שכל). קומט מען סיי ווי צוריק צום אויסטייטש אַז די בני האלהים און נפילים זיינען מלאכים, און עס קאָן זייער מעגלעך זיין אַז די כוונה איז נישט צו די הויך־ראַנגיקע מלאכים, די מלאכי־עליון פון דער מזרח וואַנט, נאָר מינדערוועריקע מלאכים, אַ קאַטעגאָריע פאַר זיך אין דער דעמאָנאָלאָגיע, אַזאַ מין סאָרט שדים צי מלאכי־חבלה.

## V

איז דען פאַראַן איין ענדגילטיקער ענטפער: צי דאַרף זיין די פּאָעזיע קלוג און שאַרף און זאָל טרעפן צו די שרשים פון אמת אָדער דאַרף די פּאָעזיע דערפילן דאָס וואָס פעלט דער מענטשלעכער גייסטיקער איבער־סטרוקטור, אָט דער מאַנגל וואָס מאַכט אים אַזוי רייך? פּאָעזיע דאַרף פרעגן, זי איז אָבער נישט מחויב צו ענטפערן. די פראַגע גופא עפנט האָריזאָנטן, די פראַגע איז אַן אָנהייב. דער ענטפער פאַרמאַכט, שליסט, דער ענטפער איז אַ סוף. איין ענדגילטיקער ענטפער אויף דער פראַגע איז נישטאָ, על כל פנים נישט פון מיר וועט איר אים הערן, ווייל איך ווייס נישט. אויב „למד לשונך לאמר איני יודע" (ברכות ד' ע"ב) איז גוט פאַרן תנא קמא, איז דאָס גוט פאַר מיר אויך, ווייל דער „שמא תתבדה ותאחז" לויערט נאָך ביז היינטצוטאָג אין דער פּאָעזיע מער ווי אין דער הלכה, וואו דער יסוד פון ראַציאָנאַליזם האָט צו זאָגן אַ וואָרט. אין דער פּאָעזיע, וואָס אַ וויכטיקער באַשטאַנדטייל אירער איז דער אָקסימאָראָן, די אַנטקעגנגעזעצטקייט איז קל וחומר קטנים לגדולים.

מלך בעטלער, נאַר און חכם...
אַ רגע, און אָפּגעווישט צווישן אַלעמען דער גבול
(פרידמאַן 1974: 174)

מלך און בעטלער זיינען אַנטקעגנגעזעצטע, נאַר און חכם אוודאי און אַוודאי, און אין דער צווייטער שורה פון דער ציטירטער רעפּליק, די גאַנצע גאַמע פון צווישן צוויי הפכים, אַנטקעגנגעזעצטע נייגונגען און שטראָמען: דער PANTA RHEI אַלץ שווימט אַוועק, אַלץ גייט אַוועק און דערווייטערט זיך, — כל הנחלים הולכים אל הים, איז קהלתעס באַמערקונג, אָבער ער האָט אַ המשך, אַן אויספיר: והים איננו מלא. און די אַנדערע נייגונג איז CARPE DIEM, דער לאַטייניישער אויסדרוק פאַר דער נטיה וואָס דער נביא (ישעיה כב, יג) טאַדלט: אכול ושתו כי מחר נמות.

איבער דער גאַנצער דראַמאַטישער פּאָעמע נפילים שוועבן ערפּילים, טומאַנען פון אומקלאָרקייט, וואָס ווישן אָפּ „צווישן אַלעמען דעם גבול" און דערפאַר זיינען אפשר די צוויי שורות די פּאַסיקסטע צו דינען פאַר אַ מאָטאָ.

און נישט נאָר אַ נעפּל פון אומקלאָרקייט שוועבט איבער דער פּאָעמע נפילים, נאָר אויך אַן איוב געמיט.

יאבד יום אולד בו \
והלילה אמר הרה גבר;
היום ההוא יהי חשך \
אל־ידרשהו אלוה ממעל \
ואל־תופע עליו נהרה;
יגאלהו חשך וצלמות \
תשכן־עליו עננה \
יבעתהו כמרירי יום.
(ג, ג־ה)

פון די ערשטע און עלטסטע אונדז באַקאַנטע מאָטיוון אין דער מיטאָלאָגישער ליטעראַטור איז די באַגעגעניש צווישן מענטשן און סאַטיר אין דער טיף און פינצטערניש פון וואַלד, און דער מענטש צווינגט דעם סאַטיר מיט כח ער זאָל אים אַנטפּלעקן וואָס איז דאָס בעסטע פאַרן מענטשן. דאָס הייסט דער מענטש פרעגט און דער סאַטיר, אַזאַ מין נפיל, דאַרף ענטפערן און שליסן און מאַכן אַ סוף, ווי שוין פריער באַמערקט. האָט דער סאַטיר תחילת נישט געוואָלט. אָבער ווען ער איז געווען אין דער געשטאַלט פונעם מלאך וואָס האָט זיך געראַנגלט מיט יעקב אבינו, דאָס הייסט ווען ער האָט שוין קיין אַנדערע ברירה נישט געהאַט, האָט ער אויסגעזאָגט דעם מענטשן דעם אמת: דאָס בעסטע איז נישט געבוירן צו ווערן. האָט אים דער מענטש געפרעגט: און בדיעבד, אַז דאָס האָט שוין פּאַסירט? וואָס טוט מען דעמאָלט? האָט אים דער סאַטיר געענטפערט: דאַרף מען פאַרריכטן דאָס וואָס איז נפגם געוואָרן.

לויט אונדזער יידישן פאַרנעם און אויף אונדזער יידיש לשון הייסט דאָס „אַ תיקון געבן". אין וואָס באַשטייט דער תיקון? די גמרא (עירובין יג, ע"ב) דערציילט:

ב' שנים ומחצה נחלקו ב"ש [בית שמאי] וב"ה [בית הלל] הללו אומרים נוח לו לאדם שלא נברא יותר משנברא והללו אומרים נוח לו לאדם שנברא יותר משלא נברא נמנו וגמרו נוח לו לאדם שלא נברא יותר משנברא עכשו משנברא יפשפש במעשיו ואמרו לה ימשמש במעשיו.

אין דער PANTA RHEI-ישער שטימונג פליסט דער גייסט פון אין-סוף צו אין-סוף, איין גאַנצקייט, איין האַרמאָנישער אויספלוס. אַזוי הייבט זיך אָן די פּאָעמע אין איר סאַמע בראשית, ווען די ערשטע דינסט, אין איר ערשטער רעפליק, ציט די אויפמערקזאַמקייט.

ערשטע דינסט:\
זע, זהרה, די מלכה פון טאָג אין אַ וואָלקן-שיף\
שווימט צום ים, די שעה פון רו אין בלומען-בעכערס טריפט\
ווי וויין שמאַראַגדענער...

(פרידמאַן 1974: 135)

נאָר אין דעם כסדרדיקן אויסגוס פון גייסט, אין דעם אין-סופיקן אויספלוס פון רוח, טרעפט זיך אַ פּורעניות, אַן אומגעוואונטשענע תקלה און דער אויספלוס פון גייסט ווערט געשטערט און דער אָפּשטעל איז חומר מיטן יש און קעגנוואַרט. דעמאָלט ווערן צוויי פאַלן פון ביידע זייטן חומר: פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט. אָבער די געגנוואַרט פון חומר, דער אָפּשטעל אָדער CARPE DIEM האָט אויך נישט קיין מאַטעריעלן קיום. אין דער זעלבער פראַקציע פון צייט (וואָס איז געשאַפן געוואָרן ווי אַ רעזולטאַט פון אָפּשניט אין אויספלוס פון גייסט) פון דעם חלק וואָס איז געווען צוקונפט, האָט די מאַטעריע, דער יש, די פאַרגליווערונג פון אויספלוס, געשאַפן פאַרגאַנגענ-הייט.

ס'איז אַ מצב פון טעות, און וואָס גיכער מען גייט אַרויס פון דעם מצב-טעות אַלץ בעסער.

נפיל:\
ס'איז געכליפּ פון מורא פאַר דער ערד,\
מורא פאַר שותפות מיט חומר.\
פון דיין פלייש שרייען דורות צו מיר: באַשאַף!\
און סע ענטפערט אין מיר אַ וואָכעדיקער שומר:\
נישט געגען, ווער קיין שותף צום באַשאַף\
פון בלוט און פלייש, אדם זיין — איז טעות,\
ווער קיין שותף נישט צום טעות.\
. . . . . . . . . . . . . . . . .\
. . . . . . . . . . . . . . . . .\
וויג מיך, שוועסטער, אָט אַזוי,\
וויג, פאַרוויג מיך.\
צו דער היים פון גאָלע בלוי\
וויג צוריק מיך.\
נישט קיין גוף פון פלייש און ביין —\
אין-סופיקער זכרון . . .\
וויג צוריק מיר צו דער היים\
פון פאַר געבאָרן.

(פרידמאַן 1974: 167-168)

ווער איז אייגנטלעך „נפיל", די פּאָעטישע געשטאַלט און נישט די מיטישע? ווער איז די פּערסאָנע וואָס די רייד אירע זיינען סיי הויך-שטאָפּיקער געדאַנק, סיי נידערטרעכטיקע פּחדנות קעגן יצר און יצירה? וועלכער „איך" שטעקט אין „נפיל" און אין וועמען ווערט מגולגל נפילם איך? ווער איז דער באַפליגלטער, מיט דעם איוב געמיט, וואָס הייבט זיך אויף צו די הייכן פון שמי-שמים, מיט דעם געפיל פון שוואַכע, צעבראָכענע פליגל? ווער איז דער וואָס פרעגט און מאָנט:

אונטער מיינע פליגל? צי האָב איך דען נאָך פליגל?\
הענט און פיס\
און אברים האָב איך. וואָס זאָל איך טאָן מיט זיי?\
אָ, אַנטפּלעק דיין רצון מיר, באַשאַפער!

(פרידמאַן 1974: 169)

און ווער איז דער וואָס נעמט אויף מיט אַזאַ וואַרעמקייט זיין „אַלטער עגאָ" וואָס איז גלייכצייטיק זיין

מורד במלכות, זיין קעגנער און אוזורפּאַטאָר:

אָ, יורד! געבענטשט דיין קומען! די רעכטע שעה
שטענדיק קלייבסטו אויס,

ווען מען דאַרף דיר, ביסטו דאָ.
(דאָרט)

ווער איז ער?

# ביבליאָגראַפיע


מירון, דן
1983 הקדמה צו בראשית היתה הדממה מבחר שירים ופואמות של יעקב פרידמאַן, הקבוץ המאוחד: תל אביבי.

ניגער, שמואל
1952 י. ל. פּרץ, קולטור קאָנגרעס: בוענאָס איירעס.

פנואלי, ש״י [שמואל־ישעיהו]
1963 ספרות בפשוטה, אגודת הסופרים \ דביר: תל־אביב.

פּרץ, י. ל.
1947 „וואָס פעלט אונדזער ליטעראַטור?” אין אַלע ווערק, באַנד 7, ציקאָ: ניו־יאָרק, 270-279.

פרידמאַן, יעקב
1974 לידער און פּאָעמעס, 3 באַנד, פאַרלאַג „ישראל־בוך”: תל אביב.

קויפמאַן, יחזקאל
1955 תולדות האמונה הישראלית, מוסד ביאליק—דביר: ירושלים—תל אביב.

קורצווייל, ברוך
1962 מסות על סיפורי ש״י עגנון, שוקן: ירושלים/תל אביב.

קאַסוטו, מ״ד
1944 מאדם עד נח: ירושלים.

שמערוק, חנא
1971 פּרצעס יאוש וויזיע, ייווא: ניו־יאָרק.

# צבי אייזנמאַנס אין דער נאַכט אויף שמירה: שולד געפילן ביי די לעבן געבליבענע

פון

משה קיאַק

(בוענאָס איירעס)

I

## אַריינפיר

מיטן נאָמען „סאָציאַלע קאַטאַסטראָפעס" ווערן אָנגערופן די גרויסע סאָציאַלע צערודערונגען, וואָס ווערן באַוועגט — אין קעגנזאַץ צו די נאַטור קאַטאַסטראָפעס — דורך גרופעס מענטשן וועלכע נוצן אוים זייער מאַכט אויף אַן אכזריותדיקן אופן. אין אַזאַ מעמד ווערן בטל די מעכאַניזמען און געזעצן, וואָס רעגולירן דאָס סאָציאַלע צוזאַמענלעבן און וואָס די ציוויליזאַציע האָט איינגעפירט. הרגענען איז שוין מער ניט קיין פאַרברעכן און אַ סך מענטשן ווערן איבער פאַרשיידענע סיבות פאַרפאָלגט, פאַרשפּאַרט אין געפאַנגענשאַפט, געפייניקט און געמאָרדעט.

ווי דער פּראָטאָטיפּ פון די קרבנות פון סאָציאַלע קאַטאַסטראָפעס ווערן באַשריבן די לעבן געבליבענע פון טויט און קאָנצענטראַציע לאַגערן אונטערן נאַצישן יאָך. אויך אַלע אַנדערע קרבנות פון נאַציזם ווערן אַזוי באַצייכנט, כאָטש זיי האָבן ניט דורכגעמאַכט די זעלבע איבערלעבונגען ווי די פריער דערמאָנטע.

פּסיכאָאַנאַליטיקער פאַרנעמען זיך וואָסאַמאָל מער מיט אָט די פּראָבלעמען איבער אַ דאָפּלטער סיבה. פון איין זייט זוכן זיי, צוזאַמען מיט געלערנטע אין אַנדערע סאָציאַלע וויסנשאַפטן, די אינדיווידועלע און קאָלעקטיווע מאָטיוואַציעס וואָס פירן צו אָט די קאַטאַסטראָפעס, ווי אויך די אופנים ווי אַזוי מען קען זיי אויסמיידן. פון דער צווייטער זייט, פאָרשן זיי די פּסיכישע קאָנסעקווענצן, וואָס מען באַמערקט ביי די לעבן געבליבענע פון די דאָזיקע גרויליקע סיטואַציעס, כדי זיי צו באַהאַנדלען און לייכטער מאַכן זייער לעבן.

פון זינט די ערשטע פּסיכאָאַנאַליטישע פאָרשונגען, וועלכע זיינען דורכגעפירט געוואָרן אין שייכות מיט די לעבן געבליבענע, האָט מען זיך ספּעציעל אָפּגעשטעלט אויף די שולד געפילן, סיי באַוואוסטזיניקע, סיי אומבאַוואוסטזיניקע, וואָס מען דערקענט ביי זיי. מען האַלט, אַז די דאָזיקע געפילן שפּילן אַ גאָר וויכטיקע ראָלע אין דעם אויפקום און אויפהאַלטונג פון פאַרשיידענע פּאַטאָלאָגישע אויפפירן, וואָס מען באַמערקט ביי אַ סך פון די, וואָס האָבן דורכגעמאַכט דעם נאַצישן גיהנום.

מיין כוונה אין דער דאָזיקער אַרבעט איז אָפּצושטעלן זיך אויף די שולד געפילן ביי די לעבן געבליבענע. איך וועל אויף אַ קריטישן אופן באַהאַנדלען די מיינונגען, וואָס אַנדערע פאָרשער האָבן אַרויסגעזאָגט וועגן דעם דאָזיקן ענין, און צוגעבן מיינע אייגענע טעזיסן.

איך וועל זיך באַנוצן מיט צבי אייזנמאַנס דערציילונג אין דער נאַכט אויף שמירה ווי אַ קלינישן ביישפּיל. כאָטש עס איז אַ ליטעראַרישע שאַפונג, שפּיגלט עס דאָך אָפּ אויף אַן אויסגעצייכנטן אופן די פּסיכישע איינגנשאַפטן פון אַ סך לעבן געבליבענע.

II

## די דערציילונג

צבי אייזנמאַן איז אַ באַקאַנטער היינטצייטיקער

ייִדישער שרייבער, אַ געבוירענער אין וואַרשע, אין יאָר 1920. בעת דער מלחמה איז ער אַנטלאָפֿן קיין ראַטנפֿאַרבאַנד. איידער ער איז אָנגעקומען קיין ישׂראל, איז ער אָפּגעווען צוויי יאָר אויף פֿאַרשיקונג אין ציפּערן. זיין רייכע ליטעראַרישע שאַפֿונג באַשטייט איבערהויפּט פֿון קורצע דערציילונגען, אין וועלכע די חורבן טעמאַטיק ווערט אָפּט באַהאַנדלט. אין יאָר 1980 האָט ער באַקומען די מאַנגער פּרעמיע. ס'איז איבעריק צו דערמאָנען, אַז די פּראָבלעמען פֿון די לעבן געבליבענע זיינען אים גוט באַקאַנט און ניט דווקא פֿון אומדירעקטע קוואַלן.

די דערציילונג זיינע, אין דער נאַכט אויף שמירה געהערט צו זיין בוך דערציילונגען און בילדער צווישן גרענעצן (אייזנמאַן 1974). ס'איז שווער איבערצוגעבן בקיצור דעם אינהאַלט פֿון אָט דער דערציילונג און דערביי נישט איבערלאָזן אין אַ זייט ווערטפֿולע אַספּעקטן אירע. סיי דער מחבר, סיי די לייענער וועלן מיר מוזן מוחל זיין דערפֿאַר.

---

ערב נאַכט ברענגט מען מיט אַ מיליטערישן לאַסט⸗אויטאָ צוויי רעזערוויסטן צו אַ פּאַרלאָזטער, האַלב חרובער באַן סטאַנציע, וואו עס געפֿינט זיך אַ מאַגאַזין מיט אויפֿרייס⸗מאַטעריאַל.

איינער פֿון זיי איז יצחק, אַ ייִד פֿון מאַראָקאָ, ביי די פּופּציקער, און דער צווייטער, דער העלד פֿון דער דערציילונג, איז מיכאַל — „אַן עטלעכע און דרייסיק יאָריקער בחור פֿון רומעניע". דאָ האָבן ביידע געדאַרפֿט אָפּדינען זייערע דריי וואָכן דינסט.

די נאַכט פֿאַלט באַלד צו און זיי גרייטן זיך אָפּצורוען עטלעכע שעה ביז צו דער שמירה. ביי אַ נאַכטלעמפּל, וואָס וויל אַזוי לייכט ניט ברענען, נעמט יצחק אַרויס דאָס עסן, וואָס זיין פֿרוי האָט אים מיטגעגעבן, און פֿאַרבעט מיכאַלן צו דער אימפּראָוויזירטער סעודה. מיכאַל זאָגט זיך אָפּ, לייגט זיך אויפֿן געלעגער און וואַרט מיט אומרו אויפֿן אָנקומען פֿון דער נאַכט. אינדרויסן הערט זיך דאָס מיאַוקען פֿון קעץ.

„די פֿינצטערניש האָט פֿאַרשלונגען דעם גאַנצן אַרום. מיכאַל האָט מורא געהאַט צו בלייבן אויג אויף אויג מיטן חושך. דער חושך טוט אים אַלעמאָל צוריקשלעפּן צו יענער בלינדער נאַכט אין ניט געהייצטן באַראַקל פֿון טראַנסניסטריער פֿאַרשיקונג: ער איז אַ קינד פֿון פֿינף יאָר און לעבן אים — צוגעטוליעט — זיין מאַמע. זי שיצט אים און וואַרעמט אים קעגן דער קעלט, וואָס בלאָזט דורך די שפּאַרעס און לעכער פֿון די דינע האָלץ⸗ווענט. נאָר דעם הונגער קאָן זי ניט פֿאַרטרייבן".

דער קליינער מיקי איז אויסגעשעפּט. „ער באַקלאָגט זיך נאָר מיט אַ שוואַך קול, אַז אין בויך ליגט אים אַ קאַלטע קאַץ, וואָס וויל עסן. די קאַץ שפּרינגט אים דאָרט אַרום. ער פֿילט זי יעדעם מאָל שטאַרקער". די מאַמע איז אַוועק אויף אַ ווײַלע און געבראַכט מיט זיך עפּעס אַ ביטערע זאַך, וואָס זי האָט אים אַריינגעשטופּט אין מויל און אַליין אויך גענומען. די מוטער האָט ניט באַמערקט, ווי ער האָט עס אויסגעשפּיגן. די לעצטע ווערטער, וואָס ער האָט געהערט פֿון איר זיינען געווען: — „אויך איך האָב דאָס איינגענומען און וועל באַלד איינשלאָפֿן", ווערטער באַגלייט מיט אַ סך טרערן.

„ווען מיקי האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, איז זיין מאַמע ניט געווען לעבן אים. ער האָט זי שוין מער קיינמאָל ניט געזען. פֿרעמדע מענטשן האָבן אים צוגעטוליעט און צווישן פֿרעמדע קינדער איז ער געוואַקסן".

דאָס איז די דערמאָנונג, וואָס חזרט זיך איבער יעדע נאַכט און וואָס פֿאַרשאַפֿט אים אַזויפֿיל פּיין. אַנדערע זכרונות באַפֿאַלן אים פֿון דער צייט פֿון דער פֿאַרשיקונג. זיין מאַמעס געשטאַלט געדענקט ער טיילווייז: „דעם מלבוש זעט ער, די שטים הערט ער, נאָר דאָרט, וואו דער קאָפּ דאַרף זיך געפֿינען, איז שטענדיק אַ פֿלעק, אַ טונקעלער פֿלעק און מער גאָרניט. צו אָט דעם שוואַרצן פֿלעק האָט ער טענות און תרעומות הלמאַי זי האָט זיך דאָס לעבן גענומען און אים גאָרניט געזאָגט, גאָרניט געפֿרעגט. הלמאַי זי איז פֿון אים אַוועק, מיטגענומען אירע פּנים⸗שטריכן און אים געלאָזט אַליין. ער ווייסט, ס'איז אַן אומזין אַזוי צו טראַכטן. ער איז נאָך דעמאָלט צו קליין געווען צו פֿאַרשטיין, וואָס הייסט מלחמה, היימלאָזיקייט, קעלט און הונגער. דאָך האָט ער זיך אין געדאַנק מיט איר מתווכח געווען, געאַמפּערט, געפֿאָדערט תשובה, נאָר דער שוואַרצער פֿלעק פֿון איר פּנים איז געבליבן פֿלעק און קיין ענטפֿער ניט געגעבן".

ביסלעכווייז, און מיט שוועריקייטן, האָט ער זיך צוגעפּאַסט צו די גוטע מענטשן, וואָס האָבן אים אויפֿגענומען ווי אַן אייגענעם. ער האָט אַ לאַנגע צייט אָפּגעשטויסן די ליבשאַפֿט פֿון דער נייער מוטער, „מורא געהאַט פֿאַר איר גלעט, פֿאַר איר בליק". כאָטש ער האָט „זיך אויסגעלערנט צוריקצולאַכן, צוריק אַ שטיף טאָן און די מורא איז ביסלעכווייז צערונען". דאָך זיינען די איבערלעבונגען פֿון יענער נאַכט געבליבן אין אים טיף איינגעקריצט און ער האָט זיי מיט קיינעם ניט געוואָלט און ניט געקענט טיילן. „עס האָט זיך אים שטענדיק אויסגעוויזן, אַז ער לעבט על⸗פּי טעות און וועט עס אין איינעם פֿון די טעג דאַרפֿן אָפּגעבן ווי אַ ניט⸗באַצאָלטן חוב".

„דאָס געפֿיל איז אַלע יאָרן מיט אים מיטגעגאַנגען,

אַמאָל איז עס געווען שטאַרקער, אַמאָל — שוואַכער. אינגאַנצן צו באַפרייען זיך פון דעם איז אים ניט געראָטן, אַפילו ווען ער איז געקומען אַהער, אין לאַנד אַריין, וואו אַלץ איז אַזוי אַנדערש און ניי".

„די מלחמה טעג פון חודש יוני האָבן אים ווידער געשטעלט פאַר אַ נסיון, איבערחזרנדיק די אַלטע שפיל פון לעבן און טויט". ער איז געלעגן צוזאַמען מיט אַנדערע זעלנער, באַשיצט קעגן שווערן פייער פון שונא אונטערן דעק פון זאַמד־זעק. „באָמבעס־שפליטערס און קוילן זיינען אַרומגעפלויגן און יעדער שטיק אָנגעגליט אייזן האָט געזוכט זיין קרבן. בלינד איז געווען זייער פלי און בלינד — דער אויסקלייב. איינער פון זיי האָט דערגרייכט צום זאַק, וואָס האָט מיכאַלס גוף באַשיצט. פון דעם זאַק האָט גענומען פליסן אַ דין שנירעלע. מיכאַל האָט זיין אויער צום זאַק צוגעלייגט און זיך איינגעהערט אין דעם אומאויפהערלעכן זאַמד־גערויש. דער זאַק האָט זיך פאַמעלעך אויסגעליידיקט, איינגעשרומפן געוואָרן".

„מיכאַל האָט אַ צאַפּל געטאָן פאַר פרייד, וואָס ניט ער, נאָר דער זאַק איז געטראָפן געוואָרן, וואָס ניט פון אים דאָס בלוט רינט, נאָר דאָס זאַמד פון זאַק האָט אויסגעטריפט".

די דערציילונג פאַרענדיקט זיך איבערגעבנדיק, ווי אַזוי מיכאַל פילט זיך, גלייך ווי דער אויפרייס־מאַטעריאַל, וואָס ער האַלט אין אָפהיטן, וואָלט צו יעדער מינוט געקענט אויפרייסן און אים אומברענגען. ער נעמט דאָס טרייבל פון טעלעפאָן האָפנדיק צו הערן עמעצן. „פון יענער זייט האָט זיך בלויז געהערט אַ לאַנג זשומעניש". ער האָט „צום סוף אַ רעזיגנירטער צוריקגעלייגט דאָס טרייבל. ער האָט זיך געפילט אָפגענאַרט, מיד און פאַרלאָזן". און נאָך דראַמאַטישער ווייזט זיך אַרויס מיכאַלס ליידן, ווען דער מחבר שילדערט, שליסנדיק זיין דערציילונג, ווי רואיק און פרידלעך איז די סביבה מיט הונדערטער ליכטער פון די אַרומיקע בערג־ישובים, „ווי זיי וואָלטן קיינמאָל קיין מלחמה ניט פאַרזוכט".

III

## דער סינדראָם פונעם לעבן געבליבענעם

דער יידיש־דייטשישער פסיכאָאַנאַליטיקער וו. נידערלאַנד האָט צונויפגענומען די הויפט־סימנים און סימפּטאָמען, וואָס מען באַמערקט ביי דער מערהייט קרבנות פון דער נאַצישער פאַרפאָלגונג. דער פאַקט, וואָס זיי חזרן זיך איבער ביי כמעט אַלע געליטענע, אומאָפהענגיק פון זייערע פערזענלעכקייט שטריכן, האָט אים געפירט צו באַטראַכטן די דאָזיקע קרענקלעכע מאַניפעסטאַציע ווי אַ באַזונדערע נאָסאָגראַפישע איינהייט, וועלכע ער האָט אָנגערופן „דער סינדראָם פונעם לעבן געבליבענעם".

ס'וואָלט געווען אויסער די ראַמען פון מיין אַרבעט איבערצוגעבן גענוי אַלע קאָמפּאָנענטן פונעם דאָזיקן סינדראָם. כ'וועל בלויז דערמאָנען, אַז צווישן אָט די סימפּטאָמען און סימנים געפינען זיך שרעק געפילן, שלאָפלאָזיקייט, פילפאַכיקע פאָביעס, מוראדיקע חלומות און זיך איבערחזרנדיקע קאָשמאַרן. מען טרעפט זיך אויך אָן מיט כראָנישע דעפּרעסיעס און אַ נטיה צו איזאָלירונג.

עס ווערט אָנגענומען, אַז די שולד געפילן, סיי די, וואָס דריקן זיך אויס דירעקט, סיי די, וואָס מען פּאָסטולירט זייער עקזיסטענץ איבער פאַרשיידענע פּסיכאָ־פּאַטאָלאָגישע מאַניפעסטאַציעס, זיינען ניט בלויז אַ באַשטאַנדטייל פונעם סינדראָם, נאָר זיי שפילן אויך אַ וויכטיקע ראָלע אין זיין אויפקום און אויפהאַלטונג. אַ סך פּסיכאָאַנאַליטיקער האָבן זיך אַרויסגעזאָגט וועגן דער באַדייטנדיקייט פון די דאָזיקע שולד געפילן. איך האַלט פאַר נייטיק איבערצוגעבן, כאָטש בקיצור, עטלעכע מיינונגען אין שייכות מיטן דאָזיקן ענין.

וו. נידערלאַנד (1968) איז איבערצייגט, אַז די שולד געפילן זיינען שטענדיק פאַראַן ביי די לעבן געבליבענע. זיי ווערן באַגלייט פון אַ באַוואוסטזיניקער אָדער אַן אומבאַוואוסטזיניקער מורא באַשטראָפט צו ווערן צוליבן האָבן איבערגעלעבט די רדיפות, בעת זייערע קרובים און פריינט זיינען אומגעבראַכט געוואָרן. טיילווייז ווערט די אומבאַוואוסטזיניקע שולד פאַרשטאַרקט דורך די אַנטקעגנגעשטעלטע געפילן לגבי דער פאַרלוירענער משפחה, פאַרשטאַרקט דורך דעם פאַקט, וואָס זי האָט ניט אַרויסגעהאָלפן דעם יחיד בעת די פאַרפאָלגונגען. די דאָזיקע אומבאַוואוסטזיניקע שולד ווערט שפּעטער פאַרשטאַרקט דורך פאַרשיידענע סיבות און מעכאַניזמען, איבערהויפּט דורך די אַלע אַנטוישונגען, וואָס די לעבן געבליבענע קומט אויס צו ליידן נאָך דער באַפרייאונג.

מיט צוועלף יאָר שפּעטער שרייבט דער זעלבער מחבר (נידערלאַנד 1980), אַז דאָס זיין דער איינציקער לעבן געבליבענער פון אַ גאַנצער משפחה, וואָס איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַצים, איז אַ לאַסט, וואָס איז גורם אַ סך פיין, חרפה און צער און פון וועלכער מ'קען קיינמאָל ניט באַפרייט ווערן. ער זאָגט זיך אָפּ טיילווייז פון זיינע פריערדיקע מיינונגען און גיט צו: „אָנשפּאַרנדיק זיך אין מיין לאַנגער פּראַקטיש־אַרבעט, האָב איך אַ סך סיבות אויף צו גלייבן, אַז דאָס בלייבן לעבן ווערט אומבאַוואוסטזיניק געפילט גלייך, ווי מען וואָלט פאַרראַטן

די אומגעבראַכטע עלטערן און ברידער. זיין לעבעדיק, איז אַ כסדרדיקער קאָנפליקט און גלייכצייטיק אַן אומאויסשעפּלעכער קוואַל פון שולד און פּיין".

טשאָדאָף (1965) איז ביי דער מיינונג, אַז אַ טייל לעבן געבליבענע קענען זיך ניט באַפרייען פון דער שולד, איבער דעם וואָס זיי האָבן זיך געראַטעוועט, ווייל דאָס וואָלט זיי געפירט אומבאַוואוסטזיניק צו פאַרגעסן אין די קרבנות און צו פאַרגעבן די רוצחים. זיי ליידן (אַזוי האַלט דער דאָזיקער פאָרשער), כדי די וועלט זאָל ניט פאַרגעסן. ער גלייבט אויך, אַז די סיבות פון די שולד געפילן קען מען אָפט געפינען אין געוויסע עפּיזאָדן, איבערגעלעבטע בעת דער פאַרפאָלגונג, למשל: דער פאַקט וואָס מ'האָט געמוזט טאָן געוויסע זאַכן כדי זיך צו ראַטעווען, וואָס האָבן גלייכצייטיק געשטעלט אין סכנה דאָס לעבן פון אַנדערע, אָדער דאָס ווען אַז אַנדערע זאָלן אומקומען, מיט דער האָפענונג, אַז אַזוי אַרום וואָלט זיי געלונגען זיך אַליין צו ראַטעווען.

האָפּע (1965) האַלט, אַז די טראַוומאַטישע סיטואַציעס, וואָס די לעבן געבליבענע האָבן דורכגעמאַכט, פירן צו אַ דעפּרעסיע. סיי די שולד, סיי דער האַס קען פאַרשטאַרקן די פון פריער עקזיסטירנדיקע שולד.

קריסטאַל (1968) זאָגט זיך אַרויס, אַז פאַר די לעבן געבליבענע קינדער און יוגנטלעכע איז אוממעגלעך אָנערקענען אַלס אייגענע די וואָס פאַרטרעטן די אומגעבראַכטע עלטערן. ער האַלט, אַז די שולד געפילן זיינען די סיבה דערפון. אַנדערש וואָלט געהייסן, אַז זיי פאַרראַטן זייערע טאַטע=מאַמע.

ליפטאָן (1968), אין זיינע אַרבעטן וועגן די לעבן געבליבענע פון היראָשימאַ, געפינט אין זיי אַ גרויסע ענלעכקייט צו די=אָ קרבנות. דער וואָס איז ניצול געוואָרן גלייבט, אַז ער לעבט מחמת דעם וואָס אַנדערע זיינען אומגעקומען. דער דאָזיקער פאַקט און דער אופן, אויף וועלכן מ'האָט זיי אומגעבראַכט, רופט אַרויס ביי די, וואָס זיינען ניצול געוואָרן געפערלעכע שולד געפילן. ליפטאָן איז ביי דער מיינונג, אַז די ליידן פון לעבן געבליבענעם זיינען אַן אופן אויף צו באַהאַנדלען די דאָזיקע שולד געפילן, וועלכע זיינען אָבער אַזוי שטאַרק, אַז אַן אָפּקומעניש איז אוממעגלעך צו דערגרייכן. אין פאַל פון היראָשימאַ, גיט ער צו אַז די שולד פון איינעם ווערט פאַרשטאַרקט דורך דער שולד פונעם צווייטן, שאַפנדיק אַזוי אַרום אַ ציבור פון שולדיקע לעבן געבליבענע.

די געדאַנקען פון די פאַרשיידענע פאָרשער, וואָס האָבן זיך צום מערסטן אָפּגעגעבן מיט דער דאָזיקער טעמע, האָבן לויט מיין מיינונג, אָפן געלאָזט די מעגלעכקייטן צו פאַרטיפן זיך אין די לאַבירינטן פון די שולד געפילן. דער פאַקט, וואָס די פריער דערמאָנטע און נאָך אַ סך אַנדערע פּסיכאָאַנאַליטיקער, גיבן זיך נאָך אָפּ מיט דעם דאָזיקן ענין, איז אַ באַווייז, אַז די טעמע איז נאָך ווייט פון זיין אויסגעשעפּט.

IV

## מיכאַלס טראַגעדיע

צבי אייזנמאַן באַשרייבט אויף אַן אויסערגעוויינלעך קלאָרן אופן דעם שטורעם, וואָס קומט פאָר אין דעם העלדס האַרצן. זיינע ליידן, דאָס ניט קענען זיך באַפרייען פון די שרעקלעכע זכרונות וואָס מאַטערן אים, זיינע טענות צו זיין מוטער, די צעריסנקייט פון זיין נשמה, אַלץ ווערט איבערגעגעבן דייטלעך. אַלץ שטימט מיט די סימפּטאָמען פון דעם סינדראָם. אָן קיין שום צווייפל, זיינען דעם מחבר גוט באַקאַנט די ליידן פון געליטענע, מיט וועלכע ער האָט מיטגעלעבט.

כאָטש מיין כוונה איז ניט דורכצופירן קיין ליטעראַריש=סטיליסטישן אַנאַליז, אַ זאַך, וואָס איך בין סיי ווי ניט בכח צו טאָן, וויל איך פאָרט אָנווייזן אויף דער רייכקייט פון מעטאַפאָרן, מיט וועלכע דער מחבר באַנוצט זיך. איך וויל בלויז דערמאָנען אייניקע פון זיי, וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער טעמע, וואָס איך באַהאַנדל.

דער מחבר גיט איבער מיט פּרטים דעם אויסזען פון דער האַלב חרובער באַן סטאַנציע, וואו עס געפינט זיך דער העלד פון דער דערציילונג. כמעט אַלץ פעלט אין איר: טירן, פענצטער, דעכער, און ער גיט צו: „די דרויסנדיקע שטיין=ווענט פון די הייזער האָבן זיך געהאַלטן פעסט. אינעווייניק, אָבער, האָט זיך אַלץ געקרישלט און איז פונאַנדערגעפאַלן". ס'איז ניט שווער צו דערקענען, אַז דאָס איז אייגנטלעך אַ באַשרייבונג פון מיכאַלן גופא. אויסערלעך זעט ער אויס, גלייך ווי ער וואָלט זיך נאָך געהאַלטן פעסט. אַ סימן: ער איז פעאיק דורכצופירן די שליחות, וואָס מען האָט אים אָנגעטרויט. אָבער אין די טיפענישן פון זיין נשמה זיינען די זאַכן אַנדערש.

אַ צווייטער מעטאַפאָר מאַכט נאָך אַ טיפערן איינדרוק ווי דער ערשטער. אייזנמאַן שרייבט וועגן אַ נאַפטלעמפּל, וואָס לאָזט זיך ניט אָנצינדן אַזוי לייכט, וואָס ברענט קוים, קוים. „דעם קליינעם פלעמל פונעם לעמפּל איז שווער געווען אויסצוטראָגן די משא חושך, האָט ער זיך געבויגן, געוואָלט אויסגיין". דער סוף איז, אַז „דאָס פלעמל האָט ניט אויסגעהאַלטן און איז אויסגעגאַנגען". דאָס פאַרגלייכן אַן אויסגייענדיק ליכטל צום לעבן, ווען



צבי אייזנמאַן לייענט אַ לעקציע

(געצייכנט: ז. ש. פּראַווער)

דער געמיט צושטאַנד איז אַ שווערער, ווערט זייער אָפּט באַנוצט אין דער ליטעראַטור. ס׳איז גענוג צו דערמאָנען אברהם רייזענס „מאי קא משמע לן דאָס ליכטל״... דער פאָלקס⸗דיכטער מאַכט בלויז אַ פאַרגלייך, בעת ביי צבי אייזנמאַנען איז עס אַ מעטאַפאָר, אַריינגעפלאָכטן ווי אַ פּאַראַלעלע געשיכטע, וועלכע גיט איבער אויף אַ בילדערישן אופן דאָס, וואָס קומט פאָר ביי מיכאַלן טיף אין האַרצן: ער איז ניט בכח פּטור ווערן פון דער שווערער משא, וואָס ער טראָגט אין זיך, פון די טראַוומאַטישע איבערלעבונגען, וועלכע לאָזן אים ניט צורו. דאָס צאַנקענדיקע לעמפּל גיט צו בילדעריש דאָס, וואָס דורך אַנדערע קינסטלערישע מיטלען איז אפשר ניט גרינג אויסצודריקן. און ווען דאָס לעמפּל פאַרלעשט זיך און עס ווערט אינגאַנצן פינצטער, דעמאָלט בלייבט מיכאַל פאַרכאַפּט מיט זיינע מחשבות, וואָס ליידער זיינען זיי פאַר אים ניט בלויז זכרונות, נאָר זיי זיינען אויך אַ טייל פון זיין אייגענער, היינטצייטיקער ווירקלעכקייט. זיין רעאַליטעט איז אַ געמיש פונעם נעכטן — די פאַרשיקונג אין טראַנסניסטריע, מיטן היינט — אַ רעזערוויסט אין דער ישראל אַרמיי. די קעץ שלאָגן זיך גלייכצייטיק איןביידע וועלטן, סיי אין דער ווירקלעכקייט — אינדרויסן, סיי אין די זכרונות — ביי אים אין גוף.

ער שרעקט זיך פאַר דער אָנקומענדיקער נאַכט, ווייל ער ווייסט וואָס עס וועט אים אויסקומען צו ליידן, אָבער ער האָט ניט קיין אַנדער ברירה ווי איבערחזרן און איבערחזרן דאָס זעלבע: די זעלבע פּיין, די זעלבע טענות, דאָס זעלבע געפיל „אַז ער לעבט על⸗פּי טעות און וועט עס אין איינעם פון די טעג דאַרפן אָפּגעבן ווי אַ ניט באַצאָלטן חוב״. הייסט עס, אַז ער פילט זיך אַ בעל⸗חוב. ער איז שולדיק אין דעם, וואָס ער איז ניצול געוואָרן. און פאַר אָט דער שולד מוז מען באַצאָלן, אויב ניט מיטן לעבן איז כאָטש מיט ליידן.

זיינע ליידן און די סימפּטאָמען, דורך וועלכע זיי דריקן זיך אויס, קומען אַרויס בולטער אין דער דערציילונג אַדאַנק דעם פּאַראַלעל צווישן מיכאַלן און דעם צווייטן פּערסאָנאַזש, יצחקן, דעם ייד פון מאַראָקאָ, וואָס האָט ניט דורכגעמאַכט דעם חורבן, און וואָס עסט געשמאַק דאָס, וואָס זיין פרוי האָט אים מיטגעגעבן, און שלאָפט רואיק איין.

דער עפּיזאָד מיטן זאַמד⸗זאַק איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך. אייגנטלעך איז עס אַ געשעעניש, וואָס האָט ניט קיין שייכות מיט דער הויפּט⸗געשיכטע. ס׳איז בלויז אַן אַסאָציאַציע, וואָס מיכאַלן איז איינגעפאַלן, אָבער, וואָס צבי אייזנמאַן האַלט פאַר נייטיק צו פאַרצייכענען. אויב מיר האַלטן זיך ביים פּשט, וואָלט זיכער ניט געהאַט קיין זינען אַריינצונעמען אָט דעם עפּיזאָד אין דער דערציילונג: ער גיט גאָרניט צו צו איר. אויב מיר באַטראַכטן אים ווי אַן עלעמענט, וואָס פאַרמאָגט אַ סימבאָלישן כאַראַקטער, דאַן קען מען זיין זיכער, אַז ער איז ענג פאַרבונדן מיט מיכאַלס ליידן, און אויף אַ געוויסן אופן קען ער קומען צו הילף ביים פאַרשטיין בעסער זיינע פאַרבאָרגענע פּראָבלעמען.

דאָס דערמאָנען זיך אין דער דאָזיקער געשעעניש בעת דער זעקס⸗טאָגיקער מלחמה, וואָלט געקענט פאַרשטאַנען ווערן ווי אַ פאַרלאַנג צו פאַרלייכטערן זיין פּיין. ס׳איז טאַקע אויך געווען אַ סכנותדיקע איבערלעבונג, אָבער זי געהערט צו זיין היינטצייטיקער געשיכטע. דאָ, אין ישראל, איז זיין מצב אַנדערש ווי בעת ער איז אַלס קינד געווען אין לאַגער. כאָטש זיין לעבן קען אויך איצט זיין אויסגעשטעלט אויף געפאַרן, איז אים איצט פאָרט אַ סך בעסער ווי אַמאָל. ער איז אַקטיוו, ער קען קעמפן קעגן שונא און האָט בעסערע מעגלעכקייטן געשיצט צו ווערן. דאָס איז טאַקע ריכטיק בנוגע זיין היינטיקער לאַגע, אָבער איך גלייב, אַז דער עפּיזאָד מיטן זאַק פאַרמאָגט אין זיך סימבאָליש עפּעס אַנדערש, וואָס אָנשטאָט אים צו באַרויקן, להיפוך, פילט עס אים גאָר אָן מיט מער פּיין.

אויב מען וויל אויסזוכן די באַדייטונג פונעם עפּיזאָד, מוז מען נעמען אין באַטראַכט אויך דעם קאָנטעקסט, אין וועלכן ער איז אַריינגעפלאָכטן, ד.ה. מיכאַלס טראַוומאַטישע פאַרגאַנגענהייט, פון וועלכער ער קען בשום אופן ניט באַפרייט ווערן.

אויב מיר שטיצן זיך אויף די מיינונגען פון די פּסיכאָאַנאַליטיקער, וועלכע מיר האָבן פריער דערמאָנט, קען מען קומען צום אויספיר, אַז דעם העלדס אומבאַוואוסטזיניקע שולד געפילן שפּילן אין דעם אַלעמען, סיי אין דער אַלטער, סיי אין דער אַקטועלער געשיכטע, אַן ערשטראַנגיקע ראָלע. עס קומט אויס גלייך, ווי ער וואָלט איבערגעפירט צום זאַק, דאָס, וואָס ער זאָל האָבן אומבאַוואוסטזיניק געפילט צו דער מאַמען בעת יענער טראַגישער נאַכט, ווען זי איז אויסגעליידיקט געוואָרן פון דעם לעבן און ער האָט זיך געראַטעוועט. לויט די פריער דערמאָנטע טעאָרעטישע אויסטייטשונגען, קומט אויס, אַז די פרייד, וואָס ער איז לעבן געבליבן, פאַרשאַפט אים געפערלעכע יסורים, ווייל לויט זיין מיינונג, איז דאָס געלונגען אַדאַנק זיין מוטערס אומקום. דאָס שולד געפיל, ווי געזאָגט, וואָלט געקענט אויסגעטייטשט ווערן ווי די הויפּט⸗סיבה פון זיינע סימפּטאָמען, כמעט אינגאַנצן ענלעך צו די, וואָס מען באַמערקט ביי אַ סך לעבן געבליבענע.

אָבער צו אָט דעם, לויט מיין מיינונג, טעותדיקן אויספיר, וועל איך זיך אומקערן שפּעטער.

V

## אין די לאַבירינטן פון די שולד געפילן

עס איז לייכט צו פאַרשטיין, אַז סיי אין מיכאַלס טראַגעדיע, סיי אין די טראַגעדיעס פון אַלע לעבן געבליבענע, איז בלויז שולדיק דער נאַציזם. די רוצחישע מאַכט, וואָס האָט פאַרמשפּט אַלע יידן אומגעבראַכט צו ווערן. אויב אַ טייל קרבנות איז געלונגען זיך צו ראַטעווען, איז עס געווען על־פּי צופאַל בלויז. מען ווייסט גאַנץ גוט, וואָס עס וואָלט געווען דער גורל פון די, וואָס זיי איז יאָ געלונגען זיך צו ראַטעווען, ווען די מלחמה וואָלט געדויערט לענגער, אָדער איר אויסגאַנג וואָלט געווען אַן אַנדערער.

ווי לאָזט זיך פאַרשטיין, אַז די קרבנות פון די און פון אַנדערע סאָציאַלע קאַטאַסטראָפעס זאָלן זיך אַליין באַטראַכטן, באַוואוסטזיניק אָדער אומבאַוואוסטזיניק, ווי שולדיקע?

צו ענטפערן אויף דער דאָזיקער פראַגע, מוז מען קודם־כל גענוי דעפינירן, וואָס הייסט שולד, און צווייטנס, איז וויכטיק צו פאַרטיפן זיך מער אינעם סינדראָם פון דעם לעבן געבליבענעם: זיך דערגרונטעווען צו די סיבות, וועלכע רופן אים אַרויס און פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ ראָלע עס שפּילן די שולד געפילן.

כאָטש אַלע שולד געפילן ווערן אָנגערופן מיטן זעלבן נאָמען, דאָך מוז מען זיי צעטיילן אין צוויי באַזונדערע קאַטעגאָריעס. איין פאָרם וואָלט געקענט באַצייכנט ווערן ווי אַ נאָרמאַלע שולד. ס'איז דאָס, וואָס מען פילט אויף אַ באַוואוסטזיניקן אופן, ווען מען גיט זיך אָפּ אַ רעכענונג, אַז מ'האָט געטאָן עפּעס שלעכטס. די דאָזיקע שולד פירט אויסצוגעפינען די פּאַסיקע וועגן, כדי צו פאַרריכטן דאָס וואָס מען האָט אָפּגעטאָן. דאַקעגן איז די אומנאָרמאַלע שולד אַ געפיל, וואָס אירע סיבות האָבן אינגאַנצן צו טאָן מיט אויספאַנטאַזירטע פאַרברעכנס, אַזוינע, וועלכע מען איז ניט באַגאַנגען, און וואָס שטאַמען פון אומלאָגישע אויסטייטשונגען פון די פאַקטן. אָט דער מין שולד קען זיין סיי באַוואוסטזיניק, סיי אומ־באַוואוסטזיניק, און ער קען דערפירן צו פּסיכישע קאָנפליקטן, וועלכע דריקן זיך אויס אין פאַרשיידענע פּאַטאָלאָגישע אַנטפּלעקונגען.

דער סינדראָם פון לעבן געבליבענעם איז אַנדערש פון אַלע אַנדערע פּסיכישע צערודערונגען, ניט בלויז אין צוזאַמענשטעל פון זיינע סימנים און סימפּטאָמען, נאָר אויך מיט דעם וואָס זיינע הויפּט־סיבות זיינען די שווערע טראַוומאַטישע איבערלעבונגען, וואָס די ליידנדיקע האָבן דורכגעמאַכט בעת דער נאַצישער פאַרפאָלגונג.

לויט דער פּסיכאָאַנאַליטישער טעאָריע זיינען אַלע פּסיכישע קראַנקייטן אַ רעזולטאַט פון היינטצייטיקע טראַוומאַטישע סיבות, וועלכע וועקן אויף די שפּורן פון אַלטע גייסטיקע וואונדן. אָט די לעצטע שטאַמען פון גענירשנטע פאַקטאָרן און פאַרשיידענע טראַוומאַטישע איבערלעבונגען בעת די ערשטע קינדעריאָרן. זיי זיינען פאַרפיקסירט געוואָרן אין דער פּסיכיק און אַזוי אַרום האָבן זיי געשאַפן די דיספּאָזיציע קראַנק צו ווערן. אויף אָט די פאַרשיידנאַרטיקע דיספּאָזיציע פאַקטאָרן ווירקן די אַקטועלע סיבות, וועלכע, ווען זיי זיינען גענוג שטאַרק, רופן אַרויס אַ רעגרעסיע (צוריק גאַנג) צו יענע פאַרפיקסירטע עטאַפּן פון דער קינדהייט; דאָס פירט צום אויפקום פון די פּסיכישע צערודערונגען. די דאָזיקע קראַנקייטן, ווי פיינלעך זיי זאָלן ניט זיין, זיינען זיי דאָך אַן אופן ווידער איינצושטעלן אַ גלייכגעוויכט און אויסמיידן גרעסערע רעאַלע אָדער פאַנטאַזירטע סכנות; אַ פּשרה צווישן די אָנגרייפערישע אויסערלעכע אָדער אינערלעכע פאַקטאָרן און די אייגענע מעכאַניזמען פון פאַרטיידיקונג.

בעת אין די געוויינלעכע פּסיכישע קראַנקייטן שפּילן אַ הויפּט־ראָלע די פּסיכישע גענירשנטע פאַקטאָרן צוזאַמען מיט די טראַוומאַטישע איבערלעבונגען פון די קינדעריאָרן, האָבן די עלעמענטן אַ נישטיקע ראָלע אינעם סינדראָם פון לעבן געבליבענעם. איך לייקן ניט די עקזיסטענץ פון פריערדיקע פאַרפיקסירונגען, אָבער איך שטרייך אונטער דעם פאַקט, וואָס די האָמאָגענישקייט פון די פּסיכאָ־פּאַטאָלאָגישע דערשיינונגען פון אָט דעם סינדראָם — גאַנץ אַנדערש, ווי אַ קאָנסטעלאַציע, פון די באַמערקטע דערשיינונגען אין אַנדערע בילדער — קען ניט אויפגעקלערט ווערן בלויז ווי אַ פּועל־יוצא פון אַ רעגרעסיע צו אַ קאָנפליקטיוון עטאַפּ פון די ערשטע קינדעריאָרן.

דאָס, וואָס אַלע לעבן געבליבענע האָבן בשותפות, איז זייערע שרעקלעכע יסורים אונטערן נאַצישן יאָך. די דאָזיקע עקסטרעמע טראַוומאַטישע סיטואַציע האָט דערפירט דערצו, אַז די קרבנות, איבערהויפּט די קאַצעטלער, זיינען געווען אין אַ כמעט טאָטאַלן הילפלאָזן מצב, אין וועלכן זיי איז ביז דעמאָלט ניט אויסגעקומען צו זיין און צו וועלכן קיין שום מענטש איז ניט גענוג צוגעגרייט. אין אַזאַ מצב פאַרלירט מען אַפילו דעם בטחון געפיל, וואָס זינט זיין אויפקום אין די גאָר ערשטע עטאַפּן פון זיין לעבן, העלפט איבערצוקומען מילדע

טראַוומאַטישע סיטואַציעס, מחמת דער זיכערקייט, אַז מען וועט פון דעם אַרויסקומען. ביי די קאַצעטלער האָבן די דאָזיקע איבערלעבונגען פון הילפלאָזיקייט איבערגעלאָזן טיפע, כמעט אומאויסהיילעוודיקע וואונדן.

נאָך דער באַפרייאונג קומט פאָר אין דער פסיכיק פון לעבן געבליבענעם אַ טיפער שינוי, וואָס כאַראַקטעריזירט זיך דורך דער איינצייטיקער קאָעקזיסטענץ פון צוויי אַספּעקטן אין זיין פּערזענלעכקייט: אַ טייל לעבט ווייטער אין טויט⸗לאַגער, אויסגעטאָן פון וועלכער עס איז פאַרטיידיקונג; דער צווייטער טייל „פּאַסט זיך צו" צו דער נייער רעאַליטעט, פירט זיך אויף, ווי ער וואָלט געקענט ווייטער אָנגיין מיט אַ נאָרמאַל לעבן.

די באַציאונג צווישן די ביידע אַספּעקטן פונעם „איך" האָט ווייט ניט קיין סטאַבילע גלייכגעוויכט. דער איצטיקער „איך" ווערט כסדר באַפאַלן דורכן „איך", וואָס איז צוגעשמידט צו דער עקסטרעמער טראַוומאַטישער סיטואַציע. היות ווי ער איז ניט פעאיק אויף אַ געראָטענעם קאָנטראָל, לאָזט זיך דער „איך" אין גאַנג פון אַרכעאישע פּרואוון פון קאָנטראָל, כדי איבערצופירן אויף באַקאַנטע באָדנס דאָס נייע געפיל, וואָס האָט אויפגעטויכט בעת די פאַרפאָלגונגען: דאָס אַראָפּגעשליידערט ווערן אין אַ סיטואַציע פון טאָטאַלער הילפלאָזיקייט. ווי אַ רעזולטאַט פון אָט די אַרכעאישע פּרואוון פון קאָנטראָל און ווי אַ פּשרה צווישן ביידע אַספּעקטן, באַווייזן זיך דאָס רוב סימפּטאָמאַטאָלאָגישע באַשטאַנדטיילן, וואָס כאַראַקטעריזירן דעם סינדראָם פון דעם לעבן געבליבענעם. ס'רוב סימפּטאָמען, וואָס מען באַמערקט אין דעם דאָזיקן סינדראָם — די שולד געפילן, די נעווראָטישע, פּסיכאָטישע, פּסיכאָסאָמאַטישע, צי אַנדערע אַרויסווייזונגען — זיינען דער פּועל⸗יוצא פון זוכענישן פון נייע אָרגאַניזאַציעס מצד דעם איצטיקן „איך" (וואָס פאַרמאָגט שוין מער רעסורסן) אַנטקעגן דער אומפאַרמיידלעכער פאַראַנענקייט פונעם „איך" פון די טויט⸗לאַגערן.

אין אַ פריערדיקן אָפּטייל האָב איך דערמאָנט די מיינונגען פון פאַרשיידענע פאָרשער וועגן דער שולד פון די לעבן געבליבענע. גאַנץ מעגלעך, אַז אַ סך פון זייערע געדאַנקען זיינען ריכטיק. לויט מיין מיינונג, אָבער, איז די הויפּט⸗סיבה פון דער שולד אַן אַנדערע און האָט אַ סך צו טאָן מיט די פריער געבראַכטע אידעען. ווי געזאָגט, פירן די שרעקלעכע יסורים צו אַ צושטאַנד, אין וועלכן די קרבנות זיינען אַבסאָלוט הילפלאָז. דער דאָזיקער צושטאַנד בלייבט איינגעקריצט און איז דער קערן פון דעם טייל פון דער פּסיכיק, דעם „איך", וואָס לעבט נאָך אין טויטלאַגער, און וואָס נוצט אויס יעדע גינסטיקע געלעגנהייט צו באַפאַלן דעם אַקטועלן „איך". אָט דער צווייטער טייל פאַרמאָגט אין זיך מעכאַניזמען פון פאַרטיידיקונג, וועלכע זיינען אַנטשטאַנען בעת דער פּסיכישער אַנטוויקלונג. איינער פון די מעכאַניזמען איז די אַזויגערופענע „מעלאַנכאָלישע דורכאַרבעטונג".

דאָס קינד פילט, ביי געוויסע אומשטענדן, אַז זיין לעבן איז אין געפאַר (געוויינלעך אין זיין פאַנטאַזיע), ווייל זיינע באַדערפענישן ווערן ניט באַפרידיקט. ער טייטשט עס אויס, אַז דאָס קומט אים, ווייל די וואָס דאַרפן אים באַפרידיקן און פון וועמען ער איז אַבסאָלוט אָפּהענגיק, ד.ה. זיינע עלטערן, האָבן אים ניט ליב. אָט דער פאַנטאַזיע געדאַנק פאַרשאַפט אים גרויסע ליידן, ווייל דאָס פירט אים צום גלויבן, אַז ס'איז שוין ניטאָ קיין שום האָפענונג פאַר אים. כדי לייכטער צו מאַכן זיין געמיט, טייטשט ער אויס זיין פריער דערמאָנטן געדאַנק אויף אַזאַ אופן: ניט די עלטערן זיינען די שלעכטע, נאָר ער אַליין איז שולדיק אין זיין מצב. אויב זיינע עלטערן האַנדלען אַזוי (זיי גיבן אים ניט צו עסן, למשל), איז עס בלויז אַ פאַרדינטע שטראָף פאַר זיינע אייגענע זינד. אַז ער וועט אין זיין פאַנטאַזיע אָנערקענען, אַז ער איז אַ שלעכטער, וועלן אים די עלטערן מוחל זיין און אים צוריק ליב האָבן. אָט די מעלאַנכאָלישע דורכאַרבעטונג איז אַ פאַרטיידיקונגס⸗מיטל, וואָס ווערט געלאָזט אין גאַנג אין די פריסטע קינדעריאָרן, אָבער עס ווערט באַנוצט דאָס גאַנצע לעבן, סיי דורכן יחיד, סיי דורך גרופּעס, ווען געוויסע ליידן זיינען אומדערטרעגלעך. „צוליב אונדזערע זינד זיינען מיר באַשטראָפט געוואָרן"; „לאָמיר תשובה טאָן, וועט מען אונדז פאַרגעבן" — זיינען גאָר באַקאַנטע לאָזונגען, וואָס ווערן גענוצט בעת סאָציאַלע קאַטאַסטראָפעס, כדי צו געפינען, הן אַ זין פאַר די ליידן, הן אַ טרייסט. בעת אָט די קאַטאַסטראָפעס איז ניט שווער צו פאַרשטיין, פאַרוואָס די קרבנות פילן זיך שולדיק פאַר דעם, וואָס עס געשעט מיט זיי, און נעמען אָן ווי אַ פאַרדינטע שטראָף זייערע ליידן. ווי אָנגעווייטיקט דאָס זאָל ניט זיין, איז דאָס פאָרט אַ מיטל אָנצוהאַלטן די האָפענונג, אַז עס וועלן קומען בעסערע צייטן. ס'איז אַ סך בעסער צו פילן זיך געשטראָפט פון אַ טאַטן, וואָס מעגלעך, אַז ער איז אַ בייזער, אָבער צו וועמען מ'קען אָנקומען און בעטן ביי אים מחילה, איידער צו אָנערקענען דעם שרעקלעכן אמת, ד.ה. אַז מען איז אַבסאָלוט אין די הענט פון אַ רוצחישער מאַכט, אַנטקעגן וועלכער מען איז דורכויס הילפלאָז.

די מעלאַנכאָלישע דורכאַרבעטונג איז ניט דער איינציקער מעכאַניזם, וואָס דער „איך" פאַרמאָגט, און וואָס ער נוצט אין פאַלן, ווען ס'איז נייטיק צו קאָנטראָלירן

אַקטועלע טראַוומאַטישע סיטואַציעס. אָט די מעכאַניזמען, וואָס זיינען אַנטשטאַנען אין די קינדעריאָרן און וואָס זיינען אין יענער צייט גענוצט געוואָרן, כדי צו קאָנטראָלירן קאָנפליקטיווע סיטואַציעס, ווערן אויך טיילווייז גענוצט דורכן אַקטועלן „איך" ביי די לעבן געבליבענע און זיי נעמען אַן אָנטייל אין דעם אויפקום פון פאַרשיידענע סימפּטאָמען. אָבער עס וואָלט געווען אויסער די ראַמען פון מיין אַרבעט זיך אָפּצוגעבן מיט זיי.

## VI

# די שווערע משא

דיליידענישן, וואָס דער לעבן געבליבענער האָט געליטן בעת דער פאַרפאָלגונג, האָבן ניט געהאַט קיין שום פּרעצעדענטן אין זיין לעבן. זיי האָבן דערפירט, אַז דער קאַצעטלער זאָל זיך פילן אין אַ צושטאַנד פון טאָטאַלער אָנמעכטיקייט, ווען קיין שום פאַרטיידיקונגס־מיטל האָט ניט געקענט אָנגעווענדט ווערן. דער דאָזיקער צושטאַנד איז דער קערן פון דעם טייל פונעם „איך", וואָס נאָך דער באַפרייאונג איז געבליבן צוגעשמידט צו אָט דער לאַגע, און וואָס האַלט כסדר אין באַפאַלן און שטעלן אין געפאַר די צייטווייליקע גלייכוואָג, וואָס דער אַקטועלער „איך" האַלט אָן. דאָס איז די סכנה, וואָס מיכאַל פילט, ווי נאָר עס ווערט פינצטער און דער חושך טראָגט אים אַריבער, ווי עס וואָלט כמעט געווען אַן אַקטועלע איבערלעבונג, צו דער טראַנסניסטריער פאַרשיקונג. דעמאָלט, דערמאָנט אונדז דער מחבר, איז נאָך מיקי געווען צו קליין צו פאַרשטיין, וואָס עס הייסט מלחמה, הײמלאָזיקייט, קעלט. דאָס איז טאַקע ריכטיק. דאָס קינד האָט אָבער יאָ געפילט אַ צושטאַנד פון אַבסאָלוטער אָנמעכטיקייט. אָט די טראַוומאַטישע איבערלעבונג רייסט זיך דורך אַ וועג דורך אַלע באַריערן און דראָט אים אינגאַנצן צו פאַרשלינגען. דאָך בלייבן נאָך מיטלען, זיך טיילווייז צו פאַרטיידיקן פון אַ קאָשמאַר, די מעגלעכקייט אויפצוּוועקן זיך. ווי אַזוי קען מען פאַרלייכטערן דאָס געפיל פון אָנמעכטיקייט?

מיכאַל אַקטואַליזירט אין זיינע געדאַנקען אַ טייל פון יענע פיינלעכע איבערלעבונגען. עס קומט אויס, אַז די פּראָבלעם איז בלויז מיט דער מוטער זיינער. ער האָט צו איר טענות און תרעומות. ער האָט זיך מיט איר מתווכח געווען, געטאַמפּערט, געפאָדערט אַ תשובה. אומבאַוואוסטזיניק, ווי מיר קאָנען עס אויספירן פון דעם עפּיזאָד מיט דעם זאַמד־זאַק בעת דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, פילט ער זיך שולדיק, גלייך ווי ס'וואָלט אים געווען געלונגען זיך צו ראַטעווען, אַדאַנק דעם, וואָס דער טויט האָט ניט אים, נאָר זיין מוטער געטראָפן.

אָבער דאָס אַלץ, וואָס ס'קומט אַרויף אויף דער אויבערפלאַך פון זיין נשמה, ווי פּיינלעך עס זאָל ניט זיין (דאָס באַשולדיקן זיין מוטער, אָדער דאָס פילן זיך אַליין שולדיק) — דאָס אַלץ איז ניט מער ווי אַ רויך־פאָרהאַנג אומדורכזיכטיק צו מאַכן דאָס, וואָס עס וואָלט אַ סך שווערער געווען פאַר אים אויסצוהאַלטן: דאָס פילן זיך אין אַן אַבסאָלוטן הילפלאָזן צושטאַנד. אָט דאָס איז די שווערע משא, וואָס עס וואָלט אוממעגלעך געווען אויסצוטראָגן.

## VII

# ליכטער מיניען זיך פרידלעך

ווי טרויעריק עס זאָל ניט זיין מיכאַלס ליידן, ווי אָנגעווייטיקט — זיינע איבערלעבונגען, דאָך האָט צבי אייזנמאַנס דערציילונג עפּעס אין זיך, וואָס לאָזט איבער דעם לייענער מיט אַ געפיל, אַז ניט אַלץ איז פאַרלוירן, אַז ניט קוקנדיק אויף דעם העלדס ראַנגלענישן מיט זיין פאַרגאַנגענהייט וואָס האַלט שוין אָן אַזוי לאַנג, איז דאָך פאַראַן אַ האָפענונג, אַז זיי וועלן פאַרלייכטערט ווערן, אמת עס איז ניטאָ קיין שום קלאָרע אָנדייטונג, אַז עס וועט אַמאָל אַ סוף נעמען צו ליידן. פאַרקערט: עס זעט אויס, אַז אָט דער עפּיזאָד פון יענער ווייטער נאַכט, וואָס חזרט זיך איבער טויזנטער און טויזנטער מאָל, וואָס אַפילו דאָס קומען קיין ישראל און אָנהייבן אַ ניי לעבן האָט ניט געקענט ענדערן, האָט שוין פון לאַנג באַקומען אַן אויטאָנאָמען מצב. דער עפּיזאָד לעבט אין אים און עס איז ניטאָ קיין אופן אים צו קאָנטראָלירן.

דאָך, און גאַנץ מעגלעך, אַז דאָס זאָל זיין מיינער אַן אייגענער אָפּטימיסטישער אויספיר, איז פאָרט פאַראַן אַ מעגלעכקייט צו לייענען צווישן די שורות, אַז ס'איז דאָ אַ וועג גרינגער צו מאַכן די יסורים.

דער מחבר איז גערעכט: בעת דער טראַנסניסטריער פאַרשיקונג איז מיכאַל נאָך געווען צו קליין צו פאַרשטיין, וואָס עס איז פאָרגעקומען. מעגלעך, אַז ער איז געבליבן צוגעשמידט, אומבאַוואוסטזיניק, צום גלויבן, אַז בכדי ער זאָל בלייבן לעבן, האָט די מוטער געמוזט אומקומען. מעגלעך, ווי כ'האָב פריער צוגעגעבן, אַז בכדי לייכטער איבערצוקומען דאָס כסדרדיקע געפיל פון אַבסאָלוטער הילפלאָזיקייט, האָט ער זיך באַנוצט מיט דער מעלאַנכאָלישער דורכאַרבעטונג און זיך אַליין דערקלערט פאַר שולדיק איבער דעם, וואָס ס'איז געשען

מיט דער מאַמען. ס׳איז אויך פֿאַרשטענדלעך, אַז אָט דאָס געפֿיל זאָל ער, בעת אַן עת־צרה, איבערפֿירן אויף עפּעס אַנדערש. למשל: דעם זאַמד־זאַק. עס טוט אים הנאה, ווי אַ פּועל־יוצא פֿון אָט דער איבערפֿירונג, אַז דער זאַק, און ניט ער איז אויסגעליידיקט געוואָרן. ביידע עפּיזאָדן פֿאַרשטייט ער אַזוי. אָבער דער מחבר גיט אַ מעגלעכקייט דעם לייענער צו פֿאַרשטיין די דאָזיקע געשעענישן אַנדערש.

בעת דער זעקס־טאָגיקער מלחמה דערמאָנט זיך מיכאַל, אַז ער איז געלעגן צוזאַמען מיט אַנדערע זעלנער, געשיצט פֿון זאַמד־זעק. „ערגעץ ווייט, אָדער נאָענט האָבן באָמבעס געפּלאַצט. ערגעץ ווייט, אָדער נאָענט, האָט די לופֿט געציטערט. באָמבעס, שפּליטערס און קוילן זיינען אַרומגעפֿלויגן און יעדער שטיק אָנגעגליט אייזן האָט געזוכט זיין קרבן. בלינד איז געווען זייער פֿלי און בלינד — דער אויסקלייב. איינער פֿון זיי האָט דערגרייכט צום זאַק, וואָס האָט מיכאַלס גוף באַשיצט" (ס׳איז איבעריק צו דערמאָנען, אַז דאָס איבערחזרן די ווערטער „ערגעץ ווייט, אָדער נאָענט", ווייזט, ווי עס מישן זיך אוים אין דער פּסיכיק, סיי די פֿאַרצייטיקע, סיי די אַקטועלע טראַוומאַטישע סיטואַציעס, ווי זיי וואָלטן געהערט צו דער זעלבער צייט).

צבי אייזנמאַן גיט אונדז די מעגלעכקייט צו פֿאַרשטיין אַנדערש די פֿאַקטן. דאָס געשעענע קען ניט געענדערט ווערן, אָבער מען קען עס פֿאַרשטיין אויף אַ בעסערן אופֿן. דער פֿאַקט, וואָס מיטן זאַק פֿילט ער, באַוואוסטזיניקערהייט, דאָס וואָס עס איז מעגלעך אַז ער זאָל האָבן געפֿילט אומבאַוואוסטזיניק בנוגע זיין מוטער, איז אַ באַווייז, אַז די שולד איז גאָר אַ גרויסע. די דאָזיקע שולד איז גורם, אַז ווידעראַמאָל זאָל זיך ביי אים אין דער נשמה איבערחזרן די זעלבע טראַגעדיע. פֿונדעסטוועגן איז די אַקטואַליזאַציע מיטן זאַק אויך אַ מיטל, וואָס קען ביסלעכווייז דערמעגלעכן צו פֿאַרשטיין, אַז אויב די זאַכן זיינען אַזוי געשען, דעמאָלט און היינט, איז עס ווי אַ רעזולטאַט ניט פֿון זיינע פֿאַרלאַנגען. ניט ער איז שולדיק אין זיין מוטערס טויט, גלייך, ווי ער איז אויך ניט שולדיק, וואָס דער זאַק איז געטראָפֿן געוואָרן. די קויל וואָס האָט געטראָפֿן דעם זאַמד־זאַק איז בלינדערהייט אַרומגעפֿלויגן זוכנדיק איר קרבן. ס׳איז אוממעגלעך געווען צו וויסן, ווער ס׳וועט פֿאַלן אַ קרבן און ווער ס׳וועט בלייבן ביים לעבן. דער דאָזיקער היינטצייטיקער עפּיזאָד, וואָס איז אין אַ גרויסער מאָס אַן איבערחזרונג פֿון דער אַלטער טראַגעדיע, קען גלייכצייטיק העלפֿן צו פֿאַרשטיין אַנדערש די געשעענישן פֿון יענער נאַכט אין לאַגער. דעמאָלט איז מיכאַל צו קליין געווען צו פֿאַרשטיין וואָס עס איז פֿאָרגעקומען, און דאָס האָט אין אַ געוויסער מאָס דערמעגלעכט, אַז די שולד פֿאַנטאַזיע זאָל איינשטיין און אָנהאַלטן עד־היום. אָבער דאָס אויפֿקלערן בעסער דעם אַקטועלן עפּיזאָד, קען דינען ווי אַ יסוד צו פֿאַרשטיין אויף אַ ריכטיקן אופֿן יענעם אַלטן אומגליק.

אין דעם, גלייב איך, שטעקט די טעראַפּעווטישע פֿונקציע פֿון אָט דער דערציילונג. זי שילדערט די קאָמפּליצירטע פּראָבלעמאַטיק פֿון דעם לעבן געבליבענעם, אָבער גלייכצייטיק גיט זי צו פֿאַרשטיין אַז ס׳איז פֿאַראַן אַ האָפֿענונג בעסער צו באַנעמען זיינע ליידענישן בכדי זיי צו פֿאַרלייכטערן, כאָטש אינגאַנצן פֿריי צו ווערן פֿון זיי איז כמעט אוממעגלעך.

די ליכטער, וואָס האָבן אַרום דער באַן סטאַנציע „געמיניעט פֿרידלעך און באַרוט, ווי זיי וואָלטן קיינמאָל קיין מלחמה ניט פֿאַרזוכט", זיינען פֿאָרט ניט אַזוי ווייט, גלייך ווי ס׳וואָלט געווען מעגלעך אַמאָל אַוועקצורייסן זיך פֿונעם חושך און אָנקומען צו זיי.

# ביבליאָגראַפֿיע


**אייזנמאַן, צבי**

1974 צווישן גרענעצן, הוצאת הקיבוץ המאוחד: [תל אביב].

**האָפּע, ק.**

1965 K. Hoppe, “The Psychodynamics of Concentration Camp Victims” in *Psychoanalytic Forum* 1, Science House: New York.

**טשאָדאָף, פּ.**

1965 P. Chodoff, [discussion of Hoppe's paper] in *Psychoanalytic Forum* 1, Science House: New York.

**ליפֿטאָן, ר.**

1968 R. Lifton, “Observations on Hiroshima Suvivors” in Krystal 1968.

נידערלאַנד, וו.

W. G. Niederland. "The Problem of the Survivors" in Krystal 1968. 1968

"The Survivor Syndrome. Further Observations and Dimensions" in *Journal of the American Psychoanalytical Association* 28: 413-425. 1980

קריסטאַל, ה.

H. Krystal (ed.), *Massive Psychic Trauma,* Indiana University Press: New York. 1968

# קולטור געשיכטע

# די בונדישע פּרעסע און יידיש


פון

בנימין נאַדעל

(ניו⸗יאָרק)


## I

די בונדישע פּרעסע, ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען, איז עלטער ווי דער בונד גופא. דער ערשטער נומער פון זשורנאַל דער אידישער אַרבייטער איז דערשינען אין דעצעמבער 1896, כמעט אַ יאָר פאַר דעם ווי דער בונד איז אָפיציעל געגרינדעט געוואָרן. די אַרויסגעבער זיינען געווען ווילנער יידישע סאָציאַל⸗דעמאָקראַטן, אַ גרופּע, וועלכע מען האָט באַטראַכט ווי דעם קערן פון „ערב⸗בונד". פון 1897 אָן דערשיינט פּאַראַלעל אַ צווייטער אָרגאַן פון בונד אונטערן נאָמען די אַרבייטער⸗שטיממע, וואָס איז געווען מער אויסגערעכנט אויף אַ מאַסן⸗לייענער ווי דער אידישער אַרבייטער מיט זיינע לענגערע און טעאָרעטישע אַרטיקלען.

אָרטיקע בונדישע אויסגאַבעס דערשיינען אומלעגאַל אויך אין אַ גאַנצער ריי שטעט, ווי ביאַליסטאָק, בערדיטשעוו, גראָדנע, דווינסק, האָמעל, וואַרשע, וויטעבסק, ווילנע, לאָדזש, מינסק, פּינסק, קאָוונע, שאַוול.

צו ערשט איז די אַרבייטער⸗שטיממע געווען געדרוקט אין 400 עקזעמפּלאַרן און דער אידישער אַרבייטער — אין 1000. אָבער אין דער צייט פון דער רוסישער רעוואָלוציע אין 1905 פאַרגרעסערן זיך די טיראַזשן פון בונדישע אויסגאַבעס, למשל: דער נומער 12 פונעם זשורנאַל דער בונד איז אַרויס אין 30,000 עקזעמפּלאַרן, די טאָגצייטונג דער וועקער (ווילנע) — 45,000 עקזעמפּלאַרן. אין די יאָרן פון דער צווייטער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד דערשיינען בונדישע צייטונגען אין פּעטראָגראַד (די אַרבעטער שטימע 1917), מינסק (דער וועקער 1918-1921), און קיעוו (די פאָלקס⸗צייטונג 1917-1919). אָרטיקע בונדישע אויסגאַבעס ווערן געדרוקט אין אָדעס, ווילנע, זשיטאָמיר, סאַראַטאָוו (יעווזעראָוו 1922; בערנשטיין 1958). אַחוץ צייטשריפטן און פּאַמפּלעטן גיט דער בונד אַרויס אַ באַדייטנדיקע צאָל אויפרופן און פלוגבלעטער. די פּראָקלאַמאַציעס אין די קלענערע שטעט ווערן געדרוקט אין 200-300 עקזעמפּלאַרן, אין די גרעסערע שטעט — אין 3,000 ביז 5,000 קאָפּיעס, און אין אַזעלכע שטעט ווי, למשל, לאָדזש פאַרשפּרייט מען צו 10,000 און אַפילו מער פּראָקלאַמאַציעס. אין אַרכיוו פון בונד אין ניו⸗יאָרק (איצט אַן אָפּטייל פון דער ייוואָ) זיינען דערהאַלטן אַ סך אויפרופן פון אַ פאַרשיידנאַרטיקן אינהאַלט, וועלכע מען האָט אַרויסגעגעבן אין ביאַליסטאָק (20), גראָדנע (14), וואַרשע (38), וויטעבסק (65), ווילנע (24), וולאָצלאַוועק (13), לאָדזש (23), ליבאַווע (27), מאָהילעוו (55), מינסק (23), א.א.וו. די בונדישע אויפרופן זיינען געווען הויפּטזעכלעך אין יידיש, אַ קליינע צאָל אין אַנדערע שפּראַכן — רוסיש, פּויליש, דייטש (נאַדעל און גאָלאָביטש 1987: 56-57).

פון די 1890ער יאָרן קומט צו אַ ברייטע אַנטוויקלונג פון דער שיינער ליטעראַטור אין יידיש מיט אַ ראַדיקאַלער באַפאַרבונג און אינטערעס פאַרן לעבן פון אַרבעטער און האָרעפּאַשניק. מיט רמזים רופן די שרייבער צו אַ נייער גערעכטער וועלט און פאַראורטיילן די עקספּלואַטאַציע פון פּראָלעטאַריאַט. מיט דעם דערקלערט זיך, וואָס די דערציילונגען פון י.ל. פּרץ („באָנטשע שוויג", „די נייטאָרינס", „די עשרת הדברות"), פון דוד פּינסקי און אַנדערע שרייבער זיינען דעמאָלט פאַרשפּרייט און פּאָפּולער געוואָרן צווישן די יידישע אַרבעטער און טוער פון בונד. שוין ביי די „קאַסעס" ווערן אָרגאַניזירט ביבליאָטעקן פון אומלעגאַלע יידישע ביכער (בערמאַן

1945: 169-172 און 189-191), אינסצעניזאַציעס פון רעוואָלוציאָנערע לידער און פּיעסעס ווי די צוואה, מלחמה פאַרן לעבן און שפּעטער אויך טעאַטער פאָרשטעלונגען (טשעריקאָווער 1939: 595-596). אין בונדישן אַרכיוו פאַרהיטן זיך פּלאַקאַטן פון טעאַטער שפּילן, ווי ד. פּינסקיס די פאַמיליע צבי (1906), י. גאָרדינס גאָט, מענטש און טייוול (1912) און חאַסיע די יתומה (1913) געשטעלט אין בונדישע קלובן פון מערב אייראָפּע. עס ווערן אַרויסגעגעבן זאַמלונגען פון רעוואָלוציאָנערע לידער, צוערשט, ווי אין מינסק אין 1897, העקטאָגראַפירט, שפּעטער געדרוקט. אין די יאָרן פון דער ערשטער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד פאַרעפנטלעכט דער בונד עטלעכע ליטעראַרישע זאַמלביכער, אין וועלכע עס באַטייליקן זיך י.ל. פּרץ מיט זיין דראַמע די גאָלדענע קייט און אַנדערע באַקאַנטע יידישע שרייבער און פּאָעטן (קעמפּינסקי 1964).

שוין די ערשטע בונדישע אויסגאַבעס שאַפן אַ באַזע פאַר אַנטוויקלען די יידישע לעקסיק, און נישט נאָר די סאָציאַל⸗פּאָליטישע טערמינאָלאָגיע, נאָר אויך טערמינען פאַר דער וויסנשאַפטלעכער שפּראַך אויפן געביט פון נאַטור⸗וויסנשאַפט און קרובהשע געביטן, ווי אויך פאַר קינסטלערישער ליטעראַטור און פּובליציסטיק. די שפּראַך פון די בונדישע אויסגאַבעס אין יידיש, אָנהייבנדיק פון די זשורנאַלן דער אידישער אַרבייטער און די אַרבייטער⸗שטימע מאַכט דורך אַ ראַשיקע אַנטוויקלונג מיטן ציל גובר צו זיין די דייטשמערישע און העברעאיזירנדיקע השפעות פון דער השכלה ליטעראַטור און גלייכצייטיק זיך צו באַרייכערן מיט סלאַווישע און, אומדירעקט, מערב⸗אייראָפּעאישע השפעות. דאָס קאָן מען אילוסטרירן מיטן ביישפּיל פון אַזעלכע ווערטער⸗פּאָרלעך אין יידיש, ווי חבר — גענאָסע (גענוצט, אגב, ביז נאָך ניט לאַנג אין אַמעריקע), פּאָרזיצער — פּאָרזיצנדער, טענה — פּרעטענזיע, עיקרדיק — פונדאַמענטאַל, א.א.וו.

דער בונד שאַפט אַ ברייטע יידיש לייענענדיקע פּעריפעריע פון טויזנטער יידישע אַרבעטער און פאָלקס⸗מענטשן, וואָס ווערן קאָנסומענטן פון יידישן וואָרט ניט נאָר אין פּובליציסטיק און וויסנשאַפט, נאָר אויך אין דער שיינער ליטעראַטור. דער בונד האַלט אָן נאָענטע קאָנטאַקטן מיט צענדליקער יידישע שרייבער און נישט נאָר דווקא בונדיסטן לויט זייערע איבערצייגונגען, ווי צום ביישפּיל י.ל. פּרץ, ש. אַנ⸗סקי, ד. פרישמאַן, ש. אַש, פּ. הירשביין, א.א. מען קאָן זאָגן אָן אַ גוזמא, אַז דער בונד האָט געהאַט אַ גאָר גרויסן חלק אין דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער כלל⸗שפּראַך, וואָס זי האָט דורכגעמאַכט פאַר די לעצטע הונדערט יאָר.

## II

נאָך דער רעוואָלוציע פון 1917 ווערט די ברויזנדיקע טעטיקייט פון בונד אין רוסלאַנד גאָר גיך אָפּגעשטעלט דורך דער באָלשעוויסטישער דיקטאַטור, וועלכע פאַרווערט דעם סאָציאַל⸗דעמאָקראַטישן בונד און גלידערט אַריין דעם אָפּגעשפּאָלטענעם „קאָמבונד" אין יידישע סעקציעס פון דער הערשנדיקער קאָמפּאַרטיי (געלבאַרד 1982: 235-238).

אין אומאָפּהענגיקן פּוילן, צווישן 1918 און 1939, זעצט דער פּוילישער בונד פאָר זיין אַקטיווע און פּיבערהאַפטע טעטיקייט אויפן קולטור געביט. די בונדישע פּרעסע אין פּוילן מאַכט דורך אַ ראַשיקן אויפשטייג, נישט געקוקט אויף שיקאַנעס מצד דער מלוכה צענזור. צוערשט הייסט די בונדישע טאָגצייטונג לעבנס⸗פראַגן (פון 6טן דעצעמבער 1918) און שפּעטער פאָלקס⸗צייטונג (פון 1טן סעפּטעמבער 1922 ביזן 23טן סעפּטעמבער 1939) מיט אַ טעגלעכן טיראַזש פון ביז 30,000 עקזעמפּלאַרן. די פאָלקס⸗צייטונג מיט אירע הונדערט מיטאַרבעטער איז געווען די איינציקע יידישע טאָגצייטונג אין פּוילן, וואָס האָט כמעט שטענדיק געהאַט אַ וועכנטלעכע ליטעראַרישע ביילאַגע (הערץ 1975: 151-161).

„די יידישע טאָגצייטונג פון בונד", — שרייבט ח.ש. קאַזדאַן — „די פאָלקס⸗צייטונג איז געווען מער ווי אַ פּאַרטייאיש⸗פּאָליטישע אויסגאַבע. נישט אין קיין קלענערער מאָס איז זי געווען אַ טריבונע פאַר יידישער ליטעראַטור, וועלטלעכער שול אין דער יידישער שפּראַך, פאַרן יידישן טעאַטער און פאַר דער מאָדערנער יידיש⸗וועלטלעכער קולטור בכלל" (קאַזדאַן 1972: 356). אין דער פאָלקס⸗צייטונג האָט זיך געדרוקט אַ פּלעיאַדע יידישע שרייבער, צווישן זיי י. אָפּאַטאָשו, ש. אַש (דער פאַרבאָרגענער בחור 1923), ד. איינהאָרן, ב. דעמבלין, ש. האָראָנטשיק, אי. מאַנגער, י. פּערלע, ד. קאַסעל. דער בונד האָט אויך געהאַט אַ טעאָרעטישן זשורנאַל אונזער צייט, וועכנטלעכע (אָדער צוויי־וואָכיקע) אויסגאַבעס אין ניין פּראָווינץ⸗שטעט און אַ זשורנאַל פאַר יוגנט דער יוגנט⸗וועקער (1922-1939). בלויז דער צענטראַלער קאָמיטעט פון בונד אַליין (אָן די אָרטיקע קאָמיטעטן) האָט אַרויסגעגעבן אויפרופן, בראָשורן און פּלאַקאַטן, הויפּטזעכלעך אין יידיש, אין קורב צו דריי מיט אַ האַלב מיליאָן עקזעמפּלאַרן (נאַדעל 1981: 46-47).

אויפן געביט פון שולוועזן איז געשאַפן געוואָרן די צענטראַלע יידישע שול אָרגאַניזאַציע (צישאָ) מיט 216 לערן⸗אַנשטאַלטן און 24,000 שילער אין הונדערט

יישובים פון פוילן, דערונטער דריי גימנאַזיעס און אַ לערער סעמינאַר אין ווילנע 1929 (קאַזדאַן 1947: 183-193, 375-407). (איך גופא האָב גראַדואירט פון דער יידישער רעאַל־גימנאַזיע אין ווילנע אין 1936.)

אין דער צישאָ האָט דער בונד געהאַט די גרעסטע פראַקציע וואָס האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט אַנדערע סאָציאַליסטישע גרופּן (לינקע פּועלי־ציוניסטן, „פאַראייניקטע") און „פאָלקיסטן". די פאָרזיצער פון צישאָ זיינען געווען די בונדיסטן ב. מיכאַלעוויטש (ביז 1928), י. כמורנער־לעשטשינסקי (ביז 1935) און ח.ש. קאַזדאַן (1936-1939). דער בונד האָט געגעבן דער צישאָ אַ דירעקטע און ענגע פאַרבינדונג מיט דער אַרבעטער באַוועגונג און מיט די יידישע קלאַסן־פאַראיינען, וועלכע האָבן געשטיצט די יידישע וועלטלעכע שולן און געגעבן אויף זיי אַכטונג. באהאַנדלענדיק די אויפטוען פון בונד אויפן געביט פון יידישער קולטור אין פאַרמלחמהדיקן פוילן, דאַרף מען אויך דערמאָנען די וואונדערבאַרע אינסטיטוציע, די מעדעם סאַנאַטאָריע (וואו איך האָב פאַרבראַכט אַלס קינד דעם זומער פון 1928), די „קולטור ליגע", די געזעלשאַפט „מאָרגנשטערן" און די פאַרשיידענע ביבליאָטעקן מיט יידישע ביכער. די „קולטור ליגע" האָט געהאַט אין לאַנד 63 אָפּטיילונגען, אַ פאָלקס־אוניווערסיטעט, וועכטנלעכע אָוונטן, שפּראַך קורסן, אַ סעמינאַר פאַר יידישער ליטעראַטור און שפּראַך, אַרטיסטישע פרימאָרגנס און פאָרשטעלונגען, דראַמאַטישע קרייזן, און אויספלוגן (קאַזדאַן 1972: 296-306, 330-355). ביים פאָלקס־אוניווערסיטעט פון דער „קולטור ליגע" איז אַ געוויסע צייט דערשינען אַן אויסגאַבע בלעטער פון קורס פון יידישיסטיק. די מחברים, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין נ. 2 פון די בלעטער, זיינען אויסגערעכנט ביי קאַזדאַנען (1972: 387).

דער פאַרלאַג „קולטור ליגע" האָט באַזאָרגט די צישאָ שולן מיט לערנביכער, און דעם יידישן לייענער — מיט בעלעטריסטיק (סיי אָריגינעלע יידישע שאַפונגען סיי איבערזעצונגען). אַזוי, למשל, אין 1923 האָט דער פאַרלאַג אַרויסגעגעבן 77 ביכער, פון זיי בעלעטריסטיק (34), קריטיק און וויסנשאַפט (8), ליטעראַטור פאַר יוגנט און קינדער (18), לערנביכער (8) און זשורנאַלן (10). די ביכער זיינען דערשינען אין 500 ביז 2.000 עקזעמפּלאַרן, די זשורנאַלן — אין 800 עקזעמפּלאַרן (פאַרלאַג „קולטור ליגע" 1923).

די ספּאָרט געזעלשאַפט „מאָרגנשטערן" האָט געציילט איבער פינף טויזנט מיטגלידער אין 112 אָרטיקע אָפּטיילונגען. די שפּראַך פון די ספּאָרטלער איז געווען יידיש (הערץ 1981: 136-137).

פון די יידישע ביבליאָטעקן וויל איך דאָ דערמאָנען בלויז צוויי: די גראָסער־ביבליאָטעק אין וואַרשע מיט 30,000 ביכער, פון זיי 86% אין יידיש (די גרעסטע און פּאָפּולערסטע יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק אין דער פוילישער הויפּטשטאָט) און די שלום־עליכם ביבליאָטעק אין ביאַליסטאָק מיט 50 טויזנט ביכער (אין יאָר 1938), וואו דער פאָרזיצער פון דער פאַרוואַלטונג איז געווען דער בונדיסט ב. טאַבאַטשינסקי (קאַזדאַן 1972: 351-352). אונטערפירנדיק אַ סך־הכל פון די אויפטוען פון פוילישן בונד פאַר יידישער קולטור און בילדונג האָט ע. נאָוואָגרודסקי, דער געוועזענער סעקרעטאַר פון צענטראַלן קאָמיטעט, געשריבן אַזוי:

> דער פוילישער בונד האָט פאַקטיש געבויט און אויסגעבויט די וויכטיקסטע עלעמענטן פון אַ יידישער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע [...] דער יידיש־וועלטלעכער שולוועזן, די לערער סעמינאַרן און די שול צוזאַמענפאָרן, די צענטראַלע יידישע שול אָרגאַניזאַציע און פיל אַנדערע קולטור אַנשטאַלטן, וואָס זיינען געבויט געוואָרן דורך בונדיסטן [...] דאָס זיינען געווען פאַקטישע ביישפילן פון שעפערישן, אויטאָנאָמען קולטור לעבן. און דער אומגעהויערער ענטוזיאַזם, מיט וועלכן די יידישע אַרבעטנדיקע באַפעלקערונג פון פוילן האָט אַרומגערינגלט די אַלע אַנשטאַלטן, איז געווען אַן אויסדרוק ניט נאָר פון אַ פאַרטיי־פאַטריאָטיזם נאָר פון אַ באַרעכטיקטן נאַציאָנאַלן שטאָלץ און באַוואוסטזיין, אַז ס'ווערן דערמיט געשאַפן עכטע נאַציאָנאַלע ווערטן. דער עקשנותדיקער קאַמף פאַר די רעכט פון דער יידישער שפּראַך, די אויטאָנאָמע יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און די אויטאָנאָמע יידישע קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג האָבן אויך געווירקט און זיך אויסגעווירקט אין דער זעלביקער ריכטונג. די אויטאָנאָמיסטישע בונדישע פּראַקטיק האָט אַזוי אַרום רעאַליזירט אין אַ באַדייטנדיקער מאָס די טעאָריע פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע — הגם די פוילישע מלוכה האָט עס ניט אַקצעפּטירט.
>
> (קאַזדאַן 1972: 355)

אויך אין זין פון פאַראיינהייטלעכן דעם כללישן אַרויסרייד אין יידיש האָט היפּש אויפגעטאָן דאָס מאָדערנע שולוועזן. די יידישע וועלטלעכע שולן אין פוילן האָבן זיך געשטיצט דערביי אויפן ליטווישן יידיש און רעקאָמענדירט די לערער צו געבן השגחה, אַז די קינדער זאָלן אויסמיידן כאַראַקטעריסטישע פּראָווינציאַליזמען (ווי, למשל, די לאַנגע וואָקאַלן און נישט עכטע דיפטאָנגען און טריפטאָנגען אין פוילישן יידיש: וואַאסל 'ווּסל', ראָעס

׳דאָס׳, וועיאַר ׳וווער׳), און דערנענטערן זייער דיאַלעקטישע אויסשפּראַך צו דער געשריבענער שפּראַך, צ.ב. ווי גייטץ? — ווי גייט עס?, האָמערעס — האָבן מיר עס (פּרילוצקי 1924: 5-11, 18-26, 30-31).

נאָך מער אין זין פון סטאַנדאַרדיזירן דעם אַרויסרייד האָט אויפגעטאָן דאָס מאָדערנע יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן און ספּעציעל די אַרבעטער באַוועגונג. וועגן דעם שרייבט אַ פּירנדיקער בונדיסט, דער סעקרעטאַר פון ציש״אָ אין פּוילן, ש. מענדעלסאָן, אַזוי:

> די שפּראַך פון בונדישן רייכן, משפּחהדיקן און דאָך מאַסאָוון לעבן איז געווען יידיש. האָט ווער עס איז געפּרוּווט אויף אַ יידישער פאַרזאַמלונג צו ריידן נישט יידיש — האָט מען פאָרוים געוואוסט, אַז אויב אין זאַל געפינען זיך בונדיסטן וועלן זיי עפנטלעך שאַרף פּראָטעסטירן און פאָדערן צו ריידן יידיש. אַז אין עפנטלעכע יידישע אינסטיטוציעס מוז הערשן יידיש איז געווען פאַרן „בונד“, און אויך פאַר אַ טייל אַנדערע יידישע פּאַרטייען, אַן אַקסיאָמע וואָס טאָר נישט געענדערט ווערן. די בונדישע היים איז בדרך כלל געווען אַ יידיש-ריידנדיקע. אַוודאי, אין אַזאַ מאַסן-באַוועגונג זיינען אויך געווען אויסנאַמען. האָט מען וועגן דער דאָזיקער דערשיינונג גערעדט אָפן — אַפילו אויף בונדישע קאָנפערענצן. די מערהייט האָט אַלעמאָל געהאַלטן, אַז אין פּרינציפּן זיינען אין דער ערשטער ריי מחייב ביי זיך אין דער היים. די מערהייט קינדער אין די יידיש-וועלטלעכע שולן אין די גרויסע שטעט איז געווען קינדער פון די מיטגלידער פון פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען.
>
> (מענדעלסאָן 1948:47)

## III

לשם פאַרגלייך וויל איך צוגעבן עטלעכע באַמערקונגען וועגן דער סיטואַציע איצט. די צווייטע וועלט מלחמה האָט געבראַכט מיט זיך אויך די פאַרניכטונג פון טויזנטער בונדיסטן און „צוקונפטיסטן“. לויטן טרעפלעכן אויסדרוק פון ל. בליט, דעם סעקרעטאַר פון יוגנט-בונד „צוקונפט“ אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן, האָט מען דעם בונד נישט באַזיגט נאָר דערמאָרדעט (באָגדאַנסקי 1988: 12-13).

די לעבן-געבליבענע בונדיסטן האָבן פאָרגעזעצט נאָך דער מלחמה זייער טעטיקייט לטובת יידיש אין די לענדער וואוהין זיי האָבן עמיגרירט, ווי ווייט דאָס האָט זיך געלאָזט אין די אָרטיקע באַדינגונגען. בונדישע פאַרלאַגן זיינען געווען טעטיק אין ניו-יאָרק, מעקסיקע און בוענאָס איירעס, וואו עס זיינען דערשינען יידישע ביכער ווי אויך די בונדישע זשורנאַלן אונזער צייט, פאָרויס און אונזער געדאַנק. היינט צו טאָג דערשיינען בונדישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס אין יידיש אין ניו-יאָרק, מעלבורן, ישראל, פּאַריז און קאָפּענהאַגן. דער זשורנאַל אונזער צייט (ניו-יאָרק) איז געווידמעט די פּראָבלעמען פון דער יידישער און אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער באַוועגונג. נישט געקוקט אויף זיין באַגרענעצטן פאָרמאַט (דורכשניטלעך 50 זייטלעך דרוק) באַלייכט דער זשורנאַל סיסטעמאַטיש אויף זיינע שפּאַלטן אויך פּראָבלעמען פון יידישן לעבן און יידישע ליטעראַטור און קולטור. דער נאָמען פון זשורנאַל גופא איז אַ פּראָגראַמאַטישער און איז טיף פאַרוואָרצלט אין דער יידישער פּרעסע-טראַדיציע פון רוסלאַנד און פּוילן. דער זשורנאַל נוצט דעם מאָדערנעם יידישן אויסלייג מיט נישט נאַטוראַליזירטע סעמיטיזמען און געוויסע אָפּנייגונגען פון דער ייוואָ אָרטאָגראַפיע (נאַדעל 1962):

1) באַנוץ פון שטומען אַלף: וואוקס, קאָנטינואיטעט, באַפרייאונג.

2) נישטאָ קיין געפינטלטע וואָוו (וּ) און יוד (יִ), קיין דאָפּלטע יוד מיט אַ פּתח (ײַ), קיין פא מיט אַ צוגאָב-סימן (פֿ).

3) נישטאָ קיין געפינטלטע אותיות אין די סעמיטיזמען (כּ, תּ).

דער בונד האַלט אויס באַדייטנדיקע יידישע ביבליאָטעקן אין פּאַריז און תּל-אביב און אויך דעם בונד אַרכיוו אין ניו-יאָרק (נאַדעל 1986א). יידישע צוגאָב-שולן עקזיסטירן ביים בונד אין אויסטראַליע און ישראל (בית נון 1985). אַ וועכנטלעכע ראַדיאָ אוידיציע פון בונד אין יידיש ווערט טראַנסמיטירט אין ניו-יאָרק אויף דער ראַדיאָ סטאַציע פון „פאָרווערטס“.

דער פאַרלאַג „אונזער צייט“ אין ניו-יאָרק האָט ביז איצט פאַרעפנטלעכט 37 ביכער אין יידיש, צווישן זיי פינף בענדער די געשיכטע פון בונד, דריי בענדער דורות בונדיסטן, ביאָגראַפיעס, זכרונות און מאָנאָגראַפיעס וועגן בונד און בונדישע טוער, ווי אויך זיבן בענדער פון י.י. טרונקס מאָנומענטאַל ווערק פּוילן. בונדיסטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע, אויסטראַליע, פראַנקרייך און ישראל זיינען אַקטיוו אין די יידיש טעטיקייטן פון דער פראַטערנאַלער אָרגאַניזאַציע „אַרבעטער רינג“, פון יידישן אַרבעטער קאָמיטעט און אַלוועלטלעכן יידישן קולטור קאָנגרעס אין ניו-יאָרק און אין וועלט-ראַט פאַר יידיש אין ישראל.

און איצט אַ סך-הכל פון געזאָגטן.

צוזאַמען מיטן וואוקס פון סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין ביי די יידישע אַרבעטער, פאָלקס-מאַסן אין מזרח אייראָפּע קומט אויף אַ באַוועגונג פאַר דער חשיבות

פון יידיש און זיין סואווערעניטעט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואָס ווערט באַצייכנט מיטן נאָמען יידישיזם (פגל. הייליקמאַן 1916; 1917). ווי אַ סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע שטרעבונג ווערט יידישיזם שטאַרק בולט אין יידישן געזעלשאַפלעכן לעבן אין די יאָרן האַרט פאַר דער ערשטער וועלט מלחמה און געפינט איר ערשטן פאָרמעלן תיקון אין דער טשערנאָוויצער שפּראַך קאָנפערענץ פון יאָר 1908 (גאָלדסמיט 1976), אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט די בונדיסטן אסתר פרומקין ווי אַ פאָרשטייערין פון בונד אין רוסלאַנד און יוסף קיסמאַן פון בונד אין בוקאָווינע (קיסמאַן 1958: 8-13).

דער יונגער מאַקס ווײַנרייך, וועלכער איז געווען שטאַרק אַקטיוו אין בונד אין פּעטראָגראַד בעת דער רוסישער רעוואָלוציע פון 1917, האָט אין אַן אַרטיקל צום 25טן יובל פון בונד אַזוי אָפּגעשאַצט די וויכטיקע ראָל, וואָס דער בונד האָט געשפּילט אין אַרויסברענגען צום לעבן יידישיזם ווי אַ סאָציאַלע און קולטורעלע באַוועגונג. איך פאַרענדיק מיין אַרבעט מיט צוויי גרעסערע אויסצוגן פון זיין אַרטיקל (ווײַנרייך 1917):

> דעם ווינקל שטיין פון יידישיזם האָט אַנידערגעלייגט די יידישע אַרבעטער באַוועגונג. „יידישיזם" איז ניט איבעריקס אָנגעלייגט ביי אונדז, און לשם פּאָלעמיק מאָלט מען אים אָפּטמאָל ווי אַ קליינבירגערלעכן שד. זאָל זיין, אַז דאָס איז רעכט אַזוי. אָבער בשעת עס גייט וועגן היסטאָרישער אָפּשאַצונג, וועגן מאַכן דעם סך=הכל פון אַ תקופה — דעמאָלט דאַרף מען דעם יידישיזם נעמען ברייטער: ווי אַ סאָציאַלע איבערקערעניש אין יידישן פאָלק. די בייזאַך, די שפּראַך פון געמיינעם פאָלק, איז דורך דעם געשיכטלעכן פּראָצעס דערהויבן געוואָרן ביז דער מדרגה פון אַ וויכטיקן נאַציאָנאַלן פאַקטאָר. און אינאיינעם דערמיט איז באַקרעפטיקט געוואָרן אין די מוחות דער געדאַנק וועגן דער ווערדע פון דער יידישער שפּראַך. ניט נאָר אָביעקטיוו איז דער אַרבעטער קלאַס געווען דער טרעגער פון יידיש; ער איז אויך סוביעקטיוו געוואָרן דער טרעגער פון דער סואווערעניטעט פון דער יידישער שפּראַך.

און ווייטער:

> פון פאָלקס=שפּראַך צו נאַציאָנאַל=שפּראַך — אָט דאָס איז דער מהלך, וואָס אונדזער יידיש לשון האָט געהאַט דורכצושפּרייזן אין לעבן און אין באַוואוסטזיין. און ווען דער „שניידער=יונג" האָט אויפגעהערט צו זיין אַ פלעק אין דער משפחה און די וועלט האָט דערזען אין אים דעם בויער פון אַ גליקלעכן עתיד — אין יענעם מאָמענט האָט טריאומפירט די יידישע שפּראַך.
> די בונדישע פּובליציסטיק, בונדישע רעזאָלוציעס — דאָס זיינען די זיילן, וואָס באַצייכענען דעם טריאומף צוג פון דער יידישער שפּראַך. די גרינדונג פון בונד איז קיין מתן=תורה ניט געווען; מיר האָבן זיך אַנטוויקלט מיטן לעבן. און ווען דאָס לעבן האָט געגעבן אַ ברויז=אויף און שיער ניט פאַרטרונקען די אַלטע מאַכט — אין שטראַלנדיקן „פינפטן יאָר" — האָבן מיר פאָרמולירט די פאָדערונג פון פולע רעכט פאַר דער יידישער שפּראַך.
> אַלע אַנדערע האָבן זיך געשלעפּט ווייט=ווייט הינטער אונדז. קיין „יידישיסטן", וואָס מאָנען היינט אַ חזקה אויף יידיש, האָבן מיר דעמאָלט ניט געקענט [...]

# ביבליאָגראַפיע


באָגדאַנסקי, מ.
1988 „חבר לוציאַן בליט" אין אונזער צייט 10: 12-13.

בית נון
1985 „דער ,בונד' און זיין געשיכטע אין שפּיגל פון דער ישראל פרעסע" אין אונזער צייט 2: 25-28.

בערמאַן, ל.
1945 אין לויף פון יאָרן, זכרונות פון אַ יידישן אַרבעטער, 2טע פאַרגרעסערטע אויסגאַבע, פאַרלאַג „אונזער צייט": ניו=יאָרק.

בערנשטיין, מ.
1958 „בונדישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס אין רוסלאַנד נאָך דער רעוואָלוציע פון 1917 (ביבליאָ=גראַפישע פאַרצייכענונגען)" אין פאָרויס (מעקסיקע) 1: 35-39.

גאָלדסמיט, ע. ס.
1976 E. S. Goldsmith, *Architects of Yiddishism at the Beginning of the*

*Twentieth Century, A Study in Jewish Cultural History*, Fairleigh Dickinson University Press: Rutherford.

געלבאַרד [גלברד], אַ.

1982 A. Gelbard, *Der jüdische Arbeiter-Bund Russlands im Revolutionsjahr 1917*, Europe Verlag: Wien.

1987 בסרת הימים. ה„בונד" הרוסי בעתות מהפכה, אוניברסיטת תל=אביב: תל=אביב.

הייליקמאַן, ט.

1916 Т. Гейликман, “Идишизм как социальный фактор” – *Еврейские вести* 1: 4-5; 3:8-9.

1917 Т. Гейликман, “Идишизм как национальный фактор” – *Еврейские вести* 6: 12-15; 7:3-7.

הערץ, י.ש.

1975 „פאָלקס=צייטונג 1939-1918" אין די יידישע פרעסע וואָס געווען (זאַמלבוך), וועלט=פאַרבאַנד פון יידישע זשורנאַליסטן: תל אביב, .169-151

1981 „דער בונד אין אומאָפּהענגיקן פוילן (-1926 1932)" אין י.ש. הערץ (רעד.) די געשיכטע פון בונד, ב. 5, פאַרלאַג „אונזער צייט": ניו=יאָרק, .149-144

ווײַנרייך, מ.

1917 „דער בונד און די יידישע שפּראַך" אין די אַרבייטער שטימע, 45, 27טער סעפּטעמבער, פּעטראָגראַד (ציטירט לויטן איבערגעדרוקטן טעקסט אין אונזער צייט 1969, 4-5: 16-17).

טשעריקאָווער, א.

1939 „די אָנהייבן פון דער אומלעגאַלער ליטעראַטור אין יידיש" אין היסטאָרישע שריפטן פון ייוואָ 3: .603-577

יעווזעראָוו, מ.

1922 „יידישע אַרבעטער באַוועגונג אין דאַטן. 25 יאָר (1922-1897)" אין די וועלט (וואַרשע): -110 .128

[מענדעלסאָן, ש.]

1948 אַ יאָר נאָך דער אַבידה פון ש. מענדעלסאָן (זאַמלונג), פאַרלאַג „אונזער צייט": פּאַריז.

נאַדעל, ב.

1962 „כלל=שפּראַך און דער איינהייטלעכער יידישער אויסלייג" אין יידישע שריפטן (וואַרשע) 2: -13 .14

1963 B. Nadel, “Jiddisz” in *Wielka Encyklopedia Powszechna* 5, Postwowe wydawnictwo Naukowe: Warsaw, 300-301.

1981 „די געשיכטע פון בונד" אין אונזער צייט 11-12: .47-44

1982א „די סאָציאָלאָגיע פון יידיש" אין אונזער צייט 2: .38-35

1982ב „די בונדישע שוואַרצע פּינטעלעך" אין אונזער צייט 5: 21-24.

1982ג „דער וואָרט=אוצר פון יידיש און דער גרויסער ווערטערבוך" אין אונזער צייט 6: 42-44; 7-8: .42-39

1986א „דער בונד אַרכיוו" אין אונזער צייט 1: 23-26.

1986ב „בונד און בונדיזם אין ענגלאַנד" אין אונזער צייט 3-4: 17-20.

נאַדעל, ב. און גאַלאַבּיטש, ע.

1987-88 „אַ וועגווייזער צו די אַרכיוואַלע מאַטעריאַלן וועגן בונד אין אונזער צייט 10 (1987): 55-58; 2-3 (1988): 33-39.

פאַרלאַג „קולטור ליגע"

1923 באַריכט פאַר דעם יאָר [...], קולטור ליגע: וואַרשע (איבערגעדרוקט אין J. Fishman (ed.) (1981), *Never Say Die!*: The Hague-Paris-New York: 36.

פרילוצקי, נ.

1924 מאַמע=לשון. קולטור ליגע: וואַרשע.

קאַזדאַן, ח. ש.

1947 די געשיכטע פון יידישן שולוועזן אין

אומאָפּהענגיקן פּוילן, געזעלשאַפט „קולטור און הילף": מעקסיקע.

1960 „בונדיזם און די יידישע שפּראַך" אין אונזער צייט 9: 29-34.

1972 „די שול און קולטור טעטיקייט" אין די געשיכטע פון בונד, ב. 4, פאַרלאַג „אונדזער צייט": ניו־יאָרק, 287-388.

קיסמאַן, י.

1958 „די טשערנאָוויצער יידישע שפּראַך קאָנפערענץ. באַמערקונגען פון אַ באַטייליקטן" אין אונזער צייט 7-8: 8-13.

קעמפּינסקי, ה.

1964 „די יידישע ליטעראַטור אין בונדישע אויסגאַבעס (נאָך 1905)" אין בולעטין פון בונד אַרכיוו 17: 1-5.

הערה: דעם אַרטיקל האָט דער מחבר צוגעשיקט אין פרילינג 1990. זינט דעמאָלט איז דער אַרכיוו פון ניו־יאָרקער בונד אַריבער צו דער ייוואָ. — רעד.

# דער זשענעווער אידישער ארבייטער

פון
אסתר הורלימאַן
(ציריך)

סוף נײַנצנטן און אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, איז די שווייץ געוואָרן אַ וויכטיקער פּונקט אויף די וועגן פון דער מזרח־אייראָפּעאישער ייִדישער עמיגראַציע. דערצו האָבן זיך אין די יאָרן 1913-1882 אין די שווייצאַרישע אוניווערסיטעטן געלערנט בערך פינף טויזנט ייִדישע סטודענטן פון רוסלאַנד אַליין. זיי האָבן געשפּילט אַ קאָנטיקע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פון פאַרשיידענע ייִדישע סאָציאַליסטישע און ציוניסטישע באַוועגונגען. ייִדישע סטודענטישע קוואַרטאַלן אין זשענעוו, בערן און ציריך זײַנען געווען צענטערס פון הייסע אידעאָלאָגישע דיסקוסיעס. גלייכצײַטיק האָבן זיי געדינט ווי אַ מין „אינפראַסטרוקטור" דורך וועלכער מען האָט געשאַפן געלט פאַר די פּאָליטישע באַוועגונגען און געדרוקט צײַטונגען און אַנדערע אויסגאַבעס.

דער אָביעקט פאַר מײַן פאָרשונג איז געווען די צײַטשריפט דער אידישער ארבייטער וואָס איז דערשינען אין זשענעוו אין די יאָרן 1905-1898. ניט קיין פולן קאָמפּלעט פון דער צײַטונג האָב איך געפונען אין בערן, אין דער לאַנדעסביבליאָטעק. אַחוץ דעם האָב איך פאַר דער אַרבעט גענוצט די זכרונות פונעם בונדיסטישן פירער וולאַדימיר מעדעם (מעדעם 1923; 1979), וועלכער האָט זיך אַ לענגערע צײַט געלערנט אין דער שווייץ און גוט געקענט דאָס לעבן אין די סטודענטישע קוואַרטאַלן. איך האָב אויך גענוצט די אַרבעט פונעם היסטאָריקער פון בונד העברי טאָביאַס (1972).

צום סוף 19טן יאָרהונדערט זײַנען די רוסישע סטודענטישע קוואַרטאַלן אַלץ מער געוואָרן אַ באַזע פאַר דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג, נאָך איידער ס'איז אין ווילנע אין 1897 געגרינדעט געוואָרן דער אַלגעמיינער ייִדישער אַרבעטער בונד אין רוסלאַנד און פּוילן. אין ציריך, אין סטודענטישן קוואַרטאַל, האָבן זיך, למשל, באַגעגנט צוויי פּיאָנערן פונעם בונד — דזשאָן מיל און אַלעקסאַנדער קרעמער. מיל איז דערנאָך צוריקגעפאָרן קיין רוסלאַנד, אָבער פאַרבלייבן דאָרטן לאַנג האָט ער ניט געקאָנט. נאָך אַ כוואַליע אַרעסטן אין 1898 האָט ער געמוזט פאַרלאָזן רוסלאַנד. ער האָט אינגיכן פּראָקלאַמירט די גרינדונג פונעם אויסלענדישן קאָמיטעט פון בונד מיט דער שטאַב־קוואַרטיר אין זשענעוו.

דער ציל פונעם קאָמיטעט איז געווען צו שאַפן אַן אינסטיטוציע וואָס זאָל פירן אַ בונדיסטישע אַרבעט אין די מערבדיקע לענדער. דאָס האָט דער עיקר באַדייט: זאַמלען געלט, דרוקן כלערליי שריפטלעכע מאַטעריאַלן (ייִדישע ליטעראַטור בכלל און אידעאָלאָגיש־פּראָפּאַגאַנדיסטישע אויסגאַבעס בפרט), איבערשיקן די דאָזיקע מאַטעריאַלן קיין מזרח אייראָפּע, צו די אַרבעטער קאָמיסיעס וועלכע מען האָט אָרגאַניזירט אין רוסלאַנד. אין די יאָרן 1900-1898 פלעגט מען יעדן חודש דורכשמוגלען, געווײנלעך אין וואַליזעס מיט געהיימע אָפּטיילן, צו 200,000 זײַטלעך געדרוקטע מאַטעריאַלן. צווישן אַנדערע אויסגאַבעס האָט מען געדרוקט און איבערגעשיקט די צײַטשריפט דער אידישער ארבייטער.

דער אידישער ארבייטער האָט שוין אָנגעהויבן אַרויסגיין אין ווילנע אין 1896, אַרויסגעגעבן און רעדאַגירט פון וולאַדימיר קאָסאָווסקי. די נומערן 5-2 זײַנען געדרוקט אין פּרעשבורג, אין עסטרייך־אונגאַרן. דעם נומער 6 האָב איך צום באַדויערן ניט געקאָנט געפינען. ס'איז אָבער אַרויס מערץ 1899 און איז געווען דער ערשטער נומער וואָס דזשאָן מיל האָט רעדאַגירט נאָך זײַן אַוועקפאָרן פון רוסלאַנד (פרענקעל 1981: 215). אויך דער נומער 7 איז מסתמא געווען רעדאַגירט און געדרוקט אין

זשענעוו, אין אַ נייעם פֿאָרמאַט און מיט נייע דרוק⸗אותיות. מאָדיפֿיצירט איז אויך געווען דער נאָמען דער אידישער ארבייטער — אָרגאַן פֿון דעם אויסלענדישן קאָמיטעט פֿון דעם אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער⸗בונד אין רוסלאַנד און פּוילן.

אין אָט דעם געשטאַלט, ווי אַן אָרגאַן פֿונעם אויסלענדישן קאָמיטעט, איז דער אידישער ארבייטער דערשינען אין זשענעוו ביזן יאָר 1901, אונטער דער רעדאַקציע פֿון דזשאָן מיל, בערך צוויי מאָל אַ יאָר. מכּח דעם אינהאַלט און דעם סטיל פֿון דער צייטשריפֿט זיינען געווען אַ סך דעבאַטן. פֿון איין זייט האָט מען געוואָלט אַז די אויסגאַבע זאָל זיין צוטריטלעך פֿאַר די אַרבעטער גופֿא, ד.ה. אַז דער אינהאַלט און די שפּראַך זאָלן שטימען מיטן נאָמען, וואו דאָס וואָרט אַרבעטער באַגעגנט זיך צוויי מאָל. אָבער גלייכצייטיק איז דאָס געווען זייער אַן אינטעלעקטועלע אויסגאַבע, מיט עסייען פֿון אַ הויכן ניוואָ, וואָס שפּיגלען אָפּ מער די אינטערעסן און דעם סטיל פֿון דער רעדאַקציע, ווי פֿונעם לייענער. (עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט אויסצוגעפֿינען עפּעס וועגן דעם אויפֿנאַם פֿונעם זשורנאַל ביי דער לייענערשאַפֿט, וואָס איז מסתּמא קיינמאָל ניט געווען אַ גרויסע.)

דאָס רוב פֿון די אַרטיקלען באַהאַנדלען, אין אַן אידעאָלאָגישן קאָנטעקסט, דעם מצב פֿון רוסישע אַרבעטער. געוויינלעך זיינען די אַרטיקלען ניט געחתמעט פֿונעם מחבר, אַחוץ די איבערזעצונגען פֿון מערב⸗אייראָפּעאישע אויטאָרן: פֿון ראָזאַ לוקסעמבורג, פֿערדינאַנד לאַסאַל א.א., ווי אויך באַריכטן און עסייען, וואָס עס האָבן געשריבן די אַזוי גערופֿענע „אינטעליגענטן", דאָס הייסט יידישע דענקער, וואָס האָבן שוין געלעבט אין אויסלאַנד.

מען דאַרף אויפֿקלערן די ראָלע וועלכע עס האָט געשפּילט די שווייץ בכלל און זשענעוו בפֿרט אַלס צענטער פֿון אינפֿאָרמאַציע פֿאַר דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג. פֿון די אַרטיקלען אַליין דערוויסט מען זיך כמעט גאָרניט וועגן דער שווייץ. אויב מיר גיבן אָבער אַ קוק אויף די לעצטע זייטן פֿון דער צייטשריפֿט דער אידישער ארבייטער, געפֿינען מיר דאָרטן ליסטעס פֿון פֿינאַנציעלע ביישטייערן, פֿון וועלכע עס ווערט קלאָר אַז זשענעוו איז טאַקע באמת געווען דער צענטער פֿון אַ נעץ פֿאַר פֿאַרשפּרייטן די יידישע סאָציאַליסטישע ליטעראַטור. אין די ליסטעס געפֿינט מען אַ גענויע באַשרייבונג פֿון די הוצאות, פֿון יעדן איינציקן פֿראַנק און סאַנטים, וואָס איז אויסגעגעבן געוואָרן. די געלטער זיינען ס'רוב אָנגעקומען פֿון מערבדיקע לענדער, ניט ווייניק פֿון דער שווייץ גופֿא. צום ביישפּיל, אין דער רעכענונג פֿון די הכנסות געפֿינט זיך אַזאַ באַמערקונג ווי „צוזאַמענגעקליבן אין בערן, ציריך אָדער זשענעוו". מער ווי איין מאָל געפֿינט מען אויך „פֿון אַ זשאַרגאָן⸗אָוונט אין בערן", „פֿון אַ רעפֿעראַט אין בערן", „פֿון אַ באַל אין לאָזאַן", א.א.וו. הינטער די ציפֿערן זעען מיר אַ לעבעדיקע און טעטיקע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געווען דער גרויסער אויפֿטו פֿון דער רוסיש⸗יידישער סטודענטנשאַפֿט אין די שווייצאַרישע שטעט. אָט די סטודענטנשאַפֿט האָט דערמעגלעכט די אַנטשטייאונג ניט נאָר פֿונעם יידישן זשורנאַל, נאָר אויך פֿון זייער אַ סך אַנדערע בונדיסטישע אינפֿאָרמאַציע מאַטעריאַלן אין יידיש.

ווי עס ווערט מיטגעטיילט אין אַ יובל בוך פֿון אַ שווייצער אוניווערסיטעט, האָבן די פּראָפֿעסאָרן ניט געקליבן קיין נחת פֿון דעם וואָס די אוידיטאָריעס פֿלעגן אָפּטמאָל פּוסטעווען. אויך אין דער קאָנסערוואַטיווער פּרעסע קען מען איבערלייענען אַ קאָמענטאַר בנוגע די רוסישע סטודענטן וואָס נוצן זייער זיין אין די אוניווערסיטעטן בלויז ווי אַ דעקונג פֿאַר זייער סאָציאַליסטישער טעטיקייט.

אין אָנהייב 1901 הייבן זיך אָן אין רוסלאַנד סטודענטישע דעמאָנסטראַציעס וואָס מען האָט אויסגעלאָשן אויף זייער אַ ברוטאַלן אופֿן. דאָס האָט אַרויסגערופֿן ביי דער מערבדיקער עפֿנטלעכקייט אַ נעגאַטיווע רעאַקציע, אין פֿאַרשיידענע אייראָפּעאישע שטעט האָט מען דעמאָנסטרירט אין די גאַסן. דאָס זעלבע איז פֿאָרגעקומען אין זשענעוו, מיט אַן אָנטייל, פֿאַרשטייט זיך, פֿון אויסלענדישן קאָמיטעט. די מאַניפֿעסטאַציע האָט זיך געענדיקט מיט אַ מאַרש צום רוסישן קאָנסולאַט, וואו מען האָט געשאָטן מיט קללות אויפֿן צאַר. די דעמאָנסטראַנטן האָבן אַפֿילו באַשעדיקט טייל פֿונעם בנין. מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט די שווייצאַרישע פּאָליציי אָנגעהויבן אַרעסטירן רוסישע און יידישע אויסלענדער. טייל פֿון זיי האָט מען אַרויסגעשיקט פֿון לאַנד אָן אַ משפּט, אָן אַ קלער טאָן צי זיי זיינען שולדיק צי ניט.

דער פּועל יוצא דערפֿון איז געווען אַז דער אויסלענדישער קאָמיטעט, אינאיינעם מיט דער רעדאַקציע פֿונעם אידישן ארבייטער, האָט זיך איבערגעצויגן קיין לאָנדאָן. (פֿגל. פֿראַנגער 1990: 329). אין לאָנדאָן זיינען אין פֿעברואַר און אָקטאָבער 1902 דערשינען די נומערן 13 און 14 פֿונעם זשורנאַל. אַחוץ דעם וואָס אין די לאָנדאָנער נומערן געפֿינט מען אַ מין קינסטלערישן אָפּטייל (וואו ס'ווערט אָפּגעדרוקט די שבועה פֿון ש. אַנסקי), גייט אָן דער זשורנאַל מיט זיין זשענעווער אינהאַלט און געשטאַלט. אַפֿילו די דרוק⸗אותיות זיינען די זעלביקע וואָס אין זשענעוו. ס'ווייזט זיך

אַרויס (פון דער רעכענונג) אַז מען האָט טאַקע איבערגעפירט די דרוק־מאַשין פון זשענעוו קיין לאָנדאָן. פון דער רעכענונג זעט מען אויך אַז דאָס געלט פאַר די הוצאות אויף איבערצופירן די דרוק־מאַשין פון זשענעוו קיין לאָנדאָן האָט מען צוזאַמענגעקליבן אין בערלין.

די לאָנדאָנער טעטיקייט פונעם אויסלענדישן קאָמיטעט און פונעם זשורנאַל דויערט עפּעס ניט מער ווי אַ יאָר. שוין אין 1903 האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט אין ווילנע געבעטן ביים אויסלענדישן קאָמיטעט ער זאָל צוגרייטן דעם פינפטן בונדיסטישן קאָנגרעס אין ציריך. אין שייכות מיט דעם האָבן די רעזידענץ, די אַדמיניסטראַציע און די דרוקעריי פונעם אויסלענדישן קאָמיטעט זיך איבערגעצויגן צוריק קיין זשענעוו.

גלעב מוטניק, וואָס האָט פון זינט דער גרינדונג פון אויסלענדישן קאָמיטעט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע, ווערט איצטער די פירנדיקע פּערזענלעכקייט — ניט נאָר פאַרוואַלטער נאָר אויך אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר פונעם אידישן ארבייטער. זיין דירה אין דער קאַרוש גאַס 8 איז געוואָרן אַ וויכטיקער צענטער פון בונד. אין די זכרונות פון יידן, וואָס האָבן אין אָנהייב פון 20טן יאָרהונדערט געלעבט אין דער שווייץ, געפינט מען כסדר אַ דערמאָנונג וועגן דער „קאַרושקע", ווי מען האָט גערופן מוטניקס דירה. לויט וולאַדימיר מעדעם, האָט מען זיך דאָרטן ניט נאָר געטראָפן, דאָרט איז אויך געווען די גאַנצע דרוקעריי. די דירה איז געווען געפּאַקט מיט קאַסטנס פון דרוק־מאַטעריאַלן. שפּעטער, אין 1905, האָט מען אויך געדרוקט פּאָסלעדניע איזוועסטיאַ, אַ וועכנטלעך אינפאָרמאַציע בלעטל אין רוסיש, און אַ יידישן וואַריאַנט אונטערן טיטל לעצטע פּאַסירונגען. אין דעם לאָקאַל זיינען אין 1904 דערשינען די נומערן 15, 16 און 17 פונעם אידישן ארבייטער (אין משך פון בלויז זעקס חדשים). דער לעצטער נומער, וואָס איך האָב געפונען, איז אַרויס אין נאָוועמבער 1904, אָבער עס קאָן זיין, אַז מען האָט אַרויסגעגעבן נאָך איין־צוויי נומערן, איידער ס'האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע רעוואָלוציע (אין יאָר 1905) אין רוסלאַנד.

בעת די געשעענישן אין רוסלאַנד אין אָקטאָבער 1905 ווערט אָפּגעשטעלט דער אידישער ארבייטער. צוליב דער רעוואָלוציע האָט זיך באַוויזן אַ מעגלעכקייט אַרויסצוגעבן אַזעלכע צייטשריפטן אין רוסלאַנד גופא. מען האָט מער ניט געדאַרפט דרוקן אַ יידישן זשורנאַל אין דער פרעמד, כדי אים טראַנספּאָרטירן איבער מרחקים צו זיין לייענערשאַפט. די קורצע עקזיסטענץ פון דעם יידישן אַרבייטער, פון 1898 ביז 1905, איז געווען אַ פענאָמען פון דער בלי־צייט אינעם רוסיש־יידישן קולטורעלן לעבן אין דער שווייץ.

# ביבליאָגראַפיע


בלאַזער, פריץ

1956-58 Fritz Blaser, *Bibliographie der Schweizer Presse:* Basel.

הוזלער, אסתר

1987 Esther Hüsler, *Vom Ghetto – ins Ghetto? Herkunft, Zahl und Leben der ostjüdischen Immigration in Zürich (1880-1917).* Seminar für osteuropaeische Geschichte, Universitaet Zürich: Zürich.

הערץ, י. ש.

1972 „די אומלעגאַלע פּרעסע און ליטעראַטור פון בונד" אין פּנקס פאַר דער פאָרשונג פון דער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע, באַנד צוויי, אַרויסגעגעבן פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור קאָנגרעס: ניו־יאָרק.

הערש, פּסח־ליבמאַן

1914 די יודישע עמיגראַציע. איר גרויס, אייגענאַרטיגקייט, סבות, בעטייטונג און רעגולירונג: ווילנע.

1919 Hersch Liebmann, *Les Etrangers en Suisse*: Paris.

זען, אַלפרעד

1971 Alfred E. Senn, *The Revolution in Switzerland 1914-1917:* Madison.

טאָביאַס, הענרי

1972 Henry J. Tobias, *The Jewish Bund in Russia. From its Origins to 1905*: Stanford, California.

לאַנג, עמנואל

1976 Emanuel Lang, *Zur Geschichte der Jüdischen Presse in der Schweiz,* Separatdruck aus der Jüdischen Rundschau Maccabi, Nr. 21. 20 Mai 1976: Basel.

מעדעם, וולאַדימיר

1923 פון מײַן לעבן: ניו־יאָרק.

1979 Vladimir Medem, *The Life and Soul of a Legendary Jewish Socialist.* Edited by Samuel A. Portnoy: New York.

נײמאַן, ד.

1987 Daniela Neumann, *Studentinnen aus dem Russischen Reich in der Schweiz.* Diss.: Zürich.

פּראַגער, לעאָנאַרד

1990 Leonard Prager, *Yiddish Culture in Britain — A Guide*, Verlag Peter Lang: Frankfurt am Main / Bern / New York / Paris.

פרענקעל, יונתן

1981 *Jonathan Frankel, Prophecy and Politics: Socialism, Nationalism and the Russian Jews, 1862-1917*, Cambridge University Press: Cambridge.

ציטרינבוים, תרצה

1974 Tirza Citrinbaum, *"Judaica" parus a Geneve (1857-1972). Essai du Bibliographie:* Geneve.

שווייצערישעם גוטענבערגמוזעאום

1981 Schweizerisches Gutenbergmuseum (Hg.), *Pressesammlung Karl Lüthi in der Schweizerischen Landesbibliothek. Bestandesnachweis der Judaica-Abteilung.* Bearbeitet von Peter Mulzer und Paul Renz: Bern.

# יידישע פּראָלעטאַרישע קולטור רעוואָלוציע: אַ סטעזשקע אין אַ בלינד געסל

פֿון

**גענאַדי עסטרייך**

(אָקספֿאָרד)

## I

די יידישע קולטור רעוואָלוציע אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד האָט מען אָנגעהויבן פֿאָרשן, אָדער לכל־הפּחות באַשרייבן, נאָך אין די 1930-1920ער יאָרן. טיפֿע אַנאַליטישע מאָנאָגראַפֿיעס אויף אָט דער טעמע האָבן זיך אָבער פֿאָרט באַוויזן ערשט אין די 1980-1960ער יאָרן (אַלטשולער 1980; גיטעלמאַן 1972; גרינבאַום 1978; פּינקוס 1988; קאָטשאַן 1972; שולמאַן 1971; שמערוק 1961 א.א.). אַ סך פּרטים, און ניט בלויז פּרטים, בלייבן אָבער נאָך ניט אויסגעקלאָרט. פֿאַר די פֿאָרשער פֿון דער דאָזיקער תּקופֿה האָט זיך ערשט ניט לאַנג באַוויזן אַ מעגלעכקייט אַריינגיין אין די פֿריער פֿאַרמאַכטע אַרכיוון פֿון מאָסקווע און אַנדערע שטעט, וואו עס האָבן אין משך פֿון עטלעכע צענדליק יאָר געאַרבעט פֿאַרשידענע יידישע געזעלשאַפֿטלעכע, פּאָליטישע און קולטור אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס (יידישע דאָקומענטן אין סאָוועטישע אַרכיוון 1990; עסטרייך 1992א; 1992ב). אין דער זעלבער צייט, פֿאַרמאָגט מען גענוג ידיעות, כּדי אַ פּרוּוו טאָן ענטפֿערן אויף איינִיקע פֿראַגעס. אַשטייגער.

ס'איז קלאָר אַז ניט בלויז דער חורבן און סטאַלינס רעפּרעסיעס האָבן רויִנירט די סאָוועטישע „יידיש אימפּעריע" (פּעלץ און קיל 1983). צבֿי גיטעלמאַן (1972: 500) האָט באַגרינדעט זיין פּסק, אַז די יידישע סאָוועטישע קולטור, וועלכע איז געווען „אַ סינטעז פֿון סאָוועטישע ווערטן מיט אַ יידישער עטנישער אידענטישקייט", האָבן ס'רובֿ יידן אויפֿגענומען ווי אַן „ערזאַץ־פּראָדוקט", וואָס אַ גרופּע אינטעליגענטן האָט סיי געשאַפֿן סיי גענוצט.

להיפּוך צו אַזאַ האַרבן פּסק איז גאַנץ ברייט פֿאַרשפּרייט אַן אַנדער אָפּשאַצונג: „עס איז געווען אַ צייט פֿון וואונדערלעכן אויפֿבלי, פֿון רעשיקן וואוקס און פֿון כּסדרדיקער אַנטוויקלונג, און ווער ווייסט, ווי ווייט מען וואָלט דערגרייכט, ווען מען וואָלט עס אַלץ מיט איין מאָל נישט איבערגעריסן" (מייזיל 1959: 301).

די גראַמאַטיק פֿון געשיכטע אָנערקענט אָבער ניט קיין קאָניוקטיוון, דעריבער פֿאָדערט די געשיכטע פֿון דער יידישער קולטור בויאונג אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד גראָד אַ „האַרבן" היסטאָרישן צוגאַנג, בפֿרט צו דער פּראָבלעם צי איז עס בכלל געווען מאָטיווירט די פֿאַרשפּרייטונג פֿון אַ מאָנאָפּאָליסטישער פּראָלעטאַרישער מאַסן־קולטור אויף יידיש.

## II

די גרונט־מאָטיווירונג פֿאַר אַ מאַסן־קולטור אויף יידיש אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד זעט אויס ביז גאָר אַקסיאָמאַטיש: יידיש איז געווען דאָס מאַמע־לשון פֿאַר דער איבערוועגנדיקער מערהייט — 97 פּראָצענט אין יאָר 1897 — יידן פֿון רוסלאַנד. אמת, אין 1926 איז דער פּראָצענט שוין געווען קאָנטיק נידעריקער — 73 (זינגער 1932: 28). אַזוי אַז אויב רעדן וועגן דעם יאָר 1917 דאַרף מען אינטערפּאָלירן די סך־הכּלען פֿון די צוויי פֿאָלקסציילונגען. כאַראַקטעריסטיש אַז אַפֿילו אין 1897 זיינען 30 פּראָצענט יידן מאַנצבלען און 16 פּראָצענט יידישע פֿרויען געווען עברידיק אין רוסיש, וואָס איז העכער פֿונעם צייגער פֿאַרן גאַנצן לאַנד — 21 פּראָצענט.

ס'איז געוואַקסן די צאָל יידישע תלמידים אין רוסישע שולן: אין יאָר 1899 — איבער פופציק טויזנט תלמידים, אין 1911 — ביי 130,000 (שולמאַן 1971: 3; גיטעלמאַן 1972: 24-23).

אַ ריי פאַקטאָרן דערקלערן אַזאַ פאַרשפּרייטקייט פון רוסיש צווישן דער יידישער באַפעלקערונג:

1. לויט דער מאָס פון אורבאַניזירונג האָבן די יידן כמעט אויף אַ יאָרהונדערט איבערגעלאָזט הינטער זיך די אַרומיקע סלאַווישע באַפעלקערונג (גיטעלמאַן 1972: 17). וואָס שייך דער קאַמפּאַניע פון יידישער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע, איז זי „בשלום" דורכגעפאַלן (ניקיטין 1888). וועגן דעם זאָגן עדות אויך די אָנגאַבן פאַרן 1897 יאָר — בלויז 2.2 פּראָצענט יידן זיינען געווען פּויערים (זינגער 1948: 6).

2. די רוסישע מאַכט האָט מער־ווייניקער פּלאַנמעסיק, „מיט אַ בייטש און אַ צוקער־לעקעכל", דורכגעפירט צווישן די יידן אַ מיסיאָנערישע בילדונגס־טעטיקייט. יידן האָט מען סטימולירט אָפּגעבן זייערע קינדער אין ספּעציעל אָרגאַניזירטע רוסישע שולן. די דאָזיקע אידיי האָט לכתחילה אָנגעטראָפן אויף אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד מצד דער יידישער אָרטאָדאָקסישער סביבה, אָבער אין דער צווייטער העלפט 19טן יאָרהונדערט, ווען דעם טראָן האָט פאַרנומען דער „ליבעראַלער" צאַר אַלעקסאַנדער II, האָט אַ צאָל יידן זיך צוגעכאַפּט צו אַזאַ עמאַנציפּאַציע מעגלעכקייט (שטיף 1919: 63-62).

אַ פּאַראַדאָקסאַלער פּועל־יוצא פון אַזאַ בילדונגס־פּאָליטיק וועט זיך אַנטפּלעקן נאָך דער רעוואָלוציע: דער צאַריזם „האָט צוגעגרייט" די סאָוועטישע אינטעליגענץ פונעם יידישן אָפּשטאַם, וועלכע איז געווען אין שטאַנד פאַרבייטן אַ טייל פונעם פריערדיקן אַדעליקן פּערסאָנאַל. אַשטייגער, אין 1927 זיינען צווישן די סאָוועטישע געלערנטע געווען 2,499 יידן, דאַן ווען די צאָל רוסן געלערנטע האָט אויסגעמאַכט 13,109, די אוקראַאינער — 1,771, די ווייסרוסן — 205 (האַנס און העסען 1930: 184).

3. רוסלענדישע משכילים, וואָס האָבן צוזאַמען מיט משה מענדעלסאָנס השכלה אידייען אימפּאָרטירט אַ גרויסן פּיעטעט צו דער דייטשישער שפּראַך און „זיך אַלע כמעט געשעמט מיט יידיש" (ניגער 1922: 310), זיינען שפּעטער, אויך אין דער צווייטער העלפט 19טן יאָרהונדערט, געוואָרן הייסע אָנהענגער פון רוסיש. נאָך שטאַרקערע אַדעפּטן פון רוסיש זיינען געווען די יידן אינטעליגענטן („ראַזנאָטשינצעס"), פאַר וועלכע טשערנישעווסקים און פּיסאַרעווס ווערק האָבן געשאַפן זייער נייע תורה (גרינבערג 1965, I: 123).

> ס'איז נאַטירלעך, אַז מיטן אויפקום פון דער נייער וועלטלעכער אינטעליגענץ זאָל מצד דעם מאַסן־מענטש אויף איר איבערגעטראָגן ווערן די איינגעוואָרצלטע באַציאונג פון טיפער אַכטונג, פון יראת הכבוד, סיי ווי צו אַ לערערין און וועגווייזערין, סיי ווי צו אַ מוסטער אויף נאָכמאַכן אים. און ווירקלעך, די אַסימילירטע אינטעליגענץ האָט געווירקט אויפן יידישן לעבן ווי אַ באַדייטנדיק אַסימילירנדיקער פאַקטאָר, נישט אַזויפיל דורך דער פאַרשפּרייטונג פון איר אַסימילאַציע אידעאָלאָגיע, ווי אַלס לעבעדיקער מוסטער, וועמען ס'האָבן מיט אַלע כוחות געשטרעבט נאָכצומאַכן, צוערשט, די סאָציאַל צו אים נאָענטערע באַלעבאַטישע שיכטן, און וואָס ווייטער אויך אַנדערע שיכטן. איבערהויפּט די פרעמדע שפּראַכן איז אַזוי אַרום געוואָרן אַ סימן פון לייטישקייט, פון אינטעליגענטישקייט, וואָס האָט אַזוי געצויגן צו זיך.
>
> (בן־אדיר 1937: 142-141).

4. ביזן 1914טן יאָר האָט די רוסישע שול פּראַקטיש ניט געהאַט קיין אַלטערנאַטיוו ווי אַ וועלטלעכער וועג צו בילדונג; דאָס לערעריי אויף די נאַציאָנאַלע שפּראַכן איז אין רוסלאַנד געווען קעגנגעזעצלעך. פאַר דעם קורצן צייט־משך ביז דער רעוואָלוציע (לאָמיר זיך דערמאָנען, אַז דאָס זיינען געווען שווערע מלחמה יאָרן) האָבן זיך באַוויזן עפענען בלויז עטלעכע צענדליק יידיש שפּראַכיקע שולן, קעגן וועלכע עס האָבן זיך געווייינלעך קעגנגעשטעלט אי די אָרטיקע טשינאָווניקעס, אי די אָנהענגער פון עברית (העברעאיש, לשון־קודש), וואָס איז געווען די שפּראַך פּלאַטפאָרם פון ציוניסטן און אָרטאָדאָקסן (שולמאַן 1971: 25, 28; וואָלט 1937). אַחוץ דעם, שוין אין יוני 1915טן האָט די רוסישע רעגירונג פאַרבאָטן די גאָרע יידישע פּרעסע אין לאַנד, וואָס האָט פאַקטיש פּאַראַליזירט דעם יידישן ביכערדרוק: אין „די יאָרן 1916-1915 זיינען יידן אין רוסלאַנד געבליבן אַזוי גוט ווי כמעט אָן אַ געדרוקט יידיש וואָרט" (בעל־דמיון 1923: 30).

יידן, וואָס האָבן געשיקט זייערע קינדער אין אַ יידישער שול, האָבן אָפּטמאָל געדאַרפט בייקומען אַ פּסיכאָלאָגישן באַריער, שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז זייער מאַמע־לשון, וואָס איז אין משך פון טויזנט יאָר געווען אַ באַשטאַנדטייל און אפשר אַפילו די נשמה פון י י ד י ש ק י י ט (ווייַנרייך 1968), ווערט אַ „פאַרעווע" שפּראַך פאַר וועלטלעכער בילדונג. אַזאַ נייע פונקציע פון יידיש איז געווען גענוג עקזאָטיש כדי תיכף צוציען אַ היפּשע צאָל בעלנים אויסער דער סאָציאַליסטיש פּאָליטיזירטער סביבה. גלייכצייטיק האָבן ניט ווייניק יידן

פון אָט דער סביבה בכלל צעריסן מיט זייער פאַרגאַנגענהייט, מיט דער יידישער קולטור און באַגעגנט די רעוואָלוציע און די אַלגעמיינע רוסישע סאָציאַליסטישע און ליבעראַלע פּאַרטייען.

דער שפּראַך־קאַמף צווישן פאַרשידענע יידישע פּאָליטישע גרופּירונגען איז ניט געווען סתם אַ זייטל אין די לאַנגאָניקע „יידיש־עברית באַציאונגען". דעם קאַמף קאָן מען ניט, אַשטייגער, פאַרגלייכן מיט דער אין תוך גענומען עסטעטישער קאָנקורענץ צווישן די פּען־מענטשן, וואָס האָבן געשריבן אויף יידיש אָדער אויף עברית. ערשטנס, איז אַזאַ „אָדער" בכלל געווען ניט זייער פאַרשפּרייט, ווייל ס'רוב יידישע שריפטשטעלער האָבן געשריבן אויף ביידע שפּראַכן. צווייטנס, אַפילו אָפּגעבנדיק די בכורה איינער פון די שפּראַכן, האָבן זיי געוויינלעך אָנערקענט די קאָנקורירנדיקע יידישע ליטעראַטור. אַ בולטן מוסטער פון אַזאַ טאָלעראַנץ גיט די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, ווען י. ל. פּרץ, שלום אַש, נתן בירנבוים, חיים זשיטלאָווסקי און ס'רוב אַנדערע אָנטיילנעמער זיינען ניט איינגעגאַנגען אויף דער פּאָליטישער דעפיניציע פון יידיש ווי די איינציקע נאַציאָנאַלע שפּראַך, פונעם יידישן פאָלק (באַריכט פון דער קאָנפערענץ 1931: 65-66, 113-134; פּאַטקין 1947: 253-257; אַ רעטראָספּעקטיוון אַנאַליז פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ גיט פישמאַן 1982).

די פראַגע וועגן אַ יידישער מאָנאָ־שפּראַך איז שאַרף געשטעלט געוואָרן ווי אַ פּאָליטישער פּרינציפּ, ווי אַ מין שיידליניע צווישן די סאָציאַליסטן און ציוניסטן. יידיש איז געווען דער „לינגוויסטישער יסוד" אין דער קולטור פּראָגראַם פונעם בונד — דער גרעסטער יידישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. ניט צופעליק איז די ערשטע אומלעגאַלע צייטונג אויף יידיש די אַרבעטער שטימע געוואָרן אַן אָרגאַן פונעם בונד (גרינבערג 1965, II: 146). יידיש אַלס שפּראַך פאַר וועלטלעכער קולטור איז אויך געווען פּאָפּולער צווישן די ציוניסטן־סאָציאַליסטן, פּועלי־ציוניסטן, אַנדערע יידישע סאָציאַליסטן און ליבעראַלן.

גלייכצייטיק, צווישן די אָנפירער פון די יידישע סאָציאַליסטן האָבן געוויינלעך דאָמינירט אינטעלעקטו־אַלן, אָפּשטאַמלינגען פון אַקולטורירטע יידישע משפחות. יידיש איז פאַר זיי געווען אָפטמאָל ניט קיין שפּראַך פון זייער נאַציאָנאַלער זעלבסט־אַנטפּלעקונג, נאָר אַ מיטל וואָס האָט זיי געגעבן אַ מעגלעכקייט צו פירן אַן אַגיטאַציע צווישן די יידישע אַרבעטער. (דער פאַקט פאַרמינערט ניט די ראָלע פונעם בונד און פון אַנדערע יידישע סאָצפּאַרטייען אין דעם קאַמף פאַר דער אַנטוויקלונג און פאַרן אויסדויער פון יידיש; ער דערקלערט פּשוט אייניקע מעשים פון אַ צאָל געוועזענע יידישע סאָציאַליסטן, וועלכע זיינען שפּעטער געוואָרן די בויער פון דער יידישער סאָוועטישער קולטור.)

אויף וויפל די ציוניסטישע פּאַרטיי און פאַרשידענע רעליגיעזע פּאַרטייען זיינען געווען — להיפוך צו די סאָציאַליסטן — קעגן דער עמאַנציפּאַציע פון יידיש (אונדז אינטערעסירט דאָ בלויז דער פּונקט פון זייערע חילוקי דעות), איז לאָמיר אַ פּרואוו טאָן אָפּשאַצן די פּאָפּולערקייט פון וועלטלעכער יידיש קולטור דורך די ציפערן, וועלכע שפּיגלען אָפּ די פּאָפּולערקייט פון די פּאַרטייען גופא. אין דעם זין זיינען אַמערסטן אינטערעסאַנט די סך־הכלען פון די וואַלן אין דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג — „אוטשרעדיטעלנאָיע סאָבראַניע", וועלכע מען האָט דורכגעפירט אין 1917טן יאָר. פאַר די ציוניסטן און רעליגיעזע פּאַרטייען האָבן געשטימט 417,215 וויילער פון די 498,198 וואָס האָבן בכלל אונטערגעהאַלטן יידישע פּאַרטייען בשעת די וואַלן (און פאַר אונדז זיינען וויכטיק טאַקע בלויז די דאָזיקע נאַציאָנאַל־אַנטפּלעקטע שטימען). דער בונד איז געבליבן מיט 31,123 שטימען, נאָך אַן ערך פופציק טויזנט שטימען האָבן באַקומען אַנדערע יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען (ראַדקעי 1990: 19).

די דאָזיקע אַריטמעטיק טאָר מען ניט, פאַרשטייט זיך, אינגאַנצן איבערטראָגן אויף דער פּראָבלעם פון יידיש. אין דער זעלבער צייט מאָלט זי אַ קוואַליטאַטיוו בילד פון „דער צעשטעלונג פון די כוחות".

כ'וועל זיך ניט אָפּשטעלן אויף דער השפּעה פון די באָלשעוויקעס. ערשטנס, ווייל אויף דער יידישער גאַס איז זי אין יענער צייט געווען אַ נישטיקע. צווייטנס, ווייל איך באַהאַנדל דאָ בלויז די פראַגע פון יידיש און יידיש קולטור, און אין דעם פּרט איז כמעט דער איינציקער באָלשעוויסטישער אויפטו (ביזן 1917טן יאָר) געווען די יידישע איבערזעצונג פונעם „באַריכט איבער דעם 3טן קאָנגרעס..." (גיטעלמאַן 1972: 105-111; די יידישע באָלשעוויסטישע בראָשור 1970: 108-111), וועלכע „די סאָוועטישע יידישע מאַסן . . . וועלן שטענדיק געדענקען" (די יידישע באָלשעוויסטישע בראָשור 1970: 113).

אינדעראמתן האָט יידיש ניט אַזוי „געליטן" פון עברית ווי פון רוסיש — דער מלוכה שפּראַך, פונקציעס פון וועלכער האָבן זיך ממשותדיק פאַרברייטערט צוזאַמען מיט דער עקאָנאָמישער און קולטורעלער אַנטוויקלונג פונעם לאַנד. שוין אין יענע יאָרן האָט זיך אָנגעהויבן

שאַפֿן אַ מצב, וואָס אייניקע סאָציאָלינגוויסטן האָבן אים געגעבן אַ נאָמען „לינגוויסטישער זעלבסטמאָרד" (דעי 1985). פֿאַר אַזאַ „זעלבסטמאָרד" איז גינסטיק געווען דער נידעריקער פּרעסטיזש פֿון ייִדיש, קודם כּל ביי די ייִדן גופֿא.

> דער מיטעלער מענטש פֿונעם פֿאָלק . . . האַלט נאָר דערפֿאַר וואָס גיט אים אַ שטיצע אין דער מלחמה פֿאַרן לעבן, און ער קערט זיך אָפּ מיט אַ ברוגז פֿון אַלץ וואָס שוואַכט אים אָפּ אין זיין לעבנס־קאַמף [...]. אין דער פֿאַראַכטונג צו דער אייגענער שפּראַך דריקט זיך אויס די פֿאַראַכטונג צום אייגענעם פֿאָלק, צו זיך אַליין [...]. עס איז אַ טעות ווען מען מיינט, דאָס נאָר אונדזערע אַסימילאַטאָרישע אינטעליגענץ פֿאַראַכטעט דאָס „ייִדיש", דאָס פֿאָלק איז נאָך אַ גרעסערער שונא פֿונעם „זשאַרגאָן" ווי די אינטעליגענץ.

(בעל־מחשבות 1931: 223-222)

פּראַקטיש האָט זיך אָנגעהויבן אַ ברייטע וויסנשאַפֿטלעכע טעטיקייט אין דער ייִדישער לינגוויסטיק בלויז נאָך דער טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ. פֿון דער צייט אָן ווערט זי אַ זעלבשטענדיקער געביט פֿון שפּראַך קענטעניש און ניט קיין ביי־פּראָדוקט פֿון גערמאַניסטיק אָדער העבראַיסטיק (קאַץ 1983: 1019; קאַץ 1986: 33-32). אמת, אַפֿילו אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָבן „דאָס רוב מאמרים, רעדעס און וויכוחים, וואָס זיינען . . . געווען געווידמעט דער שפּראַך פֿראַגע, [געקאָנט] . . . פֿאַרנעמען אַ מער אָדער ווייניקער בכּבֿודיקן אָרט אין דער ל י ר י ש ע ר אָפּטיילונג פֿון אונדזער ליטעראַטור און רעדעס־קונסט, אָבער ניט מער" (בן־אדיר 1919: 4). פֿון די שפּראַך קענער האָט זיך געפֿאָדערט אַ ריזיקע אַרבעט אויף צו קאָדיפֿיצירן נאָרמעס פֿון ל י ט ע ר אַ ר י ש ן — אָדער ס ט אַ נ ד אַ ר ט ן — ייִדיש (שעכטער 1977: 37). אַזאַ שפּראַך פּלאַנירונג האָט געדאַרפֿט האָבן אַ פֿעסטן יסוד — אַן איינהייטלעכע אָרטאָגראַפֿיע און איינעם פֿון די סאַמע „פּרעסטיזשנע" דיאַלעקטן פֿון דער שפּראַך (פֿגל. האַוגען 1968: 674-673). אין יענער שטורעמדיקער צייט איז זייער שאַרף געשטאַנען אויך די פֿראַגע פֿון איינבירגערן אין דער שפּראַך אַ גרויסע מענגע נעאָלאָגיזמען, דערין אויך פֿאַר די נייע באַגריפֿן וועלכע דאָס לעבן פֿלעגט שאַפֿן שיעור ניט יעדן טאָג (מאַזאָן 1920; קאַרצעווסקי 1923; פּאָליוואַנאָוו 1927). די דאָזיקע פּראָבלעמען — באַזונדערס מיטן אויסלייג — האָט מען אין אַ היפּשער מאָס ניט געלייזט ביזן היינטיקן טאָג, וואָס איז גאַנץ געזעצמעסיק פֿאַר אַ שפּראַך וועלכע האָט „קיין קיניגלעכן הויף . . . ניט געהאַט" (מאַרק 1978: 9). אין 1971טן יאָר האָט דער ייִדישער סאָוועטישער שפּראַך קענער משה שאַפּיראָ איבערגעחזרט ש. ניגערס טעזיס (1922: 308) וועגן דער „פּאָליטעריטאָריעלקייט" פֿון ייִדיש:

> מען [מוז] צוערשט אָפּמערקן איינע פֿון די סאַמע בולטסטע באַזונדערקייטן פֿונעם ליטעראַרישן ייִדיש, פֿון ייִדיש בכלל, אַזאַ באַזונדערקייט, וואָס איז גורם, אַז מיר זאָלן מוזן עטוואָס אַנדערשער טראַקטירן דעם עצם באַגריף כּלל־שפּראַך אין אָנווענד צו ייִדיש, אַנדערשער — לגבי דעם זעלבן באַגריף אין אָנווענד צו אַנדערע אַנטוויקלטע ליטעראַרישע שפּראַכן. מיר מיינען דאָ דעם אומבאַשטרייטלעכן פֿאַקט, וואָס ייִדיש איז אַ פּאָליטעריטאָריעלע שפּראַך און דערביי איז עס ניט אויף קיין שום טעריטאָריע די מלוכה שפּראַך, די שפּראַך פֿון דער אָבליגאַטאָרישער אָנפֿאַנג און מיטלבילדונג.

(שאַפּיראָ 1971: 129)

ס'איז קלאָר, אַז די מערכה פֿון אַן עטנישער שפּראַך איז אין אַ מאָדערנער געזעלשאַפֿט אָפּהענגיק פֿון דער שול (לעווים 1981: 237). אַז ס'איז ניטאָ קיין בילדונג אויף דער מוטער־שפּראַך, ווערט זי גענוצט געוויינלעך בלויז אין דער שטייגערישער טאָגטעגלעכקייט — פֿאַר „ליב האָבן און וואַשן" (האַלידעי 1968: 141), אַזוי אַז ס'איז קיין וואונדער ניט וואָס ס'רובֿ ייִדן פֿון רוסלאַנד זיינען ניט געווען גרייט אויפֿנעמען ניט בלויז אַ ספּעציעלע ליטעראַטור אויף ייִדיש, נאָר אויך ניט די צייטונגס־שפּראַך. שוין וועגן די יאָרן 1921-1920 לייענען מיר, אַז דאַן „איז קיין מ אַ ס ן ־ ל י י ע נ ע ר [אויף ייִדיש] ניט געווען" (וויעוויאָרקאַ 1926: 31). וועגן דעם 1923טן יאָר באַקומען מיר אַ ידיעה אַז „מ'האָט ווידער צוגעוואוינט דעם עולם לייענען אַ ייִדיש ביכל" (בעל־דמיון 1923: 31). אָבער פֿילצאָליקע טענות אויף אַ ניט־פֿאַרשטענדלעכקייט פֿון דער ייִדישער צייטונגס־ און לערן־ליטעראַטור קלינגען אויך אין די קומענדיקע יאָרן (זע, למשל: זאַרעצקי 1931: 20-6; גאָלדענבערג 1934). א. זאַרעצקי (1931: 19) ציטירט אַפֿילו אַזאַ קוריאָזע זיך מודה זיין פֿון אַ ייִדישן לייענער: „אָט לייען איך די פּראַוודאַ, מיר איז טאַקע שווער צו לייענען אַ רוסישע צייטונג — כ'האָב קיין אוניווערסיטעטן ניט געענדיקט, דאָך איז מיר אַ סך גרינגער צו לייענען די פּראַוודאַ, איידער דעם עמעס".

די רעוואָלוציע האָט צעפּיצלט דעם עקאָלאָגישן שטח פֿון דער ייִדישער קולטור, די פֿריער איינהייטלעכע שעפֿערישע סבֿיבה האָט באַקומען פֿאַרשידענע בירגערשאַפֿטן. אויסער די גרענעצן פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד

זיינען פאַרבליבן וואַרשע, ווילנע און אַנדערע שטעט, וואו די טראַדיציע פון אַ געדרוקט ייִדיש וואָרט האָט זיך ניט איבערגעריסן אַפילו נאָך דעם רוסישן קייסערס גזירה (יוני 1915) בנוגע דעם ייִדישן ביכערדרוק (בעל־דמיון 1923: 31). איינטיילנדיק די סאָוועטישע ייִדישע שרייבער אויף דורות, האָט נ. מייזיל (1959: 34) אין דער גרופּע, וואָס איז „צו דער רעוואָלוציע פון 1917 געקומען שוין מיט אַן אייגענעם שעפערישן האָב־און־גאָב", אָנגערופן בלויז דריי נעמען — דוד בערגעלסאָן, דער נסתר, ליפמאַן לעווין. פון דער רעוואָלוציע שטאַמט די „קיִעווער גרופּע" — אשר שוואַרצמאַן, דוד האָפשטיין, לייב קוויטקאָ, פּרץ מאַרקיש, נחום אויסלענדער, יחזקאל דאָברושין, ביינוש שטיימאַן. אַ סך „נעמען" אָבער זיינען פאַרבליבן אין פּוילן, די באַלטישע לענדער, רומעניע, און דאָס האָט בלי ספק אָפּגעשוואַכט „די ייִדיש אימפּעריע".

## III

ש. פישמאַן (1982: 311-312) האָט באַטאָנט, אַז די הויפּט־ראָלע פאַרן אויסדויער פון אַ שפּראַך אין דער היינטצייטיקער תקופה שפּילן ניט אַזעלכע אָנספּקדיק וויסטיקע פאַקטאָרן ווי „אידעאָלאָגיע, סימבאָלישקייט און רעטאָריק", נאָר דער עקאָנאָמישער יסוד. ניט צופעליק האָט פאַר די ייִדישיסטן אַזוי צוציענדיק אויסגעזען די אידיי פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, און ניט בלויז קולטורעלער, נאָר אויך טעריטאָריעל־עקאָנאָמישער. אין זיין פּראָגראַם בוך ייִדן און ייִדיש האָט נ. שטיף אַריינגעפירט „אַ קאַפּיטל פון אויטאָנאָמיע", וואו ער רעדט וועגן דעם בקול־רם:

> די שפּראַך פון אַ פאָלק, ביי ייִדן די ייִדישע שפּראַך, האָט אַ סך צו זאָגן נאָר ביי איין זייער וויכטיקער געלעגנהייט, נעמלעך, ווען דאָס פאָלק באַווייזט זיך אַלס אַ קיבוץ, אַלס אַ גאַנצע עדה, הן קעגן אויסן, קעגן דעם לאַנד און דער מלוכה, וואו דאָס פאָלק געפינט זיך, הן קעגן אינעווייניק, קעגן זיינע אייגענע יחידים.

(שטיף 1919: 65)

די געשיכטע האָט באַוויזן, אַז די אויטאָנאָמיסטן זיינען פון איין זייט געווען אַוודאי גערעכט — גראָד אין די סאָוועטישע נאַציאָנאַל־טעריטאָריעלע אויסבילדונגען האָט די ייִדישע שפּראַך געהאַט די ברייטסטע פונקציאָנעלע פאַרשפּרייטונג. איך קאָן זיך דאָ פאַררופן אַפילו ניט אויף די ליטעראַטור קוואַלן, נאָר אויף די באַווייזן פון מיינע עלטערן, ווי אויך פון אַנדערע קרובים און פריינט, וועלכע האָבן פאַר דער מלחמה געלעבט אין דעם ניי־זלאַטאָפּאָלער ייִדישן נאַציאָנאַלן ראַיאָן (דרום אוקראַינע).

אין דער זעלבער צייט איז די אויטאָנאָמיסטיש־טעריטאָריעלע אידיי געווען אַן אוטאָפּיע, ווייל די ברייטהאַרציקייט פון אַ מלוכה קאָן צומאָל דערגיין זייער ווייט, אַפילו אין אַזאַ אויסריסעניש ווי בירעבידזשאַן, אָבער ניט אַזוי „נאָענט", אַז זי זאָל לאַנג פאַרליידן עפּעס אַ נאַציאָנאַלע כמו מלוכה סיסטעם אויף אירע „היסטאָרישע" טעריטאָריעס. און אינדערעמתן — די ייִדישע אַדמיניסטראַטיווע אויסבילדונגען (דער זעלבער ניי־זלאַטאָפּאָלער ראַיאָן א.א.) וועט מען אין 1945 ליקווידירן נאָך פריִער איידער די מלחמה וועט זיך פאַרענדיקן.

דער משונהדיקער סימביאָז פון די אויטאָנאָמישע אידייען פון ייִדישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען מיט דער טאָטאַליטאַרער אידעאָלאָגיע, וועלכער האָט געפירט אַ גרויסן שטאַט נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע, איז געווען אויסגעשטעלט אויף דורכפאַל, וואָרעם ער האָט ניט געקאָנט באַפרידיקן ניט די מלוכה, ניט די ייִדן. דער מלוכה האָט געלוינט באַגרענעצן די נאַציאָנאַלע פאָרמעס פונעם ייִדישן לעבן בלויז מיט דער אַפּאָלאָגעטישער מאָנאָ־קולטור אויף ייִדיש, און וועלכער די הויפּט־ראָלע איז געווען אויסגעטיילט דעם אַרבעטער־קלאַס, ד.ה. די 15-16 פּראָצענט פון דער גאַנצער ייִדישער באַפעלקערונג (זינגער 1932: 36). אָבער גראָד די אַרבעטער פון אַ פאַבריק אין עפּעס אַן אינדוסטריעלער שטאָט פון אוראַל, דאָנבאַס וכדומה פלעגן אַ סך גיכער אַקולטורירט ווערן איידער, למשל, אַ בעל־מלאכה פון אַ שטעטל.

דער מאָנאָ־צוגאַנג האָט זיך ניט גערעכנט אויך מיט אַנדערע וויכטיקע פאַקטאָרן. למשל, מיטן רעליגיעזן. א. זאַרעצקי באַשרייבט אַזאַ פאַל:

> אין מינסק האָט מען אין 1921טן יאָר באַזייטיקט אַ חברטע אויף דריי חדשים פון פּאַרטיי אַרבעט דערפאַר, וואָס זי האָט געשריבן אין אַ בריוו צו דער מאַמען, אַז זי איז „אַדאַנק גאָט געזונט" — אַן אינטערעסאַנטער ביישפּיל פון לינגוואָטעכנישער אַרבעט דורך געזעלשאַפטלעכע מיטלען. כדאַי צו דערמאָנען, אַז אין אונדזער הימען האַלט זיך נאָך דאָס וואָרט גאָט („ניט גאָט אַליין און ניט קיין העלד").

(זאַרעצקי 1927: 30)

אַזאַ אַגרעסיווקייט האָט ניט געקאָנט אַרויסרופן אַ גרויסן ענטוזיאַזם ביי פרומע ייִדן, די צאָל פון וועלכע איז דעמאָלט געווען זייער אַ היפּשע. גלייכצייטיק איז די רק־

יידיש טעטיקייט געווען אַ קולטור קאַטאַסטראָפע פאַר די שעפער און ליבהאָבער פון יידישער קולטור אין רוסיש און אין עברית, וועלכע האָבן פאַר דער רעוואָלוציע געהאַט אַ צאָל אייגענע אויסגאַבעס. צווישן די עקסטרעמע אַנטפּלעקונגען פון אַזאַ שפּראַך מאָנאָפּאָליע קאָן מען דערמאָנען דעם בהדרגהדיקן גילגול פון יידישער וויסנשאַפט אין אַ וויסנשאַפט אויף יידיש (גרינבאום 1978: 93-94).

אויב נוצן אַ טעכנישע טערמינאָלאָגיע, זיינען יידיש און די יידישע וועלטלעכע קולטור נאָך געווען אַ צו אומסטאַבילע סיסטעם, כדי מאָנאָפּאָליזירן דאָס יידישע לעבן אין רוסלאַנד און דערביי נאָך אויסלעבן בשעת אַזאַ מאָנאָפּאָליזאַציע, באַזונדערס נאָכן חורבן, וואָס האָט פאַרוויסטעט ס'רוב אַלטע יידישע נעסטן, און נאָך סטאַלינס רעפּרעסיעס, וועלכע האָבן געקעפּט די יידישע קולטור.

די מאַרגינאַלקייט פון דער וועלטלעכער יידישער קולטור אין אַמעריקע (פישמאַן 1965: 21-76) באַשטעטיקט דעם אויספיר, אַז „אידעאָלאָגיע, סימבאָלישקייט און רעטאָריק" זיינען זייער אַ וואַקלדיקער יסוד פאַרן אויסדויער פון אַ שפּראַך. ניט צופעליק ווערט היינט יידיש גענוצט דער עיקר אין דער אָרטאָדאָקסישער סביבה, וועלכע האָט טאַקע באמת, אויף איר אופן, רעאַליזירט (אָדער פאַרקאָנסערווירט) אַן אויטאָנאָמיע, אין וועלכער עס ווערט אָפּגעהיט די טראַדיציאָנעלע עקאָלאָגיע פון יידישקייט און במילא אויך פון יידיש.

ש. פישמאַן (1982: 293) טיילט אויס פיר היסטאָרישע קאָנצעפּציעס בנוגע די פונקציעס פון יידיש: 1) טראַדיציאָנעל־אוטיליטאַרע (וואָס ווערט פּראַקטיצירט ביזן היינטיקן טאָג אין דער חסידישער סביבה); 2) מאָדערן־אוטיליטאַרע (אויפקלערערישע); 3) סימבאָליש־אַנטפּלעקערישע (יידיש — ווי אַ קולטור־עטנישער יסוד); 4) מאָנאָפּאָליסטישע אָדער דאָמינירנדיקע.

אָנשטאָט צו געבן אַ גלייכע מעגלעכקייט פאַר אָט די אַלע ווענן, יעדער פון וועלכע וואָלט געפונען טויזנטער נאָכפאָלגער צווישן די כמעט צוויי מיליאָן יידן וואָס זייער מוטער־שפּראַך איז געווען יידיש — האָט די מאַכט פון דער סאָוועטישער „יידיש אימפּעריע" גלייך ווי בכיוון אויסגעקליבן די סאַמע ניט־אויסגעטראָטענע סטעזשקע, וועלכע האָט געפירט אין אַ בלינד געסל.

# ביבליאָגראַפיע

אַלטשולער (אלטשולר), מרדכי
1980 היבסקציע בברית־המועצות (1918-1930), תל אביב.

באַריכט פון דער קאָנפערענץ
1931 אין: די ערשטע יידישע שפּראַך קאָנפערענץ. באַריכטן, דאָקומענטן און אָפּקלאַנגען פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ 1908, ביבליאָטעק פון ייוואָ: ווילנע, 143-159.

בן־אדיר (א. ראזין)
1919 אונזער שפּראַכן־פּראָבלעם, קיעווער פאַרלאַג: קיעוו.

בן־אדיר
1937 „די יידישע פאָלקס־אינטעליגענץ; איר ראָל און אירע אויפגאַנג". אין ערשטער אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס. פּאַריז סעפּט. 17-21, 19-37 (סטענאָגראַפישער באַריכט), צענטראַל־פאַרוואַלטונג פון איקו"ף: פּאַריז, 135-147.

בעל־דמיון [נ. שטיף]
1923 „דער יידישער קאָמוניזם, די קולטור־ליגע און דאָס אידישע בוך" אין די צוקונפט 1: 30-34.

בעל־מחשבות
1931 „עספּעראַנטאָ און יידיש" אין די ערשטע יידישע שפּראַך־קאָנפערענץ. באַריכטן, דאָקומענטן און אָפּקלאַנגען פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ 1908, ביבליאָטעק פון ייוואָ: ווילנע, 218-224.

גאָלדענבערג, ב.
1934 „פאַר אַ שפּראַך, וואָס אונדזער עפּאָכע איז ווערט" אין דער שטערן (כאַרקאָוו), 6טן מאַי.

גיטעלמאַן, צבי
1972 Zvi Y. Gitelman, *Jewish Nationality and Soviet Politics*, Princeton University Press: Princeton.

גרינבאַום, אברהם

1978 Alfred A. Greenbaum, *Jewish Scholarship and Scholarly Institutions in Soviet Russia 1918-1953*, Hebrew University: Jerusalem.

גרינבערג, לואי

1965 Louis Greenberg, *The Jews in Russia: the Struggle for Emancipation*, Yale University Press: New Haven and London.

די ערשטע באָלשעוויסטישע בראָשור

1970 „די ערשטע באָלשעוויסטישע בראָשור אין יידיש" אין סאָוועטיש היימלאַנד 4: 108-113.

דעי, ריטשאַרד

1985 Richard R. Day, "*The Ultimate Inequality:* Linguistic Genocide" in N. Wolfson and J. Manes, (eds.), *Language and Inequality*, Mouton Publishers: Berlin, 163-180.

האַוגען, איינאַר

1968 Einar Haugen, "Language Planning in Modern Norway" in Fishman 1968: 673-687.

האָלידעי, מ.

1968 M. A. K. Holliday, "The Users and Uses of Language" in Fishman 1968: 137-169.

האַנס, ניקלאַס, און העסען, סערזשינג

1930 Nichlas Hans and Serging Hessen, *Educational Policy in Soviet Russia*, P. S. King & Son: London.

וואָלט, רייזל

1937 „דער קאַמף אין דער חברה מפיצי השכלה אין ווילנע 1915—1917" אין ייוואָ בלעטער 12: 420-433.

וויינריב, בערנאַרד

1972 Bernard D. Weinryb, *Neueste Wirtschaftsgeschichte der Juden in Russland und Polen*, Georg Olms Verlag: New York.

וויינרייך, מאַקס

1968 Max Weinreich, "*Yidishkayt* and Yiddish: on the Impact of Religion and Language in Ashkenazic Jewry" in Fishman 1968: 382-413.

וויעוויאָרקאַ, א.

1926 דער אויסלייג פון אידיש, שול און בוך: מאָסקווע.

זאַרעצקי, אייזיק

1927 „אָקטיאַבער און יידיש" אין אף די וועגן צו דער נייער שול (מאָסקווע) 7-8: 17-31.

1931 פאַר אַ פּראָלעטאַרישער שפּראַך, צענטראַל־פאַרלאַג: כאַרקאָוו — קיעוו.

זינגער, ל.

1932 Л. Зингер, *Еврейское население в Советском Союзе*: Москва – Ленинград.

1948 דאָס אויפגעלעבטע פאָלק, דער עמעס: מאָסקווע.

יידישע דאָקומענטן אין סאָוועטישע אַרכיוון

1990 "Jewish Documents in the State Archive of the October Revolution of the USSR and in other Recently Opened Soviet Archives" in *Jews and Jewish Topics in the Soviet Union and Eastern Europe* (Jerusalem) 3 (13): 82-85.

לעווים, ע. גלין

1981 E. Glyn Lewis, *Bilingualism and Bilingual Education*, Pergamon Press: London.

מאַזאָן, אַנדרע

1920 André Mazon, *Lexique de la guerre et la révolution en Russie (1914-1918)* [=

Bibliothèque de L'Institut Français de Petrograd, Tom 6]: Paris.

מאָסקאָוויטש, וואָלף

1984 Wolf Moskovich, "An Important Event in Soviet Jewish Cultural Life: The New Russian-Yiddish Dictionary" in *Soviet Jewish Affairs* 14.3: 31-49.

מאַרק, יודל

1978 גראַמאַטיק פון דער יידישער כלל-שפּראַך, אַלוועלטלעכער יידישער קולטור קאָנגרעס: ניו-יאָרק.

מייזיל, נחמן

1959 דאָס יידישע שאַפן און דער יידישער שרייבער אין סאָוועטנפאַרבאַנד, איקוף פאַרלאַג: ניו-יאָרק.

ניגער, ש.

1922 „די געגנט פראַגע אין דער יידישער ליטעראַטור" אין די צוקונפט 5: 308-314.

ניקיטין, וו.

1887 В. Н. Никитин, *Евреи-земледельцы*: Санкт-Петербург.

עסטרייך, גענאַדי

1992א „די נייע אַרכיוון-קוואַלן פאַר סאָוועטיש-יידישער געשיכטע" אין פאָרווערטס, פעברואַר 7.

1992ב Геннадий Эстрайх, "Несколько неизвестных цитат" in *Еврейская газета* 5 (69).

1992ג Gennady Estraikh, "Languages of 'Yehupetz' Students" in *East European Jewish Affairs* 22.1: 63- 71.

פּאַטקין, א.

1947 A. L. Patkin, *The Origins of the Russian-Jewish Labour Movement,* F. W. Cheshire Pty: Melbourne.

פּאָליוואַנאָוו, יעווגעני

1927 Е. Д. Поливанов, "Революция и литературные языки Союза ССР" in *Революционный Восток* 1: 36-57.

פּינקוס, בנימין

1988 Benjamin Pinkus, *The Jews of the Soviet Union,* Cambridge University Press: Cambridge.

פּעלץ, רחמיל, און קיל, מאַרק

1985 Rakhmiel Peltz and Mark W. Kiel, "Di Yidish-imperye: The Dashed Hopes for a Yiddish Cultural Empire in the Soviet Union" in I. Kleindler (ed.), *Sociolinguistic Perspectives on Soviet National Languages: Their Past, Present and Future,* Mouton: Amsterdam, 277-309.

פישמאַן, שיקל

1965 Joshua A. Fishman, *Yiddish in America: Socio – Linguistic Description and Analysis,* Indiana University: The Hague.

1968 Joshua A. Fishman (ed.), *Readings in the Sociology of Language,* Mouton: The Hague.

1982 Joshua A. Fishman, "Attracting a Following of High-Culture Functions for a Language of Everyday Life (The Role of the Tshernovits Language Conference in the "Rise of Yiddish")" in R. L. Cooper (ed.), *Language Spread: Studies in Diffusion and Social Change,* Bloomington: Indiana University Press.

קאָטשאַן, ליאָנעל

1972 Lionel Kochan (ed.), *The Jews in Soviet Russia since 1917*, Oxford University Press: London.

קאַץ, הירשע-דוד

1983 Dovid Katz, "Zur Dialektologie des Jiddischen", in: W. Besch et al. (eds.),

*Dialektologie. Ein Handbuch zur deutschen und allgemeinen Dialektforschung,* 2: Walter de Gruyter: Berlin, 1018-1041.

1986 Dovid Katz, "On Yiddish, in Yiddish and for Yiddish: 500 Years of Yiddish Scholarship" in M. Gelber (ed.), *Identity and Ethos: A Festschrift for Sol Liptzin on the Occasion of His 85th Birthday,* Peter Lang: New York, Berne and Frankfurt am Main, 23-36.

קאַרצעווסקי, ס.

1923 С. И. Карцевский, *Язык, война и революция*: Берлин.

ראַדקעי, אָ. ה.

1990 O. H. Radkey, *Russia Goes to Polls: The Election to the All-Russian Constituent Assembly*: Ithaca and London.

שאַפּירא, משה (מוישע)

1971 „די שפּראַך פון 'סאָוועטיש היימלאַנד' און דאָס הײנטצײטיקע ליטעראַרישע ייִדיש" אין סאָוועטיש היימלאַנד 7: 120-133.

שולמאַן, אליה

1971 Elias Schulman, *A History of Jewish Education in the Soviet Union,* Ktav Publishing House: New York.

שטיף, נחום

1919 ייִדן און ייִדיש אָדער ווער זיינען „ייִדישיסטן" און וואָס ווילן זיי?, אָנהויב: קיעוו.

שמערוק, חנא

1961 ח. שמרוק (רעד.), פרסומים יהודיים בברית־המועצות 1917 — 1960, החברה ההיסטורית הישראלית: ירושלים.

שעכטער, מרדכי

1977 Mordkhe Schaechter, "Four Schools of Thought in Yiddish Language Planning" in *Michigan Germanic Studies* 3. 2: 34-66.

הערה: די אַרבעט איז צוגעגרייט געוואָרן אַדאַנק דער אונטערשטיצונג וואָס דער מחבר האָט באַקומען פונעם מענדל טאַבאַטשניק סטיפּענדיע פאָנד ביים אָקספאָרדער צענטער פאַר העכערע העברעאישע שטודיעס און פון דער מעמאָריאַל פונדאַציע פאַר ייִדישער קולטור (נ.י.). אַ האַרציקן דאַנק ד"ר דוב־בער קערלער (אָקספאָרד) און דעם מאָסקווער ייִדישן שרייבער חייםביידער פאַרן ברייטהאַרציק צוהעלפן מיט וויכטיקע אָנווייזונגען.

# אייזיק זאַרעצקי שרייבט פון סטאַלינאַבאַד (1945)

פון

**דוב⸗בער קערלער**

(אָקספאָרד)

בעת אונדזער ערשטער באַגעגעניש ביי אים אין דער היים, סוף מאַי 1992, האָט דער באַקאַנטער מאָסקווער יידישער שרייבער מישע לעוו מיר איבערגעגעבן צוויי פאַרגעלטע קאָנווערטן. אין איינעם, וואָס איז געווען אַדרעסירט דער רעדאַקציע פון דער ציַיטונג איניקייט, האָט זיך געפונען אייזיק זאַרעצקיס אַ קורצע נאָטיץ וועגן דעם פּרץ אָוונט וואָס איז פאָרגעקומען אין סטאַלינאַבאַד (דושאַנבע) אין חודש יוני, 1945. אין דעם צווייטן קאָנווערט, וואָס איז געווען צוגעשיקט אין דער זעלבער רעדאַקציע (אָבער דאָסמאָל שוין פּערזענלעך פאַר „כאַווער ראַבינ"), איז געלעגן זאַרעצקיס בריוו, פון 30טן נאָוועמבער 1945, צו דעם באַוואוסטן יידישן פּראָזאַאיקער יוסף ראַבין (1900—1987).

צוזאַמען מיט דעם שרייבערס ווערק, וואָס מע האָט זיי בשום אופן ניט געקאָנט דרוקן אין די „אַלטע גוטע צייטן" (ביז אַן ערך 1986), האָבן זיך אין יוסף ראַבינס אַרכיוו אויפגעהיט אויך אַ סך בריוו און מאַנוסקריפּטן פון זיינע פריינט און קאָלעגן, די יידישע סאָוועטישע שרייבער, קריטיקער, פילאָלאָגן. טיילן פונעם אַרכיוו געפינען זיך ביי זיין טאָכטער און ביי מישע לעוון אין מאָסקווע. און אַז מע דערמאָנט שוין יוסף ראַבינס קראַמאָלנע ווערק, וואָלט ניט געשאַט אויך פאַרצייכענען, אַז אייגנטלעך איז די פּובליקאַציע פון זיין ראָמאַן, אין יענעם יאָר, אין 4טן און 5טן נומער סאָוועטיש היימלאַנד, 1988, געווען דער ערשטער ממשותדיקער סימן פון „פּערעסטראָיקע" אין דעם ביז דעמאָלט נאָך אַלץ אַזוי איינגעעקשנט און פּאַרטייאיש⸗געטריי אויסגעהאַלטענעם יידיש⸗שפּראַכיקן אָרגאַן פון שרייבער⸗פאַרבאַנד פון פססר. לעצטנס אין ירושלים זיינען צום ערשטן מאָל געדרוקט געוואָרן אויך צוויי טיף⸗רירנדיקע לידער, וואָס יוסף ראַבין האָט זיי געהאַט געשריבן נאָך אין טורמע און אין לאַגער אין 1937 און 1939 (זע ירושלימער אַלמאַנאַך, 1992 נ. 22: 161-163).

עס קומט אַ האַרציקער יישר⸗כח מישע לעוון פאַר אויפהיטן און איבערגעבן די מאַטעריאַלן און אַזוי אַרום דערמעגלעכן זיי צו פאַרעפנטלעכן אין אָקספאָרדער יידיש.

און אָט זיינען זאַרעצקיס ציטונג⸗נאָטיץ (I) און זיין בריוו צו יוסף ראַבינען (II):

I

## די נאָטיץ פאַר דער איניקייט:
## אַ פּערעצ⸗אָוונט אינ סטאַלינאבאד

סאָפקאָלסאָפ, מיט אַ פאַרשפּעטיקונג, איז אויכ אינ סטאַלינאבאד (טאדזשיקיסטאנ) געפייערט געוואָרנ י.ל. פּערעצעס אָנדענק. אינ יונ האָט דער היגער אָפּטייל פונעמ פארבאנד פונ פּוילישע פּאטריאָטנ איינגעאָרדנט א ליטעראריש⸗קינסטלערישנ אָוונט אפ יידיש. דער מיט⸗ארבעטער פונעמ טאדזשיקישנ פילִיאל פונ וויסנשאפטנ⸗אקאדעמיע פּראָפ. א. זארעצקי אונ די לערערנ פונ דער היגער פּוילישער שול כ⸗טע לעווי האָבנ אינ זייערע פּאָרטראָגנ באלויכטנ די ליטעראַרישע אונ שפּראכלעכע זייט פונ פּרעצעס שאפונג, זיינ געזעלשאפטלעכע טעטיקייט אונ זיינ ווערט פאר אונדז באם שיינ פונ דער אָקאָרשט פארענדיקטער מילכאָמע אונ דעם זיג איבערנ פאשיזמ. אויסגעהערט מיט שפּאנונג די צוויי פּאָרטראָגנ, האָט דער אוילעמ דערנאָכ באקומענ א גרויסע

עסטעטישע באַפרידיקונג פונעם קינסטלערישן טייל. צוויי קינדער פון דער פוילישער שול האָבן שיין דעקלאַמירט אייניקע פּערעצעס ווערק און אויך פּוילישע לידער וועגן דעם אופשטאַנד אין וואַרשע, און צוויי אַרטיסטן האָבן אינסצענירט „דעם מעשוגענעם באַטלען".

כאָטש דער אָוונט איז געווען שוואַך אַנאָנסירט, האָט ער דאָך צוגעצויגן אַ פּאָר הונדערט מאַן פון סאַמע פאַרשיידענעם עלטער און פּראָפעסיעס. דאָס איז דער ערשטער יידישער ליטעראַרישער אָוונט, זינט סטאַלינאַבאַד געדענקט זיך פאַר אַ שטאָט.

די סטאַלינאַבאַדער יידישע באַפעלקערונג נייטיקט זיך אין אָפטערע אַזעלכע באַגעגענישן. אָבער ס'זעט זיך ניט אָן, ווער ס'זאָל באַזאָרגן אַ סיסטעמאַטישן ציקל יידישע ליטעראַריש־קינסטלערישע אָוונטן.

א.ז.

סטאַלינאַבאַד, פּראָפּ. א. זאַרעצקי
Школьная 2, кв. 19 — 18. VI. 1945

II

## אַ בריוו צו יוסף ראַבין

30. XI. 1945 סטאַלינאַבאַד

ליבער כאַווער ראַבין.

עס פרייט, אַז עס זוכט זיך אָפּ נאָך איינער אַן אַלטער כאַווער, ביים אונדזער מישפּאָכע איז אַזוי שטאַרק געמינערט געוואָרן. (אָט האָב איך די טעג באַקומען אַ ידיעה, אַז ס'איז געשטאָרבן דער לענינגראַדער יידישער לינגוויסט גיטליץ). מע דאַרף דאָס ביסל, וואָס פאַרבליבן, זאָל כאָטש האָבן אַן ענגערע פאַרבינדונג צווישן זיך. וואָס זשע מאַכט איר? ווי לאַנג איז, אַז איר האָט זיך, אַזוי צו זאָגן, באַוויזן? וואָס איז אייער אַרבעט? וואָס שרייבט איר? ווי האַלט עס מיט פּערספּעקטיוון פאַר יידקולטאַרבעט?

איך בין דאָ אַ פּראָפעסאָר אין פּעדינסטיטוט (לערן רוסיש) און אַ מיטאַרבעטער אין פיליאַל פון דער וויסנשאַפטן־אַקאַדעמיע (באַטייליק זיך אין רוסיש־טאַדזשיקישן ווערטערבוך, לערן מיט אַספּיראַנטן). אָנגעשריבן אַ סאַך אַרבעטן (צווישן זיי נאָר איינע אויף יידיש — וועגן פּערעצעס סטיל, וואָס כ'האָב פאָרגעלייענט אויפן פּערעץ־אָוונט). שלעכט — ניטאָ וווּ צו דרוקן, און שלעכט — ס'איז ווייניק פּאַרנאָסע. פאַר אַ מישפּאָכע פון 4 מאַן באַדאַרף איך מערער, ווי דאָס, וואָס איך באַקום. קומט אויס לעבן פון פאַרקויפן זאַכן (נישט בגד ללבש, נאָר בגד לאכל — כ'געדענק נישט, איבעריקנס, צי איר באַזיצט העברעיש). אָבער דאָס האָט זיך שוין אויסגענומען. גוט איז דאָ — דער קלימאַט. ס'הייסט, ער האָט כעסרוינעס: צו היים איז אויך נישט גוט. אָבער פאַר מיר איז עס בעסער ווי צו קאַלט. נאָר איצט שמעקט שוין מיט האַרבסט. הײַנט איז בא יידן סימכאַסטוירע. הייסט עס, אויף מאָרגן דאַרף מען שוין זינגען:

> אויף ברי
> אויף מאָרגן נאָך יאָנטעוו גאַנץ אינדערפרי
> אין גאַס מוז מען לויפן
> בולבעס מוז מען קויפן
> און קיין געלט איז אַלץ נישטאָ.

יע, קאַרטאָפל איז דאָ גאַנץ טייער. דערפאַר פּאָמידאָרן, פערשקעס, ווינטרויבן — אין מאָסקווע אין די גוטע צייטן האָב איך עס אַזוי פיל נישט געגעסן ווי דאָ איצט. אַ געבענטשט לאַנד, מע זאָל דאָ נאָר אַ ביסל מער האַלטן פון וויסנשאַפטלער (מע זאָל אַ שטייגער אַרויסגעבן לימוט־ביכלעך ווי בא אייך אין מאָסקווע און ביכלאַל זאָרגן, זיי זאָלן נישט צוהונגערן), וואָלט געווען גוט.

וועמען טרעפט איר פון אונדזערע געמיינזאַמע באַקאַנטע, פון מיינע אַמאָליקע שילער?

זייט געזונט און מונטער. שרייבט. אַ גערוס פון מיין פרוי.

מיט בעסטן גערוס

א. זאַרעצקי

PS וואָס טוט זיך אין בירָאָבידזשאַן? כ'האָב אַמאָל געשריבן קאַפּעליאָוויטשן, האָב איך נישט באַקומען קיין ענטפער.

א.ז.

III

## עטלעכע באַמערקונגען

מעגלעך אַז די נאָטיץ וועגן דעם פּערץ אָוונט וואָס איז פאָרגעקומען אין סטאַלינאַבאַד (דושאַנבע) יוני 1945, אין אָנדענק פון י. ל. פּרצעס דרייסיקסטן יאָרצייט, איז שוין געווען בשעתו אָפּגעדרוקט אין דער אייניקייט, כ'האָב צום באַדויערן ביז איצט ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט דעם ענין אויסצוקלאָרן. ס'איז אויך ניט אויסגעשלאָסן אַז אין אָט דער צייטונג וואָס איז דערשינען ביזן 20טן נאָוועמבער 1948 (פגל. שמערוק 1961: 334, נ. 3510; שוואַרץ 1967: 158, 169) וואָלט מען אפשר געקאָנט

אַרויסזיפּן נאָך אַ ביסל ידיעות וועגן זאַרעצקיס טעטיקייט אויפן געביט פון יידיש אין יענע יאָרן.

אגב, עס איז כדאַי דאָ צו דערמאָנען אַז אָנהייב יולי 1945 האָט מען אויך אין מאָסקווע גאָר פייערלעך און אויף אַן אימפּאָזאַנטן אופן אָפּגעמערקט י. ל. פּרצעס דרייסיקסטן יאָרצייט. אויף דער ספּעציעל איינגעאָרדנטער וויסנשאַפטלעכער סעסיע (ווי עס באַצייכנט דאָס סערעבריאַני 1965: 130) האָבן זיך דאַן באַטייליקט די סאַמע פּני פון דער יידישער סאָוועטישער קולטור — שלמה מיכאָעלס, דוד בערגעלסאָן, דער נסתר, יחזקאל דאָברושין, עליע פאַלקאָוויטש א.א. (פגל. סוצקעווער 1993: 103 וואו די זעלביקע אַקאַדעמיע לכבוד פּרצן ווערט באַשריבן בתכלית הקיצור). ערשט אין צוואַנציק יאָר אַרום האָט ישראל סערעבריאַני אויפן סמך פון „צופעליק [!] פאַרהיטע נאָטיצן" פאַרעפנטלעכט אין סאָוועטיש היימלאַנד אַ גאַנץ פּרטימדיקן אָדער ווי ער אַליין שרייבט דאָרטן אַ „מער־ווייניקער גענויעם באַריכט וועגן דער דאָזיקער פּרץ סעסיע" (זע סערעבריאַני 1965).

צי דער אויבנגעבראַכטער נאָטיץ איז געווען אָפּגעדרוקט אין דער אייניקייט צי ניט, בלייבט אונדז אָבער קלאָר אַז אייזיק זאַרעצקיס בריוו צו יוסף ראַבין איז אַן אוניקאַלער דאָקומענט. אויף ווי ווייט איך ווייס פאַרמאָגן מיר דערווייל גאַנץ ווייניק פּערזענלעכע אינפאָרמאַציע וועגן די סאָוועטישע יידישע לינגוויסטן. בשעת ווען וועגן די פּערזענלעכקייטן פון אַ טייל יידישע פילאָלאָגן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ווייסט מען עטוואָס מער (זע אַשטייגער ראָזענטאַל־שניידערמאַן 1982א — וועגן עליע ספּיוואַק; בעלענקי 1989, יוסף קערלער 1991 — וועגן עליע פאַלקאָוויטש; ראָבאַק 1964א און 1964ב — וועגן נחום שטיף) ווייסן מיר אָבער ווייניקער וועגן אייזיק זאַרעצקין, בפרט נאָך אין די נאָכמלחמה יאָרן.

אָבער איידער מע קומט צו צו די עטלעכע „טרוקענע פאַקטן" וואָלט איך וועלן צוגעבן אָט וואָס. לויט דעם אַלגעמיינעם איינדרוק וואָס ס'האָט זיך געקאָנט שאַפן ביי אַ טייל פאָרשער פון מיין דור, וואָלט זאַרעצקי געזאָלט זיין אַ מין קאַלטבלוטיקער, פּעדאַנטישער און אפילו אַן אויסגערעכנטער גאון פון דער יידישער שפּראַך וויסנשאַפט. מעגלעך אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט זיינע שאַרפע, אָפט עקסטרעם ראַדיקאַלע שטעלונגען וואָס שייך שפּראַך פּאָליטיק אין די צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן (פגל. לויצקער 1965: 139-140; פּעלץ 1981: 74-77, ראָזענטאַל־שניידערמאַן 1982א: 172-173, האָטאָן 1984 און עסטרייך 1992), אָדער צוליב דעם וואָס נאָך דער מלחמה איז ער, אַזוי צו זאָגן, אַוועק פון יידיש. דער בריוו אָבער אַנטפּלעקט פאַר אונדז אַ שמץ פון דעם מענטש אייזיק זארעצקי (זע אויך זלמן ליבינזאָנס זכרונות אינעם איצטיקן באַנד). אָט דער יאַקבע קאַלטער ליטוואַק און מכלומרשט דורכויס „פּראָלעטאַריזירטער" וויסנשאַפטלער שרייבט אָן אַ היימיש־וואַרעמען בריוו מיט אַ לשון־קודשדיקן קאַלאַמבור און מיט אַ שטיקל פון „אַף ברי" (דעם פולן טעקסט זע אין דאָברושין און יודיצקי 1940: 322, נ. 2, ציטירט אויך אין רובין 1979: 280 און 307, הערה 8; פגל. אויך כהן 1920: 269-270, נ. 14; 1957: 432-434, נ. 511); אַ בריוו מיט וועלכן ער פּרוּווט אָנקניפּן אויפסניי דעם שפּעטערישן קאָנטאַקט מיט דער יידישער גאַס אינעם נאָכמלחמהדיקן סאָוועטישן היימלאַנד; אַ בריוו אין וועלכן ער פרעגט זיך נאָך אויף זיינע אַמאָליקע שילער. ניט אומזיסט האָט זיינער אַ תלמיד דער דיכטער זיאַמע טעלעסין געשריבן נאָכן לערערס טויט אין קורסק אין 1956טן יאָר:

...מיין יידישע שפּראַך מיין געשעצטע,
דו רעדסט צו מיין האַרצן אַ סך!
איך האָב ביים פּראָפעסאָר זאַרעצקי
געלערנט די יידישע שפּראַך.

כ'דערמאָן אים מיט יראת הכבוד,
דעם ליבן און טייערן מענטש,
ער האָט אונדזער לשון געכאָוועט,
זיין נאָמען זאָל ווערן געבענטשט.

איך ווייס זיי, די בייזע זאַווייען,
וואָס אומגעבראַכט איז ער דורך זיי.
ס'פאַרגייען זיך די סאָלאָווייען
אויף קורסקער בית־עולם פון ווייי.

(טעלעסין 1968: 164-165)

אַחוץ איבערגעבן די פּרטים וועגן זיין פּערזענלעכן און פּראָפעסיאָנעלן מצב אין 1945, רירט זאַרעצקיס בריוו אָן נאָך צוויי וויכטיקע ענינים וואָס שייך דעם גורל פון דער סאָוועטיש־יידישער לינגוויסטיק נאָך דער מלחמה. ערשטנס דערווייזט עס, אַז זאַרעצקי האָט זיך באַמיט, ניט געקוקט אויף מאַטעריעלע און אָרגאַניזאַציאָנעלע שוועריקייטן, אויפצוטאָן עפּעס ממשותדיקס אויפן געביט פון (ווי ער פלעגט עס רופן) „יידקולטאַרבעט". אי די אַרבעט וואָס ער האָט צו יענער צייט אָנגעשריבן וועגן פּרצעס סטיל אי דער פּרץ אָוונט וואו ער האָט זי פאָרגעלייענט זאָגן גענוג עדות דערויף. דערצו האָט ער זיך, ווי געזאָגט, באַמיט אויפצושטעלן קאָנטאַקטן סיי מיט מאָסקווע סיי מיט בירָאָבידזשאַן. ס'איז ניט קלאָר אָבער, צי דער קאָפּעליאָוויטש, וועלכער ווערט דערמאָנט אינעם פּאָסט־סקריפּטום צום בריוו, איז י. ג. קאָפּעלעוויטש, דער פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר פון בירָאָבידזשאַנער



כתב־יד פון זאָרעצקיס ציטונג־נאָטיץ



כתב־יד פון בריוו צו יוסף ראַבין

שטערן זינט 1938 (זע שמערוק 1961: 345, נ. 3567, פגל. לבבי 1965: 326), צי דער לעקטאָר פון ייִדיש אינעם ביראָבידזשאַנער פּעדאַגאָגישן טעכניקום (זע לבבי 1965: 277, 382). די טענה אַז זאַרעצקי איז נאָך דער מלחמה אַוועק פון ייִדיש פאָרשונג איז ניט נאָר כראָנאָלאָגיש אומבאַרעכטיקט — אַוודאי, אין די פינצטערע חורבן יאָרן פון דער ייִדישער סאָוועטישער קולטור, 1956-1948, האָט קיינער ניט געטאָרט אַפילו טרוימען וועגן אַ וואָסער ניט איז טעטיקייט אויף אָדער אַרום ייִדיש, — נייערט אויך אינערלעך, פון זאַרעצקיס פּערזענלעכן שטאַנדפּונקט, האָט אָט די טענה ווייניק ממשות. ניט ווייל ער האָט ניט געוואָלט, ניט ווייל עס האָט זיך אים בעסער געלוינט זיך מטפל צו זיין מיט דער מעטאָדיק פון „אונטעררעכטן" רוסיש אין טאַדזשיקיסטאַן אָדער מיט דעם רוסיש־טאַדזשיקישן ווערטערבוך, האָט אײַזיק זאַרעצקי מער ניט געדרוקט זיינע פאָרשונגען איבער ייִדיש. ווער רעדט נאָך אַז בלויז אין דריי יאָר אַרום איז עס שוין געגאַנגען אין אַן אָן אַ שיעור גרעסערער סכנת נפשות איידער דער מאַנגל אין לחם לאכל ובגד ללבוש. וואָס זשע שייך די סוף דרייסיקער יאָרן ווען לויט לויצקערס אַרטיקל קומט אויס, אַז „זינט 1938 גייט א. זאַרעצקי איבער אויף רוסישער לינגוויסטיק" (לויצקער 1965: 140), מוז מען דאָ ממלא זיין דעם חסר. אָט דער „איבערגאַנג" פון זאַרעצקין מיט זיינע סטודענטן אויפן פאַקולטעט פון דער רוסישער שפּראַך איז געווען מערניט אַ פּועל־יוצא פון דער ליקווידאַציע פון דער קאַטעדרע פאַר ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור ביים מאָסקווער מלוכהשן פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט (פגל. זלמן ליבינזאָנס זכרונות וועגן איר טעטיקייט אינעם איצטיקן באַנד; גאָר אויף שפּיץ מעסער וועגן דעם זע גען 1988: 369-367). די ייִדישע קאַטעדרע האָט מען ליקווידירט יולי 1938 (זע גרינבוים 1978: 76 און 185-184, הערה 18 וואו ער איז זיך סומך אויפן פּערזענלעכן עדות פון זאַרעצקיס אַ שילערין). אַן ענלעכן בילד פון זאַרעצקין אין די נאָכמלחמה יאָרן באַקומט מען אי פון אונדזער בריוו אי פון דעם וואָס טשובינסקי (1960) פאַרצייכנט: „אין די לעצטע יאָרן [האָט אײַזיק זאַרעצקי] געלעבט אין קורסק, אין אַ סביבה, וואָס איז געווען אָפּגעפרעמדט פון ייִדיש, אָבער אויך פון דאָרט אָנגעהאַלטן קאָנטאַקט מיט זיינע פריינט — ייִדיש שפּראַכפאָרשערס אין אַלע טיילן פון סאָוועטן־רוסלאַנד" (טשובינסקי 1960: 578; וואָרשיינלעך אויפן סמך פון יוסף טשערניאַקס אַרטיקלען אין די וואַרשעווער ייִדישע שריפטן און פאָלקס־שטימע פאַר 1957, זע די ביבליאָגראַפיע דאָרטן און פגל. אויך אַלטשולער 1975: 64, נ. 388).

דער צווייטער ענין וועלכער ווערט אומדירעקט אָנגערירט אינעם בריוו, איז דער גורל פון דער ליטעראַריש־וויסנשאַפטלעכער ירושה סיי פון אײַזיק זאַרעצקין סיי פון אַנדערע סאָוועטישע ייִדישע לינגוויסטן. עס זיינען פאַראַן ידיעות, אַז מרדכי גיטליץ (1945-1895), וועמענס פריציייטיקן טויט האָט זאַרעצקי דערמאָנט אינעם בריוו, „האָט [די לעצטע יאָרן פאַר זיין טויט] צוגעגרייט צום דרוק אַ קאַפּיטאַלע אַרבעט „די געשיכטע פון דער היינטצייטיקער שפּראַך", וועלכע ער האָט צוגעשטעלט אַלס דיסערטאַציע אויף צו באַקומען דעם טיטל דאָקטאָר פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן" (סאָוועטיש היימלאַנד, 1965, נ. 9: 158). דער צונויפשטעלער פון די „מאַטעריאַלן פאַר אַ לעקסיקאָן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור" איז אָבער שוין ווייניקער זיך מתחייב: „בעת דער גרויסער פאָטערלענדישער מלחמה [האָט אָבער גיטליץ] געלעבט אין קאַזאַכסטאַן, געאַרבעט איבער „די געשיכטע פון דער היינטצייטיקער שפּראַך", וואָס האָט געדאַרפט צוגעשטעלט ווערן אַלס דאָקטאָר־דיסערטאַציע" (סאָוועטיש היימלאַנד, 1986, נ. 6: 170; וועגן מרדכי גיטליץ זע אויך ראָזענטאַל־שניידערמאַן 1978: 49 און 55, הערה 18; גרינבוים 1978: 216 אידענטיפיצירט אים אַלס „ייִדישער דיכטער און פילאָלאָג").

צום סוף פון דער פּרטימדיקער הגם קורצער ביאָגראַפיע פון אײַזיק זאַרעצקי אין דעם לעקסיקאָן פון דער נייער ייִדישער ליטעראַטור שטייט געשריבן כהאי לישנא: „געהאַט אין מאַנוסקריפּט כמעט ווי פאַרענדיקט אַ צאָל וואָגיקע שטודיעס, צוו.א.: אַ שטודיע וועגן דער שפּראַך פון די ייִדישע קאָלאָניסטן אין קרים און אייניקע ייִדיש־פאָלקלאָריסטישע אַרבעטן." (טשובינסקי 1960: 578). אויך לויצקער איז מוסיף, אַז „אין א. זאַרעצקיס ליטעראַריש־וויסנשאַפטלעכער ירושה געפינט זיך אַ היפּש ביסל אינטערעסאַנטע, נאָך ניט פּובליקירטע וויסנ־שאַפטלעכע אַרבעטן. דאָס ווערק אין ייִדיש „סינטאַקס פון דער ייִדישער שפּראַך" האָט ער געהאַט פאַרענדיקט נאָך אין 1938. עס איז געווען צוגעגרייט פאַרן ווייסרוסישן נאַצמינדפאַרלאַג, נאָר ניט באַוויזן אָפּגעדרוקט צו ווערן" (לויצקער 1965: 140). ניט באַוויזן אין 1938 און אין 1948-1945 איז שוין ווידער געווען צו שפּעט...

היות ווי דאָס דערלאָזן אַ מלוכהש־אָרגאַניזירטע שפּראַך פאָרשונג אין יענע מקומות איז משמעות מלכתחילה באַרעכטיקט געווען מערניט ווי אַ צייט־ווייליקע פּראַקטישע באַדערפעניש, וואָלט מען געקאָנט איינזען אין דעם פון אויבן אָרגאַניזירטן סוף פון דער ייִדישער וויסנשאַפט אין ראַטנפאַרבאַנד סוף דרייסיקער יאָרן, דעם אָנהייב פונעם סוף פון דער ייִדישער

סאָוועטישער קולטור בכלל (פגל. גרינבוים 1978: 72-85; ראָזענטאַל=שניידערמאַן 1982ב).

אַצינד קענען מיר צו דער רשימה פון זאַרעצקיס ניט=פּובליקירטע אַרבעטן אויך מצרף זיין די שטודיע איבער פּרצעס סטיל. אָבער צוריק צום פריערדיקן ענין: אויב די אָקאָרשט ציטירטע פּרטים ביי טשובינסקין זיינען וואָרע, הייסט עס אַז די דאָרטן דערמאָנטע פאָרשונגען האָט זאַרעצקי געמוזט שרייבן שוין נאָך סוף סעפּטעמבער 1945, אין דער צייט ווען ער האָט געזאָלט „איבערגיין אויף רוסישער לינגוויסטיק" און ווען מע האָט שוין למעשה כמעט קיין שום לינגוויסטישע שטודיעס און מאָנאָגראַפיעס מער ניט געדרוקט (פגל. גרינבוים 1978: 83), אַניט וואָלט ער ניט געשריבן ראַבינען: „אָנגעשריבן אַ סך אַרבעטן (צווישן זיי נאָר איינע אויף יידיש — וועגן פּרצן...)".

צי סע וועלן זיך אַמאָל נאָך אָפּגעפינען און באַקומען אַ תיקון די כתב=ידן, די פאָרשונגען פון מרדכי גיטליץ, אייזיק זאַרעצקי און מעגלעך אויך אַנדערע סאָוועטישע יידישע שפּראַך פאָרשער און פילאָלאָגן? צי עס ליגט נאָך ביי עמעצן כאָטש אַ טייל פון יענע פאַרגעלטע בלעטלעך באַשריבענע פון אויבן ביז אונטן, אָן אַ סימן פון גליונות, מיט אייזיק זאַרעצקיס אייליקער אָבער פעסטער האַנט, — די בריוו וואָס ער האָט געזאָלט צעשיקן זיינע קאָלעגן און פריינט — די יידישע שפּראַך פאָרשער און שרייבער אין פאַרשידענע טיילן פונעם דעמאָלטיקן ראַטנפאַרבאַנד?

אוי ווי סע ווילט זיך גלייבן אַז יאָ.

# ביבליאָגראַפיע


אַלטשולער, מרדכי

1975 (רעד.), מרדכי אלטשולר, יהדות ברית המועצות באספקלריה של עיתונות יידיש בפולין, ביבליוגרפיה, 1945 — 1970, האוניברסיטה העברית בירושלים, המכון ליהדות זמננו — המדור למזרח=אירופה, המכון לחקר ולתיעוד יהדות מזרח=אירופה: ירושלים.

בעלענקי, משה

1989 „מיין לערער עליע פאַלקאָוויטש" אין זיינע ליטעראַרישע פּאָרטרעטן, סאָוועטסקי פּיסאַטעל: מאָסקווע, 169-190.

גען, טביה

1988 „לאַנג און קורץ, ווי דאָס לעבן", אויטאָ=ביאָגראַפישער ראָמאַן אין זיין פון באַגינען ביז אָוונט, געשיכטעס, דערציילונגען, אַווטאָביאָ=גראַפישער ראָמאַן. סאָוועטסקי פּיסאַטעל: מאָסקווע, 299-476.

גרינבוים, אברהם

1978 Alfred Abraham Greenbaum, Jewish Scholarship and Scholarly Institutions in Soviet Russia, The Hebrew University of Jerusalem, Centre for Research and Documentation of East European Jewry: Jerusalem.

דאָברושין, יחזקאל און יודיצקי, אברהם

1940 יידישע פאָלקס=לידער, עמעס: מאָסקווע.

האָטאָן, קריסטאָפער

1984 Christopher Hutton, *Normativism in Yiddish Linguistics: Definitions and Categories*, Master of Arts Thesis, Columbia University, New York.

טעלעסין, זיאַמע

1968 „דער דריטער גראַמאַטישער מין" אין זיין אויף מיין אחריות, לידער, באַלאַדעס, פּאָעמעס, סאָוועטסקי פּיסאַטעל: מאָסקווע, 162-165.

טשובינסקי, ברוך

1960 „זאַרעצקי, אייזיק" אין לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור 2: 576-578.

כהן, יהודה=לייב

1920 יידישע פאָלקסלידער, מיט מעלאָדיען, אויס דעם פאָלקס=מויל געזאַמלט. צווייטער באַנד, ליטעראַרישער פאַרלאַג: ניו=יאָרק.

1957 יידישע פאָלקסלידער מיט מעלאָדיעס. צונויפגעשטעלט און אויף דאָס ניי אַרויסגעגעבן דורך מאַקס ווײַנרײַך, ביבליאָטעק פון ייוואָ, ייוואָ: ניו=יאָרק.

לבבי, יעקב

1965 יעקב לבבי (באביצקי), ההתיישבות היהודית בבירוביג'אן, סדרת „גלויות", החברה ההיסטורית הישראלית: ירושלים.

לויצקער, חיים

1965 „אייזיק זאַרעצקי — דער מענטש און דער געלערנטער" אין סאָוועטיש היימלאַנד 9: 138-140.

סוצקעווער, אברהם

1993 ביים לייענען פּנימער, דערציילונגען, דערמאָנונגען, עסייען, העברעאישער אוני-ווערסיטעט: ירושלים.

סערעבריאַני, ישראל

1965 „אַ וויכטיקער בייטראָג אין דער פּרץ-פֿאָרשונג" אין סאָוועטיש היימלאַנד 5: 130-132.

עסטרייך גענאַדי

1992 Gennady Estraikh, "Latinization of Yiddish in the Soviet Union" in *Outlook*, 30.3: 20, 22.

פּעלץ, רחמיאל

1981 Rakhmiel Peltz, *Dehebraization as an Issue in the Language Planning Efforts of the Soviet Yiddish Linguists*. M.A. Essay, Yiddish Studies Program, Linguistics Department, Columbia University, New York.

קערלער, יוסף

1991 „מיין לערער עליע פֿאַלקאָוויטש (1979 1898)" אין זיין געקליבענע פּראָזע, עסייען, זכרונות, דערציילונגען. ירושלימער אַלמאַנאַך: ירושלים, 125-138.

ראַבאַק, א. א.

1964א „נחום שטיפֿס בריוו" אין זיין דער פֿאָלקסגייסט אין דער יידישער שפּראַך, די גאָלדענע פּאַווע: פּאַריז, 566-572.

1964ב „ווער איז געווען נחום שטיף?" אין זיין דער פֿאָלקסגייסט אין דער יידישער שפּראַך, די גאָלדענע פּאַווע: פּאַריז, 573-576.

ראָזענטאַל-שניידערמאַן, אסתר

1978 אויף וועגן און אומוועגן, זכרונות, געשעענישן, פּערזענלעכקייטן. צווייטער באַנד, י.ל. פּרץ: תל אביב.

1982א „אליהו ספּיוואַק" אין איר אויף וועגן און אומוועגן, זכרונות, געשעענישן, פּערזענלעכקייטן. דריטער באַנד, ערשטער טייל, י. ל. פּרץ: תל אביב, 165-216.

1982ב „דער אָנהייב פֿונעם סוף" אין איר אויף וועגן און אומוועגן, זכרונות, געשעענישן, פּערזענלעכקייטן. דריטער באַנד, ערשטער טייל, י. ל. פּרץ: תל אביב, 239-255.

רובין, רות

1979 Ruth Rubin, *Voices of A People, The Story of Yiddish Folksong*, The Jewish Publication Society of America: Philadelphia.

שוואַרץ, שלמה (סאָלאָמאָן)

1967 די יידן אין סאָוועטן-פֿאַרבאַנד, מלחמה און נאָכמלחמה יאָרן (1939 — 1965), יידישער אַרבעטער-קאָמיטעט, ציקאָ: ניו-יאָרק.

שמערוק, חנא

1961 (רעד.), חנא שמרוק, פרסומים יהודיים בברית-המועצות, 1917 — 1960. רשימות ביבליוגרפיות לוקטו וסודרו בידי י.י. כהן בעזרת מ. פייקאז', בצירוף מבואות מאת סלוצקי וח. שמרוק. סדרת „גלויות", החברה ההיסטורית הישראלית: ירושלים.

# יזכור⸗ביכער איבער יידישע ישובים אין סאָוועטישן ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע

פון

**ראובן⸗משה שפּיראָ**

(ניו⸗יאָרק)

## I

צווישן די העכער 450 יזכור⸗ביכער וועגן פאַרטיליקטע יידישע קהילות אין מזרח אייראָפּע זיינען פאַראַן 21 איבער ישובים, וועלכע האָבן זיך נאָך פאַרן יאָר 1939 געפונען אין די גרענעצן פון דעם סאָוועטישן ווייסרוסלאַנד און דער סאָוועטישער אוקראַינע (וועגן יזכור⸗ביכער בכלל זע בייקער 1983; קוגעלמאַס און באָיאַרין 1983; וויין 1973). די יזכור⸗ביכער שטעלן מיט זיך פאָר אַ בשותפותדיקן אָפּרוף אויפן חורבן. ניצול⸗געוואָרענע יידן, צוזאַמען מיט עמיגראַנטן פון פריער, האָבן צונויפגעזאַמלט כלערליי היסטאָרישע באַשרייבונגען, דאָקומענטן, גבית⸗עדותן און זכרונות וועגן זייערע היימשטעט. געוויינלעך האָבן די יזכור⸗ביכער אַרויסגעגעבן לאַנדסמאַנשאַפטן, די קעגנזייטיקע הילף חברות, וואָס זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן אין אַמעריקע, ישראל און אַנדערע לענדער דורך יידישע עמיגראַנטן פון פאַרשיידענע מזרח⸗אייראָפּעאישע שטעט.*

אַן ערך 85% פון אַלע יזכור⸗ביכער זיינען געווידמעט מקומות וואָס געפינען זיך אין די פּאָליטישע גרענעצן פון פוילן פון פאַר 1939. די איצטיקע אַרבעט באַהאַנדלט בלויז די 21 יזכור⸗ביכער איבער די ישובים וועלכע זיינען געווען אונטער דער סאָוועטישער מאַכט נאָך פאַרן יאָר 1939 (אונדזער ביבליאָגראַפיע באַזירט זיך אויף דער ביבליאָגראַפיע פון בייקער 1983).

*) זע וועגן דעם אויך: מרים שמולעוויטש⸗האָפמאַן, „דענקמאָל און זכרון: אַן אויספאָרשונג פונעם צונויפשטעל פון וואָלינער יזכור⸗בוך" אין ייוואָ בלעטער, נייע סעריע, ב. 1 (1991): 257-272. — ג. ע.

## II

ערב דעם חורבן האָבן אין סאָוועטן⸗ווייסרוסלאַנד געלעבט אַן ערך 375,000 יידן און אין סאָוועטן⸗אוקראַינע — אַן ערך 1.5 מיליאָן, צוזאַמען — צוויי דריטל פונעם סאָוועטישן יידנטום. די רעדאַקטאָרן פון דעם יעקאַטערינאָסלאַווער יזכור⸗בוך האָבן פּרובירט דערקלערן דעם דוחק אין ענלעכע אויסגאַבעס וועגן די פּילצאָליקע קהילות וואָס האָבן עקזיסטירט אויף דער סאָוועטישער טעריטאָריע (הרכבי און גולדבורט 1972: 6). זיי פאַרבינדן דאָס מיט דעם וואָס אַ סך לאַנדסמאַנשאַפטן האָבן זיך ניט אַנטוויקלט אין ארץ ישראל, בעת די חברות וואָס זיינען יאָ געווען אין אַמעריקע האָבן על⸗פּי כלל געהאַט אַ קליינע צאָל מיטגלידער מחמת די צווישן⸗מלחמהדיקע באַגרענעצונגען פון עמיגראַציע. אַ כוואַליע פּוילישע יידן האָבן עמיגרירט קיין אַמעריקע און ישראל אין די יאָרן נאָך 1945 און אַזוי אַרום האָבן זיי אויפגעלעבט די לאַנדסמאַנשאַפטן, בשעת ווען אַ היפּשע צאָל סאָוועטישע יידן האָבן גענומען קומען ערשט אין די זיבעציקער יאָרן. אַחוץ דעם, במשך צענדליקער יאָרן פון דער „קאַלטער מלחמה" האָט מען ניט געהאַט קיין צוטריט צו די מקורות אין סאָוועטן⸗פאַרבאַנד.

גלייך נאָך דער מלחמה האָט מען אָבער געמאַכט די ערשטע פּרוּוון אויף צו פאַראייביקן אייניקע סאָוועטיש⸗יידישע קהילות. שוין אין 1945 האָט דער פאַרבאַנד פון

וואָלינער לאַנדסמאַנשאַפטן אין ארץ ישראל אָנגעהויבן אַרויסגעבן אויף העברעאיש אַ יזכור⸗צייטשריפט. דער ילקוט⸗וואָלין האָט אַריינגענומען פאַרשיידענע אַרטיקלען, זכרונות און עדותן וועגן יידישע ישובים אין די גרענעצן פון היסטאָרישן וואָלין, וואָס איז נאָך דער פויליש⸗סאָוועטישער מלחמה פון 1920 טיילווייז אַריין אין באַשטאַנד פון סאָוועטן⸗אוקראַינע. אין 1951 האָט מען אַ גאַנצן נומער געווידמעט בערדיטשעוו. מיט דריי יאָר פריער, אין 1948, איז אַרויס דער צווייטער באַנד פון דער יזכור⸗סעריע פון מוסד הרב קוק, ערים ואימהות בישראל, אין וועלכן עס גייען אַריין קאַפּיטלען וועגן האָמל, נעמיראָוו און אָדעס (כהנוביץ 1948, פוגרבינסקי 1948 און שוחטמן 1948).

אַחוץ די שוין דערמאָנטע פובליקאַציעס, זיינען צווישן 1946 און 1985 אַרויסגעגעבן געוואָרן די 21 יזכור⸗ביכער וועגן יידישע קהילות אין די פאַר⸗1939 גרענעצן פון סאָוועטן⸗ווייסרוסלאַנד און סאָוועטן⸗אוקראַינע. דרייצן ביכער זיינען אַרויס אין ישראל, זיבן — אין די פאַראייניקטע שטאַטן, און איין בוך — אין אַרגענטינע. די מערהייט אויסגאַבעס שטעלן מיט זיך פאָר זאַמלביכער, איייניקע — וועגן בערשאַד (הוברמן 1956), טעפּלין (טשערנאָוועצקי 1946-1950) און טערנאָווקע (בר⸗צבי 1972) — האָבן אָנגעשריבן יחידים (דאָס בוך וועגן שפּאָלע האָט אויך כמעט אינגאַנצן אָנגעשריבן איין מחבר: כהן 1965). אַכט ביכער זיינען אַרויס אויף העברעאיש, פיר אויף יידיש, זעקס — אויף ביידע יידישע שפּראַכן. פינף ביכער האָבן ענגלישע טיילן און נאָר איין אָדער צוויי זיינען טיילווייז אין רוסיש.

קיעוו, וויטעבסק און יוסטינגראַד האָבן זוכה געווען צו צוויי ביכער צו יעדן ישוב, איינס געדרוקט אין ישראל (באַוך 1981; קרופּניק 1957; ברנשטיין 1972) און דאָס צווייטע אין ניו⸗יאָרק (ווינאָקוראָוו א.א. 1982; אַראָנסאָן, לעשצינסקי און קיהן 1956; מילער און מילער 1983). אַ סך מאַטעריאַל טרעפט מען געוויינלעך אין די ביידע ביכער וואָס זיינען געווידמעט אַן איינציקן אָרט. דאָס רוב פון די יזכור⸗ביכער וואָס ווערן באַהאַנדלט אין דער איצטיקער אַרבעט באַשרייבן איין קהילה, אָבער די ביכער וועגן באָברויסק (סלוצקי 1967), הוסיאַטין (דיאַמאָנד 1968), קאַמענעץ⸗פּאָדאָלסק (רוזן א.א. 1965), קוידענאָוו (רייזין 1955), זוויהיל (אורי און בונה 1962), סלוצק (נחמני און חיניץ 1962), וויטעבסק (קרופּניק 1957; אַראָנסאָן, לעשצינסקי און קיהן 1956) און יאַמפּאָל (גלמן 1963) האָבן אויך אָפּטיילן וועלכע דערציילן וועגן אַ סך אַרומיקע שטעט; אַזוי אַרום, אַז די דאָזיקע גרופּע יזכור⸗ביכער כאַפּט אַרום כמעט הונדערט שטעט: סיי מיט קהילות וואָס האָבן געציילט קוים אַ פּאָר הונדערט יידישע נפשות סיי גאָר גרויסע שטעט, ווי קיעוו און מינסק.

## III

ניט געקוקט אויף דער קלאָרער מאָטיוואַציע פון די יזכור⸗ביכער, ווידמען זיי נאָר אַ קליינעם חלק פונעם אָרט דעם גרויסן חורבן פון דער צווייטער וועלט מלחמה. אַחוץ די באַבי יאַר \ קיעוו ביכער (באַוך 1981; ווינאָקוראָוו א.א. 1982), דערציילן זיי מער וועגן די אַמאָליקע צייטן, בפרט פאַר דער ערשטער וועלט מלחמה. אַ סך רעדאַקטאָרן און שרייבער האָבן אַליין עמיגרירט פאַר 1914 אָדער אין די ערשטע יאָרן פון דער סאָוועטישער מאַכט. שוין אָפּגעשמועסט פון דעם אַז די רעדאַקטאָרן זיינען בכלל געווען אויסן צו פאַראייביקן דעם פילפאַרביקן יידישן לעבן אין זייערע היימשטעט. למשל, קיין איין קאַפּיטל וועגן דעם חורבן איז ניט אַריין אין די צוויי בענד יידן אין אוקראַינע (אָשעראָוויטש א.א. 1961-1967); ס'איז ניט אויסגעשלאָסן אַז די טעמע האָט מען פּלאַנירט פאַרן דריטן באַנד, וואָס איז אָבער ניט דערשינען. די ביכער וועגן טעפּלין (טשערנאָוועצקי 1946-1950) און סטאַווישטש (ווייסמאַן 1961) פאַרענדיקן זיך אויף דער פּאָגראָם תקופה פון 1919-1920, און די ביכער וועגן פּראָסקוראָוו (פּראָסקוראָוו 1924) און פעלשטין (פעלשטין 1937) — אויף די יאָרן צווישן די וועלט מלחמות.

אַפילו ווען די רעדאַקטאָרן האָבן יאָ געוואָלט אַריינגעבן מער מאַטעריאַלן וועגן דעם חורבן, פלעגן זיי זיך אָנשטויסן אויף אַ דוחק אין גבית⸗עדותן אָדער אַנדערע קוואַלן וועגן די געשעענישן אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע. פון 66 זייטן וועגן בערדיטשעוו (בערדיטשעוו 1951) זיינען בלויז דריי זייטן פאַרבונדן מיט דער אָקופּאַציע. דאָס בוך וועגן הוסיאַטין (דיאַמאָנד 1968) גיט ניט קיין פּרטים מכח דעם גורל פון זיינע 1,800 יידן, אַחוץ אַ רשימה פון אַן ערך 200 נעמען פון קרבנות וואָס אַ געוועזענער הוסיאַטינער ייד האָט צונויפגעזאַמלט און אַריינגעשיקט פון דער שטאָט גאָרקי. די רעדאַקטאָרן פונעם קאַמענעץ⸗פּאָדאָלסקער בוך באַדויערן וואָס זיי איז ניט געלונגען צו באַקומען מאַטעריאַלן וועגן אַ גרויסער מערהייט פון די 137 יידישע ישובים אין פּאָדאָליע (רוזן א.א. 1965: 11-13). דער רעדאַקטאָר פונעם יאַמפּאָלער בוך באַקלאָגט זיך, אַז אים האָט זיך ניט איינגעגעבן צו געפינען וועלכע ס'זאָל ניט זיין דאָקומענטן אָדער בילדער אין שייכות מיטן חורבן, ער האָט אויך ניט געקענט גענוי פעסטשטעלן דעם טאָג פון דער קהילהס טויט (גלמן 1963: 4).

אַ וויכטיקער מקור פון ידיעות זיינען געווען בריוו פון דער שארית⸗הפליטה פון סאָוועטן⸗פאַרבאַנד. זיי האָבן געשריבן צו קרובים און באַקאַנטע אין ישראל און אַמעריקע. וואָס שייך קוידענאָוו, אַשטיינער, האָט איינער אַן עסקן ביי דער לאַנדסמאַנשאַפט אין ניו⸗יאָרק באַשלאָסן אָפּצושיקן אַ בריוו אויפן אַדרעס: „יידן אין קוידענאָוו". אַן ענטפער איז אָנגעקומען פון אַ באַקאַנטן פון זיינע קינדער⸗יאָרן, וואָס האָט דערציילט אַז 1,600 יידן זיינען דערהרגעט געוואָרן און ניט מער ווי ניין זיינען געבליבן לעבן אין דער שטאָט אין יאָר 1946, נאָך 460 ניצול⸗געוואָרענע לאַנדסלייט האָט די קוידענאָווער לאַנדס⸗מאַנשאַפט געפונען אין די לאַגערן פאַר דער שארית⸗הפליטה. פראַגמענטן פון מער ווי צוואַנציק בריוו פון די פּליטים זיינען אַריין אין דעם בוך (רייזין 1955: 11-14, 239, 249-258). בריוו פון די ניצול⸗געוואָרענע קען מען געפינען אויך אין די ביכער וועגן קיעוו, בערדיטשעוו, האָמל, הוסיאַטין, נעמיראָוו, סלוצק און זוהיל. צום באַדויערן, זיינען די בריוו אָפּטמאָל שלעכט רעדאַגירט און טראָגן ניט קיין דאַטע און קיין נאָמען.

אַ טייל יזכור⸗ביכער האָבן אַריינגענומען די גבית⸗עדותן וועלכע עס האָבן אויף אַ סיסטעמאַטישן אופן, גלייך נאָך דער באַפרייאונג, אויפגעזאַמלט די יידישע היסטאָרישע קאָמיסיעס אין פּוילן און אין דייטשלאַנד. אין דעם סלוצקער בוך געפינט מען דאָס עדות⸗זאָגן פון דניאל מלאָדינאָוו, וועלכן מ'האָט אינטערוויואירט אין ביאַליס⸗טאָק אין מאַי 1945. דער בחור (ער איז דעמאָלט געווען זיבעצן יאָר אַלט) באַשרייבט ווי אַזוי די דייטשן זיינען געקומען, ווי אַזוי זיי האָבן אויפגעשטעלט צוויי געטאָס און געשאָסן מאַסן יידן אין אָקטאָבער 1941 און אין מאַי און נאָוועמבער 1942. מלאָדינאָוו דערמאָנט זיך אין אַ גרופּע פון צען יידן וואָס האָבן געשאָסן אין די דייטשן און ליטווינער מיט פאַרשטעלטע כלי⸗זין. דער בחור איז געווען איינער פון די געציילטע יידן וועמען עס האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן און באַהאַלטן זיך אין וואַלד. עס זיינען פאַראַן עטלעכע אונטערשיידן און סתירות צווישן דעם יידישן און דעם העברעאישן טעקסט פון מלאָדינאָווס עדות זאָגן (נחמני און חיניץ 1962: 143-144, 381-382). אַזעלכע סימנים פון אַ קנאַפּער רעדאַקטור און איבערזעצונג קען מען געפינען אין אַ סך יזכור⸗ביכער.

אין דעם פאָרוואָרט צום וויטעבסקער בוך (קרופּניק 1957) איז דער רעדאַקטאָר מודה אַז ער האָט ווייניק מאַטעריאַלן וועגן דער צווייטער וועלט מלחמה. ער האַלט, אַז אַ סך מאַטעריאַלן געפינען זיך נאָך ביי די וויטעבסקער יידן, וועלכע זיינען צעשפּרייט איבער רוסלאַנד און אַנדערע לענדער. דאָס איינציקע קאַפּיטל וועגן חורבן וויטעבסק האָט אָנגעשריבן ד"ר פיליפּ פרידמאַן וואָס איז איינער פון די פּעאיקסטע היסטאָריקער פונעם חורבן. פרידמאַן שרייבט אַז אים האָט זיך ניט איינגעגעבן צו געפינען קיין דאָקומענטן וועגן דער נאַצי אָקופּאַציע פון וויטעבסק, ער האָט אויך ניט באַגעגנט קיין ניצול⸗געוואָרענע וויטעבסקער יידן. זוכנדיק אין דער פּרעסע אויף פאַרשיידענע שפּראַכן האָט פרידמאַן געפונען בלויז איין שייכותדיקן אַרטיקל, וועלכן ס'האָט אָנגעשריבן דער באַקאַנטער סאָוועטיש⸗יידישער שרייבער דוד בערגעלסאָן (דערשינען אין דער צייטונג אייניקייט דעם 5טן סעפּטעמבער 1942). צווישן די פאַרכאַפּטע דייטשע דאָקומענטן, וואָס מ'האָט געזאַמלט פאַרן נירנבערגער פּראָצעס, האָט פרידמאַן געפונען עטלעכע אַקטן פון די איינזאַצגרופּן, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דעם מאָרד פון וויטעבסקער יידן אין אָקטאָבער 1941. זייער אינפאָרמאַטיוו זיינען געווען מעמואַרן פון אַ ניט⸗יידישן (לעטישן) סאָציאַליסט, וואָס אַ פּאַריזער סאָציאַליסטישע צייטשריפט האָט פאַרעפנטלעכט אין 1950 (קרופּניק 1957: 439⸗452; אַראָנסאָן א.א. 1956: 603-626).

בדרך כלל האָבן די צונויפשטעלער פון די יזכור⸗ביכער געפונען ניט קיין סך שייכותדיקע דייטשישע דאָקומענטן. פונדעסטוועגן, וועגן דעם גורל פון די העכער 50,000 דנעפּראָפּעטראָווסקער יידן האָט צבי האַרקאַווי געשעפּט אינפאָרמאַציע פון די ראַפּאָרטן וואָס ס'האָבן צונויפגעשטעלט די איינזאַצגרופּן (הרכבי און גולדבורט 1972: 89-92). אין דעם ענגלישן אָפּטייל פונעם סלוצקער בוך זיינען אָפּגעדרוקט איבערזעצונגען פון צוויי גאָר אומגעוויינלעכע דייטשישע בריוו. אין איינעם פּראָטעסטירט דער דייטשישער ציוויל⸗אַדמיניסטראַטאָר פון דער שטאָט קעגן דעם כאַאָטישן כאַראַקטער פון רויבעריי און הרגענען פון „ניצלעכע יידישע פאַכמענער" אין אָקטאָבער 1941, ווען אַן אָפּטייל פון דייטשישע פּאָליציי און זייערע ליטווישע אַרויסהעלפער זיינען אַריין אין דער שטאָט. דעם צווייטן בריוו האָט געשריבן דער דייטשער גענעראַל⸗קאָמיסאַר אין מינסק, וועלכער האָט געפאָדערט מ'זאָל משפּטן אַלע אָפיצערן פונעם אָפּטייל וואָס האָט אַזוי געווילדעוועט אין סלוצק (נחמני און חיניץ 1962: XX-V).

אויבן איז געווען דערמאָנט, אַז דער רעדאַקטאָר פון דעם יאַמפּאָלער בוך האָט ניט געפונען קיין דאָקומענטן וועגן דעם שטעטל אין דער צייט פון דער מלחמה. ער האָט אָבער פאַרעפנטלעכט אַ גבית⸗עדות פון אַ יידן וואָס האָט געוואוינט אין אַ דערבייאיקן שטעטל. דער ייד באַשרייבט ווי זיין משפּחה איז געלאָפן אין בהלה דורך יאַמפּאָל אין די טעג פון דער דייטשישער אינוואַזיע אין

1941; ער דערמאָנט זיך ווי עטלעכע יידן האָבן באַשלאָסן צו בלייבן אין יאַמפּאָל ווייל זיי האָבן ניט געזען קיין חילוק צווישן דער סכנה מצד די ס.ס.־לייט און דעם סאָוועטישן ען.קאַ.ווע.דע. (גלמן 1963: 76-78). אויך אין אַנדערע יזכור־ביכער דערציילן די עדותן וועגן דער צעמישונג און בהלה אין די ערשטע טעג נאָך דעם אָנפאַל פון דייטשלאַנד אויפן סאָוועטן־פאַרבאַנד (כהן 1965: 175-277; נחמני און חיניץ 1962: 176-377; אורי און בונה 1962: 302-303 אין העברעאישן טייל).

דאָס רוב יזכור־ביכער זיינען געדרוקט אין קליינע טיראַזשן און האָבן זייער זעלטן זוכה געווען צו צווייטע אויפלאַגעס. אין צוויי אויפלאַגעס איז אַרויס, למשל, דאָס טערנאָווקער בוך: אין 1970 און אין 1972 (אַ פאַרגרעסערטע אויפלאַגע). אין דעם בוך איז אַריין אַ קורצע באַשרייבונג פון דער שחיטה וואָס איז פאָרגעקומען אין דעם שטעטל דעם 27טן מאַי 1942. דער מחבר האָט, ווייזט אויס, גענוצט די אינפאָרמאַציע פונעם איינציקן ניצול־געוואָרענעם טערנאָווקער ייד וועלכער האָט זיך געראַטעוועט סיי פון די דייטשישע סיי פון די לאָקאַלע מערדער (בר־צבי 1972: 100-102).

אין 1972 איז אַרויס אַ בוך וועגן יוסטינגראַד (ברנשטיין 1972). די אויסגאַבע האָט צוגעגרייט אַ ישראלדיקער קיבוץ אויפן סמך פון מאַטעריאַלן, וועלכע עס האָבן געזאַמלט צוועלף און דרייצן יעריקע תלמידים ווי אַ שול פּראָיעקט פונעם לערניאָר 1965\1966. דאָס איז געווען איינער פון צענדליקער אַזעלכע יזכור־פּראָיעקטן אין ישראלדיקע מיטלשולן אין די יאָרן נאָך דעם אייכמאַן פּראָצעס. אין 1983 איז אין ניו־יאָרק אַרויס נאָך אַ בוך וועגן יוסטינגראַד, אין וועלכן מ׳האָט רעפּראָדוצירט דאָס העברעאישע בוך און צוגעגעבן אַנדערע מאַטעריאַלן אויף יידיש און ענגליש (מילער און מילער 1983).

דאָס קוידענאָווער בוך איז אַ יחיד במינו צווישן די יזכור־ביכער, ווייל אַחוץ די יזכור מאַטעריאַלן גופא גייט אַריין אין דער אויסגאַבע אויך אַן אַנטאָלאָגיע פון אברהם רייזינס דערציילונגען און לידער. די אַנטאָלאָגיע הייסט „היימישע געשטאַלטן ... אַ מתנה מיינע קוידענאָווער לאַנדסלייט”. רייזין (רויזען) האָט רעדאַגירט דאָס דאָזיקע יזכור־בוך, אָבער ער איז געשטאָרבן נאָך איידער דאָס בוך איז צוגעגרייט געוואָרן צום דרוק.

אין 1962 איז דער יידישער ישוב אין זוויהיל (נאָוואָגראַד־וואָלינסק) פאַראייביקט געוואָרן מיט אַ טאָפּלטן באַנד, וואָס באַשטייט פון צוויי באַזונדערע ביכער: איינס אויף העברעאיש און איינס אויף יידיש. דער יידישער שער־בלאַט איז דאַטירט 1957, וואָס איז אפשר אַ סימן אַז די אַרויסגעבער האָבן געמוזט וואַרטן פינף יאָר ביז מען האָט געזאַמלט גענוג געלט, כדי אַרויסצוגעבן דאָס יידישע בוך צוזאַמען מיטן העברעאישן. אַ גרויסער טייל פונעם העברעאישן נוסח איז איבערגעזעצט געוואָרן פון יידיש. ביידע טיילן פונעם ספר זוויהיל ווידמענען דער נאַצישער תקופה וויניקער ווי דרייסיק זייטלעך (אורי און בונה 1962: 281-306 אין העברעאישן טייל, 200-227 אין יידישן טייל). זייער וויכטיק זיינען די זכרונות פון משה גילדענמאַן, וואָס איז באַקאַנט ווי דער פּאַרטיזאַנער פירער „דיאַדיאַ מישאַ”. ער באַשרייבט זוויהיל אין דער סאָוועטישער צייט, פאַר און נאָך דער דייטשישער אָקופּאַציע. גילדענמאַן דערציילט אויך וועגן דעם פּאַרטיזאַנישן קאַמף קעגן די דייטשן. גלייכצייטיק שטרייכט ער אונטער די האַפטיקייט פון גוואַלדיקער שנאה צו די ניצול־געוואָרענע יידן, אַפילו צווישן די רוסישע און אוקראַינישע סאָוועטישע באַאַמטע (זז. 286-292).

עטלעכע ביכער באַשרייבן דעם צוריקקער פון די ניצול־געוואָרענע יידן, וועלכע האָבן איבערגעלעבט די מלחמה אָדער אין דער אַרמיי, אָדער אין עוואַקואַציע, אָדער אין די וועלדער. אַן אָנגעווייטיקטער ענין איז געווען צוריקמאָנען דאָס יידישע האָב־און־גוטס (זע למשל נחמני און חיניץ 1962: 469-471).

אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסקער בוך לייענט מען אַן אַנאָנימען באַריכט, ווי אַזוי אַ געוועזענער גבאי פון דער אַמאָליקער גרויסער שניידער־שול איז צוריקגעקומען נאָך דער באַפרייאונג. אַ סך יאָרן פריער, ווען די סאָוועטן האָבן פאַרמאַכט די שניידער־שול און קאָנפיסקירט אירע ספרי־תורהס, האָבן די גבאים „געגנבעט” דריי צענדליק ספרי־תורהס און זיי באַהאַלטן אין אַ קעלער. דער ניצול־געוואָרענער גבאי האָט געפונען דעם קעלער, און די ספרי־תורהס האָט מען בסוד פאַרטיילט צווישן יידישע מנינים אין שכנישע שטעט (רוזן א.א. 1965: 64-65). אין שפּאָלער בוך באַשרייבט מען דעם ערשטן יום־כיפּור נאָך דער באַפרייאונג, ווען אַרום אַכציק מענער און פרויען זיינען געקומען דאַוונען אין שפּאָלע, וואו עס זיינען כמעט ניט געבליבן קיין יידישע תושבים. דער עדות שרייבט: „מיר האָבן נישט געהאַט קיין מחזורים; דער חזן האָט געלייענט די תפילות פּאַמעלעך און מיר האָבן אים נאָכגעזאָגט מיט אַ ביטערן געוויין” (כהן 1965: 280-281).

דאָס גרויסע צווייִשפּראַכיקע (העברעאישע און יידישע) באָברויסקער בוך האָט רעדאַגירט דער היסטאָריקער יהודה סלוצקי, וועלכער האָט צוגעגרייט אַ מאָנאָגראַפיע וועגן דער שטאָט פון איר בראשית אין מיטלעלטער ביז נאָך דער צווייטער וועלט מלחמה (סלוצקי 1967: 19-112 אין העברעאיש, 113-220 אין

יידיש). אין די פּאָר זייטן וואו סלוצקי שרייבט וועגן דעם חורבן נוצט ער אויס עטלעכע רוסישע מעמוּאַרן פון געוועזענע פּאַרטיזאַנער, ווי אויך פּובליקאַציעס פון די צייטונגען פּראַוודאַ און אייניקייט און אַ צאָל פּאַרכאַפּטע דייטשישע דאָקומענטן וואָס דערציילן וועגן דער שחיטה פון באָברויסקער יידן אין נאָוועמבער 1941.

אַ סך ברייטער איידער אין אַנדערע ביכער ווערט די חורבן תקופה פאַרגעשטעלט אין דעם מינסקער בוך. זיין ערשטער באַנד איז אַרויס אין 1975 און נעמט אַרום די יידישע געשיכטע פון דער שטאָט ביז 1917. דער צווייטער באַנד, וואָס איז אַרויס מיט צען יאָר שפּעטער, איז געווידמעט דער געשיכטע נאָך 1917 און באַשטייט דער עיקר פון זכרונות און גבית־עדותן. אָנהייב 1970ער יאָרן האָט דוד כהן אינטערוויואירט עטלעכע צענדליק מינסקער עולים אין ישראל. כהן האָט געאַרבעט מיט דער הילף פונעם אָפּטייל פאַר געשיכטע בעל־פּה ביים אינסטיטוט פאַר היינטצייטיקן יידנטום (אַפיליאירט צום העברעאישן אוניווערסיטעט אין ירושלים). ער האָט אינטערוויואירט, בדרך כלל אויף יידיש, סיי לאַנגיאָריקע ישראל תושבים, סיי נייע עולים פון דער כוואַליע עמיגראַנטן וואָס איז געקומען נאָך דער זעקסטאָגיקער מלחמה. דער באַנד איז כולל אויך אויסצוגן און איבערזעצונגען פון פריער געדרוקטע מעמוּאַרן. צווישן זיי זיינען אויך זכרונות פון בר־עם, וועלכער דערציילט וועגן דעם ספּעציעלן געטאָ אין מינסק פאַר דעפּאָרטירטע דייטשישע יידן; בר־עם איז אין 1961 געווען אַן עדות בשעתן אייכמאַן פּראָצעס. ס'איז מאָדנע אָבער אַז דער באַנד, וואָס קאָנצענטרירט זיך אויפן אונטערערדישן און פּאַרטיזאַנישן קאַמף פון מינסקער יידן, נעמט ניט אַריין קיין זכרונות פון הערש סמאָליאַר, דעם פּויליש־יידישן קאָמוניסט וועלכער איז געווען אַ פירער פון מינסקער אונטערגרונט (סמאָליאַר 1946).

און דאָך: אַפילו דער צונויפשטעלער פונעם מינסקער יזכור־בוך טיילט אויס ווייניקער ווי אַ העלפט פון זיין צווייטן באַנד אויף צו באַשרייבן דעם חורבן. די איינציקע יזכור־ביכער וועלכע קאָנצענטרירן זיך כמעט אינגאַנצן אויף דער תקופה פון דער צווייטער וועלט מלחמה זיינען די באַבי יאַר ביכער (באַוך 1981; ווינאָקוראָוו א.א. 1982). אָנשטאָט צו הייסן קיעווער יזכור־ביכער, הייסן זיי פּשוט נאָכן פּלאַץ פון דער מאַסן־שחיטה הינטער דער שטאָט. אין די ביכער גייען ניט אַריין קיין מאַטעריאַלן וועגן דער געשיכטע פון יידן אין קיעוו פאַר דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע, ווי אויך וועגן דעם יידישן לעבן אין קיעוו צווישן די וועלט מלחמות. דאָס יידישע לעבן נאָך דער מלחמה ווערט זייער קורץ דערמאָנט, אי דאָס אין דעם קאָנטעקסט פון די פּרואוון אויף צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון די באַבי יאַר קדושים. דאָס באַבי יאַר בוך וואָס איז אַרויס אין 1982 אין פילאַדעלפיע איז געווען גאָר אומגעוויינלעך: אַ גרויסער טייל איז אויף רוסיש, ווייל דאָס איז געווען אַן אויפטו פון סאָוועטישע יידישע עמיגראַנטן וועמענס כוונה איז געווען אַרויסצוגעבן אַ רשימה פון טויזנטער יידן אומגעבראַכטע בשעת דער באַבי יאַר שחיטה. דער דוחק פון באַריכטן וועגן דער קיעווער יידישער געשיכטע איז אפשר אויך אַ סימן אַז ביי די צונויפשטעלער פונעם בוך — די געוועזענע סאָוועטישע יידן — איז אויסגעוואָרצלט געוואָרן דאָס יידישע היסטאָרישע וויסן.

## IV

אין אַלגעמיין קען מען זאָגן, אַז די 21 יזכור־ביכער שטעלן מיט זיך פאָר וויכטיקע מקורות צו דער געשיכטע און דעם שטייגער לעבן אין די ישובים, דער עיקר פאַר דער רעוואָלוציע. עטלעכע ביכער נעמען אַריין ידיעות אויך וועגן דער סאָוועטישער צייט. אָבער, מיט די אויסנאַמען פון די בענד וועגן מינסק און באַבי יאַר (קיעוו), גיבן זיי לפי־ערך ווייניק מאַטעריאַלן וועגן דער דייטשישער אָקופּאַציע. די מאַטעריאַלן וועגן דעם חורבן וועלכע זיינען יאָ אַריין אין די ביכער שטעלן מיט זיך מערסטנס פאָר גבית עדותן און קורצע זכרונות פון ניצול־געוואָרענע, ווי אויך אַ צאָל בריוו און איבערגעדרוקטע אַרטיקלען פון דער סאָוועטישער פּרעסע. אַזאַ מצב קען מען דערקלערן הן מיט מכשולים אויפן וועג צו באַקומען מאַטעריאַלן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד הן מיטן חשק פון די רעדאַקטאָרן ליבערשט אויפצוהיטן די געשיכטע פונעם ל ע ב ן אין דער פּאַרטיקולערער קהילה איידער צו דערציילן פּרטים פון איר טויט.

# ביבליאָגראַפיע

אבן-שושן, ש.
1975-85 (רעד.), מינסק עיר ואם, 2 בענד: ישראל.

אורי, עזריאל; בונה, מ.
1962 (רעד.), זוהיל (נאָוואָגראַד וואָלינסק): תל אביב.

אַראָנסאָן, ג.; לעשצינסקי, י.; קיהן, א.
1956 (רעד.), וויטעבסק אַמאָל: ניו-יאָרק.

אַשעראָוויטש, מ. לעשטשינסקי, י; א.א.
1961-67 (רעד.), יידן אין אוקראַינע, 2 בענד: ניו-יאָרק.

באָך, יעפראַים
1981 (רעד.), באַבי יאַר: ירושלים.

בייקער, זכריה
1983 Zachary Baker, "Bibliography of Eastern European Memorial Books" in J. Kugelmass and J. Boyarin 1983: 223-264.

[בערדיטשעוו]
1951 „העפּט געווידמעט בערדיטשעוו" אין קרופּניק 1951: 12-13: תל אביב.

ברנשטיין, ב.
1972 (רעד.), יוסטינגרד-סוקוליבקה: עיירה שנחרבה: קיבוץ משאבי שדה.

בר-צבי, ג.
1972 עיירתנו טרנובקה: תל אביב.

גלמן, א.ל.
1963 (רעד.), פנקס יאמפאלא: ירושלים.

דיאַמאַנד, ב.
1968 (רעד.), הוסיאַטין פּאָדאָלער גובערניע: ניו-יאָרק.

הוברמן, נחמן.
1956 בצל עיירה: ירושלים.

הרכבי, צ.; גולדבורט, י.
1972 (רעד.), ספר יקאטרינוסלאב-דנפּטרופּטרובסק: ירושלים \ תל אביב.

[וואהלין]
1945-78 ילקוט ווהלין; אוסף זכרונות ותעודות, 5 בענד: תל אביב.

וויין, אברהם
1973 Abraham Wein, "'Memorial Books' as a source for Research into the History of Jewish Communities in Europe" in *Yad Vashem Studies* 2: 255-272.

ווייסמאַן, א.
1961 (רעד.), סטאַוויטשט: ניו-יאָרק\תל אביב.

ווינאָקוראָוו, י; קיפּנים, ש.; לעווין, נ.
1982 (רעד.), יזכור-בוך פון די אומגעקומענע יידן אין באַבי יאַר: פילאַדעלפיע.

טשערנאָוועצקי, וו.
1946-50 טעפּלין, מיין שטעטעלע, 2 בענד: בוענאָס איירעס.

כהן, דוד
1965 שפולה: מסכת חיי יהודים בעיירה: ישראל.

כהנוביץ, יליינ
1948 „הומל" אין פישמאַן 1948: 187-269.

מילער, ל.; מילער, ד.פ.
1983 Leo Miler and Diana F. Miller (eds.), *Sokolievka/Justingrad: A Century of Struggle and Suffering in a Ukrainian Shtetl*: New York.

נחמני, ש.; חיניץ, נ.
1962 (רעד.), פנקס סלוצק ובנותיה: ניו־יאָרק \ תל אביב.

סלוצקי, י.
1967 (רעד.), ספר זכרון לקהילת בוברויסק ובנותה\ יזכור־בוך פאַר באָברויסקער קהילה און אומגעגנט, 2 בענד: תל אביב.

סמאָליאַר, הערש
1946 פון מינסקער געטאָ: וואַרשע.

[פּראָסקוראָוו]
1924 חורבן פּראָסקוראָוו: ניו־יאָרק.

פוגרבינסקי, יוחנן
1948 „נמירוב" אין פישמאַן 1948: 270־283.

פישמאַן (מיימון), י. ל.
1948 (רעד.), ערים ואמהות בישראל, 2 בענד: תל אביב.

[פעלשטין]
1937 פעלשטין: זאַמלבוך לכבוד צום אָנדענק פון די פעלשטינער קדושים: ניו־יאָרק.

קוגעלמאַס, דזשעק; באָיאַרין, יהונתן
1983 Jack Kugelmass and Jonathan Boyarin (eds.), *From a Ruined Garden: The Memorial Books of Polish Jewry*, Schocken Books: New York.

קרופניק, ב.
1951 (רעד.), ילקוט ווהלין, 2: תל אביב.

1957 (רעד.), ספר וויטבסק: תל אביב.

רוזן, א; שריג, ח; ברנשטיין, י.
1965 (רעד.), קמיניץ פודולסק וסביבתה: תל אביב.

רייזין, אברהם
1955 (רעד.), קוידענאָוו: זאַמעלבוך צום אָנדענק פון די קוידענאָווער קדושים: ניו־יאָרק.

שוחטמן, ברוך
1948 „אודיסה" אין פישמאַן 1948: 58־108.

הערה: די מאַטעריאַלן וועגן יידישן אומקום און ווידער־שטאַנד אויף דער טעריטאָריע פון סאָוועטן־פאַרבאַנד זיינען אין איליאַ ערענבורגס באַוואוסטן שוואַרצן בוך איינגעסדרט געוואָרן — אין די ערשטע פינף אָפּטיילן — לויט אַ קלאָרן געאָגראַפישן פּרינציפּ. יעדערער פון די הויפּט־טיילן (אַשטייגער „אוקראַינע", „ווייסרוסלאַנד", „ליטע" — אָט דער טייל האָט אגב אויסגעפּעלט אינעם אָריגינעלן רוסישן מאַנוסקריפּט אין ירושלים) נעמט אַריין גבית־עדותן, דאָקומענטן און באַריכטן סיי פון די גאָר גרויסע צענטערס (ווי קיעוו, ווילנע, מינסק) סיי פון די קלענערע שטעט, ישובים און קהילות פון יעדער געגנט.

וועגן דעם שוואַרצן בוך זע — יוסף קערמיש „צו דער געשיכטע פון שוואַרצן בוך" אין די גאָלדענע קייט 102 (1980): 121־129 (פגל. אויך מאיר יעלין „אין און אַרום דאָס שוואַרצע בוך אין די גאָלדענע קייט 114 (1984): 178־184). די פאַרשידענע פּובליקאַציעס פונעם שוואַרצן בוך זיינען:

1) *The Black Book. The Nazi Crime*

*Against the Jewish People*, Duell Sloan and Pearce, 1946.

2) *Черная книга. О злодейском повсеместном убийстве евреев немецко-фашистскими захватчиками во временно-оккупированных районах Советского Союза и в лагерях уничтожения в Польше во время войны 1941 — 1945 гг.* Составлена под редакцией Василия Гроссмана (и) Ильи Эренбурга, Yad Vashem / Tarbut Publishers: Jerusalem 1980.

3) דאָס שוואַרצע בוך. צונויפגעשטעלט און רעדאַגירט: וואַסילי גראָסמאַן און איליאַ ערענבורג. איבערזעצונג פון רוסיש (אַחוץ דעם אָפּטייל „ליטע"): בינם העלער. ביים צוגרייטן די אויסגאַבע אין יידיש, אונטער דער אָנפירונג פון ד"ר יוסף קערמיש, האָט געאַרבעט חיה ליפשיץ. יד ושם: ירושלים 1984.

— ד.־ב. ק.

# זכרונות

# בלעטלעך פון אַ לערערינס טאָגבוך

(טישעוויץ, 1932)

פון

**שפרה שטערן קרישטאַלקע**

(מאָנטרעאָל)

שוין אייניקע חדשים, אַז איך געפין זיך אין טישעוויץ.

נאָך פינף יאָר לערנען אין יידישן לערער סעמינאַר אין ווילנע, אונטער דער אָנפירערשאַפט פון צישאָ, בין איך קריקגעקומען אַהיים מיט ליידיקן. אַרויסגעוואָרפן פון לעבנסוועג. באָדנלאָז — אַ קלאַסנלאָזער מענטש.

צוויי טעג פאַר די אַרויסלאָז־עקזאַמענעס, האָט די בילדונגס־קאָמיסיע ביי דער פוילישער פאַשיסטישער רעגירונג, פאַרמאַכט דעם יידישן לערער סעמינאַר, אונטערן אויסרייד, אַז דער סעמינאַר איז אַ קאָמוניסטישע נעסט. און אונדז, די צוויי און דרייסיק סעמינאַריסטן פון פינפטן קורס, נישט צוגעלאָזט צו די עקזאַמענעס. און אַזוי אַרום צוגענומען ביי אונדז די יורידישע רעכט צו פראַקטיצירן לערעריי אין אונדזערע יידישע טאָגשולן אין פוילן. דאָס איז נישט קיין צופעליקער אַקט מצד דער רעגירונג. ס׳גייט אָן אַ פלאַנמעסיקע אַקציע פון אונטערדריקן, טעראָריזירן און אונטערברענגען דאָס גייסטיק־קולטורעלע לעבן פון די יידן אין פוילן בכלל און דאָס יידישע שולוועזן בפרט.

די תירוצים צו רעכטפאַרטיקן דאָס שליסן די שולן זענען נישט אַלעמאָל די זעלבע. אין איין שטאָט אָדער שטעטל ווערט דער שול־בנין דערקלערט דורך דער בילדונגס־קאָמיסיע פאַר צו אַלט און אַ געפאַר פאַר די קינדער צו לערנען דאָרט. אין אַ צווייט אָרט געפינט די סאַניטאַר־קאָמיסיע די שול אין אַ היגיעניש געפערלעכן צושטאַנד פאַר די קינדער, אָדער ווידער און נאָכאַמאָל — אַ קאָמוניסטישע נעסט.

די יידן ווערן אויך פלאַנמעסיק אַרויסגעשטויסן פון זייערע עקאָנאָמישע פאָזיציעס און רואינירט דורך די גרויסע שטייערן, וואָס ווערן אַרויפגעלייגט אויף זיי. אונדזער עצם קיום איז אין געפאַר.

זיץ איך איצטער און איך שטוין מיט וואָס טישעוויצער יידן זענען פאַרנומען. איך קען זיך בשום אופן נישט גלייבן, אַז וואָס מיינע חושים נעמען דאָ אויף איז בפועל־ממש ווירקלעך, קומט פאַקטיש פאָר. שוין זשע איז טישעוויץ געבליבן ווי אַ פאַרגליווערט שטייענדיק וואַסער אין מיטן פון אַ צעבושעוועטן ים און פאַרנעמט זיך נאָך אַלץ מיט קליינלעכקייטן?! היינט?! ווען די ערד ברענט אונדז אונטער די פיס?! שוין זשע שטעקט נאָך טישעוויץ אינעם זומפ פון מענדעלעס „טונעיאַדעווקע”?!

נאָכן גאַנצן רענעסאַנס וואָס דאָס שטעטל איז דורכגעגאַנגען, די לעצטע יאָרן, איז עס קריק אין אַ זיסן גליווער?! ניין, ס׳איז אוממעגלעך!

אָבער איך בין דאָך איצטער אַ לעבעדיקער עדות פון אַן אומזיניקער מחלוקת, פון אַ גרענעצלאָזער שנאה, אָנגעפירט פון דעם רוב מנין און בנין פון רעליגיעזן יידנטום אין טישעוויץ: די יידן פון די חסידים־שטיבלעך, די בית מדרש יידן, די שול יידן, די קהילה פירער, אָנפירער פון די געזעלשאַפטלעך־פילאַנטראָפישע אָרגאַניזאַציעס און סתם יידן אין שטעטל, טאַטעס און מאַמעס, וואָס דאַרפן גאָר זאָרגן פאַר זייער אייגענער זיכערקייט און דער זיכערקייט פון זייערע קינדער אין די איצטיקע פאָרכטיקע טעג.

אין שטעטל בושעוועט אַ מחלוקת מיט די שוחטים. עס שטייען צדדים און ראַנגלען זיך מיט פאַרביסנקייט. די חסידישע שטיבלעך, יעדעס מיט זיינע שוחטים, שטייען אין „מלחמה פאָזיציעס”. אַרומגעכאַפּט ווי אין אַ שריפה. יעדער צד אַסרט די שחיטה פון צווייטנס צד. די שחיטה פון שוחט פון קעגנערישן צד איז געגליכן צו נבילה, איז טרייף ווי חזיר. דאָס שטעטל איז אויף מעסערשטעך.

גאַנצע משפחות זענען צעריסן, צעקריגט. זענען זיך דם⸗שונאים. די פיינטשאַפט פאַרצערט זיי. טאָג און נאַכט האַלט מען זיך איינס דאָס אַנדערע אויף די צינגער. אונדזער אייגענער פעטער שמואל איז אין צד שכנגד און עסט נישט פון מיין טאַטנס שחיטה. און די טראַגיקאָמעדיע פון דעם איז נאָך, וואָס די אָרעמקײט ביי אים אין הויז איז אַזוי גרויס, אַז דאָס ביסל דרויב, וואָס מיין מאַמע גיט דער מומע חייה פון דער שחיטה, וואָס דער טאַטע ברענגט אַהיים, דערהאַלט זייער הויזגעזינד פון זעקס קינדער ממש ביים לעבן. און איצטער טאָר חייה, מיין טאַטנס שוועסטער, נישט נעמען דאָס דרויב, ווייל איר מאַן שטייט אין קעגנערישן צד אין דער מחלוקת.

דאָס שפיכות דמים פון די שוחטים איז אין לשער. דער עיקר⸗בושה שטייען די שוחטים אויס פון די פרויען, וואָס קומען אין עופות⸗שטיבל שעכטן זייערע עופות. יעדע פון זיי לאָזט דעם שוחט פון קעגנערישן צד פילן, אַז זיין שחיטה איז טריפה.

מיין פעטער ר׳ נחום, דעם טאַטנס געטרייסטער פריינט אין דער איצטיקער נויט, ווערט נישט מיד אָנצושרעקן די פרויען מיט „כרת" פאַר מבייש זיין דעם תלמיד חכם ר׳ אברהם שוחט. און איינ׳קע לויט זיין עצה קומען דערשראָקענע צו אונדז אין הויז, בעטן ביים טאַטן מחילה. דערווייל שטייען די שוחטים אָן פרנסה. צום מחלוקת נעמט גאָר נישט קיין סוף.

די גרויסע שטאַרקע קעלצער און טריסקער חסידים⸗שטיבלעך ווילן אויספירן, אַז זייערע צוויי שוחטים זאָל די קהילה צאָלן גרעסערע שכירות פאַר די אַנדערע שוחטים. מיין טאַטע, ר׳ אברהם שוחט און מיט אים דער צווייטער שוחט זענען מיטן שוואַכערן חסידישן צד. דערפאַר שטייט הינטער מיין טאַטן גאַנץ עמך. זיי קומען צום טאַטן מיט איין געשריי: „ר׳ אברהם, זאָגט איין וואָרט און מיר מאַכן דרויב פון די „פיענקני זשידאָקעס" (שיינע יידן)". אָבער מיין טאַטע וויל נישט קיין נקמה. ער באַרואיקט די צעהיצטע געמיטער און שיקט זיי אַהיים זאָרגן פאַר ווייב און קינדער.

וועגן דעם צער און פיין פון מיין טאַטן און מאַמען איז מיר שווער צו שרייבן. געוויינטלעך גרייסן זיך שטעט און שטעטלעך מיט זייערע גרויסע מענטשן, מיט זייערע געלערנטע. האַלטן זיי אויס בכבוד. אָבער טישעוויץ איז דאָס נישט ביכולת. די טישעוויצער באַלעבאַטים, דער עיקר די תקיפים⸗עמי⸗הארצים, ווייסן נישט וועמען זיי פאַרמאָגן. זיי זענען, לא עלינו, קיין מבינים נישט.

מיין טאַטע ר׳ אברהם שטערן איז אַ גרויסער תלמיד חכם און אָן גוזמא פון מיין זייט, איינער פון די צדיקים און גאונים פון אונדזער דור. איז ווי האַלט אים אויס טישעוויץ?

ווי זאָגט מיין פעטער ר׳ נחום: „רחמנא ליצלן, השם ישמרנו": גאָלדענע ווערטער. טישעוויצער באַלעבאַטים נערן אים און זיין הויזגעזינד פון ווי לאַנג איך געדענק, מיט שנאה, קנאה, חרפות און בושות.

* * *

איז מיר זייער ענג אין שטעטל. ממש איך שטיק זיך. ווי לאַנג דאָס פינצטערניש וועט נאָך דאָ אָנהאַלטן איז שווער צו זאָגן. איך קען בשום אופן נישט שלום מאַכן, אַז טישעוויץ איז טויב און בלינד צו אַלץ, וואָס עס טוט זיך איבערן לאַנד; אַז דאָס שטעטל יידן באַנעמט לחלוטין נישט זיין אייגענעווירקלעכקייט און די ווירקלעכקייט פון אַלע יידן אין איצטיקן פוילן.

איך קום דאָך נישט לאַנג פון ווילנע און בין אַן עדות פון די טעגלעכע כוליגאַנישע עקסצעסן קעגן יידיש לעבן און האָב⸗און⸗גוטס, אָנגעפירט פון דער ענדעקישער פאַשיסטישער יוגנט. די יידישע סטודענטן נייט מען צו זיצן אויף באַזונדערע בענק פאַר יידן. די יידישע סטודענטן אויפן מעדיצינישן פאַקולטעט לאָזן די ענדעקישע סטודענטן נישט אַריין אין די לאַבאָראַטאָריעס. עס ברעכן אויס געשלעגן צווישן די דעמאָנסטרירנדיקע סטודענטן פון רעכטס און לינקס.

די פּאָליציי באַווייזט זיך אַלעמאָל, ווען די ענדעקישע סטודענטן האַלטן שמאָל, און וואַרפט זיך מיט רציחה אויף די אַנטיפאַשיסטישע דעמאָנסטראַנטן, אויף די ספּאָנטאַן אָרגאַניזירטע יידישע זעלבסטשוץ⸗גרופּן. דער כוליגאַנישער אַנטיסעמיטיזם ווערט אָנגעפירט פון אויבן, פון דער פאַשיסטישער פּוילישער רעגירונג.

עס גליווערט דאָס בלוט פון די געשעענישן אין „פּשיטעק". די צייטונגען זענען פול מיט ידיעות וועגן די כוליגאַנישע אָרגאַניזירטע אָנפאַלן איבערן לאַנד. יידיש לעבן איז הפקר.

ווייסט נישט טישעוויץ, מיין שטעטל, וואָס סע טוט זיך אָפּ אין שכנישן דייטשלאַנד, וואו היטלערס באַנדעס בושעווען פראַנק און פריי און זייען חורבן צו אַלץ וואָס איז מענטשלעך, קולטורעל, ליבעראַל, דעמאָקראַטיש, צו אַלץ וואָס איז קעגן זייער בעסטיאַלישקייט און דער עיקר צו אונדזערע שוועסטער און ברידער! אויפן טאָג⸗אָרדענונג פון היטלערס מלוכה, פון אויבערהאַרן, שטייט די טאָטאַלע פאַרניכטונג פון אונדזער פאָלק. און אונדזער אייגענע רעגירונג מיט אירע אייגענע טראַדיציעס און קענטשאַפטן פון יידן⸗שנאה, שעפּט פון דאָרטן כוליגאַנישע, אַנטיסעמיטישע נערונג מיט פולע עמערס.

און דאָ אין שטעטל גופא, זע איך פּאַטרולן ביי די יידישע, כמעט ליידיקע קרעמלעך, וואָס לאָזן נישט אַריין

קיין קריסטלעכע קונים. „אייגענע צו אייגענע" (סוואָי דאָ סוועגאָ). די פייערדיקע בייטש איבער דער בידנער יידישער פרנסה, די שווערע שטייערן, טרעפן דאָ יעדן זייער שווער. נישטאָ פון וואָס צו באַצאָלן. מ'נעמט צו ביסלעכווייז דאָס מעבל, דאָס בעטגעוואַנט. וואָס ס'לאָזט זיך און וואָס עס איז נאָך פאַרבליבן. היינטיקע וואָך האָט מען ביי מיין מומע חייהן צוגענומען די לייכטער, פאַר די שטייערן.

דאָס שטעטל איז אָרעם. דאָס שטעטל איז הונגעריק. אייניקע כאַפּן זיך אַרויס „אויף דער וועלט". גייען איבער די הייזער קלייבן נדבות.

און דאָס שטעטל יידן איז פאַרנומען — מיט מחלוקת. ווי איז דאָס מעגלעך?!

איז דאָס בלויז קורצזיכטיקייט, אָדער גאָר משוגעת, צי אפשר אַ בליץ־אָפּציער צו אַנטרינען פון דער טעגלעכער ווירקלעכקייט?!

אין לאַנד קערט זיך אַ וועלט: קריזיסן, אַרבעטלאָזיקייט, שטרייקן, דעמאָנסטראַציעס, אַרעסטן. די ערד ברענט אונטער אַלעמענס פיס און דער עיקר ברענט זי אונטער אונדז, יידן.

האָט דאָס אַלץ גאָר קיין שום שייכות נישט צו טישעוויץ?! ווי איז דאָס גאָר מעגלעך?! איז דאָ טאַקע אַלץ פאַרקערט ווי אומעטום?!

שוין צענדליקער יאָרן שטייט טישעוויץ אָפן מיט טיר און טויער צו דער גרויסער שטאָט און צו וועלט־לעבן. דאָס שטעטל איז אין כסדרדיקן, דירעקטן קאָנטאַקט מיט אַלץ וואָס קומט פאָר און געשעט אין לאַנד און איבער דער וועלט. די סוחרים פון שטעטל האַנדלען מיט די אַנדערע שטעט און שטעטלעך איבערן לאַנד. די אַרבעטנדיקע יוגנט פאָרט זוכן אַרבעט. יוגנטלעכע פאָרן שטודירן אין די גרויסע שטעט פון לאַנד און אין אויסלאַנד. די יוגנט רייסט זיך בכלל אין דער גרויסער וועלט אַריין.

אין שטעטל קומט אָן די פּרעסע, וואָס דערשיינט איבערן לאַנד אין יידיש, העברעאיש, פּויליש.

איז דאָס שטעטל טאַקע אַ שפּיגל פון די אַנדערע שטעט און שטעטלעך איבערן לאַנד?!

און די יוגנט לעבט מיטן דפק פון דער צייט. ס'זענען דאָ טעטיק פּאַרטייען פון אַלע מינים. אַ פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין, דער בונד, ציוניסטישע פּאַרטייען פון אַלע שאַטירונגען. און אַלע פּאַרטייען טוען קולטור אַרבעט צווישן זייערע מיטגלידער. מ'לערנט שרייבן און לייענען יידיש, ווערן פּאָליטיש באַוואוסטזיניק, קענען לייענען אַ ליטעראַריש בוך. מ'אָרדנט איין עפנטלעכע לעקציעס מיט אייגענע כוחות און מ'ברענגט אַראָפּ חברים פון די צענטערן. עס איז דאָ אַ גרויסע ביבליאָטעק אָנגעפירט פון בונד און די לינקע פּועלי־ציון, און קלענערע ביבליאָטעקן ביי די אַנדערע פּאַרטייען. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס לערנען העברעאיש מיט זייער יוגנט.

די יוגנט לייענט מיט התמדה די יידישע ליטעראַטור און די וועלט ליטעראַטור.

כמעט יעדע פּאַרטיי האָט אַ דראַמאַטיש־אַמאַטאָרישן קרייז און אייניקע אויך כאָרן, ווי די לינקע פּועלי־ציון.

דער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין, אָנגעפירט פון די לינקע, פאַרטיידיקט די פּראָלעטאַרישע אינטערעסן פון די אַרבעטער, קעגן זייערע ברויטגעבער, וואָס האָבן ביידע נישט פון וואָס דעם טאָג איבערצוקומען. אָבער דער עיקר גרייט זיך די יוגנט פון פאַראיין צו דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. און לויט דעם חבר שטיינשרייבער, דער הויפּט טעאָרעטיקער הי, איז „זי שוין גאָר נאָענט". און לויט זיין סטראַטעגיע: „וועט די רעוואָלוציע זיך אָנהייבן טאַקע פריער דאָ אין טישעוויץ. און פון דאַנען וועט זי ערשט גרייכן וואַרשע".

— „וואָס איז דער שכל"? דערקלערט ער מיר, אַז „דאָס איז ווייל די לינקע 'סעלראָבניקעס' ביי אונדז אין געגנט אָרגאַניזירן די דערפער און זענען שוין באַלד פאַרטיק און מיר דאַרפן זיין גרייט".

און די גלויביקע יוגנט גרייט זיך. און מאָטיע קאַץ שלאָפט אין אָנטאָן „כדי צו זיין שטענדיק גרייט און נישט פאַרשפּעטיקן די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע".

ס'איז טאַקע בטלניש, קליינשטעטלדיק, אָבער וויפל תמימותדיקע גלייבן.

דערווייל זעצט מען זיי אין די תפיסות און מען פאַרשיקט זיי אין „קאַרטוז־בערעזע", אַן אַרבעטס־לאַגער אין פּוילן.

דעם גרעסטן איינפלוס אויף דער יוגנט אין שטעטל האָבן די ציוניסטישע פּאַרטייען: אַלגעמיינע ציוניסטן, רעוויזיאָניסטן, רעכטע און לינקע פּועלי־ציון. די יוגנטלעכע אין די ציוניסטישע רייען גרייטן זיך עולה צו זיין קיין ארץ ישראל. זיי זענען שוין גרייט, די מינוט. זאָלן זיך נאָר פאַר זיי אַן עפן טאָן די טויערן פון ארץ ישראל. דערווייל וואַרט יעדער אויף זיין „לאָטעריע", אויף דעם סערטיפיקאַט. ווייל אונדזערע וועלט־באַזאָרגער האָבן אַוועקגעשטעלט אַ גוטן היטער ביי די טויערן פון הייליקן לאַנד, אונדז נישט אַריינצולאָזן אין אונדזער אייגענער היים. ווי טראַגי־קאָמיש?! דער פּאָליאַק שרייט ווי באַנומען: „זשידי דאָ פּאַלעסטיני"! און ענגלאַנד שמידט אַן אייזערנע קייט אַרום די גרענעצן פון דעם פּיצל ארץ ישראל, וואָס ליגט פאַרוויסט שוין זינט דעם חורבן בית־שני.




די מחברטע שפרה שטערן (1 אויפן בילד) בעת זי איז געווען אַ סטודענטקע אויפן דריטן קורס פון ווילנער יידישן לערער סעמינאַר (1929). אויף דער פאָטאָגראַפיע זעט מען צוו.א. איסקע אילסאָן (2); לייזער יאַלאָם (3); די לערערין פון האַנטאַרבעט, וועמען די סטודענטן האָבן צווישן זיך אָנגערופן מיטן צונאָמען „דזשורכען", ווייל זי האָט זייער אָפט גענוצט דאָס וואָרט (4); פעשקע גאָלדפאַרב (5); דעם לערער גרשון פלודערמאַכער (6); פעשקע גאָלדמאַן (7).



שפרה שטערן (באַצייכנט אויפֿן בילד מיט אַ פֿייל) בעת אַן עקסקורסיע פֿון ווילנער סעמינאַריסטן צו דער נאַראַטש אָזערע (יוני 1929). דער לערער אברהם גאָלאָמב (אויך באַצייכנט מיט אַ פֿייל) האָט אָנגעפֿירט מיט דער עקסקורסיע, אויף וועלכער די סעמינאַריסטן האָבן געפֿאָרשט די פֿאַונאַ און פֿלאָרא פֿון דער נאַראָטש אָזערע און איר אומגעגנט (דעמאָלט — פּוילן, היינט אין בעלאַרוסיע).



ביי דער נאראטש אָזערע, פון רעכטס אויף לינקס: נאטקע רינדזין, שפרה שטערן, ישראל ליכטענשטיין, רבקה קאַנדעל
(יולי 1929)



די גרופּע סעמינאַריסטן ביי דער נאַראָטש אָזערע (יולי 1929). די צוויי פיילן ווייזן אָן אויף שפרה שטערן און אויפן לערער אברהם גאָלאָמב.

די יידישע יוגנט, וואָס פוילן וויל זי נישט, ענגלאַנד דאַרף זי נישט, די אַמעריקעס האַלטן פאַרשלאָסן טיר און טויער פאַר זיי, רייסט זיך אַהיים, אויפבויען דאָס לאַנד פון זייערע אבות — אויפבויען זיך אַליין. זי וויל אויפהערן זיין איבעריק אויף דער וועלט. ראַטעווען זיך פון אָפּגרונט, ווערן געזונט, פּראָדוקטיוו, נאָרמאַל. דאַרף זי וואַרטן אויפן חסד פון דער באַלפור דעקלאַראַציע. דער יונגער אונטערוואַקסנדיקער דור איז וואַך צו איר הייַנטיקער גרויליקערווירקלעכקייט און איז גרייט, יעדער אויף זיין פּאָסטן און אין זיינע רייען.

מיין שטעטעלע טישעוויץ האָט אויפגענומען דעם ריח־ניחוח פון דער גרויסער שטאָט און אים פאַרדייט אויף זיין אייגנאַרטיקן אופן, וואָס שמעקט שוין דאָ פון כמה יאָרן.

אָבער צו די מחלוקת־יידן האָט עס קיין שייכות נישט. זיי, זעט אויס, זענען ביי זייער ספּעציפישן ריח־ניחוח פאַרבליבן.

## 5טער מערץ 1932, שבת ביינאַכט

איך קום איצטער פון אַ זיצונג. אַ זיצונג וואָס וועט אַריינשרייבן אַ גאָר וויכטיק קאַפּיטל געשיכטע פאַר אונדזער שטעטל טישעוויץ.

אַן ענגער קאָמיטעט פון אונדזער אָרגאַניזאַציע לינקע פּועלי־ציון אין טישעוויץ האָט היינט באַהאַנדלט מיט מיר די מעגלעכקייט צו עפענען אַ יידישע צוגאָב־שול. דאָס וועט זיין אַ נייער טיפּ שול, ווייל אַלע אונדזערע צישאָ שולן איבערן לאַנד זענען פולע שולן, וואו יידישע קינדער באַקומען סיי יידיש וויסן, סיי אַלגעמיין וויסן אין זייערע אייגענע שולן מיט יידיש אַלס אונטעררריכט־שפּראַך. אונדזער שול, וואָס מיר ווילן שאַפן, וועט זיין אַ צוגאָב־שול, צו לערנען יידיש און יידיש וויסן מיט קינדער, וואָס באַקומען זייער אַלגעמיין וויסן אין דער פּוילישער פאָלקסשול, אין „שקאָלע". אַזאַ צוגאָב־שול קען מיט דער צייט ווערן אַ פולע יידישע שול. ס'איז שוין לאַנג דאָ פּלאַץ אין טישעוויץ פאַר אַזאַ שול. פונקט ווי ס'פונקציאָנירט מיט דערפאָלג די „תרבות" שול.

קינדער פאַר אַ יידישער שול זענען דאָ. עלטערן וואָס ווילן און וועלן שיקן זייערע קינדער אין אַ יידישער שול זענען אויך דאָ. די הינטערגעסלעך פון די האַנטווערקער, אַרבעטער און אָרעמע קרעמער קענען זיין די הויפּט־באַזע פאַר דער יידישער שול.

די סיבה פאַרוואָס מיר האָבן ביז היינט נישט געשאַפן אַזאַ שול, איז אַ ריין מאַטעריעלע. מיר האָבן קיינמאָל נישט די געלט־מיטלען צו דינגען אַ פּאַסיקן שול בנין, ווייל דאָ זענען מיר אָנגעוויזן אויפן חסד פון דער מלוכהשער אינספּעקציע קאָמיסע ביים שול־קוראַטאָריום, וועלכע דיסקרימינירט אָפן קעגן אונדזער שולוועזן, און געפינט כסדר סיבות אונטערצוברענגען די עקזיסטירנ־דיקע שולן. שוין אָפּגערעדט צו דערלאָזן נייע שולן צו בויען. אונדז איז אויך שווער אַראָפּצוברענגען אַ לערער און אים אויסהאַלטן.

היינט פאַלן די אַלע מניעות אַוועק. אַ לערער איז דאָ — איך. אַ שול בנין דאַרפן מיר אויך נישט. מיר קענען נוצן אונדזער פאַרטיי־לאָקאַל. די צוגאָב־שול לעגאַליזירן מיר ווי אָוונט קורסן פאַר קינדער ביי דער געזעלשאַפט „אָוונט קורסן פון די לינקע פּועלי־ציון".

אונטער דעם זעלבן נאָמען פונקציאָנירן מיר אַלס אָרגאַניזאַציע. מיר פירן אָן מיט „אָוונט קורסן פאַר דערוואַקסענע" אַרבעטער מיידלעך און ייִנגלעך. מיר טוען דערציערישע אַרבעט צווישן אונדזערע פאַרטיי מיטגלידער, די „יוגנט" און „יונגבאָר". מיר לערנען אונדזער „יוגנט" און „יונגבאָר" לייענען און שרייבן יידיש. מיר לערנען מיט זיי אונדזער פאַרטיי פּלאַטפאָרם. מיר לייענען מיט זיי די צייטונגען און פּאָליטישע זשורנאַלן. מיר לערנען זיי הנאה צו האָבן פון אַ קינסטלערישער דערציילונג און ליד, פון אונדזער יידישער ליטעראַטור און אַלגעמיינער ליטעראַטור. דורך ביישפּילן לערנען מיר זיי צו זיין גוטע, געטרייע חברים, צו העלפן איינער דעם אַנדערן אין אַלע נויטן.

די הויפּט אָנפירער און לערער פון דער „יוגנט" און „יונגבאָר" פון דער לינקער פּועלי־ציון פאַרטיי אין טישעוויץ, זינט איר גרינדונג זענען נאָטע ראָזענצווייג און מיין ברודער ישראל שטערן. ביז איצטער בין איך געווען בכח מיטצואַרבעטן און אַרויסהעלפן בלויז פּסח־צייט און זומער, ווען כ'בין אַהיימגעקומען פון סעמינאַר אויף מיינע קאַניקולן. אויך מיין ברודער יחיאל שטערן באַטייליקט זיך אַקטיוו ווען נאָר ער קומט אין שטעטל. איצטער, אַז איך בין קריק דאָ אין דער היים, פירן מיר ביידע אָן מיט דער אַרבעט, נאָטע און איך. ישראל איז אין ווילנע. ער לערנט זיך אין יידישן טעכניקום.

דער „יונגבאָר" איז לכתחילה געשאַפן געוואָרן פון ישראל שטערן. ער האָט אויפגעטאָן מיט דעם קליינוואַרג וואונדער. זיין שווערע מי און אַרבעט האָט געגעבן אַ גיט גוטע פרוכט. ישראל האָט באַוויזן צו שאַפן אַ כאָר פון יוגנטלעכע און קליינוואַרג. עס דיריגירט מיטן כאָר אַ יוגנטלעכער, וואָס האָט בפירוש טאַלאַנט צו ווערן אַ גוטער דיריגענט.

דאָס זעלבע איז מיט דער דראַמאַטישער גרופּע. די חברה זענען ערנסט און איבערגעגעבן. אייניקע פון זיי

זענען געבוירענע טאַלאַנטן. נאָר אַ שאָד וואָס מיר האָבן נישט די מיטלען זיי צו שיקן אין דראַמאַטישע שולן.

סע פֿונקציאָנירט אַ גוט אָרגאַניזירטער „יוגנט קאָמיטעט", וואָס פֿילט די גאַנצע ערנסטקייט און פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט אין מיטאַרבעטן אין דער הייליקער אַרבעט פֿון זייערע חברים און לערער. מיר גרייטן זיך צו אַ פֿאָרשטעלונג. די קאָאָפּעראַציע פֿון יונגוואַרג און קליינוואַרג איז ממש צו באַוואונדערן. און אַז מיר נעמען אין אַכט, אַז דאָס זענען יונגע מיידלעך און ייִנגלעך, לויף־אַרבעטער, וואָס אַרבעטן אַ גאַנצן טאָג, און די אָוונטן און שבתים, די איינציקע פֿרייע צייט זייערע, גיבן זיי אַוועק דער אָרגאַניזאַציע, קענען מיר גוט אָפּשאַצן סיי די גוטע דערציערישע אַרבעט פֿון זייערע חברים־לערער, סיי די גרייטקייט פֿון אונדזער יוגנט און קליינוואַרג צו לערנען.

## 13טער מערץ 1932

ס'איז זייער שפּעט ביינאַכט און כ'בין זייער מיד. נאָר כ'מוז אויף שנעל פֿאַרצייכענען, כל־זמן דער איינדרוק איז פֿריש.

אונדזער פֿאָרשטעלונג איז גוט אַדורך. און דאָס איז די גרעסטע פֿאַרגיטיקונג. דער כאָר האָט שטאַרק אויסגענומען. איינשטודירט די לידער האָב איך מיט זיי, אָבער דיריגירט אויף דער בינע האָט אונדזער אברהם שאַפּראַן. אַ שאָד, אַ שאָד, ביי אַ געהעריקער אויסשולונג קען פֿון אים אַרויסוואַקסן אַ טאַלאַנטפֿולער דיריגענט. די פֿאָרשטעלונג איז גאָר געלונגען. אַרויפֿגעטראָגן דאָס אמתע לעבן אויף דער בינע. איניקע ווייזן אַרויס פֿיינעם טאַלאַנט. בכלל האָבן זיך אַלע אָנטיילנעמער געוואַלדיק אַריינגעלעבט אין דער דראַמע פֿון י.ל. פּרץ „אַמאָל איז געווען אַ מלך".

ס'איז געווען זייער ענג, סיי אין זאַל, סיי אויף דער סצענע. צוויי ברעטער אַ בינע. און די שפּיל פֿאָדערט אָרט. דאָס אויסשטעלן און אויסקאָמבינירן האָט געקאָסט גענוג שוויים. אָבער די פֿאַרגיטיקונג איז דאָ. דער עולם איז געווען באַגייסטערט. אונדזערע פֿאָרשטעלונגען ווערן אַלעמאָל זייער וואַרעם אויפֿגענומען פֿון טישעוויצער עולם. דער זאַל איז כסדר געפּאַקט. און די היינטיקע פֿאָרשטעלונג האָט זיך פֿאַרענדיקט אין גאָר אַ געהויבענער שטימונג. חברה־שפּילער זענען אויסער זיך פֿאַר פֿרייד, און זענען שוין גרייט איך זאָל אָנהייבן מיט זיי רעפּעטירן אַ נייע שפּיל. זיי גרייטן זיך צו אַ נייער פֿאָרשטעלונג. אָבער איך מוז זיך אָפּרוען אַ ביסל.

מאָרגן הייב איך שוין אָן לערנען אין דער צוגאָב־שול. און מיט די „אָוונט קורסן פֿאַר דערוואַקסענע" אין די אָוונטן, וואָס איך פֿיר אָן און לערן, וועט מיר בלייבן ווייניק צייט אויף רעפּעטיציעס. אָבער ביז חול־המועד פּסח וועלן מיר זיין גרייט ווידער אַרויסצוטרעטן מיט אַ פֿאָרשטעלונג.

## 14טער מערץ 1932

איך קום נאָרוואָס פֿון מיין אַרבעט אין שול. היינט איז פֿאַר אונדז אַ געשיכטלעכער טאָג: די דערעפֿענונג פֿון אונדזער צוגאָב־שול. און פֿון דער שול צו אַ פֿולער ייִדישער שול, ווי אַלע אונדזערע ייִדישע ציש״אָ שולן איבערן לאַנד — אמן.

די שטימונג פֿון די קינדער איז זייער אַ געהויבענע און פֿייערלעכע. אַלע שטראַלנדיקע, מיט בלישטשענדיקע אייגעלעך. ממש קוועקזילבער פֿון אויפֿגעהייטערטקייט און דערוואַרטונג. דאָס לערנען מיט זיי אַזוי נחתדיק, פּשוט און נאַטירלעך. אַלץ וואָס איך האָב געטאָן מיט זיי, האָבן זיי אויפֿגענומען מיט פֿרייד. אָנטיילגענומען אינעם לערנען מיט פֿאַרכאַפּטקייט, פֿאַרגלויבטקייט און מיט נייגער. גאָרנישט צו פֿאַרפֿעלן און פֿאַרלירן.

מיר האָבן דריי גרופּן קינדער. די קלאַסיפֿיקאַציע איז דערווייל לויטן עלטער. אינקורצן וועלן זיין מערער גרופּן. איך בין שוין אין שריפֿטלעכער פֿאַרבינדונג מיט מיין חברטע פֿון ייִדישן לערער סעמינאַר פֿון זעלבן קורס וואָס איך, צו קומען מיטאַרבעטן מיט מיר אין שול.

די לימודים הייבן זיך אָן דריי אַזייגער נאָכמיטאָג. יעדע גרופּע לערנט דערווייל איין שעה. מיר וועלן זיכער פֿאַרלענגערן די צייט פֿון לערנען, ווען מיין חברטע וועט קומען. דערווייל איז אוממעגלעך. און איך מיין, אַז אויך פֿאַר די קינדער איז בעסער אַזוי. זאָלן זיי זיך ביסלעכווייז צוגעוואוינען צו דער צוגאָב־צייט, וואָס זיי דאַרפֿן פֿאַרברענגען אין דער ייִדישער שול נאָכן אָפּלערנען פֿינף, זעקס שעה אין שקאָלע.

איך האָב אַזויפֿיל פֿרייד און פֿאַרגעניגן ביים לערנען מיט די קינדער, אַזויפֿיל באַפֿרידיקונג. איך קען אַרבעטן און אַרבעטן מיט זיי אָן אָפּרו און זיך נישט פֿילן מיד. ס'זאָל כאָטש זיין אויף אַ קיום. ס'ציטערט אין מיר אַ שרעק און דאָס האַרץ איז מיר שווער.

איידער איך האָב נאָך אַפֿילו באַוויזן אַריינצושטעלן אַ פֿוס אין דער שול, האָב איך שוין היינט, גאַנץ פֿרי אינדערפֿרי, געהאַט אַ דעלעגאַציע פֿון די „באַלעבאַטים־וואָרענער". זיי זענען געקומען צו אונדז אין הויז וואָרענען מיין טאַטן, ר' אברהם שוחט, ער זאָל נישט וואַגן צו

דערלאָזן איך זאָל ווערן אַ לערערין ביי די „רויטע". אַזוי רופן זיי אָן די שול פאַר אָרעמע קליינע קינדער. „זיי פּאַסט נישט", זאָגן זיי, „אַז דעם שוחטס טאָכטער זאָל דאָרט לערנען". „צווייטנס וועט זי אַליין לערנען די קינדער זיין רויטע". איך האָב נישט געקענט און נישט געטאָרט שווייגן. האָב איך זיי טאַקע דעמאַסקירט. זיי אָנגעוויזן זייערע אמתע כוונות. איך מאַך זיך דערווייל נישט ווִיסנדיק און אָנגעהויבן היינט די שול=אַרבעט און כ׳וועל מיט אַלע מיינע כוחות זי פּאָרזעצן.

איך האָב אַלע מעגלעכקייטן צו געווינען די מלחמה וואָס די „שיינע יידן" מיט זייערע נאָכשלעפּער האָבן אויפגעהויבן קעגן מיר און דער שול, זינט ס׳איז באַקאַנט געוואָרן אין שטעטל, אַז מיר דערעפענען אַ יידישע שול. די עלטערן פון די שול=קינדער זענען מיט אונדז און זענען גרייט אויפצונעמען דעם קאַמף. אָבער איך טאָר נישט פאַרגעסן, אַז איך בין אַ שוחטס אַ טאָכטער. און מיינע הענט זענען היפּש געבונדן. ווייל איך בין אין די הענט פון די טישעוויצער תקיפים. וואָס זיי וועלן נישט קענען טאָן צו מיר, וועלן זיי זיך אָפּרעכענען מיט מיין טאַטן, רב אברהם שוחט און טאָן דאָס צו אים. ווי גוט וואָלט עס געווען, ווען מיין חברטע וואָלט שוין דאָ געווען.

דאָס הויפּט=געווער וואָלט זיי גלייך אַרויסגעפאַלן פון די הענט. נישט קיין שוחטס קיין טאָכטער. און בפרט נישט אברהם שוחטס טאָכטער. מיט קיינע שוחטים און שוחטישע קינדער שאָקלט נישט אַזוי דאָס טישעוויצער כלי=קודש, פון זינט איך געדענק, ווי מיט מיין טאַטן ר׳ אברהם שוחט און זיין הויזגעזינד.

*

די אַרבעט אין שול גייט אָן נאָרמאַל. ס׳קומען כסדר צו נייע קינדער. די גרופּן זענען שוין נאָרמאַל איינגעשטעלט.

די קינדער לערנען מיט התמדה. זיי האָבן זייער ליב די שול. זיי ווילן גאָרנישט גיין אַהיים, ווען זייער לערנצייט ענדיקט זיך. די עלטערן זענען אויך צופרידן. ס׳ווייזט זיך אַרויס, אַז איניקע פון זיי קומען אין שול בעתן לערנען. זיי שטייען אין קאָרידאָר און הערן זיך צו. נאָך דעם גייען זיי מיך פאַרטיידיקן קעגן די העצער, וואָס הערן נישט אויף פאַרשפרייטן ליגנס, אַז איך לערן די קינדער גאָטלאָזיקייט. רחל די גענדזלערקע איז גרייט צו שווערן, אַז זי האָט געהערט אַליין מיך דערציילן די קינדער אַ מעשה פון אליהו הנביא און אַלעמאָל אויסרופן „רבונו של עולם".

עס הערשט ממש אַ וואַקכאַנאַליע קעגן מיר און דער שול. איך גיי אָן מיט מיין אַרבעט און הער זיך נישט צו. איך האָב נישט קיין צייט דערפאַר. איך בין זייער פאַרנומען אין שאַפן לערן=מאַטעריאַלן. איך זיץ שעהן אין אונדזער ביבליאָטעק און קלייב אָפּ פּאַסיקע לידער און מעשיות פון אונדזערע דיכטער און פּראָזאַאיקער און מאַך ביכלעך פאַר די קינדער.

*

איך דאַרף באַלד גיין אין שול. די קינדער וואַרטן שוין אויף מיר. נאָך דער אַנטיסעמיטישער שקאָלע לויפן זיי גלייך אין דער יידישער שול. זיי קומען אַהער אויפהייבן זייערע דערשלאָגענע קעפּלעך. אויפהייטערן זייערע דערקלאַפּטע געמיטער. זיך דערפילן ווי גלייכע מיט גלייכע. דאָ שפּילן זיי זיך. דאָ זינגען זיי און טאַנצן, האָבן נישט קיין מורא צו זיין קינדער און זיך אויסלעבן ווי קינדער. דאָ פאַרגעסן זיי אויף אַ ווײַלע אין דעם דלות פון דער היים, און אין דעם יידן=צייכן וואָס דער דרויסן צווינגט אויף זיי אַזוי יונג אַרויף.

אָבער שוואַרצע כוחות אויף אונדזער אייגענער גאַס פאַרגינען זיי נישט דאָס ביסעלע פרייד. זיי לייגן זיך אין דער לענג און אין דער ברייט און טוען אַלץ און נוצן אַלע מיטלען. קלייבן נישט איבער: העצע, ליגנס, און אַפילו מסירה, כדי צוצונעמען ביי אָט די אָרעמע, אויפגעמונטערטע יידישע קינדער זייער איינציק וואַרעם, ליכטיק ווינקעלע, די יידישע שול.

זייערע עלטערן, בעלי=מלאכות, אַרבעטער און אָרעמע קרעמער זענען דערצאָרנט און פאַרביטערט. זיי זענען גרייט אויף אַלץ אַבי צו באַשיצן די שול און מיך. איך האָב שוועריקייטן זיי איינצושטילן. ווען איך דערלאָז נאָר, וואָלטן זיי שוין פון לאַנג צעבראָכן רוק און לענד פון די וואָס האָבן זיך דאָס כשר פאַרדינט. ווייל די „שיינע יידן" פון ראַדזינער שטיבל, וואָס פירן אָן די וואַקכאַנאַליע קעגן אונדזער שול, קלייבן נישט איבער די מיטלען. אַפילו מסירה איז אויך כשר. און זיי העלפן צו די שוואַרץ=מאהניקעם פון שטעטל, די תקיפים, די בענטשע=הערצקעם, וואָס קוקן אוים די אויגן אויף אַזאַ געלעגנהייט כדי צו צעלאָזן די פאָלעם און אַ הוליע טאָן.

נעכטן האָב איך שוין געהאַט אַ גאַסט אינמיטן לערנען, דעם פּאָליציאַנט קאָטליצקי. קאָטליצקי האָט דווקא גערעדט מיט מיר יידיש. ווי זיין שטייגער, אַרויסצואווייזן פאַמיליאַרקייט. און ער האָט זיך אויך פאַר מיר פאַרענטפערט: ער שעצט מיך זייער הויך, ווייל איך בין דעם „ראַבינס טאָכטער", דאָס מיינט ער מיין טאַטן. ער האָט זיך נישט געשטערט מיר דערציילן ווער ס׳האָט אים אַהערגעשיקט. זיי זאָגן, אַז מיר זענען די ריכטיקע קראַמאָליע. דאָס הייסט די אמתע „רויטע", „קאָמוניסטן". „ער קען זיך נישט העלפן. ער מוז טון זיינס".

איך האָב אים געוויזן וואָס איך לערן מיט די קינדער, געוויזן אים אונדזער דערלויבעניש אויף דער

שול. מיט גרויס מי האָב איך אים איבערצייגט, אַז מיר זענען אַלע פאַר פּאַלעסטינע. דאָס האָט מיך דערווייל געראַטעוועט פון ווערן אַרעסטירט און די שול פון ווערן פאַרמאַכט. ער האָט מיר געוויזן די קייטעלעך און מיך געוואָרנט, אַז דאָס לאָזט ער מיך אָפּ איצטער, צוליב מיין טאַטן דעם „ראַבין" וועמען ער שעצט הויך. „ער איז אַ גרויסער מענטש, אָבער אַז דיינע יידעלעך וועלן צושטיין, וועל איך נישט קענען העלפן און די קייטעלעך דיר אויף דיינע הענט אָנטאָן".

אַ דעלעגאַציע פון עלטערן זענען אַוועק צום רב און אים אויפגעפאָדערט איינצושטילן די העצער און די מוסרים. אַנדערש וועט בלוט זיך גיסן. דער רב האָט צוגעזאָגט אַלץ צו טאָן. אָבער וואָס קען ער טאָן?! איך ווייס דאָך דעם אמת. דער רב ליגט אויך אין זייערע הענט.

דערווייל גיב איך זיך נישט אונטער. אין שול מיט די קינדער פאַרגעס איך אין אַלע געפאַרן, וועלכע לויערן אויף אונדזער נייער שפּראָצלינג. וואָס בליט און וואַקסט מיט יעדן טאָג; האָט אַלע מעגלעכקייטן צו וואַקסן און זיך אַנטוויקלען אין אַ פולן בליענדיקן פּרוכטבוים. אַחוץ די קינדער און זייערע עלטערן, גיבן מיר אויך צו מוט, צו שטיין פעסט און אָנגיין מיט מיין אַרבעט, מיינע עלטערן און מיין שוועסטער הענע.

*

כ'גלייב קוים, אויב איך וועל נאָך לאַנג קענען אויפהאַלטן די שול. נישט ווייל איך בין פון די איבערגעשראָקענע. וואָלט עס זיך נאָר געהאַנדלט וועגן מיר, האָבן זיי שוין פאַרשפּילט.

אין מיר שרייט נאָך דאָס בלוט פון מיינע ברידער, וואָס איז דאָ פון די זעלבע תקיפים שטאָט⸗באַלעבאַטים געגנוג פאַרצאַפּט געוואָרן. ס'קלינגען מיר נאָך אין די אויערן די פּעטש וואָס די בענטשע⸗הערצקעס האָבן זיי דערלאַנגט. אין בית⸗מדרש, ביים דאַוונען, ביים לערנען, ווייל שוחטישע קינדער זענען הפקר. און אַוודאי און אַוודאי ר' אברהם שוחטס קינדער.

ניין, מיך קענען זיי נישט ברעכן. פינף יאָר יידישער לערער סעמינאַר האָט מיך אויסגעשטאָלט צו ווידערשטאַנד. פינף יאָר האָב איך געהונגערט, כדי צו ווערן אַ לערערין ביי יידן, אין אונדזערע יידישע טאָגשולן. און איך וועל דאָס זיין. די ליבע און מסירת נפש פאַרן יידישן וואָרט און יידישן אינהאַלט, וואָס מיינע חברים⸗לערער האָבן אין מיר פאַרפלאַנצט וועל איך נישט אויפהערן פלאַנצן אין מיינע קינדער⸗תלמידים. „אַנדערש וועט מקוים ווערן" — פלעגט מיין חבר⸗לערער ד"ר י. ביבער זאָגן — „דער וואונטש פון די וואָס ווילן אונדז אומברענגען, די שונאי⸗ישראל איבעראַל און ביי אונדז אין לאַנד".

מיינע קינדער⸗תלמידים וועלן איינזאַפּן אָט די יידישע טראַדיציע, די מנהגים און שטייגער לעבן, מיט דער מאָראַל און עטיק פון „בין אדם לאדם" מיט וועלכע איך בין אויפגעוואַקסן און איינגעזאַפּט אין מיינע עלטערנס הויז. אויב איך וועל מוזן אויפגעבן, וועט דאָס זיין צוליב מיין טאַטן. ווייל די מלחמה פירער האָבן שוין אויסגענוצט אַלערליי כלי⸗זין און גאָרנישט האָט זיי געהאָלפן. אַדרבה, די שול וואַקסט אין פּאָפּולאַריטעט. ס'פאַרשרייבן זיך אין שול אויך קינדער פון באַלעבאַטישע היימען.

דערפאַר האָבן זיי זיך איצטער גענומען צו מיין טאַטן, צו ר' אברהם שוחט אַליין. זיי זענען אים מבזה, פאַרצאַפּן אים דאָס בלוט. אויף אַזוי ווייט, אַז ער דאַוונט שוין נישט אינדערוואָכן אין בית⸗מדרש, ווי זיין שטייגער.

מיין פעטער ר' נחום העלרובין קומט מיך אַלעמאָל חוקר ודורש זיין: „נו, נו שפרה, וואָס וועט זיין דער סוף, דו ביסט טאַקע גערעכט. אָבער אויפן טאַטן האָב רחמנות".

מיין טאַטן איז נישט צו דערקענען. ער גייט אַרום איינגעבויגן, פאַראומערט, אָבער זאָגט גאָרנישט. זעט אויס, אַז מיט זיין שווייגן פירט ער אויך אַ שטילן קאַמף מיט די אומגערעכטע.

מיין טאַטע איז אַ גרויסער למדן, אַ תלמיד חכם, אַ גוואַלדיקער ירא⸗שמים, מיט אַ שאַרפן בליק אויף וועלטלעכע ענינים. ער קען זיך זייער גוט אויף דער פּאָליטיק און הינטערפּאָליטיק פון יעדן דריידל און אַוודאי ווייסט ער זייער גוט דעם אמת וואָס ליגט אונטער דער גאַנצער מהומה, פאַרוואָס זיי לאָזן מיך נישט לערנען אין שול. פּונקט ווי מיר, ווייסט ער אויך, אַז עס האַנדלט זיך דאָ לגמרי נישט וועגן „רויטע", אָדער גאָטלאָזיקייט. דער ריינער אמת איז, אַז די אַגודהניקעס ווילן עפענען אַ בית⸗יעקב שול און זיי זעען אונדזער שול, ווי גאָר אַ גרויסע קאָנקורענץ פאַר זיך. זוכן זיי אַן אופן ווי פון אונדז פּטור צו ווערן. און אַזוי ווי אַלע מיטלען זענען כשר פאַר זיי, נוצן זיי דאָס אויס. מיט אַלערליי בילבולים און ליגנס האָבן זיי מיטגעשלעפּט נאָך אַזעלכע ווי זיי זענען אַליין און אייניקע זענען צוגעשטאַנען פּשוט מחמת קנאה, וואָס פאַרגינען מיר נישט מיין לערעריי.

די „אַגודהניקעס" ווייסן, אַז אָן מיר קען אונדזער שול נישט עקזיסטירן איצטער. קודם מאַטעריעל, זייענדיק אַ שטעטלדיקע קען איך לערנען אין שול פאַר אַ מינימאַלן געהאַלט. און דער עיקר מיין גוטער נאָמען אין טישעוויץ. זיי ווייסן, אַז ס'ברענגען זייערע קינדער אין שול נישט בלויז עמך און אָרעמעלייט, נאָר אויך באַלעבאַטישע עלטערן, וועלכע וואָלטן זייערע קינדער נישט געגעבן,

ווען אין דער זעלבער שול לערנט אַן אַנדערער לערער. דעריבער ווילן זיי פון מיר פּטור ווערן. אין מיר האָבן זיי אַ גוט ציל־ברעט. איך בין ביי זיי אין די הענט. זיי האָבן קיין בעסערע קאָרט נישט געקענט אַרויסציען.

גיי איך אָן מיט דער אַרבעט, קוק דעם טאַטן אין די אויגן אַריין, שרעק זיך פאַר דעם פּסק־דין וואָס וועט קומען. ווייל אָפּשטעלן פון דער אַרבעט קען מיך נאָר מיין טאַטע. איך טאָר אים נישט ברענגען ביז צו דעם נסיון. אָבער איך קען זיך נישט העלפן. איך אַליין וועל נישט אויפהערן מיין אַרבעט. איך אַליין קען בשום אופן נישט פאַרמאַכן די שול.

## 20טער מערץ 1932

ס׳איז צוועלף אַזייגער נאָכמיטאָג. איך קום נאָרוואָס פון ביבליאָטעק. אָפּגעאַרבעט דאָרט פון אַכט אינדערפרי. איך האָב אָפּגעקליבן און באַאַרבעט גענוג מאַטעריאַל אויף אַ גאַנצן חודש, דאָס הייסט ביז פּסח. כ׳האָב אויסגעאַרבעט אַ גענויעם לערן־פּלאַן פאַר אַלע גרופּן פון דער נאָכמיטאָג־שול, און פאַר די „אָוונט קורסן פאַר דערוואַקסענע".

אַריינקומענדיק אין הויז האָב איך שוין געזען, אַז איך וועל שוין מיין נייעם לערן־מאַטעריאַל און אַרבעט־פּלאַן נישט אויסנוצן מער אין אונדזער באַליבטער יידישער נאָכמיטאָג־שול.

פונעם אויפגערודערטן געשפּרעך צווישן מיין מאַמען און מיין שוועסטער פון איין זייט און מיין טאַטן פון דער צווייטער זייט, איז מיר אַלץ קלאָר געוואָרן.

די „אַגודהניקעס" מיט דער גאַנצער כנופיה דראָען דעם טאַטן צו מאַכן אים אויס שוחט. און דאָ איז דאָס מעסטעלע פול. זיי האָבן עס צוגעשפּיצט: איך אָדער דער טאַטע. מיין מאַמע, גיטל די שוחטקע, מיט מיין שוועסטער הענע באַשטייען אויף דעם, אַז דער טאַטע זאָל זיי נישט נאָכגעבן. „זיי האָבן אים נישט געמאַכט פאַר שוחט און קענען אים נישט מאַכן אויס שוחט". „איינמאָל פאַר אַלעמאָל זאָל ער זיך איינשטעלן פאַר זיין כבוד און דעם כבוד פון זייניקע". און נאָך אַזעלכע גערעכטע טענות. ביידע, מיין מאַמע און מיין שוועסטער, זענען זייער בונטאַריש און גרייט צום קאַמף. ווי דאַנקבאַר איך בין זיי. דער טאַטע ווייסט דאָס אַלץ. וויל דאָס אפשר אויך. ער איז פאַר דער צייט גרוי און אַלט געוואָרן פון טישעוויצער שחיטות. אַלע זיינע זין האָט מען אים צעטריבן אין מרחקים. אָבער וואָס קען ער זיך העלפן. ער איז נישט קיין איש־מלחמה. דאָס איז נישט פאַר זיינע פיזישע כוחות און אַוודאי נישט גייסטיקע כוחות. שלום איז זיין מהות. ער איז אַזוי מיד און צעבראָכן פון דעם אַלעם.

היינט הייסט עס מוז איך אויפגעבן מיין שול אַרבעט. ס׳קען מיר שוין גאָרנישט העלפן. איך מוז צוזען ווי עס ווערט צעשטערט אַ הייליקער בנין, די יידישע שול. אַ שאָד די קינדער, אַ שאָד זייערע עלטערן. און איך אויפן וואַנדערוועג.

*

ס׳איז שפּעט ביינאַכט. היינט האָב איך זיך געזעגנט מיט מיין באַליבטן קליינוואַרג.

דעם דריטן קלאַס האָב איך דערציילט דעם אמת. די קינדער האָבן זיך גלייך צעוויינט. אויפגערעגט בין איך געווען, דער ווייטיק פריש, האָב איך אויך געוויינט. האָבן מיר אַלע געוויינט.

מיט גאָר מיינע כוחות האָב איך זיך געשטאַרקט, איינגענומען און איינגעשטילט די קינדער.

איך האָב פאַר זיי פאָרגעלייענט שלום־עליכמס „צוויי שלח־מנותן" און זיי אַרויסגענומען פון דער עצבות זייערער. זיי האָבן זיך זייער גוט אַריינגעלעבט אין דער מעשה. געלאַכט ביז טרערן פון גרויס הנאה.

ביים געזעגענען זיך האָב איך זיי געמוזט צוזאָגן, אַז כ׳וועל מאָרגן ווידער קומען. „איר וועט אונדז נישט פאַרלאָזן, חברטע שפרה, אמת?!" האָבן זיי מיך געבעטן איך זאָל זיי פאַרזיכערן.

מיטן ערשטן קלאַס האָב איך געלערנט ווי אַלעמאָל. געטאַנצט מיט זיי, געזונגען, געמאַכט געניטונגען, דערציילט אַ מעשה לכבוד פּורים.

בשום־אין־אופן האָב איך זיי נישט געקענט דערציילן, אַז ס׳איז שוין די לעצטע לעקציע. און אַזוי איז אויך געווען די לעקציע מיטן צווייטן קלאַס. וויפל צעבראָכענע קליינינקע הערצעלעך האָב איך בכח צוצוזען?! ביי די ביינאַכטיקע גרופּעס, די „אָוונט קורסן פאַר דערוואַקסענע", האָב איך שוין צו טאָן מיט גרעסערע חברה. זיי האָבן שוין געוואוסט פון דער נייעס. ווי כ׳בין נאָר אַריינגעקומען, האָבן זיי אַלע אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. „וואָס הייסט, מ׳נעמט ביי אונדז צו אונדזער שול. די היים פון אונדזערע שוועסטערלעך און ברידערלעך. אונדזער היים?!"

כ׳בין מיט זיי געזעסן. געפּרואווט מיט זיי זינגען. געפּרואווט זיי עפּעס דערציילן, פאָרלייענען, שפּילן. ס׳איז אָבער נישט געגאַנגען. זיי האָבן נישט אויפגעהערט וויינען און טענהן: „מיר האָבן שוין ווידער גאָרנישט. ווייטער אויף די ׳פּלעצער׳".

וואָס קען איך זיי העלפן. אין מיר אַליין וויינט טיף אַ געוויין מיט בלוט.

# וועגן דעם יידישן פאַקולטעט אין מאָסקווע

פון
**זלמן ליבינזאָן**
(ניזשני נאָווגאָראָד, רוסלאַנד)

דער יידישער פאַקולטעט ביים מאָסקווער פעדאַגאָגישן אינסטיטוט (ריכטיקער געזאָגט — די אָפּטיילונג פון יידישער שפּראַך און ליטעראַטור ביים פילאָלאָגישן פאַקולטעט פונעם דאָזיקן אינסטיטוט) איז געווען איינער פון די גרעסטע און באַדייטנדיקסטע אַנשטאַלטן, וועלכע האָבן געגרייט לערער פאַר די פילצאָליקע שולן, וואָס האָבן עקזיסטירט אין ראַטנפאַרבאַנד אין די צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן. ענלעכע פאַקולטעטן זיינען דעמאָלט געווען אויך אין כאַרקאָוו, קיעוו, אָדעס, מינסק. אָבער צווישן זיי האָט זיך דער מאָסקווער אויסגעטיילט אי ווי אַ צענטראַלער, אי לויטן הויכן ניוואָ פון לערעריי און וויסנשאַפטלעכער אַרבעט. איך געהער צו די לעצטע סטודענטן, וועלכע זיינען דורכגעגאַנגען דעם פולן קורס פונעם פאַקולטעט.

אָנגעקומען אַהין בין איך, אין אַ געוויסער מאָס, צופעליק. אין 1934 האָב איך פאַרענדיקט דעם אַרבפאַק (אַרבעטער⸗פאַקולטעט) אין אַ קליין שטעטל דובראָוונע (ווייסרוסלאַנד), וואָס האָט אַמאָל געהאַט אַ שם פאַר זיינע טליתניקעס. אונדזער לערער פון יידישער שפּראַך און ליטעראַטור, נח פאַטשעווסקי, האָט באַמערקט מיינע ליטעראַרישע פּרואוון, און ער האָט מיר רעקאָמענדירט אָנגעבן די דאָקומענטן ניט אין מינסקער פעדאַגאָגישן אינסטיטוט, צו וועלכן דער אַרבפאַק איז געווען צוגעפּעסטיקט, נאָר אין דעם מאָסקווער.

געפונען האָט זיך דער פאַקולטעט ניט ווייט פון צענטער מאָסקווע, אין מאַלאָ⸗פּיראָגאָווסקאַיאַ גאַס (לויטן נאָמען פונעם באַוואוסטן רוסישן כירורג ניקאָלאַי פּיראָגאָוו). די פּרעכטיקע געביידע איז נאָך פאַר דער רעוואָלוציע אויסגעבויט געוואָרן פאַר פרויען⸗קורסן. אַ האַלב קיילעכדיקע, מיט אַ קופּאָל אויפן דאַך, אויסגעפאַרבט אין אַ העלן קאָליר, האָט זי זיך אויסגעטיילט פון די אַרומיקע הייזער. שיין איז זי געווען אויך אינעווייניק: מיט אַ גרויסן קיילעכדיקן וועסטיבול, באַלייכטעט מיט קרישטאָל⸗לוסטרעס. אַרום דעם וועסטיבול האָבן זיך געפונען דריי גרויסע אוידיטאָריעס, וועלכע זיינען געווען באַשטימט פאַר אַלערליי לעקציעס און פאַרזאַמלונגען.

די דאָזיקע געביידע האָט מען נאָך דער רעוואָלוציע איבערגעגעבן דעם צווייטן מאָסקווער מלוכה אוניווערסיטעט. אָנהייב דרייסיקער יאָרן האָט מען דעם אוניווערסיטעט פאַנאַנדערפאָרמירט, אויף זיין באַזע זיינען געשאַפן געוואָרן דריי אינסטיטוטן, צווישן זיי — אַ פעדאַגאָגישער, וועלכן מ׳האָט אַ נאָמען געגעבן נאָך אַנדריי בובנאָוון, דעם דעמאָלטיקן פאָלקס⸗קאָמיסאַר פון בילדונג. (אין 1938 האָט מען אים רעפּרעסירט און צעשאָסן ווי אַ „שונא פונעם פאָלק". צוגייענדיק אין סעפּטעמבער 1938 צום אינסטיטוט האָבן מיר דערזען, ווי מ׳קלאַפּט אָפּ דעם שילד וואו ס׳איז געווען אויסגעקריצט בובנאָווס נאָמען, און גלייך פאַרשטאַנען וואָס ס׳איז געשען מיט אים.)

איך ווייס ניט פּינקטלעך ווען איז געווען אָרגאַניזירט דער יידישער פאַקולטעט. דאַכט זיך, אַז אין דער מיט פון די צוואַנציקער יאָרן*. זיין ערשטער אָנפירער איז געווען

---

*) די קאַטעדרע פון יידיש און יידישער ליטעראַטור האָט אָנגעהויבן אַרבעטן פונעם לערן⸗יאָר 1925-1924, נאָך דעם ווי דער צווייטער מאָסקווער מלוכה אוניווערסיטעט האָט באַקומען דעם באַשלוס נ. 22998, וואָס די קאָלעגיע פון „גלאַווּפּראָפאָבר" (הויפּט⸗פאַרוואַלטונג פאַר פּראָפעסיאָנעלער בילדונג) האָט אָנגענומען דעם 31טן אָקטאָבער 1924. — ג. ע.

צבי פרידלאַנד, אַ באַוואוסטער יידישער היסטאָריקער אין יענע צייטן, פאַרשטייט זיך, פון מאַרקסיסטישן שניט. פריער איז ער געווען אַ טוער פון פועלי־ציון. אים געהערן אַ ריי אַרטיקלען אין דער יידישער סאָוועטישער פּרעסע. ער איז געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן און אַקטיווע אָנטיילנעמער פון צוויי אַלפאַרבאַנדישע צוזאַמענפאָרן געווידמעט די פּראָבלעמען פון יידישער קולטור. חוץ דעם האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט דער פאָרשונג פון דער גרויסער פראַנצייזישער רעוואָלוציע, אַרויסגעלאָזט אין יידיש עטלעכע ביכלעך וועגן איר (דאַנטאָן, מאַראַט).

פרידלאַנדס גורל איז דער זעלבער ווי בובנאָווס. אין 1936 האָט מען אים אַרעסטירט. דער גורם פון זיין אַרעסט איז מן־הסתם געווען זיין בוך דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל און דער קאָמוניסטישער פועלי־ציוניזם וואָס איז אַרויס נאָך אין 1922טן יאָר.

אין מיינע סטודענטישע יאָרן איז דער דעקאַן געווען ברוך שוואַרצמאַן, דער ברודער פונעם באַרימטן יידישן דיכטער אשר שוואַרצמאַן. פריער איז ב. שוואַרצמאַן געווען דער פאַרוואַלטער פון דער באַוואוסטער יידישער קינדערהיים אין מאַלאַכאָווקע, אַ מאָסקווער פאָרשטאָט. ער איז געווען שוין אַן עלטערער מענטש, פון אַ הויכן וואוקס, אַ ביסל אַן איינגעהויקערטער, לויטן כאַראַקטער — זייער אַ ווייכער. די הונדערטע סטודענטן, וועלכע האָבן זיך געלערנט אויף די פיר קורסן, האָט ער געקענט פּערזענלעך, פאַר יעדן פלעגט ער געפינען אַ גוט וואָרט. די מערהייט סטודענטן זיינען געווען געקומען קיין מאָסקווע פון פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך, געלעבט אין צוזאַמען־וואוינונגען. אונדזער דעקאַן פלעגט אַהין אַריינגיין און פירן האַרציקע שמועסן מיט דער יוגנט.

אגב, ניט אַלע סטודענטן זיינען געווען אַזוי יונג ווי איך. אַ סך זיינען געקומען פון אַרבפאַקן און אָוונט־שולן. למשל, ביים מאָסקווער אַרבפאַק אויף בוכאַרינס נאָמען איז געווען אַ ספּעציעלע גרופּע, וועלכע האָט געגרייט סטודענטן פאַרן יידישן פאַקולטעט. דער דאָזיקער אַרבפאַק — איינער פון די ערשטע אין סאָוועטן־לאַנד — האָט אין 1934 אָפּגעמערקט זיין פופצן־יאָריקן יובל. אויף דער פייערלעכער פאַרזאַמלונג איז געקומען אויך ניקאָלאַי בוכאַרין, וועלכער איז דעמאָלט שוין געווען אַן אָפּגעשטויסענער. הגם ער האָט נאָך רעדאַגירט די צענטראַלע צייטונג איזוועסטיאַ. מיר האָט זיך פאַרגעדענקט בוכאַרינס אויסזען, זיין שפּיציק בערדל, זיין גלענצנדיקע רוסישע שפּראַך, זיינע געדאַנקען ווי מ'דאַרף דערציען אַ נייע פּראָלעטאַרישע אינטעליגענץ.

אויף יעדן קורס זיינען געווען סטודענטן, וועלכע האָבן שוין פאַרעפנטלעכט זייערע ערשטע ווערק אין יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס אָדער אַפילו אַרויסגעלאָזט ביכער. למשל, בוזי מילער, וואָס האָט זיך געלערנט אויף צוויי קורסן העכער פון מיינעם, איז פאַר אונדז שוין געווען אַ שרייבער. צוזאַמען מיט מיר האָט זיך געלערנט שלמה רויטמאַן, וועלכער פלעגט דרוקן זיינע לידער אין די צייטונגען. אויף אַ יאָר שפּעטער פון מיר האָט זיך באַוויזן אין אינסטיטוט אהרן ווערגעליס. ס'האָט פונקציאָנירט ביי אונדז אַ ליטעראַריש קרייזל.

אין די ערשטע סטודענטישע יאָרן מיינע האָט מיטן קרייזל אָנגעפירט **דוד בערגעלסאָן**, וועלכער האָט זיך ניט לאַנג פאַר דעם אומגעקערט פון אויסלאַנד. ער פלעגט אויפמערקזאַם אויסהערן דאָס וואָס מיר פלעגן פאָרלייענען. זיין פנים פלעגט זיך אויסלייכטערן ווען אים איז עפּעס געפעלן געווען — אַפילו אַן עפּיזאָד, אַ קאַפּיטל, דער עצם פאַרטראַכט. דעמאָלט האָט ער געבעטן דעם מחבר בלייבן נאָך דער זיצונג, אויספירלעך געשמועסט מיט אים און — אַלס העכערע באַלוינונג — איינגעלאַדן צו זיך אַהיים. איינמאָל האָט זיך אַזוינס געטראָפן מיט מיר. כ'האָב איבערגעלייענט אַ קליינע דערציילונג וועגן די פּסיכאָלאָגישע שינויים ביי שטעטלדיקע יידן אין די דרייסיקער יאָרן. און איך בין איבערגעראַשט געוואָרן, ווען דוד בערגעלסאָן האָט צו מיר אַ זאָג געטאָן: „קומט צו מיר אַריין”.



דוד בערגעלסאָן

געוואוינט האָט ער דעמאָלט אין צוויי צימערן פונעם האָטעל „קיוואָסקאַיאַ”. אַריינגעגאַנגען בין איך צו אים גאַנץ שעמעוודיק. בערגעלסאָן האָט מיך אָבער

באַגעגנט אַ פריילעכער, באַלד געבעטן דער פרוי זי זאָל דערלאַנגען טיי. „נו, וואָס האָט איר איצטער געבראַכט?״ — האָט ער געפרעגט ביי מיר. כ׳האָב אָנגעהויבן לייענען און גלייך דערזען, אַז עס געפעלט אים ניט. אין עטלעכע מינוט אַרום האָב איך דערהערט: „ציפּע, קענסט צונעמען פונעם טיש. היינט איז ניט דאָס״...

דעם קורס „ליטעראַטור קענטעניש״ האָט געלייענט **אהרן גורשטיין**. גערעדט האָט ער שטיל, געלאַסן, אָן שום מאָדולאַציעס פון דער שטים. זיינע לעקציעס פלעגן געווײנלעך דורכגיין אינעם קאַבינעט פון יידישער שפּראַך און ליטעראַטור, מיט וועלכן ער האָט אָנגעפירט (דאָרטן האָבן מיר געלייענט ביכער און צייטשריפטן וואָס מ׳האָט געדרוקט אין ראַטנפאַרבאַנד; פון אויסלענדישע אויסגאַבעס פלעגן מיר ווען עס איז זען, דאַכט זיך, בלויז די וואַרשעווער ליטעראַרישע בלעטער). לייענענדיק דעם קורס האָט גורשטיין, פאַרשטייט זיך, פאַרטיידיקט די מאַרקסיסטיש־לעניניסטישע מעטאָדאָלאָגיע אויפן געביט פון ליטעראַטור. גאַנץ אָפט פלעגט ער זיך פאַררופן אויף פלעכאַנאָוון; אַ קענער פון פלעכאַנאָוון איז ער געווען. קיין דאָגמאַטיקער איז ער אָבער קיינמאָל ניט געווען, אַפילו ווען ער האָט געשריבן דעם לערנבוך פראַגן פון מאַרקסיסטישער ליטעראַטור קענטעניש (מאָסקווע, 1931). זיינע געדאַנקען האָט ער שטענדיק אילוסטרירט מיט דוגמאות פון יידישע קלאַסיקער. עס האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון זיין פאַרגלייך, אַז מענדעלע איז אונדזער קאָפּ, שלום־עליכם — אונדזער האַרץ, און פּרץ — אונדזער נשמה. אויף וויפל עס געדענקט זיך, באַזונדערס



אהרן גורשטיין

אָפט האָט ער גערעדט וועגן פּרצן. ער האָט געהאַלטן, אַז מיט דער שטענדיקער אידיי פון קאָלעקטיוויזם איז פּרץ נאָענט צו אונדזער צייט. אין גורשטיינס אַרכיוו געפינט זיך אַ כתב־יד פון זיין רעפעראַט „פּרץ אַלס קאָלעקטיוויסט״.

ס׳איז כדאַי צוגעבן, אַז גורשטיינס אַרכיוו האָט זיך על־פּי נס פּולקום פאַרהיט אין מאָסקווער צענטראַלן מלוכה אַרכיוו פון ליטעראַטור און קונסט (צגאַלי, פאָנד 2270). אים האָט באַאַרבעט און גענוי קלאַסיפיצירט דער יידישער קריטיקער און ליטעראַטור פאָרשער ישראל סערעבריאַני.

אַ מענטש איז גורשטיין געווען זייער אַ פריילעכער. דער באַוואוסטער יידישער דיכטער עזרא פינינבערג האָט פאַראייביקט גורשטיינס כאַראַקטער:

קומט, פריינט, קומט, לאָמיר איצט פונדאַנען
אינאיינעם,
קומט, לאָמיר איצט אַריינגיין צו גורשטיינען.
ער וועט מיט מילדן שמייכל אונדז באַגעגענען, ווי
אַלעמאָל,
ער וועט, ווי שטענדיק, אַלץ פאַרשרייבן אינעם
פּראָטאָקאָל.
אין שפּעטער נאַכט־שעה, כאָטש ער איז שוין לאַנג
פאַרמאַטערט,
ער וועט דערציילן וועגן מענדעלען און וועגן יידישן
טעאַטער.
ער האָט געקענט די שווערסטע שעה
פאַרגרינגערן, באַשיינען און באַחנען.
קומט, פריינט, קומט, לאָמיר איצט אַריינגיין צו
גורשטיינען.

אין יולי 1941, באַלד נאָך דער אַגרעסיע פון די היטלערישע האָרדעס, האָט אהרן גורשטיין זיך פאַרשריבן אין מאָסקווער פאָלקס־שוץ (אָפּאָלטשעניע), אין דער אַזויגערופענער שריפטלעכער ראָטע, און אַוועק שלאָגן זיך מיטן שונא. די גאַנצע מיליטער־טייל, אין וועלכער ס׳איז געווען די ראָטע, איז געווען אַרומגערינגלט מצד די פאַשיסטן. די מערהייט סאָלדאַטן זיינען אַריינגעפאַלן אין געפענגעניש. לויט אייניקע ידיעות, ווען מ׳האָט אין לאַגער אַרויסגערופן: „יידן און קאָמוניסטן — פאָרויס״, איז ער אַרויס פון דער ריי און גלייך דערשאָסן געוואָרן.

דעם קורס „שפּראַך קענטעניש״ האָט ביי אונדז געפירט **אייזיק זאַרעצקי**. כלפּי־חוץ איז ער געווען אַ טיפּישער פּראָפעסאָר, אַן אָפּגעשיידטער און אַ פאַרשלאָסענער. וועגן זיין לעבנס־גאַנג האָט מען שוין דעמאָלט דערציילט לעגענדעס. איינע פון זיי: נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע האָט ער — אַ יונגערמאַן — זיך

אָפּגעגעבן דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, אַריינגעטראָטן אין בונד. דערנאָך איז ער אַריבערגעגאַנגען אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, געהאַלטן אַז מ׳דאַרף ניט לערנען ניט דעם תנ״ך ניט העברעאיש בכלל. אינגיכן האָט ער זיך אָבער אַנטוישט אין דער אידעאָלאָגיש־פּאָליטישער טעטיקייט אויפֿן געביט פֿון קולטור. אין 1921 איז ער אַריין אין כאַרקאָווער פּאַרטיי־קאָמיטעט און אַוועקגעלייגט זיין מיטגליד־בילעט. ער האָט עס פֿאַרענטפֿערט דערמיט אַז ער וויל זיך אינגאַנצן אָפּגעבן דער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט. כ׳ווייס ניט צי איז דאָס אַ מעשה, צי אַזוי איז טאַקע ווירקלעך געווען. ווערדליק זיין כאַראַקטער איז עס אמת.



אייזיק זאַרעצקי

אייזיק זאַרעצקיס לעקציעס האָבן זיך אויסגעטיילט מיט אַלזייטיקייט און שטרענגער לאָגיק. אין זיי האָט זיך געלאָזט הערן זיין מאַטעמאַטישע בילדונג (ער האָט זיך געלערנט אויף דעם מאַטעמאַטישן פֿאַקולטעט פֿונעם דאָרפּאַטער אוניווערסיטעט, היינט: טאַרטו אין עסטאָניע). אונדז האָט געוואונדערט זיין ברייטע ערודיציע. ס׳איז ניט געווען, דאַכט זיך, קיין איין אָפּטייל פֿון שפּראַך קענטעניש בכלל און פֿון דער יידישער בפֿרט, מיט וועלכער ער זאָל זיך ניט פֿאַרנעמען. אין אַ צאָל ביכער און אַרטיקלען האָט זאַרעצקי באַגרינדעט זיין שטעלונג צום פֿאָנעטישן אויסלייג פֿון יידיש. דעם דאָזיקן פּרינציפּ האָט ער פֿאַרשפּרייט אויף די סעמיטישע לעקסישע עלעמענטן. אַזאַ אָרטאָגראַפֿיע האָט זיך, אין תוך גענומען, ביז עד־היום פֿאַרהיט אין סאָוועטישן יידיש.

אין זיינע לעקציעס פֿלעגט ער זיך ניט באַנוגענען מיט ביישפּילן פֿון יידיש. ער האָט אונדז אַריינגעפֿירט אין דער וועלט פֿון דער מאָדערנער לינגוויסטיק, ווי פֿון דער רוסישער, אַזוי אויך פֿון דער אויסלענדישער. ער האָט דערציילט וועגן די אַלגעמיינע געזעצן פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון מענטשלעכע שפּראַכן, וועגן די פּרינציפּן פֿון דער אוניווערסאַלער גראַמאַטיק. פֿון אים האָבן מיר דערהערט די נעמען פֿונעם אַקאַדעמיע מיטגליד מאַר, מיט וועמענס טעאָריע ער האָט ניט אינגאַנצן מסכים געווען; פֿון די רוסישע לינגוויסטן — א. פּאָטיעבניאַ, פּ. פֿאָרטונאַטאָוו, באָדוען דע קורטענע; פֿון די אויסלענדישע — פֿ. דע סאָסיור (זיין קורס פֿון אַלגעמיינער לינגוויסטיק איז דאַן אַרויס אין רוסיש, און זאַרעצקי האָט זיך אין אַ געוויסער מאָס באַזירט אויף דעם בוך) ווי אויך ע. סאַפּיר (סאַפּירס די שפּראַך איז געווען צווישן די קוואַלן פֿאַר זאַרעצקיס פֿאָרשונגען). ער פֿלעגט אויך ניט פֿאַרגעסן, אַז ער האָט צו טאָן מיט קומעדיקע לערער פֿון יידיש און שטענדיק געגעבן ידיעות ווי מ׳דאַרף לערנען מיט תלמידים די אָדער יענע שפּראַך פֿראַגן, אַז זיי זאָלן בעסער באַהערשן די יידישע גראַמאַטיק. ער האָט פֿאַנאַנדערגעאַרבעט די מעטאָדיק פֿון יידיש לימודים, אָנהייבנדיק פֿון דער אָנפֿאַנג־שול. אָנפֿירנדיק מיט אַספּיראַנטן האָט ער געפֿעסטעט נייע וויסנשאַפֿטלער.

נאָכדעם ווי מ׳האָט ליקווידירט דעם יידישן פֿאַקולטעט (אין 1938), האָט זאַרעצקי זיך איינגעאָרדנט אין קורסק, וואו ער האָט געלייענט — שוין אויף רוסיש — דעם קורס פֿון אַלגעמיינער שפּראַך וויסנשאַפֿט פֿאַר סטודענטן פֿון פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט.

גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער האָט פֿאַרמאָגט **יחזקאל דאָברושין** — ער איז געווען זייער אַ קאָמוניקאַבעלער. געלייענט האָט ער דעם קורס „יידישער פֿאָלקלאָר״. פּינקטלעכער, ניט געלייענט, נאָר געפֿירט אַ שמועס מיט אונדז, סטודענטן, וועגן דער פֿילדורותדיקער בעל־פּה שאַפֿונג פֿונעם יידישן פֿאָלק. ער פֿלעגט אַריינגיין אין דער אוידיטאָריע מיט זיין שטענדיקן שטעקן, אויף וויפֿל ער האָט אַ ביסל אונטערגעהונקען, זיך אַוועקזעצן אויף אַ שטול לעבן דעם ערשטן טיש, אויפֿמערקזאַם אַרומקוקן די צוהערער און אָנהייבן דערציילן מעשיות און מעשהלעך, אויף אויסווייניק איבערגעבן כלערליי לידער און לידעלעך, שפּריכווערטער און גלייכווערטער. אונטער די פּענסנע, וואָס ער האָט געטראָגן, פֿלעגן די אויגן אָנהייבן בליצן, באַזונדערס דעמאָלט ווען ער פֿלעגט דערפֿילן אַן אַקטיווע רעאַקציע פֿון דער אוידיטאָריע. צומאָל פֿלעגט ער אַפֿילו פֿאַרציען אַ ניגון, אויסזינגען דאָס ליד, וואָס ער האָט אַנאַליזירט. מיר האָבן געוואוסט אַז ער

איז באַשאַנקען מיט כשרונות אין מוזיק, קען פֿיין שפּילן אויף אַ פֿידל.



יחזקאל דאָברושין

אונדז האָט זיך געדוכט אַז דאָברושין איז שוין אַלט, הגם אין די דרייסיקער יאָרן איז ער ערשט אַריבער די חמישים. צו יענער צייט איז ער געווען ברייט באַקאַנט ווי אַ שריפֿטשטעלער און אַ ליטעראַטור קריטיקער. קלייבן אוצרות פֿונעם יידישן פֿאָלקלאָר איז געווען זיינס אַ „פֿערדל". געקליבן האָט ער ניט נאָר דעם פֿריערדיקן, אַמאָליקן פֿאָלקלאָר, נאָר אויך דעם ניי־געשאַפֿענעם, ביי אונדז אין לאַנד. אין 1939 האָט ער אַרויסגעלאָזט צוויי זאַמלונגען — פֿאָלקס־מעשיות און יידישער סאָוועטישער פֿאָלקלאָר.* שפּעטער, אין די 1940, האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט אַ גרויסן פֿאַראַלגעמיינערטן זאַמלבוך יידישע פֿאָלקס־לידער.

אַ מענטש פֿון הויכער אַלזייטיקער קולטור (ער האָט פֿאַרענדיקט די סאָרבאָנע אין פּאַריז) האָט זיך דאָברושין פֿולקום אָפּגעגעבן דער יידישער ליטעראַטור. תּחילת איז ער אַרויסגעטראָטן ווי אַ דיכטער, שפּעטער — געוואָרן זייער טעטיק אין ליטעראַטור קריטיק און ליטעראַטור פֿאָרשונג. מ׳קען דערמאָנען זיינע ביכער דוד בערגעלסאָן (מאָסקווע, 1947), און די דראַמאַטורגיע פֿון די קלאַסיקער (מאָסקווע, 1948). ער האָט אויך אָנגעשריבן ביכער וועגן זיינע פֿריינט — די באַרימטע אַקטיאָרן פֿונעם מאָסקווער יידישן טעאַטער שלמה מיכאָעלס און בנימין זוסקין. אַ טאַלאַנטירטער דראַמאַטורג, האָט ער אָנגעשריבן אַ ריי פּיעסעס; אייניקע פֿון זיי זיינען אויפֿגעפֿירט געוואָרן אויף דער בינע פֿון דעם מאָסקווער און אַנדערע יידישע טעאַטערן (דער געריכט גייט; איבן זעכציק צווייטן; הייסע הערצער). דאָס זיינען געווען פּובליציסטישע דראַמעס אויף די „ברענענדיקע" טאָג־טעמעס. נאָך מער פּובליציסטיש אָנגעלאָדן זיינען געווען זיינע איינאַקטערס (גאָט דער פֿייער — יוגנט־פּלאַקאַט אין דריי בילדער; אַרום אַ ביידל; אגראָ־פּיעסע און אַנדערע). אָבער דעם גרעסטן קינסטלערישן ווערט האָבן זיינע אינסצענירונגען פֿון ווערק פֿון דער קלאַסישער יידישער ליטעראַטור — פֿון שלום־עליכמס דריי פּינטעלעך; מנחם־מענדל; טביה דער מילכיקער (צוזאַמען מיט נ. אויסלענדער) און גאָלדפֿאַדענס דאָס צענטע געבאָט און די כּישוף־מאַכערין.

יחזקאל דאָברושין איז געווען, ווי איך האָב שוין אָפּגעמערקט, אַ מענטש זייער אָן אָפֿענער, אַ קאָמוניקאַבעלער. זיין דירה אויף דער גאָרקי גאַס איז תּמיד געווען אָפֿן פֿאַר יעדערן וואָס האָט זיך אינטערעסירט מיט יידישער קולטור.

דער סוף פֿון זיין לעבן איז געווען אַ טראַגישער. ווי אַ מיטגליד פֿונעם יידישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט, אין דער טעטיקייט פֿון וועלכן ער האָט גענומען אָן אַקטיוון אָנטייל, איז ער אין יאַנואַר 1949 רעפּרעסירט געוואָרן. מ׳האָט אים פֿאַרשיקט צום פּאָלאַר־קרייז, אין אַבעזער לאַגער, וואו ער האָט געפֿונען זיין אייביקע רו.

אַן ענלעכער גורל איז אויסגעפֿאַלן אויך אויף אַנדערע פּראָפֿעסאָרן אונדזערע. דער ערשטער קרבן צווישן זיי איז געווען **משה ליטוואַקאָוו**, דער סאַמע אומרואיקער גייסט אין דער דעמאָלטיקער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור. מיר איז ניט אויסגעקומען צו הערן זיינע לעקציעס, ווייל ער האָט געאַרבעט מיט די סטודענטן פֿונעם לעצטן קורס, ווען מ׳האָט שטודירט די היינטצייטיקע יידישע ליטעראַטור, איבערהויפּט די סאָוועטישע. פֿון די אויסלענדישע יידישע שרייבער פֿלעגט מען אויסקלייבן בלויז אייניקע, ווי מ׳פֿלעגט זאָגן: „פּראָגרעסיווע". ווען איך האָב דערגרייכט דעם קורס איז משה ליטוואַקאָוו שוין פֿאַרשוואונדן געוואָרן און מ׳האָט אים גלייך צוגערעכנט צו די „שונאים פֿון פֿאָלק". דאָס האָט געטראָפֿן אין 1936, בשעת דער ערשטער כוואַליע פֿון אויסראָטן די אַזוי־גערופֿענע טראָצקיסטישע און אַנדערע „שעדלעכע עלעמענטן".

אַ שאַרפֿער פּאָלעמיסט איז אויך געווען **יצחק נוסינאָוו**. ער האָט געלייענט דעם קורס „געשיכטע פֿון

*) לויט שמערוקס ביבליאָגראַפֿיע (נ. 1045), הייסט דאָס בוך: סאָוועטישע יידישע פֿאָלקס־לידער. — ד.־ב. ק.



משה ליטוואַקאָוו

דער מערב ליטעראַטור". אַ מענטש אַ צעטראָגענער, שטענדיק אין איילעניש, פלעגט ער ניט זעלטן פאַרשפעטיקן אויף די לעקציעס. אָבער אַט לויפט ער אריין און גלייך הייבט ער אָןריידן. קיינמאָל האָט ער ניט געהאַט קיין שום קאָנספּעקטן, גערעדט האָט ער אָבער זייער פליסיק, איך געדענק ניט אַז ער זאָל זיך פאַרפּלאָנטערן. כאַראַקטעריסטיש, אַז וועגן דעם שאַפונגס־וועג פון אַ שריפטשטעלער פלעגט ער דערציילן לחלוטין ניט קאָנסעקווענט: ניט ווי דער שרייבער איז אַריינגעטראָטן אין דער ליטעראַטור, האָט זיך ווייטער אַנטוויקלט א.א.וו. ניין, ער פלעגט פירן אַ רייד וועגן די הויפּט־געשטאַלטן, וואָס דער אָדער יענער מחבר האָט געשאַפן, און גלייך פאַרגלייכן און קעגנשטעלן פאַרשיידענע פּערסאָנאַזשן — פּראָמעטיי און פאוסט, דאָן־קיכאָט און האַמלעט, קאַרל מאָאָר און טשאַילד־האַראָלד... גלייכצייטיק פלעגן אויפשווימען אויך געשטאַלטן פון דער יידישער ליטעראַטור: דער קעניג ליר און טביה דער מילכיקער, מאַדאַם באָוואַרי און מירעלע הורוויץ... די יידישע ליטעראַטור פלעגט אָרגאַניש אַריין אין די ראַמען פון דער וועלט ליטעראַטור.

צו יצחק נוסינאָוון איז ביי מיר אַ באַזונדערע באַציאונג, איך האַלט אים פאַר מיין גייסטיקן פאָטער, מיין מדריך ברוח. ער האָט מיך רעקאָמענדירט אין דער אַספּיראַנטור, נאָכגעשפּירט נאָך מיינע ערשטע טריט אין וויסנשאַפט.

אין עלטער פון העכער פופציק יאָר, ניט קיין מיליטער־פליכטיקער, האָט ער זיך פרייוויליק פאַרשריבן



יצחק נוסינאָוו

אין דער מאָסקווער פאָלקס־אָפּאָלטשעניע, וואָס מ'האָט פאַרמירט אין אָנהייב פון דער מלחמה. מיר, זיינע יונגע תלמידים, זיינען געווען שטאָלץ וואָס צוזאַמען מיט אונדז מאַרשירט דער בארימטער פּראָפעסאָר. אמת, ס'איז געווען אַ ביסל קאָמיש צו זען אים אין אַ מיליטערישער אוניפאָרם, אין שיך מיט וויקל־געטרעס. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט מען אים באַפרייט פון דער מיליטער־דינסט. אָבער קעמפן קעגן פאַשיזם האָט ער ניט אויפגעהערט. מ'האָט אים אויסגעקליבן ווי אַ מיטגליד פונעם יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט און מיט דער פען האָט ער פאָרגעזעצט דעם קאַמף.

צופעליק האָבן מיר זיך באַגעגנט אין דער צייט פון דער מלחמה. פאַרוואונדעט אין די שלאַכטן אויפן פראָנט האָב איך זיך געהיילט אין אַ שפּיטאָל הינטער מאָסקווע. ווען איך האָב זיך געשטעלט אויף די פיס האָט מען מיר דערלויבט צופאָרן קיין מאָסקווע, און מיין ערשטער באַזוך איז געווען אין יידישן טעאַטער. בעתן אַנטראַקט, שפּאַצירנדיק אין פאָיע, האָב איך פלוצלינג דערהערט ווי מ'האָט אויסגערופן מיין נאָמען. דאָס האָט מיך דערזען נוסינאָוו. ער איז צוגעלאָפן צו מיר און גענומען גלייך אויספרעגן, ווי איז די לאַגע אויף דעם חלק פראָנט, וואו איך בין געווען פאַרוואונדעט.

באַלד נאָכן נצחון האָב איך זיך אומגעקערט קיין מאָסקווע. אָבער פאָרזעצן מיין וויסנשאַפטלעכע אַרבעט איבער דער דייטשישער ליטעראַטור, מיט וועלכער איך האָב זיך פאַרנומען פאַר דער מלחמה, איז מיר מאָראַליש געווען שווער. געקומען בין איך מיט מיינע ספקות ווידער

צו נוסינאָוון, כאָטש דער אָפיציעלער וויסנשאַפטלעכער אָנפירער איז ביי מיר געווען אַן אַנדער פּראָפעסאָר. נוסינאָוו האָט פאַרשטאַנען מיין מצב, געגעבן גוטע עצות און איינגעגאַנגען שפּעטער צו זיין אַן אָפיציעלער אָפּאָנענט פון מיין קאַנדידאַטן⸗דיסערטאַציע.

אין די יאָרן נאָך דער מלחמה פלעגט די שטימונג ביי נוסינאָוון ווערן אַלץ ערגער און ערגער. אין לאַנד האָט זיך אָנגעהויבן די קאַמפּאַניע קעגן „קאָסמאָפּאָליטיזם", קעגן דער כלומרשטער אַכפּערונג פון דער מערבדיקער בורזשואַזער קולטור. און ווי דער ערשטער שעיר⸗לעזאזל איז אויסגעקליבן געוואָרן יצחק נוסינאָוו. פאַרוואָס ער? נאָך סוף דרייסיקער יאָרן האָט נוסינאָוו אַרויסגעלאָזט אַ בוך אויף רוסיש, פּושקין און די וועלט ליטעראַטור אין וועלכן ער האָט באַוויזן ווי דער גרויסער רוסישער פּאָעט האָט אויף זיין אופן אויסגענוצט פאַרשיידענע סיפּור⸗המעשהם פון דער וועלט ליטעראַטור. אַזאַ זע⸗פּונקט האָט מען אויסגעטייטשט ביז גאָר פּרימיטיוו — אַז פּושקין האָט, לויט נוסינאָוון, בלויז נאָכגעמאַכט די אויסלענדישע שריפטשטעלער.

שוין דעמאָלט איז געווען קלאָר אַז דער קאַמף קעגן קאָסמאָפּאָליטיזם איז געווען אַ שירעם פאַר אַ ברייטער אַנטיסעמיטישער קאַמפּאַניע, דער ציל פון וועלכער איז געווען די פיזישע פאַרטיליקונג פון יידן — טוער פון קונסט, וויסנשאַפט, מעדיצין. אין יאַנואַר 1949 איז, צווישן אַנדערע, אויך יצחק נוסינאָוו אַוועקגעפירט געוואָרן צו די קאַזעמאַטן פון דער טרויעריק⸗באַרימטער לוביאַנקער תפיסה. דאָרט איז ער אינגיכן געשטאָרבן.

לויט דער אַלזייטיקער קולטור⸗ענציקלאָפּעדישער באַהאַוונטקייט איז צו יצחק נוסינאָוו אין אַ געוויסער מאָס ענלעך **מאיר ווינער**. אין זיין קורס פון דער געשיכטע פון יידישער ליטעראַטור האָט ער געעפנט פאַר אונדז אַזעלכע נעמען און ווערק פון דער פריערדיקער ליטעראַטור, ביז מענדעלע, וועגן וועלכע מיר האָבן קיין אַנונג ניט געהאַט: אייכעל, וואָלפסזאָהן, פּערל, אַקסענפעלד, עטינגער און אַנדערע.

מיר האָבן געוואוסט אַז מאיר ווינער איז געקומען אין סאָוועטנפאַרבאַנד פון ווין, אַז נאָך פריער האָט ער זיך געלערנט אויפן פילאָזאָפישן פאַקולטעט פונעם זשענעווער אוניווערסיטעט. שוין דעמאָלט האָט ער זיך פאַראינטערעסירט מיט דער אוראַלטער יידישער קולטור, אַרויסגעלאָזט אַן אַנטאָלאָגיע פון העברעאישער פּאָעזיע. שפּעטער האָט ער זיך באַגעגנט מיט די סאָוועטישע יידישע שרייבער דוד בערגעלסאָן, פּרץ מאַרקיש, לייב קוויטקאָ, וועלכע זיינען אָנהייב צוואַנציקער יאָרן געקומען קיין בערלין. די באַגעגעניש איז געווען אַ



מאיר ווינער

סטימול פאַרן אַריבערפאָרן אין סאָוועטנפאַרבאַנד. די ערשטע צייט האָט ער געאַרבעט אין אַ ריי וויסנשאַפטלעכע אַנשטאַלטן אין אוקראַינע, אין כאַרקאָוו און אין קיעוו, דערנאָך אַריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע, וואו עס האָט זיך ברייט פאַנאַנדערגעוויקלט זיין וויסנשאַפטלעכע און קינסטלערישע טעטיקייט.

זיין בוך, עטיודן וועגן מענדעלע מוכר ספרים אין די זעכציקער און זיבעציקער יאָרן האָבן מיר שטודירט דורך און דורך, הגם, ווי איך געדענק, ניט אַלץ האָט אונדז באַפרידיקט. די זאַך איז, וואָס דאָס בוך איז אַרויס אין 1935, ווען אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור קענטעניש האָבן זיך געפירט הייסע דיסקוסיעס וועגן דעם אופן פון אויסטייטשן די קלאַסיקער. מ'איז שוין אַרויסגעטראָטן קעגן דעם סאָציאָלאָגישן קלאַסן⸗פּרינציפּ, אָבער ווינער האָט געשריבן זיין בוך פריער, אַזוי אַז אינעם ווערק האָבן זיך אַנטפּלעקט די וואולגאַר⸗סאָציאָלאָגישע איינשטעלונגען.

איך קען דאָ ניט דורכלאָזן דעם סוף פון מאיר ווינערס לעבן, וואָס איז בעסטיאַליש איבערגעריסן געוואָרן. גלייך נאָכן אָנפאַל פון דער היטלערישער אַרמיי אויפן ראַטנפאַרבאַנד איז ווינער פרייוויליק אַריינגעטראָטן אין דער מאָסקווער פאָלקס⸗אָפּאָלטשעניע, צוזאַמען מיט זיין נאָענטן חבר אהרן גורשטיין, מיט וועמען ער האָט, דרך אגב, אָנגעשריבן עטלעכע אַרטיקלען און ביכער. און ער איז, אַזוי ווי גורשטיין, אַריינגעפאַלן אין געפענגעניש. מ'האָט מיר דערציילט, אַז אין לאַגער פאַר די קריגס⸗געפאַנגענע האָט ווינער צווישן די וועכטער דערקענט אַן עסטרייכער, וואָס האָט זיך געלערנט מיט אים אויף איין




זלמן ליבינזאָן
(1992 — 1918)
(געצייכנט: ז. ש. פּראַווער)

קורס אין אוניווערסיטעט. יענער האָט אָבער ניט נאָר ניט פֿאַרלייכטערט ווינערס גורל, נאָר גענומען אַ דירעקטן אָנטייל אינעם צעשיסן די יידישע זעלנער. אַזוי צי אַזוי, נאָר מאיר ווינער, דער פּראָמינענטער געלערנטער, געהערט צו די קרבנות פֿונעם היטלערישן פֿאַשיזם.

די דערציילונג ווענן מיינע לערער קען מען פֿאָרזעצן, און מ׳דאַרף עס טאָן, ווייל יעדער פֿון זיי איז געווען אַן אויסנעמיקע פּערזענלעכקייט. זיי זיינען געווען ניט בלויז לערער, נאָר אויך אַקטיווע בויער פֿון דער יידישער קולטור. לאָמיך דאָ אָנרופֿן **עליע פֿאַלקאָוויטש**, ווענן וועלכן יוסף קערלער האָט געשריבן אין ערשטן באַנד אָקספֿאָרדער יידיש. אויב אייזיק זאַרעצקי איז געווען איבערהויפּט אַ טעאָרעטיקער פֿון יידישער שפּראַך קענטעניש, איז פֿאַלקאָוויטש געווען מער אַ פּראַקטיקער. ער האָט ביי אונדז געפֿירט לימודים פֿון יידישער גראַמאַטיק.

עס האָבן זיך אויך פֿאַרגעדענקט די נעמען פֿון **אברהם טשעסקים** און זיינע לעקציעס פֿון פֿילאָזאָפֿיע, פֿון **שלמה ריווועס**, דעם לעקטאָר פֿון פּעדאַגאָגיק, פֿון **טביה חייליקמאַן**, וועלכער האָט געלייענט דעם קורס פֿון יידישער געשיכטע (ניט דער פּולער געשיכטע, דאָס איז געווען פֿאַרווערט, נאָר בלויז איבער דער געשיכטע פֿון יידן אין רוסלאַנד).

אין די דרייסיקער יאָרן האָבן זיך באַוויזן יונגע לערער, וועלכע האָבן געוויינלעך געפֿירט פּראַקטישע לימודים איבער דער יידישער ליטעראַטור. דאָס זיינען: **הערש רעמעניק**, אין די שפּעטערדיקע יאָרן — אַ באַוואוסטער ליטעראַטור קריטיקער; **רבקה רובין**, וועמענס טאַלאַנט האָט זיך ברייט אַנטפּלעקט נאָך דער מלחמה, ווען זי האָט אָנגעשריבן גלענצנדיקע ליטעראַטור־קריטישע עטיודן (אירע פּראָזע־ווערק זיינען ניט אַזוי ווערטפֿול און אינטערעסאַנט); **מיליע וואָרטמאַן**, וועלכער האָט אין מיינע סטודענטישע יאָרן פֿאַרטיידיקט זיין קאַנדידאַטן־דיסערטאַציע ווענן פּרץ מאַרקישעס שאַפֿונג.

דעם יידישן פֿאַקולטעט האָט מען פֿאַרמאַכט אין 1938, צוזאַמען מיט אַנדערע יידישע פּעדאַגאָגישע אינסטיטוציעס. אין דער געשיכטע פֿון דער יידישער קולטור פֿאַרנעמט דער פֿאַקולטעט אַ בכבודיק אָרט, ווייל אַחוץ לערער פֿאַר יידישע שולן האָט ער דערצויגן אַ גאַנצן דור יידישע שרייבער און קולטור טוער: שמואל גאָרדאָן, משה בעלענקי, נחום לעווין, עליע גאָרדאָן, נאָטע לוריע, טוביה גען, בוזי מילער, אהרן ווערגעליס, אהרן ראַסקין, שלמה רויטמאַן און אַ סך אַ סך אַנדערע.

# דאָס יאָר 1937

פון

בלומע קאַץ

(סווינציאַן)

## א

מיין טאַטע, זיינע עלטערן, זיידעס און עלטער־זיידעס — אַלע שטאַמען פון סווינציאַן (אויף ליטוויש — שווענטשיאָנים). מיין מאַמעס משפּחה שטאַמט פונעם דאָרף גאַוויקען, וואָס איז האַרט לעבן איגנאַלינע. האָבן מיין מאַמע מיטן טאַטן געאַרבעט אין ווילנע, זיך דאָרט באַגעגנט און חתונה געהאַט. ערב דער ערשטער וועלט מלחמה האָט דער טאַטע לאַנג צי ניט לאַנג געטראַכט, איבערלאָזן מיין מאַמען אַ שוואַנגערע און מיט אַ קינד פון צוויי יאָר, און אַוועקגעפאָרן אין אַמעריקע, וואוהין עס זיינען געפאָרן טויזנטער צו זוכן גליקן, אַ לייכטער לעבן אין דעם „גאָלדענעם לאַנד”. ער האָט פאַרזיכערט דער מאַמען אַז ווי נאָר ער וועט אָנהייבן אַרבעטן און „מאַכן אַ לעבן”, וועט ער אונדז נעמען צו זיך. אין דעם איז ער, ווייזט אויס, געווען זיכער, און אין דעם האָט מיין מאַמע געגלייבט.

דאָ האָט אויסגעבראָכן די מלחמה, און אַלץ איז אַוועק מיט רויך און שריפות, מיט הונגער און נויט, מיט בלוטפאַרגיסונגען. מיין עלטערער ברודער איז געשטאָרבן פון דיסטראָפיע. מיר מיט דער מאַמען האָט אויך געדראָט דאָס אייגענע. דאַן האָבן אַ סך שכנים געעצהט אַז מיר זאָלן פאָרן קיין סווינציאַן, צו דער באָבען: דאָרט וועט זיין אַ דאַך איבערן קאָפּ און מערער מעגלעכקייטן צו פאַרדינען אויף אַ שטיקל ברויט.

אין סווינציאַן האָב איך געענדיקט די זיבן־קלאַסיקע יידישע פאָלקס־שול, דערנאָך האָב איך אַנדערטהאַלבן יאָר געלערנט אין דער סווינציאַנער יידישער גימנאַזיע, ביז מ׳האָט די גימנאַזיע ניט צוגעמאַכט, מחמת זי איז געווען אַ יידישע, אַ פּריוואַטע הייסט דאָס, עקזיסטירט אָן קיין שום מלוכהשער הילף. אַזוי אַרום האָט די גימנאַזיע ניט געהאַט קיין מלוכהשע רעכט, מיט וועלכע מ׳האָט געבענטשט אַזעלכע יידישע שולן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון יידיש; די דאָזיקע אַסימילאַטאָרן פלעגן זיך קרוינען: פּאָליאַקן פון משהם גלויבן.

דער טויט פון אונדזער גימנאַזיע איז געווען אַ גרויסער קלאַפּ פאַרן גאַנצן יידישן שול־וועזן, פאַרן צענטראַלן בילדונגס־קאָמיטעט („צע בע קאַ”) פון ווילנער קרייז. אין ווילנע איז געווען אַ ניט קיין געשריבענער געזעץ מכח די געוועזענע סווינציאַנער גימנאַזיסטן, מען זאָל זיי אויף ווי ווייט מעגלעך העלפן פאָרצוזעצן די לימודים אָדער אין דער יידישער רעאַל־גימנאַזיע אויף רודניצקער גאַס 6, אָדער אין ס. מ. גורעוויטש גימנאַזיע* אויף מאַקאָווער גאַס, אָדער אַפילו אין דעם יידישן לערער סעמינאַר — ניט געקוקט אויף דעם וואָס עס זיינען שוין פאַרביי צוויי חדשים פונעם לערניאָר 1929\1930; ביז דער מיט נאָוועמבער 1929 האָט נאָך אונדזער גימנאַזיע געגוססט.

מיין באַשלוס איז געווען זיך ווענדן אין דעם לערער סעמינאַר, מחמת איך האָב שוין לאַנג געטרוימט וועגן אַ פעדאַגאָגישער בילדונג, געהאַט צו דעם אַ נייגונג. כ׳האָב אויסגערעכנט אַז איך וועל קענען פאַרדינען עטלעכע זלאָטעס — אפשר וועט זיך מאַכן אַ פּריוואַטע לעקציע, אפשר אַן אַנדער אַרבעט. אויף אַ גאָר קליינער הילף האָב איך זיך געקענט אויסרעכענען מצד דער מאַמען, וואָס האָט שווער געהאָרעוועט, קוים געצויגן איר חיונה. כ׳האָב אויך געוואוסט אַז ביים סעמינאַר איז געווען אַן

*) וועגן דער גורעוויטש גימנאַזיע זע אין דעם איצטיקן באַנד אהרן גאַראָנס קאַפּיטל זכרונות, שפּאַלטן 153-168. — רעד.

אינטערנאַט אויף סובאָטש גאַס 27. עס שטייען נאָך ביז היינט די צוויי פינף־עטאַזשיקע מויערן, וועלכע די ווילנער יידישע קהילה האָט אויסגעבויט פאַר אָרעמעליים; צוויי עטאַזשן, דעם פערטן און דעם פינפטן, האָט מען אָפּגעגעבן פאַר די שילער פונעם סעמינאַר. דער שכר־לימוד איז געווען אַ מינימאַלער, און ביי גרויס נויט האָט מען פון אים אויך באַפרייט.*

נאָכן ענדיקן דעם דריטן קורס (די פּראָגראַם איז געווען אויסגערעכנט אויף פינף יאָר) האָט מען דעם סעמינאַר געשלאָסן. דער אָפיציעלער מאָטיוו איז געווען אַז אין סעמינאַר פונקציאָנירט אַ קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציע. דיווירקלעכע סיבה איז געווען אַן אַנדערע. די פּוילישע רעגירונג האָט געפירט אַ פּאָליטיק פון טאָטאַלער אַסימילאַציע. פאַר יידישע קינדער איז געווען אַ נעץ שולן מיטן אונטערריכט אויף פּויליש. די שולן האָבן געהייסן אויפן נאָמען פון בערקאַ יאַסעלעוויטש, דעם באַרימטן העלדישן ייד וואָס האָט געקעמפט פאַר דער פּוילישער אומאָפּהענגיקייט, קעגן דער צאַרישער אָקופּאַציע (ב. יאָסעלעוויטש איז אַ העלד פון יוסף אָפּאַטאָשוס אין פּוילישע וועלדער).

איך האָב זיך געמוזט אומקערן אין סווינציאַן, צו דער מאַמען. מיין פריינט, מיין חבר, מיין חתן (ביי אונדז איז געווען אָנגענומען צו זאָגן „מיין יאַט"), שמעון יאַוויטש, איז געבליבן אין ווילנע, וואו עס האָט געלעבט זיין מאַמע. ער האָט געהאָפט צו קריגן אַ באַליביקע אַרבעט און אַ מעגלעכקייט אַז מיר זאָלן קענען לעבן צוזאַמען.

אין פּוילן איז אין די דרייסיקער יאָרן געווען אַ גוואַלדיקער עקאָנאָמישער קריזיס, אַ שרעקלעכע אַרבעטסלאָזיקייט. די גרעסטע צאָל קרבנות זיינען געווען יידישע יוגנטלעכע. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַגיטאַציע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ראַטנפאַרבאַנד, אויסנוצנדיק די היגע קאָמוניסטן, מען זאָל פאָרן אין סאָוועטישן רוסלאַנד. מ'האָט צוגעזאָגט ברידערלעכקייט, אַרבעט, בילדונג — יעדן לויט זיין באַגער, לויט זיינע פעאיקייטן, אומאָפּהענגיק פון דער נאַציאָנאַליטעט. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ מגיפה — לויפן אין ראַטנ־פאַרבאַנד, גנבענען די גרענעץ. עס האָבן זיך געפונען פירער, וועגווייזער, און פאַר אַ געוויסן געצאָלט „פאָרט מען אַוועק גלייך אין גן־עדן".

אויף אָט דער ווענטקע האָט זיך אַרויפגעכאַפּט מיין יאַוויטש. אין אָקטאָבער 1932 איז ער געקומען אין סווינציאַן, זיך בסודי סודות געזעגענען און פאַרזיכערן אַז ווי נאָר ער וועט זיך דאָרט איינאָרדענען, ווי נאָר ער וועט אָנהייבן לערנען, וועלן מיר זיין צוזאַמען. ער וועט מיך אַרויסרופן.

אין רוסלאַנד האָט מען אָבער יאַוויטשן במשך אַכט צי ניין חדשים געהאַלטן אין אַ לאַגער פון קאַטאָרזשנער אַרבעט, וואו מ'האָט שרעקלעך געהונגערט. זיי האָבן געמוזט זינגען, אַז זיי, די „אַריבערלויפער", זיינען די גליקלעכסטע מענטשן. פון דעם לאַגער האָט מען אים געשיקט אויף אוראַל, קיין מאַגניטאָגאָרסק, וואָס איז געווען אַ נייע אינדוסטריעלע שטאָט. ער איז טאַקע אָנגעקומען זיך לערנען אין אַ לערער סעמינאַר, פאַרגעזעצט זיין האַלב הונגעריק לעבן, שוין ווי אַ סטודענט. האָט ער אָנגעהויבן שרייבן באַגייסטערטע בריוו, אַז איך זאָל קומען צו אים, אַז מיר וועלן זיין גליקלעך, פּונקט ווי יעדער שרייבט צו זיין געליבטע. און איך האָב אָפּגעטאָן דעם גרעסטן פאַרברעכן לגבי מיין מאַמען, וועמענס „אויג און קאָפּ" איך בין געווען, און זיך געלאָזן אין וועג אַריין צוזאַמען מיט יאַוויטשעס עלטערן ברודער. דאָס איז געווען אין מאַי 1935.

# ב

ווען איך הער נאָר די ווערטער „ניינצן זיבן און דרייסיק" הייבט מיך אָן טרייסלען ווי אין פיבער, עס גייט אַריבער אַ קעלט ביז די ביינער, ס'פאַלט אָן אַ ווילדע שוואַכקייט, וועלכע שטערט אָבער ניט צו זען פאַר די אויגן אַלץ וואָס מען האָט איבערגעלעבט.

...עפנסט נאָר די אויגן און דער ראַדיאָ מעלדעט שוין אַז מיר מוזן זיין אויפמערקזאַם, פאָרזיכטיק, מיר זיינען אַרומגערינגלט מיט שונאים, אונדז פאַרגינט מען ניט אונדזערע דערפאָלגן, אונדזער גליקלעך לעבן, צו אונדז שיקט מען שפּיאָנען, זיי ווילן אונדז דערשטיקן, זיי זיינען צווישן אונדז, דערקענט זיי, גיט צו וויסן וועגן זיי אין די אָרגאַנען ען־קאַ־ווע־דע.

עפנסט נאָר די טיר און די שכנטע זאָגט מיט פחד: „איר האָט געהערט? דעם האָט מען צוגענומען, יענעם אויך". און זי גיט דערביי צו: „מיר קענען דען וויסן ווער עס רינגלט אונדז אַרום?"

קומסט צו דער אַרבעט און זעסט אַז דיין מיטאַרבעטערין איז טויט בלייך, וואַקלט זיך אויף די פיס, ווי זיי וואָלטן געווען פון גומע. די אויגן זיינען רויט, געשוואָלן. ביי אירער אַ נאָענטע האָט שוין דער אומגליק געטראָפן. אין עטלעכע מינוט אַרום — אַ פאַרזאַמלונג.

*) וועגן ווילנער יידישן לערער סעמינאַר זע דער מחברטעס זכרונות אין אָקספאָרדער יידיש 2, זז. 254-241, ווי אויך אַרטור לערמערס זכרונות אין דעם איצטיקן באַנד, שפּאַלטן 188-173. — רעד.

דער אינהאַלט איז אַלעמען באַקאַנט: „צווישן אונדז גייען אַרום שונאים פון פאָלק, דער און דער, די און די. און מיר, צו אונדזער שפּאָט און שאַנד, האָבן זיי ניט באַמערקט. אמת, זיי קענען זיך מאַסקירן, אָבער אונדזערע וואַכזאַמע אָרגאַנען וועסטו ניט אָפּנאַרן, זיי געפינען, זיי געדענקען, זיי זיינען אויף דער וואַך — לאַנג לעבן זאָלן זיי! דערפאָלג זיי!"

ס'ווילט זיך וואָס גיכער קומען צו זיך אין צימער, אין מיין היים, פאַרמאַכן די טיר און פענצטער, זיך פרייען מיט אונדזער אייניאָריק טעכטערל, רואיק אָפּעסן אונדזער באַשיידן אָוונטברויט. איך קוק אויף שימקען — ביי אים זיינען „אויסגעוואַקסן" זיינע שיינע, קלוגע אויגן, ער קוקט אויף מיר, מיר ביידע — אויף אונדזער קינד און אויף שימקעס מאַמע וועלכע לעבט מיט אונדז צוזאַמען. מיר פאַרשטייען אַלץ אָן ווערטער, עס פעלן ווערטער וועלכע וואָלטן געקענט זאָגן וואָס ניט איז וועגן אונדזער מצב, וועגן אונדזער שרעק פאַרן גורל פונעם קליינעם טעכטערל און פון דער אַלטער מאַמע. שימקע איז אַן אָפּטימיסט, ער טרייסט מיך און זאָגט אַז מיר דאַרפן זיך ניט זאָרגן, ווייל מיר זיינען ערלעכע מענטשן. און ערלעכע מענטשן נעמט מען ניט...

אין אַזאַ אָוונט, דעם 28טן אָקטאָבער 1937, האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז אונדזערע באַקאַנטע, אויך ווילנער, האָט מען אַרעסטירט. זאָג איך צו מיין מאַן: „הער נאָר, שימקע, זאָג מיר, וואָס קומט דאָ פאָר? דו ביסט קליגער פון מיר, אַ ביסעלע עלטער און אַ ביסעלע לענגער לעבסטו אין רוסלאַנד". ענטפערט מיר מיין קלוגער מאַן, אייגנטלעך אַזוי ווי עס וואָלט געענטפערט כמעט יעדערער ווער עס איז שוין „דערצויגן" געוואָרן לויט די סאָוועטישע מנהגים: „ווייזט אויס אַז ביי וועלוולען, למשל, איז פאָרט עפּעס ניט אין אָרדענונג. מען האָט מיר געזאָגט אַז ער האָט געלערנט אין אַ ישיבה. חיים, צום ביישפּיל, האָט געהאַט רייכע עלטערן, זיין זיידע איז געווען אַ רב. און משהלע איז, זאָגט מען, געווען אַ ציוניסט". א.א.וו.

לייג איך פאָר מיר זאָלן אַריינגיין צו סטאָנקיעוויטשן, אונדזער גוטן פריינט, איך אַרבעט מיט זיין פרוי. מיר באַגעגענען זיך אויף משפּחה יום־טובים און ביי אַנדערע געלעגנהייטן. און דאָס וויכטיקסטע איז אַז ער איז דער הויפּט־ריכטער אין אונדזער שטאָט, ער איז אַ זעלטן גוטער יוריסט. גערעדט און געטאָן. מיר קומען אַהין. אָנשטאָט דער האַרציקער גאַסטפריינטלעכקייט, צו וועלכער מיר זיינען צוגעוואוינט, באַגעגענען אונדז קאַלטע ווייסע פּנימער, צעשטרייטע, פאַרלאָרענע. מען לייגט אונדז אַפילו ניט פאָר אַז מיר זאָלן זיך זעצן. מיר שטייען עטלעכע מינוט, מיר פילן אַז מיר זיינען ווייט ניט קיין געגאַרטע געסט. קיינער פאַרהאַלט אונדז ניט, נאָר וואַליע, די פרוי, יאָגט אונדז אָן און זאָגט, אַז מען האָט היינטיקע נאַכט אַרעסטירט איר מאַנס ברודער.

גייען מיר אַהיים. אונטערוועגנס פרעג איך: „שימקע, איז דאָס מעגלעך אַז אונדז זאָל טרעפן אַזאַ גורל?" ענטפערט ער: „אַזעלכע געדאַנקען דאַרפן מיר ניט דערלאָזן".

## ג

אין דער זעלבער נאַכט דעם 28טן אָקטאָבער 1937, האָט מען שימקען אַרעסטירט.

דעם 12טן נאָוועמבער 1937 האָב איך זיך גאָר פרי אַוועקגעשטעלט צו דער טורמע, וואו לויט דער אינפאָרמאַציע וועלכע איך האָב באַקומען, איז געזעסן מיין מאַן. איך האָב זיך דערוואוסט וועגן דעם פון דעם קאַפּיטאַן (אָדער מאַיאָר) סטעפּאַנאָוו, צו וועמען איך בין געגאַנגען אַלע טאָג, אָפּגעקלאַפּט, ווי מ'זאָגט, די טיר. ענדלעך האָב איך דערלעבט, נאָך צוויי וואָכן מאַטערניש, די גליקלעכע מינוט.ביים טיש איז געזעסן אַ בייזער מאַן, אַ שמאָלער זאַט פּנים מיט אויגן ווי ביי אַ סאָווע, וועלכע קוקן בייז און דראָענדיק.

„וואָס ווילט איר?"

לייג איך אוים מיין צוגעגרייטע רעדע, דוכט זיך זייער איבערצייגעוודיקע און לאָגישע דערווייזונגען וועגן דער מיספאַרשטענדעניש בנוגע יאַוויטשן. הערט ער מיך אוים, כ'זע ווי זיינע קינבאַקן באַוועגן זיך:

„צי דען ווייסט איר ניט, אַז קיין אומשולדיקע נעמען מיר ניט אַהער."

„יאָ, איך ווייס. אָבער איך דערלויב זיך צו מיינען, אַז עס טרעפט אַ טעות."

טוט ער אַ זאָג — ווי אַ שטאָך מיט אַ באַגנעט:

„ווער זייט איר אַזוינס? איר ווילט זאָגן, אַז איר זייט קליגער פון די הויכע אָרגאַנען פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור?"

אויף אַ ווײַלע בין איך געבליבן שטום. דערנאָך האָב איך געזאָגט וועגן מיין ביטע צו אים, ער זאָל דערלויבן עפּעס איבערצוגעבן פאַרן מאַן. עס איז שוין קאַלט און ער איז אַוועק אין זומערדיקע בגדים. אַ ביטער־איראָניש שמייכל האָט „באַשטראַלט" סטעפּאַנאָווס פּנים:

„קומט מאָרגן צו דער טורמע, דאָרט איז אייער ערלעכער מאַן. אגב, זאָגט מיר אייער אַדרעס."

איך האָב אים, נאַטירלעך, געזאָגט, און ווי רופנדיק

צו מיטגעפיל און רחמנות צוגעגעבן, אַז ביי מיר איז מיין מאַנס אַלטע מאַמע און אַן איינציקע קינד.

„געזונט, גייט, אַלץ איז קלאָר.“

איך האָב געוואוסט, אַז ביי דער טורמע איז אַ קילאָמעטער⸗לאַנגע ריי, בין איך אַוועק אין אָוונט. וועגן אָט די רייען, וועגן די שטימונגען פון די מענטשן וואָס זיינען דאָרט געשטאַנען, וועגן זייערע געדאַנקען און געפילן האָט בעסער פון אַלע אַנדערע אָנגעשריבן די גרויסע רוסישע פּאָעטעסע אַנאַ אַכמאַטאָוואַ, אין איר „רעקוויעם“. אין אָט די אָטשערעדן האָט מען ניט גערעדט, מ׳האָט זיך געשושקעט צווישן זיך, מ׳האָט געהערט רק קרעכצן און שווערע זיפצן. ניין אַזיגער עפנט זיך דאָס פענצטערל, ס׳קוקט אַרויס אַ בייזע באָרד:

„אָהאָ, וויפל ס׳האָט זיך אָנגעפלאָדיעט! ביי אַלעמען וועלן מיר ניט באַווייזן צו נעמען, און ניט אַלעמען איז דערלויבט“.

מיין ריי איז ניט דערגאַנגען. אַ צעבראָכענע האָב איך זיך דערשלעפּט אַהיים. דעם 13טן איז ביי מיר געווען אַן אָפּרו טאָג. האָב איך זיך געשפּילט מיטן קינד. דאָס קינד איז געווען רואיק. זי איז איינגעשלאָפן געוואָרן אויף מיינע הענט, דאָס לעצטע מאָל. כ׳האָב דוכט זיך ניט באַוויזן איינצושלאָפן, דער שלאָף האָט בכלל געווייכט פון מיר, ווי כ׳האָב דערהערט אַ ווילדן קלאַפּ אין דער טיר.

„ווער?“

„עפנט גלייך, מיר זיינען פון די אָרגאַנען.“

עס האָבן זיך אַריינגעלאָזן דריי מענער מיט אַ פרוי. די פרוי האָט זיך אויפגעפירט ווי אַ הערשערין, גלייך זיך גענומען צום אונטערזוכן. ווען אין אירע הענט איז אַריינגעפאַלן עפּעס פון מיין באַשיידענעם גאַרדעראָב, פלעגט זי דאָס גלייך צומעסטן צו זיך. אויב אַ שוך, פלעגט זי זוכן דעם נומער. איך האָב געהאַלטן אַז די פרוי איז שלעכט דערצויגן, און מיט אַ בייזן בליק איר דאָס געגעבן צו פאַרשטיין. עס האָט איר אָבער ניט גערירט און ניט געאַרט. איר ציל איז געווען אַן אַנדערער; זי האָט געשמייכלט און זיך שוין געזען אין נייע נאַריאַדן.

דאָ הייבט זי אָן זייער הויך רעדן, קלאַפּן איבער די ראַנדן פון קינדס וויגעלע. אויף מיין באַמערקונג אַז זי וועט אויפוועקן דאָס קינד, האָט זי געענטפערט אַז דאָס איז זי טאַקע אויסן, און הייבט אָן צו שלעפּן דאָס קינד פונעם וויגל. דאָס טעכטערל שרייט און ציט זיך צו מיר. איך דריק זי עפּעס צו זיך, כ׳בין זיכער אַז קיין כח וועט ניט קענען אַרויסרייסן ביי מיר דאָס קינד. אָבער איינער פון די מענער האָט מיך אַ שטויס געטאָן, און די פרעכע פרוי האָט אַרויסגעריסן מיין קינד פון מיינע אָרעמס. זי האָט „דערקלערט“ אַז איך בין אַ שונא פונעם קינד. מיך מיטן מאַן שיקט מען אַרויס פון דער שטאָט, די טאָכטער אויך, אָבער פאַר איר זיינען באַשטימט בעסערע באַדינגונגען, דערפאַר נעמען זיי זי צו.

מיך האָט מען אַריינגעשטופּט אין אַ „שוואַרצן וואָראָן“ (אַ ספּעציעלער לאַסט⸗אויטאָ, אָן פענצטער). מען האָט אונדז, צוויי און דרייסיק פרויען, געבראַכט אין דער זעלבער טורמע לעבן וועלכער איך האָב נעכטן די גאַנצע נאַכט פאַרבראַכט.

## ד

טיפע נאַכט. איך שטיי פאַר מיין אויספאָרשער. אַ יונגער בלאָנדער בחור אין מיינע יאָרן. ער רופט אָן זיין פאַמיליע נאָמען: סלאָבאָזשאַנין. ער בעט מיך איך זאָל זיך זעצן. די אַלגעמיינע פראַגעס פון דער אַנקעטע: ווער? וואָס? וואו?

דערנאָך מעלדעט ער אַז מען באַשולדיקט מיך לויטן אַרטיקל 58, פּונקט 14 פונעם קרימינאַלן קאָדעקס: מיין מאַן, יאַוויטש ש.ג., איז אַ קאָנטררעוואָלוציאָנער, און איך האָב וועגן דעם געוואוסט אָבער ניט געגעבן צו וויסן דער ען⸗קאַ⸗ווע⸗דע. דער אויספאָרשער לייגט מיר פאָר דערביי, אַז איך זאָל, ווי אַן ערלעכער בירגער, זיך מודה זיין און דערציילן אַלץ וואָס איך ווייס. די ווערטער האָבן מיך געטראָפן ווי אַ דונער.

„חבר אויספאָרשער, ווי קענט איר אַזוינס זאָגן? מיין מאַן איז ערלעכער פון דעם ערלעכסטן...“ אָבער מיך שטעלט אָפּ דער ווילדער אויסגעשריי פונעם אויפאָרשער:

„שווייגן! קודם, וואָס פאַר אַ חבר בין איך דיר? דער טאַמבאָווער וואָלף איז דיין חבר!“ (טאַמבאָוו איז אַ שטאָט אַרומגערינגלט מיט וועלדער.) „דו האָסט רעכט צו זאָגן: בירגער אויספאָרשער“.

יאָ, בירגער אויספאָרשער, בירגער נאַטשאַלניק, בירגער דעזשורנע... דו האָסט ניט קיין חברים, זיי זיינען ניט פאַר דיר, דו ביסט קיינעמס ניט. הפקר.

פרעג איך: „אין וואָס זאָל איך זיך מודה זיין?“

ענטפערט ער רואיק, מיט אַ ציניש שמייכל: „מיר וועלן אַלץ אַליין אָנשרייבן, דאָס איז שוין מיין זאָרג. דו וועסט נאָר מוזן אונטערחתמענען“.

נאָכדעם ווי איך זאָג זיך אָפּ, הייבן זיך אָן פיזישע פייניקונגען. דאָס ערשטע: „סטאָיקאַ“. צוערשט זעט עס אויס זייער פּשוט — מען דאַרף שטיין און שוין. אָבער אַז דו שטייסט אָפּ אַ שעה, צוויי, דריי, אַ מעת⸗לעת (די „נאָרמע“ איז ביז פיר מעת⸗לעת) — אוי ווי פּיינלעך און שרעקלעך דאָס איז! מיר שטייען פיר ביז זעקס פרויען אין איין צימער. אַנטקעגן אונדז איז אַ טיש, אויפן טיש —

קאַווע, פּרוכטן, געבעקס. אויבנאָן זיצט אַן אויספאָרשער, זיי בייטן זיך אַלע פערטל שעה, און אַזוי קיילעכדיקע מעת־לעתן. איינע פון אונדז פאַלט אַנידער. מען ברענגט אַן עמער קאַלט וואַסער וואָס מ׳גיסט אויף איר אַרויס. דערביי גיט מען צו: „דאָס זיינען נאָך בלימעלעך, די יאַגעדעס זיינען פאָרויס...״

אויפן דריטן מעת־לעת לייגט פאָר דער אויספאָרשער זיין נייעם פּלאַן: „איך וועל אייך לאָזן גיין אין דער קאַמער, איר וועט זיך גוט באַטראַכטן, איר וועט אַלץ אָפּוועגן און אויסמעסטן. און איך בין זיכער, אַז איר וועט זיך אומקערן שוין אַנטוואָפּענע. אַן אַנטוואָפּענער פיינט איז ניט געפערלעך, אַפילו פאַרקערט, זיין שטראָף וועט זיין אַ סך לייכטער, איר וועט אונטערשרייבן אַלץ וואָס מען פאָדערט פון אייך.״

אַזוי האָט מען מיך געפייניקט אין משך פון צוויי חדשים. לסוף האָט זיך די „אויספאָרשונג״ פאַרענדיקט, און מען האָט מיך איבערגעשיקט אין טשעליאַבינסק. דאָרט, געבראַכט אין אַ טורמע, האָט מען אונדז גענומען סאָרטירן לויט עפּעס אַ פּרינציפּ וואָס קיינער האָט אים ביזן היינטיקן טאָג ניט פאַרשטאַנען. ווער לינקס? ווער רעכטס? דערווייל שטייען מיר אין אַ שמוציקן צימער, ניט געראַמט, ניט געקאַלכט פון כמה יאָרן, די ווענט באַדעקט מיט אויפשריפטן — הונדערטער, טויזנטער ווענדונגען: ווער ווייסט, ווער קען דעם אָדער יענעם? מיר זיינען אַלע ווי צוגעשמידט געוואָרן צו די ווענט, אַלע זוכן, אַלע שרייבן. געפין איך פּלוצעם אין אַ ווינקל: ס׳איז אָנגעצייכנט אַ יידישע מצבה מיט אַזאַ אויפשריפט:

פּ נ
חיים יאַוויטש
ווילנע
ראַפּאָפּאָרט
שעדלעץ

און נידעריקער: „ווער ווייסט וואו איז שימקע, וואו איז בלומקע?״

חיים יאַוויטש איז דאָך מיין מאַנס עלטערער ברודער. ווער אויסער חיים האָט זיך געקענט צו אַזוינס דערטראַכטן, ווער האָט געקענט אַזוי טרעפלעך באַצייכענען אונדזער לאַגע? איך האָב באַלד דערקענט סיי די האַנטשריפט, סיי דעם סטיל. חיים האָט געענדיקט דעם ווילנער יידישן לערער סעמינאַר, ער איז געווען איינער פון די פעאיקסטע סטודענטן. ער איז געווען אַ זינגער, אַ טענצער, אַ שאַרפע צונג, אַ געזעלשאַפטלעכער טוער. (ער לעבט היינט, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, אין טשערנאָוויץ, צוזאַמען מיט זיין לעבנס־באַגלייטערין דאָרע באַסינזאָן.) זיינע לידער, סיי קאָמישע סיי זייער ערנסטע, פלעגט מען זינגען אין סעמינאַר. ער איז געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון ווילנער ייוואָ, אויסגעפילט פאַרשיידענע בקשות פון ד״ר מאַקס ווײַנרייך*.

פון אָט דער מצבה אויף דער וואַנט האָט זיך אָנגעהויבן מיין לאַנגער וועג איבער די טורמעס און לאַגערן פון סטאַלינס „גולאַג״...

אין יאָר 1965 האָט מען שימקע יאַוויטשן, לויט מיין מעלדונג, רעהאַביליטירט (מיך — מיט צוויי חדשים פריער; אים — לאַנג נאָכן טויט).

מיט אַ צייט צוריק האָט די טעלעוויזיע באַוויזן ווי הינטער טשעליאַבינסק (דער צענטער פון דער געגנט אין וועלכער ס׳גייט אַריין מאַגניטאָגאָרסק) האָט מען געעפנט אַ גרויסע גרוב מיט מענטשלעכע ביינער, דער שאַרבן איז ביי אַלעמען דורכגעשאָסן זייער גענוי, אין איין אָרט. מען האָט אויפגעהויבן און באַוויזן עטלעכע אַזעלכע שאַרבנס. מיר איז געוואָרן זייער שלעכט — עס האָט זיך געדוכט אַז איך זע דעם שאַרבן פון מיין שימקעס שיינעם קלוגן קאָפּ.

*) וועגן חיים יאַוויטשן זע אין אָקספאָרדער יידיש 2, זז. 243-242, 251 — רעד.

# לאָנדאָנער יידישע שרייבער

פון
מאיר באָגדאַנסקי
(לאָנדאָן־ווייטשעפּל)

## I

## אַריינפיר

ווען איך בין געקומען, אין אָנהייב פעברואַר 1947, קיין לאָנדאָן זיך צו באַזעצן, איז געווען אַ שרעק צו קוקן אויף די חורבות וואָס די דייטשע „לופטוואַפע" האָט אָנגעמאַכט אין פאַרלויף פון די מלחמה יאָרן. די געגנט אַרום ווייטשעפּל, די אַזוי גערופענע „איסט ענד", האָט אַמערסטנס געליטן פון די באָמבעס. אומעטום זענען געווען שקעלעטן און בערג מיט גרוז פון די פאַרניכטעטע הייזער.

נישט געקוקט אויף די חורבות איז די געגנט פון ווייטשעפּל געווען געדיכט באַוואוינט פון יידן; דער יידישער חותם איז געלעגן דאָ אויף אַלעם. גאַנצע שורות געוועלבער פון אַלע מינים, לענגאויס די גאַסן און געסלעך, האָבן געהערט צו יידן; יידיש איז געווען די שפּראַך וועלכע מען האָט גאָר שטאַרק געהערט אין די גאַסן.

אַן אַקטיווע טעטיקייט האָט געפירט דער „אַרבעטער רינג". יידיש האָט געהערשט אויף אַלע פאַרזאַמלונגען פון די פאַרשידענע בראַנטשעס, ווי אויך בעת אַלע פאָרלעזונגען. ביים „אַרבעטער רינג" האָט עקזיסטירט אַ ביבליאָטעק, און כאָטש זי האָט פאַרמאָגט ביכער אויך אין אַנדערע שפּראַכן, איז די צאָל ביכער וואָס מען האָט געלייענט אין יידיש געווען אַ סך גרעסער.

עס האָבן עקזיסטירט צוויי יידישע טעאַטערן: ביידע האָבן געשפּילט זעקס טעג אַ וואָך, געגעבן צו אַכט פאָרשטעלונגען. דאָ איז געווען די ישיבה „עץ חיים" אין וועלכער מען האָט געלערנט אויף יידיש. געווען אַ פאַראיין פון יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן וועלכער פלעגט פון צייט צו צייט איינאָרדענען ליטעראַרישע פאָרלעזונגען אין יידיש, אין מערב לאָנדאָן. און, אחרון חביב, דאָ האָט עקזיסטירט דער פאַראיין „פריינט פון יידיש לשון", וועלכער האָט אָנגעהאַלטן רעגולער פאַרזאַמלונגען, די אַזוי גערופענע „שבת נאָכמיטאָגס", אונטערן פאָרזיץ פונעם גרינדער פון דעם דאָזיקן פאַראיין, דעם דיכטער אברהם־נחום שטענצל. די דאָזיקע „שבת נאָכמיטאָגס" פלעגן פאָרקומען אין דעם בערנאַרד באַראָן סעטלמענט אין הענריקעס סטריט. ס׳פלעגט קומען אַן עולם 250 מענטשן. מיינסטנטייל פלעגט דער פּראָגראַם זיין אַ ליטעראַרישער און במילא פלעגן זיך דאָ טרעפן די יידישע שרייבער.

## II

## משה עובד

(1958 – 1885)

איינער פון די לאָנדאָנער שרייבער מיט וועלכן איך האָב מיך געטראָפן איז געווען דער דיכטער און סקולפּטאָר משה עובד, וואָס איז אויך געווען דער פּרעזידענט פון „פריינט פון יידיש לשון".

פון אַ נידעריקן וואוקס, מיט אַ הויכן שטערן, אָנגעטאָן אין אַ פּורפּור־סאַמעטענער טאָגע וואָס האָט געגרייכט ביז צום דיל און וואָס האָט אים געמאַכט אַ סך העכער ווי ער איז געווען, האָט ער מיט זיין האַלטונג און אויסזען אַרויסגערופן צו זיך גרויס דרך־ארץ. אַמאָל, אין זיינע גאָר יונגע יאָרן, איז ער געווען אַ זייגערמאַכער.

געקומען קיין לאָנדאָן, איז ער געוואָרן אַ יאַוועליר; געהאַט אַ געוועלב פון טייערע שמוק־זאַכן נעבן דעם בריטישן מוזיי. צווישן זיינע קונים איז געווען די קעניגין מערי, די באָבע פון דער היינטיקער קעניגין עליזאַבעט דער צווייטער. דורך איר האָט ער באַקומען די קעניגלעכע קאָנצעסיע (Royal Charter). די עמבלעם דערפון — צוויי לייבן וואָס האַלטן מיט זייערע פאָדערשטע לאַפעס אַ קעניגלעכע קרוין — איז געווען אַרויסגעהאַנגען אויף דער וואַנט איבערן געשעפט. אינעווייניק האָט ער געהאַט אַ קליין צימערל וואָס איז געווען זיין אַטעליע, דאָרט פלעגט ער אויך אויפנעמען געסט. אין דעם פענצטער פון דער אַטעליע זענען געווען אויסגעשטעלט זיינע אייגענע מיניאַטורעלע סקולפטורן. אַז מען האָט געקוקט אויף זיי האָט מען באַלד דערפילט אַז דאָס האָבן געמאַכט יידישע הענט — אַזוי שטאַרק האָט זיך געשפירט אין זיי דער נוסח פון אַ בית תפילה. דער שרייבער שלום אַש האָט עס אָנגערופן אַ תהילימל אַוועקגעשטעלט אינמיטן גאַס.

משה עובד איז געווען אַ בעל־פרנסה ברווח און ברייטהאַרציק מיט דער מטבע. די בונדישע יוגנט גרופע האָט איינגעאָרדנט אַ פייערונג געווידמעט דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ; ער האָט אונדז פאַר דעם צוועק געבאָרגט זיין „יזכור־מנורה", זיין אייגענע סקולפטור. זי איז געווען אין דער פאָרם פון אַ מאַסיוון בוים מיט זעקס צווייגן וועלכן אַ יידישע פרוי האַלט אַרומגענומען. דער בוים דריקט אויף איר מיט זיין שווערער משא. ער האָט אונדז אויפגעקלערט אַז ער האָט נישט געקענט גענוג גוט אַרויסברענגען אירע יסורים דורכן אויסדרוק אויף איר פנים, האָט ער איר געמוזט אַרויסרייסן די בריסט; האָט זי צויטן אויפן אָרט וואו עס זענען געווען בריסט.

ער האָט אַרויסגעגעבן עטלעכע ביכער, דיכטונג און פראָזע, אין יידיש און אויך אין ענגליש. איך האָב פאַרפאַסט מוזיק צו צוויי פון זיינע פאָעמעס, „חכמת החשבון" און „דאָס זייגערל"; די לעצטע האָט ער געווידמעט דעם דערשיינען פון דעם 200טן נומער פונעם זשורנאַל לשון און לעבן; אין איר ווערט 200 מאָל דערמאָנט דאָס וואָרט טיק. אָבער צוליב מאַנגל אין פלאַץ וויל איך דאָ דערמאָנען בלויז עטלעכע שורות פון דער פאָעמע „די יידעלעך פון אלף־בית":

יינגעלע, יינגעלע, ווי זעט אויס אַן אלף?
אַ יידל אונטן, אַ יידל אויבן, אינמיטן אַ חלף
אַזוי זעט אויס אַן אלף.
— — — — —
— — — — —
ווי זעט אויס אַ צדיק?
אַ יידעלע וואָס גיט קיין עצות
אַליין אַ ייד טראָגט אויף די פלייצעס,
אָט דאָס איז אַ צדיק!
— — — — —
— — — — —
טאָ ווי שיין איז דער שין?
ווי דריי יידעלעך, די קרוין פון ציון
אַזוי שיין איז דער שין.

משה עובד האָט מיר איינמאָל דערציילט ווי אַזוי אים איז איינגעפאַלן אָנצושרייבן די פאָעמע „יידיש". עמעצער האָט אים געברענגט פון פוילן זיין מאַמעס קרבן־מנחה סידור, האָט ער דעם סידור אַוועקגעלייגט אויף זיין בעט־טישעלע, אַזוי אַז די ערשטע זאַך וואָס ער האָט געזען יעדן פרימאָרגן ווען ער האָט געעפנט די אויגן פון שלאָף און דאָס לעצטע פאַרן שלאָפן גיין איז געווען דער אויפגעמישטער קרבן־מנחה סידור אין וועלכן ער האָט יעדן טאָג איבערגעמישט אַ בלעטל. איינמאָל קוקט ער און זעט אַז אין די מיינסטע צאָל ווערטער איז דער אות יוד אַ באַשטאַנדטייל פון זיי. און פון דעם איז אַרויסגעקומען די פאָעמע „יידיש".

ביסט ביי מיר מאַמע־הייליק
ביסט ביי מיר קינדער־צאַרט
— — — — —
— — — — —
זאָגט מיר, איר שבעים־לשונות קענער
צי האָט איר געהערט אַזעלכע צוקער־זיסע ווערטער ווי
נשמהלע, ווייבעלע און טייבעלע?
— — — — —
— — — — —
אוי, מאַמע־לשון, מאַמע־לשון!
ביסט ביי מיר חשוב ווי דאָס צונויפגעשטוקעוועטע
חופה־קלייד פון אַן אָרעמער כלה.
— — — — —
— — — — —
ווען ווילד, צעלאָזטע קינדער האָבן דיך מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל
דערזען, מיט אַ צעריסן נאָס פאַרטוך, באַגאָסן מיט שוויים,
האָבן זיי אויף דיר שטיפמאַמע, דינסט־מויד געשריען.
— — — — —
— — — — —
ווער קען דיך באַגרייפן, ווער קען דיך פאַרשטיין?
דער צער פון דיין האַרץ דערגרייכט ביז צום אָפגרונט פון ים פון בושה
און דער הויך פון דיין נשמה דערגרייכט צו דער קרוין פון גאָט.



משה עובד

(1958 — 1885)

III

# סיאָמע פּאַלמע

(1952 – 1888)

אין דער בונדישער יוגנט אין פּוילן פלעגן מיר זינגען אַ ליד „קינדער פון דעם מאָרגן". די ערשטע סטראָפע גייט אַזוי:

העי, וואו דאָרט הער איך אַ געשריי?
ווער זשע זענט איר דאָרטן צוויי?
איר צעשייטע, איר צעשעע, ווער זשע זענט איר
דאָרטן צוויי?
קינדער פון דעם מאָרגן זענען מיר, צו אַ מאָרגן אָן
אַ זאָרגן גייען מיר,
איבער וועגן, איבער שטעגן שוועבן מיר;
איבער ווייטע גרינע פעלדער, איבער ימען איבער
וועלדער שאַלן מיר:
קינדער פון דעם מאָרגן זענען מיר.

דאָס ליד האָב איך מיך דעמאָלט אויסגעלערנט בעל־פּה און קיינמאָל נישט געפרעגט — און במילא נישט געוואוסט — ווער דער מחבר פון דעם ליד איז געווען. איינמאָל ביי אַ „שבת נאָכמיטאָג" האָב איך עס אויפגעזונגען. קומט צו צו מיר איינער פון די אָנוועזנדע און פרעגט, צי איך ווייס ווער עס איז דער מחבר דערפון. ענטפער איך — ניין. ער האָט מיר דאַן געזאָגט אַז ער איז דער מחבר. דאָס איז פאַר מיר געווען אַן אָנגענעמע איבערראַשונג. געווען איז דאָס דער פּאָעט, מאָלער, סקולפּטאָר און מוזיקער סיאָמע פּאַלמע. די מוזיק האָט ער אַליין פאַרפאַסט צו דעם דאָזיקן ליד זיינעם. איך פלעג אים כסדר זען ביי די „שבת נאָכמיטאָגס" און מיר פלעגן זיך טרעפן צופעליק אין גאַס. געקומען קיין לאָנדאָן איז ער אין די אָנהייב צוואַנציקער יאָרן. דאָ האָט ער זיך געמאַטערט זייענדיק אַ מאַשינער אין אַ מלבושים־פאַבריק; געווען מוזיק לערער אין דער יידיש־וועלטלעכער שולע ביים היגן „אַרבעטער רינג", אָבער קיין גרויסער בעל־פּרנסה איז ער נישט געווען און געלעבט אין פולשטענדיקער איינזאַמקייט. ער האָט אַרויסגעגעבן די ביכער חלום לאַנד, רויטע רויזן, קינדער פון שטורעם, צווישן פיר ווענט, פאַרוויסטע ערד, רינגען און קייטן, גלאָקן אין מדבר, קינדער פון מאָרגן, סילועטן אין שפּיגל.

איך האָב פאַרפאַסט מוזיק צו דריי פון זיינע לידער. אָט איז דער טעקסט פון איינעם פון זיי:

מיין ליד

אויף וועב־שטול שטאָלענער, וועב איך מיין מאָרגן
אוים:
זייד נאָך זייד, זייד נאָך זייד, שפּינט זיך אַ בלימל
אוים,
שפּינט זיך אין פולער גרייס — מיין ליד, אויף וועב־
שטול שטאָלענער...

אויף שפּיזלען גלאַנציקע, שפּין איך אַ לייוונט אוים:
אויג נאָך אויג, אויג נאָך אויג, שפּינט זיך אַ טעפּעך
אוים.
דעקט ער און ס'שפּרייט זיך אוים מיין וועג. דורך
שפּיזלען גלאַנציקע...

אויף קאָוואַדלע אייזערנע, שמיד איך מיין גורל
אוים,
פונק נאָך פונק, פונק נאָך פונק, היצט זיך דער חשק
אויף,
שמידט זיך אַ רינגל אוים — מיין זיין, אויף
קאָוואַדלע אייזערנע...

נאָך אַ לאַנגער קראַנקייט איז סיאָמע פּאַלמע געשטאָרבן דעם 19טן מערץ 1952. דער פאַראיין „פריינט פון יידיש לשון" האָט באַשלאָסן אויפצושטעלן אַ מצבה אויף זיין קבר. פאַר דעם צוועק האָט מען אויסגעטיילט אַ קאָמיסיע וואָס האָט גיך צונויפגעקליבן צווישן די מיטגלידער דאָס נייטיקע געלט. נאָר מען האָט נישט געוואוסט פּאַלמעס העברעאישן נאָמען און זיין טאַטנס נאָמען. אַרויסגעוויזן האָט זיך אַז ער האָט געהאַט אין לאָנדאָן אַ ברודער וועלכער האָט אינגאַנצן נישט געוואָלט וויסן פון אים; אַזוי וייט, אַז ער איז אַפילו נישט געקומען צו דער לוויה. מנשה וויסגראַז, איינער פון דער קאָמיסיע, האָט אים אויסגעפונען. ער איז געגאַנגען צו אים און אים דערקלערט אַז ער איז נישט געקומען בעטן ביי אים קיין געלט, אַז דאָס נייטיקע געלט אויף דער מצבה איז שוין פאַראַן. אָבער ער האָט נישט קיין אַנדערע עצה ווי צו קומען צו אים כדי זיך צו דערוויסן וועגן סיאָמעס יידישן נאָמען. דער ברודער האָט זיך צעוויינט און איז געקומען אויפן בית־עולם צום שטעלן די מצבה.

IV

# עלאַ זילבערג

(1991 – 1909)

עלאַ זילבערג איז געווען אַ צאַרטע, שטאַרק פאַראיינזאַמטע פרוי. אַ דיכטערין וואָס האָט אַלע אירע



סיאָמע פּאַלמע
(1952 — 1888)

צאָלרייכע לידער געדרוקט אין לשון און לעבן. איר איינזאַמקייט און אַנטוישונג — מסתמא אין ליבע — קומט צום אויסדרוק אין די פאָלגנדיקע שורות פון איר פּאָעמע „איך זוך נאָך אַלץ":

...נאָר דאָס ערשטע וואָרט וואָס דו האָסט
געשפּראָכן
האָט באַלד יעדע האָפענונג און גלויבן צעבראָכן;
ווי אַלע אַנדערע דו האָסט קיין געפילן
און מיינסט אַז דאָס לעבן איז דאָ נאָר צום שפּילן.

זי זינגט, אָבער, אויך וועגן דער נאַטור, ווי אין דער פּאָעמע „אין וואַלד":

אין וואַלד כ'וואָלט וועלן לעבן, פאַרברענגען דאָ
מיין צייט
צווישן די שלאַנקעביימער, די צווייגן ברייט
צעשפּרייט.
זיך צוהערן ווי עס שעפּטשען די ביימער טאָג און
נאַכט,
ווי ברידערלעך זיי לעבן, פון הימל נאָר באַוואַכט.

איך האָב פאַרפאַסט מוזיק צו דריי פון אירע לידער. ווען איך האָב צום ערשטן מאָל געזונגען ביי אַ „שבת נאָכמיטאָג" איר ליד „געדאַנקען" האָט זי מיר געזאָגט אַז איך האָב מער געפונען אין דעם ליד ווי זי האָט דערין אַריינגעלייגט.

איין מאָל אין חודש טרעפט זיך אַ יידישע גרופּע „מאַמע לשון". מען לייענט ווערק פון דער יידישער ליטעראַטור און מען זינגט יידישע לידער. בשעת איינער פון אַזעלכע באַגעגענישן, וועלכע קומען פאָר אין מערב לאָנדאָן, האָב איך אין עלאַ זילבערגס אָנוועזנהייט אויפגעזונגען אַלע דריי לידער. זי איז ווידער צוגעקומען צו מיר און געזאָגט אַז מיינע מעלאָדיעס ברענגען אַריין חיות אין אירע שירים.

אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט מיר דער פּאָסטטרעגער געברענגט אַ קליין פּירעקעדיק פּעקל. קיין אַדרעס פונעם אָפּשיקער איז נישט געווען אויפגעשריבן. האָט מיר די זאַך אויסגעזען קשה, דאָס פּעקל איז מיר געווען פאַרדעכטיק. אָקערשט מיט עטלעכע טעג פריער האָט מען ווידער געמאָלדן אין ראַדיאָ אַז עמעצער האָט דערהאַלטן אַן „אויפרייס־בריוו". איך האָב מורא געהאַט דאָס פּעקל צו עפענען. האָב איך געעפנט דעם פענצטער — די גאַס איז געווען איינגאַנצן וויסט — און מיט דער גאַנצער קראַפט האָב איך דאָס פּעקל אַראָפּגעשליידערט אינמיטן וועג אַריין. אָבער עס האָט נישט אויפגעריסן. בין איך אַראָפּ, עס אויפגעהויבן און, האַלטנדיק עס אַזוי ווייט פון מיין פּנים ווי איך האָב געקענט, גענומען פאָרזיכטיק עס אויפפּאַקן. אונטערן איינהיל איז געלעגן אַ צעטל מיט עלאַ זילבערגס אַדרעס, מער איז קיין וואָרט נישט געווען צוגעשריבן. אינעווייניק איז געווען שאָקאָלאַדע...

איך ברענג דאָ דעם פולן טעקסט פון דעם ליד:

**געדאַנקען**

אויב גלייבן איז נאַריש, כ'וויל גלייבן אַ נאַר,
און גלייבן אַז גליק איז פאַראַנען,
ווי אָפט האָט דאָס גליק מיר אין פּנים געלאַכט,
צו האַלטן כ'האָב עס נישט פאַרשטאַנען.

אויב האָפן איז קינדיש, כ'וויל ווערן אַ קינד,
און האָפן אויף בעסערע צייטן,
כ'וויל האָפן אין וואונדער אַז די צעטרייסלטע וועלט
וועט זיך נאָך פון יאוש אויסלייטן.

אויב ליבן איז פיינלעך, כ'וויל שטאַרבן פון פּיין,
נאָר ליבן איך וועל נישט אויפהערן,
כ'וויל ליבן די ביימער, די פעלדער, דעם ים,
דעם הימלס אָנצאָליקע שטערן.

כ'וויל האָפן און גלייבן און ליבן די וועלט,
די וועלט, וועלכע איז אונדז געגעבן,
צו שאַפן, צו בויען, צו העלפן אין נויט,
און ווירדיק די יאָרן אויסלעבן.

אַזוי ווי יעדעס יאָר, האָב איך היי־יאָר, תשנ"ב, איר געשיקט אַ ראש־השנה קאַרט. אַ פּאָר טעג שפּעטער האָב איך דערהאַלטן אַ בריוו פון אירם אַ שכן און פריינט אין וועלכן עס איז געווען אַריינגעלייגט מיין בריוו צו איר, נישט געעפנט. ער האָט מיר געשריבן אַז מיין בריוו צו איר האָט ער דעם זעלבן טאָג פון זיין אָנקומען אַוועקגעטראָגן צו איר אין שפּיטאָל. דאָרט איז ער געוואויר געוואָרן אַז זי איז געשטאָרבן מיט עטלעכע שעה פריער. ת.נ.צ.ב.ה.

V

## אברהם־נחום שטענצל

(1983 – 1897)

דער אָנגעזעענסטער פון אַלע שרייבער איז געווען דער דיכטער אברהם־נחום שטענצל. געקומען אַהער פון דייטשלאַנד וואו ער האָט געלעבט קנאַפּע צוואַנציק יאָר און פון וואַנעט ער האָט מיט מסירת נפש זיך אַרויסגעקריגן אין 1936. לאָנדאָן איז געוואָרן זיין היים. דאָ, אויף דעם לאָנדאָנער באָדן, האָט ער זיך געשטעלט



עלאַ ווײַנבערג

(1991 — 1909)

מיט ביידע פיס. נאַטירלעך, גלאַטיק איז עס אים נישט צוגעגאַנגען ווייל קיינער האָט אים נישט געקענט.

זיין ערשטן צוזאַמענשטויס האָט ער געהאַט, ווי ער האָט דאָס אונדז אַ סך מאָל דערציילט, מיטן רעדאַקטאָר פון דער יידישער טאָג־צייטונג די צייט, מאָררים מייער. ער האָט אים געגעבן אַ מאַנוסקריפּט פון אַ פּאָעמע אָפּצודרוקן אין דער צייטונג. ווען ער האָט דערזען די קאָרעקטור איז אים געוואָרן פינצטער אין די אויגן. מאָררים מייער האָט „אויסגעבעסערט" די פּאָעמע און זי דערביי אַזוי צעדרייט אַז זי איז געווען גאָרנישט צום דערקענען. שטענצל האָט פאַרבאָטן עס צו דרוקן און פאַרלאַנגט ער זאָל אים צוריקגעבן דעם מאַנוסקריפּט. מייער איז געווען אַ תקיף לגבי די אַלע וועלכע האָבן געוואָלט געדרוקט ווערן אין זיין צייטונג און נישט געוואָלט צוריקגעבן. שטענצל איז דאַן צו צום אָפענעם פענצטער און מיט באַנומענע קולות אַרויסגעשריגן אין דער גאַס אַריין „פּאָליס!" דאָס האָט געהאַט אַ פּעולה; מאָררים מייער האָט אים באַלד צוריקגעגעבן דעם אָריגינעלן מאַנוסקריפּט. אָבער, קיין שנאה איז, חלילה, צווישן זיי נישט געווען; פונקט פאַרקערט: שטענצל האָט מאָררים מייערן באַזונגען אין אַ ספּעציעל אים געווידמעטער פּאָעמע אויף דעם זעלבן אופן ווי ער האָט געשריבן וועגן אַנדערע שרייבער.

באַלד נאָך זיין קומען קיין לאָנדאָן האָט ער איינגעאָרדנט אַ „שבת נאָכמיטאָג". ער האָט אויסגעבעטן אַ צימער אין „רידינג רום" אויף דער אַדלער סטריט. דאָס האָט אַרויסגערופן קנאה ביי דער גאַנצער גרופּע שרייבער וועלכע זענען דאָ שוין געווען פון לאַנג און „געהאַט אַ נאָמען". עס האָט זיי פאַרדראָסן וואָס אַן ערשט געקומענער, אַ „גרינער", נעמט זיך שוין, אויף אייגענער האַנט, אָרגאַניזירן אַ קולטור אונטערנעמונג. האָבן זיי געפּרואווט צונויפרופן קאָנקורירנדיקע פאַרזאַמלונגען און זענען פולשטענדיק דורכגעפאַלן. שטענצלס „שבת נאָכמיטאָגס" האָבן געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. ס'איז געקומען אַן עולם וועלכער איז געוואַקסן יעדע וואָך. די „קאָנקורענטן" האָבן דערזען זייער מפּלה און זענען אַלע צוגעשטאַנען צו שטענצלען (איינער פון זיי איז געווען משה עובד).

באַלד האָט שטענצל גענומען אַרויסגעבן אַ זשורנאַל — דאָס „העפטל", ווי ער האָט אים גערופן. קיין גראָשן געלט האָט ער נישט געהאַט. נאַראָדיצקי, דער דרוקער, נישט חלילה קיין גביר, האָט אָפּגעדרוקט דעם ערשטן נומער אויף באָרג, כאָטש ער איז געווען סקעפּטיש געשטימט בנוגע דער מעגלעכקייט צו פאַרקויפן דעם טיראַזש. ווי נאָר דאָס העפטל איז אַרויס פון דרוק האָט עס שטענצל אַליין געטראָגן אין גאַס אַריין און גאָר גיך אויספאַרקויפט ביז צום לעצטן עקזעמפּלאַר. דאָס גאַנצע געלט האָט ער אַריינגעטראָגן נאַראָדיצקין. ווען יענער האָט דערזען אַז שטענצל איז געקומען מיט ליידיקע הענט און אַ פולער טאַש מיט געלט, האָט ער עס אויפגענומען ווי עפּעס אַ נס וואָלט געשען. קודם כל האָט ער גענומען עטלעכע שילינג און געגעבן זיין ווייב זי זאָל אַרויסגיין איינקויפן עפּעס און מאַכן וואַרעמס פאַר זיי אַלע, דאַן ערשט האָט ער אָנגעהויבן ציילן די רעשט לייזונג. צווישן ביידע האָט זיך איינגעשטעלט אַ פריינטשאַפט וועלכע האָט אָנגעהאַלטן ביז נאַראָדיצקיס טויט. די „העפטלעך" זענען שפּעטער געוואָרן דער רעגולערער חודש זשורנאַל לשון און לעבן אין וועלכן עס האָבן געפונען אַן אָרט נישט בלויז יידישע שרייבער פון ענגלאַנד, נאָר אויך פון די פאַרשידנסטע לענדער אין דער וועלט. דעם זשורנאַל האָט כסדר געדרוקט נאַראָדיצקיס נאַראָד פּרעס. ער האָט אָנגעזאָגט זיינע קינדער אַז נאָך זיין טויט זאָלן זיי שטענדיק דרוקן דעם זשורנאַל און זיי האָבן געהאַלטן וואָרט, ביז צום סאַמע לעצטן נומער.

געלעבט האָט שטענצל בוכשטעבלעך מיט שהי פּהי. אָנגעטאָן איז ער אויך געווען נישט ווי דער גרעסטער עלעגאַנט. אָבער אַרויסגערופן האָט ער צו זיך דעם גרעסטן רעספּעקט ביי יעדן איינעם. גערעדט האָט ער נאָר יידיש; אַפילו צום באַאַמטן אין דער פּאָסט — אַ גוי וואָס האָט קיין איין יידיש וואָרט נישט פאַרשטאַנען.

ס'איז נישט געווען קיין איין יידישער צוזאַמענטרעף אין דער שטאָט, אַפילו דאָרט וואו אַ יידיש וואָרט איז געווען טרייף־פּסול, אויף וועלכן שטענצל זאָל נישט זיין און נישט פאַרקויפן זיין לשון און לעבן.

ער פלעגט זייער אָפט קומען צו מיר אין מיין שניידער־וואַרשטאַט, וואו איך האָב געאַרבעט אַליין, און אָפּזיצן שעהנווייז. איינמאָל איז ער געקומען אַ צעטראָגענער, אינגאַנצן בלאַס, ווי ער וואָלט אַנטלאָפן פון אַן אומגליק. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ער האָט באַגעגנט דעם מלמד פונעם חדר אין דער שול „מחזיקי הדת", אין בריק ליין. יענער האָט מיט די קינדער געלערנט אויף יידיש. אָבער די שול האָט נישט געהאַט קיין געלט אים צו צאָלן פאַר זיין מלמדות. איינער פון די יידישע פּני, נישט קיין קליינער גביר, האָט זיך אונטערגענומען אים צו געבן אַ געוויסע סומע, נאָר מיט אַ תנאַי: דער מלמד זאָל אויפהערן צו לערנען מיט די קינדער אויף יידיש, אָנשטאָט דעם האָט ער געדאַרפט לערנען בלויז אויף ענגליש. דעם מלמד איז דאָס גאָרנישט געווען צום האַרצן, אָבער אַז „נויט ברעכט אייזן" — האָט ער, בלית ברירה, זיך אונטערגעגעבן. און אוים יידיש.



א. נ. שטענצל
(1983 — 1897)

היינט איז שוין די „מחזיקי הדת" שול אויך ניטאָ.

ביי די „שבת נאָכמיטאָגס" האָט ער נישט געוואָלט אַז מען זאָל לייענען זיינע ווערק. דאָס איז געווען צוליב זיין איבערגעטריבענער עניוות. איך האָב פאַרפּאַסט מוזיק צו עטלעכע פון זיינע שירים, אָבער בלויז איין ליד — „די מכבי ליכטעלך" — האָט ער מיר יאָ דערלויבט אויסזינגען, וואָס איך פלעג טאָן שבת חנוכה, בעת צינדן חנוכה ליכטלעך.

### די מכבי ליכטעלך

ווען דער טאַטע די מנורה צוגעגרייט,
די רערלעך געריייניקט, די קנייטלעך געדרייט,
אַריינגעגאָסן דעם שמן־זית אייל
מיט גרויס כוונה, פּאַמעלעך, אָן געאייל —

ווי דער כהן־גדול האָט ער אויסגעזען;
אונדזער שטוב דער קדשי־קדשים געווען;
כ'זע נאָך איצט ווי ביי דער מנורה ער שטייט,
אַזאַ הייליק ליכט אין מיין האַרצן אויפגייט — —

ווי לאַנג איז דאָס שוין, אַ פינצטער לעבן לאַנג,
און ס'דערמאָנען נאָך אַלץ מיט זייער געצאַנק
די מכבי ליכטעלך, ס'ביסעלע בוימאייל:
„כי מעולם ועד עולם אתה אל".

אָנגעשריבן האָט ער הונדערטער לידער. בלויז אַ קליינער טייל פון זיי איז אַריין אין די עטלעכע ביכער וועלכע ער האָט אַרויסגעגעבן. די גרעסטע צאָל זענען צעוואָרפן איבער אַלע נומערן לשון און לעבן. אין זיי האָט ער באַזונגען ווייטשעפּל וואָס ער האָט ליב געהאַט און וואָס ער האָט געשטעלט אין איין ריי מיט אַלע יידישע צענטערס אין פאַרלויף פון אונדזער גאַנצער געשיכטע. דאָס קומט אַמבעסטן צום אויסדרוק אין דעם ליד „ווייטשעפּל ירושלים ד'בריטן".

### ווייטשעפּל ירושלים ד'בריטן

פומבדיתא, קאָרדאָוואַ, קראָקע, אַמסטערדאַם,
לובלין, וואָלאָזשין, ווילנע, בערדיטשעוו און קאָצק,
של־מעלהדיק וועסט בלייבן ווי איינע פון זיי,
מיט האַראָפּאַשניקעס פון זשיטאָמיר און פלאָצק.

און אויב דער בלוטיקער שליאַך אונדזערער אַצינד,
נישט דירעקט ער פירט ביז פאַר דיין אָפענער
טיר — —
פון גרויס צער דו האָסט אַ מעשה דיר אָנגעטון,
ביזט דו געבליבן אַ פאַרבלוטיקטע אין דיר!

„בדמיך חיי... בדמיך חיי..."
דו וועסט נאָך לעבן בלייבן מיט דיין לעצטן ייד!
אין מינדסטן פאַרשוין, און אין פאַרמישטסטן שוין,
ווי אונטערן אַש טליענדיק אַ גלאָוונע גליט.

דאָ האָט ראָזענפעלד געזונגען ערלעך זיין ליד,
ווינטשעווסקי געדינט דעם יידישן וואָרט געטריי;
ווי אונדזערע הייליקע שטעטלעך, פאַרטיליקטע,
של־מעלהדיק דו וועסט בלייבן ווי איינס פון זיי.

ווייטשעפּל, דער ירושלים ד'בריטן,
וועסט בלייבן איינגעלייבט צווישן אונדזערע
שטעט!
ווי די קדושים אין דער היים, אויף קידוש־השם,
גרייט צו גיין לעצטער יונג געבוירן אין אָלדגעיט.

ער האָט שטענדיק געגלייבט אַז די „שבת נאָכמיטאָגס" פון די „פריינט פון יידיש לשון" וועלן אָנגיין אַפילו נאָך זיין טויט. שטענצל איז געשטאָרבן אין יאַנואַר 1983. ביז היינט גייען אָן די „שבת נאָכמיטאָגס", מיט מענטשן, מיינסטנס נייע, וועלכע ער האָט נישט געקענט. יעדער „שבת נאָכמיטאָג" הייבט זיך אָן מיט לייענען זיינס אַ ליד. דאָס איז אונדזער פרק משניות פאַר זיין נשמה.

# די חבֿלי לידה פֿונעם יוסף פּאַפּ יידישן טעאַטער


פֿון

**מרים שמולעוויטש⸗האָפֿמאַן**

(ניו⸗יאָרק)


אָנהייב אָקטאָבער 1992 איז צו די זיבעציק יאָר אַוועק פֿון דער וועלט דער באַרימטער אימפּרעסאַריאָ יוסף (דזשאָו) פּאַפּ, גרינדער פֿון ניו⸗יאָרקער שעקספּיר פֿעסטיוואַל, פּראָדוצירער פֿון גרויסע בראָדוויייער שלאַגערס, דער מענטש וואָס האָט איינגעפֿירט שעקספּירס פּיעסן אין „סענטראַל" פּאַרק, אויפֿגעשטעלט אויף אייגענער האַנט דעם „פּאָבליק" טעאַטער — אַ געביידע וואו עס רוכעוועט זיך מיט אינאָוואַציעס און עקספּערימענטאַלער טעאַטער קונסט.

יוסף פּאַפּ, פֿון דער היים יאָסעלע פּאַפּיראָווסקי, האָט געאָטעמט מיט אינטעלעקטועלן עזות, מיט קינסטלערישן כּח הגבֿרה, און זיך פֿאַרמאָסטן אויסצופֿילן דער וועלטס ליידיקייט מיט אַלע ווערק פֿון וויליאַם שעקספּיר. ער איז געווען אַ מפֿונק מיט אַן איבערקלייבערישן יצר⸗הרע, געוואוסט וואָס ער וויל און געפֿאָדערט פֿון יעדן הויכן קינסטלערישן וואָלטאַזש. אַרום אים האָט זיך שטענדיק געטאָן יום⸗טובֿ. ער איז געווען כּולו חריפֿות, מיט אַ שאַרף אויג, אַ געשליפֿענער צונג און דורכוים נישט אויפֿגעהערט צו זיין פֿאַרטשאַדעט פֿון דער קונסט מיסטעריע. זיין נאָמען האָט אָפּגעקלונגען איבער דער וועלט און דאָך איז ער געווען צוגעלאָזן און היימיש. זיין פּנים האָט אַראָפּגעשיינט פֿון הונדערטער רעקלאַמעס און אַפֿישן איבער ניו⸗יאָרק. ער האָט זיך דערמיט ווייניק וואָס איבערגענומען. ביי יעדער באַגעגעניש זיך אַרומגעכאַפּט ווי אַן אַלטער גוטער ברודער און קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן זיך נאָכצופֿרעגן אויף דער משפּחה.

אָט דער זעלביקער יאָסעלע פּאַפּיראָווסקי האָט די לעצטע פֿינף יאָר זיך געווידמעט דעם טעאַטער וואָס האָט געטראָגן זיין נאָמען. ער האָט די טרופּע גענומען אונטער זיינע פֿליגל און אַריינגעאָטעמט אין זיי אַ נייע נשמה.

מיין באַקאַנטשאַפֿט מיט דזשאָו פּאַפּ האָט זיך אָנגעהויבן אין 1985, ווען איך האָב אים אינטערוויואירט פֿאַר מיין וועכנטלעכן קאָלום אין פֿאָרווערטס. ער איז געווען אַנטציקט פֿון מיין יידיש און איך פֿון אים. זינט אונדזער ערשטער באַגעגעניש בין איך שוין געווען פֿאַררעכנט פֿאַר זיינס אַ גוטן פֿריינט און מומחה אינעם ענין פֿון יידיש. מיר האָבן אונדזערע שמועסן געפֿירט אויף מאַמע⸗לשון און איך האָב פֿאַר אים פֿון צייט צו צייט פֿאָרגעלייענט אויסצוגן פֿון שעקספּירס פּיעסן אויף יידיש. ער האָט דערפֿון שטאַרק הנאה געהאַט און מיר דערציילט אַז ביז דעם עלטער פֿון זעקס האָט מען ביי אים אין דער היים גערעדט בלויז יידיש, אַז ער האָט אָפּגעשטאַמט פֿון גרויס אָרעמקייט און געווען אַ משורר אין אַ שול אין בראַונזוויל (געגנט אין ברוקלין).

יוסף פּאַפּ איז ממש געווען פֿאַרליבט אין יידישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט — ייוואָ און זיך אונטערגענומען בייצושטייערן זיין מי און ענערגיע בכדי איינצואָרדענען יערלעכע בענעפֿיטן וואָס זאָלן אַריינברענגען מזומנים פֿאַרן ייוואָ. דערצו האָט ער אָנגעשטעלט באַרימטע אַקטיאָרן פֿון האָליוואָוד און בראָדוויי און מיר געגעבן די עובֿדא פֿון קנעלן מיט זיי קורצע יידישע איבערזעצונגען פֿון באַרימטע פּיעסן אָדער לידער וואָס איך האָב צוגעגרייט.

אין 1987 האָט יוסף פּאַפּ געגרייט אַ ריזיקן ייוואָ בענעפֿיט אויף צו באַערן דעם באַרימטן דראַמאַטורג ניל סיימאָן. האַלב האָליוואָוד איז געווען פֿאַרטראָטן. ס'איז געווען ערבֿ פּורים, דזשאָו פּאַפּ ברענגט אַריין אַ מתּנה פֿאַר טאָני רענדל ("The Odd Couple") בעת די חבֿרה אַקטיאָרן רעפּעטירן:

„זעסט, — האָט ער אים אַרומגעכאַפּט קושן, —

כ׳האָב נישט פֿאַרגעסן דיין געבורטסטאָג״. טאָני רענדל דערפֿרייט זיך ווי אַ קינד און הייבט אָן אויסצופּאַקעווען זיין מתנה וואָס איז איינגעוויקלט אין בלישטשעדיק פּאַפּיר. אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז ער פּאַקט אויס אַ חנוכּה דריידל מיט אַ קאַרטל וואָס לייענט זיך

Roses are redish
Violets are blueish
If it weren't for Christmas
We'd all be Jewish

„וואָס איז דאָס?״ צעלאַכט ער זיך אויף אַ קול, „נאָך אַלעמען איז דאָך היינט ערבֿ פּורים״.

„נישקשה״, האָט אים דזשאָו גוטברודעריש אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע, „אַ חנוכּה דריידל קומט צוניץ אַפֿילו אום פּורים״.

האָט איר שוין באַדאַרפֿט זען ווי טאָני רענדל און דזשעק קלוגמאַן האָבן זיך געזעצט אויף דער פּאָדלאָגע שפּילן אין דריידל, און יאָסל פּאַפּיראָווסקי האָט אָנגעקוואָלן.

דער בענעפֿיט איז טאַקע אַדורך בשלום. ס׳איז קלאָר געוואָרן אַז ניל סיימאָן און מייק ניקאָלס, דער באַרימטער האָליוואודער רעזשיסאָר, האָבן אַ קנאַפּן שייכות סיי צו יידיש און סיי צו יידישקייט, אַזוי אַז די ייוואָ פֿאַרוואַלטונג האָט זיך גענומען בונטעווען:

„ס׳טייטש! מ׳וועט מוזן מאַכן אַ בענעפֿיט וואָס האָט אַ שייכות בלויז און דורכויס צו יידיש און נישט סתּם אָפּקומען מיט אַ פּאָר צעקאַליעטשעטע ווערטער״.

מ׳האָט זיך געוואָנדן צו מיר, אפֿשר האָב איך עפּעס פֿאָרצולייגן. האָב איך אַרויסגענומען אַ מוזיקאַלישע פּיעסע וואָס האָט זיך שוין אַרומגעוואַלגערט אין מיינע שופֿלאָדן יאָרן, אָפּגעשאָקלט פֿון איר דעם שטויב און זי דערלאַנגט אַ פּאָר חשובֿע מיטגלידער פֿון דער ייוואָ פֿאַרוואַלטונג. ס׳האָט נישט געדויערט לאַנג און די לידער פֿון גן־עדן, באַזירט אויף איציק מאַנגערס חומש לידער, זיינען באַשטעטיקט געוואָרן, אַזוי אַז מיר האָבן זיך באַלד געשטעלט זוכן אַקטיאָרן, רעזשיסאָרן, מוזיקער, קאָסטיומען, דעקאָראַציעס און טויזנט און איין זאַך וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו דער פֿאָרשטעלונג.

דער בענעפֿיט איז פֿאָרגעקומען אין האָטעל „מעריאָט מאַרקי״, אין סאַמע האַרץ פֿון דער בראָדוויייער טעאַטער אַלייע אָבער דזשאָו פּאַפּ האָט זיך אָפּגעזאָגט צו קומען. ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן האָט ער מיט אַ גרופּע שוישפּילער מיט יאָרן פֿריער פּראָטעסטירט קעגן בויען דעם לוקסוס האָטעל אינעם צענטער פֿון דער טעאַטער וועלט און געגעבן ס׳וואָרט אַז זיין פֿוס וועט דאָרט די שוועל נישט איבערטרעטן. מיר האָט ער פֿאָרגעלייגט:

„נאָכן אָפּשפּילן פֿאַרן ייוואָ בענעפֿיט, קומט אַלע צו מיר און שפּילט עס אויס אין מיין פּריוואַטער סטודיע״.

און אַזוי האָט מען טאַקע געטאָן, מ׳האָט זיך אַלע פֿאַרזאַמלט אין זיין קליינער סטודיע אויפֿן זעקסטן שטאָק, און דאָרט זיך געלאָזט וואוילגיין. ער איז געווען אַנציקט, זיך באַקענט מיט יעדן אַקטיאָר באַזונדער און געוואָלט דווקא וויסן פֿון וואַנען יעדער פֿון זיי קען אַזאַ גוטן יידיש. ער האָט זיי געלויבט אין זיבעטן הימל פֿאַר זייער טאַלאַנט און אויסטייטשונג פֿון די ראָלעס און צום סוף האָט ער זיך געוואָנדן צו מיר מיט אַ פֿראַגע וואָס איך האָב זיך אויף איר גאָרנישט געריכט:

„טאָ וואָזשע ווילסטו פֿון מיר, מרים?״

אויף אַ רגע האָב איך זיך פֿאַרלוירן, כ׳בין אָבער גלייך צו זיך געקומען און געפֿונען ס׳לשון:

„אויב דו מיינסט״, האָב איך אים געענטפֿערט, „אַז איך וויל דו זאָלסט נעמען די פֿאָרשטעלונג צו זיך אין טעאַטער, מאַכסטו אַ טעות דזשאָו, ווייל איך ווייס גאַנץ גוט אַז די פּיעסע קען זיין דערפֿאָלגרייך אָדער האָבן אַ ביטערע מפּלה, דערמיט אָבער וועט זיך אונדזער שותּפֿות זיין געענדיקט. ווען דו אָבער נעמסט זיך אונטער צו זאָרגן פֿאַר אַ שטיקל יידיש טעאַטער און ווערסט אַ טאַטע צו דעם אויפֿטו, וואָלט עס אפֿשר געהאַט אַ קיום״.

קוקט ער מיך אָן מיט אַ שמייכעלע און מאַכט:

„איך בין גרייט״.

ווען מיר האָבן דערהערט אַזעלכע רייד זיינען מיר שיער נישט אַרויסגעשפּרונגען פֿון דער הויט פֿאַר פֿרייד. מ׳האָט זיך געקושט און געהאַלדזט און זיך געפֿרייט ווי די קליינע קינדער. מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, ווען מ׳האָט זיך אָטשוכעט פֿונעם גרויסן געווינס האָט מען נישט פֿאַרשטאַנען וואָס מ׳האָט דאָ אייגנטלעך איינגעהאַנדלט. וועט דזשאָו פּאַפּ אונדז טאַקע נעמען אונטער זיינע פֿליגל? איז ער גרייט אונדז צו געבן זיין טעאַטער? וועט ער אונדז שטיצן מיט פֿאָנדן? זיינען מיר אַזוי אָפּגעזעסן אַ וואָך און צוויי, געדאַרט זיך די מוחות אָבער נישט געוואַגט אים צו פֿרעגן. ס׳איז געווען זייער וויכטיק צו זיין זייער פֿאָרזיכטיק און דיפּלאָמאַטיש ווייל די גאַנצע זאַך איז געהאַנגען אויף אַ האָר. האָט מען אים אָפּגעשיקט אַ בריוועלע, וואו מיר האָבן אים געשריבן וועגן דער גרויסער פֿרייד וואָס ער האָט אונדז פֿאַרשאַפֿן און אין דער זעלבער צייט אים געבעטן ער זאָל אויסקלייבן אַ נאָמען פֿאַר אונדזער טעאַטער. מ׳האָט אים פֿאָרגעלייגט The Joseph Papp און Yiddish Goes Public .Yiddish Theater

קלינגט ער מיר אָן, פרעגט זיך נאָך אויף יעדן אַקטיאָר באַזונדער און צום סוף גיט ער אַ זאָג:

„אגב, וויל איך איר זאָלט זיך רופן דער יוסף פּאַפּ יידישער טעאַטער און איך טו עס בכיוון. ערשטנס וועט איר מיט מיין נאָמען נישט פאַרפאַלן ווערן, עס וועט אייך גוט דינען ביים עפענען טירן. צווייטנס זאָלסטו וויסן זיין אַז איר דאַרפט שטיין אויף די אייגענע פיס און נישט פאַרלאָזן זיך אויף מיר. איך וועל אויף אייך האַלטן אַן אויג אָבער מיט קיין פאָנדן און טעאַטערס קען איך אייך נישט פאַרזאָרגן".

געהערט אַזאַ מעשה איז אונדז קאַלעמוטנע געוואָרן אויף דער נשמה, אָבער צוריקגעשמועסט, אפשר איז ער פאָרט גערעכט, זעט אוים אַז מ׳מוז אים קודם ווייזן וואָס מ׳קען אויפטאָן אויף דער אייגענער האַנט. און אַזוי איז געווען, ווי נאָר מיר האָבן געלאָזט וויסן אין דער פרעסע אַז ס׳איז געשאַפן געוואָרן אַ יוסף פּאַפּ יידישער טעאַטער אַזוי האָבן מיר גלייך באַקומען אַן איינלאַדונג פון „ריווערדייל וואַי" אָנצונעמען זייער טעאַטער ווי אַ סטאַבילע היים פאַר דער טרופּע. מיר האָבן זיך ערנסט גענומען צו דער מוזיקאַלישער פּיעסע לידער פון גן־עדן, וואָס איך, צוזאַמען מיט מיין שותּפטע רינה בערקאָוויטש־באָראָוו האָבן געשריבן און עס באַאַרבעט סיי אויף יידיש און סיי אויף ענגליש.

ס׳איז ערב יום־כּיפּור. איך לויף אַרויף צו פּאַפּן אין קאַבינעט ערליידיקן אַ פּאָר פּרטים. מיטאַמאָל באַווייזט ער זיך אין זיין עלעגאַנטן מאַנטל, ברייטן הוט און זיידענעם שאַליק. זיין פּנים איז בלאַס און ערנסט. ער כאַפּט מיך אָן ביי דער האַנט און שלעפּט מיך אַריין אין זיין קאַבינעט:

„קום אַריין, איך וויל מיט דיר כאַפּן אַ שמועס". מיר רעדן וועגן די יומים נוראים און וועגן דעם יידישן מעמד איבער דער וועלט ווען מיטאַמאָל בייט ער די טעמע:

„וואָס וועט זיין?" וויל ער וויסן.

„אַנטקעגן וואָס איז עס געזאָגט געוואָרן?" הייב איך נישט אָן צו פאַרשטיין.

„אַנטקעגן דעם וואָס איך פּאָדער קוואַליטעט, דאָס איז דער בעסטער באַווייז פון גוטן טעאַטער". איך וואַרף אים צו אַ שאַרפן בליק און נעם אים אויפן צימבל:

„דזשאָו! אויב דו מיינסט אַז איך בין ביכולת צוריקצוברענגען די גאָלדענע עפּאָכע פון יידישן טעאַטער, מעגסטו זיך גלייך דאָס אַלץ אַרויסהאַקן פון קאָפּ, מיר לעבן אין אַ נייער צייט, אַ וועלט נאָכן חורבן, אַלץ וואָס כ׳קען דיר צוזאָגן איז אַ בלימעלע אין מדבר, אַ קליין ציטערדיק בלימעלע וואָס מ׳וועט עס מוזן פלעגן און ציטערן איבער דעם, באַשיצן עס פון אַלעם בייזן, מיט ליבשאַפט און מיט איינזעעניש — ערשט דעמאָלט קען אפשר, עפּעס אַרויסוואַקסן דערפון".

קוקט ער מיך אָן סקאָם און זאָגט:

„זע נאָר, זע נאָר, ווי די פּאָטעטסע האָט זיך דאָס צעבלימלט. זאָרג זיך נישט, ס׳וועט זיין גוט, קענסט זיך אויף מיר פאַרלאָזן".

כ׳האָב פרייער אָפּגעאָטעמט. פון קיין פּראַקטישער הילף איז נישט געווען קיין רייד.

רינה און איך האָרעווען ווי די פערד. מיר שרייבן בריוו, טעלעפאָנירן, בעטן זיך איין ביי מענטשן: „גיט! אָן אייער הילף וועט מען גאָרנישט אויפטאָן". מענטשן האָבן אָנגעהויבן אַריינצושיקן קליינע סומעס געלט. איך נעם זיך אָן מיט קוראַזש און קלינג צו אַ טייערער פרוי, איבערגעגעבן דעם ייוואָ מיט לייב און לעבן. איך געדענק נאָך איר טאַטן, אהרן סטעף, אַ ייד אַן אוהב יידיש. נעם איך זיך אָן מיט מוט און קלינג אָן סאָניען און דערצייל איר וועגן אונדזער מערכה און ווי מיר נייטיקן זיך אין פאָנדן. זי הערט מיך אוים געלאַסן און מאַכט:

„איך שיק שוין אַרוים פינף טויזנט דאָלער, גוט?"

גוט?! מיר שפּרינגען אינדערלופטן פאַר פרייד, מיר נייטיקן זיך נאָך אין צען, אָבער האָפן אַז די קאַסע וועט אַריינברענגען ס׳רעשט.

ס׳איז צוויי חדשים פאַר דער דערעפענונג, מיר האָבן נאָך נישט די מוזיק. איינע פון אונדזערע אַקטריסעס, ראָזאַלי גערוט פון באָסטאָן, איז אויך אַ פעאיקע קאָמפּאָזיטאָרין. זי לייגט פאָר צו שרייבן שפּאָגל נייע מוזיק. מיר ציטערן און פלאַטערן — וואָס וועט זיין? וואָס פאַראַ פּנים וועט עס האָבן? זי שרייבט די מוזיק אין אויטאָ אויפן וועג פון באָסטאָן קיין ניו־יאָרק בשעת זי קומט אויף די רעפּעטיציעס. צוויי וואָכן פאַר דער דערעפענונג פעלן נאָך אַלץ דריי לידער. ראָזאַלי קומט פון באָסטאָן מיט אַ פּראָפעסיאָנעלן פּיאַניסט וועלכער איז נישט נאָר אַ באַגאַבטער מוזיקער נאָר ער קומט צו אונדז מיט די גרעסטע רעקאָמענדאַציעס. ער איז פעאיק צו מאַכן פון אַ מעלאָדיע אַ ראַפּסאָדיע און פון אַ ליד אַ סימפאָניע. אַ וואָך פאַר דער דערעפענונג אַנאָנסירט ער:

„ליבע פריינט, איך מוז אייך אָנזאָגן די ביטערע בשורה..."

מיר זיינען געוואָרן פאַרציטערט.

„וואָס איז?"

„איך מוז רעזיגנירן און וועל מער נישט קענען אַקאָמפּאַנירן".

מיר חלשן שיעור נישט אַוועק פאַר עגמת נפש.

„אָבער פאַרוואָס?"

„פאַר דעם וואָס איך האַלט זיך ביים גטן מיט מיין

ווייב און מיינע נערוון זיינען צעשאָסן, איצט ווייסט איר שוין פאַרוואָס".

"פונקט איצט האָסטו געפונען דעם פּאַסיקן מאָמענט זיך צו גטן?" האָט מען געמאַכט אַ יללה אָבער גיי שריי חי-וקים, פאַרפאַלן. האָט מען זיך געשטעלט זוכן אַ נייעם פּיאַניסט.

ס'איז אַ חודש פאַר דער דערעפענונג און די אַנאָנסן אין דער פּרעסע ליידיקן אוים אונדזער מאָגערן בודזשעט. מיטאַמאָל — אַ טעלעפאָנישע איינלאַדונג פון בראָנקס באָראָ-פּרעזידענט פּערנאַנדאָ פּערער. זיינע מענטשן זאָגן אונדז אָן די גוטע בשורה אַז ס'איז אַ גרויסע פרייד פאַר זיי צו וויסן אַז דער יוסף פּאַפּ יידישער טעאַטער ציט זיך אַריין אין ריווערדייל „וואַי". דער טייל פון ניו-יאָרקער געגנט וואָס הייסט בראָנקס איז אַ קולטורעלער מדבר, אפשר וועלן מיר עס אַ ביסל אויפלעבן, איז קומט, מיר האָבן פאַר אייך אַ בודזשעט.

זיי — וואָס דאַרפט איר?

מיר — וואָס דאַרפן מיר נישט? מיר דאַרפן למשל אַרויסשיקן טויזנטער בריוו און האָבן נישט אויף קיין מאַרקעס.

זיי — פאַרלאָזט זיך אויף אונדז, מיר וועלן אַרויסשיקן אייערע בריוו, פּלאַקאַטן, פלוגבלעטלעך, בראָשורן, אַפישן און אויף אַ צודאַט איינאָרדענען פאַר אייך אַ פּאַראַדנע אויפנאַמע ביי דער דערעפענונג, מיט בלומען, צוביים און געטראַנק. מיר וועלן אויך באַצאָלן פאַרן אָרקעסטער וואָס וועט באַשיינען אייער שמחה און דער באָראָ-פּרעזידענט וועט אייך פּערזענלעך באַגריסן.

נו, האָבן מיר זיך געכאַפּט ביי די קעפּ — ווער זאָגט עס אַז די צייט פון נסים איז פאַרביי? נעמען מיר זיך מיט גרוים חשק צו די בריוו, צו די פלוגבלעטלעך און צו די בראָשורן. מיר פּאַקן טאָג און נאַכט צען טויזנט קאָנווערטן, לאָדענען אָן אַ „סטיישנוואָגן" מיט דער סחורה און פאָרן לוסטיקע צו דער שטאָט געביידע, דאָרט ליפערט מען אַלץ אוים אין דער אָפּטיילונג פון קולטור אָנגעלעגנהייטן. דער קאַבינעט פון דער קולטור אָפּטיילונג הייבט אָן אויסצוזען ווי אַ פּאָסטאַמט. מיר דאַנקען זיי טויזנט מאָל און הערן גאָרנישט אויף צו דאַנקען אין נאָמען פון יוסף פּאַפּן, פון זיין יידישן טעאַטער, פון יידיש און פון דער יידישער קולטור בראש — און געלויבט צו גאָט אַראָפּ אַן עול פון קאָפּ.

ס'איז צוויי וואָכן פאַר דער דערעפענונג. דער טעלעפאָן קלינגט:

„דאָ רעדט דער קולטור אַמט פון בראָנקס באָראָ-פּרעזידענט. ס'איז געשען אַ שטיקל אומגליק, עס טוט אונדז זייער לייד אָבער מיר קענען נישט אַרויסשיקן אייערע בריוו. ס'איז ערשט אַריין אַ ניי געזעץ אין אַלע רעגירונג אָפּטיילונגען וואָס פאַרבאָט דרויסנדיקע מענטשן צו געניסן פון שטאָטישע געלטער. אַחוץ דעם זיינען אַ פּאָר פון אונדזערע אָנגעשטעלטע געגאַנגען זיצן, איז זייט אַזוי גוט און קומט אָפּנעמען אייערע צען טויזנט קאָנווערטן וואָס פאַרשטעלן אונדז די ליכטיקע זון".

דעם זעלביקן טאָג זיינען שוין די צען טויזנט קאָנווערטן געזעסן ביי מיר אויף דער סאָפקע, אויפן טיש, אויף די בעטן, די שאַפעס און מיט טרערן אין די אויגן האָט מען געקוקט אויף זיי און געטראַכט:

„אָט זיצט אונדזער טעאַטער עולם אין די קאָנווערטן ביי אונדז אין שטוב, און ס'איז אַ וואָך פאַר דער דערעפענונג".

איך הייב אָן אויפדאָסניי צו קלינגען צו פריינט, באַקאַנטע און ווילד פרעמדע מענטשן זיי זאָלן ראַטעווען. מענטשן טוען זיך מרחם זיין, שיקן צו אַ ביסל געלט אויף מאַרקעס. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז אַ העלפט פונעם פּאַק אַרוים מיט דער פּאָסט, די צווייטע העלפט ליגט נאָך עד היום ביי מיר אונטערן בעט.

דער דעקאָראַציע מייסטער מיטן רעזשיסאָר פון דער פּיעסע קומען צו גיין מיט אַ געניאַלן איינפאַל — אַזוי ווי ס'זיינען פאַראַן צוויי ליידיקע ווענט פון ביידע זייטן פאָרהאַנג, פאַרוואָס נישט רעפּראָדוצירן אויף לייוונט אַ קאָפּיע פון מיקעלאַנדזשעלאָס קונסטבילד „בראשית" וואו צוויי פינגער פון דער גאָטהייט האַלטן זיך ביים פאַראייניקן. זיי וועלן די מאָלעריי צעטיילן אויף צוויי און אויפהענגען עס אויף די ווענט פון ביידע זייטן פאָרהאַנג. דער געדאַנק האָט אונדז אויסגעזען אינטערעסאַנט. ווען מיר האָבן אָבער נאָכגעזוכט פונוואַנען די מאָלעריי שטאַמט אָפּ איז אונדז פינצטער געוואָרן אין די אויגן.

מיקעלאַנדזשעלאָ האָט עס נישט מער און נישט ווייניקער געמאָלן אויפן באַלקן פון דער סעקסטינער קאַפּעלע אין רוים און דאָ האַלטן מיר ביים פאַרקויפן יידישע קולטור. האָט מען זיך געשטעלט פּעכטן מיט ווערטער, יאָ פינגער נישט פינגער.

זיי — קיינער וועט סיי ווי נישט וויסן פונוואַנען די מאָלעריי שטאַמט אָפּ.

מיר — ס'איז נישט יידיש.

זיי — די געמאָלענע פענצטער אין די קירכעס וואָס שאַגאַל האָט געמאָלן זיינען אויך נישט יידיש, פונדעסטוועגן מאַכט קיינער נישט קיין וועזן פון זיי.

מיר — ס'איז נישט קיין אויסדרוק פון יידישער קולטור.

זיי — ס'איז צו שפּעט, מיר האָבן שוין באַשלאָסן און אַזוי וועט עס בלייבן.

מיר — איז מאַכט אויס באַשלום ווייל מיר ווילן נישט צושטעלן קיין יידישן אות צו אַ נישט יידישער מאָלעריי, ס'איז אַ חילול השם.

זיי — ווילן מיר עס טאָן אויף אייגענער אחריות.

מיר — טוט וואָס איר ווילט, אָבער מיר ווילן גאָרנישט האָבן צו טאָן מיט דער פאַרשטעלונג.

זיי — זאָל שוין זיין ווי איר ווילט — וואָס ווילט איר?

מיר — אַ יידישן סימבאָל.

זיי — וואָס?

מיר — אַ מגילה אינעם גייסט פון פורים שפּיל.

זיי — אָקיי.

איך שטעל אַריין אַן אַנאָנס אין פאָרווערטס אַז ס'עפנט זיך די ערשטע פּיעסע וואָס עס שטעלט דער יוסף פּאַפּ יידישער טעאַטער.

ס'קלינגט מיין מאַמע פון מיאַמי־ביטש, שטאַרק אויפגערעגט:

זי — כ'האָב געלייענט אין פאָרווערטס אַז יוסף פּאַפּ נעמט איבער דאָס גאַנצע יידישע טעאַטער, איז דאָס אמת, מירל?

איך — יאָ.

זי — און דו לאָזט עס אַזוי צו? וויפל מאָל האָב איך דיך געלערנט נישט צו זיין אַזוי נאַאיוו, צו זיין פאַרזיכטיק מיט מענטשן. פון וואַנען ווייסטו אַז מ'קען דעם יוסף פּאַפּ געטרויען? האָסט שוין מיט אים אַמאָל געהאַנדלט?

איך — מאַם! איך האָב דאָס אַריינגעשטעלט דעם אַנאָנס אין פאָרווערטס, נישט ער.

זי — מיך גייט ווייניק אָן ווער ס'האָט אַריינגעשטעלט דעם אַנאָנס אין דער צייטונג. איך האָב נישט געזען דיין נאָמען דאָרט נאָר זיינעם, וואָרן איך דיך מירל, האַלט אַן אויג אויף דער קאַסע, לאָז נישט צו דעם יוסף פּאַפּ צו נאָענט צום געלט, און נאָך אַ זאַך, כל־זמן דו פאַרקויפסט די בילעטן, טו עס נישט אַליין, ס'איז אַ גרויסע סכנה. לאָז בעסער צו דיין מאַן צו דער קאַסע, און נישט פּאַפּאַן. ער זעט מיר אויס ווי ער וויל פאַרכאַפּן דאָס גאַנצע עסק.

איך — הלוואַי, רבונו של עולם.

זי — האַלט אַן אויג אויף אים, מ'טאָר קיינעם נישט געטרויען.

איך — יאָ מאַמע, איך האַלט אַן אויג אויף אים.

זי — דו האַלטסט צי דו זאָגסט בלויז אַז דו האַלטסט?

איך — יאָ מאַמע, איך האַלט, אוי האַלט איך.

די צייט טוט ס'איריקע — זי לויפט. ס'איז אַ פּאָר טעג פאַר דער דערעפענונג. איך קויף איין וויין, ראָזשינקעס מיט מאַנדלען און פּועל אויס ביי גדליה ברייער, מיינעם אַ גוטן באַקאַנטן וואָס האָט אַן אייגענע בעקעריי ערגעץ אין לאָנג איילענד, ער זאָל אונדז באַזאָרגן מיט אַ פּאָר הונדערט פריש געבאַקענע ראָגעלעך. דערווייל דערוויים איך זיך אַז דער הויז־רבי פון ריווערדייל „וואַי" דאַרף געבן זיין הכשר אויף די ראָגעלעך. איך באַזאָרג אים מיט אַלע פּרטים פון דער בעקעריי, מיט די פּאַפּירן וואָס באַווייזן ווייס אויף שוואַרץ אַז דאָס געבעקס ווערט דאָרט געבאַקן „סטריקטלי" כשר, אונטער דער השגחה פון אַ באַוואוסטן ברוקלינער משגיח. דער רבי שטעלט מיר קלאָץ קשיות, ער וויל וויסן צו וועלכער שיטה אין חסידות געהערט דער משגיח, און וואו ער דאַוונט, און ווער איז דער רב וואָס האָט געגעבן דעם הכשר? הקיצור, איך פאַרליר שוין ס'געדולד און בעט אים ער זאָל האָבן איינזעעניש ווייל די ראָגעלעך וועלן געגעבן ווי אַ באַשטייערונג צום יידישן טעאַטער. ער הערט מיך אויס און מאַכט:

ער — זאָגן אייך דעם אמת ליבע פרוי, האָבן מיר אַן איינענעם, כשר למהדרין „קיטערער" (שפּייז צושטעלער) און לאָזן קיינעם נישט אַריינברענגען קיין פרעמדע סחורה.

איך — איר מוזט פאַרשטיין ר' ייד, אַז מיר קענען זיך נישט פאַרגינען דעם לוקסוס פון קויפן ראָגעלעך, דאָס קריגן מיר בחינם ווייל דער באַלעבאָס איז מיינער אַ באַקאַנטער. כ'האָב אייך שוין צוגעשיקט די דאָקומענטן מיטן נאָמען פון דעם משגיח.

ער — מיר וועלן אַדורכקוקן די פּאַפּירן און אייך לאָזן וויסן.

ס'איז צוויי טעג פאַר דער פאַרשטעלונג, מ'הערט נישט און מ'זעט נישט. איך קלינג צום רבין. אַ קינד ענטפערט:

„קיינער נישטאָ אין דער היים, קלינג אינדערפרי".

איך קלינג באַלד אינדערפרי. ס'ענטפערט די רביצין:

איך — טוט אַ מצוה, הייסט גוט די ראָגעלעך, מיין ביישטייערער וועט אויסרינען און מיר וועלן האָבן אַ פאַרשטערטע חתונה. דער בעקער דאַרף דאָך באַקן און צוגרייטן און ער קען עס נישט טאָן אין דער לעצטער מינוט, כ'דאַרף האָבן אַן ענטפער.

זי — אין וואָס האַנדלט זיך?

איך — כ'האָב אייך צוגעשיקט אַלע פּאַפּירן און דאָקומענטן.

זי — אוי געוואַלד, ס'טוט זיך ביי אונדז אַזאַ באַלאַגאַן, כ'האָב די פּאַפּירן ערגעץ פאַרוואָרפן און איצט קען איך גאָרנישט געפינען. אין וואָס גייט דאָ?

איך — דאָ האַנדלט זיך אין אַ פּאָר הונדערט ראָגעלעך, גאָלדענע ראָגעלעך, הייליקע ראָגעלעך וואָס אייער מאַן דאַרף גוטהייסן ווייל זיי זיינען כשר ווישר



יוסף פּאַפּ
(1992 — 1922)

(געצייכנט: ז. ש. פּראַווער)

למהדרין, איך דאַרף האָבן דעם ענטפער גלייך דאָ אויף אַן אָרט, אַנישט ברענג איך זיי אַריין אָן אייער מאַנס הסכמה און רופט מיך קנאַקניסל.

זי — איך הייב נישט אָן צו וויסן וואָס איר האָקט דאָ אַ טשייניק, דער רבי וועט נישט זיין אין דער היים ביז שפּעט ביינאַכט.

איך — טאָ זאָל ער מיר קלינגען ווייל איך וועל סיי ווי נישט צומאַכן מיט קיין אויג, די ראָגעלעך וועלן מיר דערגיין די יאָרן.

יענע נאַכט, אַ טאָג פאַר דער דערעפענונג קלינגט דער רבי מיט דער גוטער בשורה אַז די ראָגעלעך זיינען כשר וישר כדת משה וישראל, למהדרין, שישו ושימחו און מזל־טוב, מחותנתטע, איר קענט שוין פירן ס׳קינד צו דער חופה.

די אַקטיאָרן שפּילן דאָס ערשטע מאָל אין די קאָסטיומען. די לידער קלינגען ווי מ׳וואָלט גערוקט מעבל. דאָס שפּילן טויג אויך אויף כפּרות — אַלע סצענעס זיינען טויט. ס׳באַפאַלט אונדז אַ האַרצקלעמעניש, אַ גריזאָטע, כאָטש טו אָן אַ טרויער־באַנד ווי אין זשאַלאָבע. מיר זינקען טיפער און טיפער אַריין אין די פּליושענע טעאַטער בענקלעך און פילן זיך ווי נאָך אַ שווערער קרענק. דער רעזשיסאָר קומט צו לויפן נישט טויט נישט לעבעדיק, ווי ער וואָלט געווען אַ מינוט פאַרן שיסן און קרעכצט קוים אַרויס:

ער — איר ווייסט מענטשן אַז מיין גאַנצע קאַריערע הענגט דאָ אויף אַ האָר, איר ווייסט כאָטש וואָס מיר שטייט דאָ אָן צו פאַרלירן.

מיר — וואָס לייגסטו פאָר?

ער — נישט צו עפענען.

רינה — אוי ס׳אַ שרעק.

איך — מיר וועלן עפענען גוט צי שלעכט.

די נאַכט פאַר דער דערעפענונג ווערט פאַרפאַלן איינע פון אונדזערע אַקטריסעס, די באָסטאָנער מויד, די זעלביקע וואָס האָט געשריבן די מוזיק. זי איז געפאָרן מיטן אויטאָ, זיך אָפּגעשטעלט ביי רינהן אין ווייטפּליינס אַרום האַלבער נאַכט און באַשלאָסן צו קומען צו אונדז קיין ריווערדייל איבערצונעכטיקן. זי איז אָבער נישט אָנגעקומען. אַזוי ווי איך האָב זיך פרי געלייגט יענע נאַכט, האָב איך צומאָל נישט געוואוסט פון דער קאַטאַסטראָפאַלער לאַגע. צוויי דרייסיק אינדערפרי, דער טעלעפאָן קלינגט.

איך שלאָף — מיין מאַן מענדל איז נאָך אויף. ס׳איז רינה, זי קען נישט שלאָפן, זי וויל וויסן צי ראָזאַלי איז אָנגעקומען בשלום. מענדל האָט צומאָל נישט געוואוסט אַז זי האָט געדאַרפט ביי אונדז איבערשלאָפן. ביידע האָבן זיך איצט גענומען זאָרגן, ביידע האָבן באַשלאָסן נישט אַריינצופאַלן אין קיין בהלה, נישט קלינגען אין דער פּאָליציי נאָר צוואַרטן ביזן פרימאָרגן.

איך הייב זיך אויף אינדערפרי און געפין אויס אַז ראָזאַלי איז פאַרלוירן געגאַנגען. איך קלינג רינהן, יענע איז משוגע פאַרזאָרגט און ביי מיר צעשפּילט זיך שוין די פאַנטאַזיע — איך זע פאַר זיך שרעקלעכע סצענעס, נאָך אַלעמען, ס׳איז ניו־יאָרק. רינה וויל נאָר וויסן איין זאַך:

„זאָלן מיר צו וויסן געבן דער פּאָליציי צי ניין?"

איך — לאָמיר וואַרטן, די חברהמאַנטע וועט זיך אפשר אָפּזוכן, דו קענסט דאָך דעם אַקטיאָרן־שבט, איין שאַנדרע־באַנדע, איינס איז נישט בעסער פון ס׳אַנדערע.

געקומען דער טאָג פון דער דערעפענונג. ס׳איז עלף אינדערפרי. מיר זיינען שוין אין „וואַי" — פּוצן אויס די טישן אין אויפנאַם־צימער מיט ווייסע טישטעכער און וואַזאָנעס מיט בלומען. דערווייל עסט מען זיך אויף לעבעדיקערהייט. אפשר פאָרט געדאַרפט רופן די פּאָליציי, — ראָזאַלי איז נאָך אַלץ נישטאָ. די פאָרשטעלונג הייבט זיך אָן אין צוויי שעה אַרום. ס׳איז שוין צוועלף, דער עולם קומט שוין צו דער קאַסע קויפן בילעטן. איך זאָג צו רינהן:

„גיב אומישנע אַ לויף אַראָפּ אין טעאַטער, אפשר פאָרט האָט זי זיך אָפּגעזוכט". רינה לויפט אַראָפּ אין גאַרדעראָב צימער, ראָזאַלי איז דאָ, זי זיצט זיך געלאַסן פאַרן שפּיגל ווי קיינמאָל גאָרנישט, שמינקעט זיך די ליפּן, גרימירט זיך ס׳פּנים ווי ס׳וואָלט דאָ גאָרנישט געשען.

„וואו ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן?" איז רינה שיעור נישט אַרויס פון די כלים.

„איך בין געווען טויט מיד, האָט זי זיך פאַרענטפערט, האָב איך זיך אויפן וועג אָפּגעשטעלט אין אַ מאָטעל און זיך גוט אויסגעשלאָפן. ס׳איז געווען צו שפּעט צו לאָזן עמעצן וויסן וואו איך געפין זיך".

ס׳איז צוויי אַזייגער, דער עולם איז שוין דאָ. ס׳איז אויך דער זעקסטער טאָג חנוכה. מיר זיצן ווי די אָנגעצויגענע סטרונעס, באַלד, באַלד און די גאַנצע וועלט וועט וויסן אַז די פּיעסע טויג אויף טויזנט טיסעטש כפּרות און אַז דער יוסף פּאַפּ יידישער טעאַטער איז אויסגעשפּילט נאָך איידער ער האָט געהאַט די געלעגנהייט עפּעס וואָס אויפצוטאָן. איך דריי זיך אום צו מענדעלען און שעפּטשע אים אַריין אין אויער:

„בלויז אַ נס קען אונדז היינט העלפן און אַזוי ווי ס׳איז היינט חנוכה, אַ צייט פון נסים, זיינען מיר ביי אים אין די הענט".

דער פאָרהאַנג עפנט זיך, די ליכט גיבן אַ בלישטשע אויף, די מוזיק צעטאַנצט זיך איבער די קלאַווישן, עס

באַווייזן זיך די יונגע, לעבעדיק־לוסטיקע אַקטיאָרן — די לופֿט ווערט געשוואָלן מיט אַ יום־טובֿדיקער שטימונג, דער עולם קלאַפּט בראַוואָ, פֿייפֿט און שטורעמט — די אַקטיאָרן כאַפּן דאָס אונטער און דער כּישוף הייבט אָן שפּינען אַן אייגענעם געוועב. מיר ווייסן שוין אַז מיר זיינען געהאָלפֿן. מיר קוקן זיך אָן ווי ניי־געבוירענע, מיר לאַכן און וויינען און קענען גאָרנישט צו גלייבן אַז די לידער פֿון גן־עדן האָבן זיך סוף כּל סוף אויסגעבריט און געקומען אויף דער וועלט געטאָקט און געראָטן.

אין אָוונט, ווען יוסף פּאַפּ האָט דערזען די פֿאָרשטעלונג, האָט ער ביי דער אויפֿנאַמע דערקלערט:

„קינדער, איך האָב זיך פֿאָרגעשטעלט אַז ס׳וועט אייך נעמען אַמווייניקסטן דריי יאָר ביז איר וועט צוקומען צו דער מדרגה. דערווייל זע איך אַז איר האָט עס געטאָן אין אייניקע פּאָר חדשים. וויל איך גלייך דאָ אויפֿן אָרט אייך אַלעמען לאָזן וויסן, אַז איך נעם די פֿאָרשטעלונג ווי זי גייט און שטייט צו מיר אין שעקספּיר פֿעסטיוואַל און זאָל די וועלט זען וואָס איר האָט דאָ אויפֿגעטאָן״.

צו אונדזער פֿרייד איז גאָרנישט געווען קיין שיעור. מיר זיינען געשפּרונגען אינדערלופֿטן און זיך אַליין מקנא געווען.

מיט אַ חודש שפּעטער, אין אַ מסוכן פּראָסטיקער נאַכט, ביי דער סאַמע פּרעמיערע פֿון די לידער פֿון גן־עדן אין ניו־יאָרקער שעקספּיר פֿעסטיוואַל, האָבן זיך באַוויזן דריי אַלטע יידן פֿון דער יידישער אַקטיאָרן־יוניאָן מיט „פּיקעטס״ (פּראָטעסט אויפֿשריפֿטן) אויף די בייכער. זיי האָבן פּראָטעסטירט וואָס די פֿאָרשטעלונג גייט נישט אונטער זייער יוריסדיקציע. דזשאָו פּאַפּ האָט די דריי אויסגעפּרווירענע יידן אַריינפֿאַרבעטן אין זיין טעאַטער, זיי פֿאָרגעלייגט הייסע קאַווע מיט קיכעלעך און זיי געבעטן צו פּראָטעסטירן אינעווייניק וואו ס׳איז וואַרעם און וואו ס׳איז דאָ אַן עולם. ס׳האָט נישט געדויערט לאַנג און זיי זיינען זיך צעגאַנגען. זיי האָבן נאָך באַוויזן אָפּצודרוקן פּראָטעסט בריוו אין דער יידישער פּרעסע, וואָרענען די יידישע טעאַטער גייער זיי זאָלן באָיקאָטירן די פֿאָרשטעלונג.

דער סוף איז געווען אַז מיר האָבן געשפּילט ביי דזשאָו פּאַפּן אין „פּאָבליק טעאַטער״ איבער אַ האַלב יאָר צייט, אַכט פֿאָרשטעלונגען אַ וואָך צו אויספֿאַרקויפֿטע הייזער. די גאַנצע ענגלישע פּרעסע אין ניו־יאָרק און אומגעגנט האָט געיובלט מיט אונדז צוזאַמען. זיי האָבן אונדז געליבט אין זיבעטן הימל און נישט געזשאַלעוועט קיין קאָמפּלימענטן. יוסף פּאַפּ איז כּמעט יעדע נאַכט געווען אין טעאַטער, אונדז געקושט און געהאַלדזט יעדערן באַזונדער און אַלע אינאיינעם און געהאַלטן אין איין איבערחזרן: „קינדערלעך, דאָס איז די בעסטע צייט אין מיין לעבן. ווען איך הער ווי דער עולם לאַכט און פֿרייט זיך מיטן יידישן וואָרט פֿיל איך ווי אַ וואַרעמע כוואַליע וואָלט מיך געגלעט״.

נישט איינמאָל האָט דער עולם באַוואָרפֿן די שוישפּילער מיט צוקערקעס און זיסוואַרג, אַ סימן זיי האָבן שוין נישט איינמאָל געזען די פֿאָרשטעלונג און געקומען צוגעגרייטע. דזשאָו פּאַפּ פֿלעגט אַמאָל שטיין ביי דער קאַסע און איינרעדן די בילעטן־קויפֿער:

„צו וואָס טויג אייך שעקספּיר, איר גייט בעסער זען דעם יידישן טעאַטער וועט איר וויסן וואָס גוט איז״.

דעם אָוונט ווען ער איז צוריקגעקומען פֿון אַ רייזע קיין פּוילן, האָט ער קוים באַוויזן אַוועקצושטעלן די וואַליזקעס און ראַפּטום געקומען צו לויפֿן אין טעאַטער, זיך אַוועקגעשטעלט ביי די אונטערשטע בענק און געלאָזט אַ טרער, און אַז מ׳האָט אים געפֿרעגט:

„וואָס איז דזשאָו?״ האָט ער שווער אָפּגעזיפֿצט און געענטפֿערט:

„כ׳קום ערשט פֿונעם גרעסטן יידישן בית־עולם — פּוילן. איז איידער איך האָב אַוועקגעשטעלט די וואַליזקעס בין איך געקומען צו לויפֿן אַהער הערן ווי ס׳יידישע וואָרט לעבט״.

זינט דעמאָלט האָט די פֿאָרשטעלונג געשפּילט „אָף־בראָדוויי״, גאַסטראָלירט אויפֿן אינטערנאַציאָנאַלן יידישן פֿעסטיוואַל אין אַמסטערדאַם און מינכען און אומעטום האָט מען די אַקטיאָרן געטראָגן אויף די הענט. זיי האָבן אַריינגעאָטעמט יונגן גייסט און ענטוזיאַזם אינעם אַלטן יידישן לשון. די העכסט טאַלאַנטירטע טרופּע איז באַשטאַנען פֿון אַבי האָפֿמאַן (אויך רעזשי), עלינאָר ריסאַ (אויך כאָרעאָגראַפֿיע), עדריען קופּער, ראָזאַלי גערוט (אויך מוזיק) און דוד קענער.

דער יוסף פּאַפּ יידישער טעאַטער האָט אין דער זעלבער צייט געשטעלט אַ צווייטע מוזיקאַלישע פֿאָרשטעלונג וואָס האָט געהייסן די פֿאַרשטערטע חתונה באַזירט אויף פֿאָלקסטימלעכע מאָטיוון. די פּרעכטיקע אָריגינעלע מוזיק האָט געשריבן דער שטאַרק באַגאַבטער יונגער קאָמפּאָזיטאָר און יידיש קענער בנימין שעכטער.

דזשאָזעף פּאַפּ האָט נישט איינגערוט אויף קיין סעקונדע, אַלעמאָל געשטורעמט מיט געדאַנקען. און כאָטש ער איז שוין געווען קראַנק האָט ער נאָך אַלץ איינגעריסן וועלטן און געוואָלט אונדז פֿאַרזאָרגן אויף להבא. האָט ער מיך מיטגענומען צו אַ יוסטן גבֿיר מיט אַ וועלט־נאָמען און געבעטן ביי אים אַ סומע געלט פֿאַר זיין יידישן טעאַטער, וואָס ביי יענעם איז עס געווען אַ קיי און אַ שפּיי. אָבער יענער איז געווען פֿאַרליאַפּעט אין

עסטרייכישער קונסט, פּוילישע זומער קאָלאָניעס און אונגאַרישע „פּאָלאָטשינטאָס״ (בלינצעס). חדשים פאַר זיין טויט האָט דזשאָו געלייגט פּלענער צו עפענען אַ וואַרשטאַט־סטודיע ביי זיך אין „פּאָבליק״ טעאַטער, וואו מ׳זאָל אויסשולן יונגע יידישע אַקטיאָרן אין דער קונסט פון טעאַטער, שפּראַך און נייעם רעפּערטואַר. דאָ האָט ער געעצהט מ׳זאָל צוציען יונגע דראַמאַטורגן, קאַמפּאָזיטאָרן, טאַנץ מייסטער און איבערזעצער. נאָך זיין טויט האָבן מיר די סטודיע געעפנט און צוגעצויגן צו דער וועכנטלעכער טעטיקייט אַ קימאַ־לן פון אַ דריי טוץ יונגע קינסטלער. מיט זיי פאַרנעמען זיך די בעסטע רעזשיסאָרן, מוזיקער און יידיש לערער וואָס מיר פאַרמאָגן.

# רעצענזיעס

# שלום⸗עליכם אין בילד

פון

**קאָבי ווייצנער**

(תל אביב)

שלום⸗עליכם: חייו בתמונות \ זיין לעבן אין בילד. עורך \ רעדאַקטאָר: אברהם ליס, דביר — בית שלום⸗עליכם: תל אביב 1989. 182 זז.

דער פאַרלאַג „דביר" און דאָס שלום⸗עליכם הויז אין תל אביב האָבן בשותפות אַרויסגעגעבן שלום⸗עליכמס ביאָגראַפיע אין בילדער. דער אַלבאָם איז דריישפּראַכיק: העברעאיש, יידיש און ענגליש. געטיילט איז ער אויף זעקס קאַפּיטלען.

אינעם אַריינפיר (זז. 12-5), דערקלערט דער רעדאַקטאָר, אברהם ליס, צוליב וואָס האָט ער דעם אַלבאָם אַרויסגעגעבן. ראשית, בכדי צו געבן אַ וויזועלע דימענסיע צו שלום⸗עליכמס לעבן. ס'זיינען דאָ ביאָגראַפיעס, ווי דאָס שלום⸗עליכם בוך, אונדזערע ראשונים פון י. ד. בערקאָוויטש, און, פאַרשטייט זיך, שלום⸗עליכמס אייגענער אויטאָביאָגראַפישער ראָמאַן איבער זיין יוגנט, פונעם יאַריד. ביז היינט איז אָבער ניטאָ קיין פולע שלום⸗עליכם ביאָגראַפיע, און דאָס איז געווען אברהם ליסעס אַ צווייטער מאָטיוו ביים אַרויסגעבן אַ ביאָגראַפיע אין בילדער.

דער רייכער מאַטעריאַל איז איינגעסדרט לויט די ווייטערדיקע טעמאַטישע און צום טייל כראָנאָלאָגישע אָפּטיילונגען:

„די ערשטע יאָרן" (זז. 32-12): בילדער פון שלום⸗עליכם און זיין נאָענטער משפחה.

„דערציילונגען, ראָמאַנען, סאַטירעס" (זז. 64-33): פאַרשידענע בילדער פון שלום⸗עליכם ביים שרייבטיש, פאַקסימיליעס פון מאַנוסקריפּטן, שער⸗בלעטער פון פאַרשידענע ערשטע אויסגאַבעס אין יידיש און אַנדערע שפּראַכן.

„חיבת פאָלק און חיבת ציון" (זז. 84-65): בילדער פון שלום⸗עליכם בשעת זיינע נסיעות איבער דער יידישער וועלט: וואָרט⸗קאָנצערטן, קבלת⸗פּנימס, ציוניסטישער קאָנגרעס אין האַג, 1907. אַ פאַקסימיליע פונעם שער⸗בלאַט צו דער בראָשור אויף וואָס דאַרפן יידן אַ לאַנד, דערשינען אין 1904, מיט אַן אויסבעסערונג — „באַדאַרפן" אָנשטאָט „דאַרפן" — געמאַכט פון שלום⸗עליכם אַליין.

„מיט זיינע מיטצייטלערס" (זז. 106-85): בילדער מיט פּרץ און דינעזאָן, ספּעקטאָר, שלום אַש, מענדעלע, ביאַליק, בן⸗עמי, און אַנדערע. פאַקסימיליעס פון דער קאָרעספּאָנדענץ אין רוסיש מיט לעוו טאָלסטאָי, מאַקסים גאָרקי און אַנטאָן טשעכאָוו.

„פּיעסעס און פאָרשטעלונגען" (זז. 106-85): טעאַטער בילדער און פּראָגראַמען פון פאָרשטעלונגען אין אייראָפּע, אַמעריקע און ישראל פון שלום⸗עליכמס פּיעסן. די ערשטע פּיעסע זיינע וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן איז געווען אַ פּוילישע איבערזעצונג פון זיין דראַמע „צעזייט און צעשפּרייט" (וואַרשע, 1905). אין אַלבאָם ווערט געבראַכט אַ פאַקסימיליע פון דער טעאַטער מודעה.

„די לעצטע יאָרן" (זז. 148-133): בילדער פון שלום⸗עליכם און זיין משפחה אין די לעצטע יאָרן פאַר זיין פריצייטיקן טויט. בילדער פון דער לוויה מיטן גרויסן עולם וואָס איז געקומען באַגלייטן דעם שרייבער אויף זיין לעצטן וועג.

„לכבוד זיין אָנדענק" (זז. 177-149): פאַקסימיליעס פון קינסטלערישע פּראָגראַמען לכבוד שלום⸗עליכמען. בילדער פון „בית שלום⸗עליכם" אין תל אביב (דער בית שלום⸗עליכם איז כידוע אַ מוזיי, אַרכיוו, און אַ גאַלעריע מיט אַ זאַמלונג פון זיינע פּערזענלעכע חפצים).



שלום־עליכם ובנו מישה (קייב, 1893)
With elder son Misha (Kiev, 1893)
שלום־עליכם און זיין זון מישאַ (קיעוו, 1893)



אברהם ליס, גרינדער און דירעקטאָר פון בית שלום־עליכם אין תל אביב

דער אַלבאָם איז פּרעכטיק אַרויסגעגעבן, סיי אין זיין קינסטלערישער געשטאַלטיקונג סיי אינעם אָפּקלייב פון פאָטאָגראַפיעס און פאַקסימיליעס וואָס ווערן געבראַכט. ביי די ביידע זאַכן, זעט זיך די געניטע האַנט פונעם רעדאַקטאָר, אברהם ליס, וועמענס פאָרשונגען איבער שלום־עליכמען זיינען תוכיקע, יסודותדיקע ווערק. אַן אַלבאָם וואָס ווערט צוגעגרייט פון אַ געניטן פאָרשער האָט גאָר אַן אַנדער פּנים איידער אַן אַלבאָם וואו דער אָפּקלייב ווערט געמאַכט נאָר און בלויז אויפן סמך פון אַן עסטעטישן אָפּקלייב פון אַלע פאַראַנענע בילדער. דער רעדאַקטאָר איז דער גרינדער און לאַנגיאָריקער און באַליבטער דירעקטאָר פונעם בית שלום־עליכם אין תל אביב.

דער אַלבאָם שאַפט פרייד און טרויער. פרייד, אַז מ׳קען פאַרברענגען כאָטש אַ ווײַלינקע מיט דעם באַליבטן שרייבער. מער ווי וועלכער ניט איז אַנדער שרייבער, איז שלום־עליכם געוואָרן די פאָרשטעלונג פון אַ פאָלק אין אַ געוויסער צייט און אָרט. ביאַליקן האָט מען פאַרערט, נאָר מיט שלום־עליכמען וואָלט מען געוואָלט כאַפּן אַ שמועס ביי אַ גלעזל טיי. ביים בלעטערן און איבערבלעטערן דעם אַלבאָם, האָט מען דאָס געפיל אַז דאָ איז אַ משפחה אַלבאָם וואָס איז פאַרלוירן געגאַנגען ערגעצוואו אין הויז און אברהם ליס האָט עס פאַר אונדז געפונען. די פרייד איז גרויס.

אָבער דער טרויער איז אויך גרויס. אַז מ׳זעט אין די בילדער דאָס לעבן פון שלום־עליכם, ווערט מען טרויעריק. דער שרייבער וואָס האָט געגעבן אַזויפיל האָט באַקומען אַזוי ווייניק. פון די בריוו אינעם אַלבאָם הערט זיך אַ וויינגעשריי פון אַ קראַנקן שריפטשטעלער, אָן אַ גראָשן, וואָס דאַרף זיך ראַנגלען אַ גאַנץ לעבן און אַלע טאָג מיט צייטונגען, טעאַטערס און ביכער־פאַרלאַגן, אויפן ביסל חיונה. אויף ז. 103 ווערט רעפּראָדוצירט אַ בריוו וואָס שלום־עליכם האָט געשריבן פון אַ שפּיטאָל אין דער שווייץ צו זיין איידעם בערקאָוויטש. מיט עטלעכע יאָר פריער, ווי עס זעט זיך פונעם אַלבאָם, איז זיין האַנטשריפט געווען רונדלעך און זיכער. דאָ האָט שוין די האַנט געציטערט, און די שורות גייען אַראָפּצוצו, ווי זיי וואָלטן זיך פאַרזונקען אין יאוש.

טייל פאָטאָגראַפיעס זיינען אויסערגעוויינלעך מחמת דעם מענטשלעכן געפיל וואָס שטראַלט פון זיי אַרויס. דער גוטהאַרציקער שמייכל (ז. 104), די שרייב־מכשירים וואָס זיינען מלא חן (ז. 59), דאָס אַלץ, אינאיינעם גענומען, פורעמט אויס אַ גאָר זעלטן בילד. אַלץ איז אָפּהענגיק אינעם אָפּקלייב און דאָ שוועבט איבערן גאַנצן בוך די מייסטערישע האַנט פון אברהם ליס.

דער אַלבאָם שטעלט זיך ניט אָפּ מיטן טויט פונעם גרויסן הומאָריסט. ער נעמט אַריין אויך בילדער צום ביישפּיל פון דער אויפפירונג פון דאָס גרויסע געווינס פון פּאָול מוני און מאָרים שוואַרץ (ז. 126) און פון אַ גאָר דערפאָלגרייכער אויפפירונג פון פידלער אויפן דאַך אין יאַפּאַן (ז. 136), אַלץ דערפאָלגן וואָס שלום־עליכם גופא האָט וועגן זיי קוים געקענט חלומען פאַר זיין לעבן.

# בערל רויזן און זיין שאַפן: ליטעראַריש=היסטאָרישע שטודיעס

פון

**אברהם לים**

(תל אביב)

בערל רויזן, ליטעראַריש=היסטאָרישע שטודיעס. וועגן מחבר: אַרטיקלען פון יוסף בורג, מאיר חרץ, מאָטל פּאָליאַנסקי, פּאַרלאַג, י. ל. פּרץ: תל אביב 1988. 398 זז.

איך האָב בערל רויזענען ניט געקענט. קיינמאָל אים ניט געטראָפן. מחמת דעם פּשוטן טעם: בערל רויזן האָט געלעבט און איז שעפעריש אַקטיוו געווען אין בעסאַראַביע און בוקאָווינע און רומעניע, און איך בין דאָך אַ דאָאיקער, קיינמאָל יענע מקומות ניט באַזוכט, אָבער ווען איך האָב אויפגעמאַכט דאָס בוך, אָט די זאַמלונג אָפּהאַנדלונגען און עסייען א.נ. ליטעראַריש=היסטאָרישע שטודיעס, וואָס איז דערשינען אין „פּרץ פאַרלאַג”, און דערזען זיין פּאָטאָ, האָב איך דערפילט אַז איך קען אים. ווי דען אַנדערש? אַזוי האָט ער געדאַרפט אויסזען — אַ שיין, אָנגענעם פּנים, און וואַרעם=טויאיקע אויגן וואָס קוקן אַראָפּ אויף אונדז אי מיט אינערלעכער מילדקייט, אי מיט שאַרפן נייגער — —

בערל רויזן האָט ביי זיין לעבן — ביז זיין טראַגישן טויט — ניט אַרויסגעגעבן קיין איין בוך, כאָטש געשריבן האָט ער במשך יאָרצענדליקער. האָבן די וואָס האָבן איניציאירט און געהאָלפן אַרויסגעבן אָט דאָס בוך געטאָן, מקיים געווען אַן אַלט פאָלקישע מצווה, אַ „חסד של אמת”, כאָטש זיכער איז, אַז אין אָט דער זאַמלונג קומט ניט אַריין אַלץ וואָס ער האָט געשריבן. אָבער דערפאַר טראָגט דאָס בוך אַ מהותדיקע גאַנצקייט, אַ שלימותדיקייט, וואָס כאַראַקטעריזירט און מאַניפעסטירט די שעפערישע וועלט פון בערל רויזן, זיין שרייבערישע גענעזע.

איך האָב אַ צאָל פון זיינע אַרבעטן, וואָס ער האָט געהאַט געדרוקט אין וואַרשעווער פאָלקס=שטימע און אין סאָוועטיש היימלאַנד, געלייענט פריער, און ס'איז מיר אַלעמאָל וואויל געפעלן זיין פאָרם און אופן פון שרייבן. ס'איז ראַיעלע, פאַרלאָזלעכע אינפאָרמאַציע געבונדן מיט גערעכטענעם אויסטייטש; שילדערישע ליטעראַטור — פראַגמענטן אַרויסגעוואַקסענע און פאַרצווייגטע אין דער געגעבענער יענצייטיקייט און סביבה, באַלויכטן דורך דעם מחברס ליטעראַטור=קריטישן באַנעם און באַציאונג. אין בערל רויזנס אָפּהאַנדלונגען, אין זיינע עסייען וועגן שרייבער און זייערע ווערק, וואו ער ברענגט אַרויס די באַציאונגען צווישן שרייבער, די תוכיקע איינפלוסן, די קעגנזייטיקע השפעות, ווי בכלל אין זיין רעפערענציאַלן=שטייגערישן אופן פון כאַראַקטעריזירן און מפרש זיין דעם שאַפער און זיין שאַפונג — פילן מיר אָפּ אַן אויסדריקלעך דידאַקטישן מעטאָד. קיין ספק ניט, דער מעטאָד איז אַ ראַציאָנעלער, דאָך ווייעט פון די אָפּהאַנדלונגען אַ סימפּאַטישע תמימות.

האָב איך עס געזאָגט, וויל איך עס באַגרינדן: דאָס דידאַקטישע איז נעמלעך ווייל ער איז כל=ימיו געווען אַ לערער, און ס'איז גוט אַזוי. ער וויל, מיט קענטיקער כוונה, אַז דאָס געשריבענע, דאָס אַרויסגעבראַכטע זאָל דערגיין ניט נאָר צום אויג און אויער פונעם לייענער, נאָר ער זאָל עס תופס זיין.

ס'איז די וואוילע טואונג, ס'איז די עובדא פון מרביץ תורה זיין ברבים. און וואָס שייך תמימות, מיין איך דאָ אַ מאָס פון נאַאיוויטעט, מחמת, אַריינטוענדיק זיך נעענטער אין די אַרבעטן האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז זיין אהבת ליטעראַטור, זיין פאַרליבטקייט אין קינסטלערישן,

שעפערישן וואָרט איז שטאַרקער און איז בפירוש גובר דעם אָפּשאַצערישן עלעמענט. מעגלעך, אַז ער האָט לכתחילה ניט געהאַט קיין פּרעטענזיעס צו אַנאַליזירן שרייבער, תקופות, ווערק, זיין כוונה איז משמעות געווען — אַזוי ווי דאָס קומט אויף פונעם בוך — צונויפנעמען, שילדערן און אויף זיין אופן מפרש זיין דאָס אַרויסגעבראַכטע. דער ביז גאָר באַגאַבטער און אינטערעסאַנטער דערציילער יוסף בורג, אַ נאָענטער צו בערל רויזן שרייבט וועגן אים אינעם אַריינפיר צום בוך:

> דורך אַלע יאָרן האָט בערל רויזן (דערנאָך), באַנאַנד מיט דער שפּראַך פון יהודה הלוי און ביאַליק געטראָגן זיין ליבשאַפט צו יידיש, זי האָט זיך אָפּגעזעצט אין זיין האַרצן, דורכמאַכנדיק אַלע באַרג־אַרויפן און באַרג־אַראָפּן, ביז ער האָט נאָך אַן איבעררייס פון יאָרן ווידער אָנגעהויבן צורירן זיך צום ווייסן בייגעלע פּאַפּיר. און עס האָבן איינס נאָכן אַנדערן זיך גענומען באַווייזן ליטעראַריש־פאָרשערישע אַרבעטן וועגן די שאַפונגען פון טאָלסטאָי, טשעכאָוו, מאַקסים גאָרקי, קאָראָלענקאָ, קופּרין אין פאַרבינדונג מיט דער יידישער טעמע אין זייערע ווערק. ער האָט אויך אָנגעשריבן אַ גאַנצע סעריע אַרטיקלען וועגן שלום־עליכם, אליעזר שטיינבאַרג, סידי טאַל, ה. קאַנאָוויטש, בער האַלפּערן און וועגן פיל אַנדערע.

קיין ספק ניט, גראָד אָט דאָס ווידמען זיך אַ באַשטימטער טעמע, אַן אויסנאַמיקן מאָטיוו, אין דעם פאַל יידישע געשטאַלטן, די יידישע אָנוועזנהייט אין די ווערק פון די וויכטיקע רוסישע שרייבער — איז אַן אויפטו פון ווערט און באַדייט.

אַ טשיקאַווע, אַן אַרומנעמיקע און תוכיקע אַרבעט איז: „דאָסטאָיעווסקי און זיין קאָרעספּאָנדענט אורי קאָוונער". כידוע האָט מען דאָסטאָיעווסקין חושד געווען אין מער ווי אַ שמץ אַנטיסעמיטיזם: ער איז געווען אַן עקסטרעמער רוסאָפיל און האָט געטראָגן אַ פיינטשאַפט ניט נאָר צו יידן, נאָר צו אַלץ און אַלעמען, וואָס איז געווען ניט פּראַוואָסלאַוויש.

איך וויל זיך אַ ביסל אָפּשטעלן אויף אָט דער דאָסטאָיעווסקי געשטאַלט, ווי עס ברענגט אים אַרויס דער מחבר אויפן סמך פון פאַרעפנטלעכטע מאַטעריאַלן פון אַמאָל און היינט דערציילט ער (דער ציטאַט איז קאָנדענסירט):

> ווען דאָסטאָיעווסקי האָט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אין די פערציקער יאָרן (ס'הייסט מיט 150 יאָר צוריק) איז ער געווען אידעאיש נאָענט צו די רעוואָלוציאָנערן־דעמאָקראַטן און אונטער דער השפעה פון בעלינסקיס ליטעראַרישער שיטה. אָבער נאָך זיין אַרעסט, נאָכן איבערלעבן די שרעק פון פאָרשטייענדיקער טויטשטראָף, וואָס נאָר אין דער לעצטער מינוט, ווען ער איז שוין געשטאַנען אויפן עשאַפאָט, איז אים פאַרביטן געוואָרן אויף קאַטאָרגע, נאָך די שווערע יאָרן פון קאַטאָרזשנע אַרבעט און דינסט אין די קאַזאַרמעס, ווען זיין געזונט איז אונטערגעבראָכן געוואָרן און עס האָבן זיך אָנגעהויבן די שווערע עפּילעפּסיע אָנפאַלן, איז אויך געשען אַ שווערער איבערבראָך אין זיין פּסיכיק, אין זיין אופן דענקען און אין זיין וועלט באַנעם און ווען דאָסטאָיעווסקי קערט זיך אום נאָך גאַנצע צען יאָר פאַרשיקונג קיין פּעטערבורג, קומען צום אויסדרוק אין זיין באַנייטער ליטעראַרישער שאַפונג, ניט נאָר זיינע מרה שחורה שטימונגען, נאָר עס קומט אויך צום אויסדרוק זיין רעאַקציאָנערער, זיין פרום־פּראַוואָסלאַווער גלויבן.
> פון מאָל צו מאָל פירט ער אַריין אין זיינע ווערק — אַזוי אויך אין זיינע פּובליציסטישע אַרבעטן — יידישע געשטאַלטן, און כאָטש ער שילדערט זיי און פורעמט זיי בעלעטריסטיש, ווערן זיי כמעט אַלעמאָל באַגלייט מיט אַ היפּשער דאָזע פון חוזק און פאַראַכטונג צו זייער מכלומרשטער איינגעבוירענער קליינלעכקייט. אמת, אין זיינע פּובליציסטישע ווערק, ווי עס איז באַקאַנט, זעט דער ייד גאַנץ אַנדערש אויס, און פיל פון זיינע אַרטיקלען אין דעם טאָגבוך פון אַ שרייבער באַרירט ער אָפּט די יידן־פּראַגע, און אין 1877 שרייבט ער אַ ספּעציעלע אַרבעט אויף דער טעמע.

דאָ קומט אַריין און עס וויקלט זיך אויס די טראַגישע פּערזענלעכקייט פון דער השכלה צייט, אַברהם אורי קאָוונער, וואָס האָט במשך יאָרן געפירט אַ העפטיקע קאָרעספּאָנדענץ מיט דאָסטאָיעווסקין, און אָט די ספּעציעלע אַרבעט וועגן יידן האָט דאָסטאָיעווסקי געשריבן לויט דער אָנרעגונג פון אורי קאָוונער.

„כ'וואָלט געוואָלט וויסן", — שרייבט קאָוונער צו דאָסטאָיעווסקין — „איר, אַ מענטש, וואָס האָט מיטלייד און מיטגעפיל מיט אַלע אָרעמע מענטשן [...] זעט אין דעם יידן נאָר דעם פּראָצענטניק און דעם שענקער און ווילט ניט זען די שווערע לאַגע פון דער אָרעמער מאַסע, פון דערנידעריקטע און באַליידיקטע אין די שטעטלעך אין תחום, וואָס שטיקן זיך אין זייער אָרעמקייט".

„כ'האָב געוואָלט וויסן" — זאָגט ווייטער אורי קאָוונער, — „פאַרוואָס איר טרעט אַרויס קעגן דעם „זשיד" און נישט קעגן עקספּלואַטאַטאָרס בכלל, איך אַליין קאָן אויך נישט ליידן די פאָראורטיילן פון מיין נאַציע, נישט וויניקער פון אייך. נישט וויניקער האָב איך זיך פון זיי



בערל רויזן
(1986 — 1913)

אָנגעליטן, נאָר איך וועל קיינמאָל ניט מסכים זיין אַז אין דעם בלוט פון דעם פאָלק לעבט אַ געוויסנלאָזע עקספּלואַטאַציע".

אָט די בריוו, די אַרויסטרעטונגען קעגן דאָסטאָיעווסקים וויסטן, רעאַקציאָנערן באַהאַנדלען יידן און יידיש לעבן האָט געשריבן אַברהם אורי קאָוונער, וועלכער האָט נאָך דעמאָלט ניט געהייסן — אַרקאַדי גריגאָריעוויטש. ווי קומט עס טאַקע, וואָס מען נעמט אַזאַ טייערן, וואוילן יידישן נאָמען ווי אברהם אורי קאָוונער און מ'בייט אים אויס אויף אַזאַ נאָמען, ווי אַרקאַדי גריגאָריעוויטש? איז דער ענין פיינלעך, ווייטיקדיק־פּשוט. ער האָט נעבעך אויסגעביטן דאָס רענדל — ווי ניט ווייניק אַנדערע השכלה־לייט אין זיין צייט. ער האָט זיך געשמדט אין יאָר 1893.

פאַר די וואָס ווייסן ניט איז כדאַי צו דערמאָנען ווער עס איז געווען אָט די געשטאַלט, אברהם אורי קאָוונער, ווי עס דערציילט איבער וועגן אים בערל רויזן, און מיר נעמען אַרויס דעם תמצית: אורי קאָוונער איז (געווען) אַ קאָלירפולע פּערזענלעכקייט. געבוירן אין אַן אָרעמער יידישער משפּחה אין ווילנע אין 1842, האָט ער, פאַרשטייט זיך, געלערנט אין חדר, דערנאָך, ביזן עלטער פון זיבעצן יאָר, וואַנדערט ער איבער ישיבות, אין פאַרשיידענע שטעטלעך אין דער ליטע, שלאָפט אויף די בענק אין בית־המדרש, עסט טעג און אינגיכן מאַכט מען אים חתונה מיט אַן עלטער מיידל. פאַרכאַפּט פון דער השכלה באַוועגונג, לאָזט ער איבער אין אַ יאָר אַרום ווייב און קינד און אַנטלויפט אין דער גרויסער שטאָט, קיין קיעוו. נו, ווייטער גייט עס שוין לויט דעם באַקאַנטן דרך פון אַ צאָל מתמידים, ישיבה־לייט, וואָס ווערן שרייבער און קינסטלער. מיט אייפער דערלערנט ער די רוסישע שפּראַך און אַלגעמיינע בילדונג און ער ווערט אַן אָנגעזעענער העברעאישער עסייאיסט, איז ביז גאָר אַקטיוו און באַטייליקט זיך אויך אין דער רוסישער פּרעסע. אין זיינע קריטישע אָפּהאַנדלונגען וועלכע ער שרייבט אין העברעאיש, טרעט קאָוונער אַרויס העפטיק און מיט סאַרקאַזם קעגן העברעאישע שרייבער, זיינע מיטצייטלער. ער קריטיקירט שאַרף זייער בטלנישע מליצהדיקייט, זייער אָפּגעריסנקייט פון לעבן און ער מאַכט צו פּאָרעך זייער גאַנצע ליטעראַרישע שאַפונג. דאָס האָט געבראַכט צו הייסע וויכוחים און מחלוקתן, ער ווערט אַלץ מער גערודפט און איזאָלירט און דערווייטערט פון העברעאישן שאַפן. אגב, אורי קאָוונער האָט נאָך געהאַט שפּעטער אויף זיך אַ ביטערן פּעקל: אַ קרימינעלן. ער האָט דורך פראָטעקציעס באַקומען אַ פּאָסטן אין אַ מאָסקווער באַנק. דאָרט האָט ער צוגעזען די „שולערישע מאַכינאַציעס" פון די הויכע באַאַמטע, און ער האָט אויך געוואָלט נהנה זיין, געניסן פון אָט אַזאַ אַפערע. אָבער אים האָט מען, פאַרשטייט זיך געכאַפּט, פאַראורטיילט צו תפיסה און שפּעטער פאַרשיקט קיין סיביר. ער איז געשטאָרבן אין אַפּריל 1909, אַן איינזאַמער, אַן אָפּגעריסענער פון יידן און אַ פאַרגעסענער. מען האָט אים מקבר געווען אויפן קריסטלעכן צווינטער אין לאָמזשע.

פאַרוואָס האָב איך זיך אַזוי באַריכותדיק אָפּגעשטעלט אויף אָט דער אָפּהאַנדלונג א.נ. „דאָסטאָיעווסקי און זיין קאָרעספּאָנדענט אורי קאָוונער"? מחמת זי כאַראַקטעריזירט און גיט אַ וועזנטלעכן באַגריף פון בערל רויזנס מעטאָד ביים צעמענטירן און אויספורעמען זיינע ליטעראַרישע שטודיעס. ער פירט אַריין אין דער באַהאַנדלטער טעמע אַרומנעמיק סיי דעם עיקר אַספּעקט, סיי די באַגלייטנדיקע עלעמענטן: קאָנפליקטן, פאַרלויפענישן, געראַנגלען, ווידעראַנאַנדן און שילדערט חיותדיק די געשטאַלטן, וואָס קומען צום אויסדרוק אין דעם גערעם פון דער טעמע.

דרייסיק אַרבעטן קומען אַריין אין דעם בוך; און צוואַנציק פון זיי באַוועגן זיך אויף איין הויפּט־אַקס, זיי וויברירן אויך אין און אַרום איין גרונט־מאָטיוו: יידן, יידישע טיפּן, יידישע פּייזאַזשן אין די ווערק פון רוסישע ווי אויך אייניקע אַנדערשפּראַכיקע ליטעראַטור מייסטער: יידישע טעמאַטיק אין די ווערק פון קאָראָלענקאָ; יידישע מאָטיוון אין דער שאַפונג פון אַלעקסאַנדער קופּרין; וועגן דער יידישער טעמאַטיק פון אַ.ס. פּושקין; אין דער דיכטונג פון אוקראַינישן פּאָעט מיקאָלאַ באַזשאַן; מאַקסים גאָרקי און די יידישע שרייבער פון זיין צייט; לעוו טאָלסטאָי און זיינע יידישע מקורבים; אַ.פּ. טשעכאָוו און זיינע ווערק א.א.וו. אַפילו שלום־עליכם פאָרט דאָ אויפן זעלבן וואָגן נאָר אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. ס'איז טאַקע שלום־עליכם, וואָס פירט אַשטייגער זיין פאַרשוין „שמעון אלי שמע קולנו" פון זלאָדייעווקע, אַ שטעטל, וואָס ליגט אין דער סביבה פון מאַזעפּעווקע, נישט ווייט פון כאַפּלאַפּאָוויטש און קאָזאָדאַיעווקע, צווישן יאַמפּעלי און צווישן סטרישטש, פּונקט אויף דעם וועג, וואָס מ'פאָרט פון פּישי־יאַביעדע דורך פּעטשי־כוואָסט קיין טעטרעוועץ און פון דאָרט קיין יעהופּעץ...

ס'איז טאַקע דער זעלבער שלום־עליכם פון יעהופּעץ, נאָר דאָ זעען מיר אים אין אַן אַנדער ליכט, דורך אַן אַנדער באַלייכטונג, דהיינו, זיין באַציאונג צו אַ צאָל אויסגערופענע רוסישע שרייבער און זיינע בריוולעכע קאָנטאַקטן מיט זיי, זיינע איבערשרייבונגען מיט טאָלסטאָי, טשעכאָוו, גאָרקי, קאָראָלענקאָ און אַנדערע. די אַרבעט וואָס קומט אַריין אינעם בוך הייסט טאַקע: „שלום־

עליכמס קאָרעספּאָנדענץ און זיינע באַגעגענישן מיט גרויסע רוסישע שרייבער״.

לאָמיר נאָך דערמאָנען איניקע אינטערעסאַנטע אַרבעטן, וואָס קומען אַריין אינעם בוך, ווי די אָפּהאַנדלונג וועגן דעם קינסטלער, דעם באַרימטן סקולפּטאָר מאַרק אַנטאָקאָלסקי, דעם פּראָזאַאיקער איסאַק באַבעל. אגב, זוכט ער, בערל רויזן — ממש מיט אַן אָבסעסיוון אייפער — דעם יידישן מאָמענט אין זייער שאַפן, דעם יידישן געמיט, כאָטש אַן עפּעס פון זייער אָפּשטאַם און יידיש⸗פאָלקישן אָפּבליץ. שרייבט ער בשייכות מיט איסאַק באַבעלן: „באָרים פּאַסטערנאַק, דער זון פון יידישן מאָלער לעאָניד פּאַסטערנאַק האָט פון זיין יידישן אָפּשטאַם נישט נאָר זיך אָפּגעגרענעצט נאָר מיט אומווילן רעאַגירט, ווען מ׳האָט אים וועגן דעם דערמאָנט״.

איסאַק באַבעל אַלס רוסישער סאָוועטישער שרייבער איז אין דעם פּרט אַ יחיד במינו. אַריינקומענדיק אין ברייטן שטראָם פון דער רוסישער ליטעראַטור ברענגט ער מיט זיך אַ גאַנצן פּאַק יידישקייט פון זיין יידישער היים אין אָדעס. די גרעסטע טייל פון זיינע ווערק: די דערציילונגען און דראַמעס פון די צוואַנציקער יאָרן זיינען אָנגעזאַפּט און דורכגעפלאָכטן מיט יידישע פּערסאָנאַזשן, מיט יידישער פּראָבלעמאַטיק און שטייגער⸗בילדער פון יידישן לעבן אין די יאָרן ערב דער רעוואָלוציע און פון די ערשטע יאָרן פון דער סאָוועטישער מאַכט.

אגב, אין איינעם פון די לעצטע נומערן סאָוועטיש היימלאַנד (נ. 9, 1991) איז געדרוקט אַן אָפּהאַנדלונג (פון ליטעראַטור קריטיקער זלמן ליבינזאָן) א.נ. „איסאַק באַבעל און די יידישע קולטור״. שרייבט ער דאָרט: „ניט געקוקט אויף דעם, וואָס באַבעל איז צווישן די רעפּרעסירטע סאָוועטישע שרייבער געווען רעהאַביליטירט איינער פון די ערשטע (דעם 18טן דעצעמבער 1954) איז נאָך אויף לאַנג געבליבן אַ געווער אָנגעשטרענגטע באַציאונג צו אים. בלויז אין דער לעצטער צייט האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּטער פּובליקירן באַבעל מאַטעריאַלן״.

מ׳האָט צוגעגרייט — דערוויסן מיר זיך — אַ צווייבענדיקע אויסגאַבע פון זיינע ווערק. און עס באַווייזן זיך נייע וויסנשאַפטלעכע און פּובליציסטישע אַרטיקלען וועגן זיין שאַפונג. און עס ווערט צוגעגעבן אַז זיינע שאַפונגען לעבן איבער אַ געוויסן רענעסאַנס — איז דאָך גוט!

ניט מער, באַלד דערנאָך ווערט איבערגעגעבן אַז „באַגלייך מיט דעם דויערן ווייטער די אָנפאַלן אויף באַבעלן״. איניקע אַזוי גערופענע פּאַטריאָטן ווילן אים אויסשליסן פון דער רוסישער ליטעראַטור אויפן סמך פון דעם „וואָס ער איז געווען אַ ייד, און די טעמאַטיק פון זיין שאַפונג איז ענג פאַרבונדן מיטן לעבן און מיט דער קולטור פונעם יידישן פאָלק״.

אָט אַזוי, אין אַ סיסטעמאַטישן סדר, זיינען געאָרדנט, וויקלען זיך און קייטלען זיך בערל רויזנס שטודיעם. אמת, דער מחבר באַנוצט זיך אינעם רוב מיט פאַרטיקן מאַטעריאַל, ער פּרעטענדירט ניט צו זיין דער פאָרשער און זוכער פון אַרכיוואַלן, עפּיסטאָלאַרן מאַטעריאַל, אָדער צו אַנטפּלעקן נייע „אומבאַקאַנטע ליטעראַטור שאַפונגען״. זיינען די שטודיעם, די אָפּהאַנדלונגען צומאָל אינעם גדר פון קאָמפּילאַטיווע אַרבעטן, אָבער צו דער דערקענטעניש פון דער ליטעראַטור און אירע שאַפער זיינען אַזעלכע אייגנאַרטיקע, היסטאָרישע שטודיעם אַ ווערטפולער, אַ וויכטיקער בייטראָג. אַזוי אין אַלע ליטעראַטורן און אַזוי אויך אין דער יידישער וואָרטשאַפונג. רויזן געפינט זיך אין אַן אָנגעזעענער משפחה פון דעם אַרט ליטעראַטור פאָרשער, אַזעלכע זיינען געווען נחמן מייזיל, אליהו שולמאַן, משה שטאַרקמאַן.

וואָס נאָך? אַ מעלה טובה: בערל רויזנס ליטעראַריש⸗היסטאָרישע שטודיעם זיינען שכלדיק, מעטאָדיש קאָמפּאָנירט, געפורעמט מיט געראָטענער פּראָפּאָרץ, אויסדריקלעך נאַראַטיוו און פאַרביק⸗שילדעריש געשריבן. פון די אַרבעטן קענטיקט זיך אויס אַ מענטש מיט וויסן און קולטור. אַזאַ איז געווים געווען בערל רויזן, ע״ה.

# חוליות: אַ נייער שטאַפּל פון ייִדישער פילאָלאָגיע אויף עבֿרית

פון
**דובֿ־בער קערלער**
(אָקספֿאָרד)

> חוליות. דפים למחקר ספרות יידיש ותרבותה, [חוברת] I, העורך: שלום לוריא \ רינגען. זשורנאַל פֿאַר ייִדיש פֿאָרשונג; אוניברסיטת חיפה, הפקולטה למדעי הרוח ומכון ה׳בונד׳ ע״ש שלום וישראל גאָטאײַנער: חיפה, ווינטער 1993. 300 זז.

עס איז שווער פֿאָרויסצוזאָגן וואָס פֿאַר אַן אָפּקלאַנג עס וועט האָבן דער ערשטער באַנד חוליות אין דער הײַנטצײַטיקער ישׂראלדיקער פּעריאָדיק אויף עבֿרית, ווײַל פֿון איר שטאַנדפּונקט איז די מאָדערנע ייִדישע ליטעראַטור ניט חלילה אַ טרייף־פּסולע נײַערט סתּם אַ ניט־עקזיסטירנדיקע טעמע. שוין צוליב דעם אַליין איז דאָס באַווײַזן זיך פֿון אַזאַ אַקאַדעמישער צײַטשריפֿט אויף עבֿרית וועלכע איז ראשו ורובו געווידמעט דער ייִדישער ליטעראַטור און קולטור, אַן אויסערגעוויינלעך וויכטיקע דערשײַנונג. אָט די צײַטשריפֿט איז אַ בולטער און אַ ממשותדיקער באַווײַז פֿון דעם פּאָטענציעלן און האָפֿנטלעך אויך ווירקלעכן אינטערעס צו ייִדיש אין ישׂראל, אַן אינטערעס וואָס איז שוין ניט בלויז אַ קוריאָזיש־ספּאָראַדישער סענטימענט אָדער פֿאַרקערט אַן אויסשליסלעך טרוקענער אַקאַדעמישער ענין. אלא וואָדען, די ברייטערע קרײַזן פֿון דער הײַנטצײַטיקער עבֿרית לייענערשאַפֿט האָבן פֿון איצטערט אָן די מעגלעכקייט זיך אויף אַן ערנסטן אופֿן נעענטער צו באַקענען מיט דער געשיכטע, דינאַמיק און מיטן תּכלית פֿון ייִדישער ליטעראַטור און קולטור און מיט די פֿאַרשידנסטע פֿאַרבינדונגען און נאָענטע צווישנשײַכותן צווישן איר און דער אַמאָליקער ווי אויך דער נײַערער העברעאישער שעפֿערישקייט.

ס׳איז שוין לאַנג ניט קיין חידוש וואָס סײַ לשון קודש (און אויך דער מאָדערנער עבֿרית) און סײַ מאַמע־לשון און די ייִדישע וואָרטקונסט זײַנען גאַנץ נאָענטע מחותּנים און אָפֿטמאָל אויך לײַבלעכע קרובֿים (וועגן אייניקע לינגוויסטישע, קולטור־היסטאָרישע און סעמיאָטישע אַספּעקטן פֿון דעם ענין פֿגל. מאַרק 1958א; נאָבל 1958, 1959; עלזעט 1958; אוריאל ווײַנרײַך 1958, 1959-1961; מאַקס ווײַנרײַך 1963-1964; אבן־זוהר 1986; קאַץ 1986; וועגן דעם האַרמאָנישן צוגאַנג צו די בײדע שפּראַכן פֿון דעם גרויסן ייִדישן לעקסיקאָגראַף אַלכּסנדר האַרקאַווי זע קאַץ 1988: xxviii-xxix; אַלס בײַשפּיל פֿון דעם וואָס עס קאָן דערפֿירן דאָס ניט קענען לשון קודש בײַ געוויסע, רחמנא לצלן, ייִדישיסטן זע קאַזדאַן 1973: 15).

אינעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָבן שמואל ניגער (1941) און דבֿ סדן (1950), יעדערער אויף זײַן שטייגער און מעגלעך איבער עטוואָס פֿאַרשידענע טעמים געשטעלט דעם טראָפּ אויף אָט דער שותּפֿות צווישן אונדזערע צוויי שפּראַכן און קולטורן, אונטערשטרײַכנדיק אַז דווקא אין איר שטעקט דער שורש, אָדער בעסער געזאָגט: דער תּמצית פֿונעם „גענעטישן קאָד״ פֿון זייער בײדנס קיום און ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג. שמואל ניגער האָט אויך געפּרוּווט אויפֿטאָן עפּעס ממשותדיקס און אין 1943, אַ יאָר צוויי נאָכן דערשײַנען פֿון זײַן בוך די צווייִשפּראַכיקייט פֿון אונדזער ליטעראַטור, גיט ער אַרויס צוזאַמען מיט מנחם ריבאַלאָוו דעם באַנד אחיספֿר. ס׳איז אויך גוט באַקאַנט וויפֿיל עס האָבן אויפֿגעטאָן דבֿ סדן און

אַ סך פֿון זײַנע תּלמידים אויף אָט דעם געביט, וועלכער בלשון מליצה (אָבער קיינמאָל ניט לגנאַי) ווערט אָפּט גערופֿן חכמת ייִדיש. מיר פֿאַרמאָגן דערווײַל נאָך ניט קיין פֿולע באַזונדערע ביבליאָגראַפֿיע פֿון אַרטיקלען, פֿאָרשונגען און שטודיעס איבער ייִדיש וואָס מ'האָט זינט די פֿופֿציקער יאָרן געדרוקט אויף עבֿרית אין קרית ספֿר, רשומות, ידע עם, לשוננו, ציון, תּרביץ ווי אויך אין אַ היפּש ביסל אַנדערע העברעאישע זשורנאַלן (ווי למשל מולד, בחינות און זינט די אַכציקער יאָרן אויך מחקרי ירושלים בפֿולקלור; וועגן די פֿאָרשונגען וואָס זײַנען זינט 1968 געדרוקט געוואָרן אין בנימין הרושאָווסקים הספֿרות זע בשמת און איתמר אבן־זוהר 1986). ס'איז אָבער אַפֿילו אַפּריאָרי קלאָר ווי גרויס, פּרוכפּערטיק און אָפּטמאָל מוסטערהאַפֿט עס איז דער חלק פֿון דבֿ סדן, חנא שמערוק און זייערע תּלמידים און תּלמידי תּלמידים אין אָט דעם ישׂראלדיקן צווײַג פֿון הײַנטצײַטיקער ייִדיש פֿאָרשונג.

אַצינד, פֿופֿציק יאָר נאָך ניגערס אחיספֿר (ניגער און ריבאַלאָוו 1943), האָבן מיר אַדאַנק די אומדערמידלעכע באַמיאונגען און איבערגעגעבענער אַרבעט פֿון שלום לוריא אַן ערשטקלאַסיקן ערשטן באַנד פֿון דער נײַער אַקאַדעמישער שריפֿט חוליות.

אין דעם דאָזיקן באַנד גייען אַרײַן זעקס אָריגינעלע פֿאָרשונגען און אויך אַ צאָל פּובליקאַציעס פֿון זעלטענע טעקסטן און ווערטיקע בריוו פֿון ייִדישע שרײַבער: צוויי ווערק פֿון א. מ. דיק, אַ וויכטיקער בריוו וואָס יעקבֿ דינעזאָן האָט אין 1901 געשריבן צו מיכה־יוסף בערדיטשעווסקין וועגן י.ל. פּרצעס שפּעטערישער ביאָגראַפֿיע, און לסוף: 34 בריוו וואָס דער נסתּר האָט אין די יאָרן 1923-1907 געשריבן צו שמואל ניגער.

מיטן אויסנאַם פֿון דעם נסתּרס בריוו, ווערן אי די אַרטיקלען אי די פּובליקאַציעס געגעבן לויטן כראָנאָלאָגישן סדר פֿון די ליטעראַרישע דורות: דוד־הירש ראָסקעסעס „אײַזיק־מאיר דיק: אַ מעשׂה־דערצײלער ווי אַ הײַנטוועלטישער מגיד” (זז. 7-41) דערעפֿנט דעם באַנד און דינט אויך ווי אַ מין פֿאַרברייטערטער אַרײַנפֿיר צו דעם אָרטאָגראַפֿיש און טײלווײַז מאָרפֿאָ־לעקסיקאַליש היפּער־מאָדערניזירטן איבערדרוק פֿון א. מ. דיקס מעשׂה־ביכל דער יורד (זז. 43-49, פֿאַרזאָרגט מיט אַן איבערזעצונג אויף עבֿרית אויף זז. 50-55). נאָך דעם איבערדרוק פֿון שאול גינזבורגס פֿאָרוואָרט (פֿון 1918, זז. 56-59) און פֿון דיקס העברעאישן ווערק הבהלה (זז. 60-69) שליסט זיך דער „פּרע־קלאַסישער” פּעריאָד מיט שלום לוריאַס אַרטיקל „שׂיחת חולין — יהודה־לייב גאָרדאָנס ייִדישע לידער” (זז. 70-78); דער קלאַסישער פּעריאָד ווערט באַהאַנדלט אין אבֿנר האָלצמאַנס „אַ דאָקומענט וועגן י. ל. פּרצעס ביאָגראַפֿיע אין יעקבֿ דינעזאָנס אַ בריוו” (זז. 79-92) און אין אבֿרהם נאָווערשטערנס „דער טויטנטאַנץ: וועגן פּרצעס בײַנאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק” (זז. 93-123, אַן עטוואָס מער פּרטימדיקער נוסח פֿון נאָווערשטערן 1992).

די מאָדערנע תּקופֿה ווערט אָפּגעשפּיגלט אין אבֿינדבֿ ליפּסקערס „די צענטע מוזע” (וועגן די מוסטערן און דער דינאַמיק פֿון אורי־צבֿי גרינבערגס גראַפֿישע און טיפּאָגראַפֿישע חידושים און זייער ראָלע אין זײַן פּאָעטיק; זז. 124-147) ווי אויך אין לעאָנאַרד פּראַגערס גראָטעסנער שטודיע „וועגן אבֿרהם סוצקעווערס פּאָעמע צו פּוילן” (זז. 148-158).

וואָס שייך טעמאַטיק און זשאַנער פֿון די אַרבעטן ווערן דאָ גאָר ברייט פֿאַרטראָטן (צומאָל אין איינער און דער זעלבער שטודיע) אי דער ענין פֿאַרבינדונגען און צווישנשײַכותן צווישן דער ייִדישער און העברעאישער ליטעראַטור, אי ליטעראַטור־געשיכטע און דאָקומענטאַציע, אי דעסקריפּטיוו־אַנאַליטישע און אינטערפּרעטאַטיווע פֿאָרשונגען איבער איינצלנע ווערק אָדער באַזונדערע מחברים.

די פֿאַרעפֿנטלעכטע בריוו זײַנען פֿאַכמעניש צוגעגרייט צום דרוק. אבֿנר האָלצמאַנס קורצער פֿאָרוואָרט צו דינעזאָנס בריוו איז בבחינת קבֿ ונקי. אינטערעסאַנטע באַהויפּטונגען געפֿינט מען אויך אין אבֿרהם נאָווערשטערנס פֿאָרוואָרט (זז. 159-168) צו זײַן פּובליקאַציע פֿון דעם נסתּרס בריוו (זז. 169-206 און 207-236 אין דער העברעאישער איבערזעצונג) וועלכע דער פֿאַרשמטער ירושלמער פֿאָרשער האָט אויך פֿאַרזאָרגט מיט אַ שלל הערות און דערקלערונגען (זז. 237-244).

כמעט אין יעדער אַרבעט פֿילט זיך די אחריותפֿולע און געניטע רעדאַקטאָרישע האַנט פֿון שלום לוריא, וועלכער האָט אויך זאָרגעוודיק איבערגעזעצט אויף עבֿרית סײַ אײַזיק־מאיר דיקס דער יורד סײַ ראָסקעסעס אַרבעט.

מע מוז אָבער צוגעבן אַז די מאָדערניזירונג פֿונעם אויסלייג אין דער פּובליקאַציע פֿון אײַזיק־מאיר דיקס מעשׂה־ביכל איז פֿאַרגאַנגען שוין אַביסל צו ווײַט. דיקס אָרטאָגראַפֿיש מאָדערניזירטער ייִדיש איז, מילד גערעדט, ווײַט ניט די בעסטע סחורה ניט פֿאַרן פֿילאָלאָג און אַפֿילו ניט פֿאַרן „ריינעם” ליטעראַטור פֿאָרשער וואָס וויל זיך ניט מאַכן טויב און בלינד צו דעם שרײַבערס שפּראַך, צו זײַן סטיל און צו דער געשיכטע פֿון דער ליטעראַטור שפּראַך בכלל. גאַנץ מעגלעך אַז מיט אַזאַ פּובליקאַציע האָט מען ניט געמיינט געבן אַ פֿאַרלאָזלעכע אַקאַדעמישע עדיציע פֿונעם ווערק, נייערט אַ „ייִרנעענטערטן”, אַ מער

צוגענגלעכן טעקסט פאַרן היינטיקן לייענער. די צרה איז אָבער אַז אַפילו ווען מע נעמט שוין יאָ אָן אַזאַ צוגאַנג, מוז זיך דער צוגרייטער צום דרוק נאָך אַלץ זייער שטאַרק היטן, הגם הלכה למעשה איז דאָס זיכער ניט פון די לייכטסטע מלאכות. אַפילו ביים פאַרגלייכן דעם גאָר קורצן טעקסט פונעם שער־בלאַט (די פאָטאָ־רעפּראָדוקציע אויף ז. 42) מיטן איבערדרוק (ז. 43) זעט מען אַז דאָ האָט מען בפירוש צופיל „דערהיינטיקט" דיקס ווערק פון 1855: זיין „איינע וואונדערליכע געשיכטע" און „זאָל ניט טאָן קיין פאַלש" ווערן דאָ מגולגל אין „אַ וווּנדערלעכע געשיכטע" און „זאָל ניט טאָן קיין פאַלשס". הכלל, אויך נאָך אָט דער פּובליקאַציע וועט עמעצער, וואָס וויל באַקומען אַ קלאָר און אמתדיק בילד פון דעם דאָזיקן מעשה־ביכל, מוזן נאָך אַלץ זיך ווענדן צו דער זעלטענער אָריגינעלער אויסגאַבע (ווי אַ מעגלעכן מוסטער פון פאַרזיכערן די צוטריטלעכקייט צו אייזיק־מאיר דיקס ווערק זע דב סדנס שוין לייַדער אויך אַ זעלטענע פאָטאָמעכאַנישע רעפּראָדוקציע פון דיקס אַנדערע דריי מעשה־ביכלעך, סדן 1959).

די אָריגינעלע פאָרשונגען אינעם באַנד זיינען געשריבן גרינטלעך און מיט קאָמפּעטענץ. אבינדב ליפסקערס אַרבעט וואָס איז אָפּגעדרוקט מיט אַ צאָל רעפּראָדוקציעס, איז אַ טשיקאַווער צושטייער צו דער געשיכטע פון דער מאָדערניסטישער יידישער און שפּעטער אויך העברעאישער גראַפישער און טיפּאָגראַפישער עסטעטיק. עס איז מוסיף סיי צו דער פאָרשונג פון אורי־צבי גרינבערגס שאַפונג סיי צו אַזעלכע אַרבעטן ווי אַבראַמסקי (1987) און וואָליץ (1987) איבער דער קינסטלערישער אויסשטאַלטיקונג פון יידישע ביכער אין די ערשטע יאָרצענדליקער פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט (פגל. אויך אַפּטער־גאַבריעל 1987ב און די ביבליאָגראַפיע אין אַפּטער־גאַבריעל 1987א: 253-258).

דוד־הירש ראָסקעסעס שטודיע פאַרמאָגט אַ סך תוכיקע אָבזערוואַציעס און געראָטענע פאַראַלגע־מיינערונגען מכח אייזיק־מאיר דיקס סטיל און זיין אייגנאַרטיקן סינטעז פון אַ כמו־מגידישן טראַדיציאָנעלן מוסר־נוסח מיט די דעמאָלט שוין קאָנווענציאָנעלע משכּילישע זשאַנרען; דער פּועל־יוצא דערפון איז אַן עכט אָריגינעלע און אין תוך אַן אויפקלערעריש־ראַציאָנאַליסטישע און גלייכצייטיק „פּאָפּולערע" ליטעראַרישע פּראָדוקטיווקייט פונעם ברייטסטן פאַרנעם. ראָסקעסעס אַרבעט פאַרטיפערט און פירט ווייטער זיינע פריערדיקע שטודיעס אויף דעם געביט (זע ראָסקעס 1974, 1980). פונדעסטוועגן זיינען איניקע גאַנץ אָנגעלייגטע ענינים געבליבן אומקלאָר אָדער גאָר ווייניק אָנגערירט אין דער איצטיקער אַרבעט. אַזוי, אַשטייגער בלייבט נאָך אַלץ ניט גענוג אויסגעקלאָרט די מעגלעכע רעטראָ־ספּעקטיווע ווענטלעכקייט פון אייזיק־מאיר דיקס אָננעמען דווקא דעם פאָרמאַט (אָדער: זשאַנער?) פון מעשה־ביכל. דאָס האָט אַ דירעקט שייכות צו דער טעמע ווייל דאָס פּאָפּולערע מעשה־ביכל, וואָס האָט זיך געהאַט באַוויזן לפחות מיט אַ צוויי יאָרהונדערטער פריער, האָט משמעות שוין דעמאָלט, אין תחום פון דער עלטערער ליטעראַטור, אָנגעהויבן דינען ווי אַ מין איבערגאַנג פון אַלט צו ניי (אָדער: צו „היינטוועלטישקייט"?). עס מערקט זיך אויך אַז, אין דער איצטיקער אַרבעט נוצט דער מחבר ביידע באַגריפן, אי „לייענערינס" אי „לייענער" בערבוביא, אינגאַנצן אויסמיידנדיק דעם גאָרניט קיין זייטיקן ענין פון אייזיק־מאיר דיקס אָנגעדייטער ווי אויך פּאָטענציעלער, געצילטער און דערעיקר: רעאַלער לייענערשאַפט (פגל. אָבער ראָסקעס 1974: 106-108, 110-111). עס ווילט זיך האָפן אַז ראָסקעסעס וויכטיקע שטודיעס איבער אייזיק־מאיר דיק און דעם אויפקום פון דער פּאָפּולערער יידישער ליטעראַטור אין מזרח אייראָפּע אין נייַנצנטן יאָרהונדערט, וועלן אינגיכן אַרויס ווי אַ באַזונדערע מאָנאָגראַפיע.

דער ענין לייענערשאַפט ברענגט אונדז צו שלום לוריאס אַרטיקל און צו יהודה־לייב גאָרדאָנס גוט באַוואוסטן „למי אני עמל?". סע וואַרפט זיך ממש אין די אויגן דער פּרינציפּיעלער חילוק צווישן י. ל. גאָרדאָנס יידישן „פאַר וועמען איך שרייב?" און זיין געהויבן־פּאַטעטישן „למי אני עמל?", וואו די „אחד בעיר הם ושנים במדינה", היינו דעם פּאָעטס געציילטע העברעאישע לייענער, שטייען אַקעגן אַ גאַנצער גאַלעריע „פּראָסטע" יידן, פאַר וועלכע ער שרייבט (צי אפשר גאָר: זינגט אויס) זיינע יידישע לידער. לוריאס אַרבעט איבער י. ל. גאָרדאָנס יידישע לידער איז אַ וויכטיקער, פרישער אַריינבליק אין אַ טעמע וואָס מוז אָבער פאָרגעזעצט ווערן אין דעם ברייטערן קאָנטעקסט פון דער „פּאָפּולער־ליטעראַרישער" און „פאָלקלאָרישער" דיכטונג ערב דעם אויפקום פון דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע. לוריא, פונאַנדערגייענדיק זיך מיט ציטלינען (1952: 100 און פגל. אויך סטאַניסלאַווסקי 1988: 70-71, 82), באַווייזט ווי אַזוי, ניט געקוקט אויף דעם דיכטערס זילזול און פאַראַכטונג צו „לשון עלגים אין־בינה" און „שפה בלולה", האָט ער דאָך גאַנץ נישקשהדיק געפילט דעם זיסן טעם פון זיין מאַמע־לשון און בשעת מעשה אויך געשאַצט און מער ווי איין מאָל דערמאָנט איר כשר דערוואָרבענעם נאַציאָנאַלן ווערט. אין שייכות מיט לוריאס אַרבעט מעג מען אויך אויפסניי שטעלן אַ צאָל פראַגן מכח דעם ווערט און פאַרנעם פון יהודה־לייב גאָרדאָנס יידישן בייטראָג (פגל. די

גאַנץ נעגאַטיווע אָפשאַצונג אין צייטלין 1952: 105). מחמת וואָס איז, אַשטייגער, דאָס ליד „אונדזערע ליבע שוועסטער און ברידער" ניט נכלל געוואָרן אין י. ל. גאָרדאָנס יידישער זאַמלונג שיחת חולין? צי קאָן מען אפשר אויסזוכן אויך אַנדערע לידער זיינע וואָס זיינען געבליבן מחוץ דער זאַמלונג? און ווייטער: צי האָט מען וועלכע ניט איז יהודה⸗לייב גאָרדאָנס יידישע לידער געזונגען און אַדאַפטירט בתורת פאָפולערע, אָדער „פאָלקס"⸗לידער? (זיין ערשט יידיש ליד האָט ער דאָך כידוע פאַרפאַסט 'בניגון Спи, младенец' - זע לוריא, ז. 71, פגל. רובין 1979: 261 און 276, הערה 17; וועגן די פאָלקסטימלעכע גילגולים פון זיין שוואָגער מיכל גאָרדאָנס ליד זע חנה מלאָטעק 1951). די אינטעראַקציע צווישן די געשריבענע „געדיכטן" פון יענער תקופה און דעם פאָלקלאָר איז בלי ספק שייך אַהער ווייל עס קאָן העלפן בעסער אויפקלערן ניט נאָר דעם סאָציאַל⸗קולטורעלן הינטערגרונט, נייערט אויך די סטרוקטורעלע פרינציפן וואָס אויף זייער פאָן און אפשר נאָך מער טראָץ זיי, איז אויפגעקומען די מאָדערנע יידישע פאָעזיע (וועגן דעם אויפקום פון דער מאָדערנער יידישער פאָעזיע און די עלטערע ריטעם קאָנווענצן פון יידישן פאָלקסליד זע הרושאָווסקי 1954; וועגן דער פאָלקלאָריזירונג פון „ליטעראַרישע" לידער זע כהן 1952: 194-214, רובין 1979: 250-277, סלאָבין 1980 און סקודיצקי 1931). אַ ביסל מער אַריינקלער פאַרדינט אַפנים אויך דער פראָזאָדישער און סטיליסטישער חילוק צווישן יל"גס העברעאישע און יידישע לידער (אַן אינטערעסאַנטן הגם קורצן פאַרגלייך פון זיין יידישע אַקעגן העברעאישע ווערסיפיקאַציע מיטלען און סטיל איינגעשאַפטן זע ביי אהרן צייטלינען, 1952: 100-105).

בלויז מיט אַ הונדערט יאָר צוריק, ווען דער מאָדערנער עברית בתורת אַ לעבעדיקע טאָגטעגלעכע שפראַך האָט געהאַלטן ערשט ביים שטעלן זיינע סאַמע ערשטע טריט, האָט מען נאָך אָפט באַנומען דאָס שרייבן וועגן יידיש אויף לשון קודש ווי אַ שטיקל מעשה של חסד פאַר דער בידנער ראָדסטוועניצע נעבעך. אין אונדזער תקופה אָבער, איז די יידיש פאָרשונג אויף עברית שוין לאַנג געוואָרן אַן אינערלעכע און אָרגאַנישע נויטווענדיקייט הן פון דער הייַנטצייטיקער יידישער פאָרשונג הן פון דער כלל⸗יידישער און ישראלדיקער ווירקלעכקייט, וואו מע שטויסט זיך אָן וואָסאַמאָל אָפטער אויף אַן ערנסטער פאַראינטערעסירטקייט מיט יידיש מצד די דורות וואָס ווייסן ניט אָדער וואָס ווילן שוין מער ניט וויסן פון דעם אַמאָליקן ריב לשונות.

אינעם פאָרוואָרט צום באַנד שרייבט שלום לוריא, אַז די נייע צייטשריפט וועט „פאַרעפנטלעכן פאָרשונגען און טעקסטן". די פאָרשונגען וועלן זיין אויף די פאָלגנדיקע געביטן: „יידישע ליטעראַטור, שפראַך, פאָלקלאָר, טעאַטער, קינדער⸗ליטעראַטור, פרעסע, דערציאונג, ביבליאָגראַפישע פאָרשונגען, די עפיסטאָלאַרע ירושה וכדומה". ער איז אויך ממשיך, אַז „די כוונה [פון דעם זשורנאַל] איז צו פאַרשפרייטן דאָס קענטעניש פון דער יידישער קולטור צווישן די עברית לייענער ווי אויך צו דערמוטיקן ישראלדיקע פאָרשער אָנצוקומען צו אָט דער וועלט פון אונדזער קולטורעלער ירושה און זיך טיפער צו באַקענען מיט איר" (ז. 5). שוין דער ערשטער באַנד איז מקיים אַ שפאָר ביסל פון די פראָקלאַמירטע כוונות: נייע ישראלדיקע פאָרשער זיינען צוגעצויגן געוואָרן זיך צו באַטייליקן מיט זייערע אַרבעטן און אַ שלל מיט אינטערעסאַנטן און וויכטיקן מאַטעריאַל און פאָרשונגען ליגט אָפן פאַר יעדן עברית לייענער וואָס וויל אַריין אינעם פרדס פון יידישער ליטעראַטור געשיכטע. מיר האָפן אַז אין די קומעדיקע בענד חוליות וועלן אויך פאַרטראָטן ווערן אַזעלכע געביטן ווי פאָלקלאָר, שפראַך פאָרשונג, סאָציאָלאָגיע און געשיכטע פון יידיש ווי אויך די עלטערע יידישע ליטעראַטור. ס'איז בלי ספק אַ געראָטענער און אַ וויכטיקער נייער שטאַפל אין דער געשיכטע און סאָציאָלאָגיע פון דער מאָדערנער יידיש פאָרשונג. דער רעדאַקטאָר שלום לוריא און דער מכון ה'בונד' ע"ש שלום וישראל גאָטאיינער ביים חיפהר אוניווערסיטעט האָבן פאַרדינט אַ ברייטן ישר⸗כח פאַר שאַפן אַזאַ האַפטיקע אכסניא פאַר מאָדערנער יידישער פילאָלאָגיע. סע בלייבט נאָר ווינטשן דעם נייעם זשורנאַל אַ זיכערן און שעפערישן אריכת ימים און ווייטערדיקן דערפאָלג.

# ביבליאָגראַפיע


אבן⸗זהר, בשמת און איתמר

1986 „יידיש והיחסים בין יידיש לעברית בהספרות 1968-1983" אין הספרות 3-4 (35-36): 263-265.

אבן⸗זהר, איתמר

1986 „אספקטים של הרב-מערכת עברית-יידיש" אין הספרות 3-4 (35-36): 46-54.

אַבראַמסקי, שמעון

1987 Chimen Abramsky, "Yiddish Books Illustrations in Russia: 1916-1923" in Apter-Gabriel 1987א: 61-70.

אַפּטער־גאַבריעל, רות

1987א Ruth Apter-Gabriel, (ed.), *Tradition and Revolution: The Jewish Renaissance in Russian Avant-Garde Art 1912-1928*, The Israel Museum: Jerusalem.

1987ב Ruth Apter-Gabriel, "El Lissitzky's Jewish Works" in Apter-Gabriel 1987a: 101-124.

ביקל, שלמה און לעהרער, לייבוש

1958 (רעד.), שמואל ניגער־בוך, ייוואָ: ניו־יאָרק.

הרושאָווסקי, בנימין

1954 Benjamin Hrushovski, "On Free Rhythms in Modern Yiddish Poetry" in U. Weinreich 1954: 219-266.

וואָליץ, סעט

1987 Seth L. Wolitz, "The Jewish National Art Renaissance in Russia" in Apter-Gabriel 1987a: 21-42.

ווײַנרײַך, אוריאל

1954 Uriel Weinreich, (ed.), *The Field of Yiddish*, Studies in Language, Folklore and Literature, Publications of the Linguistic Circle of New York: New York.

1959-61 „העברית האשכנזית והעברית שביידיש: בחינתן הגיאוגרפית" אין לשוננו 24: 242-252, 25: 57-80, 180-196.

ווײַנרײַך, מאַקס

1963-4 „ראשית ההברה האשכנזית בזיקתה לבעיות קרובות של היידיש ושל העברית האשכנזית" אין לשוננו 27/28: 131-147, 230-251, 318-339.

כהן, יהודה־לייב

1952 שטודיעס וועגן ייִדישער פֿאָלקס־שאַפֿונג, צונויפֿגענומען פֿון מאַקס ווײַנרײַך, ייוואָ: ניו־יאָרק.

מאַרק, יודל

1958א „ייִדיש־העברעאיִשע און העברעאיש־ייִדישע נײַשאַפֿונגען" אין ביקל און לעהרער 1958: 124-157.

1958ב (רעד.), יודאַ אַ. יאָפֿע־בוך, ייוואָ: ניו־יאָרק.

מלאַטעק, חנה

1951 „דער גילגול פֿון מיכל גאָרדאָנס 'די באָרד'" אין ייוואָ־בלעטער 35: 299-311.

נאָבל, שלמה

1958 „ייִדיש אין אַ העברעאישן לבוש" אין ביקל און לעהרער 1958: 158-175.

1959 „תרגומי שאילה מיידיש בעברית הרבנית" אין לשוננו 23: 172-184.

נאָווערשטערן, אַבֿרהם

1992 Abraham Novershtern, "The Dance of Death: On Perets's *A Night in the Old Market Place*", *Prooftext* 12: 71-90.

ניגער, שמואל

1941 די צווייספּראַכיקייט פֿון אונדזער ליטעראַטור, לואיס לאַמעד פֿאָנד פֿאַר אונדזער ליטעראַטור אין ביידע שפּראַכן: דעטראָיט.

ניגער, שמואל און ריבאַלאָוו, מנחם

1943 אחיספר, מאסף לדברי ספרות, חקר הלשונות בישראל ותרגומים מן השירה האידית, בעריכת שמואל ניגר [ו]מנחם ריבולוב, הוצאת קרן לואיס למד לספרותנו בעברית ובאידית: ניו־יאָרק, תש"ד.

סדן, דב

1950 על ספרותנו: מסת־מבוא, המחלקה לעניני הנוער והחלוץ של ההסתדרות הציונית, ראובן מס: ירושלים.

1959 ספורי אייזיק מאיר דיק, חומר לשעור של פרופ׳ דב סדן, האוניברסיטה העברית, הפקולטה למדעי הרוח — החוג לספרות יידיש, מפעל השיכפול: [ירושלים].

סטאַניסלאַווסקי, מיכאל

1988 Michael Stanislawski, *For Whom do I Toil? — Judah Leib Gordon and the Crisis of Russian Jewry*, Oxford University Press: New York.

סלאָבין, מאַרק

1980 Mark Slobin, "The Uses of Printed Versions in Studying the Song Repertoire of East European Jews: First Findings" in *The Field of Yiddish* 4: 329-370.

סקודיצקי, ז.

1931 „וועגן פֿאָלקס=איבעראַרבעטונגען פֿון גאָט= לאָבערס לידער" אין צייטשריפֿט (מינסק) 5: 255-245 [פֿאַרצייכנט לויט סלאָבין 1980: 370].

עלזעט, יהודה

1958 „שמועסן וועגן העברעאיש=יידיש און יידיש=העברעאיש" אין מאַרק 1958ב: 236-256.

צייטלין, אהרן

1952 „די יידישע ירושה פֿון די צוויי השכלה שרייבערס י. ל. גאָרדאָן און אַ. ב. גאָטלאָבער" אין ייוואָ= בלעטער 36: 99-112.

קאַזדאַן, ח. ש.

1973 „די מאַניע פֿון וואָרט= און שפּראַך=מאַכעריי" אין אונדזער צייט, נ. 10: 14-17.

קאַץ, הירשע=דוד

1986 „היסוד השמי ביידיש: ירושה מימי קדם" אין הספרות 3-4 (35-36): 228-248.

1988 „אלכסנדר האַרקאַווי און זיין דריישפּראַכיקער ווערטערבוך" אין יידיש=ענגליש=העברעאישער ווערטערבוך פֿון אַלכסנדר האַרקאַווי, איבער= דרוק פֿון דער פֿאַרגרעסערטער אויפֿלאַגע פֿון 1928 מיט אַ נייעם אַריינפֿיר פֿון דוד קאַץ, ייוואָ און שאָקען: ניו=יאָרק, זז. xli-xxiv.

ראָסקעס, דוד=הירש

1974 David G. Roskies, *Ayzik-Meyer Dik and the Rise of Yiddish Popular Literature*, PhD Dissertation, Brandeis University: Boston.

1980 David G. Roskies, "An Annotated Bibliography of Ayzik-Meyer Dik" in *The Field of Yiddish* 4: 117-184.

רובין, רות

1979 Ruth Rubin, *Voices of a People, The Story of Yiddish Folksong*, The Jewish Publication Society of America: Philadelphia.

# נייע סעריע ייוואָ בלעטער: אַ פּילצוואָגנדיקער פּאָטשאַטעק

פון


גענאַדי עסטרייך
(אָקספאָרד)


ייוואָ בלעטער. שריפט פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. נייע סעריע באַנד 1. רעדאַקטירט פון דוד-אליהו פישמאַן. יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט — ייוואָ: ניו-יאָרק 1991. 299 זז.

מיר האָט אָפּגעגליקט: די שווערע עובדא צו זיין אַ קריטיקער פון דער פובליקאַציע וואָס עפנט דעם באַנד ייוואָ בלעטער, האָט גענומען אויף זיך ה.-ד. קאַץ (זע די קומענדיקע רעצענזיע), און איך קען איצט שרייבן אַן איבערבליק איבער אַנדערע אָפּהאַנדלונגען.

אַלזאָ, „מיין באַנד" עפנט דער רעדאַקטאָר פון ייוואָ בלעטער דוד-אליהו פישמאַן. זיין אַרבעט, „מכח דאַוונען אויף יידיש: אַ בינטל מעטאָדאָלאָגישע באַמערקונגען און נייע מקורים" (זז. 69-92) איז אַ וויכטיקער צושטייער צו דער היסטאָרישער סאָציאָלאָגיע פון יידיש. פון זינט ישראל צינבערגס פּיאָנערישן „דער קאַמף פאַר יידיש אין דער אַלט-יידישער ליטעראַטור" (צינבערג 1928), האָט זיך די דעבאַטע בנוגע דעם סאָציאַלן מעמד פון יידיש אין אַמאָליקן אַשכנז געפירט לויט די אידעאָלאָגישע קריטעריעס פון די פאָרשער וואָס האָבן אין איר אָנטיילגענומען. דוד פישמאַנס אויפטו באַשטייט אין דעם וואָס ער האָט באַזייטיקט די אידעאָלאָגישע באַפאַרבונג אין אַן ענין וואָס איז שטאַרק נוטה צו אַזאַ באַפאַרבונג, דורכן אַוועקשטעלן, שוין אויף דער ערשטער זייט פון זיין שטודיע, די פאַקטיש-אָביעקטיווע פראַגן:

> צי האָט מען אָבער, ווען ניט איז, ביים טראַדיציאָנעלן אַשכנזישן יידנטום, געדאַוונט אויף יידיש? צי האָט אַ חלק פון יידישן ציבור אין אַ געוויסער עפּאָכע געזאָגט קריאת-שמע אויף יידיש אָדער געשטאַנען שמונה-עשרה אויף יידיש? און אויב אַזאַ איינפיר האָט ווען ניט איז עקזיסטירט, צי איז ער געווען אָנגענומען נאָר צווישן פרויען, צי אויך צווישן מענער?

זיין היסטאָריש-אָביעקטיוון מעטאָד ווענדט פישמאַן אָן ניט נאָר בנוגע די ספרים אַרום וועלכע די פריערדיקע פאָרשער האָבן זיך געאַמפּערט (דער עיקר: ר' יחיאל מיכל עפּשטיינס), נאָר ער ברענגט אַ צאָל נייע מקורות, צווישן זיי אַ צאָל פון צרפת און איטאַליע. אויף אַזאַ אופן ברייטערט ער אוים די פּערספּעקטיוו אויף דער יידישער אייראָפּע בכלל, און ווייזט אויף ווי אַזוי דער ענין „דאַוונען אויף דער גערעדטער שפּראַך" איז ניט נאָר אַן ענין אין אַשכנז. פישמאַנס אָפּגעהיטקייט ביים פונאַנדערטיילן טעאָרעטישע אַרויסזאָגונגען פון ראיות מכח דעם פאַקטישן מצב אין אַ וועלכער ניט איז צייט, און אָרט, דאַרף דינען פאַר אַ מוסטער פאַר ווייטערדיקע פאָרשונגען אויף דעם געביט.

אין אַכט יאָר אַרום נאָך דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ האָט יחיאל טשלענאָוו גאַליק קאָמענטירט:

> דאָס איינציקע וואָס די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ האָט איבערגעלאָזן נאָך זיך איז אַ קאָנפוז. קיין איין באַשלוס איז ניט דורכגעפירט געוואָרן אין לעבן; ס'איז אַפילו ניט געשאַפן געוואָרן קיין עמבריאָן פון אַן אָרגאַניזאַציע.

(טשלענאָוו 1916: 14)

פ אַ ר מ ע ל איז ער געווען גערעכט. כאָטש, צוריקגערעדט, וויפל קען מען בכלל אָנציילן

„היסטאָרישע" אַסיפות, וואָס זייערע רעזאָלוציעס זאָל עמעצער פֿאַרווירקלעכן? די טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ איז אָבער פֿאַרבליבן ביזן היינטיקן טאָג אַ וויכטיקע סימבאָלישע געשעעניש אין דער געשיכטע פֿון דער יידישער קולטור. ניט אומזיסט איז דער באַנד 1 פֿון דער נייער סעריע ייוואָ בלעטער כולל נייע רעזולטאַטן פֿון דער קאָנפֿערענץ פֿאָרשונג.

„ציוניסטן און פּועלי־ציוניסטן אויף דער טשערנאָוויצער שפּראַך קאָנפֿערענץ" (זז. 93-108) — אַזוי הייסט דער אַרטיקל פֿונעם באַקאַנטן ישׂראלדיקן היסטאָריקער מתתיהו מינץ. דער פֿאָרשער באַהאַנדלט די „רעטראָספּעקטיווע אַבעראַציע" פֿונעם אמתן פּאָליטישן תוכן וואָס די קאָנפֿערענץ האָט געהאַט (ז. 93):

אויב מע זאָל זיך פֿאַרלאָזן אויף די באַשרייבונגען וועגן דער טשערנאָוויצער שפּראַך קאָנפֿערענץ וואָס זענען אַרויס אין די צייטונגען און זשורנאַלן צו איר 20־יאָריקן יובל קען זיך באַקומען דער איינדרוק אַז דאָס איז אין תוך גענומען געווען אַ באַהאַלטענע איניציאַטיווע פֿון פּאַרטייען. זיי האָבן טאַקע זיך באַמיט צו באַטייליקן זיך אין דער קאָנפֿערענץ אַנאָנים. אָבער זיי האָבן נישט מוותר געווען אויף זייערע דירעקטיוון וואָס שייך די דיסקוסיעס אין די קאָמיסיעס און אין פּלענום. ווי אויך וואָס שייך די רעזאָלוציעס. דאָס איז אָבער אַ פֿאַלשער רושם: לויט דער דאָקומענטאַציע וואָס איז צו אונדז דערגאַנגען קענען מיר זען אַז דאָס איז אַ טעות, אַ מיינונג וואָס האָט בכלל נישט אויף וואָס זיך סומך צו זיין.

דער היסטאָריקער קומט צום אויספֿיר אַז די קאָנפֿערענץ:

איז נישט געווען קיין רעזולטאַט פֿון אַ פּאַרטייאישער איניציאַטיוו. און ס'זענען אין איר נישט געקומען קיין פּאַרטייאישע דעלעגאַציעס. זי איז אַנטקעגנגעקומען די נויט פֿון די יידן אין גאַליציע און בוקאָווינע, און זיי זענען געווען ס'רוב דעלעגאַטן און געסט. ס'דאַרף אונדז דערפֿאַר נישט וואונדערן וואָס ס'האָט זיך אין איר באַטייליקט אַזאַ גרויסע גרופּע ציוניסטן, און אַ לפֿי־ערך גרויסע גרופּע פֿון גאַליציאַנער פּועלי־ציוניסטן. דער „בונד" האָט זיך אין דער קאָנפֿערענץ נישט אָנגעזען, און פֿון אים האָט נישט געקענט שטאַמען די איניציאַטיוו זי צו פֿאַררופֿן. דאָס איז אויך די סיבה הלמאַי ס'איז צו דער קאָנפֿערענץ נישט אָנגעקומען קיין באַגריסונג פֿון קיין שום בונדישער גרופּע. דאָס זעלבע איז ריכטיק וואָס שייך דער יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין גאַליציע.

אין אַ געוויסן זין באַשטעטיקט מ. מינץ די אָפּשאַצונג וועלכע מ'קען, למשל, געפֿינען ביי א. שולמאַנען (1971: 12-13):

This was a non-Party conference where various intellectuals assembled to discuss the problem of Yiddish and Yiddish culture. [...] The Czernowitz Conference represented those intellectuals who espoused the new secularist, Yiddishist trends.

די קאָנפֿערענץ איז געווען אַ פּראָדוקט פֿונעם נייעם סאָציאָ־פּאָליטישן מצב וואָס איז צו שטאַנד געקומען „ערשט אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט [...] [ווען] יידיש האָט באַקומען די פּ ר אַ ק ט י ש ע אַנערקענונג [...] און די ס י מ ב אָ ל י ש ע אַנערקענונג [...]" (פֿישמאַן 1992: 12). פֿאַרשטייט זיך, ניט אומעטום און ניט איינשטימיק. אַ פּראָ־יידישע דעמאָנסטראַציע איז למשל געווען זייער אַקטועל אין דער עסטרייך־אונגאַרישער אימפּעריע, אין די גרענעצן פֿון וועלכער עס האָט זיך דעמאָלט געפֿונען טשערנאָוויץ. אַחוץ דעם, האָט אין אָט דער שטאָט געלעבט דער הויפּט איניציאַטאָר פֿון דער קאָנפֿערענץ, נתן בירנבוים, „וואָס האָט פֿאַרטראַכט דעם געדאַנק פֿריער" (ייוואָ בלעטער 1991: 94). טאַקע אָט דעם צווייטן „פּרק" פֿון נ. בירנבוימען (פֿגל. פֿישמאַן 1985 און פֿישמאַן 1986: 325) איז געווידמעט שיקל פֿישמאַנס פּובליקאַציע „נתן בירנבוימס 'די עובֿדות פֿון מזרח־אייראָפּעאישע יידן'" (זז. 109-127). דער תוך פֿון דער נייער אַרבעט אויפֿן געביט פֿון טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ פֿאָרשונג, וואָס ש. פֿישמאַן פֿירט שוין אַ סך יאָרן (זע למשל פֿישמאַן 1982), איז דעם פֿאָרשערס יידישע איבערזעצונג פֿון נ. בירנבוימס רעפֿעראַט וועלכער איז תּחילת פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין דער צייטונג *Bukowinaer Post* (טשערנאָוויץ, יולי 1905). מחמת קיין קאָפּיע פֿון אָט דער אויסגאַבע האָט זיך ניט אויסגעפֿונען, באַזירט זיך די איבערזעצונג אויפֿן טעקסט (אָדער נוסח?) וואָס גייט אַריין אין בירנבוימס *Ausgewaelte Schriften zur juedischen Frage* (אַרויס אין 1910).

עס זעט זיך בולט אַרויס בירנבוימס טאָלעראַנטע באַציאונג צו דער פּראָבלעם „יידיש כנגד העברעאיש":

ס'איז לגמרי יחיד־במינודיק אַז אַ פֿאָלק זאָל האָבן איין שפּראַך וואָס מען רעדט און שרייבט און אַן אַנדערע וואָס ווערט בלויז געשריבן און געלייענט. נאָר דער וואָס קען ניט טאָלערירן אַזאַ אייגנקייט

קען קוים פאַרשטיין וואָס ס׳איז אַזוינס פאָלקישקייט און פאָלקישע אייגנאַרטיקייט. ווער ס׳עצהט דעם יידישן פאָלק אַוועקצוואַרפן איינע פון זיינע טייערסטע קולטור אוצרות, אָנשטאָט עצהן מען זאָל דאָס אויפהיטן און אויפפּאַסן דערויף מיט דער סאַמע איבערגעגעבנסטער ליבע, דער איז זיכער ניט קיין פריינט פון יידישן פאָלק.

(ייוואָ בלעטער 1991: 120)

גלייכצייטיק שטעלט נתן בירנבוים דעם טראָפּ אויף דער וואָגיקייט פון יידיש אין גערעַנגל מיט דער „אַזוי גערופענער אַסימילאַציע" וועלכע האָט, לויט בירנבוימען (ווי עם דערקלערט פישמאַן), געפירט דערצו אַז „מערסטע מערבדיקע יידן [פאַרלירן] זייער קולטור, נאָר צו קיין אויטענטישער אַנדערער קולטור קענען זיי ניט באמת דערגיין". בירנבוים פאָרמולירט אין קורצן זיין פּראָגראַם פאַר דער יידישער שפּראַך באַוועגונג:

וואָס טיפער די יידישע שפּראַך באַוועגונג וועט אַריינדרינגען אין פאָלק, אַלץ גרעסער וועט זיין איר ווירקונג אויף דער דרויסנדיקער וועלט, פּונקט ווי ס׳האָט שוין געטראָפן מיט די „בונדיסטן" אין פּוילן וואָס פאָדערן זייערע רעכט ביי מלכות, ווי ס׳קומט זיי. דעמאָלט וועט די באַוועגונג דערגרייכן אירע צילן און דאָס וועט זי, נאַטירלעך, נאָך מער שטאַרקן. און סוף כל סוף, נאָך אַ לאַנגן און שווערן קאַמף, וועט זי דערגרייכן איר הויפּט⸗רעכט, איר וויכטיקסטן ציל, דאָס באַרעכטיקטע אָרט פון יידיש אין די קינדערשולן. דעמאָלט וועט נעמען אַ סוף צום ניט⸗בכבודיקן און ניט⸗נאַטירלעכן פּראָצעס דורך וועלכן יידישע קינדער ווערן אַוועקגעריסן פון זייער מוטערשפּראַך און ווערן געצוואונגען זיך צו לערנען אויף אַ פרעמדער שפּראַך. דעמאָלט וועט מען זיך מער ניט קלאַמערן אינעם ליגנערישן געדאַנק אַז יידיש, אַ שפּראַך וואָס ווערט גערעדט דורך אַכט מיליאָן מענטשן, אַ שפּראַך אויף וועלכער טויזנטער דערציערישע ווערק און צייטונג אַרטיקלען ווערן געשריבן, איז ניט ראוי צו זיין די שפּראַך אויף וועלכער מען זאָל פירן לימודים.

[...] די יידישע שפּראַך מוז אָנערקענט ווערן כלפּי⸗פּנים און כלפּי⸗חוץ. דעמאָלט וועלן די יידישע נאַציאָנאַליטעט און די יידישע קולטור ווערן טרואיזמען אין פולן זינען פון וואָרט.

(ייוואָ בלעטער 1991: 123-124)

אַזאַ איז געווען, לויט בירנבוימס ווערטער, זיין „וויזיע פון דער צוקונפט, ניט פון קיין אַבסאָלוט זיכערער, נאָר אויך ניט קיין סתם אויסגעחלומטער". קיין חלום איז דאָס דעמאָלט שוין ניט געווען. בירנבוים האָט געשריבן זיין רעפעראַט אין דער צייט ווען יידיש איז געוואָרן אַ וויכטיקער מעדיום פאַר פּאָליטישער און קולטור טעטיקייט, הן לעגאַלער הן אומלעגאַלער, און אַדאַנק די מאָדערנע פונקציעס איז די שפּראַך גופא גענומען אינטענסיוו איבערקניידלען זיך אין די הענט פון פילצאָליקע פּען מענטשן וועלכע זיינען געקומען סיי פון די גאַנץ⸗יאָריקע פאָלקס⸗געדיכטענישן סיי פון דער אַסימילירטער סביבה. משה אָלגין האָט אַזוי באַשריבן דעם גילגול:

אַז מע פאָלגט נאָך דעם פונאַנדערבוי פון יידיש אין משך פון די לעצטע צען יאָר, מאַכט אַ רושם דער קאָנטראַסט צווישן די עוואָלוציעס וואָס זיינען פאָרגעקומען, אין דער לעגאַלער און דער אומלעגאַלער ליטעראַטור. אין דער צייט ווען אין דער ערשטער איז די עוואָלוציע געגאַנגען אין דער ריכטונג פון אַלץ מער פאַרקאָמפּליצירן די שפּראַך, פון אַקומולירן אַ סך ווערטער, טערמינען, אויסדרוקן, האָט די לעצטע, להיפּוך, געהאַלטן אין איין פאַרפּשוטערן די שפּראַך, אין פאַרמינערן איר האַמעטנעקייט, טרוקנקייט, מאָנאָטאָנישקייט. דער וועג אויף וועלכן ס׳איז פאָרגעקומען די אַנטוויקלונג אין דער לעגאַלער ליטעראַטור איז געווען — פון דער וואָכעדיקער שפּראַך צו דער ליטעראַרישער, און אין דער אומלעגאַלער ליטעראַטור — פון דער ליטעראַרישער שפּראַך צו דער וואָכעדיקער. די סתירה, וואָס מע קען דאָ איינזען, ווערט דערקלערט מיטן גאַנג פון דער פּאָליטישער אַנטוויקלונג פון די אָדער יענע שיכטן באַפעלקערונג, וועמענס באַוואוסטזיין עס האָט ביי איינע אויסגעדריקט די אומלעגאַלע און ביי אַנדערע די לעגאַלע ליטעראַטור.

[...] פאַמעלעכן האָט די לעגאַלע פּרעסע גענומען זיך דערנעענטערן, לויטן טאָן און סטיל, צו דער בונדישער פּרעסע. די לצנותדיקע שאַטירונג — אַן אומפאַרמיידלעכער שטריך פון אַלטע יידישע אויסגאַבעס — ווערט נעלם. די ליטעראַרישע שפּראַך ווערט אַ פאַרמעג פונעם פאָלק.

(אין עסטרייך 1992)

דריי וויטערדיקע אַרטיקלען טראָגן אונדז אַריבער פון די 1910ער יאָרן גלייך אין די 1920-1930ער, פון אייראָפּע — קיין אַמעריקע, וואו עס האָט דעמאָלט געבליט די יידישע ליטעראַרישע טעטיקייט. אמת, אין אַ מרה⸗שחורהדיק⸗סקעפּטישן אַרטיקל פון יענער צייט געפינט מען אויך אַזאַ מין אָפּשאַצונג:

As for contemporary [American Yiddish] literature, it is something of academic or — to use East Side paraphrase — of ‘cafe’ interest only. Literary Schools rise and fall

in the cafe, but the street knows them not.
(בראָדי 1926: 621)

און אָט איז אַ פּאָעטיש בילד פון אַזאַ קאַפע:

און אַלע פּנימער אין רויך ווי מאַסקן.
אַן אַקסל־צוק, אַ שטאַרער בליק, אַ שפּאַס אַ
טריבער.
און פאַלשע ווערטער צינדן זיך, פאַרבלאַסן.
האָב איך דיר ווייי געטון, מיין ליבער?

מיר טראָגן אַלע דאָ פאַראַכטלעך קאַלטע מאַסקן.
מיט קלוגער איראָניע פאַרשטעלן מיר דעם פיבער,
פון טויזנט שמייכלען, און געשרייען, און גרימאַסן.
האָב איך דיר ווייי געטון, מיין ליבער?

דאָס דאָזיקע ליד געהערט אַנאַ מאַרגאָלין (ראָזע לעבנסבוים, 1887-1952), אַ טאַלאַנטפולער יידישער פּאָעטעסע, וואָס איז אָבער געווען זייער „ניט פּראָדוקטיוו" — בלויז איין זאַמלבוך אירער, לידער איז אַרויס אין 1929. דער באַנד ייוואָ בלעטער איז כולל צוויי אָפּהאַנדלונגען געווידמעט אַ. מאַרגאָלינס שאַפונג און לעבן: „אַנאַ מאַרגאָלין — מאַטעריאַלן צו איר פּאָעטיש געשטאַלט" פון אברהם נאָווערשטערן (זז. 129-171) און „אַנאַ מאַרגאָלין און די פּאָעזיע פונעם געשפּאָלטענעם איך" פון שבע צוקער (זז. 173-198).

אין יסוד פון א. נאָווערשטערנס אַרטיקל ליגט אַ גרויסע ליטעראַטור־פאָרשערישע אַרבעט פון צוגרייטן צו דער פּובליקאַציע אַ בריוו־אָפּקלייב פון דער קאָרעס־פּאָנדענץ צווישן ראובן אייזלאַנד און אַנאַ מאַרגאָלין. דער פּועל־יוצא פון דער אַרבעט איז זייער אַ געלונגענער: די קאָרעספּאָנדענץ גיט צו געוויסע פּרטים צום בילד פונעם אַמעריקאַנער יידישן ליטעראַרישן לעבן אין די 1920ער יאָרן, שוין אָפּגערעדט פון דעם אַז זי מאָלט זייער רעליעף די געשטאַלטן פון די מחברים פון אָט דער עפּיסטאָלאַרער ירושה.

דעם פאָרשער ווי אויך דעם ליבהאָבער פון דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע דאַרף בלי ספק פאַר־אינטערעסירן די „קאָמפּאַראַטיווע", אין קאָנטעקסט פון דער וועלט ליטעראַטור, אָפּשאַצונגען פון אַ. מאַרגאָלין (ז. 154):

ערשט היינט אויף מאָרגן, נאָכזוכנדיק און נאָכזוכנדיק, האָב איך אויסגעפונען, אַז אין די לעצטע 5-4 שורות ׳האָט זיך דורכגעריסן רילקעס מוזיק. איז וואָס? זענען דען אין מאַני לייבס אַפילו בעסטע לידער ניט גאַנצע שטיקער פון באַלמאָנטן? איז דען דיין „דאָס איז דער מיטן טאָג" ניט געטהיש? האָט דען לאַסקער־שילער ניט גענומען דעם גאַנצן דיכטערישן אַפּאַראַט ביי מאָמבערטן, קאָפּ און הענט און פיס, און נאָר אַריינגעיאָגט אין אים איר ווילד און גאָלדן בלוט? און האָט דען פּראַדל שטאָק ניט צו גוט געלייענט איר אַלטענבערגן? און ביי מיר בלויז 5-4 שורות, איינגעקנאָטן אין מיינע אייגענע ריטמען.

און אין אַ יאָר אַרום שרייבט זי (ז. 162):

דער אמת איז, אַז פעפער גייט אין די טריט פון דעם עלטערן דור רוסישע פּאָעטן. ער שרייבט פריש און מעלאָדיש — אָבער דאָס זענען אויפגעפרישטע פרעמדע מעלאָדיען.
[...] מאַני לייב קלינגט פּאָרט ווי בלאָק. עס איז אַן אומאָנגענעמער אמת צום איינגעמען — ווי ריצנאייל! אָבער ווען איך אַמפּער זיך ניט מיט די אינזיכיסטן און באַפריי זיך פון דער טראַדיציאָ־נעלער צערטלעכקייט צו מאַני לייבן, בלייבט פּאָרט ניט פאַר מיר קיין אַנדער אויסוועג, ווי פאַרשעמט צוצוגעבן, אַז אונדזער פענדל, אונדזער צאַצקע מאַני לייב, איז אַ דריטע אויפלאַגע פון אַ בלאָקן מיט אַ טראָפּן פייער פון באַלמאָנטן.

ש. צוקערס אַרבעט שטעלט מיט זיך פאָר אַ פּרטימדיקן אַנאַליז פון אַ. מאַרגאָלינס דיכטערישער שעפערישקייט. אין אַן אַנאַלאָגישן נוסח איז אויסגעהאַלטן נאָך איין אַרטיקל פון א. נאָווערשטערן, „אין די ווידעראַנאַנדן פון יידישן מאָדערניזם: מעטאַפאָרישע לידער ביי דעם פריען גלאַטשטיין" (זז. 199-248); אמת, הן די טעמע הן איר אַנטפּלעקונג איז אין דעם פאַל ברייטער.

נאָך צוויי אַרטיקלען פונעם באַנד — חנה קליגערס „צווישן צוויי וועלטן: לאַנדסמאַנשאַפטן אין דער נאָכמלחמהדיקער אַמעריקע" (זז. 249-255) און מרים שמולעוויטש־האָפמאַנס „דענקמאָל און זכרון: אַן אויספאָרשונג פונעם צונויפשטעל פון זוואָלינער יזכור בוך" (זז. 257-272) זיינען טעמאַטיש פאַרבונדן. אין ערשטן אַרטיקל ווערט געמאָלט אַן אַלגעמיין בילד פון דער טעטיקייט וואָס ס׳האָבן געפירט די לאַנדסמאַנשאַפטן אין די נאָכחורבן יאָרן, אין צווייטן — אַ סאָציאָלאָגישער פּאָרטרעט פון דער זוואָלינער לאַנדסמאַנשאַפט, וואָס איז באַזירט געוואָרן אויף אינטערוויוען מיט מענטשן וועלכע זיינען אַזוי אָדער אַנדערש געווען פאַרבונדן מיט צונויפשטעלן און אַרויסלאָזן דעם שריפטלעכן דענקמאָל.

אונטער דער רובריק „פון די ייוואָ זאַמלונגען" ווערן געדרוקט משה־זכריה בעקערס ביאָ־ביבליאָגראַפישע נאָטיצן „וועגן אַ בוך וואָס איז געראַטעוועט געוואָרן

פונעם אַש פון פאַרגעסעניש" (זז. 273-280), וואָס דערציילן וועגן דעם גורל פונעם בוך לעקסיקאָן פון פּאָליטישע און פרעמד=ווערטער (אַרויס אין קיעוו אין 1929) און פון זײַן מחבר, דעם סאָוועטישן ייִדישן שרײַבער און פאָרשער, דוב־בער סלוצקי. צו די קאָמפּעטענטע ידיעות וואָס מ־ז. בעקער ברענגט אין אָט דער פּובליקאַציע וויל איך נאָך צוגעבן, אַז ערגעץ גלײַכצײַטיק מיטן באַנד ייִוואָ בלעטער איז אַרויס דער נומער סאָוועטיש היימלאַנד, אין וועלכן עס זײַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן זכרונות פון בער סלוצקיס אַדאָפּטירטער טאָכטער. די זכרונות מאָלן בפרט די גזירה אַטמאָספער פון דעם שרײַבערס לעצטע יאָרן:

> אין 1946 האָט בער באַקומען אַן אײַנלאַדונג פון ביראָבידזשאַן, און מיר זײַנען אַריבערגעפאָרן אַהין. וועגן אומקערן זיך קיין קיעוו איז קיין רייד ניט געווען, ווײַל מע האָט געשריבן, אַז עס איז דאָרט שאַרף צעוואַקסן דער אַנטיסעמיטיזם. בער איז געפאָרן קיין ביראָבידזשאַן מיט פרייד, ער האָט געטרוימט אַרײַנפאַלן אין זײַן סביבה, דעמאָלט איז נאָך געווען אין ביראָבידזשאַן אַ ייִדישע שול, אַ ייִדישער טעאַטער. בער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אינעם ייִדישן קאַנט=קענטעניש מוזיי אַלס פאַרוואַלטער פונעם אָפּטייל פאַר ייִדישער קולטור. [...] אין 1948 [...] האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַע כוואַליע פון מאַסן רעפּרעסיעס. [...] ווי עס האָט מיר שפּעטער דערציילט דער אַרטיסט פונעם ביראָבידזשאַנער טעאַטער אַראָנעס, האָט מען אים געמשפּט אין אַ גרופּע פון זיבן מענטשן. [...] מע האָט זיי אַלעמען באַשולדיקט אין דעם, אַז זיי האָבן געוואָלט אָנשליסן די ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט צו אַמעריקע. [...] אין 1955 איז בער אַוועק אין דער אייביקייט, און אין 1956 האָט מען די גאַנצע גרופּע צוזאַמען מיט אים רעהאַביליטירט.
>
> (קאַנטאָר=גולקאָ 1991: 116)

דעם באַנד פאַרענדיקט אַ קאָלעקטיווע אַרבעט — „ייִדישע זאַמלונגען אין דער היינטיקער ווילנע" (זז. 281-298) — אין וועלכער, אַחוץ די ייִוואָ מיטאַרבעטער מאַרעק וועב און דוד־אליהו פישמאַן, האָבן זיך אויך באַטייליקט שלמה קורלאַנדטשיק און וויקטאָר און שולמית ליראָווס וואָס האָבן אַזוי אָדער אַנדערש געאַרבעט מיט די ווילנער ייִדישע אוצרות (סײַ קורלאַנדטשיקן סײַ די ליראָווס האָט מען פאַרגעסן צו דערמאָנען צווישן „די מיטאַרבעטערס פון דעם באַנד", ז. 299). אייניקע פּרטים וועגן דער געשיכטע פון די ווילנער קאָלעקציעס קען מען געפינען אויך אין אַן אַרטיקל וואָס עמנואל זינגער(ים) האָט באַוויזן אָנשרײַבן נאָך איידער ער איז מגולגל געוואָרן אין אַ פּאָליטישן טוער (זע זינגערים 1988).

בסך־הכל: ס'ווילט זיך באַגריסן די רעדאַקציע קאָלעגיע און דעם מחברים־קאָלעקטיוו פון ייִוואָ בלעטער מיט זייער אַ פײַנעם פּאָטשאַטעק. עס פאַרדריסט אַז די טעכנישע רעדאַקטור פונעם באַנד איז ניט זייער אַ געלונגענע, אָבער אַזאַ חסרון קען מען איבערלעבן און פאַרריכטן אין קומעדיקע בענד.

# ביבליאָגראַפיע


בראָדי, אַלטער

1926 Alter Brody, "Yiddish — a Childless Language" in *Nation* (New York) 122.3179 (June 9).

זינגערים, עמאַנועל [זינגער, עמנואל]

1988 „ביכער און מענטשן (וועגן דעם גורל פון ייִדישע און העברעאישע ביכער אין ליטע)" אין סאָוועטיש היימלאַנד 7.

טשלענאָוו, יחיאל

1916 Е. В. Членов, Идишизм и школа: Москва.

עסטרייך, גענאַדי

1992 „משה אָלגינס רעפּעראַט וועגן דער פּרעסע פון 'בונד'" אין לעבנס=פראַגן 487-488.

פישמאַן, שיקל

1982 Joshua A. Fishman, "Attracting a Following of High-Cuiture Functions for Language of Everyday Life" in R. L. Cooper (ed.), *Language Spread: Studies in Diffusion and Social Change*: Blumington.

1985 „נתן בירנבוימס צווייטער פּרק: דער קעמפער פאַר ייִדיש און ייִדישע קולטור אויטאָנאָמיע" אין

אויפן שוועל 257.

1986 "Nathan Birnbaum's Third Phase: The Activization of Jewish Sanctity" in J. A. Fishman et al. (ed.), *The Fergusonian Impact* vol. 2: Berlin.

1992 „דער אָנהייב פון וויסיקן אהבת יידיש און שנאת יידיש אין מזרח אייראָפּע" אין אויפן שוועל 286.

צינבערג, ישראל

1928 „דער קאַמף פאַר יידיש אין אַלט־יידישער ליטעראַטור" אין פילאָלאָגישע שריפטן 2: 69-107.

קאַנטאָר־גולקאָ, מינע

1991 „זכרונות וועגן בער סלוצקי" אין סאָוועטיש היימלאַנד.

שולמאַן, אליה

1971 Elias Schulman, *A History of Jewish Education in the Soviet Union*, Ktav Publishing House: New York.

# דער גורל פֿון אוריאל ווײַנרײַכס עזבון:
# דער ערשטער באַנד פֿונעם אַטלאַס און די ראשי פּרקים

פֿון

**הירשע־דוד קאַץ**

(אָקספֿאָרד)

*The Language and Culture Atlas of Ashkenazic Jewry. Volume I: Historical and Theoretical Foundations.* Niemeyer.

אויפֿן ערשטן שער־בלאַט:

The Language and Culture Atlas of Ashkenazic Jewry
Volume I: Historical and Theoretical Foundations
Marvin I. Herzog, Uriel Weinreich ז״ל, and Vera Baviskar ז״ל

אויפֿן צווייטן שער־בלאַט:

The Language and Culture Atlas of Ashkenazic Jewry
is based on an investigation entitled
Geographic Differentiation in Coterritorial Societies.

The investigation was designed by Uriel Weinreich
and directed by him until 1967.
Since 1967 it has been directed by Marvin Herzog.

The principal researchers were: Vera Baviskar ז״ל, Marvin Herzog, Steven Lowenstein, Mordkhe Schaechter, Beatrice S. Weinreich and Uriel Weinreich ז״ל.

ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט — ייִוואָ
YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH
New York 1992

אויפֿן דריטן שער־בלאַט:

The Language and Culture Atlas of Ashkenazic Jewry
Volume I: Historical and Theoretical Foundations

Prepared and published under the aegis of an Editorial Collegium
Vera Baviskar ז״ל, Marvin Herzog (Editor-in-Chief), Ulrike Kiefer, Robert Neumann, Wolfgang Putschke, Andrew Sunshine and Uriel Weinreich ז״ל.

Max Niemeyer Verlag
Tübingen 1992

און אין ייוואָ בלעטער:

> אוריאל ווײַנרייך, „ראשי פרקים פון אַ דעסקריפּטיווער ייִדישער דיאַלעקטאָלאָגיע. פּראָוויזאָרישער סטרוקטורעלער און לעקסיקאַלישער אינדעקס צום שפּראַך און קולטור אַטלאַס פון אַשכנזישע ייִדן". אין: ייוואָ בלעטער, נײַע סעריע. באַנד I, ניו=יאָרק 1991, זז. 9–68.

## I

## אַרײַנפיר

אין גאַנג פונעם פערטל יאָרהונדערט וואָס איז אַדורך פון זינט אוריאל ווײַנרייכס פריצײַטיקן טויט, איז ביי ייִדישע און ביי אַלגעמיינע לינגוויסטן, אויך ביי ייִדישע שרײַבער און קולטור טוער, ביסלעכווײַז אויסגעוואַקסן אַ יאוש, אַ מין פחד אַז זײַנע יורשים וועלן קיינמאָל ניט באַווײַזן אַרויסגעבן דאָס ווערק וואָס איז געווען דעם יונגן גאונס סאַמע פאַרנעמיקסטער און אינספּירירנדיקסטער פאַרמעסט: דער ייִדישער שפּראַך און קולטור אַטלאַס. „אַז מען וואַרט דערוואַרט מען זיך". אַוועק פינף און צוואַנציק יאָר און שאַט, קומט אָן דער בריוו־טרעגער, שוין דאָ אַ בוך, דער אויסגעבענקטער ע ר ש ט ע ר באַנד פונעם אַטלאַס. עס איז אונדזער חוב צו קריטיקירן, מיטן מידת הדין, ווי ביי יעדן בוך פאָרשונג וואָס דערשײַנט. נאָר קיין שום חסרונות פונעם באַנד קענען ניט מינערן די פרייד אונדזערע, וואָס דער ערשטער באַנד איז סוף כל סוף אַרויס. און דערבײַ דאַרף מען די רעדאַקטאָרן מיט מיכל הערצאָגן בראש ווינטשן אַ מזל=טוב, מיט אַ פולן מויל און ניט מיט קיין האַלבן. דערבײַ דאַרף מען אויך צואווינטשן „כן ירבו", אויסדריקן די האָפענונג אַז איצטער וועלן די איבעריקע בענד נעמען אַרויסגיין מיט אימפּעט, בקרוב, במהרה בימינו.

שוין פון די דרײַערלײַ שער=בלעטער וואָס אין ערשטן באַנד, שוין פון בלויזן פאַקט וואָס דער ייִדישער אָריגינאַל פון אוריאל ווײַנרייכס „ראשי פרקים" — די געניאַלע אַרבעט וואָס וואָלט ג ע ד אַ ר פ ט דינען פאַרן אַרײַנפיר צום אַטלאַס אויף ייִדיש — איז גאָר דערשינען אַנדערשוואו (אויך מיט אַ פערטל יאָרהונדערט נאָך זײַן טויט), פון דעם אַלעמען איז געדרונגען, אַז דער אַטלאַס איז אַ ווערק וואָס פאַרמאָגט אַן אָנגעווײטיקטע געשיכטע וואָס דאַרף גענומען ווערן אין באַטראַכט. אָט די „דיאַכראָניע" פונעם אַטלאַס טאָר אָבער ניט שטערן ביים אָפּשאַצן צוערשט זײַן „סינכראָניע", דעם מהות פון וועלכן ניט איז שפּראַך אַטלאַס: די מאַפּעס גופא.

## II

## די מאַפּעס

דער באַנד טראָגט דאָס אונטערקעפּל „היסטאָרישע און טעאָרעטישע יסודות", אַפּנים ווײַל די צונויפשטעלער זײַנען אויסן מדגיש צו זײַן די פאַרשידענע הקדמות (זע אונטן IV§). די 81 מאַפּעס זײַנען אָבער אַלע געווידמעט דער ייִדישער פאָנאָלאָגיע (אַלדאָס איבעריקע דאַרף אַרײַן אין די קומעדיקע בענד). אַ נייטראַלער, דעסקריפּטיווער נאָמען וואָלט געקענט זײַן פּשוט: פאָנאָלאָגיע. די שיין פּראָדוצירטע מאַפּעס נעמען אַרום די ג אַ נ צ ע היסטאָרישע שפּראַך טעריטאָריע פון ייִדיש, דערין מערב ייִדיש ניט ווייניקער איידער דער מזרח=אייראָפּעאישער ייִדיש. מ'האָט זיי צונויפגעשטעלט אויפן סמך פון די הונדערטער אינטערוויוען וואָס זײַנען דורכגעפירט געוואָרן פאַר אוריאל ווײַנרייכס לעבן, נוצנדיק זײַן גלענצנדיקע אַנקעטע, וואָס זי גופא איז אַ ווערק וואָס באַשטייט פון 224 זײַטן (= א. ווײַנרייך 1961, מימעאָגראַפירט). די אַנקעטע פאָרמולירט פראַגעס וואָס זײַנען אויסן אַרויסצובאַקומען ניט סתם ענטפערס, נאָר דווקא די פאַקטן אין וועלכע עס נייטיקט זיך די מאָדערנע ייִדישע דיאַלעקטאָלאָגיע. דערצו האָט ווײַנרייך אַרויסגעגעבן אַנדערע אַנקעטעס צו ספּעציפישע צילן (אַשטייגער צו די רעשטלעך פון מערב ייִדיש).

אַזוי אַרום, איז דער ערשטער באַנד פונעם ייִדישן שפּראַך און קולטור אַטלאַס פּרינציפּיעל אַנדערש איידער ווילענקינס אַטלאַס, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין אַ גרויסער מאָס אויפן סמך פון פּאָסט=אָנפרעגן און וואָס באַגרענעצט זיך אויף די צווישן=מלחמהדיקע גרענעצן פון סאָוועטנפאַרבאַנד (ווילענקין 1931); אַנדערש איידער בעראַנעקס אַטלאַס וואָס באַזירט זיך על=פּי רוב אויף ניט=לאָקאַליזירטע אויספרעגונגען (בעראַנעק 1965); אויך אַנדערש איידער גוגענהיים=גרינבערגס וואונדערלעכער אַטלאַס וואָס איז געווידמעט דעם איצט פאַרשוואונדענעם דרום=מערב ייִדיש (גוגענהיים=גרינבערג 1973).

די מאַפּעס לאָזן זיך אײַנטיילן אין אָט וועלכע קאַטעגאָריעס:

### (א) די גרונט=מאַפּע (מאַפּע 0).

אויף דער גרונט=מאַפּע טרעפט מען די נעמען בלויז

פון עטלעכע און צוואַנציק גרעסערע אייראָפּעאישע שטעט (אַמסטערדאַם, האַמבורג, קיעוו, אָדעס וכו׳) וואָס גיבן דעם באַנוצער אַ געאָגראַפֿישע אָריענטירונג צו די אַלע ווײַטערדיקע מאַפּעס. אויך די יענע וואָס זײַנען געווען די וועלט־צענטערס פון יידיש, ווערן אָנגעגעבן בלויז מיט לאַטײַנישע אותיות לויטן היינטיקן אָפּיציעלן נאָמען (Warszawa, Vilnius וכדומה). דאָס איז אָבער אַ קולטור־היסטאָרישער פּאַרדרוס, ניט קיין תּוכיק־וויסנשאַפֿטלעכער (וועגן דעם אַטלאַס און דער יידישער קולטור זע אונטן §V).

דער פּראַקטישער פּאַרדרוס דאָ נעמט זיך פון דעם וואָס די לאָקאַציעס גופא פון וואַנעט ס׳שטאַמען די אינפֿאָרמאַנטן ווערן אָנגעגעבן נאָר און בלויז מיט קרייזעלעך אָן אַוועלכע ניט איז אָנווייזונגען אויף די נעמען פון די ישובים! אין זײַער אַרײַנפֿיר, זאָגן די רעדאַקטאָרן צו (ז. 7), אַז מ׳וועט די מקומות פורש בשמם זײַן אין צווייטן באַנד. דאָס איז, פּאַרשטייט זיך, אַן ערנסטער פּגם וואָס לאָזט זיך קוים פּאַרשטיין: אין משך פון פינף און צוואַנציק יאָר איז קיין צייט ניט געווען צונויפשטעלן אַ רשימה פון די ערטער אויף וועלכן עס בויט זיך דער אַטלאַס?

## (ב) קלאַסיפיקאַציעס פון די יידישע דיאַלעקטן (מאַפּעס 1—6).

מאַפּעס 1—3 אילוסטרירן קאַרטאָגראַפיש די באַקאַנטע קלאַסיפיקאַציעס: „פּרילוצקיס סימן״, וואָקאַל 24 (מאַפּע 2), וואָס איז, היסטאָריש גערעדט, אַן אויסוואוקס פון לאַנדויס 24\44 (מאַפּע 1), און זײַן „קאָנקורענט״ — „בירנבוימס סימן״, 12\13 (מאַפּע 3). נאָר אינטערעסאַנט איז דער איבערגאַנגס־פּאַס אין דרום־מערב פּוילן, וואָס ווערט שיין און קלאָר אַרויסגעהויבן אין אַלע דריי מאַפּעס (שפּעטער־צו אויך אין מאַפּע 24). דאָ, און בכלל גענומען, איז עס אַ גרויסער שאָד וואָס עס ווערן ניט אָנגעגעבן אויפן אָרט אַפילו די מינימאַלע דערקלערונגען (אָדער ביבליאָגראַפישע אָפּשיקן) וואָס זײַנען נייטיק אויף צו באַנעמען די חשיבות פונעם אָנגעוויזענעם פענאָמען אין דער יידישער דיאַלעקטאָלאָגיע, בפרט נאָך אַז עס איז פאַראַן איבערגענוג אָרט אַרום די מאַפּעס וואָס ווערט איבערגעלאָזן שניי־ווייס ווי פון פּאַפּיר־פּאַבריק. בנוגע אָט דעם מערב־יידישן אינדזל אין דרום־מערב פּוילן וואָס פּרילוצקי האָט אַנטדעקט אין בענדינער געגנט, איז אומבאַדינגט נייטיק צו ברענגען באַלד לעבן דער מאַפּע די אָפּשיקן צו פּרילוצקין (1920: 72-73, 152; 1921: 368) און צו די קאָנטראָווערסיעלע גרענעץ ליניעס וואָס מאַקס ווײַנרײַך האָט אָנגעצייכנט (1958, ספּעציעל ז. 171, פּונקט 4; פגל. שלמה בירנבוימס בריוו נ. 3 אין איצטיקן באַנד, הערה 20). אָטאָ די דריי מאַפּעס ברענגען אַ בפירושדיקן אָנשפּאַר פאַר מאַקס ווײַנרײַכס געוואַגטער השערה וועגן קראָקעווער געגנט! אָן דער ביבליאָגראַפיע, און אָן קורצע סך־הכלען פון די שייכותדיקע מחלוקתן, קען דער באַנוצער, וואָס איז אַליין ניט קיין ספּעציאַליסט איבער די זאַכן, ניט תּופס זײַן די חשיבות פון די מאַפּעס. און היות ווי „ספּעציאַליסטן איבער די זאַכן״ זײַנען פאַראַן איבער דער וועלט ווינציקער ווי אַ מנין, איז דער פאַרלוסט גאָר גרויס. אין יעדן פאַל וואָלט מען געדאַרפט גלייך אויף אַן אָרט אָפּגעבן קרעדיט דעם וואָס האָט די זאַך אַנטדעקט — נח פּרילוצקין — פּונקט ווי אוריאל ווײַנרײַך האָט אין אַלע זײַנע ווערק פריערדיקע פאָרשער גלייך אויף אַן אָרט פורש בשמם געוויזן.

מאַפּעס 4—6: „סטרוקטורעלע רעקלאַסיפיקאַציעס״ [דאָ ווי אומעטום זעצן מיר איבער פון ענגליש די נעמען פון די מאַפּעס]. די מאַפּעס שטעלן מיט זיך פאָר אַ פּרוואוו איבערצוקלאַסיפיצירן נוצנדיק סטרוקטורעלע פאַר־העלטענישן אָנשטאָט פאָנעטישע רעאַליזירונגען: צי זײַנען 24 און 44 מאָנאָפטאָנגען צי דיפטאָנגען? (מאַפּע 4); צי זײַנען זיי צוזאַמענגעפאַלן צי ניט? (מאַפּע 5). טשיקאַווע איז דאָס, אָבער אָן מאָטיווירונגען בלײַבט דאָס אַ שפּיל אין צ ו פ אַ ל ן — סיידן די רעדאַקטאָרן האַלטן אַנדערש, אָבער דעמאָלט וואָלטן זיי די השערות געמעגט מיטן לייענער טיילן. צי האַלטן זיי (צו מאַפּע 5) אַז צפון־מזרח יידיש האָט ג ע י ר ש נ ט פון מערב אַ צונויפגעפאַלענע רעאַליזירונג פון 24 און 44?! דאָס לאָזט זיך קוים גלייבן, מחמת דער צפון־מזרחדיקער צונויפפאַל פון 24 מיט 44 איז ניט אָפּצוטיילן פונעם צונויפפאַל פון 42 מיט 22, ד.ה. אַז אינעם אָנגעוויזענעם דיאַלעקט איז דער צונויפפאַל בפירוש 22\24 מיט 42\44, נעמענדיק אין באַטראַכט אַז 22\24 פון איין זייט, און 42\44 פון דער אַנדערער זייט זײַנען איינאייניציקע וואָקאַלן אין דעם גאַנצן מזרחדיקן יידיש. אויב די רעדאַקטאָרן האַלטן אַנדערש, און זייער מיינונג איז מי יודע ווי וויכטיק, טאָ: גיט לשון! אין דער מאַפּע נ. 6, שטיצט זיך די „סטרוקטורעלע רעקלאַסיפיקאַציע״ אויף דער פראַגע, ווי אַזוי זײַנען זיך יידישע דיאַלעקטן באַגאַנגען מיטן דוחק אין אַ לאַנגן ā אין דער קדמון שפּראַך. די מאַפּע ברענגט צונויף די פאַרשידענע גענעטיש נ י ט־קרובהשע ā קלאַנגען (אָדער דאָס פעלן פון ā). די דריי מאַפּעס ווייזן אָן, ווי אַזוי ביי די „סטרוקטורעלע רעקלאַסיפיקאַציעס״, זײַנען די גרענעצן ענלעך צו די גרענעצן פון די טראַדיציאָנעלע קלאַסיפיקאַציעס. דאָס וואָלט זײַן דער פּועל־יוצא ביי נאָר אַ סך פּרטים, צי פאָנעטישע, פאָנאָלאָגישע צי

„סטרוקטורעלע", מחמת די יידישע דיאַלעקטן ווערן בדרך כלל כאַראַקטעריזירט דורך היפּשע בינטלעך איסאָגלאָסן, ניט נאָר דורך די באַקאַנטע „סימנים".

## (ג) די גרענעצן פון די יידישע דיאַלעקטן (36, 39, 42—44).

דאָס זיינען אַלץ ערשטקלאַסיקע מאַפּעס וואָס שילדערן ניט נאָר די דיאַלעקטישע גרענעצן נאָר אויך די וויניק באַקאַנטע פאַרהעלטענישן אין די גרענעצדיקע געביטן גופא. מ׳זעט קלאָר אויף אַז גרענעצדיקע געביטן דאַרף מען באַנעמען ווי אייגנאַרטיקע סיסטעמען, ניט נאָר רעלאַטיוו צו די מעכטיקע באַקאַנטע „דיאַלעקטן" פון ביידע זייטן. דאָס אַלץ האָט אין די זעכציקער יאָרן גרינטלעך אויסגעפאָרשט מיכל הערצאָג אין זיין דיסערטאַציע, וואָס איז געשריבן געוואָרן אונטער אוריאל ווינרייכס השגחה, אויפן סמך פון די אַטלאַס מאַטעריאַלן (זע הערצאָג 1965). דאָ זעט זיך אגב אַ שיינער מוסטער פון דעם ווי אַזוי די אַטלאַס מאַטעריאַלן האָבן מעגלעך געמאַכט פאָרשונגען, וואָס זייערע רעזולטאַטן דערשיינען אינעם אַטלאַס גופא. כן ירבו!

דאָ, מער ווי אומעטום, ווילט זיך זען די נעמען פון די שטעטלעך אויף ביידע זייטן גרענעץ און אין די גרענעצדיקע געביטן גופא. און דאָ ווי אויף צו להכעיס, זיינען די קרייזעלעך (וואָס ווייזן אָן אויף די לאָקאַציעס וואָס די רעדאַקטאָרן וועלן מגלה זיין זייערע נעמען אין צווייטן באַנד) בדרך כלל א ו י ך ניטאָ. דאָרטן וואו די קרייזעלעך ווערן אָנגעצייכנט קען דאָך דער צמא לתורה אויסזוכן טייל שטעטלעך לויט זייער פּאָזיציע רעלאַטיוו צו די גרויסע שטעט אויף דער גרונט=מאַפּע (וואָס זייערע נעמען קען מען קלאָר זען אויף איטלעכער מאַפּע).

## (ד) רעאַליזירונגען פון קדמון וואָקאַלן (14—35, 37—38, 40).

די=אָ מאַפּעס שטעלן מיט זיך פאָר געלונגענע אַרבעט. זיי ווייזן אָן בילד=קלאָר אויף די פּאַקטישע רעאַליזירונגען פון מאַקס ווינרייכס קדמון וואָקאַלן אין אַ ריי פּאָנעטישע שכנותן. זיי ווייזן אָן מיט אַ ברייטער האַנט אויף יוצא=דופנדיקע רעאַליזירונגען. דער איינציקער חסרון איז דער דורכויסיקער אין גאַנצן באַנד: מ׳ווייס ניט די נעמען פון די ערטער. ביי איטלעכן לאָקאַליזירטן סימנדל וואָלט געמעגט לפּחות שטיין אַ ציפער, דער פאַראינטערעסירטער זאָל זיין בכח כאָטש שפּעטער צו דערגיין די זאַך גיך (אַז ס׳וועט געדרוקט ווערן די רשימה לאָקאַציעס אין צווייטן באַנד).

מאַפּע 17: ס׳ווערט באַוויזן אַ ū אויפן אָפּנטראַפיקן קמץ ביי סעמיטיזמען אין ניינצן מערב=יידישע לאָקאַציעס („ū רעקאָרדירט אין מערב יידיש אין אַ ביסל ווערטער וואָס שטאַמען פון העברעאיש"). דאָ פעלן ניט נאָר די פּתרונות פון די ניינצן קרייזעלעך נאָר אויך: די ווערטער גופא.

מאַפּע 19: די מאַפּע הייסט „קדמון יידיש $A_3$: טיפּישע אַנטוויקלונג". די מאַפּע בויט זיך אָבער אויף אַ לחלוטין נ י ט=טיפּיש וואָרט: טשאָלנט. אַזוי אַרום ווערט פאַרקרימט דאָס מערב=יידישע בילד דערמיט וואָס די מאַפּע פאַרקוקט וואָס גאַנץ צפון=מערב יידיש האָט ō פאַרן „טיפּישן" ענטפערער אויף וואָקאַל 13 (זע קאַץ 1983: 1027). די ט י פּ י ש ע ווערטער מיט וואָקאַל 13 זיינען די וואָס ענטפערן דעם מיטל=הויך=דייטשישן קורצן a וואָס איז פאַרלענגערט געוואָרן אין אָפענעם טראַף (דער טיפּ וואָגן, זאָגן, נאָמען). גלייכער האָט געטאָן גוגענהיים=גרינבערג; זי האָט איר טשאָלנט מאַפּע (פאַר דרום=מערב יידיש) אָנגערופן: šālĕt — eine Sabbatspeise.

מאַפּע 23: די רעאַליזירונג פון וואָקאַל 22 (געבראַכט אַלם: 23\22) ווערט טראַנסקריבירט ē / ej פאַר גאַנץ צפון=מזרח און גאַנץ דרום=מזרח יידיש; אַזוי אויך פאַר גאַנץ מערב יידיש (מיטן אויסנאַם פון עטלעכע שוואַרצע קרייזעלעך וואָס באַווייזן ē ~ aj אין מערב און אין צענטראַל=מזרח יידיש; די שייכותדיקע אָרט=נעמען וועלן מיר האָפנטלעך געוואָר ווערן אין צווייטן באַנד).

איז ערשטנס, בנוגע דעם מזרחדיקן יידיש (דאָס איז אויך שייך צו מאַפּע 24 — וואָקאַל 24), איז אַ שאָד וואָס מ׳מאַכט אַ שווייג וועגן דעם, צי איז בירנבוים (1933: 329) געווען גערעכט, אַז אין דרום=מזרח יידיש איז דער דיפטאָנג (תמיד?) אַן אָפענער (εj), אין צפון=מזרח אַ פאַרמאַכטער (ẹj); מאַקס ווינרייך (1958: 164) האָט אים געגעבן גערעכט. יודל מאַרק, פאַרקערט, האָט געשריבן אַז אין מערבדיקן צפון=מזרח יידיש („טיף ליטע"), ווערט דער דיפטאָנג „אַרויסגערעדט מיט אַ מער אָפענעם מויל" איידער אין די מזרחדיקע געביטן („ריידענישן פון ווייסרוסלאַנד אָדער ווי ביי יידן אין דרום רוסלאַנד וואָס האָבן אין אַלגעמיין גערעדט [אויפן] ליטווישן דיאַלעקט" — מאַרק 1951: 433). אויפן ענטפער האָט מען אַלע יאָרן געוואַרט אויפן אַטלאַס. אויב דער אַטלאַס וועט ניט ענטפערן, טאָ ווער וועט ענטפערן?

צווייטנס, בנוגע מערב יידיש, איז אַ שאָד וואָס מ׳ווייס ניט וואו איז עס ē און וואו ej (ס׳שטייט: ē / ej און פאַרטיק אַ געשעפט). די פראַגע האָט אַ וויכטיקן היסטאָרישן באַדייט (זע קאַץ 1983: 1027; 1986: 22).

דריטנס, צוליבן וועלן אָנצייכענען אַ שיינעם

מזרח—מערב קאָנטינואום, האָט מען צום „ej / ē" שטח צוגערעכנט אויך דעם דאַנציקער ראַיאָן („איבערן קאָפּ פונעם פּוילישן ייִדיש"), כאָטש אויף דער גרונט־מאַפּע (נ. 0) זיינען ניטאָ קיין קרייזעלעך וואָס זאָלן באַרעכטיקן די־אָ צורעכענונג אויפן סמך פון אינפאָרמאַנטן. אַכלל, פּירושים און השערות האָט מען געדאַרפט געבן אינעם (צום באַדויערן ניט פאַראַנענעם) באַגלייט־טעקסט, ניט אין די מאַפּעס גופא, וואָס דאַרפן זיך האַלטן שטאָל און אייזן אין די ד' אמות פון די פ אַ ק ט ן וואָס זיינען אויפגענומען געוואָרן אויף די טאַשמעס און פאַרצייכנט געוואָרן אין די העפטן. דאָס אייגענע איז שייך צו מאַפּע 28 (וואָקאַל 34).

מאַפּע 27: די צונויפשטעלער האָבן אפשר רעכט, פאָנאָלאָגיש גערעדט, וואָס דעם קאָנטראַסט צווישן דעם קורצן און דעם לאַנגן i (31 כנגד 32) אַנאַליזירן זיי אויף אַן איינאיינציקן אופן אומעטום, זיך האַלטנדיק ביי אוריאל ווײַנרייכס שפּעטערדיקן אַנאַליז. ווי זיי ווייזן אָן אין אַ הערה צום אַריינפיר (די הערה אין קאַנטיקע קלאַמערן נאָך הערה 8 אויף ז. 19), האָט ווײַנרייך פריער געהאַט אַנאַליזירט דעם חילוק ווי איכותדיק אין דרום־מזרח ייִדיש, כמותדיק אין צענטראַל־מזרח ייִדיש. פונדעסטוועגן, האָט די מאַפּע באַדאַרפט לאָזן וויסן, אויפן סמך פון די טאַשמעס, צי דער דרום־מזרחדיקער קאָנטראַסט בויט זיך טאַקע אויף איכות אין אַ גרעסערער מאָס איידער אין צענטראַל־מזרח ייִדיש. זאָלן פאָנאָלאָגן געזונטערהייט אויסטייטשן און איבערטייטשן, זאָלן זיי פירן זייערע סטרוקטוראַליסטישע דעבאַטעס. אַן אַטלאַס דאַרף דערלאַנגען דאָס פאָנעטישע רויוואַרג, וואָס אויף זיין סמך פירט מען אָן מיט אָט די דעבאַטעס, איידער מאַכן אַ שווייג וועגן די פאַקטן און דערלאַנגען די רעזולטאַטן פון פאַרטיקע באַשלוסן.

מאַפּע 30: די מערב־ייִדישע רעאַליזירונג פון וואָקאַל 42 (43\42), ווערט טראַנסקריבירט ō / ou (אַחוץ ביי די לאָקאַליזירטע קרייזעלעך וואו ס'איז au).

ווייס מען ניט וואו אין מערב ייִדיש איז עס ou און וואו ō (פגל. אויבן, די באַמערקונג צו מאַפּע 23).

מאַפּעס 32-36: אָטאָ די געראָטענע מאַפּעס גיבן אַ גוטן מאַטעריאַל, ניט נאָר צו די פאַרשידענע איסאָגלאָסן נאָר אויך (און אפשר דער עיקר) צו דער שטודיע פון די איבערגאַנגס־שטחים (פגל. ביי יעדער מאַפּע הערצאָג 1965).

מאַפּעס 37-38: די אינדזעלעך פון $uj_{54}$ אין צפון־מזרח ייִדיש, און $u_{54}$ אין צענטראַל־מזרח ייִדיש, און דאָס גאַנצע קאָמפּליצירטע בילד וואָס שאַפט זיך בנוגע אָט דעם וואָקאַל, רופן צו ווייטערדיקער פאָרשונג איבער אַ וואָקאַל אַ יחיד במינו אין מזרחדיקן ייִדיש, וועלכן אוריאל ווײַנרייך האָט געווידמעט איינע פון זיינע קלאַסישע שטודיעס (א. ווײַנרייך 1958).

## (ה) אַנדערע אַספּעקטן פון וואָקאַליזם (7—13, 41 45—46).

מאַפּע 46: די מאַפּע הייסט „דיפערענצירונג פון וואָקאַלן נאָכן אַקצענט" און זי ווייזט אָן ריכטיק, אַז דוד און כבוד גראַמען זיך אומעטום אַחוץ אין צפון־מזרח ייִדיש וואו עס הערט זיך אַן i אין דוד. די צרה איז, וואָס די וויכטיקסטע פראַגעס וועגן דיפערענצירונג פון וואָקאַלן נאָכן אַקצענט טרעפט מען גראַדע אין טיילן פון דרומדיקן ייִדיש וואו עס איז פאַרלאָרן געגאַנגען דער r סוף וואָרט, און בלויז די אַנדערשדיקע רעאַליזירונגען פון די וואָקאַלן נאָכן אַקצענט היטן אויף דעם פאָנעמישן קאָנטראַסט (זע למשל פּרילוצקי 1917: 4-21; 1938: 272).

## (ו) קאָנסאָנאַנטן (47—81).

דעם ייִדישן קאָנסאָנאַנטיזם האָט מען געפאָרשט אָן אַ שיעור ווייניקער איידער דעם וואָקאַליזם. דעריבער קומט די רעדאַקטאָרן אַ יישר־כח פאַרן באַהאַנדלען די קאָנסאָנאַנטן אַזוי גרינטלעך. די חסרונות זיינען מערניט די אייגענע וואָס פריער: דאָס פעלן פון אָרט־נאָמען, דאָס פעלן פון נייטיקסטן באַגלייט־טעקסט.

מאַפּע 49: אָט די מאַפּע (היסטאָרישער s אָנהייב וואָרט ביי סעמיטיזמען) איז איינע פון די וויכטיקסטע אין באַנד. ניט נאָר אין דער ייִדישער דיאַלעקטאָלאָגיע נאָר פאַר דער דיאַלעקטאָלאָגיע בכלל, איז עס אַן אָנווייז אויף דעם וואָס קען אויפגעטאָן ווערן. אין אַכצנטן יאָרהונדערט האָט קאַרל ווילהעלם פרידריך באַשריבן זיין פּויזנער ייִדיש אין זיין מייסטערישן ווערק וואו ער האָט פעסטגעשטעלט אַז דעם סמך האָט מען אַרויסגערעדט אָנהייב וואָרט ווי אַ צדיק, ווי אַן אַפריקאַט, ts (פרידריך 1784: 7, 39-41; פגל. קאַץ 1988ב: 43-53). מיט אַ צוויי הונדערט יאָר שפּעטער, האָט מען דעם פענאָמען באַשטעטיקט לאַנג נאָכדעם ווי מ'האָט שוין אויף דעם דיאַלעקט ניט גערעדט, דורך אינטערוויוען מיט אינפאָרמאַנטן ביי וועמען ס'האָבן זיך אויפגעהיט מערניט ר ע ש ט ל ע ך פון דער שפּראַך. די גרויסקייט פון דעם איציקן אַטלאַס פּראָיעקט באַשטייט אין אַ גרויסער מאָס אין דעם, וואָס אַזויפיל איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פאַר דער אייביקייט, אויך פון מערב ייִדיש, אויך פון די פאַרגעסענע איבערגאַנג־געביטן.

מאַפּע 69: די מאַפּע ווייזט אָן אויף די שטחים, סיי אין מערב סיי אין מזרח, וואו r איז פאַרלאָרן געגאַנגען אין

דער נאָכוואָקאַלישער פּאָזיציע. צום באַדויערן, ווערט ניט באַהאַנדלט די פראַגע, צי (און אויב יאָ איז — ווי אַזוי?) עס זיינען אויפגעהיט געוואָרן די קאָנטראַסטן וואָס דער היסטאָרישער r האָט געטראָגן (פגל. אויבן, די באַמערקונג צו מאַפּע 46).

III

## די יידישע דיאַלעקטאָלאָגיע, אוריאל וויינרייך, דער אַטלאַס

שוין אין זיינע שטאַפּלען, האָט מאַקס וויינרייך אויסגעטרוימט דעם יידישן אַטלאַס:

> און שוין גאָר אַן עלעמענטאַרע פראַגע: וואו ציט זיך דער גרענעץ צווישן zogn און zugn, צווישן buch און bich? אויף אַזעלכע פראַגן דאַרף געבן אַן ענטפער אַ דיאַלעקטישער אַטלאַס. די דייטשן האָבן זיך געשאַפן אַזאַ אַטלאַס. פון 1876 ביז 1888 האָט מען פונאַנדערגעשיקט העכער פערציק טויזנט פראַגע=בויגנס, און ביז היינט באַאַרבעט מען דאָס. העכער טויזנט גרויסע קאַרטעס זיינען שוין פאַרטיק. פאַר אונדז איז דאָס נאָך דערווייַלע אַ טרוים, און צו אַזעלכע בדיוקדיקע פאָרשונגען וועלן מיר מסתמא גאָרניט זוכה זיין. אָבער טאָן אין דעם מוז מען אומבאַדינגט, וואָרעם די דיאַלעקטאָלאָגיע איז, ווי מיר האָבן געזען, אַ ל ע ב ע ד י ק ע אַרבעט פאַר דער לעבעדיקער שפּראַך. וועגן איר באַדייט פאַר דער ג ע ש י כ ט ע פון דער שפּראַך איז שוין אָפּגערעדט.
>
> (מ. וויינרייך 1923: 33)

צווישן די שיטערע נסים, וואָס באַשפּרענקלען דאָ און דאָרט דעם גרויזאַמען גורל פון דער יידישער קולטור און וויסנשאַפט אין מזרח אייראָפּע, גייט אַריין דאָס גליק וואָס מאַקס וויינרייך איז דעם ערשטן סעפּטעמבער 1939 געווען אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער לינגוויסטישער קאָנפערענץ אין בריסל, אינאיינעם מיט זיין זון אוריאל, און האָט באַוויזן זיך און די משפּחה בשלום איבערצופירן קיין ניו=יאָרק.

אוריאל וויינרייך איז „שוין איינמאָל" געגאַנגען אין טאַטנס פוסטריט. ער איז געוואָרן אַ וועלט באַוואוסטער לינגוויסט, וועמענס ווערק האָבן אים געשטעלט ביים סאַמע אויבנאָן פון דער טעאָרעטישער לינגוויסטיק אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט (זע, למשל, מאַלקיעלס נעקראָלאָג און הערצאָגס ביבליאָגראַפיע פון זיינע ווערק — מאַלקיעל 1967 און הערצאָג 1967).

שמחה גוררת שמחה. די יידישע דיאַלעקטאָלאָגיע, וואָס איז צום גרעסטן טייל געווען אויסגעלאָשן פון זינט דעם אומקום פון נח פרילוצקי (פגל. קאַץ 1988א), האָט זיך אויפגעבליט שענער און טיפער ווי מ'האָט געקענט אַפילו טרוימען, אין זכות פון דעם וואָס דער יונגער גאון, אוריאל וויינרייך, איז ניט נאָכגעגאַנגען יענע שפּראַך טעאָרעטיקער וועלכע האָבן זיך געהיט פאַר דיאַלעקטאָלאָגיע ווי פאַר אַ שריפה, געהאַלטן אַז דיאַלעקטאָלאָגיע שטעלט מיט זיך פאָר די „שוואַרצאַרבעט" פון אויספרעגן ביי עמך; זיי האָבן נאָר געוואָלט שיסן מיט טעאָריעס, זיצנדיק אין די שלעסער פון די אַקאַדעמישע אַנשטאַלטן. מיט איין שאָס האָט אוריאל וויינרייך אַריינגעטראָגן אַ יסודותדיקן קאָרעקטיוו אין דער דיאַלעקטאָלאָגיע בכלל. עס רעדט זיך וועגן זיין "Is a Structural Dialectology Possible?" (א. וויינרייך 1954), וואו ער האָט אויפגעוויזן ווי אַזוי דיאַלעקטאָלאָגיע (וואָס בטבע זאַמלט זי אויף פּרטים און פּרטי פּרטים) און סטרוקטורעלע לינגוויסטיק (וואָס בטבע אינטערעסירט זי זיך מיט העכערע סטרוקטורן), קענען און דאַרפן צונויפגעפלאָכטן ווערן לטובת דיביידע דיסציפּלינען. טייל יסודות פון דער שיטה זיינען שוין געווען בנמצא אין זיין אַרבעט וועגן ליטווישן „סאַבעסדיקן לאָסן", וואָס האָט אים יונגערהייט קונה שם געווען אין דער לינגוויסטיק (א. וויינרייך 1952). אין שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער פּיאָנעריש אָנגעווענדט סטרוקטורעלע דיאַלעקטאָלאָגישע מעטאָדן, סיי צום רעקאָנסטרואירן די געשיכטע פונעם מזרח=יידישן וואָקאַליזם (1958), סיי ווי אַן אינטעגראַלן חלק פון אַן אוניווערסאַלער טעאָריע איבער דעם ווי עס בייטן זיך שפּראַכן אין גאַנג פון דער צייט (1968א). ער איז געווען אַ פירנדיקע פיגור אויך אין דער סעמאַנטיק (זע 1963א און 1966) און — מיט זיין כאַראַקטעריסטישער אייביקער געטריישאַפט צו יידיש האָט ער די פּרוכפּערדיקייט אויך אויף דעם שטח — סעמאַנטיק — אָנגעווענדט ביים צונויפשטעלן זיין מאָדערן ענגליש=יידיש יידיש=ענגליש ווערטערבוך (1968ב).

ניט דאָ איז דאָס אָרט אויסצורעכענען די אַלע אומגלייבלעכע אויפטוען פון אוריאל וויינרייך אין זיין טראַגיש=קורצן לעבן (ער איז נאָך ניט געווען קיין פולע איין און פערציק יאָר אַז ער איז געשטאָרבן אין 1967). דאָ איז דאָס אָרט אַרויסצוהייבן זיין היקפּדיקסטן פּראָיעקט, וואָס האָט געדאַרפט צו זיין די קרוין ניט נאָר פון דער אַלגעמיינער סטרוקטורעלער דיאַלעקטאָלאָגיע אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, נאָר אויך: פון דער יידישער פילאָלאָגיע, פונעם פאָטערס יוגנט=חלום: אַ שפּראַך אַטלאַס פון — י י ד י ש.

דער עצם באַגריף „אַ שפּראַך אַטלאַס פון יידיש"



אוריאל ווײַנרײַך
(1967 — 1926)
(פֿאָטאָ: אַדאַנק דער ייִוואָ)

האָט נאָך דער מלחמה אַרויסגערופן סימפּאַטישן סקעפּטיציזם: סטייטש, נאָכן חורבן, ווי אַזוי זשע — —? האָט אוריאל ווײַנרײַך באַוויזן, אַז אָנווענדנדיק פּראָפעסיאָנעלע, לינגוויסטיש אויסגעשולטע זאַמלער, וויסנשאַפטלעך אויסגעאַרבעטע פרעג=העפטן, מאַגנעטאָ=פאָנען, און אַ גריד=איינטיילונג פון דער היסטאָרישער טעריטאָריע פון ייִדיש (סײַ מזרח ייִדיש סײַ די רעשטלעך פון מערב ייִדיש), קען מען די זאַך אויספירן בײַ דיסלאָקירטע אינפאָרמאַנטן.

אַז אוריאל ווײַנרײַך איז געשטאָרבן, איז שוין געווען אין אַ גרויסער מאָס געשלאָסן די פּראָגראַם פון אינטערוויוען, וואָס זײַנען דורכגעפירט געוואָרן דער עיקר אין די פאַראייניקטע שטאַטן און ארץ ישראל. די אינפאָרמאַציעס אויף אויסצוענדיקן דאָס צייכענען די מאַפּעס גופא זײַנען ווי געלעגן אויפן טיש. גאונותדיקע טעאָרעטישע אַרבעטן וואָס קענען דינען פאַר אַן אַרײַנפיר האָט ער פאַרעפנטלעכט איבערגענוג, און מ׳האָט געהאַט פון וואָס אויסצוקלײַבן, בתוכם, זײַן: „וועגן אַ נײַעם ייִדישן שפּראַך און קולטור אַטלאַס" (א. ווײַנרײַך 1960א); “Multilingual Dialectology and the New Yiddish Atlas” (1962א); “Culture Geography at a Distance: Some Problems in the Study of East European Jewry” (1962ב); “Mapping a Culture” (1963ב); “Machine Aids in the Compilation of Linguistic Atlases” (1963ג). דאָס אַלץ זײַנען אַרבעטן וואָס וואָלטן גלענצנדיק געדינט פאַר אַלגעמיינע הקדמות. אוריאל ווײַנרײַך האָט אָבער אַפילו באַוויזן אויסענדיקן אַ ס פּ ע צ י פ י ש ע אַרבעט וואָס איז בעצם די הקדמה צום פּראָיעקט.

IV

# אוריאל ווײַנרײַכס ראשי פּרקים: די ריכטיקע הקדמה צום אַטלאַס

אוריאל ווײַנרײַכס בפירושדיקער אַרײַנפיר צום אַטלאַס איז זײַן „ראשי פּרקים פון אַ דעסקריפּטיווער ייִדישער דיאַלעקטאָלאָגיע: פּראָוויזאָרישער סטרוק=טורעלער און לעקסיקאַלישער אינדעקס צום ייִדישן שפּראַך און קולטור אַטלאַס" (א. ווײַנרײַך 1960ב). דאָס איז אַ מייסטעריש=קאָנדענסירטער סך=הכל סײַ פון די סטרוקטוראַליסטישע פּרינציפּן אויף וועלכע מען האָט דעם אַטלאַס געבויט, סײַ פון די ספּעציפישע פראַגן פון דער ייִדישער דיאַלעקטאָלאָגיע וואָס דער פּראָיעקט איז געקומען אויף זיי ענטפערן.

קיין שענערע ירושה האָט קיין חד בדרא זײַנע תלמידים ניט איבערגעלאָזן. זיי וואָלט געדאַרפט זײַן די גרעסטע זכיה דאָס פאַראַנענע צוזאַמענשטעלן און אַרויסגעבן, מיט זייערע הערות און צוגאָבן, פאַרשטייט זיך, לויט דער נויט און דער צײַט. במה דברים אמורים, דאָרטן וואו מ׳האַלט פונעם „בכל אדם מתקנא חוץ מבנו ותלמידו" און פון זײַן היפוך: „בכל אדם מתקנא חוץ מאביב ורבו".

דאָס זשאַלעווען אוריאל ווײַנרײַכן די היסטאָריש ריכטיקע אָנערקענונג שפּירט זיך שוין אויף די דרײַ שער=בלעטער. ווײַנרײַך איז איינער פון דרײַ אויפן ערשטן שער=בלאַט, איינער פון זעקס אויפן צווייטן, איינער פון זיבן אויפן דריטן.

אַבי ניט אָנקומען צו אוריאל ווײַנרײַכס אָנגעמאָסטענע, גאונותדיקע אַרבעטן, האָט מען זײַנע (בדרך כלל ערשטראַנגיקע) געדאַנקען אַרײַנגעפלאָכטן אין די (בדרך כלל מיטלמעסיקע) הקדמות פון די איצטיקע רעדאַקטאָרן. אָנשטאָט ציטירן פון זײַנע בעסטע אַרבעטן, האָט מען גראַדע גענאַשט פון זײַנע אַפּליקאַציעס אויף סובווענצן — גאָר אַן אַנדער מין „זשאַנער".

This statement and some that follow hereafter are drawn from various grant applications that Weinreich prepared between 1959 and 1966.
(ז. 1)

די אויבן דערמאָנטע אַרבעטן פון אוריאל ווײַנרײַכן זײַנען אַלע שוין לאַנג פאַרעפנטלעכט געוואָרן. בלויז דער ספּעציפישער אַרײַנפיר צום אַטלאַס, אויף ייִדיש, „די ראשי פּרקים פון אַ דעסקריפּטיווער ייִדישער דיאַלעקטאָלאָגיע. פּראָוויזאָרישער סטרוקטורעלער און לעקסיקאַלישער אינדעקס צום ייִדישן שפּראַך און קולטור אַטלאַס" איז די אַלע יאָרן געלעגן ניט=פאַרעפנטלעכט. האָט דער עולם ייִדישע לינגוויסטן געמיינט אַז מ׳וואַרט צו, בכדי עס אָפּצודרוקן ווי די ריכטיקע הקדמה צום אַטלאַס. ערשט איצט, האָט די גאַנצע אַרבעט, וואָס איז געשריבן אויף ייִדיש, טאַקע דערזען די ליכטיקע שײַן, נאָר צום באַדויערן, ניט אינעם אַטלאַס (וואו עס ווערט געבראַכט אַ טיילווייזע ענגלישע באַאַרבעטונג, זז. 15-45). די „ראשי פּרקים" זײַנען דערשינען אינעם ערשטן באַנד פון די באַנײַטע ייוואָ בלעטער (= א. ווײַנרײַך 1991). די ווײַטערדיקע באַמערקונגען, וועגן דעם ווי אַזוי מ׳האָט די „ראשי פּרקים" צוגעגרייט צום דרוק, זײַנען פאַרשטייט זיך שייך נאָר און בלויז צו אָט דער אַרבעט; אין אַלגעמיין גענומען איז דער ערשטער באַנד באַנײַטע ייוואָ בלעטער אַן

אויסגעצייכנטער, וואָס איז כולל ערשטקלאַסיקע און גוט=רעדאַגירטע אַרבעטן, ועל כולם, דעם רעדאַקטאָר פּראָפעסאָר דוד פישמאַנס גלענצנדיקע שטודיע (זע די פריערדיקע רעצענזיע פון געננאַדי עסטרײַך).

די געלערנטע וועמענס נעמען עס ווערן אָנגערופן אין די דריי שער=בלעטער פונעם אַטלאַס, וואָלטן אַלע געווען בכח די „ראשי פּרקים" צוצוגרייטן צום דרוק אויפן בעסטן אופן, און בפרט מיכל הערצאָג און מרדכי שעכטער, אוריאל ווײַנרײַכס צוויי תלמידים=יורשים אין ניו=יאָרק. צוליב עפּעס אַ סיבה, האָבן זיי עס אָבער נ י ט צוגעגרייט צום דרוק, זאָל זײַן פֿאַר די באַנייטע ייוואָ בלעטער אָנשטאָט צום אַטלאַס גופא, נאָר וואָדען, מען האָט די אַרבעט פאַרטרויט צוויי חשובע און באַגאַבטע ייִדישע קולטור טוער אין ניו=יאָרק, וועלכע האָבן גרויסע פאַרדינסטן. דאָס וואָס זיי זײַנען ניט געווען בכח צוצוגרייטן צום דרוק, ווי עס באַדאַרף צו זײַן, אוריאל ווײַנרײַכס אַ טעכנישע פאָנאָלאָגישע אַרבעט, איז זיי חלילה ניט קיין פּחיתת הכבוד. ס'גייט דאָ מערניט אין „דעם ריכטיקן מענטשן צו אַזאַ מין פּאָזשאַרנע". דער עפּיזאָד דערמאָנט גאָר אין דעם, וואָס מאַקס ווײַנרײַך האָט אין די ווילנער ייוואָ בלעטער געשריבן וועגן לייזער ווילענקינס באַדויערן דאָס וואָס ניט מער ווי 4% פון די וואָס האָבן אים איבערגעגעבן אינפאָרמאַציעס וועגן לאָקאַלע שפּראַכיקע פאָרמעס (צום מינסקער שפּראַכאַטלעס = ווילענקין 1931) זײַנען געווען אַרבעטער און פּויערים. אויף ווילענקינס „לײַדער" בנוגע דעם נישטיקן פּראָצענט, האָט זיך מאַקס ווײַנרײַך אָפּגערופן בזה הלשון:

> נאָר וואָס באַדײַט ווילענקינס „לײַדער"? [...] צי וועט דען ווילענקין, אויב ער זאָל זיך דאַרפן חלילה מאַכן עפּעס אַן אָפּעראַציע, גיין צו אַן אַרבעטער אָדער אַ פּויער אָנשטאָט צו זוכן אַ געשטודירטן כירורג?
>
> (מ. ווײַנרײַך 1932: 169)

אין דער הערה אויף דער ערשטער זײַט פון די איצט דערשינענע „ראשי פּרקים" (אין די ייוואָ בלעטער), שטייט געשריבן, ניט צום גלייבן:

> דאָרט וואו אותיות און ציפער אינעם מאַנוסקריפּט זײַנען געווען אומלייענעוודיק, האָבן מיר געשטעלט אַ פראַגע=צייכן (?).
>
> (אין א. ווײַנרײַך 1991: 9)

כאילו דאָס וואָלטן געווען פּאַפּירוסן פון די מגילות ים המלח. עס גייט דאָך דאָ די רייד וועגן אַן אַרבעט וואָס אוריאל ווײַנרײַך האָט אָ פּ ג ע ק ל אַ פּ ט אין 1960טן יאָר! אָט איז אַ דוגמא פון איינער פון די ניט=געלייזטע מיסטעריעס וואו די צוגרייטער=צום=דרוק האָבן זיך באַנוצט מיטן אַלמעכטיקן פראַגע=צייכן און אַרויסגעלאָזט זייערן אַ תיקו, אַז אליהו הנביא וועט קומען:

> 2.2152 דיפערענצירונג פון =ע און =ער וואו [?] טראַף=אויס איז בטל געוואָרן. דער אַטלאַס דאַרף פעסטשטעלן ווי אַזוי עס ווערן דיפערענצירט די צוויי סופיקסן אין יענע דיאַלעקטן וואו [?] טראַף=אויס איז בטל געוואָרן (פגל. פאַר. 21.4312ב). על=פּי רוב באַשטייט יעדע מאָרפעם פון אַן אַנדער מין „שוואַ וואָקאַל". פגל. ער איז אַ גוטער און זי איז אַ גוטע. זי איז אַ גוטע און ער איז אַ גוטער 159(8.
>
> (דאָרטן ז. 60)

דאָ און אַנדערשוואו, איז אַ פּאַראַגראַף פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לעכערלעכן מוסטער פון איבונגען צו אַן אָנהייבער=קורס פון לינגוויסטיק, וואו מ'בעט דעם תלמיד ער זאָל „אויספילן די בלויזן". דער תלמיד באַקוקט די בײַשפּילן און זעט גוטע און גוטער, און שרײַבט אַרײַן אַז דאָ רעדט זיך וועגן: r, און דער לערער גיט אים אַ קניפּ אין בעקל. ווער עס פאַרשטייט זיך אויף ייִדישער דיאַלעקטאָלאָגיע, דער ווייס באַלד אין וואָס עס גייט די רייד: די צענטראַל=מזרח ייִדישע וואַריאַנטן וואו דער r סוף וואָרט איז געפאַלן, און וואו די נייטיקע מאָרפאָלאָגישע אונטערשיידן צווישן, אַשטייגער, גוטע און גוטער ווערן אויפגעהיט דורך פאַרשידענע איכותן פון די געבליבענע רעדוצירטע וואָקאַלן. סטודענטן פון ייִדישער דיאַלעקטאָלאָגיע איז גוט באַקאַנט נח פּרילוצקיס „נאָכבאַמערקונג" וועגן דעם ענין, צו יודל מאַרקס אַן אַרבעט אין ייִדיש פאַר אַלע (פּרילוצקי 1938: 272). דער ענין איז באַשריבן געוואָרן אין יעדער פאַכמענישער באַשרײַבונג פונעם וואָקאַליזם פון צענטראַל=מזרח ייִדיש (זע למשל פּרילוצקי 1917: 4-21; ווילער 1924: 27; גוטמאַן 1926: 381, פּאַראַגראַף c; פגל. אויבן, די באַמערקונג צו מאַפּע 46).

נאַט אייך נאָך אַ פּערל:

> 2.2155 פאָרמע פון שטאַם ביי אַדיעקטיוון אויף [?]. אין טייל דיאַלעקטן, ווען ס'קומט צו אַ סופיקס טראַף, ווערט די טראַפיקייט פון סוף שטאַם אויפגעלייזט: [?] לגבי [?]. פגל. איידעלער יונגערמאַן 28(11.
>
> (ז. 60)

וויבאַלד דער בײַשפּיל איז איידעלער יונגערמאַן, און אין דער פראַזע איז דאָ מערניט איין אַדיעקטיוו, און דער אַדיעקטיוו ענדיקט זיך אויף l וואָס איז יאָ אַ טראַף פאַר זיך אין איידל, און ניט אין איידעלער, וועט אייך דער סטודענט

געבן צו וויסן אַז אויפֿן פֿראַגע־צייכן דאַרף גיין: l, אַז עס גייט אין דער אָפּאָזיציע l כּנגד l̥. דאָס אייגענע איז צו הערן ביי אַלע אַנדערע פֿראַגע־צייכנס וואָס די צוגרייטער־צום־דרוק האָבן געשטעלט, בכדי דעם לייענער „צו הילף” צו קומען...

אין דער טאַבעלע אויף ז. 14, געהערט די מיטלדיקע קאָלאָנע צו צפֿון־מזרח ייִדיש. זי שטייט אָבער אינאיינעם מיט די דרומדיקע פֿאָרמעס מיט וועלכע די טאַבעלע איז גאָר אויסן אַרויסצוהייבן אַ קאָנטראַסט.

אין אַ סך פֿאַלן, האָט אוריאל ווײַנרייך אָנגעגעבן אַ ביבליאָגראַפֿישע הערה אין שייכות מיט אַ לינגוויסטישן פּרט. ווען ער וואָלט דערלעבט די אַרבעט אַליין צוצוגרייטן צום דרוק וואָלט ער פֿאַרשטייט זיך צוגעגעבן די גענויע זייטלעך, ווי אין אַלע זיינע פֿאַרעפֿנטלעכטע ווערק. פֿאַראַן פֿאַלן, וואו די צוגרייטער־צום־דרוק, אויב זיי האָבן זיך ניט געקענט „אָנשטויסן” אין וואָס עס גייט די רייד, דאָרט וואו זיי באַנוגענען זיך מיט זייער אַלמעכטיקן פֿראַגע־צייכן, האָבן זיי געקענט נאָכקוקן אין די ווערק גופֿא. דאָס וואָלט געהייסן אויפֿזוכן די גענויע זייטלעך אין יענע ווערק, און אויף דעם איז קיין צייט אַפּנים ניט געווען.

אויף ז. 43 זיינען דאָ צוויי פֿראַגע־צייכנס צום פּאַראַגראַף „שטימיקייט, אַספּיראַציע און שטאַרקייט”, וואו עס איז דאָ אַן אָפּשיק צו פּרילוצקיס טראַנסקריפּציעס טה און טט. האָבן אונדזערע צוגרייטער־צום־דרוק, אַחוץ זייערע פֿראַגע־צייכנס, אָנגעגעבן „פּרילוצקי 1921”. אַז זיי וואָלטן אויפֿגעמישט דאָס בוך (פּרילוצקיס דיאַלעקטאָלאָגישע פּאַראַלעלן און באַמערקונגען), און אויפֿגעזוכט לויטן זוכצעטל (דאָרטן ז. 420), וואָלטן זיי אפֿשר פֿאַרשטאַנען אין וואָס עס גייט דאָ די רייד.

ביי ווײַנרייכן איז דאָ אַן אָפּשיק ביי פּונקט 1.423 (ז. 18 אין אָריגינאַל), צו: „ז. 15, פּאַר. א”. די צוגרייטער־צום־דרוק האָבן ריכטיק פֿאַרשטאַנען אַז דאָ גייט די רייד וועגן ז. 15 פֿונעם אָפּגעקלאַפּטן אָריגינאַל, און אַז מ׳דאַרף דאָס איבערבייטן אויפֿן זייטל וואו דער שייכותדיקער פּונקט פֿאַלט אויס אינעם געדרוקטן נוסח. זיי האָבן עס נאָך אַלע באַמיאונגען אָבער ניט געקענט געפֿינען און האָבן געשטעלט (אויף זייט 23): „ז. 12”, בעת ס׳גייט די רייד וועגן אַ פּאַראַגראַף וואָס אויף דער געדרוקטער זייט: 20. אַ שאָד וואָס זיי האָבן ניט אָנגענומען דעם סימן „פּאַראַגראַף א” פֿאַר אַ רמז.

אַן ענלעכע מעשה האָט זיך פֿאַרלאָפֿן אויף דער געדרוקטער ז. 31, וואו מ׳האָט געביטן אַן אָפּשיק צו ז. 13 אין מאַנוסקריפּט אויף ז. 10 אין געדרוקטן נוסח, בעת דער אָנגערופֿענער פּאַראַגראַף טרעפֿט זיך גאָר אויף דער געדרוקטער ז. 19.

און ווידעראַמאָל אויף ז. 33: „די באַמערקונג וועגן $a_{2,3}$* אויף ז. 23”. דער שייכותדיקער פּאַראַגראַף געפֿינט זיך אָבער אויף ז. 31.

וואו אוריאל ווײַנרייך שרייבט (ז. 19 אין אָריגינאַל): „מירריידן דאָ נ אָ ר וועגן דעם רעדוצירטן וואָקאַל”, האָט מען געביטן אויף: „מיר ריידן דאָ נ י ט וועגן דעם [...]” (ז. 65, הערה 14 אין געדרוקטן נוסח).

מ׳קען ברענגען נאָך און נאָך. ס׳איז אָבער אַ רחמנות אויפֿן לייענער.

לאָזנדיק אָן אַ זייט פּרטים, איז ניט צום גלייבן אַז מ׳האָט ניט געלאָזט די אַלע אויף שוואַרץ אָנגעוואָרפֿענע מאַפּעס פּראָפֿעסיאָנעל צייכענען דורך אַ קאַרטאָגראַף, ווי עס האָט עס ביי זיין לעבן תּמיד דורכגעפֿירט למהדרין אוריאל ווײַנרייך.

כּדי דער טעקסט זאָל זיין צוגענגלעך דעם הײַנטיקן לייענער, זיינען נייטיק אַ צאָל הערות וואָס זאָלן געבן צו פֿאַרשטיין די טעאָרעטישע יסודות פֿונעם שייכותדיקן נוסח פֿונעם סטרוקטוראַליזם, אָן וועלכע די אַלע דיאַגראַמעס האָבן אַ קנאַפּן באַדייט. ביי דעם אַלעמען מאַכן אָבער די צוגרייטער־צום־דרוק אַ שווייג.

ואחרון אחרון, די צוגרייטער־צום־דרוק האָבן נאָך „אויסגעבעסערט” אוריאל ווײַנרייכס ייִדיש. אומעטום אַשטייגער, וואו ווײַנרייך שרייבט אויסשפּראַך, האָבן זיי פֿאַרביטן אויף אַרויסרייד (למשל ז. 31), און מ׳דאַרף זיי נאָר אָפּדאַנקען וואָס זיי האָבן רחמנות געהאַט אויף שטאַנדפּונקט, און עס ניט פֿאַרוואַנדלט אין אַ „קוקווינקל”. אויסשפּראַך איז געווען אַ באַליבט וואָרט אויך ביי מאַקס ווײַנרייך סיי אין ווילנע (זע למשל מ. ווײַנרייך 1934) און סיי אין ניו־יאָרק (זע למשל 1973: I, 21, 23 א.א; פֿגל. קאַזדאַן 1973: 15-16).

אַכלל, ניט יעדערער, וואָס נעמט אַ שטעקן מיט אַ פּאָר הינט און גייט יאָגן „דייטשמעריזמען” אין אַ קלאָרן זונטיק נאָכמיטיק, איז פֿעאיק צוצוגרייטן צום דרוק אוריאל ווײַנרייכס אַ טעכנישע אַרבעט.

עס איז צו האָפֿן, אַז אין איינעם פֿון די נאָענטסטע בענד ייוואָ בלעטער, אָדער אין צווייטן באַנד פֿונעם אַטלאַס, וועט מען נאָכאַמאָל אָפּדרוקן די „ראשי פּרקים”, פּראָפֿעסיאָנעל צוגעגרייט, מיט די נייטיקע הערות פֿאַרן הײַנטיקן לייענער, און מיט פּראָפֿעסיאָנעל געצייכנטע מאַפּעס. עס איז צו האָפֿן אַז מיכל הערצאָג, צי מרדכי שעכטער, צי ביידע, וועלן זיך אונטערנעמען די זאַך אויסצופּאַרטיקן. זיי וואָלטן ביידע, אויפֿן בעסטן און שענסטן אופֿן, געווען בכח צוגרייטן צום דרוק די אַרבעט וואָס זייער פֿרי־פֿאַרשטאָרבענער לערער האָט איבער־געלאָזן.

V

# דער אַטלאַס און די לעבעדיקע ייִדישע קולטור

בײַ אַלע גרויסע ייִדישע פֿילאָלאָגן פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, איז די ייִדישע פֿילאָלאָגיע געווען ניט אָפּצוטיילן פֿון דער לעבעדיקער קולטור וואָס אויף ייִדיש, ניט אָפּצוטיילן פֿון ייִדיש ווי אַ לעבעדיק לשון אויף וועלכן עס ווערט געפֿירט כאָטש אַן אָנזעעוודיקער טייל פֿון דער פֿאָרשונגס־אַרבעט (זע באָראָכאָוו 1913: 2).

אוריאל ווײַנרײַכן איז דער אַטלאַס ניט געווען קיין הוילע טעאָרעטישע עקספּעדיציע אין דער פֿאַרגאַנגענהייט. לויט די שענסטע טראַדיציעס פֿונעם טאַטן, און פֿונעם באָראָכאָוויסטישן צוגאַנג צו ייִדישער פֿילאָלאָגיע אַלס לעבעדיק גליד פֿון דער נײַער ייִדישער קולטור, איז דער אַטלאַס אַ ריזן־אויפֿטו אויך פֿון דער קולטור וואָס אויף ייִדיש. ס׳איז ניט קיין צופֿאַל אַז דאָס אויפֿשטעלן דעם ייִדישן שפּראַך און קולטור אַטלאַס האָט ער דער וועלט מודיע געווען אין דער גאָלדענער קייט, וואו זײַן געטרײַשאַפֿט צום לעבעדיקן ייִדיש איז ניט קיין „פֿאַרבאָרגענער סענטימענט", וואָס מ׳דאַרף זיך שעמען דערמיט, נאָר וואָדען: אַ מאָטיוו וואָס איז ניט אָפּצוטיילן פֿונעם עצם וויסנשאַפֿטלעכן פּראָיעקט. זײַן אַרבעט האָט ער פֿאַרענדיקט מיט אָט דעם פּאַראַגראַף:

> ייִדיש וואָלט ניט געקענט צײַטיק ווערן ווי אַ כלל־שפּראַך אין די לעצטע 100—150 יאָר ווען ניט דאָס געפֿיל פֿון איינהייט צווישן אַלע ייִדיש־רעדערס, אַ ליעסיניש געפֿיל אַז „פֿון וואָרמס, פֿון מײַנץ און פֿון שפּײַער ביז קראָקע, לובלין און אַדעם האָט אַלץ זיך געצויגן אײן פֿײַער, האָט אַלץ זיך געצויגן אײן נס". דער ייִדישער שפּראַך און קולטור אַטלאַס דאַרף זײַן דאָס וויסנשאַפֿטלעכע פֿאַרגרעסער־גלאָז, וואָס וועט אונדז העלפֿן דערזען די מאַסע אָרטיקע נסימלעך און פֿלעמלעך, וואָס פֿון זיי האָט זיך צונויפֿגעשטעלט דער גרויסער פֿײַער, דער נס ייִדיש.
> (א. ווײַנרײַך 1960א: 57)

עס איז פֿאַרדריסלעך, וואָס ייִדיש פֿיגורירט אינעם אַטלאַס בלויז קאָסמעטיש: שער־בלעטער פֿון דער רעכטער זײַט און אַן איבערדרוק פֿונעם אַרײַנפֿיר צום האַנטבוך פֿאַרן זאַמלער, בסך־הכל: פֿיר שער־בלעטער מיט אַכט נומערירטע זײַטלעך. קולטור־היסטאָריש און סאָציאָלאָגיש גערעדט, וואָלט געווען שענער אַרויסגעבן דעם באַנד אינגאַנצן אויף ענגליש, איידער וואַרפֿן ייִדישע ברעקלעך בכדי אַ „טובֿה טאָן" די וועמען ייִדיש איז נאָענט און טײַער. ס׳איז אַ בערישע טובֿה. No thank you.

בעת דער ענגלישער טעקסט איז שיין און פּראָפֿעסיאָנעל אויסגעזעצט, איז דער ייִדישער טעקסט געמאַכט געוואָרן מיט דער שריפֿט פֿון אַ „היים קאָמפּיוטער". בײַ די מאַפּעס גופֿא איז אַלץ אויף ענגליש אַחוץ די ייִדישע ווערטער וועגן וועלכע ס׳גייט די רייד, וואָס ווערן געבראַכט מיט ייִדישע אותיות און אין טראַנס־קריפּציע, עפּעס ווי עס וואָלט געווען אַן אַטלאַס פֿון סאַנסקריט, צי סומעריש, צי מצריש. אַז איך בין געווען אַ ביז־גראַדואיר סטודענט אין קאָלאָמביע אוניווערסיטעט, בין איך געווען שטאַרק אין כעס ווען ס׳איז אַרויס אין אַ ניו־יאָרקער זשורנאַל אליהו שולמאַנס אַ קריטיק איבערן גאַנג פֿון דער ייִדיש פֿאָרשונג, וואו ער האָט באַשריבן די אַרבעט אַרום דעם אַטלאַס בזה הלשון:

> די אויספֿאָרשונג טראָגט דעם כאַראַקטער פֿון אַן אַרכעאָלאָגישער שטודיע, וואָס איר ציל איז צו פֿאַרוואַנדלען ייִדיש אין אַ מומיע.
> (שולמאַן 1978: 24)

איך האָב ניט געקענט גלייבן. איך בין געווען זיכער אַז אויב ניט אויף ייִדיש וועט דאָס זײַן אַ צווײשפּראַכיק ווערק. גערעכט איז אָבער געווען שולמאַן.

צווישן די אַלע פֿאָרשער, זיי צו לאַנגע יאָר, וואָס זייערע נעמען ווערן אויסגערעכנט אויף די דרײַ שער־בלעטער, פֿיגורירט אויך דער נאָמען מרדכי שעכטער, בײַ וועמען ייִדיש בײַדיש איז אַ פֿעסטער פּרינציפּ, ווי עס איז צו זען פֿון די זשורנאַלן וואָס ער רעדאַגירט (ייִדישע שפּראַך און אויפֿן שוועל). ס׳לייגט זיך ניט אויפֿן שכל אַז פּרײַנט שעכטער זאָל מסכּים זײַן, זײַן נאָמען זאָל דערשײַנען אין אַ באַנד וואו ייִדיש איז געוואָרן אַ קאָסמעטיש צאַצקעלע. לאָמיר האָפֿן אַז פּרײַנט שעכטער וועט אָנווענדן אַלע כּוחות צו פּועלן אַז אויב ניט אינגאַנצן אויף ייִדיש, זאָלן די ווײַטערדיקע בענד זײַן ערנסט צווײשפּראַכיקע, ניט קיין שיין געדרוקטע ביכער אויף ענגליש מיט אַ פּאָר אָפּגעקלאַפּטע זײַטלעך אויף ייִדיש פֿון יוצא וועגן.

קולטור־היסטאָריש איז עס אויך אַ שאָד וואָס נאָך פֿינף און צוואַנציק יאָר, מי יודע וויפֿל סובווענצן, וויפֿל מיטאַרבעטער, אָנגעשטעלטע, סטודענטן־צוהעלפֿער, האָט מען עס געקענט אַרויסגעבן נאָר אין דײַטשלאַנד. ס׳איז גוט באַקאַנט אַז מאַקס ווײַנרײַך האָט פֿאַרווערט אַז וועלכע ניט איז פֿון זײַנע ווערק זאָלן אַרויס נאָך זײַן טויט אויף דער טעריטאָריע פֿון דריטן רײַך. צי ווייס מען בפֿירוש אַז אוריאל האָט געהאַלטן אַנדערש?

## VI

## דער סך־הכל

כל התחלות קשות. די אָנגעוויזענע חסרונות קענען און דאַרפֿן אויסגעבעסערט ווערן. זיי זיינען אַלע אינאיינעם געגומען אַ קלייניקייט אין פֿאַרגלייך מיט אונדזער קאָלעקטיווער פֿרייד וואָס נאָך פֿינף און צוואַנציק יאָר איז דערשינען סיי אוריאל ווײַנרייכס „ראשי פרקים״, סיי דער ערשטער באַנד פֿון זײַן אַטלאַס. זאָלן די ווײַטערדיקע בענד אַרויסגעגעבן ווערן, וואָס שנעלער, וואָס בעסער און — וואָס פֿריער.

# ביבליאָגראַפֿיע


באָראָכאָוו, בער

1913 „די אויפֿגאַבן פֿון דער ייִדישער פֿילאָלאָגיע״ אין ניגער 1913: 1-22.

בירנבוים, שלמה

1933 „אונגערן אָדער ליטע?״ אין ייִוואָ בלעטער 5: 329-332.

בעראַנעק, פֿראַנץ

1965 Franz J. Beranek, *Westjiddischer Sprachatlas*, N. G. Elwert: Marburg.

בעש, וו. און קנאָפּ, או. און אַנדערע

1983 Werner Besch & Ulrich Knoop et al. (eds.), *Dialektologie. Ein Handbuch zur deutschen und allgemeinen Dialektforschung*, 2, Walter de Gruyter: Berlin.

גוגענהיים־גרינבערג, פֿלאָרענץ

1973 Florence Guggenheim-Grünberg, *Jiddisch auf alemannischem Sprachgebiet. 56 Karten zur Sprach- und Sachgeographie*, Juris: Zurich.

גוטמאַן, ט.

1926 „אַ פּרואוו פֿון אַ פֿאָנעטיק פֿון לאָדזשער ייִדיש״ אין פֿילאָלאָגישע שריפֿטן 1: 377-388.

הערצאָג, מיכל

1965 Marvin I. Herzog, *The Yiddish Language in Northern Poland. Its Geography and History* [= *International Journal of American Linguistics*, 31, no. 2, part 3], Indiana University: Bloomington & Mouton: The Hague.

1967 "Bibliography of Uriel Weinreich" in *Language* 43: 607-610.

ווײַנרייך, אוריאל

1952 Uriel Weinreich, "*Sábesdiker losn* in Yiddish: A Problem of Linguistic Affinity" in *Word* 8: 360-377.

1954 "Is a Structural Dialectology Possible?" in *Word* 10: 388-400.

1958 "A Retrograde Sound Shift in the Guise of a Survival. An Aspect of Yiddish Vowel Development" in Catalán 1958: 221-267.

1960א „וועגן אַ נײַעם ייִדישן שפּראַך און קולטור אַטלאַס״ אין די גאָלדענע קייט 37: 47-57.

1960ב ראשי פרקים פֿון אַ דעסקריפּטיווער ייִדישער דיאַלעקטאָלאָגיע. פּראָוויזאָרישער סטרוק־טורעלער און לעקסיקאַלישער אינדעקס צום ייִדישן שפּראַך און קולטור אַטלאַס. מימעאָגראַפֿירטער טעקסט, ירושלים, יאַנואַר 1960. [אַ פֿאָטאָקאָפּיע האָט מיר פֿרײַנטלעך געשאָנקען בינה ווײַנרייך, מיט אַ חתימה דאַטירט דעם 22טן מערץ 1984 — ה.־ד. ק.]

1961 ייִדישער שפּראַך און קולטור אַטלאַס. אַנקעטע. סטאַביליזירטער נוסח פֿון 30טן יוני 1961. מימעאָגראַפֿירט, אָפּטיילונג פֿון לינגוויסטיק אין קאָלאָמביע אוניווערסיטעט: ניו־יאָרק.

1962א "Multilingual Dialectology and the New

Yiddish Atlas" in *Anthropological Linguistics* 4.1: 6-22.

1962ב "Culture Geography at a Distance: Some Problems in the Study of East European Jewry" in W. L. Chafe (ed.), *Symposium on Language and Culture* [= *Proceedings of the Annual Spring Meeting of the American Ethnological Society*], Seattle, 27-39.

1963א "On the Semantic Structure of Language" in Joseph H. Greenberg (ed.), *Universals of Language*, MIT Press: Cambridge, Mass, 114-171.

1963ב "Mapping a Culture", *Columbia University Forum* 6.3: 17-21.

1963ג "Machine Aids in the Compilation of Linguistic Atlases" in *Year Book of the American Philosophical Society*, 622-625.

1966 "Explorations in Semantic Theory" in Thomas A. Sebeok (ed.), *Current Trends in Linguistics*. Vol. III: *Theoretical Foundations*, Mouton: The Hague, 395-477.

1968א [מיט וויליאַם לאַבאָוו און מיכל הערצאָג:] Uriel Weinreich & William Labov & Marvin I. Herzog, "Empirical Foundations for a Theory of Language Change" in Lehmann & Malkiel 1968: 95-195.

1968ב מאָדערן ענגליש־ייִדיש ייִדיש־ענגליש ווערטערבוך, ייִוואָ און מעגראָ היל: ניו־יאָרק.

ווײַנרײַך, מאַקס

1923 שטאַפּלען. פיר עטיודן צו דער ייִדישער שפּראַך וויסנשאַפט און ליטעראַטור געשיכטע, וואָסטאָק: בערלין.

1932 [רעצענזיע איבער ווילענקין [1931 אין ייִוואָ בלעטער 4: 168-179.

1934 „אויסשפּראַך" אין אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע 1: 281-282.

1958 „ראשי פּרקים וועגן מערבדיקן ייִדיש" אין מאַרק 1958: 158-194.

1973 געשיכטע פון דער ייִדישער שפּראַך. באַגריפן, פאַקטן, מעטאָדן, 4 בענד, ייִוואָ: ניו־יאָרק.

ווילענקין, לייזער

1931 יידישער שפּראַכאַטלעס פון סאָוועטנפאַרבאַנד אפן גרונט פון די דיאַלעקטאָלאָגישע מאַטעריאַלן, וואָס זײַנען צונויפגעזאַמלט געוואָרן דורך דער שפּראַכקאָמיסיע פון יידישן סעקטער פון דער ווײַסרוסישער וויסנשאַפט־אקאַדעמיע אונטער מ. ווײַנגערס אָנפירונג. פאָנעטיק, ווײַסרוסישע וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע — יידישער סעקטער: מינסק.

ווילער, יעקב

1924 „פאָנעטיק פון מזרח־גאַליצישן ייִדיש" אין ייִדישע פילאָלאָגיע 1: 23-33, 141-151.

לעהמאַן, וו. פּ. און מאַלקיעל, י.

1968 W. P. Lehmann & Yakov Malkiel (eds.), *Directions for Historical Linguistics. A Symposium*, University of Texas: Austin & London.

מאַלקיעל, י.

1967 Yakov Malkiel, "Uriel Weinreich (1926—1967)" in *Language* 43: 605-607.

מאַרק, יודל

1938 „אַ פּאָר גאָר וויכטיקע ספקות פון אונדזער איצטיקער כלל־שפּראַך" אין ייִדיש פאַר אַלע 1: 233-244, 265-272.

1951 „אונדזער ליטווישער ייִדיש" אין סודאַרסקי א.א. 1951: 429-472.

1958 (רעד.), יודאַ אַ. יאָפע בוך, ייִוואָ: ניו־יאָרק.

ניגער, ש.

1913 (רעד.), דער פּנקס. יאָרבוך פאַר דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור און שפּראַך, פאַר פאָלקלאָר, קריטיק און ביבליאָגראַפיע, ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין: ווילנע.

סודאַרסקי, מ., קאַצענעלענבאָגן, א. און קיסין, י.

1951 (רעד.), ליטע. בוך איינס, קולטור געזעלשאַפט פון ליטווישע יידן: ניו=יאָרק.

פרילוצקי, נח

1917 דער יידישער קאָנסאָנאַנטיזם (אין צוויי בענדער). באַנד I: די סאָנאָרלויטן [= זיינע יידישע דיאַלעקטאָלאָגישע פאָרשונגען. מאַטעריאַלן פאַר אַ וויסנשטפטלעכער גראַמאַטיק און פאַר אַן עטימאָלאָגיש ווערטערבוך פון דער יידישער שפּראַך, 1 = נח פרילוצקים כתבים, 7]: וואַרשע.

1920 צום יידישן וואָקאַליזם. עטיודן [= זיינע יידישע דיאַלעקטאָלאָגישע פאָרשונגען. מאַטעריאַלן פאַר אַ וויסנשאַפטלעכער גראַמאַטיק און פאַר אַן עטימאָלאָגיש ווערטערבוך פון דער יידישער שפּראַך, 4 = נח פרילוצקים כתבים, 10]: וואַרשע.

1921 דיאַלעקטאָלאָגישע פּאַראַלעלן און באַ=מערקונגען. עטיודן וועגן יידישן וואָקאַליזם [= זיינע יידישע דיאַלעקטאָלאָגישע פאָרשונגען, 3 = נח פרילוצקים זאַמלביכער פאַר יידישן פאָלק=לאָר, פילאָלאָגיע און קולטור געשיכטע, צווייטע העלפט פון צווייטן באַנד = נח פרילוצקים כתבים, 9]: וואַרשע.

1938 „נאָכבאַמערקונג" [צו מאַרק 1938] אין יידיש פאַר אַלע 1: 272.

פרידריך, קאַרל ווילהעלם

1784 Carl Wilhelm Friedrich, *Unterricht in der Judensprache, und Schrift. zum Gebrauch für Gelehrte und Ungelehrte*, Chr. Gottf. Ragoczy: Prenzlau.

קאַזדאַן, ח. ש.

1973 „די מאַניע פון וואָרט= און שפּראַך=מאַכעריי" אין אונדזער צייט 10 (אָקט. 1973): 14-17.

קאַטאַלאַן, ד.

1958 Diego Catalán (ed.), *Miscelánea homenaje a André Martinet. Estructuralismo e historia*, T. II, Biblioteca Filológica: Universidad de La Laguna.

קאַץ, הירשע=דוד

1983 "Zur Dialektologie des Jiddischen" in W. Besch et al. 1983: 1018-1041.

1986 „יוסף הערצעם אסתר: צענטראַל=מערב יידיש אין פירט" אין *Israelitische Kultusgemeinde Fürth* (סעפּטעמבער 1986): 20-27.

1988א "Preface: On the Second Winter Symposium" in D. Katz 1988c: 1-5.

1988ב "Origins of Yiddish Dialectology" in D. Katz 1988c: 39-55.

1988ג (ed.), *Dialects of the Yiddish Language. Papers from the Second Annual Oxford Winter Symposium in Yiddish Language and Literature, 14-16 December 1986* [= *Winter Studies in Yiddish*, 2], Pergamon Press: Oxford.

שולמאַן, אליהו

1978 „אויף פרעמדע וועגן (נייע פאָרשערס און לערערס פון דער יידישער ליטעראַטור)" אין אונדזער צייט, יאַנואַר 1978: 18-24.

פון שלמה בירנבוימס עזבון

# אַלטע כּתבֿ־ידן אויף ייִדיש

פֿון


**שלמה בירנבוים**

(פֿון עזבון)



הערה: אָטאָ די אַרבעט האָט שלמה בירנבוים צוגעשיקט צום ערשטן אָקספֿאָרדער ווינטער סימפּאָזיום איבער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן פֿונעם 15טן ביזן 17טן דעצעמבער 1985. שמואל הײַלע (לאָנדאָן) האָט די אַרבעט בקול רם פֿאָרגעלייענט אויפֿן סימפּאָזיום, מאָנטיק אינדערפֿרי, דעם 16טן דעצעמבער. דעם ענגלישן נוסח פֿון דער אַרבעט האָט בירנבוים פֿאַרעפֿנטלעכט אין Origins of the Yiddish Language (אָקספֿאָרד 1987, זז. 7-11). דער ייִדישער אָריגינאַל דערשיינט דאָ צום ערשטן מאָל. וועגן דעם רעפֿעראַט, זע אין זײַנע בריוו 9 און 11, וואָס גייען אַריין אין איצטיקן באַנד, שפּאַלטן 958-961.


מיר דרוקן די אַרבעט מיטן מחברם אָרטאָגראַפֿיע. ביים לעבן איז דאָס געווען שלמה בירנבוימס שטענדיקער תּנאַי אַז ער האָט אָפּגעגעבן זײַנע זאַכן אָפּצודרוקן. מיר היטן אַפּ זײַן וואונטש אויך איצט, נאָך זײַן פּטירה (פֿגל. דעם נעקראָלאָג אין אָקספֿאָרדער ייִדיש 2, זז. 271-276).

בירנבוימס אָרטאָגראַפֿיע בויט זיך אויף צוויי פּרינציפּן: אַנטי־דייטשמעריזם און דרומיזם. צוליבן ערשטן היט ער אָפּ דעם פֿרע־משכּילישן יוד (אָנשטאָט עין) ביי טייל אומבאַטאָנטע וואָקאַלן (גיוועזן אויף 'געוועזן') און באַזונדער־געשריבענע קאָנווערבן (אַריין גישריבן אויף 'אַריינגעשריבן'). ער באַצייכנט אויך גראַפֿיש (מיט וֹי כּנגד וי) דעם חילוק צווישן דרומדיקן ɔj און ou, למשל טוֹיב [tɔjb] ('הערט ניט') כּנגד טויב [toub] ('מין פֿויגל'). דער חילוק קאָרעספּאָנדירט מיט דער ליטווישער דיפֿערענ־צירונג פֿון ej און ɔj, און שפּיגלט אָפּ דעם אונטערשייד צווישן די היסטאָרישע וואָקאַלן 42 און 54.

אויף צוצופּאַסן דעם אויסלייג צו די דרומדיקע דיאַלעקטן, ווענדט ער אָן נקודות אויף צו באַצייכענען קלאַנגיקע אונטערשיידן וואָס ווערן אויפֿגעהיט אין יענע דיאַלעקטן, נוצנדיק די נקודה בדרך כּלל אויף צו באַצייכנענען לאַנגע וואָקאַלן אין ווערטער וואָס געהערן נ י ט דעם סעמיטישן קאָמפּאָנענט. אַזוי אַרום: א (אָן אַ נקודה)= ɔ, אָ = u, ū; ו און י = i, ו און ִי = ī; ע = ε, עֶ = ej, אַזוי אַרום אַז: זאק [zɔk] ('זאָק') כּנגד זאָג [zug]('זאָג') זון [zin] ('זון וואָס שיינט') כּנגד זוּן [zīn] ('אַ זון מיט אַ טאָכטער'); בין ('איך בין') כּנגד בִין (מין אינסעקט); אַ בעט [bεt] (וואו מ'שלאָפֿט) כּנגד בעֶט [bejt]('איך בעט אַ טובֿה').

אין סעמיטישן קאָמפּאָנענט, נוצט ער נקודות אויף איבערצוגעבן דעם ייִדישן וואָקאַל פֿון באַטאָנטן טראַף.

אין די גרויסע ביבליאָטעקן אין אײראָפּע און אַמעריקע זענין דאָ אַ היפּש ביסל כּתבֿ־ידן אף יִדיש. שטייען זיי דאָרטן כּמעט אומגיניצטערהייט. גאָר ווייניק זענין אַרויס גיגעבן גיוואָרן, און אַזוי אַרום קומין זיי נישט צו ניץ דים יִדישן וויסנשאַפֿט: לינגוויסטיק און פֿילאָלאָגיע פֿון יִדיש; כּלל־יִדישע לינגוויסטיק; לינגוויסטיק בכּלל; ליטעראַטור אף אַלט־יִדיש; היסטאָריע פֿון אַשכּנזישע יישובֿים; אַשכּנזישע ביאָגראַפֿיעס; פּאַלעאָגראַפֿיע פֿונים אַשכּנזישן כּתבֿ.

נאָרמאַלערהייט קומט אַ כּתבֿ־יד בלויז דעמלט צו ניץ, ווען מע ווייסט, ווען און וואו עס איז גישריבן גיוואָרן. אַמאָל איז אויך נייטיק צו וויסן וואָס מער וועגן דים סופֿר. אין טייל כּתבֿ־ידן ברענגט ער די אַלע ידיעות, אָדער כאָטש אַ טייל, ביים סוף פֿונים כּ"י, אינים קאָלאָפֿאָן. אָבער דאָס איז אַ זעלטינע זאַך. אינים רובֿ כּתבֿ־ידן איז עס נישטאָ. אָדער ער האָט נישט גישטעלט קיין קאָלאָפֿאָן, אָדער דער סוף פֿונים כּ"י איז הײַנט שוין נישט פֿאַראַן, אָפּ גירירן, פֿאַרפֿאַלן גיוואָרן. דאַרף דער אַרויס־געבער אָדער קאַטאַלאָגירער אויס גיפֿינין די דאַטע. אף דעם זענין דאָ פֿאַרשידינע מעטאָדן. דער מאַטעריאַל פֿונים כּ"י קען אָן ווײַזן די צײַט — צי ס־איז פּאַרמיט אָדער פּאַפּיר; דאָס מין פּאַפּיר; די וואַסער־סימנים פֿון פּאַפּיר; די זאַך וואָס דאָס כּ"י

איז דערמיט גישריבן גיוואָרן — צי אַ קולמוס, צי אַ שטאָל־פּען; דער תּוכן פֿונים טעקסט; גישעעניש, זאַכן, נעמין פֿון מענטשן, וואָס ווערן דערמאַנט.

אבער דער חשובֿסטער מעטאָד איז דער פּאַלעאָגראַפֿישער. כּדי אים צו ניצן, דאַרף דער אַרויס־געבער אָדער קאַטאַלאָגירער פֿון אַ כּ״י, וואָס איז גישריבן מיטן לשון־קודשן אַלף־בית, נישט בלויז גוט קענין דאָס לשון פֿונים כּ״י, נאָר אויך דאָס כּתבֿ. דאָס איז נישט איבעריק צו דערמאָנין, ווײַל ס׳איז נישט קיין פּשוטע זאַך. מיר זענין דאָך בלויז גיוואוינט מיט אונדזער הײַנטיקן אַלף־בית, דים אַשכּנזישן. אבער ווער ס׳האָט עס נישט גיזען מיט די אייגינע אויגן, דער קען זיך נישט מאָלן, וויפֿל מינים כּתבֿ מיר פֿאַרמאָגן — פֿאַרשידן לויט זייער טיפּ, און יעדער טיפּ מיט פֿאַרשידענע מינים סיגנון, און פֿאַרשידן במילא לויט דער צײַט. דער חילוק איז נישט בלויז פֿון אַשכּנזיש ביז ספֿרדיש, ווי מע וואָלט גיקענט מיינין לפֿי דים הײַנטיקן, עסאַרצישן נוסח, וואָס מע רעכנט אַרײַן אַלע נישט־אַשכּנזים צווישן די ספֿרדים — בגדאַדים, בוכאַרים, תּימנים אא״וו — און ווען עס איז דערגאַנגין אַזוי ווײַט, אַז אַפֿילו יידן, וואָס זייערע אָבֿות אַבֿותיהם זענין קיין מאָל נישט אַרויס פֿון אַזיע, מיינין אויך, אַז זיי זענין ספֿרדים. גיוויסע מינים כּתבֿ זענין אַזוי ווײַט פֿון אונדזער טיפּ, אַז לכאורה וואָלט מען גימיינט, אַז ס׳איז עפּים גאָר אַן אַנדערער אַלף־בית. בײַ אַלט־יידיש, פֿאַרשטייט זיך, איז דאָס פֿאַרשידנקייט נישט גרויס.

אינים עניין דאַטירן האָט יידיש אַ מעלה אַנטקעגן לשון־קודש: לשון־קודשע כּתבֿ־ידן זענין גישריבן אָדער מיטן כּתבֿ מרובע אָדער מיט משייט. כּתבֿ מרובע בײַט זיך זייער פּאַמעלעך און דעריבער איז שווער צו דערנעענטערן זיך צו אַ מער וויניקער פּינקטלעכער דאַטע. מיט משייט איז גרינגער, אבער נישט גינוג. (דים נאָמען משייט האָב איך באַנײַט פֿון עלטערע צײַטן נאָר גיביטן די טײַטש: אַמאָל האָט עס באַטײַט קורסיוו און משייט. [זע מײַן *The Hebrew Scripts, Part 1*, cols. 189, 311] מובֿן מאַליו, אַז קורסיוו בײַט זיך לפֿי־ערך גאַנץ גיך און אַזוי אַרום איז גרינגער צו צו קומען נעענטער צו דער אמתער צײַט.

דאָ קען איך ברענגען אַ מעשה שהיה. מיט אַ פֿערציק יאָר צוריק האָב איך מיר גילאָזט שיקן פֿאָטאָסטאַטן פֿון די פֿיר זײַטלעך אינים פּאַריזער כּ״י נו׳ 589, וואו עס איז פֿאַרשריבן די פּאָעמע „עקידת יצחק״, כּדי אַרויס צו געבן אַ טייל דערפֿון (דאָס לעצטע מאָל גידרוקט אין *Yiddish – A Survey and a Grammar*, ז׳ 157/8). דער קאַטאַלאָג ווײַזט נישט אָן קיין דאַטע און ברענגט בלויז אַן אָפּ־שאַץ: דער זעכציטער הונדערטער יאָרן. טאָר מען נישט פֿאַרגעסן, אַז אַ מחבר פֿון אַ קאַטאַלאָג איז אַ מומחה אָפֿן תּוכן פֿון אַ כּ״י, נאָר קיין פּאַלעאָגראַף איז ער נישט. אויב ער האָט אַ סך צו טון מיט כּתבֿ־ידן, קען ער ווערן מער וויניקער גינײַט אינים עניין כּתבֿ, אבער סומך זײַן זיך אויף אים קען מען נישט. וואו זאָל ער נעמין צײַט אויף פּאַלעאָגראַפֿיע? ער האָט גינוג אַרבעט מיטן תּוכן.

האָב איך גידאַרפֿט דאַטירן דאָס כּתבֿ. דער נאַטירלעכער מעטאָד איז צו צו גלײַכן די פֿאָרמים פֿון איטלעכן אות מיט דער פֿאָרמים אין דאַטירטע כּתבֿ־ידן. כּדי צו זען, צו וועלכער צײַט אַ פֿאָרמים איז נאָענט. כ׳האָב דעמלט שוין גיהאַט אַ היפּשן דאַטירטן מאַטעריאַל פֿאָטאָסטאַטן און אַלף־ביתן, וואָס איך האָב אַליין גיצייכנט פֿון כּתבֿ־ידן גופֿא און פֿון פֿאָטאָסטאַטן. כ׳האָב מקצר גיוועזן און אויס גיפֿאָרשט בלויז עטלעכע כאַראַק־טעריסטישע אותיות (זע בילד 1, אַ זײַטל פֿונים כּ״י, און בילד 2, אַ סקיצע, וואָס איך האָב גיצייכנט פֿון די אותיות). בײַ איטלעכער פֿאָרמים האָב איך פֿאַרשריבן דאָס יאָר, ווען זי באַווײַזט זיך דאָס ערשטע מאָל, און דאָס יאָר, ווען זי זעט זיך דאָס לעצטע מאָל, וואָרן די אותיות בײַטן זיך נישט מיטן זעלבן גיכקייט, איטלעכס גייט מיט זײַן אייגינים גאַנג. דעריבער האָט איטלעכע פֿאָרמים איר באַזונדערע צײַט און די דאָזיקע תּקופֿות זענין גאַנץ פֿאַרשידן לויט זייער לענג. איז דער שׂכל מחייבֿ, אַז דאָס כּ״י איז גישריבן גיוואָרן אין דער צײַט צווישן דים שפּעטסטן יאָר ווען אַ פֿאָרמים איז „גיבוירן״ גיוואָרן, און צווישן דים פֿריאיקסטן יאָר ווען אַ פֿאָרמים איז „אָפּגישטאָרבן״, ווײַל דאָס איז די צײַט, וואָס די אַלע באַזונדערע תּקופֿות האָבן בשותּפֿות. אינים פּאַריזער זענין דאָס די יאָרן 1532 ביז 1596, בײַ די אותיות ף און ע. דאָס איז אַ צײַט פֿון 64 יאָר, דאָס הייסט אַן ערך פֿון צוויי דורות. ס׳ווילט זיך, די דאַטע זאָל זײַן אַ ביסל פּינקטלעכער, בלויז איין דור. מעגן מיר מאַכן אַ חשבון פֿון מעגלעכקייט און משער זײַן, אַז די צײַט וואָס מיר זוכן איז ערגיץ אין דער מיט צווישן יענע צוויי יאָרן, אינים דור 1548 ביז 1580. מעגן מיר זיך ריכטן, אַז אונדזער טעות וועט נישט זײַן צו גרויס. לויטן חשבון פֿון מעגלעכקייט וועלן מיר אַצינד רעכינין, אַז דאָס כּ״י איז גישריבן גיוואָרן אין דער מיט צווישן די דאָזיקע צוויי יאָרן, אין 1580. מיר קענין דאָס אָן רופֿן די פּאַלעאָגראַפֿישע דאַטע. מיט אַנדערע ווערטער: דער סופֿר האָט גישריבן דאָס פּאַריזער כּ״י נו׳ 589 אינים לעצטן פֿערטל פֿונים זעכציטן הונדערטער יאָרן אָדער גאַנץ נאָענט דערפֿון.

מיט אַ סך יאָרן שפּעטער בין איך גיוואָר גיוואָרן, אַז ס׳איז יאָ דאָ אַ דאַטע אינים כּ״י, און דאָס יאָר דאָרטן איז של״ט\1579. דער חילוק פֿון דער אמתער דאַטע ביז דער פּאַלעאָגראַפֿישער איז אַזש איין יאָר.

אַז מיר זענען דערגאַנגען כמעט צום אֶמתן יאָר מַמש, איז על־פּי־מיקרה, נאָר אַז מיר האבן געפֿונען די צײַט פֿונעם דור, ווען דאָס כ״י איז געשריבן געוואָרן, דאָס איז שוין נישט על־פּי־מיקרה. אֶפֿשר וועט זײַן גוט, איך זאָל דאָ ברענגען נאָך אַ פּאָר מעשׂיות שֶהָי׳.

נאָך מיט אַ היפּשער צײַט פֿריִער, אין יאָר 1934, האָב איך געמאַכט אַן עקספּערימענט מיט דאַטירן. זיצנדיק אין בריטישן מוזעי, מיט אַן אַלט אַשכּנַזיש כ״י (נו׳ 19972), געשריבן מיט מְשייט־אותיות, האָב איך נישט געוואוסט זײַן דאַטע, אָבער געוואוסט, אַז ס׳איז פֿאַראַן אַ דאַטע. וועל איך קענען אויס פּרוּוון דעם פּאַלעאָגראַפֿישן מעטאָד. כ׳האָב אויס געאַרבעט, אַז דאָס כ״י איז געשריבן געוואָרן צווישן נאָענט פֿון סוף פֿון פֿערציקן הונדערטער יאָרן און דעם עֶרשטן פֿערטל פֿונעם זעכציקן, מיט דער פּאַלעאָגראַפֿישער דאַטע 1410. פֿאַרטיק מיטן אויס־פֿאָרשט, האָב איך נאָך געקוקט אין קאָלאָפֿאָן: דאָס יאָר איז 1393. טאַקע נאָענט פֿונעם סוף פֿונעם פֿערציקן הונדערטער יאָרן. דער חילוק פֿון די צוויי דאַטעס אין זיבעצן יאָר, אַ האַלב דור.

שפּעֶטער אין זעלבן יאָר האָב איך ווידער געמאַכט אַזאַ עקספּערימענט. דאָס כ״י (נו׳ 26919) איז געשריבן מיט קורסיוו אותיות. כ׳האָב געפֿונען די פּאַלעאָגראַפֿישע דאַטע 1553. די אֶמתע דאַטע איז 1549. (זע די פּרָטים וועֶגן די צוויי עקספּערימענטן אין מײַן באַנד 2, עמ׳ 343-346.)

דער פּאַלעאָגראַפֿישער מעטאָד איז אַ נאַטירלעכער. נאָר כּדי ער זאָל האָבן אַ פּעולה, דאַרף מען האָבן געניג מאַטעריאַל, מע דאַרף וויסן, ווי אַזוי דאָס צו ניצן, און די אויגן (אויב מעגלעך, אויך די האַנט) זאָל זײַן געוואוינט מיט „פּאַרים”. אַ גרויסער שאָד, אַז עס איז הײַנט נישטאָ קיינער, וואָס זאָל אַרבעטן אױף דער פּאַלעאָגראַפֿיע פֿון אונדזער אַלף־בית, אױף אַלע צווײַגן, אױף אַלע דרײַ טויזנט יאָר. מײַן אַרבעט איז דאָך נאָר געווען אַן אָנהייב.



1: א זײַטל פֿון פּאַריזער כ״י 589.



1608 — 1421

1750 — 1421

— 1499

1596 —1428

1674 — 1344

— 1515

1662 — 1532

1698 — 1551

1700 — 1421

2. אַ סקיצע פֿון די אותיות אויף צו דערגײן די דאַטע פֿונם כ״י.

# צװעלף בריװ פֿון שלמה בירנבוים

הערה: אָטאָ די צװעלף בריװ האָט שלמה בירנבוים ז״ל פֿון טאָראָנטאָ געשיקט הירשע־דוד קאַצן, פֿריער אין לאָנדאָן, דערנאָך אין אָקספֿאָרד, אין משך פֿון די יאָרן 1986-1979. די אָריגינאַלן געפֿינען זיך אינעם מעינקע קאַץ אַרכיװ אין אָקספֿאָרד.

די ערשטע דרײ בריװ זײַנען געשריבן מיט דער האַנט, די איבעריקע זײַנען אָפּגעקלאַפּט אויף אַ שרײַבמאַשינקע. מיר ברענגען די בריװ מיט דער אָרטאָגראַפֿיע מיט װעלכער זײ זײַנען געשריבן. להיפּוך צו זײַנע װיסנשאַפֿטלעכע אַרבעטן, װאָס ער האָט צוגעגרײט צום דרוק מיט אַ פֿולער סיסטעם נקודות, האָט ער די־אָ בריװ געשריבן כמעט אינגאַנצן אָ ן נקודות.

די הערות צו די בריװ האָט צוגעגעבן הירשע־דוד קאַץ.

— רעד.

**1**

כ״ו באלול תשל״ט

חשובער דוד קאַץ,

ש־כוח פאר אייער בריװ פון כ״א באב.

אינטעריסאנט טאקי, װאס איר האט געװאוינט אינים גרויסן לאנדאן פונקט לעבן אונדזער פֿריערדיק הויז[1].

ביי װעמין שרייבט איר אייער דיסערטאציע?

איר זענט מן־הסתם א גיבוירינער אמעריקאנער, איז פאר װאס זענט איר גיפארן קיין לאנדאן? איר װעט מן־הסתם נישט בלייבן אין ענגלאנד.

װי אזוי קומט איר צו יידיש? גיהערט אפשר קינדװייז אין דער היים? אייערע טאטע־מאמע זענין שוין אויך גיבוירינע אמעריקאנער?

ביי װעמין שרייבט איר אייער דיסערטאציע?

װעגן מיין בוך[2]: ס־איז ערשט פארטיק גיװארן מיט דריי טעג צוריק. דער דרוקער האט קודם גיזאגט: איין יאר, און צום סוף איז גיװארן צװיי (זעצן). דערנאך דרוקן און איינבינדן, איז גיװארן צװיי־און־א־האלב. דער מענטש פון דער MUP װייסט נישט, װאס ביי זיי טוט זיך, זיי האבן שוין לאנג איבער גינומין די רעפרעזענטאציע פון מיין בוך פאר דער UTP (פאר ענגלאנד)[3]. מיין בוך װעט זיך מן־הסתם באלד װייזן אין די ביכער־גיװעלבער, און דערװייל קען מין עס אוים שרייבן. איך קען עס נישט פארקויפן.

א שיינים דאנק אייך פאר אייער ארביט[4]. מאלט אייך, די טעמע איז גאר אינטעריסאנט פאר מיר. דאס האט דאך א

1. צװישן 1975 און 1977 האָב איך אין פֿאַרשידענע פֿעריאָדן געװאוינט אויפֿן בוידעמשטיבל בײַם לאָנדאָנער ייִדישן שרײַבער י. א. ליסקי (זע אָקספֿאָרדער ייִדיש 2, זז. 282-277), װעלכער האָט געװאוינט אין 13 Carysfort Road, London N16. שלמה בירנבוימס לאַנגיאָריקער באַקאַנטער לאָנדאָנער אַדרעס איז געװען 9 Carysfort Road.

2. עם רעדט זיך װעגן Solomon A. Birnbaum, *Yiddish: A Survey and a Grammar*, װאָס איז אַרױס אין 1979 (Manchester University Press און University of Toronto Press).

3. אויף מײַנע אָנפֿרעגן װעגן דעם בוך בײַם Manchester University Press, האָט מען דעמאָלט געענטפֿערט אַז מ׳װײס ניט דערװעגן; אַ קאָפּיע פֿון אַ בריװ פֿון 4טן אַפּריל 1979, װאו מ׳האָט געזאָגט אַז מ׳װײס ניט פֿון דער עקזיסטענץ פֿון אַזאַ בוך, האָב איך געהאַט געשיקט בירנבוימען. די זאַך איז באַלד נאָכדעם אויפֿגעקלערט געװאָרן און דאָס בוך איז געװען צום קויפֿן אויך אין ענגלאַנד. UTP הייסט University of Toronto Press, דער קאַנאַדער אַרויסגעבער פֿון באַנד.

4. איך האָב בירנבוימען צוגעשיקט דעם מימעאָגראַפֿירטן טעקסט פֿון מײַן רעפֿעראַט, „דער סעמיטישער חלק אין ייִדיש: אַ ירושה פֿון קדמונים" װאָס איך האָב צוגעגרייט צו דער „ערשטער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפֿערענץ פֿאַר דער פֿאָרשונג פֿון דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור אין אָקספֿאָרד", אויגוסט 1979, װאָס איז (אין ייִדישן אָריגינאַל) פֿאַרעפֿנטלעכט געװאָרן ערשט אין 1991 (אָקספֿאָרדער ייִדיש 2, זז. 95-17).

שייכות צו מיין אייגינער דיסערטאציע[5]. ווי באלד איך וועל נאר קענין, וועל איך לייענען אייער רעפֿעראט און אייך שרייבן.

מיט די בעסטע גרוסן
אייער
שלמה בירנבוים

## 2

ט״ו חשוון תש״מ

ליבער דוד כ״ץ

א דאנק פאר אייער בריוו פון כ״ד תישרי. אייערע ידיעות זענין מיר גיוועזן אינטעריסאנט. די נעמין פון אייערע בעלי־יועצים קען איך נישט[6]. איך בין דאך שוין א היפשע צייט נישט אין לאנדאן. איך פלעג אפי׳ זיין אין U.C.[7], אבער נאר אף לעקציעס. מיין ווייב איז מיידלווייז דארטן גיוועזן א שטודענטקע. — אז עס גיפעלט אייך בעסער צו וואוינין אין לאנדאן ווי אין ניו־יארק, פארשטיי איך זייער גוט.

כ־האב שוין גיוואוסט וועגן אייך נאך פאר אייער ערשטן בריוו. מיינס אן אייניקל אין לאנדאן האט מיר גישריבן, אז זי איז גיוועזן ביי א לעקציע וועגן יידיש און האט מיר גישיקט א יאפאנישע קסעראקאפיע, וואס איר האט צוטיילט[8].

---

5. עס רעדט זיך וועגן: Salomo Birnbaum aus Wien, *Das hebräische und aramäische Element in der jiddischen Sprache. Inauguraldissertation verfaßt und der philosophischen Fakultät der bayer. Julius-Maximilians-Universität Würzburg zur Erlangung der philosoph. Doktorwürde vorgelegt am 10. Juni 1921*, Zahn & Baendel: Kirchhain N.-L. 1922. אין זעלבן יאָר איז עס דערשינען בלויז מיטן הויפּט טיטל: *Das hebräische und aramäische Element in der Jiddischen Sprache* ביים Verlag von Gustav Engel אין לייפּציג.

6. די בעלי־יועצים פון מיין דאָקטאָר דיסערטאַציע אין University College London ביים לאָנדאָנער אוניווערסיטעט, זיינען געווען — זיי צו לאַנגע יאָר — רפאל הלוי (Raphael Loewe), שמעון אַבראַמסקי (Chimen Abramsky) און ריטשאַרד האָדסאָן (Richard A. Hudson).

7. University College, דאָס זעלבע וואָס UCL = University College London.

8. אויף מיינע לעקציעס וועגן דער יידישער שפּראַך, פלעג איך אויסטיילן זאַמלונגען פון פאָטאָקאָפּיעס, און צווישן זיי האָט זיך תמיד געפונען אַן אויסצוג פון קאַזוּאָ אועדאַ׳ס יאַפּאַנעזישער גראַמאַטיק פון יידיש.

איר ווילט, איך זאל אייך עפּיס זאגן וועגן אייער קעימברידזשער רעפֿעראט[9]. בין איך אבער זייער טרוד און קען נישט ארום רעדן אלע עינינים און פרטים, וואס איך וואלט גיוואלט. פון דעסט וועגן וויל איך אייך דא שיקן א פאר נאטיצן.

ז׳ 10: „די טעקסטן־טעאָריע״ „איז אנגענומען ביי אונדזערע בעסטע פילאלאגן״[10]. אזוי ווי איך בין א פילאלאג פון יידיש — צי א גוטער צי נישט — קען איך אייך זאגן, אז ביי מיר איז זי נישט אָן גינומין.

איך ווייס נישט, ווען און וואו איך האב דאס ערשטע מאל גידרוקט, אז דער סעמיטישער עלימענט איז גיוועזן אין יידיש פון סאמע אן־הייב אן. אין 1934 האב איך עס גיזאגט אין א לעקציע אין לאנדאנער אוניווערסיטעט. איר קענט דאס היינט גיפֿינין אף ז׳ 58 פון מיין בוך; זעט אויך ז׳ 107, הערה 6 און זייט 112 א״וו: Appendix 2. אין תוך אריין איז עס שוין גידרונגין פון מיין Übersicht, ווייל דארטן זעט זיך דאך קלאר דער פאראלעליזם מיט די נישט־סעמיטישע עלימענטן, און דאס הייסט, אז זיי וואקסן אלע דריי פון דער זעלבער צייט. כ־האב אלע מאל אן גיוויזן אף אט דעם פאראלעליזם.

יא, יידיש איז גיבוירן גיווארן מיטן פארטיקן סעמיטישן עלימענט. אבער דאס הייסט דאך נישט, אז קיין נייע ווערטער האבן נישט גיקענט צו קומין שפעטער. דאס ליגט זיך נישט אפן שׂכל. לשון שטייט קיין מאל נישט אף אן ארט. און אחוץ לאגיק האבן מיר אויך פאקטן: פאראן ווערטער, וואס זענין אין יידיש אויס גיוואקסן לאנג נאך דער גמרא.

ז׳ 25 א״וו: נישטא פאר וואס מע דארף זאגן, לויט דער „ירושה־טעאריע״, אז דער סעמיטישער עלימענט האט זיך גימוזט פארקלענערן[11]. די ווערטער, וואס מע גיפינט ביי קריסטלעכע גילערנטע פון 18טן הונדערט יארן, זענין בשום אופן נישט קיין ראי׳. א „ספינהר, פתח, פתחנער, גדול נחשב (!), גדולער״ אא״וו זענין מער ווי חשוד. ביי מיר איז נישטא קיין שום ספק, אז דאס זענין קיין מאל נישט גיוועזן קיין ווערטער אין מערב־יידיש, און ווער שמועסט מיזרח־יידיש, אפילו אינים פארשטעלטן און אינים גנבים־לשון. כ־האב דאך נאך גיהערט רעשטלעך פון מערב־יידיש, אבער אזוינס האב איך קיין מאל נישט גיהערט. „אַכלין, שתקינין״ וכו׳ — דאס יא, אבער מיטן זעלבן טעם — אייער „מארגינאלן מעמד״ — פונקט ווי

---

9. געמיינט: אָקספאָרדער רעפעראַט.

10. זע איצט אין אָקספאָרדער יידיש 2, זז. 19–22.

11. זע איצט אין אָקספאָרדער יידיש 2, זז. 30–33.

היינט בײַ אונדז. מע דארף דרינגין פארקערט: אז מיר האבן נישט קיין „ספינהר" אא"וו, הייסט עס, אז זיי זענין אויך נישט גיווען אין מערב-יידיש.

קריסטלעכע גילערנטע האבן אפנים אוים גיפרעגט זייערע יידישע אינפארמאנטן — פשוטע מענטשן און מן-הסתם עם-הארצים נאך דערצו (צו רבנים זענין זיי דאך נישט גיגאנגין): ווי הייסט Schiffer ? האט דער ייד גימיינט, דער אדון וויל הערן עפים לשון-קודש, האט ער גיקלערט „שיפּער" איז „שיף+ער" און גימאכט „ספינה+ער"; אא"וו[12].

ז' 61: אגב אורחא: „דרום-מזרח יידיש און צפון-מזרח יידיש ej": ניין, אין דרום איז [ɛj] אין צפון איז [ej]. א שלעכטע פאנעטיק האט גורם גיווען א שלעכטע טראנסקריפציע — איז גיווארן א מיזרחדיקע העלפט פון מיזרח-יידיש, כאטש אלע אנדערע סימנים האט דער דרום דאך בשותפות מיטן „פוילישן" דיאלעקט. אז דער דרום-מזרח האט בלויז קורצע וואקאלן איז ביי מיר א ספק. אוריאל וויינרייכס אן ארטיקל און דער סאוויעטישער „שפראך-אטלאס" מיט א טעותדיקן מיטאד און אן אומפינקטלעכער נאטאציע, איז נישט גינוג, אף צו פסקינין[13].

ז' 62: „קיין איינעם איז אבער נישט געראטן אויפצואווייזן אז אין דער עלטסטער תקופה פון יידיש איז דער קמץ געווען א געקיילעכטער": אויב די תקופה פון פאר 1266 (דאס עלטסטע יאר, וואס איך האב גיברענגט) איז די תקופה, וואס איר מיינט, איז טאקי נישטא קיין מאטריאל.

ס-איז מיר „נישט גיראטן" — אבער כ-האב דאך גאר נישט גירעט וועגן דעם, אין מיין נאטיץ. אבער פון 1266 און ווייטער איז קמץ בלי ספק גיקיילעכט. מיין האב איך נישט גיוואלט ווייזן[14].

ז' 63: ווייטער צו ז' 61: מיין יידיש וואקסט פון

---

12. זע אין אָקספאָרדער ייִדיש 2, ז. 33, און אין דעם נאָכוואָרט פון 1991, ז. 81, און דער עיקר, די תיקונים צו §V אויף זז. 84-85. בירנבוים האָט מיר דער ערשטער אויפגעוויזן אויף מײַן פעלער. קלאָר אַז דאָס זײַנען נ י ט געווען קיין טאָגטעגלעכע ווערטער. איך האַלט זיך אָבער יאָ בײַם תיקון=טעות (דאָרטן, ז. 85), אַז דאָס זײַנען עלעמענטן פֿונעם געהיים=לשון, פֿונעם „דברענען דער ערל זאָל ניט מבין בלשון זײַן", און נ י ט קיין האַנט=געמאַכטע צוקלערעכצער אויף צופֿרידנצושטעלן אַ קריסטלעכן אויספֿרעגער. די גרויסע מערהייט פֿון די קאָמפּילאַטאָרן האָבן אויסגעצייכנט געקענט דאָס לשון פֿון די נידעריקסטע שיכטן פֿון מערב ייִדיש ריידנדיקן ייִדנטום, ווי עס האָט ריכטיק אָנגעוויזן באָראָכאָוו (זע זײַנע באַמערקונגען בײַ באָראָכאָוו 55, זז. 11-12 אין ניגערס פּנקס, ז. 86 אין מײַזילס אויסגאַבע). וואָס דאַרף מען נאָך, אַז די קאָמפּילאַטאָרן וועגן וועמען עס גייט די רייד זײַנען געווען מערסטנטייל משומדים וואָס האָבן דאָס לשון גוט געקענט פֿון דער היים. אַוועַ=לאַלעמאַן האָט זיי באַצייכנט מיטן נאָמען: Meschummodim (III, ז. 230) נאָך אין 1862. צו דער מעטאָדאָלאָגיע: בײַם אָפּשאַצן אַוועלכן ניט איז וואָרט, דאַרף מען נאָכקאָנטראָלירן צי טרעפֿט מען עס ניט אין פֿ אַ ר ש י ד ע נ ע ווערטערביכער, וואָס שטאַמען פֿון פֿאַרשידענע ערטער און צײַטן. וואָס מער אויפֿוויזן, אַלץ קלענער די סכנה פֿון אָננעמען צוקלערעכצער פֿאַר גוטע מטבעות. אונדזער מערבדיקע לעקסיקאָלאָגיע וואַרט נאָך אויף איר גואל.

13. וועגן דער וואָקאַלישער איכות פֿון דרום=מזרחדיקן וואָקאַל אין גייַן, שטייַן, פּסח וכו' (די דיאַפֿאָנעם 22 \ 24), זע בײַ מ. ווײַנרײַך אין יאָפֿע בוך (1958, ז. 164, הערה 11). ווײַנרײַך נעמט אָן בירנבוימס דיפֿערענצירונג צווישן צפֿון=מזרח און דרום=מזרח בײַ אָט דעם פּרט. צום באַדויערן מאַכט דער שפּראַך און קולטור אַטלאַס (1992, מאַפּעם 23-24) פּתח=שין=שאַ דערוועגן, נאָר האָפֿנטלעך וועט מען קענען פֿון די טאַשמעס גופֿא די זאַך דערגיין. וועגן לענג פֿון די וואָקאַלן אין דרום=מזרח ייִדיש, איז בירנבוים ווייטער גערעכט. מ'האָט צופֿיל אָנגעווענדט „סטרוקטוראַליסטישע קונצן" דעם קאָנטראַסט צווישן זון 'שמש' און זון 'בן' צו באַשרײַבן דורך „כמות" אין גאַנץ צענטראַל=מזרח ייִדיש (zīn – zin), ד.ה. בײַם שילדערן אַ „דיאַלעקט וואָס היט אויף וואָקאַלישע לענג"; — און דורך „איכות" אין דרום=מזרח ייִדיש (zin – zɪn), וואו מ'האָט געוואָלט אַ „סטרוקטוראַליסטיש קאָנסעקווענט בילד" פֿון אַ דיאַלעקט וואָס האָט אָנגעוואָרן וואָקאַלישע לענג ווי אַ מבחינדיקן שטריך.

און בכלל גענומען, איז בירנבוימס צפֿונדיק — דרומדיק אײַנטיילונג (לויט „בירנבוימס סימן": דער וואָקאַל אין בלאָזן, זאָגן, נשמה) אָן אַ שיעור מער אָנגעמאָסטן אויף מזרח ייִדיש איידער פּרילוצקיס סימן (פֿלייש, קלייך) וואָס „פּאַקט" גאָר אַרײַן דרום=מזרח מיט צפֿון=מזרח אויפֿן סמך פֿון איין איסאָגלאָס, איגנאָרירנדיק אַז די צוויי דרומדיקע דיאַלעקטן גייען צוזאַמען בײַ אַזויפֿל פּונקטן.

בירנבוים האָט אָבער אויך, דאַכט זיך, מגזם געווען, ווען ער האָט געהאַלטן אַז „אַלע אַנדערע סימנים האָט דער דרום דאָך בשותפֿות מיטן 'פּוילישן' דיאַלעקט". אַז מ'זאָל אויסן לאָזן אינדזעלעך מיט פֿאַרוואָרפֿענע יוצא=דופֿנדיקע רעשטלעך, בלײַבט אַז אַ גאַנצע ריי שטריכן געהערן טאַקע דרום=מזרח ייִדיש: דער איבערגאַנג a > ɔ („טאָטע=מאָמע לשון"), דער איבערגאַנג ē \ ej < i (די ייִדן וואָס „ריידן אויפֿן חיריק"), די ספּעציפֿישע השפּעה פֿון /r/ אויפֿן פֿריערדיקן וואָקאַל (זע מ. ווײַנרײַך, געשיכטע, II, ז. 367).

14. זע איצט אין אָקספאָרדער ייִדיש 2, זז. 55-56; פֿגל. בירנבוימס אַרבעט אין ייִוואָ בלעטער 1 (1931), זז. 147-149. זײַנע דוגמאות פֿון פּ אַ ר ן זעכצנטן יאָרהונדערט זײַנען לויט מײַן אײַנזען פּראָבלעמאַטישע, ווײַל דאָס זײַנען פֿאַלן וואָס לאָזן זיך אויסטײַטשן ווי קמץ קטן וואו דער פֿאַרבײַט פֿון קמץ דורך חולם איז אַ גראַפֿישער, ניט קיין פֿאָנעטישער (דער טיפּ וכותבינו, וזכרינו, וחותמינו).

טשערנאָוויץ, וואָס איז אין דער דרום־מיזרחדיקער טעריטאָריע, אַזוי ווי אין שכינותדיקן טייל פון גאַליציע, און דאָרטן האָבן מיר בפירוש גיהאַט לאַנגע וואָקאַלן, אַזוי ווי אין צענטראַל־יידיש[15].

האָט איר גיפועלט אין פלעטבוש, האָט מען אַריין גינומען יידיש צווישן די לימודים?[16]

איז דאָס אַ ישיבה אויף אַ האַלבן טאָג? און אייער לעקציע איז גיווען, אויף וויפל איך גידענק, אין לאָנדאָנער „עזרא״ — הייסן די צוויי זאַכן, אַז איר זענט אַ שומר מיצוות?

מיט די בעסטע גרוסן

אייער

שלמה בירנבוים

3

י״ג בשבט תש״ם

ליבער דוד קאַץ,

איך דאַנק אייך פאַר די צוויי בריוו, פון כ״א כיסליוו און ח׳ טיבת. כ׳האָב מיך זייער גיפרייט מיט אייערע שיינע ווערטער וועגן מיין בוך, נישט גלאַט, ווייל דאָס זענען שבחים, נאָר ווייל זיי קומען פון עמיצן, וואָס פאַרשטייט, וואָס דאָ טוט זיך.

אצינד וועגן אייער ערשטן בריוו.

טעקסטן־טעאָריע: פון מיינע ווערטער אין GRM זעט זיך באַשיימפּערלעך, אַז סעמיטיש איז פון אָנ־הייב אָן גיווען אַן עלימענט פון יידיש, מער נישט, ער איז נישט תומ״י גיווען in vollem Umfang, נאָר ער האָט זיך פאַר־שטאַרקט אינים משך פון הונדערטער יאָרן[17]. אַזוי טראָגט

15. וועגן טשערנאָוויץ איז בירנבוים פאַרשטייט זיך גערעכט, נאָר פונקט צו מזרח צו הייבט זיך אָן די טעריטאָריע וואו וואָקאַל 34 (וויַנ, וויַס וכו׳) יאַווועט זיך טאַקע ווי a (ניט ā); זע איצט דעם יידישן שפּראַך און קולטור אַטלאַס, מאַפּע 28.

16. דאָ רעדט זיך וועגן דעם קאַמף פאַרן אַריינפירן דעם לימוד פון יידיש, מיט וועלכן איך האָב אָנגעפירט אין דער פלעטבושער ישיבה אין ברוקלין אין די יאָרן 1972-1974. איך האָב דעמאָלט אַרויסגעגעבן פינף נומערן פון סטודענטישן זשורנאַל עליכם שלום. דאַכט זיך אַז איך האָב געהאַט געשיקט בירנבוימען אַן עקזעמפּלאַר.

17. איך האָב בירנבוימען געהאַט צוגעשיקט די מראה־מקומות, צוליב וועלכע איך האָב אים אין אָקספאָרדער רעפעראַט געהאַלטן פאַר אַן אָנהענגער פון דער טעקסטן־טעאָריע, דהיינו: זיין אַרטיקל “Die jiddische Sprache” אין *Germanisch-Romanische Monatsschrift*,

אויך אויס דער שׂיכל, לינגוויסטישע שינויים איז דאָך אַ מעשה בכל יום. מע דאַרף באַקלערן, ווי טיף און טאַקי ווי ברייט דאָס לערנין איז גיווען אַ טייל פון אשכנזישן לעבן. ס׳איז דאָך נישט מעגלעך, צו זאָגן, אַז דער היינטיקער סעמיטישער [עלימענט] איז דער זעלבער, הונדערט פּראָצענט דער זעלבער, ווי אין עלטסטן יידיש.

ס׳איז מיר נישט קלאָר, צי איר האַלט טאַקי, אַז די לאַנגע וואָקאַלן אין סעמיטישן עלימענט זענין אַ סעמיטישע ירושה כמעט דריט־האַלב טויזנט נאָכן טויט פון העברעאיש און אַנדערט־האַלב טויזנט נאָכן טויט פון אַראַמיש?! דאָס איינציקע אַרט, וואו מיר קענין זוכן, איז ביי די אבות פון די אשכנזים, די צרפתים, הייסט עס[18]. אויף וויפל איך ווייס, זענין לאַנגע וואָקאַלן גיווען אַ זעלטינע זאַך אין אַלט־פראַנצייזיש (אַזוי ווי אין היינטיקן פראַנצייזיש).

„שד, פּרט, כוס״ האָבן אַזוי אַרום גיהאַט אַ קורצן וואָקאַל אין צרפתיש, און ווייל דער טראָף איז גיווען אַ פּאַראַקסיטאָנער, איז דער וואָקאַל גיבליבן קורץ אין יידיש, בשעת דער אַפּינער טראָף פון „שדים, פּרטים, אותיות״ האָט גורם גיווען לענג און דערנאָך דיפטאָנגיזאַציע (אין „שידים״ און „אותיות״). אגב אורחא, אַזאַ מין נישט־פּאַראַלעליזם האָט איר אַ מאָל אויך אין גערמאַנישן עלימענט: ער רעט — די רייד, גיוואָרן — אַן גיוואוירן, צפונדיק „גישוואָרן״ — דרומדיק „גישוואוירן״, ד״ה ריין פאָנעטיש, נישט אַנאַלאָגיש. ש׳כוח פאַר די מאַפּעס[19];

11 (1923), וואו ער האָט געשריבן, ז. 153: “Die Quellen für diesen Teil des Sprachguts sind die Sprache der Mischna und Gemara, mittelalterliches und neueres Hebräisch und kabbalistische Literatur”; זיין רעקאָנסטרוקציע פון די אַלטע u קלאַנגען אין יידיש (אין די ייוואָ בלעטער 4, זז. 25-60), וואָס האָט זיך פאַר מיר אַרויסגעוויזן פאַר אַן אַקסיאָם פון דער טעקסט־טעאָריע (פגל. אין אָקספאָרדער יידיש 2, זז. 51-53).

18. יאָ, איך האַלט אַז די לאַנגע וואָקאַלן זיינען געווען און געבליבן; זע אין אָקספאָרדער יידיש 2, זז. 54-66. אָט דער זאַץ בירנבוימס איז געווען איינער פון די שטויסן וואָס האָבן מיך געפירט צום אויספיר אַז יידיש וואַקסט בכלל ניט פון לותיר ביים ריין (ד.ה. פונעם שפּראַכיקן שטח וואָס איז בשכנות מיטן צרפתישן געביט), נאָר וואָדען פון מזרחדיקן דאָניי געביט; זע מיין “The Proto Dialectology of Ashkenaz” אין *Origins of the Yiddish Language*, 1987, זז. 47-60. דער הויפּט־שטויס איז געווען ראָבערט קינגס ראיות, אַז דער ג ע ר מ אַ נ י ש ע ר חלק פון יידיש שטאַמט אויך פון מזרחדיקן געביט פון אַלטן אַשכנז. זע וועגן דעם אין אָקספאָרדער יידיש 2, ז. 82.

19. דאָס זיינען געווען די מאַפּעס וואָס איך האָב אויסגעטיילט ביי מיין רעפעראַט א. ט. „די אינעווייניקסטע קלאַסיפיקאַציע פון די מערב־יידישע דיאַלעקטן״, וואָס איך האָב

זעניך זיי פונים שפראך־אטלאס אין ייווא? איך פארשטיי נישט, ווי אזוי קומט קראקע (און א היפש שטיק אף מיזרח) אין דער מערב־יידישער טעריטאריע. איך בין צוויי מאל גיוועזן דארטן, גיהאט אפט צו טון מיט קראקיווער, גיהאט קרובים דארטן מצד נוקבתא — און כ־האב קיין מאל נישט גיהערט עפּים אנדערש ווי מיזרח־יידיש[20].

אמת, אין סאמע מערבדיקסטן פאס פון מיזרח־יידיש איז גיוועזן א טראפן מערב־יידיש (וואס — גידענק איך שוין נישט), אבער מערב־יידיש איז עס נישט גיוועזן. איך קען יידן פון יענע קאנטן הי אין טאראנטע, און אין זייער לשון איז נישטא קיין טראפן מערבדיקייט.

אף דער מאפּע איז דא דער נאמין „ווענעציע”. ביי יידן האט די שטאט גיהייסן ווענעדיג, ווי מע קען זען פון סוף פון „עקידת יצחק” (זע ז׳ 158 פון מיין בוך). „ווענעציע” איז מן־הסתם גינומין פון רוסיש, נישט פון איטאליעניש. איך זע נישט פאר וואס מיר זאלן נישט ניצן דים אמאליקן יידישן נאמין.

„זוכ־”, „חות־” (פון „זוכרינו, חותמינו”) האבן א שטארקן צווייטן אקצענט. אז מע וועט דורך ארביטן לשון־קודשע כתב־ידן, וועט מין גיפינין א רייכן מאטריאל. אין מיין נאטיץ פון 1931 האב איך בלויז גיברענגט, וואס איך האב פונקט גיהאט ביי דער האנט, ד״ה וואס איך האב פונקט דעמאלט פארשריבן ביי מיין פאלעאגראפישער ארביט. (אגב אורחא, מע וואלט אפשר גיקענט זאגן, אז מיין פאלעאגראפישע ארביט איז חשובער פון מיין יידישער. אבער ס־איז נישטא — אדער נאך נישטא — קיין עולם פאר איר.)

---

געלייענט אויף דער 53טער ייוואָ קאָנפערענץ אין ניו־יאָרק, 10-13 נאָוועמבער 1979. דער תמצית דערפון איז אַריין אין מיין *Dialektologie.* אין “Zur Dialektologie des Jiddischen” *Ein Handbuch zur deutschen und allgemeinen Dialektforschung*, 2 (1983), זז. 1018-1041.

20. איך האָב זיך פאַרלאָזט אויף מאַקס ווײַנרייכס געוואַגטער מסקנא וועגן קראָקעווער געגנט: „אַ מערבדיק־יידישער דיאַלעקט איז פאַרפלייצט געוואָרן פון אַ מיטל־יידישן” (אין זיינע „ראשי פרקים וועגן מערבדיקן יידיש” אין יאָפע בוך, 1958, זז. 158-194, דאָרטן ז. 171). דעם פאַרדינטן פסק פאַרן אומקריטיש אָננעמען ווײַנרייכס השערה האָב איך געכאַפּט בעת די פראַגעס נאָכן רעפעראַט, און איך וויל דאָ באַדאַנקען גרשון יאָכנאָוויץ פאַר זיין פריינטלעכער און ריכטיקער קריטיק בײַ דעם פונקט. די גרענעצן פון „פרילוצקים מערב־יידישן ווינקל” אין קאָנגרעס פוילן האָט פרילוצקי אַליין באַשריבן, לויט דער פאַראַנענער עווידענץ (זע זיין צום יידישן וואָקאַליזם (1920), זז. 72-73, און זיינע דיאַלעקטאָלאָגישע פאַראַלעלן און באַמערקונ־גען (1921), ז. 368.

איר האט שוין איין מאל א גוטן זיכרון. נאך דריט־האלב גידענקט איר דים נאמין פון מיין אייניקל אסתר, וואס איר האט זי גיזען בלויז א מינוט. היינט הייסט זי שוין אסתר שפּיצער.

וואס איר דערציילט וועגן אייער טיפ יידישקייט, איז מיר גיוועזן גאר אינטעריסאנט. אלדינגס כדת און כדין אחוץ שמירת שבת[21]. די טעאריע פון דעם מין יידישקייט האב איך גיקענט, אבער דאס איז דאס ערשטע מאל, וואס איך טרעף עס במעשה.

ס־קומט אייך א שבח פאר אייער אף־טו אין דער פלעטבושער ישיבה. אבער קיין יורשים האט איר אפנים נישט. און די איווריט־פראפאגאנדע, וואס פלייצט פון מדינת ישראל, וואקסט. אויב איר וועט מיר שיקן א רשימה פון מיינע זאכן, וואס איר האט, איז מעגלעך, אז איך וועל קענין אייך שיקן א קלייניקייט.

ס׳פארדריסט מיך שטארק, וואס איר האט גידארפט צאלן אזא סך פאר מיין בוך. איך פארשטיי נישט, וואס די MUP קלערט. ווער וועט צאלן זעקס[22] פונט פאר א בוך? אפילו $37.50, וואס TUP הייסט זיך צאלן, איז אויך צו טייער.

הארציקע גרוסן
אייער
שלמה בירנבוים

איר זענט א כהן?

(4)

י״ב מ״א תש״ם

ליבער דוד קאַץ,

ש־כוח פאר אייער בריוו פון ד׳ אייר און אייער קארטל פון בעלפאסט פון 24סטן אפריל. איך האב אייך נישט באלד גישריבן, ווייל איך האב אייך גיוואלט געבן א פרטימדיקן ענפער.

לאנגע וואקאלן אין נישט־אקצאנטירטע טראפן אין עלטסטן יידיש? אדער האט איר ראיות, אז אונדזער אקצענט איז שוין גיוועזן אין צרפתיש? שידים, כ֫וסות, פ֫רטים?[23].

---

21. בירנבוים האָט מיר געגעבן וויַט צופיל קרעדיט בנוגע די אַנדערע 612 מצוות...

22. דער פרייז פונעם בוך בײַ Manchester University Press איז געווען £30.

23. זע מיין „צום אורשפרונג פונעם מלעיל” אין איצטיקן באַנד.



ג׳

"געשמאַרן" – דערמאָנט "געשמירט", די ריין פֿאָנעטיש, ניט עטימאָלאָגיש.
ש-כּוח פֿאַר די מאַפּעס; בײַ מיר די פּױלישע שפּראַך-אַטלאַס אין "וואַ..."
איך פֿאַרשטײ ניט, ווי אַזוי קומט "קראַנק" (און אַרבעט גלײַך
אויף מזרח) אין דער מערב-ייִדישער טעריטאָריע. איך בין
צוויי מאָל געווען דאָרטן, געהאַט אָפֿט צו טאָן מיט בראַנזשע,
ווּהאַט פּרובּירט דאָרטן מער ווײַניקער – און בראַקען מאָל
ניט געהערט
עפּעס אַנדערש ווי מזרח-ייִדיש.

געווען
אמת, אין סאַמע מערב-... פֿון מזרח-ייִדיש איז ~~[illegible]~~
אַ טראַפֿן מערב-ייִדיש (וואָס – געדענק איך שוין ניט),
געווען
אָבער מערב-ייִדיש איז עס ניט. איך קען ייִדן פֿון יענע געגנטן
הײַנט אין טאָראָנטאָ, און אין זייער לשון איז ניטאָ קיין צייכן
מערב-ייִדיש.

אויף דער מאַפּע איז פֿאַר דעם נאָמען "וואָלינער". בײַ ייִדן האָט
די שטאָט געהייסן וואָלינדיע, ווי איר קענט זען פֿון סוף פֿון
"ייִדישע ... " (זײַט 158 פֿון מײַן בוך). "וואָלינער" איז
אַן-ספֿק געווען פֿון רוסיש, ניט פֿון איטאַליעניש. אין
ניט ... פֿאַר וואָס איר זאָלט ניט ... ~~[illegible]~~ דעם אמאָליקן "ייִדישן
ייִדישן נאָמען".

"..." , ... (פֿון "...", "...") האָבן אַ שטאַרקן צווייטן
... . ... ... ... אַרבעטן לשון-... ... , ...
אין ... אַ רײַכן מאַטעריאַל. אין מײַן נאָטיץ פֿון 1931

פֿאַקסימיליע פֿון אַ זײַטל פֿון בריוו נ. 3

„ראשי⸗פרקים וועגן מערבדיקן יידיש״: מכוח קראקע — מ״וו[24] זאגט: „איך בין נוטה צו מיינען, אז מיטן קראקעווער ראיאן איז געשען, אין א ביסל א פריערדיקער צייט, דאס אייגענע וואס מיט בענדינער״ או״וו. ער דערציילט אונדז אבער נישט. פאר וואס ער איז נוטה. אָן א ראי׳ און אפילו אָן אן אסמכתא טויג דער איין⸗פאל גאר נישט און מע טאר קראקע נישט ארויף שטעלן אף א היסטארישער מאפע און אוודאי און אוודאי נישט אף א ניי⸗יידישער.

(ד)[*24] איך שיק אייך באזונדער צען סעפעראטלעך און פיר ביכלעך. און עטלעכע קסעראקאפיעס. אין דער ביבליאגראפיע אין YSG[25] קענט איר גיפינין אלדינגס, וואס איך האב גידרוקט וועגן יידיש. וועגן אנדערע עינינים איז נישטא קיין עיצה. ארוים שרייבן א ביבליאגראפיע איז מיר בשום אופן נישט מעגלעך.

די צוויי בענדער פון מיין פאלעאגראפישן חיבור זענין פאראן אין דער בריטישער ביבליאטעק. מע קען דאס אויך קויפן, ס׳איז אבער זייער טייער. מיינע פאלעאגראפישע ארטיקלין זענין ס׳רוב ארוים אין *Palestine Exploration Quarterly* אין די פופציקער און זעכציקער יארן.

איר דערמאנט צוויי „אומדאטירטע בלעטלעך קאפירטע פון בריטישן מוזיי״ (פון מיין דייטשער ארביט וועגן תהילים). הייסט דאס מן⸗הסתם, איר האט זיי קאפירט. קומט אוים, אז זיי האבן דאס גאנצע. איך קען מיר נישט מאלן, אז זיי האבן צוויי בלעטלעך.

איר זענט א „גרויסער עם⸗הארץ״ אין דער העברעאישער פאלעאגראפיע? איר דארפט נישט אראפ פאלן ביי אייך. איר זענט נישט דער איינציקער, אין דעם זענט איר גלייך מיט אלימין. קיין אמתדיקע, פרטימדיקע ארביט וועגן כתב עיברי און כתב אשורי, אף א סיסטעמאטישן אופן, איז קיין מאל נישט גיוועין, ביז אני הקטן האב כאטש אן גיהויבן (און נישט פארענדיקט, ווייל איין דור קלעקט נישט דעראף). און אף וויפל איך ווייס, איז היינט נישטא קיין איינער, וואס זאל ממשיך זיין מיין ארביט, נישט פון די עטלעכע תלמידים, וואס איך האב גיהאט אין School of Oriental and African Studies און נישט קיין אנדערע.

F.S. מאכט Sigmund Feist[26]

24. מאַקס ווײַנרײַך.

*24. די אותיות באַציען זיך צו די פונקטן אינעם בריוו אויף וועלכן בירנבוים ענטפערט.

25. ד.ה. *Yiddish: A Survey and a Grammar*.

26. איך האָב געפרעגט בײַ בירנבוימען, ווער איז דאָס דער

(ו׳) יא: כֶּלב און רֵיווח, אבער שֶׁקר (שעיקער)[27].

(ז) יחץ, לחש, נחת: קורץ. ירושלים: לאנג, ווי אלע מאל ביי י׳.[28]

איר האט מן⸗הסתם אליין פארשטאנין, אז דאס ארטיקל אין U.J.E. איז באארביט פון מיין ארטיקל אין Jüd. Lexikon (וואס איר קענט אויך זען אין דער בריטישער ביבליאטעק).[*28] איך בין גיוואר גיווארן עטלעכע יאר נאך דעם, ווען די ענציקלאפעדיע איז ארוים. (זע YSG, ז׳ 322 הערה.) אז אפן שער⸗בלאט פון צווייטן דרוק פון מיין גראמאטיק שטייט durchgesehen און פונים דריטן שטייט ergänzt, אין דעם בין איך נישט שולדיק, דאס האט גיטון דער ארוים⸗געבער, כאטש די שינויים זענין נישט מער ווי 0.0001 פראצענט. ביי מער שינויים וואלט אים דאך א סך מער גיקאסט, ניי צו זעצן.

איר האט דערמאנט אייער פאטערס נאמין. האב איך פלוצים גיקריגן דערפון אן ענפער אף א שאלה, וואס איך האב נישט גיהאט גיפרעגט: איך קען א נאמין „מענקעס״, אבער איך האב קיין מאל נישט גיקלערט וועגן דער עטימאלאגיע. אצינד זע איך, אז ער נעמט זיך פון „מענקע״ (איך רעכן, אז „מעינקע״ איז פון „מענקע״). האב איך שוין גיפרעגט: און וואס איז „מענקע״? איז מיר תומ״י קלאר גיווארן: מענ̆קע: ? = פישקע: פישל. איז דער פועל⸗יוצא — מענקע איז מענדל. ביי אייער פאטער פארשטייט זיך דאס אוודאי פון אליין. הייסט ער טאקי מנחם?[29]

מיט די בעסטע גרוסן
אייער
שלמה בירנבוים

S. F. וועלכער האָט רעצענזירט זײַן *Das hebräische und aramäische Element in der jiddischen Sprache* (זע הערה 5) אין *Zeitschrift für deutsche Mundarten*, 18 (נ. 3-4, 1923), זז. 142-141.

27. איך האָב בירנבוימען געפרעגט וועגן די ווערטער בעתן אַרבעטן איבער מײַן *“The Wavering Yiddish Segolate: A Problem of Sociolinguistic Reconstruction”* וואָס איז דערשינען אין שיקל פישמאַנס *International Journal of the Sociology of Language*, 24 (1980), זז. 27-5.

28. פגל. אין אָקספּאָרדער יידיש 2, זז. 65-64; אויך אין איצטיקן באַנד אין מײַן „צום אורשפּרונג פון מלעיל״.

*28. ס׳גייט די רייד וועגן בירנבוימס ענציקלאָפּעדיע אַרטיקלען וועגן יידיש אין: *Jüdisches Lexikon*, באַנד 2, זז. 278-269 (1929) און *Encyclopaedia Judaica* (בערלין) באַנד 9, זז. 127-112 (1932).

29. מײַן פאָטער, דער יידישער פּאָעט מעינקע קאַץ ז״ל איז געווען אַ נאָמען נאָך זײַן באָבע מאָינע (מוינע). מעינקע איז אין

(5)

12.7.81.

ליבער דוד קאַץ,

דאס איז א פארשפעטיקטער ענטפער אף אייער בריוו פון ערשטן יאנואר. איך בין קודם ל״ע נישט גיזונט, און דערנאך אזוי פארנומין מיט אן ארטיקל, (וואס איך וואלט גיווען גידארפט פארענדיקן דים 31טן דעצעמבער), אז איך האב נישט גיקענט שרייבן קיין שום בריוו.

אויך וועגן עינין מֶילך — בגד קען איך היינט נישט שרייבן.

שווער צו פארשטיין, אז דער עולם האט אזוי וויט פארגעסן דים שורש פונים נאמין מענקע (מיט דער פאלאטאליזירטער נון, מעינקע), אז ער האלט, דאס זענין צוויי באזונדערע נעמין.

דענמאן האט מיר גישיקט זיין רעפעראט. ס׳איז זייער גוט. איך האב אים גידאנקט, און דערמאנט א פאר זאכן, וואס מע דארף איבער אנדערשן. קיין ענטפער האב איך נישט גיהאט[30].

טאמער האט איר דים טעקסט פון „אייביקן אלף", וועל איך אייך זאגן א שיינים דאנק, אז איר וועט מיר שיקן א קסערא־קאפיע[31].

הארציקע גרוסן
אייער
שלמה בירנבוים

ווילנער גובערניע געווען אַמאָל אַ באַליבטער נאָמען. בירנבוימס פאָרגעלייגטע אַנאַלאָגיע קען פונדעסטוועגן זיין אַ ריכטיקע וואָס שייך דעם נאָמען בכלל. אויב דער לאָקאַלער אָפּרוף פון פישל איז פישקע, איז דער אָפּרוף פון מענדל ניט אַנדערש נאָר מענדקע > מענטקע (על־פּי דער רעגרעסיווער אַסימילאַציע פון שטימיקייט) > מענקע, וואָס מוז אַרויסגערעדט ווערן אידענטיש מיט מעינקע צוליב דער נייטראַליזירונג פון דער ε — ej אָפּאָזיציע פאַר נג און נק (פגל. בענק, שענק וכו׳). אין מעינקע קאָצעס ברענענדיק שטעטל (ניו־יאָרק 1938), פיגורירט דאָס ייִנגעלע מעינקע ווי: מענטקע. אינגאַנצן איבערגעציינגט אין דער עטימאָלאָגיע בין איך אָבער ניט. דעם נאָמען טרעפט מען אין עלטערן מערבדיקן יידיש. למשל, אין דער בערלינער אויסגאַבע פון אברהם בן דודס ספר בעל הנפש (אַרוים אין 1762), ווערט דערמאָנט אויפן שער־בלאַט דער האַלבערשטאַטער דיין ר׳ מנחם מענקה.

30. איך האָב געהאַט געהאָלפן ה. דענמאַנען ביים אָנשרייבן אַן אַרבעט וועגן בירנבוימען צו דער ייוואָ קאָנפערענץ אין 1980 (איך האָב אָרגאַניזירט די לינגוויסטישע סעסיע כאָטש אַליין האָב איך ניט געקענט פאָרן). אַ העברעאישע איבערזעצונג פונעם רעפעראַט איז דערשינען אינעם יידיש באַנד פון הספרות (35-36 \ 3-4), וואָס בנימין הרשב (הרושאָווסקי) האָט אַרויסגעגעבן אין 1986.

31. איך האָב בירנבוימען איבערגעגעבן אַז די סטודענטן

אפשר אדער מן־הסתם זענט איר אצינד נישט אין לאנדאן, נאר אין אמעריקע. כ׳האב אבער נישט קיין ברירה, ווייל איך האב בלויז אייער ענגלישן אדרעס.

(6)

ר״ח סיוון תשמ״ב

ליבער דוד קאץ

ס׳איז מיר ערשט אצינד מעגלעך, צו ענטפערן אף די בריוו און טעליגראמין, וואס זענין גיקומין צו מיינע ניינציק יאר.

דאס ווארימקייט און הארציקייט פון אייער טעליגראם און בריוו זענין גיווען ביי מיר א גרויסע זאך. איך דאנק אייך מעומקא דליבא[32].

די „יובל־שימחה" דא הי איז גיווען — אזוי האבן אלע גיזאגט — גאר א גיראטינע. גיקומין א שיינער עולם און א גרויסער. וואס די דרשנים האבן גיזאגט, האב איך נישט גיהערט, ווייל אין די לעצטע פאר יאר איז מיין גיהער שלעכט גיווארן. אבער מ׳האט בשעת־מעשה אלדינגס רעקארדירט, וועל איך עס א מאל קענין הערן (ס׳האט זיך דערווייל נישט גימאכט). און אנדער מין האב איך גיקריגן תיכף אפן ארט: מזל־טוב־דאקומענטן מיט גרויסע גילדינע זיגלין פון די פארשידינע קאנאדישע ממשלות (ס׳איז א קאמפליצירטע מדינה, דאס קאנאדע), אן גיהויבן פונים קאנאדישן ממלא־מקום פון דער מלכה און דערנאך פונים מיניסטער־פרעזידענט ביז צום ראש־העירונים פון דער שטאט טאראנטע, וואס איך בין אזוי ארום גיווארן אירם א „בערגער לכבוד".

אבער דער עיקר איז ביי מיר דאס הארציקייט און ווארימקייט, וואס האט זיך ארויס גיוויזן אין די בריוו און טעליגראמין פון יחידים.

די יידישע דאטע איז כ״ג בכיסלוו תרנ״ב.[32*]

אין אַוואַנסירטן און אין העכערן מיטלדיקן קורס פון יידיש אויף דער אוריאל וויינרייך זומער פּראָגראַם אין ניו־יאָרק האָבן זומער 1980 „מורד געווען" אינעם ייוואָ אויסלייג, און די אָנפירערין פון דער „מרידה", ראַנדי האַקער, האָט אָנגעשריבן אַ ליד, „דער אייביקער אלף" (וועגן שטומען אלף אין וואו, וואונדער, וואוינען וכו׳).

32. די אָקספאָרדער יידיש פּראָגראַם האָט געשיקט אַ טעלעגראַמע צו דער פייערונג לכבוד בירנבוימס ניינציקסטן געבאָרנטאָג, וואָס דער קאַנאַדער יידישער קאָנגרעס האָט איינגעאָרדנט זונטיק, דעם 13טן דעצעמבער 1981, אין Baycrest Terrace אין טאָראָנטאָ.

*32. ד. ה. די יידישע דאַטע פון בירנבוימס געבורט.

אצינד וועגן אייערע „קשיאלעך":

(א) אויב איר וואלט גיקענט קומין אהער, וועט איר זיין אן אן־גילייגטער גאסט[33].

(ב) כ־האב אצינד נאך גיקוקט, וואס איך האב גישריבן וועגן דער עלטער פון יידיש[34]. איז אט וואס: „פריישטאט" (1913): אפנים שפעט אין מיטל־עלטער; „גראמאטיק" (גישריבן 1915, ארויס 1918): נישט דערמאנט, אבער פון ז' 8 וואלט מין גיקענט דרינגין: פרי אין מיטל־עלטער; „עלעמענטען" (גידרוקט 1922): סוף מיטל־עלטער, אן־הייב נייע צייט; „וואקאליזמוס" (1923): מה"ד תקופה; „רעליגיאן אין געשיכטע אונד געגענווארט" (ארויס אן־הייב 1929, הייסט עס, גישריבן 1928 אדער פריער): די „אורשטופע" איז מה"ד, וואס יידן האבן גירעט, אפ גישייט פון דייטש אן ערך אין 14טן י"ה; „לעקסיקאן" (גידרוקט שפעט אין 1929): כמעט א טויזנט יאר. ווי איר זעט, האב איך מיך צווישן די לעצטע צוויי ארטיקלין פינקטלעכער אריין גיקלערט אינים ענין.

צי עמיצער האט שוין פריער גידרוקט אזא מין דאטע, ווייס איך נישט, אבער עס לייגט זיך נישט אפן שיכל. מע וואלט גידארפט דורך קוקן די גאנצע ליטעראטור. מיט וויינרייכס 800 האט מיין דאטע גאר נישט צו טון. וואס ער שרייבט אין זיין „געשיכטע", ווייס איך נישט — כ־האב נאך נישט גיהאט קיין צייט, זי צו לייענין. ס־קען אייך אינטעריסירן, אז עמיצער אין ווילנע, צו וועמין איך פלעג שרייבן מכוח ענינים פון יידיש (אן איש אמת), האט אמאל אין א בריוו דערמאנט, אז וויינרייך פלעג לייענין אלע בריוו מיינע.

(ג) אייער „ריין לינגוויסטישער" צו־גאנג צום פראבלעם „ווי אלט איז יידיש?" איז א גיוואונטשינער, און איך ווארט שוין צו זען אייער ארטיקל וועגן דעם[35].

ש־כוח פאר דער קאפיע פון דער „אייביקער אלף.".

מיט גאר הארציקע גרוסן

אייער

שלמה בירנבוים

33. צו מײַן טיפֿן באַדויערן, האָב איך זיך מיט בירנבוימען קיינמאָל ניט געטראָפֿן.

34. איך האָב געהאַט געפֿרעגט בײַ בירנבוימען, צי איז ער טאַקע געווען דער ערשטער וואָס האָט פֿאַרעפֿנטלעכט די מיינונג אַז יידיש איז בערך טויזנט יאָר אַלט (ווי עס האָט זיך מיר געדוכט ביים דורכלייענען די שייכותדיקע ליטעראַטור).

35. קיין באַזונדערן אַרטיקל דערוועגן האָב איך ניט אָנגעשריבן; ס'איז אַריין אין מיין לאָנדאָנער דיסערטאַציע, *Explorations in the History of the Semitic Component in Yiddish* (1982, §3.2, §9.7); פגל. אויך אין אָקספֿאָרדער ייִדיש 2, זז. 23-25, 65.

7

ז' באייר תשמ"ה

ליבער דוד קאץ,

כ־האב אייך נאך נישט גידאנקט פארן בינטל זאכן אייערע, וואס איר האט מיר גישיקט מיט א לאנגער צייט צוריק, און פאר אייער בריוו פון כ"ח טיבת, וואס ליגט שוין אויך דריי חדשים. די ארטיקלין זענין מיר גיוועזן זייער אינטעריסאנט, און איך זאג אייך גאר א גרויסן ש־כוח.

פאר וואס איך האב נישט גיענפערט — פשוט, איך האב נישט קיין צייט צו שרייבן בריוו, אחוץ איין מאל אין א יובל. ערשטנס בין איך פארנומין מיט ארבעט איבער די כוחות, און צווייטנס נעמט צו א סך צייט דער פועל־יוצא פון אן אומגליק וואס האט זיך גיטראפן ביי מיין בני־בית מיט באלד דריי יאר צוריק.

איך גלייב נישט, אז איך וועל דעם ווינטער זיין אין ענגלאנד און קענין קומין קיין אקספארד צו דער קאנפערענץ[36].

מכוח א רעפעראט: וועגן דער טעמע פון דער קאנפערענץ האבן אנדערע און איך שוין גישריבן בדרך כלל, קומט אוים, אז דא גייט אין פרטים. אף דעם דארף מין האבן צייט. אויב איך וועל קענין, וועל איך שיקן.

אף דער קאפיע פון אייער ארטיקל וועגן דער אקספארדער קאנפערענץ זענין נישט אן גיוויזן קיין ביבליאגראפישע ידיעות[37]. לאזט מיך וויסן.

דארטן שרייבט איר אף ז' 16, עמ' א': „יידיש סקאלערשיפ... (דריי שורות)". אבער צוויי שורות דערנאך דערמאנט איר דים „פרא־יידישן קולטור־קלימאט". כ־האב גיזאגט „אבער", ווייל די מענטשן פון יענים קלימאט

36. מ'האָט דעמאָלט געאַרבעט ביים אָרגאַניזירן דעם „ערשטן אָקספֿאָרדער ווינטער סימפּאָזיום איבער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור", וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן פֿון 15טן ביזן 17טן דעצעמבער 1985, איבער דער טעמע: „אורשפּרונג פֿון דער ייִדישער שפּראַך" (אויף ענגליש: "Origins of the Yiddish Language").

37. ס'רעדט זיך וועגן מיינעם אַן אַרטיקל איבער דער ערשטער אָקספֿאָרדער ייִדיש קאָנפֿערענץ אין 1979, וואָס האָט זיך דעמאָלט געדרוקט אין לאָנדאָנער *Jewish Quarterly*, לויט דער פֿריינטלעכער פֿאַרבעטונג פֿונעם רעדאַקטאָר יעקב זאָנטאַג ז"ל.

למשל נתן בירנבוים, פון 1902 —, זענען עם די „באפרייער", נישט די פילאלאגן, וואס זענען שפעטער. אויך די ווערטער „גיבוירן אין מיזרח־אייראפע, מיט יידיש זייער מאמע־לשון" פאסט נישט ביי אלע. סיידן איר האלט, איך בין נישט פון יענים דור — בין איך דאך נישט גיבוירן אין מיזרח־אייראפע, און יידיש איז דאך נישט מיין מאמע־לשון. און מיינע ערשטע לינגוויסטישע זאכן זענען גידרוקט גיווארן דווקא אין מערב: בערלין (פריישטאט, 1913) און ווין (גראמאטיק, 1915/18). (איך בין דאס דריטע דור נאכן מיזרח, און האב אן גיהויבן רעדן יידיש אין מיין זיביציט יאר.) אזוי ארום, לויט אייער דעפיניציע, האט מיין גראמאטיק נישט קיין שיי[כ]ות צום „באפרייאונג" און ווערט נישט דערמאנט[38]. דאס זעלבע איז מן־הסתם חל אפן סעמיטישן עלימענט און מיין דיסערטאציע.

זייט מיר גיזונט און שטארק

אייער

שלמה בירנבוים

8

15.10.85.

ליבער דוד קאץ,

סוף־כל־סוף קען איך שרייבן א בריוו און ענפערן. יא, איך וועל אייך קענען שיקן עפים — אויב איר ווילט עס האבן[39].

די מעשה איז אזוי: די טעמע פון דער קאנפערענץ איז „דער אן־הייב פון יידיש". דאס איז אפילו א ברייטע

38. דאָס אויסלאָזן בירנבוימס גראַמאַטיק פון 1918 אין מיין רשימה איז אָדער געווען אַ טעות סתם, אָדער עס האָט זיך גענומען פון דעם וואָס צום ענין יידישע פילאָלאָגיע אַלס באַשטאַנדטייל פונעם יידישן קולטורעלן רענעסאַנס אין מזרח אייראָפּע זיינען דירעקט שייך די פּיאָנערישע פילאָלאָגישע ווערק אויף י י ד י ש, בתוכם: מיזעסעם רעפעראַט אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ (1908), באָראָכאָווס „אויפגאַבן פון דער יידישער פילאָלאָגיע" און זיין „ביבליאָטעק פון יידישן פילאָלאָג" (ביידע 1913), און די ווערק פון פרילוצקי, ווינרייך, רייזען א.א. אָנהייב צוואַנציקער יאָרן. בירנבוימס ווערק אויף ד י י ט ש האָבן דעמאָלט געשפּילט אַן אומגעהייער וויכטיקע ראָלע ביים דערפירן די יידישע לינגוויסטיק צום אינטעלעקטועלן אויבנאָן ביי מערב־אייראָפּעאישע געלערנטע (זע מיין נעקראָלאָג אין אָקספאָרדער יידיש 2, זז. 271-276).

39. איך האָב שטאַרק געבעטן ביי בירנבוימען, ער זאָל צושיקן אַ רעפעראַט צום ערשטן ווינטער סימפּאָזיום.

טעמע, אבער איך ווייס נישט, צי מיין זאך וועט זיך אריין פאסן.

איך וויל געבן דריי קיפיטלעך אף מיינע דריי לשונות מכוח מיינע צוויי ארביט־פעלדער, דהיינו: (א) דאטירן אלטע יידישע כתב־ידן (אף יידיש), (ב) לשון־קודשע עטימאלאגיעס אין דייטש (אף דייטש), [(ג)] די עטימאלאגיע פון „דאווינין" (אף ענגליש). א סך־הכלדיקער נאמין קען זיין: עטימאלאגישע און פאלעאגראפישע עינינים"[40].

מזל־טוב אפן דאקטאראט און נאך א מזל־טוב אף דער שטעלע אין אקספארד. איר וואוינט דארטן? (אגב אורחא: איז היינט נאך דא דאס ליטווישע „פרייען זיך?" כדי אוים צו מיידן וויינין = וואוינין. מיין פאטער האט דאס גיהערט, ווען ער איז גיווען 1911 אין רוסלאנד.)

די טעג האט מיר היילים א שוואגער גיברענגט א בריוו[41]. די צרה איז, אז איך דארף ענפערן אף זיינע לאנגע בריוו מיט נאך לענגערע, גידויערט א לאנגע צייט, ביז ער זעט מיינע אן איין גיטונקטע פען.

ער שטעלט צונויף א גראמאטיק — און אין זיינע בריוו זענין דא גרויסע גראמאטישע גרייזן. איך שרייב אים, ווי אזוי ס־דארף צו זיין, אבער [ער] רופט זיך נישט אן וועגן דעם[42]. מן־הסתם ווייסט איר, אז ער גייט פארגרעסערן מיין פשרה מכוח עיין. (גוטע פריינד האבן מיר דעמלט צו

40. צוגעשיקט האָט בירנבוים צוויי פון די דריי רעפעראַטן — אויף יידיש און אויף ענגליש.

41. ס'רעדט זיך וועגן שמואל הײַלע (Shmuel Hiley), דעם לאָנדאָנער תלמיד חכם, וועלכער געהערט אַ חסידישער קהילה אין סטעמפאָרד היל (זע זיינע אַרבעטן אין די ערשטע צוויי בענד אָקספאָרדער יידיש). הײַלע האָט צוגעגרייט צום דרוק צוויי לערנביכער פון יידיש געצילט פאַר טראַדיציאָנעלע פרומע חדרים, נוצנדיק אַן אָרטאָגראַפיע וואָס איז אין גייסט פון בירנבוימס, אויך אַ גראַמאַטיק וואָס באַזירט זיך אויף די דרומדיקע דיאַלעקטן.

42. לויט מיין מיינונג, האַנדלט זיך דאָ בכלל ניט אין „טעותן", נאָר אינעם אונטערשייד צווישן בירנבוימס צוגאַנג צו כלל־יידיש און הײַלעס. כאָטש ביידע זיינען „דרומיסטן", ד.ה. זיי האַלטן אַז די געשריבענע שפּראַך דאַרף וואָסמאָל מער אָפּשפּיגלען די דרומדיקע דיאַלעקטן, איז בירנבוים פאָרט אַ סך מער מושפּע געוואָרן פון „וועלטלעכן" כלל־יידיש. בירנבוים האָט זיך אַ גאַנץ לעבן געהאַלטן ביי יענעם נוסח פונעם געשריבענעם יידיש וואָס ער האָט אויסגעאַרבעט צווישן די ביידע מלחמות. היילעס לשון שבכתב שפּיגלט אָפּ דאָס דרומדיקע חסידישע יידיש פון שפּעטן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. אין ראַם פון דער יידישער סטיליסטיק, קען מען זאָגן אַז הײַלע איז מער דרומיסטיש איידער בירנבוים אינעם יידיש שבכתב.

גירעט, איך זאל מאכן א פשרה, שפעטער וועט מין קענין פארריכטן.[43] ווי אזוי האט איר אייך באקענט מיט אים?

איך האב הנאה צו הערן, אז איר ארביט אויך אף „א שטיקל גראמאטיק”. מאי קמשמע לן „א שטיקל?” און ווער איז דער פארלעגער? וועל איך נאך דערלעבן, זי צו זען?[44]

אוודאי אינטעריסירט מיך די ידיעה מכוח יידיש פארן ב”א־דיפלאם. איז עם טאקע מקוים גיווארן?[45]

אצינד וועגן אייערע שאלות.

עטלעכע וואכן נאך היטלערס י”ש ניצחון בין איך אוועק פון האמבורג און נאך עטלעכע וואכן אין ראטערדאם זענין מיר גיפארן קיין לאנדאן. גאר באלד קומט אין א שיינים טאג עמיצער אין שטוב אריין מיט מיין גראמאטיק אין דער האנט, כלומר, ער וויל זיך לעגיטימירן. ער האט גיהערט פון לעפטוויטשן,[46] אז [איך] בין גיקומין, וויל ער זיך באקענין מיטן מחבר פון דער גראמאטיק, וואס ער האט דורך גיארביט. זיין נאמין איז גיוועז דזשאפסן, פון סלאווישן פאקולטעט. ער האט מיר נישט גיזאגט און איז גינאנגין און פיר גילייגט דער אוניווערסיטעט, איך זאל זאגן א לעקציע וועגן יידיש. ווארטס אוים א מינוט! וואס זאל איך דא מאריך זיין — איך וועל אייך בעסער שיקן קסערא־קאפיעס פון גידרוקטע ידיעות מכוח די אקאדעמישע גישעענישן ארום יידיש, אף וויפל ס־האט צו טון מיט מיר.[47]

דער „פראיעקט” האט זיך נישט „אפ גישטעלט” — איך

43. בירנבוים האָט אַפּנים חרטה געהאַט, אַלמאַי ער האָט אין זיין אָרטאָגראַפיע געמאַכט אַ פשרה, נוצנדיק דעם עין אויפן אומבאַטאָנטן וואָקאַל סוף וואָרט (גרויסע, שיינע), דעם יוד נאָר אין טייל פאַלן אינמיטן וואָרט (גיזאָגט, נאָמין). דער יוד שטאַמט פון אַלט יידיש, בשעת ווען דער עין איז אַריין פון דער השכלה אָרטאָגראַפיע וואָס האָט נאָכגעמאַכט דעם דייטשישן e אין אַנאַלאָגישע פּאָזיציעס.

44. עס רעדט זיך וועגן מיין *Grammar of the Yiddish Language* וואָס איז אַרויס אין לאָנדאָן אין 1987 ביים פאַרלאַג Duckworth.

45. איך האָב געהאַט בירנבוימען אָנגעשריבן וועגן די פאַרשידענע יידיש קורסן וואָס זיינען יענע יאָרן אַריינגענומען געוואָרן אין קוריקולום פון אָקספאָרדער אוניווערסיטעט, סיי ביים פאַקולטעט פון מאָדערנע שפּראַכן, סיי ביים אָריענטאַלישן פאַקולטעט.

46. יוסף לעפטוויטש ז”ל (1892—1983), דער באַוואוסטער לאָנדאָנער איבערזעצער פון דער יידישער ליטעראַטור אויף ענגליש.

47. די מאַטעריאַלן האָט בירנבוים צוגעשיקט. זיי וועלן האָפנטלעך פאַרעפנטלעכט ווערן אין איינעם פון די נאָענטסטע בענד אָקספאָרדער יידיש.

בין גיוועזן „האנ׳ לעקטשערער” ביז צום סוף. אבער אן גיהויבן האט זיך עם קנאפ פאר דער מילחמה. דער אינסטיטוט איז דעמלט אריין אינים נייעם בינין פונים סענאט. כ־האב נאך גיזען די טיר מיט מיין נאמין און דערנאך האט מין צו גינומין דאס בינין פאר מילחמה זאכן, און איך בין אוועק מיט דער צענזור קיין ליווערפאָל. נאך דער מילחמה איז שוין גיוועזן ווער יידיש, וואס יידיש, דער עולם איז גילאפן צו איווריט.

זייט מיר גיזונט און שטארק!

אייער

שלמה בירנבוים

יידיש אין סאא”ס? אין יענע יארן?! פונקט ווי לערנין יידיש (אדער ענגליש) אף דער לבנה.

קענט איר מיר דערציילן מער וועגן דים פרואוו ביים סאא”ס? דאס אינטעריסירט מיך גאנץ שטארק[48].

דער נאמין פונים יונגין־מאן אין ווילנע?[49] איך ווייס נישט, צי איך האב דאס רעכט אוים צו זאגן. כ־וועל אים פרעגן. ער לעבט נאך.

## 9

020.11.85

ליבער דוד קאַץ,

איך שרייב אין גרוים איילעניש, ווייל ניטל רוקט זיך אן, און ס־איז בלויז א דריי וואכן ביזן פערציטן דעצעמבער. איז יעדע מינוט טייער.

איך שיק אייך דא צוויי קיפיטלעך, דאס ענגלישע און דאס יידישע. כ־האב מורא, אז דאס דייטשע וועט שוין מוזן ווארטן ביז איבער א יאר[50].

האט נישט קיין פאריבל, אז איך קום אצינד מיט א תנאי: דאס יידישע קיפיטל דארף פיר גילייענט ווערן אזוי ווי איך וואלט עם גילייענט, מיט דער דרומדיקער הברה, אויב מעגלעך, מיט דער מערבדיקער. אז אזא ייד וועט נישט

48. אין די פריע אַכציקער יאָרן האָט מען מיך פאַרבעטן אַריינפירן דעם לימוד פון יידיש אין „סאָאַס” = SOAS = דער School of Oriental and African Studies ביים לאָנדאָנער אוניווערסיטעט, לויט דער איניציאַטיוו פון לייזער גלינערט. פון פלאַן איז גאָרנישניט געוואָרן. טאַקע דאָרטן האָט בירנבוים לאַנגע יאָרן געלערנט סעמיטישע פּאַלעאָגראַפיע.

49. זע אויבן אין בריוו 6, פונקט ב, צווייטער פּאַראַגראַף.

50. קיינמאָל ניט אָנגעקומען.

זיין בנימצא, זאל זיין (די מאשין איז משוגע גיווארן)[*50] מיט דער מיזרחדיקער — לעולם האב איך דאך די ערשטע צוואנציק יאר גירעט טשערניוויצער לשון[51]. אויב אזא ייד איז אויך נישטא, זאל עס נישט פיר גילייענט ווערן און ווערט זיך בלויז דרוקן[52].

וועגן די אנדערע עינינים אין אייערע בריוו וועל איך נאך שרייבן.

זייט מיר גיזונט און שטארק!

אייער

שלמה בירנבוים

## (10)

10.12.85

ליבער דוד קאַץ,

היינט גיקומין אייער בריוו פון 29סטן נאוועמבער (פאסט־שטעמפל: 2 דעצעמבער). איך ענפער אייך תומ״י כאטש איך קען נישט גלייבן, אז איר וועט דאס קריגן ביי־צייטנס. ס־טרעפט זיך אפשר איין מאל א יאר, אז עס גידויערט בלויז פיניף טעג, אבער פאר וואס זאל דאס זיין היינטיקס מאל? עקספרעס העלפט דאך נאר דארטן, וואו דער בריוו קומט אהין, און ביי מיר איז א ספק, צי די היינטיקע פאסט אין ענגלאנד ארביט זונטיג. נאר דער עיקר, איך קען עס היינט נישט שיקן עקספרעס.

אצינד דער נאמין: A Palaeographical and an Etymological Problem.

זייט מיר גיזונט און שטארק!

אייער

שלמה בירנבוים

דאנערשטיג פארנאכט וועל [איך] אי״ה שיקן א טעליגראם

*50. אויף אָט דער שורה פונעם אָפּגעקלאַפּטן בריוו נעמען די ווערטער „טאַנצן״.

51. פּאָרגעלייענט בירנבוי:מס יידישן רעפעראַט, מיט אַ ריין פּויליש־יידישן אַרויסרייד, האָט שמואל הײַלע, אויף דער ערשטער סעסיע פונעם ערשטן ווינטער סימפּאָזיום, מאָנטיק אידערפרי, דעם 16טן דעצעמבער 1985.

52. אויף ענגליש האָבן זיך די צוויי אַרבעטן געדרוקט אין *Origins of the Yiddish Language*, אָקספאָרד 1987: "Paleography: Manuscripts in Old Yiddish", זז. 7-11, און "Etymology: davənən", זז. 11-14. ביידע זיינען דער־שינען אונטערן כוללדיקן נאָמען: "Two Methods". דער יידישער נוסח פון ערשטן אַרטיקל, „אַלטע כתב־ידן אויף יידיש״ דערשיינט ערשט אין איצטיקן באַנד אָקספאָרדער יידיש.

פאר דער קאנפערענץ. איר וועט עס קריגן א סך פריער ווי מיין בריוו.

## (11)

15.1.86

ליבער דוד קאַץ,

קודם כל גאר א שיינים דאנק אייך פאר די הארציקע ווערטער פון אייער טעליגראם. זייט אזוי גוט און גיט איבער מיין דאנק אויך די אנדערע.

איך שיק אייך דא מיין ארטיקל וועגן אלט־יידישע כתב־ידן, איבער גימאכט אף ענגליש, ווי אייערע תקנות האבן מיך גיהייסן. א שאד.

האט נישט פאריבל, אז איך שטעל א תנאי ביי די ארטיקלין: (א) כ־דארף קריגן אלע קארעקטורן, און מוז געבן מיין הסכמה ביי דער לעצטער קארעקטור, (ב) נישט קיין שום שינויים ביי מיינע טראנסקריפציעס. דער אמת איז, כ־האב גאר נישט חושש גיוועזן וועגן די צוויי זאכן, נאר כ־האב מיר גיקלערט, ברחל בתך הקטנה קען נישט שאטן.

ש־כוח פאר די ידיעות וועגן יידיש אין אקספארד. איך האף, איך וועל זען די דיסערטאציעס.

ווער איז היינט אין אוק״ל,[*52] וואס האט אינטריגירט? און פאר וואס? א שונא פון יידיש? אין מדינת ישראל מעג מין, און אין די „תפוצות״ איז אסור?

איך שרייב בקיצור נימרץ, איר קענט אייך בשום אופן נישט מאלן, וואס ביי מיר טוט זיך, און איך וויל וועגן דעם נישט מאריך זיין.

זייט מיר גיזונט און שטארק

אייער

שלמה בירנבוים.

שפעטער. הוספה: ./.

דערווייל האט מין מיר גישיקט פון לאנדאן אייער באשרייבונג פון דער קאנפערענץ, וואס איז גידרוקט אינים „קראניקל״. האב איך גיזען, אז דער פיר־לייענער איז נישט גיוועזן קיין אקאדעמיקער, ווי איך האב גימיינט, נאר גאר א חסיד, אזש פון סטעמפערד היל. מיט א טאג שפעטער פאלט פלוצים אריין אן אומגיריכטער גאסט. איר

*52. University College London = UCL.

וועט נישט טרעפן. דאס איז גיווען שמואל היילע. נו, האב איך שוין גיהערט, ווער יענער חסיד איז גיווען. (אגב אורחא, פאר דער מילחמה האבן מיר גיוואוינט נישט ווייט פון דער גאס, וואו היילע וואוינט. דאס איז נישט סטעמפערד היל.) איר זאגט דארטן, אז מיין „נעיטיוו" לשון איז פויליש⸗יידיש. כ⸗האב גימיינט, איר ווייסט, אז מיין „נעיטיוו" לשון איז דייטש. און דאס יידיש, וואס איך האב אן גיהויבן צו רעדן אין 1908, איז גיווען מיזרח⸗דרומדיק (טשערניוויץ), און אזוי פארבליבן ביז 1930. — בשעת מעשה, ווען היילע זיצט ביי מיר קומט זיינס א בריוו, וואו ער באשרייבט מיר די קאנפערענץ.

שיקט מיך אף מיין יידישן טעקסט, איך בעט אייך.

ווען איך האב גיארביט אף יענים כ״י זעניך, פארשטייט זיך, נאך נישט גיווען קיין קסעראגראפיעס. מן הסתם וועט איר דים פאטאסטאט איבער קערן אף א פאזיטיוו[53].

איך לייג דא אריין א ניי זייטל 5 (צוליב א חילוק פון פיניף יאר, א טעות). צורייסט דאס אלטע בלעטל 5 תומ״י.

ש.ב.

26.1.86

זייט אזוי גוט, שיקט מיר אף דים פאטאסטאט.

## 12

26.2.86

ליבער דוד קאץ,

נעכטן אין דער ביבליאטעק, שוין ביים ארוים גיין, דערזע

53. עס גייט די רייד וועגן אַ פאַקסימיליע וואָס בירנבוים האָט צוגעשיקט מיטן רעפעראַט (זע *Origins of the Yiddish Language*, ז. 9).

איך באנד 5 פון דער JLR[54] מיט מיינס אן ארטיקל. ד״ל גאלד האט עס פארלאנגט פון מיר נאך אין יאר 1982. כ⸗האב עס באלד גישריבן און אים גישיקט. דערביי האב איך גישטעלט א תנאי, אז איך מוז זען אלע קארעקטורן און אויב ער קען נישט באשטיין אף דעם, זאל ער מיר תיכף ומיד אפ שיקן מיין ארביט.

ביז היינטיקן טאג האב איך נישט גיזען קיין איין גיטונקטע פען פון אים.

ער האט גיהאט די חוצפא צו געבן מיין ארטיקל א נייעם נאמין, און נאך דערצו אן אומגילומפערטן. איך ווייס נישט, צי ער האט גיטון נאך אנדערע זאכן, ווייל איך האב נישט גיהאט קיין צייט אריין צו קוקן אפילו א פאר מינוט. ס⸗קען גידויערן א היפשע צייט, ביז איך קום ווידער אין דער ביבליאטעק.

אפשר האט איר דערווייל שוין גיזען דים באנד. אויב נישט, הערט אוים: מיין ארטיקל דארטן איז „דאווינין", דאס זעלבע, וואס איך האב אייך גישיקט. נישט גיהערט פון גאלדן מער ווי דריי יאר, הייסט עס ער וויל עס נישט דרוקן, און טעמו כמוס עמו. און דא זענט איר גיקומין און גיוואלט האבן א רעפעראט. איז דאך גיווען ווי אן גימאסטן.

איז אצינד די שאלה: ווילט איר עס דרוקן? אויב יא, וועל איך אריין שטעלן די ווערטער

The publication of this article in the JLR was unauthorised.

זייט מיר גיזונט און שטארק

אייער

שלמה בירנבוים

54. *Jewish Language Review* (Haifa).

# תיקון־טעותן און הוספות

## גרינדער און אָנפירער פון דער „בין" אין ווילנע

צו: בלומע קאַץ, „מיין לערער מאַקס ווײַנרייך" (2, זז. 254-241) —

אויף ז. 250 שטייט געשריבן: „נאָכן סיום פון ערשטן אַרויסלאָז פון אונדזער סעמינאַר, האָט אַן איניציאַטיוו גרופּע פון יונגע גראַדואַנטן געגרינדעט „די ביליקע הייזער"; עס דאַרף שטיין: „געגרינדעט 'די בין', די סקויטן־אָרגאַניזאַציע". ווײַטער, ז. 251, „צווישן אונדזער גרופּע" א.א.וו. קען זיך באַקומען אַז יאַנקל אַס, דוד גורלאַנד און חיים יאַוויטש זײַנען שייך צום ווײַטערדיקן פּאַראַגראַף וועגן „שאַפן אַ יידישע סקויטן אָרגאַניזאַציע". פאַקטיש זײַנען אַס, גורלאַנד און יאַוויטש געווען די „רינגער", „די קייטער", די אַקטיווע אָנפירער שוין פון דער געשאַפענער און טעטיקער אָרגאַניזאַציע. וואָס שייך דעם אינטערנאַט — „די ביליקע הייזער", איז ער געגרינדעט געוואָרן כמעט צוזאַמען מיטן סעמינאַר. ווײַטער אין טעקסט איז אַלץ אויף אַן אָרט, ווי ס'געהער צו זײַן.

בלומע קאַץ (סווינציאַן)

## דער מעמד פון יידיש אין האָלאַנד אין נײַנצנטן יאָרהונדערט

צו: לייזער ראַן, „אַ פּעקל 'כשרע יידישע קאָרטן' פון מיטן 19טן יאָרהונדערט" (2, זז. 239-215) —

צוליב אַ טעות מצד דער רעדאַקציע, האָט זיך באַקומען (בפרט אויף ז. 230) אַז דער מחבר האַלט אַז סײַ יידיש סײַ די טראַדיציאָנעלע אַשכנזישע יידישע קולטור זײַנען אין נײַנצנטן יאָרהונדערט נעלם געוואָרן אין האָלאַנד. פרײַנט ראַן האָט צוגעשיקט אַ תיקון־טעות וואו עס ווערט קלאָר זײַן שטעלונג:

„דעם סופר לייב מענדלס כשרע קאָרטן מיט תנכישע חכמה און מוסר סענטענצן אין לשון קודש און איבערזעצונגען אין האָלענדישן יידיש („יאָדיש"), מיט וועלכע יידישע פרויען־חברות האָבן זיך פאַרווײַלט זיכערע פערצן יאָר (1840—1853), און מסתמא לענגער, זײַנען פאַר זיך אַ פאַקט פון שעפערישקייט אויף יידיש אין אַקצעפּטירטן באַנוץ. ווער עס וועט אַרײַנקוקן אין ד"ר יעקב שאַצקים „די לעצטע שפּראָצונגען פון דער יידישער ליטעראַטור און שפּראַך אין האָלאַנד" (ייוואָ בלעטער 10, 1936) וועט געפינען רשימות פון יידישע לידער און קאָמעדיעס פון שלמה דויקלאהר, לייב און יעקב דעסויער און אַנדערע מחברים (דאָרטן זז. 251-265). דער סך־הכל: באַווײַזן פון שעפערישקייט אין דער יידישער שפּראַך און קולטור".

די רעדאַקציע אַנטשולדיקט זיך פאַרן חשובן מחבר.

— רעד.

## די ערשטע אויפלאַגעס פון ליפשיצעס ווערטערביכער

צו: ה.־ד. קאַץ, „די עלטערע יידישע לעקסיקאָגראַפיע: מקורות און מעטאָדן" (1, זז. 161-232) —

אין דער ביבליאָגראַפיע (ז. 220) זײַנען ניט אינגאַנצן פּינקטלעך געבראַכט געוואָרן די נעמען פון די ע ר ש ט ע אויפלאַגעס פון י. מ. ליפשיצעס ווערטערביכער. דער רוסיש־יידישער ווערטערבוך (1869) הייסט: ריסיש־יודישער ווערטער ביך; דער יידיש־רוסישער ווערטערבוך (1876) הייסט: יודעש־רוסישער ווערטער ביך (אין האַלב טיטל: יודיש־רוסישער). איך האָב על־פּי טעות געהאַלטן מײַן עקזעמפּלאַר פון רוסיש־יידישן ווערטערבוך פאַרן ערשטן, ניט ווייסנדיק אַז ס'פעלט בײַ מיר איין שער־בלאַט. אויפן פאַראַנענעם שער־בלאַט (דעם יידישן) איז ניטאָ קיין יאָר (ס'שטייט מערניט: „זיטאמיר בדפוס י. מ. באקשט") און די הקדמה טראָגט טאַקע די דאַטע פון דער ערשטער אויפלאַגע („בארדיטשיוו חודש תמוז תרכט" = 1869). די

ביבליאָגראַפיע פון ליפשיצעס ווערק איז גרינטלעך אויפגעקלערט געוואָרן דורך ב. ריינוס (= בערל כהן ז״ל) אין ייִדישע שפּראַך 28, זז. 21-23.

— ה.־ד. ק.

## דב סדנס אַ באַמערקונג וועגן י. ח. טביובן

צו: ה.־ד. קאַץ, „דער סעמיטישער חלק אין ייִדיש: אַ ירושה פון קדמונים״ (2, זז. 17-95):

אינעם „נאָכוואָרט פון 1991״ (זז. 80-95) האָב איך זיך געסטאַרעט צו דערמאָנען די אַלע קריטישע באַמערקונגען איבער יענער אַרבעט, וואָס זיינען צו מיר דערגאַנגען צווישן 1979 און 1991. נאָך דער אָקספאָרדער קאָנפערענץ פון 1979 האָט אריה־לייב פּילאָווסקי פריינטלעך איבערגעשיקט אַ קאָפּיע פון דער אַרבעט דב סדנען ז״ל אין ירושלים, און איינע פון זיינע באַמערקונגען, איבערגעגעבן דורך א.־ל. פּילאָווסקין, האָב איך ציטירט (ז. 85). וויל איך איצט צוגעבן נאָך אַ באַמערקונג וואָס סדן האָט מיר בעל־פּה איבערגעגעבן. זומער 1981 האָבן יוסף און דוב־בער קערלער מיך צוגעפירט צו סדנען אין דער היים אין אַ שבת נאָכמיטיק. סדן האָט מיר איבערגעגעבן אַז ער האַלט אַז איך האָב ניט יושרדיק באַשריבן „טביובס ביטולדיקע באַציאונג לגבי ייִדיש״ (ז. 34). לויט ווי איך געדענק, האָט ער אַ זאָג געטאָן: „ייִדישיסטן האָבן אייביק טענות צו טביובן״.

— ה.־ד. ק.

## די סעקס רפואות אין 19טן יאָרהונדערט

צו: קלמן קאָוול, „סעקס רפואות אין אַ פּנקס פון 19טן יאָרהונדערט״ (2, זז. 199-214).

די צוויי פאַקסימיליעס (זז. 210-211) זיינען טאַקע כאַראַקטעריסטיש פאַרן געשילדערטן פּנקס. אַ צאָל קאָלעגן האָבן אָבער געבעטן ביי מיר, איך זאָל פאַרעפנטלעכן פאַקסימיליעס פון די זייטלעך מיט די סעקס רפואות גופא, וועלכע איך האָב טראַנסקריבירט און פאַרטייטשט אין קאַפּיטעלע VI פון מיין אַרבעט. שיק איך דאָ איבער אין דער רעדאַקציע פון אָקספאָרדער ייִדיש פאַקסימיליעס פון די פיר זייטלעך וואו עס געפינען זיך די געבראַכטע רפואות צו פּראָבלעמען פון סעקס און פון טראָגן. לייענער וואָס קענען מיר אָנווייזן אויף אויסבעסערונגען צו מיינע טראַנסקריפּציעס און פאַרטייטשונגען, וועל איך האַרציק באַדאַנקען, סיי פּערזענלעך, סיי אין דער קריטישער אויסגאַבע פונעם „פּנקס״ איבער וועלכן איך אַרבעט שוין אַ לענגערע צייט.

קלמן קאָוול (ברוקלין, ניו־יאָרק)

הערה: די פיר פאַקסימיליעס ווערן געדרוקט אויף די ווייטערדיקע זייטלעך. — רעד.



פאַקסימיליע 1 (זע אָקספאָרדער יידיש II, ז. 209)



פאַקסימיליע 2 (זע אָקספֿאַרדער יידיש II, ז. 209)



פאַקסימיליע 3 (זע אָקספּאָרדער יידיש II, זז. 209-213)

[illegible]

618 [illegible]

619 [illegible]

620 [illegible]

621 [illegible]

622 [illegible]

623 [illegible]

פאַקסימיליע 4 (זע אַקספּאַרדער יידיש II, זז. 213-214)

# וועגן די מחברים

**מאיר באָגדאַנסקי** (לאָנדאָן): קאָמפּאָזיטאָר; זינגער; פּאָרזיצער פון די לאָנדאָנער „פריינט פון יידיש לשון".

**חיהלע ביר** (אָקספאָרד): גראַדואיר־סטודענטקע אין וואוסטער קאָלעדזש ביים אָקספאָרדער אוניווערסיטעט.

**אהובה בעלקין** (רמת אביב): טעאַטער פאָרשערין; לעקטאָר אין תל־אביבער אוניווערסיטעט.

**יאָהאַנעס ל. בראָזי** (אָקספאָרד): לעקטאָר פון יידישער שפּראַך און ליטעראַטור ביים אָקספאָרדער צענטער פאַר העכערע העברעאישע שטודיעס.

**יוסף בר־אל** (רמת גן): דירעקטאָר פון דער רינה קאָסטאַ יידיש קאַטעדרע אין בר־אילן אוניווערסיטעט.

**איטשע גאָלדבערג** (ניו־יאָרק): עסייאיסט; רעדאַקטאָר פון דער „יידישער קולטור"; דירעקטאָר פון דער זשיטלאָווסקי פונדאַציע.

**אהרן גאַראָן** (בני ברק): זשורנאַליסט. ביז 1993 אין ווילנע.

**מיכל גיא** (ירושלים): לעקטאָר פון יידישער ליטעראַטור אין בר־אילן אוניווערסיטעט.

**רימאַנטאַס דיכאַוויטשיוס** (ווילנע): מאָלער; קונסט־פאָטאָגראַף.

**אסתר הורלימאַן** (ציריך): גראַדואיר־סטודענטקע פון גערמאַניסטיק.

**קאָבי ווייצנער** (תל אביב): ליטעראַטור און טעאַטער פאָרשער.

**שלום לוריא** (חיפה): פּראָפעסאָר אין חיפהר אוניווערסיטעט; רעדאַקטאָר פון „חוליות".

**זלמן ליבינזאָן ז"ל** (ניזשני נאָווגאָראָד): ליטעראַטור פאָרשער און קריטיקער.

**אברהם לים** (תל אביב): ליטעראַטור פאָרשער, דירעקטאָר פון בית שלום־עליכם אין תל אביב.

**כאַצקל לעמכען** (ווילנע): פילאָלאָג; לעקסיקאָגראַף; איבערזעצער.

**אַרטור לערמער** (מאָנטרעאָל): עסייאיסט; גאַסט פּראָפעסאָר ביים אינטערנאַציאָנאַלן אוניווערסיטעט אין פלאָרידע.

**רחל משורר** (רחובות): לעקטאָר פון יידישער ליטעראַטור אין בר־אילן אוניווערסיטעט.

**בנימין נאַדעל** (ניו־יאָרק): היסטאָריקער; מיטרעדאַקטאָר פון „אונדזער צייט".

**האָלגער נאַט** (קיימברידזש, מאַסעטשוסעטס): גראַדואיר־סטודענט אין קאָלאָמביע אוניווערסיטעט, ניו־יאָרק.

**באָרים סאַנדלער** (ירושלים): פּראָזאַאיקער. ביז 1992 אין קעשענעוו.

**בלומע קאַץ** (סווינציאַן): קולטור טוערין ביי יידן אין ליטע.

**משה קיאַק** (בוענאָס איירעס): פּסיכאָאַנאַליטיקער; שרייבער.

**דפנה קליפאָרד** (אָקספאָרד): גראַדואיר־סטודענטקע אין סט. קראָס קאָלעדזש ביים אָקספאָרדער אוניווערסיטעט.

**אריאלה קראַסני** (חיפה): גראַדואיר־סטודענטקע אין בר־אילן אוניווערסיטעט.

**מכאל קרוטיקאָוו** (ניו־יאָרק): גראַדואיר־סטודענט אין יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר. ביז 1991 אין מאָסקווע.

**שפרה שטערן קרישטאַלקע** (מאָנטרעאָל): פעדאַגאָג; שרייבערין.

**אַבראַשקע־קיווע ראָגאָווסקי** (תל אביב): פאָרשער פון אַמאָליקן יידישן לעבן אין ראַדין.

**לייזער ראַן** (ניו־יאָרק): פאָרשער פון ווילנער יידישער שפראַך, ליטעראַטור און קולטור.

**ראובן־משה שאַפּיראָ** (ניו־יאָרק): געהילף פּראָפעסאָר אין ישיבה אוניווערסיטעט.

**מרים שמולעוויטש־האָפמאַן** (ניו־יאָרק): דראַמאַטורג; לעקטאָר פון יידיש אין קאָלאָמביע אוניווערסיטעט; מיטאַרבעטערין אין „פאָרווערטס".

**חנא שמערוק** (ירושלים): ליטעראַטור היסטאָריקער; עמירירטער פּראָפעסאָר און דירעקטאָר פון דער יידיש אָפּטיילונג ביים העברעאישן אוניווערסיטעט אין ירושלים.

## From the Birnbaum Archive:

Solomon A. Birnbaum
Old manuscripts in Yiddish 925

Twelve letters from Solomon A. Birnbaum 937

Corrections and additions 965

Contributors to this volume 981

Gennady Estraikh (Oxford)
Jewish proletarian "cultural revolution": pathway to a blind alley 661

Dov-Ber Kerler (Oxford)
Ayzik Zaretski writes from Stalinabad (1945) 681

Reuven Moshe Shapiro (New York)
Memorial books for Jewish communities in Soviet Belorussia and Ukraine 701

## Memoirs

Shifra Shtern Krishtalke (Montreal)
Extracts from a teacher's diary: Tishevitz, 1932 725

Zalmen Libinzon (Nizhny Novgorod)
The Yiddish Faculty in Moscow 753

Bluma Katz (Svintsyan)
1937 773

Majer Bogdanski (London)
London Yiddish Writers 785

Miriam Hoffman (New York)
Birth pangs of the Joseph Papp Yiddish theatre 809

## Reviews

Kobi Weitzner (Tel Aviv)
A. Lis: Sholem Aleichem in Pictures 833

Abraham Lis (Tel Aviv)
Berl Royzn: *Literary and historical studies* 845

Dov-Ber Kerler (Oxford)
*Huliot*: a new phase in Yiddish studies in Hebrew 857

Gennady Estraikh (Oxford)
A new series of *Yivo bleter*: a beginning with great promise 873

Dovid Katz (Oxford)
The fate of Uriel Weinreich's legacy: volume one of the *Atlas* and the publication of *Outlines* 889

## Folklore

Holger Nath (New York)
Names of cities in Yiddish folksongs: real places or illusions? 425

Ahuva Belkin (Tel Aviv)
Yiddish carnival theatre 449

Boris Sandler (Kishinev — Jerusalem)
Yiddish proverbs from Rishkon 473

## Literature

Mikhail Krutikov (Moscow — New York)
Narrative voices in Mendele's *Dos kleyne mentshele* 489

Rachel Meshorer (Ramat Gan)
A transformed motif: Peretz's *Zibn gute yor* 505

Dafna Clifford (Oxford)
Images of women in Bergelson's *Nokh alemen* and
Kafka's *Das Schloss* 517

Michal Gai (Jerusalem)
Moyshe Kulbak's *Raysn* 529

Shalom Luria (Haifa)
The Nister's *Meylekh Magnus* 553

Helen Beer (Oxford)
Characteristics of Manger's early ballads 573

Joseph Bar-El (Ramat Gan)
Yankev Friedman's *Nefilim:* dejection and deification 585

Moisés Kijak (Buenos Aires)
Tzvi Eisenman's *In der nakht af shmire*: guilt of the survivor 605

## Cultural History

Benjamin Nadel (New York)
The Bundist press and Yiddish 633

Esther Hürlimann (Zurich)
The Geneva *Yidisher arbeter* 649

# Contents

## Yiddish Language and Culture in Lithuania


Ch. Lemchenas (Vilnius)
The impact of Lithuanian on Yiddish in Lithuania 5

Leyzer Ran (New York)
Aphorisms and idioms in colloquial Vilna Yiddish 133

Aaron Garon (Vilnius — Bnei Brak)
Sofia Gurevitch and her *gimnazye* in Vilna (memoir) 153

Arthur Lermer (Montreal)
The Vilna Yiddish Teachers' Seminary (memoir) 173

Abrashka-Kives Rogovski (Tel Aviv)
The "Chofetz Chaim" in Radin (memoir) 193

Rimantas Dichavičius (Vilnius)
The old Jewish cemetery of Vilna (photographs) 205


## Isaac Bashevis Singer (1904 — 1991)


Chone Shmeruk (Jerusalem)
Isaac Bashevis Singer, teller of children's stories 233

Itche Goldberg (New York)
Isaac Bashevis Singer and Yiddish literature 285

Ariela Krasni (Ramat Gan)
Kabbalistic elements as poetic system in Singer's *Der shoykhet* 317


## Language


Dov-Ber Kerler (Oxford)
*Git(e)lis, Gitlin(s)* and *Gitlitz*: Yiddish family names and morphological reconstruction 333

Johannes L. Brosi (Oxford)
Comments on Southwestern Yiddish 369

Dovid Katz (Oxford)
Origins of penultimate stress in the Semitic component in Yiddish 389

This volume was published through the generosity of

David and Beth Tabatznik

in memory of Yiddish poet and novelist

Mendel Tabatznik

(1894 — 1975)

Additional support was provided by the

Atran Foundation

(New York)

OKSFORDER YIDISH PRESS

in association with the

OXFORD INSTITUTE FOR YIDDISH STUDIES

Golden Cross Court

4 Cornmarket, Oxford OX1 3EX

England

The name 'Oxford' in the series title is used by the
courtesy and kind permission of Oxford University Press

ISBN 1-897744-02-1

©1995 OXFORD INSTITUTE FOR YIDDISH STUDIES

All rights reserved. No part of this book may be reproduced or transmitted
in any form or by any means, electronic or mechanical, including photocopying,
recording, or by any information storage and retrieval system.

# OXFORD YIDDISH

Studies in Yiddish Language, Literature and Folklore

# III

Editor

Dovid Katz

Associate Editors

Gennady Estraikh    Dov-Ber Kerler

OKSFORDER YIDISH PRESS

in association with the

OXFORD INSTITUTE FOR YIDDISH STUDIES

OXFORD YIDDISH

III